ייווא בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

אינהאַלט פֿון נומער

מ. ווײַנרײַך
די ייִדישע וויסנשאַפֿט אין דער הײַנטיקער צײַט........................1

ש. קעניג
די ראָלע פֿון די פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס אינעם עקאָנאָמישן
לעבן פֿון שטאַט קאָנעטיקוט........................14

נ. גאָלדבערג
אַ בינטל פֿאַקטן וועגן דער ייִדישער יוגנט אין אַמעריקע........................28

ח. שויס
אַ ייִדיש קינד ווערט געבוירן........................47

מ. וו.
י. אַ. מעריסאָן........................64

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס:

י. שאַצקי
פּאָפּציק יאַר ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע........................68

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

באַנד XVII, נומ׳ 1 — יאַנ׳-פֿעבר׳ 1941

ל. לעהרער
ענגלישע אַרבעטן וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פֿון ייִדן........73

מ. ווישניאַק
די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון........77

מ. קאָסאָווער
די ייִדישע יוגנט אין ארץ־ישראל........82

ש. בירנבוים
דער אוצר פֿון ענגליש........83

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

עטלעכע פֿאַקטן וועגן לערנען ייִדיש מיט „גרים“........86

רעפֿעראַטן געלייענט אויף דער 15טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון
ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט........91
הוספֿות און תּיקונים........92
פֿון דער רעדאַקציע........93
אַנגעקומען אין רעדאַקציע........94

די ייִדישע וויסנשאַפֿט אין דער הײַנטיקער צײַט *

פֿון ד״ר מ. ווײַנרײַך

אין די טעג ווען דער ייִוואָ גייט אין זײַן זעכצנטן יאָר און מיר קומען זיך צונויף צו לייגן די יסודות פֿאַר דער ווײַטערדיקער טעטיקייט פֿון אינסטיטוט אין אַ וועלט וואָס האָט זיך איבערגעקערט קאַפּויער, גייט דער געדאַנק צוריק מיט בענקעניש און ליבשאַפֿט צו יענעם אָוונט פֿון 24טן מאַרץ 1925, ווען מען האָט זיך אויפֿגעקליבן אין אַ קליינער מסיבה און געלייגט דעם ווינקלשטיין. צווישן די אָנטייל־נעמערס איז געווען אונדזער טײַערער פֿרײַנד זלמן רייזען וואָס איז צוגענומען געוואָרן פֿון אונדזערע רייען אויף אַן אופֿן וואָס ס׳איז גלײַכער ניט צו כאַראַקטעריזירן.[1] מיר האָבן יעמאָלט, אין 1925, אויך גערעדט וועגן שווערע יאָרן. הײַנט ווייסן מיר, אַז דאָס זײַנען געווען אידילישע יאָרן, פֿאַרבונדן מיט ליכטיקע האָפֿענונגען און מיט געזונטער אַקטיוויקייט אויף אַלע פֿעלדער פֿון ייִדישן שאַפֿן. אָבער הײַנט? „צווישן טויט און לעבן ראַנגלט זיך אַ וועלט״ — אויף קיין שום צײַט זײַנען ניט אַזוי אָנגעמאָסטן ווי אויף דער איצטיקער ר׳ שלמהלעס ווערטער. צי איז הײַנט, אין 1940 און 1941, בכלל נאָך באַרעכטיקט אויפֿצוקלײַבן זיך בציבור און צו ריידן וועגן וויסנשאַפֿט אַנשטאָט צו וויינען און צו קלאָגן אויפֿן גרויסן בראָך? אַלץ איז געווענדט אין דעם, ווי אַזוי מיר קוקן: צי איז וויסנשאַפֿט אַ זײַטיקע זאַך, אַ צוקער־לעקעכל צוגעגעבן צו פֿאַרווײַלונגען בשעת עס איז גוט אויפֿן האַרצן — אָדער זי איז אַ בײַטיקער עלעמענט אין לעבן פֿון כּלל, אַן עיקרדיקער, אַ תּוכיקער טייל פֿון דעם כּללס עקסיסטענץ. אויב מיר ווילן וויסן בײַ לײַטן, איז גיט נאָר אַ קוק. נאָך דעם ווי פּוילן איז געפֿאַלן האָט אַ גרופּע געראַטעוועטע פּוילישע פּראָפֿעסאָרן באַלד געעפֿנט אַ גלות־אוניווערסיטעט אין פּאַריז, און נאָך דעם ווי פּאַריז איז געפֿאַלן פּרוּוון די שארית־הפליטה זייערע צוריק אויפֿשטעלן זייער גלות־אוניווערסיטעט דאָ אין אַמעריקע. אַפֿילו אין לאָנדאָן און אין אַטען, אונטערן רעגן פֿון פֿײַער, גייט דאָך ווײַטער די טעטיקייט פֿון פֿאָרש־אינסטיטוציעס. און דאָ אין אַמעריקע, זעען מיר, האָט מען אויך פֿאַרשטאַנען די אַחריות פֿאַרן אייראָפּעיִשן גײַסטיקן

---

* געלייענט דעם 3טן יאַנואַר 1941 אויף דער עפֿענונג־זיצונג פֿון דער 15טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק.

[1] זלמן רייזען איז, אָן אַ מישפּט און אָן אַ באַשולדיקונג, אַרעסטירט געוואָרן דורך די סאָוועטישע מאַכטאָרגאַנען אין ווילנע אָקטאָבער 1939 און אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון שטאָט. ווו ער געפֿינט זיך איצט איז ניט באַוווּסט.

פֿאַרמעג. נאָך פֿון 1933 נעמט מען אַריבער וויסנשאַפֿטלעכע כּוחות פֿון יע־נער זײַט ים, מען האָט פֿאַרגאַנגענעם זומער געשאַפֿן אַ פֿאָנד פֿון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר אויף אַראָפּצוברענגען אַהער מיט איין מאָל הונדערט געלערנטע פֿון די וויכטיקסטע, מען קומט אַרויס מיטן פּלאַן פֿון אַ גראַנדיעזן פֿאָרש־אינ־סטיטוט מיט אייראָפּעיִשע געלערנטע.

בײַ אונדז ייִדן איז דאָס מאָל אויך אַנדערש. מיר זײַנען דאָך, זאָגט מען, אַ פֿאָלק פֿון כּולו רוחניות, מיר לעבן דאָך באַלד צוויי טויזנט יאָר מיט דעם „תּן לי יבֿנה וחכמיה" און גרייסן זיך, אַז מיר זײַנען אַן „עם הספֿר" — אָבער בײַ אַמעריקאַנער ייִדן האָט זיך דערווײַל ניט געפֿונען קיין אַלווין דזשאַנסאָן וואָס זאָל זיך אידענטיפֿיצירן מיט דער אַרבעט פֿון פּדיון־שבֿויים פֿאַר ייִדישע געלערנטע. עס האָט זיך יאָ געראַטעוועט אַהער אַ געוויסע צאָל ייִדישע וויסנ־שאַפֿטלערס, און מיר פֿאַרהאָפֿן, אַז אונדזער מחנה וועט נאָך אויסוואַקסן, אָבער ווער האָט זיי אַריבערגענומען — ניט קיין אינסטיטוציע וואָס איז פֿאַר־נומען מיט אַנטוויקלען ייִדישע וויסנשאַפֿט, נאָר דער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט, אַראָפּגערעכנט אונדזער ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס ער איז דאָך נאָך קליין און שוואַך, האָבן מיר ניט געהערט דערווײַל פֿון קיין פּלענער אויף אַ סיסטעמאַטישן אופֿן אויסצונוצן די גײַסטיקע ענערגיע וואָס איז געבראַכט געוואָרן, אָדער קען געבראַכט ווערן אַהער דורך דער קאַטאַ־סטראָפֿע אין אייראָפּע.

וואָס איז דאָס אַזוינס? צי נעמט זיך דאָס דערפֿון, וואָס אונדזער ייִדי־שער בראָך איז גרעסער? אין דעם נומער „ייִוואָ־בלעטער" וואָס איז הײַנט אַרויס [2] קענט איר זען די מאַפּע פֿון דער ייִדישער געטאָ אין וואַרשע. דאָס האַרץ אונדזערס ווערט פֿאַרקלעמט, ווען מיר קוקן אויף אָט דעם דאָקומענט פֿון אומפֿאַרגלײַכלעכער אומזיניקער רציחה. אָבער מיר דאַרפֿן דאָך פֿאַרשטיין יענעמס וויטיק אויך. ווי אַזוי דאַרף זיך שפּירן דער פּאָליאַק, וואָס אין זײַן אייגענער קרוינשטאָט וואָס זײַנע אָבֿות האָבן אויפֿגעבויט מעג ער וווינען מיט דעם פֿײַניקערס חסד אויף מאַרשאַלקאָווסקע, נאָר אויף נײַוועלט און אויף די אַלעעס טאָר ער ניט, ווײַל דאָרטן איז דעם פֿײַניקער אַליין ווויל געפֿעלן זיך צו צעלייגן? און ווי אַזוי איז דעם ענגלענדער אויפֿן האַרצן, ווען זײַן גילדהאָל גייט אַוועק מיטן רויך? און נאָך אַלעמען מוזן מיר דאָך מודה זײַן, אַז אין דער צײַט ווען אונדזער פֿאָלק אין אייראָפּע גייט איצט דורך דורך אַלע שבֿעה מדורי גהינום, איז כּמעט אַ העלפֿט ייִדן נאָך אַלץ מחוץ דעם תּהום פֿון אומקום, און העכער פֿינף מיליאָן ייִדן זיצן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַליין, ווײַט פֿון די שלאַכטפֿעלדער און אין אַ בעסערן מאַטעריעלן מעמד איידער ייִדן זײַנען ווען עס איז געווען אין משך פֿון זייער לאַנגער געשיכטע.

ניין, ניט דער גרעסערער בראָך איז שולדיק, וואָס בײַ אונדז קוקט מען

[2] באַנד XVI, נומ' 2.

זיך ווינציק וואָס אום אויפֿן גורל פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. עס איז די ספּעציפֿישע פּראָבלעמאַטיק פֿון ייִדישן פֿאָלק. און ווי באַלד מיר דערזעען דאָס, האָבן מיר מיט איין מאָל אַרײַנגעשטעלט די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט אין דער גרעסערער פּראָבלעם פֿון ייִדישן קיום און די פּראָבלעם פֿון ייִדישן קיום אין די קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פֿון אונדזער תּקופֿה.

שטייענדיק איצטער אויפֿן שיידוועג, לאָמיר קודם דורכקומען צווישן זיך וועגן דעם, וואָס דער ייִוואָ איז געווען אין די ערשטע פֿופֿצן יאָר פֿון זײַן עקסיסטענץ. אַמעריקע וועל איך אויף אַ ווײַלע אויסלאָזן, וואָרעם אין יענעם ערשטן פּעריאָד איז נאָך דער אַמאָפּטייל געווען דער עיקר אַ העלף־אינסטיטוציע. אָבער אין מיזרח־אייראָפּע — אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד — איז דער ייִוואָ געווען אָן אַ שיעור מער איידער מען קען אַרויסזען פֿון די 30,000 זײַטן פֿאָרשונגען און מאַטעריאַלן וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט אין אונדזערע זשורנאַלן און ביכער. ער איז אויך געווען אָן אַ שיעור מער איידער די אַרכיוון און די ביבליאָטעק וואָס טויזנטער זאַמלערס האָבן צונויפֿגעטראָגן אָן אַ גראָשן באַלוינונג און וואָס אין טייל אָפּטיילונגען האָבן זיי זיך געקאָנט גלײַכן צו די גאָר רײַכע ייִדישע קאָלעקציעס. גרויס איז דער ייִוואָ געווען דער עיקר מיט די סאָציאַלע עפֿעקטן פֿון זײַן טעטיקייט, און דער אָנזאָג איז געווען נאָך אַ גרעסערער ווי די פֿאַקטישע דערגרייכונגען. דאָ אין זאַל זײַנען דאָך געוויס ניטאָ די נאַיִווע מענטשן וואָס זאָלן מיינען, אַז אין פּוילן האָט די ייִדישע קולטור געהאַט אַ גרינג לעבן, אַז דאָרטן האָבן ייִדישע שולן געליטן נאָר פֿון דרויסנדיקע רדיפֿות, אַז דאָרטן איז געווען אַ שפּילכל צו פֿירן אויף ייִדיש אַן אינטעליגענטע שטוב און אײַנצוהאַלטן קינדער בײַ ייִדישקייט. טאָמער מיינט עמעצער יאָ אַזוי, זאָל ער זיך דאָס אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ. עס איז געווען שווער און ביטער דאָרטן אויך, און פּעסימיסטן האָבן געמעגט זאָגן, אַז בעצם איז אין פּוילן די אייגענע גרונטטענדענץ וואָס אין אַמעריקע, מערניט וואָס פּוילן איז הינטערשטעליק אין אַ סך פּרטים, איז זי הינטערשטעליק אויך אין איר ייִדישן באַרג־אַראָפּ. נאָר וואָס דען — איינס איז פֿאָרט געווען אַנדערש. צוזאַמען מיט דער דאָזיקער טענדענץ פֿון ירידה האָבן זיך געהאַט גענומען אָפּצייכענען פֿאַקטן פֿון אַן אַנטקעגנדיקן כאַראַקטער. ייִדיש איז ניט נאָר געווען אינערציע וואָס האָט זיך אָנגעזען שטאַרקער ווי אין אַמעריקע; ייִדיש האָט אויך באַקומען שטויסקראַפֿט. געוויסע כּוחות, פֿריִער פֿאַרשלאָפֿענע און אָפּהענטיקע, האָבן זיך גענומען אײַנשטעלן פֿאַר אַ געזונט, אָרגאַניש ייִדיש לעבן אויפֿן באַזיס פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אויף אַ ייִדישער לעקציע האָט איר געזען מאַסן יונגע פּנימער. און וואָס ס'איז ספּעציעל וויכטיק — דער דראַנג פֿון אונטן האָט שוין געהאַט אָנגערירט די פּעריפֿעריע פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אויך. דאָ און דאָרט האָט אַ ייִדישער דאָקטער גענומען געבן

זײַן קינד אין אַ ייִדישער פֿאָלקסשול. ווען ניט ווען האָט אַ ייִדישער אינ־
טעליגענט פֿון וואַרשע, קוטנע, לאָדזש, וולאָצלאַוועק אָפּגעשיקט זײַן קינד
אין דער ייִדישער גימנאַזיע אין ווילנע. אַ פּאָר הונדערט אָפּגעפֿרעמדטע
אינטעליגענטן האָבן אויף אָוונטקורסן געלערנט ייִדיש. דאָס זײַנען געווען
אַלץ קליינע פֿאַקטן, ניט גענוג סענסאַציאָנעלע; אָבער ווער עס האָט אַכטונג
געגעבן, דער האָט געקענט פֿון די פֿאַקטעלעך אַרויסדרינגען אַ קעגנטענדענץ,
אַ שוואַכע דערווײַלע, אָבער פֿאָרט אַ טענדענץ פֿון אויפֿשטײַג. און ווײַל
מיר האָבן געוווּסט, אַז דענאַציאָנאַליזאַציע פֿירט דעם ייִדן צו קולטורעלער
דעגראַדאַציע, האָבן די סימנים פֿון אויפֿשטײַג אונדז באַרעכטיקט צו האָפֿן,
אַז דער עקשנותדיקער קאַמף פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן פֿאַר אַ פֿרײַער לעבן
און אַ זאַטער לעבן וועט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער פֿאַרקניפּן מיט אַ קאַמף
פֿאַר אַ ייִדיש לעבן.

אָט אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן קאַמף פֿון ייִדישן פֿאָלק אין מיזרח־
איראָפּע האָט דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט געהאַט זײַן חשובֿן
פּלאַץ. ווען איך זאָל זיך נעמען שרײַבן די געשיכטע פֿון ייִוואָ פֿון 1925 ביז
1939, וואָלט איך פֿאַרשטייט זיך אָפּגעגעבן גענוג אָרט אויף אָפּצומאָלן אים
ווי אַ זאַמלפּלאַץ, ווי אַ רעדאַקציע, ווי אַ פֿאַרלאַג. איך וואָלט אויך אָנגעוויזן,
ווי אַזוי ער איז צו ביסלעך געוואָרן אַ קריסטאַליזיר־פּונקט פֿאַר אינטעלעק־
טועלע כּוחות. אָבער צום מערסטן וואָלט מיך פֿאַרכאַפּט דער מיטאָס פֿון
ייִוואָ. יאָ, דער ייִוואָ איז געוואָרן אַ מיטאָס. קיין מאָל קען מען ניט פֿאַר־
שטיין זײַן ראָלע, ווען מען זאָל זען אין אים נאָר אַן אינסטיטוציע, ווו אַ
פּאָר מנינים מענטשן האָבן געטאָן באַשטימטע אַרבעט און געקראָגן דערפֿאַר
באַשטימטע (קאָרעקטער וועט זײַן: אומבאַשטימטע) שׂכירות.

איך זאָג דאָס ניט לגנאַי, איך האָב גאָרניט צו אינסטיטוציעס, ווו
מענטשן האָבן פּרנסה אַפֿילו בריווח; עס גייט נאָר אין פֿאַרשטיין. דער
גראָדנער יונגערמאַן יואָס האָט וואָכן לאַנג אומגעוואָגלט מיט אַ כאַפּטע בעט־
לערס כּדי צו פֿאַרשרײַבן בײַ זיי מעשׂהלעך האָט ניט געהאַט דערפֿון קיין
פּרוטה, אָבער ער האָט פֿאַרדינט דערבײַ אַ מיצווה, אַ ריאַלן חלק עולם־הבא.
און דאָס איז געווען ניט נאָר אין דער פּיאָנירן־צײַט: דער זאַמלער יואָס
קלײַבט הײַנט, האַרבסט און ווינטער 1940, אויף די חורבֿות פֿון פֿראַנקרײַך
אַן אַלטע מנורה און אַן אַלטע מגילה און שיקט דאָס צו צום ייִוואָ אַהער
קיין ניו־יאָרק, האָט אויך דערפֿון גאָרניט, נאָר ער פֿאַרגעסט דערבײַ אין דער
וווּנד וואָס ער האָט באַקומען אויפֿן פֿראָנט. מענטשן פֿון אונדזער דור האָבן
געפֿונען דערהייבונג אין צוטראָגן אַ פֿאָלקלאָריסטישע פֿאַרצייכענונג אָדער אַ
גילדן פֿאַרן ייִוואָ, אָדער אין אַרײַנקוקן אין די פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, אַזוי
ווי זייער זיידע פֿלעגט מעיין זײַן אין אַ ספֿר אָדער געבן אַ גילדן אויף דער
וואָלאָזשינער ישיבֿה אָדער פֿאַר נאַכט בײַם שיעור אַרויסקומען מיט זײַן
פּשטל. און וואָס ווײַטער האָט זיך דאָס אָנגעזען מער. אַ פּאָר הונדערט

יונגע־לײַט איבערן לאַנד האָבן געבענקט צו קענען קומען קיין ווילנע און ווערן אַספּיראַנטן. מיר האָבן געקענט צונעמען ניט מער ווי צוויי צענדלינג. אָבער מיר זײַנען געווען זיכער, אַז בשעת מיר וועלן אויף אַזוי פֿיל אויסוואַקסן, מיר זאָלן קענען צונעמען הונדערט, וועט די בענקשאַפֿט זיך אויסשפּרייטן אויף אַ פּאָר טויזנט, אַזוי ווי ווען מען גיט אַ וואָרף אַ שטיין און די רעדער אויפֿן איבערפֿלאַך פֿון וואַסער ווערן אַלץ גרעסער אין דיאַמעטער. מיר האָבן דעם לעצטן זומער פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער מלחמה אַרײַנבאַקומען אַ דרײַ הונדערט אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע בחורים און מיידלעך אין עלטער פֿון 16 ביז 22 יאָר. איר פֿאַרשטייט דאָך, וואָס פֿאַר אַ ווערדע אָט די 30,000 פֿאַרשריבענע בלעטלעך האָבן פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער יוגנט (פֿון פֿריִער האָבן מיר שוין אויך געהאַט אַ וואָסערע 70,000 בלעטלעך אויטאָביאָגראַפֿיעס און אַנדערע פּערזענלעכע דאָקומענטן פֿון ייִדישע יוגנטלעכע). אָבער ניט אין דעם גייט מיר איצטער. איך וויל איצט נאָר קאָנסטאַטירן, אַז עס האָט אַרויסגערעדט פֿון אַלע דאָקומענטן אַ טיפֿע אמונה אין ייִוואָ, ווי אין אַ נײַעם צענטער פֿון ייִדישער גײַסטיקייט; און ייִדישקייט איז דאָך גײַסטיקייט.

צום אָנהייב האָט דער רוף פֿון ייִוואָ געגרייכט נאָר צו יחידי־סגולה. אָבער צו ביסלעך איז ער געוואָרן אַזוי ווי דער צדיק אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון די חסידים: אין אים האָבן זיך אויפֿגעקליבן די הייליקע פֿונקען, די נצוצות וואָס זײַנען צעשפּרייט אומעטום. יעדער זאַמלער פֿון די וואָס אַבֿרהם רייזען האָט באַזונגען האָט צוגעטראָגן וואָס ער האָט געקענט און געהאַט דערבײַ דעם געפֿיל, אַז ער מאַכט זיך דערמיט רײַכער. און וואָס מער עס האָט זיך אין דעם ייִוואָ אַקומולירט סאָציאַלע און פּסיכישע ענערגיע, אַלץ שטאַרקער זײַנען געוואָרן זײַנע אויסשטראַלונגען, אַלץ קענטיקער האָבן זיך גענומען אָנצייכענען זײַנע רעגולירנדיקע און אָנפֿירנדיקע פֿונקציעס אין ייִדישן גײַסטיקן לעבן. פֿאַראַן איז געזעלשאַפֿטלעכן לעבן סיטואַציעס, ווען דער וואָס פֿאַרשטייט ניט אַזוי קלאָר דערשפּירט פֿון דעסט וועגן. מיט איטלעכן יאָר, מיט איטלעכן חודש האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿט אַלץ מער גענומען שפּירן, אַז דער ייִוואָ איז געקומען צו באַפֿרידיקן גרויסע באַדערפֿענישן אין ייִדישן לעבן, וואָס פֿריִער זײַנען זיי פֿון קיינעם ניט באַפֿרידיקט געוואָרן. אַנדערש וואָלט דאָך ניט געקענט געמאָלט זײַן, אַז עס זאָל זיך ציִען צו אַ ריין וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוציע אַזוי פֿיל צוגעבונדנקייט און הילף פֿון אומעטום, ווו די וועלט האָט אַן עק, טייל מאָל פֿון מענטשן וואָס זײַנען אַליין גאַנץ ווײַט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג. פֿאַר איינס האָט געהאַלטן אין וואַקסן דער דרך־ארץ צום ייִוואָ אין די קרײַזן וואָס זײַנען אָפּגעפֿרעמדט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און אויך אין דער ניט־ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט.

די מלחמה אין אייראָפּע האָט איבערגעריסן די ליניע פֿון אַנטוויקלונג, וואָס וואָלט ערשט אין די נאָענטסטע צען יאָר דערפֿירט צו די געהעריקע רעזול־

טאָטן; נאָך אַלעמען זײַנען דאָך די ערשטע פֿופֿצן יאָר געווען מערניט ווי אַ צוגרייטונג, אַ לערנען זיך שטעלן טריט, אַן אָנטאָפּן דעם וועג. אין סעפּ־טעמבער 1939 איז צעריסן געוואָרן די ביזאיצטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע סכעמע פֿון אינסטיטוט, ווילנע איז פֿאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל אין אַ וועלטטייל וואָס איז געווען איבערגעשניטן דורך פֿראָנטליניעס און איז גע־וואָרן ממילא אויס פּולער צענטער. דערנאָך, סוף זומער 1940, זײַנען די זאַמ־לונגען פֿון ייִוואָ איבערגעענטפֿערט געוואָרן צו מענטשן וואָס ווילן גאָרניט שפּילן די ראָלע פֿון אַ צענטער פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער וועלט אַפֿילו ווען זיי זאָלן עס יאָ געווען קענען לויט זייערע פּערזענלעכע קוואַליטעטן. צום גליק איז געשען אַזוי, אַז ניט אַלץ איז חרוב געוואָרן. אין ווילנע זײַנען סוף־כּל־סוף נאָר די זאַמלונגען. אין אַמעריקע געפֿינט זיך אַ צאָל טוערס וואָס האָבן מוט און כּוח צו טאָן ווײַטער די אַרבעט; בײַ אונדז איז געבליבן דער גאַנצער פּובליקירטער פֿאַרמעגן; ס׳זײַנען אונדז געבליבן די מעטאָדן און דער גײַסט פֿון דער אַרבעט; געבליבן איז דער אַמאָפּטייל ווי אַ קערנדל פֿאַר אויפֿבויען אַ נײַעם אָרגאַניזם; געבליבן זײַנען די באַדערפֿענישן פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק; געבליבן איז אַ גרויסער טייל פֿון פֿאָלק ניט אָנגערירט דירעקט פֿון די חורבנות. אַפֿילו אַ דריטל פֿון זעכצן מיליאָן איז נאָך אַלץ אַ סך מער איידער די צאָלן, מיט וועלכע ייִדן לומדים האָבן אָפּערירט אַ מאָל. אַ ייִדישע קהילה אין מײַנץ אין פֿופֿצנטן יאָרהונדערט האָט געציילט 150־200 נפֿשות; פֿראַנקפֿורט־מײַן איז דאָך אַוודאי געווען אַן עיר ואם בישׂראל, האָט זי אין אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט, בײַם גירוש ווינץ, מסתּמא געהאַט אַ וואָסערע 2000 נפֿשות. פֿינף מיליאָן איז דאָך מער ווײַפֿל אַלע דרײַ באַלטישע מלוכות אין איינעם, עסטלאַנד, לעטלאַנד און ליטע, האָבן געהאַט אײַנוווינערס, און אין דער פֿעיִקייט פֿון יענע פֿעלקער צו אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע קולטור האָט דאָך קיינער ניט געספֿקט. הייסט עס מיט דער צאָל וואָלט שוין רעכט געוואָרן. צי איז דאָס איבערוואַנדערן אַ מניעה ניט איבערצוקומען? ניין, ניט בײַ ייִדן. מיר ווייסן דאָך, אַז דער וואַנדערוועג פֿון ייִדישן פֿאָלק און ממילא אויך פֿון ייִדישן לערנען איז געגאַנגען פֿון ארץ־ישׂראל און פֿאָדער־אַזיע קיין מערבֿ־אייראָפּע, און פֿון דאָרט קיין מיזרח־אייראָפּע. ווען סורא און פּומבדיתא זײַנען געפֿאַלן, זײַנען ייִדן בײַם רײַן געווען עמי־הארצים, אין דרײַ הונדערט יאָר אַרום זײַנען זיי געווען די רבנים פֿון דער גאַנצער ייִדישער וועלט. ייִדן אין פּוילן האָבן יעמאָלט נאָך ערשט געשטעלט זייערע ערשטע טריט; מיט נאָך דרײַ הונדערט יאָר שפּע־טער האָט געקלונגען די וועלט מיט דער ישיבֿה פֿון לובלין.

ניין, ניט צאָל און ניט אָרט איז די פֿראַגע. די פֿראַגע איז, צי פֿאַרמאָגן מיר גענוג לעבנסקראַפֿט, גענוג קעגנשטעליקייט. ענטפֿערן מיטן פֿולן מויל קען קיינער ניט, ווײַל דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע איז נאָך ניט גענוג אײַנגעשטאַנען. טאָ לאָמיר פּרוּוון טראַכטן אין איינעם.

פֿריִער פֿאַר אַלץ רוקט מען אונדז אַרײַן אַ קלאָץ־קשיה: צו וואָס אין אַמעריקע ייִדיש? „איך בין ניט קיין שונא פֿון ייִדיש", האָב איך געהערט ניט פֿון איין ייִדן, נאָר פֿון צען: „נאָר די וואָס רײדן און לייענען אין אַמעריקע ייִדיש זײַנען דאָך דאָס רובֿ די וואָס זײַנען אינטעלעקטועל מער הינטערשטעליק; די וואָס פֿאַרשטייען וויסנשאַפֿט ריידן ענגליש, אָדער לכל־הפּחות פֿאַרשטייען זיי ענגליש אויך".

די מערכה פֿון ייִדיש אין אַמעריקע איז טאַקע ניט קיין געהויבענע. מעז האָט אונדז דאָ אין לאַנד נאָך מער ווי ווו עס איז כסדר געלאָזן צו דער אָדער, כסדר אָפּגעצויגן פֿון אונדז צו ענגליש די אינטעלעקטועלע. בילדונג, און ווער רעדט נאָך פֿאָרשונג, איז אידע.־טיפּיצירט געוואָרן מיט ענגליש. אין די באַדינגונגען איז אַ חידוש, וואָס דער ייִדיש־עולם האָט זיך דערגרבעט אַפֿילו צו דער איצטיקער מדרגה; אָבער די מדרגה — לאָמיר קוקן דעם אמת אין די אויגן אַרײַן — איז ווײַט פֿון דעם וואָס מיר וואָלטן וועלן. און דער עיקר: ס'איז אַלץ מיט אַ קער צום נעכטן; די יוגנט איז ניט בײַ אונדז. איך מוז זאָגן, אַז ווען עמעצער זאָל מיר קענען דערווײַזן ניט אָפּצופֿרעגן, אַז די גאַנצע אַרבעט אונדזערע איז פֿאַרמישפּט צו בלײַבן פֿאַרן נעכטן און אַ קאָפּ פֿאַרן הײַנט, וואָלט איך ניט געהאַט קיין חשק צוצולייגן דערצו אַ האַנט. נאָר מיר גלייבן דאָך אין דעם גרויסן נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן כּוח פֿון דער ייִדישער שפּראַך פֿאַר ייִדן אַפֿילו נאָך דעם היטלער־חורבן און אַפֿילו אין אַמעריקע. עס לעבט דאָך אין אונדז די האָפֿענונג, אַז פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק איז אָנגעגרייט אַ ליכטיקער מאָרגן און אַז די ייִדישע שפּראַך דאַרף צוטראָגן איר חלק צו דערהייבן דאָס פֿאָלק און צו מאַכן אים גרינגער זײַן לעבן. עס איז קודם־כּל דאָס, וואָס די ייִדישע שפּראַך פֿאַראייניקט אונדז איבער ימען און מיר זײַנען מחויבֿ צו דערהיטן דאָס אייגנס וואָס מיר פֿאַרמאָגן פֿאַר דער איירָאָפּע פֿון מאָרגן, ווען ס'וועלן אײַנפֿאַלן די געטאָווענט און באַגראָבן אונטער זיך די וואָס האָבן זיי אויפֿגעשטעלט. אָבער אין יעדער לאַנד באַזונדער — און אויך דאָ אין לאַנד, פּונקט ווי אומעטום אין דער וועלט — האָט ייִדיש צו שפּילן אַ גרויסע אינטעגרירנדיקע ראָלע פֿאַרן ייִדישן כּלל און פֿאַר דער ייִדישער פּערזענלעכקייט. מען האָט נאָך די ראָלע ניט דערקענט; דאַרף דער ייִוואָ אַרבעטן, אַז מען זאָל צוקומען נעענטער זי צו דערקענען.

וואָס האָט צו טאָן די ייִדישע שפּראַך, אַ פּראָדוקט פֿון די ענגע געסלעך פֿון מיטל־ און מיזרח־אייראָפּע, מיט דער גרויסער וועלט, ווו טעכניק געבויט אויף נאַטור־וויסנשאַפֿט האָט אָנגעמאַכט אַזעלכע איבערקערענישן און ווו דער גרעסטער טייל פֿון דער ייִדישער יוגנט וויל ביז איצט פֿון דער שפּראַך ניט וויסן?

די טענה וואָלט געווען אַ טענה, ווען ייִדישע וויסנשאַפֿט אין דער ענגלישער שפּראַך וואָלט יאָ געבליט דאָ אין לאַנד. אָבער ווער עס האָט זיך

אַ ביסל צוגעקוקט, דער ווייס, אַז ס׳איז גאָר־גאָר ווײַט פֿון געהויבן. מען וואָלט געקענט דערציילן פּלעפֿנדיקע פֿאַקטן וועגן ייִדישע אינסטיטוציעס הי, וואָס ייִדיש איז בײַ זיי טרייף־פּסול, אָין פֿון דעסט וועגן זײַנען זיי אײַנגע־פֿאַלן אָדער האַלטן זיך מיט אײַנשפּריצונגען פֿון יאָר צו יאָר. ווען מיר פֿרעגן מיט חידוש, וואָס דאָ טוט זיך, ענטפֿערט מען אונדז: ייִדן אין אַמעריקע האָבן ניט קיין אינטערעס פֿאַר וויסנשאַפֿט. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק; דערמאָנט זיך, וואָסערע גרויסע פֿונדאַציעס אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געשאַפֿן פֿאַר אַלגעמיין אַמעריקאַנער וויסנשאַפֿט אָדער פֿאַר אַנטוויקלען וויסנשאַפֿט בײַ נעגערס. און טייל פֿון די דאָזיקע גרויסע נדבֿנים זײַנען „גוטע ייִדן“ אויך, זיי האָבן וואָס מען רופֿט אַ גוט ייִדיש האַרץ. בײַ ייִדן וועלן די זעלבע זיך לאָזן קאָסטן אויף פֿילאַנטראָפּישע צוועקן גרויסע סומעס; נאָר פֿאָרשונג פֿון ייִדישן לעבן וויל מען ניט. „מען דאַרף דאָס ניט“. איך קען דאָס אויס־טײַטשן נאָר אויף איין אופֿן: עס שטעקט הינטער דעם אַן אומוויסיקער אומ־ווילן. „ווי מיר וויסן ניט, אַזוי זאָל אונדז ניט שאַטן“. און אַוודאי איז ניט כדאַי צו צעפּויקן פֿאַר אונדזערע שׂונאים, וויפֿל עס זײַנען פֿאַראַן ייִדן מיליאָנערן, וואָס פֿאַר אַ חלק ייִדן האָבן אין די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, אין די בענק, אַפֿילו אין דער קליידער־ און פֿילם־אינדוסטריע. און אַז מען קען ניט פֿאַרלייקענען, אַז מיר האָבן געשאַפֿן אַן אייגענע שפּראַך אין די לעצטע טויזנט יאָר פֿון אונדזער געשיכטע, דאַרפֿן מיר כאָטש אײַנריידן זיך און יענעם, אַז די שפּראַך איז מיאוס; און מען דאַרף חלילה ניט אויסדערציילן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן פּסיכישע קאָנפֿליקטן, פֿון וועלכע עס לײַדט אַ ייִד איבער דעם וואָס ער איז ניט גענוג אויסגעשטימט מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

מיט דער הילף פֿון ראַציאָנאַליזאַציע קען מען דאָס אָנרופֿן אויסגע־רעכנטקייט, אָבער אין דער אמתן האָבן מיר דאָ צו טון מיט עפּעס אַנדערש. „בעסער ניט טשעפּען“ איז דאָס וואָס דער באַוווסטער סאָציאָלאָג וו. י. טהאָ־מאַס רופֿט אָן: באַנוצן זיך מיט מאַגיע אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אָבער ס׳וואָלט שוין כלעבן צײַט געווען, מיר זאָלן אויך אין ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אַרויסגיין פֿון די קינדערשיכלעך פֿון מאַגישער פּראַקטיק. ס׳איז ניט נאָר ניט שײַן צו וועלן באַהאַלטן דעם אמת; ס׳איז ניט נאָר קעגן דעם דראַנג פֿון יעדערן פֿון אונדז צו וועלן וויסן דעם אמת וועגן זיך אַליין; ס׳איז קעגן אונדזערע אינטערעסן אויך. וואָרעם די שׂונאים אונדזערע אַרט דאָך ניט, וואָס מיר פֿאָרשן ניט. זיי טוען זיך זייערס, זיי שטשאָבען אויף גיך צונויף אַ ברעקל פֿאַקט פֿון דאַנען און אַ חשד פֿון דאָרטן און אַ ליגן פֿון אַ דריטן אָרט און ווייסן שוין גאָר אויף זיכער, אַז אַלע בענק, אַלע אײַזנבאַן־קאָמפּאַ־ניעס און אַלע קוילנגריבער זײַנען בײַ ייִדן אין די הענט; און איר מיינט, אַז בשעת עס וועט זיצן די שלום־קאָנפֿערענץ וועלן די שׂונאים ניט קומען

מיט מאַטעריאַל? זיי וועלן האָבן זייער מאַטעריאַל, נאָר הלוואַי זאָלן מיר ניט קומען מיט ליידיקע הענט...

יאָ, דער אַמעריקאַנער גרונט איז אַ שטיינערדיקער; אָבער ווען מען גיט אַ קוק אויף דער סיטואַציע, קומט מען צום באַשלוס, אַז צום גיכסטן קען מען נאָך אפֿשר מיטן שטעקן פֿון ייִדיש אַרויסקלאַפּן פֿונעם שטיין ענטוזיאַזם פֿאַר וויסנשאַפֿט. אין די שיכטן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט ייִדיש טרעפֿן מיר אפֿשר בדרך־כּלל ניט קיין צו קלאָרן פֿאַרשטאַנד פֿונעם ענין פֿאָרשונג. אָבער קיין מורא פֿאַר איר איז ניטאָ, אַדרבא, עס לעבט דער אָפּשײַ פֿאַר וויסן. אין דעם אָפּשײַ האָט זיך צונויפֿגעפֿאָרט דער אַלטער ייִדישער יראת־הכּבֿוד פֿאַר לערנען תּורה און דער גלויבן פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין וויסנשאַפֿט ווי אַ טרעגער פֿון פּראָגרעס.

ייִדישע וויסנשאַפֿט בפֿרט, און ייִדיש בכלל, האָבן אַ גרויסע מיסיע דורכצופֿירן אין ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס איז נאָך הײַנט אַזוי צעטומלט אַמאָרפֿיש. איך נאַר זיך ניט, אַז די וויסנשאַפֿט וועט אונדז לערנען, וווּהין צו גיין. וויסנשאַפֿט איז אַזוי ווי אַ קאָמפּאַס. דעם וועג קלײַבט מען זיך אויס פֿרײַער, פֿון אַנדערע מקורים, פֿון אינטערעסן און פֿון אומראַציאָנעלע גלוסטונגען אַרויס. אָבער ווען מיר ווייסן שוין, וווּהין מיר ווילן גיין, העלפֿט אונדז די וויסנשאַפֿט, מיר זאָלן ווייניקער בלאָנדזשען.

וואָס ווילן מיר? די גרויסע פֿראַגעס פֿון נאַציאָנאַלן קיום וועלן מיר דאָך אַוודאי אָן וויסנשאַפֿט ניט קענען פֿאַרענטפֿערן. אָדער צי מיינט עמעצער, אַז אין די פּראָבלעמען ארץ־ישׂראל, טעריטאָריע, אויטאָנאָמיע, אַג־ראַריזאַציע וועלן מיר יוצא זײַן מיט די צײַטונג־אַרטיקלען וואָס חזרן איבער יאָר אויס יאָר אײַן די זעלביקע טפרוט האַלבן אַרגומענטן? אָבער לאָמיר נעמען באָר די עלעמענטאַרע פֿאָדערונגען, אויף וועלכע אַלע ייִדן גייען זיך צונויף: אַ מענטשישע עקסיסטענץ פֿאַר ייִדן ווי מענטשן. אַ גרויסער טייל פֿון אונדז שפּירן זיך דאָך ווי עס איז באַעוולט צוליב זייער אָפּשטאַם, אַנ־דערע האָבן מורא, מען זאָל זיי ניט באַעוולען. טאָ לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס די דײַטשע וויסנשאַפֿט האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר דײַטשלאַנד אין די יאָרן פֿון ווערסאַל ביז מינכן. די גאַנצע וועלט איז דאָך געווען אויף גײַסטיק אומ־באַוואָפֿנט בשעת היטלער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַסקע. קיין מאָל וואָלט דאָס ניט דערגרייכט געוואָרן, ווען די דײַטשע וויסנשאַפֿטלערס וואָלטן ניט געמאַכט די וועלט זען, אַז מען טוט טאַקע די דײַטשן עוולות אין דרום־טיראָל און אין אונגערן, אין טשעכאָסלאָוואַקײַ און אין יוגאָסלאַוויע. געשרייען אַליין האָבן אַ קנאַפּע פּעולה און ווערן גיך דערעסן, לאָמיר דאָס פֿאַרגעדענקען.

אָבער אַפֿילו ווען פֿולע גלײַכרעכטיקייט זאָל שוין זײַן דערגרייכט און די אַרײַנפּאַסונג פֿון יעטווידער ייִדישן יחיד אין זײַן סבֿיבֿה אַ פֿאַקט, בלײַבט נאָך אויף די פֿראַגע וועגן דער אויסגעשטימטקייט אין דער פערזענלעכקייט פֿון יחיד, וועגן זײַן אינעווייניקסטער באַפֿרידיקטקייט. איר קענט בײַ מיר

פּועלן, איך זאָל מודה זײַן, אַז די דאָזיקע אײַנעװײניקסטע באַפֿרידיקטקייט פֿונעם יחיד איז טאַקע דער העכסטער ציל פֿון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען, אַז נאַציאָנאַליטעט, מלוכה און אַפֿילו די מענטשהייט בכבֿודה ובעצמה דאַרפֿן באַטראַכט ווערן נאָר ווי מיטלען צום ציל פֿון געבן יעטווידער יחיד דעם מאַקסימום גליק. ווי אַזוי זשע קען קומען די דאָזיקע אויסגעשטימטקייט אין דער פּערזענלעכקייט פֿונעם ייִדן? נאָר דורך דעם וואָס מיר גיבן אים דאָס געפֿיל, אַז ער איז ניט בעסער און ניט ערגער, נאָר אַנדערש. דאָס וואָס מיר זעען צו בײַם ייִדישן יונגן דור אין אַמעריקע בײַ הײַנטיקן טאָג איז דאָך אַן אימה. מען ווייס ניט פֿון ייִדישקייט, מען האָט ניט געאָרניט פֿון די גוטיקייטן און טרייסטונגען וואָס ניט נאָר דער טראַדיציאָנעלער ייִד האָט געהאַט, נאָר אַפֿילו מיר האָבן; אָבער די משׂא פֿון זײַן אַ ייִד טראָגן דאָך אַלע. אין בעסטן פֿאַל, אויב קיין שום אַקוטע קאָנפֿליקטן זײַנען ניט געווען, ברענגט דאָס דערצו, אַז דער יונגער ייִד קוקט אויף ייִדן ווי אויף מענטשן פֿון צווייטן סאָרט. אַלץ וואָס עס איז גוט אין דער וועלט האָבן לײַטן געשאַפֿן, די בריקן און די באַנען, שעיקספּירס ווערק און מאַטעמאַטישע פֿאָרמלען; און אויף זויפֿל ייִדן האָבן אַ חלק דערין, איז אַלץ ווי יחידים וואָס זײַנען אַרויס פֿון ייִדישן כּלל; אָבער ייִדן ווי אַ כּלל האָבן נאָר באַשאַפֿן די „בײַבל“ און דאָס האָבן אויך די גויים צוגענומען, ווײַל ס'איז בײַ זיי מער אָנגעלייגט. ייִדישע לעבנס־פֿאָרמען? אַן עסק פֿאַר דעם „אָולד מען“; ייִדישע ליטעראַטור? ווער קען עס לייענען די אויסגעקרימטע אותיות! עס איז אין תּוך די סי־טואַציע פֿונעם „ניגער“ — ניט פֿונעם נעגער, נאָר פֿונעם ניגער וואָס ווייסט, אַז ער לעבט נאָר מיטן חסד פֿון ווײַסן מאַן.

דאָס איז אַלץ אין בעסטן פֿאַל. טאָמער זײַנען ניטאָ קיין אַקוטע פּער־זענלעכע קאָנפֿליקטן. טאָמער זײַנען זיי יאָ דאָ, קומט אַרויס דאָס וואָס אַן אָנגעזעענער אַמעריקאַנער געלערנטער, ניט קיין ייִד, האָט מיר פֿאָרמולירט בזה הלשון: מײַנע ייִדישע סטודענטן וואַרפֿן זיך באַלד אין די אויגן; אָדער זיי שרײַען אויף מיר, אָדער זיי זײַנען אַזוי פּחדיק ווי זיי וואָלטן מיר דאַנקען, וואָס איך וואַרף זיי ניט אַרויס. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס זײַנען נאָר צוויי זײַטן פֿון דעם זעלביקן פֿענאָמען וואָס מען קען כאַראַקטעריזירן מיטן נאָמען ניט־אויסגעשטימטקייט, אומזיכערקייט אין זיך. דעם פֿאַרוואָס און דעם פֿונ־וואַנען דאַרף מען ווײַט ניט זוכן. ווען אַ פּאָליאַק צי אַ סלאָוואַק קומט קיין אַמעריקע, ראַנגלט ער זיך דאָ מיט די פּראָבלעמען פֿון גרינקייט און פֿון אויסגרינען זיך, אָבער אַמעריקע איז ניט ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט אין זײַן פּוילישקייט צי סלאָוואַקישקייט. נאָר מיט אונדזער ייִדישקייט האָט דאָך די וועלט צו טאָן כּסדר, און אַלץ איינס, צי עס גייט וועגן דרײַפֿוס־פּראָצעס צי וועגן שחיטות אויף אוקראַינע צי וועגן געטאָבענק אין פּוילן צי וועגן די נירנבערגער געזעצן, קען דער אַמעריקאַנער ייִדישער יונגער־מאַן ניט אַוועק־שטעלן זיך אַזוי, אַז דאָס איז אים ניט נוגע. אויב אַנדערע פֿרעגן ניט, מוז

ער אַליין פֿרעגן בײַ זיך: וואָס איז דער מער מיט ייִדן, וואָס כּסדר האָט די וועלט מיט זיי אַ עסק? און דאָ ווײַזט זיך אַרויס די טראַגיק, אַז אַלץ וואָס די ייִדישע אינטעליגענץ ווייסט וועגן ייִדן איז באַהערשט פֿון פֿרעמדע אידעעס, און דאָס רובֿ אַפֿילו פֿון פֿײַנדלעכע אידעעס. נעמט אַ קליינינקייט, ווי אָפֿט מען ניצט הײַנט בײַ ייִדן, אַפֿילו בײַ אונדז אין ייִדיש, דאָס וואָרט ראַסע אין פֿאַרגלײַך מיט פֿריִער. איך האָב שוין געזען ייִדישע יונגע־לײַט פֿון די אָפּגעפֿרעמדטע, וואָס פֿרעגן בײַ זיך: אפֿשר איז היטלער טאַקע גע־רעכט? עס קען דאָך ניט געמאָלט זײַן. אַז מען זאָל זיך אַלע יאָרן טשעפּען צו אונדז אומזיסט־אומנישט! איך ווייס פֿון אַ פֿײַנעם ייִדישן יונגן־מאַן אין רוסלאַנד, אַ זון פֿון אַן אַנגעזעענעם כּלל־טוער אין פּעטערבורג, וואָס האָט אין דער צײַט פֿון ביילים־פּראָצעס געפֿרעגט בײַ זײַן טאַטן: ווו איז די ראיה, אַז עס איז טאַקע ניטאָ בײַ ייִדן קיין סעקטע וואָס ניצט קריסטלעך בלוט? אָבער אַפֿילו אויב מיר וועלן אַראָפּוואַרפֿן פֿון חשבון אַזעלכע פּאַטאָלאָגישע פֿאַקטן פֿון מצדיק זײַן דעם דין: צי איז ניט די גאַנצע ייִדישע אידעע פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע אָפֿט מאָל באַפֿאַרבן מיט אַן אַנטי־ייִדישן קאָליר? איך קען פֿאַרשטיין, ווען מען זאָגט: עס איז ניט גוט פֿאַר דער ייִדישער נאַ־ציאָנאַלער אַנטוויקלונג, ווען דאָס רובֿ ייִדן זײַנען שטאָטישער מיטלקלאַס; אָדער: עס איז ניט געזונט זיכער אין צײַטן פֿון אַן עקאָנאָמישן קריזיס (הגם אַ יִזוואָ־אויספֿאָרשונג אין אַ ייִדישן דאָרף אונטער ווילנע האָט געוויזן, אַז דער אָרעמסטער קרעמער אין שטעטל מיט צוויי הונדערט גילדן פֿאַרמעגן האָט נאָך אַלץ געלעבט בעסער ווי אַ פּויער מיט פֿינף טויזנט גילדן די ווערט זײַן ערד). אָבער בײַ אונדז האָט מען דאָך דורך דער גאַנצער השׂכּלה ביז פֿינ־סקערן און שפּעטער געמאַכט פֿון דעם אַ מאָראַלישע פֿראַגע; פּאַראַזיטיזם האָבן דאָך אונדזערע ייִדישע מוכיחים אויפֿגעוואָרפֿן ניט זעלטענער ווי גויִישע, און דעם מיליאָן איבעריקע ייִדן אין פּוילן האָבן מיר דאָך געהערט צום ערשטן מאָל פֿון אַ ייִדישן מויל. פֿרעגט זיך: די באַלטישע דײַטשן וואָס זײַנען 700 יאָר געווען הערשערס פֿון עסטלאַנד אין לעטלאַנד, אָן אַ פּויערטום און אָן אַ פּראָלעטאַריאַט, מערניט ווי פּריצים און שטאָטישער מיטלקלאַס, צי האָט זיי עמעצער אויפֿגעוואָרפֿן, אַז זיי זײַנען פּאַראַזיטן? ווער מען אפֿשר זאָגן, אַז דערפֿאַר האָט זיי עס היטלער אַזוי גרינג אויסגעוואָרצלט פֿאַר אַ יאָרן אין האַרבסט 1939. הייבט זיך ניט אָן: פּונקט אַזוי גרינג האָט היטלער זומער 1940, ווען עס האָט אים געטויגט צו זײַן פּאָליטישער שפּיל מיט רוסלאַנד, אויסגעריסן מיטן וואָרצל די דײַטשן אין בעסאַראַביע, הגם זיי זײַנען געווען פּויערים, דאָס איבערשטע פֿון שטייסל לויט יענער מאָראַלי־זירנדיקער אָפּשאַצונג.

די דײַטשן וואָס זײַנען געקומען קיין אונגערן אין 18טן יאָרהונדערט זײַנען בײַ זיך די גרעסטע יחסנים, ווײַל מען האָט זיי גערופֿן, זיי האָבן זיך דערמיט געקויפֿט אייביקע רעכט, און אַ פּאַטאָלאָגישער גאון פֿון ייִדישן אָפּ־

שטאָם, וואָלטער ראַטענוי, גײט אויף די העכסטע שטאַלצן פֿון התפּעלות ווען ער קומט צו דער געדמאַנישער אויסשפּרייטונג איבער אייראָפּע. אָבער אַז מען האָט אונדז געדרופֿן קיין פּוילן אין פֿערצנטן און פֿופֿצנטן יאָרהונדערט?

איך ווייס דעם חילוק: די דײַטשן אין אויסלאַנד האָבן זיך צו שטיצן אויף דײַטשלאַנד, און מיר האָבן קיינעם ניט: אָבער אַז מיר זײַנען שוואַכער, דאַרפֿן מיר דעריבער זײַן אומגערעכט בײַ זיך אַליין?

אויב גוים אָדער פּאַרגוייִשטע ייִדן מאָלן אונדז שוואַרץ אין שוואַרץ, איז דאָס רישעות. אָבער פֿאַר וואָס זאָלן מיר פֿאַר אונדז גופֿא, פֿאַר דער פֿעסטיקונג פֿון אונדזערע אייגענע הערצער, אויף אָפּצוראַטעווען אונדזער יוגנט פֿון געפֿאַלנקייט, ניט קענען אַרויסברענגען די געהעריקע פֿאַקטן: אַז אין פֿרײַיקן מיטל־עלטער האָבן ייִדן געהאַט אַזאַ גרויסן חלק אין אינטערנאַציאָ־נאַלן מיסחר; אַז ייִדן האָבן מיטגעהאָלפֿן שאַפֿן די אייראָפּעיִשע קרעדיט־סיסטעם; אַז ייִדן האָבן עקספּאָרטירט רוסישע תּבֿואה קיין דײַטשלאַנד און ליטוויש געהילץ קיין ענגלאַנד און לאָדזשער געוואַנט אויף קאַווקאַז און קיין סיביר, און אַז ייִדן האָבן אויפֿגעבויט די באַקלייד־אינדוסטריע אין אַמע־ריקע און אַז אויב צענדלינגער מילאָנען מענטשן איבער דער וועלט לאַכן און וויינען אַלע טאָג פֿאַר די בילדער אויפֿן לײַוונט, שטעקט דאָ גאָר אין אַ גרויסער מאָס ייִדישער טאַלענט און ייִדישער קאַפּיטאַל און ייִדישע אַרבעט?

עס גייט ניט וועגן אַפּאָלאָגיע וואָס פֿאַרקרימט די פֿאַקטן: עס גייט וועגן אַרויסברענגען מיט אַ גוטן געוויסן די פֿאַקטן, ווי מיר זעען זיי.

ווען מיר טראַכטן אין אַזוינע טערמינען, זעען מיר, אַז דער ייִוואָ איז ניט קיין שפּילכל, וואָס אַ הייפֿל ביכערניקעס שפּילן זיך דערמיט פֿון איי־גענער הנאה וועגן, נאָר אַ גרויסע ייִדישע פֿאָלקס־אינסטיטוציע צו העלפֿן דעם כּלל און דעם יחיד מיט די כּלי־זיין פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג.

דעריבער דאַרף דאָס ייִדישע פֿאָלק דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינ־סטיטוט. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז דער ייִדישער קיבוץ ווייס דאָס.

עס איז אַ סבֿרא, אַז אַפֿילו דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדישע לעבן איז אַלע מאָל געווען מער פֿול מיט פּראָבלעמאַטיק ווי אונדז דוכט זיך אויס פֿון דער ווײַטנס, בשעת מיר טוען אָן אונדזערע ראָזע ברילן. אָבער הײַנט איז דאָך לכל־הדעות צעבראָכן דאָס ייִדישע לעבן, און דאָס וואָס עס איז געבליבן גאַנץ איז אויך צעפֿאָרן. מיר לעבן אין אַ וועלט פֿון קלויז־ייִדן וואָס האָבן אָבער ניט מער אין זיך קיין נאַציאָנאַלן כּוח־גבֿרא, און לעבן זיי די „שמענדריקעס“ וואָס וואָלטן וועלן אַרויסקריכן אין גאַנצן פֿון זייער הויט און קענען ניט, און צווישן זיי ביידן די גאַנצע גאַמע מהיכא־תּיתא־ייִדן, מילא־ייִדן, בלית־ברירה־ייִדן, גוטע ייִדן נאָר טשעפּע מיך ניט, איבערגעוואָלד־ייִדן און פֿאַרקערט מאַראַנען וואָס זיי מיינען גוט, נאָר צו זייער גלײַכער נאָז מוזן זיי נאָך אָנטאָן אַ צלמל אויף אָנצוהאַלטן זייער שטעלע. אין אָט דער צעפֿאָרענער וועלט קומען מיר מיט אונדזער שליחות. דאַרפֿן מיר פֿאַר־

שטיין, אַז קיין קפיצת־הדרך איז ניטאָ. לאָמיר זיך ניט ריכטן אויף קיין גרינגע נצחונות. אין בעסטן פֿאַל מוזן מיר אַקערן שווער און זייען מיט טרערן. צי וועלן מיר ווען עס איז שנײַדן מיט געזאַנג? ערבֿ זײַן קען איך ניט, אָבער איך גלייב אין דעם, און איך ווייס, אַז ס׳איז כּדאַי צו פּרוּוון. מיר ווייסן, אַז די יידישע אַמעריקע קען זיך ניט פֿאַרגינען צו לעבן אָן וויסנשאַפֿט אויף גאָטס באַראָט. און מיר ווייסן, אַז אַמעריקע קען זיך פֿאַרגינען אויפֿצוהאַלטן דעם יזווא. מיר ווייסן, אַז אויב מיר וועלן מצליח זײַן, וועלן מיר אויפֿטאָן גרויסע זאַכן פֿאַר דער יידישער און פֿאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפֿט, אָבער אויך פֿאַרן יידישן פֿאָלק, וואָס דאָס מיינט: אויך פֿאַרן יידישן קאַלעדזש־סטודענט און פֿאַרן אָפּיסמיידל און פֿאַר יעדער מיטגליד פֿון אַ ברענטש אין אַ פּראָטערנאַלן אָרדן.

דעריבער פֿאַרלאַנגען מיר, מען זאָל אונדז געבן אַ שאַנס.

די ראָלע פֿון פֿאַרשידענע עטנישע גרופּעס אינעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון שטאַט קאָנעטיקוט*

פֿון ד״ר שמואל קעניג

I

קאָנעטיקוט איז אַ הויך אינדוסטריאַליזירטער און שטאַרק אורבאַניזירטער שטאַט. בײַ אַ העלפֿט פֿאַרדינערס זײַנען פֿאַרנומען אין אינדוסטריע און היפּש איבער צוויי דריטל לעבן אין שטעט. לויטן צענזוס פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון 1930 זײַנען די 676,706 פֿאַרדינערס־יחידים צעטיילט צווישן די פֿאַרשידענע באַשעפֿטיקונגען אויף אַזאַ אופֿן: 45.0 פּראָצענט זײַנען אין פֿאַבריקאַציע און מעכאַנישע אינדוסטריעס, 12.3 פּראָצענט אין האַנדל, 11.7 פּראָצענט ביוראָ־אָנגעשטעלטע, 9.1 פּראָצענט אין שטוביקע און פּערזענלעכע דינסטן, 7.1 פּראָצענט אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, 6.4 פּראָצענט אין טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע, 5.3 פּראָצענט אין ערדאַרבעט, 2.0 פּראָצענט אין עפֿנטלעכע דינסטן, און 8.5 פּראָצענט אין אַנדערע פּרנסות.

די באַפֿעלקערונג פֿונעם שטאַט שטעלט זיך צונויף פֿון פֿאַרשידענע עטנישע גרופּעס. די וויכטיקסטע אין צאָל זײַנען, אין דעם סדר ווי זיי ווערן אָנגערופֿן, איטאַליענער, אירלענדער, בריטיש־אַמעריקאַנער, ייִדן, פּאָליאַקן, דײַטשן, פֿראַנצייזישע קאַנאַדער, שוועדן, ליטווינער, סלאָוואַקן, מאַדיאַרן און אוקראַיִנער. די באַפֿעלקערונג איז דער עיקר פֿון די נײַע אימיגראַנטישע גרופּעס. איבער צוויי פֿינפֿטל זײַנען איטאַליענער, ייִדן און פּאָליאַקן. איטאַליענער אַליין זײַנען כּמעט אַ פֿערטל, אירלענדער אַ פֿינפֿטל. די אַלטע אַמעריקאַנער־שטאַמיקע, און אַפֿילו די וואָס מען רופֿט אָן בריטיש־אַמעריקאַנער, זײַנען בפֿירוש אין דער מינאָריטעט.

איך וויל דאָ מאַכן אַ פּרוּוו צו באַשטימען די רעלאַטיווע וויכטיקייט פֿון די גרעסערע עטנישע גרופּעס אין די פֿאַרשידענע פֿאַזעס פֿונעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון שטאַט. (זע טאַבעלע 1 אויפֿן באַזונדערן בלאַט.)

---

* רעפֿעראַט געהאַלטן דעם 4טן יאַנואַר 1941 אויף דער 15טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ, ניו־יאָרק. — די פֿאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער השגחה פֿון דעם W.P.A. ״שרײַבער־פּראָיעקט״ פֿון קאָנעטיקוט.

די ידיעות וואָס איך ברענג דאָ זײַנען דער עיקר [1] אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿאָרשונג וואָס איז באַזירט אויף אַ דרײַ־פּראָצענטיקער מוסטערונג (sample) פֿון צען עטנישע גרופּעס [2] אין די זעקס וויכטיקסטע שטעט פֿון שטאַט: דהײַנו: האַרטפֿאָרד, ניו־הייוון, ברידזשפּאָרט, וואָטערבערי, ניו־בריטן און סטעמפֿאָרד. היות דער צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן גייט ניט ווײַטער פֿונעם צווייטן דור אימיגראַנטן בײַם אויסרעכענען די עטנישע גרופּעס, האָט מען געמוזט אָנקומען צו אַ שאַצונג. מיר האָבן גענומען אין אַכט אַזוינע פֿאַקטאָרן ווי דער פֿאַרנעם פֿון יעדער גרופּע אין עטלעכע דעצידירנדיקע פּעריאָדן פֿון אימיגראַציע און דעם נאַטירלעכן צוּוואַקס. די רעזולטאַטן האָבן מיר פֿאַרגלײַכט מיט שאַצונגען וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון אָרטיקע כּלל־טוערס. אויף אַזאַ אופֿן זײַנען מיר געקומען, מיין איך, צו אַ גענוג פּינקטלעכער אָפּשאַצונג פֿון די צאָלן (זע טאַבעלע 2, ז׳ 16). אַ שטייגער דער צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון 1930 גיט פֿאַר האַרטפֿאָרד 20,756 אירלענדער פֿון ערשטן און צווייטן דור; לויט אונדזער שאַצונג דערגייט זייער צאָל איצטער ביז איבער 35,000, מחמת זיי זײַנען פֿון די עלטסטע אימיגראַנטישע גרופּעס אין שטאַט און שטעלן זיך צונויף אין אַ גרויסער מאָס פֿון יחידים פֿון צווייטן און דריטן דור. בײַ די איטאַליענער פֿאַרקערט, וואָס זיי זײַנען אַ לפֿי־ערך יונגע אימיגראַנטן־גרופּע, איז דער חילוק אַ קלענערער: דער צענזוס גיט זייער צאָל פֿאַר ניו־הייוון ווי 41,858, און אונדזער שאַצונג איז איבער 50,000.

דער מעטאָד פֿאַר באַקומען דעם מוסטער איז געווען אַזאַ: מיר האָבן פֿריִער באַשטימט די גרייס פֿון יעדער גרופּע און אויסגערעכנט, וויפֿל עס באַטרעפֿט 3 פּראָצענט דערפֿון. דערנאָך האָבן מיר פֿון די אַדרעסן־ביכער פֿון די זעקס דערמאָנטע שטעט אָפּגעקליבן אַ רשימה פֿאַמיליע־נעמען וואָס זײַנען טיפּיש פֿאַר איטלעכער עטנישער גרופּע אין יעדערער פֿון די שטעט. אָנגעהויבן האָבן מיר דעם אָפּקלײַב אויפֿן באַזיס פֿון נעמען, וואָס וועגן זיי קען קיין שום ספֿק ניט זײַן, אַז זיי זײַנען איטאַליעניש, ייִדיש, פּויליש, אאַז״וו. בלויז נעמען ווי קאָהען פֿאַר ייִדן, אָ׳ברײַען פֿאַר אירלענדער, שולץ פֿאַר דײַטשן און אַזוי ווײַטער זײַנען אָפּגעקליבן געוואָרן. בײַ טייל עטנישע גרופּעס, למשל בײַ ליטווינער אָדער אוקראַיִנער, קען אַזאַ קריטעריום ניט אָנגעווענדט ווערן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט; האָבן מיר געבעטן די גײַסטלעכע אָדער אַנדערע כּלל־טוערס, זיי זאָלן אונדז אַרויסהעלפֿן. אַזוי ווי טיפּיש אַמעריקאַנישע נעמען האָט מען ניט געקענט אָפּשיידן פֿון ענגלישע און ממילא

[1] טייל דאַטעס זײַנען באַזירט אויף „סוירווייען" ממש אָדער אויף אַ פּרטימדיקן אַנאַליז פֿון פֿאַמיליע־נעמען.

[2] די סלאָוואַקן און מאַדיאַרן האָבן מיר געמוזט אויסשליסן, ווײַל זייערע צאָלן האָבן קיין שום באַטרעף ניט געהאַט אינעם רובֿ געפֿאָרשטע שטעט; די ידיעות וואָס מיר האָבן באַקומען וועגן זיי באַגרענעצן זיך נאָר אויף צוויי ערטער.

טאַבעלע 2

די גרייס פֿון די וויכטיקערע עטנישע גרופּעס אין קאָנעטיקוט

עטנישע גרופּע	גרייס: צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן 1930*: סך־הכל אין שטאָט (1)	גרייס: צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן 1930*: פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג	גרייס: שאַצונג: סך־הכל אין די זעקס גרעסערע שטעט (2)	גרייס: שאַצונג: פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג
איטאַליענער	227,262	14.1	162,000	23.6
אירלענדער (3)	128,742	8.0	133,000	19.4
פּאָליאַקן (4)	133,813	8.3	47,000	6.9
פֿראַנצייזישע קאַנאַדער	67,130	4.2	31,900	4.7
בריטישע (5)	139,091	8.6	—	—
[בריטיש־אַמעריקאַנער] (6)	—	—	100,000	14.6
דײַטשן	76,281	4.7	44,000	6.4
ייִדן (7)	—	—	75,000	10.9
שוועדן	41,374	2.6	26,000	3.8
טשעכאָסלאָוואַקן (8)	32,491	2.0	—	—
ליטווינער	30,690	1.9	21,200	3.1
אוקראַיִנער (9)	23,175	1.4	—	—
מאַדיאַרן	—	—	6,000	0.9

* די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון שטאַט אין 1930: 1,606,903.

(1) נעמט אַרײַן נאָר ערשטן און צווייטן דור. (2) נעמט אַרײַן ערשטן, צווייטן און נאָכקומענדיקע דורות. (3) ניט אַרײַנגערעכנט צפֿון־אירלענדער און סקאָטישע אירלענדער, (4) אַרײַנגערעכנט ייִדן און אוקראַיִנער וואָס קומען פֿון פּוילן. (5) אַרײַנגערעכנט ענגלענדער, בריטישע קאַנאַדער, סקאָטן, צפֿון־אירלענדער און וועילסער. (6) אַרײַנגערעכנט, חוץ די אָקערשט דערמאָנטע, אַלט־אַמעריקאַנער אָדער יענקיס ; דער צענזוס האָט ניט אַזאַ גרופּע. (7) דער צענזוס האָט ניט אַזאַ גרופּע. (8) ס׳רובֿ סלאָוואַקן. (9) דער צענזוס האָט ניט אַזאַ גרופּע.

האָבן ענגלישע אימיגראַנטן פֿון ערשטן און צווייטן דור, און אויך ענגלישע קאַנאַדער, געמוזט אַרײַנפֿאַלן צווישן די אָפּגעקליבענע, איז בײַ אונדז גע־בליבן, אַז איידער ניצן דעם טערמין „אַלטער אַמעריקאַנער שטאַם" אָדער „יענקיס" זאָלן מיר בעסער זאָגן בריטיש־אַמעריקאַנער.

די נאָענטסטע עובֿדא איז געווען צו באַשטימען, וואָסערע פֿון די אויס־געקליבענע פֿאַמיליע־נעמען עס באַגעגענען זיך צום אָפֿטסטן אין די שטאָ־

ט

פֿאַרטײלונג לױט באַשעפֿטיקונג פֿון די
שטעט פֿון קאַנ

געבױט אױף אַ 3 פּראָצענטיקער מוסטער
אַדרעסן־ביכער פֿון האַרטפֿאָרד, ניו־הײװ
סטעמפֿאָרד פֿאַרן יאָר 1937.

עטנישע גרופּע	אַלע באַשעפֿטיקונג־גרופּעס: פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג אין די זעקס שטעט [1]	אַלע באַשעפֿטיקונג־גרופּעס: צאָל אין דער מוסטערונג	אינדוסטריע [3]: פּראָצענט פֿון אַלע אין אינדוסטריע	אינדוסטריע [3]: פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע אין אינדוסטריע	אינדוסטריע [3]: צאָל אין דער מוסטערונג	האַנדל: פּראָצענט פֿון אַלע אין האַנדל	האַנדל: פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע אין האַנדל	האַנדל: צאָל אין דער מוסטערונג	גרױסהאַנדל: פּראָצענט פֿון אַלע אין גרױסהאַנדל	גרױסהאַנדל: פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע אין גרױסהאַנדל	גרױסהאַנדל: צאָל אין דער מוסטערונג	פֿאַרק… און א… ניט אַר… אַנדע…: פּראָצענט פֿון אַלע פֿאַרקױפֿערס און אַנגעשטעלטע
איטאַליענער	23.6	4818	30.4	39.1	1885	28.2	18.5	893	10.1	1.5	72	12.5
אירלענדער	19.4	3883	15.6	24.9	965	14.6	11.9	461	29.2	5.4	209	29.4
בריטיש־אַמעריקאַנער	14.6	2951	11.9	25.0	737	10.8	11.5	341	25.0	6.1	179	18.0
ייִדן	10.9	2237	3.8	10.5	236	28.2	39.9	894	9.2	2.9	66	15.0
פּאָליאַקן	6.9	1446	11.0	47.1	681	5.1	11.0	160	5.5	2.7	39	5.0
דײַטשן	6.4	1361	7.2	32.8	445	4.8	11.3	153	7.8	4.1	56	8.0
פֿראַנצײזיש־קאַנאַדער	4.7	935	7.5	49.4	462	3.0	10.1	95	3.4	2.6	24	4.5
שװעדן	3.8	822	5.7	43.4	357	2.1	8.3	68	7.1	6.2	51	4.8
ליטװינער	3.1	646	5.1	48.9	316	2.5	12.1	78	2.1	2.3	15	2.3
אוקראַיִנער [2]	0.9	220	1.8	51.4	113	0.7	10.0	22	0.6	1.8	4	0.5
סך־הכּל	94.3	19319	100.0	32.0	6197	100.0	16.4	3165	100.0	3.7	715	00.0

1. די צאָל װאָס איז גענוצט געװאָרן אױסצורעכענען די פּראָצענטער
פֿון 1930 (687,817) נאָך אַ סך־הכּל פֿון די געשאַצטע סכומען פֿון אַל
טאַבעלע באַטרעפֿן 94.3% פֿון דעם דאָזיקן סך־הכּל; די איבערגעבליבענ
אין דער מוסטערונג ניט געדעקט געװאָרן אין דער פֿולער מאָס און זײַ

2. אוקראַיִנער זײַנען אַרײַנגענומען אין חשבון ניט מער װי אין 5 פֿ

3. איז כּולל אין זיך פֿאַבריקאַציע, טראַנספּאָרט, עפֿנטלעכע נוציקײט

4. געניסערס פֿון רעגירונגס־הילף ניט אַרײַנגערעכנט.

ישע גרופּעס פֿון די זעקס וויכטיקסטע

ער עטנישער גרופּע, גענומען פֿון די
ים, וואַטערבערי, ניו־בריטין און

פֿאַרשיידענע			דינסט אין הײַזער און בנינים			פרײַע פּראָפֿעסיעס			געניסערס פֿון NYA, CCC, WPA			רעגירונגס־אָנגעשטעלטע 4		
צאל אין דער מוסטערונג	פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע אין פֿאַרשיידענע	פּראָצענט פֿון אַלע אין פֿאַרשיידענע	צאל אין דער מוסטערונג	פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע אין הײַזער־ און בנינים־דינסט	פּראָצענט פֿון אַלע אין הײַזער־ און בנינים־דינסט	צאל אין דער מוסטערונג	פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע אין פרײַע פּראָפֿעסיעס	פּראָצענט פֿון אַלע אין די פרײַע פּראָפֿעסיעס	צאל אין דער מוסטערונג	פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע געניסערס פֿון NYA, CCC, WPA	פּראָצענט פֿון אַלע געניסערס פֿון NYA, CCC, WPA	צאל אין דער מוסטערונג	פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרופּע רעגירונגס־אָנגעשטעלטע	פּראָצענט פֿון אַלע רעגירונגס־אָנגעשטעלטע
1229	25.5	27.5	53	1.1	11.8	112	2.3	9.6	206	4.3	49.4	110	2.3	16.
712	18.3	15.9	98	2.5	21.8	413	10.7	35.4	91	2.3	21.8	327	8.4	48.
805	27.3	18.0	101	3.4	22.6	275	9.3	23.5	43	1.5	10.3	97	3.3	14.
503	22.6	11.2	8	0.4	1.8	173	7.7	14.8	14	0.6	3.4	53	1.5	4.
335	23.2	7.5	51	3.5	11.4	22	1.5	1.9	24	1.7	5.8	30	2.1	4.
370	27.1	8.3	41	3.0	9.2	85	6.2	7.3	13	1.0	3.1	33	2.4	4.
192	20.5	4.3	23	2.5	5.1	26	2.8	2.2	8	0.9	1.9	12	1.3	1.
146	17.8	3.3	39	4.7	8.7	48	5.8	4.1	1	0.1	0.2	13	1.6	1.
133	20.6	3.0	21	3.2	4.7	12	1.9	1.0	12	1.9	2.9	11	1.7	1.
45	20.4	1.0	13	5.9	2.9	2	0.9	0.2	5	2.3	1.2	5	2.3	0.
4470	23.1	100.0	448	2.3	100.0	1168	6.1	100.0	417	2.2	100.0	671	3.5	100

ן אַרטיקל איז געווען ניט די צאל פֿונעם צענזוס
פֿעס וואָס ווערן אַרומגענומען פֿון דער איצטיקער
ז זיך צונויף פֿון קלענערע גרופּעס וואָס זײַנען
אויסגעלאָזן געוואָרן פֿון דער טאַבעלע.

טערע שטעט.

קציע.

טישע אַדרעסן־ביכער. פֿון זיי האָבן מיר אָפּגעקליבן געגוג נעמען צו דער־גרייכן 3 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער גרייס פֿון יעטווידער גרופּע אין יע־דערער פֿון די שטעט. אין טייל פֿאַלן, אַ שטייגער בײַ די שוועדן, האָט 3 פּראָצענט פֿון זייער גאַנצער צאָל אין האַרטפֿאָרד געפֿאָדערט 242 פּערזאָן, און דאָס איז געווען מער ווי געדעקט דורך איין אײנציקן נאָמען קאַרלסאָן, ווײַל דאָס אַדרעסן־בוך פֿון דער שטאָט פֿאַרצייכנט 338 קאַרלסאָנס. אין דעם פֿאַל האָבן מיר בעסער גענומען נאָר איין דריטל קאַרלסאָנס, און צוויי דריטל האָבן מיר גענומען פֿון די פֿיר אַנדערע טיפּיש שוועדישע נעמען, דהײַנו עריקסאָן, לאַרסאָן, אָלסאָן און סוואַנסאָן; היפּש איבער הונדערט מענטשן אין שטאָט טראָגן יעדערן פֿון די דאָזיקע נעמען. בײַ די אירלענדער ווידער גיט דאָס ניו־הייווענער אַדרעסן־בוך 435 סאָליוועגס, וואָס דאָס איז איבער אַ דריטל פֿון די 1,283 נעמען וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט פֿאַרן מוסטער. אָט אַזוי זײַנען אין יעטווידער איינציקן פֿאַל געניצט געוואָרן מער ניט ווי עט־לעכע נעמען. דאָס האָט געמאַכט מיגלעך אָפּצוקלײַבן נעמען, וואָס בײַ זיי איז געווען כּמעט ווי זיכער, אַז זיי זײַנען רעפּרעזענטאַטיוו פֿאַר דער גע־העריקער גרופּע. מיר דאַרפֿן נאָך נעמען אין אַכט, אַז אין די אַדרעסן־ביכער זײַנען פֿאַרצייכנט נאָר מענטשן פֿון 21 יאָר און העכער, אַזוי אַז דער מוסטער איז פֿאַקטיש אַ סך גרעסער איידער 3 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער גרייס פֿון די גרופּעס. דערנאָך האָבן מיר אויסגעפֿונען אינעם אַדרעסן־בוך דעם אַדרעס און די באַשעפֿטיקונג פֿון יעדער פּערזאָן וואָס טראָגט דעם אָפּגע־קליבענעם פֿאַמיליע־נאָמען און מיר האָבן געמאַכט די קלאַסיפֿיקאַציע. היות טייל עטנישע גרופּעס זײַנען נאָך אַלץ פֿיל־ווינציק קאָנצענטרירט אין באַ־שטימטע גאַסן און שטאָטטיילן, האָט דער אַדרעס געדינט פֿאַר נאָך אַ קאָנ־טראָל־מיטל. ספּעציעל איז דאָס צו ניץ געקומען בײַם אויסשליסן נעגערס, וואָס אַ סך פֿון זיי טראָגן רעפּרעזענטאַטיווע אַלט־אַמעריקאַנער אָדער ענג־לישע נעמען.

די שטעט וואָס מיר האָבן אָפּגעקליבן פֿאַר דער פֿאַרשונג זײַנען די וויכ־טיקסטע אין שטאָט, ניט נאָר אין הילכות באַפֿעלקערונג, נאָר אויך אינדו־סטריעל; בערך פֿיר פֿינפֿטל פֿון דער פּראָדוקציע פֿון קאָנעטיקוט ווערט פֿאַבריקירט אין און אַרום די דאָזיקע שטעט. דער מוסטער דעקט דעריבער פֿאַקטיש יעטווידער גרעסערן צווײַג קאָנעטיקוטער אינדוסטריע, אַחוץ דער טעקסטיל־אינדוסטריע; זי איז קאָנצענטרירט אין צפֿון־מיזרחדיקן טייל פֿון שטאָט, וווּ אַהין מיר האָבן ניט דערגרייכט מיט דער דאָזיקער פֿאַרשונג. אָבער אַזוי ווי עטלעכע טעקסטיל־פֿאַבריקן זײַנען פֿאַראַן אויפֿן געדעקטן שטח אויך, איז דער דאָזיקער צווײַג אינדוסטריע בשום אופֿן ניט געבליבן אויסן.

2

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, פֿאַרנעמט די אינדוסטריע דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אין דער עקאָנאָמיק פֿון שטאָט. אין די זעקס שטעט וואָס

דיאַגראַם 1

רעלאַטיווע וואָג פֿון די גרעסערע עטנישע גרופּעס אין די פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון קאָנעטיקוטער אינדוסטריע.



מיר האָבן געדעקט האָבן מיר געפֿונען, אַז 32 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג זײַנען פֿאַרנומען אין אינדוסטריע. דעם העכסטן אָנטייל פֿון זייערע גרופּעס אין אינדוסטריע האָבן די אוקראַינער, די פֿראַנצייזישע קאַנאַדער, די ליטווינער און די פּאָליאַקן; מער ווי אַ העלפֿט אוקראַינער און נאָענט צו אַ העלפֿט פֿון די אַנדערע דרײַ דערמאָנטע אַרבעטן אין אינדוסטריע. דעם דורכשניט, וואָס דאָס איז, ווי געזאָגט, 32 פּראָצענט, שטײַגן אויך אַריבער עטלעכע אַנדערע גרופּעס, קודם־כּל די שוועדן און איטאַליענער. פֿון דער אַנדערער זײַט זײַנען רעפּרעזענטירט אין אינדוסטריע אונטערן דורכשניט די אירלענדער, בריטיש־אַמעריקאַנער און יידן. יידן זײַנען פֿאַרנומען אין אינדוסטריע מער ניט ווי 10.5 פּראָצענט.

די אינדוסטריע אין קאָנעטיקוט קען צעטיילט ווערן אין אַזוינע קאַטעגאָריעס: פֿאַבריקאַציע, בוי און קאָנסטרוקציע, טראַנספּאָרט און עפֿנטלעכע נוציקייטן. פֿאַבריקאַציע איז די ווײַט וויכטיקסטע עקאָנאָמישע טעטיקייט אין שטאָט: איבער אַ פֿערטל פֿון אַלע פֿאַרדינערס זײַנען פֿאַרנומען אין דעם

פֿעלד. די איטאַליענער גיבן זיך פֿאַר פֿאַבריקאַציע, סײַ פֿאַר בוי און קאָנ־סטרוקציע היפּש מער איידער זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג. אין טראַנספּאָרט זײַנען זיי רעפּרעזענטירט נאָר אַ ביסל איבער זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג; אין עפֿנטלעכע נוציקייטן זײַנען זיי שטאַרק דע־רונטער. די אירלענדער זײַנען דערונטער אין פֿאַבריקאַציע און אויך אין בוי און קאָנסטרוקציע, נאָר זיי זײַנען לפּי־ערך זייער שטאַרק פֿאַרטראָטן אין די אַנדערע צוויי קאַטעגאָריעס, דאָס הייסט טראַנספּאָרט און עפֿנטלעכע נו־ציקייטן. דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן די בריטיש־אַמעריקאַנער, הגם אין אַ ביסל אַ קלענערער מאָס. פּאָליאַקן, ליטווינער און אוקראַינער ווידער זײַנען שטאַרק רעפּרעזענטירט אין פֿאַבריקאַציע, אין דער צײַט וואָס אין די אַנדערע דרײַ קאַטעגאָריעס איז זייער חלק פּראָפּאָרציאָנעל זייער קליין; או־קראַינער זײַנען אין די עפֿנטלעכע נוציקייטן בכלל ניט פֿאַרטראָטן. די פֿראַנצייזישע קאַנאַדער האָבן אַ נטיה צו קאָנצענטרירן זיך אין פֿאַבריקאַציע און בוי מער איידער אין טראַנספּאָרט און עפֿנטלעכע נוציקייטן, הגם זייער אָנטייל אין די צוויי לעצטע קאַטעגאָריעס דערגרייכט כּמעט זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג. די דײַטשן זײַנען דערונטער אין בוי און קאָנסט־רוקציע, נאָר אין די אַנדערע דרײַ קאַטעגאָריעס, איבער הויפּט טראַנספּאָרט און די עפֿנטלעכע נוציקייטן, זײַנען זיי גאַנץ נישקשה פֿאַרטראָטן. וואָס שייך ייִדן זײַנען זיי פּראָפּאָרציאָנעל זייער שוואַך פֿאַרטראָטן אין אַלע דרײַ קאַטעגאָריעס, אַחוץ בוי און קאָנסטרוקציע.

אין דער גרופּע פֿאַבריקאַציע גופֿא זײַנען פֿאַראַן גרויסע אונטערשיידן אין דער פֿאַרטיילונג פֿון די פֿאַרשיידענע גרופּעס צווישן די עטלעכע גרע־סערע צווײַגן. דער צווײַג וואָס באַשעפֿטיקט דעם גרעסטן פּראָצענט יחידים פֿון אַלע גרופּעס איז די פּראָדוקציע פֿון מעטאַל און מעטאַלענע אויסאַרבע־טונגען. היפּש איבער איין דריטל פֿון אַלע פֿאַבריק־אַרבעטערס זײַנען פֿאַר־נומען אין דעם דאָזיקן צווײַג פּראָדוקציע. די ליטווינער שטייען בראָש: העכער העלפֿט פֿון זייערע פֿאַבריק־אַרבעטערס זײַנען פֿאַרנומען בײַ מעטאַל און מעטאַלענע אויסאַרבעטונגען. נאָך זיי גייען פּאָליאַקן, איטאַליענער, או־קראַינער און פֿראַנצייזישע קאַנאַדער. דעם קלענסטן פּראָצענט מעטאַליסטן געפֿינען מיר בײַ ייִדן.

דער נאָענטסטער צווײַג נאָך זײַן וויכטיקייט נאָך איז די פּראָדוקציע פֿון מאַשינען. דאָ גיבן די שוועדן דעם גרעסטן פּראָצענט פֿאַבריק־אַרבעטערס. אַנדערע גרופּעס וואָס גיבן גרויסע פּראָצענטער פֿון די אַרבעטערס אויף דעם פֿעלד זײַנען די בריטיש־אַמעריקאַנער, אוקראַינער און אירלענדער. ייִדן גיבן ווידער אַ מאָל דעם קלענסטן פּראָצענט. פֿאַרקערט זײַנען איטאַליענער און ייִדן צום העכסטן פֿאַרטראָטן אין דער פּראָדוקציע פֿון קליידונג און קליידער־שטאָפֿן. פֿון אַנדערע טיפּן אינדוסטריע זײַנען די ליטווינער און איטאַליענער צום שטאַרקסטן פֿאַרטראָטן אין דער פֿאַבריקאַציע פֿון גומע און שכנותדיקע

פּראָדוקטן; ייִדן אין דרוקערײַ און שכנותדיקע אינדוסטריעס; שוועדן, פֿראַנצייזישע קאַנאַדער און בריטיש־אַמעריקאַנער אין אויסאַרבעטן טראַנספּאָרט־מכשירים; אירלענדער און דײַטשן אין דער פֿאַבריקאַציע פֿון כעמישוואַרג און שכנותדיקע פּראָדוקטן; אוקראַיִנער אין טעקסטיל[3] און ייִדן אין באַשפּײַזונג און שכנותדיקע צווײַגן, ווי אויך אין אויסאַרבעטן פּאַפּיר און פּאַפּיר־פּראָדוקטן.

נאָר עפּעס איבער 5 פּראָצענט פֿון אַלע אינדוסטריעלע אַרבעטערס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ניט־געשולטע; איבער 44 פּראָצענט זײַנען האַלבגעשולטע; איבער 27 פּראָצענט געשולטע; אַ ביסל איבער 3 פּראָצענט זײַנען פֿאַרלײַט (מײַסטערס) און אויך איבער 3 פּראָצענט פֿאַרוואַלטערס (עקזעקיוטיווס). די גרופּעס וואָס האָבן דעם העכסטן פּראָצענט ניט־געשולטע צווישן זייערע אינדוסטריעלע אַרבעטערס זײַנען די איטאַליענער, אירלענדער און ליטווינער. די נידעריקסטע פּראָצענטער געפֿינען מיר בײַ שוועדן, ייִדן און אוקראַיִנער. האַלבגעשולטע אַרבעט קומט דער עיקר פֿון אוקראַיִנער, פּאָליאַקן, ליטווינער, פֿראַנצייזישע קאַנאַדער און איטאַליענער. דעם נידעריקסטן פּראָצענט האַלבגעשולטע געפֿינען מיר בײַ ייִדן, שוועדן און בריטיש־אַמעריקאַנער. די גרופּעס מיטן העכסטן פּראָצענט געשולטע אַרבעטערס זײַנען שוועדן און ייִדן, און די מיטן נידעריקסטן פּראָצענט — פּאָליאַקן, איטאַליענער און אוקראַיִנער. אירלענדער און בריטיש־אַמעריקאַנער האָבן דעם העכסטן פּראָצענט פֿאַרלײַט, בשעת ווען דעם נידעריקסטן פּראָצענט האָבן פּאָליאַקן, פֿראַנצייזישע קאַנאַדער, אוקראַיִנער און ליטווינער. ענדלעך גיבן ייִדן, בריטיש־אַמעריקאַנער און דײַטשן די העכסטע צאָל פֿאַרוואַלטערס. פּאָליאַקן, איטאַליענער, פֿראַנצייזישע קאַנאַדער, אוקראַיִנער און ליטווינער זײַנען צום ווינציקסטן רעפּרעזענטירט צווישן די פֿאַרוואַלטערס; די לעצטע צוויי גרופּעס זײַנען דאָ בכלל ניט פֿאַרטראָטן. מען דאַרף באַמערקן, אַז דאָס וואָס ייִדן זײַנען לפּי־ערך שטאַרק פֿאַרטראָטן צווישן די פֿאַרוואַלטערס נעמט זיך דער עיקר פֿונעם פֿאַקט, וואָס פֿאַר פֿאַרוואַלטערס זײַנען פֿאַררעכנט געוואָרן די הויפּטן פֿון לפּי־ערך ניט־וויכטיקע פֿירמעס וואָס באַשעפֿטיקן אָפֿט מאָל ניט מער ווי צוויי אָדער דרײַ אַרבעטערס, צווישן וועלכע דער „פּרעזידענט" איז איינער. ווען מען זאָל געווען אויסגעלאָזן דעם סאָרט מענטשן, וואָלט די צאָל ייִדישע פֿאַרוואַלטערס געווען אַ נישטיקע.

3

ייִדן און איטאַליענער גייען בראָש פֿון אַלע אַנדערע גרופּעס אין האַנדל. צווישן זיך זײַנען זיי אין גאַנצן גלײַך. צוזאַמען שטעלן זיי צו העכער האַלב פֿון אַלע וואָס זײַנען פֿאַרנומען אינעם דאָזיקן פֿעלד. נאָר היות ייִדן זײַנען

[3] ווען מען זאָל געווען אַרײַננעמען אין דער פֿאָרשונג צפֿון־מיזרח־קאָנעטיקוט, וווּ ס'איז קאָנצענטרירט די טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָלט זיך געוויס אַרויסגעוויזן, אַז די פֿראַנצייזישע קאַנאַדער שטייען אויבן אָן אין דעם דאָזיקן צווײַג.

דיאַגראַם 2

פֿאַרטיילונג פֿון די גרעסערע עטנישע גרופּעס לויטן טיפּ באַשעפֿטיקונג אין האַנדל און גרויסהאַנדל פֿון קאָנעטיקוט.



ניט מער ווי איין דריטל פֿון דעם וואָס די איטאַליענער באַטרעפֿן אין דער באַפֿעלקערונג פֿון שטאַט, וואַרפֿט זיך דער הויכער פּראָצענט ייִדן אין האַנדל נאָך מער אין די אויגן. אין באַשפֿעיזונג, אָפּטייקוואַרג און שכנותדיקע אַר־טיקלען און אויך אויפֿן פֿעלד פֿון אויטאָמאָבילן זײַנען זיי גלײַכע יחסנים; נאָר ווײַטער ווײַזן זיי אַ טענדענץ צו ספּעציאַליזירן זיך אין פֿאַרשיידענע בראַנזשעס פֿון האַנדל. אין באַקלייד־ און שניט־אַרטיקלען זײַנען ייִדן 64 פּראָצענט, דאָס הייסט זיי מאָנאָפּאָליזירן פּאַקטיש די בראַנזשע. אין דער צײַט וואָס די איטאַליענער שפּילן דאָ גאָר אַ קנאַפּע ראָלע. דאָס אייגענע איז אויך בײַ עלעקטרישע מכשירים און ראַדיאָ־קראָמען, בײַ צירונגקראָמען און מעבלקראָמען; אין די אַלע בראַנזשעס גייען ייִדן ווײַט פֿאָרויס פֿאַר יעדער אַנדער גרופּע. פֿאַרקערט ווידער זײַנען ייִדן אַ סך שוואַכער פֿאַר־

טראָטן און די איטאַליענער געוועלטיקן אָדער זײַנען פּראָפּאָרציאָנעל איבער־רעפּרעזענטירט אין פּאַפּירקראָמען, מוזיק־ און קונסט־קראָמען; רעסטאָראַנען און אײַזקרעם־קרעמלעך; אין וועשערײַען; אין האַנדל מיט אײַז, קוילן און געהילץ: אין פּאַרווײַלונגען; אין האָטעלן און מעבלירטע צימערן ווי אויך אין פּערזענלעכע דינסטן פֿון אַלע מינים. אין צוויי צווײַגן פֿון האַנדל זײַנען ייִדן און איטאַליענער הינטערשטעליק אַנטקעגן די אירלענדער. דאָס זײַנען דעפּאַרטמענט־סטאָרס, האָטעלן און באַגרעב־פֿירמעס. אַן אַנדער פֿאַך, אין וועלכן די אירלענדער זײַנען בעסער רעפּרעזענטירט ווי ייִדן, זײַנען וועשערײַען.

בײַ אַ סוירוויי פֿון דעם צענטראַלן געשעפֿטן־דיסטריקט פֿון ניו־הייוון, וואָס האָט געדעקט 90 פּראָצענט פֿון אַלע לאַחדים־געשעפֿטן, האָבן מיר אויסגעפֿונען, אַז פֿון 188 קראָמען האָבן 102 געהערט צו ייִדן און 48 צו בריטיש־אַמעריקאַנער. נאָר 12 האָבן באַלאַנגט צו איטאַליענער, 10 צו אירלענדער און 6 צו דײַטשן. די רעשט איז געווען פֿאַרטיילט צווישן אַנדערע גרופּעס. עס איז ניט פֿאַרצייכנט געוואָרן קיין איין געשעפֿט וואָס זאָל געהערן צו אָדער געפֿירט ווערן דורך פּאָליאַקן, ליטווינער אָדער אוקראַיִנער. עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז סײַ אין די בריטיש־אַמעריקאַנער, סײַ אין די איטאַליענישע קראָמען באַלאַנגט היפּש איבער אַ העלפֿט אָנגעשטעלטע צו דער זעלבער גרופּע ווי די בעלי־בתּים. ייִדישע קראָמען באַשעפֿטיקן נאָר איבער 45 פּראָצענט ייִדן, און דײַטשע קראָמען 39 פּראָצענט דײַטשן. געשעפֿטן, וואָס זייערע בעלי־בתּים זײַנען אירלענדער, באַשעפֿטיקן מערניט איבער 14 פּראָצענט אירלענדער; די ווײַט גרעסטע צאָל אָנגעשטעלטע זײַנען בריטיש־אַמעריקאַנער. פֿון דער אַנדער זײַט האָבן בריטיש־אַמעריקאַנער קראָמען אַ טענדענץ אָנצושטעלן מער איטאַליענער און אירלענדער ווי מענטשן פֿון אַנדערע גרופּעס, הגם אויך ייִדן און דײַטשן זײַנען גוט פֿאַרטראָטן צווישן די אָנגעשטעלטע. אַראָפּגערעכנט ייִדישע אָנגעשטעלטע, באַשעפֿטיקן ייִדישע קראָמען אַ סך מער איטאַליענער און בריטיש־אַמעריקאַנער איידער די געשעפֿטסלײַט פֿון אַנדערע גרופּעס.

קראָמען וואָס געהערן צו ייִדן זײַנען טאַקע אַ סך גרעסער אין צאָל איידער קראָמען וואָס באַלאַנגען צו בריטיש־אַמעריקאַנער אָדער אירלענדער, אָבער די צאָל אָנגעשטעלטע איז אי בײַ די בריטיש־אַמעריקאַנער, אי בײַ די אירלענדער כּמעט די זעלבע ווי בײַ די ייִדן. די סיבה איז דאָס וואָס די גרעסטע דעפּאַרטמענט־סטאָרס געהערן צו ניט־ייִדן.

דער לאַחדים־האַנדל אין דעם וויכטיקסטן געשעפֿטן־דיסטריקט פֿון ניו־הייוון איז, הייסט עס, אין אַ גרויסער מאָס בײַ ייִדן, בריטיש־אַמעריקאַנער און אירלענדער אין די הענט. די איטאַליענער האָבן אויך, ווי מיר האָבן שוין געזען, זייער אַ וויכטיקן חלק אין לאַחדים־האַנדל, אָבער זייערע קראָמען געפֿינען זיך דער עיקר אין די שכנישע געשעפֿטלעכע דיסטריקטן, דערהויפּט

אין יענע טײלן שטאָט, וווּ עס איז קאָנצענטרירט די איטאַליענישע באַ־פֿעלקערונג.

אין גרויסהאַנדל טײלן זיך אויס העכער פֿון זייער אַנטייל אין דער באַפֿעלקערונג די בריטיש־אַמעריקאַנער, שוועדן און אירלענדער. אַחוץ זיי האָבן מערניט די דײַטשן לפּי־ערך אַ הויכן פּראָצענט מענטשן אין דעם פֿעלד. ייִדן, פּאָליאַקן, פֿראַנצייזישע קאַנאַדער און ליטווינער זײַנען גאָר שוואַך פֿאַרטראָטן, און צום מערסטן הינטערשטעליק זײַנען די איטאַליענער. איר־לענדער און בריטיש־אַמעריקאַנער צוזאַמען באַטרעפֿן היפּש איבער אַ העלפֿט פֿון אַלע וואָס זײַנען באַשעפֿטיקט בײַ אַסעקוראַציע (אינשורענס), בענק און מעקלערײַ, און גאַנצע 85 פּראָצענט אין מודעות־געשעפֿט (אַדווערטײַזינג). אין הלוואה־קאָמפּאַניעס און „ריִעל עסטייט" זײַנען די דאָזיקע צוויי גרופּעס אויך נישקשהדיק פֿאַרטראָטן. אָבער דעם גרעסטן חלק האָבן דאָ ייִדן. אין „ריִעל עסטייט" פֿאַרנעמען די איטאַליענער דעם צווייטן אָרט נאָך ייִדן, זיי זײַנען ניט ווינציקער ווי אַ פֿערטל אין דעם פֿאַך.

4

די גרופּעס וואָס זײַנען רעפּרעזענטירט אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס היפּש איבער זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג זײַנען די אירלענדער, בריטיש־אַמעריקאַנער און ייִדן. די דרײַ גרופּעס אין איינעם שטעלן צו קרובֿ דרײַ פֿערטל פֿון אַלע פּראָפֿעסיאָנאַלן אין די זעקס אויסגעפֿאָרשטע שטעט. דער העכסטער פּראָצענט איז בײַ די אירלענדער, ווי מען קען זען פֿון טאַ־בעלע 1; כאָטש זיי מאַכן אויס 19.4 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די זעקס שטעט, גיבן זיי איבער 35 פּראָצענט פֿון אַלע פּראָפֿעסיאָנאַלן. די ברי־טיש־אַמעריקאַנער וואָס זײַנען 14.6 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין יענע שטעט באַטרעפֿן איבער 23 פּראָצענט. און ייִדן, 10.9 פֿון דער באַפֿעלקערונג, האָבן גענויע 15 פּראָצענט אין די פּראָפֿעסיעס. אַ ביסל איבער זייער פּראָ־פּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג זײַנען דאָ אויך פֿאַרטראָטן די דײַטשן און די שוועדן.

די אירלענדער, בריטיש־אַמעריקאַנער און ייִדן גייען בראָש פֿון אַלע אַנדערע גרופּעס אין מעדיצין און שכנישע פּראָפֿעסיעס. אָבער די אירלענ־דער אַליין מאַכן אויס אין די דאָזיקע פּראָפֿעסיעס קרובֿ 40 פּראָצענט און שטײַגן איבער צוויי צו איינס אי די בריטיש־אַמעריקאַנער אי די ייִדן. די איינציקע גרופּע חוץ דעם, וואָס האָט מעדיצינערס אַ האָר איבער איר פּראָ־פּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג, זײַנען די שוועדן. די איטאַליענער האָבן אין די דאָזיקע פּראָפֿעסיעס ניט מער ווי 11 פּראָצענט, דאָס הייסט ווינציקער ווי אַ העלפֿט וויפֿל עס וואָלט זיי געקומט לויט זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג.

אויפֿן פֿעלד פֿון דערציִונג שטייען ווײַטער די אירלענדער אויבן אָן; אי־בער 43 פּראָצענט פֿון אַלע מענטשן אין דעם פֿאַך זײַנען אירלענדער. באַלד

דיאַגראַם 3

פּראָצענטועלע פֿאַרטײלונג פֿון די גרעסערע עטנישע גרופּעס אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס פֿון קאָנעטיקוט.



(1) פֿאַר וואָטערבערי איז די צאָל אוקראַינער ניט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן.

(2) די קאַטעגאָריע אַ נ ד ע ר ע איז כּולל גײַסטלעכע, לאָיערס, רעדאַקטאָרן, „עקאַונטענטס", סאָציאַלע אַרבעטערס און קינסטלערס.

נאָך זיי גייען די בריטיש־אַמעריקאַנער מיט קרובֿ 27 פּראָצענט. יִדן שטייען אויפֿן דריטן אָרט, אָבער זייער אָנטייל איז נאָר אַ האָר העכער איידער זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג. די בריטיש־אַמעריקאַנער גייען בראָש צווישן די אַרכיטעקטן, אינזשעניִרן, צייכענערס אאַז״וו; נאָענט צו איין דריטל אין דער דאָזיקער בראַנזשע זײַנען בריטיש־אַמעריקאַנער. נאָך זיי גייען, מיט איבער אַ פֿערטל אין דער בראַנזשע, די אירלענדער. אַנדערע גרופּעס וואָס זײַנען היפּש פֿאַרטראָטן צווישן אינזשעניִרן, אַרכיטעקטן און אַזוי ווײַטער זײַנען דײַטשן און שוועדן. ספּעציעל דײַטשן וואַרפֿן זיך אין די אויגן מיט העכער 18 פּראָצענט אין די דאָזיקע בראַנזשעס, כאָטש זיי מאַכן אויס נאָר 6.4 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג. יִדן, פּונקט ווי איטאַליענער, זײַנען דאָ בפֿירוש הינטערשטעליק.

צווישן די אָנגעשטעלטע („ווײַסער־קאָלנער״־אַרבעטערס) זײַנען צום שטאַרקסטן פֿאַרטראָטן די אירלענדער: איבער אַ פֿערטל אין דער דאָזיקער גאַנצער קאַטעגאָריע איז אירלענדיש. באַלד נאָך זיי גייען יִדן, דערנאָך בריטיש־אַמעריקאַנער און איטאַליענער. אויב מען צעטיילט דעם קלאַס מענטשן אויף פֿאַרקויפֿערס און ביוראָ־אָנגעשטעלטע, ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דער ערשטער קאַטעגאָריע שטייען אויבן אָן יִדן און אין דער צווייטער אירלענדער. אויב מען זאָל אַראָפּרעכענען יִדן, שטייען די אירלענדער אויפֿן ערשטן אָרט צווישן די פֿאַרקויפֿערס. די איטאַליענער גייען באַלד נאָך זיי צווישן די פֿאַרקויפֿערס און ביוראָ־אָנגעשטעלטע, אָבער פֿון דעסט וועגן זײַנען זיי פּראָפּאָרציאָנעל שטאַרק הינטערשטעליק אין די ביידע באַשעפֿטיקונגען.

5

פֿון דעם אַלעם וואָס איך האָב דאָ געבראַכט זעט זיך בולט אַרויס, אַז אין דער אינדוסטריע פֿון קאָנעטיקוט זײַנען פֿאַראַן ספּעציעלע יחסנדיקע גרופּעס, קודם־כּל די בריטיש־אַמעריקאַנער. זיי פֿאַרנעמען בפֿירוש דעם אויבנאָן אין די בראַנזשעס און פּאָזיציעס וואָס טראָגן אײַן צום מערסטן. די גרופּעס פֿון צפֿון־ און מערבֿ־אייראָפּע, דהײַנו אירלענדער, שוועדן און דײַטשן און ביז אַ געוויסן גראַד די פֿראַנצייזישע קאַנאַדער, האָבן אַ טענדענץ צו די פּרנסות וואָס גיבן בדרך־כּלל מער זיכערקייט און בעסערע פֿאַרדינסטן איידער די גרופּעס וואָס זײַנען געקומען פֿון מיזרח־ און דרום־אייראָפּע (פּאָליאַקן, ליטווינער, אוקראַינער און איטאַליענער). יִדן זײַנען אַ גרופּע אין גאַנצן פֿאַר זיך. זיי זײַנען דער עיקר אַרײַנגעטאָן אין האַנדל, גרויסהאַנדל און אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס; אין אינדוסטריע זײַנען זיי לפֿי־ערך קנאַפּ פֿאַרטראָטן. חוץ דעם איז דער רובֿ יִדן אין דער בחינה פֿון געשולטע אַרבעטערס און פֿון געשעפֿט־פֿירערס. אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז, אַראָפּגערעכנט די בריטיש־אַמעריקאַנער וואָס שטייען בלי שום ספֿק אויבנאָן אין עקאָנאָמישן לעבן, האָבן דערגרייכט אַ העכערן שטאַפּל אויפֿן לייטער פֿון

באַשעפֿטיקונגען יענע גרופּעס וואָס זײַנען צום לענגסטן אין לאַנד אָדער וואָס האָבן זיך צום מערסטן אַרײַנגעפּאַסט אין אַמעריקאַנער שטייגער לעבן.

אַז די אָנפֿירערשאַפֿט און די דעה איבער דער קאָנעטיקוטער אינדוסטריע איז בפֿירוש בײַ די בריטיש־אַמעריקאַנער אין האַנט, זעט זיך אַרויס נאָך פֿון עפּעס אַנדערש. פֿון די 107 ערשטקלאַסיקע אונטערנעמונגען, ד"ה פֿאַבריקן וואָס באַשעפֿטיקן איבער 500 אַרבעטערס, האָבן מיר אַרויסגעטיילט די 39 גרעסטע, דהײַנו יענע וואָס זײַנען פֿאַרצייכנט אין פּור'ס Industrial Directory, און אויסגעפֿאָרשט דעם עטנישן אָפּשטאַם פֿון זייערע באַאַמטע און דירעקטאָרן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿון די 458 באַאַמטע און דירעקטאָרן פֿון די דאָזיקע קאָרפּאָראַציעס זײַנען ניט ווינציקער ווי 404 געווען בריטיש־אַמעריקאַנער. מערניט 33 זײַנען געווען פֿון דײַטשן אָפּשטאַם און 18 איר־לענדער; 7 זײַנען געווען פֿראַנצויזן, 2 שוועדן, 2 ייִדן, 1 האָלענדער און 1 רוס.

דאָס בילד וואָלט פֿאַרשטייט זיך אויסגעזען גאָר אַנדערש, ווען מען וואָלט אַרײַנגענומען אין קאָן די קלענערע פֿאַבריקן אויך. ס'וואָלטן זיך יע־מאָלט אַרויסגערוקט פֿאָרויס די שוועדן, דײַטשן און פֿראַנצייזישע קאַנאַדער. און אויב מען וואָלט נאָך אַרײַנגענומען די אונטערנעמונגען וואָס באַשעפֿטיקן ווייניקער ווי צען אַרבעטערס, וואָלטן זיך אויסגעטיילט ייִדן און איטאַליענער, איבער הויפּט צווישן די באַקלייד־וואַרשטאַטן. דער פֿאַקט בלײַבט אָבער אַ פֿאַקט, אַז די וויכטיקסטע פֿאַבריקן זײַנען בײַ בריטיש־אַמעריקאַנער אין די הענט און אַז די גרויסע מאַסע אַרבעטערס איז באַשעפֿטיקט אין די דאָזיקע פֿאַבריקן.

אַן אויספֿאָרשונג פֿון די נעמען פֿון די פּרעזידענטן אין אַלע בענק אין קאָנעטיקוט באַווײַזט, אַז קרובֿ 90 פּראָצענט זײַנען פֿון בריטיש־אַמעריקאַנער אָפּשטאַם, און דער גרעסטער טייל פֿון זיי זײַנען פֿון אַלטן אַמעריקאַנער שטאַם. אין אַסעקוראַציע האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז די וויכטיקע באַאַמטע און דירעקטאָרן זײַנען דער עיקר בריטיש־אַמעריקאַנער. צווישן די אַסעקוראַציע־אַגענטן זײַנען געווייִנטלעך היפּש מיטגלידער פֿון אַנדערע גרופּעס. אָבער די גרעסטע איינציקע גרופּע זײַנען ווידער אַ מאָל בריטיש־אַמעריקאַנער: בערך איין דריטל פֿון די 600 אַגענטן אין שטאָט באַלאַנגען צו דער דאָזיקער גרופּע. ייִדן גייען באַלד נאָך זיי מיט 100 אַגענטן, דערנאָך גייען די איטאַליענער מיט 86 און די אירלענדער מיט 70.

הייסט עס להיפּוך צו דער אָנגענומענער מיינונג, זײַנען די אינדוסטריע און דער גרויסהאַנדל דערהויפּט בײַ די בריטיש־אַמעריקאַנער אין די הענט. מיט־בעלי־בתּים מיט זיי זײַנען אין אַ געוויסער מאָס אירלענדער, שוועדן און דײַטשן. מערניט ווען מיר קומען צו צו די קלענערע אונטערנעמונגען גע־פֿינען מיר אַנדערע גרופּעס אויף חשובֿע פּאָזיציעס. די בריטיש־אַמעריקאַנער און די אַנדערע דרײַ דערמאָנטע גרופּעס זײַנען בעלי־בתּים איבער גרויסע

פֿאַבריקן און איבער די מעכטיקע האַנדל־אונטערנעמונגען. מענטשן פֿון די אַנדערע גרופּעס שטייען דאָס רובֿ בײַ די לפּי־ערך ניט־וויכטיקע אונטער־נעמונגען. די גרופּעס וואָס קומען פֿון מיזרח־ און דרום־אייראָפּע זײַנען דער הויפּטקוואַל פֿון אַרבעטקראַפֿט. הגם דער האַנדל שטייט אײַן אין אַ גרויסער מאָס בײַ ייִדן און איטאַליענער, איז ער אָבער שטאַרק אָפּהענגיק פֿון גרויס־האַנדל און פֿון די פֿינאַנציעלע אײַנריכטונגען, אַזוי אַז מען קען זאָגן, אַז אויפֿן האַנדל האָבן אויך אַ דעה, זאָל זײַן אומדירעקט, די בריטיש־אַמערי־קאַנער און די אַנדערע מערבֿ־אייראָפּעיִשע גרופּעס.

די פֿאַרשונג ווײַזט אויך בולט, אַז די אירלענדער און די בריטיש־אַמע־ריקאַנער שטעלן ניט נאָר צו דעם גרעסטן פּראָצענט פֿאַר דער באַאַמטנשאַפֿט אין ציווילן דינסט און פֿאַר די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, נאָר אַז זיי פֿאַרנעמען ממש אַן אָנפֿירנדיקע פּאָזיציע אויף די דאָזיקע ביידע פֿעלדער. אין די פֿרײַע פּראָ־פֿעסיעס גייען ייִדן באַלד נאָך די אירלענדער און בריטיש־אַמעריקאַנער, אָבער נאָר אין די דרײַ צווײַגן: יורי, מעדיצין און דענטיסטיק. ס'איז אינ־טערעסאַנט, אַז די גרעסטע פּראָפּאָרציע פֿון אַלע סטודענטן פֿון 21 יאָר און העכער, דהײַנו איבער אַ פֿערטל, זײַנען ייִדן. די איינציקע אַנדערע גרופּע וואָס איז רעפּרעזענטירט אין דעם דאָזיקן קלאַס איבער איר פּראָפּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג, אָבער אין אַ סך אַ קלענערער מאָס, זײַנען די בריטיש־אַמעריקאַנער. אויך דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן, אַז שוועדן, ייִדן און פֿראַנ־צייזישע קאַנאַדער זײַנען פּראָפּאָרציאָנעל צום ווינציקסטן פֿאַרטראָטן צווישן די רעליף־אַרבעטערס, דאָס הייסט צווישן די וואָס זײַנען אויפֿן צעטל בײַ דער WPA, CCC און NYA.

אַ בינטל פֿאַקטן וועגן דער ייִדישער יוגנט אין אַמעריקע

פֿון נ. גאָלדבערג

פֿאַר יוגנטלעכע רעכנט מען ס׳רובֿ פּערזאָנען אין עלטער פֿון 16 ביז 24 יאָר. וועגן אָט דער עלטער־גרופּע קען מען זאָגן, אַז זי געפֿינט זיך אין אַן איבערגאַנג־פֿאַזע. עס זײַנען שוין מסתמא ניטאָ, ביאָלאָגיש גערעדט, קיין וויכטיקע אונטערשיידן צווישן למשל אַ זעכצן־זיבעצן־יאָריקן בחור און אַ דערוואַקסענעם. אין דער צײַט קומט פֿאָר אַן איבערבײַט אין פּסיכישן לעבן, האַלטונג, וועלטבאַנעם און אינטערעסן. די יונגע מענטשן ווילן זײַן פֿרײַ.

די באַציִונג מצד דער געזעלשאַפֿט צו זיי בײַט זיך אויך. זיי צווינגען גיין אין שול קען מען שוין כּמעט ווי ניט. זיי האָבן געוויינטלעך דאָס רעכט חתונה צו האָבן אַפֿילו אָן דער הסכּמה פֿון די עלטערן. און ווען זיי דערגרייכן דעם עלטער פֿון 20 צי 21 יאָר, זײַנען זיי שוין בירגער.

עקאָנאָמיש איז אָבער גאָר אַנדערש. אין די יאָרן טראַכטן מענטשן וועגן אַ תּכלית און פּרוּוון אַפֿילו עפּעס טאָן וועגן דעם, אָבער זיי זײַנען נאָך אין אַ סך פֿאַלן אַלץ אָפּהענגיק פֿון זייערע עלטערן. טייל פֿון זיי, ספּעציעל די וועלכע ווילן אַרײַן אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, פֿאַרבלײַבן אין שול אַ לענגערע צײַט און במילא קען בײַ זיי גאָר קיין רייד ניט זײַן וועגן פֿאַרדינען. און אַפֿילו די אַנדערע קענען זיך ניט שטענדיק אַן עצה געבן אָן דער פֿינאַנ־ציעלער הילף פֿון דער משפּחה. זיי קומט אויס, ערשטנס, זיך אויסצולערנען אַ געוויסע מלאָכה; צווייטנס געדויערט אַ היפּש ביסל צײַט, אַפֿילו אין גוטע יאָרן, ביז מען געפֿינט וואָס מע וויל; און דריטנס, די שׂכירות זײַנען אין די ערשטע יאָרן ניט תּמיד גענוג אויף צו דעקן די אייגענע הוצאות.

די לאַגע פֿון די יוגנטלעכע האָט זיך פֿאַרערגערט משך די יאָרן פֿון עקאָנאָמישן קריזיס. איצט למשל ווייסן מיר, אַז אין 1937, ווען ס׳איז געמאַכט געוואָרן די ציילונג פֿון אַרבעטסלאָזע, האָבן 41 פּראָצענט פֿון פּערזאָנען אין עלטער פֿון 15 ביז 19 יאָר און 24.3 פּראָצענט פֿון דער גרופּע 20 ביז 24 יאָר געזוכט און ניט געקענט געפֿינען קיין שום אַרבעט. אין קיינער פֿון די אַנדערע עלטער־גרופּעס איז די פּראָפּאָרציע אַרבעטסלאָזע ניט געווען אַזוי גרויס. און דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק וועגן דעם פּראָצענט פֿון טיילווײַז אַרבעטסלאָזע.[1]

[1] *U.S. Unemployment Census*, 1937, vol. 4, p. 12.

לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1940 זײַנען 25 פּראָצענט פֿון דער עלטער־גרופּע פֿון 14 ביז 19 יאָר אַרבעטסלאָזע. די פּראָפּאָרציע אַרבעטסלאָזיקייט פֿון יעדער עלטער־גרופּע איבער 25 יאָר איז נאָר 7 צי 8 פּראָצענט.[2]

2

לאָמיר צום ערשטן פּרוּוון אויסגעפֿינען, וויפֿל ייִדן באַלאַנגען צו דער עלטער־גרופּע פֿון 16 ביז 24 יאָר. זאָל דאָ אָבער באַמערקט ווערן, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין פּינקטלעכע ידיעות וועגן דער צאָל ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און במילא אויך וועגן דער פּראָפּאָרציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דעם עלטער. אַלץ וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן דעם זײַנען בכן ניט מער ווי שאַצונגען צי השערות.

עס ווערט גערעכנט, אַז עס זײַנען איצט פֿאַראַן אין לאַנד קרובֿ פֿינף מיליאָן ייִדן.[3] 16.3 פּראָצענט פֿון דער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג איז אין 1930 געווען עלטער ווי 16 און ייִנגער ווי 25 יאָר, און דער פּראָצענט פֿון דער גרופּע האַלט אין פֿאַרקלענערן זיך.[4] אויב מיר נעמען אָן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן געוויסע ענלעכקייטן אין דער פּראָפּאָרציע פֿון די פֿאַרשיידענע ייִדישע און ניט־ייִדישע עלטער־גרופּעס, איז זײַנען פֿון 750,000 ביז 800,000 פֿון אונדז אין דעם עלטער פֿון 16 ביז 24 יאָר. מיר וועלן זאָגן, אַז עס זײַנען איצט פֿאַראַן אַרום דרײַ פֿערטל מיליאָן ייִדן אין דעם עלטער. אַרום 48% פֿון זיי זײַנען מענער און אַרום 52% פֿרויען. דאָס מיינט, אַז קרובֿ 400,000 פֿרויען און בערך 350,000 מענער פֿון די פֿינף מיליאָן ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען איצט עלטער ווי 16 און ייִנגער ווי 25 יאָר. כמעט אַלע פֿון זיי, 96% פֿון אַ גרופּע 408 באַלטימאָרער, זײַנען הי־געבוירענע, הגם די גרעסטע מערהייט, 83 פּראָצענט בײַ איבער 2,800 ניו־יאָרקער, זײַנען קינדער פֿון עלטערן־אימיגראַנטן.[5]

וואָס טוען זיי? עס איז רעכט צו זאָגן, אַז אַ פֿערציק, און מסתמא ניט מער ווי פֿופֿציק, פּראָצענט פֿון דער גרופּע אַרבעטן. לויט אַן אויספֿאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין 1935 אין ניו־יאָרק פֿון אַרום איין פּראָצענט פֿון דער עלטער־גרופּע, קומט אויס, אַז 38.5 פּראָצענט פֿון אונדזערע, 46.2 פּראָצענט פֿון די פּראָטעסטאַנטישע און 37 פּראָצענט פֿון די קאַטוילישע

2 *New York Times*, February, 1941.

3 אין 1937, ווערט אָנגעגעבן, זײַנען דאָ געווען 4,770,647 ייִדן. איצט, אויב דער וווּקס איז געבליבן דער זעלביקער, זײַנען מסתמא פֿאַראַן מיט אַ 200,000 מער. זע: *American Jewish Year Book,* p. 42.

4 U.S. Census Bureau, *15th Census, 1930, Population,* vol. 2, p. 597.

5 Jewish Occupational Council, *Some Characteristics of 408 Baltimore Jewish Youth, 1940.* [מאַשינשריפֿט] N. P. McGill, "Some Characteristics of Jewish Youth in New York City." In: *Jewish Social Service Quarterly,* Dec. 1937, p. 253.

האָבן געאַרבעט.[6] די באַלטימאָרער אויספאָרשונג פון 408 ייִדישע יוגנטלעכע האָט באַוויזן, אַז אַרום 41 פּראָצענט זײַנען געווען באַשעפטיקט. אויב די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך משך די לעצטע יאָרן באמת פאַרבעסערט, איז אפשר די פּראָפּאָרציע אַרבעטנדיקע איצט גרעסער ווי מיט פינף יאָר צוריק. עס איז אָבער שווער משער צו זײַן, אַז מער ווי אַ העלפט יוגנטלעכע אַרבעטן. עס איז מסתמא ניטאָ קיין שום אונטערשייד אין דער רעלאַטיווער צאָל באַשעפטיקטע מענער און פרויען. אַ גרעסערער פּראָצענט פון די וועלכע זײַנען איבער צוואַנציק יאָר אַלט ווי פון די ייִנגערע האָבן אַרבעט.

הגם מיר ווייסן ניט אויף זיכער, וואָס אונדזערע אַרבעטנדיקע יוגנטלעכע טוען, קען אָבער גאָר קיין ספק ניט זײַן, אַז עס זײַנען פאַראַן געוויסע אונ־טערשיידן צווישן זיי און ניט־ייִדן אין די פאַכן, מיט וועלכע זיי פאַרנעמען זיך. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער עקאָנאָמישער עבר פון ייִדן איז אַנדערש ווי פון די אומות־העולם. מיר האָבן פיל הונדערטער יאָרן געלעבט אין שטעט, ווו דער עקאָנאָמישער „פּורעם" (pattern) איז אַנדערש ווי אין שטעטלעך און דערפער. אין טייל פאַכן זײַנען מיר ניט געווען — צי מען האָט ניט געלאָזן, צי מיר האָבן אַליין ניט געוואָלט. ניט נאָר זײַנען מיר געווען מער אורבאַניזירט ווי אַנדערע, נאָר אונדז איז אויסגעקומען מער ווי אַנדערע צו וואַנדערן, אַזוי אַז מיר האָבן געמוזט צופּאַסן אונדזערע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן צו די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען. זײַענדיק אורבאַניזירט, אַ צוויי־ אויב ניט אַ דרײַ־שפּראַכיק פאָלק און ניט פאַרגעסנדיק דעם „ושננתם לבניך", זײַנען מיר געוואָרן אַן עם־הספר. אַ גרעסערער פּראָ־צענט פון אונדז ווי פון אונדזערע שכנים, אין אַנדערע ווערטער, האָבן זיך גענומען צו די פרײַע פּראָפעסיעס. דערצו דאַרף מען זיך רעכענען אויך מיט די פעיִקייטן פון יחיד און מיט די טראַדיציעס, ווערטן און אידעאַלן פון דער פאַמיליע.

די דערמאָנטע ניו־יאָרקער אויספאָרשונג האָט אַרויסגעבראַכט עטלעכע אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן די קוואַלן פון הכנסה בײַ אונדזער יונגן דור. 65 פּראָצענט פון אונדזערע יוגנטלעכע און ניט מער ווי 43 פּראָצענט פון די אַנדערע וועלכע האָבן געאַרבעט אין 1935 זײַנען געווען בוכהאַלטאָרן, קאַסירערס, „עקאַונטענטס", סטענאָגראַפיסטן, האַנדלס־אָנגעשטעלטע וכדומה. 21 פּראָצענט פון אונדזערע און כמעט איין דריטל פון די אַנדערע זײַנען געווען ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטערס; 3.5 פּראָצענט פון דער ייִדישער און אַרום 5 פּראָצענט פון דער ניט־ייִדישער גרופּע זײַנען געווען געשולטע אַרבעטערס; און מיר האָבן געהאַט מער פּראָפעסיאָנאַלן. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ קלענערע פּראָפּאָרציע צווישן די וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פערזענלעכער און שטוביקער באַדינונג. אַ גרעסערער פּראָצענט פון אונדזערע

6 N. P. McGill, "The Religio-Cultural Backgrounds of New York City's Youth." In: *Better Times*, April 5, 1937, p. 23.

מענער ווי פֿון פֿרויען זײַנען געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן, פֿאַרוואַלטערס און בעלי־הבתּים פֿון געשעפֿטן און פֿאַבריקן, געשולטע און ניט־געשולטע אַרבעטערס, בעת אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פֿון אונדזערע פֿרויען ווי פֿון די מענער האָבן זיך פֿאַרנומען מיט ביוראָ־אַרבעט און מיט שטוביקער און פּערזענלעכער באַדינונג.[7] דאָס איז אפֿשר ניט שווער צו פֿאַרשטיין. די אַרבעט פֿון דער פֿרוי איז אַן אַנדערע, און במילא איז זי ס'רובֿ ניט מער ווי צײַטווײַליק באַשעפֿטיקט. איבער דעם פֿאַרנעמט זי זיך גיכער מיט אָפֿיס־אַרבעט און ענלעכע פֿאַכן וועלכע פֿאָדערן ניט קיין פֿיל צוגרייטונג און אויך ניט קיין סך אָנשטרענגונג.

דער שטייגער באַשעפֿטיקונג פֿון די באַלטימאָרער יוגנטלעכע איז געווען אַנדערש. אַרום 13 פּראָצענט פֿון די באַלטימאָרער און אַ 4 פּראָצענט פֿון די ניו־יאָרקער זײַנען געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן; אַ קלענערער פּראָצענט פֿון די באַלטימאָרער זײַנען געווען ביוראָ־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע (53%, לגבי 65% אין ניו־יאָרק) און ניט־געשולטע אַרבעטערס. אַרום אַ העלפֿט פֿון די באַלטימאָרער האָבן אָבער געוואָלט זײַן פּראָפֿעסיאָנאַלן צי טעכניקערס, בעת ניט מער ווי איין פֿערטל האָבן געוואָלט זײַן ביוראָ־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע.[8] אַ לפֿי־ערך גרעסערע צאָל פֿון אונדזערע ווי פֿון די אַנדערע יוגנטלעכע אין ניו־יאָרק איז געווען פֿאַראינטערעסירט אין פּראָפֿעסיאָנעלע און קאָמערציעלע קורסן.

די ייִדישע יוגנט, לויט די רעזולטאַטן פֿון די פּאָר אויספֿאָרשונגען, איז דער עיקר פֿאַראינטערעסירט אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, אין ביוראָ־אַרבעט און אויך אין קאָמערץ. אַ טייל פֿון אונדזערע יוגנטלעכע קומט אָבער אויס, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, זיך צו פֿאַרנעמען גאָר מיט אַנדערע מלאָכות.

די ייִדישע יוגנט, לויט די רעזולטאַטן פֿון די פּאָר אויספֿאָרשונגען, איז דער עיקר פֿאַראינטערעסירט אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, אין ביוראָ־אַרבעט און אויך אין קאָמערץ. אַ טייל פֿון אונדזערע יוגנטלעכע קומט אָבער אויס, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, זיך צ פֿאַרנעמען גאָר מיט אַנדערע מלאָכות.

3

עס איז רעכט צו זאָגן, אַז אַ פֿערטל פֿון אונדזערע 750,000 יוגנטלעכע זײַנען סטודענטן. צווישן זיי זײַנען מסתּמא פֿאַראַן מער יונגע־לײַט ווי פֿרויען. אַ 30 פּראָצענט פֿון אונדזערע זין און אַ 20 פּראָצענט פֿון אונדזערע טעכטער אין עלטער פֿון 16 ביז 24 יאָר שטודירן. פֿון 60 ביז 70 פּראָצענט פֿון זיי געפֿינען זיך מסתּמא אין „הײַסקול“. די איבעריקע שטודירן אין קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אַרום צוויי דריטל פֿון אונדזערע קינדער אין די אינסטיטוציעס פֿאַר העכערער בילדונג זײַנען יונגע־לײַט און איין דריטל זײַנען

---

7 McGill. In: *Jewish Social Service Quarterly*, Dec. 1937, p. 263.

8 Jewish Occupational Council, pp. 13-14. (זע הערה 5)

פּרויען. אַ קלענערער פּראָצענט פון די וועלכע זײַנען עלטער ווי 20 יאָר ווי פון די ייִנגערע זײַנען סטודענטן.

וואָס שטודירן אונדזערע יוגנטלעכע? אין 1935 זײַנען אויסגעפאָרשט געוואָרן די פּראָפעסיעס, אין וועלכע 35,500, אַ דריטל פון אונדזערע סטודענטן אין אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס, זײַנען געווען פאַראינטערעסירט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז 15 פּראָצענט פון אונדזערע און 45 פּראָצענט פון די אַנדערע האָבן געוואָלט ווערן לערערס. עפּעס מער ווי איין פינפטל פון די ייִדן און ניט מער ווי 6 פּראָצענט פון די קריסטן האָבן שטודירט יורי. די פּראָפּאָרציע פון ייִדישע צו ניט־ייִדישע סטודענטן וועלכע האָבן זיך געהאַט ספּעציאַליזירט אין מעדיצין און קאָמערץ איז געווען צוויי צו איינס. אַרום 60 פּראָצענט פון אונדזערע און ניט מער ווי 23 פּראָצענט פון די אַנדערע סטודענטן האָבן זיך געהאַט ספּעציאַליזירט אין מעדיצין, קאָמערץ און יורי. ס׳דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז ניט אַלע פאַרנעמען זיך מיט די פּראָפעסיעס, אין וועלכע זיי האָבן געהאַט בדעה צו פּראַקטיקירן.

די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די סטודענטן אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש, וווּ די גרעסטע מערהייט זײַנען ייִדן, זײַנען געווען אַנדערש. אַ דריטל פון זיי, לגבי 15 פּראָצענט פון דער פריִער דערמאָנטער גרופּע, האָבן געוואָלט ווערן לערערס; אַ זעקסטל האָבן געהאַט בדעה צו שטודירן מעדיצין; 12 פּראָצענט האָבן זיך געגרייט ווערן אינזשענירן; אַ 10 פּראָצענט האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין קאָמערץ; און אַ 4 פּראָצענט זײַנען געווען קומענדיקע דענטיסטן.[9] דאָס וואָס אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון די סיטי־קאָלעדזש־סטודענטן האָבן געוואָלט ווערן לערערס קען משמעות צוגעשריבן ווערן צו דעם, וואָס אין די ניו־יאָרקער שולן דיסקרימינירט מען ווינציקער ווי אין אַנדערע און ניו־יאָרקער לערערס צאָלט מען בעסער (צווישן די געפאָרשטע זײַנען אַגבֿ געווען ניט־ייִדישע סטודענטן אויך).

בכלל גערעדט זײַנען אונדזערע יוגנטלעכע מער פאַראינטערעסירט אין די אומאָפּהענגיקע צי אַליין־באַשעפטיקנדיקע פּראָפעסיעס — מעדיצין, יורי וכדומה — ווי אין די, וווּ עס קומט אויס צו אַרבעטן פאַר אַנדערע: לערערײַ וכדומה. דער ייִדישער דאָקטער, דענטיסט צי לאָיער קען, ספּעציעל אין אַ שטאָט מיט אַ גרויסן ייִדישן קיבוץ, ווי עס איז מאַכן אַ לעבן. לויט אַן אויספאָרשונג פון אַ דרײַ טויזנט ייִדישע אַדוואָקאַטן אין ניו־יאָרק קומט אויס, אַז 55 פּראָצענט פון זיי האָבן געהאַט מער ווי אַ העלפט ייִדן צווישן זייערע קליענטן. אמת, זייערע יאָריקע פאַרדינסטן זײַנען געווען קלענער ווי בײַ די, וועלכע האָבן געהאַט מער ווי אַ העלפט ניט־ייִדן פאַר קליענטן ($2,150 לגבי $2,593) און אַ סך קלענער ווי בײַם קריסטלעכן אַדוואָקאַט.[10]

9 Lee Levinger, *The Jewish Student in America*. 1937, p. 80. J. Zubin, *Choosing a Life Work*, 1937, p. 55.

10 M. Fagen, "The Status of Jewish Lawyers in New York City." In: *Jewish Social Studies*, I.

זיי האָבן אָבער פֿאַרט געהאַט חיונה. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן ייִדישן דאָקטער און דענטיסט. אַנדערש איז אָבער די לאַגע פֿון דעם אינזשעניר צי אַרכיטעקט. די מערסטע פֿון זיי קומט אויס צו אַרבעטן פֿאַר קאָמפּאַניעס וואָס זײַנען ניט אין ייִדישע הענט.

אַ קלענערער פּראָצענט פֿון אונדזערע יוגנטלעכע מחוץ ניו־יאָרק נעמען זיך צו לערערײַ ווײַל עס זײַנען פֿאַראַן געגנט שטעט און שטעטלעך, ווו די שולן זײַנען רעזערווירט פֿאַר אייגענע מענטשן. אַפֿילו אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, ווו דערגרייכונגען און אויפֿטוען שפּילן דוכט זיך אַ גרויסע ראָלע, וויל מען ניט האָבן „צו פֿיל" ייִדישע פּראָפֿעסאָרן. אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש איז די צאָל ייִדישע לערערס קליין. און עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז 87 פֿון 185 אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס האָבן געהאַט 2.2 פּראָצענט, 62 ניט מער ווי 1.8 פּראָצענט, און 36 האָבן בכלל ניט געהאַט קיין איין ייִדישן לערער.[11] צי איז אַ חידוש, וואָס אונדזערע יוגנטלעכע זײַנען דער עיקר פֿאַראינטערעסירט אין פּראָפֿעסיעס, אין וועלכע זיי קענען אַרבעטן פֿאַר זיך אַליין?

טייל פֿון דער ניט־ייִדישער געזעלשאַפֿט האָט אָבער גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם. מען הערט כּסדר טענות, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צו פֿיל ייִדישע מעדיקערס, דענטיסטן, לאָיערס און אַנדערע פּראָפֿעסיאָנאַלן, און מען האָט במילא די לעצטע יאָרן פּאַקטיש אײַנגעפֿירט אַ פּראָצענט־נאָרמע אין אַ צאָל שולן פֿאַר פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. אַזוי למשל איז די צאָל ייִדישע סטודענטן אין די מעדיציניִשע שולן לעצטנס שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן. אין 1927 זײַנען פֿיר פֿינפֿטל פֿון די ניט־ייִדישע און אַ העלפֿט פֿון די ייִדישע אַפּליקאַנטן פֿון סיטי־קאָלעדזש אָנגענומען געוואָרן אין מעדיציניִשע שולן, בעת אין 1930 זײַנען די פּראָצענטער געווען 73.7 און ניט מער ווי 18.7.[12] אין 1938 האָבן געלערנט אין די אַמעריקאַנער מעדיציניִשע שולן אַ דריטל וויניקער ייִדן ווי אין 1933.[13] אונדזערע יוגנטלעכע ווערן עלימינירט פֿון די שולן, הגם זיי זײַנען אפֿשר בעסערע סטודענטן ווי די אַנדערע.[14] ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק פֿלעגן זיי זיך נאָך אַן עצה געבן: אויב זיי האָבן ניט געקאָנט אָנקומען אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט, פֿלעגן זיי פֿאָרן קיין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, פֿראַנקרײַך צי ענגלאַנד. הײַנט איז דאָס אויך אָפּגעפֿאַלן.

די לאַגע פֿון אונדזערע יוגנטלעכע איז ערגער ווי פֿון די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע. זיי לײַדן ניט נאָר פֿון דעם אַלגעמיינעם מצבֿ אין לאַנד, נאָר אויך פֿון דעם וואָס זיי זײַנען ייִדן. מע לאָזט זיי ניט שטודירן דאָס,

---

11 J. X. Cohen, *Jews, Jobs and Discrimination*, 1937, p. 19. I. Rosen, "Professional Careers for Jewish Youth." In: *Jewish Social Service Quarterly*, 15, p. 353.

12 Broun and Britt, *Christians Only*. p. 145.

13 J. A. Goldberg, "Jews in the Medical Profession." In: *Jewish Social Studies*, I.

14 J. Zubin, *Choosing a Life Work: Medicine*, 1937, p. 35.

פֿון וואָס זיי וואָלטן נאָך אפֿשר געקאָנט מאַכן אַ לעבן, און זיי ספּעציאַליזירן זיך ניט אין די אַנדערע פּראָפֿעסיעס, ווײַל ניט אַלע אַרבעט־געבערס ווילן אָנשטעלן ייִדן צי ווײַל זיי זײַנען ניט פֿאַראינטערעסירט אין אַזוינע פֿאַכן. און ווען אונדזערע יוגנטלעכע וואָלטן זיך גענומען צו אַנדערע פֿאַכן — צי וואָלט ניט באַלד געוואָרן אַ ויצעקו, אַז עס זײַנען צו פֿיל ייִדן אין די פֿאַכן?

4

די איבעריקע פֿון אונדזערע יוגנטלעכע זײַנען מסתּמא אַרבעטסלאָז. אין 1937, ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, האָבן 41 פּראָצענט אין עלטער פֿון 15 ביז 19 יאָר און 24.3 פּראָצענט אין עלטער פֿון 20 ביז 24 יאָר ניט געקאָנט געפֿינען קיין שום אַרבעט. און מיר ווייסן, אַז אַ גרעסערער פּראָצענט פֿון די וועלכע האָבן געוווינט אין שטעט מיט 100,000 צי מער אײַנוווינערס, אין וועלכע 86 פּראָצענט פֿון אַמעריקאַנער ייִדן געפֿינען זיך, זײַנען אַרבעטסלאָז ווי אין די קלענערע שטעט. עס איז במילא מיגלעך, אַז אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פֿון אונדזערע ווי פֿון די אַנדערע יוגנטלעכע איז געווען און איז נאָך אַרבעטסלאָז. די דערמאָנטע ניו־יאָרקער אויספֿאָרשונג האָט אַפֿילו באַוויזן, אַז אין דער ייִדישער גרופּע זײַנען געווען 31 פּראָצענט און בײַ די אַנדערע 34 פּראָצענט אָן אַרבעט. דערבײַ דאַרף מען אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז אין דער גרופּע זײַנען געווען 358 נעגערס און אַז די פּראָפּאָרציע פֿון אַרבעטסלאָזע צווישן די ווײַסע פּראָטעסטאַנטן איז געווען קלענער (28.5%) ווי צווישן אונדזערע (31.1%).[15] עס איז דעריבער אַ סבֿרא, אַז אַרבעטסלאָזיקייט איז בײַ אונדז אפֿשר ניט קלענער, אויב ניט גרעסער, ווי בײַ די אַנדערע ווײַסע אײַנוווינערס.

עטלעכע אומדירעקטע באַווײַזן, אַז צווישן אונדזערע יוגנטלעכע זײַנען געווען מער אַרבעטסלאָזע ווי צווישן די אַנדערע גרופּעס, וועלן דערמאָנט ווערן. אַ 60 פּראָצענט פֿון 7,775 פּערזאָן וועלכע זײַנען געקומען צו ייִדישע אַרבעט־ביוראָען אין 1934 זײַנען געווען ייִנגער ווי 24 יאָר.[16] אין 1937 זײַנען מער ווי אַ העלפֿט פֿון די וועלכע האָבן דערלאַנגט אַפּליקאַציעס אין דער ניו־יאָרקער „פֿעדעריישין עמפּלאָימענט סוירוויס" געווען ייִנגער ווי 21 יאָר. וואָס שייך די 26,288 אַפּליקאַנטן אין ייִדישע אַרבעט־בערזעס איבערן לאַנד אין 1938, זײַנען צווישן זיי געווען אַ סך מער אין דעם עלטער פֿון 18 און 25 יאָר צווישן די מענער און פֿון 18 ביז 30 יאָר צווישן די פֿרויען.[17] צי זײַנען תּמיד געווען מער אַרבעטסלאָזע אין דער עלטער־גרופּע צי ניט, ווייסן מיר ניט, און צי דאָס איז איבער דעם וואָס אַ גרעסערער פּראָצענט פֿון די יוגנטלעכע ווי פֿון אַנדערע גייען צו אַזוינע ביוראָען, איז שווער צו זאָגן.

15 זע הערה 6.

16 I. Rosen, "Occupational Adjustment Problems Among Jews." In: *Jewish Social Service Quarterly*, 12, p. 17.

17 *1937 Year Book of Jewish Social Work.*

איך ווי ווײַט מיר קענען זיך אָנשטויסן, איז דאָס מסתמא ניט די איינ־ציקע דערקלערונג.

פֿאַר אונדזערע יוגנטלעכע וועלכע ווילן זײַן ביוראָ־ צי האַנדלס־אָנגע־שטעלטע און אויך פֿאַר די אַנדערע אַרבעטערס איז שווערער צו געפֿינען אַרבעט ווי פֿאַר די ניט־ייִדישע. דאָס איז מחמת דעם, וואָס ערשטנס ווילן געוויסע בעלי־בתים, אין געוויסע פֿאַלן אויך ייִדישע, ניט געבן זיי קיין אַרבעט; צווייטנס טרעפֿט, אַז די פּערסאָנאַל־פֿאַרוואַלטערס (personnel managers) דיסקרימינירן אַפֿילו אָן דעם וויסן פֿון די אַרבעט־געבערס; דריטנס זײַנען פֿאַראַן פּריוואַטע אַרבעט־ביוראָען וועלכע ווילן ניט האָבן צו טאָן מיט קיין ייִדישע אַפּליקאַנטן.

עס זײַנען פֿאַראַן אַרבעט־געבערס וועלכע ווילן ניט אָנשטעלן קיין ייִדן, און אויך אַזוינע וועלכע האָבן עטלעכע ייִדישע אַרבעטערס פֿון יוצא וועגן, ניט צו געבן קיין פּתחון־פּה. צווישן די אָנגעשטעלטע אין די ניו־יאָרקער שפּאַרקאַסעס צי בענק למשל זײַנען מסתמא פֿאַראַן ניט מער ווי אַ 6 פּראָ־צענט ייִדן, בעת צווישן די 7,000 אין דער נעשאַנעל סיטי־באַנק זײַנען פֿאַראַן אפֿשר 2 פּראָצענט. אין די ביוראָען פֿון די אַסעקוראַציע־קאָמפּאַניעס איז די צאָל ייִדן זייער קליין, הגם זיי האָבן ייִדישע אַגענטן. צווישן די אָנגעשטעלטע אין די ניו־יאָרקער טעלעפֿאָן־, טעלעגראַף־, גאַז־ און עלעקטריע־קאָמפּאַניעס זײַנען מסתמא פֿאַראַן אַ 4 פּראָצענט ייִדן.[18] די שפּײַז־און געטראַנק־אינדו־סטריע האָט געוויינטלעך ייִדישע „סיילסלײַט" וועלכע ווערן געשיקט צו ייִדישע קרעמערס, אָבער קיין שום ייִדן ניט אין זייערע אָפֿיסן. אין די A. and P.־קראָמען און אין אַ צאָל אַנדערע „טשיין־סטאָרס" אַרבעטן ניט מסתמא קיין ייִדן. פֿאַר אונדזערע יוגנטלעכע איז שווער צו קריגן אַ שטעלע אין האָטעלן, רעסטאָראַנען, פֿאַרלאַגן און ענלעכע אונטערנעמונגען. 89 פּראָ־צענט פֿון פֿיר הונדערט קאָמפּאַניעס וועלכע דער ייִדישער קאָנגרעס האָט געהאַט אויסגעפֿאָרשט ווילן בעסער קריסטלעכע אַרבעטערס ווי ייִדישע.[19]

פֿאַרשיידענע דערקלערונגען ווערן אָנגעגעבן. טייל ווילן ניט אָנשטעלן קיין ייִדן, ווײַל זיי ריידן צו פֿיל, צי צו הויך, זיי זײַנען ניט גענוג דיס־ציפּלינירט אָדער זיי זאָגן צו פֿיל דעות, זיי זײַנען ניט גוט דערצויגן צי זיי זײַנען ניט קיין פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטערס, זיי זײַנען דער עיקר פֿאַראינטערעסירט אין קריגן וואָס מער שׂכירות אָדער אַ בעסערע שטעלע, זיי זײַנען צו אַגרעסיוו וכדומה. די ניו־יאָרקער טעלעפֿאָן־קאָמפּאַניע זאָגט, אַז די הענט בײַ ייִדישע מיידלעך זײַנען צו קורץ, במילא טויגן זיי זיך ניט אויס.[20] אַנדערע ווידער טענהן, אַז ייִדן זײַנען ראַדיקאַל געשטימט, ווילן

---

18 M. Fagen, "Jewish Workers in New York City." In: *Notes and News*, Jan. 3, 1938, pp. 7-8.

19 קאָהען, זע הערה 11.

20 J. X. Cohen, *Towards Fair Play for Jewish Workers*, 1938, p. 31.

יוניאָניזירן די אַרבעטערס, ווילן ניט אַרבעטן ראָש־השנה און יום־כּיפּור; צי זייערע קליענטן פֿאַרלאַנגען, זיי זאָלן ניט אָנשטעלן קיין ייִדן. עס זײַנען אויך פֿאַראַן בעלי־בתּים וואָס זאָגן, אַז ייִדן קומען ניט בעטן קיין אַרבעט; אָדער אַז מען שטעלט אָן נאָר די, וועמען גוטע פֿרײַנד רעקאָמענדירן.[21]

דער ייִדישער קאָנגרעס האָט אַנאַליזירט די מודעות וואָס פּריוואַטע אַרבעט־ביוראָען שטעלן אַרײַן אין צײַטונגען. אין 60 פּראָצענט פֿון די אַנאָנסן וועלכע זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן משך דעם חודש אויגוסט 1939 אין New York Times און Herald Tribune זײַנען דערמאָנט געוואָרן רעליגיעזע קוואַליפֿיקאַציעס. עטלעכע האָבן געהאַט פֿון 76 ביז 86 פּראָצענט אַנאָנסן מיט אַזעלכע באַמערקונגען.[22] עס איז אויך פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע שײַכות צווישן דעם עקאָנאָמישן ציקל און די רעליגיעזע קוואַליפֿיקאַציעס אין אַזעלכע מודעות. אין 1921, אַ קריזיסיאָר, האָט מען מער מקפּיד געווען אויף דעם ווי אין 1928; אין 1932 מער ווי אין די פֿריִערדיקע יאָרן; און זינט 1934 ווערן אָט די קוואַליפֿיקאַציעס אַלץ מער און מער דערמאָנט. זיי ווערן מער מאָל דערמאָנט אין די אַנאָנסן וועגן שטעלעס פֿאַר האַנדלס־ און ביוראָ־אָנגעשטעלטע ווי פֿאַר אַנדערע אַרבעטערס.[23]

פֿאַר וואָס דיסקרימינירן די פֿאַרוואַלטערס פֿון די אַרבעט־ביוראָען? טייל פֿון זיי זאָגן, אַז די אַרבעט־געבערס גופֿא ספּעציפֿיצירן, וואָסערע אַרבעטערס מען זאָל זיי שיקן, און במילא האָבן זיי ניט קיין ברירה. אין די אַפּליקיר־בלעטער פֿון די אַרבעט־ביוראָען פֿון שטאַט ניו־יאָרק ווערט געפֿרעגט וועגן דער רעליגיע פֿון די אַפּליקאַנטן, ווײַל די בעלי־הבתּים, זאָגן זיי, זײַנען מקפּיד, קאָן מען ניט שיקן יעדער איינעם. אַנדערע ווידער פֿרעגן בײַ די אַרבעט־געבערס, צי זיי ווילן דווקא קריסטן; קומט אויס אַזוי ווי מען וואָלט צו זיין פֿאַר דער צונג. עס זײַנען פֿאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז זיי ווייסן, אַז מען וויל בעסער קריסטלעכע ווי ייִדישע אַרבעטערס, אַז עס איז בכלל גרינגער צו געפֿינען אַ שטעלע פֿאַר פּראָטעסטאַנטן אָדער קאַטויליקן ווי פֿאַר ייִדן.[24]

פֿאַרוואַלטערס פֿון אַרבעט־ביוראָען פֿון קאָלעדזשעס און דירעקטאָרן פֿון פּריוואַטע טעכנישע און קאָמערציעלע שולן גיבן ענלעכע אַרגומענטן. אַרבעט־געבערס, פֿאַרזיכערן זיי, ווילן בעסער קריסטלעכע ווי ייִדישע גראַדויִרטע אָדער ווילן בכלל ניט קיין ייִדן. שיקן זיי אַפֿילו ניט קיין ייִדישן סטודענט, ווײַל זיי ווילן אים ניט, זאָגן זיי, פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש צי באַליידיקונג. עס איז שווין דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז געוויסע דירעקטאָרן פֿון פּריוואַטע שולן, וועלכע האָבן געוויינטלעך אַ מין אָפּמאַך מיט די סטודענטן צו געפֿינען פֿאַר

[21] J. X. Cohen, *Reducing Discrimination Against Jews*, 1940; *idem*, *Jews, Jobs and Discrimination*, 1937.

[22] J. X. Cohen, *Reducing Discrimination Against Jews*.

[23] דאָס זעלבע ווי הערה 20; ז' 9.

[24] W. I. Boxerman, "Gentiles Preferred." In: *Jewish Social Service Quarterly*, June 1940, pp. 341-346.

זיי אַרבעט, ווילן ניט אָננעמען קיין ייִדישע סטודענטן, ווײַל זיי ווייסן, אַז זיי וועלן ניט קענען קריגן פֿאַר זיי קיין שטעלע.[25]

אַפֿילו ייִדישע אַרבעט־געבערס ווילן ניט אַלע מאָל אָנשטעלן ייִדן. זיי ווילן זיי ניט, ווערט געזאָגט, ווײַל זיי האָבן מורא, אַז זיי וועלן נאָך ווערן זייערע קאָנקורענטן, צי זיי ריידן צו פֿיל וועגן דעם געשעפֿט, זײַנען מגלה־סוד, אָדער ווילן נושא־חן זײַן בײַ די קריסטלעכע קונים. עס איז אויך באַוויזן געוואָרן, אַז ניט אַלע ייִדישע אײַנריכטונגען — שפּיטאָלן וכדומה — שטעלן אָן ייִדישע אַרבעטערס. ייִדן, זאָגן זיי, זײַנען ניט פֿאַראינטערעסירט אין זייערע שטעלעס, הגם די ייִדישע אַרבעט־ביוראָען פֿאַרזיכערן, אַז זיי האָבן גענוג אַפּליקאַנטן פֿאַר אַזוינע שטעלעס.[26] ס׳טרעפֿט אויך, אַז דער „פּוירסאָנעל מענעדזשער״ וועלכער איז געוויינטלעך ניט קיין ייִד דיסקרימינירט אָן דעם וויסן צי אַפֿילו קעגן דעם ווילן פֿון זײַן ייִדישן בעל־הבית.

עס זעט ניט אויס, אַז דער אויסקוק פֿאַר אונדזערע יוגנטלעכע זאָל ווערן בעסער. די גרויס־אינדוסטריע ווערט גרעסער. דער פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל פֿאַרשטאַרקט זײַן קאָנטראָל, און די צאָל „טשיין־סטאָרס״ וואַקסט. ייִדן זײַנען כּמעט ווי ניט פֿאַרטראָטן אין די ריזיקע אונטערנעמונגען, די קליינע ייִדישע אונטערנעמערס ווערן כּמעט ווי עלימינירט פֿון מאַרק, און פֿאַר די ייִדישע אָנגעשטעלטע ווערט במילא שווערער צו געפֿינען אַרבעט. גלײַכצײַטיק קומען פֿאַר געוויסע טעכנאָלאָגישע שינויים וועלכע פֿירן צו אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל אָנגעשטעלטע און צו דער פּראָלעטאַריזירונג פֿון געוויסע פּראָפֿעסיאָנאַלן און ביוראָ־אָנגעשטעלטע. די פּראָדוקטיוויקייט פֿון דער מאַשין איז זינט 1918 פֿאַרטאָפּלט געוואָרן.[27] בכלל איז דער פּראָצענט פּראָפֿעסיאָנאַלן אין ביוראָ־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין די לעצטע יאָרן פֿאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1930 האָבן 12.5 פּראָצענט פֿון דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג זיך פֿאַרנומען מיט מיסחר, אַנטקעגן 9.5 פּראָצענט אין 1910. 4.5 פּראָצענט פֿון זיי זײַנען געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן אין 1910 און כּמעט 7 פּראָצענט אין 1930. דער פּראָצענט ביוראָ־אָנגעשטעלטע איז משך דער צײַט כּמעט ווי פֿאַרטאָפּלט געוואָרן.[28] די דערמאָנטע ניו־יאָרקער אויספֿאָרשונג האָט באַוויזן, אַז אַרבעטסלאָזיקייט צווישן אונדזערע ביוראָ־און האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז גרעסער ווי צווישן ווײַסע פּראָטעסטאַנטן.

עס מעג אויך דערמאָנט ווערן אַזאַ פֿאַקט. 12 ייִדישע אַרבעט־ביוראָען האָבן משך 1939 געהאַט רעגיסטרירט 29,990 נײַע אַפּליקאַנטן. 43 פּראָצענט פֿון די רעגיסטרירטע מענער האָבן געוואָלט ביוראָ־אַרבעט און 19 פּראָצענט זײַנען געווען האַנדלס־אָנגעשטעלטע, בעת צוויי דריטל פֿון די פֿרויען זײַנען

25 זע הערה 22.

26 זע הערה 22.

27 *New York Times*, January 2, 1941.

28 U.S. Census Bureau, *15th Census, Population*, vol. 5, p. 39.

געווען פֿאַראינטערעסירט אין ביוראָ־אַרבעט און 13 פּראָצענט האָבן געוואָלט אַרבעטן אין געשעפֿטן.[29]

5

אונדזערע יוגנטלעכע וועלכע ווילן קריגן די ערשטע שטעלע קאָנען זיך ניט ריכטן אויף קיין גאָר וואַרעמען קבלת־פּנים. אין די פּריוואַטע אַרבעט־ביוראָען געפֿינען זיי אויפֿשריפֿטן, אַז מע וויל נאָר אַנגלאָזאַקסן, נאָרדיקס, אַריער, פּראָטעסטאַנטן וכדומה. און די וועלכע רעגיסטרירן יאָ ייִדישע אַפּליקאַנטן קענען גאַנץ אָפֿט ניט, צי ווילן ניט, באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט. אַ דירעקטאָר פֿון אַן אַרבעט־ביוראָ אין דעטרויט גיט איבער, אַז ער געפֿינט געוויינטלעך שטעלעס ניט מער ווי פֿאַר איין פּראָצענט פֿון זײַנע ייִדישע אַפּליקאַנטן; אַ צווייטער האָט געזאָגט: נאָר פֿאַר איין האַלבן פּראָצענט.[30] איצט מער ווי מיט יאָרן צוריק איז מען חוקר־ודורש דעם אָפּשטאַם, הגם הײַנט איז די קריסטלעכע און ייִדישע וועלט ווינציקער אונטער דער השפּעה פֿון קלויסטער צי פֿון בית־המדרש און מע איז בכלל מער ליבעראַל בנוגע רעליגיעזע ענינים ווי אַ מאָל. מען זאָגט אַפֿילו, אַז בײַטן דעם נאָמען צי אָנגעבן, אַז מע באַלאַנגט צו אַ קריסטלעכן קלויסטער, און אַפֿילו אָנטאָן אַ צלמל, איז הײַנט ניט שוין קיין סגולה.

האָבן אַמעריקאַנער ייִדן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם גורל פֿון זייער יונגן דור, וועגן די הײַנטיקע יוגנטלעכע וועלכע וועלן מאָרגן זײַן דערוואַקסענע. זיי האָבן פֿאַרגרעסערט די צאָל ייִדישע אַרבעט־ און פֿאַך־קאָנסולטאַציעס. אין 1939 האָבן 17 שטעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע געהאַט אַזוינע ביוראָען. זיי פּרוּוון געפֿינען אַרבעט פֿאַר זייערע אַפּליקאַנטן, פֿון וועלכע די מערהייט זײַנען ייִנגער ווי 25 יאָר, און פֿאַר איינס פֿלײַסן זיי זיך אויסצוגעפֿינען די פֿעיִקייטן פֿון ייִדישע קינדער. אויפֿן סמך פֿון אַט די טעסטן ווילן זיי זאָגן די יוגנטלעכע, צו וואָס זיי זאָלן זיך נעמען, און זיי באַזאָרגן זיי מיט די נייטיקסטע ידיעות וועגן די פֿאָדערונגען, אויסקוקן און מיגלעכקייטן. אין ניו־יאָרק למשל ווערן געגעבן שמועסן וועגן די נייטיקע קוואַליפֿיקאַציעס פֿאַר געוויסע מלאָכות און פּראָפֿעסיעס און וועגן די פּערספּעקטיוון. באַראָטונגען ווערן אָפּגעהאַלטן אי מיט יוגנטלעכע אי מיט עלטערן. אין שיקאַגאָ האָט מען צוויי מאָל אַ חודש דיסקוסיעס מיט ייִדישע הײַסקול־סטודענטן וועגן פּראַגעס וואָס האָבן אַ שײַכות צו זייערע קאַריערעס. אין מילוואָקי לערנט מען זיי די טעכניק פֿון זוכן אַרבעט.[31]

ווען אונדזערע אַרבעט־ביוראָען וואָלטן געקענט העלפֿן זייערע אַפּליקאַנטן געפֿינען אַרבעט, וואָלט עס געווען אַ גרויסער אויפֿטו. דאָס קענען זיי אָבער ניט, מחמת זיי האָבן כמעט ניט קיין פֿאַרבינדונגען מיט ניט־ייִדישע

---

29 *Year Book of Jewish Social Work*, Section I, June 1940.

30 באָקסערמאַן, זע הערה 24; ז' 342.

31 דאָס זעלבע ווי הערה 29.

אַרבעט־געבערס; און די ייִדישע, אַפֿילו ווען זיי זאָלן באמת וועלן, קענען ניט באַזאָרגן אַלע ייִדן מיט אַרבעט. (אַנדערע כּלל־טוערס האַלטן אפֿשר, אַז באַזונדערע ייִדישע אַרבעט־ביוראָען ברענגען צו אַ ניט־געווּנטשענער סעפּאַראַציע פֿון די ייִדישע אַרבעט־זוכערס; נאָר די פֿראַגע וועל איך דאָ ניט אָנרירן.)

דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס פּרוּווט פֿירן אַ קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע. זײַנע פֿאָרשטייערס האַלטן אָפּ קאָנפֿערענצן מיט אַרבעט־געבערס וועלכע ווילן ניט אָנשטעלן קיין ייִדן, און אין טייל פֿאַלן גערעט זיי צו שאַפֿן פֿרײַנטלעכע באַציִונגען צווישן קריסטלעכע אונטערנעמערס און ייִדישע פּראָלעטאַריערס. דאָס זעלבע טוען זיי מיט פֿאַרוואַלטערס פֿון פּריוואַטע אַרבעט־ביוראָען. דער קאָנגרעס האָט אָבער צו טאָן בלויז מיט יחידים און האָט ניט קיין גאַראַנטיע, אַז די צוזאָגן וועלן באמת אָפּגעהיט ווערן.

אַ טייל ייִדישע כּלל־טוערס פֿאָדערן, מע זאָל באַזײַטיקן פֿון די אַפּליקאַציעס אין די אַרבעט־ביוראָען די פֿראַגע וועגן רעליגיע צי אָפּשטאַם. דאָס דאַרף בלי־ספֿק געטאָן ווערן, ווײַל די פֿעיִקייטן פֿון יחיד און ניט זײַן אָנגעהעריקייט צו אַ געוויסער גרופּע דאַרפֿן באַשטימען זײַן פּאַסיקייט. מע דאַרף אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז ווער עס וועט ווילן, וועט קענען אויסגעפֿינען דעם אָפּשטאַם פֿון אַפּליקאַנט אַפֿילו ווען ער פֿרעגט אים ניט בפֿירוש.

די „קאָנפֿערענס אַן דזשויִש ריליישׁ׳נס“ פֿאָרשט דעם עקאָנאָמישן מצבֿ פֿון ייִדן. די פֿירערס פֿון דער אָרגאַניזאַציע האַלטן, אַז מען דאַרף ערשט האָבן די נייטיקע פֿאַקטן און אַ קלאָר און ריכטיק בילד וועגן די באַשעפֿטיקונגען פֿון ייִדן און דערנאָך פֿאָרמולירן אַ פּאַסיקן פּלאַן. די אָרגאַניזאַציע פֿונקציאָנירט נאָך ניט מער ווי עטלעכע יאָר, במילא האָט זי נאָך ניט געקאָנט אָנקלײַבן קיין סך מאַטעריאַלן. דער „דזשויִש אָקיופּעישאָנעל קאַונסיל“, אויך אַ נײַע אָרגאַניזאַציע וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער „קאַנפֿערענס“, איז פֿאַראינטערעסירט אין ענלעכע ענינים און איז פֿאַר איינס אַ מין „קלירינג האַוס“ פֿאַר די ייִדישע אַרבעט־ביוראָען.

עס הערן זיך שטימען וועגן דער נייטיקייט פֿון עקאָנאָמישער איבער־אָריענטירונג. ייִדן זײַנען צו פֿיל אורבאַניזירט צי מעטראָפּאָליזירט; זיי וואָלטן זיך באַדאַרפֿט צעשפּרייטן איבערן לאַנד און זיך נעמען צו אַנדערע מלאָכות. וואָס איז שייך די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, איז רעכט צו זאָגן, אַז ייִדן זײַנען אפֿשר ניט אַזוי שטאַרק פֿאַרטראָטן אין זיי ווי מע מיינט ס׳רובֿ. 8 פּראָצענט פֿון דער ניו־יאָרקער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג זײַנען אין 1930, לויט דעם צענזוס, געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן. עס ווערט געשאַצט, אַז אין 1937 זײַנען אַרום 7.4 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין ניו־יאָרק, ווו מען קאָן מסתּמא געפֿינען מער ווי פֿערציק פֿון איטלעכע הונדערט ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן. אמת, עס זײַנען פֿאַראַן שטעט, ווו די ייִדישע פּראָפּאָרציע פּראָפֿעסיאָנאַלן

איז גרעסער ווי פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. אין דעטרויט זײַנען 6.2 פּראָצענט פֿון דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין 1930 געווען פֿאַרטראָטן אין די פּראָפֿעסיעס, און פֿון ייִדן אין 1935 זײַנען געווען 9.5 פּראָצענט; אין סאַן פֿראַנציסקאָ איז דער פּראָצענט געווען 8.3 בײַ דער גאַנצער באַפֿעלקערונג אין 1930 און 11.4 בײַ ייִדן אין 1938. דער ייִדישער אָנטייל איז אָבער נאָך אַלעמען גאָרניט אַזוי גרויס, ווײַל אין שיקאַגאָ למשל זײַנען 12.3 פּראָצענט פֿון אַלע אײַנוווינערס אין 1930 געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן. אַחוץ דעם קומט אויס לויט אַן אויספֿאָרשונג פֿון די באַשעפֿטיקונגען פֿון ייִדן אין צען אַמעריקאַנער שטעט, אַז אַרום 7.7 פּראָצענט פֿון זיי זײַנען געווען פֿאַרטראָטן אין די פּראָפֿעסיעס.[32] אויב דאָס איז באמת אַזוי, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אַז דער געשריי וועגן ייִדן אין פּראָפֿעסיעס איז אַ רעכט ביסל איבערגעטריבן, בעת אין 1930 זײַנען 6.7 פּראָצענט פֿון אַלע אײַנוווינערס אין לאַנד געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן. די פּראָפּאָרציע איז געווייִנטלעך גרעסער בײַ דער אורבאַניזירטער באַפֿעלקערונג. אויב דאָס איז באמת אַזוי, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אַז דער געשריי וועגן ייִדן אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס איז אַ רעכט ביסל איבערגעטריבן.

עס איז באמת מער אַ פֿראַגע פֿון קאָנצענטרירונג אין געוויסע פֿרײַע פּראָפֿעסיעס ווי אין פֿרײַע פּראָפֿעסיעס בכלל. אין די שטעט פֿון שטאַט אָהײַאָ למשל איז די צאָל ייִדישע דאָקטוירים, דענטיסטן, פֿאַרמאַצעווטן און אַדוואָקאַטן גרעסער פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באַפֿעלקערונג און פֿון לערערס און אינזשענירן קלענער ווי בײַ ניט־ייִדן.[33] דאָס איז משמעות צוליב דעם, וואָס אין די אַליין־באַשעפֿטיקנדיקע פּראָפֿעסיעס איז פֿאַר ייִדן גרינגער צו מאַכן אַ לעבן.

אַנדערש איז מיט דער צאָל ייִדישע ביוראָ־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע און הענדלערס מכּל המינים. די פּראָפּאָרציע איז בלי ספֿק זייער גרויס. אָבער דערבײַ דאַרף מען האָבן אין זינען, ווי עס איז שוין פֿריִער אָנגעמערקט געוואָרן, אַז דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע און סוחרים האַלט זיך אין פֿאַרגרעסערן, און מען דאַרף נאָך ערשט דערווײַזן, אַז די אַרבעט פֿון ייִדישע סוחרים און אָנגעשטעלטע איז געזעלשאַפֿטלעך ווייניקער נוציק, ווי די אַרבעט פֿון די באַשעפֿטיקטע בײַ פּערזענלעכער באַדינונג אָדער בײַ טראַנספּאָרט.

ווער עס רעדט וועגן איבערשיכטונג בײַ ייִדן, דאַרף האָבן אין זינען, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צוויי צדדים. דער ייִד דאַרף וועלן ווערן אַ מעכאַניקער למשל, און דער ניט־ייִדישער פֿאַבריקאַנט דאַרף גלײַכצײַטיק וועלן אים געבן אַרבעט. הייסן בײַטן די מלאָכות איז במילא ניט גענוג, כּל־זמן מיר זײַנען ניט באַוואָרנט, אַז אונדזערע פּראָלעטאַריערס וועלן געפֿינען אַרבעט.

---

32 Jewish Occupational Council, *Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada*, 1940.

33 L. J. Levinger, "Jews in the Liberal Professions in Ohio." In: *Jewish Social Service Quarterly*, vol. 2, pp. 401-434,

6

די יוגנט טראַכט ניט נאָר וועגן אַן עקאָנאָמישן תּכלית, נאָר אויך וועגן אַן אייגענער פֿאַמיליע און היים. כּל־זמן דיווירטשאַפֿטלעכע סטרוקטור איז געווען ווי:נציקער קאָמפּליצירט און די לעבנס־סטאַנדאַרדן נידעריקער ווי איצטער, האָט מען גרינגער געקאָנט אָפּהיטן דעם „בן שמונה עשׂרה לחופּה״. היינט, הגם מיר ווייסן אפֿשר מער ווי אונדזערע אָבֿות וועגן דער וויכטיקייט פֿון סעקסועלע באַציִונגען פֿאַר נאָרמאַלע מענטשן, גייט מען געוויינטלעך צו דער חופּה שפּעטער ווי מיט דורות צוריק.

אין וועלכן עלטער האָבן אונדזערע קינדער חתונה?

אויפֿן סמך פֿון די רעזולטאַטן פֿון עטלעכע אויספֿאָרשונגען קען מען זאָגן, אַז ייִדישע בחורים און מיידלעך האָבן איצט שפּעטער חתונה ווי אַנדערע יוגנטלעכע. ניט מער ווי 3 פּראָצענט ייִדישע יונגע־לייט פֿון דער דער־מאָנטער ניו־יאָרקער גרופּע, לגבי 6 פּראָצענט פֿון די אַנדערע, זיינען געווען חתונה־געהאַטע; קרובֿ 13 פּראָצענט פֿון אונדזערע און 18 פּראָצענט פֿון די אַנדערע פֿרויען האָבן געפֿירט אַן אייגענעם פֿאַמיליע־לעבן. ביי דער באַלטי־מאָרער גרופּע זיינען די פּראָצענטער געווען 2 און 8 פֿאַר די מענער און 14 און 35 פֿאַר די פֿרויען. די דערמאָנטע אונטערשיידן קענען מסתּמא ניט צוגעשריבן ווערן צו דעם וואָס אין דער ייִדישער גרופּע זיינען געווען מער יונגע. פֿאַקטיש איז גאָר געווען דער היפּוך, ווייל 46 פּראָצענט פֿון אונדזערע טעכטער פֿון דער ניו־יאָרקער גרופּע לגבי נאָר 40 פּראָצענט פֿון די אַנדערע זיינען געווען אין עלטער פֿון 21 ביז 24 יאָר. פֿון דעם אַלעם איז צו זען, אַז ייִדישע יוגנטלעכע האָבן בדרך־כּלל שפּעטער חתונה ווי אַנדערע. ייִדישע פֿרויען האָבן אָבער פֿריִער חתונה ווי מענער; אין דעם פּרט זיינען מיר ניט קיין יוצא מן הכּלל.

מען קען ניט זאָגן, אַז אונדזערע יוגנטלעכע זאַמען זיך איצט מיט חתונה האָבן דער עיקר צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס. לויט אַן אויס־פֿאָרשונג וועגן דעם עלטער ביים חתונה־האָבן פֿון אַן 31,000 פֿרויען (בתוכם 2,866 ייִדישע), וועלכע האָבן חתונה געהאַט ביז 1929, קומט אויס, אַז דער דורכשניטלעכער עלטער פֿון אונדזערע פֿרויען ביים חתונה האָבן איז געווען 21.73 יאָר, פֿון די פּראָטעסטאַנטישע 21.14 און פֿון די קאַטוילישע 21 יאָר,[34] אַ חילוק פֿון זיבן ביז אַכט חדשים. ייִדישע פֿרויען, און מסתּמא יונגע־לייט אויך, זיינען הייסט עס געווען עלטער ביים חתונה האָבן ווי די אַנדערע אַפֿילו אין די גוטע יאָרן. דאָס איז אפֿשר צוליב דעם וואָס אַ גרע־סערער פּראָצענט פֿון אונדזערע קינדער שטודירן און וואָס פֿאַר זיי איז מסתּמא שווערער זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס. אויך קען זיין, אַז זייערע פֿאָדערונגען צום לעבן זיינען העכערע.

34 R. Pearl, *The Natural History of Population*, 1939, pp. 234-244.

די וואָס האָבן שוין יאָ חתונה אײַלן זיך ניט צו ווערן עלטערן. ווינציקער ווי 4 פּראָצענט פֿון אונדזערע לגבי 8 פּראָצענט פֿון די אַנדערע, וועלכע זײַנען אויסגעפֿאָרשט געוואָרן אין ניו־יאָרק, האָבן געהאַט קינדער. די רעזול־טאַטן פֿון דער דערמאָנטער אויספֿאָרשונג פֿון די 31,000 פּרויען ברענגען צום זעלביקן אויספֿיר · ייִדישע פֿרויען האָבן געהאַט ניט מער ווי 35 קינדער אויף איטלעכע הונדערט יאָר חתונה־געהאַטן לעבן, בעת ווען די פּראָטעס־טאַנטישע האָבן געהאַט 42 און די קאַטוילישע 46 קינדער.

די פֿאַרקלענערטע געבורטן־ראַטע נעמט זיך מסתמא דער עיקר פֿון דעם וואָס ייִדן באַנוצן זיך מער מיט קאָנטראַצעפּטיווע מיטלען. מער ייִדישע סטודענטן ווי אַנדערע האַלטן פֿון געבורטן־קאָנטראָל, און זיי פּראַקטיקירן משמעות דאָס, אין וואָס זיי גלייבן. 73.6 פּראָצענט פֿון אַ גרופּע ייִדישע פֿרויען אין עלטער פֿון 20 ביז 24 יאָר האָבן זיך געהאַט באַנוצט מיט אַזוינע מיטלען, בשעת ווען בלויז 47 פּראָצענט פֿון די פּראָטעסטאַנטישע און אַרום 30 פּראָצענט פֿון די קאַטוילישע האָבן עס געטאָן. אינטערעסאַנט איז אויך דער פֿאַקט, וואָס אונדזערע פֿרויען דערגרייכן בדרך־כּלל בעסערע רעזולטאַטן ווי אַנדערע. 31 פּראָצענט ייִדישע פֿרויען אין עלטער פֿון 15 ביז 19 יאָר, לגבי 18 פּראָצענט פֿון די פּראָטעסטאַנטישע און 16 פּראָצענט פֿון די קאַטוי־לישע, האָבן געזאָגט, אַז די מיטלען האָבן געהאָלפֿן. 35.5 פּראָצענט פֿון אונדזערע פֿרויען אין עלטער פֿון 20 ביז 24 יאָר זײַנען געווען צופֿרידן מיט די רעזולטאַטן אַנטקעגן נאָר 27 פּראָצענט פֿון די פּראָטעסטאַנטישע און 25 פּראָצענט פֿון די קאַטוילישע אין דעם עלטער. עס איז אַ סבֿרא, אַז אונדזערע פֿרויען באַנוצן זיך מיט בעסערע מיטלען.[35]

דער סאָציאָלאָגישער באַטײַט פֿון דעם אַלעם איז קלאָר. אויב אונדזערע פֿרויען זײַנען עלטער בײַם חתונה האָבן ווי אַנדערע, קאָנען זיי ניט האָבן אַזוי פֿיל קינדער ווי יענע. אויב זיי באַנוצן זיך מער מיט קאָנטראַצעפּטיווע מיטלען און זײַנען נאָך דערצו מער מצליח ווי די אַנדערע, וועט די ייִדישע פֿאַמיליע זײַן קלענער ווי די פֿון אַנדערע גרופּעס. דאָס אַלץ וועט משמעות פֿירן פֿריִער צו אַ פֿאַרקלענערטן וווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין לאַנד, דערנאָך אפֿשר צו אַן אַבסאָלוטער פֿאַרקלענערונג, אויב די סיטואַציע וועט זיך ניט בײַטן (אָדער אויב ס'וועלן ניט צוקומען קיין אימיגראַנטן).

הגם אונדזערע יונגטלעכע האָבן חתונה שפּעטער ווי אַנדערע, האָבן זיי אָבער ווינציקער אומגעזעצלעכע קינדער ווי אַנדערע. ניט מער ווי 0.6 פּראָ־צענט פֿון די ייִדישע לגבי 2.5 פּראָצענט פֿון די קאַטוילישע און 3.2 פּראָצענט פֿון די פּראָטעסטאַנטישע פֿרויען האָבן געהאַט קינדער ביז דער חתונה. מער ווי זיבן מאָל אַזוי פֿיל ניט־ייִדישע (0.5%; 3.7%) האָבן געהאַט פֿאַר־

[35] J. W. Riley and M. White, "The Use of Various Methods of Contraception." In: *American Sociological Review*, Dec. 1940, pp. 890-903

שווענגערט ביז דער חתונה.[36] בכלל גערעדט, 98 פּראָצענט פֿון אונדזערע און ניט מער ווי אַרום 90 פּראָצענט פֿון די אַנדערע פּרויען האָבן ניט געהאַט קיין קינדער און האָבן אַפֿילו ניט פֿאַרשווענגערט פֿאַר דער חתונה. צי האַלט מען ביי אונדז נאָך אַלץ מער פֿון טהרת־המשפחה אָדער די ייִדישע פּרויען האָבן פּשוט ניט געוואָלט מגלה־סוד זיין?

לעצטנס, כמעט אַלע יוגנטלעכע אונדזערע לעבן אין די היימען פֿון זייערע עלטערן. הגם דאָס זיינען יאָרן, ווען יונגוואַרג וויל זיין פֿריי און במילא האָט מען חשק צו אַנטלויפֿן פֿון די היימען, האָבן אָבער מער ווי 90 פּראָ־צענט פֿון די ניו־יאָרקער און באַלטימאָרער געלעבט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, מער ווי די אַנדערע יוגנטלעכע. צי איז עס געווען צוליב דעם וואָס אונדזערע עלטערן זיינען מער צוגעלאָזט צו זייערע קינדער, האָבן בעסערע היימען, צי צוליב אַנדערע מאָטיוון? מע וואָלט עס באַדאַרפֿט אויספֿאָרשן.

7

אין די יוגנטיאָרן לעבן מיר ס'רובֿ דורך אַ געוויסן אינטעלעקטועלן צי גייסטיקן קריזיס. משך די יאָרן מערקט זיך אַ „רעוואָלט" קעגן אַ צאָל טראַדיציעס און מינהגים און אַ סקעפּטיציזם צו דעם וועלטבאַנעם פֿון די קינדערשע יאָרן און צו דעם וואָס די דערוואַקסענע לערנען אונדז. דאָס איז די ציט, ווען מענטשן נעמען אַרויסווייזן אַ גרעסערן אינטערעס צו סאָציאַלע, נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע פּראָבלעמען, ווען מע געפֿינט סתירות צווישן די אָנגענומענע און וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריעס, ווען מע זוכט נייע געטער, אידעאַלן און ווערטן, און ווען מע שפּירט זיך געצווונגען שטאַרק צו ראַטעווען די וועלט.

אונדזערע יוגנטלעכע, ספּעציעל די שטודירנדיקע, זיינען פֿול מיט ספֿקות מכּל המינים, זיינען אומצופֿרידן מיט דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג און האַלטן אין זוכן. זיי האַלטן ביט פֿון דער רעליגיע פֿון די אַמאָליקע דורות; די טראַדיציעס זיינען פֿאַר זיי אַן אומנייטיקער באַלאַסט; זיי היטן ניט אָפּ כמעט קיינע פֿון די רעליגיעזע מינהגים. אַרום 60 פּראָצענט פֿון 1500 ייִדישע סטודענטן פֿון אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן זיינען געווען גלייכגילטיק צי סקעפּטיש צום טראַדיציאָנעלן גלויבן אין גאָט. אַרום דריי פֿערטל האָבן געזאָגט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ קאָנפֿליקט צווישן רעליגיע און וויסנשאַפֿט. אַ גרעסערער פּראָצענט פֿון ייִדישע ווי פֿון אַנדערע סטודענטן פֿון סיראַ־קיוזער אוניווערסיטעט זיינען געווען אַגנאָסטיקערס אָדער אָנהענגערס פֿון דער מעכאַניסטישער טעאָריע.[37]

---

[36] דאָס זעלבע ווי הערה 34; ז' 181.

[37] M. Nathan, *The Attitudes of the Jewish Student in the Colleges and Universities Toward His Religion*, pp. 6-7; D. Katz and F. H. Allport, *Students' Attitudes*, p. 263.

און אַז מען איז אַן אַגנאָסטיקער צי סקעפּטיקער בנוגע רעליגיע, האַלט מען שוין ניט פֿון די דורות־אַלטע טראַדיציעס און מע היט ניט אָפּ די מינהגים און צערעמאָניעס. מער ייִדישע ווי אַנדערע סטודענטן האַלטן, אַז רעליגיע דאַרף זיך דער עיקר פֿאַרנעמען מיט עטיק. מער ייִדישע סטודענטן האַלטן, אַז מען קאָן גאַנץ גוט אויסקומען אָן די פֿאַרשיידענע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס. און בײַ אונדז זײַנען מסתּמא פֿאַראַן ווינציקער גלייבערס אין נסים ווי בײַ די אומות העולם.[38]

איז אפֿשר גאָר קיין חידוש ניט, וואָס זייער אַ קליינער פּראָצענט פֿון אונדזערע יוגנטלעכע גייען דאַווענען. 72 פּראָצענט פֿון די יונגע־לײַט און 78 פּראָצענט פֿון אונדזערע פֿרויען וועלכע זײַנען אויסגעפֿאָרשט געוואָרן אין 1935 האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן ניט געהאַט אָפּגעגעבן קיין שום צײַט פֿאַר רעליגיעזע צוועקן משך די לעצטע צוועלף חדשים פֿאַר דעם אינטערוויו; אַ 73 פּראָצענט פֿון דער דערמאָנטער באַלטימאָרער גרופּע האָבן געזאָגט, אַז זיי גייען אין שול נאָר ראָש־השנה און יום־כּיפּור. אַ טייל פֿון די וועלכע גייען שוין יאָ איין מאָל אין אַ יובֿל אין שול טוען עס, ווי זיי גיבן צו, כּדי אויסצומײַדן קאָנפֿליקטן מיט די עלטערן, אָדער ווײַל מע צווינגט זיי, צי ווײַל זיי דאַרפֿן צי ווילן זאָגן קדיש. זיי הייבן אָן צו פֿאַרלירן דעם אינטערעס אין די רעליגיעזע מינהגים און צערעמאָניעס אַרום דעם עלטער פֿון 15־16 יאָר. אינטערעסאַנט איז דער פֿאַקט, וואָס עס איז כּמעט ניטאָ קיין שום חילוק צווישן די וועלכע האָבן יאָרן לאַנג געלערנט אין אַ תּלמוד־תּורה און די וועלכע זײַנען געגאַנגען אין אַ „סאָנדי סקול" צי האָבן בכלל ניט געקראָגן קיין שום רעליגיעזע דערציִונג.[39] די וועלטלעכע בילדונג און דאָס טאָגטעגלעכע לעבן האָבן אַ גרעסערע השפּעה. אַגבֿ אורחא דאַרף מען פֿאַרצייכענען, אַז אויך קריסטלעכע סטודענטן בײַטן זייער מיינונג וועגן און זייער באַציִונג צו רעליגיע אין די קאַלעדזשעס.[40] אָבער ייִדישע יוגנטלעכע זײַנען ווינציקער רעליגיעז געשטימט ווי אַנדערע.

ליבעראַלע צי ראַדיקאַלע אידעעס (מען מוז זיך באַנוגענען מיט אַזאַ מטושטשן טערמין) געפֿינען מיר בײַ ייִדישע סטודענטן אין אַ גרעסערער מאָס ווי בײַ ניט־ייִדן. ייִדישע סטודענטן אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט

---

38 קאַץ און אַלפּאָרט, דצ"וו, זז' 272, 288.

39 מיקגיל, דאָס זעלבע ווי הערה 5, ז' 253; דזשויִש אָקופּעישאָנעל קאַונסיל, דאָס זעלבע ווי הערה 5; נייטען, דצ"וו, ז' 189 און ז' 7.
A. N. Franzblau, *Religious Belief and Character Among Jewish Adoleslents*, pp. 37-38.

40 Read Bain, "Religious Attitudes of College Students." In: *American Journal of Sociology*, vol. 32, pp. 762-770; A. C. Wickenden, "The Effect of the College Experience Upon Students' Concepts of God." In: *Journal of Religion*, vol. 12, pp. 242-267; J. A. Long, *Young People and the Church*, Teachers College, Columbia University, 1940; R. S. Lynd, *Middletown*, pp. 204-205, 358, 529; R. S. Lynd, *Middletown in Transition*. p. 304.

און אין אַנדערע קאַלעדזשעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ פֿרייַנדלעכערע באַציִונג צו נעגערס ווי די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע. זיי זייַנען געווען מער אַנטי־אימפּעריאַליסטיש און מער אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט און האָבן גלייַכצייַטיק אַרויסגעוויזן אַ מער ליבעראַלע צי ראַדיקאַלע שטעלונג צו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען ווי אַנדערע.[41]

אין יענע יאָרן, ווען עס זייַנען געמאַכט געוואָרן די אויספֿאָרשונגען, זייַנען אונדזערע סטודענטן געווען קעגן מלחמה. פֿון דער אויספֿאָרשונג וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין מערילענד דערוויסן מיר זיך, אַז 29 פּראָ־צענט, צוויי מאָל אַזוי פֿיל ייִדישע ווי אַנדערע יוגנטלעכע, האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך ניט גיין שלאָגן; נאָר איין פֿערטל וואָלט זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי, אויב מע וואָלט זיי גערופֿן. קעגן מלחמות האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט ייִדישע סטודענטן פֿון שיקאַגער אוניווערסיטעט אין די 1930ער יאָרן.[42] אויף וויפֿל האָבן אונדזערע יוגנטלעכע געביטן זייער מיינונג איצט, ווען דער היטלעריזם וואַרפֿט זייַן שאָטן אויף דער גאַנצער וועלט? און צי איז בייַ אונדז פֿאַראַן אַ גרעסערער פּראָצענט אַזוינע וואָס האָבן זיך ניט רעגיסטרירט צו מיליטער־דינסט אָדער פּראָטעסטירן קעגן רעגיסטראַציע?

אונדזערע יוגנטלעכע זייַנען מער ליבעראַל בנוגע דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון אינפֿאָרמאַציע וועגן געשלעכט ווי ניט־ייִדן. אַרום זיבן אַכטל פֿון אַ ייִדישער און ניט מער ווי אַ דרייַ פֿערטל פֿון אַ ניט־ייִדישער גרופּע האָבן געזאָגט, אַז מע דאַרף לערנען אין די שולן וועגן געשלעכט. ניט נאָר דאָס, נאָר אַ גרעסערער פּראָצענט, אַרום איין דריטל, פֿון אונדזערע זייַנען געווען פֿאַר דעם, אַז מע זאָל עס אָנהייבן לערנען אין די עלעמענטאַרע שולן, בעת וויִנציקער ווי 30 פּראָצענט פֿון די קריסטלעכע זייַנען געווען פֿאַר דעם. און בייַ אונדז זייַנען מסתמא פֿאַראַן מער מענטשן פֿאַר געבורטן־קאָנטראָל ווי בייַ אַנדערע.[43]

דער ליבעראַליזם דריקט זיך אויס אויך אין דעם, וואָס זיי זייַנען קעגן קינדער־אַרבעט. מער ווי אַ העלפֿט פֿון אַ גרופּע ייִדישע יוגנטלעכע האָבן געהאַלטן, אַז קינדער־אַרבעט דאַרף זייַן לגמרי פֿאַרווערט, און קנאַפּער ווי 2 פּראָצענט האָבן געזאָגט, אַז די מלוכה דאַרף זיך ניט מישן אין דעם.[44] בייַ ניט־ייִדן איז אַ קלענערער פּראָצענט געווען פֿאַר דעם אַבסאָלוטן איסור און אַ גרעסערער טייל פֿאַר דעם, אַז די מלוכה זאָל זיך ניט מישן.

---

41 G. Murphy and R. Likert, *Public Opinion and the Individual*, p. 73.

42 D. D. Droba, "Effect of Various Factors on Militarism — Pacifism." In: *Journal of Abnormal and Social Psychology*, vol. 26, pp. 141-153; H. B. Carlson, "Attitudes of Undergraduate Students." In: *Journal of Social Psychology*, vol. 5, pp. 202-212; H. Bell, *Youth Tell Their Story*, p. 246.

43 ה. בעל, ה. ב. קאַרלסאָן, דאָס זעלבע ווי הערה 42.

44 ה. בעל, דצ״ו.

פֿאַר וואָס זײַנען אונדזערע סטודענטן מער ליבעראַל אָדער ראַדיקאַל ווי די אַנדערע? אַ סבֿרא, ערשטנס, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ שײַכות צווישן אינטעליגענץ און ליבעראַלקייט: מער פֿעיִקע זײַנען בכלל מער ליבעראַלע. מיר ווייסן אויך, צווייטנס, אַז עס איז פֿאַראַן אַ קאָרעלאַציע צווישן בילדונג און מיינונגען. די מער געבילדעטע זײַנען געוויינטלעך מער ליבעראַל; אונדזערע קינדער זײַנען בדרך־כּלל גוטע סטודענטן. מיר זײַנען אומעטום אַ מיעוט, און אַ מיעוט איז גיכער אַפּיקורסיש געשטימט בנוגע סאָציאַלע ענינים. מיר זײַנען געקריוודעטע, און מחמת דעם זײַנען מיר מער ווי אַנדערע פֿאַראינטערעסירט אין סאָציאַלן יושר. פֿאַראַן, פֿאַרשטייט זיך, גענוג פֿאַלן ווו עס איז דער היפּוך פֿון די צוויי דערמאָנטע כּללים. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט יוגנטלעכע, ניט מיט דערוואַקסענע, און מיט גרופּעס, ניט מיט געציילטע יחידים.

א ייִדיש קינד ווערט געבאָרן

פֿון חיים שויס

1

אין די צײַטן פֿון תּנך

דער תּנך נעמט אַרום אַלע זײַטן פֿון ייִדישן לעבן אין פֿאַרלויף פֿון כמעט טויזנט יאָר, און מיר געפֿינען אין אים אויך אַ סך פּונקטן און שטריכן וועגן דער געבורט פֿון אַ ייִדיש קינד.

פֿון סגולות און כּישוף־מיטלען צו פֿאַרלײַכטערן דאָס האָבן און, נאָכן האָבן, צו באַשיצן די מוטער און דאָס קינד פֿון בייזע רוחות ווערט אין תּנך אין ערגעץ ניט דערמאָנט. אָבער דאָס איז לחלוטין קיין ראַיה ניט, אַז ייִדן האָבן אין יענע צײַטן ניט געניצט אַזוינע מיטלען. דאָס וואָס זיי ווערן ניט דערמאָנט איז אפשר ניט מער ווי אַ צופֿאַל.

צי ייִדישע פֿרויען זײַנען שוין אין די צײַטן פֿון תּנך געגאַנגען צו קינד אויף אַ בראָכשטול, איז ניט זיכער. דער פֿאַקט וואָס אין דער צײַט פֿון די תּנאים האָט מען אַ בראָכשטול גערופֿן „משבר“, אַ וואָרט וואָס איז שוין דאָ אין תּנך, איז קיין ראַיה ניט, אַז „משבר“ האָט פֿון לכתּחילה אָן געהאַט אָט דעם פּשט.[1]

אָט וואָס מיר ווייסן יאָ וועגן געבורט פֿון אַ ייִדיש קינד אין יענע צײַטן. אַרום דער געווינערין זײַנען געשטאַנען אַ צאָל ווײַבער, קרובֿהטעס און שכנטעס. אויך אַ הייבאַם (מילדת) איז געווען דערבײַ. ייִדן האָבן שטאָלצירט, אַז ייִדישע פֿרויען זײַנען ניט אַזוי איידל און שוואַך ווי די „ציוויליזירטע“ עגיפּטישע פֿרויען, אַז זיי האָבן דאָס קינד לײַכט און גיך, ווי די בעדוי־נערקעס, אָפֿט מאָל נאָך איידער די הייבאַם קומט.[2] דאָך אָבער איז די געווינערין געווען אין גרויס סכּנה, איבער הויפּט נאָך ווען זי איז געווען אַן ערשטלינג.

---

[2] דער טײַטש פֿון „משבר““ (ישעיה ל״ז, 3) און „אבנים“ (שמואל א, 16) איז ניט זיכער. זע: תּנך עם פּירוש מדעי אויף דעם וואָרט „אבנים“. זע אויך וועגן „אבנים“ דעם אַרטיקל פֿון אַבֿרהם זאַרזאָווסקי אין הקדם, ב׳ I, זז׳ 23־24 און דעם אַרטיקל פֿון וו. שפּיגלבערג אין Zeitschrift für Assyrologie, XIV, ו׳ 269. זע אויך וועגן בראָכשטול: ש. קרויס, Talmudische Archöologie, II, ז׳ 6, און זז׳ 429־430, הערה 53. פֿ״גל הערה 9.

[2] ווײַבער לעבן דער געווינערין: שמואל א, ד, 20. אַ הייבאַם: בראשית ל״ה, 17; ל״ח, 28; שמואל א, 15 און ווײַטער.

[3] ירמיה ד, 31; בראשית ל״ה, 17; שמואל א, ד, 20; פֿ״גל בראשית רבה, פּ״ב, א.

ניט זעלטן איז אַ פֿרוי געשטאָרבן פֿון די ווייענישן. די הייבאַם און די ווײַבער וואָס אַרום האָבן געווײנטלעך געזוכט זי צו באַרויִקן און איר צוצוגעבן מוט מיט דעם, וואָס זיי האָבן איר געזאָגט, אַז ס׳איז אַ ייִנגל.[3] ייִדן האָבן געגלייבט, אַז די ווייטאָגן פֿון דער פֿרוי בײַם האָבן אַ קינד זײַנען אַ קללה פֿון גאָט. דאָס האָט גאָט פֿאַרשאָלטן די פֿרוי גאָר גאָר פֿאַר צײַטן, בײַם אָנהייב פֿון דער וועלט.

דאָס נײַ געבוירענע קינד האָט מען תיכּף געבאָדן און געוואַשן אין וואַרעמען וואַסער. דערנאָך האָט מען עס אײַנגעריבן מיט זאַלץ און אײַנגעוויקלט אין ווינדעלעך. אײַנצורײַבן דאָס קינד מיט זאַלץ איז ביז הײַנטיקן טאָג נאָך אַן אָנגענומענער גאַנג בײַ די אַראַבישע פֿעלאַכן אין ארץ־ישׂראל. באַלד האָט זיך די ידיעה וועגן דער געבורט פֿון דעם קינד צעטראָגן איבער דער גאַנצער שכונה. איבער די פֿלאַכע דעכער פֿון די הײַזער האָט איין פֿרוי עס דערציילט דער אַנדערער, און באַלד זײַנען זיי אַלע געקומען צו דער קימפּעטאָרין און איר געגעבן אַ ברכה.[4]

דער פֿאָטער איז ניט געווען דערבײַ, און עמעצער האָט אים געבראַכט די בשׂורה. אויב ס׳איז געווען אַ ייִנגל, האָט מען אים געזאָגט: „אַ ייִנגל איז דיר געבאָרן געוואָרן!“ און ער איז געוואָרן מלא־שׂימחה; וואָרעם „אַ נחלה פֿון גאָט זײַנען זין“, האָבן ייִדן געזאָגט.[5]

באַלד נאָך דער געבורט פֿון דעם קינד האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן. טייל מאָל האָט דער פֿאָטער אויסגעקליבן דעם נאָמען, טייל מאָל די מוטער, טייל מאָל די קרובֿים און פֿרײַנד. אין יענע צײַטן האָט מען בײַ ייִדן ניט

---

[4] רות ד, 14־15; לוקאַס א, 58; יחזקאל ט״ז, 4. וועגן אײַנרײַבן דאָס קינד מיט זאַלץ זע אויך: שבת קכ״ט, ב. וועגן זאַלץ ווי אַ סגולה, זע: שעפּטעלאָוויטש, Altpalästinensischer Bauernglaube, ז׳ 79; Wuttke, Deutscher Volksaberglaube, דריטע באַאַרבעטונג, זז׳ 381־382; עמאַנועל לעוו אין דעם זאַמלבוך צום אָנדענק פֿון ג. אַ. קאָהוט, ז׳ 454.

[5] פֿון ירמיה ב, 15 זעט אויס, אַז דער פֿאָטער איז ניט געווען דערבײַ. פֿאַרקערט אָבער ווײַזט אויס פֿון דעם אויסדרוק „גם בני מכיר בן מנשה ילדו על ברכי יוסף“ (בראשית נ, 23), אַז אין גאָר אַלטע צײַטן איז בײַ ייִדן, פּונקט ווי בײַ פֿיל אַנדערע פֿעלקער, געווען אײַנגעפֿירט, אַז דער מאַן איז געווען דערבײַ און האָט צוגענומען דאָס קינד אויף זײַנע קני, אָנערקענענדיק מיט דעם, אַז דאָס איז זײַן קינד. עס קען אויך געמאָלט זײַן, אַז אַפֿילו אין ירמיהס צײַט און אויך נאָך שפּעטער, ווען דער פֿאָטער פֿלעגט שוין ניט זײַן דערבײַ, פֿלעגט ער דערנאָך דעם אַרויפֿנעמען דאָס נײַ געבאָרענע קינד אויף זײַנע קני ווי סימבאָלישע אָנערקענונג. דער ספֿר איוב איז אָן ספֿק פֿון אַ שפּעטערער צײַט ווי ירמיה, און דאָך טרעפֿן מיר דאָרטן אויך דעם אויסדרוק „מדוע קדמוני ברכים“ (ג, 12). זע וועגן דעם: Ernst Samter, Geburt, Hochzeit und Tod; Ploss, Das Kind; Löw, Lebensalter, 1907, זז׳ 115־116; Benzinger, Hebräische Archöologie; קרויס, דצ״וו, ב׳ II, ז׳ 6; Volz, Die biblischen Altertümer, ז׳ 347; Berthelot, Kulturgeschichte Israels, ז׳ 136; זע אויך דעם אַרטיקל: Birth אין Hastings, Encyclopedia of Religion and Ethics, II.

געגעבן קיין נאָמען נאָך אַ געשטאָרבענעם אין דער משפּחה, נאָר נאָך אַ געוויי־סער געשעעניש אָדער אַ געוויסן צושטאַנד אין דער צײַט פֿון געבורט.[6]

אַ ייִנגל האָט מען אויפֿן אַכטן טאָג מל געווען. ס'איז ניט זיכער, צי דאָס מל זײַן אויפֿן אַכטן טאָג איז געווען אײַנגעפֿירט פֿון די עלטסטע צײַטן אָן. מל געווען דאָס קינד האָט דער פֿאָטער אָדער, אין אַ נויטפֿאַל, די מוטער. געמאַכט די אָפּעראַציע האָט מען מיט אַ שאַרפֿן מעסער פֿון אַ געשליפֿענעם שטיין.[7]

אויב דאָס ייִנגל איז געווען דער בכור בײַ דער מוטער, האָט ער געמוזט אויסגעלייזט ווערן. נאָך דעם ווי ער איז אַלט געוואָרן צום ווינציקסטן אַ חודש און האָט דערמיט דערוויזן זײַן לעבנס־פֿעיִקייט, איז ער געבראַכט געוואָרן אין הייליקטום, און דער פֿאָטער האָט אים דאָרטן אויסגעלייזט פֿון דעם כּהן פֿאַר פֿינף שקל. אין תּנך ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז דער פּדיון־הבן איז פֿאָרגעקומען אין הייליקטום. דאָס ווערט דערמאָנט בלויז אין דער עוואַנגעליע פֿון לוקאַס וועלכער איז ניט געווען קיין ייִד און איז געווען עלול צו מאַכן אין דעם אַ טעות. עס לייגט זיך אָבער אויפֿן שׂכל, אַז אין די גאָר אַלטע צײַטן פֿון דער זעלבשטענדיקער ייִדישער מלוכה, ווען מען האָט נאָך ניט באַדאַרפֿט גיין דווקא קיין ירושלים, ווען דאָס לאָקאַלע הייליקטום, די „במה", איז געווען נאָענט בײַ דער האַנט, איז די צערעמאָניע פֿון אויסלייזן דעם בכור פֿאָרגעקומען אין הייליקטום.

זיבן טעג נאָכן האָבן אַ ייִנגל איז די קימפּעטאָרין געווען טמא, און דרײַ און דרײַסיק טעג האָט זי ניט געטאָרט קומען אין קיין הייליקטום. אויב ס'איז געווען אַ מיידל, איז די צײַט פֿון דער מוטערס טמא זײַן געווען טאָפּל (פֿערצן און זעקס און זעכציק). ערשט ווען אָט די צאָל טעג איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און ווען די קימפּעטאָרין האָט געבראַכט אין הייליקטום צוויי קרבנות: אַ בראַנדאָפּפֿער (עולה) און אַ זינדאָפּפֿער (חטאת), איז זי דערקלערט געוואָרן פֿאַר „טהור" און זי האָט געמעגט נעמען אָנטייל אין אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס.[8]

---

[6] דער פֿאָטער קלײַבט אויס דעם נאָמען: בראשית ד, 26; ה, 3, 29; כ"א, 3; מ"א, 51־52; שמות, ב, 22; שמואל ב, י"ב, 24; הושע א, 4, 6, 9. די מוטער קלײַבט אויס דעם נאָמען: בראשית ד, 25; כ"ט, 32 — ל, 24; ל"ח, 4־5; שופֿטים י"ג, 24; שמואל א, 20; ישעיה ז, 14. קרובֿים און באַקאַנטע גיבן דעם נאָמען: רות, ד, 17. — מער באַריכות וועגן דעם וועל איך שרײַבן אין אַן אַנדער אַרבעט.

[7] דער פֿאָטער איז מל: בראשית י"ז, 23; די מוטער: שמות, ד, 25. שטיינערנער מעסער: דער לעצטער פּסוק און אויך יהושע ה, 2־3.

[8] ויקרא יב. — די אייגענע זאַך האָט אַ קימפּעטאָרין בײַ די אַמאָליקע גריכן ניט געטאָרט פֿערציק טעג באַזוכן קיין טעמפּל, און בײַ די הײַנטיקע גריכן טאָר זי אין פֿאַרלויף פֿון אָט דער צײַט ניט אַרײַנגיין אין אַ קלויסטער. — זע: זאַמטער, דצ"וו, זז' 22־23.

2

אין די תּלמודישע צײַטן

אַ סך רײַכער זײַנען די ידיעות און אַ סך קלאָרערפּולער ווערט דאָס בילד, ווען מיר קומען אַראָפּ צו די צײַטן פֿון די תּנאים און די אמוראים: קורץ פֿאַר און עטלעכע הונדערט יאָר נאָך דעם צווייטן חורבן. מיר טרעפֿן דאָ אַ סך נײַע און אינטערעסאַנטע פֿאַקטן, אָבער די נײַע פֿאַקטן זײַנען ניט אַלע דווקא אַ פּראָדוקט פֿון די נײַע צײַטן. זיי מעגן אין דעם און יענעם פֿאַל זײַן גאָר פֿון פֿאַר צײַטנס, און עס מעג זײַן ניט מער ווי אַ צופֿאַל, וואָס זיי זײַנען אין די מקורים פֿון די פֿריערדיקע צײַטן ניט דערמאָנט געוואָרן.

פֿון דער צײַט פֿון די תּנאים ווייסן מיר שוין אויף זיכער, אַז יידישע פֿרויען זײַנען געגאַנגען צו קינד אויף אַ בראָכשטול אין אַ האַלב זיצנדיקער, האַלב ליגנדיקער פּאָזיציע. אַזאַ בראָכשטול (אויף העברעיִש האָט עס געהייסן „משבר" און אויף אַראַמיש „מתברא") איז קענטיק געווען דאָס אייגנס פֿון דער הייבאַם. די הייבאַם האָט מען גערופֿן „חיה", די וואָס ברענגט לעבן (אַ נאַמען, מיט וועלכן מען האָט אויך גערופֿן די קימפּעטאָרין גופֿא), אָדער מען האָט זי אויך גערופֿן „חכמה", די קלוגע; זי האָט באַקומען באַצאָלט, און הייבאַמערײַ איז שוין געווען אַ פּראָפֿעסיע וואָס איז געוויינטלעך איבער־געגאַנגען בירושה פֿון דער מוטער צו דער טאָכטער אָדער צו דער שנור.

ווען ס'איז ניט געווען קיין הייבאַם אין דעם אָרט, האָט מען זי געבראַכט פֿון ערגעץ אַנדערש. האָט מען קיין הייבאַם אין גאַנצן ניט געקענט קריגן, האָט אַרויסגעהאָלפֿן אַ שקלאַפֿין אָדער איינע פֿון די ווײַבער וואָס זײַנען געשטאַנען דערבײַ. אין אַ נויטפֿאַל האָט מען אויך געבראַכט אַ רופֿא. אין תּלמוד ווערט גערעדט פֿון דעם פֿאַל, ווען אַ קינד ווערט געבאָרן אַ „יוצא דופֿן". טייל פֿאָרשערס האַלטן, אַז דאָס האָט באַטײַט אַ קינד אַרויסגענומען דורך אַ קײַזערשניט. אָבער דער דאָזיקער אויסטײַטש איז ניט זיכער.[9]

גלײַך ווי דאָס קינד איז אַרויסגעקומען פֿון דער מוטערס שויס, נאָך איידער מען האָט עס געבאָדן, האָבן עס אַרײַנגענומען אין זייערע אָרעמס די פֿרויען וואָס זײַנען געשטאַנען דערבײַ און עס געהאַלדזט און געקושט, איבער הויפּט נאָך, ווען דאָס איז געווען אַ ייִנגל. באַלד האָט די הייבאַם גערייניקט דאָס קליינע נפֿשל פֿון דעם שמוץ, אויסגעבאָדן עס אין וואַרעמען וואַסער און אײַנגעריבן מיט זאַלץ. דאָס האָט מען געמעגט טאָן אַפֿילו אום שבת. דערנאָך האָט מען אײַנגעשמירט דאָס קינד אין צוגעוואָרעמטן בוימל

[9] שבת קב"ט, א (מעשה שתשב על המשבר); משנה נדה, 5 (ביושבת על משבר). מיר זעען דערפֿון, אַז אין דער עפּאָכע פֿון די תּנאים האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס וואָרט משבר אין תּנך באַטײַט אַ בראָכשטול. פֿ"גל הערה 1 אויבן. מקורים און וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור אין קרויס, דצ"ו, ב' II; לעוו, דצ"ו. — אין יידיש איז „יוצא דופֿן" געוואָרן דער אויסדרוק פֿאַר אַ קרומער, ווילדער זאַך.

און עס באַשאָטן מיט פּודער, געמאַכט פֿון צעריבענע מירטנבלעטער. די הייבאַם האָט דערנאָך אויסגעגלײַכט דעם קינד די אבֿרים און עס אײַנגעוויקלט אין ווינדעלעך פֿון בײַכל ביז די פֿיסלעך. אין ערטער, ווו עס זײַנען געווען מוקן, האָט מען געמאַכט אַ קאַשע פֿון זויערע ווײַנטרויבן און באַשמירט דערמיט דעם שאַרבן פֿון קינד, כּדי די מוקן זאָלן עס ניט בײַסן.

די קימפּעטאָרין איז געלעגן אין בעט, אַרומגערינגלט מיט פֿאַרשיידענע סגולות און כּישוף־מיטלען צו באַשיצן זי און דאָס קינד פֿון בייזע רוחות. דער פֿענצטער איז געווען פֿאַרשטאָפּט מיט אַ בינטל גראָז אָדער אַ קאָלדרע. אָפֿט מאָל האָט מען אים פֿאַרשטאָפּט מיט דערנער, ווײַל דערנער זײַנען געווען אַ סגולה קעגן בייזע רוחות און כּישוף; צום פֿוס פֿון בעט איז געווען צוגעבונדן אַ הון. לעבן בעט איז געשטאַנען אַ שיסל וואַסער. דאָ און דאָרטן איז אויך געשטאַנען לעבן בעט אַ געגרייטער טיש, און צום פֿוס פֿון בעט איז געווען צוגעבונדן אַ שטיק אײַזן. אָט די לעצטע צוויי סגולות און אויך די סגולה צו פֿאַרשטאָפּן דעם פֿענצטער מיט דערנער האָבן די תּנאים געהאַלטן פֿאַר ניט־ייִדיש, פֿאַר "דרכי האמורי".[10]

דאָס קינד איז געלעגן אין אַ וויגעלע. בײַ אָרעמעלײַט איז דאָס געווען דער מולטער, אין וועלכן מען פֿלעגט פֿאַרקנעטן טייג. דאָס זעלביקע וואָרט „עריסה" באַטײַט אין תּלמוד בײדע זאַכן: מולטער און וויג. בײַ די רײַכע אָבער איז די וויג געווען אַ שייך באַפּוצט וועגעלע אויף רעדלעך. צום וועגעלע זײַנען געווען צוגעבונדן גלעקלעך. מיטן קלאַנג פֿון די גלעקלעך האָט מען פֿאַרשלעפֿערט דאָס קינד, און אַגבֿ זײַנען די גלעקלעך געווען אויך אַ סגולה צו פֿאַרטרײַבן די ניט־גוטע.

פּונקט ווי בײַ פֿיל אַנדערע פֿעלקער איז אויך בײַ ייִדן אין ארץ־ישׂראל געווען דער מינהג אײַנצופֿלאַנצן אַ בוים, ווען אַ קינד איז געבאָרן געוואָרן. איז עס געווען אַ ייִנגל, האָט מען פֿאַרפֿלאַנצט אַ צעדערבוים; איז עס געווען אַ מיידל, האָט מען פֿאַרפֿלאַנצט אַ ציפּרעס. מען האָט געגלייבט, אַז דאָס איז אַ סגולה, דאָס קינד זאָל וואַקסן און קוועלן ווי דער בוים.[11]

בײַם געבאָרן ווערן פֿון אַ קינד האָבן ייִדן דעמאָלט קיין שׂימחה ניט געפּראַוועט. דערפֿאַר אָבער איז דער ברית געווען אַ גרויסע שׂימחה. נאָך דעם אָוונט פֿריִער האָט זיך געטומלט אין הויז. עס האָבן געברענט די אייל־לאָמפּן און ס'האָבן געקלאַפּט די זאָרנעס. דאָס האָט מען געמאָלן מעל פֿאַר געבעקס און צוגעגרייט אַלץ וואָס איז נייטיק געווען פֿאַר דער שׂימחה.[12]

---

[10] תּוספֿתּא שבת ו (ז). דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ געווינערין, ווי קרויס האַלט, נאָר וועגן אַ קימפּעטאָרין.

[11] גיטין, נ״ז, א. וועגן דעם דאָזיקן מנהג בײַ אַנדערע פֿעלקער, זע: פּלאָס, דצ״וו, ב׳ I, זז׳ 61־63 און שעפּטעלאָוויץ, דצ״וו, ז׳ 26.

[12] יאָזעפֿוס, אַפּיאָן, ב׳ II, ז׳ 25; סנהדרין, ל״ב, ב; ירושלמי כּתובות פּרק ראשון, הלכה ה. זע וועגן דעם אין: קרויס, דצ״וו, ב׳ II, און יעקבֿ מאַן, Rabbinic Studies in the Synoptic Gospels אין Union College Annual, 1924.

מען האָט איצט מל געווען שוין מיט אַן אײַזערנעם מעסער, ניט מיט אַ שטיינערנעם, ווי אין די צײַטן פֿון תּנך. אַ נאָמען האָט מען געגעבן אַ ייִנגל ניט באַלד ווי ער איז געבאָרן געוואָרן, נאָר ערשט אויפֿן ברית. עס איז שוין איצט געווען אײַנגעפֿירט אַ נאָמען צו געבן אַ קינד נאָך עמעצן אין דער משפּחה, געוויינטלעך נאָך אַ געשטאָרבענעם, אָבער אָפֿט מאָל אויך נאָך אַ לעבעדיקן. אַ קינד האָט פֿיל מאָל געהייסן נאָך דעם טאַטן אָדער דעם זיידן נאָך בײַ זייער לעבן.[13]

3

אַ ברית און אַ פּדיון־הבן אין די תּלמודישע צײַטן

מיר האָבן אין תּלמוד און מדרש שילדערונגען פֿון צוויי בריתן אין יענע צײַטן, איינער אין ירושלים און דער צווייטער אין ציפּורי, אין גליל. צווישן אָט די צוויי שימחות ליגן אַן ערך 150 יאָר.

דער ערשטער ברית, פֿון וועלכן מיר הערן אינטערעסאַנטע פֿאַקטן, קומט פֿאָר אין ירושלים קורץ פֿאַרן צווייטן חורבן. דער טאַטע איז אַבֿויה, איינער פֿון די רײַכע און חשובֿע ייִדן פֿון ירושלים. ס׳איז געבאָרן געוואָרן בײַ אים אַ ייִנגל וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן אלישע. דאָס איז דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער אלישע בן אַבֿויה. אויפֿן ברית זײַנען פֿאַרבעטן די גדולים פֿון ירושלים, צווישן זיי אויך רבי אליעזר און רבי יהושע, די גרעסטע און באַרימטסטע תּלמידים פֿון רבן יוחנן בן זכּאַי. נאָכן ברית פּראַוועט מען אַ רײַכע סעודה און מען איז זיך שטאַרק משׂמח. אין איין צימער הוליען די רײַכע אַריסטאָקראַטישע ייִדן פֿון ירושלים. מען פּאַטשט מיט די הענט און מען טאַנצט און זינגט. מען זינגט תּהלים־געזאַנגען און מען זינגט אויך גריכישע לידער, אין וועלכע די פֿערזן גייען אַלפֿאַבעטיש. אין אַ צווייטן צימער זיצן רבי אליעזר און רבי יהושע און מיט זיי נאָך אַנדערע ייִדן, פֿרומע און געלערנטע, וואָס ווילן ניט קיין הוליאַנקע. ריידן רבי אליעזר און רבי יהושע דברי־תּורה.[14]

סײַ בײַ רײַכע, סײַ בײַ אָרעמע איז געקומען אַ גרויסער עולם אין דעם הויז, ווו אַ ברית איז פֿאָרגעקומען. געווען דעמאָלט אין ירושלים אַ חבֿרה צו גיין אויף בריתן, אַ חבֿרה צו גיין אויף חתונות און אַ חבֿרה צו גיין מנחם־אָבֿל זײַן.[15]

אין דער צײַט פֿון די תּנאים איז שוין אויך געווען אָנגענומען דער נוסח פֿון די ברכות וואָס מען זאָגט עד־היום אויף אַ ברית. דער מוהל האָט געזאָגט: „אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה״; דער פֿאָטער האָט געזאָגט: „אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבֿריתו של אַבֿרהם

[13] אײַזערנער מעסער: שבת, ק״ל, א. קרויס, דצ״ו; מאַן, דצ״ו, הערה 12.
[14] ירושלמי חגיגה, ב, ו״ז; רות רבה, ו, ה.
[15] תּוספֿתּא מגילה ד (ג), 15.

אָבינו״; און דער פֿאַרזאַמלטער עולם האָט אויף דעם אָפּגעענטפֿערט: „כּשם שנכנס לבּרית כּך יכּנס לתורה לחופּה ולמעשׂים טובים״.[16]

דער צווייטער ברית, פֿון וועלכן מיר הערן, איז פֿאָרגעקומען בײַ אַ רײַכן ייִדן אין ציפּורי אָן ערך 150 יאָר נאָך אלישע בן אַבויהס ברית. אין משך פֿון דער צײַט זײַנען פֿאָרגעקומען גרויסע שינויים און איבערקערענישן אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק. קורץ נאָך אלישע בן אַבויהס ברית איז געקומען דער צווייטער חורבן פֿון ירושלים, און 60־65 יאָר שפּעטער איז געקומען בר־כּוכבֿאס אויפֿשטאַנד, אין וועלכן יהודה איז כּמעט ווי פֿאַרוויסט געוואָרן; דער צענטער פֿון ייִדישן לעבן און פֿון ייִדישער גײַסטיקער טעטיקייט אין ארץ־ישׂראל האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין גליל. די גרעסטע שטאָט פֿון גליל און דער צענטער פֿון דער אַדמיניסטראַציע פֿון דעם ייִדישן ייִשובֿ אין דעם לאַנד איז געווען ציפּורי. בײַ איינעם פֿון די רײַכע ייִדישע פּירערס אין ציפּורי איז עס פֿאָרגעקומען די שׂימחה.

אויך געסט פֿון די שטעטלעך אַרום זײַנען געבעטן געוואָרן צום ברית. מיר הערן ווי ייִדן גייען פֿון עין־תּאנה, אַ שטעטל דערבײַ, קיין ציפּורי צו דעם ברית, צווישן זיי אויך דער תּנא ר׳ שמעון בן חלפֿתּא. דער פֿאָטער איז מכבד די געסט מיט זיבניאָריקן ווײַן און זאָגט צו זיי: „איך פֿאַרלאָז זיך אויף דעם האַר פֿון הימל, אַז איך וועל אײַך געבן צו טרינקען פֿון אָט דעם ווײַן אויף מײַן זונס חתונה״. דער עולם ענטפֿערט אָפּ: „ווי דו האָסט אים אַרײַנגעבראַכט צום ברית, אַזוי זאָלסטו אים אויך אַרײַנברענגען צו תּורה און חופּה״. מען האָט דאָרטן אָט אַזוי געטרונקען און געהוליעט ביז האַלבער נאַכט.[17]

וואָס ס׳איז שייך דעם פּדיון־הבן, האָט ער נאָכן חורבן בית־המקדש שוין געהאַט כּמעט פֿאַרלאָרן זײַן לכתּחילהדיקן זינען, אַז דער בכור געהער צום הייליקטום און אַז ער מוז דערפֿאַר אויסגעלייזט ווערן פֿון דעם כּהן. פֿיל כּהנים פֿלעגן גאָר אָוועקגעבן צוריק די פֿינף „סלעים״. פּדיון־הבן איז שוין דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ סימבאָלישע צערעמאָניע, אַ מיצווה פֿון דער תּורה, און נאָר דערפֿאַר האָט מען געפּראַוועט דעם יום־טובֿ, פֿאַרבונדן מיט אַ סעודה.[18]

4

אין דער ערשטער העלפֿט מיטל־עלטער

וואָס ווײַטער מיר גייען אין דער ייִדישער געשיכטע, אַלץ מער זעען מיר, ווי די צערעמאָניע פֿון ברית־מילה געווינט אין חשיבֿות און ווערט פֿון אַ פֿאַמיליע־שׂימחה אַ יום־טובֿ פֿון דער גאַנצער קהילה. אָט דער היסטאָ־

[16] שבת קל״ד, ב.

[17] קהלת רבה ג, ד; ילקוט שמעוני משלי, תתקמ״ז; דברים רבה, ט, א.

[18] בכורות נ״א, א; פּסחים קב״א, ב; תרומת הדשן, רס״ח (שיש לעשות סעודה לפדיון הבן ושכן היו נוהגים בימי הגמרא).

רישער פּראָצעס האָט אַ פּנים זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צײַטן פֿון צווייטן בית־המקדש, ווען אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס האָט פֿאַרבאָטן ברית־מילה בײַ טויטשטראָף. אַרום 300 יאָר שפּעטער האָט דער רוימישער קייסער אַדריאַנוס נאָכגעטאָן אין דעם פּרט אַנטיוכוסן. די דאָזיקע גזירות פֿון גוייִשע הערשערס האָבן אַ סך צוגעהאָלפֿן צו מאַכן דעם ברית מער באַליבט און פּאָפּולער.

אָבער אַ יום־טובֿ פֿון גאַנץ קהל ממש איז דער ברית געוואָרן ערשט אין דער צײַט פֿון די גאונים, אַרום נײַנטן יאָרהונדערט. דעמאָלט איז די צערעמאָניע אַריבערגעטראָגן געוואָרן פֿון הויז אין שול אַרײַן. שוין פֿון לענגער איז געווען אײַנגעפֿירט צו מאַכן דעם ברית באַלד אין דער פֿרי, מחמת אַ מיצווה טאָר מען ניט אָפּלייגן. איז מען איצט, אין דער עפּאָכע פֿון די גאונים, געגאַנגען אַ טריט ווײַטער און געמאַכט דעם ברית אין שול גופֿא, באַלד נאָכן דאַווענען, און פֿאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער עולם איז געבליבן אין שול בײַוווינען די צערעמאָניע.

כּל־זמן מען האָט געמאַכט דעם ברית אין הויז, האָט ער ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם דאַווענען. ווען ס׳איז אָבער אײַנגעפֿירט געוואָרן צו פּראַווען דעם ברית אין שול, איז ער אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין דעם נוסח און דעם געשלידער פֿון דעם דאַווענען. מען האָט אויסגעלאָזן פֿון דאַווענען די טיילן וואָס מען זאָגט ניט אין יום־טובֿדיקע און האַלב־יום־טובֿדיקע טעג. אַחוץ דעם האָט מען געזונגען גרויסע שטיקער פֿון דאַווענען און מען האָט אויך געזאָגט און געזונגען ספּעציעלן פּיוט, וואָס פּײַטנים האָבן מחבר געווען לכּבֿוד דער שימחה פֿון אַ ברית.

עס זײַנען דעמאָלט אויך צוגעקומען נײַע פֿאָרמען אין דעם צערעמאָניאַל גופֿא. אַן ערך אין דער זעלביקער צײַט, ווען דער ברית איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין שול, איז שוין אויך געווען אײַנגעפֿירט אָוועקצושטעלן אויף אַ ברית אַ שטול פֿאַר אליהו הנבֿיא. אין יענער צײַט איז אויך צוגעקומען צו די פֿריִערדיקע צוויי שותּפֿים אויף דער דאָזיקער שימחה — דער פֿאָטער און דער מוהל — נאָך אַ דריטע וויכטיקע פּערזאָן. דאָס איז געווען דער סנדק, דער אַסיסטענט פֿון דעם מוהל, וועלכער האַלט צו דאָס קינד אויף זײַן שויס בעת דער אָפּעראַציע. (דער נאָמען „סנדק״ שטאַמט פֿון גריכיש.) שפּעטער האָט דער סנדק באַקומען אַן אַסיסטענטין, ס׳רובֿ זײַן אייגענע פֿרוי, וועלכע האָט געבראַכט דאָס קינד פֿון דער קימפּעטאָרין אין שול אַרײַן. נאָך שפּעטער איז אָט די פֿונקציע פֿון העלפֿן דעם סנדק צעטיילט געוואָרן צווישן צוויי, אַ מאַן און אַ פֿרוי, וועלכע מען האָט גערופֿן „קוואַטער״ און „קוואַטערקע״.[19]

אויך דער צערעמאָניאַל פֿון פּדיון־הבן איז אין דער עפּאָכע פֿון די גאונים געוואָרן רײַכער און אײַנדריקלעכער. עס איז דעמאָלט אײַנגעפֿירט

[19] סנדק פֿון גריכיש „סינדיקאָס״, לעוו, דצ״ו.

געוואָרן דער דיאַלאָג צווישן דעם פֿאָטער און דעם כּהן, וועלכער איז געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג.[20]

די קימפּעטאָרין און דאָס קינד זײַנען אין מיטל־עלטער אַלץ מער און מער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פֿאַרשיידענע קמיעות, סגולות און כּישוף־מיטלען פֿון דער געבורט אָן ביז נאָכן ברית. איבער הויפּט האָט מען געהיט דאָס קינד און די מוטער אין דער נאַכט ערבֿ דעם ברית. „וואַכנאַכט" האָט מען גערופֿן די דאָזיקע נאַכט בײַ די דײַטשע ייִדן. קרובֿים און פֿרײַנד זײַנען צוזאַמענגעקומען בײַ דער קימפּעטאָרין אין שטוב און די גאַנצע נאַכט דאָרטן געלערנט תּורה, כּדי דאָס קינד זאָל ניט „באַנומען ווערן" (באַכּישופֿט ווערן).[21]

5

אין דער צווייטער העלפֿט מיטל־עלטער

פֿון דער צווייטער העלפֿט מיטל־עלטער ווייסן מיר שוין וועגן אונדזער ענין אַ היפּש ביסל פּרטים.

אָט הערן מיר פֿון אַ ברית אין רוים אין דרײַצנטן יאָרהונדערט. פֿאַראַן מערערע שולן אין דער ייִדישער קהילה, און אין אַלע אַנאָנסירט מען דעם ברית. מען גייט אַרום מיט אַ הדס איבער אַלע שולן, און אַז ייִדן פּילן בײַם דאַווענען דעם ריח פֿון די בשׂמים, ווייסן זיי שוין, אַז אין איין שול איז אין דעם טאָג אַ ברית. די שול, וווּ דער ברית קומט פֿאָר, איז העל באַלויכטן. עס ברענען אַ סך ליכט, צווישן זיי איינע וואָס איז היפּש גרויס. אויף דער טיר פֿון שול איז אויפֿגעהאַנגען אַ שיינע שטיק באַנד. מען זאָגט ניט אין דאַווענען קיין „תּחנון". אונטן אין שול, בײַם אַרײַנגאַנג, וווּ די צערעמאָניע פֿון ברית ווערט געפּראַוועט, שטייט אַ שיינע שטול פֿאַר אליהו הנבֿיא. דערבײַ שטייט די שטול פֿאַר דעם סנדק. בעתן דאַווענען הערשט אַ יום־טובֿדיקע שטימונג. מען דאַווענט אָפּ ביז „עלינו" און עס הייבט זיך אָן די צערעמאָניע פֿון דעם ברית („עלינו" זאָגט מען נאָכן ברית).

אונטער דער צײַט ווערט דאָס קינד געבאָדן אין וואַרעם וואַסער און אָנגעטאָן אין שיינע מלבושימלעך, ווי ער וואָלט געווען אַ חתן וואָס גרייט זיך צו דער חופּה. ער טראָגט אַ לײַוונטן העמדעלע, אַ טוניקל (סרבל) און אַ קליין היטעלע. מיט גרויס פּאַראַד טראָגט מען דאָס ייִנגעלע פֿון הויז אין שול אַרײַן. דער פֿאָטער רופֿט אויס „ברוכים היושבֿים!", און דער עולם ענטפֿערט אָפּ: „ברוך הבא!" דער פֿאָטער דערלאַנגט דאָס קינד מיט דער רעכטער האַנט דעם סנדק. דער סנדק נעמט אים צו מיט דער רעכטער האַנט

[20] תּשובֿות הגאונים, שורי תּשובֿה, מ"ז.

[21] באַריכות וועגן דעם אין ווײַטערדיקע טיילן פֿון מײַן אַרבעט. — וועגן וואַכנאַכט בײַ ווינער ייִדן אין 15טן י"ה, זע: אַ. גאָלדמאַן אין די פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב' I, זז' 91־94.

און זעצט זיך אַוועק האַלטנדיק אים אין שויס. דער מוהל שטייט דערבײַ. נאָענט לעבן אים שטייט דער פֿאָטער, צו ווײַזן, אַז ער האָט געמאַכט דעם מוהל פֿאַר זײַן שליח מל צו זײַן דאָס קינד זײַנס. אויך דער גאַנצער עולם שטייט אויף די פֿיס בעת דעם מל זײַן.

ווען דאָס מל זײַן איז אַריבער, נעמט דער מוהל דאָס קינד פֿון דעם סנדק און דערלאַנגט עס דעם פֿאָטער. דער פֿאָטער דערלאַנגט עס צו אַ קוואַטער וועלכער האַלט עס ביז מען ענדיקט זאָגן די ברכות פֿון דעם ברית. ווי מיר זעען דאָ, איז די פֿונקציע פֿון דעם סנדק ווי דער אַסיסטענט פֿון דעם מוהל שוין געווען דעמאָלט געטיילט צווישן צווייען: איינער האָט געהאַלטן דאָס קינד בעתן מל זײַן און דער אַנדערער — דערנאָך, ווען מען האָט געזאָגט די ברכות און געגעבן דעם קינד אַ נאָמען.[22]

נאָך מער פּרטים הערן מיר פֿון אַ ברית אין דײַטשלאַנד אַנהייב פֿופֿצנטן יאָרהונדערט. די שטאָט איז מײַנץ, ווו עס זיצט ווי אַ רבֿ און ראָש־ישיבֿה דער באַרימטער מהרי״ל (אַ ראָשי־תּיבֿות פֿון מורינו הרבֿ רבי יעקבֿ לוי). זייער אָפֿט איז דער מהרי״ל סנדק. אין דעם פֿאַל גייט ער פֿריִער טבֿילה.

אין שול איז זייער ליכטיק. עס זײַנען אָנגעצונדן צוועלף ליכט, אַנטקעגן די צוועלף שבֿטים פֿון ישׂראל. דערצו נאָך ברענט אײן ליכט וואָס איז גאַנץ גרויס. אַ שיינע גרויסע שטול, באַדעקט מיט אַ שיינעם צודעק, שטייט צוגעגרייט פֿאַר אליהו הנבֿיא. עס איז נאָכן דאַוונען, פֿאַר „עלינו". דעם סנדקס ווײַב ברענגט דאָס קינד פֿון דער קימפּעטאָרין. זי ברענגט עס ביז דער טיר פֿון שול, אָבער זי גייט ניט אַרײַן אינעווייניק. ס'וואָלט געווען אַ פֿאַרשײַטקייט פֿאַר אַ פֿרוי אַרײַנצוגיין אין שול צווישן די מאַנסבילן. עס טרעפֿט, אַז דעם סנדקס ווײַב קען ניט זײַן אויפֿן ברית, גייט דעמאָלט דער סנדק אַליין צו דער קימפּעטאָרין ברענגען דאָס קינד. אָבער דעם מהרי״ל געפֿעלט דאָס ניט, אַז אַ מאַנסביל זאָל אַרײַנגיין אין אַ צימער פֿול מיט ווײַבער. שפּעטער האָט מען געפֿונען אַ תּרופֿה. פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט הערן מיר, אַז אין וואָרמס איז דאָ אַ ספּעציעלע טיר אין דער ווײַבערשער שול, דורך וועלכער אַ פֿרוי האָט דערלאַנגט דאָס קינד צו אַ מאַן אויף דער אַנדערער זײַט טיר. מען האָט זי גערופֿן „ייִדיש־טיר" (די טיר, דורך וועלכער מען האָט אַרײַנגעטראָגן דאָס קינד עס צו ייִדישן).[23]

מיר הערן אויך פֿון אַ פֿאַל, ווען צוויי בריתן מיט אַ מאָל ווערן גע־פּראַוועט בײַ אַ צווילינג אין מײַנץ אין יענער צײַט. עס ווערט אַלצדינג געטאָן אין טאָפּל. עס ברענען אין שול פֿיר און צוואַנציק קליינע ליכט און צוויי גרויסע. מען ברענגט ביידע ייִנגלעך אין שול אַרײַן, און צוויי מוהלים, מיט דער הילף פֿון די סנדקס, מאַכן די אָפּעראַציע איינער נאָך דעם אַנדערן. די

[22] שבלי הלקט; מחזור ויטרי.

[23] מהרי״ל; מנהגים־בוך פֿון וואָרמס ציטירט בײַ ישׂראל צינבערג, די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, ב׳ V.

ברכה מאַכן ניט ביידע מוהלים, נאָר ווען איין מוהל ענדיקט די ברכה, ענטפֿערט דער אַנדערער „אָמן".

מיר הערן אויך פֿון אַ פדיון־הבן אין מײַנץ אין דער צײַט פֿון מהרי"ל. דער טאַטע פֿון דעם קינד איז אַ ייִד פֿון ערפֿורט. אָבער אַ חודש נאָך דער געבורט געפֿינט ער זיך אין מײַנץ און מאַכט דאָרטן דעם פדיון־הבן אין בײַזײַן פֿון מהרי"ל.

קודם לייגט דער פֿאָטער אַרײַן דאָס געלט אין אַ זילבערנעם געפֿעס און פֿרעגט דעם מהרי"ל, צי די דאָזיקע סומע באַטרעפֿט פֿינף שקל. רופֿט זיך אָפּ אַ בחור פֿון דער ישיבֿה, אַז דאָס געפֿעס אַליין איז דאָך ווערט מער. ענטפֿערט אים אויף דעם דער מהרי"ל, אַז די כּלי איז אַ געליִענע און דער בעל־שימחה טאָר זי ניט אַוועקגעבן דעם כּהן. דער מהרי"ל הייסט דעם פֿאָטער צולייגן נאָך אַ ביסל געלט, אַז עס זאָל ווערן פֿולע פֿינף שקל לויט זײַן, דעם מהרי"לס חשבון. דער פֿאָטער פֿאָלגט דעם מהרי"ל, און מען זעצט זיך צום טיש עסן. אַלע מאַכן „המוציא", און דער פֿאָטער טראָגט אַרײַן דאָס געפֿעס מיט דעם געלט און שטעלט זיך אַוועק פֿאַר דעם כּהן און זאָגט אים: „דו דער און דער, מײַן פֿרוי די און די האָט מיר געבאָרן אַ זון אַ בכור וואָס הייסט אַזוי און אַזוי, און איך גיב אים דיר אַוועק". ענטפֿערט אים דער כּהן: „דו קענסט אים מיר אַוועקגעבן ווו ער געפֿינט זיך?" רופֿט זיך אָן דער פֿאָטער: „יאָ". ענטפֿערט אים דער כּהן: „אויב דו ווילסט, קענסטו אויסלייזן פֿון מיר דײַן בכור". רופֿט זיך אָפּ דער פֿאָטער: „יאָ, נעם צו די ווערט פֿון פֿינף שקל ווי אַן אויסלייז פֿאַר מײַן זון דעם בכור וואָס הייסט אַזוי און אַזוי". נעמט דער כּהן צו דאָס געלט פֿון דעם פֿאָטער, און געבנדיק דאָס דעם כּהן מאַכט דער פֿאָטער די ברכה „על פדיון הבן" און אויך אַ „שהחיינו". דער כּהן נעמט אַ כּוס ווײַן אין האַנט און מאַכט אַ ברכה „בורא פרי הגפֿן" און טרינקט פֿון כּוס און גיט אויך דעם פֿאָטער צו טרינקען.

דערמיט ענדיקט זיך די צערעמאָניע, און דער עולם נעמט זיך צו דער סעודה און עסט און טרינקט און לאָזט זיך ווויל גיין. [24]

6

אין אַ ייִדיש שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק [25]

אַ ייִדישע פֿרוי גייט צו קינד. דער מאַן גייט רופֿן די הייבאַם. אויב ס'איז בײַ נאַכט, גייט ער ניט אַליין, נאָר עמעצער, בדרך־כּלל אַן עלטערע

[24] וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט אין יענע צײַטן געגעבן אַ קינד אַ נאָמען, אין אַ ווײַטערדיקן טייל פֿון מײַן אַרבעט.

[25] דאָס שטעטל, פֿון וועלכן עס רעדט זיך דאָ, איז דאָס ליטווישע געבוירן־שטעטל פֿון דעם שרײַבער (גאָרזד, אין דער אַמאָליקער קאָוונער גובערניע). אָבער ניט קענענדיק רעקאָנסטרויִרן אַ גאַנץ בילד מיט אַלע פּרטים לויט זײַן אייגענעם זכּרון און לויט דעם זכּרון פֿון פֿאַרלאָזלעכע לאַנדסלײַט, בײַ וועמען ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, האָט ער אויך ווו ניט ווו זיך באַנוצט מיט ליטעראַרישע פֿאַרצייכענונגען פֿון אַנדערע שרײַבערס: פּױלינע ווענגעראָוו,

פֿרוי, גייט מיט איר מיט. בלויז די הייבאַם און אַ פּאָר עלטערע פֿרויען זײַנען בײַ דער געווינערין. די עטלעכע וואָס ווייסן, אַז די פֿרוי גייט צו קינד, זאָגן עס קיינעם ניט אויס. מען האַלט עס כּמעט פֿאַר אַ סוד. מען גלייבט, אַז וואָס מער מענטשן עס ווייסן פֿון דעם, אַלץ גרעסער די ווייטיקן פֿון דער געווינערין.

ווען די ווייענישן זײַנען זייער שווערע און עס פֿאַרציט זיך זייער לאַנג, הייבט מען אָן ניצן פֿאַרשיידענע סגולות. מען פֿירט די געווינערין אין דרײַ מאָל דרײַ הקפֿות אַרום אַ טיש. דערנאָך פֿירט מען זי דרײַ מאָל אַהין און צוריק איבער דער שוועל פֿון איר צימער. מען עפֿנט אַלע שאַפֿעס, קאַמאָדן און טירן אין שטוב. מען קניפּט אויף אַלע קניפּלעך און מען שפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך אין די וועש פֿון דער געווינערין. מען ברענגט אין צימער פֿון דער געווינערין דעם ייִדן וועלכער האָט דעם ערשטן טאָג פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם ראש־השנה געקריגן מפֿטיר, און ער לייענט דאָרטן מיטן ניגון די דאָזיקע הפֿטורה, אין וועלכער עס ווערט דערציילט פֿון חנהן, שמואלס מוטער, אַז זי איז אַ צײַט מיט יאָרן געווען אַן עקרה און דערנאָך האָט גאָט איר געגעבן אַ זון. אויב די דאָזיקע סגולות העלפֿן אַלץ ניט, טוט מען נאָך אַנדערע מיטלען. מען ברענגט די שליסל פֿון שול און מען דערלאַנגט זיי דער געווינערין אין האַנט. מען ברענגט אויך אַ מפּה פֿון אַ ספֿר־תּורה און מען גאַרטלט אַרום דערמיט די געווינערין. ווײַבער פֿון דער משפּחה לויפֿן אַוועק אין שול און מיט געשרייען און געוויינען רײַסן זיי אײַן דעם אָרון־קודש. אַ גרופּע ווײַבער גייען אויך אַוועק אויפֿן בית־עולם אײַנרײַסן די קבֿרים, איבער הויפּט די קבֿרים פֿון דער געווינערינס קרובֿים. מיט באַנומענע קולות שרײַט מען און מען וויינט דאָרטן, אַז די מתים זאָלן זיך מיִען אין הימל פֿאַר דער אומגליקלעכער געווינערין און איר אומשולדיק קינד וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט.

אַחוץ די געבעטן אויף די קבֿרים מעסט מען אויך פֿעלד. מען גייט אַרום בית־עולם ציִענדיק אַ קנויל פֿאָדעם. די פֿאָדעם גיט מען דערנאָך דעם ליכטציִער פֿאַר קנויטן אויף ליכט וואָס מען שענקט פֿאַר דער שול אָדער בית־המדרש. מען בלאָזט אויך שופֿר אין דעם צימער פֿון דער געווינערין און מען שלאָגט אויך כּפּרות. אויב עס איז בנמצא, איז אויך אַ סגולה איר צו געבן אין מויל קײַען אַ שטיקל מצה געבליבן פֿון אַפֿיקומן, אָדער דעם פּיטום פֿון אַ אתרוג. ס׳איז אַ סגולה, ווען זי קײַט עס, אַראָפּשלינגען טאָר זי עס ניט.

מזל־טובֿ! די געווינערין איז איבערגעקומען! איבער הויפּט איז גרויס

Memoiren einer Grossmutter ; יהודה עלזעט, ממנהגי ישראל, רשומות I א״אַנד. כאָטש מיזרח־אייראָפּע נעמט אַרום אַ גרויסן שטח מיט אַ פֿאַרשיידנקייט אין מנהגים, האַלט איך אָבער, אַז אין אירע הויפּטפּונקטן גילט די באַשרײַבונג ניט נאָר פֿאַר ליטע, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע שטעט און לענדער אין מיזרח־אייראָפּע.

די שׂימחה, ווען ס׳איז אַ ייִנגל. אָבער על כּל פּנים פֿרייט מען זיך, וואָס די פֿאַמיליע איז גרעסער געוואָרן. מען האָט ניט ליב קיין קליינע פֿאַמיליע. „גאָט זאָל אָפּהיטן צו האָבן איין קינד און איין העמד" איז אַ ייִדיש שפּריכוואָרט. אַ צווייט שפּריכוואָרט זאָגט: „נאָך אַ קינד, נאָך אַ ברויט" (דער צוגאָב אין דער הוצאה איז בלויז נאָך אַ לעבל ברויט).

מען באָדט דאָס קינד באַלד נאָכן געבאָרן ווערן, דער טאַטע און די קרובֿים וואָס געפֿינען זיך דערבײַ וואַרפֿן אַרײַן געלט אין וואַנעלע. ס׳איז אַ סגולה, דאָס קינד זאָל זײַן רײַך. דאָס געלט געהערט צו דער הייבאַם. דאָס וואַנעלע טאָר ניט זײַן קיין נײַס. מען באָרגט געווײנטלעך אַ וואַנעלע, אין וועלכן מען האָט געבאָדן קינדער וואָס זײַנען אויפֿגעוואַקסן שטאַרק און געזונט. אויך די ערשטע ווינדעלעך טאָרן ניט זײַן קיין נײַע, נאָר מען מאַכט זיי פֿון אַן אַלטער העמד. אַ פֿרוי וואָס ריכט זיך אין קימפּעט אַרײַן טאָר ניט צוגרייטן קיין ווינדעלע אין פֿאָרויס. ס׳איז ניט מזלדיק. אַנדערע פֿרויען מאַכן די ווינדעלעך דעם גאַנצן ערשטן יאָר פֿון אַלטע העמדער. דאָס איז אַ סגולה, דאָס קינד זאָל ניט אויפֿוואַקסן קיין רײַסער.

נאָכן אָפּבאָדן דאָס קינד גייט די הייבאַם צוריק אַהיים. אויב ס׳איז בײַ נאַכט, טאָר זי ניט גיין אַליין. אויב דער פֿאָטער פֿון דעם קינד גייט מיט איר, נעמט ער מיט נאָך עמעצן מיט זיך, כּדי ער זאָל ניט גיין צוריק אַהיים איינער אַליין. ניט נאָר די מוטער און דאָס קינד, אויך דער פֿאָטער און די הייבאַם זײַנען אין סכּנה פֿון ניט־גוטע.

אויף מאָרגן:

די ווױנונג בײַ בעל־הבתּישע ייִדן באַשטייט ס׳רובֿ פֿון צוויי צימערן. אין דעם אינעווייניקסטן ווינקל פֿון אייבעראַלקער ליגט די קימפּעטאָרין אין אַ הימלבעט וואָס זעט אויס פֿון ווײַטן כּמעט ווי אַ חופּה. זי האָט פֿיר שטאַנגען בײַ די פֿיר עקן און אַן איבערשפּרייט פֿון אויבן און איז נאָך דערצו פֿאַרצויגן מיט פֿאָרהענגלעך.

די קימפּעטאָרין, מיט אַ בלאַסן און צופֿרידענעם פּנים, ליגט אין בעט אָנגעטאָן אין אַ ווײַסער יאַק און אַ ווײַסער הויב אויפֿן קאָפּ. צו פֿוסנס ליגט דאָס עופּעלע, מיט דעם גאַנצן קערפּער צוזאַמען מיט די הענטלעך און די פֿיסלעך אײַנגעוויקלט שטײַף אין ווינדעלעך.

איבער דער שטובֿ דרייט זיך אַרום די וואַרטערין, אַ געוויסע ייִדענע אין שטאָט, וועלכע מען דינגט אין אַלע הײַזער פֿאַר דער צײַט פֿון אַ קימפּעט. די וואַרטערין טוט אַלע אַרבעט אין שטובֿ, דער עיקר אָבער קעכלט זי די קימפּעטאָרין. זי דערלאַנגט איר נאָך אַנאַנד יײַכלעך, אײַנגעמאַכטס, טרײַאַנקעס[26] און נאָך אַנדערע מאכלים און האַרץ־אָפּכאַפּעניש. דערהויפּט גיסט זי כּסדר אין דער קימפּעטאָרין הינערשע יײַכלעך. מען קלײַבט די ביינער פֿון די הינדלעך אין אַ רעשעטע. כּל־זמן די רעשעטע איז נאָך ניט

[26] געמאַכט פֿון בראַנפֿן (קאָניאַק), אייער און צוקער.

פֿול מיט די הינערשע ביינער, איז אַ סימן, אַז די קימפּעטאָרין איז נאָך ניט געקומען צו זיך, זאָגן די ווײַבער.

די קימפּעטאָרין און דאָס קינד ווערן אויך באַהיט און באַשירעמט. זיי זאָלן חס־ושלום ניט ניזוק ווערן פֿון די ניט־גוטע. איבערן צוקאָפּנס, הויך אויף דער וואַנט, איבער דער טיר, איבער די פֿענצטער און אויך אומעטום אויף די ווענט אַרום, ווו נאָר עס איז דאָ אַ שטיקל ליידיקער אָרט, זײַנען אויפֿגעקלעפּט אָדער אויפֿגעהאַנגען געדרוקטע קמיעות. אַפֿילו אונטערן צוקאָפּנס ליגט אַ געדרוקטע קמיע. די ערשטע, און קענטיק די גאָר וויכ־טיקסטע, שורה אין דער קמיע איז: „אָדם און חוה חוץ לילית". עס שטייען אויך אין דער קמיע די נעמען פֿון די דרײַ מלאָכים סינאָי, סינסינאָי און סמנגלף (סעמאַנגעלאָף), פֿאַר וועמען די לילית האָט מורא, און דערצו נאָך ווערט דאָרטן דערציילט אַ מעשׂה, ווי אַזוי אליהו הנבֿיא האָט אַ מאָל באַגעגנט ליליתן און איר כּיתּה, און לילית האָט אים געזאָגט, אַז דאָס גייט זי צו אַ קימפּעטאָרין צו טייטן די מוטער און דאָס קינד. אליהו איז געווען גרייט צו מאַכן, אַז אין איין רגע זאָל פֿון איר ווערן אַ שטיין. האָט לילית בײַ אים געפּועלט, ער זאָל איר קיין זאַך ניט טאָן, און דערפֿאַר האָט זי אים אויסגעזאָגט דעם סוד, ווי אַזוי צו באַשיצן קימפּעטאָרינס פֿון איר און דער כּיתּה אירער. דער סוד איז: אויפֿהענגען אויף דער וואַנט אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן אַלע אירע פֿאַרשיידענע נעמען זאָלן זײַן אויסגערעכנט. נאָך דער דאָזיקער מעשׂה קומען אין דער קמיע זיבעצן נעמען פֿון ליליתן, און גאָר צום סוף שטייט קאַפּיטל קכ"א פֿון תּהילים (שיר למעלות אשׂא עיני אל ההרים, וכו'). רופֿן ייִדן די דאָזיקע קמיע נאָך דעם קאַפּיטל תּהילים, אַ „שיר־המעלות".

אויב ס'איז אַ ייִנגל, קומט אַלע אָוונט פֿון דער ערשטער וואָך אַ מלמד מיט אַ מנין ייִנגלעך לייענען קריאת־שמע בײַ דער קימפּעטאָרין. די קינדער קריגן דערנאָך ראָזשינקעס, ניס, עפּל און לעקעך, און דער מלמד קריגט נאָך דער וואָך געלט פֿאַר דער טירחה.

די ערשטע שׂימחה צוליב דעם געבאָרן ווערן פֿון אַ ייִנגל איז דעם ערשטן פֿרײַטיק צו נאַכט. די דאָזיקע פֿײַערונג רופֿט מען „בן־זכר". אין שול בײַם דאַוונען רופֿט אויס דער שמש: „דער און דער רופֿט דעם עולם צום בן־זכר". נאָך דער פֿרײַטיק־צו־נאַכטיקער וועטשערע קומען זיך צונויף קרובֿים און גוטע פֿרײַנד געבן מזל־טובֿ די עלטערן פֿון דעם קינד, און מען טרינקט קוואַס און ביר און מען עסט עפּל און געקאָכטע אַרבעס און באָב. צווישן די געסט איז אויך דאָ דער חזן, און אַלע צוזאַמען זינגען זמירות. אויף מאָרגן, שבת אין דער פֿרי נאָכן דאַוונען, איז ווידער אַ שׂימחה. קרובֿים און גוטע פֿרײַנד קומען זיך ווידער צוזאַמען אין הויז לכּבֿוד דעם נײַ־געבאָרענעם זון. דער עולם מאַכט אַ ברכה אויף ווײַן אָדער בראָנפֿן, און מען פֿאַרבײַסט מיט לעקעך און נאָך כּיבוד. מען רופֿט עס „שלום־זכר",

לויט אַ מאמר אין דער גמרא, אַז „ווען אַ ייִנגל ווערט געבאָרן, קומט שלום אויף דער וועלט“.[27]

אַ סך גרעסער און יום־טובֿדיקער איז די שׂימחה פֿון דער וואַכנאַכט. עס קלײַבט זיך אויף אַ גרויסער עולם, עס זײַנען אָנגעצונדן אַ סך ליכט, מען עסט אַ גרויסע יום־טובֿדיקע סעודה און מען פֿילט זיך באמת יום־טובֿדיק אין דעם הויז. נאָך דער סעודה זינגט מען געוויסע תּפֿילות און מען לערנט תּורה ביז נאָך האַלבער נאַכט. צווישן דעם עולם איז אויך דאָ דער מוהל וועלכער לייגט אַוועק זײַן מוהל־מעסער אויף איבער נאַכט בײַ דער קימפּעטאָרין אונטערן צוקאָפּנס. איידער מען גייט אַהיים, לייענט דער עולם קריאת־שמע לעבן דער קימפּעטאָרין.

דער נאָמען פֿון דעם קינד איז שוין באַשטימט געוואָרן. געוויינטלעך גיט מען ניט איינעם, נאָר צוויי נעמען. דער פֿאָטער האָט געשטאָרבענע קרובֿים אין זײַן משפּחה און די מוטער — אין איר משפּחה, און נאָך יעדערן וויל מען האָבן אַ נאָמען. מאַכט מען דערפֿאַר ס׳רובֿ אַ פּשרה און מען גיט דעם קינד צוויי נעמען.

7

דער ברית אין אַ ייִדיש שטעטל

דער ברית ווערט געמאַכט אין הויז, און באַלד פֿאַר פֿרי הייבט מען אָן די הכנות צו באָדן דאָס קינד. דאָס באָדן צום ברית איז כּמעט אַ גאַנצע צערעמאָניע, אין וועלכער אַ סך עלטערע ווײַבער באַטייליקן זיך. מען האַלט פֿאַר אַ מיצווה אַרויפֿצוגיסן אַ פּאָר הויפֿנס וואַסער אויפֿן קינד. יעדערער וואָס טוט עס לאָזט גלײַכצײַטיק אין וואַנעלע אַ זילבערנע מטבע פֿאַר דער הייבאַם.

דער עולם איז נאָך אין שול. מען קומט אין דאַוונען צו „וכרות עמו הברית“, זינגט עס דער מוהל ביז „ישתבח“ מיט אַ געוויסן סקאַרבאָוון ניגון. מען זאָגט ניט קיין „תּחנון“, און עס פֿילט זיך אַ שטיקל יום־טובֿ אין שול.

אַרום נײַן־צען אַ זייגער אין דער פֿרי, באַלד נאָכן דאַוונען, הייבט דער עולם אָן זיך צוזאַמענצוקלײַבן. אין פֿאָדערשטן צימער, ווו דער ברית דאַרף פֿאָרקומען, ברענען צוויי גרויסע ליכט אין זילבערנע אָדער מעשענע לײַכטערס. אויף אַ באַזונדער טישל שטייט שוין גרייט אַלץ וואָס ס׳איז נייטיק פֿאַרן ברית: אַ פֿלאַש ווײַן, אַ כּוס, אַ טעלער מיט זאַמד און אַ פּושקע מיט פּולווער פֿון אַלטן, פֿאַרפֿוילטן האָלץ. דערצו נאָך שטייען גרייט צוויי געבעטעטע שטולן, איינע פֿאַר דעם סנדק און די אַנדערע, באַדעקט מיט אַ ווײַסן לײַלעך, פֿאַר אליהו הנבֿיא.

דער עולם האָט זיך שוין צוזאַמענגעקליבן. דער מוהל הייסט וויקלען דאָס קינד, און דאָס ווערט געטאָן לויט אַ געוויסן אָנגענומענעם גאַנג. אײַנ־

[27] פּיון שבא זכר בעולם בא שלום בעולם, נדה ל״א, ב.

געוויקלט מיט אַ שיין היטעלע אויפֿן קעפּל, ליגט דאָס יינגעלע אויף אַ קישעלע, באַדעקט מיט אַ דעקעלע, און די מוטער קוקט אויף אים מיט אַן אומעט אויף איר בלאַסן פּנים.

די הייבאַם נעמט דאָס קינד פֿון דער מוטער און דערלאַנגט עס דער עלטסטער פֿרוי וואָס שטייט לעבן בעט. זי לוליעט און שאָקלט עס אַ רגע און דערלאַנגט עס דער נאָענטסטער פֿרוי וועלכע גיט עס ווידער אַ פּאָר שאָקלען און דערלאַנגט עס ווידער צו אַן אַנדער פֿרוי, אַזוי אַרום וואַנדערט דאָס קינד פֿון אָרעם צו אָרעם, ביז עס קומט אָן סוף־כּל־סוף צו דער קוואַטערקע וועלכע טראָגט עס צו ביז דער שוועל פֿון פֿאָדערשטן צימער. ווי נאָר דאָס קינד באַווייזט זיך, רופֿט אויס דער גאַנצער עולם: „ברוך הבא!" דער קוואַטער נעמט דאָס קינד פֿון דער קוואַטערקע (דער קוואַטער און די קוואַטערקע זיינען אין די מערסטע פֿאַלן מאַן און ווייב, אָדער שוועסטער־קינדער, פֿון די נאָענטסטע אין דער משפּחה) און דערלאַנגט עס דעם מוהל. דער מוהל זאָגט געוויסע פּסוקים און לייגט אַוועק דאָס קינד אויף אליהו הנבֿיאס שטול און רופֿט אויס: „דאָס איז די שטול פֿון אליהו הנבֿיא, דערמאָנט זאָל ער זיין צום גוטן" און ער זאָגט אַ תּפֿילה, טיילווייז צו גאָט, טיילווייז צו אליהו הנבֿיא.

איצט קומט דער ברית גופֿא. דער גאַנצער עולם שטייט. בלויז איינער זיצט, דער סנדק, וועלכער איז מערסטנס דער רבֿ פֿון שטאָט. איינגעוויקלט אין אַ לאַנגן טלית זיצט ער אויף אַ געבעטעטער שטול, מיט אַ פֿוסבענקעלע אונטער די פֿיס, גרייט צו נעמען דאָס קינד. דער מוהל שטייט לעבן אליהו הנבֿיאס שטול, און הינטער אים שטייט דער פֿאָטער. נעמט דער מוהל דאָס קינד פֿון אליהו הנבֿיאס שטול און לייגט עס אַוועק צום סנדק אויף די קני און זאָגט די ברכה און טוט אָפּ זיינס. נאָך דער אָפּעראַציע מאַכט דער פֿאָטער אַ ברכה, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט זיין קינד אין דעם בונד פֿון אַבֿרהם אָבֿינו, און דער עולם ענטפֿערט אָפּ מיט דער ווינטשעוואַניע וועלכע איז שוין קרובֿ צו צוויי טויזנט יאָר אַלט: „כּשם שנכנס לברית כּן יכּנס לתּורה, לחופּה ולמעשׂים טובֿים".

דער מוהל מאַכט איצט אַ לענגערע ברכה אויף אַ כּוס וויין. אין פֿאַרלויף פֿון דער דאָזיקער ברכה גיט ער דעם קינד אַ נאָמען. ווען ער קומט אין דער ברכה צו די ווערטער: „בדמיך חיי", באַנעצט ער מיט דעם וויין די ליפּן פֿון דעם קינד. פֿאַרשיידענע מענטשן פֿון צווישן דעם עולם האַלטן דערווייל אין שאָקלען דאָס קישעלע מיטן קינד וואָס פּישטשעט פֿון ווייטיק און באַרויקט זיך אַ ביסל, ווען דער מוהל באַנעצט אים דעם מויל מיטן וויין.

נאָך דער דאָזיקער ברכה און תּפֿילה איז דער ברית געענדיקט. מען טראָגט אַריין דאָס קינד צוריק צו דער מוטער, און דער עולם וואַשט זיך די הענט און זעצט זיך צום טיש עסן. אין פֿאַרלויף פֿון דער סעודה מאַכט דער חזן דעם קינד „מי שברך" אין נאָמען פֿון יעדער איינעם פֿון די

בייזייענדיקע, איבער הויפּט פֿון די קרובֿים. דער שמש העלפֿט דאָ אַרויס דעם חזן, אים אַרייִנשעפּטשענדיק אין אויער יעדערנס נאָמען (מי שברך אַבותינו... בעבור שרבי פלוני ברבי פלוני מבֿרך אותו). נאָכן בענטשן, אין וועלכן עס זייַנען דאָ ספּעציעלע הוספֿות לכּבֿוד דעם ברית, רופֿט אויס דער שמש: „דער בעל־ברית בעט דעם עולם, ער זאָל קיין פֿאַראיבל ניט האָבן; אם־ירצה־השם אויף בר־מיצווה וועט ער פֿאַרבעסערן מיט אַלעם גוטן“.

דער עולם געזעגנט זיך, ווינטשנדיק דעם פֿאָטער, — און אַ ביסל פֿון וויַטן, דורך דער טיר פֿון הינטערשטן צימער, אויך דער מוטער — אַז זיי זאָלן אויפֿהאָדעווען דעם זון „לתּורה, לחופּה ולמעשׂים טובֿים“.

נאָכן ברית, ווען דאָס קינד איז שוין געמלט און טראָגט שוין אין זייַן לײַב דעם „צייכן פֿון הייליקן בונד“, גייט אַראָפּ די מורא פֿאַר „לילית און איר כּיתּה“ און מען נעמט אַראָפּ די שיר־המעלותן פֿון דער קימפּעטאָרינס צימער.

אויב ס'איז געבאָרן געוואָרן אַ מיידל, מאַכט מען ווייניק צערעמאָניעס און סעודות. בלויז דעם ערשטן שבת איז אַ שׂימחה. דער פֿאָטער איז עולה־לתּורה, און דער חזן, אָדער דער שמש, מאַכט פֿאַר אים „מי שברך“ דער מוטער און דעם קינד, ווען ער גיט אַ נאָמען. נאָך דער שבתדיקער סעודה קומען ווייַבער, קרובֿות, שכנות און גוטע באַקאַנטע געבן מזל־טובֿ דער קימפּעטאָרין, און מען איז זיי מכבד מיט לעקעך און אייַנגעמאַכטס. מען רופֿט עס: „גיין אויף קיכלעך“.

אַזוי ווי בײַ אַ מיידל איז ניטאָ קיין גרענעץ אין צײַט, ווען לילית פֿאַרלירט איר שליטה אויפֿן קינד, הענגען די שיר־המעלותן פֿיל לענגער ווי פֿאַר אַ ייִנגל. מען האַלט זיי בדרך־כּלל ביז די מוטער שטייט אויף פֿון קימפּעט.

דער שבת, ווען די קימפּעטאָרין שטייט אויף פֿון קימפּעט, סײַ בײַ אַ ייִנגל, סײַ בײַ אַ מיידל, איז אַ שׂימחהלע אין הויז. אַ גרופּע ווײַבער, גאָר נאָענטע פֿון דער משפּחה צוזאַמען מיט דער הייבאַם, קומען אין דער פֿרי צו דער קימפּעטאָרין זי פֿירן אין שול. פֿאַרן אַוועקגיין אין שול עסט מען לעקעך און אײַנגעמאַכטס. אין דער ווײַבערשער שול גיבן אַלע אָפּ מזל־טובֿ דער קימפּעטאָרין, און אין דער מענערשער שול קריגט דער פֿאָטער אַן עליה און ער לאָזט מאַכן „מי שברך“ דער מוטער און דעם קינד.

ד״ר מעריסאָן

שטיל איז ד״ר יעקבֿ־אַבֿרהם מעריסאָן אויסגעגאַנגען דעם 18טן יאַנואַר 1941 אין זײַן צווייגאָרנדיקן שטיבל אויף 2864 מאַריאָן עוועניו אין די בראָנקס אַזוי ווי ער האָט דאָרטן אָפּגעלעבט שטילערהייט אַ גרויסן טייל פֿון זײַן לעבן. איבער הויפּט די לעצטע יאָרן, ווען ער איז געווען קראַנק און האָט אָפּט געליטן יסורים, איז ער געווען היפּש עלנט. „אפֿשר בין איך אַליין שולדיק״, האָט ער איין מאָל אַ זאָג געטאָן (מיט אַ רעזיגנירטן שמייכל וואָס האָט אָבער ווײַטער פֿון די מוילווינקלען ניט געגרייכט, ווײַל ווי אַזוי קען מען זיך דאָס פֿאַרגינען צו צעשמייכלען זיך איבערן גאַנצן פּנים): „אפֿשר בין איך אַמאָליקע יאָרן אויך געווען קאַלט צו מענטשן״. אַ גרויסע שטיק אַליין־דערקענטעניש האָט געשטעקט אין די פּאָר ווערטער. ד״ר מעריסאָן איז געווען אַ גאָלדענער חבֿר; ווען ער האָט פֿון עמעצן געהאַלטן, האָט אים שוין ניט געאַרט, צי יענער האַלט פֿון אים אויך אַזוי שטאַרק. אָבער אין זײַן באַנעמונג צו מענטשן איז ער טאַקע געווען אײַנגעצאַמט קיל. אַן אײַנגעקערעוועטער אין זיך איז ער אַ פּנים געווען פֿון די יינגסטע יאָרן, און זײַן שפּעטערדיקע גײַסטיקע סבֿיבֿה איז געווען פֿאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. ער איז געווען פֿון יענעם פּאָזיטיוויסטישן דור, ווען ס'איז ניט אָנגעשטאַנען אָפּן אַרויסצובֿרענגען געפֿילן. אַז מען האָדעוועט זיך אויס בײַ ליטווישע מוסרניקעס און משׂכּילים און דערנאָך ווערט מען אַ חסיד פֿון דזשאָן סטואַרט מילן און ספּענסערן, בויט מען זײַן אידעאָלאָגיע ניט אויף פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויף לאָגיק. אַזוי האָט זיך דער גײַסט פֿון דער צײַט צונויפֿגעטראָפֿן מיט דער סטרוקטור פֿון אַ פּערזענלעכקייט.

ווען מעריסאָן איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1887 כּמעט ווי גלײַך פֿון דער בית־מדרש־באַנק, האָט אויף דער איסט־סײַד געקאָכט. איז מעריסאָן, צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי ד״ר קאַטערינע יעווזעראָוו־מעריסאָן, אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם כּלל־טוערײַ און געוואָרן פֿון די ראָשי־המדברים אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ער איז געווען אַ מיטגליד אין קאָמיטעטן, אַ מיטאַרבעטער און אַפֿילו אַ רעדאַקטאָר פֿון צײַטשריפֿטן. אומעטום איז ער געווען ערלעך און געטרײַ, אַזוי ווי אין זײַנע פּערזענלעכע באַציִונגען און ווי אין זײַן מעדיצינישער פּראַקטיק. אָבער ער איז ניט געווען

קיין כּלל־טוער לויט זײַן נאַטור. ער איז געווען מאָנעריש שטרענג צו זיך אַליין נאָך מער ווי צו יענעם. דאָס האָט אים געמאַכט שעמעוודיק, אומזיכער אין זיך. דערפֿאַר איז ער אָנגעגאַנגען פֿאַר אַ קאַלטן בײַ די וואָס האָבן אים געקענט נאָר פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. מען האָט אים געדאַרפֿט קענען נעענטער, כּדי צו דערזען די פֿלאַם פֿון שטילן ענטוזיאַזם פֿאַרן אמת, וואָס האָט געברענט אין אים ווי אַ נר־תּמיד.

מיט די יאָרן, און איבער הויפּט זינט דעם טויט פֿון זײַן פֿרוי אין 1929, האָט ער זיך אַלץ מער אײַנגעשלאָסן אין זיך. ער איז געוואָרן אַלץ מער יושבֿ־אוהל, און דער שרײַבטיש האָט אים אַלץ מער פֿאַרביטן דעם עולם. מיט פּאַפּיר און טינט איז גרינגער צו האָבן אַן עסק ווי מיט מענטשן. און ס'איז געוויס ניט קיין צופֿאַל, וואָס ער האָט זיך מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין איבערזעצונגען. ער האָט אַליין אויך געשריבן, אָבער ניט איבעריקס פֿיל, וואָס ווײַטער ווינציקער. שרײַבן הייסט דאָך אײַנשטעלן זיך, הייסט דאָך אײַנשפּאַרן זיך; און ווו איז די ראַיה, אַז איך בין גערעכט? איבערזעצן איז עפּעס אַנדערש: אַז מיל איז גערעכט אָדער אַז ספּענסער איז גערעכט, דאָס קען דאָך קיינער ניט אָפּפֿרעגן. דער כּלל־גדול פֿון איבערזעצן, צו וועלכן ער איז דערגאַנגען, איז געווען: „גיב איבער אונטער אַלע אומשטאַנדן ניט נאָר דעם זין, נאָר אויך די פֿאָרם מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, אין אַ פֿליסיקן ייִדיש אויב מעגלעך, אין בלויז אַ פֿאַרשטענדלעכן ייִדיש, אויב דו מוזסט". נאָך הײַנט, אין העכער דרײַסיק יאָר אַרום, און דרײַסיק פּרעכטיקע יאָר פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטורשפּראַך, לייענט זיך נאָך גלאַטיק און אָפּט מאָל מיט הנאה זײַן ערשטע אַרבעט פֿון 1908, מילס קלאַסישע „פֿרײַהייט". ווי נאָר ער האָט זיך צו דעם דאָזיקן בוך גענומען, האָט ער דערשפּירט, אַז ער איז אין זײַן סטיכיע. מער ווי דרײַסיק יאָר צײַט האָט ער אין דורכשניט דרײַ שעה אין טאָג אָפּגעגעבן אויף איבערזעצן. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין אַ סאָלידן אַחריותדיקן ייִדיש פֿיל טויזנטער זײַטן קלאַסישע וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור און גײַסטיק רײַכער געמאַכט טויזנטער ייִדן. אָבער ער אַליין האָט אויך געהאַט פֿון דער אַרבעט די רײַכסטע אינעווייניקסטע באַפֿרידיקונג. זומער 1939 האָט ער פֿאַרענדיקט פֿאַרן ייִוואָ די איבערזעצונג פֿון פֿראַנץ באָאַזעס „דער גײַסט פֿון פּרימיטיוון מענטשן"; האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד האָט דער מחבר אָפּגעדרוקט אַ צווייטע אויפֿלאַגע און היפּש געביטן אין איר; איז אָנשטאָט זיך הייסן צושיקן די איבערזעצונג כּדי אַרײַנצוטראָגן אין איר די נייטיקע שינויים, האָט זיך מעריסאָן בעסער אַוועקגעזעצט און זומער 1940 איבערגעזעצט די גאַנצע צווייטע אויפֿלאַגע איבער אַ נײַס.

צום ייִוואָ האָט ער געהאַט אַ האַרציקע פֿרײַנדשאַפֿט און אַ טיפֿן דרך־ארץ. כאָטש ער איז געווען גאָר־גאָר ווײַט פֿון צו זײַן אַ גבֿיר, האָט ער פֿון דעסט וועגן היפּש צוגעהאָלפֿן דעם ייִוואָ אויך מיט געלט, און אַנטקעגן האָט ער

קיין מאָל גאָר ניט געוואָלט. בכדי אים צו פֿאַרשאַפֿן פֿרייד און באַרעכטיקטע סאַטיספֿאַקציע, האָבן מיר געשאַפֿן בײַם ייִוואָ דעם מעריסאָן־פֿאָנד אַרויס־צוגעבן אין אַ ייִדישער איבערזעצונג קלאַסיקער פֿון די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, און קודם־כּל זײַנע אײגענע איבערזעצונגען. די מלחמה האָט פֿאַרשטערט דעם טייל פֿאַרלעגערישע אַרבעט פֿון ייִוואָ אַזוי ווי אַ סך אַנדערע טעטי־קייטן. לאָמיר האָפֿן, אַז נאָך איבערגעריסן אויף אַ צײַט, ניט אָפּגעהאַקט אויף שטענדיק. לאָמיר האָפֿן, אַז ד״ר מעריסאָנס נאָמען וועט שטיין אויף אַ סך ביכער וואָס דער ייִוואָ וועט אַרויסגעבן אין די בעסערע צײַטן וואָס וועלן נאָך קומען פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק און פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך.

מ. וו.

רשימה פֿון ד״ר י. אַ. מעריסאָנס אַרבעטן אין בוכפֿאָרם

I אייגענע שריפֿטן:

דער אַנאַרכיזמוס און די פּאָליטישע טעטיקייט. אַ קריטיק און אַ פֿאָרשלאָג. פֿ״ג מאַקס נ. מײַזעל, נ״י, 1906. 48 זז׳.

אידעאַלן און ווירקלעכקייט. פֿ״ג פֿרײַהייט — אַנאַרכיסטיש־סינדיקאַליסטישע מאָנאַט־שריפֿט פֿון די ייִדיש־שפּרעכנדע פֿעדעראַציאָן פֿון אַמעריקע, נ״י, 1914. 31 זז׳.

מוטער און קינד. אַ לערבוך פֿאַר דער מוטער ווי זיך צו פֿירן בעתן שוואַנגערן און ווי צו האָדעווען דאָס קינד. פֿ״ג מײַזעל עט קאָמפּ. [1912]. 64 זז׳.

היגיענע. די לערע ווי צו פֿאַרהיטן דאָס געזונט. פֿ״ג עדיוקיישאָנעל קאָמיטי פֿון אַרבעטער־רינג, נ״י, 1917. 100 זז׳.

פֿיזיאָלאָגיע. ערשטער טייל. דער מענטשלעכער קערפּער. אַ קורס לעקציעס געגעבן אין דער ייִדישער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט. ליטעראַרישער פֿ״ג, ניו־יאָרק, 1914. 94 זז׳.

פֿיזיאָלאָגיע. צווייטער טייל. די בלוט־צירקולאַציע און דער פּראָצעס פֿון אָטעמען. עדיוקיישאָנעל קאָמיטי פֿון אַרבעטער־רינג. ניו־יאָרק, [1918]. 96 זז׳.

פֿיזיאָלאָגיע. דריטער טייל. דער פּראָצעס פֿון פֿאַרדײַונג. עדיוקיישאָנעל קאָמיטי פֿון אַרבעטער־רינג. ניו־יאָרק, 1918. 106 זז׳.

די פֿיזיאָלאָגיע פֿון מענטשן. פֿינף טיילן. אַרויסגעגעבן פֿון דעם בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג. ניו־יאָרק, 1925. [די ערשטע דרײַ טיילן זײַנען איבערגעדרוקט פֿון די אויבן־דערמאָנטע ביכער.] דער פֿערטער און פֿינפֿטער טייל: דער נערוון־סיסטעם, 217 זז׳.

די טעאָריע און פּראַקטיק פֿון אַנאַרכיזם. „נײַע געזעלשאַפֿט" און „פֿערער סענטער" ברענטשעס פֿון אַרבעטער־רינג. ניו־יאָרק, 1927. 371 זז׳.

מעדיצינישע וויסנשאַפֿט. וואַרשע—ניו־יאָרק. פּאָפּולערע וויסנשאַפֿטלעכע ביבליאָטעק, בוך נומ׳ 6. 167 זז׳.

די פּרינציפּן פֿון אַנאַרכיזם. „נײַע געזעלשאַפֿט", בר׳ 364 אַרבעטער־רינג. 1934. 62 זז׳.

II איבערזעצונגען:

מיל, דזשאָן סטואַרט. פֿרײַהייט. מיט אַ ביאָגראַפֿיע פֿון פֿאַרפֿאַסער און אַ הקדמה פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן פֿון א. מ. עוואַ־לענקאָ, נ״י [1909], 258 זז׳.

עלצבאַכער, פּאַול. דער אַנאַרכיזם. די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פֿ״ג קאָ., ניו־יאָרק, 1909. 347 זז׳.

ספּענסער, הערבערט. די ערשטע פּרינציפּן פֿון אַ סיסטעם פֿון סינטעטישער פֿילאָ־

סאָפיע. די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק. 1910. 197 זז׳. 2טע אויפלאַגע ליטעראַ־רישער פ״ג, נ״י.

טהאָראָ, הענרי דייוויד. די פליכט פון אונגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט. מיט אַן אַריינפיר איבער דעם פּאַרפאַסער און זיין צייט. פ״ג פאַר יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, נ. מייזעל, 1907. 64 זז׳.

איבסען, הענריק. הערדאַ גאַבלער. די פרוי פון ים. פ״ג פאַר יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, נ. מייזעל. א״פ א. ים. 137 זז׳.

ספענסער, הערבערט. די ערציהונג, גייסטיק, מאָראַליש און פיזיש. פ״ג נ. מייזעל, 1923. 279 זז׳.

דאַרווין, טשאַרלז. די אָפּשטאַמונג פון מענטשן און דער אָפּקלייב בשייכות צו געשלעכט. מיט אַ ביאָגראַפישער סקיצע פונעם פּאַרפאַסער און אַן אַריינפיר אין דאַרוויניזם פון פראָפ׳ דזש. אַרטור טהאָמסאָן. אין דריי בענד, אילוסטרירט. פ״ג נ. מייזעל, נ״י, 1921. 364+368+312 זז׳.

קראָפּאָטקין, פעטער. קעגנזייטיקע הילף ביי חיות און מענטשן אַלס פאַקטאָר פון אַנטוויקלונג. מיט אַ ספעציעלער פאָררעדע פון פאַרפאַסער צו דער יידישער אויסגאַבע. פ״ג קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט. 1913. 433 זז׳.

קראָפּאָטקין, פעטער. פעלדער, פאַבריקן און װערקשטעפער. אָדער אינדוסטריע פאַרבונדן מיט אַגריקולטור און גייסטיקע אַרבעט מיט האַנטאַרבעט. פ״ג קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט. 1914. 410 זז׳.

קראָפּאָטקין, פעטער. די עטיק. ב׳ 1: די אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון מאָראַל. פ״ג קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט. 1924. 283 זז׳. מיט אַן אַריינפיר פון נ. לעבעדעװ.

שטירנער, מאַקס. דער איינציקער און זיין אייגנטום. פ״ג קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט. 1916. 504 זז׳.

לאַסאַל, פערדינאַנד. די ווירטשאַפט און דער אַרבעטער. (ב׳ 1 פון לאַסאַלס „געקליבענע שריפטן״). פ״ג קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט. 1916. 434 זז׳ [צוזאַמען מיט ב׳ 2].

מאַרקס, קאַרל. דאָס קאַפּיטאַל. קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. איבערגעזעצט נאָך ק. קאַוטסקיס דייטשער פאָלקס־אויסגאַבע. איין באַנד אין דריי טיילן. מיט אַ פאָרוואָרט פון איבערזעצער און אַ ביאָגראַפישער סקיצע פון קאַרל מאַרקס. קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט, נ״י, 1917־1918. 1270 זז׳.

פעטער קראָפּאָטקין. די עטיק. די אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון מאָראַל. צווייטער טייל פון ערשטן באַנד. קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט, ניו־יאָרק. 1923. זז׳ 289־517.

ספענסער, הערבערט. די ערשטע פּרינציפּן. אַ סיסטעם פון סינטעטישער פילאָסאָפיע. מיט אַ פאָרוואָרט פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי „העגעל, ספענסער און מאַרקס״. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, מעריסאָן־פאָנד. ווילנע 1937. XXII+358 זז׳.

ספענסער, הערבערט. די פּרינציפּן פון עטיק. ב׳ 1, טייל 1. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, מעריסאָן־פאָנד. ווילנע, 1939. 292 זז׳.

הערבערט ספענסער. די עטיק II (געבליבן אין מאַנוסקריפּט).

פראַנז באָאַז. דער גייסט פון פּרימיטיוון מענטשן (געבליבן אין מאַנוסקריפּט).

רעפּעראַטן און רעצענזיעס

פֿופֿציק יאָר יִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע

50 años de colonizacion judia en la Argentina. Buenos Aires, 1939. XX+315.

דאָס דאָזיקע זאַמלבוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון דער „פֿאַראייניקונג פֿון יִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַרגענטינע". עס באַשטייט פֿון אַ גרופּע אַרבעטן וואָס דאַרפֿן אין סך־הכּל געבן אַ בילד פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און איצטיקייט פֿון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

די איניציאַטיוו פֿון באַראָן מאָריץ הירש (1831—1896) איבערצואַנדערשן דאָס לעבן פֿון די יִדישע מאַסן אין מיזרח־אייראָפּע אויף „געזינטערע" יסודות, וואָס דאָס האָט צו יענער צײַט געמיינט: ערדאַרבעט און מלאָכה, האָט בשעתו אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן געזעלשאַפֿטלעכן רעזאָנאַנס. די פּובליציסטיק פֿון די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט שפּיגלט אָפּ אויף גאָר אַן אינטערעסאַנטן אופֿן די האָפֿענונגען וואָס זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט הירשס גראַנדיעזע פּלענער.

אין זײַנע מעמוּאַרן פֿאַרנאָטירט שמעון דובנאָוו: „די ידיעות וועגן דער גרייטקייט פֿון באַראָן הירש אַרויסצופֿירן פֿון רוסלאַנד קיין אַרגענטינע אין משך פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר קנאַפּע דרײַ מיליאָן יִדן האָבן געשאַפֿן אַ משיחישע שטימונג. די רוסישע פּרעסע האָבן מיט גרויס חשק געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיטן נײַעם משה וועגן אַרויספֿירן ווי מיגלעך גיך די קינדער פֿון ישראל. הירשס שליח, דער ענגלענדער ווײַט, האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן תּחום־המושבֿ, כּדי אָנצוקוקן די לעבעדיקע סחורה וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר עקספּאָרט". („קניגא זשיזני", 1934, ב' ו, ז' 262).

אין דער דאָזיקער נאָטיץ איז, ניט געקוקט אויף דעם איראָנישן טאָן, דאָך פֿאַראַן אַ גלויבן — געבוירן פֿון דער ייִאושדיקער לאַגע, אין וועלכער יִדן אין רוסלאַנד האָבן זיך אין יענער צײַט געפֿונען, אַז דער „נײַער משה" וועט פֿאָרט עפּעס אויפֿטאָן.

הײַנט, פֿופֿציק יאָר נאָכן אָנהייב פֿון דעם גרויסן עקספּערימענט, שטייען מיר פֿאַר אַ סך־הכּל וואָס ווערט איבערגעגעבן אין דעם רעצענזירטן בוך.

די ערשטע אַרבעט איז יוסף מענדעלסאָנס: „יִדן ווי אַן אַגריקולטורפֿאָלק אין משך פֿון דער געשיכטע" (זז' 9־42). זי טראָגט ניט אַרײַן קיין

נײַעם און נוצט אַפֿילו ניט אויס די מער אָדער ווייניקער באַקאַנטע אַרבעטן אויף דער טעמע. דער מחבר מאַכט קיין חילוק ניט צווישן די מקורים. ער ברענגט למשל לויט שיפּערן, אַז ייִדן האָבן זיך אין פֿופֿצנטן יאָר־הונדערט פֿאַרנומען מיט ערדאַרבעט, וואָס דאָס איז שוין לאַנג אָפּגע־פֿרעגט געוואָרן.

אַלבערטאָ גערשונאָוו גיט „באַמערקונגען וועגן דער ייִדישער אימי־גראַציע קיין אַרגענטינע און באַראָן מאָריץ דע הירש" (זז' 44־64). ס'איז אַ שיין אָנגעשריבענער פֿעליעטאָן וואָס לייענט זיך מיט אינטערעס, הגם ער איז ניט איבעריקס רײַך אין אינהאַלט.

דער אַרטיקל פֿון ניקאָלאַ ראַפּאַפּאָרט וועגן די „היסטאָרישע הנחות פֿון דעם אימיגראַציע־שטראָם קיין אַרגענטינע" (זז' 66־81) איז אַן אינפֿאָר־מאַטיווער באַריכט. אַזוי למשל דערוויסן מיר זיך, אַז אין די יאָרן 1851־1875 זײַנען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע 307,992 אימיגראַנטן, בעת וועז אין די יאָרן 1875־1895 איז די צאָל געשטיגן ביז 887,019.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז אַ גוטער אַרײַנפֿיר צו דער אַרבעט פֿון יוסף מענדעלסאָן: „דער אויפֿקום פֿון דעם ייִדישן ישובֿ אין אַרגענטינע אין די יאָרן 1889־1892" (זז' 85־143). דער מחבר איז זיך מודה, אַז עס איז אים שווער געווען צו געפֿינען די נייטיקע מאַטעריאַלן פֿאַר דער אַרבעט. אַ ביסל האָט ער געפֿונען אין דעם אַרכיוו פֿון ייִקאָ און אין עטלעכע געדרוקטע, אין אַלגעמיין גוט באַקאַנטע ווערק. עס איז דאָך כאַראַקטערים־טיש ביז גאָר, אַז עס איז געווען אוממיגלעך פֿעסטצושטעלן די צאָל משפּחות אין מאָזעסוויל, אָדער ווען די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן. די וויכ־טיקסטע פֿאַקטן האָבן זיך ניט געלאָזט אָפּזוכן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, און דאָס איז וועגן אַן ענין וואָס איז אין גאַנצן אַלט פֿופֿציק יאָר.

וועגן טייל זאַכן וואָלט מען יאָ געקענט באַקומען אינפֿאָרמאַציע. אַ שטייגער ווייס מען, אַז דער ד"ר ווילהעלם לעווענטאַל, דער הויפּט־בעל־יועץ פֿון באַראָן הירש אין דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט (ז' 119), איז געווען אַ דײַטשער ייִד. ער איז געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן אין בערלין (1850־1894), געווען פּראָפֿעסאָר אין לאָזאַן (שווייץ) און שפּעטער אין דעם פֿאָלקס־אוניווערסיטעט אין בערלין, וואָס האָט זיך גערופֿן „הומבאָלדט־אַקאַדעמיע".

די פּיאָנירישע געשיכטע פֿון די ערשטע 136 משפּחות וואָס זײַנען געקומען דעם 14טן אויגוסט 1889 נאָך אַ חודש רײַזע ווערט דערציילט מיט אַ סך פּרטים וואָס זײַנען ביז איצט ניט געווען באַוווּסט. דאָס איז אַ דאַנק די אַרכיוו־מאַטעריאַלן וואָס דעם מחבר איז געראָטן צו געפֿינען. דער קראָקעווער עפּיזאָד פֿון די ערשטע עמיגראַנטן (ז' 110) איז זייער אינטערעסאַנט. עס זײַנען פֿאַראַן וועגן דעם אַ סך פּרטים אין דעם באַריכט פֿון דעם פּוילישן הירש־קאָמיטעט, פֿון וועלכן ווילהעלם פֿעלדמאַן איז געווען דער סעקרעטאַר.

א שאָר, וואָס דעם מחבר זײַנען געבליבן אומבאַקאַנט אַזעלכע אַרבעטן ווי: (1) מאַרק באַפּאַנין, יעווריסקיע קאָלאָני וו אַרגענטינע (איסטאָרי־טשעסקי וויעסטניק, 1898, ב׳ 72, זז׳ 192־228) און זײַן אויטאָביאָגראַפֿישער ראָמאַן נאַ טשוזשבינע, (דאָרטן, בב׳ 83־85, 1903); (2) קריוקאָוו וועגן די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע אין „וויעסטניק יעווראָפּי", 1905, III, זז׳ 318־340. ס׳ווערט אויך ניט דערמאָנט די עלטערע ליטעראַטור ווי פּען (רוסיש, 1892), לאַפּין (רוסיש, 1894), די סטאַטיסטישע אַרבעט אין „צײַטשריפֿט פֿיר דעמאָגראַפֿי אונד סטאַטיסטיק דער יודען" (1905, VII; 1906, IX), און די אַרבעטן פֿון ל. כּאַזאַנאָוויטש (כּתריאל). ניט קוקנדיק אויף די בלויזן, איז דער דאָזיקער אַרטיקל אַ וואָגיקער.

שמעון ווײַל דערפֿירט זײַן באַשרײַבונג פֿון די אַגריקולטורעלע קאָלאָ־ניעס פֿון ייִקאַ (זז׳ 147־198) ביז יאַנואַר 1939. דאָס איז אַ גוטע, ווײַל רײן אינפֿאָרמאַטיווע אַרבעט. מיר דערוויסן זיך למשל, אַז אין 1938 האָט מען באַזעצט 142 ייִדישע משפּחות, וואָס פֿון זיי זײַנען 114 געווען פֿון דײַטשלאַנד און 24 פֿון רומעניע און פּוילן.

יצחק קאַפּלאַן שילדערט „דאָס סאָציאַלע לעבן אין די ייִדישע קאָלאָ־ניעס" (זז׳ 221־237). מיר באַקומען אַ בילד פֿון דעם אומפֿאַרמײַדלעכן קאָנפֿליקט צווישן אַלט און יונג, צווישן די וואָס קאָנצענטרירן זייער קיבוץ־לעבן אַרום דער סינאַגאָגע און די וואָס „אָרגאַניזירן טענץ בײַ דער שײַן פֿון דער לבֿנה" (ז׳ 222). די ידיעות וועגן מעדיצינישער אָרגאַניזאַציע אין די קאָלאָניעס זײַנען ביז גאָר אינטערעסאַנט. עס וואָלט געווען זייער אַ דאַנקבאַרע טעמע אויסצושטודירן דעם זעלבן ענין אויף אַ מער גרונטיקן אופֿן.

זייער וויכטיק איז די מאָנאָגראַפֿיע פֿון ידידיה עפֿראָן וועגן דער שול־אַרבעט אין די קאָלאָניעס (זז׳ 243־262). דער מחבר איז שוין איבער פֿערציק יאָר פֿאַרבונדן מיט דער שולסיסטעם פֿון די ייִקאַ־קאָלאָניעס און קען דעם ענין אויסגעצייכנט. ער דערציילט, אַז צוזאַמען מיט דער גרינדונג פֿון די קאָלאָניעס האָט ייִקאַ אָנגעהויבן באַזאָרגן זיי מיט שולן. אַרגענטינע האָט שוין דעמאָלט געהאַט דעם געזעץ וועגן צוואַנגבילדונג. איז אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די שטאַטן, ווו די קאָלאָניעס זײַנען געגרינדעט גע־וואָרן, געווען אַזאַ שלעכטע, אַז מען האָט זיך ניט געקענט ריכטן, די רעגירונג זאָל תּיכּף שאַפֿן שולן פֿאַר די קינדער פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן. אין יענע שטאַטן איז געווען אַ שול אויף איטלעכע דרײַסיק אָדער פֿערציק קילאָ־מעטער. האָט די ייִקאַ דעריבער געשאַפֿן צוויי טיפּן שולן: אַן אַלגעמיינע שול אויף שפּאַניש און אַ שול פֿאַר ייִדישן חינוך, וואָס דאָס איז פֿאַר־שטאַנען געוואָרן אָדער ווי אַ רעליגיעזע שול אָדער ווי אַ העברעיִשע, געווענדט אין דעם פֿאַרלאַנג פֿון די עלטערן (ז׳ 242). אין יענער צײַט זײַנען געגרינדעט געוואָרן 78 שולן וואָס זײַנען אין משך פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר סובסידירט געווען פֿון די ייִקאַ־פֿאָנדן. אַ געוויסע צײַט

איידער די רעגירונג האָט איבערגענומען די אַלגעמיינע שולן פון די קאָלאָ־ניעס האָבן די קאָלאָניסטן צוגעטראָגן דרייסיק פעזעס א יאָר פאַרן פאָנד פאַר דער אַלגעמיינער בילדונג. אין די דאָזיקע שולן האָבן די קינדער באַקומען אַן אַלגעמיינע בילדונג לויט דער פּראָגראַם פון די אַרגענטינער פאָלקסשולן און אַ יידישע בילדונג לויט אַ פּראָגראַם וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די רעגיאָנאַלע שול־אינספּעקטאָרן פון דער יק״א־אַדמיניסטראַציע. די פראַגע פון לערער־פּערסאָנאַל איז געווען די האַרבסטע. מען האָט זיך געמוזט ווענדן צום אַליאַנס אין פּאַריז מיט דער בקשה צוצושיקן יידן־לערערס. דאָס האָבן געקענט זיין נאָר ספרדישע יידן, ווייל זיי האָבן געקענט שפּאַניש. ניט אַלע מאָל איז דער אָפּקלייב פון די לערערס געווען אַ געלונ־גענער. מיט דער צייט זיינען אַ סך קאָלאָניסטישע קינדער געוואָרן לערערס און געוואָרן דעם צוטרוי פון דעם יישוב.

די שולן וואָס די יק״א־אַדמיניסטראַציע האָט געשאַפן זיינען געווען ניט מער ווי אַ מיטל, ווי דער מחבר דריקט זיך אויס, „כדי צו דערגרייכן דאָס איינוואָרצלן זיך פון דעם אַלטן און אויפקומענדיקן דור אין זיין נייער היים״ (ז' 247). מיט דעם מאָמענט ווען די קאָלאָניסטן האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין אַרגענטינער באָדן איז די פונקציע פון די יק״א־שולן געווען פאַרענדיקט. די יק״א האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר דערציִערישער מיסיע און איבערגעגעבן די שולן אין רשות פון דער רעגירונג. דער דאָזיקער טריט איז טיילווייז מאָטיווירט געוואָרן מיט דער סיסטעמאַטישער קאַמפּאַניע אין אַ טייל אַרגענטינער פּרעסע, ווו מען האָט באַשולדיקט, אַז די יידישע שולן אַנטוויקלען אַ ניט־אַרגענטינישן גייסט. אין 1916 זיינען די דאָזיקע שולן צוזאַמען מיט די בנינים אַריבער צו דעם „נאַציאָנאַלן ראַט פאַר דערציִונג״ (Conselo Nacional de Educacion). דער מחבר האַלט די דאָזיקע האַנדלונג פון יק״א פאַר „אַ פּאַטריאָטישן אויפטו״ (ז' 249).

די פראַגע פון יידישער דערציִונג האָט שפּעטער צו אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס, און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ ריי שולן פאַר יידישן חינוך, וועגן וועלכער דער מחבר דערציילט זייער פּרטימדיק. עס זיינען גע־גרינדעט געוואָרן קורסן פאַר יידישע לערערס. אין 1918 האָט די יק״א־אַדמיניסטראַציע געפּועלט, מען זאָל דערלויבן אין די נאָכמיטאָג־שעהען לערנען אין די בנינים פון די אַלגעמיינע שולן יידישע לימודים, וואָס דאָס מיינט רעליגיע. אין 1917 איז געגרינדעט געוואָרן אַ וועד־החינוך וואָס האָט צענטראַליזירט די אַקטיוויטעטן אַרום דער יידישער דערגאַנצונג־שול.

פּאַראַלעל צו דעם זיינען אין פאַרשיידענע ערטער אויפגעקומען יידישע שול־אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל אין דעם שטאָט Entre Rios, ווו עס ווערט געשאַפן 50,000 פּעזעס אַ יאָר פאַר חינוך. זייער אינטערעסאַנט זיינען די ידיעות וועגן דער יידישער שולסיסטעם אין דער קאָלאָניע מאָזעסוויל, וועגן וועלכער דער מחבר דערציילט אונדז זייער אַ סך.

נאָך מער פּרטימדיק איז די אַרבעט פֿון משה מערקין וועגן דער קאָלאָניע מאָזעסוויל גופֿא (זז' 266-299). מיר דערוויסן זיך, אַז אין 1899 האָט די קאָלאָניע געציילט 81 משפּחות און אין 1907 שוין גאַנצע 356. אין אַלע קאָלאָניעס פֿון ייִקאַ זײַנען געווען אין די זעלבע יאָרן 785 און 1448 משפּחות, וואָס דאָס מיינט, אַז מאָזעסוויל האָט געהאַט פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט פֿון אַלע קאָלאָניסטן. מיר הערן זייער אַ סך וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין דער דאָזיקער קאָלאָניע, וועגן די העברעיִשע, ייִדישע און שפּאַנישע שולן, ביבליאָטעקן, קלובן אאַז"וו. פֿון 1930 האָט מאָזעסוויל אַ שול א"נ „יהודית" וואָס ווערט געפֿירט אויף העברעיִש און ייִדיש. אין 1935 ווערט געשאַפֿן אַ וועלטלעכע ייִדישע שול א"נ פֿון שלום־עליכמען. עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז מאָזעסוויל האָט יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווו עס זײַנען שוין דאָ ניט־ייִדישע מיטגלידער. זינט 1937 באַווײַזן זיך דײַטשע פּליטים ווי קאָלאָניסטן, וואָס שטײַגן אַריבער די אַלטע תּושבֿים אין זייער אָרגאַניזאַציע און באַציִונג צו אַגריקולטור.

די לעצטע אַרבעט פֿון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן זאַמלבוך באַשטייט פֿון קורצע באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פֿון די „אומאָפּהענגיקע קאָלאָניעס", ד"ה פֿון די קאָלאָניעס וואָס ס'האָבן געגרינדעט קאָלאָניסטן אָדער זייערע קינדער, וואָס האָבן געוואָלט זײַן זעלבשטענדיק און זײַנען דערפֿאַר אַריבער אויף אינדיווידועלע בעל־הבתּישקייטן. עס ווערן באַשריבן זעקס אַזעלכע קאָלאָניעס. אין עטלעכע פֿון זיי זײַנען אַגבֿ לעצטנס צוגעקומען דײַטשע פּליטים, זייער אַ קאָנסטרוקטיווער עלעמענט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע.

עס וואָלט באמת געווען כּדאַי, אַז טייל פֿון די דאָזיקע אַרבעטן זאָלן אַרויס אויף ייִדיש. נאָך וויכטיקער וואָלט געווען צו פֿאָרשן אינדיווידועלע קאָלאָניעס פֿון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, כּדי קלערער אַרויסצוברענגען די עוואָלוציע פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע ניט נאָר אין פּרט פֿון דערגרייכונגען אין אַגריקולטור, נאָר אויך אין פּרט פֿון שאַפֿן קולטור־עקאָנאָמישע איינסן, אויף דעם אופֿן ווי מען האָט עס געטאָן מיט די ייִדישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד און פּוילן.

מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז ניט אַלע אַרבעטן זײַנען וואָגיקע, אָבער די וואָגיקייט פֿון פֿאַקטן איז מכפּר אויף אַ סך שוואַכקייטן אין הילכות קאָנסטרוקציע אָדער פּרעזענטאַציע פֿון מאַטעריאַל.

צום סוף פֿון בוך איז צוגעגעבן אַ צאָל אינטערעסאַנטע דאָקומענטן, ווי אַ רשימה פֿון די ערשטע אימיגראַנטן פֿון 14טן אויגוסט 1889. אַ ריי דאָקומענטן ווערט געבראַכט אין פֿאַקסימילעס.

ד"ר יעקבֿ שאַצקי

Smith College Studies in Social Work.

1) The Attitudes of Eastern European Jews Toward Mental Disease: A Cultural Interpretation. By Charlott Adland, Dec., 1937, Vol. 8, No. 2.
2) German Refugees as Clients of a Family Agency. By Jennie Wilensky, March 1939, Vol. 9, No. 3.
3) Jewish Parents in a Child Guidance Clinic: A Study of Culture and Personality. By Ruth Tennenebaum, Sept., 1939, Vol. 10, No. 1.
4) The Diagnostic Significance of Russian Jewish Clients' Attitudes Toward Relief. By Eva Cohen and Helen Witmer, June, 1940, Vol. 10, No. 4.

די אַלע פֿיר אַרבעטן שטיצן זיך אויף די מאַטעריאַלן פֿון הילף־געזעל־שאַפֿטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פֿאַרלײַכטערן די מאַטעריעלע און גײַסטיקע נױטן פֿון פֿאַמיליעס און יחידים. דער טעאָרעטישער צוגאַנג איז אומעטום דער זעלביקער: די שרײַבער באַמיִען זיך אויסצוטײַטשן די געדאַנקען, געפֿילן און באַציִונגען פֿון די נויט־באַדערפֿטיקע ניט ווי מאַניפֿעסטאַציעס פֿון צופֿעליקע יחידישע פּסיכישע קאָנסטיטוציעס, נאָר ווי אויסדרוקן פֿון דער אַלגעמיינער קולטור־ספֿערע און די טראַדיציאָנעלע געוווינהייטן, אין וועלכע באַשטימטע גרופּעס פֿון אַ געגעבענער קליענטור האָבן זיך אויסגעהאָרעוועט און האָבן געלעבט. דאָס איז אין עצם אַ געזונטער צוגאַנג סײַ פּראַקטיש, סײַ טעאָרעטיש, וואָרעם אָרגאַניזאַציעס וואָס זײַנען אויסן אַרויסצוהעלפֿן ממשותדיק גרעסערע צאָלן מענטשן וואָלטן קיין מאָל ניט געקענט ווערן קיין פּראַקטישער הילף־אינסטרומענט, ווען יעדער פֿאַל באַזונדער וואָלט געדאַרפֿט דורכגיין אַ לאַנגן קליניש אַנאַליז ביז מען וואָלט געקענט גענוי באַשטימען, אין וואָס די הילף זאָל באַשטיין און ווי אַזוי זי זאָל אָנגיין. בײַ אַזאַ פּראָצעדור וואָלט דער נויט־באַדערפֿטיקער געדאַרפֿט אויסהויכן די נשמה, ביז ער וואָלט דערזען כאָטש אַ סימן פֿונעם „מאַין יבֿוא עזרי".

טעאָרעטיש פֿאַרמאָגט דער דערמאָנטער צוגאַנג אויך אַ גרויסע מעלה. ד' טענדענץ צוריקצופֿירן די פּסיכישע שטריכן אין אַ מענטשן צום פּער־זענלעכן וויגל, פֿון וועלכן ער שטאַמט, ווירקט, מען זאָל טייל מאָל פֿאַרזען, אַז יעדעס וויגל איז קודם־כּל אַ טייל פֿון אַ באַשטימטער וועלט און אַז אָן דער אַרומיקער לופֿט וואָס דרינגט אַרײַן אין יעדן וויגל וואָלט קיין קינד בכלל ניט געקענט אָטעמען. מיט אַנדערע ווערטער, וואָס מען זאָל ניט טראַכטן וועגן דער פּערזענלעכער ירושה און דער ענגער פֿאַמיליע־סבֿיבֿה

פֿון אַ מענטשן, טאָר מען קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן דאָס אַרומיקע אײַנגעוואָרצלטע קולטור־געוועב. אָט דאָס געוועב צווינגט זיך אַרויף אויף אונדז מיטן כּוח פֿון אַ פֿאַרחתמעטער באַשערטקייט וואָס קיינער קען ניט אויסמײַדן און באַפֿעסטיקט די אויסדרוק־פֿאָרמען פֿון דער פּערזענלעכקייט.

אין ליכט פֿון דער הײַנטיקער פּסיכאָלאָגיע ווערט באמת שיִוער, מען זאָל בײַ זיך קענען פּועלן צו פֿאַרקוקן די דאָזיקע פֿאַקטן. די אַרבעטן פֿון כּמיט־קאַלעדזש פֿאַרדינען דעריבער געלויבט צו ווערן פֿאַר לייגן דעם טראָפּ אויפֿן קולטור־אויסטײַטש פֿון פּסיכישע מאַניפֿעסטאַציעס. מען דאַרף אָבער מודה זײַן, אַז אויך אין אַזאַ צוגאַנג זײַנען פֿאַראַן גרויסע סכּנות, וואָס מען דאַרף זיך שטאַרק היטן ניט געשטרויכלט צו ווערן פֿון זיי.

לאָמיר אָננעמען, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ גרופּע בולגאַרן, און מיר באַמערקן בײַם רובֿ געוויסע פּסיכישע שטריכן. עס וואָלט געווען זייער לײַכט זיך צו באַקענען מיט עטלעכע ביכער איבער בולגאַרישער קולטור־געשיכטע, געפֿינען אַ וואָרט דאָ, אַ פּסוק דאָרט, אַן אײַנפֿיר אין אַ געוויסער געגנט, אַ מיינונג פֿון אַן אויטאָריטעט, און — אַלץ זאָל ווערן קלאָר. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ פּסיכישער שטריך וואָס מען זאָל מיט אַזאַ מעטאָדע ניט קענען אויסטײַטשן אַקוראַט ווי עס ווילט זיך. דאָס וואָלט אָבער געווען צו לײַכט און צו געפֿערלעך. מיר דאַכט זיך, אַז ניט אַלע אַרבעטן וואָס ווערן דאָ רעצענזירט האָבן ווי געהעריק אויסגעמיטן דעם יצר־הרע צו מאַכן זאַכן צו לײַכט און צו פּשוט.

אָט למשל ווערן מיר געוואָר אין דער ערשטער אַרבעט, אַז מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן טוען אַלץ אין דער וועלט, אַז זייערע חולאים זאָלן ניט אַרײַן אין אַ שפּיטאָל. אויך באַצייכענען זיי זייערע פּסיכיש־קראַנקע מיטן וואָרט „קראַנק" (sick) און מײַדן אויס דאָס וואָרט insane. ווי אַזוי קען מען דאָס דערקלערן? די שרײַבערין דערקלערט דאָס מיט דעם וואָס די ייִדישע פֿאַמיליע איז אַ זייער אינטים געבונדענער איינס. ממילא קומט אויס, אַז אַ פּסיכישע קראַנקייט וואַרפֿט אַ פֿלעק אויף יעדן מיטגליד פֿון דער פֿאַמיליע. אַ חוץ דעם ווערן אינטעלעקטועלע פֿונקציעס זייער הויך געשאַצט אין ייִדישן שטייגער, און אַ פּסיכישע צערודערונג באַטײַט דאָך, אַז די דאָזיקע פֿונקציעס זײַנען קאַליע געוואָרן. ווען מען גייט אײַן אויף דעם, אַז אַזאַ קראַנקער זאָל אַרײַן אין שפּיטאָל, הייסט עס דאָך, אַז מען מאַכט שלום מיטן דאָקטאָרס דיאַגנאָז, און דאָס ווילט זיך ניט צוליב די אָנגעגעבענע סיבות.

די שרײַבערין איז זיך סומך אויף אַ ריי ייִדישע און ניט־ייִדישע היסטאָריקער, אַנטראָפּאָלאָגן און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגן, וואָס אויף זיי שטיצט זי איר אַנאַליז. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דערמיט ווערט דער ענין לחלוטין ניט אויסגעשעפּט. די גאַנצע פֿראַגע פֿון האָספּיטאַליזאַציע האָט, קען זײַן, גאָר ניט וואָס צו טאָן מיטן כאַראַקטער פֿון דער קראַנקייט. אין אַזעלכע

פֿאַלן ווילן מענטשן אינדיווידועלע אויפֿמערקזאַמקייט, ווייכע באַציִונג, שנעלע גרייטקייט אַרויסצוהעלפֿן. דאָרט ווו האָספּיטאַליזאַציע איז ניט אויפֿן פּאַציענטס אייגענעם חשבון, איז פֿאַראַן אַ מורא, אַז די באַהאַנדלונג וועט ניט זײַן פֿון אויבן באַשריבענעם מין, ממילא ווילט זיך, אַז דער קראַנקער זאָל גלײַכער געהיילט ווערן אין דער היים.

בנוגע דעם וואָרט sick איז גוט צו געדענקען, אַז דאָס רובֿ קליענטן האָבן גערעדט ייִדיש, און די איבעריקע טײַלווײַז ייִדיש, אָבער אין ייִדיש איז דאָס פּאָפּולערע וואָרט „משוגע" אָנגעלאָדן מיט דערנידעריקונג און באַ־לײדיקונג. עס קען זײַן, ווען זיי וואָלטן געווען גענוג אינטעליגענט צו באַנוצן אַזאַ מער נייטראַלן אויסדרוק ווי „פּסיכיש קראַנק" אָדער „פּסיכאָטיש", וואָלטן זיי אײַנגעגאַנגען צו זײַן פֿינקטלעכער מיט טערמינען. אחוץ דעם, עס איז טאַקע אמת, אַז מיר באַציִען זיך ניט אויפֿן זעלביקן אופֿן צו פֿיזישע און פּסיכישע אומנאָרמאַלקייטן. מיט די לעצטע שעמט מען זיך, און דאָ קענען זײַן גאַנץ שכלדיקע סיבות, פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי.

אָבער צי איז דאָס בלויז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן? צי איז בײַ אַנדערע פֿעלקער פֿאַראַן די זעלביקע באַציִונג צו פֿיזישע און פּסיכישע קראַנקייטן? דאָס פֿירט אונדז צו נאָך אַ שוואַכקייט פֿון, לכל הפחות, דרײַ פֿון די פֿיר רעצענזירטע אַרבעטן. איך זע ניט אײַן, ווי אַזוי מען קען בכלל אָננעמען דעם אמת פֿונעם קולטור־אויסטײַטש, ווען מען פֿירט ניט דורך קיין שום פֿאַרגלײַך מיט ענלעכע דערשײַנונגען אין אַנדערע קולטור־ספֿערעס.

די צווייטע אַרבעט האָט צו טאָן מיט דײַטש־ייִדישע פּליטים. מיס ווילענסקי געפֿינט, אַז אין אַלגעמיין זײַנען זייערע פּראָבלעמען די זעלביקע ווי בײַ אַלע אָרעמע פֿאַמיליעס וואָס קומען אָן צו געזעלשאַפֿטלעכער הילף, כאָטש „דער פֿריִערדיקער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער מצבֿ פֿון די פּליטים, זייערע טראַדיציעס און די תּנאים פֿון זייער קומען אַהער גיט זייערע פּראָ־בלעמען אַ געוויסן באַזונדערן זינען". אין דער דאָזיקער אַרבעט באַנוצט זיך די שרײַבערין גאַנץ ווייניק מיט אַלגעמיינער ביבליאָגראַפֿיע און מיט דעם קולטור־הינטערגרונט פֿון דער קליענטור, נאָר מיט דירעקטע מאַטעריאַלן פֿון 40 דײַטש־ייִדישע פּליטים, וואָס אַ ברוקלינער ייִדישע הילף־געזעלשאַפֿט האָט געזאַמלט.

די דריטע אַרבעט האָט צו טאָן מיט די באַציִונגען פֿון ייִדישע עלטערן צו די פּראָבלעמען פֿון זייערע קינדער וואָס ווערן באַהאַנדלט אין אַ דערציִערישער קינדער־קליניק. דאָ ווערן שוין געמאַכט פֿאַרגלײַכן צווישן די אופֿנים, ווי אַזוי ייִדישע און ניט־ייִדישע עלטערן קוקן אויף די פּראָ־בלעמען פֿון זייערע קינדער. לויט זײַנען געווען בלויז 30 ייִדישע און 30 ניט־ייִדישע קינדער, צו אַ קליינע צאָל כּדי סטאַטיסטישע שײַכותן זאָלן זײַן וויכטיק. דער פֿאַרגלײַך צווישן די צוויי גרופּעס איז שייך צו עלטער,

געשלעכט, אינטעליגענץ, פּאָזיציע פון די קינדער אין דער פאַמיליע (ד"ה דאָס עלטסטע קינד, יינגסטע, מיטעלע אאז"וו), אויפפיר־סימפּטאָמען פון די קינדער, עקאָנאָמישער מצבֿ פון די עלטערן. וואָסערע טעסטן און אינ־פאָרמאציע־בויגנס עס זיינען באַנוצט געוואָרן פאַר די פאַרגלייכן ווערט ניט אָנגעוויזן.

עס ווייזט זיך ארויס, אַז ביי יידישע עלטערן זיינען זין וויכטיקער פון טעכטער, ביי זיי שפּילט בילדונג אַ באַזונדער גרויסע ראָלע. אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן שרעקן זיך יידישע עלטערן מער פאַר דער צוריקגע־האַלטנקייט פון זייערע קינדער ווי פאַר זייער אַגרעסיווקייט. די שרייבערין, מיס רות טעננבוים, קומט צום ריכטיקן אויספיר, אַז אין די אַלע פאַלן איז ניט גענוג זיך סומך צו זיין אויף פערזענלעכע סיבות און מאָטיוון; מען דאַרף זיך אויך שטאַרק רעכענען מיט דער טראַדיציאָנעלער קולטור פון מענטשן. די אָנגעוויזענע טענדענצן ביי יידישע עלטערן קענען בעסער פאַר־שטאַנען ווערן, ווען זיי ווערן געזען אין ליכט פון יידישן לעבנס־שטייגער.

אין דער דאָזיקער אַרבעט געפינען מיר אַ היפּש ביסל ציטאַטן פון תנך, תלמוד, אַפילו בן סירא, כדי צו באַווייזן די ספּעציעלע פאָרמען פון גייסטיקן יידישן לעבן. דאָך דאַכט זיך מיר, אַז אַן איינציקע ביאָגראַפיע פון אַ יחזקאל קאָטיק אָדער אַ שלום־עליכם וואָלט געקענט אָנווייזן אויף שטריכן, וואָס קיין שום פּוסקים און קיין מאמרי חז"ל וואָלטן זיך צו דעם ניט געקענט פאַרגלייכן אין פּרט פון קאָנקרעטקייט און זיכערער שייכות צום איצטיקן יידישן לעבן. מען וואָלט דעמאָלט קלאָרער דערזען, אַז אַפילו ווען מען נעמט אָן, אַז לעבנס־שטייגער האָט אַן אומגעהייערע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט, איז אָבער די אונטערנעמונג דאָס צו דערווייזן אַ סך מער פאַרבונדן מיט אַנאַליזירן איצטיקע לעבנס־שטייגערשע אינסטיטוציעס ווי מיט ראיות פון עלטערע קולטור־ירושות, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין.

די לעצטע אַרבעט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי יידן האַלטן זיך, בעת זיי דאַרפן אָנקומען צו צדקה. די אַרבעט איז געבויט אויף רעקאָרד־מאַטעריאַלן פון 50 פאַמיליעס, וואו סיי מאַן סיי ווייב קומען פון רוסלאַנד. אחוץ די ריין פּערזענלעכע מאָטיוון און האַלטונגען וואָס מען באַמערקט נאַטירלעך אין יעדן באַזונדערן פאַל געפינען די שרייבערינס צוויי כאַראַקטעריסטישע רוסיש־יידישע שטריכן: 1) בדרך־כלל באַטראַכטן זיי נעמען צדקה פאַר עפּעס, מיט וואָס מען דאַרף זיך שעמען, און 2) די באַציִונג פון פאָדערן צדקה, האַלטן זיך פיינדלעך און זיך אָנלייגן, אַז מען איז מחויבֿ זיי צו געבן — אָט אַזאַ מין האַלטן זיך ווייזט זיך אַרויס זעלטן אין דעם רוסיש־יידישן לעבנס־שטייגער, סיידן ביי מענטשן וואָס זיינען עמאַנציפּירט ניט באַלאַנסירט.

כּדי צו דערקלערן דעם כאַראַקטער פון אַזאַ דרך אין לעבן, זיינען זיך די שרייבערינס סומך אויף ציטאַטן פון תּלמוד, רמבם, אויף דער יידישער באַציִונג צו צדקה בסתר, אאַז"וו. פּונקט ווי אין די פריערדיקע אַרבעטן, ווייזן אויך דאָ די שרייבערינס ניט אַרויס די מינדסטע טירחא זיך צו באַקענען מיטן רוסיש־יידישן לעבן אין די לעצטע יאָרן, מיט די טראַדי־ציאָנעלע אינסטיטוציעס פון יידישע שטעט און שטעטלעך אויף יענער זייט ים. עס באַקומט זיך דעריבער אַן איינזייטיק בילד פון אַן איצטיקער סביבה, וואָס איר איינציקע אָפּשפּיגלונג געפינט מען בלויז אין מאמרים און געדאַנקען וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

עס פעלט דאָ אויך אַ פאַרגלייך מיט דער באַציִונג צו צדקה ביי בעל־בתּישע מענטשן פון אַנדערע פעלקער. עס לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז נעמען צדקה דאַרף בכלל זיין אַן אומאַנגענעמע זאַך ביי מענטשן וואָס האָבן זיך צו דעם נאָך ניט צוגעוויינט און וואָס האָבן ניט קיין אַנטיסאָציאַלע שטריכן אין זייער עמאָציאָנעלן לעבן. אָן אַזאַ פאַרגלייך איז באמת שווער צו זאָגן, צי דאָס שעמען זיך מיט דער פּאָזיציע פון אַ „נעמער" איז טאַקע אַ ספּע־ציפיש יידישער שטריך.

אַלע פיר אַרבעטן באַנוצן זיך מיט מאַטעריאַלן פון פאַרשיידענע הילף־אָרגאַניזאַציעס, כאָטש די צאָלן זיינען ניט גענוג גרויס, אַז מען זאָל קענען אויף זיי בויען ברייטערע גענעראַליזאַציעס. אָבער פאַר מיטאַרבעטער אין הילף־טעטיקייט ווערט אין זיי אַנטוויקלט אַ צוגאַנג וואָס קען ברענגען אַ סך נוצן, סיי פון שטאַנדפּונקט פון גערעכטער הילף־פאַרטיילונג, סיי ווי אַ מעטאָדע הינטער דעם נויט־באַדערפטיקן צו זען דעם פילזייטיקן מענטשן.

ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר

די פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון

Henri Rollin, L'Apocalypse de Notre Temps. Les dessous de la propagande allemande d'après des documents inédits. NRF. Paris, Gallimard [1940].

ס'איז שוין לאַנג באַקאַנט, אַז די אַזוי גערופענע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון" זיינען ניט נאָר אַ נאַרישע ווילדע אויסטראַכטעניש, נאָר אויך נ י ט ק י י ן אָ ר י ג י נ ע ל ע אויסטראַכטעניש. אויך ווייס מען דעם אָריגינאַל, נאָך וועלכן די מחברים פון דער פעלשונג זיינען נאָכגעגאַנגען (דאָס בוך פון פראַנצייזישן ראַדיקאַלן שרייבער זשאָלי); מען ווייס דעם אָרט, ווו זיי זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן (פּאַריז) און אַן ערך די צייט (די ניינציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט). ביז היינט איז אָבער ניט געראָטן אויסצו־געפינען אין גאַנצן אויף זיכער, ו ו ע ר עס איז געווען דער מחבר פון די פּראָטאָקאָלן, וואָס לויט זייער פאַרשפּרייטקייט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט גלייכט מען זיי צו דער ביבל, און וואָס פון זיי ציט היטלערס „מיין קאַמף" אין אַ געוויסער מאָס די יניקה.

איצט איז אַרויס אַן אויספֿאָרשונג וואָס פֿאַרפֿולט אין אַ געוויסן זינען דעם דאָזיקן בלויז. עטלעכע וואָכן איידער די היטלער־חיילות האָבן פֿאַרנומען פּאַריז איז דאָרט אַרויס פֿון דרוק דאָס בוך פֿונעם באַוווּסטן פֿראַנצייזישן שרײַבער אַנרי ראָלען, וואָס מיר רעצענזירן דאָ. ראָלען איז געווען דער רע־דעקטאָר פֿון Temps און דער מחבר פֿון אַ ריי אָריגינעלע היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיעס וועגן דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע, וועגן דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע, וועגן דער הריגה פֿון פֿראַנצייזישן פּרעזידענט דומער דורך רוסישן עמיגראַנט־פֿאַשיסט גאָרגולאָוו, וועגן היטלעריזם און אַנדערע געזעלשאַפֿטלעך־פּאָטאָלאָגישע דערשײַנונגען.

די איצטיקע אַרבעט זײַנע — אַ גרויסער באַנד פֿון 567 זײַטן געדיכטן זאַץ — האָט ראָלען אָנגערופֿן: „דער אַפּאָקאַליפּסיס פֿון אונדזער צײַט". ווי אַ מאָטאָ האָט ער אָוועקגעשטעלט די ווערטער פֿונעם באַרימטן דײַטשן מיליטערישן אויטאָריטעט, גענעראַל קלויזעוויץ, וואָס סײַ לענין און סײַ היטלער האָבן פֿון אים שטאַרק געהאַלטן: „אַ גרויס לאַנד מיט אַן אייראָ־פּעישער ציוויליזאַציע קען מען ניט פֿאַרנעמען סײַדן מיט דער הילף פֿון אינע־ווייניקסטע רײַסערײַען". אין אָנהייב פֿון דער אויספֿאָרשונג שרײַבט דער מחבר וועגן זיך: „ניט זײַענדיק ניט קיין מאַסאָן, ניט קיין ייִד, נאָר אַ קאַ־טויליק וואָס איז געבוירן געוואָרן פֿון עלטערן קאַטויליקן, האָבן מיר זיך גע־נומען צו דער איצטיקער פֿאָרשונג נאָר בכדי צו ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ ווערט ס'האָט אָט דער מיטאָס וועגן דער סודותדיקער ייִדיש־מאַסאָניש־באָלשעוויס־טישער פֿאַרשווערונג, וואָס ער איז געוואָרן דער תּמצית פֿון דער אַלוועלט־לעכער דײַטשער פּראָפּאַגאַנדע".

דאָס בוך איז פֿאַרטראַכט געוואָרן נאָך פֿאַר דעם היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך פֿון 23טן אויגוסט 1939, אָבער דורך דעם פֿאַרלירט עס ניט בשום אופֿן זײַן זינען און זײַן וויכטיקייט. דאָ ווערן אויסגעפֿאָרשט „די הינטערקוליסן פֿון דער דײַטשער פּראָפּאַגאַנדע לויט ניט-פּובליקירטע דאָקומענטן" און דער עיקר די השפּעה וואָס די אַזוי גערופֿענע „פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון" האָבן גע־האַט אויף דער נאַצישער אידעאָלאָגיע און אויף היטלערן פּערזענלעך. עס ווערט אויך אָוועקגעשטעלט די ביז גאָר וויכטיקע פֿראַגע, ווער ס'האָט געקענט זײַן דער מחבר פֿון די פּראָטאָקאָלן.

ראָלען ברענגט אַ סך ראיות קעגן דער אָנגענומענער מיינונג, אַז די פּראָ־טאָקאָלן זײַנען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דורכן באַרימטן שעף פֿון דער רוסי־שער געהיימער פּאָליציי אין פּאַריז ראַטשקאָווסקי און זײַנע אַגענטן גאָלאָ־ווינסקי און מאַנוסעוויטש־מאַנוילאָוו. די דאָזיקע אַגענטן זײַנען, לויט זײַן מיינונג, געווען נאָר די הויפּט־פֿאַרשפּרייטערס פֿון די פּראָטאָקאָלן, אָבער ניט די מחברים. דער מחבר איז גיכער געווען א י ל י אַ צ י אָ ן, אַ גע־שמדטער רוסישער ייִד, וואָס איז נאָך אין אָנהייב די 70ער יאָרן געווען באַקאַנט ווי אַ טאַלענטירטער פּראָפֿעסאָר פֿון פֿיזיאָלאָגיע, האָט שפּעטער

עמיגרירט קיין אויסלאַנד און איז מיט דער צײַט געוואָרן דער פֿינאַנץ־אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג אין פּאַריז, וווּ ער איז פֿאַרבליבן ביזן סוף פֿון זײַן לעבן און האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין די רעאַקציאָנערע פּאָליטישע סאַלאָנען פֿון דער דריטער רעפּובליק.

איליאַ ציאָן איז געווען דער טויפֿזון פֿונעם באַרימטן רוסישן פּובליציסט קאַטקאָוו, אַ פֿאַרביסענעם רעאַקציאָנער און אַ פּערזענלעכן פֿרײַנד פֿון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אין יענער צײַט האָט רוסלאַנד געהאַלטן אין בײַטן איר אַלטע פּראָ־דײַטשע אויסנווייניקסטע פּאָליטיק, און קאַטקאָוו האָט פֿאַרטיידיקט אַ בונד צווישן זעלבסטהערשערישן רוסלאַנד און רעפּובליקאַנישן פֿראַנקרײַך. איליאַ ציאָן איז אין פּאַריז געוואָרן זייער אַן אַקטיווער אײַנגייער אינעם סאַלאָן פֿון זשיליעטע אַדאַן (Juliette Adam) וואָס האָט געשמט מיט איר שיינקייט און מיט איר הינטערקוליסן־השפּעה אויף דער פֿראַנצייזישער פּאָליטיק. (זי איז געווען די פֿרוי פֿון פּאַריזער פּאָליציי־פּרעפֿעקט און שפּעטערדיקן סענאַטאָר; איז געשטאָרבן ערשט אין 1936 אין עלטער פֿון הונדערט יאָר.) זשיליעטע אַדאַן איז געווען אַ פֿאַנאַטישע אָנהענגערין פֿון דער „רעוואַנש"־פּאָליטיק און איז געווען זייער נאָענט מיטן פֿאָטער פֿון דער דריטער רעפּובליק, לעאָן גאַמבעטאַ. אין איר סאַלאָן פֿלעגן זיך באַגעגענען ניט נאָר פּאָליטיקערס, נאָר אויך די גײַסטיקע אַריסטאָקראַטיע פֿון דער צווייטער העלפֿט נײַנצנטן יאָרהונדערט: די באַרימטע שרײַבערס זשאָרזש סאַנד, פֿלאָבער, אַלפֿאָנס דאָדע, איבסען, טורגעניעוו, מאָפּאַסאַן, ווערהאַרן, מאַטערלינק; אַזעלכע באַרימטע געלערנטע ווי דער כעמיקער בערטעלאָ, דער היסטאָריקער מישלע, דער קרימינאָלאָג לאָמבראָזאָ, דער בויער פֿון סועץ־קאַנאַל לעסעפּס. אײַנגייערס אין איר סאַלאָן זײַנען אָבער געווען אויך פֿאַרשיידענע שווינדלערס, אַוואַנטוריסטן, געהיים־אַגענטן און, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אויך ניט ווייניק פּראָוואָקאַטאָרן.

זשיליעטע אַדאַנס סאַלאָן איז געוואָרן אַ מיטלפּונקט פֿון כּלערליי אינטריגעס, פּערזענלעכע, ליטעראַרישע און פּאָליטישע. איינער פֿון די רעדלפֿירערס דאָרטן איז געווען איליאַ ציאָן. ער איז געווען אַן אייגענער מענטש בײַ זשיליעטען, ער האָט רעדאַקטירט איר זשורנאַל ;Nouvelle Revue אָבער ער איז אויך געווען אַ חשובֿ בײַ קאַטקאָוון און בײַם צווייטן מדריך פֿון אַלעקסאַנדער III און ניקאָלײַ II — פּאָביעדאָנאָסצעוון. ציאָן איז ניט נאָר געווען אַן אָנהענגער פֿון אַ התקרבֿות צווישן רוסלאַנד און פֿראַנקרײַך, נאָר אויך אַ פֿאַרביסענער שונא פֿון יעטווידער פֿרײַהייט-באַוועגונג. אַ מאָל אין רוסלאַנד אַליין אַ ראַדיקאַל, האָט ער פֿײַנט באַקומען תּכלית־שינאה ניט נאָר רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן, נאָר אַפֿילו מעסיקע ליבעראַלן. אָבער צום מערסטן האָט דער דאָזיקער משומד פֿײַנט געהאַט ייִדן. ציאָן האָט געהאַט אַ סך פּערזענלעכע שונאים און אַ צײַט געפֿירט מיט זיי אַן אומברחמנותדיקן קאַמף. צווישן זיי איז געווען זײַן קאָנקורענט לויט השפּעה אין

פּאַריז, דער דערמאָנטער שעף פֿון דער רוסישער געהיימער פּאָליציי ראַטש־קאָווסקי, און אויך דער באַוווּסטער רוסישער פֿינאַנץ־מיניסטער וויטע וואָס האָט אַגבֿ געהאַט אַ ייִדישע פֿרוי.

ציאָן איז געווען אויסגעבונדן מיט דער סבֿיבֿה, ווו מען פֿלעגט דעמאָלט פֿאַבריקירן געפֿעלשטע דאָקומענטן וואָס האָבן געהאַט גאַנץ וויכטיקע פּאָלי־טישע רעזולטאַטן: געגנוג צו דערמאָנען די ראָלע פֿון אַזעלכע דאָקומענטן בײַם אויסקלײַבן פֿערדינאַנד דעם קאָבורגער פֿאַרן צאַר פֿון בולגאַריע. ציאָן האָט אַ סך געשריבן אי אויף רוסיש, אי אויף פֿראַנצייזיש. אין פֿראַנצייזיש פֿלעגט ער אונטערשרײַבן זײַנע אַרטיקלען אַ מאָל Cyon אַ מאָל Sion.

און עס שטעלט זיך די פֿראַגע: צי זײַנען ניט די פּראָטאָקאָלן פֿון די „זקני־ציון" גאָר די פֿערזענלעכע שאַפֿונג פֿונעם פּראָפֿעסאָר איליאַ ציאָן, דעם רע־אַקציאָנער, משומד און פֿאַרביסענעם שונא־ישׂראל?

אין ציאָנס בראָשורן אין פֿראַנצייזיש און רוסיש געפֿינען מיר זייער אַ סך געדאַנקען וואָס מיר טרעפֿן אויך אין די פּראָטאָקאָלן. עס וואַרפֿט זיך ממש אין די אויגן, למשל, דאָס וואָס עס ווערט אי דאָ אי דאָרט געזאָגט וועגן פֿינאַנץ־פּאָליטיק אָדער וועגן דער ראָלע פֿון ייִדן אין דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון פּאָרנאָגראַפֿישער ליטעראַטור. אַלץ ווערט באמת קלאָר, אויב מען זאָל אָנ־נעמען די השערה, אַז ביידע דאָקומענטן זײַנען געשריבן געוואָרן מיט איין האַנט. עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל די סבֿרא, אַז די פּראָטאָקאָלן זײַנען אַ וואַ־ריאַנט פֿון ציאָנס שאַפֿונג; אי אונטער זײַן אייגענעם נאָמען אין זײַנע שריפֿטן, אי געהיים און אַנאָנים אין די פּראָטאָקאָלן פֿאַרמעסט ער זיך „אַראָפּ־צורײַסן די מאַסקע" פֿון ייִדן, אָט די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן אָן אַ באָדן. אי דאָ אי דאָרט באַשולדיקט ער ראָטשילדן אין אַל דאָס בייז; ער באַשולדיקט דעם „ייִדישן משרת", דעם רוסישן מיניסטער וויטע, אַז יענער האָט אײַנגעפֿירט אין רוסלאַנד דעם בראַנפֿן־מאָנאָפּאָל און די גאָלד־וואַלוטע מיטן ספּעציעלן געדאַנק, וואָס ייִדן האָבן אים אונטער־געזאָגט, אַרײַנצושלעפּן אין שיכּרות, באַרײַסן און פֿאַראָרעמען די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג . . .

צי איז איליאַ ציאָן געווען דער איינציקער מחבר פֿון די פּראָטאָקאָלן אָדער ניט, איינס איז קלאָר: מען קען אים ניט אָפּטיילן פֿון דער סבֿיבֿה און עפּאָכע, ווו עס איז געבוירן געוואָרן אָט די אומגעלומפּערטע פֿעלשונג וואָס האָט באַקומען אַזאַ געוואַלטיקע פֿאַרשפּרייטונג איבער גאָר דער וועלט.

אין די ווײַטערדיקע טיילן פֿון זײַן בוך פֿאַרבינדט ראָלען דעם אויפֿקום פֿון היטלערישן אַנטיסעמיטיזם מיט די שטימונגען פֿון דער רוסישער קייַ־סערינע אַלעקסאַנדראַ פֿיאָדאָראָוונאַ, ניקאָלײַ דעם צווייטנס פֿרוי. זי איז גע־ווען באַקאַנט ווי אַן עקסטרעמע אַנטיסעמיטקע; נאָך ביז היטלערן האָט זי געהאַט אויסגעקליבן דעם האַקנקרייץ פֿאַר איר עמבלעם. נאָך דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן זיך אַ ריי באַלטיש־רוסישע אָפֿיצירן, גע־

ווערנע מקורבֿים פֿון דער קייסערינע, באַזעצט אין מינכן ווי פּאָליטישע עמיגראַנטן. די אידעאָלאָגן און אָנפֿירערס פֿון די נאַציס זײַנען דורך זיי אַרײַן אין אַן ענגער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַרבינדונג מיט דער גרופּע עקסטרעמע רוסישע מאָנאַרכיסטן און אָפֿענע פּאָגראָם-אידעאָלאָגן: מיט אַל־פֿרעד ראָזענבערגן וואָס איז באַלד געוואָרן די רעכטע האַנט פֿון היטלערן, מיטן פּאָלקאָווניק אינבערג, מיטן באַרימטן מאַרקאָוו דעם צווייטן, מיט די מערדער פֿון רוסישן ליבעראַל נאַבאָקאָוו — שאַבעלסקי, באָרק און טאַבאָריצקי און די אַנדערע וואָס האָבן די ערשטע אַריבערגעבראַכט פֿון רוסלאַנד די האָרט אַרויסגעגעבענע (נאָך אין 1905 און פֿריִער) „פּראָטאָקאָלן". ראָלען ברענגט אַ סך מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון אַנטיסעמיטיזם אין צאַרישן רוס־לאַנד, אין דײַטשלאַנד און אין פֿראַנקרייך, און אַנטפּלעקט אַזוי אַרום איינעם פֿון די וויכטיקסטע קאַנאַלן פֿונעם אַנטיסעמיטיזם אין דער היטלער-באַוועגונג.

אויב מען זאָל ריידן וועגן די חסרונות פֿונעם בוך, וואָלט איך געהאַלטן, אַז דער הויפּט-חסרון איז אַ געוויסע ניט־פֿאַרענדיקטקייט. אפֿשר האָט די קריגסצײַט גורם געווען, אַז דער מחבר האָט ניט באַוויזן זיך אַן עצה צו געבן מיט דער שפֿע מאַטעריאַל וואָס ער האָט געהאַט. די מאָנאָגראַפֿיע איז אַרויס־געקומען אַ ביסל אַ רויע, אָן אַ בולטן רוקנביין און אָן קלאָרע אויספֿירן.

ניט געקוקט דערויף איז ראָלענס אַרבעט אינטערעסאַנט און וויכטיק ב י ז נ אָ ר. דער סיפּור-המעשׂה און די פֿאַרוויקלונג פֿון אויטענטישע היסטאָרישע געשעענישן שטײַגן צײַטנווײַז אַריבער די לעבעדיקסטע פֿאַנ־טאַזיע פֿון מחברים פֿון דעטעקטיוו־ראָמאַנען. דאָס בוך האָט אויך אַ גרויסע ווערדע מיט דעם מאַטעריאַל וואָס ס'איז ראָלענען געראָטן אויפֿצוקלײַבן פֿון עטלעכע אַרכיוון און האַלב פֿאַרגעסענע זשורנאַלן, צײַטונגען און בראָשורן אויף פֿראַנצייזיש, דײַטש און רוסיש.

דער דאָזיקער מאַטעריאַל גיט אַ מעגלעכקייט אויפֿצושטעלן אַ געוויסן גענעטישן צוזאַמענבונד און אַ המשכדיקייט פֿון דער אַנטיסעמיטישער ט ר אַ ד י צ י ע. די אַנטיסעמיטן ווייסן ניט פֿון קיין פֿאָטערלאַנד. זיי זײַנען קאָסמאָפּאָליטיש. אויפֿן באָדן פֿון אַנטיסעמיטיזם זײַנען די רעאַק־ציאָנערן פֿון אַלע לענדער גרייט צו פֿאַרגעסן זייער קאָנקורענץ און צו דער־לאַנגען זיך די הענט. דער אַנטיסעמיטישער אינטערנאַציאָנאַל איז בפֿירוש אַ פּאָליטישע רעאַליטעט.

פּ ר אָ פֿ׳ מ אַ ר ק װ י ש נ י אַ ק

ייִדישע יוגנט אין ארץ־ישׂראל

The Occupational Structure of the Second Generation of Jews in Palestine, by *B. Weinryb*.

(סעפּאַראַט־אָפּדרוק פֿון Jewish Social Studies, באַנד II, נומ' 4, 1940, 58 ז').

וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער יונגער ייִדישער דור אין ארץ־ישׂראל? צי פֿאַרווירקלעכט ער טאַקע די אידעאַלן פֿון די עלטערן וואָס זײַנען אין זייערע יוגנטיאָרן געקומען אַהין איבערצובויען זייער לעבן, ווערן „פּראָדוקטיווע" אַרבעטער און דערמיט אויך פּרוּוון פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע עקאָנאָמיק? ווי וואַקסט די א"י־יוגנט וואָס האָט זיך דערצויגן אונטער „פֿרײַע" באַדינגונגען און אָן דעם „גלות־יאָך"? צי איז טאַקע „אַרבעט", ווי אַן אידעאַל פֿאַר זיך, פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן אויף ווײַטער און צי איז טאַקע די א"י־יוגנט די טרעגערין פֿון אַ חלוצישער „טראַדיציע"? צי איז טאַקע ריכטיק די הנחה, אַז נאָר אונטער „נאָרמאַלע באַדינגונגען" קען אויפֿוואַקסן ניט אַ „פֿאָלק פֿון הענדלער", נאָר פֿון אַרבעטער?

אָט אויף די און ענלעכע פֿראַגעס פּרוּווט ב. ווײַנריב ענטפֿערן אין זײַן גרונטיקער שטודיע „די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון צווייטן דור ייִדן אין ארץ־ישׂראל". מיט אונדזער קורצן איבערבליק ווילן מיר ניט פֿאַרבײַטן דעם לייענער ווײַנריבס אַרבעט; מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אַ פּאָר עיקרדיקע מאָמענטן פֿון דער טעמע.

ווי מקורים צו דער שטודיע האָבן ווײַנריבן געדינט די רעזולטאַטן פֿון די אָפֿיציעלע צענזוסן פֿון די יאָרן 1937 און 1938 און טיילווײַזע ציילונגען פֿון יאָר 1939, וואָס זײַנען ספּעציעל דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאַר אָט דער אַרבעט. די רעזולטאַטן ווידער נעמען אַרום די דרײַ גרעסערע שטעט ירושלים, תל־אָבֿיבֿ און חיפֿה צוזאַמען מיט עטלעכע קאָלאָניעס און קיבוצים, וווּ ער האָט באַקומען די מיטהילף פֿון לאָקאַלע באַאַמטע און וווּהין עס זײַנען אויך געשיקט געוואָרן ספּעציעלע ציילערס מיט צוגעגרייטע פֿרעגבויגנס.

אין דער קאַטעגאָריע „צווייטער דור" נעמט ווײַנריב אַרײַן יוגנטלעכע אין עלטער פֿון זעכצן יאָר און מער, וואָס האַלטן זיך אַליין אויס און וואָס זײַנען אָדער געבוירן געוואָרן אין לאַנד אָדער זיי האָבן באַקומען זייער גאַנצע אויסבילדונג אין ארץ־ישׂראל.

די ליטעראַטור וועגן דעם יונגן דור אין ארץ־ישׂראל איז שוין ביז איצט אַ גאַנץ היפּשע, און אין איר קומען צום אויסדרוק מיינונגען פֿון פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע ריכטונגען. ווי אומעטום, אַזוי קען מען אויך אין ארץ־ישׂראל ניט ריידן וועגן דער יוגנט ווי וועגן איין גאַנצהייט. עס זײַנען פֿאַראַן שטאַרקע אונטערשיידן צווישן דער יוגנט אין שטאָט און אין דאָרף, צווישן די קאָלאָניעס און די קבֿוצות. גוטזאָגער און קריטיקער

גייען זיך צונויף אין דער מיינונג, אַז עס פּעלט דער א״י־יוגנט דאָס געפֿיל פֿון אחריות און אַז עס גייט איר גאָר ווינציק אָן דער גורל פֿון ייִדן איבער דער וועלט. אויך פּעלט איר, ווי אַ כּלל גענומען, אַ ברייטערער אויסקוק. אוודאי איז זי פֿאַרבונדן מיט דער אַרומיקער ווירקלעכקייט און רופֿט זיך אָפּ פּיבערדיק אויף אַלע געשעענישן. דאָס ליגט אָבער גיכער אויף דער ליניע פֿון דעם „סופּערפּאַטריאָטיזם״ פֿון דער יוגנט אין יענע קליינע לענדער פֿון אייראָפּע, וואָס האָבן פֿון איין וועלט־מלחמה ביז דער צווייטער גענאָסן פֿון פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט.

דאָס זײַנען ניט נאָר אײַנדרוקן פֿון דעם שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט איבער צוועלף יאָר געוווינט אין ארץ־ישׂראל און געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער א״י־יוגנט פֿון דער נאָענט. מען הערט דאָס זעלבע אויך פֿון ארץ־ישׂראלדיקע טוער (ציטירט טיילווײַז בײַ ווײַנריבן), און ענלעכע אויספֿירן ברענגט אויך אַרויס ווײַנריב גופֿא אין זײַן איצטיקער שטודיע.

דאָס געזאָגטע איז חל ניט נאָר אויף דער יוגנט אין שטאָט און אין די קאָלאָניעס. מען קען זאָגן, אַז די יוגנט וואָס איז געבוירן און אויפֿגעצויגן געוואָרן אין די קבוצות, ווו מען קעכלט זי ווי נאָר זי דערזעט די ליכטיקע שײַן, איז אויך ניט איבעריקס געראָטן. זי איז טאַקע צוגעבונדן צום פֿעלד און צו אַגריקולטור, אָבער זי איז באַגרענעצט אין איניציאַטיוו.

וואָס שייך דער הויפּטפֿראַגע — די פּראָפֿעסיאָנעלע גלידערונג פֿון דעם יונגן דור אין ארץ־ישׂראל — ברענגט ווײַנריב אַ ריי טאַבעלעס וואָס ווײַזן, אַז אין פֿאַרגלײַך מיטן עלטערן דור איז בײַ דער יוגנט גרעסער דער פּראָצענט פֿון די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווע פֿאַכן; כאַראַקטעריסטיש זײַנען די פֿאַכן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט בויאַרבעט. מאָדנע איז אָבער דער פֿאַקט, וואָס גראָד אין אַגריקולטור איז זייער פּראָצענט, אין פֿאַרגלײַך מיטן עלטערן דור, אַ ק ל ע נ ע ר ע ר. הערמיט איז שוין אויך פֿאַרבונדן אַ צווייטע דערשײַנונג — דאָס לויפֿן אין שטאָט אַרײַן, ווו די יוגנט פּלײַסט זיך צו פֿאַרנעמען אַ גרעסערן אָרט צווישן ביוראָ־אָנגעשטעלטע און באַאַמטע. דאָס איז אויך חל אויף די קאָלאָניעס, ווו די טעכטער פֿון די קאָלאָניסטן געפֿינען זיך מערסטן טייל צווישן די אָנגעשטעלטע.

אַ דערפֿרייענדיקער פֿאַקט איז דאָס, וואָס די יוגנט אין ארץ־ישׂראל מײַדט אויס די רייען פֿון הענדלער, סוחרים, אונטערנעמער און אַלע אַנדערע פֿאַכן וואָס זײַנען ניט פֿאַרבונדן מיט פֿאַך־קענטעניש און פֿאַך־אויסבילדונג.

מ. ק אָ ס אָ ו ו ע ר

דער אוצר פֿון ענגליש

This English Language by Sir E. Denison Ross, C.I.D., D. Litt, Ph.D., Professor Emeritus of Persian in the University of London. Longmans, Green and Co., London, 1939. XXX+266 pp.

דער מחבר האַלט, אַז בײַם אויסלערנען אַ לשון פֿאַרזעט מען כּמעט אין גאַנצן אַ גרויסן און וויכטיקן עלעמענט, וואָס אַן דעם קען מען אָבער נישט קריגן קיין שלמותדיקע ידיעה אין אַ פֿרעמד לשון. דער דאָזיקער עלע־מענט איז דער נאַציאָנאַלער אוצר פֿון ציטאַטן און אָנצוהערענישן וואָס יעדער געבילדעטער יחיד זאַפּט אײַן, אָנגעהויבן פֿון די קינדעריאָרן, הן ווײסעווודיקערהייט דורך לערנען, הן גיט־ווייסעוודיקערהייט דורך אַסימילאַציע. ער שעפּט פֿון דעם דאָזיקן אוצר ווען ער וויל צוגעבן קאָליר, אָדער פֿאַר־שטאַרקן וואָס ער זאָגט אָדער שרײַבט. אָט דער רעפּערטואַר באַשאַפֿט די צורה פֿון אַ לשון. אַ פֿרעמדער וועט קיין מאָל ניט קענען אין גאַנצן פֿאַרשטיין אַ לשון, אויב ער קען נישט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. ראָס האַלט, אַז ענגליש איז באַזונדער רײַך אין דעם פּרט, און זײַן ביכל איז דער ערשטער פּרווו צונויפֿצוקלײַבן אויף איין אָרט די פֿאַרשפּרייטסטע ציטאַטן, אָנצו־הערענישן, ווערטלעך וכדומה פֿון ענגליש, דאָס הייסט דעם נאַציאָנאַלן אונטערגרונט און קרן פֿון כאַראַקטעריסטישן און ספּעציפֿישן באַנוץ, וואָס דאָס רובֿ ענגלענדער האָבן בשותּפֿות.

דאָס ביכל איז צעטיילט אויף דרײַ חלקים: (א) ליטעראַרישע ציטאַטן, (ב) ווערטלעך, (ג) ענגלישע טראַדיציע. די ליטעראַרישע ציטאַטן פֿאַרנעמען מער ווי די העלפֿט פֿונעם ביכל. אויפֿן ערשטן אָרט קומט די ביבל. דאָס איז דער איינציקער אינטערנאַציאָנאַלער מקור וואָס דער מחבר האָט אַרײַנגענומען. „די דערציילונגען פֿון דער ביבל זײַנען די וואָס מיר ענג־לענדער הערן מער ווי אַלץ, מיר לערנען דאָס שוין פֿון גאָר קליינווײַז אָן, און מיר הערן זיי שטענדיק, ווען זיי ווערן געלייענט אויפֿן קול אין קלויסטער." תּנך פֿאַרנעמט די העלפֿט פֿונעם פּרק ביבל. אחוץ ציטאַטן למשל: מפּי עוללים ויונקים, מחייל אל חייל זײַנען אויך דאָ, אין באַזונדערע קאַפּיטלעך, אינדירעקטע ציטאַטן (למשל: פֿאַרקויפֿן זײַן בכורה) און באַוווּסטע מעשׂיות (למשל: דער גן־עדן, די מכשפֿה פֿון עין־דור). דער צווייטער מקור איז דאָס בוך פֿון די תּפֿילות. דער דריטער: די קלויסטער־געזאַנגען וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָלע אינעם אויסוואַקס פֿונעם ענגלישן קינד. דער פֿערטער: שעיקספּיר. דער פֿינפֿטער: פּאָעזיע. דער זעקסטער: פּראָזע. דער זיבעטער: געזאַנגען, פֿאָלקסלידער, לידלעך פֿון קאָמעדיעס וכדומה. דער אַכטער: הומאָריסטישע גראַמען און פּאַראָדיעס. דער נײַנטער: קינדערלידער.

אינעם צווייטן חלק זײַנען דאָ ווערטלעך און מליצות ווי אַ שטייגער: „קורץ און זיס", „פֿאַרשיידן ווי קאַלעך און קעז", „קליין ביר" (ניט־וויכ־טיקע זאַך).

דער דריטער חלק, ענגלישע טראַדיציעס, ברענגט אין אַ פּרק „היסטאָריע" (א) פּאָפּולערע צונעמענישן פֿון באַוווּסטע ענגלענדער, (ב) היסטאָרישע זאָגעכצער, (ג) געשעענישן און אַנעקדאָטן. אין אַ פּרק „פּיקטיווע כאַראַקטערן" איז דאָ אַ רשימה פֿון טיפּן ווי למשל „דזשאָן בול", פֿון לעגענדאַרישע מענטשן, פּאָפּולערע כאַראַקטערן ווי „פּאָנטש און דזשודי", גענומענע פֿון באַלאַדן ווי „דיק טוירפּין", פֿון שעיקספּיר און דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור. אינעם פּרק „ערטער" געפֿינען מיר געאָגראַפֿישע נעמען, בפֿרט פֿון לאָנדאָן, מיט די אַסאָציאַציעס וואָס זיי רופֿן אַרויס ביי אַן ענגלענדער. ווייטערדיקע פּרקים פֿונעם חלק „טראַדיציע" פֿאַרנעמען זיך מיט חגאות און אַנדערע יומא־דפּגראַס, ספּאָרט, מאכלים, אַנאָנסן.

לאָמיר זיך מאָלן, אַז עמעצער וועט שרייבן אַזאַ מין ביכל פֿאַר ייִדיש. וואָס וואָלט מען געזוכט ביים פֿאַרגלייכן די צוויי ביכלעך? דאַכט זיך, קיין סך פּאַראַלעלן וואָלט מען נישט געפֿונען. קודם־כּל וואָלט מען אין ייִדיש — דעם נישט־אייראָפּעיִזירטן (און נישט־אַמעריקאַניזירטן) ייִדיש — נישט געפֿונען דעם גריכיש־רוימישן עלעמענט וואָס איז אַ תּושבֿ אין אַלע מערבֿ־אייראָפּעיִשע לשונות. ציטאַטן פֿון ענגלישער ליטעראַטור, פֿון שעיקספּירן און פֿון אַנדערע, זיינען צו ביסלעך דאָ אין די אַנדערע אייראָפּעיִשע לשונות, אָבער נישט אין ייִדיש. דאָס זעלבע איז מיטן נייעם טעסטאַמענט. און אַפֿילו ווו ס'איז דאָ אַ שותּפֿותדיקער מקור — תּנך — איז דער מאַטעריאַל שטאַרק פֿאַרשיידן. פֿון די אַלע ציטאַטן וואָס ראָס ברענגט זיינען נאָר געציילטע עטלעכע פֿאַראַן אין ייִדיש. און אויב מען וואָלט געמיינט, אַז ביי די ווערטלעך וואָס זיינען דאָך דער אמתער לשון־פֿאָלקלאָר וועט מען דעריבער, צוליב דעם כּלל־מענטשלעכן, פּשוטן שטייגער און תּוכן, געפֿינען מער פּאַראַלעלן, וואָלט מען זיך טועה געווען. שווער צו געפֿינען צווישן די הונדערטער ווערטלעך אַפֿילו נאָר עטלעכע וואָס זאָלן דערמאָנען אין ייִדיש.

דאָס איז אַ לערנביכל, וואָס קיינער וועט זיך נישט נודיען דערביי. ס'איז אַ סימן פֿון דער ענגלישער פּראַקטישקייט. נישט געשריבן צוויי גראָבע בענדער וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פֿונעם ענגלישן לשון, נאָר אַ קליין לערנביכל. און דער מחבר וואָלט געקענט שרייבן די גרויסע בענדער. ער איז געווען אַ קענער פֿון אַ סך לשונות און קולטורן, אַלטע און נייע, געערדט עטלעכע לשונות, צווישן זיי אָריענטאַלישע, האָט געאַרבעט וועגן פּערסער, מאָנגאָלן, טערקן, כינעזער, פּאָרטוגעזער, טיבעטער, אינטערנאַציאָנאַלע לשונות, אָריענטאַלישע מוזיק און קונסט. און דערביי געווען אַ וועלטמענטש, מעורבֿ עם הבריות, ליב געהאַט רעדן, לאַכן, עסן מיט זיי. ער איז געווען מיין דירעקטאָר אינעם אָריענטאַלישן אינסטיטוט פֿונעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, און איך האָב געקענט זען דעם ברייטן פֿאַרנעם פֿון זיין אינטעלעקט און פֿון זיינע ידיעות.

שלמה בירנבוים

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

עטלעכע באַמערקונגען וועגן לערנען ייִדיש מיט „גרים"

די דאָזיקע „באַמערקונגען" זײַנען געשריבן געוואָרן אין וואַרשע אין אויגוסט 1939 פֿון אַ געוועזענעם אַספּיראַנט פֿון ייִוואָ. הײַנט, ווען עס שטייט אין קאָן די עצם פֿיזישע עקסיסטענץ פֿון פּוילישן ייִדנטום, זײַנען קולטור־פֿראַגעס אָפּגע־רוקט אויפֿן צווייטן פּלאַן. אָבער פֿון דעסט וועגן זײַנען מיר זיכער, אַז די נאָ־טיצן וועלן אַרויסרופֿן בײַ אונדזערע לייענערס אַ גרויסן אינטערעס. זיי שפּיגלען אָפּ אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס בײַ טיילן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין פּוילן, וואָס מען האָט ווינציק אָנגעזען און נאָך ווינציקער געפּרוּווט אינטער־פּרעטירן; עס איז קיין ספֿק ניט, אַז די פּראָבלעם אינטעליגענץ — פֿאָלק — שפּראַך פֿון פֿאָלק וועט זיך אַוועקשטעלן איבער אַ נײַס, בשעת דאָס רישעות וועט פֿאַלן און פּוילישע ייִדן וועלן נעמען צוריק אָפּבויען זייער לעבן. טייל פֿאַקטן און פֿאָרמולירונגען לאָזן אַגבֿ הערן אַזוינס וואָס איז חל אויף ייִדישע פֿאַר־העלטענישן ניט נאָר אין פּוילן אַליין. — רעדאַקציע.

די לעצטע פּאָר יאָר איז צו מערקן בײַ דער ייִדישער אַסימילירטער אינטעליגענץ און בײַ דער ייִדישער פֿאָלקסיוגנט אַ טענדענץ אומצוקערן זיך צו ייִדישקייט, וואָס דאָס דריקט זיך אויס אין לערנען ייִדיש.

די מאָטיוון זײַנען הן פֿון אַן אידעיִשן הן פֿון אַ פּראַקטישן כאַראַקטער.

דער עולם

ווער וויל זיך לערנען ייִדיש? — אַ טאַטע, אַליין אַ נאַציאָנאַלער ייִד, אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט זײַן קינד אָפּגעגעבן אין דער פּוילישער שול אויס פּראַקטישע טעמים, דאָס קינד זאָל גוט קענען פּויליש, קוקט זיך אַרום נאָך דעם ווי זײַן זון האָט שוין באַקומען זײַן „צײַגעניש פֿון צײַטיקייט" [סערטיפֿיקאַט פֿון גימנאַזיע], אַז דער בחור איז אַחוץ אַ „מאַטוריסט" אויך אַ פֿאַרטיקער גוי, אַז ער האָט דאָס קינד ממש אָפּגעשמדט. ס'איז דעם בחור פֿרעמד די ייִדישע קולטור, נאָך מער — ער האָט פֿײַנט ייִדן. ידיעות וועגן ייִדן און זייער קולטור שעפּט ער פֿון די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע".[1] אַלע ייִדן זײַנען סוחרים, געלט־ליבהאָבער. אַליין אַן אויפֿריכטיקער יונגער־מאַן, איז דער זון מיר זיך מודה: „עס בינדט מיך קיין זאַך ניט מיט ייִדן, מיט זייער שטייגער; פֿאַרקערט, ווען דער חודש נאָוועמבער [דער חודש, ווען פּוילן איז באַפֿרײַט געוואָרן] דערנעענטערט זיך צו זײַן סוף, לעב איך עפּעס איבער". דאָס איז אים נעענטער. דער טאַטע וויל פֿאַרריכטן זײַן פֿעלער דורך אָנהייבן לערנען זײַן זון ייִדיש.

עס וויל זיך אויך אויסלערנען ייִדיש פֿאָלקסיוגנט וועלכע איז דורך דער פּוילישער שול אָדער דורך דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿאַרפֿרעמדט געוואָרן פֿון ייִדן. דער דאָרשט צו לערנען זיך איז בײַ דער ייִדישער יוגנט גרויס. די וועגן צו בילדונג ווערן וואָס אַ מאָל מער פֿאַרשטעלט אָדער אין גאַנצן פֿאַרמאַכט. דער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט בײַם וואַרשעווער מאַגיסטראַט פֿאַרמאַכט די אָפּטיילונגען, אויף וועלכע ס'קומען ר'רוב ייִדן, און אַפֿילו די „געזעלשאַפֿט פֿון אַרבעטער־־אוניווערסיטעט" („טור") [אָנגעפֿירט פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי] פֿאַרמאַכט איר אָפּטיילונג פֿון סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, ווײַל עס האָבן זיך דאָרט פֿאַרשריבן 99% ייִדן. קערט זיך די ייִדישע יוגנט אום „אַהיים", צו דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פֿון ייִוואָ, און דאָרט ווערט געפֿירט די בילדונגס־אַרבעט אין ייִדיש; הייבט מען זיך אָן אַרומקוקן, אַז ייִדיש איז עפּעס אויך אַ שפּראַך וואָס

[1] אַן אָנגעזעענע פּוילישע ליטעראַטור־צײַטונג, ווו ס'האָבן געשריבן פּאָליאַקן, משומדים און ייִדן־עקסטע אַסימילאַטאָרן און ווו ייִדיש איז געווען לא יזכר ולא יפּקד.

מען דאַרף לערנען און ייִדישע ליטעראַטור איז אויך ניט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן.

אויך מחמת פּראַקטישע טעמים דאַרפֿן אַנדערע האָבן ייִדיש. די פּוילישע אַרבעטערטער פֿאַר דער ייִדישער פּראָפֿעסיאָנעלער אינטעליגענץ זײַנען פֿאַרמאַכט. לערנט זיך ייִדיש אַן אַגראָנאָם וואָס וויל אָננעמען אַרבעט אין „אָרט" אָדער אין „ייִקאָ", אַ געענדיקטער פּסיכאָלאָג וואָס דאַרף ווערן דער פֿירער פֿון אַ פּעדאַגאָגישער קאָנסולטאַציע פֿאַר ייִדישע קינדער (ווײַל ס'טרעפֿט, אַז קינדער ווייסן ניט קיין קונצן און ריידן דווקא ייִדיש, ווי די מאַמע רעדט צו זיי); פֿאַר אַ מאַטוריסט וואָס וויל ניט אַרײַנפֿאַלן אין דער „סימפּאַטישער" סבֿיבֿה פֿון פּוילישן אוניווערסיטעט און וויל פֿאָרן שטודירן קיין אַמעריקע, אַ שטייגער, איז ייִדיש אויך אַ סחורה.

מען מוז דעריבער בײַם באַטראַכטן די מעטאָדיק פֿון לערנען ייִדיש מיט „גרים" אין זינען האָבן ביידע מאָמענטן — דעם פּראַקטישן און דעם אידעיִש־נאַציאָנאַלן. עס דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן אַ פּראָגראַם פֿון דעם מינימום ידיעות וואָס זײַנען נייטיק אויף צו קענען באַהערשן ווי געהעריק די שפּראַך פּאַסיוו און אַקטיוו; מען מוז זיך אויך פֿאַרטראַכטן אויף דעם לערנשטאָף, דורך וועלכן מען זאָל די מענטשן געבן ידיעות וועגן ייִדישן לעבן און פֿאַר איינס צובינדן זיי צו דער ייִדישער קולטור.

דאָס וויל איך בלויז איבערגעבן אַ ביסל פֿון מײַן פּראַקטיק. איך האָב אויף דעם פֿעלד געאַרבעט אין וואַרשע אָנדערטהאַלבן יאָר. עס וועלן זײַן בלויז אָבסערוואַציעס, אָבער זיי וועלן קענען, מיין איך, צו ניץ קומען בײַם אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם און אַ לערנבוך פֿאַר די „גרים".

ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז ייִדיש איז פֿאַר די „גרים" ניט קיין לחלוטין פֿרעמדע זאַך, לכל הפּחות פֿאַר די וואָס וווינען אין דעם ייִדישן געגנט. פֿאָרט שרײַען אַראָפּ ייִדישע אותיות פֿון צײַטונג־קיאָסקן, אַ מאָל פֿון אַ שילד אויף אַ ייִדישער אינסטיטוציע; פֿאָרט פֿאַלט אַ מאָל אַרײַן אין אויער אַ ייִדיש וואָרט, ווײַל אויף די סטאַווקעס, פּאַוויע, סמאָטשע שעמט מען זיך ניט מיט ייִדיש. ייִדיש איז הייסט עס פֿאַר דעם עולם ניט אין גאַנצן קיין פֿרעמדע שפּראַך ווי ענגליש, פֿראַנצייזיש וכדומה. אַ שוועריקייט פֿאַרשאַפֿט דער פֿאַקט בײַם לערנען מיט אַ גרופּע. דער ניוואָ איז אַ פֿאַרשיידענער.

לערנשטאָף

די עיקר־פּראָבלעם איז דער לערנשטאָף. מען קען דאָך ניט מיט דערוואַקסענע מענטשן וואָס קענען באמת שוואַך די שפּראַך אָנהייבן מיט ציפּע פּרעס' ביכל פֿאַר זעקס־זיבן־יאָריקע קינדער, און ווידער קען מען זיך דאָך ניט באַנוגענען מיט אויסלערנען די כּללים פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע און גראַמאַטיק. דער גאַנצער ענין קען ווערן ניט אינטערעסאַנט. כ'פֿלעג זיך דעריבער באַמיִען וואָס פֿריִער, באַלד נאָכן בײַקומען די ערשטע טעכנישע שוועריקייטן בײַם לייענען און שרײַבן, צוטרעטן צו די ליטעראַרישע ווערק. היות, דער עולם פֿאַרשטייט יאָ אַ ביסל די שפּראַך און מען האָט נאָך צו טאָן מיט מענטשן וואָס אָריענטירן זיך אין ליטעראַטור, איז דער וועג צו אַ בוך גאָרניט אַזאַ שווערער. מען דאַרף פֿאַרשטײַזיך אָנהייבן מיט ק ו ר צ ע ליטעראַרישע ווערק. אין דער ערשטער צײַט איז זייער גוט אויסצוניצן די וויצן און וויציקע מעשׂהלעך פֿון פֿאָלקלאָרבאַנד וואָס דער ייִוואָ האָט אַרויסגעגעבן.[2] אַגבֿ איז אַ ייִוואָ־אויסגאַבע אַ גוטער לערנשטאָף הן איבער דער קאָרעקטקייט פֿון דער שפּראַך, איבער דער אָפּגעהיטקייט פֿון דער גראַפֿיק (פֿון וואַנען זאָל אַ פֿרעמדער וויסן צו לייענען צוויי יודן **ei** אָדער **ai** אויב מען מאַכט ניט קיין אונטערשייד פֿון יי ביז ײַ ?). אַחוץ אַלעמען איז אַ ייִדישער וויץ סתּם אויך אַ קרן.

אויפֿן סמך פֿון מײַן געפּרווו בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז אויף אַרײַנצופֿירן

---

[2] ייִדישער פֿאָלקלאָר, אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. ל. כּהן, ווילנע — שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, נײַנטער באַנד, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן V.

אין דער יִדישער ליטעראַטור איז פּרץ אַ גוטער אָנהייבער — ערשטנס איז פֿאַרשיידנ־אַרטיק אי דער אינהאַלט, אי די פֿאָרם פֿון פּרצעס שאַפֿן. צווייטנס זײַנען זײַנע זאַכן קורץ. דריטנס איז אַ גרויסע מעלה די „עקזאָטיק“. אָבער דאָס לעצטע איז ווי אַ מאָל. כ׳האָב געלייענט פּרצן מיט דער רעליגיעזער יוגנט בײַ „פּרײַלאַנד“. וואָס אַן אמת האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין פֿאַל, מען זאָל פּרצן אַזוי טיף באַנעמען, זיי זײַנען אָבער ניט געווען פֿאַרכאַפּט. „דאָס קענען מיר דאָך, האָבן זיי מיר געזאָגט: מיר ווילן עפּעס אַנדערש“.

פֿאַר דער ניט־רעליגיעזער יוגנט אָבער איז דאָך פּרץ זיכער ניט אָפּצושאַצן. קלאָר, אַז פּרצן דאַרף מען לייענען מיט אַ פּירוש אין דער האַנט. ס׳וואָלט שוין צײַט געווען, אַז דער יִוואָ, די באַרופֿנסטע אינסטאַנץ צו דעם, זאָל מאַכן אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פֿון אונדזערע קלאַסיקערס. ס׳איז זייער פֿאַרדראָסיק, וואָס די „פֿאָלקסצײַטונג“ גיט אַרויס אין יאָר 1939 די פּרץ־פּרעמיע אין דעם אַלטן אויסלייג.

נאָך פּרצן איז שוין ניט שווער דורכצונעמען שלום־עליכמען, מענדעלען (מענדעלע איז דער שווערסטער פֿון די דרײַ). אין צווישן קען מען אַרײַנכאַפּן עטלעכע משלים פֿון א. שטיינבאַרג, א. מאַנגערס אַ פּאָר באַלאַדעס, עטלעכע נאָוועלעס פֿון אַ. רייזען, קולבאַקס „רײַסן“, לידער פֿון מ. ל. האַלפּערן, בכלל גוטע לידער פֿון דער נײַער יִדישער פּאָעזיע.

דאָס אַלץ קען מען דורכנעמען במשך פֿון אַ יאָר צײַט צו דרײַ לעקציעס אַ וואָך.

בײַם לערנען די ליטעראַטור קען מען זיך ברייטער אָפּשטעלן אויף געוויסע סאָציאַל־קולטורעלע און עקאָנאָמישע דערשײַנונגען. דער עולם הייבט אָן אַנדערש צו קוקן אויפֿן יִדישן לעבן. אַזוינע געזונטע יִדן ווי אין קולבאַקס „רײַסן“ זײַנען ממש אַ אומגלייב־לעכער סורפּריז פֿאַר וואַרשעווער „גרים“.

האָט מען אין זינען דורך דעם לימוד פֿון יִדיש צו באַקענען די מענטשן מיטן יִדישן לעבן, איז ניט קיין עוולה אויך אויסצוניצן קורצע נאָטיצן אין אַ יִדישער צײַטונג (אַ שאָד נאָר וואָס די צײַטונגסשפּראַך איז אַזאַ צעהרגעטע), אַן אַרטיקל אין אַ יִדישער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט. גוט איז אויך אויסצוניצן אַ נומער „ידיעות“ פֿון יִוואָ. לייענענדיק די „ידיעות“ באַקענט מען זיך בכלל מיט דעם יִוואָ, דעם צענטער פֿון דער יִדישער מאָדערנער קולטור. אַרומשמועסנדיק די קליינע און גרויסע פֿאַקטן פֿון דער יִוואָ־אַרבעט קען מען אַרויפֿקומען אויף זייער ערנצטע יִדישע קולטור־פּראָבלעמען.

אין אַ גרופּע קען מען אויך אויסניצן אַקטועלע טעמעס ווי: אונדזער לאָקאַל, וואַלן, אַ רעפֿעראַט וכדומה (דאָס זײַנען טעמעס צו מינדלעכע און שריפֿטלעכע געניטונגען).

דיאַלעקט

אַ צווייטע ערנצטע שוועריקייט, מיט וועלכער מען באַגעגנט זיך בײַם לערנען יִדיש מיט דערוואַקסענע, דער עיקר אין וואַרשע, איז דער דיאַלעקט. מען וויל זיך אויסלערנען דאָס „ריינע יִדיש“, און „ריין יִדיש“ הייסט דער ליטווישער דיאַלעקט. איינע קען אײַך דערציילן, אַז זי פֿאַרשטייט אַלץ, נאָר זי קען ניט ריידן. וואָס ווײַזט זיך אָבער אַרויס? — זי רעדט ניט שלעכט, נאָר אין פּוילישן דיאַלעקט. מעגסט די מענטשן אַרײַנהאַקן אין קאָפּ, אַז ביז עס איז נאָך ניט געשאַפֿן געוואָרן קיין מוסטער־אויסשפּראַך, זײַנען אַלע דיאַ־לעקטן גלײַך באַרעכטיקט; מעגסט זיי אַפֿילו זאָגן, אַז דיר, דעם ליטוואַק, געפֿעלט גיכער דער פּוילישער דיאַלעקט איבער זײַן מוזיקאַלישקייט און טעמפּעראַמענט, מעגסט זיי דער־ציילן, אַז אין דײַטשלאַנד זײַנען אַנדערע שול־כרעסטאָמאַטיעס געדרוקט אי אין דער לי־טעראַטור־שפּראַך, אי אין דעם דיאַלעקט פֿון קינד — עס העלפֿט ניט. גאַנץ פּשוט, מען שעמט זיך צו ריידן אין דעם פּוילישן דיאַלעקט. דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו איז דאָ דער זעלבער וואָס בײַם שעמען זיך בכלל מיט יִדיש. וויל מען אָנגיין פֿאַר אַ שטיקל אינטעליגענט, הייבט מען זיך אָן צו שעמען מיט דער אייגענער מאַמען און מיט איר לשון. בײַ דעם העכער שטייענדיקן קלאַס איז דאָס פּויליש ריידן און דאָס קוקן מיט

ביטול און פֿאַראַכטונג אויף ייִדיש פּשוט דער דראַנג צו אַסימילאַציע און דער פֿאַרלאַנג זיך אָפּצוטיילן פֿון דער „טשעמנער מאַסע“. בײַם פֿאָלק, בײַם מיטלשיכט, בײַם פּראָלע־טאַריאַט איז אין דעם פּויליש ריידן זייער קענטיק דער פּסיכאָלאָגישער פֿאַקט פֿון נאָכ־מאַכונג. פּויליש איז זיכער בעסער און שענער, והאָ ראַיה — די „בעסערע מענטשן“ ריידן דאָך פּויליש און דערצִיִען זייערע קינדער אין פּויליש.

וואָס שייך דער פּסיכאָלאָגישער זײַט פֿון דער פֿראַגע דיאַלעקט מיין איך, אַז ייִדיש וואָלטן אין קאָנגרעס־פּוילן געדאַרפֿט לערנען פּוילישע ייִדן, און ווען וואַרשעווער ייִדישע אינטעליגענטן וואָלטן גערעדט ייִדיש און טאַקע אין וואַרשעווער דיאַלעקט, וואָלט די מערכה פֿון ייִדיש אויך צווישן די „מאַסן“ געוווּן אַן אַנדערע.

די דיאַלעקט־שוועריקייטן זײַנען אָבער פֿון אַ טעכנישן כאַראַקטער אויך. פֿאָרט איז די נײַע ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע געשטיצט אויף דעם ליטווישן דיאַלעקט. דאָ איז נייטיק גלײַך פֿון אָנהייב דורכצופֿירן געניטונגען אויף ווערטער מיט ו־אַ, ע, וי, יי, ײַ, וואָס ליטווישע ייִדן ריידן זיי אַרויס אַנדערש ווי וואַרשעווער. אַזוינע געניטונגען זײַנען אַפֿילו נייטיק פֿאַר מענטשן וואָס קענען זייער וויניק די שפּראַך אָדער כּמעט אין גאַנצן ניט, ווײַל פֿאָרט הערן זיי אין גאַס ק י מ ע ן , ל ע י ב ן , ה ו ב ן , ש ר אַ ב ן , און ניט ק ו מ ע ן , ל ע ב ן , ה אָ ב ן , ש ר אַ י ב ן .

מען מוז זיך אויך ברייטער אָפּשטעלן בײַ דער דערשײַנונג פֿון דעם איבערקלאַנג אין ייִדיש (בײַם פֿורעמען מערצאָל, דעמינוטיוו, פּאַרטיציפּ).

„ריין ייִדיש“ הייסט בײַ אַ סך „גרים“ אויך: ריין פֿון העברעיִזמען. מענטשן וואָס זײַנען „געכאַפּט אין דער מעשׂה“, וואָס אַ קלאַנג איז דערגאַנגען צו זיי, אַז די העברעיִזמען אין ייִדיש שמעקן מיט קלעריקאַליזם, דאַרף מען אויפֿקלערן; מען דאַרף זיי איבערגעבן וועגן דער דיסקוסיע וואָס פֿירט זיך צווישן די מומחים בדבֿר וועגן דער פֿראַגע.

טעכניש אָבער שאַפֿן די העברעיִזמען, לויט מײַן פּראַקטיק, ניט קיין גרויסע שוועריקייטן. אַוודאי מוז מען באַלד פֿון אָנהייב פֿירן אַן אַרבעט איבער די העברעיִזמען. דאָ איז זייער גוט אויסצונוצן מ. ווײַנרײַכס ביכעלע „שרײַב אָן גרײַזן“ (עס איז דאָ אַ באַ־זונדערע אויסגאַבע פֿאַרן ליטווישן דיאַלעקט און אַ באַזונדערע פֿאַרן פּוילישן). עס איז גוט דערפֿאַר, וואָס ס'איז אַן אָפּגעשלאָסענע זאַמלונג פֿון די צום אָפֿטסטן געניצטע העב־רעיִזמען אין ייִדיש, און מען קען זײַן זיכער, אַז דער וואָס קען גוט דאָס ביכעלע וועט שוין בײַם לייענען אַ ייִדיש בוך ניט האָבן קיין גרויסע שוועריקייטן מיט די העברעיִזמען. אַחוץ געוויינטלעך אַזוינע ווערק וואָס זײַנען מלא־וגדוש מיט העברעיִזמען און פֿאָדערן ממילא אַ קאָמענטאַר. עס איז אויך באַקוועם אויסצוניצן דאָס ביכעלע צו געניטונגען אויף לערנען זיך לייענען און שרײַבן די העברעיִזמען, ווײַל אין דער לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע איז אָנגעגעבן, ווי אַזוי דאָס העברעיִשע וואָרט רעדט זיך אַרויס. פֿאַרשטעלט מען דעם העברעיִשן טעקסט, געניט מען זיך, ווי אַזוי דאָס וואָרט דאַרף געשריבן ווערן; פֿאַר־שטעלט מען דעם לאַטײַנישן טעקסט, לערנט מען זיך, ווי אַזוי דאָס וואָרט וואָס האָט אַזאַ גראַפֿיש בילד ווערט אַרויסגערעדט. אין ביכעלע איז אויך דאָ אַן אָרט אַרײַנצושרײַבן דעם טײַטש פֿון וואָרט; מען קען עס טאָן אין ייִדיש אָדער אין פּויליש.

צו די העברעיִזמען ווערן געשריבן זאַצן. מען דאַרף אויך באַאַרבעטן די העברעיִזמען וואָס מען באַגעגנט בכלל בײַם לייענען.

ס'איז נייטיק אויך אָנצוווײַזן אויף דעם אייגנאַרטיקן טײַטש וואָס דאָס העברעיִשע וואָרט האָט אין ייִדיש, אויף דער פֿונקציע פֿון די העברעיִזמען אין דער איראָניע־שפּראַך וכדומה.

פּרטים

איך וויל דאָ אויך אויסרעכענען עטלעכע וויכטיקע ענינים פֿון דער אייגנאַרטיקייט פֿון ייִדיש, אויף וועלכע מען דאַרף אַכט לייגן.

מען מוז צום ערשטן געדענקען דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ, אין וועלכן מען דאַרף זיך

האַלטן בײַם לערנען יעדער נײַע שפּראַך, דהײַנו, אַז קיין שום שפּראַך איז ניט קיין איבערזעצונג פֿון אַ צווייטער. מען מוז כּסדר אויפֿווײַזן דאָס אייגנס וואָס ייִדן האָבן אַרײַנגעבראַכט אין ייִדיש לגבי דײַטש.

עס קומט אויס בײַם לערנען ייִדיש צו קעמפֿן מיט השפּעות פֿון פּויליש אין דער ערשטער ריי, זעלטענער אויך מיט השפּעות פֿון דײַטש, וואָס די מענטשן קענען פֿון דער שול אָדער ס׳איז אַריבער אין זייער ייִדיש פֿון דער צעקאַליעטשעטער ייִדישער צײַטונג־שפּראַך.

אַפֿילו אין דעם ווי די גרים ש ר ײַ ב ן ייִדיש מערקט זיך די געוווינטשאַפֿט צו דעם לאַטײַנישן אַלף־בית (בײַם אָנהייבן די צונויפֿגעגאָסענע צוויי וואָוון פֿון לינקס אויבן, בײַם שרײַבן אַ שין ווי אַ לאַטײַנישן *e*, בײַם שרײַבן דעם צייכן יי אָדער ײַ שטעלן פֿרי׳ער דעם יוד פֿון לינקס וכדומה). אויף דעם אַלעם דאַרף מען אַכט לייגן גלײַך אין אָנהייב.

אין דער אָרטאָגראַפֿיע קומט אויך אויס צו באַקעמפֿן די השפּעה פֿון פּויליש (אַ יוד צווישן ק און ע).

מען מוז אַכט לייגן אויף געוויסע קלאַנגען וואָס ריידן זיך אַנדערש אַרויס ווי אין פּויליש, למשל ל, כ, ה.

דאָס שווערסטע לייעניש האָט מען בײַם זאַצנבוי. מען מוז אײַנקנעלן, אַז ייִדיש פֿאַרטראָגט ניט קיין צו ווײַטן מרחק פֿון סוביעקט און פּרעדיקאַט, אַז אַזאַ זאַץ למשל „די באַוועגונג פֿון עספּעראַנטאָ בהדרגה פֿאַרשפּרייט זיך אין אַלע לענדער" טויג ניט און ס׳דאַרף זײַן: „די עספּעראַנטאָ־באַוועגונג פֿאַרשפּרייט זיך בהדרגה וכו׳".

אַ באַזונדער קאַפּיטל זײַנען די זאַצן וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ באַשטימוואָרט. אין די פֿאַלן מוז אין ייִדיש קומען דער פּרעדיקאַט פֿאַרן סוביעקט, אויב ניט איז דאָס ווי אַ גוי׳ רעדט ייִדיש. לדוגמא עטלעכע זאַצן פֿון אַרבעטן פֿון תּלמידים:

„נאָך דעם אַטענטאַט גרינשפּאַן האָט געוואָלט אַנטלויפֿן". „אויף דער אויסשטעלונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקסשולן מיר האָבן געקענט בולט זען די אַרבעט פֿון די שילער". „אַזוי די צײַט שאַפֿט פֿ׳ון אים דעם אומגליקלעכן מענטשן". „און אַזוי אייניקע זאָגן".

אויף פּויליש איז גוט אַזוי, אויף ייִדיש ניט. אין בײַזאַצן ווידער מוז דער פּרעדיקאַט זײַן אויף דעם ערשטן אָרט. ס׳טויגן דעריבער ניט אַזוינע זאַצן ווי: „לאָמיר זען די אַרטיסטישע מיטלען, מיט וועלכע האָט זיך פּרץ באַנוצט" אָדער: „אַלע כּמעט, מיט וועלכע האָט מאָטל אונדז באַקענט". אָדער: „וואָס מער חנפֿעט די פּרעסע דער רעגירונג, אַלץ מער..." אָדער: „פֿאַר דעם געוועלב, וווּ האָט מען פֿאַרקויפֿט פֿלייש, איז געשטאַנען אַ געזעמל", אָדער: „דער יריד, אויף וועלכן זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן סוחרים פֿון דער גאַנצער וועלט".

מען מוז אַכט לייגן אויף דעם אומבאַשטימטן אָדער באַשטימטן אַרטיקל, וועלכן אַזאַ איינער וואָס האָט זיך דערצויגן אויף פּויליש האָט אַ טבֿע דורכצולאָזן. ער וועט אײַך דערלאַנגען אַזאַ זאַץ: „זי האָט גרויסע קולטור־היסטאָרישע באַדײַטונג". אַ מאָל פֿאַרקערט פּאַקט מען אַרײַן דעם אַ, וווּ ס׳איז ניט נייטיק.

עס קומט אויס סתּם אַכט צו לייגן אויף זאַצן וואָס ווערן ווי זיי שטייען און גייען אין פּויליש איבערגעזעצט אויף ייִדיש און זיי האָבן יענעם טעם.

כּדי אָנצוּווײַזן אויף דער אייגנאַרטיקייט פֿון ייִדיש איז גוט צו זאַמלען ספּעציפֿישע ווערטלעך, אויסדרוקן וואָס לאָזן זיך בשום אופֿן ניט איבערזעצן אין אַן אַנדער שפּראַך. זעצט איבער אויף פּויליש אַזוינע ווערטלעך ווי:

„ווי ער גייט און שטייט"; „לא מיט אַ ספּאָדיק"; „איטלעכס טעפּל... האָט בײַ מיר צוגענומען אַ שטיק געזונט" („טוביה"); „פֿאַרשוואַרצט ווערן" אאַז״וו.

פֿאַר מענטשן וואָס קענען דײַטש איז זייער געוווּנטשן צו ברענגען זאַצן וואָס שטעלן זיך צונויף דורכויס פֿון ווערטער וואָס האָבן אַ גערמאַנישן אָפּשטאַם, און פֿאָרט האָבן זיי

אין ייִדיש אין גאַנצן אַן אַנדער טײַטש. למשל: „עס קאָכט אין שטאָט״; „איך גיי אויס נאָך...״; „אויף לויפֿן בין איך אַ פֿײַער״; „ער זאָל מיר ניט צושטעלן אַ בענ־קעלע פֿאַר דער מאַמען״ (פֿון „מאָטל פּייסי דעם חזנס״).

צום סוף וויל איך אויסרעכענען די פּראָבלעמען פֿון אָרטאָגראַפֿיע און גראַמאַטיק ווי אויך די שפּראַכיקע געניטונגען וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען דורכצומאַכן. דער סדר איז דאָ ניט וויכטיק.

1. די אויבן אָנגעוויזענע געניטונגען אויף ווערטער מיט ו, אַ (לאַנגער), ע, וי, יי, ײַ; איבערקלאַנג.
2. שטומער אַלף.
3. טראַפּיקער למד, נון.
4. פֿורעמונג פֿון מערצאָל.
5. פֿורעמונג פֿון דעמינוטיוו.
6. פּרעפֿיקסן (באַטאָנטע און ניט־באַטאָנטע).
7. סופֿיקסן.
8. דעקלינאַציע פֿון סובסטאַנטיוו, אַדיעקטיוו (שטאַפּלונג), צאָלוואָרט, פּראָנאָמען.
9. קאָניוגאַציע פֿון ווערב,

באַזונדער זיך אָפּשטעלן אויף דער פֿורעמונג פֿון פּאַרטיציפּ. די אָרטאָגראַפֿיע פֿון ווערבן מיט ד, ז, ש, טש, דז אין שורש. ווערבן פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם.

10. געניטונגען אויף זאַצנבוי.
11. העברעיִזמען.
12. סלאַוויזמען.
13. שפּריכווערטער, ווערטלעך, ספּעציפֿישע אויסדרוקן.
14. איבערזעצונג פֿון ייִדיש אויף פּויליש און פֿון פּויליש אויף ייִדיש.[3]

כ׳האָב דאָ אָנגעוואָרפֿן די פּראָבלעמען פֿון דעם ייִדיש־לימוד מיט „גרים״. עס איז מיר ניט געגאַנגען אין אויסשעפּן די פּראָבלעם, נאָר דער עיקר וועגן דעם אינטערעס צו דעם ענין, כ׳מיין, אַז ס׳איז כדאַי מיט דעם זיך צו פֿאַרנעמען.

ח. ד.

---

[3] איינער פֿון מײַנע תּלמידים האָט זייער שיין איבערגעזעצט עטלעכע קאַפּיטלעך פֿון „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ אויף פּויליש. דאָס האָט אויסגענוצט אַ לערערין אין אַ ייִדיש־פּוי־לישן אַנשטאַלט. די קינדער האָבן זיך מחיה געווען. איינער פֿון די אויפֿטוען פֿון דעם ייִדיש לערנען.

ווִיסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ

אויף דער 15טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק, פֿון 3טן ביזן 5טן יאַנואַר 1941, זײַנען אַחוץ די אַדמיניסטראַטיווע באַריכטן (נ. פֿײַנערמאַן פֿונעם סעקרע־טאַריאַט, מ. ווײַנרײַך וועגן דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, מ. עלקין וועגן דער ביבליאָטעק) געלייענט געוואָרן אויף די זיצונגען פֿון פּלענום און פֿון די סעקציעס די ווײַטערדיקע רעפֿעראַטן: מ. ווײַנרײַך, די ייִדישע וויסנשאַפֿט אין דער הײַנטיקער צײַט; אַ. מענעס, ייִדן אין די צײַטן פֿון קאַטאַסטראָפֿעס; א. טשעריקאָווער, ייִדישע קאַטאַסטראָפֿעס און די ייִדישע געשיכטע־שרײַבונג; מאָריס קאָהען, דער קריזיס פֿון אונדזער צײַט; פּ. ראָמאַנאָף, אַ נײַער קוק אויף קינסטלערס פֿון דער רענעסאַנס־עפּאָכע; יעקבֿ לעשטשינסקי, וועגן די פּראָבלעמען פֿון ייִדישער עקאָ־נאָמיק אין אַמעריקע; שמואל קעניג, די ראָלע פֿון פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון שטאַט קאָנעטיקוט; נ. גאָלדבערג, די ייִדישע יוגנט אין אַמעריקע; ה. פֿראַנק, ייִדן און פֿאַר־קאָנסולטאַציעס; ב. ווײַנריב, די הויפּט־

אידעעס פֿון דער השׂכּלה אין דײַטשלאַנד; ר. מאַהלער, די אידעאָלאָגיע פֿון דער השׂכּלה אין גאַליציע; י. שאַצקי, די אידעיִשע שטרעמונגען אין דער השׂכּלה פֿון קאָנגרעס־פּוילן; א. טשעריקאָווער, די הויפּט־עטאַפּן פֿון דער השׂכּלה אין רוס־לאַנד; לייבוש לעהרער, נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן; בתיה טומאַרין, צו דער פּסיכאָלאָגיע פֿון אַנטיסעמיטיזם בײַ ייִדן; ה. בעז, פּראָבלעמען פֿון לערנען לייענען; יודאַ א. יאָפֿע, די אַנט־ווערבן; ש. ניגער, רעליגיעזע ספֿרים און „וועלטביכער" אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור; פּסח מאַטענקאָ, דער עקדת־יצחק־מאָטיוו אין דער ייִדישער און ניט־ייִדישער ליטעראַטור; נתן זיסקינד, פּראָבלע־מען אין דער פֿאָרשונג פֿון שמואל־בוך; יעקבֿ שאַצקי, ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע פֿון קראָכמאַלן ביז דובנאָוון.

הוספֿות און תּיקונים

צו: ר. מאַהלער, יעקבֿ מאַן און זײַן לעבנסווערק, אין ייִוואָ־בלעטער, XVII, זז' 170־181.

אין דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון יעקבֿ מאַנס אַרבעטן זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן די ווײַטערדיקע דרוקפֿעלערן:

	שטייט	דאַרף שטיין
נומ' 10	Onan's Liturgy	Anan's Liturgy
נומ' 58	Ebjator . . . Ita-Kohen	Ebjatar . . . ha-Kohen

ס'קומען נאָך צו די ווײַטערדיקע ביבליאָגראַפֿישע פּאָזיציעס, אויף וועלכע עס האָט מיר פֿרײַנדלעך אָנגעוויזן ד"ר יהושע בלאָך:

II אַרבעטן אין צײַטשריפֿטן און זאַמלביכער

[61] (41a)
"Genizah Studies." In: *The American Journal of Semitic Languages*, vol. XLVI (1929-1930), pp. 263-283.

III אַרטיקלען אין דער *Encyclopaedia Judaica*:

[62] (55a) Abraham ben Sahalan. I, 1928, p. 534.
[63] (60a) Elijahu ben Salomo Ha-Kohen, VI, p. 508.

IV אַרטיקלען אין „אַשכּולי", אנציקלופדיה ישׂראלית:

(בײַ די אַרטיקלען וואָס זײַנען אויך געווען געדרוקט אין דער *Encyclopaedia Judaica* גיבן מיר בײַ דער זײַט די נומערן, מיט וועלכע מיר האָבן זיי דאָרט געהאַט באַצייכנט)

[64] (58) אביתר בן אליהו הכהן, I, זז' 183—184.
[65] (54) אבלי ציון, I, זז' 198—199.
[65] (54) אבלי ציון, I, זז' 198—199.
[66] אבן אביתור, יוסף בן יצחק אבן שטאנש, I, זז' 206—208.
[67] (55) אברהם בן יצחק הכהן בן פֿראת, I, זז' 414.
[68] (62) אברהם בן סהלאן, I, ז' 438.
[69] (53) אהרן בן יוסף הכהן סרגאדה, I, זז' 758—759.
[70] (56) אלוף , II, זז' 482—483.
[71] (59) אלחנן בן חושיאל, II, זז' 496—497.
[72] (60) אלחנן ראש הסדר, II, זז' 498—499.
[73] (63) אליהו בן שלמה הכהן, II, זז' 557—558.
[74] (57) אל־תּסתרי, II, זז' 817—818.

ר. מאַהלער

פֿון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטערס

שמואל קעניג איז אַ ד״ר פֿילאָסאָפֿיע פֿון יעיל־אוניווערסיטעט. ער איז פֿאַר־בונדן מיט די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן פֿון דער .W.P.A אין שטאַט קאָנעטיקוט. ער איז דער מחבר פֿון אַ צאָל אַרבעטן, וואָס די וויכטיקסטע פֿון זיי (נאָך ניט געדרוקט) איז: „אַן אַמעריקאַנער יידישע קהילה״, אַ סאָציאָלאָגישע אויספֿאָרשונג אין איינער פֿון די שטעט פֿון ניו־ענגלאַנד.

חיים שויס איז באַוווּסט דורך אַ ריי ביכער וועגן יידישער געשיכטע און יידישן לעבנס־שטייגער. דער אַרטיקל וואָס גייט אין הײַנטיקן נומער איז אַ טייל פֿון אַ גרעסערן בוך וואָס דער מחבר גרייט איצט צום דרוק.

מאַרק ווישניאַק האָט געענדיקט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, איז אין 1917 געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿון עפֿנטלעכן רעכט אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין מאָסקווע, שפּעטער מיטגליד פֿון יורידישן פֿאַקולטעט בײַם אינסטיטוט פֿאַר סלאַווישע שטודיעס אין פּאַריז. געפֿינט זיך פֿון זומער 1940 אין ניו־יאָרק און איז איצט פֿאַרבונדן מיטן ייווא.

די מאַפּע פֿון וואַרשעווער געטאָ

פֿון די „ייוואָ־בלעטער״ XVI, 2, זז׳ 200 איז געווען איבערגעדרוקט אין „דער טאָג״, ניו־יאָרק, פֿון יאַנואַר 9, 1941 און (מיט קליינע טעכנישע שינויים) Congress Weekly, ניו־יאָרק, פֿון יאַנואַר 24, 1941.

וועגן דעם כאַראַקטער פֿון די „ייוואָ־בלעטער״

אַ טוער פֿון ייוואָ שרײַבט אונדז פֿון קאַנאַדע: „אין מאָנטרעאָל האָבן געוויסע חבֿרים אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די ייוואָ־בלעטער זײַנען ניט דאָס וואָס זיי זײַנען געווען בשעת זיי זײַנען אַרויס אין ווילנע. דאָ אין טאָראָנטאָ האָבן מיך אַנדערע חבֿרים באַגעגנט מיט די זעלבע טענות. אָט וואָס איינער האָט געזאָגט: אַ מאָל, אַז איך האָב גענומען לייענען אַן אַרטיקל אין אַ נומער ייוואָ־בלעטער האָב איך זיך געמוזט פֿאַרקאַטשען די אַרבל און לייענען און איבערלייענען, און אַ סך מאָל האָב איך טאַקע ניט אַזוי גרינג באַנומען. אַצונד לייענען זיך די בלעטער ווי אַ מיזמור. ס׳איז צו גרינג, מען פֿאַרלירט דעם דרך־ארץ פֿאַר דער וויסנשאַפֿט.״

ס׳איז אונדז אויסגעקומען צו הערן פֿאַרקערטע מיינונגען אויך: אַז ס׳איז אַ מעלה, וואָס טייל אַרטיקלען אין די לעצטע נומערן אַפּעלירן ניט דווקא צום פֿאַכמאַן. די רעדאַקציע וואָלט געווען זייער צופֿרידן, ווען די לייענערס פֿון זשורנאַל וואָלטן זיך אַרויסגעזאָגט, וואָס זיי ריכטן זיך צו געפֿינען אין זשורנאַל, וואָסערע אַרטיקלען ס׳האָבן בײַ זיי אויסגענומען און וואָסערע ניט, און פֿאַר וואָס.

אין די נאָענטסטע נומערן ייוואָ־בלעטער

וועלן אַרײַנגײַן צווישן אַנדערע (אַחוץ די אַרטיקלען וואָס זײַנען שוין געווען אַנאָנ־סירט): א. טשעריקאָווער: קאַטאַסטראָפֿעס און די יידישע געשיכטע־שרײַבונג; ר. מאַהלער: יוסף פּערלס העברעיִשער פֿאָלקס־קאַלענדאַר (צושטײַער צו דער אידעאָ־לאָגיע און די פּראָפּאַגאַנדיסטישע מעטאָדן פֿון דער השׂכּלה); מ. קאָסאָווער: די חבֿרה פּועלי־צדק אין ירושלים (צו דער געשיכטע פֿון פּראָדוקטיווירונג פֿון אַלטן יישובֿ אין ארץ־ישׂראל); יעקבֿ שאַצקי: חזנים און חזנות אין האָלאַנד; נ. שטיפּס אַ בינטל בריוו צו י. אָפּאַטאָשון.

אַ געגרוס פֿון שלמה בירנבוימען

נאָך אַ לאַנגער הפסקה האָבן מיר ווידער באַקומען צוגעשיקט מאַטעריאַל פֿאַר די ייוואָ־בלעטער״ פֿון ד״ר שלמה בירנבוימען וואָס געפֿינט זיך איצט אין ליווערפּול. אין זײַן באַגלייטבריוו שרײַבט ער: „ס׳וועט אײַך אפֿשר זײַן אינטערעסאַנט צו הערן אַ זאַך וואָס איז

צוליב דער מלחמה נישט דערמאָנט געוואָרן, אויף וויפֿל איך ווייס, אין דער פּרעסע. שוין מער ווי אַ יאָר, אַז ס'איז דאָ אַ דאָצענטור פֿאַר ייִדיש אינעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. דאָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין זומער 1939, און אין אָקטאָבער 1939 האָבן זיך געדאַרפֿט אָנהייבן מײַנע לעקציעס. איז געקומען די מלחמה און זיי האָבן זיך ניט אָנגעהויבן, ווײַל איך טו אַן אַנדער אַרבעט. די דאָצענטור איז אַ רעגולערער אָפּטייל אינעם „סלאַווישן און מיזרח־אייראָפּעיִשן אינסטיטוט" פֿונעם אוניווערסיטעט און האָט קיין שום שײַכות נישט מיט מײַן דאָצענטור פֿאַר העברעיִשער פּאַלעאָגראַפֿיע אינעם „אָריענטאַלישן און אַפֿריקאַנישן אינסטיטוט" פֿונעם אוניווערסיטעט."

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

יעקבֿ לעשצינסקי, דאָס סאָוועטישע ייִדנטום, זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. צענ־טראַל־קאָמיטעט פֿון פּועלי־ציון־צעירי־ציון, פֿאַרלאַג „ייִדישער קעמפֿער", 1941. 382 זז'.

נחום סומער, אַחד־העם (אַ פּרוּוו פֿון אַ כאַראַקטעריסטיק). פֿ"ג א. וו. בידערמאַן, נ"י 1941. 63 זז' מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע.

נחמן דרוזדוב, אַחד־העם. שטריכן פֿון זײַן לעבן, כאַראַקטער און שאַפֿונג. פֿ"ג „גלאָ־בוס", שיקאַגאָ, 1940. 233+34 זז', ביבליאָגראַפֿיע.

ייִדישע שול. שריפֿט פֿאַר דער דערנענטערונג פֿון ייִדישע שולן איבער אַלע לענדער. רעדאַקטירט פֿון א. גאָלאָמב. וויניפּעג, יאַנואַר 1941. 44 זז' [מימעאָגראַפֿירט].

ע. מוס, חשבון־הנפֿש אָדער פֿאַרצווייפֿלונג ? פֿ"ג בונדישער קלוב, נ"י, דעצעמבער 1940. נומ' 10. 32 זז'. פּרײַז 10 סענט.

ייִדישע שריפֿטן. רעדאַקטירט פֿון אַבא גאָרדין. ב' I, העפֿט I, ווינטער 1941. 104 זז'.

די ייִדן־געזעץ־געבונג אין פּוילן (לויט מאַטעריאַלן געזאַמלטע אין די אַרכיוון פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס). ניו־יאָרק, דעצעמבער 1940 [מימעאָגראַפֿירט].

זלמן זילבערצווײַג. טעאַטער־מאָזאַיִק. פֿ"ג א. י. בידערמאַן, נ"י, 1941, 320 זז'.

משה גראַניטשטיין. די גאַנגרענע. בוענאָס איירעס, 1940. 164 זז'.

משה זילבערצווײַג. יובֿל־בוך. ניו־יאָרק, 1941. 128 זז'.

רבי יהודה הלוי 1080־1140. זײַן לעבן און שאַפֿן. צו זײַן אַכט הונדערטן יאָרצײַט. ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, פֿ"ג „פֿאַרבאַנד", נ"י, 1941. 55 זז'. פּרײַז 10 סענט.

שריפֿט. שלום־עליכם יוגנט־געזעלשאַפֿט. 4טער יאָרגאַנג, נומ' 1. 24 זז'.

אונדזער צײַט. נומ' 1, פֿעבֿ' 1941. 66 זז'. (ניו־יאָרק).

מנחם ריבולוב. ספֿר זכּרון לה. א. פֿרידלנד. הוצאות ההסתּדרות העבֿרית באמריקה. נ"י, תּש"א, 1940. 120 זז'.

בצרון, ירחון למדע, לספֿרות ולבעיות הזמן. העורך: חיים טשרנובֿיץ (רב־צעיר), שנה ב, חוברת ג (15), כּסלו תּשא [דעצעמבער 1940].

[פֿון אינהאַלט: רב־צעיר, קאַפּיטלעך פֿון מײַן לעבן; כורש ח. גאָרדאָן, די נוזו־טאָוולען און דער תּנך; חיים טשורנובֿיץ, די אַנטוויקלונג פֿון נדן אין תּלמודישן רעכט; שלום באַראָן, וועגן שמעון דובנאָווס היסטאָרישער שיטה.]

בצרון, שנה ב, טבת תּש"א, חוברת ד (16).

ישׂראל שפּיראָ, פּרשני רש"י על התּורה. ניו־יאָרק, תּ"ש [1940]. 15 זז'. אָפּדרוק פֿון בצרון, נומ' 11־12, 1940.

אַלכּסנדר זיסקינד, ספֿר יסוד ושורש העבֿודה. ירושלים, תּ"ש. 16, רעה 54, לז, 16 זז' [ענגליש]. יוצא לאור על ידי חבר הנאמנים של הקרן למזכרת נשמת מרת חיה שינא פֿישעל ע"ה.

S. Birnbaum, "The Age of the Yiddish Language." [Published in the *Transactions* of the Philological Society (1939)]. Hartford, Stephen Austin & Sons, Ltd., 1939. 43 pp.

William G. Braude, *Jewish Proselyting in the First Five Centuries of the Common Era, The Age of the Tannaim and Amoraim.* Providence, R.I., Brown University, 1940. 142 pp.

Yehudah Halevi—Sweet Singer of Zion. Department of Youth and Education. Price 50c.

[מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע. מימעאָגראַפֿירט.]

Phylon. First Quarter, 1941. Atlanta University. 100 pp.

Bulletin of the New York Public Library. Feb. 1941, vol. 45, no. 2. New York, 1941. pp. 119-168.

Anti-Jewish Legislation in Nazi-Poland. According to data assembled in the archives of the World Jewish Congress. January 1941. 10 pp.

[מימעאָגראַפֿירט]

Notes and News. Issued by the Council of Jewish Federations and Welfare Funds. Jan. 15, 1941, no. 65. New York, 16 pp.

Raymond B. Cattell, *General Psychology.* Sci-Art Publishers, Cambridge, Mass., 1941. 624 pp.

Alex Bein, *Theodore Herzl.* Translated from the German by Maurice Samuel. Philadelphia, Jewish Publication Society, 1940—5701. 154 pp.

Rahel Wischnitzer-Bernstein, *Die Synagoge in Ellrich* (16 זז' ; 1939) [אַ סעפּאַראַט, אָפּגעצויגן אויף איין זײַט פּאַפּיר, פֿון דער Monatsschrift für Geschichte des Judentums די ווערטער und Wissenschaft האָט מען שוין אין די לעצטע העפֿטן געהייסן אַרויסוואַרפֿן פֿונעם טיטל.]

Carlos M. Grünberg. *Mester de Juderia.* Editorial Argiropolis, Buenos Aires, 1940. XVI+154 pp. [לידער אויף ייִדישע טעמעס.]

רעדאַקציאָנעל'ע קאָלעגיע: מ. ווײַנרײַך, א. טשעריקאָווער, ל. לעהרער, י. לעשטשינסקי, ש. ניגער, י. שאַצקי. רעדאַקטאָר: מ. ווײַנרײַך.

The Birth of a Jewish Child
By CHAIM SCHAUSS
(pp. 47-63)

The article presents a survey of the customs among Jews relating to the birth of a child. The chapter headings are: 1) In Biblical Times, 2) In the Times of the Talmud, 3) Circumcision and Redemption of First-Born, 4) In the First Half of the Middle Ages, 5) In the Second Half of the Middle Ages, 6) Birth Ceremonials in a Jewish Town in Eastern Europe Fifty Years Ago, 7) Circumcision Customs in a Jewish Town.

Some Notes of Teaching Yiddish to Jewish Adult Beginners
By Kh.D.
(pp. 86-92)

In the last few years before the present war, an urge to learn Yiddish was felt among Jewish intellectuals in Poland, who had formerly been linguistically assimilated. The writer characterizes this process and tells of his experience in teaching Yiddish to adults in Warsaw, who knew the language very poorly or not at all. Questions of curriculum and method are discussed.

ABSTRACTS

Jewish Scholarship Today

Opening Address Delivered to the 15th Annual Conference of the Yiddish Scientific Institute, New York, January 3-5, 1941

By MAX WEINREICH

(pp. 1-13)

During its Vilna period, the Yivo, besides its achievements in research, played a great part as the center of Jewish cultural awakening all over Eastern Europe. Now that the connections with Vilna have been severed, the American Branch of the Institute has assumed central functions. The upbuilding of an institution for Jewish social sciences in this country is an urgent necessity, in spite of the fact that the plight of the Jews demands so much direct relief. In times like ours, Jewish social studies are even more important as a weapon against the pseudo-scholarship of our enemies. But Jewish research has a still greater task to perform: to present the realities of Jewish life, past and present, to the Jews themselves and thus to free them from the misconceptions that alien bias and own ignorance have imposed upon them.

The Role of the Various Ethnic Groups in the Economic Life of Connecticut

By SAMUEL KOENIG

(pp. 14-27)

Based on a three per cent sample of the major ethnic groups in the six largest cities of Connecticut, this study shows that there is a tendency on the part of various ethnic groups to concentrate in certain fields and branches of industry, trade, and the professions rather than in others. In general, it has been found, the British-Americans and groups derived from Northern and Western Europe tend to gravitate towards jobs and positions offering, as a rule, higher remuneration and greater security and status than those occupied by groups who came from Eastern and Southern Europe. Economic life, particularly industry and finance, the study further shows, is largely controlled by the British-Americans, with the Irish, Swedes, Germans, and French-Canadians sharing in its control. The Jews form a unique group in that they are largely concentrated in trade and commerce. They are far, however, from exercising control in these fields. Again, although important in the professions, they trail behind the Irish and British-Americans, and are only of consequence in law and medicine.

Some Facts About Jewish Youth in America

By N. GOLDBERG

pp. 28-46)

The Jewish population between the ages of 16 and 24 may be divided into three groups. From 40 to 50 per cent of them are gainfully employed; approximately 25 per cent are students; the others are out of school and unemployed. Probably most of the gainfully employed are engaged in white collar professions. About 40 per cent of the university students are interested in law, medicine and dentistry. Discrimination is a real problem. This accounts for the establishment of employment agencies and vocational guidance bureaus by several Jewish welfare organizations. Some advocate economic re-orientation. Jewish young men and women marry at a later age and have fewer children than non-Jews. Jewish college students are probably more liberal than others. Few of them adhere to the traditional religious beliefs.

M. VICHNIAK
Henri Rollin, *L'Apocalypse de Notre Temps* ....

M. KOSOVER
B. Weinryb, *The Occupational Structure of the Second Generation of Jews in Palestine* ....

S. BIRNBAUM
Sir E. Denison Ross, *This English Language* ....

MISCELLANEA

Some Notes on Teaching Yiddish to Jewish Adult Beginners ....
Papers Read at the 15th Annual Conference of the Yiddish Scientific Institute ....
Errata and Addenda ....
Editorial Notes ....
Books Received ....

נײַסטע אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ

ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות
י. ל. כּהנס געזאַמלטע כּתבים

אינעם באַנד גייען אַרײַן 56 מעשׂהלעך און מסורות.
דאָס בוך האַלט 238 זײַטן געבונדן. פּרײַז: $1.25.

THE STORY OF YIDDISH LITERATURE
by A. A. ROBACK

דאָס בוך האַלט 450 זײַטן מיטן ווײַטערדיקן אינהאַלט: דער עלטערער פּעריאָד; דער השׂכּלה פּעריאָד; די גאָלדענע עפּאָכע פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ; ייִדישע ליטעראַטור אין דער נײַער וועלט, די רוסישע יורשים פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים; דאָס אויפֿקומען פֿון ליטעראַרישער קריטיק; די יונגע ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע; ייִדישע פּראָזע אין אַמעריקע; ייִדישע ליטעראַטור אין אַנדערע לענדער; פֿילאָסאָפֿיע און וויסנשאַפֿט; ייִדישע ליטעראַטור אין 1940; רשימה פֿון ייִדישע ביכער וואָס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש; ביבליאָגראַפֿיע פֿון ווערק וועגן ייִדישער ליטעראַטור; זוכצעטל.

פּרײַז: $3.00

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

ol. XVII JANUARY-FEBRUARY, 1941 No. 1

TABLE OF CONTENTS

WEINREICH
Jewish Scholarship Today 1

KOENIG
The Role of Various Ethnic Groups in the Economic Life of Connecticut.. 14

GOLDBERG
Some Facts About Jewish Youth in America 28

I. SCHAUSS
The Birth of a Jewish Child 47

W.
J. A. Maryson (Obituary) 64

EVIEWS

SCHATZKY
50 años de colonizacion judia en la Argentina 68

LEHRER
C. Adland, "The Attitudes of Eastern European Jews Toward Mental Disease"; J. Wilensky, "German Refugees as Clients of a Family Agency"; R. Tennenebaum, "Jewish Parents in a Child Guidance Clinic"; E. Cohen and H. Witmer, "The Diagnostic Significance of Russian Jewish Clients' Attitudes Toward Relief." In: *Smith College Studies in Social Work* 73

(*Continued on Inside Cover*)

ABSTRACTS IN ENGLISH . . . 96

YIVO BLETER — January-February, 1941 — Vol. XVII, No. 1

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.

ייִוואָ בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אינהאַלט פֿון נומער

טשעריקאָווער
ייִדישע מאַרטיראָלאָגיע און ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע.......................97

לעשטשינסקי
דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום.............................113

לעהרער
נאַציאָנאַלע איינגשאַפֿטן...130

שאַצקי
חזנים און חזנות אין האָלאַנד 146

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס:

קעניג
די יוגנט פֿון ניו־יאָרק...157

וויינרייך
אַ געשיכטע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור..........................161

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

מערץ־אַפּריל, 1941 באַנד XVII, נומ׳ 2

ר. גלאַנץ
דײַטשן אין אַמעריקע..

מ. װײַנבערג
צוקערקראַנקייט בײַ ייִדן..

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

װ.
צ״ייִ אינסטיטוטן װעגן ייִדישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען.......................

נחום שטיפּס בריוו צו י. אָפּאַטאָשו...

ל. ש.
דער אויסלײַ פון ייִדישע און העברעיִשע ביכער אין די שטאָטישע ביבליאָטעקן......

װעגן דער צאָל ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן..............................

אַ. יאַרמאָלינסקי
אַ ייִדישע חתונה אין סימפּעראָפּאָל מיט קנאַפּע הונדערט פופציק יאָר צוריק ....

מ. װ.
שלמה באַסטאָמסקי ....

פון דער רעדאַקציע...

אָנגעקומען אין רעדאַקציע...

יידישע מאַרטיראָלאָגיע און יידישע היסטאָריאָגראַפיע *

פון א. טשעריקאָווער

1

יידן זיינען אַ פאָלק פון דער רייכסטער געשיכטע אין דער וועלט, אָבער פון זייער אַ מאָגערער ג ע ש י כ ט ע־ש ר ײ ב ו נ ג. די יידישע היסטאָריאָגראַפיע איז ווייט אָפּגעשטאַנען פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. מיר האָבן דאָ אין זינען די טראַדיציאָנעלע היסטאָרישע ליטעראַטור ביי יידן פון חורבן בית שני ביזן אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אָנהייב 19טן י״ה. אין פאַרגלייך מיט די בערג רעליגיעזע ספרים — דינים, פירושים אויף תורה און תלמוד, שאלות־ותשובות, דרוש, מוסר־ און חקירה־ספרים — פאַרנעמען די היסטאָרישע ווערק אָדער כראָניקעס זייער אַ קנאַפּ אָרט. די אַלטע פרומע יידישע וועלט האָט ווי מיט אַ כיוון כמעט ווי איגנאָרירט אין איר ליטעראַטור די גרויסע דראַמאַטישע איבער־לעבונגען פון פאָלק.

ניט איין יידישער היסטאָריקער וואָס האָט געוואָלט פאָרשן די יידישע געשיכטע אין גלות נאָכן חורבן האָט געפילט, אַז ער בלאָנדזשעט אין אַ היסטאָרישן מדבר. ער האָט געזוכט אַן אָנהאַלט אין די י י ד י ש ע מקורים — און האָט גאָרניט געפונען. דער באַרימטער כראָניסט פון 16טן י״ה יוסף הכהן שרייבט מיט אַ געווויסן רעכט, אַז פון יוסף פלאַוויוסן ביז אים חדלו כותבי זכרונות בישראל חדלו — זיינען ניט געווען מער קיין היסטאָריקערס ביי יידן,[1] און דאָס מיינט אַ משך פון כמעט 15 הונדערט יאָר! דערויף קלאָגט ניט איין מאָדערנער יידישער היסטאָריקער; אַזוי שרייבט אַ היסטאָריקער פון אונדזער צייט, ד״ר ש. בערנפעלד, אַז נאָכן חורבן ירושלים האָבן יידן לגמרי פאַרלוירן דעם געפיל פאַר געשיכטע.[2] אויך שמעון דובנאָוו שרייבט אין זיין „וועלט־געשיכטע״: וועגן די ערשטע 700 יאָר פון יידן אין אייראָפּע פאַרמאָגן מיר ניט קיין איין י י ד י ש ן מקור (חוץ עפּיגראַפיע);

---

* געלייענט דעם 3טן יאַנואַר 1941 אויף דער עפענונג־זיצונג פון דער 15טער יאָריקער קאָנפערענץ פון ייוואָ אין ניו־יאָרק. געדרוקט מיט שינויים.

[1] אין זיין ס׳ „דברי הימים למלכי בית צרפת ומלכי בית אוטומן התוגר״ (1554, עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט); אין די שפּעטערדיקע כראָניקעס ווערט ער טאַקע אָנגערופן „יוסף הכהן השני״.

[2] ד״ר שמעון ברנפלד, דורשי רשומות; „השלח״ ב׳ II („סר כשרונו ההסטורי מעם ישראל״; „פסק ההרגש ההסטורי בישראל לגמרי״).

פון יוסף פלאַוויוסן ביזן 11 י"ה איז בײַ אונדז ניט געווען כמעט קיין איין כראָניסט — „מען האָט פשוט בײַ ייִדן ניט פאַרשריבן".[3] מיר ווייסן כמעט גאָרניט וועגן די אָנהייבן פון ייִדישער באַזעצונג אין אייראָפּע; מיר האָבן כמעט ניט קיין ייִדישע מקורים וועגן דעם גורל פון ייִדן אין די פיר וועלט־אימפּעריעס — אין היידישן רוים, אין קריסטלעכן ביזאַנץ, אין פּערסיע און אין אַראַבישן קאַליפאַט ווי אויך ניט וועגן די ערשטע צוויי הונדערט יאָר אין דער אַראַבישער שפּאַניע. דער ייִדישער היסטאָריקער מוז בכן אָנקומען נאָר צו נ י ט ־ י י ִ ד י ש ע מקורים וואָס זײַנען פרעמד, אָפט פײַנדלעך און געוויס איינזײַטיק.

וואָס איז דאָ געשען? פאַרן אַ ל ט ע ר ט ו ם האָבן ייִדן אַ קלאַסישן היסטאָרישן מאָנומענט — דעם תּנך. אמת, דער תּנך איז אויך ניט אויסן ספּעציעל צו דערציילן געשיכטע, אים גייט דער עיקר אין דער ד י ד אַ ק ט י ק, אין דעם רעליגיעז־עטישן מוסר־השׂכל. אָבער ניט געקוקט דערויף איז דער תּנך געוואָרן באמת אַ ספר הספרים פון געשיכטע.

נאָר אָט קומען די חכמי־המשנה און חכמי־התּלמוד און לייגן דעם יסוד פאַר אַן אַנדער גײַסטיקן מאָנומענט וואָס האָט באַדאַרפט אויפהאַלטן דעם ייִדישן קיום אין ג ל ו ת, און זיי קערן זיך אָפּ פון געשיכטע. פאַר דעם נײַעם גײַסטיקן בנין האָבן זיי קיין געשיכטלעכן בוי־מאַטעריאַל ניט געוואָלט האָבן. אַזוי איז געקומען דערצו, אַז די בויערס פון דער תּלמודישער ליטעראַטור האָבן זיך ניט נאָר אָפּגעקערט פונעם קלאַסישן ייִדישן היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס (יוסף הכּהן), נײַערט זײַן נאָמען האָבן זיי אַפילו „דן לגניזה" געווען, ער זאָל אויסגעמעקט ווערן פון זכרון, פּונקט ווי פריִער האָט מען דן געווען לגניזה דעם „ספר חשמונאים א'". זיי ווערן אין תּלמוד ניט דער־מאָנט און דער העברעיִשער (אַרמישער) אָריגינאַל פון פלאַוויוסעס ווערק איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי ס'זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן די ווערק פון זײַן קעגנער יוסטוס פון טבֿריה. ווען ניט די גריכישע און קריסטלעכע היסטאָ־ריקערס וואָס האָבן פלאַוויוסן אויפגעהיט אין אַן איבערזעצונג, וואָלטן מיר גאָר־ניט געוווסט וועגן איינער פון די צענטראַלסטע תּקופות אין לעבן פון ייִדישן פאָלק, וואָס נעמט אַרום בײַ 400 יאָר: פון אַלכּסנדר מוקדון ביז נאָכן צווייטן חורבן, וואָלט פאַר אונדז געווען כמעט ווי פאַרדעקט אויך דער דראַמאַטישער קאַמף צווישן רוים און ירושלים און דער אונטערגאַנג פון דער ייִדישער זעלבשטענדיקייט. ווי אַזוי וואָלטן אונדזערע היסטאָרישע קענטענישן אויס־געזען אָן פלאַוויוסן!

עס איז אָנגענומען, אַז די חכמי־התּלמוד האָבן דאָס געטאָן מחמת די פּ אָ ל י ט י ש ע חטאים פון פלאַוויוסן, פאַר זײַן פּשרה און בונד מיט די רוימער. אָבער זיי אַליין זײַנען דאָך בעצם געווען אַנטי־פּאָליטיקערס,

[3] זע די מקורים־מאַטעריאַלן אין ש. דובנאָווס „וועלט־געשיכטע", בב' III און IV אין די הוספות.

קעגענערס פון דער חשמונאַישער אידעאָלאָגיע. נאָך אַלעמען איז דאָך יוחנן בן זכאַי אויך געגאַנגען אויף אַ פשרה מיט דעם באַצווינגער — און פון דעסט וועגן איז ער געווען מער ווי אַן אייגענער. יוחנן בן זכאַי איז געווען דער פּאַטער פון געדאַנק „יבנה", פון בויען דעם ווײַטערדיקן קיום פון פאָלק אויף דער דיסציפּלין פון תורה און מצוות, און פלאַוויוס איז פאַרבליבן אַ פרעמדער — ווי אַ פּאָליטיקער, ווי אַ וועלטלעכער שרײַבער פון דער העלעניסטישער וועלט און אויך ווי אַ היסטאָריקער. ניט זײַן גײַסט, ניט זײַן מעטאָד און ניט זײַן שטאָף האָבן ניט געטויגט פאַר דעם נײַעם בנין פון שטרענגער גײַסטיקער דיסציפּלין און אַלץ וואָס איז ניט געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער דיסציפּלין, איז געווען איבעריק און שוין דערמיט אַליין שעדלעך. דעם תלמוד אינטערעסירן ניט סתם פאַסירונגען, געשיכטע לשם געשיכטע, כראָנאָלאָגיעס; מיט אַ לײַכטן האַרצן מישט ער צונויף נבוכדנאצרן מיט טיטוס הרשע און זיי ביידן מיט אַדרינוס [אַדריאַנוס] קיסר, דאָס מיינט אַ וואָסערע 700 יאָר! בר־כוכבא ווערט דערמאָנט נאָר מיט אַ פּאָר לעגענדאַרע רמזים. די אַלטע כראָניקעס „מגילת תענית" און דער „סדר עולם רבה", וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן נאָך אין דער צײַט פאַר דער משנה און זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן פון די חכמי־התלמוד, האָבן אַ דירעקטע שײַכות צו די ענינים פון דין — ווען מעג מען יאָ פאַסטן און ווען ניט, אָדער צו דער אַנטוויקלונג פון מסורה. זיי שטייען אויפן סאַמע ברעג פון געשיכטע, בעצם היסטאָרישע ווערק זײַנען דאָס ניט.

צי האָבן טאַקע די חכמי־התלמוד געקענט זײַן גלײַכגילטיק צו די אַרומיקע געשעענישן און צו ייִדישע ליידן? אַ געוויסן ענטפער דערויף געפינען מיר אין די ווערטער פון ר' שמעון בן גמליאל [4]: אף אנו מחבבין את הצרות — אויך מיר האָבן ליב [צו באַשרײַבן] די צרות, אבל מה נעשה? — וואָס זאָלן מיר טאָן? שאם באנו לכתוב אין אנו מספיקים — אַלץ פאַרשרײַבן וואָלט ניט געקלעקט קיין צײַט. און גלײַך דערבײַ איז פאַראַן אַן אַנדער נוסח: אין בשר המת מרגיש באיזמל — אַ טויטער קערפּער פילט ניט דעם אָפּערירמעסער. צי איז דאָס גלײַכגילט? צי ליגט ניט אין אָט די ווערטער דער פסיכאָלאָגישער שליסל צו דער אַנטי־היסטאָרישער אײַנשטעלונג: אָפּגעטעמפּט זײַנען געוואָרן די געפילן פון די צו פיל צרות, און אַלע צרות קען מען אַלץ איינס ניט באַשרײַבן; צרות אחרונות משכחות את הראשונות [5] — די לעצטע צרות מאַכן פאַרגעסן די פריִערדיקע. איז צו וואָס פאַרשרײַבן?

2

אַזוי האָט מען מיט אַ כיוון געשטיקט אין זיך דעם היסטאָרישן געפיל. וואָס ווײַטער האָט די רעליגיעזע דאָגמאַטיק אַלץ מער גובר געווען דעם

[4] מסכת שבת י"ג, ב'.
[5] ברכות י"ג, א'.

היסטאָריזם. דער רמבם שרײַבט בפּירוש, אַז פֿאַרנעמען זיך מיט געשיכטע איז איבוד זמן בהבֿל, פֿאַרלירן צײַט אויף גאָרנישט. און אַזוי כסדר: דער גרויסער קאָדיפֿיקאַטאָר פֿון דין ר' יוסף קאַרו האָט געאַסרט צו לייענען געשיכטע לא רק בשבת אלא אַפֿילו בחול. יעקבֿ עמדן האָט נאָך אין מיטן דעם 18טן י"ה אײַנגעשטעלט זײַן צענזור־סיסטעם פֿאַר היסטאָרישע ספֿרים: דאָרט ווו עס ווערט גערעדט וועגן הייליקע זאַכן, וועגן די חכמים און ניסים — דאָס איז אַ מצווה צו לייענען, די אַנדערע — זײַנען דבֿרים בטלים, ואין צורך בידיעתם, ס'איז פּוסטע זאַכן און מען דאַרף עס ניט וויסן.[6]

אָבער אין דעם לערנען תּורה גופֿא האָט זיך די רעליגיעזע דאָגמאַטיק אָנגעשטויסן אויף דער פֿראַגע: ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די קייט פֿון ייִדישער טראַדיציע? ווער פֿון די גדולים האָט געלעבט פֿריִער און ווער שפּעטער און ווער איז בכן אָן אויטאָריטעט? דאָס איז געגאַנגען אין לעבן דער רבנישער וועלט. אַזוי האָט זיך געשאַפֿן אַ גאַנצע ליטעראַטור וואָס ווערט פֿון אונדזערע היסטאָריקערס אַרײַנגענומען אין דער היסטאָריאָגראַפֿיע, הגם דאָס געהער ניט בעצם צו איר: דער „סדר עולם זוטא" (אין 6טן־8טן י"ה), דער „סדר תּנאים ואמוראים" (9טן י"ה) און באַזונדער די „אגרת" פֿון ר' שרירא גאון („כּיצד נכתּבֿה המשנה?") פֿון 10טן י"ה. צום טייל געהערן אַהער אויך: דער „ספֿר יוחסין" פֿון אחימעץ וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון פּיוט (11טן י"ה), דער „ספֿר הקבלה" פֿון אַבֿרהם אבן דאוד, וואָס איז אָנגע־שריבן אין קאַמף קעגן די קראים און ניצט אויס אַ ריי פֿריִערדיקע כראָניקעס (12טן י"ה), דער „תּחכמוני" פֿון יהודה אַלחריזי (11טן־12טן י"ה), דער „ספֿר יוחסין" פֿון אַבֿרהם זכותא (16טן י"ה)[7], די „שלשלת הקבלה" פֿון גדליה אבן יחייא (16טן י"ה), דער „צמח דוד" פֿון דוד גאַנז (סוף 16טן י"ה) — ביז דעם „סדר הדורות" פֿונעם מינסקער רבֿ יחיאל הײַלפּערן אַנהייב 18טן י"ה. די ייִדישע געשיכטע ווערט דאָ אַ קייט פֿון תּנאים, אמוראים, מפֿרשים, גאונים און רבנים; פֿון געשיכטע ווערט ל י ט ע ר אַ ט ו ר ־ ג ע ש י כ ט ע געשריבן פֿון לומדים פֿאַר לומדים וועגן לומדות, און די דאָזיקע אײַנשטעלונג האָט איבערגענומען אויך די ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע אין 19טן י"ה, בראָש מיט צונצן און גרעצן. און ווו איז דאָס פֿ אָ ל ק, זײַן שטייגער, זײַנע ראַנגלעניש, זײַן אינעווייניקסט לעבן? אַ גאַנץ פֿאָלק זאָל האַלטן אין איין לערנען תּורה, אָדער אַפֿילו אין איין לײַדן רדיפֿות!

ערנעסט רענאַן האָט ריכטיק געזאָגט,[8] אַז „אַפֿילו אַ ראָמאַן קען אויך

[6] אַבֿרהם כּהנא, ספֿרות ההיסטוריא הישׂראלית ב' 1 (וואַרשע תּרפּ"ב), אַרײַנפֿיר. להיפֿוך צו דעם האָט דער רמ"אַ יאָ מתּיר געווען צו לייענען היסטאָרישע ספֿרים.

[7] אין אָט דעם וויכטיקן ספֿר איז אויך אַרײַן „ספֿר הישיבֿות" פֿון דער פֿאַרפֿאַלענער כראָניק פֿון נתן הבבֿלי, און אין דער הוספֿה צו אים איז פֿול איבערגעדרוקט די „אגרת" פֿון שרירא גאון, וואָס איז צום טייל נאָך פֿריִער געווען גוט באַקאַנט.

[8] אין אַרײַנפֿיר צו דער Histoire du peuple d'Israël.

אַ מאָל זײַן היסטאָרישע דאָקומענטאַציע". פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט פֿון ש ט אַ ף איז די תּלמודישע און רבנישע ליטעראַטור אַליין פֿאַר זיך אַן אומגעהײַער ווערטיקער מקור פֿון ייִדישער קולטור־געשיכטע — אַ טיפֿער ים מיט מאַטעריאַל צו שטודירן די ייִדישע רעכטלעכע און סאָציאַלע פֿאַר־העלטענישן, ייִדישע פּרנסות, שטייגער לעבן און מינהגים, דערציִונג און אידעעס. אַן אוצר וועגן דער ייִדישער סאָציאַלער סטאַטיק, אָבער — ווו איז די געשיכטע ממש, די היסטאָרישע ד י נ אַ מ י ק פֿונעם פֿאָלק?

באמת איז דער חוש פֿאַר געשיכטע בײַ ייִדן קיין מאָל ניט אָפּגעשטאָרבן. נאָך הונדערטער יאָרן פֿון געשיכטלעכן אַסקעטיזם רײַסט ער זיך אַרויס און ברעכט דורך די וואַנט פֿון רעליגיעזער דאָגמאַטיק. דער ערשטער סימפּטאָם פֿון אַ בענקשאַפֿט נאָך געשיכטע און היסטאָרישער לעגענדע איז געווען דער געוואַלדיקער אינטערעס וואָס ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן צו די דערציילונגען פֿון אלדד הדני (9טן י"ה) וועגן אַ לעגענדאַרער ייִדישער מלוכה פֿון די עשׂרת־השבֿטים ערגעץ ווײַט אויפֿן אָריענט און צו די ידיעות וועגן דער קאָנקרעטער מלוכה פֿון די כּוזרים ערגעץ אויף דער וואָלגע. עס מאַכט ניט אויס, וואָס הן די סיפּורים פֿון אלדד הדני און הן דער בריוו פֿון חסדאַי אבן שפּרוט צום כּוזרישן מלך זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט מיט יאָר־הונדערטער שפּעטער — מען האָט זיי געקענט אין כּתבֿ־יד. שוין גאָר אַ קלאָ־רער באַווײַז פֿון דעם אויפֿגעוועקטן אינטערעס צו געשיכטע איז דער פֿאַקט, וואָס ס'האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען דער אַנאָנימער ספֿר „יוסיפֿון" (10טער י"ה, אין איטאַליע), וואָס זײַן מחבר האָט זיך קאָנטיק מתקנא געווען אין די רוימישע געשיכטעס וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן. דער „יוסיפֿון" איז בעיקר אַ רעסטאַווראַציע פֿונעם פֿאַרגעסענעם פֿלאַוויוס, אַ פּאַראַפֿראַז פֿון אַ טייל פֿון זײַן טעקסט, מיט אַ צוגאָב פֿון נײַעם מאַטעריאַל און דער עיקר — באַפּוצט מיט פֿאַלקסטימלעכער לעגענדע און געשריבן אינעם גײַסט און סטיל פֿון רבנישער טראַדיציע. דערצו איז דער מחבר אַ וווּנדערלעכער דערציילער. און דאָס איז געווען געַנוג, דער „יוסיפֿון" זאָל ווערן אַ באַליבט פֿאָלקסבוך אויף דורות, באַזונדער נאָך דעם ווי ס'איז אַרויס זײַן איבערזעצונג אין י י ד י ש (1546). די רבנישע פֿירערס האָבן אים געמוזט אָנערקענען.

צוויי ווײַטערדיקע קענטיקע דורכבראָכן קומען פֿאַר אין 12טן יאָר־הונדערט, ווען עס באַווײַזן זיך כּמעט מיט אַ מאָל צוויי באַשרײַבונגען פֿון ייִדישע רײַזנדערס — די „מסעות" פֿון ר' בנימין פֿון טודעלע און דער „סיבֿובֿ העולם" פֿון פּתחיה פֿון רעגענסבורג, וואָס האָבן באַזוכט און באַשריבן ווײַטע ייִדישע קהילות אין אייראָפּע און אויפֿן אָריענט.[9] די דאָזיקע ספֿרים

[9] צו די שפּעטערדיקע רײַזע־באַשרײַבונגען דאַרפֿן צוגערעכנט ווערן אויך דער „תּחכמוני" פֿון אלחריזי וועגן זײַנע נסיעות אויפֿן אָריענט (12טן־13טן י"ה) און די „אגרות" פֿונעם באַקאַנטן מפֿרש ר' עובֿדיה מברטינורו וועגן זײַן נסיעה דורך מצרים קיין ארץ־ישׂראל (15טן י"ה).

האָבן געעפֿנט די אויגן אויף נײַע ייִדישע ייִשובֿים און פֿאַרשטאַרקט דעם געפֿיל פֿון ייִדישער אַלוועלטלעכקייט און ייִדישן קיום.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט געשיכטע. און אָט זײַנען געקומען די פֿינצטערע צײַטן פֿון די קרייצצוגן (פֿון סוף 11טן י״ה), דאָס ערשטע גרויסע אומגליק אינעם גלות אייראָפּע. פֿריִער זײַנען אויך געווען רויב און הריגות אויף ייִדן, אָבער איצט האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ ברייטן שטח. נײַ איז אויך געווען דער ווילדער קריסטלעכער פֿאַנאַטיזם מיט דער דילעמע: „טויף אָדער טויט!“ אויף דער דילעמע האָבן ייִדן געענטפֿערט מיט פֿרײַוויליקע „עקידות“ אויף קידוש־השם, ווען גאַנצענע קהילות בײַם רײַן האָבן זיך אַליין אומגעבראַכט, אַבי צו ראַטעווען זיך פֿון שמד. די דאָזיקע דראַמאַטישע געשעענישן האָבן צום ערשטן מאָל אין גלות אַרויסגערופֿן צום לעבן ייִדישע כראָניקעס. בסך־הכּל זײַנען עס געווען פֿינף — און אפֿשר זײַנען געווען מער, נאָר די אַנדערע זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן: די מײַנצער כראָניקעס פֿון ר׳ אליעזר בן נתן, ר׳ שלמה בן שמעון און פֿון דעם „מײַנצער נעלם“ וועגן דעם ערשטן קרייצצוג; פֿון ר׳ אפֿרים בן יעקבֿ פֿון באָן וועגן דעם צווייטן, און פֿון ר׳ אליעזר בן יהודה פֿון וואָרמס ערבֿ דעם דריטן קרייצצוג. אָן די דאָזיקע דערציילונגען פֿון די עדי־ראיה וואָלטן מיר ווייניק וואָס געוווּסט קאָנקרעט פֿון דער ייִדישער דראַמע בעת די קרייצצוגן. די דערמאָנטע כראָניקעס זײַנען געווען גוט באַקאַנט אין מיטל־עלטער אין אַשכּנז און זײַנען פֿון די שפּעטערדיקע ייִדישע כראָניסטן ניט איין מאָל אויסגענוצט געוואָרן.[10]

אין יענער צײַט פֿון די קרייצצוגן האָט זיך אַנטוויקלט נאָך אַ פֿאָרם פֿון אונדזער געשיכטע־שרײַבונג, אַ ריין ייִדישע: די היסטאָרישע סליחה און קינה, די קלאָגלידער און עלעגיעס אויפֿן טויט פֿון די קדושים. די דאָזיקע סליחות און קינות זײַנען אַרײַן אין די תּפֿילות, מען פֿלעגט זיי זאָגן תּשעה־באָבֿ, יום־כּיפּור, עשׂרה בטבֿת, און זיי זײַנען פֿאַרבליבן אין פֿאָלקס־זכּרון. די דאָזיקע פֿאָרם האָט עקסיסטירט ביזן סוף 18טן י״ה (אומאַנער שחיטה). כּמעט יעדער גרויסע קאַטאַסטראָפֿע אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט פֿון יעמאָלט אָן געפֿונען איר פּײַטן.[11] מיט רעכט שרײַבט מ. שטיינ־

---

[10] זיי זײַנען פֿול אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט אין 1892 פֿון נויבויער און שטערן (בערלין) אין:

Hebräische Berichte über die Judenverfolgungen während der Kreuzzüge.

[11] מיר ברענגען דאָ די מער באַקאַנטע סליחות און קינות: „ומשחרב בית מקדשנו“, רש״יס סליחה וואָס ווערט געזאָגט יום־כּיפּור צו מוסף; „אלהים אל דמי לדמי“, „מי יתּן ראָשי מים“ (ווערט געזאָגט תּשעה באָבֿ); „אַללי לי“, „אין כמוך באלמים“, „אַמרר בבכי“, „אבותי בי בטחו“ (ווערט געזאָגט עשׂרה בטבֿת); „אמוני שלומי ישׂראל“. פֿון דער שפּעטערדיקער תּקופֿה (סוף 13טן און 14טן י״ה) זײַנען די באַקאַנטסטע: „שאלי שׂריפֿה“ פֿון מהר״ם ראָטנבורג (ווערט געזאָגט תּשעה באָבֿ); „אספּרה ואילילה“, „ציון אַריוך“. בעת די

שנײַדער, אַז די סליחות און קינות „זײַנען זייער אָפֿט דער איינציקער מקור פֿאַר דער [ייִדישער] געשיכטע"[12].

דאָס איז ניט געווען קיין געשריבענע געשיכטע, נאָר אַן א ו י ס ג ע־ז ו י י ט י ק ט ע, ניט קיין היסטאָריש געלאַסענע, נאָר פֿול מיט לײַדנ־שאַפֿט: אַ ברענענדיקע שׂינאה צו די באַדריקערס, אַ דאָרשט נאָך נקמה, אַן אָפּשפּאָט פֿון זייער רעליגיע; און פֿון דער צווייטער זײַט — אַ מאָנונג און אַפֿילו פּראָטעסט צום רבונו של עולם. אלהים, אל דמי לדמי — גאָט, ניט פֿאַרשוויגן זאָל ווערן מײַן פֿאַרגאָסן בלוט! גאָט פֿון נקמה, באַצאָל זיי פֿאַר זייערע מעשׂים. העל אלה תתאפק? — ווי קענסטו, גאָט, שווײַגן? אין כמוך באלמים [13] — ניטאָ אַזאַ שווײַגער ווי דו, דו טוסט קוקן ווי מען פֿאַרברענט דײַנע ספֿרי־תּורות און שווײַגסט? די דאָזיקע באַקאַנטע סליחות זײַנען ניט נאָר ליטורגישע שאַפֿונג, נײַערט אויך היסטאָרישער שטאָף.

באַזונדער נײַ איז געווען דער אָפֿענער אָפּשפּאָט פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע וואָס צווינגט אַרויף שמד מיט דער שווערד. די דערמאָנטע כראָניק פֿונעם „מײַנצער נעלם" רעדט מיט גוואַלדיקער שׂינאה און מיט ביטול וועגן די קרייצטרעגערס וואָס גייען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים „צום קבֿר פֿונעם פּגר".[14] ער באַשרײַבט, ווי ייִדן אין מײַנץ האָבן פֿאַר זייער פֿרײַ־וויליקער עקידה (1096) געשריִען צו גאָט:

זע, רבונו של עולם, וואָס מיר טוען פֿון דײַן נאָמען וועגן, אַבי ניט פֿאַרבײַטן דיך אויף דעם געהאַנגענעם און געקרייציקטן ... אויף דעם בן־הנידה, דעם באַשאַף פֿון זנות."[15]

מיט אָט דעם געפֿיל זײַנען דורכגעדרונגען אויך די כראָניקעס און פּיוטים וועגן די שפּעטערדיקע רדיפֿות, אָבער זיי ריידן ניט אַזוי אָפֿן ווי דאָ — מען האָט געמוזט ווערן געוואָרנטער.

באַזונדער קלאָר קומט אין די פּיוטים פֿון די קרייצצוגן צום אויסדרוק דער עקסטאַז פֿון קידוש־השם: בני הולכים לאש בשירים ובמחולה — מײַנע קינדער גייען אין פֿײַער מיט געזאַנג און טאַנץ, ווערט געזאָגט אין דער באַקאַנטער קינה „אספדה ואילילה" (בעת רינדפֿליישס פּאָגראָמען אין דײַטש־לאַנד סוף 13טן י״ה). אין עטלעכע דײַטשע קהילות האָבן זיך אויפֿגעהיט

גזירות ת״ח און ת״ט אין 17טן י״ה און אויך שפּעטער האָבן זיך געשאַפֿן אַ ריי נײַע סליחות און עלעגיעס וועגן קדושים. זע: שמעון ברנפֿלד, ספֿר הדמעות, בב׳ I־II; י. צינבערג, געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, ב׳ II.

12 M. Steinschneider, *Geschichtsliteratur der Juden*, 1905, p. xi.

[13] איבערגעמאַכט פֿונעם פּסוק „אין כמוך באלים": אַנשטאָט דעם אַטריבוט פֿון געטלעכ־קייט קומט דאָ פֿאַר גאָט דער אַטריבוט „שווײַגער". דער דאָזיקער פּיוט ווערט געזאָגט שבת נאָך פּסח.

[14] . . . ולבוא אל קבר הצלוב, פגר מובס, אשר לא יועיל ולא יציל כי תוהו הוא..."

[15] ואמרו: הביטה וראה אלהנו מה אנו עושים על קידוש שמך הגדול בלי להמיר אלהותך בתלוי נצלב, נצר נסחב ונתעב ומשוקץ... ממזר ובן הנידה ובן הזימה...

„מעמאָרביכער“ מיט נעמען פֿון די געפֿאַלענע קרבנות, און אַלע שבת פֿלעגט מען זיי מזכיר־נשמה זײַן און פֿירזאָגן אָט די לאַנגע טרוקענע רשימות. דאָס איז אויך געווען אַ געוויסע פֿאָרם פֿון ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע.

עס זײַנען אָבער געקומען צײַטן נאָך ערגערע. ס׳איז באַוווּסט, אַז דאָס שפּעטיקע מיטל־עלטער, דער 14טער און 15טער יאָרהונדערט, געהערן צו די סאַמע שרעקלעכסטע אין דער ייִדישער געשיכטע, און וואָס נעענטער צו דער נײַער צײַט, צום רענעסאַנס און הומאַניזם, אַלץ פֿינצטערער איז געוואָרן פֿאַר ייִדן. אַ שגעון פֿון ייִדנהאַס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ אייראָפּע. נײַע בילבולים און עלילות־דם, די אַ״ג גזירה פֿון פּאַסטעכער און קרעציקע, די שחיטות אין דרום־שפּאַניע און די אימהדיקע יאָרן פֿון שוואַרצן טויט (1348) אין גאַנץ אייראָפּע — פֿון שפּאַניע ביז קראָקע און קאָליש. צו די עקידות און „יודענבראַנדען“ זײַנען נאָך צוגעקומען די אַרויפֿגעצוווּנגענע רעליגיעזע וויכּוחים און די גזירה פֿון ברענען דעם תּלמוד, און פֿאַרענדיקט האָט זיך די תּקופֿה מיט אַרויסטרײַבן פֿון אַ גאַנצער ריי לענדער און שטעט, מיטן מאַסן־גירוש פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און מיט דער גרויסער ייִדישער איבערוואַנדערונג פֿון מערבֿ קיין מיזרח.

דער מאָדערנער ייִדישער היסטאָריקער שטעלט זיך דאָ אָפּ אַ פֿאַר־חידושטער: וועגן אָט די דראַמאַטישסטע יאָרהונדערטער געפֿינט ער אַ שלל מיט דאָקומענטן אין די אַ ל ג ע מ י י נ ע אַרכיוון — אין די מלוכישע, אין שטאָטישע, אין די אַרכיוון פֿון די אינקוויזיציע־טריבונאַלן און קלויס־טערס, אָבער זייער ווייניק, כּמעט גאָרניט, אין די י י ד י ש ע מקורים. ייִדן אין גלות האָבן ניט געהאַט, ווי אַנדערע, קיין הויף־היסטאָריקערס און פּראָפֿעסיאָנעלע כראָנאָגראַפֿן, קיין זיכערע מויערן צו האַלטן דאָקומענטן, און וואָס ס׳האָט זיך אין די קהילות אָנגעקליבן פֿון זיך אַליין, איז געוויס פֿאַרלאָרן געוואָרן אין די פּאָגראָמען, שׂרפֿות און וואַנדערונגען; קיין צײַט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם פֿאַר געשיכטע איז אויך ניט געווען; דערצו איז די ייִדישע אויסראָטונג געגאַנגען אָן אַ שינוי אינעם נוסח, הײַנט ווי נעכטן — און צו וואָס זיך איבערחזרן? און אפֿשר איז עס געווען דערפֿאַר, ווײַל דאָס געמיט איז געווען געבראָכן — ווי אַ מאָל: אם באנו לספר אין אנו מספיקים.

די ערשטע ריכטיקע באַשרײַבונגען פֿון יענע קאַטאַסטראָפֿעס באַווײַזן זיך ערשט שפּעטער, אין מיטן 16טן י״ה, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען. אָבער דער וואָס וויל פֿאָרשן יענע תּקופֿה דאַרף זוכן ניט בלויז אין די כראָ־ניקעס, נאָר אין גאָר זײַטיקע מקורים: חוץ, ווי פֿריִער, אין פּיוט און תּפֿילות, אין די סליחות און אל מלא רחמימס,[16] אויך אין די שאלות ותשובֿות און ספּעציעל

[16] פֿ״גל למשל די באַרימטע עלעגיע „שאלי שׂריפֿה“ פֿון מהר״ם ראָטנבורג וועגן דעם אויטאָ־דאַ־פֿע פֿון תּלמוד און אַנדערע ספֿרים (געזאָגט תּשעה באָבֿ); אָדער די סליחה „ציון אַריוך“ פֿון דער צײַט פֿון שוואַרצן טויט, וווּ ס׳ווערן איבערגעגעבן פֿאַקטן און אויס־

אין די הקדמות צו רבנישע ספרים. אַזוי וועט ער געפֿינען קורצע דראַמאַטישע באַשרײַבונגען אין אַברבנאלס הקדמה צו זײַן פּירוש אויף תּנך און אין יהודה חיוטס הקדמה צום קבלה־ספֿר „מערכת האלהות" — וועגן דעם גירוש שפּאַניע, אין שמואל אבן סרסהס פּירוש אויף אגדתא „מכלל יופי" און אין מנחם זרחס הקדמה צום ספֿר „צידה לדרך" — וועגן די פֿרײַערדיקע ליידן פֿון ייִדן אין שפּאַניע און פֿראַנקרײַך. אַ מאָל דאַרף מען זוכן געשיכטע אין די מגילות פֿון די לאָקאַלע „פּורימס", ווו עס ווערט באַשריבן, ווי די קהילה איז ניצול געוואָרן פֿון דער אָדער אַנדער גזירה.[17] און אַ מאָל גיט אַ שײַן אַ העלער פֿונק געשיכטע אין גאַר צופֿעליקע ערטער: אַזוי אַ שטייגער האָט זיך אין דער ווינער ביבליאָטעק אויפֿגעהיט אַן אַלטער חומש מיט אַזאַ קורצן אויפֿשריפֿט אויפֿן שער:

„[אָט דער חומש איז] געראַטעוועט געוואָרן פֿון פֿײַער אין די טעג פֿון צאָרן וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער הייליקער קהילה... ווו ייִדן, צווישן זיי קינדער און פֿרויען, זײַנען אומגעקומען אויף קידוש השם — אַלע אין איין טאָג, אין יאָר ק"ח [1348] — יאָר פֿון שווארצן טויט], און אָט דעם חומש האָט מען מיר געבראַכט אַהער... איך בין דער איינציק פֿאַרבליבענער [פֿון דער קהילה]... בין איך געזעסן און אויסגעגאָסן מײַן ביטער האַרץ אין געוויין..."[18]

אַן אַנדער ספּעציפֿיש ייִדישער מקור פֿאַרן געשיכטע־שרײַבער איז די פּאָלעמישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פֿונעם פֿאַר־טיידיקונגס־קאַמף וואָס ייִדן האָבן דעמאָלט געפֿירט אין די אַרויפֿגעצוווּנגענע רעליגיעזע וויכּוחים מיט די קריסטלעכע גלחים און משומדים. איר אויפֿבלי געהער צום מיטן 15טן יאָרהונדערט. די מער באַקאַנטע שריפֿט פֿון דעם מין איז די „כלימת גויים" פֿון געוועזענעם מאַראַן פּראָפֿיאַט דוראַן (אפֿודי). מיט שפּאָט רעדט דאָ דער מחבר וועגן דער „נאַרישער אומה מיט דער לאַנגער שווערד"[19] וואָס מיינט „מיט גוואַלד אַרײַנפֿירן ייִדן אין גן־עדן אַרײַן", וועגן דער „כלימת הגויים וחרפּת ערלים". אין זײַן צײַט און אַפֿילו שפּעטער האָט אַזאַ שאַרפֿער אַנטי־קריסטלעכער פּאַמפֿלעט ניט געקענט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן, און זײַן אינהאַלט איז באַקאַנט געוואָרן ערשט אין 19טן יאָרהונדערט; אַ צווייטע ריין היסטאָרישע און זייער וויכטיקע שריפֿט פֿונעם זעלביקן מחבר, דער „זכרון השמדות", איז אין גאַנצן צו אונדז ניט דער־

געמאָנט בײַם נאָמען אַ גאַנצע רייע געליטענע קהילות (די סליחה פֿאַרנעמט 34 זײַטן אינעם „ספֿר הדמעות" פֿון ש. בערנפֿעלד, ב' III).

[17] ספּעציעל איז אַזאַ מינהג געווען אין מצרים: זע צוויי אַזעלכע מגילות פֿון 11טן און 16טן י"ה אין „ספֿרות ההסטוריא" פֿון א. כהנא, ב' II (זע דאָרט די מקורים).

[18] . . . ושמה ישבתּי ובכיתי במר נפשי. — ש. ברנפֿלד, ספֿר הדמעות, ב' II, ז' פּ"ט.

[19] . . . אומה סכולה לחרב גדולה . . .

גאַנגען.[20] דאָס איז געווען אַגבֿ דער גורל ניט פֿון איין אַלטן היסטאָרישן ספֿר אין יענער צײַט, און די צענזור פֿון דער אינקוויזיציע האָט געהאַלטן אַ שטרענג אויג. אַז עס זײַנען געווען כראָניקעס וואָס זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען און אַז די אַמאָליקע ייִדישע היסטאָריקערס האָבן וועגן זיי געוווּסט, זעט מען קלאָר פֿון די אָנווײַזן וואָס מיר געפֿינען אין אַ רײ ספֿרים. אַזוי רעכנט אויס דער מחבר פֿון „שלשלת הקבלה" אַלע מקורים וואָס זײַנען אונדז באַקאַנט און דערבײַ איז ער מוסיף: וגם קונטרסים רבים מאחרונים אשר כתבו זכרונות בישׂראל; ער באַנוצט זיך אויך מיט קרוניקי מהאומות [ס'מיינט: ניט־ייִדישע] היותר אמתיים. דאָס אייגענע שרײַבט אויך דער מחבר פֿון „ספֿר הקבלה", וואָס דערמאָנט די כּותבי זכרונות בישׂראל און כּפֿי שמצאתי בקרוניקי שלהם. דער מחבר פֿון „עמק הבכא" (זע ווײַטער) שרײַבט, אַז ער האָט גענומען זײַן מאַטעריאַל פֿון קונטרסי סופֿרים אשר כתבו לפֿני בלשון עבֿרי ובספֿריהם (ס'מיינט די ניט־ייִדישע מקורים). ווער קען וויסן ווי פֿיל אַזעלכע כראָניקעס זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

3

די ערשטע ערנצטע ייִדישע כראָניקעס באַווײַזן זיך ערשט אין דער צײַט פֿון ש פּ ע ט ־ ר ע נ ע ס אַ נ ס, אין דער לפֿי־ערך רויִקער איטאַליע, אין מיטן 16טן י"ה, שוין נאָכן אײַנפֿירן דעם בוכדרוק. זיי קומען פֿון די שפּאַנישע אָדער פּאָרטוגעזישע פּליטים, אָפֿט געוועזענע מאַראַנען, וואָס האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך גאָר די ייִדישע יסורים פֿון יענער תּקופֿה. די מחברים, מענטשן מיט הויכער אַלגעמיינער בילדונג, שפּראַכקענערס און וועלטקענערס, פֿילן זיך ניט אַזוי געבונדן מיט דער רבנישער סכאָלאַסטיק; פֿון דעסט וועגן זײַנען זייערע ווערק דורכויס פֿרומע געשיכטע, און די אָנזיכטיקע פֿאַקטן זײַנען בײַ זיי אויף שריט און טריט איבערגעמישט מיט גאָטס ניסים. די דאָזיקע כראָניקעס זײַנען: דער „שבֿט יהודה" פֿון דער משפּחה אבן ווערגאַ (וירגא); די צוויי ספֿרים פֿון אליהו קאַפּסאַלי (קפשאלי) וועגן דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע („דבי אליהו") און וועגן דער ווענעציאַנער רעפּובליק, ווו ס'ווערט אַ סך דערציילט אויך וועגן ייִדן; דאָס היסטאָריש־פּאָעטישע בוך (אין פּאָרטוגעזיש) פֿונעם געוועזענעם מאַראַן שמואל אוסקע (אושקי) „אַ טרייסט פֿאַר ישׂראל אין זײַנע ליידן" און על כּולם דאָס חשובֿסטע היסטאָרישע ווערק פֿון יענער צײַט „עמק הבכא" פֿון יוסף הכּהן, אַ באַשרײַבונג פֿון די ייִדישע איבערלעבונגען זינט די קרייצצוגן ביז זײַן לעבנסצײַט (1575), ווי אויך זײַן געשיכטע פֿון פֿראַנקרײַך און טערקײַ מיט ייִדישן מאַטעריאַל.[21] עס באַווײַזט זיך אויך דער פּיאָניר פֿון ה י ס ט אָ ר י ש ע ר ק ר י ט י ק

---

[20] דער „זכרון השמדות", ווי גרעץ האָט באַוויזן, איז אויסגענוצט געוואָרן פֿון אבן ווערגאַ און שמואל אוסקע (זע ווײַטער).

[21] אויבן ציטירט.

בײַ ייִדן עזריה דע ראָסי (עזריה מן האדומים) מיט זײַן חיבור „מאור עינים".[22]
עזריה דע ראָסי האָט באַקענט דעם ייִדישן עולם מיט די ווערק פון דער העלעניסטישער תקופה, מיט פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, מיט דער סעפּטו־אַגינטאַ, האָט געגעבן די איבערזעצונג פון אַריסטעאוסעס בריוו אין העברעיִש. האָט קריטיקירט דעם כראָנאָלאָגישן פלאַנטער אין תלמוד און איז בכלל אַרויסגעטראָטן קעגן דער טראַדיציאָנעלער צײַט־רעכענונג פון בריאת־העולם אָן. און הגם דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין זייער אַ פרומען טאָן, האָט אָבער דער חיבור אַרויסגערופן אַן אמתן שטורעם צווישן די רבנים.

דאָס איז ניט געווען קיין ריין וויסנשאַפטלעכע היסטאָריאָגראַפיע, ווי מיר פאַרשטייען דאָס הײַנט, אָבער די דאָזיקע כראָניקעס האָבן געעפנט די אויגן אויף גאַנצע תקופות ייִדישע לײַדן און ייִדישן שטייגער. די פרומע וועלט האָט זיי געגעבן זייער סמיכה (חוץ דעם „מאור עינים"), אָבער צי האָט זי זיי אָפּגעהיט מיט זאָרג? וואָס איז נוגע דעם „מאור עינים", האָבן די רבנים אים בכלל אַרײַנגעלייגט אין חרם פאַר אַפּיקורסות נאָך איידער ער איז אַרויס פון דרוק, און ער איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן; מען האָט אים ווידער אַרויסגעגעבן ערשט סוף 18טן י"ה. אָבער דער פרומער „דבי אליהו" איז פאַרבליבן ליגן אין כתבֿ־יד, און נאָר פראַגמענטן פון אים זײַנען געדרוקט געוואָרן (1896), און אַפילו דער קלאַסישער „עמק הבכא" איז אָפּגעלעגן אין כתבֿ־יד כמעט 300 יאָר! (אָפּגעדרוקט ערשט אין 1862 און שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן). נאָר דער „שבֿט יהודה" האָט געהאַט מזל; אפשר דערפאַר ווײַל ער האַלט אין זיך מער ניסים און לעגענדעס ווי די אַנדערע. דער „עמק הבכא" איז אויך געווען געניזט כּשר און געווען זייער פאַרשפּרייט אין מאַנוסקריפּט, און אין אַ סך איטאַליענישע קהילות איז געווען אַ מינהג צו לייענען אים תשעה באָבֿ אין איינעם מיט קינות; דער פרומער מחבר בעט אַליין וועגן דעם אין דער הקדמה:

„יעדער ייִד דאַרף דעם ספר לייענען אין דער טרויעריקער נאַכט, ווען דער בית־המקדש איז חרובֿ געוואָרן. זאָל ער וויינען און קלאָגן איבער דעם ביטערן גורל פון פאָלק ישׂראל און זיך פרעגן: ביז וואַנען וועט דער פּײַניקער פּײַניקן?"

דער געוועזענער מאַראַן שמואל אוסקע איז אויסן מיט זײַן חיבור צו שטאַרקן די הערצער און טרייסטן ייִדן, און אין מיטן דער באַשרײַבונג פון די ייִדישע צרות רײַסט זיך בײַ אים אַרויס אַזאַ פּאַטעטישער אויסגעשריי צו דער אַרומיקער וועלט:

[22] עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַבֿרהם מטורוטיאל (אָנהייב 16טן י"ה) וואָס האָט צוגעגעבן וויכטיקע מילואים וועגן דעם גירוש ספרד און פּאָרטוגאַל צום „ספר הקבלה" פון אַבֿרהם אבן דאוד; דער ספר גופא, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, געהער אָבער צו ליטעראַטור־געשיכטע.

„אייראָפּע, אייראָפּע, מײַן גיהנום אויף דער ערד! וואָס זאָל איך זאָגן וועגן דיר? דו האָסט באַפּוצט דײַנע נצחונות מיט מײַנע טויטע קערפּערס. ווי זאָל איך דיך לויבן, דו זינדיקע קריגערישע א י ט א ל י ע? ווי א יונגער לייב האָסטו פֿאַרצוקט די פּגרים פֿון מײַנע שאָף. און איר, פֿאַר־דאַרבערישע פֿעלדער פֿון פֿ ר א נ ק ר ײַ ך — מײַנע לעמעלעך האָבן זיך געשפּײַזט מיט אײַערע פֿאַרסמטע גראָזן! דו, שטאָלצע, ווילדע, באַרגיקע ד ײַ ט ש ל אַ נ ד — דו האָסט געטאָן שלײַדערן מײַנע קינדער פֿון די שרעקלעכע הויכענישן פֿון די פֿאַרברוגזטע אַלפּען!... און דו, צבֿיעותדיקע, אַכזריותדיקע און בלוטדאָרשטיקע ש פּ אַ נ י ע — הונגעריקע וועלף האָבן בײַ דיר פֿאַרצוקט מײַנע טשערעדעס...״[23]

צי קלינגען ניט אָט די ווערטער אַזוי ווי זיי וואָלטן ה ײַ נ ט געשריבן געוואָרן?

די זון פֿון רענעסאַנס האָט שוין געהאַלטן בײַ איר שקיעה, און ווידער איז פֿינצטער געוואָרן אין די ייִדישע געצעלטן. אין גאַנץ אייראָפּע זײַנען אָנגעגאַנגען רעליגיעזע מלחמות צווישן קאַטוליציזם און רעפֿאָרמאַציע, און ביידע צדדים האָבן גערודפֿט ייִדן און פֿאַרטריבן זיי פֿון אַ ריי דײַטשע לענדער און שטעט. די אומרויִקע צײַט לאָזט ניט איבערכאַפּן דעם אָטעם אַפֿילו פֿאַר פּשוטער כראָנאָגראַפֿיע. ווי פֿריִער, איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַל צעוואָרפֿן אין די הקדמות צו פֿאַרשיידענע רבנישע פּירושים, אין קבלה־ און דרוש־ אָדער מוסר־ספֿרים, אין שאלות ותשובֿות און אויך אין די פּנקסים און אין די אויפֿשריפֿטן אויף די ייִדישע מצבֿות. אין יענער צײַט באַווײַזן זיך נאָר געציילטע ווערק וואָס טראָגן אַ היסטאָרישן כאַראַקטער, און עטלעכע קומען שוין פֿונעם ד ײַ ט ש ן ייִדנטום. נאָך פֿריִער, העלפֿט 16טן י״ה, ווערן געשריבן די זכרונות פֿון באַקאַנטן שתדלן יוזל איש ראָסהיים,[24] מיט אַ פֿופֿציק יאָר שפּעטער באַווײַזט זיך דער ערשטער היסטאָריקער בײַ די דײַטשע ייִדן דוד גאַנז (גערופֿן אויך זעליגמאַן אַווזא) מיט זײַן וויכטיקן ספֿר „צמח דוד״ (1592), ווו אינעם ערשטן טייל ווערט געגעבן אַ ייִדישע געשיכטע פֿון אָדם הראשון ביז מחברס צײַט, דער עיקר וועגן ייִדישע גדולים (דער צווייטער טייל איז אַן אַלגעמיינע געשיכטע פֿון יוליוס קיסר אָן). מיט איבער פֿופֿציק יאָר נאָך דעם ווערט אָנגעשריבן די „מגילת איבֿה״ — זכרונות פֿונעם בעל „תּוספֿות יום טובֿ״ (ליפּמאַן העלער) וועגן זײַנע לעבנס־פּאַסירונגען אין דער צײַט פֿון 30יאָריקן קריג.[25] לערך אין דער זעלביקער צײַט באַווײַזן זיך

[23] ציטירט לויט י. צינבערג, געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, ב׳ IV, און ש. דובנאָוו, וועלט־געשיכטע, ב׳ IV.

[24] העברעיִשער טעקסט און פֿראַנצייזישע איבערזעצונג אָפּגעדרוקט אין: Revue des Etudes Juives, t. XVI.

[25] די „מגילת איבֿה״ איז פֿונעם מחבר תּחילת פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין י י ִ ד י ש, שפּעטער האָט ער זי איבערגעזעצט אין העברעיִש.

אויך אין איטאַליע די זכרונות פֿונעם באַרימטן יהודה אריה (לעאָן) פֿון מאָדענאַ, וואָס זײַנען פֿול באַקאַנט געוואָרן ערשט מיט אַ יאָר 30 צוריק.[26] די דערמאָנטע ווערק טראָגן דאָס רובֿ אַ קולטור־היסטאָרישן כאַראַקטער, פּונקט ווי דער נײַער מין ליטעראַטור וואָס באַווײַזט זיך אין 16טן־17טן יאָרהונדערט: די מ י נ ה ג י ם ־ ב י כ ע ר וואָס באַשרײַבן דעם ייִדישן שטייגער לעבן אין די עלטערע קהילות אין דײַטשלאַנד. דאָס אינטערעסאַנטסטע פֿון דעם מין איז דאָס בוך „מינהגים דק״ק ווירמישא״, פֿאַרפֿאַסט פֿונעם וואָרמסער שמשׂ.[27]

אין יענער צײַט איז שוין דער הויפּטצענטער פֿון ייִדישע לומדות און ייִדישער פּרומקייט לאַנג אַריבער קיין פּ ו י ל ן, ווו עס האָט זיך אויסגעפֿורעמט אַ ברייטער און פֿעסטער ייִדישער ייִשובֿ, מיט אַ צענטראַלער קהילה־אויטאָנאָמיע, מיט גרויסע ישיבֿות און רבנישע אויטאָריטעטן. דאָס געמיט איז באַהערשט פֿון רבנישער דאָגמאַטיק. גײַסטיק האָלט מען נאָך דאָ בעצם בײַ מיטל־עלטער, און דער פֿאַרשפּיצטער פּילפּול און די קבלה פֿאַר־שטופּט דעם אינטערעס צו געשיכטע.

אָבער אין מיטן 17טן יאָרהונדערט קומט דער גרויסער שטורעם איבער אוקראַיִנע און פּוילן — כמעלניצקיס אויפֿשטאַנד און די גזירות ת״ח, — און ווידער נעמט דאָס וואָרט דער כראָניסט און דער פּײַטן דער קינה־זאָגער. די גזירות ת״ח ות״ט — דער „דריטער חורבן״ — האָבן אַרויסגערופֿן אַ גאַנצע ליטעראַטור: כראָניקעס, מעמואַרן און עלעגיעס. די מער באַקאַנטע און וויכטיקע כראָניק איז דער „יון מצולה״ פֿון נתן־נאָטע האַנאָווער פֿון זאַסלאַוו, וואָלין (שפּעטער אַ פּליט אין איטאַליע; אָפּגעדרוקט אין ווענעציע 1653). דער ספֿר איז געוואָרן אַזוי מפֿורסם, אַז מען האָט מתקן געווען צו לייענען עס פֿון שבֿעה עשׂר בתמוז ביז תשעה באָבֿ; ס'איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש (שפּעטער אויך אין פֿראַנצייזיש, דײַטש, רוסיש, פּויליש און אַפֿילו פֿון דײַטש צוריק אין העברעיִש — 1886).[28] אין „יון מצולה״ ווערט געגעבן אַ פּרטימדיקע באַשרײַבונג פֿון די הריגות, און צום סוף קומט אַ בילד פֿון ייִדישן גײַסטיקן לעבן אין פּוילן ערבֿ דער קאַטאַסטראָפֿע — דער סדר לערנען, דאָס אויטאָנאָמע לעבן אאַז״וו. אין אַ צווייטער כראָניק „טיט היון״ ווערט געגעבן אַ רשימה פֿון די חרובֿע קהילות; וויכטיק זײַנען אויך צוויי איכה־כראָניקעס „צער בת רבים״ און „צוק העתים״. אין די אַלע ווערק הערט איר דעם אַלטן באַקאַנטן רוף צום אייבערשטן אָנצונעמען זיך פֿאַרן אומשולדיק פֿאַרגאָסענעם בלוט: השם ינקום דמם. אַפֿילו די גרויסע רבנישע

[26] פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון אַבֿרהם כהנא א״נ „חיי יהודה״, קיִעוו, תרע״ב.

[27] צינבערג, דצ״וו, ב׳ V. דאָס בוך איז עד היום ניט אָפּגעדרוקט; גידעמאַן האָט עס אויסגענוצט פֿאַר זײַן קולטור־געשיכטע.

[28] פֿ״גל די ייִדישע איבערזעצונג פֿון וו. לאַצקי־בערטאָלדי, מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון ד״ר י. שאַצקי, אַרויסגעגעבן פֿון ייִוואָ א״נ „גזרות ת״ח״, ווילנע 1938.

אויטאָריטעטן האָבן דעמאָלט ניט געקענט באַהערשן זייער געמיט: דער בעל „תוספות יום טובֿ" האָט פֿאַרפֿאַסט די באַקאַנטע סליחה „אלה אזכרה", דעי של"הס זון די סליחה „שבתי בבית ה'" און דער ש"ך די „מגילת איפה" אַ קול־קורא צום כלל־ישׂראל, מען זאָל פּראָקלאַמירן כ' סיון אַ תענית נאָ די גזירות ת"ח, מיט סליחות און קינות, און אינעם אַרײַנפֿיר אַ באַשרײַבונג פֿו די טרויעריקע געשעענישן.

די געשעענישן אין אוקראַיִנע האָבן אויפֿגערודערט די גאַנצע ייִדיש וועלט און האָבן, ווי באַוווּסט, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פֿאַרשטאַרקונ פֿון משיחישן געדאַנק און אינעם אויפֿקום פֿון דער שבתי־צבֿי־באַוועגונג; ני אומזיסט האָט מען דעמאָלט אויסגערעכנט, אַז ת"ח מאַכט בגימטריא חבֿלי משיח. סימבאָליש איז, אַז בעת די צוויי שליחים פֿון פּוילישן ייִדנטום (אַ זון פֿונעם ט"ז און אַן אייניקל פֿונעם ב"ח) זײַנען אין 1666 — דאָס יאָר פֿו „ביאת המשיח" — אַראָפּגעקומען קיין טערקײַ צו שבתי־צבֿי און האָבן אי אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם חורבן וואָס די גזירות ת"ח האָבן אָנגעטאָ האָט שבתי־צבֿי זיי איבערגעשלאָגן און אָנגעוויזן אויף דער כראָניק „צוק העתים" וואָס איז פֿאַר אים געלעגן.

אַז אין פֿאָלק האָט די גאַנצע צײַט געלעבט אַ טיפֿער אינטערעס צו געשיכטע, באַווײַזט צום בעסטן די ליטעראַטור אין ייִדיש.[29] ביכער מיט אַ היסטאָרישן, אָדער היסטאָריש־לעגענדאַרן, אינהאַלט פֿאַרנעמען אין דער ייִדישער פֿאָלקס־ליטעראַטור ניט דער ערך אַ גרעסערן אָרט ווי אין דער לומדישער ליטעראַטור אין העברעיִש. דער ייִדיש־לייענער האָט ממש געשלונגען די היסטאָרישע מעשׂיות און באַשרײַבונגען. אַ ריי וויכטיקע היסטאָרישע כראָניקעס ווערן איבערגעזעצט אין ייִדיש. אַ שטייגער: דער „יוסיפֿון" (1546, אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע מיט האָלצשניטן), דער „שבֿט יהודה" (1591), דער „צמח דוד" (1698), דער „יון מצולה" (אין 1655 — אַ געגראַמטע איבערזעצונג און אַ ביסל שפּעטער — אַ נײַע איבערזעצונג) אויך די באַרימטע רײַזע־באַשרײַבונגען: פֿון אלדד הדני וועגן די רויטע ייִדעלעך, די „מסעות" פֿון בנימין פֿון טודעלע, דער „סיבובֿ העולם".[30] אָבער נאָך כאַראַקטעריסטישער איז, וואָס עס באַווײַזט זיך אין ייִדיש אַ ריי אָ ר י ג י נ ע ל ע היסטאָרישע כראָניקעס (עטלעכע פֿון זיי ווערן אַפֿילו שפּעטער איבערגעזעצט אין העברעיִש): די „ווינער גזירה" וועגן דעם גירוש פֿון עסטרײַ אין 1420־1421 (אַן אַנדער נוסח: „גזירה ממדינת אושטרייך")[31], די „צרות

[29] וועגן דער היסטאָרישער ליטעראַטור אין ייִדיש זע: י. צינבערג, דצ"וו, ב' VI מ. ווײַנרײַך, בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע; מאַקס עריק, געשיכטע פֿו דער ייִדישער ליטעראַטור; מ. ווײַנרײַך, שטורעמווינט.

[30] אינטערעסאַנט איז דער ייִדישער נאָמען פֿון דעם ספֿר: „דיא אויסרינגלונג רבינו פתחיה החסיד מרעגנשפורק" (1600).

[31] זע: היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב' II.

ווערמייזע" (באַלעגערונג פֿון וואָרמס אין 1636), באַשרײַבונגען פֿונעם מעצער בלבול־דם אין 1669,[32] וועגן די אומרוען אין אַמסטערדאַם אין 1696, „באַשרײַבונג פֿון שבתי־צבֿי" פֿון אַן אַמסטערדאַמער תּושבֿ, „תּשועת ישׂראל" פֿון חיים אַלשיך[33] ועל־כּולם — דער „שארית ישׂראל" (פֿון מנחם מאַן אַמעלאַנדער, אַמסטערדאַם, 1743) וואָס איז, ווי אַ המשך פֿונעם „יוסיפֿון", עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. עס באַווײַזן זיך רײַזע־באַשרײַבונגען — חוץ פֿאַנטאַסטישע, וואָס זײַנען אין גרונט פּשוטע מעשׂה־ביכלעך, אויך אמתע באַשרײַבונגען פֿון ייִדישע רײַזנדערס — און באַזונדער מעמואַרן־ביכער: די „מגילת־שמואל", די דערמאָנטע „מגילת איבֿה", די „מגילת גנש", „מגילת ר' מאיר" און דער שטאָלץ פֿון אונדזער מעמואַריסטיק — די זכרונות פֿון מרת גליקל האַמיל (17טן י"ה).

די ליטעראַטור אין ייִדיש איז אויך רײַך מיט היסטאָרישע קלאָגלידער און פּאָעמעס; עטלעכע פֿון זיי פֿלעגט מען רעציטירן אָדער זינגען מיט אַ ספּעציעלער מעלאָדיע. ווי למשל אַ קלאָגליד וועגן „גירוש טנהויזן" (1721), אַ קלאָגליד פֿון דעם „קדוש רבי יחזקאל" (1719), „אַ שיין ליד פֿון ווין בניגון עקידת יצחק" וועגן ווינער גירוש 1670, אַ ליד אויפֿן חורבן פֿון אונגעריש בראָד 1683, אַ ליד אויפֿן חורבן אין וואָרמס פֿון די פֿראַנצייזן 1689 און באַזונדער די פּאָפּולערע „מגילת ווינץ" וועגן דעם פּאָגראָם פֿון פֿעטמילך אין פֿראַנקפֿורט 1614.[34] עס זײַנען פֿאַרשפּרייט געווען אויך קלאָגלידער אויף שטאָטאומגליקן, ווי למשל שׂרפֿות און עפּידעמיעס. פֿון די (שׂרפֿה־לידער איז ספּעציעל באַקאַנט דאָס ליד פֿון דער „גרוישי שׂרפֿה בק"ק פֿראַנקפֿורט" 1711; פֿון די „עיפּוש־לידער" (דאָס מיינט וועגן עפּידעמיעס) — דאָס קלאָגליד „איבר דען גרוישן ערשרעקליכן עיפּוש" אין פּראָג 1713. און אפֿשר דאָס כאַראַקטעריסטישע איז, וואָס עס האָט זיך אויך געשאַפֿן אַ מין היסטאָרישער פּ י ו ט א י ן י ִ ד י ש; אַזוי זײַנען באַקאַנט ייִדישע קינות און אל־מלא־רחמימס אויף די גזירות ת"ח און אַנדערע קאַטאַסטראָפֿעס אין 17טן און 18טן י"ה, עלעגיעס אויפֿן טויט פֿון די קדושים און אויך משיחישע לידער (פֿ"גל דאָס „שיין נײַ ליד פֿון משיח", פּראָג, 1666).[35] אויך די ייִדישע קינות און עלעגיעס זײַנען דורכגעדרונגען מיט אַ נקמה־געפֿיל צום באַדריקער, מיטן צדוק־הדין, אָבער אויך מיט דער אַלטער טענה צום אייבערשטן וואָס טוט צוקוקן און שווײַגט.

די היסטאָרישע ליטעראַטור אין ייִדיש איז פֿאָלקסטימלעכער הן לויטן אינהאַלט הן לויטן סטיל, און אמת איז דאָ נאָך מער ווי אין דער העברעיִשער

---

[32] פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב' II.

[33] זע: ד"ר י. שאַצקי אין: פּנקס פֿון אַמאָפּטייל ייִוואָ, ב' I.

[34] מאַקס עריק, אין זײַן ציטירטן ווערק, ווײַזט אָן, אַז בערך אַ 50 היסטאָרישע לידער אין ייִדיש זײַנען צו אונדז דערגאַנגען (זע ז' 384).

[25] מ. ווײַנרײַך, בילדער, ז' 219.

איבערגעמישט מיט דיכטונג. אָבער אויף אָט די „באָבע־מעשׂיות" האָט זיך דער פּשוטער עולם געלערנט צו פֿילן געשיכטע. און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת ס'איז געקומען דער לעצטער שטורעם איבער אוקראַיִנע, דער אויפֿשטאַנד פֿון די היידאַמאַקעס און אומאַנער שחיטה 1768, האָט ער אין דער רבנישער ליטעראַטור ניט געפֿונען קיין שום אָפּקלאַנג (און דעריבער טאַקע האָט גרעץ די דאָזיקע געשעענישן אין גאַנצן פֿאַרשוויגן), און כּמעט אַלץ וואָס מיר וויסן וועגן דעם איז פֿון דער „מעשׂה גדולה מן אומאַן ומן אוקריינה" אין ייִדיש, דרײַ מאָל איבערגעדרוקט,[36] פֿונעם ייִדישן בריוו פֿון אַלט־קאָנסטאַנטין קיין קיניגסבערג און פֿונעם קלאָגליד „אָבֿינו שבשמים, ווי אַזוי קענסטו דאָס צו זען".

די פֿרומע מחברים פֿון די אַלע דערמאָנטע היסטאָרישע כראָניקעס האָבן ניט געהאַט קיין שום וויסנשאַפֿטלעכע כּוונות. זיי האָבן זיך צום טייל אַפֿילו געשעמט, וואָס זיי רײַסן זיך אָפּ פֿון דער „אמתער" ליטעראַטור, דער ריין רעליגיעזער. נאָך ווייניקער האָבן געהאַט אין זינען היסטאָריאָגראַפֿיע די מחברים פֿון די קינות און סליחות. זיי האָבן אַליין ניט געוווסט, אַז זיי שרײַבן געשיכטע, — אַ יחידה במינה.

די ייִדישע ליידן האָבן געשאַפֿן אַ פֿילאָסאָפֿיע פֿון יסורים. פֿאַר ייִדישקייט מוז מען לײַדן — אין התורה נתנה אלא על ידי יסורין, האָט געשריבן דער ווילנער גאון. אין די ליידן האָט דער פֿרומער ייִד געזען אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר די זינד, און אַ מאָל קומט ער אויך מיט אַ דין־תּורה צום רבונו של עולם. מיט דעם גײַסט פֿון רעליגיעזער תּמימות איז דורכגעדרונגען אויך די טראַדיציאָנעלע ייִדישע היסטאָרישע ליטעראַטור.

גאָר אויף אַנדערע וועגן איז אַוועק אונדזער מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעכע היסטאָרישע פֿאָרשונג. זי ווערט מער ניט סטימולירט פֿון די אַרומיקע קאַטאַסטראָפֿעס. אָבער אָן אָט די אַלטע היסטאָרישע פּרימיטיוון וואָלטן מיר קיין מאָל ניט געקענט ריכטיק פֿאַרשטיין דעם ייִדישן עבֿר און די אינעווייניקסטע איבערלעבונגען פֿונעם פֿאָלק און וואָלטן פֿאַרלוירן דעם געשיכטלעכן ריכטפֿאָדעם.

דער מחבר פֿון „שבֿט יהודה" גיט אַ בילד פֿון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע און שטעלט די פֿראַגע: פֿאַר וואָס ווערן ייִדן אַזוי געררודפֿט? „ייִדישקייט — זאָגט ער — איז אַ מין חולאת, וואָס צו איר איז ניטאָ קיין רפֿואה". און ווײַטער אַ ביסל: „ייִדן זײַנען ווי אַ ברענענדיקער פֿאַקל — ער ווערט פֿאַרברענט און פֿאַרניכט אין אייגענעם פֿלאַם און באַלײַכט דעם וועג פֿאַר אַנדערע." הנה היהודים כּמו האבֿוקה הדולקת ששׂורפֿת ומכלה את עצמה ומאירה לאחרים. אָט דאָס ליכט אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אין דער ייִדישער געשיכטע.

---

[36] זע דעם אַרטיקל פֿון ש. דובנאָוו אין: היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב׳ I.

דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום *

פֿון י ע ק בֿ ל ע ש ט ש י נ ס ק י

די פֿאָרגעלייגטע אַרבעט פּרעטענדירט ניט אויף געבן די געשיכטע פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום אָדער אַן אויסשעפּיק בילד פֿון דער איצטיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע פֿון אַמעריקאַנער ייִדן. פֿאַר אַזעלכע גרויסע טעמעס איז דער פֿאַראַנענער מאַטעריאַל צו קנאַפּ און צו גרינגוואָגיק. דער מחבר האָט זיך געשטעלט אַ סך אַ באַשיידענערע און באַגרענעצטערע אויפֿגאַבע — ער וויל נאָר אָנצייכענען אַ ל ג ע מ י י נ ע ל י נ י ע ס.

1

יעדע אײַנגעוואַנדערטע פֿאָלקסגרופּע ברענגט מיט זיך אין איר באַגאַזש, אַחוץ געוויסע מאַטעריעלע ווערטן, אויך אַ סאָציאַל־קולטורעלן פֿאַרמעג. דער דאָזיקער פֿאַרמעג שטעלט זיך צונויף ניט נאָר פֿון די אינדיווידועלע עקאָנאָמישע און טעכנישע קענטענישן און געניטקייטן, נאָר אויך פֿון אַ געוויסער קולטור־מדרגה פֿון דער גרופּע ווי אַזעלכע, פֿון אַ געוויסן פּסיכישן סטאַטוס אין דער גרופּע. אין דריטן אָדער פֿערטן אָדער פֿינפֿטן דור, בײַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס משמעות זייער פֿאַרשיידן, וועט די מיטגעבראַכטע סאָציאַל־קולטורעלע ירושה אפֿשר אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן ווערן און וועט ווערן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פֿון דער אַלגעמיינער אייגנהייטלעכער אַמעריקאַנער קולטור, אַ באַשטאַנדטייל אפֿשר גאָר ניט צו דערקענען. אָבער אין ערשטן און געוויס נאָך אויך אין צווייטן דור, און בײַ אַנדערע גרופּעס אפֿשר אויך נאָך אין ווײַטערדיקע דורות, וועט די מיטגעבראַכטע ירושה פֿון קאָלעקטיוו געוויס האָבן אַ היפּשע ווירקונג אויף זײַן גורל אין נײַעם לאַנד.

בלתּי־ספֿק האָט דאָס לעצטע וואָרט אינעם גורל פֿון די אימיגראַנטן די נײַע סבֿיבֿה; די באַדינגונגען פֿון נײַעם לאַנד, וווּהין די אימיגראַנטן זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן, צווינגען זיך צוצופּאַסן, און מען פּאַסט זיך צו. די נײַע סבֿיבֿה אָבער איז דאָך סוף־כּל־סוף זייער ענלעך צו דער אַלטער; דער חילוק איז נאָר אין מ ד ר ג ו ת. אָבער ניט אין תּוך. ס'איז דעריבער נאַטירלעך אָנצונעמען, אַז בײַ יעדן אימיגראַנט מוז זײַן אַ נטיה ווײַטער אָנצוהאַלטן אין נײַעם לאַנד זײַן אַלטע פּראָפֿעסיע אָדער אויסנוצן אין די נײַע באַדינגונגען זײַנע אַלטע געירשנטע פֿעיִקייטן און געניטשאַפֿט. זײַנען די באַדינגונגען גינציקע, וועט דער אימיגראַנט זײַן נוטה ניט נאָר אויסצוניצן

* געלייענט דעם 4טן יאַנואַר 1941 אויף דער 15טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ, ניו־יאָרק. געדרוקט מיט שינויים.

זײַנע קאָנקרעטע געניטקייטן און קענטענישן, נאָר אויך זײַנע *פּאָטענציעלע* פֿעיִקייטן, זײַנע נטיות, כּשרונות און טאַלאַנטן וואָס ער האָט געבראַכט פֿון דעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, פֿון וועלכן ער שטאַמט.

איין בײַשפּיל וועט קלאָר מאַכן אונדזער געדאַנק. מיר מיינען, אַז אַ ייִדישער בעל־מלאָכה צי אַפֿילו אַן אַרבעטער פֿון פּוילן ברענגט מיט זיך קיין אַמעריקע פֿיל מער פּאָטענציעלע האַנדל־פֿעיִקייטן, מער מיסחר־נטיות, מער אַפּעטיט צו אַ בעסער לעבן, מער שטרעבונג צו דערגרייכן אַ העכערע סאָציאַלע פּאָזיציע, ווי אַ פּוילישער הענדלער אָדער אַ זון פֿון אַ רויִנירטן פּוילישן לאַנדמאַגנאַט. פֿון די לעצטע צוויי עלעמענטן שטעלט זיך צונויף דער גרעסטער רובֿ פֿון די פּוילישע שטאָטישע קלאַסן חוץ פֿאַבריק־אַרבעטערס.

דער ערשטער, דער ייִדישער בעל־מלאָכה אָדער אַרבעטער, איז אין רובֿ פֿאַלן נאָך אַליין אַ קינד פֿון אַ הענדלער אָדער ווייניקסטנס אַן אייניקל פֿון אַ הענדלער. אין זײַן משפּחה זײַנען געוויס פֿאַראַן גאָר אַ סך הענדלערס און קרעמערס. ער וואַקסט און אָטעמט מיט דער לופֿט פֿון מיסחר. דער ייִדישער בעל־מלאָכה אַליין אין פּוילן אָדער רוסלאַנד איז ניט געווען אויסשליסלעך אַ פּראָדוצענט: ער האָט ניט נאָר פּראָדוצירט זײַנע סחורות, נאָר אויך פֿאַרקויפֿט זיי אַליין אויפֿן מאַרק. ייִדישע שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליאַרעס, היטל־מאַכערס, קירזשנערס און פֿיל אַנדערע זײַנען אויך געווען מאַרקמענטשן. און נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס ער איז אַ שטאָטישער מענטש ניט פֿון איין דור, נאָר פֿון דור־דורות. דער שטאָטישער מענטש איז פּסיכיש רירעוודיקער, אָריענטירט זיך גיכער אין אַ נײַער סבֿיבֿה, אין אַ נײַער סיטואַציע. אויך האָט ער גאָר אַנדערע לעבנס־אַפּעטיטן, גאָר אַנדערע השׂגות און שטרעבונגען; ער איז דעריבער דינאַמישער, אַקטיווער, ענערגישער, ריזיקאַנטישער, אונטערנעמערישער. און דאָס הייסט אויך שעפֿערישער, אויפֿטועריש, פּראָדוקטיווער.

פֿאַרקערט, דער פּוילישער קרעמער קומט אַליין פֿון דאָרף, העכסטנס איז ער דער ערשטער שטאָטישער דור. ער שטעקט נאָך מיט זײַן פּסיכיק אין דער דאָרפֿישער באַגרענעצטקייט, אין דער דאָרפֿישער ניט־רירעוודיקייט. ער איז סטאַטיש און ניט דינאַמיש. ער איז קאָנקרעט און איז ניט פֿעיִק אויף ריזיקירן. ער פֿאַרלירט זיך גיכער אין אַ נײַער סבֿיבֿה און אָריענטירט זיך שווערער אין אַ נײַער סיטואַציע. זײַן קאָמבינירטאַלענט איז שמאָל און מאָגער. דאָס איז ווען ער שטאַמט פֿון פּויערים. אַ ביסל אַנדערש איז מיט די קינדער פֿון די רויִנירטע ערדבאַזיצערס. געצוווּנגען צו נעמען זיך פֿאַר האַנדל, פֿאַר אַ פּרנסה וועלכע דורות פֿון זײַנע מיוחסים־עלטערן און עלטער־עלטערן האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ מחיה בזויה, פֿילט ער זיך ניט ווי אַ געשטיגענער. נאָר ווי אַ יורד. פּאַסיוו, פֿלעגמאַטיש, רעזיגנירט, האָט ער אַפֿילו אין דער אַלטער היימיש־נאַציאָנאַלער סבֿיבֿה געמוזט אָנקומען צו פּריווילעגיעס און צו פֿיזישע קאַמפֿן אויף צו פֿאַרנעמען אַן אָרט אין האַנדל פּאַ־

ראַלעל מיטן ייִדן. אין דער נײַער סבֿיבֿה און בײַ אַ גאַנץ נײַער סיטואַציע
וועט ער געוויס ניט פֿאַרמאָגן די דינאַמישע אַקטיוויקייט וועלכע איז אומ־
באַדינגט נייטיק, כּדי צו שאַפֿן זיך אַ האַנדלס־פּאָזיציע.

ס'איז דעריבער אָנצונעמען, אַז די פּוילישע אימיגראַנטן וועלן גיין אויפֿן
וועג פֿון גרינגסטער מיגלעכקייט, און דאָס איז פֿאַר זיי אַן אַרבעטספּלאַץ אין
אַ פֿאַבריק, אַרבעט אין אַ פֿאַרם, אין העכסטן פֿאַל אַ טרוים וועגן ווערן אַ
זעלבשטענדיקער פֿאַרמער. דער ייִד אָבער וועט געוויס גאָר גרינג זיך
אָריענטירן, אַז אין דער נײַער סבֿיבֿה זײַנען פֿאַראַן ניט נאָר מיגלעכקייטן
פֿאַר פֿיזישער אַרבעט וועלכע זאָגט צו גאָר ווייניק אין פּרט פֿון תּכלית. ער
וועט שוין אין ערשטן פּעריאָד פֿון זײַן לעבן אין נײַעם לאַנד, אין פּעריאָד
ווען ער וועט מוזן גיין אויף דער פֿאַבריק, ניט נאָר טרוימען, נאָר שוין
קאָנקרעט טראַכטן און זוכן, ווי אַזוי זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער בראַנזשע
און אַריבערצוגיין אין אַ נײַעם ווירטשאַפֿטצווײַג. הכּלל, ער וועט זוכן אַ וועג
צו סאָציאַלן אויפֿשטײַג, צו אַ מעמד וואָס גיט האָפֿענונגען, שאַנסן אין לעבן,
אויב ניט פֿאַר זיך גופֿא, איז כאָטש פֿאַר די קינדער.

ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער ייִד, ווי אַ בפֿירושער שטאָטישער
מענטש פֿון דור־דורות, פֿאַר וועמען שאַנסן און אַ העכערע סאָציאַל־געזעל־
שאַפֿטלעכע פּאָזיציע זײַנען ניט סתּם באַגערן, נאָר ווירקנדיקע און באַאײַנ־
פֿלוסנדיקע פֿאַקטאָרן אין לעבן, זאָל פֿון לכתּחילה גיין אין אינדוסטריע־
צווײַגן, בײַ וועלכע דער איבערגאַנג פֿון פּראָלעטאַריער צו בעל־הבית איז
גרינגער און דערגרייכלעכער. אין דער קליין־אינדוסטריע לאָזט זיך דאָס
גיכער דערגרייכן ווי אין דער גרויס־אינדוסטריע. אין דער לײַכטער אינ־
דוסטריע איז דאָס גרינגער, ווי אין דער שווער־אינדוסטריע.

מיר האָבן גענומען היפּאָטעטישע פֿאַלן, כּדי צו מאַכן בולטער אונדזער
געדאַנק. אין לעבן איז דאָס נאָך אַנדערש פֿאָרגעקומען: ס'זײַנען געקומען
פֿון מיזרח־אייראָפּע אויסשליסלעך פּוילישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע, ליט־
ווישע, לעטישע, סערבישע, קראָאַטישע און פֿיל אַנדערע פּ ו י ע ר י ם:
און מיט זיי זײַנען געקומען ייִדן. ווײַט ניט אַלע געוועזענע קרעמערס און
הענדלערס. פֿאַרקערט, מיר האָבן באַוויזן, אַז קיין אַמעריקע איז געקומען אַ
ייִדישע אַ ר ב ע ט נ ד י ק ע מ אַ ס ע, אָבער מיט האַנדל־טראַדיציעס
און האַנדל־פֿעיִקייטן און מיט שטאָטישע אַפּעטיטן און שטאָטישע השׂגות.
געקומען זײַנען זיי מיט פֿעלקער, מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט צוזאַמען הונ־
דערטער יאָרן, וועמענס שפּראַך זיי האָבן באַהערשט גאַנץ גענוג; וועמענס
געשמאַקן און השׂגות זיי האָבן געוווּסט זייער גוט. אין דער אַלטער היים
האָבן ייִדן, אמת, געהאַט קאָנפֿליקטן טייל מאָל בלוטיקע און שרעקלעכע, אָבער
דאָך האָט מען צוזאַמען אָפּגעלעבט הונדערטער יאָרן און זיך צוגעבונדן
איינער צום אַנדערן, על־כּל־פּנים גענוג צוגעבונדן זיך, אַז דער געוועזענער
אייראָפּעיִשער פּויער און איצט אַמעריקאַנער פֿאַבריק־אַרבעטער זאָל ווײַטער

גיין צום ייִדן דעם קרעמער, צום ייִדן דעם דאָקטער, צום ייִדן דעם אַדוואָ־קאַט, ווי דורות לאַנג אין דער אַלטער היים; און דער ייִד זאָל ווידער אויס־ניצן די נײַע געשאַפֿענע גינציקע סיטואַציע אויף אויסצופֿילן אַן עקאָנאָמישע פֿונקציע, צו וועלכער ער פֿילט זיך באַרופֿן, צו וועלכער ער איז געוויס אַ סך פֿעיִקער פֿון די אַלע, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען געקומען.

לאָמיר צו ערשט זען דעם סאָציאַלן שורש פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

2

די ייִדישע אײַנוואַנדערונג ווערט געטיילט אין דרײַ גרונטכוואַליעס לויט די לענדער, פֿון וואַנען זיי זײַנען געקומען. די דאָזיקע טיילונג איז אָבער ניט קיין ריין געאָגראַפֿישע, נאָר ביז אַ געוויסן גראַד אַ ס אָ צ י אַ ל ע. אָט זײַנען די דרײַ שטראָמען:

1) די ס פֿ ר ד י ש ע וועלכע איז געקומען דער עיקר פֿון האָלאַנד און האָט זיך געצויגן פֿון מיטן 17טן יאָרהונדערט ביז סוף 18טן יאָרהונדערט. די דאָזיקע ערשטע אײַנוואַנדערונג איז באַשטאַנען כּמעט אויסשליסלעך פֿון האַנדלס־עלעמענטן. קוואַנטיטאַטיוו איז זי געווען ניט גרויס, וואָרעם אַרום 1818 האָט מען געשאַצט, אַז ס'איז פֿאַראַן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָר 3,000 ייִדן. זײַנען דאָך פֿון דעסט וועגן שוין העמאָלט געווען אויך דײַטשע און פּוילישע ייִדן, ווי ס'איז באַוויזן פֿון אַ סך דאָקומענטן פֿון יענער צײַט. דער פּוילישער ייִד חיים סאַלאָמאָן וועלכער האָט געלײַען געלט דער אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג איז ניט געווען דער איינציקער פּוי־לישער ייִד. נאָך מער זײַנען העמאָלט געווען דײַטשע ייִדן.

2) די צווייטע כוואַליע אײַנוואַנדערערס טראָגט דעם נאָמען ד ײַ ט ש ע, ווײַל דײַטשע ייִדן האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט די גרויסע מערהייט פֿון דער אײַנוואַנדערונג. זי ווערט גערעכנט פֿון 1820 ביז 1880. מיר וואָלטן בעסער געהאַלטן, אַז די דאָזיקע כוואַליע זאָל זיך רעכענען נאָר ביז 1870, ווײַל פֿון דעם לעצטן יאָר אָן שוין נעמט וואַקסן די מיזרח־אייראָפּעיִשע אײַנ־וואַנדערונג, און ניט נאָר פֿון אונגערן און גאַליציע, פֿון דער עסטרײַכישער פּראָווינץ, נאָר אויך פֿון די רוסיש־פּוילישע געגנטן. צו דער צײַט פֿון דער גרויסער אײַנוואַנדערער־כוואַליע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, דאָס הייסט צו דער צײַט פֿון נאָך די רוסישע פּאָגראָמען פֿון 1881 און 1882, זײַנען שוין געווען אַ סך קהילות פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אין אַמעריקאַנער שטעט. ס'זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק באַווײַזן, אַז נאָך אין די ערשטע יאָרן פֿון דער דײַטש־ייִדישער אײַנוואַנדערונג איז פּאַראַלעל געגאַנגען אַן אײַנוואַנדערונג פֿון מיזרח־אייראָפּע.

פֿון די מאַטעריאַלן וואָס ווערן געבראַכט אין בוך פֿון י. י. בנימין (ער האָט באַזוכט די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין די יאָרן 1858 ביז 1860) נעמען

מיר אַרויס, אַז ביזן 19טן יאָרהונדערט זײַנען געגרינדעט געוואָרן נאָר 3 קהילות, אַלע פֿון ספּרדישע ייִדן. אין 1802 ווערט געגרינדעט די ערשטע דײַטש־ייִדישע קהילה. אין 1819 ווערט געגרינדעט די ערשטע פּויליש־ייִדישע קהילה. ביז 1830 ווערן סך־הכּל געגרינדעט 7 ייִדישע קהילות אין די שטעט פֿון די פּאַראייניקטע שטאַטן: 3 ספּרדישע, 3 דײַטש־ייִדישע און 1 פּויליש־ייִדישע. פֿון 1830 ביז 1850 ווערן געגרינדעט 27 ייִדישע קהילות, און פֿון זיי נאָר 5 פּוילישע. פֿון 1851 ביז 1859 ווערן געגרינדעט 16 ייִדישע קהילות, און פֿון זיי גאַנצע 8 פּויליש־ייִדישע.[1] אַ קלאָרער באַווײַז, אַז באַלד נאָך דעם ווי ס'האָבן מצליח געווען די ערשטע דײַטש־ייִדישע אײַנוואַנדערערס האָט זיך גענומען ציִען קיין אַמעריקע אַ שטראָם פּוילישע ייִדן. און ס'איז קיין חידוש ניט — זיי זײַנען דאָך געווען ניט נאָר געאָגראַפיש גאָר נאָענט איינע לעבן די אַנדערע, נאָר אויך משפּחהדיק, איבער הויפּט אין די גרענעץ־געגנטן פֿון פּויזן און מיזרח־פּרײַסן.

3) די דריטע כוואַליע אײַנוואַנדערערס איז שוין געווען כּמעט אויסשליסלעך אַ מ י ז ר ח ־ א י י ר אָ פּ ע י ש ע. זי איז געקומען פֿון פֿאַרשיידענע לענדער: פֿון פּוילן, אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, אונגערן, רומעניע. לויט זייער סאָציאַלער פּיזיאָנאָמיע זײַנען זיי געווען אַנדערש ווי די דײַטשע ייִדן און זייער ענלעך צווישן זיך. דער וויכטיקסטער סימן וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פֿון די דײַטשע ייִדן איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט האַנטווערקערס און אַרבעטערס.

לאָמיר איצטער וואַרפֿן אַ בליק אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּיזיאָנאָמיע פֿון די ייִדישע סבֿיבֿות, פֿון וואַנען ס'זײַנען געקומען די ייִדישע אײַנוואַנדערערס.

ס'לוינט ניט זיך אָפּשטעלן אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סבֿיבֿה פֿון דער קליינער גרופּע ספּרדישע אײַנוואַנדערערס. ס'איז גענוג באַוווּסט, אַז זי איז באַשטאַנען פֿון גרויסע נעגאָציאַנטן און איז געקומען לכתּחילה מיט מיסחר־צוועקן. מיר וועלן דעריבער גלײַך אַריבערגיין צו דער צווייטער אײַנוואַנדערער־כוואַליע, צו דער דײַטש־ייִדישער, וועלכע האָט געלייגט דעם יסוד פֿאַרן איצטיקן 5מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. ווי אַזוי האָט אויסגעזען דאָס דײַטשע ייִדנטום אין דער צײַט פֿון דער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע?

אַרום 1825 האָט דאָס פּרײַסישע ייִדנטום (אָן פּויזן) אויסגעזען אַזוי (אין פּראָצענטער)[2]:

---

1 J. J. Benjamin, *Reise in den östlichen Staaten der Union und San-Francisco*. Hannover, 1862.

2 Jakob Lestschinsky, *Das wirtschaftliche Schicksal des deutschen Judentums*. Berlin, 1932, p. 21.

1) גרויסהאַנדל, באַנקירן און פֿאַבריקאַנטן	2.0
2) מיטל־האַנדל	8.0
3) קליינהאַנדל	40.0
4) מדינה־גייערס	20.0
5) בעלי־מלאָכות	7.0
6) הויזדינסט	10.0
7) כּלי־קודש	2.0
8) ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס	1.0
9) אָן באַשעפֿטיקונג און אָרעמע־לײַט	10.0
צוזאַמען	100.0

בײַ פֿויזענער ייִדן וועלכע האָבן גראָד געגעבן גאָר אַ סך עמיגראַנטן קיין אַמעריקע זײַנען געווען מער האַנטווערקערס, אַרום 15 פּראָצענט. אָבער נעמט מען די צווייטע גרופּע דײַטשע ייִדן וועלכע האָבן געגעבן אַ גרויסע צאָל אויסוואַנדערערס, די בײַערישע ייִדן, האָבן מיר וועגן זיי פֿאַרן יאָר 1821 אַזוינע דאַטעס:[3]

1) האַנדל	7637	פֿאַמיליעס	71.7%
2) מדינה־גייערס	2605	„	24.4%
3) ערדאַרבעט	252	„	2.4%
4) מלאָכה	169	„	1.5%
צוזאַמען	10663	„	100.0%

פֿון די דאָזיקע טאַבעלעס ווערט אונדז גאַנץ קלאָר די פֿיזיאָנאָמיע פֿון יענעם דײַטשן ייִדנטום וואָס האָט געגעבן די ערשטע גרעסערע כוואַליע ייִדישע אײַנוואַנדערערס קיין אַמעריקע. דאָס איז אַ טיפּיש שטאָטישע קליינ־בירגערלעכע מאַסע וועלכע איז באַשטאַנען אויף העכער 90 פּראָצענט פֿון קליינהענדלערס און מדינה־גייערס (פּעדלערס). אַ גאַנץ פֿערטל פֿון די בײַ־ערישע און אַ גאַנץ פֿינפֿטל פֿון די פּרײַסישע ייִדן האָבן געוואַנדערט פֿון דאָרף צו דאָרף און האָבן פֿאַרדינט גאָר קנאַפּ אויף חיונה. אַ באַרימטער היסטאָריקער פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון דײַטשלאַנד שרײַבט וועגן די 40ער יאָרן: „די מדינה־גייערס זײַנען געווען אַ פֿול פֿערטל פֿון אַלע דײַטשע ייִדן וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אין האַנדל, און דאָס הייסט, אַז אַ פֿינפֿטל פֿון אַלע דײַטשע ייִדן האָט זיך אַרומגעשלעפּט פֿון דאָרף צו דאָרף מיט דעם פּעקל סחורה אויף די פּלייצעס און פֿאַרגעלייגט טיכלעך, קנעפּ, נאָדל און פֿאָדעם."[4]

---

[3] Ignaz Rudhart, *Ueber den Zustand des Königsreichs Bayern.* Stuttgart, 1825, vol. I, p. 66.

[4] Sartorius von Waltershausen, *Deutsche Wirtschaftsgeschichte, 1815-1914.* Jena, 1923, p. 29.

געוויס קאָן מען גרינג געפֿינען שוין דעמאָלט אין בערלין און האַמבורג, אין פֿראַנקפֿורט און קעלן גאָר רײַכע יידן וועלכע האָבן ניט באַדאַרפֿט אויס־וואַנדערן, וועלכע האָבן שוין אָנהייב 19טן און אַפֿילו אין דער צווייטער האַלב פֿון 18טן יאָרהונדערט געהאַט אַלע רעכט אין דײַטשלאַנד. די דאָזיקע גרויס־בורזשואַזיע האָט אָבער באַטראָפֿן איין אָדער צוויי פּראָצענט פֿון דער יידי־שער באַפֿעלקערונג, שוין צוזאַמען מיט די גרויסע סוחרים און פֿאַבריקאַנטן. די קאַלאָסאַלע מערהייט פֿון דײַטשן יידנטום איז אין דער ערשטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט, אַט דעמאָלט ווען ס'איז געגאַנגען די גרויסע יידישע אויס־וואַנדערונג פֿון דאָרטן, באַשטאַנען פֿון אַן אָרעמער און רעכטלאָזער מאַסע. איז מען געלאָפֿן קיין אַמעריקע זוכן גליקן, און מען האָט טאַקע געפֿונען.

כּדי צו באַקומען אַ קאָנקרעטע פֿאָרשטעלונג וועגן דער יידישער מאַסע וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פֿון דײַטשלאַנד קיין אַמעריקע, וועלן מיר לאָזן רעדן דעם קאָרעספּאָנדענט פֿון Israelitische Annalen פֿון 1839:

„ביז איצטער האָבן מיר געלייענט אָפֿטערע באַריכטן וועגן דער אויס־וואַנדערונג פֿון יידן אין די צפֿון-אַמעריקאַנער רעפּובליק נאָר פֿון אונדזער שכנישן לאַנד בײַערן. ערשט האָב איך אײַך צו מעלדן עפּעס פֿון דעם מין פֿון אַ קהילה פֿון קיניגרײַך ווירטעמבערג. דעם לעצטן זונטאָג, דעם 16טן יוני, האָבן פֿון דער געמיינדע עבנהויזן עמיגרירט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון-אַמעריקע 50 נפֿשות פֿון משהס גלויבן. אַ גרויסע צאָל צוזעערס פֿון נאָענט און ווײַט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהער צו דער געזעגענונג. קיין איין אויג איז ניט געבליבן אָן טרערן, אַ טיפֿער אומעט האָט ארומגענומען אַלע הערצער, וואָרעם דאָס מאָל זײַנען געפֿאָרן ניט נאָר יונגע מענטשן, נאָר 6 פֿאָטערס פֿון משפּחות און פֿרויען און קינדער. ס'האָט באמת גערירט און אָנגענומען בײַם הארצן, ווען אַ זקן פֿון 80 יאָר, וואָס פֿון זײַנע קינדער האָבן איצטער 11 עמיגרירט, האָט זיך געזעגנט מיט זײַנע 3 קינדער און 14 אייניקלעך, וואָס פֿון זיי איז דער יינגסטער אַלט קוים 2 מאָנאַטן.

די סיבה פֿון דער דאָזיקער מאָדנער דערשײַנונג אין ווירטעמבערג שטעקט טיילווײַז אין דעם, וואָס שוין פֿון אַ צײַט פֿון 30 יאָר האָבן אַ סך פֿון דאָנען עמיגרירט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ארײַן און האָבן דאָרטן געפֿונען פּרנסה בכּבֿוד און פֿרײַע טעטיקייט; אַט די יידן האָבן עס איצט פֿאַרבעטן צו זיך זייערע קרובֿים וואָס זײַנען געווען געבליבן אין דער היים, האָבן זיי פֿאַרזאָרגט מיט די נייטיקע מיטלען אויף דער נסיעה, און ס'איז אַלצדינג אָנגעגרייט פֿאַר זיי בשעת זיי וועלן אָנקומען מעבֿר-לים. היות די צאָל די אויסגעוואַנדערטע איז שוין געשטיגן ביז 92 נפֿשות, באַטרעפֿט דאָס שוין אַ פֿינפֿט חלק פֿון דער קהילה, און די בלויזן לאָזן זיך שוין אָנזען."[5]

יעדע אויסוואַנדערונג ווערט אַרויסגערופֿן פֿון אַ סך סיבות. קודם, פֿאַר־שטייט זיך, קומט ברויט. אָבער נויט אַליין איז נאָך ניט גענוג. אין דער

[5] *Israelitische Annalen.* Frankfurt am Main, pp. 213-14.

צײַט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, צו דער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט, האָבן רוסישע ייִדן געלעבט אַ סך אָרעמער פֿון די דײַטשע. אויך פּאָליטיש זײַנען זיי געווען אַ סך מער גערודפֿט. אָבער כּדי אויסצוואַנדערן דאַרף מען ראשית כּאָטש וויסן, אַז ס׳איז דאָ וווּהין. דער רוסישער ייִד איז נאָך דע־מאָלט געשטאַנען אויף אַזאַ נידעריקער מדרגה פֿון אַנטוויקלונג, אַז ניט ער האָט געוווּסט וועגן אַמעריקע און ניט ער איז געווען גענוג קולטורעל אויפֿצוהייבן זיך פֿון אײַנגעזעסענעם פּלאַץ און ריזיקירן זיך צו לאָזן אין אַ ווײַטן וועג אין אַ פֿרעמד לאַנד אַרײַן. ענדלעך דאַרף מען דאָך אויך האָבן אויף הוצאות. אַנדערש געזאָגט, ערשט אויף אַ געוויסער מדרגה פֿון קולטור און פֿון עקאָנאָמישן וווילשטאַנד — אַ וווילשטאַנד וועלכער איז אָבער ניט פּראָ־פּאָרציאָנעל די אויסגעוואַקסענע לעבנס־באַדערפֿענישן און לעבנס־פֿאָדערונגען, ווערט מיגלעך אַן אויסוואַנדערונג.

ס׳וואַרפֿט זיך שטאַרק אין די אויגן, אַז די אײַנוואַנדערונג אין די קאָ־לאָניאַלע לענדער איז געגאַנגען פֿונעם רײַכערן קאָנטינענט, פֿון אייראָפּע, און ניט פֿון דער אָרעמער און געדיכטער באַפֿעלקערטער אַזיע. פֿון אייראָפּע גופֿא האָבן לכתּחילה אויסגעוואַנדערט די רײַכערע פֿעלקער, די ענגלענדער, די דײַטשן, די שוועדן, די שווייצער, די פֿראַנצויזן, און ערשט פֿון 1870 הייבט זיך אָן אַן אויסוואַנדערונג פֿון דער אָרעמערער מיזרח־ און דרום־אייראָפּע. מיר פֿאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז אויך אָנהייב 19טן יאָרהונדערט איז די ערשטע גרופּע לענדער געווען אַ סך רײַכער פֿון דער צווייטער, רײַכער און קולטו־רעלער און בכן ריר־עווודיקער און מער בכּוח אויסצוואַנדערן און זוכן אַ בע־סער לעבן. ס׳איז קלאָר, אַז פֿון די רײַכערע און קולטורעלערע לענדער האָבן אויסגעוואַנדערט די אָרעמערע און אָפּגעשטאַנענערע שיכטן. אַ רוסישער שרײַבער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אַ רעוואָלוציע מאַכט ניט דער וואָס האָט קיין ברויט ניט, נאָר דער וואָס האָט ברויט און האָט אַ באַדערפֿעניש אין פּוטער אויך ברויט. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אויסוואַנדערונג.

דאָס אַלץ וועט אונדז לאָזן פֿאַרשטיין אַ סך זאַכן אין דער מיזרח־איי־ראָפּעיִשער ייִדישער אויסוואַנדערונג וועלכע האָט שוין געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, וועלכע האָט שוין געקאָנט עפּעס לערנען פֿון די ייִדן וועלכע האָבן פֿריִער אויסגעוואַנדערט. די דײַטשע ייִדן, באַזונדער די פּויזענער וועלכע האָבן געגעבן אַ גרויסן טייל אײַנוואַנדערערס, האָבן דאָך געהאַט קרובֿים און גוטע פֿרײַנד אין די גרענעץ־געביטן פֿון רוסיש־פּוילן און פֿון גאַליציע.

פּריוואַטע בריוו האָבן בכלל געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער עמיגראַציע — זיי האָבן געוועקט, גערופֿן, צוגעזאָגט הילף, געגעבן עצות און אָנווײַזונגען, און גאָר אָפֿט זײַנען געקומען אויך שיפֿסקאַרטעס. אָבער ניט נאָר פּריוואַטע בריוו, אויב זיי זײַנען נאָר מונטערע, נאָר אויך פּרעסע, אויב אַזאַ איז בנימצא, קאָן שפּילן אַ היפּשע ראָלע. אין רוסלאַנד איז צו יענער צײַט און אויך אַ סך צענדליקער יאָרן שפּעטער נאָך ניט געווען גאָר קיין

יידישע פּרעסע. אין דײַטשלאַנד אָבער זײַנען שוין דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען עטלעכע יידישע וואָכנבלעטער. די דאָזיקע בלעטער זײַנען געווען פול מיט מונטערע און מונטערנדיקע קאָרעספּאָנדענצן פון אַמעריקע. דאָס האָט גע־וועקט דעם אַפּעטיט און האָט גורם געווען, אַז אויך פאַרמעגלעכערע עלע־מענטן האָבן גענומען פאָרן, שוין צוליב פּאָליטישע סיבות.

דער באַרימטער ד״ר ליליענטאַל וועלכער איז געווען ראַבינער אין פי־לאַדעלפיע שרײַבט אין 1847 אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין אַ דײַטש־יידישן בלאַט:

„ביז צוריק מיט 10 יאָר האָט מען דאָ געזען זייער ווייניק דײַטשע יידן. די ערשטע אײַנגעוואַנדערטע זײַנען געווען זייער אָרעם. זיי פלעגן באַקומען אונטערשטיצונג און האָבן ניט געקאָנט פּרעטענדירן אויף אַכטונג [מצד די ענגלישע יידן — י. ל.], ווײַל זיי זײַנען נאָך אויך געווען ווייניק באַקאַנט מיט גוטע דזשענטעלמענישע מאַנירן. אָבער דער דײַטשער ייִד האָט זיך אַ דאַנק זײַן פלײַס, עקשנות, ארבעט-חשק, און מער פון אַלץ אַ דאַנק זײַן שפּאָ־רעוודיקייט זיך אַרויפגעאַרבעט אַזוי, אַז מיר זעען צווישן זיי מענטשן וועלכע זײַנען געקומען בעטלערס און איצט האָבן זיי גרויסע געשעפטן און אַ סך מזומן געלט.“[6]

דערציילנדיק, אַז לכתּחילה פלעגן קומען מער עמיגראַנטן פון בײַערן, גיט ליליענטאַל צו, אַז נאָך דעם האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַ סך אײַנוואַנ־דערערס פון פּרײַסיש־פּוילן (פּויזן) און פון רוסיש־פּוילן און אַז איצט (1847) זײַנען אין ניו־יאָרק שוין פאַראַן נײַן קהילות מיט בערך 10,000־8,000 יידן. און ער שרײַבט ווײַטער:

„מיר האָבן אין דער דאָזיקער שטאָט אַ גרויסע צאָל קרעמערס וועלכע האָבן געשעפטן וואָס באַטרעפן 100 און 200 טויזנט דאָלאַר. די דאָזיקע מענטשן האָבן צוריק מיט 6 יאָר בײַם אָנקומען ניט געהאַט קיין גראָשן אין קעשענע. זיי האָבן צום אָנהייב געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ בינטל סחורה פון 120־100 פונט די וואָג דעם גאַנצן טאָג, כּדי עפּעס צו פאַרדינען. אַז זיי האָבן שוין „עפּעס“ פאַרדינט, האָבן זיי אָנגעהויבן פירן סחורה מיט אַ פערד־און־וועגעלע; שפּעטער האָבן זיי געעפנט קליינע קרעמלעך אין די דערפער, און איצט האָבן זיי געשעפטן אין ניו-יאָרק, וואָס ווערן רעספּעקטירט פון אַלע. זיי האָבן גרויסע קרעדיטן.“[7]

פון די דאָזיקע ציטאַטן ווערט אונדז קלאָר שוין ניט נאָר דאָס בילד פון די דײַטשע יידן בעתן אויסוואַנדערן; מיר באַקומען אויך אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן די ערשטע טריט פון די יידישע אײַנוואַנדערערס אין נײַעם לאַנד. און דאָ איז אונדז שוין ווײַטיק אָנצווײַזן, אַז ניט נאָר יידן האָבן אויסגעוואַנדערט פון דײַטשלאַנד דעמאָלט. לויט די אָפיציעלע אַמעריקאַנער

6 *Allgemeine Zeitung des Judentums.* Leipzig, 1847, pp. 21-24.

7 דאָרטן.

דאָטעס האָבן איינגעוואַנדערט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון 1820 ביז 1850 — 594,809 עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד. די דייטשן טענהן, אַז אין דערווירקלעכקייט איז די צאָל געווען נאָך גרעסער.[8] אַז שוין אין 18טן יאָרהונדערט איז געווען אַ גרויסע איינוואַנדערונג פון דייטשלאַנד, איז געוויס. אַז פאַרן דייטשן ייִדן איז געווען ביז גאָר וויכטיק ניט נאָר דעם ערשטן מאָמענט פון זיין איינוואַנדערונג, נאָר אויך פאַר זיין גאַנצער צוקונפט איז נייעם לאַנד דאָס וואָס ער האָט געטראָפן גרויסע דייטשע קאָלאָניעס, איז קלאָר פון זיך אַליין.

ווער אָבער זיינען געווען די דייטשע איינוואַנדערערס? דאָס זיינען געווען אין דער גרעסטער צאָל פּויערים.

זאָמבאַרט שרייבט אין זיין בוך וועגן דער דייטשערווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג:

„ס'איז אָנצונעמען, אַז מיט הונדערט יאָר צוריק האָט אַ קנאַפּ פערטל פון דער באַפעלקערונג געלעבט אין די שטעט און דריי פערטל אין דאָרף. אָבער אויך די שטאָטישע באַפעלקערונג איז געווען נאָך שטאַרק אַגראַריש."[9] און זאָמבאַרט ברענגט ציפער, אַז אין 1843 איז נאָר 0.9% פון דער באַפעל־קערונג אין דייטשלאַנד געווען פאַרנומען אין האַנדל; נאָר 8 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען געווען באַשעפטיקט אין יאָר 1846 אין דער אינ־דוסטריע.[10] ס'באַקומט זיך בכן, אַז כמעט 90 פּראָצענט פון דער דייטשער באַפעלקערונג איז געווען באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט. און גאַנץ נאַ־טירלעך האָט די דאָזיקע אַגראַר־באַפעלקערונג געגעבן דעם מאַקסימום אויס־וואַנדערערס. און ווידער איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער ייִד וועלכער האָט באַדינט דאָס דאָזיקע פּויערטום אין דייטשלאַנד מיט שטאָטישע סחורות זאָל אין אַמעריקע ווייטער אויספילן די דאָזיקע פונקציעס. ס'איז געווען דאָס גרינגסטע פאַר אים און אויך פאַרן דייטשן איינוואַנדערער. דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דער ייִד איז געבליבן צוגעבונדן עקאָנאָמיש צום איינ־געוואַנדערטן דייטש אָדער פאַרקערט. ס'מיינט נאָר, אַז פאַר דער ערשטער סטאַדיע פון איינאָרדענונג אין נייעם לאַנד איז געווען קאָלאָסאַל וויכטיק, באַ־זונדער פאַרן ייִדן, וואָס ער האָט געפונען זיין אַלטן קונה, וועמענס שפּראַך און וועמענס געשמאַקן ס'זיינען אים געווען גוט באַקאַנט. דאָס האָט געמוזט אויך שטאַרק באַאיינפלוסן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון ייִדישן אימיגראַנט.

4

בנוגע די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן קאָנען מיר ניט אָנהייבן פון דער עפּאָכע ווען ס'איז געגאַנגען די גרויסע מאַסן־אויסוואַנדערונג. פאַר אונדז איז ביז גאָר

---

8 *Auswanderung, Handwörterbuch der Staatswissenschaften.* 25. Lieferung, Jena, p. 94.

9 W. Sombart, *Die deutsche Volkswirtschaft im neunzehnten Jahrhundert.* Berlin, 1921, p. 35.

10 דאָרטן.

וויכטיק פּעסטצושטעלן זייערע פּרנסות אַ דור אָדער צוויי פאַר דער גרויסער אויסוואַנדערער־כוואַליע, ווײַל די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן אין משך פון דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן מעטאַמאָרפאָז — אַן איבערגאַנג פון פּאַרמיטלער־פּרנסות, פון האַנדל, צו אַר־בעטנדיקע פּרנסות, דער עיקר צו מלאָכה. פאַר די פּראָצעסן וואָס זײַנען פאָר־געקומען בײַ די דאָזיקע ייִדן אין אַמעריקע איז ביז גאָר וויכטיק ניט נאָר דער פאַקטיש מיטגעבראַכטער סאָציאַל־קולטורעלער פאַרמעג, נאָר אויך די ירושה.

אַרום 1825 האָט זיך דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום געטיילט לויט די פּראָפעסיעס אויף אַזאַ אופן (אין פּראָצענטער):[11]

1) האַנדל און שענק	65.0
2) מלאָכה	18.0
3) לאַנדווירטשאַפט	1.0
4) כלי־קודש	2.0
5) אַן פּראָפעסיע און אָרעמע־לײַט	14.0
צוזאַמען	100.0

דאָ איז די מאַסע מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן ענלעך צו די דײַטשע ייִדן פון דער זעלבער צײַט. אָבער צום סוף 19טן יאָרהונדערט האָט זיך די סאָ־ציאַלע פיזיאָגנאָמיע פון די דאָזיקע ייִדן שטאַרק געביטן. לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1897 אין רוסלאַנד האָט זיך דאָס רוסישע ייִדנטום, דעמאָלט אַרום 70 פּראָצענט פון גאַנצן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, אַזוי געטיילט לויט די באַשעפטיקונגען (אין פּראָצענטער):[12]

1) האַנדל און קרעדיט	31.0
2) אינדוסטריע און מלאָכה	36.3
3) לאַנדווירטשאַפט	2.4
4) קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט	3.0
5) אָנגעשטעלטע, דינסטן און דינערס	11.5
6) מלוכישע און געזעלשאַפטלעכע באַאַמטע און מענטשן אין ליבע־ראַלע פּראָפעסיעס	4.7
7) אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס און מיליטער	11.1
צוזאַמען	100.0

11 Jakob Lestschinsky, *Das jüdische Volk im neuen Europa.* Prag, 1934, p. 25.

12 Б. Бруцкус, Профессиональный состав еврейского населения России, СПБ. 1906, стр. 8.

די לעצטע טאַבעלע איז אַנדערש געבויט ווי די ערשטע, אָבער אין אַלגעמיין ווערט פֿון איר קלאָר, אַז דער פּראָצענט ייִדן באַשעפֿטיקטע אין אינדוסטריע און מלאָכה האָט זיך פֿאַרטאָפּלט. די צאָל פֿאַרמיטלערס, הענדלערס, איבערקויפֿערס, שענקאַרעס איז געוואָרן פֿיל קלענער. דאָס איז אָבער געווען צום סאַמע סוף 19טן יאָרהונדערט. ווי אַזוי האָט דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום אויסגעזען אַרום 1880? קיין ציפֿער־מאַטעריאַל איז ניטאָ, אָבער אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז דעמאָלט איז שוין די צאָל האַנטווערקערס ביי ייִדן געווען גרעסער ווי אין 1825, אָבער ווייט ניט אַזוי גרויס ווי אין 1897. ווארעם די גרעסטע שינויים אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון רוסישן ייִדנטום זיינען פֿאָרגעקומען דווקא אין די יאָרן פֿון דער גרויסער אויסוואַנדערונג. אָט דעמאָלט, פֿון 1870 ביז 1900, איז שטאַרק געוואַקסן די צאָל ייִדן וואָס זיינען אַריין אין די פֿאַבריקן. ס'איז שטאַרק געוואַקסן די צאָל גרויסע וואַרשטאַטן אין דער מלאָכה, און די ייִדישע יוגנט פֿון דער פּראָווינץ האָט געשטראָמט אין די גרויסע און מיטעלע שטעט אַריין, אין די וואַרשטאַטן און אין די פֿאַבריקן.

אין 1856 זיינען געווען ייִדן אין וואַרשע 41,062 און אין 1897 שוין 219,141, מער ווי 5 מאָל מער. אין לאָדזש זיינען געווען ייִדן: אין 1856 נאָר 2,775 און אין 1897 שוין 98,677, דאָס הייסט כמעט 35 מאָל מער.[13]

די ייִדישע איינוואַנדערונג פֿון מיזרח־אייראָפּע ביז 1900 האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווי פֿון 1900 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ערשטע כוואַליע אויסוואַנדערערס איז געגאַנגען מערסטנס פֿון ייִדישע קליינע שטעטלעך פֿון דעקלאַסירטע קליינבירגערלעכע עלעמענטן. דעקלאַסירטע עקאָנאָמיש, אָבער מיט געשליפֿטע ייִדישע מוחות און מיט רירעוודיקע ייִדישע נשמות. די מערהייט איז דורכגעגאַנגען דעם חדר, אָפֿט אויך די ישיבֿה. און מיט ייִדישער עקשנות האָט מען זיך געלאָזט זוכן פּרנסה. ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף דער פֿראַגע, ווי אַזוי די אויסוואַנדערונג האָט זיך איבערגעוואָרפֿן פֿון די ריין דייטשע געגנטן קיין פּויזן, אַ פּוילישע פּראָווינץ, וועלכע איז ערשט 1815 אַריבער צו דייטשלאַנד; ווי אַזוי די פּויזענער עמיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן צוציִען קאָלישער און אַנדערע ייִדן פֿון די ראַיאָנען פֿון רוסיש־פּוילן בשכנות מיט פּויזן; און ווי אַזוי קלאַנגען וועגן גאָלדענעם לאַנד האָבן נאָך דעם דערגרייכט די פּראָווינצן פֿון ליטע און רוסיש־אוקראַיִנע, פֿון וואַנען מען האָט זיך ערשט נאָך די גרויסע פּאָגראָמען פֿון 1881 און 1882 אַ לאָז געטאָן אין גרויסע מאַסן.[14] פֿאַר אונדז איז דאָ נאָר וויכטיק פֿעסטצושטעלן, אַז פֿון 1900, באַזונדער פֿון 1905, נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, איז אַוועק אַ גרויסע אויסוואַנדערונג פֿון די

---

[13] Bohdan Wasiutyński, *Ludność żydowska w Polsce.* Warszawa, 1930, pp. 29, 37.

[14] זע: אב. קאַהאַן, בלעטער פֿון מיין לעבן, ניו־יאָרק, ב׳ 2, ז׳ 79.

גרעסערע שטעט פֿון אַרבעטנדיקע עלעמענטן, פֿון זעלבשטענדיקע בעלי־מלאָכות, אָבער אויך פֿון אַרבעטערס־פּראָלעטאַריערס.

דאָס זײַנען אָבער געווען פּראָלעטאַריערס גאָר פֿון אַן אַנדער מין. דאָס זײַנען ניט געווען קיין קינדער פֿון אַרבעטערס אָדער פֿון פּויערים, וועלכע זײַנען פֿון די קינדעריאָרן אָן געווען געוווינט אויב ניט אַליין צו טון שווערע אַרבעט, איז וויניקסטנס צו זען, ווי די עלטערן מאַטערן זיך תּמיד בײַ אַרבעט. דאָס זײַנען געווען מערסטן טייל קינדער פֿון ייִדישע קליינבירגערס, פֿון קרעמערס אָדער הענדלערס, פֿון פֿאַרשיידענע דעקלאַסירטע עלעמענטן, פֿון שדכנים, חזנים, רבנים און אַנדערע אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע נאָרדוי האָט אַ נאָמען געגעבן „לופֿטמענטשן". אין שטעטל איז געוואָרן ענג. האָפֿענונגען אויף עפֿענען אַליין אַ קלייטל אָדער ווערן אַ שדכן צי אַ רבֿ זײַנען געווען זייער וויניק, ווײַל די דאָזיקע פּרנסות זײַנען געווען געפּאַקט. אַ גרויסע ראָלע האָבן אויך געשפּילט די רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען וועלכע האָבן ביידע געוועקט און גערופֿן זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער קליינשטעטלדיקער פֿינצטערניש אָן פּערספּעקטיוון און זוכן אין דער וועלט אַ בעסער און שענער, אַ פֿרײַער און מענטשלעכער לעבן. איז מען געלאָפֿן אין די גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדזש, אָדעס, קאַטערינאָסלאַוו און אַנדערע און מען האָט זיך פּראָלעטאַריזירט. דאָס הייסט מען האָט זיך אויסגעלערנט אַ וועלכע ס'איז אַרבעט אין דער קליין־אינדוסטריע. אָבער גאָר גיך האָט די קאָנקורענץ אין די גרויסע שטעט אָנגענומען די קרענקלעכסטע פֿאָרמען, און מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַמעריקע.

דאָ האָבן ווידער געווירקט די בריוו פֿון אַמעריקע. די ייִדישע וועבערס פֿון ביאַליסטאָק אָדער לאָדזש וועלכע האָבן אין פּעטערסאָן פֿאַרדינט צוויי דאָלאַר אַ טאָג האָבן אין די אויגן פֿון די ייִדישע וועבערס פֿון די דערמאָנטע צוויי שטעט אויסגעזען ווי גאָר גרויסע גבֿירים, ווײַל דאָרטן האָט מען פֿאַרדינט 2 רובל, ד"ה איין דאָלאַר אַ וואָך. און דאָס זעלבע איז געווען מיט די שנײַדערס און מיט די שוסטערס און מיט די בייטערינס און ענלעכע. אין דער סטאַטיסטיק פֿון אַמעריקע זײַנען אָט די אַלע קליינשטעטלדיקע ייִדישע בחורים און מיידלעך פֿון ייִדישע קליינבירגערלעכע פֿאַמיליעס, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען אַ „קורס" פֿון פּראָלעטאַריער־לאַגע פֿון 3 אָדער 4 יאָר, שוין אַרײַן ווי קוואַליפֿיצירטע אַרבעטערס.

איינער פֿון די בעסטע קענערס פֿון די ערשטע עמיגראַנטן פֿון 1880 און די שפּעטערע יאָרן שרײַבט אין זײַנע זכרונות: „גליקלעך זײַנען געווען די וואָס האָבן געקאָנט אַ מלאָכה פֿון דער היים. די שנײַדערס, די סטאָליאַרעס און אַנדערע בעלי־מלאָכות פֿלעגן גאַנץ שנעל קריגן אַרבעט. אָבער דער גרעסטער טייל פֿון די דעקלאַסירטע ייִדישע אימיגראַנטן איז באַשטאַנען פֿון ניט־אַרבעטערס."[15]

---

[15] ב. ווײַנשטיין, ייִדישע יוניאָנס אין אַמעריקע. ניו־יאָרק, 1929, ז' 44.

ער שרײַבט װײַטער: „די קאָמיטעט־לײַט און זייערע פֿרײַנד פֿלעגן אָרויפֿ־נעמען די „גרינע“ אימיגראַנטן אַרבעטן צו זיך אין די שעפּער, און דאָרטן פֿלעגט מען זיי אויסלערנען אַ מלאָכה“.[16] און װײַטער: „פֿיל אימיגראַנטן פֿלעגן זיך אָנדינגען פֿאַר שוואַרצע אַרבעטערס בײַם אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפֿן, אויף די אײַזנבאַנען און אויך אויף די גרויסע פֿאַבריקן.“[17]

אַ פֿאַרשטעלונג פֿון דעם קליינבירגערלעכן מישמאַש וואָס האָט געשטראָמט אין די ערשטע יאָרן פֿון דער ייִדישער מיזרח־אייראָפּעיִשער מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע גיט ד״ר ב. האָפֿמאַן אין זײַן געשיכטע פֿון דער קלאָוק־אָפּע־רייטאָרס יוניאָן. ער שרײַבט:

„עס זײַנען געוואָרן קלאָוק־אָפּערייטאָרס געוועזענע ישיבֿה־בחורים, פּרי־קאָזטשיקעס, פֿאַרזיכערונגס־אַגענטן, האַלבע אינטעליגענטן, ייִדישע לערערס, בוכהאַלטערס, בעל־הבתּישע איידעמס, קרעמערס, הענדלערס אאַז״וו. אַן עלעמענט אין אַלגעמיין אַן אינדיווידואַליסטישער, ניט קיין דיסציפּלינירטער, אָבער אַ מער פֿעיִקער, רירעוודיקער, אומרויִקער און אומגעדולדיקער. אָט די אַלע מענטשן וואָס האָבן אין דער אַלטער היים ניט געוווּסט פֿון שווערער פֿיזישער אַרבעט האָבן זיך דאָ מיט איין מאָל אײַנגעשפּאַנט אין אַ מאַשין וואָס האָט געיאָגט פֿון זיי די נשמה.“[18]

וועגן דעם פּראָפֿעסיאָנעלן באַשטאַנד פֿון די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע אײַנוואַנדערערס פֿון ערשטן פֿערטל 20טן יאָרהונדערט האָבן מיר אָפֿיציעלע אַמעריקאַנער דאַטעס. פֿון 1899 זײַנען די דײַטשע עמיגראַנטן אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער גרופּע, און די דאָזיקע דאַטעס שפּיגלען אָפּ דעם ריכטיקן צו־זאַמענשטעל פֿון די ייִדישע אײַנוואַנדערערס.

אין דער אײַנוואַנדערונג פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער פֿון 1900 ביז 1925 האָבן די װײַטערדיקע באַשעפֿטיקונגען באַטראָפֿן:[19]

---

[16] דאָרטן.

[17] דאָרטן, ז׳ 47.

[18] ב. האָפֿמאַן, פֿופֿציק יאָר קלאָוקמאַכער־יוניאָן, ניו־יאָרק, 1936, ז׳ 22.

[19] Jakob Lestschinsky, "Die berufliche Zusammensetzung der jüdischen Einwanderung in die Vereinigten Staaten 1900-1925." In: *Weltwirtschaftliches Archiv*, Kiel, 1928, I, pp. 163-179.

באַאַרבעט אויפֿן סמך פֿון:

Annual Report of the Commissioner General of Immigration to the Secretary of Labor. Washington, D. C., 1901-1926.

	קוואַליפֿיצירטע באַשעפֿטיקונגען [20]	פּראָפֿעסיעס [21] ליבעראַלע
בײַ ייִדן	64.3	2.0
בײַ ענגלענדער	45.6	9.5
בײַ דײַטשן	32.1	4.6
בײַ רוסן	8.5	2.1
בײַ פּאָליאַקן	7.2	0.3
בײַ איטאַליענער	16.2	0.5

חוץ די דאָזיקע צוויי באַשעפֿטיקונג־גרופּעס זײַנען די איבעריקע באַשטאַנען דער עיקר: בײַ רוסן און פּאָליאַקן און איטאַליענער פֿון לאַנדווירטן, בײַ ייִדן פֿון הענדלערס, דינסטן און שוואַרצאַרבעטערס.

כּדי דאָס בילד זאָל זײַן קאָנקרעטער, וועלן מיר ברענגען די אַבסאָלוטע צאָלן פֿון די וויכטיקסטע עקאָנאָמיש אַקטיווע ייִדישע אײַנוואַנדערערס פֿאַר די יאָרן פֿון 1900 ביז 1925. ס׳זײַנען אין משך פֿון די 25 יאָר אַרײַנגעקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ייִדן עקאָנאָמיש אַקטיווע:

1)	קוואַליפֿיצירטע פֿון באַקלייד־אינדוסטריע	362,642
2)	" " האָלץ־באַאַרבעטונג און בוי	84,683
3)	" " מעטאַל	46,336
4)	" " שפּײַז	42,501
5)	" " זייגער־מאַכערס און יוועלירן	9,582
6)	" " בוכדרוקערײַ	9,282
7)	" " לעדער	8,017
8)	" " אַנדערע אינדוסטריע־צווײַגן	33,000
	צוזאַמען קוואַליפֿיצירטע	596,043
9)	ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבעטערס	102,739
10)	הענדלערס	59,141
11)	לאַנדווירטן	24,792
12)	הויזדינסטן	123,820

די דאָזיקע ציפֿער קאָנען פֿאַר אַ סך מענטשן זײַן אַ חידוש, אָבער זיי זײַנען די אָפֿיציעלע דאַטעס פֿון דעם אַמעריקאַנער אימיגראַציע־אַמט. און ס׳איז ניט געווען קיין שום אינטערעס דעמאָלט ניט אָנצוגעבן ריכטיק די פּראָפֿעסיע, ווײַל דאָס אַרײַנקומען איז געווען פֿרײַ, על־כּל־פּנים איז דאָס אַבסאָלוט ניט געווען אָפּהענגיק פֿון דער פּראָפֿעסיע.

[20] פּאַכאַרבעטערס, ווי שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליאַרעס, שלאָסערס אאַז״וו.

[21] דאָקטוירים, קינסטלערס, אַקטיאָרן, שרײַבערס אאַז״וו.

דער פּראָצענט ייִדן האָט באַטראָפֿן צווישן אַלע אײַנוואַנדערערס פֿון 1900 ביז 1925:

פֿון אַלע אײַנוואַנדערערס	10.3%
פֿון די אינדוסטריע־אײַנוואַנדערערס	25.8%
פֿון די שנײַדערס	65.1%
פֿון די הענדלערס	22.1%

ייִדן האָבן הייסט עס געגעבן כמעט צוויי דריטל פֿון אַלע אײַנגעוואַנדערטע שנײַדערס; העכער אַ פֿערטל פֿון אַלע קוואַליפֿיצירטע (skilled) אײַנוואַנ־דערערס בכלל; אָבער ווייניקער פֿון אַ פֿערטל פֿון אַלע אײַנגעוואַנדערטע הענדלערס.

די פֿיזיאָנאָמיע פֿון דער ייִדישער אײַנגעוואַנדערטער מאַסע איז אונדז געוואָרן גענוג קלאָר פֿון די אַלע געבראַכטע דאַטעס. לאָמיר איצטער זען, ווער האָט באַגלייט די גרויסע ייִדישע אײַנוואַנדערונג פֿון מיזרח־איראָפּע.

פֿון 1820 ביז 1930 האָבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אײַנגעוואַנדערט פֿון מיזרח־איראָפּע און דרום־איראָפּע (רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, אונגערן, יוגאָסלאַוויע, איטאַליע און אַנדערע), דאָס הייסט פֿון לענדער מיט גרויסע ייִדישע מאַסן, 13,944,454 — כמעט 14 מיליאָן מענטשן. אָבער פֿון די כמעט 14 מיליאָן האָבן אין די ערשטע 50 יאָר (1820 ביז 1870) אײַנגעוואַנדערט נאָר 69,279 אָדער נאָר 0.5%, און אין די לעצטע 60 יאָר (1870 ביז 1930) 13,874,725 אָדער 99.5%.[22] פֿאַר די זעלבע 110 יאָר האָבן אײַנגעוואַנדערט ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין קײַלעכיקע ציפֿער 2,900,000,[23] פֿון וועלכע ס'זײַנען אין די ערשטע 50 יאָר אַרײַן נאָר אַ וועלכע 100 טויזנט אָדער 3.4%; אַלע איבעריקע זײַנען געקומען נאָך 1870. ייִדן זײַנען הייסט עס געפֿאָרן צוזאַמען מיט די אַלע פֿעלקער, מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט און געהאַנדלט הונדערטער יאָרן. ס'זײַנען געפֿאָרן מיליאָנען פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער, לעטן, טשעכן, סלאָוואַקן, אונגאַרן, — אַלץ פֿון לענדער, ווו ייִדן האָבן אויסגעמאַכט פֿון צוויי דריטל ביז 90 פּראָצענט פֿון אַלע באַשעפֿטיקטע אין האַנדל. פֿון די דאָזיקע פֿעלקער זײַנען געפֿאָרן כמעט אויסשליסלעך פּויערים. קיין הענדלערס האָבן פֿון די דאָזיקע פֿעלקער ניט געקאָנט פֿאָרן, ווײַל זיי האָבן זיי פּשוט ניט פֿאַרמאָגט אין דער אַלטער היים.

פֿאַר אַ בײַשפּיל װעלן מיר ברענגען דעם פּראָצענט באַשעפֿטיקטע אין האַנדל בײַ עטלעכע פֿעלקער. לויט דער ציילונג פֿון 1897 זײַנען אין רוסלאַנד געווען באַשעפֿטיקט בײַ האַנדל:[24]

---

[22] Maurice R. Davie, *World Emigration*. New York, 1936, p. 53.

[23] יעקב לעשטשינסקי, די ייִדישע וואַנדערונג פֿאַר די לעצטע 25 יאָר. בערלין, 1927, ז' 6.

24 С. Прокопович. Об экономических основах национального вопроса. Прага, 1927, стр. 8.

ביי ייִדן	31.0%
ביי רוסן	3.1%
ביי אוקראַינער	0.9%
ביי ווײַסרוסן	0.3%
ביי פּאָליאַקן	1.5%

פֿון די ניט־ייִדן גיבן די רוסן דעם העכסטן פּראָצענט באַשעפֿטיקטע אין האַנדל, אָבער אויך צען מאָל ווייניקער ווי ייִדן. אָבער אמתע רוסן האָבן דעמאָלט זייער ווייניק געוואַנדערט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַרײַן. ס'זײַנען געפֿאָרן דער עיקר די איבעריקע דרײַ פֿעלקער, און זיי האָבן פֿון דער היים ניט געהאַט ניט קיין הענדלערס און ניט קיין האַנדלס־פּראַקטיק. זיי זײַנען אַ סך הונדערטער יאָרן געוווינט געוואָרן, אַז דער ייִד זאָל זיי אין דעם פּרט באַדינען. ערשט נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן די דאָזיקע אַלע פֿעלקער אָנגע־הויבן זייער אינטענסיוו אויסטיילן שטאַטישע מיטלקלאַס־עלעמענטן, און דאָס דערקלערט אין גאַר אַ גרויסער מאָס דעם צעפּלאַקערטן אַנטיסעמיטיזם.

אַ צווייטער אַרטיקל קומט.

נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן

פון ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר

ווערטער וואָס באַצייכענען אייגנשאַפטן פאַרמאָגן אין זיך אַ באַזונדער וואַרעמקייט, ווײַל אין זיי פילן מיר אַ דירעקטן אויסדרוק פון דער דרויסנדיקערווירקלעכקייט. ווען מען שטעלט אונדז פאַר אַ מענטשן און מען רופט אַן זײַן נאָמען, דיקטירט אונדז די געוויינטלעכע העפלעכקייט אים צו באַגעגענען מיט אַ „פרייט מיך אײַך צו קענען”, כאָטש דאָס „קענען” באַשטייט דאָ בלויז פון אַן אויבנאויפיקן אײַנדרוק פון אַ פיזישער פאָרם, און פון אַ קלאַנג, דעם נאָמען. ווען מען זאָגט אונדז אָבער וועגן אַ מענטשן, אַז ער איז אַ גוטמוטיקער, אָדער אַ פאַנטאַזיאָר, אָדער אַ שלימזל, כאָטש ער שטייט ניט פערזענלעך פאַר אונדזערע אויגן, פילן מיר דאָך, אַז די אייגנשאַפט־טערמינען גיבן אונדז אַ מעגלעכקייט זיך אין דער אמתן צו באַקענען מיטן פסיכישן אינהאַלט פון אַ מענטשן.

דאָס איז נאַטירלעך געבויט אויף צוויי פונדאַמענטאַלע הנחות. ראשית, אַז אין יעדן מענטשן זײַנען פאַראַן אָרגאַניזירטע פסיכישע נייגונג־סיסטעמען וואָס ווײַזן זיך אַרויס אויפן זעלביקן אופן בײַ פאַסיקע געלעגנהייטן. אַזעלכע ווערטער ווי „פאַנטאַזיאָר” וואָלטן קיין שום ווערט ניט געהאַט, אויב זיי וואָלטן בלויז אויסגעדריקט אַ צופעליקע כאַראַקטעריסטיק פון צופעליקע האַנדלונגען אין אַ צופעליקן מאָמענט. וואָרעם דעמאָלט וואָלט דאָך דאָס געווען ניט קיין אָפשפיגלונג פון אַ מענטשן, נאָר פון אַ פאַרגאַנגענעם אַקט זײַנעם וואָס וועט זיך אפשר שוין מער ניט איבערחזרן. כדי מיר זאָלן פילן, אַז די קוואַליטאַטיווע כאַראַקטעריסטיק באַקענט אונדז מיט די אַרבעט־אופנים פון אַ מענטשלעכער פסיכיק, איז נייטיק, מיר זאָלן איר צושרײַבן אַ געוויסע מאָס שטענדיקייט און אויסגעהאַלטנקייט. בלויז אַזאַ צוגאַנג וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט ניט בלויז אָפצושאַצן אַמאָליקע האַנדלונגען פון מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן אפשר קיין שום שײַכות ניט, נאָר אויך אויף וואָס מיר מעגן זיך ריכטן אין דער צוקונפט אין אונדזערע באַציִונגען מיט אָט די מענטשן.

והשנית איז דאָס געבויט אויף דער הנחה, אַז די אייגנשאַפט־טערמינען אין דער שפּראַך זײַנען אויסגעשטעלט אַקוראַט אויפן זעלביקן אופן, אויף וועלכן כאַראַקטעריסטישע פונקציעס זײַנען אָרגאַניזירט אין דער מענטשלעכער פסיכיק. אַזאַ וואָרט ווי „פאַנטאַזיאָר” נעמט אין זיך אַרײַן אַ מאַסע פּרטים וואָס פונקציאָנירן צוזאַמען ווי אַ געשלאָסענע סיסטעם. דאַרפן מיר הייסט עס

אָננעמען, אַז אין דער פסיכיק זײַנען אויך אַזאַ צאָל פּרטים סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירט, און די גאַנצע סיסטעם פונקציאָנירט אַקוראַט אויפן זעלביקן אופן ווי דאָס וואָרט דריקט אויס.

מען קען גלײַך אײַנזען, אַז די דאָזיקע צוויי הנחות רוקן אַרויס שווערע פסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. צי זײַנען בכלל פאַראַן אַזעלכע אָרגאַניזירטע נייגונג־סיסטעמען אין דער מענטשלעכער פסיכיק? צי זאָלן מיר אָננעמען, אַז דאָס פסיכישע לעבן פון יעדן מענטשן איז אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז עס ווערט צעטיילט אויף פאַרשיידענע קוואַליטאַטיווע קאָנסטעלאַציעס וואָס כאַראַקטעריזירן די אופנים, אויף וועלכע ער רופט זיך אָפּ אין פאַרשיידענע סיטואַציעס? אויב יאָ, צי ווערט דאָס אַלץ אויסגעדריקט, און ריכטיק אויסגעדריקט, דורך ווערטער און פּראַזעס פון דער שפּראַך? דער מענטשלעכער געדאַנק האָט שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק באַמערקט די דאָזיקע שוועריקייטן און זיך נאָך ביז איצט ניט באַרויִקט פון די הייסע וויכּוחים וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן.

פאַראַן אַזעלכע — מען וואָלט זיי געקענט רופן נאָמינאַליסטן אָדער ספּעציפיסטן — וואָס האַלטן, אַז ווערטער זײַנען ווערטער און ניט מער. די מענטשלעכע פסיכיק באַשטייט פון מיליאָנען געוווינהייטן, וואָס אין זייערע אָפּעראַציעס ווײַזן זיי אַרויס אַ גאַנץ שוואַכע טענדענץ זיך צו אָרגאַניזירן אין שטענדיקע סיסטעמען. איינער פון די באַרימטע פאָרשער אויף דעם פעלד פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען וועגן דער סכּנה וואָס שטעקט אין די פּערזענלעכקייט־טעסטן וואָס זײַנען איצט אַזוי פאַרשפּרייט אין פסיכאָלאָגיע. וואָרעם אין די טעסטן ווערן אַוועקגעשטעלט געוויסע כאַראַקטער־שטריכן. אַזאַ צוגאַנג „שטעלט אויף קודם־כּל די ניט־דערוויזענע הנחה, אַז אַזעלכע שטריכן זײַנען באמת פאַראַן".[1] אין אַלגעמיין האַלט ער, אַז מענטשן רופן זיך אָפּ אויף געשעענישן אויף ספּעציפישע, ניט אויף גענעראַליזירטע אופנים. בײַ אים קומט אויס, אַז אייגנשאַפט־טערמינען וואָס דריקן אויס אַן עקסטרעמען גענעראַליזירטן באַנעם פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן זײַנען פּשוט פאַרפּי־רעריש. זיי דריקן אויס טענדענצן פון שפּראַך, ניט פון דער לעבעדיקער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

דער פאַרקערטער בליק, אַז שפּראַכלעכע טערמינען שפּיגלען אָפּ אַקוראַט דאָס פסיכישע לעבן, האָט הײַנטיקע צײַטן ווייניק אָנהענגער צווישן פסיכאָ־לאָגן. ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיטל־עלטערישע רעאַליסטן. לויט יענע דענקער וואָלט געדאַרפט אויסקומען, אַז יעדער כאַראַקטער־שטריך אין אַ מענטשן איז בלויז אַ בלאַסער מאָדעל פון אַן אידעאַלן אָריגינאַל וואָס געפינט זיך אין אַ העכערער רעאַליטעט. אָבער די זעלביקע עקסטרעמקייט, כאָטש אָן דעם פילאָסאָפישן אונטערשלאַק, איז טיף אײַנגעוואָרצלט אינעם אַזוי גערופענעם „נאַיִוון רעאַליזם" פון טאָג־טעגלעכן דענקען. וואָרעם אַפילו

---

1 P. M. Symonds, *Diagnostic Personality and Conduct*, 1931, 22.

אַ פּסיכאָלאָג וואָס האַלט זיך שטאַרק בײַ דער טעאָריע פֿון ספּעציפֿישע גע־וווינהייטן אָדער שטריכן וועט פֿון דעסט וועגן אין טעגלעכן אומגאַנג כאַראַק־טעריזירן מענטשן לויט שטענדיקע און אויסגעהאַלטענע אייגנשאַפֿטן.

ווי תּמיד זײַנען אויך דאָ די עקסטרעמיסטן קליין אין צאָל. דאָס רובֿ פּסיכאָלאָגן שטיצט זיך אויף עמפּירישע, עקספּערימענטאַלע און טעאָרעטישע ראַיות וואָס בלײַבן ערגעץ אין מיטן צווישן די צוויי עקסטרעמען. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט די מיטעלע פּאָזיציעס זײַנען גאַנץ גרויס אין צאָל. ממילא בלײַבט נאָך אַלץ גענוג אָרט פֿאַר וויכּוחים און אויספֿאַרשונגען.

מען מוז מודה זײַן, אַז די פּראָבלעמען זײַנען אומגעהײַער שווערע און קאָמפּליצירטע. פֿון איין זײַט ווייסן מיר, אַז מענטשן וואָס ווערן כאַראַקטע־ריזירט ווי אַגרעסיוו, אָדער אַן געוויסן, אָדער צוגעלאָזן, זײַנען דאָס ניט בלויז אין איינמאָליקע פֿאַלן, און אַז דאָס וואָס זיי זײַנען פּסיכיש האָט פֿאַרט אַ פּאָזיטיווע שײַכות צו דעם וואָס די ווערטער דריקן אויס. פֿון דער אַנדערער זײַט קען אַ מענטש אַן אַגרעסיווער אין זײַן געשעפֿט שטענדיק בייגן דעם קאָפּ אין זײַן פֿאַמיליע־לעבן. דאָס אייגענע איז אויך ריכטיק וועגן די אַנדערע אייגנשאַפֿטן. זאָלן מיר אפֿשר זוכן אַ קלאַסיפֿיקאַציע פֿון אייגנשאַפֿטן וואָס טייל זײַנען שטענדיקע און גענעראַליזירטע און אַנדערע צײַטווײַליקע און ספּעציפֿישע? אפֿשר זײַנען אויך אַ טייל אַקוראַט פֿאַרטראָטן דורך ווערטער און אַנדערע ניט? און וואָס טוט מען מיט טערמינען וואָס אַרומיקע געשע־ענישן און צײַטן רופֿן אַרויס? אָט למשל האָט חסידות געבראַכט אַזעלכע כאַראַקטער־שילדערונגען ווי שיגעץ אָדער פֿאַרטאָן אין עצבֿות. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אונדז באַקענט מיט אַ יאָט און מיט אַ ריי אייגנשאַפֿט־אויס־דרוקן פֿון פֿרעמדע שפּראַכן. צי האָבן ייִדישע מענטשן פֿריִער די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן ניט פֿאַרמאָגט? צי זײַנען זיי יאָ געווען, נאָר די שפּראַך האָט זיי ניט אויסגעדריקט? וואָס זאָלן מיר דרינגען פֿון דעם וועגן דער אײַנגע־בוירנקייט פֿון כאַראַקטער־שטריכן? צי לאָזט זיך בכלל עפּעס דרינגען אין שײַכות צו דער דאָזיקער פּראָבלעם?

ווי שווער די דאָזיקע פּראָבלעמען זאָלן ניט זײַן, ווען עס גייט וועגן איינצלנע מענטשן, זײַנען זיי נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט גרופּעס, אָדער די גרעסערע קולטור־סיסטעמען וואָס מיר רופֿן פֿעלקער. וואָרעם די אַלע פֿראַגעס וואָס האָבן אַ שײַכות צו אינדיווי־דועלע אייגנשאַפֿטן ווערן אויף אַ האָר ניט פֿאַרמינערט, ווען עס גייט וועגן גרופּעס. אַחוץ דעם קומען נאָך צו נײַע וואָס זײַנען ניט ווייניקער ערנצט.

וואָס מיינען מיר אין דער אמתן ווען מיר זאָגן, אַז ייִדן, אָדער קליינ־בירגער, אָדער פֿרויען, אָדער קאַטויליקן, אָדער קינדער, אָדער מענטשן פֿון טראָפּישע לענדער, האָבן אַזעלכע און אַזעלכע אייגנשאַפֿטן? צי מיינען מיר צו זאָגן, אַז דאָס רובֿ איינצלנע מיטגלידער פֿון דער גרופּע באַזיצט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן? צי מיינען מיר אפֿשר, אַז די כאַראַקטע־

ריסטישע אייגנשאַפטן האָבן אַ שײַכות בלויז צו אַ מיעוט אין דעם קיבוץ, נאָר אָט דער כאַראַקטעריסטישער מיעוט איז גרעסער אין צאָל ווי מענטשן מיט ענלעכע אייגנשאַפטן אין אַנדערע גרופּעס? אויך דער לעצטער אויסטײַטש איז זייער מעגלעך. מיר ווייסן דאָס פֿון פֿיזישע שטריכן וואָס מיר שרײַבן צו צו גרופּעס. מיר ווייסן למשל, אַז גרויסרוסן צייכענען זיך אויס מיט אַ כאַ־ראַקטעריסטישער פֿאַרשאַרצטער נאָז. דאָס הייסט ניט, אַז אַלע רוסן האָבן אַזעלכע נעזער. פֿאַרקערט, די גרעסטע צאָל רוסן ווײַזט לחלוטין ניט אַרויס קיין כאַראַקטעריסטישע באַזפֿאָרם, אָבער בײַ רוסן געפֿינען זיך זיכער אַ גרעסערע צאָל מענטשן מיט פֿאַרשאַרצטע נעזער ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער. צי זאָל דאָס אויך זײַן אמת וועגן גײַסטיקע אייגנשאַפֿטן?

אַחוץ דעם, ווען עס קומט צו פֿעלקער, האָבן מיר נאָך צו טאָן מיט אייגנשאַפֿטן וואָס האָבן מער אַ שײַכות צו דער גרופּע אין איר גאַנצקייט ווי צו אירע איינצלנע מיטגלידער. ווען מיר זאָגן למשל, אַז אַ פֿאָלק פֿאַר־מאָגט אין זיך דעם כּוח לענגער אַנצוהאַלטן זײַן קיום אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע פֿעלקער, האָט דאָס נאַטירלעך קיין שום שײַכות ניט צו דער פֿיזישער לאַנגלעביקייט פֿון זײַנע איינצלנע מיטגלידער. מיר מעגן אויך אַננעמען, אַז קאָמפּגרייטקייט און קאָמפּעטיקייט פֿאַר נאַציאָנאַלע צילן האָט אַ קנאַפּע שײַכות צו די אינדיווידועלע קאַמף־אייגנשאַפֿטן פֿון די יחידים פֿון דער זעלביקער גרופּע, ווען די צילן זײַנען אינדיווידועלע. דאָך ניט געקוקט אויף די מוראדיקע קאָמפּליקאַציעס וואָס ליגן אין די פּראָבלעמען פֿון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן ווײַזן מיר זעלטן אַרויס די געהעריקע אָפּגעהיטקייט בײַם רעדן וועגן זיי.

אמת, מען דאַרף זיך ניט ריכטן, אַז דער נאַיווער רעאַליזם פֿון טאָג־טעגלעכן דענקען וועט ווערן מער איבערקלײַבעריש בעת ס׳ווערן אַנגערירט פֿראַגעס פֿון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן. אָבער די צרה איז, וואָס אַפֿילו אין געדרוקטע אַרבעטן, און אַפֿילו בײַ מענטשן פֿון אַ העכערן אינטעלעקטועלן קאַליבער, געפֿינען מיר די זעלביקע אָפּגעלאָזנקייט, און די זעלביקע טענדענץ רעטאָריש צו פֿאַרגלעטן מיט ווערטער דאָרט, ווו מען וואָלט זיך גיכער גע־דאַרפֿט אָנשטרענגען צו אַנאַליזירן באַגריפֿן.

אַ באַרימטער פֿראַנצייזישער דענקער פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט כאַראַקטע־ריזירט זײַן פֿאָלק אַזוי:

„איך קוק זיך צו מיט אויפֿמערקזאַמקייט צו אָט דעם פֿאָלק וואָס בא-שטייט פֿון רוימער, גאַליער און גערמאַנער, און איך האַלט, אַז איך באַמערק אין זײַן כאַראַכטער דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פֿונעם רוימער, די שטורעמ־דיקייט פֿונעם גאַליער, די אָפֿנקייט פֿונעם גערמאַנער; פּונקט ווי איך געפֿין אין זײַנע באַנעמונגען די גרויסשטאָטישקייט פֿונעם ערשטן, די לעבעדיקייט פֿונעם צווייטן, די איינפֿאַכקייט פֿונעם דריטן. עס איז אין גאַנצן נשמה, אין גאַנצן סענטימענט, אין גאַנצן האַנדלונג. דער פֿראַנצויז פֿילט, ווען

אַנדערע טראַכטן, ער האַנדלט, ווען אַנדערע האָבן ייִשובֿ־הדעת; בײַ אים קומט האַנדלונג פֿריִער פֿון געדאַנק. ער איז שרעקלעך אין זײַנע פֿעלערן, עקסטרעם אין זײַנע מעלות. ער פֿאַרמאָגט ווייניקער פֿאַרדאָרבנקייט ווי לײַדנשאַפֿט; לײַכטזיניק, און פֿאָרט פֿעיִק אויף אויסגעהאַלטנקייט, שטאָלץ, און פֿאָרט פֿעיִק זיך אונטערצוּוואַרפֿן, שטורעמדיק, און פֿאָרט פֿעיִק אויף צו באַטראַכטן זיך; אײַנגעגלייבט אין זיך אַפֿילו ביז חוצפּה, אַקטיוו, אַז ער קען אַפֿילו באַווײַזן ווּנדער, מוטיק ביז אומבאַרעכנטקייט, זײַנע מעלות זײַנען זײַנע אייגענע, און צו אָפֿט שטאַמען זײַנע חסרונות פֿון די וואָס רעגירן איבער אים".[2]

מען קען בשום־אופֿן ניט זאָגן, אַז אַלע אַכטגעבער זעען אַקוראַט די זעלביקע שטריכן סײַ אין די פֿראַנצויזן, סײַ אין די ראַסן־עלעמענטן, פֿון וועלכע זיי באַשטייען. אַזוי זאָגט למשל גרענט עלען וועגן די ענגלענדער, אַז „דאָס טעווטאָנישע בלוט טיילט אָפּ אונדזער אַ ביסל פֿאַמעלעכדיקן און באַשטענדיקן כאַראַקטער פֿונעם מער לאָגישן אָבער פֿרייליכן און אומ־סטאַבילן גאַליער, דאָס קעלטישע בלוט טיילט אונדז אָפּ פֿונעם אַ סך מער פֿאַמעלעכדיקן שווערן און ווייניקער רירעוודיקן אָדער ווייניקער פֿאַנטאַזירנדיקן טעווטאָן פֿון דײַטשלאַנד און סקאַנדינאַוויע".[3]

דער „מער לאָגישער גאַליער" פֿון דער דאָזיקער באַשרײַבונג שטימט ניט אין גאַנצן מיט זײַנע אייגענע אַנדערע אַדיעקטיוון און מיטן פֿריִערדיקן בילד פֿון דער זעלביקער גרופּע.

נעמען מיר ווידער דעם לעצטן אײַנדרוק פֿון די טעווטאָנען פֿון דײַטשלאַנד און סקאַנדינאַוויע, איז ער ווידער ניט שווה־בשווה מיט די מיינונגען פֿונעם סקאַנדינאַווישן ליטעראַטור־פֿאָרשער יאַלמאַר יאָרט. יענער וויל גאָר האָבן, אַז די דענער זײַנען אין גאַנצן אַנדערש אין שײַכות צו געוויסע שטריכן וואָס ווערן אָפֿט צוגעשריבן די נאָרדישע פֿעלקער. ער זאָגט:

„פֿאַראַן עפּעס ווייכס און עמאָציאָנעלס אין כאַראַקטער פֿון די דענער וואָס טיילט זיי אויס פֿון זייערע נאָרוועגישע און שוועדישע קרובֿים, אַ לײַכט שוועבנדיקער לירישער אָדער וואָס באַהויכט מיט אַ צוציִענדיקער וואַרעמקייט און האַרציקייט זייערע מאַנירן".[4]

דאָ איז בעצם ניט אַזוי וויכטיק דער פֿאַקט, וואָס ניט אַלע אַכטגעבער באַקומען די זעלביקע אײַנדרוקן פֿון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן, ווי דאָס וואָס זיי האַלטן, אַז מיר דאַרפֿן זיך ערנצט רעכענען מיט זייערע מיינונגען, בעת זיי ווײַזן ניט אַרויס קיין שום פֿאַרשטענדעניש אַפֿילו פֿאַר די מעטאָדישע

---

2 Louis Gabriel Ambriose Vicomte de Bonald, *Legislation Primitive*, I, 295.

ציטירט פֿון:
C. J. H. Hayes, *Historical Evolution of Modern Nationalism*, 1931, 99.

3 Grant Allen, *Anglo-Saxon Britain*, 1884, 229.

4 Hjalmar Hjorth, *Essays on Scandinavian Literature*, 1895.

שווערקייטן אַזעלכע מיינונגען צו קאָנטראָלירן. אַט למשל דערציילט אַן ענגלישער שרײַבער וועגן ייִדן, אַז לויט זייער טבֿע ווערן זיי באַהערשט פֿון שפּירלעבן:

„נאָך מער, אַט די זעלביקע פּשוטע סענסועלע טענדענץ פֿון דער ייִדישער פּסיכיק, וואָס מען קען ניט אָפּפֿרעגן, ווײַזט זיך אַרויס אויף נאָך אַן אופֿן, דורך אויסדריקן ניט בלויז געפֿילן נאָר אויך געדאַנקען אין טרעפֿלעכע און שאַרפֿע בילדער.[5]

מען קען לײַכט הושד זײַן, אַז דער דאָזיקער שרײַבער האָט אין זינען דעם תּנך. אַנדערש וואָלט ער אפֿשר אַזאַ אײַנדרוק ניט באַקומען. פֿאַר וואָס זאָל מען פֿאַרבײַגיין דעם חשד, אַז אויך אין די שילדערונגען פֿון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן פֿון אַנדערע פֿעלקער זײַנען זיך די שרײַבער סומך אויף פֿאַראייִנצלטע אײַנדרוקן, אָדער אויף אַזעלכע וואָס שטאַמען בלויז פֿון באַשטימטע צײַטן און באַדינגונגען? דאָס געפֿיל, אַז מען מעג זיך פֿילן אין גאַנצן פֿרײַ, אָן אחריות, בײַם באַשרײַבן נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן דערגרייכט טייל מאָל ממש לעכערלעכע מדרגות. איין שרײַבער דערקלערט ניט מער און ניט ווייניקער אַז: „די גאַליער און די לאַטײַנער זײַנען תּמיד געווען גלײַכגילטיק צו הויכע געדווישן און שטאַרקע ריחות“.[6]

מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם פּרט זײַנען די גרעסטע זינדיקע די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן פֿון צײַטונגען. זיי שרײַבן אָפֿט אָן דער מינדסטער צוריקגעהאַלטנקייט וועגן כאַראַקטער־שטריכן פֿון פֿעלקער און לענדער נאָך אַ קורצן וויזיט פֿון טעג אָדער וואָכן. זאָלן עטלעכע בײַשפּילן זײַן גענוג. העראַלד קאַלענדער פֿון דער New York Times לאָזט אונדז וויסן, אַז „די איטאַליענער זײַנען לאַטײַנער, און דער דורכשניטלעכער ענגלענדער קען קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין די לאַטײַנער“.[7] וואָלטער דוראַנטי האָט אַ סך באַמערקונגען וועגן פֿעלקער און ראַסעס אין זײַן בוך „איך שרײַב ווי מיר געפֿעלט“. וועגן די רוסן זאָגט ער:

„די רוסן זײַנען אַ ראָמאַנטיש פֿאָלק, וואָס זייער אינעווייניקסטער חוש פֿאַר דראַמע איז שטאַרקער ווי זייער אָפּשײַ פֿאַרן אמת. דער דורכשניטלעכער רוס וועט אײַך גיכער דערציילן דאָס וואָס איר ווילט הערן, ספּעציעל ווען עס איז עפּעס אומגעווײַנטלעכס“.[8]

ווען עס קומט צו ייִדן האַלט ער זיך נאָך בײַ דער טעאָריע וועגן אַ ייִדישער נאָז,[9] כאָטש אַנטראָפּאָלאָגישע פֿאָרשונגען האָבן לאַנג צו נישט געמאַכט דעם דאָזיקן אײַנדרוק.

---

[5] John Livingston Lowes, *Essays in Appreciation*, 1936, 9.

[6] D. B. Wyndham Lewis, *François Villon*, 40.

[7] Harold Calender, "Italy's Mare Nostrum or Britain's Life Line?" *New York Times*, Oct. 24, 1937, Magazine Section.

[8] Walter Duranty, *I Write as I Please*, 1935, 129.

[9] דאָרט, 257.

מען מוז מודה זײַן, אַז בנוגע געוויסע שטריכן פֿון טייל פֿעלקער איז פֿאַראַן אַן אַלגעמיינע הסכּמה צווישן מענטשן. ווער קען עס ניט דעם גרינטלעכן דײַטש, דעם וויציקן אירלענדער, דעם עלעגאַנטן פֿראַנצויז, דעם איבערגעשפּיצטן ייִד, דעם ערנצטן ענגלענדער? זאָלן מיר זאָגן, אַז דאָס זײַנען אַלץ בלויז ווערטער וואָס האָבן ניט קיין שום שײַכות צו אַן אָביעקטיווער כאַראַקטעריסטיק? אַזאַ סקעפּטיציזם וואָלט געווען פֿאַרפֿירעריש. אַלגעמיינע אײַנדרוקן וואָס זײַנען אַזוי ברייט און לאַנג אײַנגעוואָרצלט פֿאַרדינען, אַז אַפֿילו די שטרענגסטע אויספֿאָרשונגען זאָלן זיך מיט זיי רעכענען. עס איז שווער אָנצונעמען, אַז זיי זײַנען בלויז צופֿעליקע עפּיטעטן. אָבער בלויז גרונטיקע אויספֿאָרשונגען וועלן פֿעסטשטעלן, ווי ווײַטגרייכנדיק זיי זײַנען, ד״ה, סײַ אין שײַכות צו דער צאָל מענטשן, סײַ אין שײַכות צו דער צאָל לעבנס־סיטואַציעס, ווו זיי ווײַזן זיך אַרויס בײַם געגעבענעם פֿאָלק. אַזעלכע פֿאָרשונגען וועלן אויך קענען מיט מער פּרטים און פּינקטלעכקייט אָנווײַזן, וואָס מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין אונטער אָט די אייגנשאַפֿט־טערמינען.

ווען עס קומט צו פֿעלקער, הייבט זיך אויך אויף נאָך מיט מער שאַרפֿקייט די פֿראַגע וועגן די ביאָלאָגישע קולטורעלע פֿאַקטאָרן אין נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן. די דאָזיקע פֿראַגע האָט ניט בלויז אַ טעאָרעטישן, נאָר אויך אַ פּראַקטישן ווערט. אין אַלע אַרגומענטאַציעס פֿון דעם סאָרט רײַסט זיך דורך די הנחה, אַז דאָס וואָס ס'איז ביאָלאָגיש פֿאַראַנקערט אין דער מענטשלעכער פּסיכיק לאָזט זיך ניט בײַטן, דער תּוך מוז תּמיד בלײַבן דער זעלביקער. פֿאַרקערט ווידער, דאָס וואָס די קולטור־סבֿיבֿה רופֿט אַרויס קען לײַכט פֿאַרשווינדן בײַ געהעריקע קולטורעלע שינויים. אויב דאָס איז ריכטיק, שטייען מיר פֿאַר אַ פּראָבלעם, וואָס אירע מעגלעכע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן זײַנען ממש ניט אָפּצושאַצן, וואָרעם אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז אַלע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן, אָדער אַפֿילו אַ געוויסע צאָל פֿון זיי, ווערן באַשטימט פֿון אַרומיקן לעבן, דעמאָלט האָבן מיר פֿאַר זיך אַ פֿאַרטיקן מעכאַניזם צו בײַטן די טבֿע פֿון אַ פֿאָלק. אויב אַפֿילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז געירשנטע פּסיכישע שטריכן קענען זיך יאָ בײַטן, וואָלטן מיר אַלץ געקענט דרינגען פֿון אַזעלכע פֿאָרשונגען, וואָס עס דאַרף זײַן דער מעטאָדישער צוגאַנג, כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין די פּסיכישע מאַניפֿעסטאַציעס אין סאָציאַלן לעבן.

מיר האָבן גענוג ראַיות וואָס לייגן דעם טראָפּ אויף דער מעגלעכקייט, אַז אייגנשאַפֿטן פֿון פֿעלקער באַזירן זיך דער עיקר אויף קולטור־סיסטעמען און קולטור־טראַדיציעס. עס איז שוין פֿריִער באַמערקט געוואָרן, אַז די אייגנשאַפֿטן פֿון פֿעלקער וואָס ווערן אַלגעמיין אָנגענומען האָבן אַ זיכערן ווערט, און מען דאַרף זיך מיט זיי רעכענען. זעען מיר אָבער, אַז אָנגענומענע כאַראַקטעריזירנדיקע אַדיעקטיוון וועגן פֿעלקער האָבן זיך געביטן אין פֿאַרשיידענע צײַטן, וואָס דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן, אַז פֿאַרשיידענע צײַטן און לעבנס־תּנאים האָבן אַרויסגערופֿן אַנדערע קוואַליטאַטיווע מאַניפֿעסטאַציעס. אַזוי דערקלערט מאָריס קאָהען:

„פֿאַר דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע האָבן גרויסע היסטאָריקער ווי גיבאָן געקענט קוקן אויף די ענגלענדער ווי אומרויִקע און פֿאַרגלײַך מיט די אײַנגעהאַלטענע פֿראַנצויזן. אין נײַנצנטן יאָרהונדערט זײַנען גאָר די פֿראַנצויזן באַטראַכט געוואָרן ווי לײַכטזיניקע. די פֿאַרחלומטע דײַטשן וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַן אימפּעריע פֿון פֿאַנטאַזיעס אין אָנהייב פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך באַוויזן אין גאָר אַ אַנדער ליכט אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט".[10]

פֿראַנץ באָאַז גיט איבער עטלעכע פֿאַלן אַזעלכע און באַמערקט:

„די טומלדיקע פֿרייד פֿון לעבן אין עליזאַבעטישן ענגלאַנד און די צניעות פֿון וויקטאָריעס צײַט ווײַזן נאָך אַ שלאָגנדיקן בײַשפּיל, ווי אַזוי די פּערזענלעכקייט פֿון אַ פֿאָלק קען זיך בײַטן אין אַ קורצער צײַט. דער איבערגאַנג פֿונעם ראַציאָנאַליזם פֿון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט צום ראָמאַנטיזם פֿון אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט איז נאָך אַ בײַשפּיל".[11]

קאַנט האָט געהאַלטן, אַז די ענגלענדער זײַנען אַ פֿאָלק מיט קאַפּריזן, און מילטאָן האָפֿט, אַז אַ גוטע דערציִונג וועט אויסהיילן די ענגלענדער פֿון זייער לײַכטזיניקייט[12]. ווער וועט הײַנט זאָגן אַזוינס וועגן ענגלענדער?

נאָך שאַרפֿער ברענגט אַרויס באָאַז אין פֿריִער ציטירטן אַרטיקל די קראַפֿט פֿון קולטור־פֿאַקטאָרן אין מענטשלעכן לעבן, ווען ער דערציילט, אַז דער ניו־יאָרקער מעיאָר לאַגוואַרדיאַ באַנוצט אַמעריקאַנער זשעסטן, ווען ער רעדט ענגליש צו אַמעריקאַנער, און איטאַליענישע, ווען ער רעדט איטאַליעניש צו איטאַליענער.

ניט קיין קלענערע ראַיה פֿאַרן זעלביקן געדאַנק איז אויך אָט וואָס: אַנטראָפּאָלאָגישע פֿאָרשונגען ברענגען אַרויס אַזעלכע שטריכן אין פּרימיטיווע לעבנס־שטייגערס, וואָס מיר האַלטן פֿאַר אַ סתּירה צום עצם באַגריף וועגן דער מענטשלעכער נאַטור. עס קומט אויס, אַז אַפֿילו אַזעלכע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון מענטשלעכן אויפֿפֿיר וואָס מיר האַלטן פֿאַר פֿונדאַמענטאַל און אַלגעמיין מענטשלעך ווײַזן זיך אַרויס צו זײַן בלויז פּראָדוקטן פֿון געוויסע קולטור־פֿאָרמען. אַזעלכע בײַשפּילן קען מען ברענגען לרובֿ. לאָמיך כאָטש אָנווײַזן אויף איינעם פֿון זיי. בענעדיקט גיט איבער וועגן די עסקימאָסן, אַז ווען איינער פֿון זיי הרגעט דעם פֿאָטער פֿון אַ פֿאַמיליע, קען די פֿאַמיליע פֿונעם הרוג אָננעמען פֿאַר אַ באַלוינונג, אַז דער מערדער זאָל ווערן דער מאַן פֿון דער אַלמנה. דערמיט, הייסט עס, ווערט פֿאַרריכט דער שאָדן וואָס דער מאָרד האָט געמאַכט[13]. ווער וואָלט זיך אין אונדזער קולטור־ספֿערע געקענט ריכטן, אַז אַזאַ מאָראַל קען געמאָלט זײַן בײַ מענטשן?

---

10 Morris Raphael Cohen, *Reason and Nature*, 1931, 339.

11 F. Boas, "Heredity and Environment," *Jewish Social Studies*, I, Jan. 1939, 13.

12 John Milton, *A Free Commonwealth, Prose of Milton*, 144.

13 Ruth Benedict, *Culture Patterns*, 1934, 256.

דאָס אַלץ באַווײַזט, אויף ווי ווײַט מיר דאַרפֿן זיך אונטערגאַרטלען, ווען מיר ווילן אויסקלײַבן די פּאַסיקע מעטאָדן אויף אויסצופֿאָרשן די פּראָבלעמען פֿון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן. קודם־כּל דאַרף מען זיך היטן פֿאַר די פּאַסטקעס פֿון שפּראַך. מען דאַרף למשל ניט דורכפֿירן די אַרבעט אַזוי ווי ס'וואָלט טאַקע געווען זיכער, אַז די אָרגאַניזירטע נייגונג־סיסטעמען אין מענטשן, אויב אַזעלכע זײַנען בכלל דאָ, צעטיילן זיך אַקוראַט אַזוי ווי אייגנשאַפֿט־טערמינען אין דער שפּראַך. דאָס הייסט, מען דאַרף באַלד אָנהייבן מיט אויספֿאָרשן פּסיכישע פֿונקציעס אין געוויסע סיטואַציעס, און ניט די אַבסטראַקטע שפּראַך־געגעבענע קוואַליטעטן ווי געטרײַשאַפֿט, מילדקייט, טאַקט, גרויסהאַלטעריש־קייט, אאַז"וו.

פּונקט אַזוי איז וויכטיק, אַז מען זאָל ניט אָננעמען לכתּחילה דאָס וואָס מען דאַרף ערשט פֿעסטשטעלן. עס וואָלט למשל געווען פֿאַרפֿיריש, ווען מען קלײַבט זיך אויסצוגעפֿינען, צי געוויסע פֿעלקער פֿאַרמאָגן דעם שטריך פֿון לײַכטזין אָדער די נייגונג צו קאָנקרעטקייט. מען קען ניט גיין מיט אַזאַ דרך אײדער מיר האָבן וויסנשאַפֿטלעך פֿעסטגעשטעלט, צי עס זײַנען בכלל פֿאַראַן אַזעלכע שטענדיקע נייגונגען בײַ מענטשן און אײדער מיר האָבן באַשלאָסן, וואָס מיר מיינען, ווען מיר זאָגן דאָס וועגן פֿעלקער.

מיר דאַרפֿן זיך אויך באַוואָרענען ניט געשטרויכלט צו ווערן מיט אַ צוגאַנג וואָס באַהויכט אייגנשאַפֿטן מיט אַן אָטעם פֿון אַבסאָלוטקייט בעת זיי זײַנען לכל־הדעות בלויז רעלאַטיוו. ווען מיר נעמען זיך אונטער צו באַווײַזן וואָס ייִדן זײַנען, אָדער וואָס פּראַנצויזן זײַנען, קען שוין אין דעם אַליין ליגן זייער אַן ערנצטער טעות.

עס קומט אויס, אַז דאָס גלײַכסטע וואָלט געווען אַכטונג צו געבן און פֿאַרצייכענען, ווי אַזוי מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער האַנדלען בײַ געוויסע קאָנקרעטע סיטואַציעס. כּדי דער פֿאַרגלײַך זאָל בכלל מעגלעך זײַן, איז אויך נייטיק צו צעטיילן די סיטואַציעס אויף איין באַשטימטן אופֿן, אויסאַרבעטן אַ נאָרמע פֿאַר די עלעמענטן וואָס מען וויל אַרויסברענגען און שאַפֿן אַן איינהייטלעכע פֿאָרם פֿון פֿאַרצייכענען אַלע אַכטגעבונגען. פֿאַרשטייט זיך, אין ליכט פֿון דעם וואָס ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן דאַרפֿן די פֿאַרצייכענונגען ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן שפּראַך, דער עיקר אייגנשאַפֿט־טערמינען.

דאָס אַלץ ווערט בולטער אַרויסגעבראַכט אין אַן אַרבעט וואָס איך האָב מיט אַ קורצער צײַט צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט [14]. איך האָב פֿאַר זיך אויסגעקליבן בלויז איין ווינקל פֿון דער האַנדל־סיטואַציע, דעם פּראָצעס פֿון קויפֿן אַרטיקלען. עס איז כּמעט אַן אַלגעמיינער אײַנדרוק, אַז אין פּראָצעס פֿון

---

[14] לייבוש לעהרער, ייִדן וועגן ייִדן אין: „ייִדישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען", 1940, זז' 155־208.

קויפן ווײַזן מענטשן אַרויס אויף אַ בולטן אופן געוויסע אייגנשאַפטן וואָס שטרײַכן אונטער זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט, בקיצור אַז דער „קונה“ איז אַ כאַראַקטעריסטיש נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגיש באַשעפעניש. מײַן אויפגאַבע איז געווען פעסטצושטעלן די ריכטיקייט אָדער ניט־ריכטיקייט פון אָט דעם אײַנדרוק.

פּינקטלעך ווי אַזוי די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן ווערט דערציילט אין בוך וואָס איז פריִער דערמאָנט געוואָרן. איך וועל דאָ בלויז פאַרצייכענען געוויסע פּרטים, אויף וויפל דאָס איז נייטיק פאַר די ווײַטערדיקע מאַטעריאַלן וואָס זײַנען אין יענער אַרבעט ניט אַרײַן און וואָס איך קלײַב זיך איצט איבערצוגעבן.

די דירעקטע אַרויסהעלפער אין דער אַרבעט זײַנען געווען די אָנגעשטעלטע פון פינף געשעפטן אין און אַרום ניו־יאָרק. זיי האָבן פאַר זיך געהאַט מײַנעם אַ געדרוקטן פאָרמולאַר, ווו די קויף־סיטואַציע איז צעטיילט געוואָרן אויף צוועלף באַזונדערע פּונקטן: די טענדענץ צו דינגען זיך, אַרויסצווײַזן אומצוטרוי צום פאַרקויפער אאַז״וו. דער אָנגעשטעלטער האָט בלויז געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אָט די צוועלף פּונקטן. האָט אַ קונה אַרויסגעוויזן דעם שטריך וואָס אַ פּונקט ברענגט, האָט דער אָנגעשטעלטער געדאַרפט אַוועקשטעלן אַ פּלוסצייכן אויפן פאָרמולאַר בײַם געגעבענעם פּונקט; אויב ניט, איז אַ מינוס־צייכן.

אויף אַזאַ אופן זײַנען אויסגעמיטן געוואָרן אי די מעגלעכע טעותן פון שפּראַך, אי די חסרונות פון דעם אַנקעטע־מעטאָד, בײַ וועלכע דער סוביעקט אַליין דאַרף דערקלערן זײַנע געפילן אָדער מיינונגען. דער אַנקעטע־מעטאָד ווירקט אָפּט, אַז דער סוביעקט זאָל, אַפילו אומבאַוווסטזיניק, צעטיילן פּסיכישע שטריכן אויף גוטע און שלעכטע און ממילא זאָל ער שטיין פאַר אַ פּראָבלעם ניט בלויז פון אויסקלײַבן צווישן סתם פאַקטן, נאָר פון אויסקלײַבן צווישן אייגנשאַפטן, וואָס טייל פון זיי זײַנען מאָראַליש העכער און אַנדערע נידעריקער. אַחוץ דעם האָט דער אָנגענומענער מעטאָד אויך אויסגעמיטן דעם פעלער פון צו ברייטער גענעראַליזאַציע. דער אָנגעשטעלטער האָט ניט געדאַרפט פאַרצייכענען, צי דער קונה פאַרמאָגט למשל די אַלגעמיינע אייגנשאַפט פון אומצוטרוי, נאָר צי ער ווײַזט אַרויס אומצוטרוי צום פאַרקויפער אין מאָמענט פון קויפן אַן אַרטיקל. דאָס איז גענוג קאָנקרעט און ספּעציפיש, אַז מען זאָל עס קענען ממשותדיק דערזען.

אַרום און אַרום זײַנען אויסגעפאָרשט געוואָרן דרײַ עטנישע גרופּעס — ייִדן, אַמעריקאַנער און איטאַליענער — און אויך נעגער. אונטער ייִדן דאַרף מען פאַרשטיין אַלע ייִדן, סײַ אימיגראַנטן, סײַ הי געבוירענע. מיט אַמעריקאַנער האָבן מיר אין זינען אַלע ניט־ייִדן וואָס ווײַזן ניט אַרויס, אין שפּראַך און באַנעמונגען, קיין שום סימן פון פרעמדקייט. פאַר איטאַליענער ווערן בלויז פאַררעכנט אימיגראַנטישע איטאַליענער. די פינף געשעפטן ווערן באַצייכנט

מיט די ערשטע פינף אותיות פונעם אלף־בית. עס דארף נאך צוגעגעבן ווערן, אז יידן און אמעריקאנער געפינען מיר אין אלע פינף געשעפטן, אבער איטא־ליענער און נעגער בלויז אין פיר. אין געשעפט „ד" זיינען ניט געווען קיין איטאליענישע קונים, און אין „ה" זיינען ניט געווען קיין נעגער.

דער קריטישער מאמענט וואס דארף העלפן פעסטשטעלן, צי עס זיינען פאראן נאציאנאלע איגנשאפטן אין קויפפראצעס, באשטייט אט אין וואס: מען דארף פארגלייכן די האנדלונגען פון קונים פון א באשטימטער עטנישער גרופע אין די פארשיידענע געשעפטן, און דערנאך פארגלייכן די דאזיקע רעזולטאטן מיט די האנדלונגען פון די אנדערע גרופעס אין יעדן געשעפט באזונדער. אויב מיר וועלן למשל אויסגעפינען, אז איטאליענער האנדלען מער איינהייטלעך אין וועלכן געשעפט זיי זאלן ניט זיין, און טיילן זיך אפ אין דעם פרט פון די אנדערע גרופעס, וועלן מיר דארפן באשליסן, אז עס זיינען טאקע פאראן ספעציעלע איטאליענישע שטריכן אין קויפפראצעס. דאס זעלביקע איז נאטירלעך ריכטיק אויך פאר די אנדערע גרופעס. מען דארף הייסט עס פארגלייכן די צאל פלוסן וואס די מיטגלידער פון יעדער עטנישער גרופע באקומען אין די פארשיידענע געשעפטן, און דערנאך זען, ווי גרויס די דאזיקע אונטערשיידן זיינען אין פארגלייך מיט די אונטערשיידן אין דער צאל פלוסן וואס די באזונדערע עטנישע גרופעס באקומען אין זעלביקן געשעפט. לאמיר זיך איצט באקענען מיט די פאקטן.

ווי שוין באמערקט, זיינען יידן און אמעריקאנער געווען פארטראטן אין אלע פינף געשעפטן. ווען מיר ווילן אויסגעפינען די אונטערשיידן אין די האנדלונגען פון, לאמיר זאגן, יידישע קונים צווישן איין געשעפט און דעם צווייטן, און אין אלע 12 פונקטן, זיינען פאראן אזעלכע צען מעגלעכע אונ־טערשיידן: צווישן יידישע קונים אין געשעפט א און יידישע קונים און געשעפט ב, צווישן א און ג, צווישן א און ד, צווישן א און ה, צווישן ב און ג, צווישן ב און ד, צווישן ב און ה, צווישן ג און ד, צווישן ג און ה, צווישן ד און ה. אקוראט דאס זעלביקע דארף מען אויך אויסרעכענען פאר די אמעריקאנער. איטאליענער און נעגער זיינען געווען פארטראטן בלויז אין פיר געשעפטן. קומט אויס, אז ביי זיי זיינען מעגלעך בלויז זעקס אונטערשיידן צווישן איין געשעפט און דעם צווייטן. דאס איז געזעדט גע־ווארן, ווען מיר האבן אין זינען ניט יעדן פונקט פון פארמולאר, נאר א דורכ־שניט פון אלע 12 צוזאמען. ווען מיר מאכן א דורכשניט פון די דאזיקע אלע דורכשניטן פון יעדער פון די פיר גרופעס, וועט זיך באקומען דער אלגעמיינער דורכשניטלעכער פראצענטועלער אונטערשייד וואס מיר באמערקן ביי די מיטגלידער פון יעדער גרופע, ווען מיר פארגלייכן זייערע האנדלונגען ביים קויפן ארטיקלען אין די פארשיידענע געשעפטן. דעם דאזיקן חשבון געפינען מיר אין טאבעלע ו.

טאַבעלע I

אונטערשיידן אין פּראָצענט פּלוסן בײַ דער זעלביקער גרופּע צווישן איין געשעפט און דעם צווייטן

יידן — — — —	24.29
אַמעריקאַנער — —	19.50
איטאַליענער — —	25.31
נעגער — — —	25.41

די דאָזיקע טאַבעלע ווײַזט אונדז די אונטערשיידן אין די קויפּהאַנדלונגען פון די מיטגלידער פון יעדער גרופּע אומאָפּהענגיק פון די געשעפטן ווו דאָס קומט פאָר. לאָמיר איצט באַטראַכטן די אונטערשיידן צווישן די מיטגלידער פון איין גרופּע און דער צווייטער אין יעדן געשעפט באַזונדער. אַזוי ווי עס זײַנען פאַראַן פיר גרופּעס, זײַנען מעגלעך זעקס אונטערשיידן: צווישן יידן און אַמעריקאַנער, צווישן יידן און איטאַליענער, צווישן יידן און נעגער, צווישן אַמעריקאַנער און איטאַליענער, צווישן אַמעריקאַנער און נעגער, צווישן איטאַליענער און נעגער, דאָ טוען מיר ווידער דאָס זעלביקע וואָס פריער. מיר מאַכן צום ערשט אַ דורכשניט פון אַלע 12 פונקטן, און דערנאָך אַ דורכשניט פון די דורכשניטן פון אַלע זעקס מעגלעכע אונטערשיידן. פון דעם באַקומט זיך אַזאַ מין חשבון.

טאַבעלע II

אונטערשיידן אין פּראָצענט פּלוסן צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס אין יעדן געשעפט

געשעפט א — —	10.57
„ ב — —	12.90
„ ג — —	10.90
„ ד — —	21.04
„ ה — —	12.76

די דאָזיקע טאַבעלעס ווײַזן קלאָר, אַז די אונטערשיידן צווישן די מיטגלידער פון יעדער גרופּע אין אַלע געשעפטן צוזאַמען זײַנען גרעסער ווי די אונטערשיידן פון איין גרופּע און דער צווייטער אין יעדן געשעפט באַזונדער.

אַלע חשבונות און טאַבעלעס וואָס איך האָב געמאַכט וועגן דעם עניק ווײַזן ענלעכע רעזולטאַטן. אָבער כדי שטרענגער צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע רעזולטאַטן וואָלט נייטיק געווען פאַרויסצוזען אַ מעגלעכע ערנצטע טענה. עס איז אמת, דער פאָרמולאַר האַלט אין זיך 12 פונקטן. אָבער ניט אַלע 12 זײַנען גלײַך וויכטיק און שאַרף געננוג צו דערזען דעם אונטערשייד פון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן אין פּראָצעס פון קויפן. למשל דער מאָמענט פון דינגען זיך (פּונקט 6) ווערט באַטראַכט פאַר וויכטיקער ווי דער מאָמענט ווען דער קונה פאַרלאַנגט, מען זאָל אים ווײַזן וואָס מער אַרטיקלען צום אויסקלײַבן פון זיי (פּונקט 3). הײַנט אויב מיר מאַכן אַ דורכשניט פון די

האַנדלונגען בײַ אַלע 12 פּונקטן, קען זײַן, אַז דערפֿון קומען אַרויס בלאָסער גראַד יענע מאָמענטן, וואָס ווען זיי וואָלטן באַטראַכט געוואָרן באַזונדער וואָלט מען בולטער אַרויסגעזען די אונטערשיידן צווישן איין גרופּע און דער צווייטער.

דאָס איז בלי ספֿק אַן ערנצטע טענה. וואָרעם עס קען דאָך זײַן, אַז דער טאָג־טעגלעכער אײַנדרוק פֿון געשעפֿטסלײַט — וואָס האַלט, אַז נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן בײַם קויפֿן זײַנען זיכערע פֿאַקטן — איז טאַקע ריכטיק, נאָר די סטאַטיסטישע מאַניפּולאַציעס צעדרייען דעם אמת פֿונעם אַזוי גערופֿענעם שׂכל־הישר. אויב אַזוי, איז נייטיק אויסצוקלײַבן פֿון די 12 פּונקטן יענע וואָס טראָגן מער אַ קריטישן כאַראַקטער לויט דער גבֿית־עדות פֿון געשעפֿטס־לײַט און פֿון אַלגעמיינעם עולם, און זיי באַהאַנדלען באַזונדער.

איך האָב אויסגעקליבן זעקס אַזעלכע פּונקטן, ווײַל זיי ווערן מער אונ־טערגעשטראָכן, בעת מען רעדט וועגן די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן פֿון קונים. דאָס זײַנען די פּונקטן וואָס האָבן צו טאָן מיט דינגען זיך (פּונקט 6, ווײַטער באַצייכנט מיטן וואָרט דינגען), מיט דער טענדענץ בײַם קונה אַרויסצווײַזן מבֿינות (פּונקט 7, באַצייכנט מיט מבֿין), מיט אַרויסווײַזן אומצוטרוי צום פֿאַר־קויפֿער (פּונקט 8, באַצייכנט מיט אומצוטרוי), מיטן פֿאַרלאַנג צו קריגן וואָס אַ העכערע קוואַליטעט ניט געקוקט אויפֿן פּרײַז (פּונקט 9, באַצייכנט מיט קוואַליטעט), מיט וועלן איבערלאָזן וואָס ווייניקער האַנטגעלט (פּונקט 10, באַ־צייכנט מיט האַנטגעלט), און מיט דער טבֿע פֿונעם קונה צו האַנדלען אַזוי ווי ער וואָלט דעם סוחר געטאָן אַ טובֿה (פּונקט 12, באַצייכנט מיט טובֿה).

טאַבעלע III

אונטערשיידן אין פּראָצענט פּלוסן אין די פּונקטן 6, 7, 8, 9, 10, 12, בײַ די מיטגלידער פֿון דער זעלביקער גרופּע

	דינגען	מבֿין	אומצוטרוי	קוואַליטעט	האַנטגעלט	טובֿה
בײַ ייִדן — — — —	29.49	29.25	8.43	33.42	22.44	10.56
בײַ אַמעריקאַנער —	10.20	45.32	5.37	22.94	14.87	6.47
בײַ איטאַליענער —	22.57	45.49	8.70	32.53	9.53	16.14
בײַ נעגער — — —	51.11	35.14	19.55	7.82	14.29	18.89

אַ בליק אויף דער דאָזיקער טאַבעלע באַווײַזט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַן אַל־געמיינע טענדענץ פֿאַר גרעסערע און קלענערע אונטערשיידן צווישן מענטשן בכלל גראַד אין די זעקס קריטישע פּונקטן. למשל בײַ דינגען זײַנען זיי גרע־סער ווי בײַ אומצוטרוי, און בײַ טובֿה זײַנען זיי קלענער ווי בײַ מבֿין. דאָרט ווו זיי זײַנען גרעסער בײַ איין גרופּע, ווײַזט זיך דאָס אין אַלגעמיין אויך בײַ די אַנדערע גרופּעס, און דאָס זעלביקע פֿאַרקערט. איך קען זיך דאָ ניט צופּ־האַלטן פֿון אַ באַמערקונג מכּוח ייִדן. וועגן ייִדן איז זייער שטאַרק פֿאַר־שפּרייט די מיינונג צווישן געשעפֿטסלײַט און פּראָפֿעסיאָנאַלן, אַז זיי ווילן

תמיד דאָס בעסטע; זיי ווילן דווקא היכע קוואַליטעט, ניט געקוקט אויף קאָסטן. גויים, פאַרקערט, גיבן אויס לויט אַ באַשטימטן אויסגערעכנטן בודזשעט, ממילא רעכענען זיי זיך מער מיט פּרייז ווי מיט דער קוואַליטעט פון אַרטיקל אָדער אַרבעט. אָבער ווען מיר כאַפּן אַ בליק אין דער טאַבעלע III, זעען מיר, אַז ייִדן שיידן זיך אונטער גראָד אין דעם פונקט מער ווי אַלע אַנדערע גרופּעס. די איינהייטלעכסטע זיינען גאָר די נעגער, וואָס זיי קענען בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן עטנישער איינס.

מילא, דאָס זיינען בלויז פאַרבייגייענדיקע באַמערקונגען, ווען מיר זעען די אונטערשיידן ביי די מיטגלידער פון יעדער גרופּע און זיך גופא בנוגע די זעקס קריטישע פונקטן. דער עיקר איז דאָך דאָ דער פאַרגלייך צווישן דעם און יענע אונטערשיידן וואָס מיר געפינען צווישן איין גרופּע און דער צווייטער בנוגע די זעלביקע זעקס קריטישע פונקטן. אָט דאָס וועט אונדז ווייזן די ווייטערדיקע טאַבעלע.

ט אַ ב ע ל ע IV

אונטערשייזן אין פּראָצענט פלוסן אין פונקטן 6, 7, 8, 9, 10, 12 צווישן די פיר גרופּעס

	דינגען	מבין	אומצוטרוי	קוואַליטעט	האַנטגעלט	טובה
צווישן ייִדן און אַמעריקאַנער	18.92	19.49	4.86	18.78	13.02	11.19
צווישן ייִדן און איטאַליענער	21.03	22.14	8.55	18.96	9.54	9.19
צווישן ייִדן און נעגער —	22.30	32.82	12.21	22.38	8.86	11.02
צווישן אַמעריק׳ און איטאַל׳	13.67	12.94	4.38	10.34	13.80	5.05
צווישן אַמעריק׳ און נעגער	10.73	11.99	10.13	7.42	17.34	7.05
צווישן איטאַל׳ און נעגער —	13.93	6.20	11.24	4.72	15.08	0.74

דאָ ווייזט זיך ווידער אַרויס די זעלביקע טענדענץ. די אונטערשיידן צווישן די מיטגלידער פון יעדער גרופּע זיינען על פי רוב גרעסער ווי די אונטערשיידן צווישן איין גרופּע און דער צווייטער. בכל אופן זעט זיך ניט קיין מינדסטער סימן, אַז ס׳זאָל זיין עפּעס אַן איינהייטלעכקייט אין די קויף־געוווינהייטן אָדער קויף־אייגנשאַפטן ביי די אַנגעגעבענע גרופּעס. ווען מען זאָל צופעליק אַרויסנעמען אַ געוויסע צאָל פון איין גרופּע און פאַרגלייכן זייערע האַנדלונגען מיט די האַנדלונגען פון אַ צופעליקער צאָל פון אַן אַנדער גרופּע, וועלן מסתמא ניט זיין קיין גרעסערע אונטערשיידן צווישן זיי ווי צווישן די מיטגלידער פון יעדער גרופּע אין זיך גופא. דאָס ברענגט אונדז צום אויספיר, אַז ס׳זיינען ניטאָ קיין כאַראַקטעריסטישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן אין פּראָצעס פון קויפן.

די דאָזיקע מסקנא נייטיקט זיך אין אַ ווייטערדיקער קוואַליפיצירונג. מען קען אָנווייזן, אַז די אויספאָרשונג איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע. ממילא קען דאָך זיין, אַז דער אַלגעמיינער האַנדל־איינשטעל אין לאַנד שוואַכט אָפּ

אָדער שאַפֿט אין גאַנצן אָפּ די מחיצות אין דער נאַציאָנאַלער קונים־פּסי־כאָלאָגיע, אויב אַפֿילו אַזאַ וואָלט געווען. והשנית, עס איז דאָך מעגלעך, אַז די עצם פונקטן פֿון פֿאָרמולאַר שטאַמען פֿון דער היגער אַלגעמיינער האַנדל־סיטואַציע. אין אַן אַנדער לאַנד, בײַ אַנדערע תּנאים, וואָלט אַ שמועס מיט כּוחרים געפֿירט צו אַנדערע פּראָבלעמאַטישע מאָמענטן, און דער פֿאָרמולאַר וואָלט שוין דעמאָלט געלייגט דעם טראָפּ גאָר אויף אַנדערע מעגלעכע אונ־טערשיידן צווישן קונים. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָלט געקענט פֿירן צו גאָר אַנדערע רעזולטאַטן.

דאָס זײַנען בלי ספֿק זייער ערנצטע און זייער ריכטיקע געדאַנקען. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זיי פֿאַרשטאַרקן נאָך דעם דערגרייכטן אויספֿיר, ווען, ווי געזאָגט, מען זאָל צוגעבן נאָך אַ קוואַליפֿיצירנדיקן תּנאַי. עס קען קיין ספֿק ניט זײַן, אַז אין אַן אַנדער לאַנד, מיט אַן אַנדער אַלגעמיינער קולטור, וואָלט זיך געפֿאָדערט אין אַזאַ אויספֿאָרשונג גאָר אַן אַנדער פֿאָרמולאַר. און אויב עס וואָלטן נאָך אַלץ געבליבן בשותּפֿותדיקע פונקטן, וואָלטן זיי געגעבן כאַ־ראַקטעריסטישע רעזולטאַטן לויט קולטור און אַלגעמיינעם אויפֿפֿיר.

דאָס איז די קאָנצעסיע וואָס מיר זײַנען וויסנשאַפֿטלעך מחויבֿ צו מאַכן דעם אָנגענומענעם אײַנדרוק, אַז עס זײַנען פֿאָרט פֿאַראַן געוויסע נאַציאָ־נאַלע אייגנשאַפֿטן. ווי וואָלט געווען, ווען מיר פֿאָרשן אויס די איטאַליענער ניט אין אַמעריקע, נאָר אין איטאַליע, און מיר פֿאַרגלײַכן זיי מיט אַמערי־קאַנער וואָס זײַנען אויסגעפֿאָרשט געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן? איך האָב אַ רעכט צו גלייבן, אַז דעמאָלט וואָלטן מיר באַקומען אָנזעעוודיקע אונטערשיידן. אין אַן אויספֿאָרשונג פֿון ר. נ. פֿראַנצבלאָ איבער פֿאַרגלײַ־כיקער אינטעליגענץ[15] ווערט אַרויסגעבראַכט דער אינטערעסאַנטער רע־זולטאַט, אַז די דענער אין אַמעריקע שטייען העכער אין אינטעליגענץ סײַ פֿון די דענער אין דענעמאַרק, סײַ פֿון די איטאַליענער אין אַמעריקע און אין איטאַליע. דאָס ווערט דערקלערט דערמיט וואָס די אויסגעפֿאָרשטע דענער אין אַמעריקע זײַנען געווען אַ ספעציעלע גרופּע וואָס האָט געלעבט אין בע־סערע תּנאים. אויב אינטעליגענץ איז אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן מיט ספעציעלע לעבנס־תּנאים, איז על אַחת כּמה וכמה ווען עס גייט וועגן שטריכן אין אַל־געמיינעם אויפֿפֿיר.

דאָס פֿירט אונדז צוצוגעבן צו דער פֿריִערדיקער מסקנא, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין שטענדיקע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן אין פּראָצעס פֿון קויפֿן וואָס זײַנען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿאַרפֿיקסירט. דאָרט ווו געוויסע אייגנשאַפֿטן ווײַזן זיך יאָ אַרויס, זײַנען זיי אַ פּראָדוקט פֿון אַ צײַטווײַליקן קולטור־צו־שטאַנד און פֿון צײַטווײַליקע תּנאים פֿון אַלגעמיינעם לעבן. ממילא, אויב מיר וועלן אויספֿאָרשן אַזעלכע אייגנשאַפֿטן בײַ פֿאַרשיידענע גרופּעס אין זעלביקן

15 R. N. Franzblau, "Race Differences in Mental and Physical Traits," *Archives of Psychology*, 1935, 177.

פאָלק, דאַרפן מיר זיך ריכטן צו געפינען ענלעכע אונטערשיידן ווי בעת
מיר פאַרגלייכן דאָס געגעבענע פאָלק מיט די מיטגלידער פון אַן אַנדער
פאָלק. דאָס שטרייכט אויך אונטער דעם געדאַנק, אַז מיר וועלן געפינען די
עלביקע אונטערשיידן, אויב מיר וועלן אויספאָרשן מיטגלידער פון זעלביקן
פאָלק אין פאַרשיידענע ניט-ענלעכע צייטן אָדער לענדער.

די השפעה פון אַן אַלגעמיינער קולטור־ספערע, איך ברייטסטן זינען פון
עם וואָרט, אויף די פסיכישע מאַניפעסטאַציעס פון אַ מענטשן גייט זייער
ווייט און זייער טיף. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אין
לאַטאָנס רעפובליק ווערט האָמאָסעקסואַליזם באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכע
און אַפילו ווי זייער אַ חשובֿע פאָרם פון סעקסועלן לעבן. ביי אונדז, אין
אונדזער ציוויליזאַציע, ווי מיר ווייסן, איז דאָס אַן עקלדיק פאַרברעך. פונקט
אַזוי קען מען ביי איין קולטור־צושטאַנד זאָגן אויף אַ מענטשן וואָס דינגט
יך ניט, אַז „ווען מען שיקט אַ נאַר אויפן מאַרק פרייען זיך די קרעמער״.
אין אַן אַנדער צושטאַנד קענען מיר געפינען צענדליגער טויזנטער וואָס וועלן
יכער קויפן אין אַ געשעפט וואָס האָט איין פעסטן פרייז פאַר אַלעמען. אין
עם פאַל און אין ענלעכע פאַלן, ווען מען רעדט וועגן אַ נאַציאָנאַלער „טבֿע״,
קען זיך דאָס זיין גאַנץ שיינע רעטאָריק. אָבער ווי די דאָזיקע אַרבעט באַ־
ווייזט, איז ניטאָ קיין שום באָדן פאַר דער מיינונג, אַז די האַנדלונגען פון
אַ קונה דריקן באמת אויס אַ שטענדיקע פסיכישע כאַראַקטעריסטיק פונעם
פאָלק, צו וועלכן ער געהער.

חזנים און חזנות אין האָלאַנד *

פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי

צווישן די פֿאָרמען פֿאַרווייַלונג, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פֿון די האָלענדישע ייִדן, הן ספֿרדים הן אַשכּנזים, דאַרף אויך אַרייַנגערעכנט ווערן די אינסטיטוציע פֿון חזנות.

דער חזן איז געווען אַ חשובֿער עלעמענט אין דעם לעבן פֿון דער קהילה, ניט נאָר ווי אַ שליח־ציבור, נאָר דער עיקר ווי אַ בעל־מנגן.

טייל ספֿרדישע חזנים האָבן געהאַט אַ שם ווייַט איבער די גרענעצן פֿון זייער לאָקאַלער טעטיקייט.

די צוויי ברידער מעלאָ [1] זייַנען געווען באַרימט מיט זייער זינגען, און ניט אומזיסט האָבן די אַמסטערדאַמער ספֿרדים אַזוי שטאָלצירט מיט זיי. איינער פֿון זיי, עמנואל אבֿינטר מלו, ווערט געלויבט פֿון דעם מיטצייַט־לערישן כראָניקער דע באַריאָס: ער האָט געהאַט אַזאַ כּוח אין זייַן זינגען, אַז ער האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מרה־שחורה מיט זייַן נגינה.[2]

זייַן ברודער, דוד אבֿינטר מלו, אויך אַ באַרימטער חזן,[3] וואָס האָט זיך אין 1611 געראַטעוועט פֿון די נעגל פֿון דער אינקוויזיציע און איז אַנטלאָפֿן קיין אַמסטערדאַם, האָט איבערגעזעצט אין גראַמען אויף שפּאַניש דעם ספֿר תּהילים. דאָס ווערק איז אַרויס אין 1626 אין פֿראַנקפֿורט־מייַן. אין דער הקדמה צו דער דאָזיקער איבערזעצונג וואָס הייסט אויף שפּאַניש Psalterio harmonioso שרייַבט ער, אַז ניט־ייִדן דאַרפֿן בעצם שרייַבן קאָמעדיעס און ראָמאַנען, פֿאַרקערט ייִדן דאַרפֿן טאָן דאָס וואָס ס׳שטימט מיט זייער בלוט: אויסזינגען זייערע ליידן און צרות.

די דאָזיקע ראָמאַנטישע אייַנשטעלונג צום ייִדישן לעבן האָט גורם געווען, אַז די ברידער מעלאָ האָבן זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט שבתי־צבֿי. וועגן עמנואל מעלאָ דערציילט אַ מיטצייַטלער (יעקבֿ סאַספּאָרטאַס), אַז ער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון שבתי־צבֿי און אַז בייַ אים אין שטוב פֿלעגן פֿאָרקומען געהיימע אַסיפֿות פֿון שבתי־צבֿיניקעס.[4]

שוין די פּראָצעדור פֿון קלייַבן אַ חזן איז אין אַמסטערדאַם געווען גאָר אַן אַנדערע ווי אין אַנדערע קהילות. עס איז בעצם געווען אַ געזאַנג־טורניר, דורכגעפֿירט לויט אַלע דינים פֿון אַזאַ מין עפֿנטלעכן פֿאַרמעסט. יעדער קאַנדידאַט האָט געדאַרפֿט אויסזינגען פֿאַר אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פֿון

---

* דער צווייטער פֿון אַ סעריע אַרטיקלען וועגן טעאַטער און פֿאַרווייַלונגען בייַ ייִדן אין האָלאַנד. דער ערשטער איז געווען געדרוקט אין „ייִוואָ־בלעטער" XVI זז׳ 135—149.

ריכטערס אַ פּאָר סטראָפעס וואָס מען האָט אים באַשטימט. דער וואָס האָט צום מערסטן נושא־חן געווען ביי די מבינים־ריכטערס איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ חזן. וועגן אַזאַ קאָנקורס אויף חזניש געזאַנג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ספרדישער סינאַגאָגע אין אַמסטערדאַם האָט זיך אָפּגעהיט אַ געדרוקטער דאָקומענט. דאָס איז אַ רשימה פון אַכט חזנים מיט די טעקסטן וואָס מען האָט זיי געגעבן צו זינגען.

און אַז די ספרדישע קהילה האָט שוין אויסגעקליבן אויף אַזאַ אופן איר חזן, האָט זי וועגן דעם ווידער אַ מאָל עפנטלעך מודיע געווען אין ספּעציעל געדרוקטע פלוגבלעטער. אַזאַ מודעה, געדרוקט אויף פּאָרטוגעזיש, האָט זיך אָפּגעהיט פון יאָר 1772. דאָרט ווערט מיט גרויס שטאָלץ אָנאָנסירט, אַז דוד דע סילוואַ איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן חזן פון דער ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם.[5]

די ספרדישע חזנים זיינען געווען גרויסע מיוחסים. טייל פון זיי זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע, ווייל זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע געשעפטן. דער ספרדישער חזן פון Maarssen, ישוע בן אַברהם קייזער, איז געווען באַקאַנט פון זיין מיסחר מיט הײזער.[6]

די שכירות פון די ספרדישע חזנים זיינען געווען גאָר הויכע. וועגן איינעם פון זיי, אַברהם דע קאַסערעס, וואָס איז געווען חזן אין אַמסטערדאַם אין 1739, פלעגט מען דערציילן, אַז ער קריגט הויכע שכירות אין זכות פון זיין יחוס. אָבער ניט נאָר יחוס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דער געהויבענער געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע פון ספרדישן חזן, נאָר אויך זיין מוזיקאַלישע אויסבילדונג. די מערסטע פון זיי האָבן געקענט לייענען נאָטן, וואָס צווישן אַשכנזישע חזנים פון יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטנהייט.

דערפאַר איז אָבער דער אַשכנזישער חזן אין האָלאַנד געווען מער פאָלקסמענטש און „דעמאָקראַט“ אין פאַרגלייך מיטן ספרדי. די אַשכנזישע חזנים זיינען געווען מער נוטה צו לירישער נגינה; דער מין האָט אַ סך מער אויסגענומען ביי ייִדן פון מיזרח־אייראָפּע. אַ מיטצייטלער, זעליג בן יצחק מרגולית, אַ ייִד פון קאַליש, פאַרלויבט דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע חזנות, ווייל עס מאַכט „מענטשן צו וויינען“. „אַזאַ פעיִקייט, שרייבט ער, פאַרמאָגן נאָר די חזנים פון אונדזער מדינה [ד״ה פון פוילן], בעת אין אַנדערע לענדער האָבן די חזנים ניט קיין געפיל און ניט קיין ניגון.“[7]

די דאָזיקע צוגעבונדנקייט צום חזנישן שטייגער פון די סלאַווישע לענדער האָט געבראַכט דערצו, אַז אין איינעם מיט דער עמיגראַציע פון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן קיין מערב נאָך גזירות ת״ח האָבן אויך חזנים אָנגעהויבן עמיגרירן קיין מערב־אייראָפּע. מרגולית באַקלאָגט זיך טאַקע אויף דעם, וואָס חזנים גייען אַוועק פון פוילן אין אַנדערע לענדער, ווי דאָס האָט געטאָן זיין לאַנדסמאַן, דער באַרימטער קאַלישער חזן, ברוך.

די אַשכנזים אין אַמסטערדאַם, סיי די וואָס האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד, סיי די פוילישע, האָבן מער הנאה געהאַט פון דעם „סלאַווישן“ נוסח

פֿון חזנות און שטאַרק פּראָטעזשירט די חזנים פֿון פּוילן. איבער הויפּט איז זיי געפֿעלן געוואָרן דער כאָראַלער געזאַנג וואָס די דאָזיקע חזנים האָבן איינגעפֿירט אין אַמסטערדאַם.

דער ערשטער וואָס האָט דורכגעפֿירט די דאָזיקע רעפֿאָרם איז געווען דער לובלינער חזן יחיאל מיכאל בן נתן וואָס איז געווען אין די יאָרן 1712־1700 דער חזן פֿון דער אַשכּנזישער קהילה אין אַמסטערדאַם. ער האָט עס אַריינגעפֿירט דעם באַס פֿון „זינגער" (דיסקאַנט), וואָס האָט אַזוי נושׂא־חן געווען ביים אַמסטערדאַמער עולם, אָבער ניט ביי די פּרנסים. דער חזן יחיאל מיכאל איז געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז דער האָלענדישער מאָלער פּעטער פֿאַן דען בערגע האָט געצייכנט זיינס אַ בילד.[8] די „רעפֿאָרמען" פֿון דעם לובלינער חזן האָבן אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿע מחלוקת אין דער קהילה, ווי דאָס איז צו זען פֿון די פּראָטאָקאָלן. אַ טייל פֿון די מיטגלידער איז אַזאַ זינגען דווקא זייער געפֿעלן געוואָרן, אָבער אַן אַנדער טייל האָט פּראָטעסטירט.

„מחמת עסק החזנים, לייענען מיר אין פּראָטאָקאָל פֿון 21טן יוני, 1700, דש כמה יהודים דאנשי קהלתינו זינין אויפֿגעשטאנדן ומתכוונים להמריד אונ' טון מעשים, דיא דא ניעט אנשטיין צו טאן לבעל בית חנון אונ' זיינין ניט חס על כבוד הקהלה ואפילו על כבוד המקום אונ' טון בפני ס"ת דברים דיא אין קייני קהלה גשעהן . . ." באַשליסט די קהילה, אַז „קיין חזן לגמרי נאך צו שפּאטן או רומז באצבעו או קורץ בעיניו צו זיין או איין הרוס צו מאכן און אנהייבן צו זינגין אונ' אמן צו אנטוואורטן קודם החזן האט גומר גוועזן."[9]

דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרהאַלטן זיך פֿון עולם אין שול, בעת די „באַסיסטן" האָבן געהאַלטן זייער פּרווו־עקזאַמען. די אַשכּנזישע חזנים האָבן אויך איינגעפֿירט עפֿנטלעכע טורנירן, אָבער אויף משוררים. די דאָזיקע פֿריַיִע קאָנצערטן האָבן געצויגן אַ גרויסן עולם וואָס האָט זיך געלאָזט ווויל גיין און עפֿנטלעך דורך פֿאַרשיידענע אויסרופֿן און העוויות אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט אָדער אומצופֿרידנקייט מיטן קאַנדידאַט.

די שולן זיינען אין אַזעלכע פֿאַלן געווען איבערגעפּאַקט. דאָס האָט אויך אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע רעאַקציע מצד די פּרנסים. ביים אויסקלייבן אַ חזן פֿלעגן פֿאָרקומען ליידנשאַפֿטלעכע מחלוקתן וואָס זיינען געוואָרן דער צענטער פֿון שמועסן אין אַמסטערדאַמער געטאָ.

יעקבֿ עמדן דערציילט, אַז אין 1709 האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ חזנים־מחלוקת אין אַמסטערדאַם. צוויי חזנים האָבן זיך באַמיט צו קריגן דעם פּאָסטן. יעדערער פֿון זיי האָט געהאַט זיינע „פּאַטריאָטן", און דער גאַנצער ענין האָט אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז צוליב דעם „פּירוד לבֿבֿות" האָט מען געמוזט אָננעמען אַ ריי באַשלוסן. דעם 20טן אָקטאָבער 1709 איז באַשלאָסן געוואָרן צו פֿאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט משוררים.[10]

איינער פֿון די קאַנדידאַטן איז געווען דער חזן לייב אליקים פֿון וואָלין. אַרום זײַן פּערזאָן האָט זיך אַנטוויקלט אַ לײַדנשאַפֿטלעכע אַגיטאַציע וואָס האָט באַוויזן, אַז מיט איסורים קען מען ניט פֿאַרענטפֿערן די חזנים־פֿראַגע, ווײַל „עמך״ פֿון אַמסטערדאַמער געטאָ האָט זיך אַרײַנגעטאָן דערין פּונקט מיט אַזאַ לעבעדיקן אינטערעס ווי די נירנבערגער בעלי־מלאָכות אין די טורנירן פֿון די „מײַסטערזינגערס״.

פֿריִער האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנקורענץ צווישן חזנים גופֿא, ווײַל יעדערער פֿון זיי האָט געוואָלט אויסנעמען בײַם עולם. אַמסטערדאַם האָט אין יענער צײַט געהאַט זעקס שולן, ווו מען האָט געקענט אָפּט הערן פֿרײַע חזנות־קאָנצערטן פֿון קאַנדידאַטן וואָס האָבן געהאָפּט זיך צו דערשלאָגן צו אַ שטענדיקער שטעלע.[11] שפּעטער אַ ביסל האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנקורענץ צווישן דעם חזן און דעם „באַסיסט״ וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ „מענטש פֿאַר זיך״, ד״ה אַ חזן. אין גאַנצן זיך באַגיין אָן אַ „וואָקאַלן אָרקעסטער״ האָט אַ חזן ניט געקענט און אויך ניט געוואָלט, ממילא איז די ראָלע פֿון „באַסיסט״ ניט געווען קיין קליינע.

דאָס ווערט בולט פֿון די באַריכטן וועגן די באַזוכן אין די שולן, בעת אַ חזן האָט אָפּגעגעבן אַ קאָנצערט צוזאַמען מיט אַ באַס אָדער אַ כאָר. דער־הויפּט די פּרויען האָבן זיך געפֿילט יום־טובֿדיק און אָנגעפֿילט די עזרת־נשים. גערעכט איז געווען דער פֿריִער ציטירטער מרגולית, אַז די הויפּט־מעלה פֿון די סלאַווישע חזנים איז דאָס וואָס זיי מאַכן מענטשן צו וויינען. דערפֿון נעמט זיך דער חזנישער סוקצעס בײַ די פֿרויען פֿון דער אַמסטערדאַמער געטאָ.

דער גֿעדראַנג אויף די חזנישע דעביוטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז די קהילה האָט זיך געמוזט ווענדן צו דער שטאָט־רעגירונג מיט אַ בקשה צו פֿאַרבאָטן די פֿרויען קומען אין שול אַרײַן, ווײַל זייערע „קרינאָלינעס״[12] מאַכן אַזאַ ענגשאַפֿט, אַז מען קען פּשוט ניט אַרײַנקומען אין בית־הכּנסת.[13]

אין דער זעלבער צײַט האָט די קהילה געוואָלט, אַז די שטאָטישע מאַכט זאָל איר העלפֿן אָפּשאַפֿן די סיבה פֿון דעם געדראַנג, ד״ה די אינסטיטוציע פֿון משוררים, ווײַל צוליב זייער „זיסער נגינה״ קומען אַזוי פֿיל פֿרויען. דער אַמסטערדאַמער שטאָטראַט האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער ענין משוררים איז אַ ריין ייִדישער ענין, דערקעגן דער ענין פֿון ענגשאַפֿט איז פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע פֿון זיכערקייט און ממילא געהער ער צו דער יוריסדיקציע פֿון מאַגיסטראַט. עס איז דעריבער געבליבן, אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער טאָרן ייִדישע פֿרויען ניט קומען אין שול אויסגעפּוצט אין די „קרינאָלינעס״, ווײַל זיי פֿאַרנעמען אַ גרויסן שטח, אָבער אין גאַנצן אַרויסשטויסן דעם דאָזיקן דאַנקבאַרסטן טייל פֿון דער חזנישער אוידיטאָריע האָט אַפֿילו די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג ניט געהאַט קיין האַרץ.

אָבער דאָס געזעץ פֿון ניט אָנשטעלן אַ באַס אויף גאַסטראָלן איז דורכגעפֿירט געוואָרן, ד״ה אַז אַ משורר טאָר ניט געבן קיין קאָנצערטן. ער קען

נאָר אָנגעשטעלט ווערן צוזאַמען מיט אַ חזן. דאָס ווערט קלאָר פֿון אַזאַ פֿאַקט. אין יאָר 1754 האָבן זיך די פּרנסים פֿון דער „הויכדייַטשער נאַציע" אין אַמסטערדאַם געווענדט צום בירגערמייַסטער מיט אַ בקשה, מען זאָל דערלויבן אָנצושטעלן אין זייער סינאַגאָגע די ברידער שמואל, יאָנאַס און אליעזר, וואָס איינער פֿון זיי איז געווען חזן און די אַנדערע צוויי אַ באַס און אַ טענאָר. היות ווי דאָס געזעץ דערלויבט ניט, מען זאָל אַנגאַזשירן אַ באַס אויף גאַסטראָלן, ווי מען האָט זיך נוהג געווען פֿריִער, ווילן די פּרנסים אָנשטעלן די דרייַ ברידער, זיי זאָלן דורכפֿירן דאָס דאַווענען פֿאַרן עמוד. דערבייַ פֿאַררופֿן זיי זיך אויף די מיטגלידער פֿון דער קהילה וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג, אַז די דרייַ ברידער זאָלן אָנגעשטעלט ווערן פֿון דער קהילה. דער בירגערמייַסטער האָט זיי דאָס מאָל דערלויבט.

וועגן דעם מוזיקאַלישן מעמד פֿון דעם חזנישן געזאַנג אין אַמסטערדאַם פֿאַרמאָגן מיר אַ ריי באַריכטן.

פֿון 1766 איז פֿאַראַן אַ ידיעה, אַז די צוויי חזנים אַבֿרהם סגל פֿון האָלישוי און שמואל דוד האָבן געזונגען דעם קבלת־שבת אַקאָמפּאַנירט פֿון דרייַצן כּלי־זמרים. אַ פֿראַנצייזישער באַראָן פֿרעניליי [14] וואָס האָט באַזוכט אַמסטערדאַם אין 1768 שרייַבט, אַז אין דער שול פֿון די אַשכּנזים האָט ער געהאַט גרויס הנאה אַ דאַנק די „פֿייַנע וואָקאַלע סימפֿאָניעס".[16] אַן אַנדער רייַזנדער, אַ געוויסער לוי דעזשאַבער,[16] וואָס האָט באַזוכט אַמסטערדאַם אין 1778 שרייַבט, אַז דער חזן ווערט אַקאָמפּאַנירט מיט אַ סך צאַרטקייט פֿון צוויי משוררים. דערבייַ לויבט ער זייער שטאַרק דאָס זינגען.[17]

עס איז דערפֿאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין אַמסטערדאַם פֿלעגן פֿאָרקומען אַזעלכע הייסע וויכּוחים אַרום די וואַלן פֿון אַ חזן. דער פּרעסטיזש פֿון אַמסטערדאַם איז אין יענער צייַט געווען אַזוי גרויס, אַז אַ חזנות־בריוו פֿון דאָרטן איז געווען פֿון גרויס וויכטיקייט פֿאַר אַ חזן וואָס האָט געזוכט אַ שטעלע אין וועלכער עס איז מערבֿ־אייראָפּעיִשער קהילה.[18]

עס איז אמת, אַז אין פֿאַרגלייַך מיט די ספֿרדישע חזנים זייַנען די אַשכּנזישע ניט געווען אַזוי גוט באַלויַנט, ווייַל זייער צאָל איז לפֿי־ערך געווען אַ גרעסערע און ממילא די קאָנקורענץ צווישן זיי אַ שטאַרקערע. עטלעכע אַשכּנזישע חזנים האָבן אַ ביסל „אונטערגעהאַנדלט", ווי למשל ישוע פֿייַוולמאַן קלעווען (ער האָט געשטאַמט פֿון דער משפּחה גאָמפּערץ און האָט זיך אויך גערופֿן פֿיליפּ גאָמפּערץ). ער איז געווען חזן אין דער סינאַגאָגע פֿון די דייַטשע ייִדן, וואָס ער, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָט געגרינדעט אין אַמסטערדאַם אין 1730.[19]

אין 1743 האָט אַמסטערדאַם געהאַט זעקס חזנים, הגם שולן זייַנען געווען אַ סך מער, אָבער זייער אָרעמע. די ספֿרדים האָבן געהאַט נאָר איין סינאַגאָגע, אַ פּרעכטיקער בנין וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ סך באַוווּנדערונג בייַ דער גרויסער צאָל ניט־ייִדישע מיטצייַטלערישע רייַזנדערס.

פֿון די חזנים וואָס זײַנען געווען באַרימט אין אַמסטערדאַם (ביזן סוף פֿון 18טן י״ה) און זיך אײַנגעשאַפֿט אַ וועלטנאָמען איז כּדאַי צו דערמאָנען:

יאָקעלע פֿון ריישע (פּוילן), וועמען עס האָבן אַפֿילו געמאָלט עטלעכע האָלענדישע פּאָרטרעטיסטן.

מאיר קוריניק, אַ באַרימטער באַס אין 1796 (אויך פֿון פּוילן).

אַבֿרהם אַלכּסנדר, אַ חזן, וועמענס קאָמפּאָזיציעס (פֿון יאָר 1816) געפֿינען זיך נאָך אין כּתבֿ־יד.

אליעזר פֿאָרזענגער,[20] 1738־1788. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה וואָס ציט זיך פֿון 1639.

שלמה פֿרידע פֿון האַמבורג (1783־1854). געווען פֿריִער חזן אין אוטרעכט, האָלאַנד, זינט 1809 אין אַמסטערדאַם. דער אָקערשט דערמאָנטער אַבֿרהם אַלכּסנדר האָט אים געהייליקט פֿיר קאָמפּאָזיציעס. פֿרידע האָט שטאַרק פֿאַרשפּרייט דאָס פּוילישע „זאָגעכץ" און די ניגונים פֿון סלאַווישע חזנים. זײַן אינסטאַלירונג ווי אַ חזן איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט אַ גרויסער צערעמאָניעלער פּאָמפּע, ווי דאָס ווערט באַשריבן פֿון די מיטצײַטלערס זײַנע.[11]

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט דער חזן משה בן פּײַוויש פֿון גלאָגע (געשטאָרבן אין 1826). דאָס אויסקלײַבן אים האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע ליטעראַרישע מחלוקת וואָס איז פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן אין אַ יִדיש ליד פֿון יענער צײַט (1786) און אין אַ העברעיִש ביכל פֿון איינעם וואָלף ברעסלע א״נ: זכרון משה ואגרת שלומים. על דבֿר הנלחמים אודות המשוררים הנעימים . . . . (אַמסטערדאַם 1786, 8 זז׳).

לויט די דאָזיקע צוויי מקורים קען מען זיך שאַפֿן אַ בילד וועגן דעם, ווי אַזוי מען פֿלעגט קלײַבן אַ חזן אין אַמסטערדאַם. אין יענער צײַט איז געשטאָרבן דער חזן שמואל. אַ סך חזנים האָבן זיך געמאָלדן צו פֿאַרנעמען זײַן פּלאַץ. צווישן זיי איז געווען משה בן פּײַוויש גלוגא [גלאָגע] וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין אַמסטערדאַם. ער איז אַגבֿ געווען אַ געבוירענער אַמסטערדאַמער, אָבער יונגערהייט האָט ער פֿאַרלאָזן די שטאָט און האָט אַ סך אַרומגערײַזט, ווי ס׳דערציילט דאָס „שין גדיכט אונ׳ אן ווייזונג פֿון ר׳ משה גלוגא חזן וויא ער איז יום א׳ ד׳ תמוז תקמ״ו לפ״ק חזן גוואָרן בק״ק אמשטרדם":

. . . איין אמשטרדאמר פון גיבערטיק
דאָ מיט זיין דיא ליב הארבש ניט פֿערטיג
אויף מארקה [מארקפּלאַץ] אין דיא ערשטה נייאי גאנג איז ער גיבאָרן
אונ׳ איז אין דער עולם] וועלט[ארום גרייזט איינגה יאהרן.

ווײַטער דערציילן אונדז די צוויי מחברים פֿון ליד (שמשון משה יונה און ברוך אײַזיק), אַז ר׳ משה האָט ניט גערײַזט סתם אַזוי.

. . . אויף זינגן האָט ער גיליגט אלי צייט זיין זין.
דארום איז ער גגאנגן דיא וועלט ארין.

ווען ער איז געקומען קיין אַמסטערדאַם ווי „יעדער איינר גערן וועלן חזן זיין", האָט משה זיך תּיכּף געמאָלדן בייַ די פּרנסים ומנהיגים, און זיי האָבן אים זייער פֿייַן אויפֿגענומען. ווען דער עולם האָט אים געהערט פֿרייַטיק צו נאַכט, האָבן אַלע געזאָגט: „ער איז דש חזנת וועהרט". דער עולם האָט געפֿאָדערט, מען זאָל אים תּיכּף אָנשטעלן, בעת די פּרנסים האָבן אים געוואָלט געבן נאָך אַ פֿאַרהער. דאָס איז משמעות געווען דערפֿאַר וואָס אַ טייל האָט געהאַלטן מיט אַ צווייטן קאַנדידאַט, איינער וואָלף בן שלמה. סוף־כּל־סוף איז משה אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר חזן, און „זונטאג אום איילף אויער בידאכט, איז אונדז גוטר ר' משה גלוגא צו איין חזן וואָרן געמאכט". אויפֿן מאַרק, אַז מען האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט מען לכּבֿוד אים „גלעמינעהרט" (געמאַכט אַן אילומינאַציע) און געטרונקען „בראהף ווייַן" (=בראַנפֿן). מען האָט געמאַכט

עהרן פּארטן קרוינה לאמפּן אונ' קראנצן
פֿר שמחה האבן דיא לייט טוהנן שפּרינגן אונ' טאנצן.

אין דעם דאָזיקן יום־טובֿ לכּבֿוד אויסקלייַבן אַ חזן האָט זיך באַטייליקט דער גאַנצער ייִשובֿ, יונג און אַלט, מענער און פֿרויען. די דאָזיקע חזנישע טורנירן מיט דער באַטייליקונג פֿון „בס" און „דישקנט" זייַנען געוואָרן טעג פֿון פֿרייד און פֿאַרווייַלונג אין לעבן פֿון דער שטאַרק פֿאַרדלותטער ייִדישער מאַסע. זייַן אויסוואַל האָט געבראַכט שלום אין דער קהילה. אַזוי שרייַבן די מחברים פֿון דעם ליד, און דאָס ווערט באַשטעטיקט פֿון דעם מחבר פֿון דעם געגראַמטן באַריכט אין העברעיִש, וואָלף ברעסלע, אין זייַן ביכל זכרון משה.[22] חזנות אין אַמסטערדאַם איז געווען מער ווי שליחות־ציבור. עס איז געווען אַ טייל פֿון אַ קינסטלערישן אויסלעבן זיך פֿון ייִדן, אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון דער מוזיקאַלישער קולטור אין אַמסטערדאַמער געטאָ.

בייַ די ספֿרדים האָט עס געטראָגן מער אַן „אַריסטאָקראַטישן" כאַראַק־טער, שוין מחמת דעם סאָציאַלן מעמד זייערן. בייַ די דייַטשע און פּוילישע ייִדן איז דאָס געווען אַ ספּאָנטאַנע פֿאָלקס־שׂימחה מיט אילומינאַציעס, מיט ריקודים אין גאַס, אַ קאָלעקטיווע פֿרייד, איינע פֿון די געציילטע וואָס דער געטאָמענטש האָט זיך אין יענער צייַט געקענט פֿאַרגינען. פֿון די דאָזיקע משוררים און אַפֿילו חזנים זייַנען דאָס טאַקע אַרויס די זינגערס וואָס האָבן שפּעטער מיטגעווירקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער „ייִדיש־דייַטשער" אָפּערע אין אָפּערעטע אין האָלאַנד.

1 מלו, Mello.

2 "todo melodia quiebra à la melancolia con la fuerça del cantar". Cf. Kayserling, *Die Sephardim*, 175.

ער איז געווען אַ תּלמיד פֿון דער ישיבֿה, וואָס די משפּחה פּינטאָ האָט געגרינדעט אין ראָטערדאַם (Jesiba de los Pintos) און חזן פֿון דער ספֿרדישער קהילה זינט 1653. זע: J. Zwarts, *Hoofdstukken uit de Geschiedenis der Joden in Nederland*, 1929, 106, 109.

3 celebre Jazan.

4 REJ, XVIII, 282; Kayserling, *op. cit.*, 169-174.

5 ביידע פּלוגבלעטלעך אין די זאַמלונגען פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, פּ״גל:
Register of the Library of the Jewish Theological Seminary, 1926, 128; 1927, 136.

6 H. Bloom, *The Economic Activities of the Jews in Amsterdam*, 1937, 65.

7 חבורי לקוטים, ווענעציע, 1715, דף 3. ביי פֿרידבערג, בית עקד ספרים, ז' 211 איז ניט ריכטיק אָנגעגעבן דאָס דרוקאָרט אַמסטערדאַם.

8 Sluys, *De oudste Synagogen de Hoogduitsch-joodsche Gemeente te Amsterdam*, 1921, 27.

9 Maarsen, *De Amsterdamsche Opperrabbijn R. Saul Löwenstam en zijn tijd*. Amsterdam, 1921, 13.
דער אויסלייג איז רעקאָנסטרויִרט לויט מאַרסענס לאַטייִנישער טראַנסקריפּציע.

10 יעקב עמדין, מגלת ספר, דף 270.

11 Krünitz's *Encyclopedia*, 1789, 341-342.

12 Holpelrokken.

13 מאַרסען, דצ״וו, זז' 16־17.
וועגן אַן ענלעכן פֿאַל פֿון 1737 זע בירנבוים אין: Allgemeine Zeitung des Judentums 1891, ז' 177.

14 Frenilly.

15 "Charmantes symphonies vocales." Cf. Jensen, *Reizigers te Amsterdam*, 1919, 156.

16 Louis Dejobert.

17 Jensen, *op. cit.*, 176; Prins, "Jets over het Am. Gazzonoes." In: *Weekblad voor Isr. Huisgezinnen*, 46, 43.

18 *Mitteilungen für jüdische Volkskunde*, 1909, 56.

19 בלום, רצ״וו, ז' 110.

20 Voorzanger = חזן

21 Idelsohn. In: *HUC Jubilee Volume*, 1925; *idem*, *Jewish Music*, 1929, 229-230.
דער זעלבער, תולדות הנגינה העברית, תרפ״ד. כרך ראשון.

22 ביידע דרוקן געפֿינען זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו־יאָרק. דאָס ייִדישע ליד ווערט דאָ אָפּגעדרוקט נאָכן טעקסט. וועגן דער ליטעראַטור זע שאַצקי, ייִוואָ־בלעטער, X (1936), 256־257. צו דער ליטעראַטור וועגן חזנים אין אַמסטערדאַם איז נאָך צוצוגעבן: Festbundel Wagenaar, 1925, 156. אין שײַן פֿון די מאַטעריאַלן איז צו זען, אַז שיפּערס טעזיס (געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער,

I, 179), אַז דער איסור אויף באַסיסטן איז אָפּגעהיט געוואָרן ביזן יאָר 1796, איז ניט קיין ריכטיקער. צום ענין זע:

בירנבוים, אצד״י, 1891;
Sluys, *Beelden uit het leven der H. J. Gemeente te Amsterdam*, 1925, 9-11.

צוגאָב

איין שין גדיכט אונ׳ אן ווייזונג פון ר׳ משה גלוגא חזן

וויא ער איז יום א׳ ד׳ תמוז תקמ״ו לפ״ק חזן גווארן בק״ק אמשטרדם עש קאן גזונגן אונ׳ גלייאנט ווערן אויף דיא שטים פון פורים

[1] א י ר ליבע לייט דא זעלט איר הערן רארי זאכן, וואש איין לויב גדיכט אלש איך האב גטאן מאכן. עש איז גשטעלט אין ראדי מאנירן. איך טוא חס ושלום קיינם ניט פר אפרונטיהרן:

[2] ד י ז ה זאך האב איך וואל בידאכט. אונ׳ האב עש אין דיא דרוק גבראכט. אום צו גידענקן אן דיא לייט. וויא דא איז גוועזן איין גרוישה פרייט:

[3] ד י א ליב האבירש האבן דאך וואל פר נומן. וויא דינשטאג אבינד ח׳ תמוז איין בחור איז אהער גקומען. ער איז היא אין אמשטרדם וואול בקאנט. מ ש ה ב ן פ י י ב ש ג ל ו ג א איז ער גנאנט:

[4] ד א ך איז ער איין אמשטרדאמר פון גיבערטיג. דא מיט זיין דיא ליב האברש נאך ניט פערטיג. אויף מארקה אין דיא ערשטה נייאי גאנג איז ער גיבארן. אונ׳ איז אין דער עולם ארום גרייזט אייניגה יאהרן:

[5] ד ש מוזן מיר ניט עשטומיהרן. ער האט זיך אלי צייט גוט אונ׳ וואל טוהן אויף פיהרן. דען אויף זינגן האט ער גיליגט אלי צייט זיין זין. דארום איז ער גגאנגן דיא וועלט ארין:

[6] ז ו י א האט ער טוהן אין דער עולם ארום רייזן. וואו ער איז גקומן האט מאן איהם טוהן לויבן אונ׳ פרייזן. איבר אל האט מאן אים טוהן עהרן. זיין קול האט מאן אין אמשטרדם טוהן הערן:

[7] ו ; י א ער איז דיא וועלט ארום גשווארבן. דער ווייל איז רבי שמואל חזן גשטארבן. האט יעדר איינר געדן וועלן חזן זיין. דא איז מיין גוטר משה גלוגא אויך גקומן אין אמשטרדם אריין:

[8] ב י י א פרנסים ומנהיגים האט ער זיך גלייך אן גמעלד. איין בואי בשלום האט ער גמאכט האבן זיא איהם גלייך צו פרידן גשטעלט. מיר האבן שוין גהערט פון דיר. שווייג שטיל זונשט קומן טוזינד מענשן אן דיא טיהר:

[9] ו ו א ש איך דא שרייב טוא איך ניט ליגן. שבת פרשה חקת ובלק האט ער צו אהרין טוהן קריגן. זויא באלד אלש מאן איהם פרייטאג צו נאכט האט גהערט. האט כל עולם גזאגט ער איז דש חזנת ווערט:

[10] ד י א מארקה לייט האבן דאש ניט וועלן גלאבן. ביז שבת צו מארגן

האבן זיא מוזן אויך עז גהער דער פֿון האָבן. כל ישראל הכו בכפות ידים. און׳ האבן גזאגט דאש איז איין זכות מן השמים:

[11] זוּיא אלש ער אויז דיא ליבה שול איז גקומן. האט ער גרויש כבוד איין גנומן. פו״מ ר׳ הירץ יפה האט גזאגט טעגן דיא דינארז וואט איז היר פאר עהן חעדראיז. זיא מוט מיר מיין פֿאָהר זאנגיר לעווירן זונדר
בסחאדיכם אן האָיז:

[12] דא האט מאן גלייך איין קרינג טוהנן שלאגן. און׳ אן יעדר איינר האט משה גלוגא גוט שבת טוהן זאגן. ער האט ניקש אנדרשט גטאהן אלש צו שטיצן זיין קאפף. און׳ איז גגאנגן אלש זוא איין ארמר טראפף:

[13] זונטאג דא אויף איז גוועזן איין לארום און׳ איין לעבן. מאן זאל איהם פֿאר ערשט ניט מער צו אהרין געבן. זויא וואש זאל מאן זיך שעהמן מאן זאל איהם גלייך פֿאר איין חזן נעמן:

[14] דיא יחידים האבן קיין גדולט וועלן טראגן. און׳ האבן אן משה גלוגא גלייך פֿאר איין חזן וועלן האבן. דען זיא האבן ניט גהאט קיין אנדרה גדאכטן. און׳ האבן גזאגט מיר וועלן קיין אכט טאג מער וואכטן:

[15] פרנסים ומנהיגים גם יהידים האבן זיך טאג און׳ נאכט טוהן דריגגן. און׳ מיט געלד דיא זאך קענן צווינגן. דען זיא האבן טוהן זאגן: מיר האבן זויא קיין חזן גהאט איין אונזרה טאגן:

[16] פרייטאג אבֿינט האט מן איהם אין דיא נייאי שול טוהן הערן האבן יחידים גזאגט מיר וועלן קיין אנדרר ניט בגעהרן. האבן מנהיגינו גזאגט איר מאגט אונז גלאבן גרויש און׳ קליין. אין פֿיהר און׳ צוואנציג שעה מיט געזונט זאל ער חזן זיין:

[17] זונטאג אום איילף אויער בידאכט. איז אונזער גוטר ר׳ משה גלוגא צו איין חזן ווארן גמאכט. זויא באלד אלש דיא לייט אויף מארקה דש האבן טוהן הערן. האבן זיא גזאגט לכבוד ר׳ משה גלוגא חזן ווערן מיר לאמינעהרן:

[18] דא איז גלעמינעהרט גווארן פֿון גרויש ביז קליין. און׳ לכבוד ר׳ משה גלוגא חזן גטרונקן גווארן בראַהף וויין. און׳ עהרן פֿארטן קרוינה לאמפן און׳ קראנצן. פֿר שמחה האבן דיא לייט טוהנן שפרינגן און׳ טאנצן:

[19] דא האט גשפרונגן אלש צו גלייך. ארם זוא וואול אלש רייך. איינר היט דען אנדרן דיא האנד גיגעבן. לחיים לחיים ר׳ משה גלוגא חזן זאל ער מאה שנה לעבן:

[20] וויא דיא ליבה מענשן אין פֿולה שמחה האבן טוהן שטיהן. איז איין ראמוהר אן גקומן צו גיהן. אבר מן האט ניט גיוואושט וואש עש זאל בטייטן. איז אונדזר ליבר ר׳ משה חזן אין איין שליטה אן קומן צו רייטן:

[21] ר ב י מ ש ה ח ז ן האט גזאגט דש איז גוועזן איין אנפֿאנג. איך בין גבאהרן דא אין דיא נייאי גאנג. אלי מענשן האבן איהם מזל טוב טוהן זאגן. מעניך איינר האט גזאגט וויא פֿיל מאל האב איך אים אויף מיין ארם טוהן טראגן:

[22] י ע ד ר איינר האט ער גטאהן צו גריסן. זכות אבות האט ער טוהן גניסן. בייא איהם איז ניט גוועזן קיין גאוה.. אונ׳ דיא שמחה איז גוועזן כשמחת בית השואבה:

[23] ד י א זעלביגה זונטאג צו נאכט. איז אין דיא קהלה אונטר אנגדר שלום ווארן גמאכט. אונטר רייך אונ׳ גמיין. דען דארך שלום ווערן מיר זוכה זיין. צו קומן באלד אין ארץ ישראל אריין. אמן:

שמשון משה יונה ברוך וואלף אייזק

בשנת בכל המקום **אשר** אזכיר את **ש מ י** א **ב ו א** אליך וברכתיך לפ״ק

הערות צום צוגאָב:

דער אָריגינאַל איז געדרוקט אויף איין זײַטל פֿונעם בלאַט פּאַפּיר. די סטראָפֿעס זײַנען אין אָריגינאַל ניט נומערירט, דעריבער זײַנען דאָ די ציפֿער אַרײַנגענומען אין קאַנטיקע קלאַמערן. דאָס ערשטע וואָרט פֿון יעדער סטראָפֿע איז געזעצט מיט גרויסע געכּתיבֿהטע אותיות (דאָ געגעבן שפּאַצירט). דער טעקסט איז געזעצט אין ווײַבערטײַטש; די העברעיִזמען זײַנען אָבער געגעבן אין געכּתיבֿהטע אותיות (אין אונדזער איבערדרוק אין קורסיוו). — דער כ איז אין ווײַבערטײַטש פֿון אָריגינאַל, פּונקט ווי דער פֿ, מיט אַ פּאַסיקל פֿון אויבן; צום באַדויערן האָבן מיר דאָס ניט געקענט איבערגעבן אין איבערדרוק. דעם פּ (אָן אַ פּינטל) האָבן מיר אָפּגעהיט.

די ווערטער וואָס זײַנען אויסגעטײַטשט האָבן מיר אין די הערות אויסגעלייגט לויט דער אויסשפּראַך.

1 ר אָ ר י — זעלטענע. פֿ אַ ר אַ פֿ ר אָ נ ט י ר ן — פֿאַרטשעפּען, באַליידיקן.

2 פֿ ו ן ג ע ב ע ר ט י ק — פֿון געבוירן.

3 ע ס ט אָ מ י ר ן — שאַצן, נעמען אין אַכט.

7 אַ ר ו מ ש ו ו אַ ר ב ן — אַרומפֿלִיען, אַרומטראָגן זיך.

9 אָ ר ן — דאַוונען.

10 ע ז — דאָס.

11 ט ע ג ן וכו׳ (האָלענדיש): צו די באַדינערס: וואָס איז דאָ פֿאַר אַ האַרמידער, איר מוזט מיר אָפּליווערן מײַן חזן אַן אומבאַשעדיקטן אַהיים.

12 ש ל אָ ג ן אַ ק ר י נ ג — אויסשטעלן אַ קרייז. אַ ן אָ ר ע מ ע ר ט ר אָ פּ — אַ נעבעכל.

13 ל אַ ר ו ם — ליאַרעם. פֿ אַ ר ע ר ש ט — לעת־עתּה.

14 ג ע ד אַ כ ט ן — געדאַנקען. ו ו אַ כ ט ן — וואַרטן.

17 א י י ל ף — עלף. א ו י ע ר — שעה; אַ זייגער. ב אַ ד אַ כ ט — פּינקטלעך. ל ע מ י נ י ר ן — אילומינירן.

18 ב ר אָ נ פֿ ו ײַ ן — בראַנפֿן. ע ר נ פֿ אָ ר ט ן — טריומף־טויער. ק ר ו י נ ל אָ מ פּ — לוסטער.

20 ר אָ מ ו ר — טומל. ש ל י ט ע — שליטן.

21 מ ע נ י ך א י י נ ע ר — היפּש, מער ווי איינער.

רעפּעראַטן און רעצענזיעס

די יוגנט פֿון ניו־יאָרק

The Youth of New York City. By Nettie Pauline McGill and Ellen Nathalie Matthews. New York: The MacMillan Co., 1940. Pp. XXVI+420. $3.50.

דאָס בוך גיט אונדז אַ באַריכט פֿון אַ פֿאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער השגחה פֿון ראַט פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג (Welfare Council). פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק און איז דורכגעפֿירט געוואָרן, אין 1935, דורכן פֿאָרשביוראָ בײַם ראַט; די W.P.A. האָט צוגעשטעלט אַ טייל פּערסאָנאַל. די אַרבעט האָט געקענט צו שטאַנד קומען אַ דאַנק פֿינאַנציעלע אונטערשטיצונגען מצד דער פֿרידזאַם-פֿונדאַציע, דער „דזשענעראַל עדיוקיישן באָרד" און דער ראַקעפֿעלער־פֿונדאַציע.

געבויט איז די פֿאָרשונג אויף אַן איינפּראָצענטיקער מוסטערונג פֿון דעם מיליאָן יוגנטלעכע צווישן 16 און 25 יאָר, וואָס האָבן, ווי מען איז משער, געלעבט אין 1935 אין די פֿינף טיילן שטאָט (באָראָס), פֿון וועלכע עס שטעלט זיך צונויף גרויס־ניו־יאָרק. מיט דער הילף פֿון אַ פּרטימדיקן פֿרעגבויגן האָט מען אינטערוויוּרט העכער 9,000 יונגע־לײַט; מען האָט זיך דערבײַ געפּלײַסט צוצוקומען צו יעדער סאָציאָ־עקאָנאָמישן מעמד און צו יעטווידער עטנישער גרופּע אין יעדערן פֿון די פֿינף שטאָטטיילן. דער עיקר האָט מען געלייגט אַכט אויף דרײַ הויפּטפּונקטן: בילדונג, באַשעפֿטיקונג, פֿאַרווײַלונג. דערבײַ איז דער טראָפּ תּמיד אויף „נאָרמאַלע יוגנט אין נאָרמאַלע לעבנס־סיטואַציעס". פּראָבלעמען ווי פֿאַרברעכערישקייט, געזעץ־ברעכערײַ און דאָס גלײַכן זײַנען אויסגעמיטן אין גאַנצן.

דער ערשטער טייל רעדט אַרום דעם ה י נ ט ע ר ג ר ו נ ט. די יוגנט פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק שטאַמט צום גרעסטן טייל (71 פּראָצענט) פֿון ווײַסע, געבוירענע אין אויסלאַנד. אַליין געבוירן מחוץ אַמעריקע זײַנען נאָר 7 פּראָצענט פֿון די ניו־יאָרקער יוגנטלעכע. 3.9% זײַנען נעגערס. צווישן די אויסלענדיש געבוירענע גרופּעס זײַנען די שטאַרקסטע אין צאָל איטאַליענער, ייִדן, דײַטשן און אירלענדער. ווען מען זאָל דאָס איבער־גרופּירן לויט רעליגיעס, וועלן שטיין אויפֿן ערשטן אָרט קאַטוילּיקן (49%), אויפֿן צווייטן ייִדן (31%) און אויפֿן דריטן פּראָטעסטאַנטן (18%). אַן ערך אַ פֿינפֿטל פֿון די פּראָטעסטאַנטן זײַנען נעגערס. פֿולע 15 פּראָצענט יוגנטלעכע געניסן פֿון עפֿנטלעכער הילף (רעליף) — אָדער זיי אַליין, אָדער זייערע פֿאַמיליעס. נאָך 7 פּראָצענט זײַנען געווען פֿון פֿאַמיליעס וואָס האָבן פֿריִער גענאָסן פֿון עפֿנטלעכער הילף. נעגערס זײַנען אין דער קאַטעגאָריע

געווען דריטהאַלבן מאָל מער ווי מען וואָלט זיך געריכט לויט זייער צאָל; יוגנט פֿון אויסלענדיש געבוירענע אָדער געמישטע עלטערן בכלל גענומען איז געווען פֿאַרטראָטן אין דער קאַטעגאָריע נאָר אויף אַ האָר שטאַרקער איידער קינדער פֿון הי געבוירענע. דעם העכסטן פּראָצענט צווישן די געשטיצטע האָבן פֿאַרמאָגט איטאַליענישע יוגנטלעכע; דעם נידעריקסטן האָבן פֿאַרמאָגט ייִדן (12.2%) און ווײַסע פּראָטעסטאַנטן (11.9%).

טייל II גיט זיך אָפּ מיט בילדונג. די שטאַרקע אַרבעטס־לאָזיקייט און די דעפּרעסיע האָבן אין 1935 געהאַט געבראַכט דערצו, אַז מען איז מער געגאַנגען אין הײַסקול (מיטלשול) און אין די שטאָטישע קאַלעדזשן, ווו מען צאָלט ניט קיין שׂכר־לימוד; פֿון דעסט וועגן ווײַזט די פֿאָרשונג, אַז נאָר אַ פֿינפֿטל פֿון אַלע יוגנטלעכע גייען אין פּאָליצײַטיקע שולן אָדער קאַלעדזשן. די פּראָפּאָרציע פֿון יוגנטלעכע פֿון הי געבוירענע עלטערן איז געווען נאָר אויף אַ האָר שטאַרקער איידער פֿון אויסלענדיש געבוירענע עלטערן. בײַ ייִדן זעט זיך ניט קיין אונטערשייד אין לערנען צווישן קינדער פֿון עלטערן וואָס זײַנען געבוירן אין לאַנד און קינדער פֿון אויסלענדיש געבוירענע. דער חילוק פֿון בחורים ביז מיידלעך וואָס לערנען זיך איז בײַ ייִדן גרעסער ווי בײַ אַנדערע גרופּעס. צום קלענסטן צווישן אַלע ווײַסע גרופּעס איז די פּראָפּאָרציע שולגייערס בײַ די איטאַליענער. כּמעט אַלע קינדער אין ניו־יאָרק גייען אַרײַן אין הײַסקול נאָך דעם ווי זיי ענדיקן די עלעמענטאַרע שול, נאָר מערניט אַ העלפֿט ענדיקן. גראַדויִרטע פֿון הײַסקול האָט מען צווישן די אויסגעפֿאָרשטע געפֿונען נאָר אַ ביסל איבער אַ פֿערטל פֿון אַלע יוגנטלעכע. צווישן די קינדער פֿון הי געבוירענע און אויסלענדיש געבוירענע זעט זיך ניט קיין אונטערשייד אין דעם פּרט, נאָר עס ווײַזט זיך יאָ אַרויס, אַז בײַ פֿיזישע אַרבעטערס בלײַבט אַ גרעסערע צאָל קינדער ניט־געענדיקטע איידער בײַ די „ווײַסע־קאָלנער־אַרבעטערס".

די ווײַטערדיקע דרײַ קאַפּיטלעך — טייל III — גיבן זיך אָפּ מיט די אַרבעטס־באַדינגונגען: יוגנט בײַ דער אַרבעט; יוגנט אָן אַרבעט; אַרבעטסלאָזיקייט פֿון דער נעגערשער יוגנט. אַרום אַ העלפֿט פֿון די יונגע־לײַט און מיידלעך, האָט מען געפֿונען, האָבן קיין אַרבעט ניט געהאַט. בדרך־כּלל האָבן אַפֿילו יוגנטלעכע וואָס האָבן יאָ געהאַט באַשעפֿטיקונג געהאַלטן, אַז זיי טוען אַן אַרבעט וואָס שטימט זיי ניט אָן, מחמת אַ סך וואָס זײַנען געהאָדעוועט געוואָרן פֿאַר ווײַסע־קאָלנער־באַשעפֿטיקונגען האָבן זיך געמוזט פֿאַרנעמען מיט פֿיזישער אַרבעט. עס ווערט קאָנסטאַטירט, אַז די סיטואַציע פֿון די נעגערס איז אַ סך אַ שווערערע: אַ נעגערשער יוגנטלעכער האָט נאָר אַ העלפֿט שאַנסן ווי אַ ווײַסער צו באַקומען אַרבעט.

מיט דער פּראָבלעם פֿון פֿאַרברענגען די פֿרײַע צײַט איז פֿאַרנומען דער גאַנצער פֿערטער טייל. די מחברים האַלטן אַ פּנים, און זיי זײַנען גערעכט, אַז דאָס איז גאָר אַ וויכטיקע פֿאַזע פֿון דער פּראָבלעם

יוגנט. וואָרעם קיין שום אַנדער פּאַזע שפּיגלט ניט אָפּ אַזוי בולט די טענ־דענצן, דעם כאַראַקטער, דעם אינטעלעקטועלן — מען קען זאָגן דעם גייס־טיקן מצבֿ פֿון דער יוגנט; פֿון קיין פּאַזע קענען מיר ניט אָפּלערנען אַזוי פֿיל וועגן איר ווײַטערדיקן גורל. אָט זײַנען די קעפּלעך פֿון די פֿינף קאַ־פּיטלען אין דעם טייל: דאָס אחריות פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר אָפּפּרישונג (recreation); סכום און אויסנוצונג פֿון פֿרײַער צײַט; די פֿאַקטאָרן וואָס באַשטימען, ווי אַזוי די יוגנט נוצט אויס איר פֿרײַע צײַט; לייענען, ראַדיאָ, קינאָ; דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿון דער יוגנט. לאָמיר דאָ אַרויסהייבן כאָטש עפּעס פֿון די פֿאַקטן וואָס ווערן געבראַכט.

מערניט ווי 19% פֿון די יונגע־לײַט און אַרום 11% פֿון די מיידלעך האָבן פֿאַרבראַכט זייער פֿרײַע צײַט אויף אַן אופֿן וואָס מען רופֿט גוט אויסגעבאַלאַנסירט. דער פּראָצענט פֿון די וואָס גיבן זיך אָפּ אין זייער פֿרײַער צײַט מיט קולטור־טעטיקייט פֿאַרקלענערט זיך מיט די יאָרן, ווי די פֿאָרשונג ווײַזט: אונטער 20 יאָר איז דער אינטערעס דערצו גרעסער ווי איבער 20. פּאָליטישע און כּללישע ענינים פֿאַרנעמען כּמעט בכלל קיין אָרט ניט אין די פֿאַראינטערעסירונגען פֿון דער יוגנט. סך־הכּל 4% פֿון די, צו וועמען מען איז צוגעקומען, האָבן דערמאָנט כאָטש וועלכע עס איז טע־טיקייט אויף דעם פֿעלד. די עקאָנאָמיש בעסער געשטעלטע יוגנט פֿאַר־ברענגט איר פֿרײַע צײַט אויף מער פֿאַרשיידענע אופֿנים און די פֿאַרשיידענע טעטיקייטן זײַנען מער אויסגעבאַלאַנסירט, נאָר פֿון דעסט וועגן איז דער אינטערעס פֿאַר כּלל־זאַכן דאָ אויך גאַנץ שוואַך.

ניטאָ כּמעט אין פּרט פֿון פֿאַרברענגען קיין נפֿקא־מינה צווישן קינדער פֿון הי געבוירענע און קינדער פֿון אויסלענדיש געבוירענע עלטערן. אָבער ס'איז יאָ פֿאַראַן אַ נפֿקא־מינה צווישן פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. די איטאַ־ליענישע יוגנט אַ שטייגער (דערהויפּט מיידלעך) צייכנט זיך זייער אויס מיט אַ „באַגרענעצטן" טיפּ פֿאַרברענגען; יידישע יוגנט געהער צו אַ „רײַכערן" טיפּ. אויף ז' 258 לייענען מיר: „אין גימנאַסטיק, ספּאָרט און אין אָפּ־פּרישונגען אונטערן פֿרײַען הימל בכלל, און אויך אין קולטורעלער אויס־לעבונג, אין קונסטן, מוזיק און ליטעראַטור, און אין אַזעלכע אינטערעסן ווי פּאָליטיק און כּלל־ענינים נעמט די ייִדישע יוגנט פֿון ביידע געשלעכטן אַן אַנטייל אין אַ גרעסערער מאָס ווי אַנדערע."

אויפֿן ערשטן אָרט צווישן אַלע מינים פֿאַרברענגען שטייט ל י י ע נ ע ן, נאָר צום ווײַט גרעסטן טייל לייענט מען צײַטונגען און זשורנאַלן פֿונעם ני־דעריקסטן סאָרט. מערניט איינער פֿון יעדער 3 לייענערס נעמט בכלל אַ בוך אין האַנט אַרײַן, און די וואָס לייענען שוין יאָ באַפֿרידיקן זיך אויך מיט דערונטערדיקער בעלעטריסטיק. אין 1935, ווען די אויספֿאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן, האָט מען שוין געהערט וועגן דעם, אַז בײַם עולם וואַקסט דער אינטערעס פֿאַר ניט־בעלעטריסטישע ביכער; נאָר בײַ דער יוגנט, זאָגן די מחברים, האָט זיך דאָס אָנגעזען גאַנץ קנאַפּ (ז' 295).

דאָס אָרגאַניזאַציע־לעבן בײַ דער יוגנט איז אויך געווען היפּש באַגרע־נעצט. סך־הכּל איין דריטל פֿון די יונגע־לײַט און אַרום אַ פֿערטל פֿון די מיידלעך געהערן בכלל צו וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע. קלויסטערס און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, ווייסן מיר דאָך, שפּילן אַ גרויסע ראָלע; אָבער מערניט אַ קליינער פּראָצענט יוגנט געהער צו זיי. צום שוואַכסטן זײַנען דאָ רעפּרעזענטירט ייִדישע יוגנטלעכע: פֿון איטלעכע הונדערט אויסגע־פֿרעגטע פּראָטעסטאַנטן האָבן 12 געזאָגט, אַז זיי געהערן צו אַזוינע אָרגאַ־ניזאַציעס; פֿון איטלעכע הונדערט קאַטוילייקן — 8; פֿון איטלעכע הונ־דערט ייִדן — 2.

דאָס בוך טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון זאָרגעוודיקער פֿאָרשונג און ס'איז גוט אָרגאַניזירט אויך. ס'איז פּאַק און פֿול מיט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל: פֿאַראַן 108 טאַבעלעס, טייל זייער פּרטימדיקע. מען מוז זאָגן, אַז כאָטש דאָ זײַנען צונויפֿגענומען אַ סך נוציקע פֿאַקטן, זײַנען אָבער קיין גרויסע חידושים ניטאָ. נאָר וואָס דען — מיר געפֿינען דאָ אַ באַקרעפֿ־טיקונג אויף זאַכן וואָס מען האָט שוין פֿריִער פּיל־ווינציק געוווּסט, און דאָס איז אויך ניט קיין קלייניקייט. דאָס וואָס די פֿאָרשונג האָט זיך קאָנ־צענטרירט אויף „נאָרמאַלע" פֿאַזעס איז ווידער אַ מאָל אַ מעלה. אין סאָ־ציאָלאָגישע שטודיעס פֿון דעם מין האָט מען זיך ביז איצטער צו שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין דער „אומנאָרמאַלער" און „פּאַטאָלאָגישער" זײַט.

ווי אַ מקור פֿאַר פּראַקטישע ידיעות וועט דאָס בוך געוויס זײַן זייער נוציק. נאָר אַחוץ דעם איז די ווערדע זײַנע זייער אַ באַגרענעצטע. ס'איז שווער צו זאָגן, צי אַן איינפּראָצענטיקע מוסטערונג קען קלעקן אויף צו באַ־קומען אַ פּינקטלעך בילד פֿון דעם מיליאָן יחידים, וואָס פֿון זיי שטעלט זיך צונויף די יוגנט פֿון גרויס־ניו־יאָרק. דאָס אינטערוויוירן לויט אַ פֿרעג־בויגן איז אויך מוטל־בספק. ווען מען פֿאַרלאָזט זיך צו שטאַרק אויפֿן פֿרעג־בויגן, אַזוי ווי אין דער איצטיקער פֿאָרשונג, וועט מען קיין מאָל מער ווי אַן אויבנאויפֿיקע השגה ניט באַקומען. בײַ מיר קומט אויס, אַז די פּאָר קורצע סקיצעס פֿון לעבנס־געשיכטעס, וואָס מיר געפֿינען דאָ און דאָרט אַרײַנגע־פֿלאָכטן אין בוך, גיבן אַ טיפֿערן אײַנבליק אין טייל פּראָבלעמען ווי אַ היפּשער טייל פֿון די טאַבעלעס.

די אויספֿירן וואָס די מחברים מאַכן זײַנען אויך ניט צו שטאַרק אָריגינעל. דער תּמצית פֿון די אויספֿירן וואָלט זיך געלאָזט פֿאָרמולירן אַזוי: (א) די פּראָבלעם פֿון דער שטאַרקער אַרבעטסלאָזיקייט בײַ דער יוגנט איז געקניפּט און געבונדן מיט די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און אויף אַן אמת פֿאַרענטפֿערן קען מען זי נאָר ווען מען זאָל אָפּשאַפֿן די סיבות וואָס שאַפֿן אַרבעטסלאָזיקייט אין דער וועלט; (ב) די שולבילדונג דאַרף פֿאַרלענגערט ווערן און דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צו די איצטיקע באַדערפֿענישן פֿון דער יוגנט; (ג) די געלעגנהייטן פֿאַר באַשעפֿטיקונג וואָס ס'האָבן

אַזוינע אינסטיטוציעס ווי CCC (אַרבעט־לאַגערן פֿאַר יוגנטלעכע) און NYA (נאַציאָנאַלע יוגנט־אַדמיניסטראַציע) דאַרפֿן אויסגעברייטערט ווערן; (ד) יונגע אַרבעטערס דאַרפֿן אין אַ ברייטערן פֿאַרנעם באַקומען הילף פֿון דעם מין ווי עס גיט די שטאַטישע אַרבעט־פֿאַרמיטלונג־ביוראָ; (ה) מען וואָלט אפֿשר געקענט אויסברייטערן די געלעגנהייטן פֿאַר געפֿינען אַרבעט, ווען די אָרטיקע פֿאַרשטייערס פֿון אַרבעטער־יוניאָנס און פֿון די אונטערנעמערס זאָלן גיין האַנט ביי האַנט מיט די אָרטיקע אינסטיטוציעס פֿאַר יוגנט־פֿאַר־זאָרגונג; (ו) פֿאַך־קאָנסולטאַציע וואָלט געדאַרפֿט זײַן צוטריטלעך אין אַ ברייטערער מאָס ווי ביז אַהער; און צום סוף, (ז) מען דאַרף האָבן אַ ספּעציעלע געזעץ־געבונג אויף צו פֿאַרענטפֿערן די ספּעציעלע פּראָבלעמען, פֿאַר וועלכע עס שטייט די נעגערשע יוגנט.

ס'באַקומט זיך אַרום און אַרום אַ בילד וואָס איז זייער ווײַט פֿון פֿריילעך. מען דערזעט דאָ, אַז די יוגנט — דער דור, וואָס אין אים איז געווענדט אונדזער דירעקטע צוקונפֿט — געפֿינט זיך אין אַן אימהדיקער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סיטואַציע. אפֿשר וועט דאָס בוך האָבן עפּעס אַ פּראַקטישע ממשות מיט צוצוזיען דעם אינטערעס פֿון מער מענטשן צו דער פּראָבלעם. אפֿשר וועלן זיך כאָטש טייל לייענער כאַפּן, אַז ניט אַלץ איז כשר־וישר.

אַ גרויסער שאָד, וואָס בלויז ווו ניט ווו איז פֿאַראַן אַן אָנצוהערעניש אויף פֿאַרגלײַכן צווישן זיך די פֿאַרשיידענע עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס. די אונטערשיידן צווישן זיי זײַנען דאָך געוויס גרויס, און מען וואָלט זיי באַדאַרפֿט אַרויסברענגען. ווען מען רעדט וועגן דער יוגנט פֿון אַזאַ גע־מישטער באַפֿעלקערונג ווי אין ניו־יאָרק, מיט אַזאַ פֿאַרשיידענער קולטור־ירושה, וואָלט דער פּונקט געדאַרפֿט שטיין אויבן אָן. דאָס וואָס ער איז קוים אָנגערירט געוואָרן איז אַן ערנצטער דעפֿעקט. דאָס בוך גיט דעריבער ניט, מוז מען זאָגן, קיין אמתן פֿאַרשטאַנד פֿון די אַרומגערעדטע פּראָבלעמען; די פּראָבלעמען ווערן כמעט נאָר אויסגערעכנט אָדער, ריכטיקער, טאַבעלירט.

ד״ר ש מ ו א ל ק ע נ י ג

אַ געשיכטע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור

A. A. Roback, *The Story of Yiddish Literature.* New York, Yiddish Scientific Institute, American Branch, 1940. 448 pp.

„ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, שרײַבט דער מחבר אין זײַן התנצלות, אַז דאָס ווערק איז געשיכטע אין שטרענגן פּשט פֿונעם וואָרט.״ ער איז אוודאי גערעכט. ס ט אָ ר י מיינט ניט ,געשיכטע פֿון', נאָר ,אַ געשיכטע וועגן'. דאָס בוך איז געשריבן פֿאַר אַ ספּעציפֿישן לייענער. ניט די שפּראַך אַליין באַשטימט דאָ. עס קענען געמאָלט זײַן אין ענגליש ענגע ספּעציאַליסטישע אַרבעטן וועגן ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אויך,

און מיר האָבן טאַקע אַזוינע (סאַפּירס אַרטיקל וועגן ייִדישער פֿאָנעטיק, לעאָ לאַנדוים אַרײַנפֿיר צו זײַן אויסגאַבע פֿונעם ייִדישן אַרטוס־ראָמאַן אד"גל). אָבער ראָבאַק האָט זיך געשטעלט בפֿירוש אַן אַנדער ציל: צו אינפֿאָרמירן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אַן עולם וואָס ווייס וועגן דעם גאַנצן ענין גאָרנישט אָדער כּמעט ווי גאָרנישט. ממילא טאָר מען ניט מאָנען בײַ אים דאָס וואָס מען וואָלט אפֿשר געוואָלט געפֿינען: פּרטימדיקע און גוט דאָקומענטירטע אַנאַליזן פֿון דעם אָדער יענעם שרײַבערס ווערק און פּערזענלעכקייט, אַ פֿולע סכעמע וואָס זאָל רעטראָספּעקטיוו אַרײַנטראָגן אַ סדר אין דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור דורך די יאָרהונדערטער. אויב אַן עלעמענטאַרע שול גיט אײַך ניט קיין קורס אין העכערער מאַטעמאַטיק, דאַרפֿט איר צו איר קיין טענות ניט האָבן; אויב איר ווילט לערנען דווקא דאָס, דאַרפֿט איר זיך מטריח זײַן אין אַן אַנדער אינסטיטוציע אַרײַן.

פֿרעגן דאַרפֿן מיר נאָר: ווי נאָענט איז ראָבאַק צוגעקומען צו דעם ציל וואָס ער אַליין האָט זיך געשטעלט.

דער לייענער וואָס האָט ביז איצטער ניט געוווּסט גאָרנישט, אָדער כּמעט גאָרנישט, פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועט אַרויסנעמען אַ היפּש ביסל. ער וועט זען, אַז אין משך פֿון הונדערטער יאָרן האָבן ייִדן געשאַפֿן אויף ייִדיש אין פֿאַרשיידענע לענדער און אויף פֿאַרשיידענע פֿעלדער. ער וועט דערזען לעבעדיקע פּנימער פֿון די קלאַסיקערס. ער וועט זיך באַקענען מיט קורצע, אָבער געראָטענע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון גאָלדפֿאַדענען, גאָרדינען, מאָריס ראָזענפֿעלדן, יהואָשן, נאָמבערגן א"אַנד, ער וועט הערן וועגן אינטערעסאַנטע ריכטונגען אין דער נײַער פּאָעזיע. ספּעציעל אינטערעסאַנט וועט זײַן צו דערזען, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט נאָר י ִ ד י ש ע ליטעראַטור, נאָר אויך אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ליטעראַטור. בײַ טייל לייענערס וועט דאָס אפֿשר אויפֿוועקן חשק צו פֿאַרטיפֿן זייערע קענטענישן; וועלן זיי זיך נעמען צו די ווערק וואָס זײַנען דערמאָנט אין די פֿאַרלאָזלעכע ביבליאָגראַפֿיעס צום סוף בוך.

אָבער אַנטקעגן די מעלות שטייען חסרונות אויך. מיר דוכט זיך, אַז וויכטיק איז דווקא דורכצודיסקוטירן די חסרונות, וואָרעם אויב מיר וועלן קומען צו אַ הסכּם וועגן זיי, וועט דערפֿון זײַן בפֿירוש אַ דידאַקטיש געווינס. מיר האָבן דאָך נאָך קיין מאָל אַפֿילו ניט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי צ ו צ ו פֿ י ר ן די ייִדישע ליטעראַטור צו פֿרעמדע און פֿאַרפֿרעמדטע.

אַ פֿראַגע וואָס שטעלט זיך באַלד בײַם אָנהייב: ווי אַזוי האָט זיך ראָבאַק אַן עצה געגעבן מיט דער פֿאַרטיילונג פֿונעם מאַטעריאַל. ראָבאַקס אָרט איז פֿאַרטיילט אַזוי: עופֿעלעשאַפֿט און קינדהייט (פֿון דער ליטעראַטור) — 60 זײַטלעך; די גאָלדענע תּקופֿה — 58 זײַטלעך; נאָך די קלאַסיקערס — 270 זײַטלעך. איך האָב מורא, אַז דאָס איז ניט די געהעריקע פּראָפּאָרציע. די תּקופֿה פֿון די

קלאַסיקערס איז אַזוי באַשטימיק אין דער געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור, אַז בײַ מיר קומט אויס, אַז ווען די פּראָפּאָרציע צווישן דעם צווייטן און דריטן טייל וואָלט געווען פֿאַרקערט, וואָלט שוין באַלד געווען בעסער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר גרויסע שרײַבערס, אָבער מיר האָבן מער ניט קיין צענטראַלע פֿיגורן אין דעם זינען ווי די דרײַ גרויסע זײַנען געווען. משמעות דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך שוין געהאַט צו פֿיל דיפֿערענצירט. אָבער וואָס עס זאָל ניט זײַן די סיבה, איז יעדער שרײַבער נאָך פּרצן מער אַ פֿיגור פֿאַר זיך. די ל י ט ע ר אַ ט ו ר איז אויפֿגעבויט געוואָרן דורך יענע דרײַ, און דאָס וואָלט דער לייענער געדאַרפֿט אַרויסזען פֿון זייערע ווערק און פֿון די פֿאַרהעלטענישן, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט. דאָס וואָלט ניט געדאַרפֿט מאַכן דאָס בוך שווערוואָגיקער לויטן אינהאַלט.

ראָבאַק האָט זיך געהאַט טעמים פֿאַר גיין מיט זײַן גאַנג. ער האָט געוואָלט ווײַזן דעם פֿרעמדן אָדער פֿאַרפֿרעמדטן לייענער, ווי שטאַרק די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך צעוואַקסן נאָך פּרצן אין שטח, אין מענטשן, אין טעמעס און אין זשאַנערס. איך וויל ניט מבֿטל זײַן ראָבאַקס געדאַנק, אַז יעדערער האָט עפּעס צוגעטראָגן און אַז עס איז שווער צו באַשליסן, וועמען יאָ אַרײַנצונעמען און וועמען ניט; איך וויל דאָס ניט אָפּמאַכן מיטן פּאָלעמישן וואָרט „דערמאָנאַמאַניע", וואָס אַנטקעגן דעם, זאָגט מען, דאַרף מען יוצא זײַן. מיך אינטערעסירט דער לייענער. וואָס קומט אים אַרויס פֿון די לאַנגע שורות נעמען, אַ מאָל מיט אַ ווינציק זאָגנדיקן אַדיעקטיוו דערבײַ און אָפֿט אַפֿילו דאָס ניט? גלײַכער וואָלט שוין אפֿשר געווען אויסצוטיילן אין דער נאָכקלאַסישער צײַט די חשובֿסטע שרײַבערס, לאָמיר זאָגן אַ צוויי צענדליק, און יעדערן פֿון זיי אָפּגעבן גענוג זײַטלעך אויף צו כאַראַקטעריזירן זיי. די אַנדערע אַלע וואָלט מען געדאַרפֿט אויפֿשטעלן צום סוף אין אַ רשימה, יעדער שרײַבער מיט זײַנע וויכטיקסטע ווערק. איך מעג זיך ריכטן אויף אַ פּרעטענזיע: טאָ ווו זײַט איר פֿריִער געווען? איך בין מודה, אַז בשעת דער מחבר איז געווען אַזוי פֿרײַנדלעך און געשיקט מיר די קאָרעקטעס פֿון זײַן בוך צום איבערקוקן, האָב איך נאָך דעם אײַנפֿאַל ניט געהאַט. אָבער פֿאַר וואָס ט אַ ק ע ניט? מער אָרט וואָלט דאָס ניט צוגענומען, דער טעקסט וואָלט באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דעם קאַטאַלאָגמאַטעריאַל און דער וועג צו אַ שרײַבערס ווערק וואָלט געווען אָפֿן פֿאַרן לייענער וואָס וואָלט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם אָדער יענעם שרײַבער. די קוואַליטעט פֿון די הונדערטער שרײַבערס זעט מען פֿון ראָבאַקס פֿאָרשטעלן זיי גאַנץ אָפֿט סײַ ווי סײַ ניט אַרויס, מען מוז אים גלייבן אויפֿן וואָרט, אַז דער אָדער יענער איז גרויס און וויכטיק.

דאָ קומען מיר צו דעם סאַמע כאַראַקטעריסטישן שטריך פֿון ראָבאַקס גאַנג: דאָס איז זײַן אַפּאָלאָגעטישער מעטאָד. די פֿאָרמל זעט אויס בערך

אַזוי: איך מיינט דאָך, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז גאָרניט — אין דער אמתן איז זי לעילא ולעילא; און ווער עס מיינט אַנדערש, דער איז אַ ניט־דערבאַקענער אינטעליגענט, אַן אַסימילאַטאָר, אַן איגנאָראַנט, אַ מענטש וואָס שטעלט זיך אויס אויף לײַטיש געלעכטער. צי איז אַזאַ מעטאָד פּראַק־טיש? מיר דוכט, אַז בעסער וואָלט געווען, לכל־הפּחות ביזן אויסלאָז־קאַפּיטל, צו איגנאָרירן אין גאַנצן אַלע ביטול־רייד קעגן דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור און צו לאָזן ווירקן די פֿאַקטן גופֿא. אויב דער לייענער קומט צו צום ענין ייִדיש מיט פּאָרויסיקע נעגאַטיווע מיינונגען, וועט ער גיכער אַנטאַגאָניזירט ווערן דורך אַזוינע פּאָלעמישע באַמערקונגען. אויב ווידער דאָס בוך פֿאַלט אַרײַן צו איינעם וואָס האָט קיין מאָל ניט געהערט וועגן דעם קאַמף פֿון ייִדיש פֿאַר אָנערקענונג, איז גאָר אַ סבֿרא, אַז ער וועט אַ טראַכט טאָן „וואָס איז דער מחבר אַזוי אומרויִק? עפּעס מוז דאָ זײַן ניט גלאַטיק."

ראָבאַק פֿאַרענטפֿערט זיך אַליין קעגן דער טענה, אַז זײַן ליבע מאַכט אים בלינד. איך האָב מורא, אַז אין דער טענה שטעקט אַ שטיק אמת. אַ גוואַלדיקע ליבע צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור שלאָגט אַרויס פֿון יעדער שורה — אָבער אָפּט מאָל שוואַכט דאָס גראָד אָפּ זײַן פּאָ־זיציע. נעמט למשל אַזאַ אילוסטראַציע:

דאָס דײַטשע הילדעבראַנד־ליד איז דערגאַנגען צו אונדז אין צוויי ניסחאות: — איינער פֿון 8טן י"ה, ווו דער פֿאָטער דערהרגעט דעם זון אין צווייקאַמף, און אַ ייִנגערער נוסח, פֿון אַ 500 יאָר שפּעטער, ווו דער פֿאָטער מיטן זון מאַכן שלום. די ייִדישע באַאַרבעטונג פֿונעם הילדעבראַנד־ליד שטאַמט פֿון סוף מיטל־עלטער; שטימט זי, ווי מען קען זיך ריכטן, מיטן ייִנגערן דײַטשן נוסח. ראָבאַק דערמאָנט אַליין, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ דײַטשער נוסח מיטן זעלביקן גליקלעכן אויסלאָז; אָבער דריינגען דרינגט ער דערפֿון וועגן דעם אונטערשייד צווישן ייִדישן און גויִשן גײַסט, און פֿאַר אַ ראיה ברענגט ער נאָך דוד המלכס טרויערן אויף אַבֿשלומס טויט. אויב אַ לייענער פֿון ראָבאַקס בוך האָט ווען עס איז געהאַלטן אין די הענט דעם תּנ"ך, געדענקט ער מסתּמא אַנדערע מעשׂים פֿון דוד המלכן וואָס זײַנען ניט אַזוי ווייכ־האַרציק, אַ שטייגער די מעשׂה אוריה, און אַנדערע בלוטיקע מעשׂים פֿון אַנדערע פּערסאָנאַזשן פֿון תּנ"ך לרובֿ. און ווער עס האָט געלייענט די קרי־מינעלע כראָניק פֿון ניו־יאָרק אין דעם יאָר ווען ראָבאַקס בוך איז אַרויס־געגאַנגען, דער וועט זיכער אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס אויף זײַן דערמאָנען, אַז ייִדן טאָרן אַפֿילו קיין פֿלייש ניט עסן אײדער דאָס בלוט איז אויסגעווייקט געוואָרן.

די פּאַראַגראַפֿן וועגן דער ייִדישער שפּראַך (זז' 37-41) זײַנען די שוואַכסטע אינעם גאַנצן בוך. ער ברענגט ניט קיין שום דוגמאות, ווי אַזוי די פֿאַרשיידענע עלעמענטן פֿון ייִדיש האָבן זיך צונויפֿגעשמאָלצן. אַנשטאָט

צו ווײַזן פֿונדאַמענטאַלע זאַכן, ווי אַזוי אַפֿילו דער גערמאַנישער עלעמענט אין ייִדיש האָט זיך דערוווײַטערט פֿון דײַטש, גיט ער אַוועק אײן זײַט פֿון די 4 אויף אויסצוברענגען, אַז די ענדונג אין די ייִדישע ווערטער ב ע ז ע ם , ב ו ז ע ם אאַז"וו לגבי דעם דײַטשן en- איז געקומען אונטער דער ווירקונג פֿון העברעיִש (אַפֿילו ווען די חקירה וואָלט געווען איבער־צײַגעוודיק, איז דאָס אַ דערונטערדריקער פּרט וואָס פֿירט אַוועק פֿונעם עיקר). ווײַטער גייען צוויי זײַטלעך וואָס ריידן וועגן די באַציִונגען צווישן ייִדיש און ענגליש, אָבער עס איז ניט צו זען, וואָס פֿאַר אַ שײַכות עס האָט צו אַלט־ייִדיש, וואָס ניט-געבילדעטע ייִדן זאָגן „בילדונג" אַנשטאָט building און „פּריטיקלע" אַנשטאָט particular.

נאָר דאָס זײַנען אַלץ פּגימות אין איינציקע זאַכן; מײַן מיינונג וועגן דער אַרבעט בכלל מינערט דאָס ניט.

צווישן די מעלות פֿונעם בוך דאַרף מען פֿאַרצייכענען, אַז עס פֿאַרמאָגט גוט באַאַרבעטע זוכצעטלען, און ספּעציעל דאַרף דערמאָנט ווערן די קלאָר דורכגעטראַכטע סיסטעם פֿון טראַנסקריפּציע, וואָס דאָס איז געווען אַ גאַנץ האַרבער ענין. אַרום און אַרום וויל איך זאָגן, אַז כאָטש איך זע די דעפֿעקטן פֿון ראָבאַקס אַרבעט, בין איך אָבער פֿאָרט צופֿרידן וואָס מיר האָבן זי, און איך בין צופֿרידן, וואָס איך פֿערזענלעך האָב צוגעלייגט אַ האַנט, אַז זי זאָל צו שטאַנד קומען. אַזוי ווי דאָס בוך שטייט און גייט וועט עס אויך וועקן אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין קרײַזן, צו וועלכע אונדזער ביז־איצטיקע ליטעראַרישע פֿאָרשונג און קריטיק איז ניט צוגעקומען. ראָבאַק האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם בוך אַ סך מי, און ס'איז געווען כּדאַי.

מ. ווײַנרײַך

דײַטשן אין אַמעריקע

John A. Hawgood. *The Tragedy of German-America.*
G. P. Putnam's Sons. New York—London, 1940. $3.00.

דער מחבר איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע אין אוניווערסיטעט פֿון בירמינגהעם, ענגלאַנד. מיט דער הילף פֿון דער ראָקעפֿעלער־פֿונדאַציע האָט ער פֿאַרבראַכט אַכצן חדשים אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (1828־29 און דערנאָך 1934־35). ער איז אויסן געווען צוצוגעבן נאָך אַ פּרינציפּיעלע מאָנאָגראַפֿיע צו דער ניט איבעריקס גרויסער צאָל ווערק וועגן די דײַטשן אין אַמעריקע. אין צענטער פֿון זײַן באַטראַכטונג האָבן געדאַרפֿט שטיין די קליינע פּאַסיקסלעך (דער מקף, דער hyphen) וואָס פֿאַרבינדן און טיילן פֿאַר איינס אָפּ די ווערטער דײַטש־אַמעריקאַניש; אין דער דאָזיקער צווייִקייט שטעקט דאָך דער תּוך פֿון זייערע פּראָבלעמען.

די היסטאָרישע קאַפּיטלען פֿונעם בוך זײַנען שוין געווען אָנגעשריבן און דער מחבר האָט זיך גראָד געקליבן געבן זײַנע אייגענע מסקנות, ווען

ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן ענגלאַנד און דײַטשלאַנד. האָט זיך פאַרן ווויסנשאַפטלער געשאַפן אַ סיטואַציע, ווו ער אַליין איז געוואָרן אַ צד; און מחמת ער פאַרשטייט דאָס אַליין, האַלט ער זיך אָפּ פון שאַצן אויף וועלכן ניט איז אופן די לעצטע פּאַסירונגען, הגם די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע פון די לעצטע ערבֿ-מלחמהדיקע יאָרן מאָלט ער נאָך יאָ. דאָס בוך קומט אויס דעריבער ווי ניט פאַרענדיקט מיטן שרײַבערס אייגענעם ווילן; און מישפּטן קענען מיר נאָר דאָס וואָס ער האָט אונדז געגעבן.

דער עיקר דאַרפן מיר זען, צי די היסטאָרישע פּרעזענטאַציע קלעקט פאַר אונדז צו שאַפן זיך אַן אייגענע מיינונג וועגן די דײַטשן אין אַמעריקע, ווי באַלד דעם מחברס מיינונג הערן מיר ניט.

מען מוז זאָגן אָפן, אַז פונעם מאַטעריאַל קענען מיר ניט מאַכן גענוג אויספירן. מיר געפינען אין דעם בוך איינציקע שטיקער, ניט פאַרבונדן צווישן זיך דורך אַן אינעווייניקסטער פאַרבינדונג, ניט אין אַ גלײַכער מאָס דאָקומענטירט און ממילא פאַרשיידן נאָך זייער ווערדע נאָך; און פון אַלע קאַפּיטלעך צוזאַמען זעט זיך די הויפּטפּראָבלעם ניט אַרויס גענוג בולט.

אינעם קאַפּיטל, „דער דײַטש ווי אַ קאָלאָניסט אין די פאַראייניקטע שטאַטן" שטעלט זיך דער מחבר אָפּ באַריכות אויף דעם באַוווּסטן פאַקט, אַז די דײַטשן זײַנען ניט געגאַנגען אויף דער פּרעריע און האָבן זיך ליי־בערשט באַזעצט אויף וואַלדיקע גרונטן, וואָס דאָס האָבן זיי געקענט פון דער היים. דער מחבר מײַדט אָבער אויס אין גאַנצן דאָס וואָס ס'איז בעצם געווען זײַן אויפגאַבע: צו ווײַזן, וואָס פאַר אַ פּנים ס'האָט באַ־קומען די אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט אַ דאַנק דעם דאָזיקן שטריך פון די דײַטשע קאָלאָניסטן. דאָס איז נאָך אַ גרעסערער שאָד איבער דעם וואָס אין די דײַטשע לענדער האָט מען שוין יאָ גענומען קולטור־היסטאָריש אויס־פאָרשן די בילדער פון די לאַנדשאַפטן און אַנדערע פאָרשערס האָבן זיך שוין פאַרטראַכט וועגן אַריבערטראָגן דעם מעטאָד אויפן נײַעם קאָנטינענט אויך. דער מחבר רעדט וועגן די דײַטשן כּסדר מיט אַ טענה, אַז זיי זײַנען „שפּעטקומערס" און „ניט-פּיאָנירן". אָבער ווען מען איגנאָרירט דאָס וואָס די דײַטשן האָבן פּאָזיטיוו צוגעטראָגן צו בײַטן דאָס בילד פון דער לאַנד־שאַפט און מען שטרײַכט רק אונטער, אַז פּיאָנירן זײַנען געווען אַנדערע, קען מען ניט באַקומען קיין השגה וועגן דעם פאַקטישן אויפטו פון דײַטשן אין אַמעריקע.

די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך גיבן סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דער כוואַליע דײַטשע אײַנוואַנדערונג זינט 1820 און זײַנען אין זיך זייער וויכ־טיק. נאָר מען מוז זאָגן, אַז אין אָט דעם בוך זעט אויס דער פּרטימדיקער אַנאַליז פון צאָלן אַזוי ווי צוגעטשעפּעט, מען האָט זיך גאַנץ גוט געקענט באַגיין אָן דעם. דער מחבר האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, אַז אַזוי איז דאָס, און דעריבער געגעבן אַן עצה די לייענערס מיט ניט קיין צו גרויסע וויסנ-

שאַפּטלעכע אינטערעסן, אַז זיי זאָלן פּשוט איבערהיפּן די דאָזיקע טיילן. אַ קאַפּיטל מיט ווינציקער פּרטים, נאָר מיט אַ בעסערער הסברה און מיט אַ בעסערער פּראָפּאָרציע פֿון די טיילן וואָלט געגעבן דעם לייענער אָן אַ שיעור מער.[1]

אין צענטער פֿון דער היסטאָרישער פּרעזענטאַציע שטייען די קאַפּיטלעך: „נײַע דײַטשלאַנדס אויף אַמעריקאַנער ערד". די אידעאָלאָגישע זײַט איז אַרויסגעהויבן ווי ס'געהער צו זײַן. אָבער די דאָזיקע צענטראַלע פּאָליטישע אידעע פֿון די דײַטשן אין אַמעריקע דעקט מערניט די יאָרן 1855-1830, און ס'בלײַבט איבער אַ געפֿיל, אַז מחוץ דעם משך צײַט זײַנען אַפּילו די וויכטיקסטע אידעעס ניט אָפּגעמאָלט מער היסטאָריש. און די געשיכטע פֿון די דאָזיקע פֿינף און צוואַנציק יאָר איז געגעבן נאָר ווי די אַנטוויקלונג פֿון אַן אידעע, ניט ווי אַ געשיכטע פֿונעם דײַטש-אַמעריקאַנער קיבוץ אין דער צײַט.

און דאָ אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אונדז די שוואַכסטע זײַטן פֿון דעם בוך, אויף וויפֿל ס'האָט די פּרעטענזיע צו זײַן געשיכטע: ד ע ם ד ײַ ט ש פֿ ו ן ד ע ר פֿ אַ ר ג אַ נ ג נ ה י י ט ז ע ע ן מ י ר נ י ט פֿ אַ ר ז י ך. דער מחבר האָט גאָר קיין אינטערעס ניט פֿאַר קולטור־היסטאָרישע פֿאַקטן, פֿאַר די אַלע פּרטים וואָס קענען זײַן בווישטיינער פֿאַר דערקענען אַן עפּאָכע; איז זעט מען ניט די מענטשן פֿון אַ מאָל. זיי ווערן פֿאַרדעקט מיט ציפֿער אָדער מיט חקירות פֿון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

ס'איז ניט קיין צופֿאַלזאַך, הייסט עס, וואָס די מקורים וואָס דער מחבר ברענגט זײַנען כּמעט דורכווים בּוללדיקע ווערק אָדער זכרונות (טייל מאָל אויך גענומענע פֿון דער צווייטער האַנט) און אַז ער רירט זיך גאָרניט צו צו די צײַטונגען און צו דער געלעגנהייט־ליטעראַטור פֿון די צוויי יאָרהונדערטער. ער האַלט ניט פֿון קולטור־היסטאָרישע דעטאַלן. איבער הויפּט זײַנען אים צום האַרצן קאָנדענסירטע איבערבליקן, וואָס צײַטנווײַז זײַנען פֿאַראַן אין זיי ציטאַטן פֿון צײַטונגען אויך. ממילא קומט אויס זײַן טעקסט אַזוי ווי צונויפֿגעפּרעסט איבער דער מאָס, איבערגעלאָדן מיט פּרעמדן מאַטעריאַל, און ס'בלײַבט מטושטש די עצם פּראָבלעם: צי זײַנען די דײַטש־אַמעריקאַנער מערניט ווי אַ סומע פֿאַרוואָגלטע יחידים וואָס האָבן זיך ניט געקענט אַרײַנפּאַסן אין דער נײַער סבֿיבֿה, אָדער מיר זעען דאָ פֿאַר זיך אַ ברייטערע פֿראַגע פֿון דער אַמעריקאַנער קולטור, אפֿשר פֿון קולטור בכלל. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער מחבר האָט זיך אָפּגעהאַלטן פֿון מאַכן

[1] זע למשל די איבערבליקן איבער דער אימיגראַציע פֿון דײַטשן לגבי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין:

Carl Wittke, *We Who Built America. The Saga of the Immigrant.* New York, 1939.

אויספֿירן מיטן פֿולן מויל, אָבער אויך וויפֿל מיר שטויסן זיך אָן, זעט ער ניט קיין באַרעכטיקונג אין אויפֿהאַלטן נאַציאָנאַל־קולטורעלע ווערטן בײַ אַ פֿאָלקס־קיבוץ. פֿולקומע אסימילאַציע איז בײַ אים די איינציקע נאַטירלעכע זאַך; ער האַלט ניט, אַז די נײַ געקומענע האָבן עפּעס צוצוטראָגן צו דער אַמעריקאַנער קולטור; און אַוודאי וועט ער ניט מודה זײַן, אַז ווען עט־לעכע נאַציאָנאַלע קולטורן זאָלן עקסיסטירן לעבן אַנאַנד און זאָלן זיך דורכ־דרינגען איינע די אַנדערע, וואָלט געקענט אַרויסוואַקסן אַזוינס וואָס איז שקול אַנטקעגן דער אַנגלאָזאַקסישער קולטור.

ווי באַלד אַזוי מוזן מיר קומען צום באַשלוס, אַז דער מחבר האָט גאָר־ניט געקענט אָפּשאַצן ווי געהעריק דעם קולטורעלן אויפֿטו פֿון די דײַטשן אין אַמעריקע, און עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, פֿאַר וואָס ער האָט גאָרניט גע־פּרוּווט געבן אַזאַ אָפּשאַצונג. ער איז נוטה צו פֿאַרמישפּטן די דײַטשן, וואָס זיי האָבן זיך אײַנגעקשנט בײַ זייער היימישן זונטאָג אַנשטאָט אָנ־צונעמען דעם פּוריטאַנישן שבת! אַז מען איז ניט בכּוח צו זען די רעלאַ־טיווקייט פֿון פֿאַרשיידענע ווערטן, איז פֿון וואַנען קען וואַקסן היסטאָרישע גערעכטיקייט צו אַ קיבוץ? פֿון אַ וועגווײַז צו אַ נײַער צײַט איז אָפּגערעדט.

וועגן ייִדן, אַפֿילו וועגן דײַטשע ייִדן, איז אין דעם גאַנצן בוך גאָרניט דערמאָנט, הגם אין די שפּורן פֿון דײַטשן האָבן זיך דאָך צעשפּרייט איבערן לאַנד דײַטשע ייִדן אויך.

ד״ר רודאָלף גלאַנץ

צוקערקראַנקייט בײַ ייִדן

A. Rudy and C. E. Keeler, "Studies on Heredity in Jewish Diabetic Patients," *The New England Journal of Medicine*, 221, August 1939. 329-332.

די אויטאָרן האָבן געשטודירט די פֿראַגע פֿון ירושהדיקייט בײַ צוקער־קראַנקע פּאַציענטן פֿון בית־ישׂראל־שפּיטאָל זינט זײַן עפֿענונג אין 1928. זיי האָבן אויך געשטודירט אַ גרופּע פּאַציענטן און זייערע קרובֿים פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון בלוטטיפּן און בלוטגרופּעס, כּדי אויסצוגעפֿינען, צי עס איז דאָ וועלכע עס איז שײַכות צווישן דיאַבעטיקער־קאָנסטיטוציע און בלוט־כאַראַקטעריסטיק.

מיטן טערמין „ירושהדיקייט" בנוגע צוקערקראַנקייט (דיאַבעט) מיינען זיי אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אומנאָרמאַלקייט וואָס דריקט זיך אויס אין אַ טענ־דענץ צו צוקערקראַנקייט; אַ מענטשן וואָס האָט אין זיך אַזאַ טענדענץ רופֿן זיי אָן אַ „טרעגער".

לויט זייערע טאַבעלעס ווײַזט זיך אַרויס, אַז צוקערקראַנקייט איז פֿיר מאָל אַזוי פֿיל פֿאַרשפּרייט אין פֿאַמיליעס פֿון דיאַבעטישע קראַנקע ווי אין אַזוינע וואָס האָבן ניט די קראַנקייט.

דער ירושה־פאַקטאָר איז באַגלײַך ווײַכטיק צווישן ניט־ייִדן, נאָר ווי עס ווײַזט אויס זײַנען פאַראַן מער דיאַבעטיקער אין ייִדישע פאַמיליעס.

אינטערעסאַנט איז, וואָס זיי געפינען, אַז די פּראָפּאָרציע פון פרויען־פּאַציענטן צווישן ייִדן איז פיל העכער ווי מענער — 82.3 פּראָצענט מער פרויען ווי מענער. דאָס איז ניט דער פאַל בײַ ניט-ייִדישע פּאַציענטן; לויט זשאָסלינס פאָרשונגען זײַנען אַפילו פאַראַן מער מענער־פּאַציענטן. די מחברים ציטירן זשאָסלינען וועלכער האָט געפונען, אַז בײַ ייִדישע פּאַציענטן אַנטוויקלט זיך די קראַנקייט פריִער און אויך, אַז עס זײַנען פאַראַן מער יונגע דיאַבעטיקער צווישן ייִדן.

אין זייער סך־הכל אָבער זאָגן זיי, אַז די מאַקסימום־צאָל פּאַציענטן אַזעלכע ביי ייִדן איז אין די יאָרן 40־54, ענלעך ווי בײַ ניט־ייִדן.

ד״ר מ. ווײַנבערג

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

צוויי אינסטיטוטן וועגן ייִדישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען

כּמעט אין איין צײַט האָבן זיך געשאַפֿן אין ניו־יאָרק צוויי אינסטיטוטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט שטודירן ייִדישע פּראָבלעמען פֿון נאָך דער מלחמה. איינער איז פֿאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט, דער צווייטער מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס.

דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט האָט אין פֿרילינג 1940 באַשטימט אַ „קאָמיסיע פֿאַר שלום־פֿאָרשונגען" אונטערן פֿאָרזיץ פֿון פּראָפּ' מאָריס ר. קאָהען „צוצוגרייטן אַ פּראָגראַם פֿון שטודיעס וואָס זאָלן מיטווירקן בעסער צו פֿאַרשטיין די ייִדישע סיטואַציע און העלפֿן צו פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון ייִדן אויפֿן פֿרײַען פֿאָרום פֿון וועלט־געוויסן, ווי אויך צו פֿאָרמולירן די נייטיקע פּלענער דורכצופֿירן די פּראָגראַם." נאָך אַ ריי זיצונגען האָט פּראָפּ' קאָהען אין נאָמען פֿון דער קאָמיסיע צוגעשטעלט דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט אַ פּראָיעקט צו שאַפֿן אַ ספּעציעלן „פֿאָרש־אינסטיטוט פֿאַר שלום־ און נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען" ווי אַ באַזונדער אָפּטיילונג פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. דער פּראָיעקט איז באַוויליקט געוואָרן דעם 16טן יאַנואַר 1941.[1] בראָש פֿונעם אינסטיטוט שטייט ד"ר מ אַ ק ס ג אָ ט ש אַ ל ק, געוועזענער פּראָפֿעסאָר פֿונעם סאָלוויי־אינסטיטוט פֿאַר סאָציאָלאָגיע אין בריסל.

דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס האָט אין פֿעברואַר 1940 אויפֿגענומען דעם פֿאָרשלאָג וועגן שאַפֿן אַ פֿאָרש־אינסטיטוט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך 1939 אויפֿן ייִדישן וועלטקאָנגרעס. פֿאַקטיש אָנגעהויבן צו אַרבעטן האָט די אינסטיטוציע, אונטערן נאָמען „אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע ענינים, הײַנטיקע און נאָך־מלחמהדיקע"", דעם 1טן פֿעברואַר 1941.[2] בראָש פֿונעם אינסטיטוט שטייט ד"ר י ע ק ב ר אָ ב י נ ז אָ ן פֿון קאָוונע, יוריסט און מחבר פֿון אַ ריי ווערק וועגן מינאָריטעטן־רעכט.

די צילן פֿון דעם ערשטן אינסטיטוט (לאָמיר אים רופֿן: קאָמיטעט־אינסטיטוט) ווערן פֿאָרמולירט אַזוי:

„אויסגעפֿינען, אויפֿשטעלן און פּובליקירן די געהעריקע פֿאַקטן וואָס זאָלן מיטווירקן בעסער צו פֿאַרשטיין די ייִדישע סיטואַציע און זאָלן, דורך דער פֿאָרשערישער און וויסנשאַפֿטלעכער חשיבֿות פֿון די פֿעסטשטעלונגען, שאַפֿן אַ פֿאַרלאָזלעכן באַזיס פֿאַר שפּעטערדיקע אָנשטרענגונגען אויפֿן פֿעלד פֿון רעקאָנסטרוקציע און אויפֿריכטונג. מיר האָפֿן, אַז די אַרבעט פֿון אינסטיטוט וועט צוהעלפֿן צו אַ פֿאַרשטענדיקונג אינעם ייִדישן כּלל, וואָס וועט אין דעם פּאַסיקן מאָמענט דערלאָזן אַ געאייניקטע אַקציע."

דער צווייטער אינסטיטוט (לאָמיר אים רופֿן: קאָנגרעס־אינסטיטוט) שטעלט אויס זײַנע צילן אין דרײַ פּונקטן: א. אויסגעפֿינען פֿאַקטן; ב. אינטערפּרעטירן די דערשײַנונגען פֿון

---

[1] מ. קאָהענס באַריכט איז געווען אָפּגעדרוקט אין Contemporary Jewish Record (מאַרץ 1941) זז' 110—125; פֿאַראַן אויך אַ בראָשור וועגן דעם אינסטיטוט גופֿא: The American Jewish Committee. Research Institute on Peace and Post-War Problems, 20 pp.

[2] ביז מיטן מײַ זײַנען אַרויס צוויי מימעאָגראַפֿירטע מעמאָראַנדומס: דער ערשטער ברענגט די אַלגעמיינע יסודות און דעם פּלאַן פֿון דער אַרבעט, דער צווייטער גיט דעם ערשטן קוואַרטל־באַריכט, פֿעברואַר 1 ביז אַפּריל 30, 1941.

ייִדישן לעבן אויפֿן סמך פֿון די פֿאַקטן ; ג. פֿאָרמולירן די ייִדישע צילן בײַם קומעדיקן שלום.

ס'איז ניט שווער צו זען, אַז ביידע פֿאָרמולירונגען זײַנען כּמעט ווי הײַנו הך. דאָס אייגענע איז זייער נאָענט דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע געבײַ פֿון די ביידע אינסטיטוטן. אָט ווי עס זעען אויס די שוין געשאַפֿענע אָדער געפּלאַנטע אָפּטיילן :

קאָמיטעט־אינסטיטוט

פּ אָ ל י ט י ש ע ר , ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר א ו ן ס אָ צ י אַ ל ע ר ס ט אַ ט ו ס

(אײַנגעטיילט אין 7 גרופּעס : סיטואַציע פֿון ייִדן זינט דער וועלט־מלחמה ; די דײַטשע „נײַע אָרדענונג" און ייִדן ; אָפֿיציעלע און ניט־אָפֿיציעלע פּלענער און פֿאָרשלאָגן פֿאַר דער נאָך־מלחמהדיקער רעקאָנסטרוקציע פֿון אַלײַירטע און נייטראַלע לענדער ; פּרוּוון פֿון ייִדן צו פֿאַרענטפֿערן זייערע פּראָבלעמען ; אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין שײַכות צו ייִדן און ייִדישע פּראָבלעמען ; דער סטאַטוס פֿון ארץ־ישׂראל ; פּראַקטיק פֿונעם עבֿר און זײַן באַטײַט פֿאַר דער איצטיקייט.)

מ י ג ר אַ צ י ע א ו ן ק אָ ל אָ נ י ז אַ צ י ע

(אײַנגעטיילט אין 6 גרופּעס : מיגראַציע ווי אַן אַספּעקט פֿון נאָך־מלחמהדיקער רעקאָנסטרוקציע ; פּאָטענציעלע וואַנדערערס : זייער פֿאַרטיילונג, הינטערגרונט און קוואַליפֿיקאַציעס ; איבערבליק איבער די לענדער פֿון פּאָטענציעלער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ; אימיגראַציע־פּאָליטיק, געזעצן און

קאָנגרעס־אינסטיטוט

י ו ר י ד י ש ע ר א ו ן פּ אָ ל י ט י ש ע ר ס ט אַ ט ו ס

(ווי וויכטיקע טעמעס צום באַאַרבעטן ווערן אָנגעצייכנט : די סיבות פֿאַרן אײַנבראָך פֿון דער עמאַנציפּאַציע און פֿאַרן דורכפֿאַל פֿון די מיעוטים־טראַקטאַטן : די מאָדערנע פֿאָרמען פֿון אַנטיסעמיטיזם).

ס ט אַ ט י ס ט י ק א ו ן ע ק אָ נ אָ מ י ק

(ווי וויכטיקע טעמעס ווערן אָנגעצייכנט : דער פֿענאָמען פֿון עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם אין מיטל־ און מערבֿ־אייראָפּע און זײַן ווירקונג אין דעם עקאָנאָמישן מצבֿ פֿון ייִדן ; טעאָריע און פּראַקטיק פֿון פֿרײַען האַנדל, פֿון עקאָנאָמישן ליבעראַליזם, פֿון געקערעוועטער עקאָנאָמיק, פֿון עקאָנאָמישן עטאַטיזם, סאָציאַליזם און קאָמוניזם ; סטאַטיסטיק פֿון ייִדן ; ווירקונג פֿון דער נאַצישער געזעץ־געבונג אויף דער ייִדישער עקאָנאָמיק ; פֿאָרשלאָגן וועגן ייִדישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק סײַ בנוגע אומקערן זיך צו טראַדיציאָנעלע באַשעפֿטיקונגען סײַ בנוגע איבערשיכטונג).

מ י ג ר אַ צ י ע א ו ן ק אָ ל אָ נ י ז אַ צ י ע

(ווי וויכטיקע טעמעס ווערן אָנגעצייכנט : וואַנדערונגען אין משך פֿון די לעצטע 25 יאָר און וואָס מען קען זיך אָפּלערנען פֿון זיי, איבער הויפּט אין שײַכות מיט דער פּליטים־פּראָבלעם ; פּרוּוון פֿון רעגירונגען, געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס און יחידים אַרײַנצוטראָגן אַ סדר אין די וואַנדערונגען ;

אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק אין די לענדער פֿון פּאָטענציעלער אימיגראַציע; פּראַקטיק אין קאָלאָניזאַציע און באַזעצונג אַ מאָל און הײַנטיקע פּלענער און פּראָיעקטן; יורידישע, פֿינאַנציעלע און טעכנישע פֿראַגעס וואָס זײַנען נוגע אָרגאַניזירטע וואַנדער־באַוועגונגען).

העלפֿאַרבעט און רע־קאָנסטרוקציע

(אײַנגעטיילט אין 6 גרופּעס: פּראָבלעם פֿון העלפֿאַרבעט נאָכן אויפֿהערן פֿון די פֿײַנדלעכקייטן; פּראָבלעם פֿון אויפֿריכטונג נאָך דער מלחמה; ייִדישע העלף־אינסטיטוציעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין אויסלאַנד; ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר רעקאָנסטרוקציע; אַנאַליז פֿון דער פּאָליטיק, די פֿונקציעס און די מעטאָדן פֿון די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר העלפֿאַרבעט און רעקאָנסטרוקציע; צוזאַמענאַרבעט מיט אַלגעמיינע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס פֿאַר העלפֿאַרבעט און רעקאָנסטרוקציע).

פֿרײַע שטחים אין דער וועלט; מיגלעכקייטן פֿון שטאָטישער און דאָרפֿישער באַזעצונג; פֿריִערדיקע שטרעבונגען צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע, אַ פּלאַן פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע; פּראָיעקטן פֿון אויפֿבויען אייראָפּע נאָך דער מלחמה; מיגלעכקייטן פֿאַר ייִדן אין דער נײַער וועלט־אָרדענונג).

אין פֿלוג קען אויסווײַזן, אַז די פּראָבלעמען פֿון העלפֿאַרבעט און רעקאָנסטרוקציע אינטערעסירן ניט דעם קאָנגרעס־אינסטיטוט; אָבער דאָס איז אַ טעות. די ענינים ווערן יאָ באַאַרבעט, און ווײַדליג מען גיט איבער, האַלט מען שוין אַפֿילו אין גרייטן וועגן דעם ענין אַ ספּעציעלע פּובליקאַציע.

ס׳איז ניט מיגלעך אויסצוגעפֿינען אַ חילוק צווישן די ביידע אינסטיטוטן און די נייטיקייט פֿון האָבן צוויי אינסטיטוטן, ווען מען זאָל לייענען נאָר די פּראָגראַמען און די מאָטיווירונגען צו זיי. דער חילוק איז ניט אין די טעמעס, נאָר אין די אויסגאַנגפּונקטן און ממילא אין דעם טראָפּ וואָס מען שטעלט. אין דעם אַרבעטפּלאַן פֿון קאָנגרעס־אינסטיטוט איז פֿאַראַן איין פּונקט וואָס לייענט זיך אַזוי:

„ענג פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע פֿון מיגראַציע איז די פֿראַגע פֿון קאָלאָניזאַציע. ס׳וועלן אויסגעפֿאָרשט ווערן די שטרעבונגען צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין עבֿר און ס׳וועט פֿאָרמולירט ווערן אַ פּלאַן פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע ווי אַ צוגאָב צו דער אויפֿריכטונג פֿון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן היימלאַנד אין ארץ־ישׂראל.“

ארץ־ישׂראל באַגעגנט זיך אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון דעם אַרבעטפּלאַן פֿון קאָמיטעט־אינסטיטוט אויך, אָבער ס׳איז דאָך באַוווּסט, אַז ווען צוויי זאָגן דאָס אייגענע מיינט עס נאָך ניט דאָס אייגענע. עס איז קלאָר, אַז די קרײַזן פֿונעם ייִדישן קאָנגרעס האָבן צום ענין ארץ־ישׂראל אַן אַנדער באַציִונג, און דער חידוש איז גיכער, וואָס אין אַ פּראָגראַמאַטישער דערקלערונג פֿון אַן אינסטיטוציע פֿונעם ייִדישן קאָנגרעס איז ארץ־ישׂראל אַרײַנגעשטעלט נאָר אין אַ דרך־אַגבֿדיקן זאַץ.

די פֿאַרשיידנקייט פֿונעם צוגאַנג און פֿונעם טראָפּ גיט צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס עס זײַנען אין איין צײַט און וועגן די זעלביקע פּראָבלעמען געשאַפֿן געוואָרן צוויי אינסטיטוטן. דאָס שטימט אין גאַנצן מיט דער דיפֿערענצירונג אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַ שותּפֿישע אַקציע, אויב זי קען בכלל געמאָלט זײַן, איז נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ הסכּם, ניט ווי אַ רעזולטאַט פֿון פֿאַרלייקענען חילוקי־דעות. אויב אַזוי, פֿרעגט זיך: צי

זײַנען פֿאַראַן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט נאָר די צוויי ריכטונגען וואָס ווערן סימבאָליזירט דורכן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט און דורכן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס? דער קאָנגרעס נעמט דאָך אַרײַן נאָר דעם ציוניסטישן פֿליגל פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט. צי האָט גאָרניט וואָס איבערצוטראַכטן, אין פֿאַרבינדונג מיט די פּראָבלעמען פֿון דער נאָך־מלחמה־וועלט, די ניט־ציוניסטישע ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט?

אַלע צדדים זײַנען פֿאַראינטערעסירט, אַז יעדער צד זאָל זאָגן זײַן וואָרט.

ח.

נ. שטיפּס בריוו צו י. אָפּאַטאָשו

די 7 בריוו און קאַרטלעך וואָס י. אָפּאַטאָשו האָט אונדז איבערגעגעבן כאַראַקטעריזירן אויסגעצייכנט נחום שטיפֿן, דעם התלהבֿותדיקן פֿאָרשער פֿון ייִדיש, וואָס בײַ זײַן גאַנצער שטרעבונג צו גרויסע ליניעס אין דער וויסנשאַפֿט איז קיין פּרט קיין מאָל ניט געווען צו קליין אין זײַנע אויגן. אָבער אויך דער מאַטעריאַל גופֿא, וואָס ווערט אָנגערירט אין דער קאָרעספּאָנדענץ, איז אינטערעסאַנט.

עטלעכע פּערזענלעכע באַמערקונגען זײַנען איבערגעהיפּערט (באַצייכנט דורך . . .). דער אויסלייג און די אָפּשטעל־צייכנס זײַנען געביטן. — רעדאַקציע.

1

.1929/II/6

ליבער י. אָפּאַטאָשו!

איך האָב נאָר וואָס געקריגן אײַער פֿרײַנדלעכן בריוו פֿונעם 20/I, און ער האָט מיר פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿאַרגעניגן. אַ שיינעם דאַנק אײַך!

ס'האָט מיך זייער געפֿרייט, וואָס איר לייענט „די ייִדישע שפּראַך". לאָמיר זיך נישט לייקענען: נישט קיין סך ייִדישע שײַנשרײַבער לייענען דאָס מסתּמא. בײַ אונדזערע שײַנשרײַבער איז פֿאַראַן אַ מין ביטול צו פּובליציסטיק, צו דער פּובליציסטישער שפּראַך, ממילא צו אַלע פּרוּוון צו פֿאַרפֿײַנערן די שפּראַך; כאָטש, אייגנטלעך גערעדט, איז שוין די השפּעה פֿון דער פּובליציסטישער שפּראַך שטאַרק ניכּר אויף ייִדישע שײַנשרײַבער די לעצטע יאָרן. איך האָב שוין לאַנג אַ שטייגער באַמערקט בײַ . . . אויסדרוקן און זאַצבוי פֿון רוסיש; און אַזוי ווי . . . קען קיין רוסיש נישט, איז דאָס נישט אַנדערש ווי די ווירקונג (די שלעכטע ווירקונג) פֿון . . . אד"גל.

בפֿרט האָב איך אײַך צו דאַנקען פֿאַר די דערקלערונגען צו די ווערטער אווירן, איפּטע וואַד, דעסן, וואַליער (ווי אַזוי זאָגט מען דאָס אין פּויליש: מיט אַ ווייכן „ל"?) און סויוועס. אין אונדזערע מקומות הערט מען שוין די ווערטער כּמעט נישט. ס'איז קלאָר: אין פּוילישן ייִדיש האָט זיך אַ סך מער פֿאַרהיט אין פֿאָלקסמויל אונדזער אַלט שפּראַכגוטס.

ליידער האָט זיך ביז איצט נישט געפֿונען קיין רעכטער זאַמלער אויף דעם פּוילישן ייִדיש; די מחברים פֿון ווערטערביכער זײַנען צו מײַסטענס ליטוואַקעס; בלויז י. ליפּשיץ איז אַן אוקראַיִנישער. מיר טוען דאָס צו ביסלעך אין זשורנאַל אין דער אָפּטיילונג „פֿון פֿאָלקסמויל", אָבער מיר האָבן דאָ צו ווייניק פּוילישע ייִדן, דערצו נאָך קולטורמענטשן וואָס זאָלן קענען און וועלן שרײַבן.

און אַזוי ווי, ווי זאָגט מען דאָס: דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן, און איך זע, אַז נישט בלויז איר לייענט, איר האָט גענוג אינטערעס אויף צו שרײַבן אײַערע באַמערקונגען צו דעם וואָס מיר ברענגען פֿון דעם מין אין זשורנאַל, איז וויל איך אײַך טאַקע בעטן: האָט אונדז אין זינען! אין נומ' 3 (10) פֿאַר 1928 האָבן מיר געבראַכט אַ שטייגער אַ היפּשע גרופּע ווערטער פֿון פֿאָלקסמויל, אַגבֿ פֿון איינעם אַ. געלבמאַן פֿון שעדלעץ (פּוילן). מיר וועלן אײַך זייער דאַנקען, אויב איר וועט דאָס דורכזען. מסתּמא וועט איר האָבן דערבײַ צו זאָגן נײַס אָדער פֿאַרריכטן. אפֿשר איז אײַך באַשערט צו זײַן דער ערשטער ייִדישער שיינ־

שרײַבער וואָס וועט זיך באַטייליקן אין זשורנאַל, וויניקסטנס אין דער אָפּטיילונג „פֿו
פֿאָלקסמויל״.

אַ קלייניקייט. איר שרײַבט: „אויף ליפֿשיצן קאָן מען זיך געשווינדעו
פֿאַרלאָזן״ . . . צי זאָגט מען בײַ אײַך אין אַזאַ פֿאַל: געשווינדער, נישט „גיכער״
איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז „געשווינד״, דאָרט ווו מע זאָגט דאָס (אין אוקראַיִנע זאָגט מע
נאָר „גיך״), איז שייך נאָר צו האַסטיקייט און באַוועגונג אין בוכשטעבלעכן זינען, נישט
אין איבערגעטראָגענעם זינען.

אין נאָענטסטן נומער 6 (13) וואָס דאַרף די טעג אַרויס וועט איר זען אַ רעצענזיע
(לויט מײַן מיינונג, נישט קיין שלעכטע) אויף אַ בעלעטריסטיש ווערק (קיפּניסעס „חדשים
און טעג״). מיר שטעלן אונדזערע ערשטע טריט אויף דעם פֿעלד. לײדער האָבן מיר
פֿאַר אַזאַ טיפּ אַרבעטן גאָר ווייניק שרײַבער, אַפֿילו צווישן לינגוויסטן.

בעסטע גרוס

אײַער

נ. שטיף

2

קיִעוו, 1929/VI/22

ליבער ח׳ י. אָפּאַטאָשו! איך האָב געקריגן אײַערע בריוו פֿונעם II/29 און VI/5.
האָט מיר קיין פֿאַראיבל נישט, וואָס איך ענטפֿער אַזוי פֿאַרשפּעטיקט. הײַנט צאָל איך
חובֿות (ענטפֿער אויף בריוו). אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער אינפֿאָרמאַציע וועגן אייניקע ווערטער
וואָס איך האָב געבראַכט אין מײַן ליפֿשיץ־אַרטיקל אַאַז״וו. איך קען מיט אײַך נישט מסכּים
זײַן, אַז ס׳האָט קיין ווערט נישט צו פֿאַרצייכענען דאָס וואָס מיר געבן אין דער „ייִדישער
שפּראַך״. דער זשורנאַל איז נישט קיין ווערטערבוך, ווו מען קען פֿאַרצייכענען אַלצדינג
סיסטעמאַטיש, אַפֿילו נישט קיין זשורנאַל פֿאַר וואָרטפֿאָרשונג, אָבער דאָס ביסל וואָס דער
און אַנדערע זשורנאַלן געבן, — דאָס איז ניצלעך און נייטיק, און אַזוי טוט מען אין דער
גאַנצער וועלט. מיט דער צײַט וועט זיך אָנזאַמלען. זעט איר, וואָס איך האָב יאָ אַ טענה
צו אײַך, איז, וואָס איר גיט אונדז ניט אײַער מאַטעריאַל. איר האָט אים זייער אַ סך, און
איר קענט נישט פֿאַרלאַנגען, אַז מע זאָל נעמען ספּעציעל אויסשרײַבן ווערטער פֿון אײַערע
געדרוקטע זאַכן. נעמט ליפֿשיצן, אָדער אַן אַנדער ווערטערבוך, און פֿאַרצייכנט די ווערטער
וואָס זײַנען דאָרט נישטאָ, אָדער וואָס איר האָט פֿאַר זיי סינאָנימען, פֿאַרשרײַבט צו יעדער
וואָרט אַ פֿראַזע, צוויי (נאָטירלעכע, אַזוי ווי אין פֿאָלקסמויל), אַזוי ווי איר טוט דאָס אין די
בריוו, און שיקט צו. מיר וועלן אײַך זייער דאַנקען, און זאָלן אַנדערע ייִדישע שרײַבער
זען, ווי אַזוי עס דאַרפֿן טון קולטורמענטשן. דאָס וועט הייסן אָפּגעטאָן אַ נוצלעכע, אַ וויכ־
טיקע אַרבעט. מיר וועלן דאָס גערן דרוקן אין זשורנאַל. איז טוט דאָס! הײַנט אײַך אַרויס־
געשיקט נומ׳ 6 (13) „ייִדישע שפּראַך״ מיט רעזניקס אַרטיקל וועגן קיפּניסן. די „שריפֿטן״
ב׳ I וועל איך אײַך קענען שיקן אפֿשר ערשט אין האַרבסט. בעסטן גרוס. אײַער נ. שטיף.

וועגן מושבֿ — ׳מיסט, אומרייניקייט׳, האָב איך זיך שוין געכאַפּט געפֿונען אַגבֿ בײַ
פּרצן) און פֿאַרריכט אין מײַנע „המבֿדיל״־פֿראַגמענטן אין די „שריפֿטן״ ב׳ I פֿון דער
קאַטעדרע.

3

קיִעוו, 1932/I/22.

ז׳ ח׳ י. אָפּאַטאָשו! דורך מ. מײַזל־פֿאַרלאַג געקריגן אײַער בוך „קלאַסנקאַמף״.
אַ גרויסן דאַנק אײַך!

דערלויבט מיר בײַ דער געלעגנהייט אײַך איבערפֿרעגן אויף אַ פּאָר ווערטער, וואָס

איך האָב געטראָפֿן בײַ אײַך: צי איז דאָס פֿאַראַן אין דער פּ אָ ל ק ש פּ ר אַ ך בײַ אײַך.

1. ז' 54: „די געצוויקטע באָרד".* וואָס הייסט דאָס? זאָגט מען אַזוי?
2. ז' 88: „וועט שוין באַלד קומען אויף אורלאָפּ". זאָגט מען אַזוי?
3. ז' 90: „אַבי ניט קיין הורן־יעגער". זאָגט מען אַזוי אין פּוילן?
4. ז' 131: בושעס (קוסטעס?). זאָגט מען אַזוי בײַ אײַך?

איך וועל אײַך זייער דאַנקען פֿאַר ענטפֿער.

מיט דרך ארץ   נ. שטיף

P.S. אויב מע זאָגט דאָס בײַ אײַך, איז ווי אַזוי:

Hurn אָדער Hirn (יעגער)? מיט דײַטשן u אָדער מיט i
Busches " Bisches? " " " " " "
Urlop " Irlop? " " " " " "

* צי זאָגט מען אויך: צוויקן (אַ באָרד), דער צוויקער, וואָס הייסט דאָס? באַשרײַבט גענוי.

4

קיִעוו, 1932/III/4

ז' ח' י. אָפּאַטאָשו! איך בין אונטערן שטאַרקן אײַנדרוק פֿון אײַער בריוו פֿונעם II/5 (נאָר וואָס געקריגן!). הייסט דאָס, אַז ס'לעבט נאָך בײַ אונדז ערגעץ אַזוינע ווערטער ווי אורלאָפּ (ס'איז סך־הכּל אַ יאָר 500!), הורן־יעגער אאַז"וו. מיר האָבן דאָך די מינדסטע פֿאַרשטעלונג נישט פֿון אונדזער לעקסיקאָן! איז אַזוי: איך האַלט דאָס ממש פֿאַר אײַער פֿליכט, איר זאָלט אָפּצאַפּן און אַרויסגעבן פֿון זיך, וואָס איר האָט. איר קענט דאָס טון צום לײַכטסטן אויף איינעם פֿון די צוויי וועגן: 1) ע נ ט פֿ ע ר (אַגבֿ, איז אײַך באַקאַנט דאָס וואָרט, — דאָס דײַטשע ?entweder) איר נעמט די באַקאַנטע פּובליקאַציעס פֿון אַלטייִדיש (דרײַ בענד פֿילאָל' שריפֿטן פֿון ייִוואָ, צוויי בענד מינסקער „צײַטשריפֿט", י. ל. כּהנס „פּנקס" אד"גל) און איר פֿאַרצייכנט, וואָס איז אײַך באַקאַנט פֿון דער אַ ל ט ע ר לעקסיק און פֿראַזעאָלאָגיע דאָרט (אין פֿאַלקסמויל נאָך איצט); 2) אָדער איך בין גרייט אײַך צו שיקן אַ צעטל. טוט ווי איר ווילט און גיט צו וויסן.

אײַער בריוו פֿונעם I/4 האָב איך געקריגן און אײַך אַרויסגעשיקט די געבעטענע נומערן „ייִדישע שפּראַך". פֿאַר 1931 גייט די טעג אַרויס, וועל איך אײַך צושיקן. איך וואָלט אײַך זייער געדאַנקט, ווען איר זאָלט מיר צושיקן צוויי ווײַנרײַכס אַרטיקלען: 1) אַן אָפּענטפֿער אויף מײַן „סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אין ייִדיש. וועגן די העבר' עלעמענטן", — פֿון „צוקונפֿט" 1931, נומ' 3; 2) זײַן רעצענזיע אויף מײַן בוך „ייִדישע סטיליסטיק", — פֿון „צוקונפֿט", 1931: דאַכט זיך, — נומ' 12. שיקט דאָס אויפֿן אַדרעס Институт Еврейской Культуры, Киев, ул. Либкнехта 10.

אויף די אַרטיקלען שרײַבט אויף מיט אַ בלײַשטיפֿט מײַן נאָמען.

מיט דרך־ארץ   נ. שטיף

5

קיִעוו, 1932/V/12.

ז' ח' י. אָפּאַטאָשו! געקריגן אײַער בריוו פֿונעם IV/15. דעם V/7 האָב איך אײַך געשיקט 1) „אַפֿן שפּראַכפֿראָנט", 1931, נומ' 1־2 (26־27), 2) פֿיר ביכלעך וועגן יאַפֿעטידאָלאָגיע (מאַרס לער), פֿון זיי 2 — מאַרס און 2 פֿון זײַנע תּלמידים. איר וועט זען, אַז מאַרן איז זייער שווער צו לייענען (אַן אוממעגלעכע שפּראַך!), אַפֿילו לינגוויסטיק; באַקענען זיך מיט זײַן טעאָריע קען מען נאָר פֿון זײַנע שילער. לײַדער האָב איך נישט

געקענט קריגן מעשטשאַנינאָווס „אַרײַנפֿיר אין יאַפֿעטידאָלאָגיע״; לינגוויסטישע ביכער, בפֿרט וועגן יאַפֿעטידאָלאָגיע, זײַנען איצט אַ דעפֿיציט־אַרטיקל, — מע צעכאַפּט זיי באַלד. די 4 יאַפֿעט׳ ביכער וואָס איך האָב אײַך געשיקט מוז איך אײַך בעטן צוריק אומקערן (2 זײַנען פּראָסט פֿרעמדע), איבער דעם זעלבן מאָטיוו: ס׳איז נישט מער צו קריגן. אַז אין דער „ייִדישער שפּראַך״ איז געווען אַן אַרטיקל וועגן מאַרס טעאָריע (1930, נומ׳ 1) — דאָס איז אײַך מסתּמא באַקאַנט.

וועגן דער אַלטער לעקסיק, וועגן די אָריגינעלע פּויליש־ייִדישע ווערטער בכלל איז אַזוי: מע דאַרף פֿאַרגלײַכן, וואָס איז געווען וועגן לעקסיק אין דער „ייִדישער שפּראַך״ און פֿאַרצייכענען, וואָס ווייסט איר דערפֿון דאָס זעלבע, אָדער אַנדערש. אָט האָט איר אַ צעטל:

1) די „חומש־אַנקעטע״ אין דער „ייִד׳ שפּראַך״ 1927 נומ׳ 1, שפּ׳ 43־44.

2) די אָריגינעלע ווערטער וואָס איך ברענג פֿון י. מ. ליפֿשיצעס ווערטערביכער אין „ייִד׳ שפּראַך״ 1928 נומ׳ 4־5 (11־12), שפּ׳ 17־19, דערהויפּט די שטיקער מיט די נומערן 71־72.

3) די איינצלנע ווערטער וואָס איך ברענג אין מײַן אַרטיקל „די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אין ייִדיש״ — אין „ייִד׳ שפּראַך״ 1929 נומ׳ 4־5 (17־18), שפּ׳ 13, נומערן 77־79; שפּ׳ 14, נומ׳ 80; שפּ׳ 17 — איינצלנע ווערטער.

4) די ווערטער וואָס איך ברענג אין מײַן לעצט אַרטיקל „רעוואָלוציע און רעאַקציע אין שפּראַך״, אין „אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט״ 1931, נומ׳ 1־2, שפּ׳ 44־49.

5) לסוף די קאָלעקציעס „פֿון פֿאָלקסמויל״ אין
„ייִדישע שפּראַך״ 1927, נומ׳ 5־6, שפּ׳ 43־47, דערהויפּט די נומערן 132־133 (דער אויטאָר איז אַ שעדלעצער)

״ ״ 1928 ״ 6 (13) שפּ׳ 37־40
״ ״ 1929 ״ 2 (15) שפּ׳ 41־42
״ ״ ״ ״ 3 (16) בפֿרט די נומערן 275־292 (טשענסטאָכאָוו)
״ ״ ״ ״ 4־5 (17־18) בפֿרט די נומערן 306־370
״ ״ 1930 ״ 1 (20) שפּ׳ 45־48 („אַ ביסל ווערטער״).

טון קענט איר דאָס צו ביסלעך, ווי אײַך וועט באַקוועם זײַן, מסתּמא וועלן בײַ אײַך אַסאָציאַציעס אַרויסרופֿן אַנדערע ווערטער אויך, איז אַוודאי גוט. צייכנט נאָר אָפּ בײַ אײַך, וואָס איר שיקט.

יאָ: אורלאָפּ איז פֿאַראַן אין פּויליש (Urlop), מסתּמא ווייסט איר דאָס. אַ ביט צו אײַך: אויב ס׳איז אײַך נישט שווער און איר האָט דאָס צו דער האַנט, — שיקט עפּעס אַ בוך, פֿון אײַערע לעצטע ביכער („די טענצערין״ אָדער עפּעס אַנדערש) אויפֿן אַדרעס... [אַן אַדרעס אין ענגלאַנד]. דאָס איז מײַנ[ער] אַ באַקאַנטער, אַ אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט (אַליין אַ שרײַבער); אויפֿן ביכל אינעווייניק, זײַט אַזוי גוט, שרײַבט אויף מיט אַ בלײַשטיפֿט, אַז דאָס שיקט איר אים אויף מײַן ביט. איך וועל אײַך מיט עפּעס אָפּדאַנקען דערפֿאַר פֿון אונדזערע אויסגאַבעס. גיט מיר צו וויסן, וואָס און ווען איר האָט אים געשיקט. מיט דרך־ארץ נ. שטיף.

די אויסשניטן מיט ווײַנרײַכס אַרטיקלען געקריגן. אַ דאַנק!

6

קיִעוו, 7/IX/1932.

ז׳ ח׳ י. אָפּאַטאָשו! שוין לאַנג געקריגן אײַער בריוו פֿונעם VI/28. האָט קיין פֿאַראיבל נישט פֿאַר אַ פֿאַרשפּעטיקטן ענטפֿער: אַ שטיקל צײַט נישט געווען אין דער היים. איר שרײַבט וועגן אַ פֿריִערדיקן „רעגיסטרירטן בריוו״ צו מיר. ווען? וועגן וואָס? זעט אויס, נישט געקריגן! האָט איר דעם רעצעפּעסט?

אין איצטיקן בריוו גיט איר אָן 1) „חושן“־שטיינער, 2) אומריינע עופֿות און שרצים, 3) קליידער (ישעיה ג׳, 18־23), 4) אורשה — אַנטשפּויזן, 5) אועד — אויסזעצן אַ ציַיט.* אַ גרויסן דאַנק! אַ סך פֿון די 1, 2, אויך 4 האָט אַ שיינעם עלטער — אַ יאָר 500; בערך אַזוי איז דאָס נאָך אין „ס׳ של ר׳ אנשל“ (1534).

איצט אַ פּאָר פֿראַגעס; צי איז פֿאַראַן אין איַער דיאַלעקט: 1) שעלביש, שאַלבעריַי, שֶעלב? וואָס הייסט דאָס? 2) טראָב (דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ אינעם פֿאָלקס־ליד); 3) וואָרעם (וואָרן, wurn) — אין זינען פֿון פֿאַר וואָס? אויב יאָ, איז צי זאָגט מען ו ו אָ ר ע ם אויך אין זינען פֿון וויַל? 4) צי איז פֿאַראַן וואָרהייט (׳אמת׳)? ווי אַזוי רעדט מען דאָס אַרויס? 5) צי איז באַקאַנט אין פֿאָלקסמויל אין פוילן אַזאַ פֿאָרמע: העט איך דאָס געוווּסט, העט איך נישט געטאָן (׳וואָלט איך ...וואָלט איך׳); זעלט איך וויסן, העט איך נישט געגאַנגען (׳וואָלט איך ...וואָלט איך׳); איך מעכט וויסן, וואָס טוט ער (׳איך וואָלט געוואָלט וויסן׳). קורץ, דאָ האַנדלט זיך, ווי אַזוי איז ביַי איַיך דער קאָניונקטיוו; 6) איַיערע פּ אַ ר ט י צ י פּ ן, אַ שטייגער: באַדאַרפֿן (איך וואָלט נישט באַדאַרפֿן) אאַז״וו; 7) זאָגט מען ביַי איַיך: אין מיטן דער נאַכט? צי האָט איר שוין איבערגעלייענט די ביכלעך וואָס איך האָב איַיך געשיקט? אַ פּאָר זיַינען דאָרטן פֿרעמדע, נישט מיַינע. ווי געפֿעלט איַיך די יאַפֿעטידאָלאָגיע? איז שוין אַרויס איַער בוך מיט דער אַ ל ט ע ר ייִדישער שפּראַך? בעסטן גרוס נ. שטיף

7

קיִעוו, 1933/II/5.

ז׳ ח׳ י. אָפּאַטאָשו! האָט קיין פֿאַראיבל נישט, וואָס נישט געענטפֿערט ביז היַינט אויף איַער לעצטן בריוו, אָבער איַיערע בקשות אויסגעפֿאָלגט: געשיקט דעם 1932/XI/24 מ. ווינערס „פּראָבלעמעס פֿון פֿאָלקלאָריסטיק“, דעם XII/14 — „אַפּנ שפּראַכפֿראָנט“ 1932, נומ׳ 2־3, דעם I/23 דאָס זעלבע נומ׳ 4 און מיַין כרעסטאָמאַטיע פֿון דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור, — קורץ, דאָס וואָס איר האָט געבעטן; מסתּמא האָט איר דאָס שוין. פֿון איַיך האָב איך געקריגן צוריק פֿון די ביכלעך, וואָס איך האָב געשיקט אויף אויסליַיען:

1) אַפּטעקאַר און ביקאָווסקי: Современное положение на лингв. фронте

2) Н. Я. Марр. Бретонская нацменовская речь

3) М. Худяков. Сущность и значение яфетидологии

פֿ ע ל ט נאָך: Н. Я. Марр. Язык и мышление

בעט איך איַיך אַזוי גוט זיַין מיר דאָס אָפּשיקן: ס׳איז נישט מיַינס, און קויפֿן איז דאָס נישט מעגלעך: ס׳איז זיך אין גאַנצן צעגאַנגען. אַגבֿ, איך האָב באַמערקט, — דאַכט זיך אין „ייִדיש“, — אַן אַרטיקעלע וועגן יאַפֿעטישער טעאָריע. איז דאָס איַיערס?

איצט וויל איך איַיך ווידער עפּעס בעטן, זייער אַ וויכטיקע זאַך. ביַיגעלייגט האָט איר דאָ טעקסטן פֿון אַן אַלטער ייִדישער קאָמעדיע „די גענאַרטע וועלט“ וואָס איז אַרויס ערגעץ אין מיזרח־גאַליציע, בערך אין 1816. דער אינסטיטוט גיט דאָס איצט אַרויס, און איך מאַך דערצו אַ לינגוויסטישן אַריַינפֿיר. אָבער מיר האָבן אַ לעמבערגער איבערדרוק פֿון 1863 (אויך דאַכט זיך אַן אוניקום). דאָס איז אַזוי פֿאַרדאָרבן, פֿאַרגריַיזט געדרוקט, אַז געוויסע שטעלן לאָזן זיך נישט לייענען. אייניקע זאַכן קען איך גאָר נישט דעשיפֿרירן. וועגן אַנדערע האָב איך השערות, אָבער קיין זיכערקייט מיט זיי האָב איך נישט. ווידער איז פֿאַראַן שטעלן וואָס לייענען זיך גלאַט, זיי זיַינען מיר אָבער אומבאַקאַנט, אָדער איך קען זיי אין אַן אַנדער פֿאָרמע, אָדער איך בין חושד, אַז דאָס איז דיַיטשמעריש, נישט פֿאָלקס־טימלעך. בכן בעט איך איַיך גוט זיַין דורכזופֿן די ביַיגעלייגטע טעקסטן, דעשיפֿרירן, וואָס

* האָט איר נישט געהערט: באַטעדיקן? „אוהל מועד“ — געצעלט פֿון באַטעדיקונג?

ס'לאָזט זיך, דערקלערן, וואָס איר קענט, אאַז"וו „כּיד הלשון הטובֿה עליך". פֿאַר דער טובֿה דאַנק איך אײַך פֿאָרויס. בלויז איין זאַך: אויב איר וועט אַזוי גוט זײַן ענטפֿערן, איז טוט דאָס באַלד: דאָס ביכל דאַרפֿן מיר אין אַ 6 וואָכן אַרום אָפּגעבן אין דרוק, איז זאָל אײַער ענטפֿער נישט קומען צו שפּעט. און נאָך אַ קלייניקייט: שיקט רעקאָמענדירט (רעגיסטרירט). פֿאַרשטייט זיך, אַז איר זענט נישט מחויבֿ צו ענטפֿערן אויף אַלצדינג; אַז איר וועט דערקלערן אַ טייל, — איז שוין אויך גוט.

איך האָב זיך באַמערקט, אַז איר שרײַבט אַרטיקלען „די בויער פֿון ייִדיש". איך האָב אָבער נישט די מעגלעכקייט נאָכצוקוקן רעגולער דעם „טאָג" א"אַנד אַמעריקאַנער אויסגאַבעס. חוץ דעם דאַרף מען אַזוינע זאַכן האָבן בײַ זיך, איז אַז איר וועט קענען, בעט איך מיר שיקן אויסשניטן.

וואָס הערט זיך מיט אײַער בוך וועגן אַלט־ייִדיש?

איז קוק איך אַרויס אויף אײַער ענטפֿער,

מיט דרך־ארץ

נ. שטיף

8

קיִעוו, 1933/III/26.

ד' ח' י. אָפּאַטאָשו! געקריגן אײַער בריוו פֿונעם 11/25 מיט דעם ענטפֿער אויף די 73 פֿראַגעס, און איך וויל אײַך דאָ שטאַרק אָפּדאַנקען פֿאַר דער מי. אַז איך לייען אײַערע ענטפֿערס, זע איך ערשט, וויפֿל איז שוין אין דער שפּראַך פֿאַרגעסן געוואָרן, סך־הכּל פֿאַר 100 יאָר, — אַז אַזאַ קענער ווי אײַך זײַנען שוין אַזוינע זאַכן פֿרעמד אומבאַקאַנט! אַ שטייגער: „דער היים" (אַנשטאָט: „אין דער היים"); ס'איז אָן קיין שום ספֿק געווען אין דער פֿאָלקסשפּראַך (מע טרעפֿט דאָס אין עטלעכע פֿאָלקסטימלעכע שריפֿטן פֿון יענער צײַט) אאַז"וו.

צו אַ היפּש ביסל ווערטער האָב איך זיך דערגראַבלט, איך האָב אײַך נישט אָנגעגעבן מײַנע קאָניונקטורן [קאָניעקטורן], כּדי צו לאָזן פֿרײַ אײַערע השערות. יעדן פֿאַלס אַ דאַנק פֿאַר דעם געזאָגטן.

מיט דרך־ארץ נ. שטיף

P.S. יאָ: אויף נומ' 31 (אַ גאַנץ יאָר שיכּור, פּורים און שׂימחת־תּורה משוגע אויך) שרײַבט איר: „אַ פֿאַרשפּרייט ווערטל". האָט קיין פֿאַראיבל נישט, צי האָט איר זיך צוגעקוקט גענוי צום טעקסט? פֿאַרשפּרייט איז: פּורים (און שׂימחת־תּורה) ניכטער (נישט משוגע).

דער אויסלײַ פֿון ייִדישע און העברעיִשע ביכער אין די שטאָטישע ביבליאָטעקן

אין דעם מאַרצנומער פֿונעם בולעטין וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דער ניו־יאָרקער שטאָטישער ביבליאָטעק זײַנען געגעבן די צאָלן פֿרעמדשפּראַכיקע ביכער אין אַלע אָפּטיילן פֿון ביבליאָטעק און זייער צירקולאַציע פֿאַרן יאָר 1940. צווישן אַנדערע זײַנען אויך פֿאַראַן ציפֿער פֿאַר ייִדישע און העברעיִשע ביכער. איך גיב דאָ עטלעכע ידיעות פֿון דאָרטן, דערגאַנצט מיט פֿאַקטן וואָס איך האָב אַליין אויפֿגעקליבן אויפֿן אָרט.

אין אַלע 52 אָפּטיילן פֿון דער ביבליאָטעק זײַנען אין 1940 געווען 2,097 העברעיִשע און 10,624 ייִדישע ביכער. די צירקולאַציע פֿון די העברעיִשע ביכער איז געווען 6,320 און פֿון די ייִדישע 42,258, דאָס הייסט יעדער העברעיִשער בוך איז געלייענט געוואָרן אַן ערך 3 מאָל אַ יאָר; יעדער ייִדישער בוך אַ קנאַפּע 4 מאָל. פֿון פֿאַרגלײַך וועגן איז כּדאַי צו וויסן, אַז יעדער דײַטשן בוך האָט מען געלייענט 5 מאָל אַ יאָר, יעדער שפּאַנישן און רוסישן בוך אַ ביסל ווייניקער ווי 5 מאָל. טשעכישע, פּוילישע און גריכישע ביכער

האָט מען געלייענט אַן ערך אַזוי פֿיל ווי ייִדישע. די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן לייענט מען גאָר ווייניק. פֿון שוועדיש זײַנען למשל אויסגעליִען געוואָרן נאָר 97 ביכער פֿון אַ 1,328 פֿאַראַנענע.

קיין ספֿק ניט, אַז די דײַטשע, פֿראַנצייזישע, איטאַליענישע און שפּאַנישע ביכער ווערן געלייענט ניט נאָר פֿון די מענטשן פֿון דעם מיעוט. די שפּראַכן ווערן געלערנט אין די מיטלשולן און הויכשולן, און ס׳איז קלאָר, אַז אויך שילערס און סטודענטן לייענען די ביכער פֿאַר זייער לימוד.

אין 1939 זײַנען געווען 1947 העברעיִשע ביכער און 10,532 ייִדישע. אַזוי ווי מען האָט ניט געקענט באַקומען די ציפֿער פֿון די צאָל אָפּגעוואָרפֿענע ביכער (אָפּגעניצטע ווערן יעדער יאָר אַרויסגעוואָרפֿן) איז נישט געווען מיגלעך אויסצורעכענען די גענויע צאָל נײַ אײַנגעשאַפֿטע ביכער. על־כּל־פּנים איז גרינג צו זען, אַז קיין גרויסע צאָל נײַע ביכער איז ניט צוגעקומען פֿאַרן יאָר. דער אויסלײַ פֿון די העברעיִשע ביכער איז אין 1939 געווען 5,665 און פֿון די ייִדישע 42,979. הייסט עס, אַז מער העברעיִשע ביכער זײַנען געלייענט געוואָרן אין 1940 ווי אין 1939 און אַ ביסל ווייניקער ייִדישע.

עס איז אויך כּדאַי צו דערמאָנען וועגן דער circuit collection-סיסטעם וואָס איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אין 1939 פֿאַר ייִדישע ביכער. ווען אַן אָפּטיילונג פֿון דער ביבליאָטעק האָט ניט גענוג געלט צו קויפֿן די נײַע ביכער וואָס זי דאַרף האָבן, ווערט זי אַ מיטגליד איז אַ מין קאָלעקטיוו ביבליאָטעקן וואָס קויפֿן בשותּפֿות ביכער, און די ביכער צירקולירן אין יעדער אָפּטייל צו דרײַ חדשים. אויף אַזאַ אופֿן איז מיגלעך, אַז אַן אָפּטייל וואָס פֿאַר־מאָגט אַליין ניט קיין ייִדישע ביכער זאָל קענען פֿון דעסט וועגן כּמעט תּמיד אַנטקעגנקומען די בקשות פֿון די ייִדישע לייענערס. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט ווייניק אויסגענוצט די מיגלעכקייטן פֿון דער סיסטעם. ווייניק ביבליאָטעקן האָבן בײַגעשטײַערט צו דער אַלגעמיינער קאָלעקציע, ווײַל ס׳איז בײַ זיי ניט געווען קיין גענוג גרויסער נאָכפֿרעג נאָך ייִדישע ביכער. איין ביבלאָטעקאַרין האָט מיר געזאָגט, אַז מען וואָלט געקענט האָבן ייִדישע ביכער אין אַלע אָפּטיילן, ווען ס׳זאָל נאָר זײַן אַ נאָכפֿרעג.

פֿון די 52 אָפּטיילן פֿון דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק זײַנען פֿאַראַן נאָר 10 וואָס האָבן לפֿי־ערך גרויסע קאָלעקציעס ייִדישע ביכער. דער אָפּטייל מיט דער גרעסטער צאָל העברעיִשע און ייִדישע ביכער איז סוערד־פּאַרק (Seward Park) אין מאַנהעטן, וואָס געפֿינט זיך אין סאַמע האַרץ פֿון דער ייִדישער איסטסײַד, וואָס האָט אויך די גרעסטע צירקולאַציע העברעיִשע ביכער. די העכסטע צירקולאַציע ייִדישע ביכער איז בײַם טרי־מאָנט־אָפּטייל (Tremont) אין בראָנקס, אויך אין אַ געדיכטער ייִדישער געגנט.

אין סוערד־פּאַרק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צירקולאַציע פֿון העברעיִשע ביכער איז אַ ביסל געוואַקסן אין משך פֿון 1939־40. די צירקולאַציע פֿון די ייִדישע ביכער איז אַ האָר געפֿאַלן. אין דער ביבליאָטעק זײַנען צוגעקומען 178 נײַע העברעיִשע ביכער (דאָס מיינט ניט דווקא נײַע אויסגאַבעס, נאָר אויך אַנדערע בענד אויפֿן אָרט פֿון אָפּגעניצטע); און 91 ייִדישע. דאָס זײַנען גאַנץ קליינע צאָלן, נאָר די ביבליאָטעקאַרן ווײַזן אַליין אויף, אַז זינט דער מלחמה אין פּוילן איז שטאַרק געפֿאַלן די ביכער־פּראָדוקציע אין העברעיִש און דער עיקר אין ייִדיש. ביכער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קומען אָן זייער זעלטן.

ווײַזט אויס, אַז ס׳האָט אויפֿגעוואַכט אַ געוויסער אינטערעס צו העברעיִשע ביכער. פֿון זיי לייענט מען ס׳רובֿ די נײַערע אויסגאַבעס, דער עיקר בעלעטריסטיק, רעליגיע און גע־שיכטע. טשיקאַווע איז, וואָס אין די חדשים סעפּטעמבער ביז דעצעמבער 1940 (די ציפֿער פֿאַר די פֿריִערדיקע חדשים זײַנען ניט געווען צום קריגן) האָט מען געהאַט געלייענט מער בעלעטריסטיק אויף העברעיִש ווי אויף ייִדיש. אויף וויפֿל די ביבליאָטעקאַרן קענען אָפּשאַצן, זאָגן זיי, אַז עס לייענען העברעיִשע ביכער מער הי געבוירענע יונגע־לײַט ווי פֿונעם אימיגראַנטן־דור; מיט ייִדישע ביכער איז פֿאַרקערט. עס איז אויך געווען אין סוערד־

פּאַרק־ביבליאָטעק אַ דעלעגאַציע פֿון אַ העברעיִשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט דער ביבליאָטעק פֿאָרגעלייגט אַ געוויסע רשימה העברעיִשע ביכער צום קויפֿן, און דערנאָך האָבן זיי פּובליקירט די רשימה אין זייער אָרגאַן. מען דאַרף משער זײַן, אַז דעם גרעסטן חלק אין דער צירקולאַציע פֿון העברעיִשע ביכער האָבן תּלמידים פֿון העברעיִשע שולן אָדער העברעיִש־לערנערס פֿון די מיטלשולן.

אין טרימאָנט־אָפּטייל איז געפֿאַלן די צירקולאַציע סײַ פֿון די ייִדישע, סײַ פֿון די העברעיִשע ביכער. די ציפֿער זענען אויס אַזוי:

	העברעיִשע צאָל ביכער	צירקולאַציע
1939	316	1150
1940	319	1045
	ייִדישע	
1939	1613	9882
1940	1571	8739

נײַ צוגעקומענע ביכער זײַנען געווען 57, הייסט עס, אַז די צאָל אָפּגעוואָרפֿענע ביכער איז געווען גרעסער. מיס באַראַג, די ביבליאָטעקאַרין פֿון די ייִדישע און העברעיִשע ביכער, האָט דערקלערט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע סיבות, פֿאַר וואָס די ביבליאָטעק קויפֿט ניט מער ייִדישע ביכער. די ביבליאָטעק האָט אין איר רשות אַ באַגרענעצטע סומע געלט אויף צו קויפֿן ביכער, מוז דאָס גיין פֿאַר די וויכטיקסטע ביכער, דאָס הייסט פֿאַר די, אויף וועלכע ס'איז דאָ אַ גרעסערער נאָכפֿרעג. זי דערקלערט אויך, אַז מען איז ווייניק פֿאַר־אינטערעסירט אין די נײַע ייִדישע אויסגאַבעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קליינער אינטערעס ווירקט נעגאַטיוו אויפֿן צוקום פֿון נאָך ביכער. צווייטנס זײַנען אינעם לעצטן יאָר אַרויס־געגעבן געוואָרן אַ סך ווייניקער ביכער, ווײַל די מלחמה האָט שווער געטראָפֿן די ייִדישע בוך־פּראָדוקציע אין פּוילן און אין די אַנדערע מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער.

די ביבליאָטעקאַרין האָט באַטאָנט (און זי איז אַליין מער ווי פֿאָרמעל פֿאַראינטערעסירט אין דעם ענין), אַז די צאָל דורכגעלייענטע ביכער פֿאַלט, מחמת די ביזאיצטיקע לייענערס האָבן די ביכער שוין איבערגעלייענט, נײַע ביכער קומען ניט אַרײַן אין אַ גענוג גרויסער צאָל, בכן מוז די צירקולאַציע פֿאַלן, ווי באַלד עס קומט ניט אונטער אַ נײַע גרופּע לייענערס.

ל. ש.

וועגן דער צאָל ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

אין דעם לעצטן באַנד (42) פֿון American Jewish Yearbook, וואָס אַ רעצענזיע אויף אים וועט נאָך קומען אין די „ייִוואָ־בלעטער", איז אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אַרבעט פֿון ד"ר ה. ס. לינפֿילד צו דער סטאַטיסטיק פֿון ייִדישע קהילות אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער מחבר דערציילט וועגן אַ „סוירוועי" וואָס ער האָט דורכגעפֿירט אויף צו באַ־שטימען די צאָל און די פֿאַרטיילונג פֿון ייִדן אין לאַנד. ענטפֿערס זײַנען אָנגעקומען פֿון 4,694 שטעט, דערפֿער און דאָרפֿישע שטחים (לשם פֿאַרגלײַך: בײַ ענלעכע סוירווייען זײַנען אָנגעקומען ענטפֿערס 1907 סך־הכּל פֿון 684 פּונקטן, 1917 פֿון 819 און 1927 פֿון 3,140 פּונקטן). די אַלגעמיינע צאָל ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, לייענען מיר, איז אין 1937 געווען 4,770,647 (אין 1927 — 4,228,029 ; אין 1917 — 3,388,951).

ד"ר לינפֿילד דאַנקט דערבײַ פֿאַר מיטהילף אַ קאָמיסיע וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט (פּאָרזיצער פּראָפֿ' מאָריס ר. קאָהען, ד"ר לויִס ד. דובלין, ד"ר אַלווין דזשאָנסאָן, ד"ר הערי דזש. פֿרידמאַן, מ"ר הערי שנײַ־דערמאַן) און זאָגט צו אָפּצודרוקן אין אַ באַזונדער אָרט באַמערקונגען וועגן די סטאַטיסטישע מעטאָדן וואָס ער האָט געניצט אין זײַן שטודיע.

רעצענזירנדיק דאָס „יאָרבוך“ אין אַפּריל־נומער 1941 פֿון Jewish Social Studies, שרײַבט מאָריס קאָהען אָט וואָס:

„היות ד״ר לינפֿילד האָט זיך זייער פֿרײַנדלעך פֿאַררופֿן אויף דער הילף וואָס ער האָט באַקומען פֿון אַ קאָמיסיע, וואָס איך בין געווען איר פֿאָרזיצער, קום איך די ווײַטערדיקע דערקלערונג דעם עולם און ספּעציעל די לייענערס פֿון „דזשויִש סאָושל סטאַדיז“:

ד״ר לינפֿעלד ווײַזט ניט אָן די מקורים פֿון זײַן אינפֿאָרמאַציע, נאָר ס׳דאַרף זײַן קלאָר, אַז די צאָל יִדן וואָס ער גיט אונדז פֿאַר פֿאַרשיידענע קהילות איז ניט געבויט אויף קיין שום ציילונג פֿון שטוב צו שטוב, אַזוי ווי די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג־צאָלן. ער האָט געשריבן צו געוויסע רעפּרעזענטאַטיווע בירגערס און געניצט זייערע תּשובֿות. אַוודאי קען מען זיך בנוגע קליינע קהילות פֿאַרלאָזן אויף יעדער ענטפֿער פֿון אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער פּערזאָן, אַז מען האָט באַקומען פֿיל־ווינציק ראַיעל די צאָל יִדן. נאָר אין די מעטראָפּאָלי־טאַלע שטעט, ווו ס׳געפֿינט זיך דער רובֿ יִדן, קען קיינער ניט וויסן די פּינקטלעכע צאָל יִדן אָן אַ מין ציילונג ממש, און אַזוינע ציילונגען זײַנען געווען חידושדיק ווינציק. שאַ־צונגען, אַפֿילו פֿון גוט אינפֿאָרמירטע מענטשן, זײַנען נאָך אַלעמען מער ניט ווי פּרוּוון צו טרעפֿן. אין עטלעכע שטעט האָט מען געפּרוּווט שטיצן די דאָזיקע שאַצונגען אויף יום־כּיפּור, אויף קבֿורה און אַנדערע אומדירעקטע מעטאָדן. נאָר איידער מיר האָבן וועלכן עס איז פֿאַרלאָזלעכן איבערפּרוּוו פֿון אָט די אומדירעקטע מעטאָדן קענען מיר ניט זאָגן, ווי ווײַט זיי זײַנען ראַיעל. די צאָלן וואָס ד״ר לינפֿילד גיט אונדז זײַנען דעריבער, פֿאַרן גרעסטן טייל יִדישע באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, מערניט ווי טרעפֿענישן, און ווי גרויס דער טעות קען זײַן ווייסן מיר ניט. ממילא איז דער זאַץ, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן 4,770,647 יִדן, ניט באַרעכטיקט דורך געהעריקע אויפֿווײַזן אַפֿילו ווען ער זאָל געווען זײַן אַרײַנגענומען אין אַן אָפֿיציעלער פּובליקאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און ער איז באמת דערווידער יעדער איינעם ווער עס האָט אַ לאָגישן אָדער אַ סטאַטיסטישן חוש.

די קאָמיסיע וואָס דער אַמעריקאַנער יִדישער קאָמיטעט האָט געהאַט באַשטימט האָט דאָס גענומען אין אַכט און געמאָנט, מען זאָל מאַכן מוסטערדיקע ציילונגען אין פֿאַרשיי־דענע טיילן לאַנד, כּדי זיי זאָלן דינען ווי אַן איבערפּרוּוו אָדער אַ קאָנטראָל פֿאַר די פֿאַר־שיידענע שאַצונגען און אומדירעקטע מעטאָדן וואָס זײַנען גענוצט געוואָרן דורך ד״ר לינפֿילדס אינפֿאָרמאַטאָרן. צום באַדויערן האָט מען ניט געקענט שאַפֿן דאָס געלט פֿאַר דעם צוועק; זײַנען די פֿונקציעס פֿון דער קאָמיסיע געבליבן גיכער נאָמינעלע. ד״ר לינפֿילד האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פֿלײַסיקן און געוויסנדיקן אַרבעטער בײַם באַקומען ציפֿער וועגן דער צאָל יִדן אין קליינע קהילות איבער די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. און ס׳איז וויכטיק אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון, וויפֿל יִדן ס׳זײַנען פֿאַראַן מחוץ אונדזערע גרויסע מעטראָפּאָליטאַלע צענטערס. אָבער אָן די קאָנטראָליר־שטודיעס וואָס די קאָמיסיע האָט געהאַט רעקאָמענדירט קען מען ניט ערנצט אָננעמען דעם רעזולטאַט ווי אַ ציילונג פֿון יִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דער אַמעריקאַנער יִדישער קאָמיטעט, די „קאָנפֿערענס אַן דזשויִש רעליישנס“ און די יִדישע קהילה פֿון מינעאַפּאָליס האָבן געגעבן צושטײַער צו 500 דאָלאַר אויף צו גיין פֿון שטוב צו שטוב און צו ציילן די יִדישע באַפֿעלקערונג פֿון אָט דער שטאָט. די רעזולטאַטן האָבן געוויזן אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ ביסל איבער 17,000 אין 1936, בשעת ווען די שאַצונג פֿאַר 1927 איז געווען 22,000 — און ס׳איז ניט געווען קיין שום רמז אויף אַ שווערער שטאַרביקייט אָדער עמיגראַציע פֿון יִדן פֿון מינעאַפּאָליס צווישן 1927 און 1936. די באַפֿעלקערונג־שטודיעס וואָס זײַנען פֿון יעמאָלט אָן געמאַכט געוואָרן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער „קאָנפֿערענס אַן דזשויִש רעליישנס“ אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט האָבן געוויזן, אַז אין אַלע פֿאַלן, אַחוץ סאַן פֿראַנציסקאָ, זײַנען די ציפֿער וואָס ד״ר לינפֿילד האָט געגעבן פֿאַר 1927 געווען גלײַכמעסיק צו הויכע.“

אַ ייִדישע חתונה אין סימפֿעראָפּאָל מיט קנאַפּע הונדערט פֿופֿציק יאָר צוריק

די באַשרײַבונג פֿון אַ ייִדישער חתונה אין קרים, וואָס מיר ברענגען דאָ, איז אַרויס־גענומען פֿונעם צווייבענדיקן ווערק פֿון פּאַוועל סומאַראָקאָוו, געדרוקט 1803־1805 אין פּעטער־בורג אונטערן נאָמען :

Досуги крымскаго судьи, или второе путешестіе въ Тавриду.

דער מחבר איז געווען אַ פּלימעניק פֿון אַלעקסאַנדער סומאַראָקאָוו, דעם באַרימטן גראַמען־און דראַמע־שרײַבער פֿון קאַטערינע דער צווייטערס צײַט. בײַ זײַן לעבן איז דער פּלי־מעניק אויך געווען גאַנץ באַקאַנט ווי אַ ליטעראַט. יונגערהייט האָט ער געדינט ווי אַ גוואַר־דיע־אָפֿיציר, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ געהויבענע קאַריערע אין ציווילן דינסט : איין צײַט איז ער געווען וויטעבסקער גובערנאַטאָר, דערנאָך האָט מען אים באַשטימט אין סענאַט. געשטאָרבן איז ער 1846, אַ פּנים שוין היפּש אין די יאָרן.

דאָס ערשטע מאָל איז סומאַראָקאָוו געווען אין קרים צום סאַמע סוף 18טן י״ה און האָט באַשריבן די נסיעה אין אַ בוך וואָס איז אַרויס 1800 אין מאָסקווע : Путешествіе по всему Крыму и Бессарабіи въ 1799 г., די 2טע נסיעה האָט ער געמאַכט אין 1802. דאָס מאָל איז ער געפֿאָרן אין דינסט־ענינים : מען האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ ריכטער אין דער שטאָט וואָס האָט בײַ די אָרטיקע אײַנוווינערס געהייסן אַקמעטשעט און וואָס די רוסן האָבן נאָכן אײַננעמען אָנגערופֿן סימפֿעראָפּאָל. אָט דאָ טאַקע איז ער געווען אויף דער ייִדישער חתונה וואָס ער באַשרײַבט.

אין סימפֿעראָפּאָל איז אין יענער צײַט געווען אַ פּנים אַ גאַנץ קליינע ייִדישע קהילה. סומאַראָקאָוו גיט אָן, אַז צווישן די אײַנוווינערס פֿון דער שטאָט זײַנען געווען 32 ייִדן מאַנסבילן. מען דאַרף משער זײַן, אַז דאָס זײַנען געווען ייִדן ממש, וואָס דער מחבר רופֿט זיי אָפּט „פּוילישע ייִדן“, אָפּצוטיילן זיי פֿון די קאַראַימער. אַ שטייגער ווען ער רעדט וועגן קאַפֿע (פֿעאָדאָסיע) באַמערקט ער : „צוויי סינאַגאָגעס וואָס האָבן זיך אויפֿ־געהיט, פֿון פּוילישע און קאַראַימער ייִדן, זײַנען נאָך זייער אַלטקייט נאָך ווערט, מען זאָל אויף זיי לייגן אַכט, וואָרעם מען רעכנט, אַז די ערשטע איז געבויט געוואָרן מיט מער ווי טויזנט און די צווייטע בײַ 800 יאָר צוריק“ (טייל II, ז׳ 91).

דער מחבר איז אויך געווען אין טשופֿוט־קאַלע, „אָט דאָס שטעטל פֿון די ייִדן קאַראַימער, וואָס איז זיי איבערגעלאָזן געוואָרן דורך די גענועזער און וואָס איז לויט זײַן איינציקער לאַגע שטאַרק ווערט, מען זאָל אויף דעם לייגן אַכט“. דאָ האָט אים אויפֿגענומען בײַ זיך אין דער היים דער „ייִדישער רבֿ“ און אים דערלאַנגט כּיבוד : פֿרוכטבראָנפֿן און „אײַנגע־מאַכטס פֿון ליליעס, רויזן, קיזיל“ (I, ז׳ 145). אין דעם „צעטל אײַנוווינערס [פֿון קרים] פֿון פֿאַרשיידענע מעמדים און פֿעלקער“ (I, ז׳ 159) ווערט געבראַכט נאָר די אַלגעמיינע צאָל אַרמענער און קאַראַימער : 1233 אײַנוווינערס פֿון מענערישן און 843 פֿון ווײַבערישן געשלעכט און ס׳ווערט דערמאָנט באַזונדער די „ייִדישע גײַסטלעכקייט“ : 63 פֿון מענערישן און 35 פֿון ווײַבערישן געשלעכט. עפּעס וועגן דער אַלגעמיינער צאָל ייִדן אין קרים קען מען דרינגען פֿון דעם, וואָס אין מאָמענט ווען קרים איז פֿאַראייניקט געוואָרן מיט רוסלאַנד (1783) האָט די הכנסה פֿונעם כּאַן כּולל געווען „קאָפּגעלט פֿון ייִדן און ציגײַנער 4000 רובל“ און „באַזונדערער אָפּצאָל פֿון די ייִדישע ווײַנגערטנער 1000 רובל“ (II, ז׳ 32־33).

אַגבֿ ברענגט אונדזער רײַזנדער היפּש פּינקטלעכע סטאַטיסטישע און מעטעראָלאָגישע ידיעות, נאָר, ווי אַ זון פֿון זײַן סענטימענטאַלער תּקופֿה, האָט ער ליב אויך השתּפּכות־הנפֿש און מאָראַליש־פֿילאָסאָפֿישע חקירות. למשל ווען ער רעדט וועגן דער אַלמעכטיקייט פֿון דער בײַטעוודיקער מאָדע בײַ אייראָפּעער, שטעלט ער אַרויס אַנטקעגן זיי די אָריענ־טאַלישע פֿעלקער וואָס האָבן „אָפּגעהיט מיט פֿעסטקייט אַלץ וואָס ס׳איז נוגע צו זייערע אמונות, צערעמאָניעס און אײַנגעוווינטקייטן“. און ווײַטער שרײַבט ער בזה־הלשון : „ס׳זײַנען אַוועק אַ סך יאָרהונדערטער, וואָס בײַ די טערקן זעען מיר די זעלביקע פּוצן,

מלבושים ווי אויך די זעלביקע מאָראַל און מאָדנעקייטן; בײַ ייִדן איז צוגעקומען, אָדער אָפּגעקומען ווען ניט ווען אַ קנעפּל אויפֿן אָנטון, און עס קען געמאָלט זײַן, אַז ס'האָט זיך קוים מיט עפּעס געביטן זייער ניגון. פֿון וואָס זשע נעמט זיך דאָס דאָזיקע? פֿון דער ניט־אויסמישונג פֿון זייערע געבירטן, פֿון פּינקטלעך היטן די תּקנות פֿון זייערע חוקים־זעצערס, און פֿון באַזײַטיקן יעטווידער חקרעניש" (I, ז' 109).

די באַשרײַבונג פֿון דער ייִדישער חתונה איז גענומען פֿון באַנד II זז' 63־66.*

אַ ייִדישע חתונה

איין מאָל דורכקלײַבנדיק זיך דורך די טאַנדעטן, ווו די קלייטלעך, אָנגעפּאַקט אָן אַן איבערקלײַב, פֿאַרהאַלטן די פֿאַרבײַגייערס מיט די קופּעס פּרוכט, באַקאַליע, ליולקעס, פּאַפּישלעך טאַבאַק, פֿלייש וכדומה קלייניקייטן, האָב איך דערזען אַ קאַראַהאָד העצקענדיקע ייִדישקעס, באַגלייט פֿון מוזיק, און בין געוווּר געוואָרן, אַז דאָס איז זייער חתן־מאָל[1] (זע געמעל 10). איך באַוועג זיך איבער די ליקלעך מיטן עולם וואָס מאַכט זיך פֿריילעך, נאָך נײַגעריקע פּרויען קומען צו צו אונדזער קרײַז, און מיר קומען צו צום חתנס הויז. די כּלה, אַ יאָר 12, האָט זיך אַוועקגעזעצט מעשׂה ענווטע אין דער אײַנזאַמלונג פֿון אירע פֿבֿרטעס, און ס'איז אַוועק אַ געטענצערײַ צו איין פּאָר מיידלעך וואָס זײַנען, דורכגייענדיק צום אָנהייב אַ פּאָלקע, געשפּרונגען אַ קאַזאַצקע און האָבן צום סוף דערפֿון געצאָלט די קלעזמאָרים צו פֿינף קאָפּיקעס. אַן אײַנפֿיר וואָס איז ווערט געלויבט צו ווערן! דאָס איז ניט אַזוי ווי בײַ אונדז, וואָס טייל מאָל מאַכט איין באַל, ווי אַ האָגל אָדער פֿײַער, אַ תּל אין די קופֿערטן און לאָזט איבער אין דער משפּחה אַ צערודער אויף אַ גאַנץ יאָר. בײַ זיי [ייִדן] איז אויף די געסט אַ גדולה, דער בעל־הבית האָט ניט קיין היזק און די קלעזמאָרים האָבן די גאָב וואָס זיי באַגערן. די דרײַ מאָלדאַוואַנער וואָס האָבן צונויפֿגעשטעלט די קאַפּעליע האָבן זיך ניט שטאַרק צערעמאָניעט, ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז די צוויי פֿידלערס פֿלעגן פּלוצלינג איבעררײַסן די האַרמאָניע — צי אַ שמעק צו טון טאַבאַק צי אויף אַרײַנצוקערן די קעלישקעלעך — און יעמאָלט פֿלעגט נאָר איין באַס רימפּלען די באַצייכענונג פֿונעם ריטעם. דערנאָך האָבן זיך די מאַנסבילן אַרײַנגעקליבן אין אַ באַזונדער קאַמער און געמאַכט צווישן זיך אַ ליציטאַציע אויפֿן רעכט, ווער עס זאָל פֿאַר דער חתונה זיצן נעענטער צום חתן. די וואָס האָבן געבאָטן מער דאַרפֿן פֿאַרנעמען די ערשטע ערטער, אין סדר פֿון די מקחים, און דאָס אײַנגעמאָנטס האָט געהערט צו די אָרעמע־לײַט. דער אָוונט האָט זיך געענדיקט מיט אַ וועטשערע, און דער המשך וועט קומען ווײַטער.

אויף מאָרגן פֿאַר נאַכט האָט די שטים פֿון דער מוזיקע מבֿשׂר געווען דאָס אָנקומען פֿון דער יונגער פּאָר. די אונטערפֿירערס[2] האָבן געשפּרײַזט פֿון פֿאָרנט מיט אָנגעצונדענע ליכט, דער חתן איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן לאַנגן קיטל[3], צו דערמאָנען אין דער שעה פֿון טויט, די כּלה האָט זיך באַוויזן מיט אַ באַדעקטן קאָפּ; מען האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויפֿן הויף, פֿאַר דער שול, איינס לעבן דאָס אַנדערע אונטער דער חופּה, און די צערעמאָניע איז דורכגעפֿירט געוואָרן. נאָך דעם ווי דער רבֿ האָט אָפּגעזאָגט קורצע תּפֿילות

---

* די איבערזעצונג פֿון רוסיש איז געמאַכט פֿון דער רעדאַקציע. מיר האָבן זיך געפֿלײַסט דערבײַ איבערצוגעבן ווי ווײַט מעגלעך פּינקטלעך דעם האַרבן געדריידלטן רוסישן סטיל; אין עטלעכע ערטער זײַנען געגעבן אויך די רוסישע אויסדרוקן. דאָס קאַפּיטעלע טראָגט דעם נאָמען свадьба жидовская; אויפֿן בילד, און אויך אין אַנדערע ערטער, ניצט דער מחבר דאָס וואָרט „יעווריסקי“, „יעווריי“. דאָס בײַגעגעבענע געמעל טראָגט אין סומאַראָקאָווס בוך דעם נומער 10.

1 дѣвичникъ.
2 отцы и матери посаженныя.
3 епанча.

האָט מען מיר געגעבן איין מאָל צו פֿאַרזוכן פֿון געטראַנק, און דער חתן האָט אָנגעטאָן דאָס פֿינגערל דער כּלה אויפֿן פֿינגער און געזאָגט: „איצטער איז זי מײַנע“ און צעקוועטשט אַ גלאָז (דעם מינהג פֿון צעקלאַפּן מיטן פֿוס גלאָז האָט מען אויך געהאַלטן בײַ די חתונות פֿון אונדזערע גרויספֿירשטן, למשל בײַ וואַסילי איוואַנאָוויטשן אין 1526, אויך בײַ אַנדערע) פֿאַר אַ סימן, אָדער אַז ס'איז אויס אומשולדיקייט, אָדער אַז דאָס גליק פֿון מאַן און ווײַב איז פונקט אַזוי פֿאַרגייִק ווי אָט דאָס גלאָז אויב די ליבשאַפֿט איז צעשטערט. צום סוף האָט דער רבֿ איבערגעלייענט אַ פּאַפּיר וואָס האַלט אין זיך די פֿעסטזעצונג פֿון די התחײַבֿותן פֿון מאַן און ווײַב, אויך די באַצייכענונג פֿון דער סומע אויפֿן פֿאַל פֿון אַ גט, און האָט דאָס פּאַפּיר איבערגעגעבן דעם יונגן ווײַבל. אָפּגעטאָן אויף דעם אופֿן אָט די צערעמאָניע, איז מען אַוועק אינעם פֿרײַערדיקן סדר, מיט ברענענדיקע ליכט און מיט מוזיק, אין יונגן מאַנס הויז, וווּ מען האָט זיי, נאָך דעם ווי מען האָט אים דערלאַנגט די צען געבאָט [?] און ברויט, אַוועקגעזעצט בײַם טיש, געגעבן אויפֿצועסן צו האַלבע איי באַשאָטן מיט אַש און געשטעלט זיסוואַרג. דער אָוונט איז אַדורך אין געטענצערײַ, געהעצקערײַ, טומל; נאָך דעם איז געווען אַ וועטשערע פֿאַר דער יונגער פּאָר, פֿאַר די אונטערפֿירערס, פֿאַר די אייגענע, די פּאָר האָט מען אַוועקגעפֿירט צום זיווג־געלעגער, און די געסט זײַנען געבליבן דערטרינקען די אָנגעפּאַנגענע פֿלעשער.

א. יאַרמאָלינסקי.

שלמה באַסטאָמסקי

אין דער ערשטער וואָך פֿון מאַרץ 1941 איז אין ווילנע געשטאָרבן שלמה באַסטאָמסקי. פֿיר חדשים האָבן אים געפֿעלט צו פֿולע 50 יאָר; פֿון זיי איז ער 29 יאָר, פֿון זינט ער האָט געענדיקט דעם ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט, געשטאַנען בײַ דער אַרבעט ווי אַ פּע־דאַגאָג, אַ שרײַבער, אַ רעדאַקטאָר און אַ כּלל־טוער.

ניט אומזיסט קומט באַלד אויפֿן זינען, אַז באַסטאָמסקי איז געווען אַן „אינסטיטוטשיק“. פֿאַראַן שולן וואָס זײַנען ניט מעלה און ניט מוריד אין זייערע תּלמידים; אָבער דער ווילנער ייִדישער לערער־אינסטיטוט האָט דורך די העכער פֿערציק יאָר פֿון זײַן עקסיסטענץ אַרויפֿגעלייגט אַ בולטן שטעמפּל אויף אַלע וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אין אים.

פֿאַרטראַכט האָט די צאַרישע רעגירונג דעם לערער־אינסטיטוט אין 1873 ווי אַן אויסן־פּאַסטן אין דער ייִדישער סביבה אַרײַן, צו רוסיפֿיצירן זי אין גײַסט פֿון קאַזיאָנעם פּאַטריאָ־טיזם. דורך דער גאַנצער צײַט פֿון לערנען האָט מען די תּלמידים געהאַלטן כּמעט ווי אָפּגעשיידט פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, לערערס האָט מען זיי געגעבן דורכויס פּראַוואָ־סלאַוונע, אויף קיין זאַך האָט מען אַזוי ניט געלייגט אַכט ווי אויף אַ ריינער רוסישער אויסשפּראַך. אָבער ווי זאָגט אַ ווילנער ווערטל: מיט אַ שפּענדל קען מען די ווילנע ניט פֿאַרשטאָפּן. די תּלמידים זײַנען פֿאָרט געווען ייִדישע ייִנגלעך פֿון דער מאַסע, און אַפֿילו די גראָבע ווענט פֿון דעם ניט־היימלעכן פֿינצטערלעכן אינסטיטוט־בנין האָבן ניט געקענט אין גאַנצן אָפּרײַסן פֿונעם אַרום. האָבן זיך דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע אידעעס אַרײַנ־געגנבֿעט אַהין נאָך אין די יאָרן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, און אַרום 1905 האָבן זיך צווישן די תּלמידים גענומען שטאַרקן ייִדישיסטיש־פֿאָלקסטימלעכע טענדענצן. אַזוי האָט די רעגירונג ניט אין גאַנצן באַקומען פֿון אינסטיטוט דאָס וואָס זי האָט געמיינט, און וואָס ווײַטער אַלץ ווינציקער. אָבער אויב ניט אין פֿורעמען די אידעאָלאָגיע, איז אין פֿורעמען פּערזענלעכקייטן האָט דער אינסטיטוט זיכער געהאַט אַ גרויסע פּעולה.

אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿאַר די לעצטע צוויי דורות, און איבער הויפּט אין דער ייִדישער שולאַרבעט אין ליטע און פּוילן אין די יאָרן 1910—1940, האָבן מיר געהאַט היפּש אינסטיטוטשיקעס. בײַ אַלע אינדיווידועלע אונטערשיידן האָט מען זיי דער־

ЬБА.

1805-1803 [illegible] Досуги крымскаго судьи [illegible]

ЕВРЕИ

קענט אויף אַ מײַל. איין שטריך וואָס פֿאַראייניקט זיי אַלעמען איז די עקשנותדיקע געזונטע ענערגיע. פֿון די הונדערט און מער בעלנים וואָס פֿלעגן זיך שטעלן אַלע יאָר צו די אָנקום־עקזאַמענס אין אינסטיטוט פֿלעגט מען אַרײַננעמען ניט מער ווי אַן אָנדערטהאַלבן צענדלינג; איז שוין פֿון אָנהייב אָן געווען אַן אָפּקלײַב פֿון די געזינטסטע און פֿעיִקסטע, און דער האַרטער רעזשים אין אינסטיטוט האָט נאָך מער געשטאָלט דעם כאַראַקטער. אַ צווייטער צד־השווה איז אַ טיפֿער דרך־ארץ פֿאַר וויסן, אַ דריטער איז ראַציאָנאַליסטישע גראָדליניקייט און אַן אָפּטימיסטישער גלויבן, אַז אַ פֿעסטער אויסגעהאַלטענער ווילן איז שטאַרקער ווי אַלע צוימען.

באַסטאָמסקי איז געווען אַ טיפּישער אינסטיטוטשיק. דער טאַטע איז געווען אַן אָרעמער שלאָסער וואָס האָט גאָרניט געקענט טון פֿאַר דעם זונס בילדונג. אָבער דעם ייִנגלס חשק צו לערנען האָט גובֿר געווען אַלע מניעות, און ער האָט דערגרייכט דאָס, וועגן וואָס הונדערטער אַנדערע ייִנגלעך אין דער אָרעמאַנסקער קרויניש שול האָבן נאָר געטרוימט: ער איז אַרײַן אין לערער־אינסטיטוט. די אידעעס, מיט וועלכע ער האָט זיך דאָרטן אָנגענומען, זײַנען געבליבן זײַן וועגווײַז אויפֿן גאַנצן לעבן. תּחילת איז ער געווען אַ לערער אין פֿאַרשיידענע שטעטלעך אין רוסישע קרוינישע שולן פֿאַר ייִדישע קינדער, אָבער ווי נאָר די דײַטשן האָבן אין 1915 פֿאַרנומען ווילנער געגנט און ס׳זײַנען מיגלעך געוואָרן שולן אין ייִדיש, איז ער געוואָרן אַ לערער אין דער ייִנגלשול „מפֿיצי־השׂכּלה“ אין ווילנע. דאָס איז געווען איינע פֿון די גרעסטע און בעסטע שולן וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט אין מיזרח־אייראָפּע, און אַזוי ווי זי איז געפֿירט געוואָרן פֿון אינסטיטוטשיקעס, איז דאָס אויך ניט געווען קיין „פּאַרעווע“ שול: אין פּרט פֿון פֿורעמען די פּערזענלעכקייט פֿון די תּלמידים איז זי געווען אַ מין המשך פֿון דעם אַמאָליקן לערער־אינסטיטוט.

מיט אָט דער שול (וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען שאַבאַד־שול) איז באַסטאָמסקי געווען פֿאַרבונדן אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ביז זומער 1940, ווען די נײַע סאָוועטישע מאַכט האָט גענומען דווקא איבערטאַשן די לערערס אין אַלע ווילנער שולן. נאָר אַרבעט אין קלאַס אַליין האָט אים ניט באַפֿרידיקט. ער האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פֿאַר פֿאָלקלאָר און אַרויסגעגעבן עטלעכע וויכטיקע זאַמלונגען. אויך איז ער געווען אַקטיוו געזעלשאַפֿטלעך: אין ווילנער צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט, אין דער צענטראַלער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע, אין לערער־פֿאַראיין, אין דער ווילנער ייִדישער קהילה. נאָר זײַן גאַנצע גבֿורה האָט ער אַרײַנגעלייגט אין ביכער פֿאַר דער ייִדישער שול. נאָך 1912, אָקערשט אַרויס פֿון לערער־אינסטיטוט, האָט ער געשריבן אין „ווילנער וואָכנבלאַט“ וועגן דער נײַטיקייט פֿון אַ ייִדישער קינדער־ליטעראַטור. אַן אינסטיטוטשיק ווייס ניט פֿון קיין קונצן: אויב מען דאַרף עפּעס, דאַרף מען עס שאַפֿן. פֿון 1916 האָט ער אין זײַן פֿאַרלאַג „נײַע ייִדישע פֿאָלקסשול“ אַרויסגעגעבן צענדלינגער לערן־ און לייען־ביכער; דעם גרעסטן טייל האָט ער געשריבן איינער אַליין, אָדער בשותּפֿות מיט נאָך אַ מחבר. ווען ס׳איז ניט געווען מער קיין געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע אַרויסצוגעבן די „גרינינקע ביימעלעך“ פֿאַר ייִנגערע און דעם „חבֿר“ פֿאַר עלטערע קינדער, האָט באַסטאָמסקי זיי גענומען אויף זײַנע פּלייצעס. די לעצטע יאָרן ביז דער מלחמה האָט ער נאָך אַרויסגעגעבן אַ דריטן זשורנאַל, דעם פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „שולפֿרײַנד“. אַנדערע האָבן צײַטנווײַז געקענט האָבן אַ טענה, אַז ער זעט ניט אַלע מאָל די קאָמפּליצירטקייט פֿון פּראָבלעמען, אַז די עסטעטיק לײַדט אין זײַנע אויסגאַבעס אַפֿילו דאָרט, וווּ ס׳איז ניט קיין פֿראַגע פֿון הוצאות, אַז זײַן געשמאַק איז ניט גענוג אויסגעפֿײַנערט; אָבער תּמיד איז ער געווען ערלעך און געטרײַ צו זײַן זאַך און מוטיק אין אַרויסזאָגן זײַן מײַנונג.

בײַ אונדז אין ייִוואָ איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע און פֿון ראַט. ער האָט געשפּילט אַ קענטיקע ראָלע אויף די לערער־קאָנפֿערענצן וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין ייִוואָ 1937—1939, אײַנגעאָרדנט פֿון צישאָ און ייִוואָ. אין דעצעמבער 1940 האָט ער,

טאַקע אין די ווענט פֿון ייִוואָ־בנין אין ווילנע, געהאַט דעם מוט צו דערמאָנען צום גוטן יענע קאָנפֿערענצן אין בײַזײַן פֿון די נײַע דעה־זאָגערס. זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט לײַדן און האָבן אים דאָס קלאָר געגעבן צו פֿאַרשטיין.

מ. וו.

פֿון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטערס

ד״ר אַברהם יאַרמאָלינסקי איז דער הויפּט פֿון דער סלאַווישער אָפּטיילונג אין דער ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, מחבר און איבערזעצער פֿון אַ גרויסער צאָל ביכער און אַרטיקלען אין ענגליש.

אין די נאָענטסטע נומערן „ייִוואָ־בלעטער"

וועלן אַרײַנגיין צווישן אַנדערע: ה. פּ. אולריכסען: אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע; אַ. גאָלאָמב: וועגן שׂינאה צו ייִדן בײַ ייִדן; נ. גאָלדבערג: די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע 1900—1939; ד. דאָלאַרד: פֿרויד און די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן; י. ליפֿשיץ: ענגלישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן י״ה וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן; י. מאַרק: פֿון דער ייִדישער שפּראַכאַרבעט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (לעצטער אַרטיקל); אַ. מענעס: פֿרוידס בוך וועגן משה רבינו; מ. קאָסאָווער: די חבֿרה פּועלי־צדק אין ירושלים (צו דער געשיכטע פֿון דער פּראָ־דוקטיווירונג פֿון אַלטן ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל); מ. קוטשינסקי: בראַזיליאַנער ייִדיש; ר. קענעדי: אַנטיסעמיטיזם אין שײַן פֿון דער געשיכטע; ד. ראָדניק: פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען בײַ יונגע אינדיאַנער; י. שטיינבוים: ייִדיש־וואָקאַבולאַר אין דער אָנפֿאַנגשול; רעצענזיעס פֿון נ. גאָלדבערג (דעמאָגראַפֿישע אַרבעטן), מ. ווײַנבערג (דעמאָגראַפֿישע און מעדיצינישע אַרבעטן), ל. לעהרער (נ. דרייזינס ענגליש בוך וועגן דערציִונג אין דער תּקופֿה פֿון תּלמוד), אַ. אַ. ראָבאַק (ל. לעהרערס ייִדישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען), י. שאַצקי (זאַמלביכער וועגן ייִדן אין אַרגענטינע).

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

ייִדישע שפּראַך. זשורנאַל פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער כּלל־שפּראַך. אַרויס־געגעבן איין מאָל אין צוויי חדשים פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿט־לעכן אינסטיטוט. יאַנואַר־פֿעברואַר, 1941. 32 זז׳; מאַרץ־אַפּריל, 1941, 32 זז׳.

דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן אין איצטיקן מאָמענט. לויט מאַטעריאַלן דערהאַלטענע אין ייִדישן וועלטקאָנגרעס. [מאַרץ 1941] 9 זז׳ [מימעאָגראַפֿירט].

יובֿל־בוך סך־הכּלן פֿון 50 יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע. לכּבֿוד „די ייִדישע צײַטונג" צו איר 25־יאָריקן יובילעאום. הירש טריוואַקס, רעדאַקטאָר. אַרויסגעגעבן פֿון געזעלשאַפֿט־לעכן יובֿל־קאָמיטעט. בוענאָס אײַרעס, 1940. 656 זז׳. [מיט אַ שפּאַנישער בײַלאַגע פֿון 140 זז׳.]

דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום אין דער איצטיקער שעה. צונויפֿגעשטעלט אויפֿן סמך פֿון מאַטעריאַלן דערהאַלטענע אין ייִדישן וועלטקאָנגרעס. 11 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט.]

לייבל פֿעלדמאַן, אוידטסהאָרן — „ירושלים ד׳אַפֿריקע". יאָהאַנעסבורג, 1940. 48 זז׳.

דער נײַער פּרצוף פֿון ייִדישן פּליטים־פּראָבלעם אין פֿראַנקרײַך. לויט מאַטעריאַלן געזאַמלטע דורך דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס. יאַנואַר, 1941. 6 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט.]

איסט ניו־יאָרק אַרבעטער־רינג שול 2. 1926־1941 שול־אַלמאַנאַך. אַרויסגעגעבן צום פֿופֿצנטן יובילײ־באַנקעט, שבת דעם 8טן מאַרץ, 1941.

ביאַליסטאָקער שטימע. 1940. געבונדענער יאָרגאַנג.

דער פֿאַרבאַנד חבֿר. אַרויסגעגעבן פֿון טאָראָנטער שטאָט־קאָמיטעט, ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. נומ׳ 1־4, נאָוועמבער 1940 — מאַרץ 1941. רעדאַקטירט פֿון שבתי ראַפּאַפּאָרט.

פֿאָרויס. אָרגאַן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר קולטור און הילף. יאַנואַר, 1941. מעקסיקע. [פֿון אינהאַלט: יעקבֿ גלאַנץ, מאָטיוון פֿון קידוש־השם און מעסיאַניזם בײַ שלום אַש; ל. באַיאָן, די ראָל פֿון ימים־טובֿים אין ייִדישן לעבן.]

א. א. ראָבאַק, קריטיק און קריצעניש. מכּוח „דהי סטאָרי אָוו ייִדיש ליטערעטשור״. (ש. ניגערן אַן ענטפֿער.) סײַ־אַרט פּאַבלישערס, קיימברידזש, 1941. 50 זז׳.

טעקסט פֿון דער רעדע געהאַלטן פֿון סעמיועל בראָנפֿמאַן, פּרעזידענט, קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס. מאַרץ 4, 1941, מאָנטרעאַל. 11 זז׳. [מיט אַן ענגלישן טעקסט, 11 זז׳.]

דער ווילנער. געווידמעט דעם 80טן געבורטסטאָג פֿון אב. קאַהאַן. ניו־יאָרק, פֿעברואַר 22, 1941. 102 זז׳.

ש. ניגער, די צווייִשפּראַכיקייט פֿון אונדזער ליטעראַטור. לויִס־לאַמעד פֿאָנד פֿאַר אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן. דעטראָיט, מישיגען, 1941. 156 זז׳.

ייִדישע קולטור. יאַנואַר 1941, פֿעברואַר־מאַרץ 1941.

א. נ. שטענצל, ימים נוראים; באַמבעס איבער לאָנדאָן; פֿאַרוויאַנעטע טעג; ים; לכּבֿוד חנוכּה; ברענענדיקע גאַסן; גריכישער מאָטיוו. אין 7 העפֿטן. 8 זז׳ יעדער העפֿט. לאָנדאָן־ווײַטשעפּל, מאַרץ 1941.

א. גאָלאָמב, אונדזער נײַער ש״ס; אונדזערע קולטור אוצרות פֿאַרן פֿאָלק. וויניפּעג, 1941. 29 זז׳.

ש. ד. ווײַנבערג, אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען אין דעטראָיט. אַרויסגעגעבן פֿון ייִדישער וועלפֿער־פֿעדעראַציע, דעטראָיט, 1940. XVI+221 זז׳.

ברוך באַריאַן, עלעמענטאַרע געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. בראַזיל, 1941. 179 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט.]

בצרון, 2, ח, שבט תּש״א (פֿעברואַר 1941). [פֿונעם אינהאַלט: יעקבֿ קלאַצקין, וועגן דער ממשלה פֿון די עמי־הארצים; אַבֿרהם העשל, וועגן דעם מהות פֿון תּפֿילה; אַבֿיגדור אַפּטאָוויצער, אַגדה־פֿאָרשונגען; זכרונות פֿון רבֿ צעיר, שאול טשערניכאָווסקי, ניסן טוראָוו.]

מרדכי זאב רייזין, דפים מפּנקסו של „ראבײ״. הוצאת האחים שולזינגער, ברוקלין, ניו־יאָרק, 1941. 389 זז׳.

בצרון, שנה ב, אדר תּש״א, חוברת I (18). [פֿונעם אינהאַלט: רבֿ צעיר, זכרונות וועגן נחום סאָקאָלאָוו; ד״ר ישראל שאפּירא, צו דער געשיכטע פֿון העברעיִשן דרוק — אַ רעצענזיע אויף ח. ד. פֿרידבערגס „תּולדות הדפּוס העבֿרי״.]

Professor Louis Finkelstein, "The Sources of the Tannaitic Midrashim." Reprinted from the *Jewish Quarterly Review. New Series.* Vol. XXXI, no. 3. Philadelphia, The Dropsie College for Hebrew and Cognate Learning, 1941. Pp. 211-243.

The Persecution of Jews in German-Occupied Poland. With an introduction by Right Rev. David Mathew. Free Europe Pamphlet No. 2. Free Europe, 11 Gower St., London, 1940. 26 pp.

John Simon Guggenheim Memorial Foundation. *1939 and 1940 Reports of the Secretary and of the Treasurer.* New York [1941]. 297 pp.

Arthur Meyerowitz, *Some Biographical Notes on Professor Abraham S. E. Yahuda.* 2 pp.

Dorothy F. Zeligs, *The Story of Modern Palestine.* New York, Bloch Publishing Co., 1940. XII+227 pp.

Jacob R. Marcus, "Mass Migrations of Jews and Their Effects on Jewish Life." Reprinted from *Yearbook*, vol. L, Central Conference on American Rabbis, 1940. 23 pp.

Louis Wirth, ed. *Eleven Twenty-Six, A Decade of Social Science Research.* Chicago, University of Chicago Press, 1940. XV+498 pp.

Henry Grattan Doyle, *Will Translations Suffice?* Language Leaflets, The George Washington University, no. 10. Washington, D.C. 1940.

Solomon R. Kagan, *Jewish Contributions to Medicine in America*, Second edition, revised and enlarged. Boston Medical Publishing Co., Boston, 1939. XXVI+729 pp.

Florian Znaniecki, *The Social Role of the Man of Knowledge.* New York, Columbia University Press, 1940. 212 pp.

Samuel H. Blumenfeld, "Rashi, the Teacher in Israel." Reprint from *Jewish Social Studies*, vol. II, no. 4, 1940. Pp. 391-400.

Louis Finkelstein, "The Maxim of the *Anshe Keneset Ha-Gedolah.*" Reprint from *Journal of Biblical Literature*, vol. LIX, part IV, 1940. Pp. 455-469.

Suggestive Material for the Observance of Jewish Book Week. Compiled by Fanny Goldstein. West End Branch, Boston Public Library, Dec. 1940.

Nathaniel Greene, *Doublecross in Palestine.* Flanders Hall, Scotch Plains, N.J., [1941]. 61 pp.

Facts About Fictions Concerning the Jew. 24 pamphlets. Anti-Defamation League of B'nai B'rith, [New York, 1941].

Jewish Digest, October 1940; November 1940.

Contemporary Jewish Record, February 1941.

Histadrut, Twentieth Anniversary. National Labor Committee for Palestine, Trade Union Division, 1941.

S. Posener, *Adolphe Crémieux. A Biography.* Translated from the

French by Eugene Golob. Philadelphia, Jewish Publication Society of America, 1940-5701. X+283 pp.

Jewish Education, XII, 3. [January 1941].

[פֿונעם אינהאַלט: י. טשיפּקין, די Jewish Education Association פֿון ניו־יאָרק; ה. בלומבערג, געוווּנטשענער מאַטעריאַל פֿאַרן העברעיִש־לימוד אין די עפֿנטלעכע סקולס; מאַטעריאַלן וועגן געבן פּרייַז צייַט אין די ניו־יאָרקער עפֿנטלעכעשולן פֿאַרן לימוד פֿון רעליגיע.]

Charles de Harrack, *Sabbath Eve Service for the Synagogue.* Bloch Publishing Co., New York, [1941]. 24 pp.

Anna Louise Strong, *The New Lithuania.* New York, Workers Library Publishers, 1941. 64 pp.

America Academy for Jewish Research. *Proceedings*, vol. X, 1940. New York City, 1940. XX+194 pp.

Sir Ronald Storrs, *Lawrence of Arabia; Zionism and Palestine.* Penguin Books, Middlesex and New York, 1940. VIII+128 pp.

John Paul von Grueningen, ed. *The Swiss in the United States.* Swiss-American Historical Society, Madison, 1940. 153 pp.

The Jewish Center, March 1941, National Jewish Welfare Board, New York.

[פֿונעם אינהאַלט: י. י. שאַפּיראָ, ייִדישע דערציִונג פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס.]

Harry Alpert, "Emile Durkheim and the Theory of Social Integration." Reprinted from *Journal of Social Philosophy*, vol. 6, no. 2, January 1941. Pp. 172-184.

Bulletin of the New York Public Library. March 1941; April 1941.

Historia Judaica. Editor Guido Kisch. Vol. II, no. 1-2. Vol. III, no. 1 [April 1941].

Joseph K. Folsom, *Youth, Family and Education.* With Sections by Winifred Bain and Ellen Miller. Prepared for the American Youth Commission. American Council on Education, Washington, D.C., 1941. XV+299 pp.

Jacob Lestchinsky, "Jews in the U.S.S.R." Reprinted from *Contemporary Jewish Record*, Sept.-Oct.; Nov.-Dec. 1940. 32 pp.

Jacob Lestchinsky, "The Natural Increase of Jewish People during the Last Century." Reprinted from *Medical Leaves*, vol. III, 11 pp.

Jewish Labor Committee, *America Labor to the Rescue.* Addresses delivered by prominent American and European leaders of labor at the opening session of the National Conference of the Jewish Labor Committee, January 17, 1941, New York. 41 pp.

Michael A. Heilperin, "Totalitarian Trade." Reprinted from the *World Affairs Interpreter*, January 1941. [8 pp.]

Charles S. Johnson, *Growing Up in the Black Belt.* Prepared for the

American Youth Commission. American Council on Education, Washington. D.C., 1941. XXIII+360 pp.

Henry M. Rosenthal, "On the Function of Religion in Culture." Reprinted from *The Review of Religion*. With a Foreword by Professor Horace L. Friess. New York, 1941. VIII+44 pp.

Common Ground. Louis Adamic, editor. Spring 1941. 134 pp.

Essays on Maimonides. An Octocentennial Volume. Edited by Salo Wittmayer Baron. New York, Columbia University Press, 1941. 299 pp.

University of Arizona Record, The Graduate College. *Abstracts of Theses for Higher Degrees, 1939-1940*. University of Arizona, Tucson, February 1941, vol. XXXIV, no. 1. 81 pp.
Ort Economic Bulletin, vol. II, no. 1. Published bi-monthly by Ort Economic Research Committee, American Division.

Freeland, League for Jewish Territorial Colonization. *Bulletin*, no. 9. London, March 1941. 8 pp.

Jewish Social Studies, III, 2 [April 1941].
[פֿונעם אינהאַלט: דוד מאַנדלבוים, עדוואַרד סאַפּיר; יעקבֿ לעשצינסקי, די אַנטי־ייִדישע פּראָגראַם: דאָס צאַרישע רוסלאַנד, דאָס דריטע רײַך און דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן; בערטהאָלד אַלטמאַן, די אויטאָנאָמע פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע קהילות אין פּאַדערבאָרן; הילדע אָטענהיימער, די ליקווידאַציע פֿון ייִדישע קהילות אין דײַטשלאַנד 1900־1938; ל. לע־ווינגער, נאָטיץ וועגן די ייִדן וואָס זײַנען פֿאַרצייכנט אין Who's Who in America; רעצענזיעס און רעפֿעראַטן.]

Edna Margolis, Isidor Margolis, Ruth Cohen, Julius Cohen, *Jew and Arab on the Border*. Hapoel Hamizrachi of America, New York. 118 pp.

Judaica, Buenos Aires, Noviembre, 1940, no. 89.
[פֿונעם אינהאַלט: מ. מאַלהאַ, אַמאָליקע ספֿרדישע חתונות; נעקראָלאָג אויף ד"ר י. א. מעריסאָן.]

И. К. Шмеркович-Галеви, Евреи и Войны. Тяньцзин, Наше Знание, 1939. 59 pp.

И. К. Шмеркович-Галеви, Евреи и Русь. Тяньцзин, Наше Знание, 1940. 65 pp.

רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע: מ. ווײַנרײַך, א. טשעריקאָווער, ל. לעהרער, י. לעשטשינסקי, ש. ניגער, י. שאַצקי. רעדאַקטאָר: מ. ווײַנרײַך.

whose needs and tastes they knew. The Jews therefore tended to g into trade and the professions.

National Characteristics
By LEIBUSH LEHRER
(pp. 130-145)

Following an introduction on the general tendency to discuss nationa characteristics without scientific substantiation, the author gives th results of a study on national characteristics as evidenced in the buyin process. Using the author's formular and instructions, clerks in fiv stores in and around New York tabulated the attitudes of customers The ethnic groups were: Jews (immigrant and American born), Amer icans (those without any foreign trace), Italians (immigrant) and Ne groes. The buying process was divided into several categories: th tendency to bargain, the tendency to show the customer's expertness the tendency to exhibit mistrust, the desire to receive the best qualit despite the cost, the desire to leave as small a deposit as possible an the attitude of doing the seller a favor. The attitudes were indicate by plus or minus signs. The results as measured by percentual differ ences among all the ethnic groups in one store and each ethnic grou in all the stores, indicate that individual differences within the ethni group are greater than group differences.

Cantors and Synagogal Music in Holland
By JACOB SHATZKY
(pp. 146-156)

One of the chief forms of entertainment among the Dutch Jew before the emancipation was synagogal music. The cantor was one o the most respected members of the community. The cantor for th synagogue was chosen according to the principles of musical tourna ments of the time. Each candidate was required to sing several stanza before a committee of judges who then selected the one who please them most. Several documents dscribing such contests have come dow to us. The Ashkenazic cantors were more popular than the Sephardic because they could "make people cry." The Ashkenazic cantors als introduced into the synagogal music choral singing which had grea appeal. The selection of a popular cantor motivated great jubilatio among the lower classes in Holland. One such festival is described i detail in a Yiddish poem of the 18th century which is reprinted here.

ABSTRACTS

Jewish Martyrology and Jewish Historiography
By E. TCHERIKOWER
(pp. 97-112)

In contrast to the Biblical period, the Talmud and the rabbinical literature were indifferent to historiography. Literary history took the place of history proper. In the 9th to the 12th centuries the inner longing for history or historical legend pierced the wall of religious dogmatics (*Eldad Ha-Dani* and other travel descriptions, and especially *Josippon*). The sufferings brought on by the Crusades had already evoked chronography. Historical creativeness expressed itself in peculiar forms: in the *selihot* and *kinot* (until the period of the Ukrainian massacres of 1768), in the introductions to rabbinical commentaries, in polemical religious writings, in *minhagim*-books, moralizing books, and the like, and particularly in *responsa*. The first real chronicles were written by the Sephardic Jews in the 16th century after the expulsions from Spain and Portugal (e.g. *Emek Ha-Bacha*), further ones appeared in Germany (David Gans) and later in Poland, after the massacres of 1648 (*Yeven Mezulah* and others). History plays a much larger part in Yiddish literature than in the Hebrew. Besides translations, original works were also written. If not for these peculiar writings, it would be impossible to understand the nature of Jewish historical experiences.

The Social Physiognomy of American Jewry
By JACOB LESTCHINSKY
(pp. 113-129)

Each immigrant to a new country brings with him a cultural heritage from his previous environment and a degree of adaptability to his new surroundings which is in direct proportion to his past experiences. Thus the Jew, with a long tradition of trade in his family, finds it easier than the Polish peasant or impoverished landowner to adapt himself to the standards of metropolitan living. The three main currents of Jewish immigration to America consisted of: 1) the Sephardic, which continued from the middle of the 17th century to the end of the 18th century; 2) the German, from 1820 to 1880; and 3) the Eastern-European from 1870. The Jewish immigrants from the Germanic countries constituted largely a trade element. By the time of the last decade of the 19th century, the Eastern-European Jews had already become partially industrialized, and more than one-third of them were engaged in industry or handicraft. This group was nonetheless the first such generation and still had the tradition of trade. Together with the last group of Jews, large numbers of Eastern-European immigrants arrived, who were principally peasants. The tendency of the peasant groups was to go into industry; the tendency of the Jews was to continue to deal with these groups with whom they had been associated in their homelands and

TABLE OF CONTENTS (Continued)

MISCELLANEA

W.

Two Jewish Institutes for Post-War Problems ....

Nochum Shtif's Letters to J. Opatoshu ....

L.S.

The Circulation of Yiddish and Hebrew Books in the New York Public Library ....

On the Number of Jews in the United States ....

A. YARMOLINSKY

A Jewish Wedding in Simferopol, Crimea 150 Years Ago ....

M.W.

Shloime Bastomski (Obituary) ....

Editorial Notes ....

Books Received ....

די שוואַרצע פּינטעלעך

פון

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך

די „שוואַרצע פּינטעלעך" גיבן איבער די געשיכטע פֿון אַלף־בית פֿון די
גאָר אַלטע צײַטן ביז הײַנט, אויפֿן סמך פֿון די נײַסטע פֿאָרשונגען.

דאָס בוך באַשטייט פֿון 14 קאַפּיטלעך:

1) ערבֿ שריפֿט
2) געדאַנקען־שריפֿט
3) זאַצנשריפֿט
4) בינעזישע ווערטערשריפֿט
5) די מיצרים: אויפֿן וועג פֿון ווערטערשריפֿט צו קלאַנגענשריפֿט
6) פֿלעקלשריפֿט: אויפֿן וועג פֿון ווערטער־צייכנס צו אותיות
7) גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע זײַנען געגאַנגען אין חדר בײַ די סעמיטן
8) די סעמיטישע שריפֿט
9) סעמיטישע שפּראַכן און שריפֿטן
10) אונדזער ייִדישער אַלף־בית
11) אונדזער אַלף־בית אין מיטל־עלטער
12) נאָכן אויסגעפֿינען די קונסט פֿון דרוקן
13) דער ייִדישער אויסלייג הײַנט און אַ מאָל
14) אויסלאָז

דאָס בוך איז שיין געבונדן, האָט 260 זײַטן מיט 93 אילוסטראַציעס.
אין ביוראָ פֿון ייִוואָ געפֿינט זיך אַ באַגרענעצטע צאָל עקזעמפּלאַרן און
ויי ווערן פֿאַרקויפֿט צו איין דאָלאַר אַן עקזעמפּלאַר.

---

446 קאָמבאָ פּרעס, אינק. 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

XVII MARCH-APRIL, 1941 No. 2

TABLE OF CONTENTS

CHERIKOWER
Jewish Martyrology and Jewish Historiography 97

STCHINSKY
The Social Physiognomy of American Jewry 113

EHRER
National Characteristics 130

IATZKY
Cantors and Synagogal Music in Holland 146

IEWS

DENIG
The Youth of New York City. By Nettie Pauline McGill and Ellen Natalie Matthews 157

EINREICH
A. A. Roback, *The Story of Yiddish Literature* 161

ANZ
John A. Hawgood, *The Tragedy of German-America* 165

EINBERG
A. Rudy and C. E. Keeler, "Studies on Heredity in Jewish Diabetic Patients" 168

(*Continued on Inside Cover*)

ABSTRACTS IN ENGLISH...192

YIVO BLETER — March-April, 1941 — Vol. XVII, No. 2

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.

ייוואָ בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אינהאַלט פֿון נומער

עקבֿ לעשטשינסקי

דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום 193

[תּיקון־טעות ז׳ 282]

א. גאָלאָמב

וועגן שינאה צו ייִדן בײַ ייִדן 211

ודל מאַרק

פֿון דער ייִדישער שפּראַכאַרבעט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד 222

ה. פּ. אולריכסען

אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע 235

עפֿעראַטן און רעצענזיעס:

. ל.

פֿילאָן פֿון אַלעקסאַנדריע 258

. גאָלדבערג

באַפֿעלקערונג־פּראָבלעמען 262

ראַסנדיקע פֿאָראורטיילן 265

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

מאַי־יוני, 1941 באַנד XVII, נומ׳ 3

ל. בערז; ל. ש.
אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור........ 7

מ. ווײַנבערג
יידישע דאָקטוירים אין די פּאָראייניקטע שטאַטן........ 1

נ. גאָלדבערג
די באַציִונג פון מיידלעך־מוטערס צו זייערע קינדער........ 3

ל. ש.
הילף־מאַטעריאַל פאַר שטודיר־גרופּעס........ 5
אַנטי־נאַצי־ליטעראַטור........ 6

מאַטעריאַלן און נאָטיצן:

ל. קעסלער
דער לימוד העברעיִש אין די ניו־יאָרקער הײַסקולן........ 77

אַ. סאַוויצקי
יידיש־פּוילישע פּליטים אין ווילנע........ 30

פון דער רעדאַקציע........ 32

אָנגעקומען אין רעדאַקציע........ 33

דער אַלגעמיינער אינהאַלט פון „ייִוואָ־בלעטער" באַנד XVII וועט צוגעגעבן ווע[...]
צום קומענדיקן נומער

עס געפינען זיך איצט אין ביוראָ פון ייִוואָ אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון אינהאַלט פון [...]
„ייִוואָ־בלעטער", ב' XIV (ווילנע) ב' XV און XVI, ניו־יאָרק. עקזעמפּליאַרן ווערן אַרויסגע[...]
געשיקט ווערן לויט פאַרלאַנג.

דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום

פֿון יעקבֿ לעשטשינסקי

צווייטער און לעצטער אַרטיקל *

5

פֿון אַלעם וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן האָבן מיר געזען, ראשית, אַז די ייִדיש־דײַטשע אײַנוואַנדערונג איז באַשטאַנען כּמעט דורכויס פֿון האַנדל־עלעמענטן און איז געקומען פֿון אַ סבֿיבֿה, וואָס האַנדל איז געווען ניט נאָר איר איינציקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע טראַדיציע, נאָר אויך איר מקור פֿון פּרנסה בשעת־מעשׂה.

שנית האָבן מיר געזען, אַז די ערשטע כוואַליע אימיגראַנטן פֿון מיזרח־אייראָפּע איז באַשטאַנען פֿון אַ דעקלאַסירטער קליינבירגערלעכער מאַסע, פֿון אַ קליינבירגערלעכן מישמאַש (דאָס רובֿ געוועזענע הענדלערס, איבערקויפֿערס און דאָרפֿגייערס, כּלי־קודש און סתּם לופֿטמענטשן); זיי האָבן אָבער געהאַט באַקומען אַ ייִדישע בילדונג וואָס האָט זיי געמאַכט קולטורעל און פּסיכיש רירעוודיק און דעריבער פֿעיִק גיך זיך צו אָריענטירן אין דער נײַער סיטואַציע, אויך גיך גובֿר זײַן די שפּראַך־שוועריקייטן, — אַ סך גיכער פֿון די אַלע ניט־ייִדישע אײַנוואַנדערערס, מיט וועלכע זיי זײַנען אויף איין שיף געפֿאָרן, און זיך גרינגער צופּאַסן צו די נײַע לעבנס־באַדינגונגען. די צווייטע כוואַליע ייִדישע אײַנוואַנדערערס פֿון מיזרח־אייראָפּע איז שוין באַשטאַנען אין איר מערהייט פֿון אַן אַרבעטנדיקער מאַסע, פֿון געוועזענע בעלי־מלאָכות פֿאַר זיך און פֿון אַרבעטערס. אָבער די דאָזיקע ביידע עלעמענטן זײַנען נאָך געווען זייער יונג אין זייער אַרבעט־לאַגע; געשטאַמט האָבן זיי אויך צום מערסטן פֿון אַ הענדלער־סבֿיבֿה און געלעבט זייער גאַנץ לעבן אין אַ הענדלער־סבֿיבֿה, ווײַל אָדער זיי האָבן אַליין געמוזט אונטערהאַנדלען, ווי די בעלי־מלאָכות פֿאַר זיך, אָדער זיי האָבן געהאַט אין זייער מישפּחה גענוג האַנדל־עלעמענטן, כּדי צו אָטעמען מיט דער דאָזיקער לופֿט. אָבער אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעטנדיקער מאַסע זײַנען שוין אויך געווען עלעמענטן וועלכע זײַנען געווען קינדער פֿון בעלי־מלאָכות אָדער אַפֿילו פֿון אַרבעטערס און וועלכע זײַנען שוין געווען אויפֿגעצויגן אין אַן אַרבעט־סבֿיבֿה און אויף אַרבעט־טראַדיציעס; נאָר זיי זײַנען געווען אין דער מינאָ־

* זע ייִוואָ־בלעטער XVII, 2 (מאַרץ־אַפּריל 1941), זז׳ 113—129.

ריטעט. אין אַלגעמיין האָט זיך די מיזרח־איראָפּעיִשע איינוואַנדערונג שטאַרק אונטערגעשיידט פֿון דער דײַטש־ייִדישער, ווײַל זי האָט פֿאָרט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע מאַסע אַרבעטנדיקע עלעמענטן.

ווײַטער האָבן מיר געזען, אַז אי די דײַטש־ייִדישע איינוואַנדערונג, אי די מיזרח־איראָפּעיִשע ייִדישע איינוואַנדערונג האָט ווי מיטגענומען מיט זיך גרויסע מאַסן פֿון די פֿעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט און בײַ וועלכע זיי האָבן הונדערטער יאָרן אויסגעפֿילט איין און די זעלבע פֿונקציע — די האַנדל־פֿונקציע. די קליינע הפּסקה וואָס די נסיעה אויף דער שיף האָט אַרויסגערופֿן האָט ניט געקענט איבעררײַסן די הונדערט־יאָריקע טראַדיציע פֿון דער באַשעפֿטיקונגס־פֿאַרטיילונג וועלכע האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן געמוזט ווײַטער וועבן אין נײַעם לאַנד. אַוודאי האָבן בײַ די נײַע באַדינגונגען געמוזט פֿאָרקומען גרונטיקע שינויים, אָבער די פֿאַר־הנחות זײַנען געווען פֿאַר דעם, אַז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זאָל אין אַלגעמיין קומען המשך, און ניט ראַדיקאַלער איבערבראַך, אין דער פֿאַרטיילונג פֿון די סאָציאַלע פֿונקציעס.

איצטער לאָמיר וואַרפֿן אַ קוק אויפֿן דריטן פֿאַקטאָר — אויף די באַדינ־גונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן גופֿא: צי האָבן די דאָזיקע באַדינגונגען געשטערט דעם המשך אַדער, פֿאַרקערט, זיי האָבן אים געשטיצט און געשאַפֿן פֿאַר אים נאָך פֿיל בעסערע אַנטוויקלונגס־מיגלעכקייטן ווי אין דער אַלטער היים?

דער איבערגאַנג פֿון פֿיזישע, דירעקט פּראָדוצירנדיקע באַשעפֿטיקונגען (לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע) צו פֿאַרמיטלערישע (האַנדל) און באַדי־נענדיקע (ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס און באַאַמטנשאַפֿט) פּרנסות איז דער בולטסטער סימן פֿון פּראָגרעס פֿון אַ פֿאָלק. וואָס גרעסער דער פּראָצענט פֿאַרמיטלערישע און באַדינענדיקע פּרנסות, און דאָס הייסט וואָס דיפֿערענ־צירטער אַ פֿאָלק איז, אַלץ העכער שטייט עס, אַלץ רײַכער און פֿילזײַטיקער איז זײַן לעבן. די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין דעם פּרט איבערגעיאָגט אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. די פֿאַרמיטלערישע און באַדינענדיקע פּרנסות באַשעפֿטיקן גאַנצע 46 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג לויט דעם צענזוס פֿון 1930. וואָס פֿאַר אַ רעוואָלוציע אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט אין דעם פּרט, ווערט זייער גוט באַלויכטן אין סנײַדערס בוך.[25]

אַז די קליינע גרופּע ייִדיש־דײַטשע איינוואַנדערערס, בערך 100 אָדער 120 טויזנט בסך־הכּל, האָבן געקענט געפֿינען געווגג באַשעפֿטיקונגען אין האַנדל און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס, איז ניט קיין חידוש. אינטערעסאַנט איז פֿעסטצושטעלן, צי האָט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון אַמעריקע אויך באַגינציקט דעם איבערגאַנג פֿון אַ גרויסן טייל פֿון די דרײַ מיליאָן ייִדישע

25 Carl Snyder, *Capitalism the Creator*, New York, 1940.

אייַנוואַנדערערס פון מיזרח־איראָפּע צו פּאַרמיטלערישע און באַדינענדיקע באַשעפטיקונגען. די ווייַטערדיקע ציפער גיבן אַ גאַנץ קלאָרע תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע.

די עקאָנאָמיש אַקטיווע באַפעלקערונג לויט פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס און איינציקע פּראָפעסיעס [25]

	1870	1930	צוואַקס (%)
1) די עקאָנאָמיש אַקטיווע באַפעלקערונג	12,505,923	48,829,920	290.0
2) די אַגראַרע באַפעלקערונג	5,948,561	10,471,998	76.2
3) די פרייַע פּראָפעסיעס	371,650	3,253,884	776.0
דערין:			
דענטיסטן	7,839	71,055	806.4
אַדוואָקאַטן	40,736	160,605	294.5
דאָקטוירים	62,448	153,803	146.4
לערערס	126,822	1,062,615	737.9
4) האַנדל און טראַנספּאָרט	1,244,383	9,924,614	697.5

דאָ זעען מיר, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער צוואַקס ס'איז געווען בייַ די פּראָפעסיעס, אין וועלכע ייִדן האָבן הונדערטיאָריקע טראַדיציעס, אין וועלכע זיי זייַנען טאַקע צום פּראָדוקטיווסטן, צום שעפערישסטן. בעת די גאַנצע עקאָנאָמיש אַקטיווע באַפעלקערונג האָט זיך וויניקער ווי פאַרפירפאַכט און די אַגראַרע באַפעלקערונג האָט זיך אַפילו וויניקער ווי פאַרטאָפּלט, האָט זיך די צאָל באַשעפטיקטע אין פרייַע פּראָפעסיעס כמעט פאַראַכטפאַכט און די צאָל פאַרנומענע אין האַנדל און טראַנספּאָרט כמעט פאַראַכטפאַכט. די צאָל דענטיסטן — אַ פּרנסה, אין וועלכער ייִדן זייַנען גאָר שטאַרק פאַרטראָטן — האָט זיך מער ווי פאַרנייַנפאַכט. די צאָל לערערס — ווידער אַ פּרנסה, אין וועלכער ייִדן זייַנען גוט פאַרטראָטן — האָט זיך מער ווי פאַראַכטפאַכט.

בכן איז קלאָר, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון אַמעריקע איז געווען אין פולער האַרמאָניע מיט די טענדענצן וואָס ייִדן האָבן געבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים.

לאָמיר איצטער אַריבערגיין צו די באַשעפטיקונגען פון ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

6

ס'איז כמעט שווין אַ כלל אין דער ייִדישער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, אַז וואָס געדיכטער די ייִדישע באַפעלקערונג איז אין אַ לאַנד אָדער אַפילו

---

[26] United States Census Bureau, *Ninth Census; Fifteenth Census.*

אין אַ שטאַט, אַלץ מער אַרבעטנדיקע עלעמענטן האָט זי בײַ זיך; פֿאַרקערט וואָס שיטערער, אַלץ מער פֿאַרמיטלערישע און באַדינענדיקע עלעמענטן. דער דאָזיקער כּלל איז אָבער זייער פֿאַרשיידן אין פֿאַרשיידענע לענדער, אָפּהענגיק פֿון דער מדרגה אַנטוויקלונג בײַ דער אַרומיקער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג און נאָך מער פֿון דער אַבסאָלוטער צאָל ייִדן אין לאַנד. צווישן די אַנגלאָ־זאַקסישע פֿעלקער האָט דער ייִד ניט געקענט פֿאַרנעמען אַזאַ אַנגעזעען אָרט אין האַנדל און פֿינאַנץ ווי צווישן די דײַטשן, און צווישן די לעצטע ניט אַזאַ ברייט אָרט, ווי צווישן די סלאַווישע פֿעלקער. אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ מין לאַגע, אַז ייִדן לעבן צווישן פֿעלקער פֿון אַלע מדרגות אַנטוויקלונג און פֿון אַלע שטאַפּלען דיפֿערענציאַציע. איז ניט קיין חידוש, וואָס ייִדן האָבן דאָ פֿאַרנומען אַ מיטל־לאַגע, צווישן די אַנגלאָזאַקסישע און אַלע איבעריקע פֿעלקער. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן די דײַטשע ייִדן און די מיזרח־אייראָפּעיִשע, גאָר פּשוט שוין ווײַל די ערשטע זײַנען געקומען פֿריִער מיט פֿופֿציק יאָר. דאָס קען זייער גוט אילוסטרירט ווערן מיט די דאַטעס וועגן די באַשעפֿטיקונגען פֿון הי געבוירענע און ניט־הי געבוירענע פֿון איין שטאַט. נעמען מיר באָסטאָן פֿאַרן יאָר 1900 און שטעלן לעבן אַנאַנד די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון די הי געבוירענע ווײַסע און אויסלענדיש געבוירענע ווײַסע, באַקומען מיר אַזאַ בילד:[27]

פּראָפֿעסיאָנעלע גרופּעס	הי געבוירענע		אויסלענדיש געבוירענע	
	אַבסאָלוט	%	אַבסאָלוט	%
1) אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע	131,385	100.0	112,181	100.0
2) אַגריקולטור	455	0.4	805	0.7
3) פֿרײַע פּראָפֿעסיעס	12,335	9.4	2,947	2.6
4) שטוביקע באַדינונג	19,536	14.9	41,603	37.2
5) האַנדל	52,018	39.6	22,389	19.9
6) טראַנספּאָרט	6,029	4.5	3,949	3.5
7) פֿאַבריקאַציע, מעכאַניק	40,913	31.2	40,488	36.1

בײַ די הי געבוירענע ווײַסע פֿאַרנעמען די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס 3½ מאָל אַ גרעסערן פּלאַץ ווי בײַ די אויסלענדיש געבוירענע. דער האַנדל איז בײַ די ערשטע צוויי מאָל שטאַרקער פֿאַרטראַטן ווי בײַ די לעצטע. פֿאַרקערט שטוביקע באַדינונג, דאָס הייסט די נידעריקסטע און שוואַכסטע גרופּע, איז בײַ די אויסלענדיש געבוירענע כּמעט דרײַ מאָל שטאַרקער ווי בײַ הי געבוירענע. דאָס זײַנען די הויפּט־חילוקים צווישן די צוויי גרויסע גרופּעס.

27 United States Census Bureau, 1900.

אָבער די דאַטעס פֿון באָסטאָן גיבן אונדז נאָך אַ מיגלעכקייט צו מאַכן אַ טיפֿערן אַנאַליז. די ציילונג פֿון 1900 גיט די דאַטעס פֿאַר אימיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע מלוכות. די פּאָליאַקן זײַנען יעמאָלט אויך שוין גערעכנט געוואָרן פֿאַר אַ באַזונדער גרופּע. נעמט מען די „רוסן“ און די „פּאָליאַקן“ פֿון 1900 פֿון דער שטאָט באָסטאָן, באַקומט מען די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון באָסטאָן אין יענער צײַט.[28]

די נאָר וואָס געבראַכטע טאַבעלע ווײַזט אונדז נאָר דעם חילוק צווישן דער סאָציאַלער סטרוקטור פֿון גרופּעס וואָס האָבן אײַנגעוואַנדערט אין פֿאַרשיידענע צײַטפּונקטן. פֿיל וויכטיקער און אינטערעסאַנטער איז פֿעסט־צושטעלן, ווי פֿאַרשיידן ס'איז די סאָציאַלע סטרוקטור בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלקער וועלכע זײַנען געקומען אין בײַעם לאַנד אייִנציַיטיק. ערשט יעמאָלט טרעט אַרויס די ווירקונג פֿונעם עבֿר, דער אײַנפֿלוס פֿון מיטגעבראַכטן סאָציאַל־קולטורעלן באַגאַזש. צו דעם דאָזיקן צוועק נעמען מיר די קאַטעגאָריע אײַנוואַנדערערס וועלכע הייסן אין דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק:[29] „פּערזאָנען, וואָס אָדער ביידע עלטערן זײַנען געבוירן אין די אָנגעוויזענע לענדער אָדער איינער פֿון די עלטערן געבוירן דאָ אין לאַנד און דער אַנדערער ווי אָנגעוויזן“, און מיר פֿאַרגלײַכן צווישן זיך עטלעכע טיפּישע גרופּעס. די רוסן און פּאָליאַקן רעכענען מיר פֿאַר ייִדן.

די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער אין 1900 אין באָסטאָן:[30]

באַשעפֿטיקונגען	בריטישע		דײַטשן		רוסן און פּאָליאַקן (ייִדן)		איטאַליענער		נעגער	
	אַבס'	%	אַבס'	%	אַבס'	%	אַבס'	%	אַבס'	%
1) אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע	15.500	100.0	11.241	100.0	10.834	100.0	8.616	100.0	6.785	100.0
2) אַגריקולטור	141	0.9	63	0.5	41	0.4	37	0.4	13	0.2
3) פֿרײַע פּראָפֿעסיעס	1.065	6.8	727	6.5	252	2.4	208	2.4	181	2.7
4) שטוביקע באַדינונג	3.249	20.9	1.712	15.2	758	7.0	4.305	50.0	4.942	72.8
5) האַנדל	4.328	28.3	3.249	29.1	3.978	36.7	1.273	14.8	965	14.2
6) טראַנספּאָרט	582	3.7	255	2.2	74	0.6	169	1.9	82	1.2
7) אינדוסטריע	6.135	39.4	5.235	46.5	5.731	52.9	2.624	30.5	602	8.9

די דאָזיקע טאַבעלע איז זייער באַלערנדיק. ראשית זעען מיר קלאָר, ווי פֿעלקער וואָס קומען איינצײַטיק באַזעצן פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס. פֿון הונדערט נעגער גייען כמעט דרײַ פֿינפֿטל אין דינסט; בײַ די איטאַליענער

28 Frederick A. Bushee, *Ethnic Factors in the Population of Boston*, 1903.

29 Persons: both parents born as specified or one native, one as specified.

30 United States Census Bureau, 1900.

אַ גאַנצע העלפֿט, אָבער בײַ ייִדן נאָר 7 פּראָצענט; בײַ דײַטשן נאָר 15 פּראָ־צענט. בײַ די בריטישע איז אַ הויכער פּראָצענט דינסט; מסתּמא זײַנען פֿאַראַן ספּעציעלע סיבות װעלכע מען קען פֿון די ציפֿער ניט אַרויסלייענען. נעמען מיר די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס װאָס גיבן די העכסטע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס און אָפֿט אויך אַ געזיכערטע עקאָנאָמישע לאַגע, מאַכן זיי אויס בײַ די בריטישע און דײַטשן דרײַ מאָל אַ העכערן פּראָצענט װי בײַ אַלע איבעריקע פֿעלקער, אַרײַנגערעכנט ייִדן, כאָטש ייִדן זײַנען צום נאָענטסטן צו די צוויי העכערע גרופּעס. אין האַנדל זײַנען באַשעפֿטיקט כמעט גלײַך בײַ די דרײַ „העכערע" פֿעלקער — בײַ בריטישע, דײַטשן און ייִדן; אָבער בײַ איטאַ־ליענער און נעגער צוויי מאָל װייניקער. אין אינדוסטריע זײַנען בײַ ייִדן באַשעפֿטיקט אַ סך מער װי בײַ יעדער אַנדערער גרופּע. העכער אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדן פֿון רוסלאַנד און פּוילן זײַנען באַשעפֿטיקט אין אינדוסטריע: בײַ די דײַטשן און בריטישע װייניקער.

ס'איז קלאָר פֿון זיך אַליין. אַז פֿון די דאָזיקע גרויסע שטריכן קען מען נאָך ניט באַקומען קיין אויסשעפּיק בילד װעגן דעם תּהום װאָס טיילט אָפּ איין פֿאָלק פֿון צװייטן. אַ פּעדלער איז אַ הענדלער און אַ הורט־סוחר איז אַ הענדלער. אָבער פֿון 3,515 ייִדן אין האַנדל זײַנען געװען 829 פּעדלערס, גאַנצע 23.6 פּראָצענט. בײַ איטאַליענער זײַנען געװען פּעדלערס 265, הייסט עס 20.9 פּראָצענט; בײַ דײַטשן אָבער זײַנען געװען נאָר 64 פּעדלערס, דאָס הייסט נאָר 2 פּראָצענט; און בײַ בריטישע זײַנען געװען נאָר 40 פּעדלערס — נאָך װייניקער פֿון איין פּראָצענט. אָבער באַנקירן און גרויסמעקלאַרעס (brokers) זײַנען געװען 55 בריטישע, 18 דײַטשן, נאָר 13 ייִדן, 10 איטאַ־ליענער און 1 נעגער. װידער װאָלט מען נאָך געדאַרפֿט פֿעסטשטעלן, װאָסער אַרט מען פֿאַרנעמט אין דער אָדער יענער פּראָפֿעסיע. לײדער קענען מיר זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין פּרטים. פֿאַר אונדזער ציל איז דערװײַל גענוג געװען צו װײַזן, װי פֿאַרשיידן פֿעלקער אָרדענען זיך אײַן אַפֿילו װען זיי קומען אײנצײַטיק און אַז ייִדן שטייען אַ סך נעענטער צו די העכערע פֿעל־קער װי צו די אָפּגעשטאַנענע, כאָטש זיי זײַנען געקומען פֿון איינע און די זעלביקע לענדער מיט די אָפּגעשטאַנענע.

7

גייען מיר אַריבער צו דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פֿיזיאָנאָמיע פֿון אַמע־ריקאַנער ייִדנטום, דאַרף מען נעמען באַזונדער די דײַטשע ייִדן און באַזונדער די מיזרח־אייראָפּעיִשע. ס'זײַנען ניטאָ קיין דאַטעס װעלכע זאָלן באַהאַנדלען באַזונדער די דאָזיקע צוויי גרופּעס ייִדן. מוזן מיר זוכן אַנדערע מעטאָדן, װי אַזוי פֿעסטצושטעלן דעם טיפֿן חילוק צווישן זיי.

ס'איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פֿאַקט, אַז די דײַטשע ייִדן זײַנען די רײַכערע און זײַנען עס יענער טייל ייִדנטום װאָס איז צום נאָענטסטן צוגע־

גאַנגען צו דער יענקי־בורזשואַזיע, הגם ס׳איז נאָך פֿאָרט געבליבן אַ גרויסער מהלך ביז איר.

רופֿט מען נאָר אָן די גרעסערע ייִדישע פֿינאַנצלײַט, ווי די באַנק פֿון קוהן, לעב און קאָמפּאַניע, לעהמאַן, שפּײַער, ברידער זעליגמאַן, די גוגענ־הײַמס, ווערט קלאָר, אַז די גרעסטע ייִדישע גבֿירים אין אַמעריקע שטאַמען פֿון דײַטשלאַנד און צווייטנס, אַז אַלע זײַנען זיי געקומען אַהער אָרעמע מענטשן און האָבן זיך ערשט דאָ אַרויפֿגעאַרבעט. חוץ דער פֿאַמיליע שפּײַער וועלכע איז געווען די רײַכסטע אין פֿראַנקפֿורט־מײַן נאָך צום סוף 18טן יאָרהונדערט און האָט געגרינדעט איר באַנק דאָ ווי אַ פֿיליאַלע פֿון זייער אונטערנעמונג אין דײַטשלאַנד, האָבן אַלע איבעריקע אָנגעהויבן דאָ גאַנץ קליין. אָבער פֿון די אָנגערופֿענע נעמען ווערט אויך קלאָר, אַז ייִדן פֿאַר־נעמען ניט אין אַמעריקע אין באַנקוועזן קיין גרויסן אָדער הויכן פּלאַץ. די אויספֿאָרשונג פֿון דער Fortune פֿון 1935 זאָגט אָט וואָס וועגן אָנטייל פֿון ייִדן אין באַנקוועזן.

„זיי שפּילן אַ קליינע ראָלע, אָדער גאָר קיין ראָלע ניט, אין די גרויסע קאָמערציעלע הײַזער. פֿון די 420 פּאַרצייכנטע דירעקטאָרן פֿון די נײַנצן מיטגלידער פֿון ניו־יאָרקער קלירינג־האַוס אין 1933 זײַנען נאָר דרײַסיק געווען ייִדן, און בײַ אַ העלפֿט פֿון די דאָזיקע זײַנען געווען אין דעם Commercial National Bank and Trust Co. און אין Public National Bank and Trust. ס׳איז ניט געווען קיין איין ייִדישער דירעקטאָר אין Bank of New York and Trust Co., אין National City, אין Guaranty Trust, אין Central Hanover, אין First National, אין Chase, אין Bankers Trust, אין N.Y. Trust. ס׳זײַנען באמת כמעט ניטאָ קיין ייִדישע אָנגעשטעלטע פֿון וועלכן עס איז באַטײַט אין די גרעסטע קאָמערציעלע בענק — ניט געקוקט אויפֿן פֿאַקט, וואָס אַ היפּשע צאָל קונדן זייערע זײַנען ייִדן. אין דעם פֿעלד פֿון אינוועס־טירונגען זײַנען פֿאַרשטייט זיך פֿאַראַן ייִדישע פֿירמעס, וואָס צווישן זיי זײַנען צום מערסטן באַוווּסט קון, לעב און קאָ׳, שפּײַער און קאָ׳, דזש. און וו. זעליגמאַן און קאָ׳, לײַדנבורג, טאַלמאַן און קאָ׳ און ברידער לעהמאַן, אָבער זיי קענען זיך ניט גלײַכן אין מאַכט צו די גרויסע פֿירמעס וואָס געהערן צו ניט־ייִדן (דילאָנען פֿון דער פֿירמע דילאָן, ריד און קאָ׳ האַלט אַנדערע ייִדן פֿאַר אַ ייִדן, נאָר ער איז ניט, ווי מען וואָלט געקענט דרינגען פֿון זײַן נאָמען, קיין אַקטיווער מיטגליד פֿון זײַן פֿאָלק און זײַן פֿירמע ווערט ניט געהאַלטן פֿאַר קיין ייִדישער ניט פֿון ייִדן און ניט פֿון ניט־ייִדן). אויב מען זאָל די דאָזיקע פֿירמעס אויסשטעלן נאָך די סכומען אויסלענדישע הלוואות וואָס מען קומט זיי צום 1טן מאַרץ 1935, וועלן דזש. פּ. מאָרגאַן מיט 19.87%, נעשאָנעל סיטי קאָ׳ מיט 11.71, דילאָן, ריד מיט 11.44, טשיים, הערים, פֿאָרבז מיט 8.45, גאַראַנטי קאָ׳ מיט 6.68, באַנקאַמעריקאַ־בלער מיט 6.18

און לי, היגנסאָן מיט 4.23 אַלע אַריבערשטײַגן די העכסטע יִדישע פֿירמע, וואָס דאָס איז קון, לעב און קאָ׳ מיט 2.88%.*

אויב מען זאָל אויסשטעלן נאָך דער אינלענדישער טעטיקייט נאָך, וואָלטן קון, לעב — וואָס זײַנען לעצטנס געווען זייער אַקטיוו אין דער שטאָל־אינדוסטריע און קענען זיך ווײַזן מיט אַ לאַנגער און בכּבֿודיקער אַלגעמיינער טעטיקייט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט — געשטאַנען זייער נאָענט לעבן שפּיץ, נאָר אַפֿילו אין דעם אינלענדישן פֿעלד זײַנען ניט־יִדישע געשעפֿטן אָן אַ שיעור און ערך שטאַרקער אין אײַנפֿלוס.

ווײַטער זײַנען די אַזוי גערופֿענע יִדישע הײַזער בשום־אופֿן ניט אויסשליסלעך יִדישע. בײַ קון, לעב זײַנען ביז גאָר אַקטיוו די ה״ה עלײַשאַ וואָקער, באַוועניזער, ווײַזמען און נאָלטאָק, קיינער פֿון זיי ניט קיין יִד. בײַ דזש. וו. זעליגמאַן טיילן זיך איצט מיט פֿרעדעריק סטרויסן אין דער שליטה אוירל ביילי און פֿרענסיס ראַנדאָלף, אַ מיטגליד פֿון דער סאַמע שטאָלצער פֿאַמיליע אין ווירדזשיניע.

אויף דער ניו־יאָרקער בערזע (stock exchange) זײַנען 148 פֿון 919 מיטגלידער, אָדער 16%, יִדן; פֿון די 637 פֿירמעס וואָס דאָס בערזע־האַנטבוך (directory) פֿאַרצייכנט זײַנען פֿינף און פֿופֿציק יִדישע, פֿיר און צוואַנציק האַלב יִדישע, און אין נײַן און דרײַסיק האָבן יִדן אַ הערשנדיקן אײַנפֿלוס. ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין דעם אַסעקוריר־געשעפֿט זײַנען קיין יִדן ניטאָ. הערמאַן אַ. בערענס, פּרעזידענט פֿון דער .Continental Assurance Co, און דזש. ב. לעווינסאָן, פּרעזידענט פֿון דער .Fireman's Fund Insurance Co אין סאַן פֿראַנציסקאָ, זײַנען צוויי פֿון דער קליינער צאָל יִדישע אויספֿיראָנגעשטעלטע פֿון גרויסע אַסעקוראַציע־געזעלשאַפֿטן. אין פֿעלד פֿון אַסעקוראַציע־אַגענטורן, פֿאַרקערט, איז אין ניו־יאָרק בערך אַ העלפֿט פֿון דעם געשעפֿט בײַ יִדן. און דער ניו־יאָרקער אַסעקוראַציע־מעקלערײַ־געשעפֿט איז אַריבערוואָגיק יִדיש, הגם די דרײַ אָדער פֿיר מעקלערײַ־פֿירמעס אין לאַנדמאַסשטאַב, וואָס האָבן אָפֿיסן אין ניו־יאָרק, זײַנען ניט קיין יִדישע. מחוץ ניו־יאָרק איז דער יִדישער אָנטייל אין הסכּם מיט דער פּראָפּאָרציע פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג.״ [31]

אַ נײַערע אויספֿאָרשונג וועגן יִדן אין באַנקוועזן האָט פֿעסטגעשטעלט אָט וואָס:

„פֿאַראַן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן 93,000 באַנקירן און באַנק־אָנגעשטעלטע בײַ הײַנטיקן טאָג . . . די צאָל יִדן צווישן זיי . . . איז אַ האָר איבער אַ האַלבן פּראָצענט! ניט קיין פֿולע 600 פֿון די 93,000

---

* די ציפֿער צונויפֿגעשטעלט פֿון מאַקס ווינקלערן פֿון דער ניו־יאָרקער מעקלערײַ־פֿירמע בווירנאַרד, ווינקלער און קאָ׳.

31 *Fortune*, 1936, II.

באנקירן דאָ אין לאַנד זײַנען ייִדן; די רעשט, 99.4%, זײַנען ניט קיין ייִדן!" [32]

פון אַ רשימה ניו־יאָרקער וואָס זײַנען אין 1929 באַשטײַערט געוואָרן מיט $100,000 און מער [33] ברענגען מיר די ערשטע צען אויפן צעטל:

1,000,000	דזשאָן ד. ראָקעפעלער דער עלטערער
500,000	א. מ. האַנטינגטאָן
"	קאָרנעליוס וואַנדערבילט
"	דזשאָן ד. ראָקעפעלער דער ייִנגערער
"	גוירטרוד וו. וויטני
"	העלען ה. וויטני
470,000	עדוואַרד ס. האַרקענס
400,000	סאַראַ אַ. דיוק
350,000	פלאָרענס וו. אַ. טוואָמבלי
349,000	מערי ד. בידל

קיין איין ייִד איז ניטאָ צווישן די צען.

פון די אַלע דאַטעס זעען מיר, אַז כאָטש ס'זײַנען פאַראַן אַ סך ייִדישע גבֿירים, איבער הויפּט פון דײַטשע ייִדן, אָבער צו די שפּיצן פון דער גאָר הויכער גרויס־בורזשואַזיע, צו דער אמתער געלט־אַריסטאָקראַטיע האָבן ייִדן ניט דערגרייכט.

וויל מען אָבער זען, ווי גרויס ס'איז געווען די הצלחה פון די דײַטשע ייִדן אין די ערשטע 50 יאָר פון זייער אײַנוואַנדערונג, איז גענוג צו ברענגען אַזאַ ציטאַט פון מאַרקענסן, אַ היסטאָריקער וועלכער האָט ניט נאָר שטודירט דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע, נאָר האָט עס מיטגעלעבט און מיטגעזען און געקליבן דעם מאַטעריאַל גראָד אין דער צײַט וואָס קען גערופן ווערן דער אויסלאָז פון דער אײַנוואַנדערונג פון ייִדן פון דײַטשלאַנד און דער אָנהייב פון דער ייִדישער מאַסן־אײַנוואַנדערונג פון מיזרח־איראָפּע: [34]

„אין די שטעט ניו־יאָרק און ברוקלין זײַנען פאַראַן 4,000 לאַחדים־ און 300 הורט־קצבֿים, העלפט פון זיי ייִדן, וואָס צווישן זיי זײַנען עטלעכע מי־ליאָנערן און אַ סך, וואָס זייער פאַרמעג דריקט זיך אויס אין זעקס ציפער. זיי באַשעפטיקן אין דער בראַנזשע אַן אַרמיי פון 6,000 מאַן און זייער יאָריקער אומזאַץ איז $25,000,000. דאָס שעכטהויז פון שוואַרצשילד און סולצבער־גער פאַרנעמט אַ גאַנצן בלאָק, און זיי באַשעפטיקן 500 מאַן. יוסף סטוירנס אונטערנעמונג באַדעקט אַ האַלבן בלאָק.

32 *The National Jewish Monthly*, 1939, 2.

33 *World Almanac and Book of Facts*, 1930, p. 556.

34 Markens, *Hebrews in America*, pp. 156-158.

די פֿאַבריקאַציע פֿון היט און היטלען, דער אימפּאָרט און די פֿאַבריקאַציע פֿון פֿעלן, לעדער, פֿוטערוואַרג, שפּיצן און האַפּטערײַען, קינסטלעכע בלומען און פֿעדערן איז אין אַ גרויסער מאָס בײַ ייִדן אין די הענט; דער ווײַן־ און בראַנפֿן־האַנדל איז אויך פֿון די בראַנזשעס, אין וועלכע זיי זײַנען גאָר שטאַרק פֿאַרנומען. מען שאַצט, אַז דער ייִדישער קאַפּיטאַל וואָס איז רעפּרעזענטירט אויף דער ניו־יאָרקער באָרזע איז ניט ווײַט פֿון $6,000,000.

לויט זאָרגעוודיק צוגעגרייטע שאַצונגען פֿונעם ייִדישן הורטהאַנדל אין דער שטאָט ניו־יאָרק איז דער יאָריקער אומזאַץ אין די פֿירנדיקע בראַנזשעס אַזאַ:

קליידער־פֿאַבריקאַנטן	55	מיליאָן דאָל'
דימענטן־הענדלערס	30	" "
הורט־קצבֿים	25	" "
ווײַן, ספּירט, ביר	25	" "
טאַבאַקבלאַט־הענדלערס	15	" "
ציגאַרן־פֿאַבריקאַנטן	15	" "
מאַנטל־פֿאַבריקאַנטן	15	" "
דימענטן־אימפּאָרטירערס	12	" "
לעדער און פֿעלן	12	" "
פֿאַבריקאַנטן פֿון אייבערהעמדער	10	" "
אימפּאָרטירערס פֿון זייגערס	6	" "
קינסטלעכע בלומען און פֿעדערן	6	" "
אימפּאָרטירערס און הענדלערס פֿון פֿוטערוואַרג	5	" "
פֿאַבריקאַנטן פֿון אונטערקליידער	5	" "
אימפּאָרטירערס פֿון שפּיצן און האַפּטערײַ	4	" "
פֿאַבריקאַנטן פֿון ווײַסע העמדער	3	" "
פֿאַבריקאַנטן פֿון היט	3	" "
פֿאַבריקאַנטן פֿון היטלען	2	" "
סך־הכּל	248	מיליאָן דאָל'

דער ווערט פֿון גרונט און הײַזער (real estate) וואָס ייִדן האַלטן אין ניו־יאָרק ווערט געשאַצט אויף $150,000,000. פֿינף אַכטל טראַנזאַקציעס אין גרונט און הײַזער אין דער שטאָט ניו־יאָרק קומען אויס אויף זייער חשבון."

8

אַ שאָד, וואָס מיר קענען זיך ניט אָפּשטעלן אויף איינציקע סטאַדיעס פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום. לאָמיר נאָר אין ברייטע שטריכן כאַראַקטעריזירן די פּראָצעסן און אַריבערגיין צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער סאָציאַלער פֿיזיאָנאָמיע פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום אין אונדזער צײַט.

דײַטשע ייִדן אין אַמעריקע האָבן נאָך צוריק מיט 50 און 60 יאָר דערגרייכט אַ הויכע סאָציאַלע מדרגה. אין זייערע שפּיצן זײַנען זיי אַפֿילו צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו דער גרויס־בורזשואַזיע, אָבער לויט די מאָסן פֿון אַמעריקע איז דאָס דאָזיקע ייִדנטום געבליבן אין תּוך אַ מיטל־בירגערלעכס, מיט גאָר אַ שמאָלן שיכט העכערע עלעמענטן, מיט אַ היפּשן שיכט ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס און מיט אַ גאַנץ ברייטן שיכט ווײַס־קאָלנער־פּראָלעטאַריאַט. (ס׳איז שווער אָנצורופֿן אַלע ווײַס־קאָלנער־מענטשן פּראָלעטאַריאַט, איבער הויפּט בנוגע דעם טייל פֿון דײַטשן ייִדנטום, ווײַל זיי פֿאַרנעמען אין דעם דאָזיקן קלאַס די העכערע און בעסער באַצאָלטע פּאָזיציעס.) פּאַראַלעל מיט דעם וווּקס פֿון ווילשטאַנד פֿון דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג איז אויך געגאַנגען דער עקאָנאָמישער אויפֿשטײַג פֿון דאָזיקן טייל ייִדנטום; ווי באַלד ס׳איז געקומען צו אַ סטאַגנאַציע אין וווּקס פֿון ווילשטאַנד בכלל, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דאָס שטײַגן פֿון דער דאָזיקער גרופּע ייִדן. אויב אין די זעכציקער און נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זײַנען געווען גרופּעס אַרבעטערס אויך פֿון דײַטשע ייִדן, ספּעציעל אין דער קליידער־אינדוסטריע, ווײַל פֿון פּויזן האָבן ייִדישע שנײַדערס ניט ווייניק אײַנגעוואַנדערט נאָך צוריק מיט 90 און 80 יאָר, זײַנען זיי שוין הײַנט לאַנג אַריבערגעשוווּמען אין לאַגער פֿון בעלי־בתּים. אַרום 1885 האָבן אין ניו־יאָרק פֿון 241 פֿאַבריקן פֿון קליידער 234 געהערט צו ייִדן (מאַרקענס); די גרעסטע צאָל פֿאַבריקאַנטן איז יעמאָלט באַשטאַנען פֿון דײַטשע ייִדן, פֿון געוועזענע אַרבעטערס.

מיר האָבן ליידער דאָ קיין מיגלעכקייט ניט זיך אָפּשטעלן באַריכות אויף דער ענלעכקייט צווישן דעם דײַטשן ייִדנטום פֿון אַמעריקע און דעם ייִדנטום אין דײַטשלאַנד ערבֿ דעם היטלעריזם. מיר קענען נאָר זאָגן, אַז ס׳איז אַן ענלעכקייט ממש פֿאַרחידושט צו ווערן. ס׳איז ניט נאָר אַן ענלעכקייט אין תּוך, אין זינען פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער און סאָציאַלער סטרוקטור, נאָר אַפֿילו אין די מדרגות, אין די סאָציאַלע שטאַפּלען וואָס ביידע גרופּעס ייִדן האָבן פֿאַרנומען. אפֿשר נאָר אין איין פּרט איז פֿאַראַן אַ שטיקל חילוק — אין פּרט פֿון אויסטיילן גרויסע טאַלענטן אויפֿן געביט פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט. אין דעם פּרט האָבן אַמעריקאַנער דײַטשע ייִדן נאָך ניט דעריאָגט זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס פֿון דער אַלטער היים. איצטער, אַז די אַלטע היים ליגט חרובֿ־ונחרבֿ, קען מען כּמעט גלייבן, אַז די השגחה האָט פֿון פֿריִער ווי געזאָרגט פֿאַר אַ יורש, כּדי דאָס רײַכע דײַטשע ייִדנטום, רײַך ניט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך גײַסטיק, זאָל ניט אונטערגיין. ס׳איז איינע פֿון די שפּאַנענדיקסטע טעמעס דורכצופֿירן אַ פּאַראַלעל צווישן דעם חרובֿ געוואָרענעם דײַטשן ייִדנטום אין אייראָפּע און צווישן זײַן גרעסטן יורש — דעם אַמעריקאַנער דײַטשן ייִדנטום.

גאָר אַנדערש איז געווען דער גאַנג פֿון דער אַנטוויקלונג בײַם מיזרח־

איראָפּעיִשן ייִדנטום. מען קען זאָגן, אַז ביז 1900 איז כּמעט יעדער ייִדישער איינוואַנדערער פֿון מיזרח־איראָפּע דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָד פֿון שווערער פֿאַבריק־אַרבעט. ערשט מיטן אויפֿקומען פֿון פּאַראַלעלע גרויסע „געטאָס" פֿון יענע פֿעלקער, מיט וועלכע ייִדן האָבן געוואַנדערט צוזאַמען אין נײַעם לאַנד אַרײַן, האָבן זיך גענומען אויסטיילן ייִדישע הענדלערס גלײַך בײַם אָנקומען. מיר לאָזן דורך די פּעדלער־עפּאָכע וואָס אַ גרויסער פּראָצענט ייִדן זײַנען דורכגעגאַנגען, מחמת אין פֿאַרגלײַך מיט די מאַסן וועלכע האָבן געשטראָמט אין די פֿאַבריקן אַרײַן איז די צאָל פּעדלערס פֿאַרט געווען ניט זייער גרויס.

צום יאָר 1900 אָבער האָט שוין אַ גאַנץ דריטל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געלעבט פֿון האַנדל. די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס האָבן נאָך פֿאַרנומען אַ קנאַפּן אָרט אין ייִדישן לעבן, און געוויזן אין זיי זײַנען כּמעט אויסשליסלעך דײַטשע ייִדן. וויפֿל צווישן דעם דריטל וואָס האָט זיך שוין יעמאָלט פֿאַרנומען מיט האַנדל ס'זײַנען געווען דײַטשע ייִדן און וויפֿל מיזרח־איראָפּעיִשע, איז שווער צו וויסן, אָבער ס'איז קלאָר, אַז די העכערע שטאַפּלען פֿון האַנדל האָבן יעמאָלט פֿאַרנומען מערסטן טייל דײַטשע ייִדן, און רוסיש־פּוילישע ייִדן זײַנען געווען די פּעדלערס און קליינע קרעמערלעך.

פֿון 1900 ביז 1914 איז דער צושטראָם פֿון ייִדישע אַרבעטערס פֿון איראָפּע און דער וווּקס פֿון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס אין די גרויסע שטעט פֿון אַמעריקע געווען זייער שטאַרק. כאָטש די באַדינגונגען פֿאַרן וווּקס פֿון האַנדל־עלעמענט זײַנען שוין יעמאָלט געווען זייער גינציקע, ווײַל אין משך פֿון איינע צען יאָר — פֿון 1900 ביז 1910 — זײַנען צוגעקומען העכער 6 מיליאָן אײַנוואַנדערערס פֿון מיזרח־ און דרום־איראָפּע, און צווישן זיי אַ גאַנצער מיליאָן ייִדן, איז דאָך די פּראָלעטאַריזאַציע געווען דער בולטסטער סימן פֿון יענער עפּאָכע. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די דאָזיקע צײַט קען כאַראַקטעריזירט ווערן ווי אַ בליצײַט פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג הן אין פּרט פֿון יוניאָניזם הן פּאָליטיש.

אַבסאָלוט איז טאַקע שוין יעמאָלט שטאַרק געוואַקסן די צאָל ייִדישע הענדלערס און די מיזרח־איראָפּעיִשע ייִדישע קאָלאָניע האָט שוין גענומען אויסטיילן פֿון זיך היפּשע צאָלן מיטל־בירגערטום און יחידים וועלכע האָבן אָנגעשמעקט אַפֿילו אַ סך העכער. דאָך איז די ייִדישע גאַס פֿון אַמעריקע יעמאָלט געווען שטאַרק פּראָלעטאַריש; פּראָלעטאַריש ניט נאָר אין פּרט פֿון השפּעה וואָס דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס האָט אָנגעהויבן געווינען אין ייִדישן לעבן, נאָר טאַקע קוואַנטיטאַטיוו. אויב אין 1900, ווי מיר האָבן געוויזן פֿריִער לויט די דאַטעס פֿון באָסטאָן, איז העכער אַ העלפֿט ייִדישע באַפֿעלקערונג געווען פֿאַרנומען אין אינדוסטריע, איז דער פּראָצענט באַשעפֿ־טיקטע אין אינדוסטריע דערגאַנגען אין די יאָרן פֿון ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז 60 פּראָצענט און אפֿשר נאָך העכער; און אין דער גרויסער מערהייט זײַנען דאָס געווען פּראָלעטאַריערס.

אַ שטאַרקער איבערבראָך אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פֿונעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין אַמעריקע קומט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה און ציט זיך בערך ביזן קריזיס. מען פֿאַרדינט געלט אין די צײַטן פֿון דער מלחמה, און דאָס שטײַגן, נאָך מער דאָס אַריבערלויפֿן פֿון פּראָלעטאַריאַט צום בירגערטום, פֿון דער פֿאַבריק אין קראָם אָדער אין אָפּיס פֿון בעל־הבית, נעמט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער און אָפּט אַפֿילו קרענקלעכע פֿאָרמען. ס׳וואַקסט שוין אויך אונטער דער צווייטער דור, קינדער פֿון די מיזרח־אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן, וועלכע לאָזן זיך אין גרויסע מאַסן צו די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. דער וווּקס פֿון ווילשטאַנד אין לאַנד גיט באַשעפֿטיקונגען די אַלע עלעמענטן, און מען גלייבט, אַז דאָס דאָזיקע ווונדערלעכע אַמעריקאַנער שטײַגן וועט קיין מאָל ניט אויפֿהערן און וועט נאָך ווערן אינטענסיווער.

דער קריזיס פֿון 1930 האָט געמאַכט אַ סוף צו די דאָזיקע זיסע טרוימען, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ דריי צוריק. די ייִדישע יוגנט זוכט דעם וועג צו דער פֿאַבריק, צום וואַרשטאַט אַפֿילו. די איבערשיכטונג איז שוין געוואָרן אָנזיכטיק.

דער רעזולטאַט פֿון דער גאַנצער אַנטוויקלונג ווערט, לויט אונדזער מיינונג, צום בעסטן אילוסטרירט מיט די דאַטעס וועגן דער פּראָפֿעסיאָנעלער און סאָציאַלער סטרוקטור פֿון ייִדנטום פֿון דעטראָיט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ גייען אַרײַן אַלע ייִדן, הן די דײַטשע און הן די מיזרח־אייראָפּעיִשע.[35]

פֿאַרטיילונג פֿון די עקאָנאָמיש אַקטיווע ייִדן אין דעטראָיט פֿון 15 יאָר און העכער, לויט באַשעפֿטיקונג, אין יאָר 1935

באַשעפֿטיקונג	צאָל	פּראָצענט
פֿאַבריקאַציע	6,653	23.3
טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	627	2.2
האַנדל	15,850	54.1
עפֿנטלעכע דינסטן	257	0.9
פּראָפֿעסיאָנעלע דינסטן	2,884	9.5
שטוביקע און פּערזענלעכע דינסטן	2,910	9.6
אַגריקולטור און ניט אָנגעוויזן	118	0.4
סך־הכּל	29,299	100.0

אין דער ווײַטערדיקער טאַבעלע איז די זעלביקע ייִדישע אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג פֿון דעטראָיט קלאַסיפֿיצירט לויטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מעמד:

[35] ביידע טאַבעלעס גענומען פֿון:
Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada. Jewish Occupational Council, New York, 1940, p. 14.

פֿאַרטיילונג פֿון די עקאָנאָמיש אַקטיווע ייִדן פֿון דעטראָיט, פֿון 15 יאָר און העכער, לויטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מעמד

סאָציאַל־עקאָנאָמישע גרופּעס	צאָל	פּראָצענט
פּערזאָנען אין פֿרײַע פּראָפֿעסיעס	2,259	7.6
באַזיצערס, פֿאַרוואַלטערס און באַאַמטע	7,541	26.8
אָנגעשטעלטע און ענלעכע אַרבעטנדיקע	11,873	39.1
קוואַליפֿיצירטע אַרבעטערס און מײַסטערס	2,480	8.9
האַלב קוואַליפֿיצירטע אַרבעטערס	4,315	14.8
ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבעטערס	831	2.8
סך־הכּל	29,299	100.0

די דאָזיקע צוויי טאַבעלעס זײַנען געוויס זייער טיפּיש פֿאַר ייִדן פֿון אַלע מיטעלע שטעט. פֿון די דאָזיקע טאַבעלעס ווערט קלאָר, אַז פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע 35 יאָר, פֿון 1900 ביז 1935, האָט זיך די לאַגע געביטן אין דעם זינען, אַז ניט די אינדוסטריע גיט העכער אַ העלפֿט ייִדישע באַשעפֿטיקטע, נאָר פֿאַרקערט דער האַנדל. די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס באַשעפֿטיקן אַרום 10 פּראָצענט, פֿיר מאָל מער ווי אין 1900. דאָס זײַנען די צוויי וויכטיקסטע שינויים אין די לעצטע דרײַ צענדלינג יאָר. ס'איז קלאָר, אַז אַ היפּשער טייל מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן וועלכע זײַנען געקומען אַהער ווי בעלי־מלאָכות אָדער אַרבעטערס און וועלכע האָבן דאָ אַ לענגערע צײַט אויך געאַרבעט ווי אַרבעטערס, זײַנען אַריבערגעשוווּמען אין לאַגער פֿון האַנדל. די קינדער האָבן געגעבן דעם היפּשן וווּקס פֿון די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס.

גייט מען איבער צו דער צווייטער טאַבעלע, צו דער סאָציאַלער סטרוקטור פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, זעט מען, אַז די פֿיזישע פּראָלעטאַריערס באַטרעפֿן בײַ ייִדן בערך 27 פּראָצענט. צו זיי קומען נאָך צו די ווײַס־קאָלנער־פּראָלעטאַריערס, כּמעט 40 פּראָצענט. צוזאַמען זײַנען הייסט עס פֿאַראַן בײַם אַמעריקאַנער ייִדנטום העכער 65 פּראָצענט פּראָלעטאַריערס. אמת, דער באַשטאַנד פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט איז אַן אייגנאַרטיקער: די ווײַסקאָל־נערדיקע וועגן אַריבער די פֿיזישע אַרבעטערס, בשעת ווען בײַ דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג איז אַקוראַט פֿאַרקערט. אויך אין פּרט פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער סטרוקטור איז די לאַגע בײַ ייִדן גאָר אַנדערש; בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אינדוסטריע; בײַ ייִדן האַנדל.

פֿון די דאַטעס וועגן באָסטאָן האָבן מיר אָבער געזען, אַז מען טאָר ניט פֿאַרגלײַכן סתּם ייִדן מיט סתּם ניט־ייִדן, וואָרעם די בריטישע און די דײַטשן און געוויס נאָך עטלעכע גרופּעס פֿון די „נאָרדיקס" זײַנען זייער ענלעך לויט זייער פּראָפֿעסיאָנעלער און סאָציאַלער סטרוקטור צו ייִדן. אַ טיפֿער תּהום טיילט אָפּ די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון די סלאַווישע פֿעלקער, פֿון

די איטאַליענער און פֿון די נעגער; בײַ די דאָזיקע אַלע גרופּעס האַלטן די האַנדלקלאַסן און די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס ערשט אין אַרויסשפּראָצן.

די דאַטעס וועגן דעטראָיט זײַנען אָבער טיפּיש נאָר פֿאַר ייִדן פֿון די מיטעלע שטאַטן. אין דער פּראָווינץ, וווּ די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז צעשאָטן זייער שיטער, איז די פּראָפֿעסיאָנעלע און סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַן אַנדערע. דאָרטן הערשט כמעט אויסשליסלעך דער האַנדל. טיפּיש פֿאַר דעם פּראָווינציעלן ייִדנטום, האַלט איך, איז די ווײַטער־דיקע טאַבעלע[36] וואָס איז שייך צו אורבאַנאַ, אילינאָי, און ווײַזט, וואָס עס איז געוואָרן פֿון די קינדער פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן אין דער שטאָט. פֿון די 140 מאַנסבילן אין דער גרופּע זײַנען:

31 (22%) אַרײַן אין דעם פֿאָטערס געשעפֿט

31 (22%) געוואָרן בעלי־בתּים פֿון אייגענע געשעפֿטן

27 (19%) געוואָרן פּראָפֿעסיאָנאַלן

26 (18%) געוואָרן ווײַס־קאָלנער־אַרבעטערס

16 (11%) אָן אַרבעט

6 (4%) איצטיקע באַשעפֿטיקונג ניט באַוווּסט

3 (2%) פֿיזישע אַרבעטערס

דאָ פֿאַרווישן שוין דער האַנדל און די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס אַלע איבע־ריקע באַשעפֿטיקונגען. און דאָ איז שוין דער פּראָלעטאַריאַט, אַפֿילו דער ווײַס־קאָלנער־פּראָלעטאַריאַט, זייער קליין, צוויי מאָל קלענער ווי אין דעטראָיט.

אָבער ייִדן וואָס לעבן אין דער פּראָווינץ מאַכן אויס גאָר אַ נישטיקן פּראָצענט פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג. 90 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג זײַנען קאָנצענטרירט אין שטעט מיט מער פֿון 25 טויזנט אײַנוווינערס. און אין שטעט ווי סטעמפֿאָרד למשל איז שוין די פּראָ־פֿעסיאָנעלע און סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג זייער ענלעך צו דער וואָס אין דעטראָיט — מיט דעם חילוק נאָר, וואָס דאָרטן איז קלענער דער פּראָצענט פֿיזישע אַרבעטערס און ס'איז העכער דער פּראָ־צענט באַשעפֿטיקטע בײַ ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס.

פֿון דער צווייטער זײַט אָבער איז אין ניו־יאָרק געוויס העכער דער פּראָצענט פֿיזישע אַרבעטערס בײַ ייִדן, ווי אין דעטראָיט. די טאַבעלעס וואָס מ. קאַרפּף ברענגט אין זײַן בוך וועגן דער פּראָפֿעסיאָנעלער סטרוקטור פֿון ניו־יאָרקער ייִדן זײַנען געבויט אויף אַ מוסטערונג פֿון אַ 17,000 ייִדן און קענען דעריבער ניט פּרעטענדירן אויף הונדערטפּראָצענטיקער ריכטיקייט, פּונקט ווי די פֿריִערדיקע טאַבעלעס, אָבער דאָך גיבן זיי דאָס בילד בערך קרובֿ לאמת. אין ניו־יאָרק וועט זיך באַקומען, אַז אַ דריטל פֿון דער ייִדישער

[36] געוויזן פֿון:

David G. Mandelbaum, "The Jews of Urbana," *Jewish Social Service* Quarterly, XII, 2 (December, 1935), pp. 223-232.

באַפֿעלקערונג איז פֿאַרנומען אין אינדוסטריע און אַ ביסל ווייניקער פֿון אַ העלפֿט אין האַנדל (מיר גיבן צו צו האַנדל אויך די אָנגעשטעלטע — clerical work).37

באַשעפֿטיקונגען פֿון ייִדן אין דער שטאָט ניו־יאָרק אין פֿאַרגלײַך מיט דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג

מענער

באַשעפֿטיקונג	בײַ ייִדן צאָל	בײַ ייִדן פּראָצענט	בײַ דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג צאָל	בײַ דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פּראָצענט
1. האַנדל	4,594	34.5	230,326	21.2
2. פֿאַבריקאַציע און מעכאַניק	4,540	34.1	361,795	33.2
3. אָנגעשטעלטע	1,823	13.7	112,731	10.4
4. פּראָפֿעסיאָנעלע דינסטן	887	6.6	79,961	7.4
5. שטובּיקע און פּערזענלעכע דינסטן	748	5.6	150,112	13.8
6. טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	594	4.5	124,348	11.4
7. עפֿנטלעכע דינסטן	133	1.0	26,165	2.4
8. אַגריקולטור	—	—	1,722	.2
סך־הכּל	13,319	100.0	1,087,707	100.0

פֿרויען

באַשעפֿטיקונג	בײַ ייִדן צאָל	בײַ ייִדן פּראָצענט	בײַ דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג צאָל	בײַ דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פּראָצענט
1. אָנגעשטעלטע	1,794	52.5	110,727	24.2
2. פֿאַבריקאַציע און מעכאַניק	579	16.9	89,030	19.5
3. האַנדל	514	15.0	36.573	8.0
4. פּראָפֿעסיאָנעלע דינסטן	354	10.4	59,518	13.1
5. שטובּיקע און פּערזענלעכע דינסטן	144	4.2	146,913	32.0
6. טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	23	.7	13,843	3.1
7. עפֿנטלעכע דינסטן	9	.3	566	.1
8. אַגריקולטור	—	—	51	—
סך־הכּל	3,417	100.0	457,223	100.0

37 Maurice J. Karpf, *Jewish Community Organization in the United States*, New York, Bloch Publishing Co., 1938, p. 14.

די דאַטעס וועגן די באַשעפֿטיקונגען פֿון ייִדן זײַנען געבויט אויף אַ מוסטערונג; די צאָלן וועגן דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג זײַנען באַזירט אויפֿן פֿעדעראַלן צענזוס פֿון 1930.

9

אין אַלגעמיין קען מען מאַכן אַזוינע אויספֿירן. די ייִדישע באַפֿעלקערונג ווי אַ גאַנצע איז לויט איר פּראָפֿעסיאָנעלער און סאָציאַלער גלידערונג זייער נאָענט צו די „נאָרדיקס״ (די אײַנוואַנדערערס פֿון צפֿון־איראָפּע) און זייער ווײַט פֿון אַלע סלאַווישע גרופּעס, פֿון די איטאַליענער און פֿון די נעגער. אָבער לויט איר מאַטעריעלן מצבֿ איז זי אַ סך אָרעמער פֿון אַלע נאָרדיקס, ווײַל בײַ איר איז דער פּראָצענט קליינע קרעמערס וואָס פֿאַרדינען קוים אויף היונה, ווי אויך דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע פֿון נידעריקע קאַטעגאָריעס, אין קליינע „סטאָרקעס״, העכער ווי בײַ די נאָרדיקס; פֿאַרקערט איז דער גרויס־בורזשואַזער שפּיץ בײַ ייִדן שמעלער. אָבער אין פֿאַרגלײַך מיט די נידעריקער שטייענדיקע פֿעלקער לעבן ייִדן פֿאַרמעגלעכער און בעסער. ייִדן פֿאַרנעמען הייסט עס דאָס מיטלסטע אָרט צווישן די נאָרדיקס און צווישן די אַלע פֿעלקער וואָס זײַנען געקומען פֿון אָפּגעשטאַנענע לענדער. און אין דעם שטעקט אַ סכּנה.

מען רעדט בײַ אונדז וועגן אַ ספּעציפֿישן ייִדישן קריזיס. מען טענהט, אַז ייִדן האָבן זיך צו שטאַרק געוואָרפֿן אויף האַנדל און פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. מען רעדט וועגן איבערשיכטונג. שוין דאָס שטעלן אַ ספּעציפֿישע ייִדישע עקאָנאָמישע פּראָבלעם איז אַן אומנאָרמאַלע זאַך. ווײַל ס׳איז דאָך ניטאָ אַזאַ זאַך ווי ייִדישע עקאָנאָמיק. ס׳זײַנען ניט בנימצא קיין ייִדישע דאָקטוירים, ווי ס׳זײַנען ניט פֿאַראַן קיין ייִדישע אַרבעטערס; ס׳זײַנען ניט פֿאַראַן קיין ייִדישע לאָיערס, ווי ס׳זײַנען ניט פֿאַראַן קיין ייִדישע טרעגערס. אַלע זײַנען אַמעריקאַנער, און ס׳קענען זײַן נאָר איבעריקע אַמעריקאַנער דאָקטוירים אָדער לאָיערס, אָבער ניט ייִדישע. ווילן מיר זיך אָבער ניט אַרײַנלאָזן אין חקירות, פֿאַר וואָס גראָד ייִדן האָבן קיין רעכט ניט זיך צו נעמען אָדער אַפֿילו כאַפּן פֿאַר יענע פּרנסות וועלכע זאָגן צו אַ בעסערע און שענערע צוקונפֿט. די דאָזיקע פֿראַגע גייט ניט אַרײַן אין די ראָמען פֿון דער הײַנטיקער אַרבעט. מיר ווילן נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די סיבות פֿון דעם דאָזיקן ספּעציפֿישן ייִדישן קריזיס.

דאָס שטײַגן ווײַטער האָט זיך אין אַמעריקע אָפּגעשטעלט צוזאַמען מיטן קריזיס. דער וווקס פֿון די צוויי סאָציאַלע גרופּעס, אין וועלכע ס׳זײַנען באַשעפֿטיקט צוויי דריטל אָדער נאָך אַ ביסל מער פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג — האַנדל און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס — איז איבערגעריסן, און מען זעט ניט קיין טענדענץ, אַז זיי זאָלן אויפֿלעבן אַפֿילו מיט דער פֿאַרבעסערונג פֿון דער אַלגעמיינער לאַגע. דער קריזיס וואָס האָט בכלל געטראָפֿן די נאָר וואָס דערמאָנטע צוויי סאָציאַלע גרופּעס שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע האָט ממילא געמוזט טרעפֿן די ייִדישע באַפֿעלקערונג מער ווי אַנדערע גרופּעס באַפֿעלקערונג. אָבער דאָ קומט נאָך צו אַ צאָל אַנדערע סיבות.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז ייִדן האָבן פֿאַרנומען די מיטלסטע לאַגע

צווישן די יענקיס און די אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער מיט אַן איבערוואָג פֿון באַדינגען דער עיקר די לעצטע. פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון בײדע גרופּעס, אָבער דער עיקר פֿון דער לעצטער, איז דעריבער שטאַרק אָפּהענגיק דער גורל פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

פֿון איין זײַט האָט זיך פֿון קריזיס אָן געשאַפֿן אַזאַ מין לאַגע, אַז יענקי־עלעמענטן וועלכע האָבן פֿריִער איבערגעלאָזט פֿאַר ייִדן די שוואַכערע און וויניקער לוינענדיקע פּאָזיציעס אין האַנדל און פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, ווײַל זיי האָבן געהאַט בעסערע שאַנסן אויף העכערע ערטער, זײַנען איצט גע־צוווּנגען זיך צו באַנוגענען מיט ערגער באַצאָלטע פּאָזיציעס. פֿון דער צווייטער זײַט וואַקסט דער קולטורעלער ניוואָ פֿון די נידעריקער שטייענדיקע פֿעלקער; זיי רוקן אַלץ מער אַרויס פֿון זייערע רייען עלעמענטן וואָס פּרע־טענדירן אויף אַ פּלאַץ אין די העכערע באַשעפֿטיקונגען — אין האַנדל און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס.

ס'באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז ייִדן ווערן ווי געשטופּט פֿון צוויי זײַטן: פֿון די יענקיס וועלכע מוזן בלײַבן אין די מיטלסטע גאָרנס, ווײַל דאָס אַרויפֿקומען צו די העכערע גאָרנס איז געוואָרן שווער; פֿון די סלאַ־ווישע און אַנדערע אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער וועלכע שטראָמען פֿון די גאָר נידעריקע גאָרנס צו די מיטעלע.

געוויס איז אין אַמעריקע ניטאָ אַזאַ פֿאַרטיילונג לויט פֿעלקער, אַז מען זאָל אָננעמען, אַז אַ פּוילישער קראַנקער וועט גיין נאָר צו אַ פּוילישן דאָקטאָר אָדער אַן אוקראַיִנער וועט גיין נאָר צו אַן אוקראַיִנישן אַדוואָקאַט. ס'איז אָבער בלתּי ספֿק, אַז די ערשטע פּוילישע, ליטווישע, רוסישע, אוקראַיִנישע און אַנדערע אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, דענטיסטן און אַנדערע האָבן זייערע פּאַציענטן און קליענטן אין זייערע נאַציאָנאַלע סבֿיבֿות. און עפּנט אַ פּאָליאַק אָדער אַן איטאַליענער אַ קראָם, עפֿנט ער זי פֿריִער פֿון אַלץ אין דעם קוואַרטאַל, ווו ס'איז פֿאַראַן אַ מערהייט פֿון זײַן סבֿיבֿה. דאָס זעלבע טוען אַנדערע פֿעלקער און אויך נעגער. די אַסימילאַציע וועט נאָך אַ פּאָר דורות אפֿשר אַזוי איבערמישן און איבערטאַשן אַלע פֿעלקער, אַז מען וועט ניט וויסן מער, ווער ס'איז אַרײַנגעקומען אין שמעלצטאָפּ. אָבער ביז דאַנען איז נאָך דוכט זיך ווײַט.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט מיט איר חוש דערפֿילט, אַז דאָס זיצן אין דער מיט טראָגט אין זיך גרויסע סכּנות, און דערמיט דערקלערט זיך דער גרויסער אומרו וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום, ניט געקוקט אויף דער פֿולער פֿרײַהייט וועלכע ייִדן געניסן אין דעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד.

וועגן שׂינאה צו ייִדן בײַ ייִדן

פֿון אַ. גאָלאָמב

אין דער העברעיִשער פּרעסע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק דורכגעגאַנגען זייער אַ כאַראַקטעריסטישע פּאָלעמיק וואָס האָט אַ ווערט אָן שום ספֿק ניט בלויז פֿאַר די לייענערס פֿון העברעיִש.

דער באַוווּסטער שרײַבער יחזקאל קויפֿמאַן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין צײַט־שריפֿט פֿון העברעיִשן ליטעראַטן־פֿאַרבאַנד אין ארץ־ישׂראל „מאזנים" אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „חורבן הנפֿש".[1] דאָרט באַווײַזט ער, אַז דער ייִדישער געדאַנק איז אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסעמיטישער אָפּשאַצונג פֿון ייִדן און פֿון ייִדישן לעבן. אין תּוך אַרײַן איז אַנטיסעמיטיזם דער טעאָ־רעטישער יסוד פֿון שׂינאת־ישׂראל. אָבער ווײַל דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אידעע, אָדער אַ לערע, קען ער זיך אָפּטיילן פֿון דער שׂינאה און עקסיסטירן פֿאַר זיך. פֿאַראַן ניט־ייִדן וואָס זײַנען אַנטיסעמיטן נאָך זייערע איבערצײַ־גונגען נאָך, און אין האַרצן בײַ זיי זאָל ניט זײַן קיין שׂינאה צו די ייִדן, מיט וועלכע זיי האָבן אַ מגע־ומשׂא. און בײַ ייִדן קען זיך אָט דער אַנטי־סעמיטיזם אין געדאַנק גוט צונויפֿלעבן מיט ייִדן־ליבע, מיט געטרײַקייט צום פֿאָלק. „אַנטיסעמיטיזם מאַהבֿה" רופֿט קויפֿמאַן עס אָן. די „אַנטיסעמיטן אויס ליבע" חזרן איבער אַלע בילבולים אויף ייִדן וואָס עס פֿאַרשפּרייטן די „אַנטיסעמיטן אויס שׂינאה". ייִדישע פּרנסות זײַנען „נאַרערײַ און פּראָצענט" (יהודה־לייב גאָרדאָן)[2], ייִדישער שטייגער לעבן איז מיאוס, די בגדים פּאַס־קודנע (סמאָלענסקי)[3], זייער לשון — קוידריש.[4] אַזוי ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער וואָלטן אַלע געלעבט פֿון יגיע כפּים און ס'וואָלטן ניט געווען בײַ זיי גאַנצע קלאַסן לײדיק־גייערס.

אָנגעשטעקט, זאָגט קויפֿמאַן, האָבן זיך ייִדן מיט דעם אַנטיסעמיטיזם פֿון די ניט־ייִדישע אַנטיסעמיטן נאָך אין די צײַטן פֿון השׂכּלה, אָבער ער פֿאַרסמט די וואָרצלען פֿון אונדזער נשמה ביז הײַנט. אַפֿילו אַזוינע וואָס האַלטן זיך פֿאַר נאַציאָנאַלע ייִדן זײַנען דורכגעדרונגען מיט דער שׂינאת־ישׂראל. מען מיינט, אַז זי העלפֿט, אַז זי שטאַרקט דעם דראַנג זיך צו באַפֿרײַען פֿון „גלות", אַז זי שאַפֿט אַ שׂינאה צום גלות. „בײַ אונדז, שרײַבט קויפֿמאַן ווײַטער,

[1] „מאזנים", העפֿט ד, טבת תּרצ"ד, זז' 6־18. שפּעטער איבערגעדרוקט אין דער זאַמ־לונג „בחבלי הזמן", פֿאַרלאַג דבֿיר, תּל־אָבֿיבֿ, תּרצ"ו, זז' 257־274.

[2] „עקבה ונשך", אין „דרך בית עמי".

[3] „בגדים צואים". [4] שפֿה בלולה".

קען אַ יונגער־מאַן לאָזן וויסן עפֿנטלעך פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון נאַציאָנאַלער יוגנט, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט... און דער עולם הערט און שווײַגט. בײַ אונדז קען אַ יונגער רעדנער אין בײַזײַן פֿון לערערס, עלטערן און תּלמידים זאָגן אָן שום פּאַטאָס און כּלאַחר־יד איז אַ פֿײַערלעכער רעדע לכּבֿוד אַ נאַציאָנאַלן העלד: „דאָס פֿאַרפֿוילטע יידישע פֿאָלק... זײַנע ניבֿזהדיקע פּרנסות", — און דער עולם, יונגע און אַלטע, הערט און רעאַגירט ניט."[5]

„אויב איר וועט עפֿענען די העפֿטן פֿון די תּלמידים אין די העברעיִשע שולן, קענט איר לייענען אַזוינע ווערטער: יידן אין גלות לעבן „אַן אומגע־זונט לעבן, אַ לעבן פֿון מדינה־גייערס, אַ שמוציק לעבן פֿון דרויסן און צײַטנ־ווײַז אויך פֿון אינעווייניק . . . די מאָראַל איז מיט אַ פּגם . . . אַ געזונט לעבן לעבן די גויים וואָס אַרום זיי." אָדער: יידן אין גלות האָבן ליב „קרעמערײַ, באַנקירערײַ און מעקלערײַ", און דעריבער האָבן גויים זיי פֿײַנט; „דאָס וואָס ס'איז ניטאָ קיין יידישע פּויערים און קיין יידישע אַרבעטערס האָט געבראַכט דערצו, אַז יידן האָבן געלעבט אַן אומנאַטירלעך לעבן און אַרויס־גערופֿן שׂינאה צו זיך." פּונקט ווי אַ קאָפּיע פֿון אַ דײַטש־„ראַסנדיקן" לערנ־בוך! און ווען איר וועט פֿרעגן, פֿון וואַנען נעמט זיך צו זיי דאָס אַלץ, וועלן זיי אײַך ענטפֿערן: מיר לייענען דאָס אַלע טאָג אין דער העברעיִשער לי־טעראַטור."[6]

און ער ברענגט אַ בינטל ציטאַטן:

פֿרישמאַן: דאָס לעבן פֿון יידן איז אַ „הינטיש לעבן" וואָס רופֿט אַרויס עקל (פֿרישמאַן זאָגט אַרויס די דאָזיקע ווערטער כּלאַחר־יד!).

בערדיטשעווסקי: אומנאַציע, אומפֿאָלק, אוממענטש.

ברענער: ציגײַנער, הינט, שמוץ און בלאָטע, פֿאַרשטונקענער זומפּ, אוממענטש, פֿאַרוווּנדעטע הינט וכו'.

א. ד. גאָרדאָן: פּאַראַזיטן, פּסולע מענטשן פֿון לכתּחילה.

פֿון ה' שוואַדראָנס אַרטיקלען די לעצטע צײַט: העלאָטן, קנעכט, שיפֿלות און טומאה, ווערעם, מיסט און שמוץ, מיסטעווקע [רפּשובֿקה], פּאַראַזיטישע אָפּגעריסנקייט, קנעכט און הינט, וכ' וכו'.[7]

אַפֿילו אין דער העברעיִשער אַרבעטער־צײַטונג „דבֿר" איז אין דעם טאָג פֿון דער הסתּדרות געווען אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות און מיט נקודות: „אויפֿלעבונג פֿון פֿאָלק, באַנײַונג פֿון פּאַראַזיטישן פֿאָלק."[8] אויף דער פֿערטער קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתּדרות (שבט תּרצ"ג) האָט אַן אַרבעטער־פֿירער גע־קענט זאָגן פֿון דער טריבונע:

---

[5] „מאזנים" ז' 17.

[6] דאָרט זז' 12־13. [7] דאָרט ז' 9. [8] דאָרט.

„וואָס איז הכשרה ? . . . קודם־כּל אַ גויִישע פּרנסה, צוגרייטן דעם יידישן אַרבעטער צו זײַן אַ גוי . . . טאָן גויִישע אַרבעט . . . פאָרדינען ווי אַ גוי . . . דאָס מיידל פון יידישן שטעטל זאָל לעבן ווי אַ גויה אאַז"וו אאַז"וו".[9]

מיט אַנדערע ווערטער: דער אידעאַל, דער מוסטער, די נאָרמע איז דער גוי. ניט סתּם רעאָרגאַניזאַציע פון יידישן לעבן, נאָר ענלעכער מאַכן עס צו דער גויִישער נאָרמע.

מענטשן מיינען, זאָגט קויפמאַן, אַז מיט דעם גאַנג שטאַרקט מען דעם דראַנג זיך צו באַפרײַען פון גלות. אָבער אין דער אמתן פלאַנצט מען אײַן אַ שינאה ניט צום גלות, נאָר צום פאָלק. „דער אַנטיסעמיטיזם קען דערציִען ניט קיין העלדן, נאָר אומגליקלעכע, דערשלאָגענע מענטשן" — ער ברענגט צו אַ „חורבן פון דער נשמה". דער מחבר באַווײַזט, אַז די אַלע אַנטיסעמיטישע טענות זײַנען ניט דער עיקר פון שינאה, זיי זײַנען בלויז אַ תּולדה פון דער שינאה צו יידן, וואָס זי, די שינאה, איז דער מקור ראשון. מיר זײַנען שלעכט ניט דערפאַר וואָס מיר זײַנען באמת שלעכט; נאָר ווײַל מען האָט אונדז פײַנט, איז אַלץ שלעכט וואָס מיר טוען: גייען מיר ניט אין אַלגעמיינע שולן, זײַנען מיר „מורדי אור" און אָפּגעזונדערט, גייען מיר יאָ, איז ווילן מיר זײַן צו פיל געבילדעט אאַז"וו א"וו.

בעצם איז אין קויפמאַנס גאַנג קיין נײַס ניטאָ. די אַלע געדאַנקען קעגן דער השׂכּלה האָט נאָך אַ מאָל קלאָר און שאַרף אַרומגערעדט מענדעלעס „קליאַטשע". אויך פעלט אין דער אַרבעט אַן אַנאַליז, פון וואָסערע מקורים זיִס שטאַמט דער „אַנטיסעמיטיזם אויס ליבע" און ווי אַזוי ער אַנטוויקלט זיך.

אין זײַן איצטיקער פאָרם האָט דאָס אַרטיקל אויך אַרויסגערופן אַ פּאָ־לעמיק. צו ערשט איז אַרויס אין „דבֿר"[10] ש. יבֿנאלי, אַן אַלטער אַנגעזעענער טוער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, מיט אַן אַרטיקל, וווּ ער באַמיט זיך צו דערווײַזן, אַז די טענות פון די נאַציאָנאַליסטישע שׂונאי־ישׂראל זײַנען באַרעכטיקט און יידן זײַנען טאַקע אַן „אָראָבאָנכע", אַ פּאַראַזיט־געוויקס אַזאַ. דער דאָזיקער פאַרגלײַך האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום באַמערקונג פון דער רעדאַקציע, ניט קיין בריוו אין רעדאַקציע פון עפּעס אַ לייענער. — פאַרקערט האָט זיך יחזקאל קויפמאַן געפונען שטאַרק אָטאַ־קירט (איבער הויפּט דורך דעם וואָס זײַן קעגענער האָט זיך געפלײַסט אַרײַנ־צונעמען אויך ביאַליקן אין דער צאָל „אַנטיסעמיטן"), און ער איז אַרויס מיט „אויפקלערונגען" און „הוספות"[11] וואָס האָבן אָבער דאָך זיך ניט דערגראָבן צו די הויפּטוואָרצלען פון דער דערשײַנונג. שפּעטער, אין יאָר 1935, האָט

[9] דאָרט ז' 13.

[10] ש. יבנאלי, „אהבת ישראל ושנאת ישראל" אין „דבֿר", VI/14 און 1934/VI/18.

[11] „בחבלי הזמן", ז' 275־306.

קויפֿמאַנען געענטפֿערט מיט אַ גרויסן אַרטיקל אין נאָמען פֿון ציוניסטישן „אַנטיסעמיטיזם“ אַ. שרון [=שוואַדראָן].[12]

לאָמיר זיך גענויער אָפּשטעלן אויף די געדאַנקען פֿון קויפֿמאַנס ביידע אָפּאָנענטן.

קודם „אָראַבאַנכע“. אָט דאָס פּאַראַזיטיש געוויקסל איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין די גערטנער פֿון ארץ־ישׂראל און מען רופֿט עס „עלקת“. פֿרעגט זיך אין פֿלוג, ווי אַזוי קומט עס, אַז אַזאַ אַלט־געזעסענער איינוווינער פֿון ארץ־ישׂראל זאָל ניט באַנוצן דעם פּשוטן העברעיִשן נאָמען „עלקת“, נאָר דווקא דעם לאַטייניִשן „אָראַבאַנכע“. וואָס ניט קיין באָטאַניקער מעג עס דאָך לגמרי ניט וויסן? — איך גלייב צו זײַן ניט ווײַט פֿון אמת, ווען איך וועל זאָגן, אַז בײַ דעם דאָזיקן „אָראָבאַנכע“־טעאָרעטיקער אין מוח זײַנען די צוויי ווערטער ניט פֿאַרבונדן. פֿאַר דעם פּשוטן געוויקסל אין גאָרטן איז ערשט אין ארץ־ישׂראל צוגעטראַכט געוואָרן דאָס וואָרט „עלקת“ וואָס האָט קיין אַסאָציאַציע ניט מיט ייִדן און מיט נאַציאָנאַלע געדאַנקען בכלל. די „אָראָבאַנכע“ שטאַמט זיכער נאָך פֿון רוסלאַנד, פֿון די עקסטערן־יאָרן, ווען מען האָט פֿלײַסיק שטודירט די רוסישע פּאָזיטיוויסטישע און נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע פּובליציסטן, ווי פּיסאַרעוו וכדומה. פֿון דאָרטן האָט מען זיך באַקענט מיטן עצם באַגריף „אָראָבאַנכע“ און מיט זײַן סאָציאַלן אונטערשלאַק, און לויט דער השפּעה פֿון דער משׂכּילישער ליטעראַטור האָבן זיך פֿאַרבונדן י י ד ן — אָ ר אָ ב אַ נ כ ע. די באַגריפֿן־פּאָר איז בײַם מחבר אין מוח זיכער פֿרעמד דער צווייטער פּאָר: עלקת — דאָס געוויקסל מיט בלוילעך ווײַסע בלומען; און אַ דרײַ צענדליקער יאָר אַרבעט אין ארץ־ישׂראל האָבן ניט אויסגעראָטן דעם פֿריִערדיקן פֿאַרגלײַך. מיר וועלן נאָך זען, וואָס דאָס באַטײַט.

קויפֿמאַנס צווייטער אָפּאָנענט, א. שרון, איז אַ סך אָנגרײַפֿיקער. ער איז קאָנסעקווענט און רעדט קלאָרע דיבורים: „אויב די השׂכּלה איז אַנטיסעמיטיש, טאָ זאָל זי זײַן געבענטשט ווי די מוטער פֿון ציוניזם.“[13] ווײַטער, זאָגט ער, אַז „פֿאַרשטיין דעם אַנטיסעמיטיזם (הבֿנה האנטישמיות) איז איינער פֿון די צוויי יסודות פֿון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.“[14]

א. שרון פֿלײַסט זיך צו באַגרינדן זײַן קוק מיט „אָביעקטיווע“ צאָלן. אַ סך צאָלן, אָרנטלעך צונויפֿגעקליבן וועגן ייִדן אין דער גאָרער וועלט. אָט זעט: אומעטום זײַנען ייִדן פֿאַרטראָטן מער אין ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס און אין האַנדל. איז פֿון דעם געדרונגען, אַז ייִדן זוכן אַ גרינג לעבן. אַ קריטעריום ברענגט ער: ציִען חיונה פֿון דער נאַטור איז כּשר, פֿון מענטשן

---

[12] „מאזנים“, תּרצ״ז, ה(כ״ט) זז' 509־496 און ו(ל) זז' 634־621.

[13] דאָרט ה(כ״ט) ז' 497: „אם נכון הדבר שהזעזוע בחיי נפשה של אומתנו, ששמו השׂכּלה, גדוש השפעת האנטישמיות הגוית, הרי מאת אלוהי ישראל יצאה אנטישמיות זו, מכיון שההשכלה היא שפתחה את השער ל ת נ ו ע ת ה ת ח י ה.“

[14] דאָרט ז' 498.

אָבער — איז טרייף, פּאַראַזיטיש. ס׳קומט אויס, אַז פּאַראַזיטן זײַנען לערערס, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער אאַז״וו.

וויל איך דאָ פֿרעגן, מיט וואָס איז דאָ קרעמערײַ, האַנדל, וועגעלעך פֿירן, טענדלען, פּעדלען, ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס, — מיט וואָס איז דאָס ערגער ווי צו זײַן אַ באַאַמטער בײַ מלוכה, בײַ שטעט, אין אַנשטאַלטן, אין מיליטער. פֿאַרקויפֿן בייגל אין וואַרשע אויף די גאַסן מיט סכּנות — דאָס איז פּאַראַזיטיש; עסן רויִק אָט דעם בייגל וואָס איז פֿאַרקנאָטן און געבאַקן פֿון אַ מענטשן וואָס איז זיך מוסר נפֿש פֿאַר אַ שטיקל „לחם לאכל״, דאָס איז ניט זײַן אַ פּאַראַזיט?

מען קען מיינען, אַז אַמעריקאַנער אַרבעטסלאָזע לויפֿן צו דער ערד אין די מערבֿ־שטאַטן, כּדי צו לעבן פֿון דער ערד און ניט צו זײַן אַרבעטסלאָז (און ווי פֿיל יאָרהונדערטער זײַנען זיי בסך־הכּל אָפּגעריסן פֿון דער ערד?). ענגלענדער אַרבעטסלאָזע לויפֿן דאָך כּידוע אין די יידיקע דאָמיניאָנס אויף שווערער אַרבעט. מערניט יידן קענען זיך ניט צוגעוווינען צו שווערער אַרבעט. הייסט דאָן דאָס, אַז דער דורכשניט־ייִד לעבט אַ גרינג לעבן („חיי קלות״), און דער שרײַבער סמאַקעוועט דעם אָראַבאַנכע־משל. און לתּפֿארת־המליצה מאַכט ער אַ באַטאַנישן פֿעלער און זעצט אַוועק די אָראַבאַנכע אויף די צווײַגן און פֿירט אויס מיט אַ מין נצחון: „ווי אַזוי דען רופֿט מען אַזאַ געוויקס, אויב ניט פּאַראַזיט?״[15]

זאָל א. שרון וואָס האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן „אַנטיסעמיטישער ציוניסט״ זיך באַר קאָנטראָלירן: צי האָבן אים אָט די אָנגעגעבענע „שוידער־לעכע״ צאָלן געמאַכט פֿאַר אַ שונא־ישראל, אָדער ער האָט זיך געלאָזט זוכן די צאָלן, ווײַל זײַן קוק איז שוין געווען אײַנגעשטעלט פֿון פֿריִער? אויב אַזוי, זײַנען דאָך די צאָלן איבעריק אין גאַנצן.

דערציילט דאָך ה׳ שרון, אַז אַן „אַנטיסעמיט״ איז ער נאָך געוואָרן בערך בעתן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען די אַלע „אָביעקטיווע״ צאָלן פֿון שינאת־ישׂראל זײַנען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט. עפּעס האָט אים אַ וואָרט פֿון אַ יידישן פֿורמאַן דעמאָלט „געלייגט דעם פֿונדאַמענט צו זײַן שינאת־ישׂראל אויף זײַן גאַנצן לעבן״.[16] אַ טשיקאַוועס איז נאָר, וואָס אַזוי פֿיל גויים־פֿורמאַנעס וואָס זײַנען ניט שענער פֿון יידישן ווי מיטן „קול יעקבֿ״ אַזוי אויך מיט די „ידי עשׂו״ — אַזוי פֿיל גויים־פֿורמאַנעס האָבן אים ניט געקענט מאַכן פֿאַר אַ „שׂונא־גוי״ ווי איין יידישער פֿורמאַן פֿאַר אַ שׂונא־ישׂראל אויף אַ גאַנצן לעבן.

נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. א. שרון ברענגט נאָך פֿאַקטן: פֿעלקער זײַנען זיך מקריבֿ פֿאַר זייער גאולה. אָרנטלעך אויסגעזוכט סטאַטיסטיקעס: מיליאָנען טויטע, אינוואַלידן, אלמנות, יתומים — אַלץ פֿאַר פֿאָטערלאַנד. יידן פֿאַרן

[15] דאָרט ז׳ 507. [16] דאָרט זז׳ 505־506.

ציוניזם — מ׳שטיינס געזאָגט! די מיליאָנען דערהרגעטע זײַנען דאָך ניט געפֿירט געוואָרן מיט צוואַנג („אַכט פֿערד — פֿערציק מענטשן״) צו דער שחיטה. דאָס זײַנען מענטשן אַליין געגאַנגען, אַלץ פֿאַרן פֿאָטערלאַנד, נאָר צוליב דעם פֿאָטערלאַנד. בלויז ייִדן גייען ניט פֿרײַוויליק. זיי ווייסן נאָר פֿון דעם „סיר הבשׂר״; פֿון נעראָן־קיסר ביז היטלער־פֿירער האָבן דאָס ייִדן בלויז מיטן „סיר הבשׂר״ דורכגעטראָגן זיך ביז הײַנט. בײַ ייִדן האָבן דאָס מסתמא די גבאים פֿון שנײַדערשן בית־מדרש געטריבן מיט גוואַלד אויף מסירת־נפֿש, ייִדן זאָלן גיין אין פֿײַער, אין גירושים, זיך לאָזן אויסקוילען על קידוש־השם פֿאַר דעם וואָס ס׳איז בײַם פֿאָלק געווען וויכטיק און נייטיק. אמת, א. שרון האָלט ניט פֿון יענער ייִדישקייט, אָבער דורות ייִדן האָבן יאָ געהאַלטן.

און צום סוף ברענגט א. שרון נאָך צאָלן. אין משך פֿון צען יאָר צײַט האָט מען פֿון ייִדן גענומען אַזוי און אַזוי פֿיל שטײַערן, און וויפֿל האָבן באַטראָפֿן די פֿרײַע בײַשטײַערונגען פֿאַרן קרן־היסוד? אין פֿופֿצן יאָר סך־הכּל אַכט מיליאָן נײַן הונדערט טויזנט פֿונט. נאָר לאָמיר ברענגען עפּעס פֿון זײַנע אייגענע ווערטער:

„איך האָב געפּרוּווט אויפֿקלערן, וויפֿל סך־הכּל און וויפֿל פֿון קאָפּ האָבן ייִדן אײַנגעצאָלט אין צען וויכטיקע לענדער פֿון פֿאַרשיידענע טיפּן (פֿאַר־אייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, פֿראַנק־רײַך, שווייץ, פּוילן, דרום־אַפֿריקע) אין די אויסלייזפֿאָנדן, און וויפֿל אין סך־הכּל און פֿון קאָפּ זיי האָבן באַצאָלט אין יענע יאָרן אין די מלוכה־קאַסעס פֿון יענע לענדער . . . איך האָב צוגעגלײַכט די רעזולטאַטן, איז מיר ממש געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן. די ייִדן פֿון די דערמאָנטע צען לענדער האָבן סך־הכּל אַרײַנגעבראַכט יענע פֿאָנדן אונדזערע אין דעם צענדליגג יאָר דרײַ מיליאָן פֿיר הונדערט און זיבעציק טויזנט ענגלישע פֿונט. און די זעלביקע ייִדן האָבן אין די יאָרן באַצאָלט זייערע מלוכות שטײַערן אין סכום פֿון אַ מיליאַרד און הונדערט נײַנציק מיליאָן פֿונט אַן ערך, כּפֿי דער סטאַטיסטישער שאַצונג. די ייִדן פֿון ניו־יאָרק סיטי אַליין האָבן אין משך פֿון די דערמאָנטע יאָרן באַצאָלט פֿינף הונדערט און דרײַסיק מיליאָן פֿונט שטײַערן (ווי גערעכט איז, הייסט עס, ד״ר ווייצמאַן, ווען ער איז מכריז, אַז ייִדן פֿון ניו־יאָרק אַליין וואָלטן גרינג געקענט אויפֿבויען גאַנץ ארץ־ישׂראל אין משך פֿון קורצע וואָכן, און ד״ר סטיפֿן ווײַז האָט עדות געזאָגט, אַז ביז איצטער האָבן אַמעריקאַנער ייִדן ניט געגעבן צושטײַער אַפֿילו קיין האַלבן פּראָ־צענט פֿון זייערע הכנסות — פֿון זייער פֿאַרמעגן איז אָפּ־גערעדט — פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון אויפֿבויען אונדזער געבוירן־לאַנד). ייִדן אין פּוילן האָבן אין יענע צען יאָר געגעבן צושטײַער הונדערט צוויי און אַכציק טויזנט פֿונט; שטײַערן: בײַ פֿיר און פֿופֿציק מיליאָן

פּונט. אויף אַ יאָר פֿון קאָפּ האָבן ייִדן אין דײַטשלאַנד געגעבן צושטײַער אין יענער צײַט פּ ע ר ט ה אַ ל ב ן פּ י אַ ס ט ע ר פֿאַרן קרן־היסוד, ייִדן אין ענגלאַנד בײַ זעקס פּיאַסטער; און אין שטײַערן: ייִדן אין דײַטשלאַנד בײַ צ ע ן פּ ו נ ט, ייִדן אין ענגלאַנד בײַ ז ע ק ס און צ װ אַ נ צ י ק פּ ו נ ט אין דורכשניט אין יאָר.״ [17]

אַזוי גייט דאָס ווײַטער, און א. שרון פֿירט אויס: „צי פֿאָדערט זיך נאָך מער מאַטעריאַל, כּדי צו באַגרינדן און צו באַקרעפֿטיקן אונדזער אַנטיסע־מיטיזם, די ציוניסטישע שינאת־ישׂראל?״ [18]

*

י. קויפֿמאַן האָט אָנגערירט די פּראָבלעם, אָבער ער האָט זיך ניט געגעבן פֿאַרטיפֿט אין איר.

צי איז באמת אָט דער אויטאָ־אַנטיסעמיטיזם בלויז אַן אָנגעשטעקטע זאַך — אַ שלעכטע פּראָזעאָלאָגיע וואָס גוטע ייִדן האָבן זיך אָפּגעלערנט פֿון אמתע אַנטיסעמיטן? צי וואָלט עס זיך געקענט אַזוי לאַנג האַלטן אין משך פֿון דורות, אויב עס וואָלט געווען סתּם אַן אָפּגעלערנטע, איבערגענומענע, אויסווייניקסטע מאָדע? ווו איז די ראָיה, אַז אָט די פּראָזעאָלאָגיע בײַ די „אַנטיסעמיטן אויס ליבע״ וואַקסט טאַקע פֿון ליבע? אפֿשר איז דאָ אויך דער מקור ראשון די שׂינאה, און זי האָט דאָס געפֿירט צו דער אַנטיסעמיטישער פּראָזעאָלאָגיע? אפֿשר איז זי, די שׂינאה, טאַקע אויך אַ מקור פֿון אַ סך דער־שײַנונגען אין דער פּראָגראַם פֿון דער נאַציאָנאַלער אַקטיווקייט?

נעמען מיר למשל ברענערן און אַנדערע ייִדישע „אַנטיסעמיטן״ פֿון זײַן דור. זיי האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער ייִדישער טראַדיציע און אויף דעם רוסישן ליבעראַליזם און סאָציאַליזם. פֿון די קרײַזן האָבן זיי זיך מיט אַנטיסעמיטיזם ניט געקענט אָנשטעקן. מיט די רוסישע אַנטיסעמיטישע קרײַזן און מיט זייער ליטעראַטור זײַנען זיי אין באַרירונג ניט געקומען לגמרי. איז אויב יחזקאל קויפֿמאַן געפֿינט בײַ זיי „אַנטיסעמיטיזם״, האָט עס דאָך געמוזט שטאַמען פֿון זיי גופֿא. פֿון וואַנען איז א. שרונס אידעאָלאָגיע? ניט שוין זשע בלויז איבערגענומען פֿון די דײַטשישע אַנטיסעמיטישע שרײַבערס? ניין, ניט ער ציטירט זיי, ניט ער דערמאָנט זייערע נעמען.[19]

אַגבֿ, קויפֿמאַן האָט צונויפֿגענומען אין זײַן אַרבעט „פּערל״ בלויז פֿון דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור. אָבער ניט ווייניקער קען מען דאָס געפֿינען אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון מענדעלסאָנס תּלמידים אָן, בײַ

[17] דאָרט ו(ל), זז׳ 624־625.

[18] דאָרט ז׳ 626: „הזקוקה האנטישמיות שלנו, שנאת־ישראל הציונית, לחומר נוסף לשם ביסוסה והגברתה?״

[19] מיט איין אויסנאַם: גייט אַרויס אַ מאָל, זאָגט ער, קלײַבן פֿאַרן קרן־היסוד און גיט אַ קוק, ווי אַזוי אַ סך חשובֿע ציוניסטן דרייען זיך אַרויס פֿון געבן עפּעס, „חי האלהים אם לא במשך שעתים והנה נפש יוליוס שטרייכר נפשך״ (דאָרט, ז׳ 509).

אַ וואָלפּזאָן־האַלע, אַ יוסף פּערל, אַ מיכל גאָרדאָן, און בײַ װעמען ניט? און בײַ די וואָס האָבן געשריבן רוסיש! צי קען מען געפינען מער גאַל און שינאה ווי אין די „זאַפּיסקי יעווריעיאַ“ פון דעם שפּעטערדיקן משומד באָגראָוו, אָדער אַפילו אין די שריפטן פון דעם שפּעטערדיקן חובבֿ־ציון ל. אָ. לעוואַנדע? דאָס זאָל אַלץ זײַן בלויז איבערגעגנומען?

נאָך אַ פאַקט. אין 1940־1941, אין סאַמע צײַט פון חורבן און אומקום, איז אין דער ניו־יאָרקער יידישער פּרעסע געגאַנגען אַ פּאָלעמיק וועגן דעם שפּאָגל נײַעם ענין: צי זײַנען יידן אַ פאָלק פון פּאַראַזיטן אָדער ניט? אַ נײַע זעלבשטענדיקע פּאָלעמיק, ניט „אָנגעשטעקט זיך“ פון יענער העברעיִשער פון פאַר פינף יאָרן. און עס איז אויך פאַראַן אַן אונטערשייד אין דעם אופן רעפערירן. דאָרטן בײַ די העברעיִשע ציוניסטן איז עס געשריבן מיט ברען, מיט וויטיקדיקן האַס און צאָרן, אין ניו־יאָרק האָט מען זיך דורכגערעדט קאַלט, רויִק, לאָגיש, שוועררוואָגיק, מיט ציטאַטן פון באַרימטע סאָציאָלאָגן.

איז מען דאָך באַרעכטיקט צו דרינגען, אַז די שינאה צו יידן איז היפש טיף אין די נשמות פון יידישע רענעסאַנס־ און קולטור־שעפערס. אָט האָב איך פריִער געפרוווט אויף דעם בײַשפּיל פון „אַראַבאַנכע“־משל באַווײַזן, אַז ער קען קומען פון די רוסישע פּאָזיטיוויסטן, נאָר זײַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער האָט ער דווקא באַקומען שוין אין די יידישע קרײַזן, אין יידישן געדאַנק. אָט ווידער האָט א. שרון געכאַפּט פאַר דער האַנט דעם באַקעמפער פון „אַנטיסעמיטיזם“ יחזקאל קויפמאַן גופא, אַז אויך ער איז געווען אַנטי־סעמיטיש און זײַן געדאַנק, בשעת ער באַמיט זיך ניט באַוווּסטזיניק אָט דעם „אַנטיסעמיטישן“ געדאַנק אויסצוּוואָרצלען. קויפמאַן דערציילט אין אַ באַמער־קונג צו זײַנע אַרטיקלען, אַז ביאַליק וואָס האָט געהאַלטן אָט דעם „נאַציאָ־נאַלן אַנטיסעמיטיזם“ פאַר אַ שעדלעכער דערשײַנונג, פלעגט זיך אַליין אַ מאָל כאַפּן בײַ אַן ענלעכן פאַרברעכן פון זוכן אויף יידן עבֿרות.

ווי גרינג עס איז צו באַשולדיקן יידן קען מען זען פון אַזאַ מין בײַשפּיל. שרון ברענגט ציטאַטן פון שרײַבערס פון אַלערליי ריכטונגען, פון יונתן אייבעשיץ ביז יחזקאל קויפמאַנען גופא, וואָס האַלטן פאַר אַ גרויסן חטא פון פאַרצײַטיקע יידן, וואָס זיי האָבן עמיגרירט פון ארץ־ישראל און האָבן ניט געוואָרט, מען זאָל זיי אַרויסטרײַבן. אָבער עמיגרירט האָבן דאָך בפירוש ניט אַלע, אַפילו נאָכן אַרויסטרײַבן זײַנען דאָך געבליבן יידן אין ארץ־ישראל. איז די היסטאָרישע פּראָבלעם דוכט זיך צו זוכן די סיבות, פאַר וואָס יידן פון טייל גלות־לענדער האָבן אײַנגעהאַלטן יידישקייט און אויסגעפורעמט דאָס יידישע פאָלק פון הײַנט און אין אַנדערע לענדער פון גלות און אין ארץ־ישראל האָבן יידן יידישקייט ניט אָנגעהאַלטן. צי קען מען דען באַשולדיקן די יידן פון בבֿל, פאַר וואָס די אַלעקסאַנדריער יידישקייט איז אונטערגע־גאַנגען? צי קען מען דען באַשולדיקן די יידן פון פוילן פאַר דער ירידה פון יידישקייט אין מערבֿ־אייראָפּע? צי זײַנען דען די אַשכּנזישע יידן שולדיק,

וואָס די ספּרדישע יידישקייט איז געפֿאַלן? צי קען מען באַשולדיקן יידן דערפֿאַר? וואָס די קאַראַימער זײַנען כמעט ווי אונטערגעגאַנגען?

צי קען מען באַשולדיקן די עולי־בבֿל, וואָס קומענדיק אין ארץ־ישׂראל האָבן זיי געפֿונען גײַסטיקן חורבן? דאָס יידישע פֿאָלק איז תמיד געווען צעגלידערט, צעטיילט. דאָס יידישע פֿאָלק פֿון איין דור שטאַמט תמיד בלויז פֿון איין באַשטימטער ריכטונג פֿון די פֿריִערדיקע דורות. אַלע איבעריקע ריכטונגען גייען אונטער איידער זיי האָבן אויפֿגעשטעלט אַ נײַע יידישקייט. דער יידישער המשך ווערט כסדר געטראָגן דורך קליינע מיעוטים. קענען די יידישע מיעוטים ניט טראָגן קיין אַחריות פֿאַר די אויסגעיידישטע מערהייטן.

נאָר אַנשטאָט צו גיין צו פֿאַקטן פֿון יידישן לעבן הײַנט און אין עבֿר און פֿון זיי זיך לערנען, קומט מען מיט פֿאָרויסיקע פֿאַרטיקע מיינונגען און מען מישפּט יידן פֿון הײַנט און פֿון אַ מאָל, צי זיי שטימען צו דער פֿ אָ ר מ ל וואָס איז געבראַכט געוואָרן פֿון דער פֿרעמד.

אָט האָט אין „דבֿר" פֿון 16טן אויגוסט 1938 דער פֿאָרזיצער פֿון ועד־לאומי י. בן־צבֿי אָפּגעדרוקט אַ בריוו צו די שומרונים. דאָרטן שרײַבט ער, אַז ער האַלט די שומרונים פֿאַר אמתע יידן לויט זייער אָפּשטאַם, רעליגיע אאַז״וו. אין אַנדערע פּרטים שטייען זיי נאָך בײַ אים ה ע כ ע ר פֿון יידן, ווײַל זיי האָבן זיך ניט אָפּגעריסן פֿון לאַנד און פֿון זייער הייליקן באַרג (גריזים) און זײַנען ניט געגאַנגען אין גלות... אין פֿלוג איז דאָס מאָדנע. דער היסטאָריקער בן־צבֿי ווייס גוט, אַז אויך יידן זײַנען געבליבן אין לאַנד מסתּמא ניט אין קיין קלענערער צאָל ווי די שומרונים. ער קען זיי גאַנץ גוט, אָט די לעצטע אַראַביזירטע „יידן" פֿון דעם דאָרף פּקיעין. איז אפֿשר גאָר אַ סבֿרא, אַז דער שומרונישער יידישער שבֿט איז אָפּגעשטאָרבן דווקא דער־פֿאַר ווײַל ער האָט זיך באַגראָבן אין הייליקן באַרג, בעת דאָס לעבעדיקע און לעבעדיק געבליבענע יידישע פֿאָלק להבֿדיל האָט דעם גײַסט פֿון זײַן באַרג סיני געטראָגן איז זיך און קיין מאָל זיך ניט צוגעקלעפּט צום גוף פֿון באַרג ווי אַ מויערקעפּל צום פֿעלדז?[20]

איך האַלט, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיין געפֿיל בײַם מאָדערנעם ייִדן. ווי אַזוי איז עס אויפֿגעקומען?

יידישקייט איז קיין מאָל ניט געווען קיין גרינג פּעקל. די נאַטור פֿון יעדער באַשעפֿעניש און אויך פֿון מענטשן איז צו זוכן זיך צו באַפֿרײַען, גרינגער מאַכן. דאָס איז דער בראשיתדיקער מקור פֿון דעם פֿון־יידישקייט־דראַנג. כּדי אים אײַנצוצאַמען האָט די טראַדיציע געשאַפֿן אַ מאָראַלישן קעגן־כּוח: דעם „אתּה בחרתּנו"־געפֿיל, דעם „שלא עשׂני גוי" מיט אַלע זײַנע פֿאָרמען. און דער מיטל איז געווען ווירקעוודיק, שטאַרק. בשותּפֿות מיטן

[20] י. בן־צבֿי, אנוסי שכם: „...ועוד מעלה עלינו בזה, שמעולם לא נתקו את קשריהם עם ארץ ישראל ועם הר המקודש עליהם ולא הלכו בגולה, כמו שאר שבטי ישראל, כי אם נשארו בארצנו..."

רבונו־של־עולם איז שוין דעם ייִדן געווען גרינגער צו שלעפּן דאָס ייִדישע פּעקל. איז כּל־זמן גאָט איז ייִדישקייט און ייִדישקייט איז גאָט, איז דעם ייִדן גרינג גובֿר צו זײַן דעם פֿון־ייִדישקייט־דראַנג. איז אָבער גאָט אָפּגע־טיילט פֿון ייִדישקייט, אָדער גאָט איז בכלל אַוועק, דעמאָלט ווערט ייִדישקייט אַ שווערער יאָך ניט צו דערשלעפּן. דערפֿון שטאַמען שוין אַרויס ווי תּולדות אַלע טעאָריעס, אַלע „אַנטיסעמיטישע" קאָנצעפּציעס און אַרויסזאָגונגען. איבער הויפּט ווערן זיי שטאַרק, ווען מען וויל אַנטלויפֿן און עס איז ניטאָ וווּהין. צי איז דער „אַנטיסעמיטיזם" אַ קראַנקייט בלויז פֿון דער אַקטיווער ייִדישער אינטעליגענץ און פֿון שרײַבערס? ניין, די אַנטפּלעקונגען פֿון אָט דער קראַנקייט דאַרף מען זוכן לגמרי ניט בלויז אין דער ליטעראַטור, נייערט אין די טוווּנגען און פּירונגען פֿון אַ סך ברייטערע ייִדישע קרײַזן.

ייִדן האָבן די גרעסטע פֿאָראורטיילן קעגן ייִדן דווקא.[21] אַ סך ייִדן לויפֿן פֿון ייִדישע ראַיאָנען, זוכן דירות ערגעץ צווישן ניט־ייִדן. כאָטש די לעצטע אַנטלויפֿן פֿון זיי. אַנדערע ייִדן לאָזן זייערע קליינע קינדער דווקא צווישן ניט־ייִדן, כאָטש נאָך אין די גאָר פֿריִקע יאָרן לײַדן זיי דאָרטן (מאָראַליש אויב ניט פֿיזיש) לכל־הפּחות פֿאַר דער קרייציקונג פֿון ישו. ניט געקוקט אויף די פּײַניקונגען פֿון די קינדער וועלן אַזוינע עלטערן דאָך ניט וועלן זיי האַלטן צווישן ייִדן. בעסער מיט ניט־ייִדן אין גיהנום איידער מיט ייִדן אין גן־עדן. קינדער פֿון איטלעכן פֿאָלק וועלן מיט אַ פּאָזיטיוון געפֿיל זיך אויספּוצן אין אַלטע נאַציאָנאַלע בגדים. איך האָב אַ מאָל פֿאָרגעלייגט אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן כאָר וואָס האָט געזוכט אַ נאַציאָנאַל־ייִדישע אוניפֿאָרם, מען זאָל נעמען דעם חסידישן טראַכט פֿון פּוילן פֿאַר אַ מוסטער, האָט קיינער ניט געגלייבט, אַז איך קען עס מיינען ערנצט, אַזוי ווילד איז עס אויסגעקומען אין אַלעמענס אויגן...

אַחד־העם איז דאָך געווים אַ שטאָלצער ייִד: ער קען ניט פֿאַרטראָגן די קנעכטישקייט פֿון די „פֿרײַע קנעכט", ער האָט זיך דערוועגט זיך אײַנ־צושטעלן קעגן קולטורעלן נאָכטאָן אַפֿילו ווען דאָס האָט געשטאַמט פֿון הערצלס ראָמאַן גופֿא, האָט ניט מסכּים געווען לכתּחילה צו דער „שלילת־הגלות"־פּעדאַגאָגיק פֿון דער העברעיִשער גימנאַזיע אין יפֿו. אָבער אויך אַחד־העם איז האַלבירט: ייִדישקייט איז גוט, אָבער ייִדן טויגן ניט. ייִדיש פֿאָלק הויך און העכער; ייִדישע פֿ אָ ל ק י ש ק י י ט — נידעריק שבנידעריק.

אין קרײַזן וואָס ריידן אין נאָמען פֿון „ברייטע מאַסן" ווערט מען אויסזוכן, אַז אָט די שטייגערישע ייִדישקייט איז מוקצה מחמת רעליגיעזקייט, און דער צד השווה שבהם, וואָס אַלע ריכטונגען און אַלע באַוועגונגען ציִען זייער יניקה פֿון ערשטן מקור, פֿ ו ן ד ר אַ נ ג צ ו אַ נ ט ל ו י פֿ ן פֿ ו ן י י ִ ד י ש ק י י ט.

---

[21] פּ"גל ל. לעהרער, ייִדישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען. נ"י 1940, ז' 207.

די גראַדאַציע פֿון דעם דראַנג:

א) אָפּגעריסן זיך פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט מיט איר ג ל ו י ב ן אי ן י ייִ ד י ש ק י י ט. די תּולדה פֿון דעם — געפֿאַלנקייט, פֿונצענט־רישער דראַנג אַוועקצוגיין פֿון ייִדישקייט.

ב) באַקאַנט זיך מיט דער לאַנדקולטור, דורכגענומען געוואָרן מיט אַ בענקשאַפֿט צו ניט־ייִדישקייט. תּולדה פֿון דעם — אַ מין מאַזאָכיסטיש פּײַניקן זיך, פֿאַר וואָס מיר זײַנען ניט ענלעך צו דעם „הויכן" פֿאָלק.

ג) מיגלעכקייט אינדיווידועל אַרײַנצודרינגען אין אַן אַנדער, ניט־ייִדישער סבֿיבֿה, פֿאַרגעסן אין גאַנצן און איבער הויפּט פֿאַר די קינדער ניט דערמאָנען די ייִדישקייט. דער שטייגערישער צובונד צו ייִדישקייט איז שוואַך און דער וועג „צו דער פֿרײַ" איז לפֿי־ערך אָפֿן. דעמאָלט זײַנען קיין קאָנפֿליקטן ניטאָ. דער קולטורעלער אַרויסגאַנג פֿון ייִדישקייט גייט דאָ גרינג. דער אַרויסגעגאַנגענער איז גליקלעך, שטאָלץ. אַלץ וואָס פֿריִער איז „געטאָ". אַזוי פֿילט זיך מסתּמא אַ שטעטלשער שנײַדער, וואָס אים איז באַשערט געוואָרן דאָס גרויסע געווינס. די „גאָלדענע" צײַט פֿון דער ליבע־ראַלער עמאַנסיפּאַציע אין אייראָפּע און פֿון דער סאָציאַליסטישער אין רוסלאַנד איז פֿול מיט אַזוינע טיפּן.

ד) דער פֿערזענלעכער צובונד צו דער שטייגערישער ייִדישקייט איז שטאַרקער, ער לאָזט זיך ניט מבֿטל זײַן. דעמאָלט ווערט בײַם מענטשן געבאָרן אַ דראַנג קעגן אָט דער ייִדישקייט וואָס שטערט, וואָס איז אַ מיכשול. אַלערליי טעאָריעס ווערן געשאַפֿן, כּדי צו דערקלערן די נעגאַציע. זיי קענען פֿאַרמאָגן אַלע קאָלירן פֿון אַסימילאַטאָרישע ביז העכסט נאַציאָנאַליסטישע, אָפּהענגיק פֿון די דרויסנדיקע פּאָליטישע באַדינגונגען און פֿון אָנגענומענע מאָדע־אידעאָלאָגיעס אין דער וועלט.

ה) זײַנען פֿאַראַן האָפֿענונגען צו קענען אַסימילירן זיך, צו אַנטלויפֿן פֿון ייִדישקייט, דעמאָלט שאַפֿן זיך באַוועגונגען צו דערגרייכן „ג ל ײַ ך ־ ב אַ ר ע כ ט י ק ו נ ג". פֿון אָנהייב אָן און ביז איצט איז דאָס וואָרט „גלײַכע רעכט" גאַנץ אָפֿט אַ סינאָנים פֿאַרן באַגריף „רעכט זיך צו אַסימילירן".

ו) אויב אָבער ס'איז אוממיגלעך צו אַנטלויפֿן פֿון אונדזער „שפּלדיקן" פֿאָלק צום „דערהויבענעם" (פֿאַגראָמען וכדומה), יעמאָלט שאַפֿן זיך „נאַציאָנאַלע" טעאָריעס וואָס הייסן באַזײַטיקן די שטייגערישע ייִדישקייט: לאָמיר לויפֿן פֿון שפּלדיקן פֿאָלק צו אַ סופּערפֿאָלק, וואָס מיר אַליין וועלן עס שאַפֿן בצלם ובדמות פֿון די וואָס זײַנען פֿאַר אונדז אַ מוסטער.

פֿון דער ייִדישער שפּראַכאַרבעט אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד

פֿון יודל מאַרק

דאָס איז דער דריטער און לעצטער אַרטיקל וועגן די פֿיר זאַמלביכער „אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט" וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פֿון ע. ספּיוואַקן אין די יאָרן 1937־1939 דורך דער לינגוויסטישער סעקציע בײַם „קאַבינעט פֿאַר ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, שפּראַך און פֿאָלקליד" בײַ דער אוקראַאיִנער אַקאַדעמיע פֿון וויסנשאַפֿטן. די ערשטע צוויי אַרטיקלען זײַנען געווען געדרוקט אין „ייִוואָ־בלעטער" ב' XVI, ז"ז 31־44 און ז"ז 150־160. זיי האָבן אַרומגערעדט די אַרבעטן פֿון ע. ספּיוואַקן, כ. לויצקערן, ר. לערנערן און מ. מײַדאַנסקין. — די אותיות א, ב, ג, ד באַצייכענען די העפֿטן 1, 2, 3, 4 פֿון „אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט"; די ציפֿער באַטײַטן די זײַטלעך. — רעדאַקציע.

מ. שאַפּיראָ

אין ערשטן נומער „אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט" האָט מ. שאַפּיראָ אַ קריטיש־געשיכטלעכן אַרטיקל „פּעשקאָווסקיס גראַמאַטישע סיסטעם און דער פֿאָרמאַליזם אין דער ייִדישער גראַמאַטיק" (א, 150־185). די אַרבעט מאַכט אַ גוטן אײַנדרוק מיט דעם וואָס זי איז כמעט אין גאַנצן פֿרײַ פֿון דעם ספּעציפֿישן מין פּאָלעמיזירן וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אויפֿוואַרפֿן רעאַקציאָנערישקייט, אָפּנייגן און ענלעכס. מ. שאַפּיראָ גיט רויִק און זאַכלעך איבער פּעשקאָווסקיס גראַמאַטישע סיסטעם און איר שײַכות צו פֿאָרטונאַטאָוון, צו פּאָטעבניאַען, צו שאַכמאַטאָוון און צו פּעטערסאָנען. שאַפּיראָ ווײַזט אַרויס באַקאַנטשאַפֿט מיט דער לינגוויסטישער ליטעראַטור אויף רוסיש און ער מיט זיך אַרײַנצודרינגען אין די אונטערשיידן צווישן די ענלעכע סיסטעמען. אים שטערט אָבער זייער שטאַרק, וואָס ער איז אַ פּנים ניט באַקאַנט מיט די ווערק פֿון די יונג־גראַמאַטיקער אין דײַטשלאַנד. קען ער דעריבער ניט אײַנזען, פֿון וואַנעט עס האָבן זיך גענומען ס'רובֿ גראַמאַטישע טעאָריעס פֿון פֿאָרטונאַטאָוון און פֿון שאַכמאַטאָוון; און ער איז אַוודאי ניט באַקאַנט מיט דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור, מיט דער אייראָפּעיִשער לינגוויסטיק וואָס האָט אָנגעוויזן אויף די חסרונות פֿון דער יונג־גראַמאַטישער שול. מיט אַ ברייטערן קוק וואָלט זײַן אַנאַליז געוואָרן דורכדרינגיקער און אויך פּשוטער. אויך וואָלט ער יעמאָלט פֿאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פֿון דעם פֿאָרמאַליזם אין גראַמאַטיק.

דער מחבר איז אַ פּנים אײַנגעקרעמפּעוועט אין דעם קרייצצוג קעגן פֿאָרמאַליזם בכלל. ער קען דעריבער ניט אײַנזען, אַז דער פֿאָרמאַליזם אין

דער ליטעראַטור־קריטיק למשל איז גאָר פֿון אַן אַנדער מין און מוז פֿירן צו גאָר אַנדערע רעזולטאַטן ווי דער פֿאָרמאַליזם אין גראַמאַטיק, וואָס זי איז אין תּוך געווען ביזן פֿאָרמאַליזם נאָך מער פֿאָרמאַליסטיש! די גאָרע לאָגיס־טישע גראַמאַטיק איז אין תּוך ביז גאָר פֿאָרמאַליסטיש, נאָר וואָס דען? איר פֿאָרמאַליזם איז אַ דרויסנדיקער, פֿון אַבסטראַקטע לאָגישע קאַטעגאָריעס. איז מען דאָך צוגעוויינט דערצו און מע זאָגט דאָך אָפּט, בעת מען איז געוואָרן דערצויגן אויף דער לאָגיסטישער גראַמאַטיק, אַז למשל דער זאַץ: „צוויי מאָל צוויי איז פֿינף" — איז פֿון גראַמאַטישן שטאַנדפּונקט אַ קאָרעקטער זאַץ. ווי קען מען עס זאָגן? ווײַל מע באַנעמט דאָ גראַמאַטיק פֿאָרמאַליסטיש, ווי עפּעס אַ פּוסטע כּלי. ווען מען רײַסט ניט אָפּ די פֿאָרמען פֿון דעם אינהאַלט, דעם קלאַנג פֿון דעם באַטײַט — יעמאָלט מוז מען גאָר זאָגן, אַז דער אָקערשט געבראַכטער זאַץ ווענן צוויי מאָל צוויי איז אויך גראַמאַטיש ניט קאָרעקט, ווײַל אין דעם צוויי מאָל צוויי שטעקט שוין פֿאַר איטלעכן בר־דעת דאָס ניט זײַן גלײַך צו פֿינף. אָבער אָט די חקירות געהערן שוין צום תּוך פֿון פֿאָרמאַליסטישע מעלות און חסרונות, וואָס מיר קענען זיי לײדער דאָ ניט באַרירן. מיר ווילן נאָר צוגעבן, אַז דער לינגוויסטישער געדאַנק גראָד אין מערבֿ־אייראָפּע האָט גרונטיקער און טיפֿער גובֿר געווען דעם פֿאָרמאַליזם ווי די פּאָלעמיק קעגן אים אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און אַז די מאָדערנע פֿאָנאָלאָגיע וואָס דערגאַנצט, פֿאַרטיפֿט און בויט אויך איבער די פֿריִער־דיקע פֿאָנעטיק פֿון דעם דור יונג־גראַמאַטיקער נעמט צו פֿון פֿאָרמאַליזם זײַן פֿונדאַמענט אין גראַמאַטיק, די אַמאָליקע סיסטעם צו באַטראַכטן קלאַנגען אָפּגעריסן פֿון באַטײַטן. די גוואַלדיקע מאָדע אויף פֿאָרמאַליזם אין רוסלאַנד סוף די צענער און אין דער ערשטער העלפֿט צוואַנציקער יאָרן איז געווען אַ פֿאַרשפּעטיקטע אייראָפּעיִשע מאָדע, אַ מאָדע וואָס קומט אין דער פּראָווינץ אַרײַן ווען אין דער גרויסער שטאָט האָט מען זיך פֿון איר שוין אָפּגעזאָגט. און עס בלײַבט הענגען ווי אַ קינדישקייט און אַ כּשרע נאַיִווקייט די גאָרע באַשולדיקונג, אַז דער פֿאָרמאַליזם איז עפּעס אָרגאַניש געבונדן מיט בורזשואַזקייט.

ווי געזאָגט, פֿלײַסט זיך שאַפּיראָ איבערצוגעבן גאָר געוויסנדיק פּעש־קאָווסקיס שיטה. אָבער ניט אין אַלע פּונקטן פֿאַרשטייט ער אים. למשל בײַם פּונקט וועגן אונטערשייד צווישן אָביעקטיווע און סוביעקטיוו־אָביעקטיווע סינטאַקסישע קאַטעגאָריעס (א, 161). נאָר בכלל גענומען איז ער אַ געטרײַער איבערגעבער פֿון פּעשקאָווסקיס שיטה. ער איז בלויז זייער אומבאַהאָלפֿן און מוז אָנקומען צו סתּם דעקלאַרירונגען, ווען ער פֿאַרנעמט זיך מיט דער קריטיק פֿון פּעשקאָווסקיס סיסטעם.

שאַפּיראָס היפּאָטאָיפּטו באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס ער קלערט אויף, אַז די סיסטעם פֿון די ייִדישע פֿאָרמאַליסטן איז אין תּוך גאָרניט פּעשקאָוו־סקיס, אַז א. זאַרעצקי, ע. ספּיוואַק און פֿאַלקאָוויטש האָבן צײַטנווײַז בלויז

געהערט קלינגען און ניט פֿאַרשטאַנען נאָכצוזינגען. האָבן זיי דעם ניגון ביז גאָר פֿאַראײנפֿאַכט און פֿאַרקינדישט. די בעסטע זײַטלעך פֿון שאַפּיראָס אַרבעט זײַנען יענע, ווו ער קלערט אויף, ווי על־פּי פּעשקאָווסקי וואָלט זיך באַקומען גאָר אַן אַנדער פּראַקטישע גראַמאַטיק איידער בײַ זאַרעצקין (א, 164־168). פּעשקאָווסקין למשל וואָלט ניט געקענט אײַנפֿאַלן צו לערנען, אַז אין דעם זאַץ „דאָס גראָז איז גרין" — איז דאָס וואָרט גרין גאָר אַן אַדווערב. שאַפּיראָ ווײַזט אָן, ווי זאַרעצקיס אָפּלאַכן פֿון „קינדיש־לינקן" פֿאָר־מאַליזם איז פֿאַקטיש געווען אַן אָפּלאַכן פֿון זיך, ווי די דעקלאַראַציעס און די כּוונות האָבן גאָרניט געשטימט מיט די פֿאַקטישע שיטות פֿון די ייִדישע עקסטרעמע פֿאָרמאַליסטן.

אָבער שאַפּיראָ איז ניט דערגאַנגען צום דערקלערן, פֿאַר וואָס בעצם האָט זיך עס באַקומען, אַז דער ייִדישער פֿאָרמאַליזם האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער פּראַקטיק אין אַזעלכע איבערגעטריבענע פֿאָרמען, פֿאַר וואָס קען מען זיך אין פּעשקאָווסקיס גראַמאַטיק אַ סך גרינגער פֿונאַנדערקלײַבן ווי אין זאַרעצקיס, פֿאַר וואָס איז זאַרעצקיס גראַמאַטיק אַזאַ „מאָדנע". די סיבה שטעקט אין דעם כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין פֿאַרגלײַך מיט דער רוסישער. רוסיש האָט אַזוי פֿיל פֿלעקסיעס, דער סינטעטישער שפּראַכבוי איז אַזוי בולט, אַז אַפֿילו דער עקסטרעמסטער פֿאָרמאַליזם קען דאָרט קיין חורבן ניט אָנמאַכן. עס איז שטענדיק פֿאַראַן בײַ וואָס זיך צו האַלטן, אַפֿילו ווען דער אויסגאַנגספּונקט איז קלאַנג, איז פֿאָרעם. אָבער ייִדיש איז אַן אַנדער מין שפּראַך. ווען מע קומט צו צו ייִדיש מיט אַ נאַיִווער פֿאַרשטעלונג וועגן דעם, ווען מע פֿאַרגעסט, אַז גראַמאַטישע פֿאָרעם איז אויך די פֿעיִקייט צו פֿאַרנעמען אַ געוויסע פּאָזיציע אין זאַץ, ווען מע האָט פֿאַר זיך ווי אַ מוסטער אַ פֿאָרמאַליסטישע גראַמאַטיק פֿון ר ו ס י ש — האָט מען ניט קיין באָדן אונטער די פֿיס און מע מוז פֿאַרקריכן אין אַ וואַלד מיט סתּירות און מע מוז האַלטן אין איין איבערניצעווען די אייגענע סיסטעם. ניט דאָס איז די צרה, וואָס מען האָט זיך געלאָזט רחמנא־לצלן פֿאַרפֿירן פֿון „לינקע" אָדער פֿון „רעכטע", נאָר מען האָט ניט גוט צעקײַט די תּורה פֿון אַ רבין (אין דעם פֿאַל פּעשקאָווסקיס תּורה) און מען האָט ניט אײַנגעזען, אַז אַ פֿאָרמאַליסטישע סיסטעם קען מען ניט אַראָפּשרײַבן פֿון דער פֿרעמד, מע דאַרף זי אַליין שאַפֿן: צ ו ג ע פּ אַ ס ט צ ו ם כ אַ ר אַ ק ט ע ר פֿ ו ן ד ע ר א י י ־ ג ע נ ע ר ש פּ ר אַ ך.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס האָט מען דעקלאַרירט. אָבער פֿון דעקלאַ־רירן ביזן דורכפֿירן איז אַזאַ מהלך ווי פֿון אַ ניט־צוגעפּאַסטער סיסטעם ביז אַ צוגעפּאַסטער. האָט זיך באַקומען ווי אַ רעזולטאַט, אַז אין דער צײַט וואָס בײַ די רוסן האָט דער פֿאָרמאַליזם דאָך באַרײַכערט זייער רוסיש־קענטעניש און געווענדט די אויגן פֿון די פֿאָרשערס אויף געביטן וואָס זײַנען פֿריִער ניט געווען אויסגעפֿאָרשט, האָט דער ייִדישער, דער עקסטרעמער

און אויבנאויפֿיקער פֿאָרמאַליזם אַ היפּש ביסל צעטומלט די מוחות און זייער ווינציק געגעבן דער פֿאָרשונג פֿון ייִדיש.

אַ צווייטע גרויסע אַרבעט מ. שאַפּיראָס איז פֿאַראַן אין דריטן נומער: „דער גראַמאַטישער מין אין ייִדיש" (ג, 111־163). די אַרבעט איז ניט קיין פֿאַרענדיקטע, אָבער זי נעמט אַרום די וויכטיקסטע טיילן: דעם טעאָרעטישן צוגאַנג און אַ פּרווו צו רעגלאַמענטירן „די וואָרצלדיקע סובסטאַנטיוון פֿון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג". די אַרבעט פֿאַרדינט, אַז מע זאָל זיך באַריכות־דיקער אָפּשטעלן בײַ איר.

די אַרבעט, דאָס הייסט דער אָפּגעדרוקטער טייל פֿון דער אַרבעט, באַשטייט פֿון צוויי טיילן, אַ טעאָרעטישן און אַ פּראַקטישן. נאָך אונדזער מיינונג נאָך האָט דער ערשטער טייל גאָר אַ קנאַפּע ווערט, אָבער מיט די אָנווײַזונגען אין צווייטן טייל דאַרף מען זיך רעכענען ווי מיט אַ צושטײַער פֿאַר דעם מאַטעריאַל וואָס קען אונדז דינען בײַ דער אַרבעט פֿון אײַנשטעלן דעם גראַמאַטישן מין, הגם מע קען בשום אופֿן ניט אָננעמען מ. שאַפּיראָס רעגלאַמענטירונג ווי זי שטייט און גייט.

שאַפּיראָ נעמט אָן נ. מאַרס טעאָריע וועגן גראַמאַטישן מין. ער באַמערקט אָבער ניט, אַז מאַר אַליין האָט מער ווי איין טעאָריע פֿון גראַמאַטישן מין און אַז מאַר גופֿא פּאָלעמיזירט דאָ מיט מאַרן. וועגן דעם איז שוין אויסגע־קומען צו שרײַבן אַ מאָל („ייִוואָ־בלעטער", באַנד VIII, זז' 212־216), לאָזן מיר עס איצט צו רו. עס איז בלויז וויכטיק דאָ איבערצוגעבן, אַז נ. מאַר האַלט, אַז צווייִמיניקייט איז אַן עלטערע דערשײַנונג איידער דרײַמיניקייט, אַז דרײַמיניקייט איז אַזוי צו זאָגן שפּראַכלעך פּראָגרעסיווער. איז קלאָר, אַז מ. שאַפּיראָ איז פֿאַר דרײַמיניקייט אין דעם ליטעראַרישן ייִדיש, און די טעאָרעטישע ספּעקולאַציעס פֿון מאַרן האָבן אין זײַנע אויגן מער חשיבֿות ווי דער פֿאַקט, אַז די גרויסע מערהייט ייִדן האָבן אין זייער שפּראַך דרײַ מינים. נאָר אַבי דער פּראַקטישער אויספֿיר איז דאָ ניט קיין פֿאַלשער — איז ריידעלע יאַק ריידעלע. אָבער דער מאַריסט אין אים צווינגט אים אָנצו־פּלאָנטערן חקירות וועגן דעם ליטווישן דיאַלעקט, טאַקע אייגענע שאַפֿונגען וואָס עס וואָלט כלעבן געווען אַן עוולה זיי צו פֿאַרשווײַגן.

אַזוי ווי דער מחבר קען ניט אָננעמען, אַז די צווייִמיניקייט פֿון דעם ליטווישן דיאַלעקט איז אַ שפּעטערע דערשײַנונג, אַזוי ווי ער האַלט, אַז אויב עס איז ווען ניט איז געווען אַ מיטלער מין, קען ער בשום אופֿן ניט פֿאַרשווײַגן, מוז ער זאָגן, אַז די צווייִמיניקייט פֿון ליטווישן דיאַלעקט „איז פּונקט אַזוי אַלט ווי זײַן פֿאָנעטיזם" (ג, 118). אַגבֿ זאָגט עס נאָך אַלץ ניט, אַז די צווייִמיניקייט פֿון ליטווישן דיאַלעקט געהערט צו אַן עלטערער גלאָ־טאָגאָנישער סיסטעם, ווי גריכיש, ווי לאַטײַן, ווי אַלטדײַטש — אַזוי אַן ערך וואָלט מאַר געזאָגט! אָבער אויך שאַפּיראָס מיינונג שטעלט אים אין פֿאַר־לעגנהייט. ער מוז קאַטעגאָריש מעלדן: „וואָלט געווען פֿריִער דער דריטער

מין אין ליטוויש־רוסישן ייִדיש, וואָלטן געמוזט בלײַבן שפּורן פֿון אַזאַ מין באַנוץ אין פֿאַרגליווערטע אויסדרוקן, אין שפּראַכלעכע פֿאַרשטיינערונגען, אין דער אידיאָמאַטיק און פּראַזעאָלאָגיע, אין שפּריכווערטער, אין פֿאָלקסלידער אד״גל. אַזעלכע שפּורן זײַנען דוכט זיך ניט געבליבן אינעם דאָזיקן דיאַלעקט״. און צו דעם קומט צו אַ פּעטיט־הערה: „אַ דרײַ־פֿיר ווערטער אָדער אויסדרוקן ווי: ס׳רובֿ, דאָס מענטש, אַנדערש זאָגן גאָרנישט ניט: זיי איז אפֿשר מעגלעך צו דערקלערן אַלס רעזולטאַט פֿון „אַנטלײַונג״ בײַם שכנישן ייִדישן דיאַלעקט״ (ג, 119). מיר האָבן געבראַכט דעם גאַנצן ציטאַט כּדי צו אילוסטרירן, וואָס דאָס הייסט האָבן טעאָריעס. די הערה איז סותר דעם טעקסט, אין טעקסט גופֿא באַוואָרנט מען זיך מיט אַ „דוכט זיך״ און די פֿאַקטן וואָס מע ברענגט אין דער הערה וויל מען מבֿטל זײַן מיט אַן „אפֿשר מעגלעך צו דערקלערן״. חוץ לזה קען מען גרינג ברענגען נאָך פֿאַקטן קעגן דער קאַטעגאָרישער פֿאַרניינונג, אַז עס זײַנען נישטאָ אין ליטווישן דיאַלעקט קיין פֿאַרגליווערטע אויסדרוקן מיטן מיטעלן מין, דהײַנו פֿון דאָס נײַ, די סקינד. דאָס איז אַלץ אַ קלייניקייט לגבי דעם וואָס על־פּי שאַפּיראָ קען מען זיכער ניט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס דער גאַנצער ענין גראַמאַטישער מין איז אַזוי צעוואַקלט אין דעם שפּראַך־חוש פון אַ ליטווישן ייִדן, פֿאַר וואָס אַפֿילו דער זעלביקער ריידער קען אָפֿט ניצן דער און די בײַ די זעלביקע ווערטער און אַפֿילו ניט פֿילן דערבײַ, אַז ער מאַכט עפּעס אַ גרײַז. ווײַל אויב מע נעמט טאַקע אין באַטראַכט די צווײימיניקייט און די מין־צעוואַקלטקייט פֿון דעם ליטווישן דיאַלעקט, מוז מען קלערן וועגן פּאַראַלעלן אין דעניש, אין ענגליש, און טאַקע אין די איצטיקע ראָמאַנישע שפּראַכן, און אַפֿילו אין דרײַמיניקע שפּראַכן, ווו עס איז פֿאַראַן אַ פֿאָלקסטימלעכע נייגונג אַריבערצוגיין צו צוויי מינים בלויז (אַפֿילו אין רוסיש!), הכּלל פֿאַרבינדן עס מיט דער גאָרער סטיכיע פּשוטער צו מאַכן שפּראַכלעכע קאַטעגאָריעס וואָס מען האָט אויפֿגעהערט פֿילן, אַז זיי האָבן אַ זינען. אָבער יעמאָלט וואָלט מען דאָך אויך ניט געדאַרפֿט שטעלן די טיפֿזיניקע שאלה: „ווו זײַנען די ספּעציפֿישע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, סאָציאַל־שטייגערישע צי רעליגיעזע [סאַראַ אפּיקורסות!] באַזונדערקייטן פֿון די ליטוויש־ווײַסרוסישע ייִדן לגבי דעם לעבן פֿון די פּוילישע ייִדן, וואָס זאָלן קאָנען דערקלערן אַזאַ טיפֿן אונטערשייד אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם מין־באַנוץ צווישן אָט די צוויי דיאַלעקטן״? (ג, 118). נו, און דעם אונטערשייד אין דער פֿאָנעטיק קען מען דערקלערן מיט אָט די אַלע סיבות? אַז מע לייקנט אין אַזאַ זאַך ווי ש פּ ר אַ כ ל ע כ ע אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג, אַז מע וויל דווקא דערקלערן די צווײימיניקייט פֿון ליטווישן דיאַלעקט מיט אַ שפּראַכצושטאַנד וואָס איז עלטער פֿון דרײַמיניקייט אין אַ סאַנסקריט אָדער גריכיש — וואָסער גוטס קען פֿון דעם אַרויס?

על פּי שאַפּיראָ איז עס געווען אַזוי: עס זײַנען געקומען קיין ווײַס־רוסלאַנד און ליטע ייִדן פֿון מיזרח, זיי האָבן גערעדט אַ מיזרחדיקע צווײי־מינימדיקע שפּראַך און זיי האָבן די דאָזיקע שפּראַך אויפֿגעהיט, און ווען

זיי האָבן נאָך דעם איבערגענומען ייִדיש, איז זיי שווער געווען „איבערצו־שליסן זיך פֿון צווייִמיניקייט אויף דרײַמיניקייט". אַ גענויע קאָפּיע פֿון דעם וואָס מאַר זאָגט וועגן די קעלטן וואָס האָבן איבערגענומען לאַטײַן.

דאָס איז נאָך ווייניק, נעמט שאַפּיראָ צו הילף אַ. א. הרכּבֿיס מיינונג, אַז ייִדן פֿון מיזרח האָבן דערנאָך אָנגענומען די שפּראַך פֿון דער אַרומיקער סלאַווישער באַפֿעלקערונג (מיט דרײַ מינים!) און איז מוסיף: „נאָר אויב אַזוי, דאַרפֿן מיר אײַנצײַטיק רעכענען, אַז די מיזרח־אימיגראַנטן האָבן געדאַרפֿט אָננעמען די שפּראַך פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג אויך אין ליטע, און ליטוויש איז דאָך ווידער אַ מאָל אַ צווייִמינימדיקע שפּראַך!" (ג, 129). מערקט זיך די צוויי „דאַרפֿן": „דאַרפֿן מיר רעכענען", „האָבן מיר געדאַרפֿט אָננעמען". צו וואָס דאַרף מען אַזאַ טעאָריע?

ווען שאַפּיראָ רעדט וועגן דעם, ווי אין מענלעכן מין איז צונויפֿגעפֿאַלן דער דאַטיוו מיטן אַקוזאַטיוו, וועט ער חס־וחלילה ניט אָנווײַזן אויף דעם, אַז עס איז געווען אַ קנאַפּער קלאַנגלעכער אונטערשייד צווישן דאַטיוו־ און אַקוזאַטיוו־פֿאָרעם פֿון דעם באַשטימטן אַרטיקל אין מענלעכן מין, נאָר ער פֿילאָזאָפֿירט: „...פֿאַלט צונויף דער אַקוזאַטיוו מיטן דאַטיוו פֿאַר סובסטאַנ־טיוון פֿונעם ערשטן מין, ד"ה דווקא פֿון דעם מין וועלכער שטאַמט פֿון אַמאָליקן קלאַס שאַפֿנדיקע און אַקטיווע (לויט די קאָסמישע פֿאָרשטע־לונגען)" (ג, 120).

נאָר גענוג טעאָריע. בײַם רעגלאַמענטירן דעם גראַמאַטישן מין האָט שאַפּיראָ אין זינען „דאָס סאָוועטישע ייִדישע פֿאָלק", אָבער ער שליסט ניט אויס דעם פּוילישן דיאַלעקט, און איינער פֿון די מאָטיוון איז, אַז די גרענעצן פֿון זומער 1939 זײַנען ניט קיין שטענדיקע גרענעצן.

דער יסוד פֿאַר דער אַרבעט בײַם אײַנשטעלן דעם מין זײַנען 222 ענט־פֿערס אויף דער „אַנקעטע וועגן מין פֿון זאַכווערטער". 141 ענטפֿערס זײַנען פֿון אוקראַיִנע, 71 פֿון ליטוויש־ווײַסרוסישן דיאַלעקט און 10 פֿון פּוילישן דיאַלעקט. עס ווערט פֿאַרשוויגן, אַז די אַנקעטע איז נחום שטיפֿס. עס ווערט קיין זאַך ניט געזאָגט, אויף וויפֿל די ענטפֿערס זײַנען פֿאַרלאָזלעכע. און דאָס טרויעריקסטע — עס ווערט ניט געגעבן דער רעזולטאַט פֿון דער אַנקעטע: די ענטפֿערס בלײַבן אַזוי צו זאָגן אין פּריוואַט־באַזיץ פֿון דעם מחבר און ער נוצט זיי נאָר אויס, אויף וויפֿל ער געפֿינט פֿאַר נייטיק זיי אויסצונוצן. ער ווײַזט ניט אָן די אַלע פֿאַלן, ווען ער פּסקנט ניט נאָך דער אַנקעטע נאָך, בלויז פֿון צײַט צו צײַט טוט ער עס. אויב ער וואָלט צוגעצויגן ווי אַ דער־גאַנצונג בלויז מאַטעריאַלן וועגן פּוילישן דיאַלעקט, וואָלט עס געווען פֿאַר־שטענדלעך, ווײַל די אַנקעטע האָט כּמעט ניט באַרירט פּוילן. אָבער ער נעמט צו הילף אויך אוקראַיִנישע ווערק (לינעצקי, מענדעלע, שלום־עליכם און ליפֿשיצעס ווערטערבוך) און ער האָט אין רעזערוו אויך פּערזענלעכע אויס־פֿרעגענישן, וואָס גראָד זיי זײַנען בײַ אים מכריע אין אַ סך פֿאַלן. און אָט

די פּערזענלעכע נאָכפֿרעגן זײַנען אָן אומבאַשטימטער, אומקאָנטראָלירלעכער פֿאַקטאָר וואָס ברענגט דערצו, אַז דעם מחברס מוטערשפּראַך שפּילט פּאַקטיש צו אַ גרויסע ראָלע. חוץ דעם פֿאַרלירט זיך איבער אַזאַ מין סיסטעם אַרבעטן דער צוטרוי צו די רעזולטאַטן פֿון דער אַנקעטע. עס איז אויך ניט קלאָר, פֿאַר וואָס האָט די לינגוויסטישע סעקציע אין קיִעוו ניט אָרגאַניזירט אַ צווייטע, אַ דערגאַנצונג־אַנקעטע וואָס זאָל אַרײַננעמען יענע ווערטער וואָס זײַנען אין שטיפּס אַנקעטע ניט געווען. יעמאָלט וואָלט מען דאָך געקענט בויען דאָס רעגלאַמענטירן דעם מין אויף אַ סך אַ פֿעסטערן יסוד, ווי נאָר דאָס עדות זאָגן פֿון ליטעראַרישע דענקמאָלן און פֿון סתם אויספֿרעגן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר שעדלעך, וואָס דער מחבר האָט צו שטאַרק געהאַט אין זינען געוויסע הנחות און ער שנײַדט אין אַ סך פֿאַלן צו דעם מאַטעריאַל אַזוי, ער זאָל זיך אַרײַנפּאַסן אין די הנחות. אָט איז למשל בײַ שאַפּיראָן פֿאַראַן אַזאַ הנחה: „נעמען פֿון פֿליסיקייטן זײַנען דערהויפּט פֿון ערשטן מין" (ג, 138). קען זײַן, אַז דאָס זאָל זיך אַרויסווײַזן צו זײַן ריכטיק. אָבער די הנחה ווירקט בײַם פּסקענען וועגן מין פֿון וואָרט זופּ. וועגן דעם וואָרט ווערט דערציילט, אַז די אַנקעטע האָט געוויזן: אין אוקראַיִנע דער און די, אין ליטע דער און די, אין פּוילן די. צו דעם איז ער נאָך מוסיף: בירנבוים וויַיזט אָן (אין דעם ווערטערביכל צו זײַן ייִדישער גראַמאַטיק אויף דײַטש, שאַפּיראָ נעמט אין באַטראַכט ש. בירנבוימס אָנווײַזן דער עיקר אויף צו דערגיין דעם גראַמאַטישן מין אין פּוילישן דיאַלעקט) די, ליפֿשיץ אין זײַן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך — די, זלמן רייזען (אין זײַן אַרטיקל וועגן גראַמאַטישן מין, „ייִדישע פֿילאָלאָגיע" 1924) — די. פֿון די אַלע אָנווײַזן דאַרף נאָך דעם ווי דער מחבר האָט אַליין אײַנגעשטעלט די פּרינציפּן צו פּסקענען אַרויסקומען די, ווײַל דאָס איז דער מין פֿון פּוילישן דיאַלעקט און צום טייל דער מין אין אוקראַיִנע און ליטע. דער מחבר האַלט, אַז יעדער דיאַלעקט האָט איין שטים און אַ מערהייט פֿון צוויי איז מכריע. עס איז גראָד אַ ווילער פּרינציפּ, ווען מע קען האָבן די בפֿירושע שטים פֿון אַ גאַנצן אָדער כּמעט גאַנצן דיאַלעקט. אָפֿט אָבער קען זיך טרעפֿן, אַז אַ בפֿירושע קלאָרקייט אין איין דיאַלעקט און וואַקלדיקייט אין די איבעריקע זאָל צווינגען זיך צו רעכענען מיט דעם וואָס עס איז שותּפֿותדיק אין אַלע דיאַלעקטן. אָט נעמט דעם פֿאַל: די זופּ טרעפֿט זיך אין אַלע דיאַלעקטן, דער זופּ טרעפֿט זיך צום טייל אין אוקראַיִנע און ליטע. אויף אַ לאָגישן אופֿן דאַרף מען אײַנשטעלן: די זופּ. אָבער אונדזער רעגלאַמענטירער וויל ניט אַזוי, חקירהט ער זיך, אַז אין אוקראַיִנע און ליטע איז דאָ שטאַרק די ווירקונג פֿון רוסישן וואָרט (און בײַ אים איז דאָס אַ מעלה), אַז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז מער פֿאַרשפּרייט דער זופּ (קיין ראַיה פֿאַר דעם האָט ער ניט געבראַכט) און אַז ליפֿשיצעס די זופּ איז „אפֿשר מעגלעך צו דערקלערן דערמיט, וואָס, ווי מיר איז באַקאַנט, דיפֿערענצירט מען אין אייניקע ערטער פֿון אוקראַיִנע דער סופּ

(מיט פּלייש, פּאַסאַליעס, קאַרטאָפּל אד״גל) און די זופּ (אַ פּיסנע פּליסיק געריכט)״ (ג, 141). אַפילו איצט וואָלט זיך געדאַרפט באַקומען, אַז עס איז טאַקע בנימצא אין ייִדיש אַ וואָרט דער סופּ און עס דאַרף זײַן די זופּ. פאַר וואָס זשע ווערט געפּסקנט אַנדערש? ווײַל דער מחבר האָט אָנגענומען אַ הנחה, אַז פּליסיקייטן דאַרפן געהערן צום מענלעכן מין אָדער אין זײַן דיאַ־לעקט איז אפשר גראַד אַזוי.

עס איז אויסגעקומען בפּרטיות זיך אָפּצושטעלן אויף דעם בײַשפּיל, ערשטנס כּדי צו ווײַזן די סיסטעם פון דער אַרבעט און די מאַטעריאַלן וואָס שאַפּיראָ נעמט אין באַטראַכט, און צווייטנס צו וואָרענען, אַז מע קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם רעזולטאַט, צו וועלכן ער קומט.

נאָך אַ בײַשפּיל. שאַפּיראָ פּסקנט דער ביר. פאַר וואָס? אין דער אַנקעטע האָט ער ניט געהאַט דאָס וואָרט. ער זאָגט אַליין, אַז אין ליטע איז עס די ביר. האָט ער זיך געווענדט צום איקס פון זײַן אַרבעט, צום נאָכפאָרעגן. האָט מען אים געזאָגט: דער ביר. קיין שום מאַטעריאַל וועגן פּוילישן דיאַלעקט האָט ער ניט געהאַט. זאָגט ער: „אין אוקראַיִנישן דיאַלעקט ווערט, זעט אויס, גענוצט דערהויפּט דער ביר, ניט דאָס ביר. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז דאָס ביר ווערט ניט גענוצט אויך אין ליטווי־ווײַסר׳ דיאַלעקט, פאַר דער ביר רעדט אויך די הנחה 3״ (ג, 145). דאָ זעען מיר אַ היפּשע פּאָרציע לײַכטזיניקייט און די שעדלעכע ווירקונג פון לכתחילהדיקע הנחות.

נאָך איין אײנציקן בײַשפּיל. שאַפּיראָ פּסקנט דער טוץ. ער אַליין זאָגט, אַז ער נעמט אָן, אַז אין פּוילן איז דאָס טוץ. דער באַרדיטשעווער ליפשיץ זאָגט אויך דאָס טוץ. אָבער די מינדלעכע נאָכפאָרעגן (בײַ וויפל מענטשן און וויפל ערטער?) האָבן אים געגעבן דער טוץ. איז ער זיך משער, אַז ליפשיץ איז אין דעם פאַל באַווירקט געוואָרן פון דײַטש, ווײַל אין דער אומגאַנגשפּראַך קומט אויס זעלטן ווען צו ניצן דאָס וואָרט מיט אַן אַדיעקטיוו אָדער מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל. און ער גיט נאָך צו: „טוץ איז אין דײַטש אַ ראַמאַניזם, נאָענט צו אַן אינטערנאַציאָנאַליזם... די קאָנסאָנאַנטישע ענדונג מוז דאָ דעריבער ווירקן״ (ג, 161). צי געהערן דען צום מענלעכן מין אַלע אינטער־נאַציאָנאַליזמען וואָס ענדיקן זיך אויף אַ קאָנסאָנאַנט? און אויב דאָס וואָרט שטאַמט אין דײַטש פון ראָמאַניש — איז מה בכך? מאָדנע. די מין־אַנקעטע פון ייִוואָ ווײַזט דאָ גראַד דאָס טוץ און די טוץ.

מע וואָלט געקענט געבן אַזוי זייער אַ סך בײַשפּילן פון אַ פּסקענען וואָס ווירקט ניט איבערצײַגנדיק. און דאָך איז עס אַן אַרבעט, וואָס מע וועט זי דאַרפן נעמען אין אַכט בײַם אײַנשטעלן דעם גראַמאַטישן מין, ווײַל זי האָט דאָך אָנווײַזונגען וועגן רעזולטאַטן פון אַן אַנקעטע וואָס זײַנען דוכט זיך קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז איצט. אַוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען מיר וואָלטן געקענט האָבן די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע ווי זיי זײַנען, אָן צוגאָבן.

מ. שאַפּיראָ האָט אַרײַנגעלייגט אַ סך אַרבעט אין דער שטודיע וועגן גראַמאַ־טישן מין. און טאַקע דערפֿאַר איז ניט מוחל צו זײַן אַ געוויסע אָפּגעלאָזנקייט און אויבנאויפֿיקייט. ווײַל ווי אַנדערש וועט איר אָנרופֿן דאָס וואָס אין דער זעל־ביקער אַרבעט ווערט דאָס זעלביקע וואָרט צוגעמישפּט דאָ צו איין מין, דאָ צו אַן אַנדער מין? בײַשפּילן: מיר האָבן אַליין געזען, אַז ער פּסקנט דער זופּ, אָבער דאָס איז אויף ז' 141; אויף ז' 156 ווערט בפֿירוש געפּסקנט די זופּ! דאָרטן שטימט דאָס וואָרט מיט זאַרעצקיס אַ כּלל, אַז „וואָרצלדיקע טעמעס מיט אַ, אָ, ו, וואָס אין מערצאָל באַקומען זיי דעם סופֿיקס ־(ען), זײַנען פֿון צווייטן מין", און דאָס וואָרט די זופּ איז פּלוצעם אַ ראַיה צו דעם „כּלל". אויף ז' 143 איז דאָ אַ לענגערע חקירה, פֿאַר וואָס מען דאַרף פּסקענען דער שפּין, 9 שורות פֿאַרנעמט אָט די חקירה; אָבער אויף ז' 159 ווערט אָנגעזאָגט, אַז עס דאַרף זײַן די שפּין.

עס דוכט זיך אויך, אַז מע דאַרף ניט זײַן אַזוי זיכער און כּמעט אין אַלע 100 פּראָצענט אָנווײַזן די צוגעהעריקייט פֿון וואָרט צו איין מין. נאָר אַ פּאָר פֿרײַקייטן דערלויבט מען אונדז: דער און די זאַמד (דווקא ניט דאָס זאַמד); דער און די קרײַד; די און דער שטול; די און דער קונץ. אַבסאָ־לוט אין אַלע אַנדערע פֿאַלן ווערט אָנגעוויזן נאָר איין מין. דאָס איז אוודאי באַקוועם, אָבער דער איצטיקער שטאַנד אין פֿאָרשן דעם ענין און די מאַטע־ריאַלן גופֿא וואָס שאַפּיראָ האָט פֿאַר זיך גיבן אים ניט אַזאַ רעכט צו זײַן אַזוי קאַטעגאָריש אין אַ ריי וואַקלדיקע פֿאַלן. אַזאַ אַנטשלאָסנקייט רעדט אָפּט וועגן אומאָפּגעהיטקייט.

די איבעריקע צוויי אַרבעטן שאַפּיראָס פֿאַרדינען ניט אַזוי פֿיל אויפֿמערק־זאַמקייט. „באַזונדערקייטן פֿונעם זאַצבוי אין דער ייִדישער פֿאָלקשפּראַך לויט דער שפּראַך פֿון שלום־עליכמס פּערסאָנאַזשן" (ד, 127־148) גיבן ניט גענוג גוט סאָרטירטע ציטאַטן פֿון שלום־עליכמען אַבסאָלוט אָן שום אויספֿירן, אַן אַרבעט אַ פּנים געמאַכט אויף גיך. „פֿראַגן פֿון איבערזעצן לעניגען אויף ייִדיש" (ב, 31־63) ווערן זאַרגעוודיק באַטראַכט. אָבער דאָ טשעפּעט זיך אָפּט דער מחבר מיט ווינציק גרונד צו די איבערזעצערס און ער לייגט ניט זעלטן פֿאָר אויסבעסערונגען וואָס פֿאַרריכטן גאָרנישט. למשל: „אויסגעחזרטע עטיקעטקעס טויגן ניט" איז „ייִדישיסטישער פּוריזם"; ווי באַלד אין טעקסט איז דאָ דאָס וואָרט „נעפּריגאָדנאָסט" האָט מען עס געמוזט איבערזעצן מיטן וואָרט „אומטויגבאַרקייט"; אָדער וואָס איז דער זינען פֿון בייזערן זיך אויף דעם דײַטשמעריזם „עמפּפֿינדלעך" בעת מע לייגט אַליין פֿאָר „פֿילבאַר"? אַזעלכע פּרטים קען מען דאָ אָנווײַזן אַ סך, נאָר זיי שטייען ניט ברומו של עולם. מע טאָר אָבער ניט דורכלאָזן דעם גאַנצן צוגאַנג צו ייִדיש ווי צו עפּעס אַ לשון וואָס האָט אָקערשט איצט געקראָגן אַן אַלף־בית, ווי צו עפּעס אַ שפּראַך וואָס דאַרף נאָך אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אויף צו זײַן ראוי אויסצודריקן רייד פֿון געהויבענע. און צי איז אַ ווייסנשאַפֿטלער אויך מחויב

אונטערצוטראָגן אַזעלכע פּערל: „די ביז איצט דערשינענע איבערזעצונגען קאָנען אונדז בשום אופֿן ניט באַפֿרידיקן: דאָרטן שטויסן מיר זיך צונויף אַלע מאָל מיט שפּראַכלעכער נאַכלעסיקייט, מיט אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס גרענעצט אָפּט מיט פּאָליטישן פֿעלער, און אפֿשר איז עס באַוווסטזיניקע פּאָליטישע שעדיקערײַ" (ב, 33); „אַ בײַשפּיל ווי אַזוי אַן איבערזעצער קומט אָן צו געמיינע און פּאָליטיש שעדלעכע מיטלען דאַן ווען ער קאָן זיך קיין עצה ניט געבן... וואָס זשע טוט דער עם־האַרצישער איבערזעצער (און צ י ב ל ו י ז ע ם ־ ה א ר צ י ש ע ר?) ער דרייט זיך אויס... אַז דאָס איז ניט קיין טעכניש פֿאַרזען, דערוויַיזט די איבערזעצערישע פֿאָלסיפֿיקאַציע..." און איבער וואָס איז אָט דער ריח־נחוחדיקער צאָרן? דער איבערזעצער האָט ניט געקענט געפֿינען קיין צוויי באַזונדערע ווערטער פֿאַר די סינאָנימען פֿון טעקסט „מאָראַל" און „נראַווסטווענאָסט..." (ב, 38).

אַ. זאַרעצקי, מ. שולמאַן

מיר זײַנען פֿאַרטיק מיט דער גאָרער גרופּע דער קיִעווער, מיט די מיט־אַרבעטערס און מיטן פֿאַרוואַלטער פֿון דער לינגוויסטישער סעקציע וואָס גיט אַרויס „אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט". עס איז איבערגעבליבן צו באַטראַכטן די אַרטיקלען פֿון די מאָסקווער געסט אין די זאַמלביכער, פֿון אַ. זאַרעצקי און מ. שולמאַן.

אַ. זאַרעצקיס אַרטיקלען זײַנען נאָר דאָ אין די ערשטע צוויי נומערן, אין די אויסגאַבעס פֿון 1939 איז ער ניטאָ. אין צווייטן נומער האָט ער אַן אַרטיקל „וועגן דעקלינאַציע פֿון סובסטאַנטיוו אין ייִדיש" (ב, 97־103). ער רעדט דאָרטן וועגן די עטלעכע סובסטאַנטיוון וואָס קריגן אַן ענדונג אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו און וועגן די נעמען פֿון מענטשן און פֿאַמיליע־נעמען און קומט צום אויספֿיר: „פֿאָרמולירן מיט אַ געוויסער שטרענגקייט, ווען מוז מען אַ נאָמען דעקלינירן, ווען טאָר מען אים ניט דעקלינירן און ווען מעג מען אים דעקלינירן — קען מען נאָך איצט ניט" (ב, 103). אין ערשטן נומער איז ער פֿאַרטראָטן מיט „שטריכן פֿון ייִדישן זאַצבוי" (אַ, 47־65). עס ווערט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ טייל פֿון אַ גרעסערער אַרבעט. קען זײַן, ווען מע האָט פֿאַר זיך די גאַנצע אַרבעט קען מען דערגיין, אין וואָס עס באַשטייט אַ. זאַרעצקיס איצטיקע סיסטעם (ער האָט זיך פֿון זײַן אַמאָליקער סיסטעם אָפּגעזאָגט). דערוויַיל איז שווער זיך צו שאַפֿן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן איר. עס איז אויך ניט קלאָר, צי אַ. זאַרעצקי האָט דאָ אין זינען אַן אַנאַליז פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע צוועקן אָדער בלויז פֿאַר דעם שולבאַנוץ. בכל אופֿן איז אין דעם טייל פֿון דער אַרבעט וואָס איז אָפּגעדרוקט ניט צו געפֿינען שטריכן פֿון ייִדישן זאַצבוי.

מ. שולמאַן האָט צוויי אַרבעטן וועגן דעם סלאַווישן עלעמענט: „סלאַווישע ווירקונגען אין דער פֿאָנעטיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך" (ב, 105־129)

און „סלאַוויזמען אין דער לעקסיק פֿון ייִדיש" (ג, 71־109). אין דעם שלום־עליכם־נומער איז פֿאַראַן שולמאַנס „וואָס גיט שלום־עליכם דער פֿאָנעטיש־דיאַלעקטאָלאָגישער פֿאַרשונג פֿון ייִדיש" (ד, 149־160).

די ביידע אַרטיקלען וועגן סלאַווישן עלעמענט באַטראַכטן מיר אין איינעם. זיי זײַנען טיילן פֿון אַן אַרבעט וועגן דעם סלאַווישן עלעמענט אין ייִדיש. זיי באַווײַזן, אַז די אַרבעט איז אַ ווערטיקע. דער ערשטער אַרטיקל רעדט ס'רובֿ ניט וועגן סלאַווישע ווירקונגען אויף דער ייִדישער קלאַנגען־סיסטעם, נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי ייִדיש האָט פֿאָנעטיש אַסימילירט די סלאַוויזמען. און דאָ פֿירט ליידער דער מחבר ניט דורך גענוג שאַרף די גרענעץ צווישן יענע סלאַווישע ווערטער וואָס זײַנען אין ייִדיש אַלטע תּושבֿים און די נײַ און אַ מאָל אַפֿילו אָקערשט צוגעקומענע. אויב אַפֿילו מע זאָל די אַלע ווערטער נעמען אין באַטראַכט בײַ אַ לעקסיקאָלאָגישער שטודיע, דאַרפֿן זיי אָן שום ספֿק בלײַבן הינטערן פֿאַרקאַן, ווען מע פֿאַרנעמט זיך מיט דער ייִדישער פֿאָנעטיק. ווען דער אַרטיקל זאָל ווערן אַ טייל פֿון אַ בוך, דאַרף מען דעם מאַטעריאַל איבערגרופּירן און צעטיילן אין צווייען: 1) די שינויים וואָס די קלאַנגען אין די סלאַווישע ווערטער מאַכן דורך ווען די ווערטער קומען אַרײַן אין ייִדיש; 2) די סלאַווישע ווירקונגען אין דער פֿאָנעטיק.

און אין אָט דעם טייל פֿון דער אַרבעט זײַנער איז דער מחבר ניט גענוג איבערצײַגעוודיק. ווען מען אַרבעט אויפֿן געביט פֿון פֿאָנעטיק צו פֿיל מיט חקירה, קען מען זעלטן קומען צו זיכערע אויספֿירן. נעמט צום בײַשפּיל די פֿראַגע וועגן די יערי־קלאַנגען אין ייִדיש. מ. שולמאַן האַלט, אַז ייִדיש האָט דעם קלאַנג פֿון אוקראַיִנישן טיפּ, און בײַם אַרגומענטירן האָט ער דערבײַ צו טאָן מיט ניט אַקצענטירטע טראַפֿן. איז דאָס בלויז אַ זאָגונג אַזאַ. אַזוינס קען מען אויסגעפֿינען בלויז אויפֿן סמך פֿון גאַנץ גענויע אינסטרומענטאַלע פֿאַרשונגען און ניט אויפֿן סמך פֿון הערן און ניט אויפֿן סמך פֿון חקירה. אַוודאי האָבן פֿאַרשיידענע ייִדישע אידיאָמען פֿאַרשיידענע איבערגאַנגען צווישן י־קלאַנגען און יערי־קלאַנגען. אָבער וויפֿל מינים עס זײַנען פֿאַראַן, ווו זיי זײַנען פֿאַראַן און צו קלאַנגען פֿון וועלכע סלאַווישע שפּראַכן זיי זײַנען צום נאָענטסטן וועט מען נאָך דאַרפֿן אויסגעפֿינען.

נאָך וויי־ניקער האָבן אונטער זיך אַ פֿונדאַמענט די סבֿרות וועגן וויר־קונגען פֿון די סלאַווישע וואָקאַלן אויף דער גאַרער ייִדישער וואָקאַלן־סיסטעם, אויף דעם איבערראַנדערשן די לאַנגע אַ־קלאַנגען פֿון די אָפּשטאַמשפּראַכן אויף אָ אָדער ו אין ייִדיש, אויף דעם זאָגן „מאַמע", „קאָץ" און דאָס גלײַכן אין אַ טייל דרומדיקע ריידעניִשן. און בכלל איז „דער וואָקאַלן־בײַט אין ווײַס־רוסיש און אין אוקראַיִניש און די ייִדישע דיאַלעקטן" (ב' 148־155) אַן אוממאָטיווירטער צונויפֿמיש פֿון סבֿרות.

אויף אַ סך אַ זיכערערן באָדן איז שולמאַן, ווען ער קלערט אויף די השפּעות פֿון די סלאַווישע קאָנסאָנאַנטן אויף דער ייִדישער קאָנסאָנאַנטן־סיסטעם,

אָבער אויך דאָ גליטשט ער זיך אַראָפּ צו פּלאָנטער און צו ניט־מאָטיווירטע אַרויסזאָגונגען, ווען ער קומט צו די ציש־קלאַנגען, צום פֿאַרבײַטן ש — ס, טש — צ, זש — ז און פֿאַרקערט. דאָ פֿירט שולמאַן אַ מלחמה קעגן ווײַנגערס היפּאָטעז, אַז דעם וואָרצל פֿאַר דער דערשײַנונג דאַרף מען נאָך זוכן אין אַלטדײַטש. שולמאַן וויל עס אַלץ אַריבערטראָגן אויפֿן סלאַווישן באָדן. ער נעמט דאָ צו הילף שטיפֿן. אָבער דער ענין איז אָן שום ספֿק איינער פֿון די סאַמע קאָמפּליצירטע אין דעם ייִדישן קאָנסאָנאַנטיזם, און אונדזער מחבר גיט זיך ניט אײַן צו וואַרפֿן אַ שײַן אויף אָט דער פּראָבלעם.

די אַרבעט וועגן דער לעקסיק איז אַ סך מאָל געזינטער און פֿונדאַמענטאַלער. דער מחבר האָט צונויפֿגענומען 1948 סלאַוויזמען. ער האָט זיי גענומען פֿון דער ליטעראַטור זינט מענדעלען און פֿון פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן. ער נעמט דאָ אַרײַן אַבסאָלוט אַלע ווערטער וואָס טרעפֿן זיך אים, אים אינטערעסירט ניט, צי דאָס וואָרט קען באַטראַכט ווערן ווי אַ וואָרט פֿון כּלל־ייִדיש. ער איז באַרעכטיקט אַזוי צו טאָן, כּל זמן ער פּרעטענדירט ניט, אַז די ווערטער זאָלן טאַקע באַטראַכט ווערן ווי אַזוי צו זאָגן לעגאַלע ייִדישע ווערטער. ער שטייט אויף אַ באַקוועמען און שוין צו פּשוטן שטאַנדפּונקט, אַז איטלעך וואָרט וואָס אַ ייִד זאָגט אַרויס (אָדער שרײַבט אָן) אין ריידן (אָדער שרײַבן) ייִדיש — איז אַ ייִדיש וואָרט. איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וואָס עס האָט זיך באַקומען, אַז די מערהייט ווערטער זײַנען גראָד פֿון רוסיש. און עס איז דעריבער אויך ניט קיין חידוש, פֿאַר וואָס ער האָט געקענט צונויפֿנעמען פֿינף און אַ האַלב מאָל מער ווערטער ווי יודאַ א. יאָפֿע אין זײַן אַרבעט וועגן סלאַוויזמען אין אַמעריקאַנער „פּנקס“ פֿון ייִוואָ. אָבער ווי געזאָגט, אַזאַ אַרבעט האָט אַ ווערט, אַזאַ רשימה איז נוציק, ווי עס איז נוציק אַ רשימה פֿון אַלע אַמעריקאַניזמען וואָס מע ניצט דאָ. מע טאָר נאָר ניט אויף אַזאַ סמך מאַכן אַלגעמיינע אויספֿירן.

איך איין פּונקט פֿאַרפֿירט ניט שולמאַנען די סלאַוויסטישע התפּעלות; אַ ריי ווערטער וואָס יודאַ אַ. יאָפֿע האַלט זיי פֿאַר סלאַוויזמען זײַנען בײַ אים פֿון אַן אַנדער אָפּשטאַם: סאַמעט, פֿורמאַן, מײַ, לימענע, ניט און ניטאָ, קוויטל און דאָס אַרומדעבאַטירטע וואָרט קאַטאָוועס — קומען פֿון אַנדערע מקורים. אָבער מע קען ניט זײַן זיכער, אַז וואַרשטאַט איז אַ סלאַוויזם ווײַל דאָס זעלביקע וואָרט איז פֿאַראַן אין ווײַסרוסיש און אין פּויליש. האָבן עס די דאָזיקע שפּראַכן ניט געקענט נעמען פֿון ייִדיש? און אויך וועגן אַלקער און רימער קען נאָך זײַן אַ פּלוגתּא. בדרך כּלל איז מ. שולמאַן אָפּגעהיט אין ענין עטימאָלאָגיע און האָט אַ סך פֿײַנע באַמערקונגען וועגן איבערנעמען ווערטער, וועגן צווייענדיקן איבערנעמען, וועגן דעם אַלטן ייִחוס פֿון אַ וואָרט און דעם דירעקטן שורש זײַנעם פֿאַר ייִדיש. דוכט זיך צום ערשטן מאָל האָב איך אין אַ ייִדישער אַרבעט אָנגעטראָפֿן אַ ציטאַט פֿון דעם גרויסן ראָמאַניסט הוגאָ שוכאַרדט, וואָס פֿון אים קען מען זיך זייער אַ סך לערנען ספּעציעל אין הילכות איבערנעמען ווערטער פֿון איין שפּראַך אין דער צווייטער.

און אויב שוין יאָ אַזוי, איז אַוודאי אַן עוולה, וואָס שולמאַן פּאַראַפֿראַזירט די אַרגומענטן וואָס יודאַ אַ. יאָפֿע האָט שוין אַרויסגעשטעלט קעגן בער באָראָכאָווס מיינונג וועגן דער ראָלע פֿון די סלאַווישע ווערטער און דער־מאָנט אַפֿילו דערביי זײַן נאָמען ניט.

די אַרבעט איז אַ טייל פֿון אַ בוך. לאָמיר האָפֿן, אַז אין דעם בוך וועלן מיר געפֿינען אַ סך זאַכן פֿאַרריכט און אַ היפּש ביסל דערגאַנצט: אַן אַנאַליז פֿון די סלאַוויזמען נאָך די שפּראַכן נאָך, פֿון וועלכע זיי שטאַמען (דאָ האָבן מיר נאָר אַ ביסל וועגן פּאָלאָניזמען), אַן אַנאַליז פֿון די דובלעטן, אַ פּרוּוו צו געפֿינען די גרענעץ צווישן דעם צופֿעליק געניצטן סלאַוויזם און דעם ייִדישן וואָרט וואָס איז אַ סלאַוויזם.

שולמאַנס אַרבעט אין דעם שלום־עליכם־נומער טראָגט ניט דעם פּאַסיקן נאָמען. דאָרטן איז פֿאַראַן אַ ריי אילוסטראַציעס, ווי שלום־עליכם גיט איבער אין שריפֿט באַזונדערקייטן פֿון אידיאָמען, אָבער די אַלע ענינים זײַנען צו פּאָפּולער (למשל: דער י־קלאַנג אין דעם ניט אַקצענטירטן טראַף סוף וואָרט — פּייסי; דאָס ניט קענען אַרויסברענגען דעם ה אין אַ סך אוקראַיִנער אידיאָמען און אַנדערע). פֿאָנעטיש־דיאַלעקטאָלאָגישן מאַטעריאַל דאַרפֿן מיר נעמען פֿון לעבעדיקע ייִדן; פֿון שלום־עליכמען קענען מיר אין געוויסע פֿאַלן נעמען אַן אילוסטראַציע און אַ מאָל אויך אַ וויכטיקע אילוסטראַציע אַ ביסל צו פֿאַרזיסן אַ דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונג. האָט מ. שולמאַן צונויפֿגעקליבן אַ טייל פֿון דעם מין אילוסטראַציעס.

*

גאָר אַ קורצער סך־הכּל. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז מען האָט פֿאַר זיך גאַנצע אַכט הונדערט זײַטן לינגוויסטישע אַרבעטן, ווען מע קלערט, אַז דאָס האָבן צוגעשטעלט מענטשן וואָס האָבן געהאַט די מיגלעכקייט צו זיצן על התּורה ועל העבֿודה, זעט מען אײַן, אַז בעצם וואָלט מען געמעגט קריגן בעסערס און געלײַטערטס. און פֿון דער אַנדער זײַט, אַז מען איז גובֿר די אייגנאַרטיקייטן, אַז מע לייגט אַוועק אין אַ זײַט די אָפּט אוממאָטיווירטע טעאָריעס, אַז מען איז מוחל אַפֿילו אָרגאַנישע גרײַזן אין דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון די אַרבעטן, האָבן מיר אין אַ טייל אַרטיקלען געזונטע און נוציקע עלע־מענטן. מיר האָבן זיך געמיט אַרויסצוהייבן זיי.

אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע

פֿון ה. פּ. אולריכסען

פֿון דער רעדאַקציע.

דער ענין וואָס ווערט אַרומגערעדט אין דעם ווײַטערדיקן אַרטיקל איז נאָך זײַן שטאָף נאָך ניט קיין ייִדישער: קיין שום ייִד האָט ניט געהאַט קיין חלק אין דעם עקספּערימענט. בכלל איז דער גאַנצער עקספּערימענט אין פֿלוג ניט קיין איבעריקס וויכטיקער, וואָרעם ער האָט אָנגערירט מערניט אַ האַלבע מאה משפּחות. נעמט מען אָבער די זאַך ברייטער, זעט מען באַלד, ווי הינטער דעם דענישן פּרט־פֿאַל און פֿון הינטער דעם פּריוואַטן גורל פֿון קליינע מענטשן מיט קליינע השׂגות שטייען אויף ברייטע פּראָבלעמען פֿון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער: די פֿראַגע פֿון צוגרייטן אַ קאָלאָניזאַציע אויף אַן אָרגאַניזירטן אופֿן, דורכן הסכּם פֿון מלוכות; די פֿראַגע פֿון אָפּקלײַבן פּאַסיקע קאָלאָניסטן; די פֿראַגע פֿון אַרײַנפּאַסן זיך אין אַ נײַער סבֿיבֿה אַפֿילו ווען דאָס אימיגראַציע־לאַנד וויל שטאַרק האָבן די קאָלאָניסטן; די גרויסע חשיבֿות פֿון „נישטיקייטן" אין אײַנשטעלן מענטשלעכע באַציִונגען; די סכּנה, אַז באַלד בײַם ערשטן שאַנס נעמען די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניסטן לויפֿן אין שטאָט אַרײַן, וכו׳. הײַנטיקן טאָג, ווען מען רעדט אַזוי פֿיל אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקייט וועגן ייִדישער אָרגאַניזירטער מאַסן־קאָלאָניזאַציע, איז אַוודאי כּדאַי זיך צו באַקענען מיט אַן עקספּערימענט וואָס איז געמאַכט געוואָרן בײַ לײַטן. ה׳ אולריכסען איז — נאָכן טויט פֿונעם פֿריִערדיקן שעף קאַפּיטאַן באַרק וואָס ווערט עטלעכע מאָל דערמאָנט אין דעם אַרטיקל — דער שעף פֿון דעם עמיגראַציע־ביוראָ אין דענישן סאָציאַל־מיניסטעריום, קיינער קען ניט די זאַך אַזוי גוט ווי ער, און זײַן ניכטערער באַריכט קומט דעריבער אויס בײַ אונדז זייער אינסטרוקטיוו. דאָס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין דעניש; די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אין דער רעדאַקציע.

פּאָרגעשיכטע

די דענישע עמיגראַציע קיין ווענעצועלע האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ מין אינטערעס אין דער עפֿנטלעכקייט פֿון אונדזער לאַנד, אַז איך וואָלט וועלן געבן אַ קורצן איבערבליק איבער דער פֿאָרגעשיכטע פֿון דער טשירגואַקאָלאָניע, וועגן דעם אַרויסשיקן די קאָלאָניסטן, און צום סוף וועגן דער איצטיקער סיטואַציע, אויף וויפֿל מען קען זי אינעם מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ.

נאָך מיט אַ היפּשער צײַט צוריק — אין מײַ מאָנאַט 1934 — האָט דער ווענעצועלער גענעראַל־קאָנסול אין קאָפּנהאַגן, וו. האַנסען, אַליין אַן אַלטער אויסוואַנדערער, זיך אַרויסגעזאָגט, אַז לויט זײַן מיינונג איז ווענעצועלע דער בעסטער אָרט פֿאַר דענישע אויסוואַנדערערס. ער האָט געהאַלטן, אַז סקאַנדינאַווער האָבן אַ גרויסע שליחות אין דרום־אַמעריקע, און ער האָט

אַנגעוויזן, אַז אין ווענעצועלע זײַנען פֿאַראַן הויכע געגנטן, וווּ דער קלימאַט פּאַסט אויסגעצייכנט פֿאַר דענישע קאָלאָניסטן.

אין יולי 1934 האָט דער ווענעצועלער געשיקטער אין האַג געבעטן בײַם דענישן מיניסטעריום פֿאַר אויסווייניקסטע ענינים נעענטערע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער דעלעגאַציע וואָס מען האָט געהאַט יעמאָלט בדעה צו שיקן קיין בראַזיל און אַרגענטינע מיטן ציל צו באַקומען אויפֿקלערונג וועגן מיגלעכקייטן פֿאַר דענישע אויסוואַנדערערס, און אַ ביסל שפּעטער האָט דער מיטגליד פֿון פּאַרלאַמענט ד״ר רודאָלף קריסטיאַני זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט דער פֿראַגע וועגן דענישער אויסוואַנדערונג קיין ווענעצועלע.

דערווײַלע איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ, און ס׳איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז ס׳זאָל פֿאָרקומען אַ ריי שמועסן וועגן דער פֿראַגע צווישן די וואָס זײַנען ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט אין אימי־גראַציע און דעם שעף פֿאַר עמיגראַציע, קאַפּיטאַן באַרק.

דערצו איז נאָך צוגעקומען, וואָס דער פּאָליטישער מצבֿ אין ווענעצועלע האָט זיך אָן ערך אין יענער צײַט שטאַרק געביטן: דער „טיראַן" גענעראַל גאָמעז איז געשטאָרבן (דעצעמבער 1935), און ס׳איז געקומען אַ נײַער רעזשים וואָס האָט אין גאַנצן איבערגעריסן מיט די פֿריִערדיקע מעטאָדן. ס׳האָט געהאַט אַ פּנים, ווי ווענעצועלע, אַ לאַנד מיט אַזעלכע גרויסע נאַטירלעכע רײַכקייטן, וואָלט געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון אַן אויפֿשטײַג־פּעריאָד מיט רויִקע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען און מיט עקאָנאָ־מישן פּראָגרעס.

אין 1937 האָט דער געדאַנק וועגן אַ דענישער קאָלעקטיווער אויסוואַנ־דערונג קיין ווענעצועלע אָנגענומען אַ פֿעסטערע פֿאָרם. אַרום סוף יאָר האָט דאָס ווענעצועלער מיניסטעריום פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט געלאָזט וויסן דעם דענישן גענעראַל־קאָנסולאַט אין קאַראַקאַס, אַז מען האָט בדעה צו שיקן אַן עמיגראַציע־דעלעגאַט קיין איראָפּע, און אָנהייב 1938 האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער קאָמיסאַר, ה׳ קאַרלאָס ר. דע לאַס קאַסאַס, וויל קומען קיין דענעמאַרק אויף אַרומצורײדן דעם ענין.

דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ האָט באַקומען ידיעות פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן, אַז אין ווענעצועלע איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער אינטערעס פֿאַר דענישער אַגריקולטורעלער אײַנוואַנדערונג, אָבער חוץ דעם איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ה׳ דע לאַס קאַסאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שווייץ אויך אויף אַרומרײדן מיטן דאָרטיקן עמיגראַציע־ביוראָ פּלענער פֿון אַ גרעסערער קאָלאָניזאַציע. מצד דעם מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ האָט מען געמאַכט גרויסע אָנשטרענ־גונגען צו באַקומען ווי ווײַט מיגלעך פּינקטלעכע אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם מצבֿ אין ווענעצועלע. אויך איז מען דורכגעגאַנגען בפּרטיות אַלע געזעצן און פֿאַראָרדענונגען פֿון ווענעצועלע וואָס זײַנען נוגע אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און רעכט פֿון פֿרעמדע.

די ליבעראַלע אימיגראַציע־פּאָליטיק פון דער נײַער רעגירונג איז געווען אויסגעדריקט אין צוויי אַקטן: געזעץ וועגן אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, פּובליקירט אין דער ווענעצועלער מלוכה־צײַטונג דעם 14טן אויגוסט 1936, און דער געזעץ וועגן פרעמדע, פּובליקירט דעם 3טן אויגוסט 1937. דער דאָזיקער צווייטער געזעץ, וואָס האָט פאַרביטן אַ געזעץ פון 1932, שטעלט פעסט אין §1, אַז די טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון ווענעצועלע איז אָפן פאַר אַלע פרעמדע מיט די אויסנאַמען און רעסטריקציעס וואָס ווערן באַשטימט אין געזעץ און אין די פאַראָרדענונגען וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אויפן סמך פון דעם געזעץ.

דער געזעץ וועגן אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע הייבט זיך אָן מיט אַן אַרטיקל, אַז „די פעדעראַלע רעגירונג וועט ווירקן מיט אַלע דירעקטע און אומדירעקטע מיטלען צו פאַרשטאַרקן די אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין דער רעפּובליק.“

דער געזעץ מאַכט פאַר אַ ממונה איבער אַלץ וואָס איז נוגע די דאָזיקע פּראָבלעמען דאָס מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט און פיך־האָדעווען, און באַשטימט (אַרטיקלען 4 און 5), אַז פאַר אימיגראַנטן ווערן אָנערקענט אויסלענדערס וואָס זײַנען ניט געווען באַשטראָפט, וואָס האָבן זיך אָרנטלעך אויפגעפירט, וואָס האָבן געהאַט אַ באַשטימטן פאַך און האָבן בדעה צו באַזעצן זיך אין ווענעצועלע מיטן צוועק צונויפצוגיסן זיך מיטן ווענעצועלישן פאָלק. פאַרקערט ווערן ניט אָנערקענט פאַר אימיגראַנטן פּערזאָנען וואָס געהערן ניט צו דער ווײַסער ראַסע, קאַליקעס, אינוואַלידן, אידיאָטן, גײַסטיק קראַנקע, אַלקאָהאָליקערס און אויסלענדערס וואָס האַלטן פון אָדער פאַרשפּרייטן געדאַנקען וואָס שטייען אין סתירה מיט דער רעגירונג־פאָרם פון דער רעפּובליק און דער ווענעצועלישער קאָנסטיטוציע, אָדער וואָס גייען אום מיט אידעעס וואָס זײַנען סותר די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג און די רעכטסיסטעם פון לאַנד, אַלץ לויטן אײַנזען פון די ווענעצועלער מאַכטאָרגאַנען.

אין געזעץ ווערן געגעבן מער פּרטימדיקע באַשטימונגען וועגן דעם אופן, ווי אַזוי די רעגירונג וויל שטיצן און העלפן די אימיגראַנטן, סײַ מיט שפּײַזן זיי די ערשטע צײַט נאָך זייער אָנקומען און אַריבערברענגען זיי צו דעם אָרט וווּ זיי דאַרפן זיך באַזעצן, סײַ, אין געוויסע פאַלן, מיט אַן אַוואַנס אויף צו באַצאָלן די נסיעה פון היימלאַנד ביז ווענעצועלע. אין אַרטיקל 9 שטייט, אַז די פעדעראַלע רעגירונג ווערט באַפולמעכטיקט אומזיסט אויסצוטיילן פאַר די עמיגראַנטן נחלאות פון די מלוכישע ערדן אויפן זעלביקן שטייגער און אויף די זעלביקע באַדינגונגען ווי פאַר ווענעצועלער און בכלל צו געבן שטיצע און פּריווילעגיעס וואָס מען וועט געפינען בהסכם מיטן ציל. אַרטיקל 23 און די ווײַטערדיקע פּאַראַגראַפן האַנדלען וועגן שאַפן

קאָלאָניעס וואָס „דאַרפֿן דער עיקר געשאַפֿן ווערן ווו עס געפֿינט זיך טרינקוואַסער." די נייטיקע הײַזער און אײַנאָרדענונגען דאַרפֿן געבויט און אויסגעריכט ווערן איידער די קאָלאָניסטן קומען אָן. די עטאַבלירטע קאָלאָניסטן דאַרפֿן (§30) האָבן אַ מיגלעכקייט צו קריגן מכשירים, שטוביקע בעלי־חיים און זריעה. דער אַרטיקל 35 זאָגט, אַז אין די קאָלאָניעס דאַרפֿן באַזעצט ווערן אײַנוואַנדערערס פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און בדרך־כּלל אויך וועגעצועלער אין אַזאַ צאָל, אַז עס זאָל זײַן מיגלעך אַסימילאַציע.

ה׳ דע לאַס קאַסאַס איז אָנגעקומען אין קאָפּנהאָגן אין יאַנואַר 1938. ער איז געווען מיט אַ וויזיט אין מיניסטעריום פֿאַר אויסווייניקסטע ענינים און אין סאָציאַל־מיניסטעריום, און אין מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרהאַנדלונגען צווישן אים, ד״ר קריסטיאַני און דעם עמיגראַציע־שעף קאַפּיטאַן באַרקן. ה׳ דע לאַס קאַסאַס האָט פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן וועגן שיקן, איידער וואָס ווען, קיין ווענעצועלע אין אַ נײַ עטאַבלירטער קאָלאָניע 25 פֿאַמיליעס ערד־אַרבעטערס; ד״ר קריסטיאַני האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פֿון אַ קאָנטראַקט. דער ענין איז דערנאָך אַרומגערעדט געוואָרן אויף עטלעכע זיצונגען מיט אַ צאָל פֿאַראינטערעסירטע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, צוזאַמען מיט דער מלוכישער ערדגעזעץ־קאָמיסיע און מיטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן ראַט. דעם 24טן יאַנואַר האָט מען געגעבן אַ טעלעגראַפֿישע אינסטרוקציע דעם רעפּרעזענטאַנט פֿון דער פֿירמע קריסטיאַני און ניל־סען אין ווענעצועלע, אינזשעניר האַנס הוי, ער זאָל מאַכן אַן אינספּעקטיר־נסיעה אין דעם געגנט, וווּ די קאָלאָניע האָט געדאַרפֿט זײַן. דאָס איז געווען דער טשירגואַ־טאַל, אויף דרום־מערבֿ פֿון וואַלענסיע. ה. דע לאַס קאַסאַס האָט איינצײַטיק טעלעגראַפֿירט וועגן דעם צו דער ווענעצועלער רעגירונג. דעם 26טן יאַנואַר האָט אינזש׳ הוי צוגעשיקט אַ דערווײַליקן רעפּאָרט. ער האָט געלאָזט וויסן, אַז די אינפֿאָרמאַציעס וואָס ער האָט געקענט אויפֿקלײַבן אין קאַראַקאַס וועגן דעם פּלאַן פֿון דער קאָלאָניע זײַנען זייער צוזאָגנדיקע. טשירגואַ ליגט 800 מ [בײַ 2620 פֿוס] איבערן ים־שפּיגל. דער קלימאַט איז אויסגעצייכנט, די טעמפּעראַטור איז צווישן °15 און °26 צעלזיוס [°59 און °79 פֿאַרנהײַט]. נאָרמאַלערהייט בלאָזט אַ לײַכטער ווינט. די אָפּזאַצן שאַצט מען אויף אַן ערך 1,000 ממ [בײַ 4 צאָל]. דער גרונט איז אומעטום פּרוכפּערדיק, די געוויקסיקייט איז אינטענסיוו, און ס׳איז פֿאַראַן אַ מיגלעכקייט צו קולטיווירן קאַווע, באַוול, תּבֿואה, גרינסן, גראָז און קאָנישינע. איבער הויפּט פֿאַר גרינסן וועט מען קענען הערגרייכן גוטע מקחים אין דער דערבײַיִקער וואַלענסיע. נאָר אַ קלענערער טייל קאָלאָניסטן וועלן זײַן ווענעצועלער, צווישן זיי קיין שוואַרצע גאָרניט.

די קאָלאָניע האָט מען בדעה צו אָרגאַניזירן ווי אַ קאָאָפּעראַטיוו: אין דער פֿאַרוואַלטונג וועט זײַן אַ טייל רעגירונג־באַאַמטע און ס׳וועט זײַן אַן אַגראָנאָם אַן עצה־געבער.

נאָך דעם ווי דער רעפּאָרט איז אָנגעקומען האָט דער עמיגראַציע־שעף דורך ריצוויס ביוראָ [די דענישע אָפיציעלע אינפאָרמאַציע־אַגענטור] אָפּגע־דרוקט אַזאַ קאָמוניקאַט:

די רעגירונג פון ווענעצועלע האָט צוגעשיקט אַהער אַ פאָרשטייער מיטן אָנבאָט אריבערצופירן אַ קלענערע צאָל (משמעות 25־50) דענישע לאַנדווירט־שאַפטלעכע משפחות קיין ווענעצועלע. אַן אָנבאָט פון דעם מין איז געמאַכט געוואָרן, אָדער וועט געמאַכט ווערן, עטלעכע אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע לענדער.

אַלע הוצאות אויף דער נסיעה און אויף עטאַבלירן זיך אין ווענע־צועלע, דערין דאָס טראַנספּאָרטירן די ערד־נחלה, דאָס וווינהויז, איינציקע בעלי־חיים אין שטוב אָדער צום האָדעווען, מכשירים, אויפהאַלט די ערשטע 6 חדשים נאָכן אָנקומען אין ווענעצועלע אד״גל, וועלן געגעבן ווערן די געהעריקע משפחות ווי אַן אָנפּראַצענטיקער אַוואַנס מצד דער ווענעצועלער רעגירונג, אַחוץ וואָס זי וועט אומזיסט צושטעלן זריעה און אומזיסטע מע־דיצין דאָס ערשטע יאָר, אומזיסטע דאָקטער־ און שפּיטאָל־הילף, שולבילדונג אד״גל.

די געהעריקע ערד־נחלאות ליגן אַ 14 קמ [קנאַפּע 9 מײַל] אויף דרום־מערבֿ פון דער שטאָט וואַלענסיע (אַ 60,000 אײַנוווינערס) אויף אַן 800 מ [בײַ 2620 פוס] די הייך, אין אַ גוטן קלימאַט מיט רײַכע אָפּזאַצן, טעמ־פּעראַטור 30 גראַד (בײַ טאָג) — 15 גראַד (בײַ נאַכט) [86°, 59° פאַרנהײַט].

פּאַקטישע לאַנדווירטן אָדער לאַנדאַרבעטערס אין עלטער ביז אַן ערך 35 יאָר מיט פרוי און קינדער, אפשר אויך באַלייט פון איינציקע קרובֿים־מאַנסבילן, וואָס ווילן אויף זייער אייגענער אחריות אויסניצן דעם אָנבאָט, וועלן קענען גענומען ווערן אין באַטראַכט.

כדי ווי מיגלעך צו ווערן גענומען אין באַטראַכט פאַרן ערשטן אָפּפאָר וואָס וועט, ווי מען רעכנט, דורכגעפירט ווערן נאָכן אַפּריל מאָנאַט ה״י, דאַרף מען דערלאַנגען אַן אַפּליקאַציע אין דעם מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ ביזן 15טן מאַרץ ה״י; נאָך דעם וועט פאָרקומען אַן אָפּקלײַב פון צווישן די אַרײַנגעקומענע אַפּליקאַציעס.

ס׳ווערט דערבײַ באַמערקט, אַז די מלוכישע ערד־געזעץ־קאָמיסיע און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַט האָבן זיך דערקלערט גרייט צו געבן הילף בײַם געפינען און אָפּקלײַבן די דענישע משפחות וואָס וועלן אויסוואַנדערן, מחמת דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַט וואָס איז באַקאַנט מיטן קאָנטראַקט וואָס די ווענעצועלער רעגירונג האָט אויסגעאַרבעט מיינט, אַז מען קען רעקאָמענדירן צו מאַכן אַזאַ פּרוּוו.

פאַראינטערעסירטע קענען באַקומען נעענטערע אויפקלערונגען נאָך אַ מינדלעכער אָדער שריפטלעכער ווענדונג צום מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ, אַמאַליענגאַדע 24, קאָפּנהאַגן.

דעם זעלביקן טאָג איז אין מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ פֿאַררופֿן געוואָרן אַ פּרעסע־קאָנפֿערענץ. דער עמיגראַציע־שעף האָט געגעבן אַ ריי אויפֿקלע־רונגען וועגן דעם מצבֿ אין ווענעצועלע און וועגן דעם אינהאַלט פֿון אינזש' הויס באַריכט; אויך האָט ער געוויזן דעם פֿאָרלייג פֿון אַ קאָנטראַקט וואָס ה' דע לאַס קאַסאַס האָט צוגעשטעלט. ה' דע לאַס קאַסאַס איז בײַגעווען בײַ דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ.

ווען אינזש' הוי האָט געמאַכט אַ וויזיט אויפֿן אָרט און צוגעשיקט זײַן לעצטגילטיקן רעפּאָרט פֿון 12טן פֿעברואַר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מהלך פֿון טשירגואַ־טאַל ביז וואַלענסיע איז 48 קמ [30 מײַל], ניט 14 קמ, ווי מען האָט געהאַט אינפֿאָרמירט לכתחילה. אַחוץ דעם איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלץ וואָס ס'איז געשטאַנען אינעם דערווײַליקן רעפּאָרט.

באַלד נאָך דעם ווי ס'האָט זיך באַוויזן אין דער פּרעסע די ידיעה וועגן דער אויסוואַנדערונג האָבן גענומען שטראָמען צום מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ אַפּליקאַציעס פֿון מענטשן מיט חשק צו עמיגרירן. אַרום און אַרום האָבן זיך 5,000־6,000 מענטשן געווענדט דורך בריוו אָדער פּערזענלעך.

דעם 21טן פֿעברואַר האָט דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ דעריבער פֿונאַנדערגעשיקט דורך ריצויס ביוראָ אַזאַ מין קאָמוניקאַט:

אין שײַכות מיטן זייער שטאַרקן צושטראָם פֿון פּערזאָנען וואָס ווילן, מען זאָל זיי נעמען אין באַטראַכט בײַ דער פֿאָרשטייענדיקער אויסוואַנדערונג קיין ווענעצועלע, ווערט פֿון דאָס נײַ אָנגעוויזן, אַז די ווענעצועלער רעגירונג וויל דערווײַל אָננעמען מערניט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע משפּחות מיט קינדער, צום בעסטן זין, וואָס דער ראָש פֿון דער משפּחה בײַ זיי איז אַלט ביז אַן ערך 35 יאָר. — אַפּליקאַציעס פֿון ניט־חתונה־געהאַטע וועלן דעריבער לעת־עתּה בלײַבן אָן אַ רעזולטאַט.

משפּחות קענען בײַ געוויסע באַדינגונגען מיטנעמען איין אָדער עטלעכע קרובֿים מאַנסבילן.

בײַ דער שריפֿטלעכער ווענדונג צום מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ דאַרף בפֿירוש דערמאָנט ווערן, צי דער אָנפֿרעגער איז באַווײַבט, אויך וויפֿל קינדער ער האָט און זייער עלטער.

דאָס אָפּקלײַבן די קאָלאָניסטן

פֿון די אָנפֿרעגערס האָבן אַ וואָסערע 500 אויסגעפֿילט און אַרײַנגעשיקט די ספּעציעל אויסגעאַרבעטע אַפּליקיר־בויגנס. ווי שוין באַמערקט, איז געווען איין תּנאַי דערבײַ, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן זײַן לאַנדווירטן. דער פֿאָרזיצער פֿון דער ערדגעזעץ־קאָמיסיע ה' נילס פֿרעדעריקסען האָט בעת די צוגרייטנדיקע אונטערהאַנדלונגען געהאַט געגעבן אַן עצה, מען זאָל פֿועלן בײַם לאַנדווירט־שאַפֿטלעכן ראַט, ער זאָל מיטהעלפֿן בײַם אָפּקלײַבן די משפּחות וואָס דאַרפֿן

אַוועקפֿאָרן. דער נאָרמאַלער גאַנג בײַם אָפּקלײַבן פֿון צווישן די אַפּליקאַנטן איז געווען אַזאַ, אַז די אַפּליקאַציע איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן ראַט. אַ תּנאַי פֿאַר אָנגענומען ווערן איז געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז „לויט דער מיינונג פֿון ראַט מעג מען זאָגן, אַז דער בעל־דבֿר באַפֿרידיקט די פֿאָדערונגען וואָס מען דאַרף שטעלן צו לאַנדווירטשאַפֿטלעכע עמיגראַנטן אויף וויפֿל דאָס איז שייך קוואַליפֿיקאַציעס אין הילכות לאַנדווירטשאַפֿט“ אָדער „דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ראַט קען זיך אַרויסזאָגן ע״פּ די צונויפֿגענומענע אינפֿאָרמאַציעס, אַז מען מעג משער זײַן, אַז דער אַפּליקאַנט טויג פֿאַר אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן עמיגראַנט“. די ווענדונג צום לאַנדווירטשאַפֿטלעכן ראַט איז געמאַכט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פֿון עמיגראַציע־שעף; ה׳ דע לאַס קאַסאַס האָט קיין מאָל ניט פֿאַרלאַנגט אַזאַ ווענדונג און זאָל זיך אַפֿילו האָבן געקלאָגט, אַז די דאָזיקע מיטווירקונג פֿאַרהאַלט דאָס צונעמען די עמיגראַנטן. בײַ עטלעכע אַפּליקאַנטן איז קיין שום אָפּהאַלט מצד דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן ראַט ניט געווען, אויף וויפֿל מען האָט געקענט אַרויסזען דעם בעל־דבֿרס לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אויסבילדונג פֿון אַ צײַגעניש, אַרויסגעגעבן לויט זײַן בקשה פֿון מענטשן וואָס ער קען און וואָס זייערע חתימות זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן פֿון פּאָליציי.

אין דער צײַט וואָס מען האָט געשלאָסן דעם קאָנטראַקט מיט די אָפּגעקליבענע אַפּליקאַנטן האָט דער עמיגראַציע־שעף אין בײַזײַן פֿון ה׳ דע לאַס קאַסאַס און איינעם פֿון די באַאַמטע פֿון מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ געהאַט אַ שמועס מיט יעדער איינציקן, און קיין קאָנטראַקט איז ניט געחתמעט געוואָרן איידער אַלץ איז געווען בפּרטיות אַרומגערעדט מיטן אַפּליקאַנט און איידער ה׳ דע לאַס קאַסאַס האָט געהאַט פּערזענלעך געגעבן זײַן הסכּמה, אַז דער בעל־דבֿר זאָל אַרויסגעשיקט ווערן.

אין דעם גאַנצן פּעריאָד האָט די פּרעסע זיך באַריכות פֿאַרנומען מיטן קאָלאָניזיר־פּראָיעקט. מיט שאַרפֿע קריטיקן זײַנען אַרויס: אַ געוועזענער לאַנדמעסטער אין פּאַראַגווײַ ה׳ דזשאַן פּעטערסען, פּראָפֿעסאָר ה. אָ. ג. עלינגער, אַ פּאָר דענער וואָס האָבן אַ קורצע צײַט פֿאַרבראַכט אין ווענעצועלע און עטלעכע מיטאַרבעטערס פֿון טעגלעכע צײַטונגען. Politiken האָט דעם 17טן מײַ אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיטן קעפּל: „ווי לײַבקנעכט פֿאָרן 250 דענער קיין ווענעצועלע“. Berlingske Aftenavis פֿון דעם זעלביקן טאָג האָט אויך אָנגערופֿן דעם קאָנטראַקט צווישן ווענעצועלע און די עמיגראַנטן אַ לײַבקנעכטשאַפֿט „וואָס וועט בינדן די קאָלאָניסטן אויף זייער גאַנצן לעבן“, און דער שרײַבער האָט צוגעגעבן, אַז כאָטש די איניציאַטיוו פֿונעם עמיגראַציע־שעף איז ווערט געלויבט צו ווערן, האַלט ער פֿאָרט, „אַז בעסער וואָלט געווען, ווען די אָפֿיציעלע אָרגאַניזאַציע פֿון דער דענישער מלוכה וואָלט זיך געהאַלטן אין אַ זײַט.“ Börsen האָט איבערגעגעבן די מיינונג פֿון

אַ לאַנדווירט, אַז דער קאָנטראַקט איז „ממש אַ משוגעת״, און Aalborg Amtstidende האָט געשריבן דעם 19טן מײַ, אַז מען קען ניט פֿאַרשטיין, „ווי אַזוי דאָס אָפּיציעלע דענישע מלוכה־ביוראָ האָט געקענט מיטווירקן בײַ דער דאָזיקער קאָלעקטיווער עמיגראַציע.״

פֿאַרקערט אָבער איז געווען אַ צאָל דענישע אויסלאַנד־פּיאָנירן וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען האָט נאָך קיין מאָל ביז אַהער ניט געהאַט פֿאַר־געלייגט אַ גרופּע עמיגראַנטן אַזוינע גוטע באַדינגונגען ווי ווענעצועלע האָט איצט געגעבן, און דעם 20טן מײַ 1938 איז קאַפּיטאַן באַרק אַרויסגעטראָטן אין ראַדיאָ מיט אַן אויסגעצייכנטער רעדע קעגן די טענות. ס׳וואָלט זיך גאָרניט געלאָזט פֿאַרענטפֿערן, האָט ער געזאָגט, ווען מען זאָל געווען אָפּוואַרפֿן דעם ווענעצועלער אָנבאָט.

נאָך דער אַרויסטרעטונג פֿון עמיגראַציע־שעף אין ראַדיאָ איז די פּרעסע געוואָרן פֿרײַנדלעכער צום אויסוואַנדער־פּלאַן.

די קאָנטראַקטן

די טענות פֿון דער קריטיק זײַנען געגאַנגען דער עיקר קעגן די קאָנ־טראַקטן צווישן די דענישע קאָלאָניסטן און ווענעצועלע. איך ברענג דעריבער אַן איבערזעצונג פֿונעם קאָנטראַקט און פֿונעם צוגאָב־הסכם וואָס איז לויט דער איניציאַטיוו פֿונעם עמיגראַציע־שעף אָפּגעשלאָסן געוואָרן צווישן ה׳ לאָס קאַסאָס און אים:

קאָלאָניזיר־קאָנטראַקט

צווישן דער רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון ווענעצועלע, רעפּרעזענטירט דורך איר אימיגראַציע־קאָמיסאַר אין אייראָפּע און וואָס חתמעט פֿון איין צד, און פֿונעם צווייטן צד

ה׳........................געבוירן אין..........קרײַז אין קיניג־רײַך..............לאַנדווירט פֿון פֿאַך......יאָר אַלט, אין זײַן אייגנשאַפֿט פֿונעם ראָש פֿון אַ קאָלאָניסטן־משפּחה וואָס שטעלט זיך צונויף פֿון זײַן פֿרוי.................יאָר אַלט, פֿון זייערע קינדער.............יאָר אַלט און באַלייטערס

...........................פֿאָטער,.........יאָר אַלט
...........................ברודער,.........יאָר אַלט
...........................שוועער,.........יאָר אַלט
...........................שוויגער,.........יאָר אַלט
אַלע לעת־עתּה תּושבֿים אין....................
איז געשלאָסן געוואָרן דער ווײַטערדיקער אָפּמאַך.

1. ה׳............, ווײַטער אָנגערופֿן „דער קאָלאָניסט״, דערקלערט, אַז ס׳איז זײַן פֿאַרלאַנג אָוועקצופֿאָרן קיין ווענעצועלע אין איינעם מיט די

אויבן אָנגערופֿענע משפּחה־מיטגלידער און באַלייטערס, וואָס ער נעמט זיך אונטער זיי צו רעפּרעזענטירן, און פֿאַר אַ זיכערקייט פֿון זייער איינ־שטימיקייט וועלן זיינע פּאָליאַריקע קינדער און באַלייטערס חתמענען אין איינעם מיט אים דעם איצטיקן דאָקומענט, אַז ער וויל זיך איינאָרדענען אין דעם דערמאָנטן לאַנד און אַז די אַלע דערמאָנטע אימיגראַנטן וועלן זיך פֿאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפֿט אין וועלכן עס איז צווייג אויפֿן אָרט אָדער אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניע וואָס די רעגירונג פֿון ווענעצועלע וועט אָנווייזן.

2. די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון ווענעצועלע, ווייטער אָנגערופֿן „די רעגירונג", שטעלט אין רשות פֿון דער אויבן דערמאָנטער משפּחה און באַלייטערס די ווייטערדיקע גענויסונגען:

א) אַן אוואַנס אויף רייזע־הוצאות דריטע קלאַס אייזנבאַן אָדער מיט אַן אַנדער טראַנספּאָרט־מיטל ביזן איינשיפֿפּאָרט און מיט אַ טראַנסאַטלאַנ־טישן דאַמפֿער פֿון איינשיפֿפּאָרט ביזן אויסשיפֿפּאָרט אין ווענעצועלע.

ב) אומזיסט וווינונג, קעסט און אַריבערפֿאַר פֿאַרן קאָלאָניסט און די דערמאָנטע משפּחה־מיטגלידער און באַלייטערס אין איינעם מיט טראַנספּאָר־טירן זייער באַגאַזש פֿון דעם אויסשיפֿפּאָרט ביז דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניע אָדער דעם אָרט, וווּהין מען וועט אים אָנווייזן.

ג) אַן איבערגעבונג פֿון צום ווינציקסטן זעקס העקטאַר [1 העקטאַר איז 2.471 אַקער] לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ערד פּלוס איין העקטאַר פֿאַר איט־לעכן זון אָדער באַלייטער, אויף פּאָפּצן יאָר צייט. די איבערגעגעבענע ערד וועט לעצטגילטיק איבערגעגעבן ווערן דעם קאָלאָניסט, אויב ער וועט אין צען יאָר צייט האָבן קולטיווירט דעם גאַנצן שטח ערד.

ד) אַ וווינהויז מיט מעבל און די נייטיקסטע היגיענישע איינאָרדע־נונגען. דער באַטרעף פֿאַר די דאָזיקע וועט, פֿאַר קרן, דעביטירט ווערן דעם קאָלאָניסט ווי אַן אוואַנס עד־לחשבון.

ה) גענוגע און געזונטע שפּייז פֿאַרן קאָלאָניסט און זיינע דער־מאָנטע משפּחה־מיטגלידער און באַלייטערס די ערשטע זעקס חדשים נאָכן איינאָרדענען זיך — דאָס אויך ווי אַן אוואַנס עד־לחשבון.

ו) צושטעלונג פֿון געצייג, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מכשירים און די נייטיקע אַרבעט־בעל־חיים, ווי אויך פֿון אַזוינע שטוביקע בעל־חיים וואָס וועלן קענען געהאָדעוועט ווערן פֿון פֿאַרקויף וועגן אָדער פֿון אייגענער פֿאַרזאָרגונג וועגן, לויטן אייגזען פֿון די מאַכטאָרגאַנען אין דער קאָלאָניע אָדער אויף דעם אָרט ווו די קאָלאָניסטן וועלן איינגעאָרדנט ווערן. — די אַלע צושטעלונגען וועלן אַרויסגעגעבן ווערן ווי אַן אוואַנס עד־לחשבון.

ז) אומזיסטע מעדיצינישע הילף, אַרײַנגערעכנט רפֿואות, אײַנשפּריצונגען, סאָציאַל־היגיענישע אײַנריכטונגען, אויפֿהאַלט אין שפּיטאָל און כירורגישע אָפּעראַציעס.

ח) אומזיסטע שולבילדונג.

ט) אומזיסטע צושטעלונג פֿון זריעה, אָבער נאָר פֿאַר איין מאָל.

י) שותּפֿישע לאָנקעס וועלן געשטעלט ווערן אין רשות פֿון די קאָלאָניסטן אויף פּאַשע און אויף האָדעווען שעפּסן.

יא) אין רשות פֿון די קאָלאָניסטן וועלן געשטעלט ווערן שותּפֿישע קאָווע־פּלאַנטאַציעס וואָס יעדער קאָלאָניסט וועט זײַן מחויבֿ צו באַאַרבעטן אין יענע טעג וואָס דער אַדמיניסטראַטאָר פֿון דער קאָלאָניע וועט אים אָנווײַזן, און דער אײַנטראָג דערפֿון וועט אויסגעצאָלט ווערן במזומן דעם קאָלאָניסט, אין פּראָפּאָרציע צו דער אַרײַנגעלייגטער אַרבעט, ער זאָל דאָס ניצן ווי ער פֿאַרשטייט.

יב) דער קאָלאָניסט וועט האָבן אַלע רעכט וואָס די קאָנסטיטוציע און דער געזעץ פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון ווענעצועלע גיבן פֿאַר אויסלענדערס און אַלע געניסונגען וואָס דער גילטנדיקער געזעץ וועגן אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע גיט די אימיגראַנטן.

3. דער קאָלאָניסט איז זיך מתחייבֿ פֿון זײַן זײַט:

א) צו רעספּעקטירן און אָפּצוהיטן די אינעווייניקסטע רעגולאַציעס פֿון דער קאָלאָניע.

ב) אַרויסווײַזן גוטע הנהגה און דיסציפּלין.

ג) צו באַאַרבעטן זײַן נחלה אין הסכּם מיט די אָנווײַזונגען פֿונעם אַדמיניסטראַטאָר אָדער פֿונעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאָלאָניע.

ד) ניט צו פֿאַרקויפֿן זײַן געוועט אויפֿן אָפֿענעם מאַרק כּל־זמן ער קומט דער רעגירונג געלט, נאָר אָפּליווערן דאָס געוועט דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער קאָלאָניע פֿאַר שותּפֿותדיקן פֿאַרקויף צום בעסטן פּרײַז וואָס מען קען דערלאַנגען.

ה) כּסדר צו האַלטן זײַן נחלה באַאַרבעט און אין גאַנג ווי לאַנדווירטשאַפֿטלעך אייגנס.

4. דער אַוואַנס, אויף וועלכן ס'ווײַזט אָן פּאַראַגראַף 2 פֿון דעם איצטיקן קאָנטראַקט, וועט צוריקגעצאָלט ווערן דורכן קאָלאָניסט דער אַדמיניסטראַציע פֿון קאָלאָניע אויף אַזאַ אופֿן:

א) דער אַוואַנס פֿאַרן עסנוואַרג וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע זעקס חדשים נאָכן אײַנאָרדענען זיך — מיט צוואַנציק פּראָצענט פֿון דער ברוטאָ־סומע פֿון זײַן שניט, ביז וואַנען די סומע וועט זײַן אויסגעגליכט אין גאַנצן.

ב) די אַוואַנסן פֿאַר רײַזע־הוצאות פֿון אייראָפּע ביזן וועגעצוועלער פּאָרט, וווינהויז, פֿאַרבעסערונגען, אַרבעט־ און שטוב־בעלי־חיים, געצײַג און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מכשירים וועלן גערעכנט ווערן אויף אַ באַזונדער חשבון וואָס וועט געשלאָסן ווערן אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם ווי דער קאָלאָניסט וועט זיך אײַנאָרדענען; נאָך דעם מאָמענט וועט דער קאָלאָניסט אָנהייבן אָפּצאָלן די סומע מיט צוואַנציק פּראָצענט אַלע יאָר, ד"ה אין פֿינף יאָריקע סומעס פֿון איין גריים. — די רעגירונג איז באַרעכטיקט צו פֿאַרלענגערן די דאָזיקע טערמינען אין פֿאַל פֿון שלעכטע יאָרן אָדער אומגערעטעניש.

ג) די רעגירונג וועט ניט אָנרעכענען קיין פּראָצענטער אויף די אַרויס־געגעבענע אַוואַנסן, פֿון וואָסער מין זיי זאָלן ניט זײַן.

5. דער קאָלאָניסט קען ניט אַוועקוואַרפֿן זײַן נחלה, אָדער איבער־רײַסן זײַן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט אויף איר, איידער ער וועט האָבן אין גאַנצן צוריקגעצאָלט דעם חובֿ וואָס ער האָט געהאַט גענומען אויף זיך מיט די באַקומענע אַוואַנסן.

6. אויב דער קאָלאָניסט וועט ניט אויספֿאָלגן וועלכע עס איז פֿון די תּנאים וואָס אָט דער קאָנטראַקט לייגט אויף אים אַרויף — שלעכטע אויפֿפֿירונג, ברעכן די דיסציפּלין, שטענדיקע שיכּרות, מרידה אָדער פֿאַר־שפּרייטונג פֿון עקסטרעמע פּאָליטישע אידעעס אָדער אַזוינע וואָס זײַנען אין סתּירה מיט דער וועגעצוועלער קאָנסטיטוציע — וועט דאָס געבן דער רעגירונג דאָס רעכט צו דערקלערן דעם קאָנטראַקט פֿאַר אַנולירט.

7. אַ ספֿק אָדער אַ סיכסוך פֿון וועלכן מין עס זאָל ניט זײַן, וואָס קען אויפֿקומען אין שײַכות מיטן איצטיקן קאָנטראַקט און וואָס קען ניט אויסגעשטימט ווערן פֿון די צדדים בשלום, וועט אויסגעשטימט ווערן פֿון די קאָמפּעטענטע וועגעצוועלער געריכטן אין הסכּם מיט די געזעצן פֿון לאַנד, און די פֿראַגע קען ניט איבער קיין שום טעם אָדער סיבה געבן אַ געלעגנהייט פֿאַר אויסלענדישע תּבֿיעות.

דער איצטיקער קאָנטראַקט ווערט אונטערגעשריבן אין דרײַ אידענטישע עקזעמפּלאַרן און פֿאַרן זעלביקן צוועק, און איינער פֿון די דאָזיקע עקזעמ־פּלאַרן בלײַבט אין דעם קאָלאָניסטס באַזיץ.

אין.............	דעם................

פֿרעגבויגן וואָס דער קאָלאָניסט דאַרף אויספֿילן

פֿולער נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען......באַשעפֿטיקונג.......געבוירן־אָרט, שטאָט......קרײַז....... לאַנד....... געבוירן־טאָג....... דעם פֿאָטערס נאָ־מען...... דעם פֿאָטערס געבוירן־אָרט...... דער מוטערס פֿולער נאָמען

...... דער מוטערס געבוירן־אָרט...... טאָג פֿון דער חתונה...... דער פֿרויס פֿולער נאָמען...... דער פֿרויס געבוירן-אָרט און געבוירן־טאָג...... קינדער: נאָמען...... עלטער...... געבוירן־אָרט...... שול־אויסבילדונג: דעם קאָלאָניסטס...... דער פֿרויס......די קינדערס...... די שפּראַך, אויף וועלכער זיי ריידן...... ראַסע...... רעליגיע...... פּאָליטישע איבערציי־גונג...... צי פֿאַרמאָגט ער אייגנס? (ספּעציפֿיצירן)...... וואָס פֿאַר אַ סומע מזומנים האָט ער אין זײַן רשות?...

צוגאָב־הסכם

צווישן דעם אונטערגעחתמעטן אימיגראַציע־קאָמיסאַר אין אייראָפּע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון ווענעצועלע, ווי אַ באַפֿולמעכטיקטן פֿון דער מלוכה־רעגירונג, און דעם אונטערגעחתמעטן עמיגראַציע־שעף פֿאַר דענעמאַרק איז הײַנט דערגרייכט געוואָרן אַן אײַנשטימונג וועגן דעם ווײַטערדיקן צוגאָב־הסכּם וואָס שייך דעם אויבן געשטעלטן קאָלאָניזיר-קאָנטראַקט:

1. די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון ווענעצועלע איז מסכּים, אַז די קאָלאָניסטן האָבן דאָס רעכט, צו גלײַך מיטן אַדמיניסטראַטאָר וואָס די ווענעצועלער רעגירונג באַשטימט, אָנטייל צו נעמען אין דורכפֿירן די קאָמ־פּעטענצן וואָס ווערן געגעבן דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער קאָלאָניע, צוו"אַנד אין די §3 אַ, ג און ד און §4 פֿון קאָנטראַקט.

2. די וועג־פֿאַרבינדונג פֿון וואַלענסיע ביז דער קאָלאָניע אין טשירגוא ווערט געהאַלטן, אָן אַ הוצאה פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע, דורך דער רעגירונג פֿון ווענעצועלע אין אַ זיכערן צושטאַנד פֿאַר אויטאָ-טראַנס־פּאָרט, אַזוי אַז טראַנספּאָרט־שוועריקייטן זאָלן ניט זײַן קיין מניעה פֿאַר אַ גליקלעכער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָלאָניע.

3. מיטן ערשטן אָנקום פֿון די קאָלאָניסטן אין דער קאָלאָניע ווערט דאָס וווינהויז וואָס איז אַרומגערעדט אין §2 ד פֿון קאָנטראַקט אין אַ פֿאַר־טיקן שטאַנד תּיכּף געשטעלט אין רשות פֿון קאָלאָניסט אויף די תּנאים וואָס זײַנען אָנגעוויזן אין קאָנטראַקט.

4. אויף וויפֿל דער קאָלאָניסט וועט מחמת קראַנקייט ניט קענען לענ־גער אויספֿאָלגן די התחייבֿות וואָס ליגן אויף אים לויטן קאָנטראַקט, ווי אויך אין פֿאַל פֿון זײַן טויט, מאַכט די אַדמיניסטראַציע פֿון דער קאָלאָ־ניע, אין אײַנשטימיקייט מיט די פּערזאָנען וואָס שטייען ווי מיטגעחתמעטע אויף זײַן קאָלאָניזיר־קאָנטראַקט און אויך ווי ווײַט זיי פֿאַרלאַנגען דאָס, אַן אָפּרעכענונג און אין פֿאַרבינדונג דערמיט אַ קרעדיטירונג פֿאַר אָפּגע־טאָנענער אַרבעט.

אויפֿן זעלביקן אופֿן איז מען זיך נוהג אויך אין פֿאַל, ווען די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן ניצט אויס איר אָנוליר־רעכט לויטן §6 פֿונעם קאָנטראַקט.

5. ס'ווערט פֿאַרשטאַנען, אַז די אַרבעט אין די קאָאָפּעראַטיוו־פּלאַנטאַציעס וואָס זײַנען אַרומגערעדט אין §2 יאָ פֿון קאָנטראַקט קען פֿאַרנעמען דעם קאָלאָ־ניסטס צײַט נאָר אין אַזאַ פֿאַרנעם ווי די אײַנזעעניש פֿאַר אַרבעט אויף דעם קאָלאָניסטס אייגענעם שטיק ערד דערלאָזט דאָס, און די דאָזיקע הנחה דאַרף דעצידירן בײַ די דיספּאָזיציעס פֿון דער שותּפֿישער אַדמיניסטראַציע אין דעם פּרט.

6. ס'ווערט פֿאַרשטאַנען, אַז דער אײַנטראָג פֿון דער שותּפֿישער קאָאָפּע־פּלאַנטאַציע ווערט ניט אַרײַנגערעכנט אין דעם קאָלאָניסטס ברוטאָ־הכנסה וואָס איז דער יסוד פֿאַר זײַן צוריקצאָל־התחייבֿות לויט §4 אַ פֿונעם קאָנטראַקט.

7. פֿון ביידע צדדים ווערט באַשטימט פֿאַרשטאַנען בײַם אויסשטעלן דעם גאַנצן סדר און בײַם שליסן דעם קאָנטראַקט, אַז די קאָלאָניזאַציע־פֿאַר־העלטענישן זײַנען אין פּרט פֿון גוטסקייט פֿון דער ערד, קלימאַטישע און אַנדערע באַדינגונגען אַזוינע, אַז דער קאָלאָניסט באַקומט אַזוינע אײַנלעב־מיגלעכקייטן, אַז חוץ דער צוריקצאָלונג וועט ער קענען באַפֿרידיקן זײַן משפּחהס פֿאָדערונג נאָך געהעריקע לעבנס־תּנאים און האָבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ קלענערע אָפּשפּאָרונג אויף צו ניצן ווען ס'וועט אויסקומען, און די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון ווענעצועלע דערקלערט, אַז זי איז אין גאַנצן מסכּים דערמיט, אַז די פֿאָדערונגען על־פּי קאָנטראַקט וועלן אַרויסגעשטעלט ווערן לגבי דעם קאָלאָניסט נאָר אין אַזאַ פֿאַרנעם, אַז ס'זאָל אים קענען געגעבן ווערן אַזאַ מעמד.

קאָפּענהאַגן, דעם ..... 1938.

מלוכישער עמיגראַציע־שעף   אימיגראַציע־קאָמיסאַר

די קאָנטראַקטן זײַנען, ווי מען זעט, אין יעטווידער איינציקן פֿאַל אָפּגע־שלאָסן צווישן דער ווענעצועלער רעגירונג און דעם קאָלאָניסט. דער צוגאָב־הסכּם איז נאָר אויסן פֿעסטצושטעלן די נעענטערע אויסטײַטשונג פֿונעם קאָנטראַקט און די ריכטליניעס, לויט וועלכע די ווענעצועלער רעגירונג וועט גיין אין פּרט פֿון דורכפֿירן אים; און מען קען דאָס ניט אויפֿנעמען ווי אַ סימן, אַז די דענישע מלוכה איז דורכן עמיגראַציע־ביוראָ אַרײַן ווי אַ פֿאַר־אַנטוואָרטלעכער צד אין די אָפּגעשלאָסענע אָפּמאַכן.

אָנגעקומען אין טשירגואַ

אין גאַנצן זײַנען אָפּגעקליבן געוואָרן 48 משפּחות וואָס זײַנען אין צוויי פּאַרטיעס, דעם 4טן און 23טן יוני 1938, אַרויסגעפֿאָרן — די ערשטע קיין

לאַ גוואַירא, די צווייטע קיין פּוערטאָ קאַבעליאַ, כּדי פון דאָרטן אָפּצופאָרן צום באַשטימטן אָרט אין טשירגואַ־טאַל. די צוויי עקספּעדיציעס האָבן אַרומ־גענומען 278 פּערזאָן: 48 ראָשים פון די משפּחות, זייערע פרויען, 171 קינ־דער און 11 בחורים־באַלייטערס.

אַן ערך 3 וואָכן איידער די ערשטע קאָלאָניסטן זײַנען אַרויסגעפאָרן איז אָוועקגעפאָרן קיין ווענעצועלע פּעטער מאַדסביערג מיט זײַן פאַמיליע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן צוטרויער פון די קאָלאָניסטן.

די קאָלאָניסטן זײַנען אויפגענומען געוואָרן מיטן שענסטן כּבֿוד, און זייער אָנקומען אין ווענעצועלע האָט געמאַכט אַ היפשן רושם.

נאָך דעם זײַנען געקומען מיט וויזיטן אין דער קאָלאָניע אַרײַן פאַרשיי־דענע זשורנאַליסטן און פּרעסע־פאָטאָגראַפירערס וואָס האָבן בפּרטיות באַשריבן די תּנאים און בדרך־כּלל געמאָלט די קאָלאָניע און אירע פּערספּעקטיוון אין ליכטיקע קאָלירן. ס׳איז אָגבֿ אַ פראַגע, צי דער אופן, ווי די דענישע פּרעסע האָט זיך פאַרנומען מיט יעדער איינציקן קאָלאָניסט און זײַנע פאַרהעלטענישן, האָט ניט מיטגעהאָלפן דערצו, אַז זיי, וואָס ביז יעמאָלט זײַנען זיי ניט געווען אײַנגעוווינט, די וועלט זאָל זיך מיט זיי אַזוי שטאַרק אינטערעסירן, זאָלן זיך נעמען אין אַ הויכן גראַד פילן ווי אַ צענטער, וואָס אַרום אים דרייט זיך אַלצדינג. אַ גרויסער טייל עמיגראַנטן האָבן חוץ דעם געשריבן אַהיים קיין דענעמאַרק צו די לאָקאַלע צײַטונגען וועגן אַלע טאָג־טעגלעכע פאַקטן פונעם לעבן אין דער פרעמד. ס׳איז ניטאָ קיין ספק, אַז דאָס האָט מיטגעווירקט צו שאַפן אַ געוויסע גרויסהאַלטערישקייט, און דערפון האָבן זיך גענומען דיס־קוסיעס און קריטיק.

ווען די קאָלאָניסטן זײַנען אָנגעקומען אין דער באָליוואַר־קאָלאָניע (דאָס איז דער אָפיציעלער נאָמען) אין טשירגוא, זײַנען די הײַזער און די צוגאַנג־וועגן נאָך ניט געווען פאַרטיק. די אַרבעט האָט זיך פאַרהאַלטן איבער דער רעגנצײַט, און דאָס צוטיילן די נחלאות ווידער האָט זיך פאַרהאַלטן איבער אַ בײַט אין דער רעגירונג, וואָס דאָס האָט אָגבֿ געבראַכט דערצו, אַז אויף אַ צאָל אָמטן האָט מען אַוועקגעזעצט נײַע מענטשן.

ניט געקוקט דערויף, זײַנען פון די קאָלאָניסטן — ווי אויך פון די דענער וואָס זײַנען אין יענער צײַט געווען אין ווענעצועלע — געקומען נאָר באַגײַס־טערטע אַרויסזאָגונגען וועגן די אומשטאַנדן.

ה׳ בערטראַם בלעקינבערג, אַן אָנגעשטעלטער אין דער פּוטער־עקספּאָרט־פירמע ל. ע. ברון אין ווענעצועלע, האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין Berlingske Tidende (סעפּטעמבער 12, 1938), אַז אַלע דענישע עמיגראַנטן לעבט זיך גלענצנד, אַז זייערע דירות זײַנען גערױם און פּראַקטיש, אַז זייער געזונט־צושטאַנד איז אויסגעצייכנט און אַז אין דער גאַנצער קאָלאָניע איז ממש אַן אידיליע.

אין טשירגואַ

אויפֿן סמך פֿון די פֿאַראַנענע באַריכטן — בעל־פּה און געשריבענע — לאָזט זיך וועגן דער קאָלאָניע פֿעסטשטעלן אָט וואָס:

די הײַזער זײַנען געבויט פֿון צעמענטבלאָקן און אינעווייניק געטינקעוועט, מיט אַ קליינער געדעקטער וועראַנדע און אַ הויף. יעטווידער הויז האָט 4 צימערן, אַ קיך, אַ שפּריצבאָד און וואַסער־טואַלעט. דער דאַך איז פֿון קרעאָזאָטירטן פּעך מיט אַן איבערדעקונג. אין אַלע הײַזער איז פֿאַראַן עלעקטריע. אין צענטער פֿון דער שטאָט געפֿינען זיך די קירך (נאָך ניט פֿאַרענדיקט), די שול, דער שווימבאַסיין און די קראָם („קאָאָפּעראַטיוו”), אויף דער פּעריפֿעריע דער ספּאָרטפּלאַץ, די עלעקטרישע סטאַנציע און דער שפּי־טאָל. די אַדמיניסטראַציע פֿון דער קאָלאָניע איז אין אַן אַלטן הויף, אַ 400־500 מ [1000־1300 פֿוס] פֿון צענטער. די ערד פֿון דער קאָלאָניע ליגט צעשפּרייט אַרום דער קאָלאָניע גופֿא אויף אַ לענג פֿון 4־5 קמ [2,5 — 3,1 מײַל]. כּדי צו פֿאַרהיטן פֿון אומגערעטעניש דורך טריקעניש האָט די רעגירונג אײַנגעאָרדנט אַ באַוואַסער־סיסטעם פֿון דעם דערבײַיִקן טײַך טשירגואַ. דער וועג צווישן וואַלענסיע און דער באָליוואַר־קאָלאָניע איז נאָכן אָנקומען פֿון די קאָלאָניסטן שטאַרק אויסגעבעסערט געוואָרן און איז 1938 געווען אין אַ גוטן מצבֿ; אויך זײַנען דורכגעלייגט געוואָרן וועגן צווישן די נחלאות. דאָס טרינקוואַסער איז געווען גוט. דער געזונט־צושטאַנד אין דער קאָלאָניע איז אויך אַרום און אַרום געווען אַ גוטער, קיין טראָפּישע קראַנקייטן האָבן זיך ניט געטראָפֿן. איין קינד איז געשטאָרבן פֿון דיפֿטעריט, געווען אַן איינציקער פֿאַל פֿון טיפֿוס, עטלעכע פֿאַלן פֿון אויגן־פֿאַרצינדונג, און איין פֿרוי פֿון אַ קאָלאָניסט האָט ניט געקענט איבערטראָגן דעם קלימאַט מחמת דעם ניוואָ פֿון דעם אָרט. אַראָפּגערעכנט דאָס זײַנען ניטאָ קיין ידיעות וועגן ערנצטערע קראַנקייטן. מערניט אַנדערע, איבער הויפּט קינדער, וואָס זײַנען געגאַנגען באָרוועס, האָבן געליטן פֿון געוויסע אינסעקטן און ווערעם.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, האָבן איינציקע קאָלאָניסטן גענומען אַרויסווײַזן זייער אומצופֿרידנקייט. און מען קען ניט אין גאַנצן אָפּלייקענען, אַז צווישן די קאָלאָניסטן זײַנען געווען עלעמענטן וואָס האָבן ניט געטויגט פֿאַר עמיגראַציע און וואָס זייער שטייגער האַלטן זיך האָט געמעגט אַרויסרופֿן חידוש בײַ פֿרעמדע. פֿאַראַן צווישן די אויסוואַנדערערס מענטשן וואָס האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ניט ווי ס׳געהער צו זײַן, און דערפֿון נעמט זיך, וואָס לפֿי־ערך פֿרי איז געוואָרן אַ בייז לעבן צווישן דעם צוטרויער פֿון די קאָלאָניסטן ה׳ מאַדסביערג און אַ טייל פֿון די אַנדערע קאָלאָניסטן. זיי האָבן אים באַשולדיקט — מיט דער טענה זײַנען, אומבאַרעכטיקטערהייט, אַרויס עטלעכע נאַציסטישע בלעטער נאָך איידער מען איז אַרויסגעפֿאָרן — אַז ער האָט פֿאַרדינט פֿון געוויסע אײַנקויפֿן אויפֿן חשבון פֿון די קאָלאָניסטן. דער

פֿאַקט וואָס אַלע דענער האָבן געוווּנט אַזוי געדיכט איינע לעבן די אַנדערע, אַז יעטווידער משפּחה האָט פּינקטלעך געקענט זען וואָס עס טוט זיך ביַי די אַנדערע, האָט בלי־ספק געגעבן היפּש שטאָף פֿאַר לשון־הרע (בשעתו האָט קאַפּיטאַן באַרק געפּרוּווט ביַיטן דעם פּלאַן פֿון דער קאָלאָניע אויף אַזאַ אופֿן, אַז אַ טייל היַיזער זאָל געבויט ווערן מחוץ די נחלאות, נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר עקאָנאָמיש אוממיגלעך ווען מען וויל בויען אַ מוסטער־קאָלאָניע מיט אַלע מאָדערנע טעכנישע איַינאָרדענונגען), און ס׳איז געווען אומגעזונט, וואָס ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צייַט ביז וואַנען די קאָלאָניע איז פּאַרטיק געוואָרן און וואָס אין משך פֿון דער דאָזיקער צייַט האָבן די קאָלאָניסטן פּראַקטיש גענומען גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן. ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע מעלה, — דער עמיגראַציע־שעף האָט טאַקע אַזוי געוואָלט — ווען מען זאָל געווען אָפּלייגן דעם אַרויספֿאָר פֿון די קאָלאָניסטן ביז דעם מאָמענט ווען ס׳וועט קומען אַ ידיעה, אַז אַלץ איז אָנגעגרייט אויף צוצונעמען זיי.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז געווען אַן אַרטיקל אין El Heraldo פֿון אָקטאָבער 25, 1938, ווו ס׳איז געשטאַנען: „די סמאָהע גייט איבער ביַי איטלעכן לייִדיק־גייער אין קאַראַקאַס. זיי ווערן פּשוט קראַנק פֿון זען די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דער באַליוואַר־קאָלאָניע מיט די האַמאַקן, שינקעס, פּע־נעצלעך מיט פּוטער און געזאַלצנס. פֿיר חדשים אָן שום אַרבעט!"

די קאָלאָניסטן וואָס האָבן זיך געקלאָגט האָבן געטענהט, אַז די רעגירונג האָט ניט אויסגעפֿאָלגט אירע התחייַבֿותן פֿון §2 פֿון קאָנטראַקט, פּונקטן ג, ד, ה:

1. די היַיזער זיַינען ניט געווען פֿאַרטיק ביַי ציַיטנס.

היות דאָרטן זיַינען פֿאַרט געווען היַיזער, אין וועלכע מען האָט געקענט וווינען און פֿאַרטיקערהייט צופֿרידנשטעליקע, און היות זייער קאָמפּאַרט האָט היפּש איבערגעשטיגן דאָס וואָס אַפֿילו אַן עמיגראַנט אַ מוצלח קען דערגרייכן אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען נאָך שיינע עטלעכע יאָר, לייג איך ניט קיין צו גרויס אַכט אויף דער דאָזיקער טענה, און מיַין איַינדרוק איז, אַז די דענער אין ווענעצועלע שטריַיכן אויך ניט אונטער דעם פּונקט מער פֿאַר מיר.

2. די מכשירים און די שטוביקע בעלי־חיים זיַינען צוגעשטעלט געוואָרן די קאָלאָניסטן צו שפּעט, און וואָס שייך די בעלי־חיים זיַינען די מקחים געווען צו הויך.

ניטאָ קיין ספק, אַז די צושטעלונגען זיַינען געקומען צו שפּעט. נאָר די האַנט־מכשירים האָבן די קאָלאָניסטן באַקומען גיך, טראַקטאָרן האָט מען געקענט אויסליַיען ביַי דער אַדמיניסטראַציע וואָס האָט געהאַט אין איר רשות איבער אַ צענדלינג. און אָנהייב 1939 האָט מען שוין געהאַט אַרויסגעגעבן

אַלע קאָלאָניסטן אַ גענוגע צאָל מאַשינען פֿון יעדער מין. וועגן די מקחים אויף פֿערד קען מען דאָ אין דענעמאַרק ניט זאָגן קיין מיינונג.

3. די ערד וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין רשות פֿון די קאָלאָניסטן איז געווען ניט קיין אַקערערד, נאָר אורוואַלד.

ס'איז ריכטיק, אַז אַ טייל ערד איז געווען פֿאַרוואַקסן. ביי די וועגע־צועלער מיינט אַקערערד קולטיווירלעכע ערד, ניט קיין קולטיווירטע, און מען זאָגט אויף פֿעסט, אַז די ערד וואָס מען האָט געגעבן איז פּרוכפּערדיק און גיט גיך גוטע גערעטענישן. אויף די ערטער, ווו ס'זיינען אויף דער ערד געוואַקסן ביימער (פֿאַרפֿלאַנצט ווי שאָטנביימער אין אַ פֿאַרלאָזענער קאָווע־פֿלאַנטאַציע), האָט מען צוגעשטעלט אָרטיקע אַרבעטקראַפֿט צום אויס־קאָרטשען; די דענישע עמיגראַנטן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט האָבן באַקומען באַצאָלט דערפֿאַר פֿאַסיקע שכירות.

4. וועגן די ענינים וואָס אונטער ה) האָט מען זיך אין דער צייט דער עיקר געקלאָגט אויף די מקחים און אין טייל פֿאַלן אויף די קוואַליטעטן (איבער הויפּט ביי די ליווערונגען פֿון געוויסע קאַשעס) און אַז מען האָט ניט געגעבן גענוג אויפֿקלערונגען וועגן די חשבונות צווישן די קאָלאָניסטן און דער אַדמיניסטראַציע.

איבער דער אומרויקייט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, געפֿירט פֿון אַ פּאָר ספּעציעל אומצופֿרידענע אַגיטאַטאָרן צווישן די קאָלאָניסטן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז לעגאַציע־סעקרעטאַר ק. ס. יערגענסען פֿון דער קיניגלעכער לעגאַציע אין מעקסיקע, וואָס איר שעף איז פּאָר איינס אַקרעדיטירט אין קאַראַקאַס, זאָל, בשעת ער וועט זיין אין דינסט־ענינים אין ווענעצועלע, צופֿאָרן אין דער קאָלאָניע און אויפֿקלייבן אינפֿאָרמאַציע, וואָס דאָרטן טוט זיך. דער לעגאַציע־סעקרעטאַר איז דעם 5טן פֿעברואַר 1939 אָנגעקומען אין טשירגואַ און האָט בפּרטיות אויסגעפֿאָרשט די סיטואַציע.

די באַאַמטע פֿון דעם ווענעצועלער קאָלאָניזאַציע־ און אימיגראַציע־אינסטיטוט זיינען אַרויס מיט אַ צאָל טענות קעגן טייל קאָלאָניסטן. אויפֿן סמך פֿון עטלעכע צושריפֿטן צו בילדער אין דעם דענישן אילוסטרירטן זשורנאַל Billed-Bladet, ווו פֿאַרשיידענע קאָלאָניסטן זיינען געווען באַצייכנט ווי לינאַ־לעום־לייגערס, פֿאָרטאַרבעטערס אד"גל, האָט מען אויפֿגעוויזן, אַז עטלעכע פֿון די געקומענע דענער זיינען ניט קיין לאַנדאַרבעטערס, און מען האָט זיך געקלאָגט אויף צוויי קאָלאָניסטישע קינדער, וואָס זייער פּסיכישער און פֿיזישער צושטאַנד איז אַזאַ, אַז לויט די אַלגעמיינע כללים (קודם כל לויט די באַשטימונגען פֿונעם אימיגראַציע־געזעץ) האָבן זיי ניט געטאָרט אַריינ־קומען אין לאַנד. וועגן טייל קאָלאָניסטן האָט מען געזאָגט, אַז זיי מיידן אויס צו אַרבעטן אין איינעם מיט די אַנדערע, אַז זיי זיינען חוצפּהדיק אין זייער אויפֿפֿירן זיך אַנטקעגן די ווענעצועלער באַאַמטע, אַז זיי ווייזן אַרויס ווינציק

אינטערעס פֿאַר זייערע נחלאות און זיי באַשווערן זייער קאָנטע מיט איבער־געטריבענע און אומנייטיקע אײַנקויפֿן (זײַדענע זאָקן, הויזראָט אאַז״וו).

נאָך לעגאַציע־סעקרעטאַר יערגענסענס וויזיט זײַנען אַהיימגעשיקט געוואָרן 10 משפּחות, סך־הכּל 57 פּערזאָן (20 דערוואַקסענע און 37 קינדער). זיי זײַנען אָפּגעפֿאָרן דעם 9טן מאַרץ. די ווענעצועלער רעגירונג האָט זיי באַהאַנדלט גאָר מיט אַ ברייטער האַנט: געלאָזט זיי מיטנעמען זאַכן, מיטגעגעבן זיי אויף הוצאות אד״גל.

פֿון די 10 קאָלאָניסטן זײַנען 4 אָפּגעשיקט געוואָרן קעגן זייער ווילן, פֿון זיי 2 ווײַל ס'האָט אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען ניט קיין לאַנדאַרבעטערס און פֿאַרנעמען זיך מער מיט אַגיטאַציע און פּאָליטיק — פֿאַרגלײַך די פֿריִער דערמאָנטע באַשטימונג אינעם אימיגראַציע־געזעץ וועגן פּערזאָנען וואָס האָבן אָדער פֿאַרשפּרייטן אידעעס וואָס זײַנען סותר די געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג פֿון לאַנד — איידער מיט זייערע נחלאות (בנוגע איינעם פֿון די דאָזיקע מענטשן האָט אַן אַלטער עמבלעם פֿון אַ פּראָפּאַראיין אַ פּנים אַרויסגערופֿן אַ חשד, אַז ער איז קאָמוניסטיש אָריענטירט). אויף די צוויי אַנדערע האָט מען געזאָגט, אַז זיי זײַנען אומצופֿרידענע, אומדיסציפּלינירטע און פֿײַנדלעך געשטימטע אַגיטאַטאָרן.

נאָכן אַהיימשיקן האָבן זיך די ווענעצועלער מאַכטאָרגאַנען און די דענער אין ווענעצועלע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם ענין, געריכט, אַז די סיטואַציע אין דער קאָלאָניע וועט זיך אײַנשטעלן. אַן ערך אין דער צײַט איז אָפּגעטראָטן פֿון זײַן פּאָסטן דער דירעקטאָר פֿון ווענעצועלער קאָלאָ־ניזאַציע־ און אימיגראַציע־אינסטיטוט ד״ר אַראַטשאַ (ער איז באַשטימט געוואָרן פֿאַרן ווענעצועלער געשיקטן אין מעקסיקע), און זײַן אָרט האָט פֿאַר־נומען ד״ר אוסלאַר פּיעטרי וואָס האָט דעם 8טן אַפּריל 1939 אָפֿיציעל מחנך געווען די קאָלאָניע אין בײַזײַן פֿון פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, פֿון אַגראַר־מיניסטער, פֿון קאָמוניקאַציע־מיניסטער און אַ צאָל אַנדערע הויכע באַאַמטע. ד״ר פּיעטרי האָט זיך אַרויסגעזאָגט בײַ דער געלעגנהייט, אַז מען וויל האָבן, עס זאָלן אײַנוואַנדערן עלעמענטן וואָס זײַנען בכּוח צוצופּאַסן זיך צו די אָרטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, נאָר ער האָט פֿאַר איינס אונטערגעשטראָכן, אַז ער גלייבט אין דעם עתיד פֿון דער באַליוואַר־קאָלאָניע.

אַז ווענעצועלע האָט געבראַכט גרויסע קרבנות אויף צו שאַפֿן אַ מוסטער־קאָלאָניע איז אַ פֿאַקט; אַ דענישער אינזשעניר אין ווענעצועלע, אַקסעל טוועסקאָוו, האָט געשאַצט די הוצאות אויף אַרום 8 מיליאָן דענישע קראָן [העכער 1,600,000 אַמעריקאַנער דאָלאַר]. און אין אַ גרויסן פֿאַרנעם איז מען אַנטקעגנגעקומען די פֿאַרלאַנגען פֿון די קאָלאָניסטן. זייער חובֿ צו דער רעגירונג איז, אויף וויפֿל דאָס איז שייך צום עסנוואַרג וואָס מען האָט געליווערט עד־לחשבון, אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויף 50% (מען אינפֿאַר־

מירט, אַז די צושטעלונגען לויט פּונקט 2ה פון קאָנטראַקט אין ערשטן פּעריאָד באַטרעפן אויף יעדער פאַל אַן ערך 800 באַליוואַר אויף אַ חודש און אַ משפּחה), און אַלע עקספּערטן וואָס זײַנען אַרום יענער צײַט געווען אין דער קאָלאָניע האָבן געהאַלטן, אַז די קאָלאָניסטן האָבן גרויסע מיגלעכ־קייטן און אַז דער עקספּערימענט וועט געראָטן, ניט געקוקט אויף די שווע־ריקייטן פונעם אָנהייבער־פּעריאָד. לעגאַציע־סעקרעטאַר יערגענסען האָט למשל אין אַפּריל געגעבן אַ באַריכט, אַז איינער פון די קאָלאָניסטן האָט אַראָפּ־גענומען קאַרטאָפל פון 1 העקטאַר און פאַרקויפט דאָס מיט אַ נעטאָ־פּרנסה פון 3000 באַליוואַר, ד״ה אַז ער האָט דערגרייכט אַ פּרײַז פון ניט ווינציקער ווי 43 באַליוואַר פאַר 100 קג [220,4 פונט].

פון אַנדערע מקורים האָט זיך דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ אויך דערוווּסט, אַז נאָך דער „רייניקונג" וועט דוכט זיך זײַן אַ מיגלעכקייט פאַר רויִקע אַרבעט־באַדינגונגען, די קאָלאָניסטן זאָל זײַן גוט און די ווענעצועלער מאַכטאָרגאַנען זאָלן זײַן צופרידן.

אין שײַכות דערמיט קען איך זאָגן, אַז אַן ערך איינצײַטיק מיטן אַהיימ־פאָר פון די צען משפּחות, איז אין פּרעסע־ראַדיאָ דעם 8טן מאַרץ 1939 איבערגעלייענט געוואָרן אַ דעקלאַראַציע, געחתמעט פון 15 פון די דענישע קאָלאָניסטן, אַז זיי זײַנען אין גאַנצן צופרידן מיט דער סיטואַציע אין טשירגוואַ און אַז זיי באַדויערן, וואָס עס זײַנען פאַראַן יחידים וואָס ברענגען צו אַזוי פיל אומרויִקייט.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, איז איבער אַ נײַס געווען אַ גרופּע אומצופרידענע וואָס איז אַוועק פון ווענעצועלע. דאָס מאָל איז געגאַנגען וועגן 9 משפּחות, אָדער סך־הכּל 54 פּערזאָן (19 דערוואַקסענע און 35 קינדער). וועגן דעם, אַז מען שיקט זיי אָפּ, האָט דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ ניט באַקומען קיין שום באַריכט און קיין שום אַרויסזאָגונג מצד די ווענעצועלער מאַכטאָרגאַנען. דרײַ פון די אַהיימגעקומענע האָבן בעת אַ וויזיט אין מלוכישן עמיגראַציע־ביוראָ געטענהט, אַז סתירותדיקע פאַראָרדענונגען מצד די ווענע־צועלער באַאַמטע האָבן פּראַקטיש געמאַכט אוממיגלעך צו באַאַרבעטן די ערד ווי ס׳געהער צו זײַן, אַז די סבֿרא וועגן די מיגלעכקייטן צו פאַרקויפן גאַרטנוואַרג אין וואַלענסיע און אפשר אויך אין קאַראַקאַס האָט ניט אויס־געהאַלטן, אַז די הוצאות בײַם טראַנספּאָרטירן און פאַרקויפן דעם געררעט זײַנען געווען איבער דער מאָס גרויסע און האָבן זיך ניט געלאָזט קאָנטראָלירן און אַז דאָס אַראָפּזעצן דעם גרענעץ פאַר די טעגלעכע צושטעלונגען פון עסנוואַרג ביז 10 באַליוואַר אויף אַ משפּחה און אַ טאָג וואָלט געמאַכט אויף להבא אוממיגלעך פאַר די גרעסערע משפּחות צו באַקומען גענוג נערעוודיקע שפּײַז. די דאָזיקע אַראָפּזעצונג דאַרף מען אָפּשאַצן אין שײַן פון דעם פאַקט, וואָס צום אָנהייב האָט מען אָפּגענומען עסנוואַרג איבער דער מאָס, און מען

דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז אַפֿילו פֿאַר 10 באַליוואַר קען אין ווענעצועלע אַ משפּחה זיך לעבן גאַנץ לײַטיש.

די אָנגעוויזענע פּערזאָנען וואָס זײַנען אין חודש יוני אָנגעקומען אין קאָפּנהאַוון האָבן דערציילט, אַז מען מעג זיך גרייטן, אַז נאָך 7 משפּחות וועלן אהיימקומען, אַזוי אַז די צאָל משפּחות וואָס וועלן בלײַבן אין ווענעצועלע וועט רעדוצירט ווערן ביז 22. מען האָט געזאָגט, אַז אַ גרויסער טייל הײַזער אין דער קאָלאָניע שטייען איצטער פּוסט, און אַז אַ טייל פּאַרלאָזענע בנינים זײַנען אַפֿילו איבערגעגעבן געוואָרן צו קאָלאָניסטן פֿון קובע. אין אויגוסט איז געקומען קיין קאָפּנהאַוון דער איבערזעצער פֿון דער קאָלאָניע, דער דעני־שער אינזשעניר דזשאָן ע. ליטכען־לען וואָס איז עטלעכע יאָר געווען לאַנד־אינספּעקטאָר אין ווענעצועלער לאַנדווירטשאַפֿט־מיניסטעריום. ער האָט ניט געוווּסט פֿון קיין גרעסערער צאָל משפּחות וואָס זאָל האַלטן אין ליקווידירן; נאָר איין משפּחה וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון אַ פּאָלי־צײַישן ענין קעגן אָט דעם קאָלאָניסט איז זיכער שוין געווען אויפֿן וועג אַהיים. ווי באַלד אַזוי, וואָלט די אַלגעמיינע צאָל דענישע משפּחות אין ווענעצועלע געווען 28. פֿון זיי 26 אין טשירגואַ, איינע איז געווען אַריבער־געפֿאָרן קיין קאַראַקאַס און איינע קיין וואַלענסיע. די ביידע קאָלאָניסטן — זיי זײַנען בעלי־מלאָכות — און זייערע משפּחות לעבן זיך גוט.

פֿון די יונגע בחורים וואָס זײַנען ווי העלפֿערס מיטגעפֿאָרן מיט די חתונה־געהאַטע קאָלאָניסטן איז איינער אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים אין איינעם מיט דער דאָזיקער משפּחה, איינער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווענעצועלערין און האָט דערנאָך אַליין באַקומען אַ הויז און אַ נחלה, און איצטער טראָגן זיך נאָך צוויי אום מיטן פּלאַן חתונה צו האָבן און צו ווערן בעלי־בתּים פֿאַר זיך. פֿינף מיטהעלפֿערס־בחורים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו אַרבעטן בײַ די קאָלאָניסטן, מיט וועלכע זיי זײַנען געקומען, האָבן מיט דער הילף פֿון ווענעצועלער קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוט באַקומען אַרבעט — דרײַ ווי גערטענירערס אין וואַלענסיע, צוויי ווי בעלי־מלאָכות אין דער הויפּטשטאָט קאַראַקאַס. ה׳ ליטכען־לען האָט איבערגעגעבן, אַז די פֿינף דערמאָנטע דענער לעבן זיך אויסגעצייכנט, און אַז די הילף וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון די מאַכט־אָרגאַנען איז אַ ראיה אויפֿן אינטערעס וואָס מען ווײַזט אַרויס צו די דענישע קאָלאָניסטן. ווײַטער האָט ער אינפֿאָרמירט, אַז די באַציִונגען צווישן די דענישע, קובאַנער און ווענעצועלער משפּחות אין טשירגואַ זײַנען אויסגעצייכנטע. דער דענישער פּאַסטאָר מ. נ. אַנדרעאַסען, וועמען ס׳האָט אַרויסגעשיקט די „דענישע קירך אין אויסלאַנד״, האָט זיך באַזעצט אין וואַלענסיע, נאָר עטלעכע טעג אַלע וואָך געפֿינט ער זיך דרויסן אין דער קאָלאָניע; ער האָט עס אין אַ היפּשער מאָס מיטגעהאָלפֿן צו שאַפֿן אַ גוטע פֿאַרשטענדיקונג אין טשירגואַ, וואָרעם ער וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזען אַ וועלט איז אַ גוטער פֿאַר־מיטלער צווישן די פֿאַרשיידענע אינטערעסן. אין איינעם פֿון די הײַזער אין

טשירגואַ איז איינגעאָרדנט אַ דערוויילעקער קירכצימער, ווו פּאַסטאָר אַנדרעאַסען האַלט אָפּ גאָטסדינסטן פֿאַר די דענער, און ער האָט אויך אָוועקגעשטעלט אַ ביבליאָטעק וואָס ווערט היפּש אויסגענוצט, ניט צום ווינציקסטן דורך דער דענישער יוגנט.

לסוף דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז מחוץ די דערמאָנטע טשירגואַ־עמיגראַנטן ווינען לעת־עתּה אין וועגעצועלע ביי 50 דענער, וואָס בערך אַ העלפֿט פֿון זיי זיינען אָנגעשטעלטע ביי דער פֿירמע קריסטיאַני און נילסען. הערפֿון איז געדרונגען, אַז ביז 1938 איז ניט געווען קיין רייד וועגן אַן אויסוואַנדערונג ממש פֿון דענעמאַרק קיין וועגעצועלע. אַגבֿ זיינען בכלל אין די לעצטע יאָרן געפֿאָרן ווינציק דענישע עמיגראַנטן קיין דרום־אַמעריקע, אָרום און אַרום (אַריינגערעכנט אַרגענטינע!) אין 1935 : *29*, אין 1936 : *35*, אין 1937 : 42 און אין 1938, אַחוץ דעם טשירגואַ־עולם, *38*.

פֿאַרקערט, די האַנדל־באַציִונגען צווישן די צוויי לענדער האָבן אַ גאַנץ נישקשהדיקן באַטײַט. דער דענישער עקספּאָרט קיין וועגעצועלע איז געוואַקסן, און מען רעכנט, אַז אין פֿאַרשיידענע פֿעלדער איז דאָרטן פֿאַראַן פּלאַץ פֿאַר דענישע סחורות. דענעמאַרק איז 1937 געווען אויפֿן ניינטן אָרט צווישן די אימפּאָרטלענדער קיין וועגעצועלע און האָט צוו״אַנד געליווערט 80% פֿון ז'ער פּוטער וואָס ווערט אַריינגעפֿירט אין לאַנד.

סך־הכּל

די קאָלאָניסטן וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים — אי פֿון דער ערשטער אי פֿון דער צווייטער פּאַרטיע — האָבן מיט גרויס ענערגיע געפּרוווט איבערצייגן די עפֿנטלעכקייט, אַז מען האָט זיי שלעכט באַהאַנדלט. די פּרעסע האָט זיך בדרך־כּלל — אַראָפּגערעכנט געוויסע נאַציבלעטער — געהאַלטן רעזערווירט לגבי די טענות, און די רעדאַקציאָנעלע אַרויסזאָגונגען זיינען אין אַלגעמיין געווען אין הסכּם מיט דעם וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין פֿאַרשיידענע אינטערוויוען.

דער עקספּערימענט מיט דער קאָלאָניזאַציע אין טשירגואַ באַשטעטיקט דוכט זיך דאָס וואָס מיר ווייסן פֿון דער פּראַקטיק אין פֿאַרשיידענע אַנדערע ערטער, למשל אין אַלאַסקע און אויסטראַליע, אַז דורכפֿירן אַ קאָלעקטיווע עמיגראַציע איז שווער. און געוויס איז דאָס ניט גרינגער פֿאַר דענער, וואָס זיי שטעלן היכע פֿאָדערונגען און זיינען אין דורכשניט אינדיווידואַליסטן בטבֿע. שלעכטע רעזולטאַטן, ווי אויבן דערמאָנט, זיינען אַרויסגעקומען דערפֿון וואָס די קאָלאָניסטן זיינען אָנגעקומען אויף זייערע ערטער צו פֿרי, און די פֿאַרשפּעטיקונג אין עטאַבלירן די קאָלאָניע האָט אין אַ היפּשער מאָס קאַליע געמאַכט די מיגלעכקייט, אַז דער עקספּערימענט זאָל געראָטן. דער קליינער מהלך צווישן די הייזער אין דער קאָלאָניע האָט מיטגעהאָלפֿן צו שאַפֿן

סיכסוכים צווישן די קאָלאָניסטן. דיביידע אומשטאַנדן האָט דער פֿאַרשטאַר־בענער עמיגראַציע־שעף געפּרוּווט בײַטן, נאָר אומזיסט. ניטאָ קיין ספק, אַז על־כּל־פּנים בײַ אַ טייל עמיגראַנטן האָט געפֿעלט פּיאָנירישער גײַסט און צופּאַסעוודיקייט, און בכלל האָבן זיי שטאַרק אויסגעקוקט אויף דעם, אַז אין ווענעצועלע וועט מען זיך מיט זיי נוהג זײַן און זיי וועלן קענען לעבן אַזוי ווי אין דענעמאַרק. איינציקע קאָלאָניסטן האָבן זיך אויפֿגעפֿירט אַזוי, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ שלעכטן אײַנדרוק אין ווענעצועלע און האָט היפּש אָפּגע־שוואַכט די גוטע מיינונג וואָס מען האָט געהאַט וועגן דענעמאַרק און דענער. פֿון דער אַנדערער זײַט זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק סימנים, אַז די ווענעצועלער — וואָס האָבן אַרײַנגעלייגט אין דער קאָלאָניע גרויסע געלטן און אַ מאָסע אַרבעט — האָבן אין צו אַ גרויסער מאָס אָנגעווענדט קאָלעקטיווע מעטאָדן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס אינעם רובֿ פֿאַלן ברענגען זיי אומגעזונטע רעזול־טאַטן. שפּראַכיקע שוועריקייטן האָבן גורם געווען, אַז די קאָלאָניסטן האָבן מער ווי איין מאָל שלעכט פֿאַרשטאַנען די כּוונות פֿון דער אַדמיניסטראַציע און האָבן — טייל מאָל בלי־ספֿק פֿון בייזן ווילן — אַרײַנגעטײַטשט שלעכטע מאָטיוון אין די מעשׂים פֿון די באַאַמטע. ס'איז אַ שטייגער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין Den Danske Pionér האָט מען געקענט לייענען, אַז די דענישע נאַציסטישע פּרעסע (ווי אַ מקור זײַנען געווען אָנגעוויזן די קאָלאָניסטן) האָט געמאָלדן, אַז די רעגירונג האָט געגעבן פּרעמיעס די דענער וואָס האָבן געהאַט קינדער, וואָס מער אַלץ בעסער, אַלץ איינס מיט וועמען, צי געזעצלעכע צי אומגעזעצלעכע. אין דער אמתן איז די שייכדיקע מעלדונג פֿון די מאַכט־אָרגאַנען נאָר אויסן געווען צו זאָגן, אַז מען וועט פּרעמירן פֿאַמיליע־פֿאָטערס וואָס פֿירן זייער אַרבעט מוסטערדיק און האָבן אַ גרויסע פֿאַמיליע. אויך דאַרף מען האַלטן פֿאַר דערוויזן, אַז דער רובֿ קאָלאָניסטן האָבן געשטעלט איבערגעטריבענע הויכע פֿאָדערונגען. זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף דער קלענסטער קלייניקייט און האָבן שווער געקענט צופּאַסן זייער דערנערונג צו דער סיטואַציע.

ס'זײַנען ניט געבליבן געדרעכט די וואָרענענדיקע שטימען וואָס האָבן זיך געהערט אין דענעמאַרק ביז אַרויספֿאָרן, אַז די אומרויִקע פּאָליטישע באַדינגונגען און אַ קלימאַט וואָס איז ניט אויסצוהאַלטן פֿאַר דענער וועט ברענגען צו אַ דורכפֿאַל פֿון דער קאָלאָניע. מען קען שוין איצטער פֿעסט־שטעלן, אַז דער געזונט־צושטאַנד איז געווען אַ גוטער, אַז די קאָלאָניסטן האָבן באַקומען אויסגעצייכנטע היגיענישע פֿאַרזאָרגונג; קיינער האָט ניט געליטן קיין נויט, און די מערסטע פֿון די וואָס האָבן זיך אומגעקערט האָבן אויסגעזען פֿרײַש און געזונט. אַ סך האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, ס'איז געווען גוט זיי און זייערע קינדער אין דער צײַט וואָס זיי זײַנען געווען אין ווענעצועלע.

אָבער דער מאָדערנער דענער שטעלט גרויסע פֿאָדערונגען און ער לעבט אין אַ לאַנד, ווו די אַדמיניסטראַציע אַרבעט גיך. פֿון די שוועריקייטן וואָס

זײַנען אַרויסגעקומען אין דער קאָסטיקער מוסטער־קאָלאָניע אין טשירגוואַ דרינג איך, אַז דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ דאַרף שטאַרק אָפּוועגן איוף להבא, צי זאָל מען מיטווירקן בײַ אַ קאָלעקטיווער עמיגראַציע אין אַזאַ פֿרעמד לאַנד ווי ווענעצועלע און על־כּל־פּנים, צי מען זאָל רעקרוטירן די קאָלאָניסטן אויפֿן זעלביקן אופֿן ווי אין 1938 און צי מען זאָל זיי ברענגען אין אַ קאָלאָניע אַרײַן, ווו די אַרבעט איז ניט אויפֿגעבויט אין אַ גרעסערער מאָס אויף דער איניציאַטיוו און אַחריות פֿונעם יחיד.

נאָכבאַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע. ה. אולריכסענס באַריכט גייט ביז אויגוסט 1939. פֿון יעמאָלט אָן האָט דער עקספּערימענט געפּלאַצט כּמעט אין גאַנצן. אין דער פּירנדיקער קאָפּנהאַווענער צײַטונג Politiken האָט זיך דעם 25טן יאַנואַר 1940 באַוויזן אַ נאָטיץ וואָס לייענט זיך אַזוי:

„נאָר זיבן משפּחות האַלטן זיך נאָך אין דער טשירגואַ־קאָלאָניע.

27 עמיגראַנטן־משפּחות זײַנען אַהיימגעקומען פֿון ווענעצועלע

און 6 האָבן זיך באַזעצט מחוץ דער קאָלאָניע.

דאָס מלוכישע עמיגראַציע־ביוראָ האָט איצט צונויפֿגעשטעלט די רעזולטאַטן פֿון דער טראַגישער עמיגראַציע קיין ווענעצועלע אין 1938. דורך דער פֿאַר־מיטלונג פֿון עמיגראַציע־ביוראָ זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין דרום־אַמעריקע סך־הכּל 40 [פּאַקטיש 48] דענישע משפּחות צו באַזעצן זיך אין דער טשיר־גוואַ־קאָלאָניע אויפֿן ווענעצועלער הויכפּליין נאָענט צו קאַראַקאַס, און פֿון די דאָזיקע 40 משפּחות זײַנען ערשט מערניט 13 אין ווענעצועלע. זעקס משפּחות האָבן שוין לאַנג פֿאַרלאָזט די קאָלאָניע און זיך באַזעצט אין אַנדערע ערטער אין לאַנד, נאָר זיבן משפּחות זיצן נאָך איצטער אויפֿן הויכפּליין. די דאָזיקע זיבן זײַנען די משפּחות.... [ס׳גייען די נעמען, צווישן זיי פּ. מאַדס־ביערג, וועמען דאָס עמיגראַציע־ביוראָ האָט געהאַט אויסגעקליבן פֿאַרן צו־טרויער פֿון די קאָלאָניסטן]. די זעקס וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פֿון דער קאָלאָניע זײַנען... [ס׳גייען די נעמען]."

לויט די אינפֿאָרמאַציעס וואָס מיר האָבן אין מאַרץ 1940 באַקומען פֿון ה׳ אולריכסענען האָבן זיך ביז יעמאָלט געהאַט אומגעקערט קיין דענעמאַרק נאָך 13 משפּחות, ד״ה אַז פֿון די 48 משפּחות וואָס זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין ווענע־צועלע זומער 1938 זײַנען דאָרטן מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער געוועזן איבערגעבליבן נאָר 15. פֿון זיי זײַנען טייל אַוועק פֿון ערדאַרבעט און האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס

פֿילאָן פֿון אַלעקסאַנדריע

An Introduction to Philo Judaeus. By Erwin R. Goodenough. Yale University Press, 1940. $2.75.

פֿילאָן פֿון אַלעקסאַנדריע האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ רײַכע פֿאָרשערישע ליטעראַטור זיכער ניט בלויז צוליב דעם רייץ פֿונעם מענטשן און זײַנע ווערק נאָר אויך, אפֿשר דער עיקר, צוליב דער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט גע־לעבט. ער האָט געלעבט אין אַלעקסאַנדריע אין דער ערשטער העלפֿט פֿון ערשטן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָט דאָרט געגעבן דעם אינטעלעקטועלן טאָן אַן אידעען־רײַכע גריכישע קולטור אונטער רוימישער הערשאַפֿט. אַ סך פֿון דעם וואָס מען האָט געדענקט און געשריבן איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, פּונקט ווי פֿון פֿילאָנס ווערק זײַנען אויך בלויז טיילן געבליבן. פֿאָרט איז מעגלעך צו געפֿינען אין פֿילאָנס ווערק אַ קלאָרן אָנווײַז אויף דעם אינטעלעקטועלן קלימאַט פֿון דער צײַט.

דאָס איז אויך געווען די צײַט, ווען אין ארץ־ישׂראל האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנער בעל־מופֿת, וואָס אים איז באַשערט געווען צו ווערן דער באַשאַ־פֿער פֿון אַ נײַער וועלט־רעליגיע. איז דאָך מעגלעך צו געפֿינען אין פֿילאָנס ווערק סימנים פֿונעם גײַסט וואָס האָט באַלעבט די נײַע רעליגיע. וואָרעם פֿילאָן איז דאָך אויך געווען אַ ייִד, און נאָך וואָס פֿאַר אַ ייִד ; וועלן אפֿשר קריסטלעכע פֿאָרשער דורך זײַן געדאַנקען־גאַנג זיך קענען דערשלאָגן צו וואָרצלען וואָס האָבן אויך געשפּײַזט די נײַע רעליגיע, די רעליגיע וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה און האָט שפּעטער אויך אויפֿגענומען אַנדערע אײַנפֿלוסן.

פּראָפֿעסאָר גודענאַו איז איינער פֿון די וועלט־מומחים איבער פֿילאָנען און זײַן עפּאָכע, און אין דער הקדמה צום בוך ווײַזט ער אָן, וואָס אים האָט געשטויסן אין זײַן רײַכער קאַריערע פֿון פֿילאָנישע פֿאָרשונגען. דאָס קריסטנטום, זאָגט ער, איז שוין גאַנץ פֿרי געוואָרן העלעניזירט, און די בריק וואָס האָט געפֿירט פֿון די גריכישע באַגריפֿן צום קריסטנטום קען מען מסתּמא געפֿינען אין העלעניזירטער ייִדישקייט. אָט דאָס האָט ער טאַקע געזוכט און געפֿונען בײַ פֿילאָנען.

ווי געזאָגט האָט פּראָפֿעסאָר גודענאַו געשריבן אַ סך אַרבעטן וועגן פֿילאָנען און דעם גאַנצן קולטור־געשטאַלט פֿון זײַן צײַט און פּלאַץ. זיי זײַנען געשריבן געוואָרן פֿאַר עקספּערטן און פֿאַרנעמען זיך מיט אַ פּרטימדיקן טעקסטועלן אַנאַליז און גענויער דאָקומענטאַציע. אָבער

דאָס דאָזיקע בוך איז בלויז אַן אַלגעמיינער אַרײַנפֿיר און איז אויסגערעכנט צו באַקענען דעם אָנפֿאַנגער מיט אַ רײַכער פֿערזענלעכקייט און אַ מערקווערדיקער עפּאָכע. די דאָזיקע אויפֿגאַבע פֿירט דער מחבר דורך אויף אַן אויסגעצייכנטן אופֿן ניט בלויז צוליב זײַן גרויסער ערודיציע און זײַן געשולטקייט ווי אַ פֿאָרשער, נאָר אויך צוליב זײַנע פֿײַנע קוואַליפֿיקאַציעס ווי אַ מענטש.

גלײַך אין אָנהייב וואָרנט ער אונדז, מען זאָל ניט אָננעמען, אַז ער קען פֿילאָנען. די מניעות וואָס שטייען אין וועג יעדער ערנצטער פֿילאָנישער פֿאָרשונג זײַנען אומגעהײַער. אַ סך ווערק פֿילאָנס זײַנען פֿאַרלוירן געוואָרן. פֿון די געבליבענע זײַנען טייל פֿאַראַן אין גריכיש, ווּ מען קען ניט זײַן זיכער וועגן דעם באַשטימטן זינען וואָס געוויסע פֿילאָסאָפֿישע טערמינען האָבן געהאַט אין יענער צײַט. אַנדערע ווערק זײַנע האָבן זיך אויפֿגעהיט בלויז אין אַן אַרמענישער איבערזעצונג, אַ שפּראַך וואָס איז פֿרעמד דעם רובֿ פֿאָרשער. פּראָפֿעסאָר גודענאַף וויל אויך ניט באַהאַלטן דעם פֿאַקט, וואָס יעדעס ווערק איבער פֿילאָנען איז פֿאַרבונדן מיט אַרויסדרינגען, אויסטײַטשן, און דאָס הענגט אָפּ פֿונעם שרײַבערס טעמפּעראַמענט און פֿון זײַן גאַנצער פּערזענלעכקייט. גודענאַף למשל שטרײַכט אונטער מער פֿון אַנדערע פֿאָרשער פֿילאָנס מיסטישע נייגונגען. ער דערקלערט דאָס מיט דעם וואָס פֿאַר אים פֿאַרלירט יעדע רעליגיע איר טיפֿערן זינען, אויב זי פֿאַרמאָגט ניט דעם עלעמענט פֿון מיסטישער בענקשאַפֿט. ממילא מוז דאָס באַאײַנפֿלוסן זײַן פֿאַרשטענדעניש פֿאַר פֿילאָנען. ער איז מוסיף: „בלי ספֿק וועל איך זיך אָפּרופֿן אַנדערש פֿון אַנדערע אויף די שטעלן ווּ ער דריקט אויס אַ מיסטישע בענקשאַפֿט" (33).

דאָס אַלץ געפֿינען מיר אין ערשטן קאַפּיטל וואָס הייסט „מעטאָדן". עס קומט אויס, אַז בעת מיר לייענען אַ בוך פֿון דעם מין דאַרפֿן מיר אין זינען האָבן, אַז „אָביעקטיווע פֿאַקטן" ווערן באַלויכטן פֿון דער פּערזענלעכקייט פֿון שרײַבער, ממילא וועט דאָס אונדז פֿאַרהיטן פֿונעם טעות אָנצונעמען דעם שרײַבערס אייגענע אויסטײַטשונגען אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען זיכערע אָביעקטיווע אמתן וואָס ליגן אין די פֿאַקטן גופֿא. עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו געפֿינען בײַ אַ ווייסנשאַפֿטלער אַזאַ ערלעכע און ערנצטע אָפּשאַצונג פֿון די שווערקייטן פֿון זײַן אויפֿגאַבע און צו זען, ווי ער האַלט זיי שטענדיק וואַך אין לייענערס באַוווסטזײַן.

כּדי באמת צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿילאָן איז, האַלט גודענאַף, דאַרף מען קודם־כּל לייענען, וואָס ער אַליין האָט צו זאָגן, און ערשט שפּעטער וואָס אַנדערע זאָגן וועגן אים. אָבער ווען מען שטעלט זיך אויס אַזאַ קורס, דאַרף מען אָנהייבן, לויט גודענאַפֿס מיינונג, מיט צוויי אָפּהאַנדלונגען וואָס ער האָט געשריבן שוין אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן, דאָס איז „קעגן פֿלאַקוסן" און „די שליחות צו גאַיוסן". אין דער ערשטער אָפּהאַנדלונג

שטעלט זיך פילאָן איין פאַר יידן קעגן דעם רוימישן פאָרשטייער פלאַקוס וואָס האָט געהעצט און דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם אויף די יידן פון אַלעקסאַנדריע; אין דער צווייטער טענהט ער זיך אויס מיטן רוימישן אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ, אַז יידן קענען בשום אופן ניט אָנערקענען די געטלעכקייט פון אַ בשר־ודם אפילו ווען ער איז אַ רוימישער קייסער. ביידע ווייזן אַרויס פילאָנס חכמה, זיין שטאָלץ און זיין טיפע צוגעבונדנקייט צו יידן און דעם יידישן שטייגער פון באַנעמען וועלט און לעבן. ערשט ווען מען באַקענט זיך מיט פילאָנען דעם יידן, קען מען אַריבערגיין צו זיינע אַנדערע ווערק איבער פילאָסאָפישע פּראָבלעמען און זיינע אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען פון חומש.

די דאָזיקע עצה, ווי מען זאָל אָנהייבן ביים באַקענען זיך מיט פילאָנס שריפטן, באַווייזט אפשר גודענאָוס צוגאַנג צו דער פּערזענלעכקייט פון אָט דעם גרויסן אַלעקסאַנדרינישן יידן, וואָס וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען שפּעטער עפּעס צו זאָגן. זאָל דערוייל באַמערקט ווערן, אַז גודענאָו קען בשום אופן ניט באַשולדיקט ווערן אין מגזם זיין פילאָנס טעאָרעטישע כּוחות, אָבער דאָס שוואַכט בשום אופן ניט אָפּ זיין הויכע אָפּשאַצונג פון פילאָנס פּערזענלעכקייט אין איר גאַנצקייט. ער וואָלט זיך געחידושט, זאָגט ער, ווען אַ מענטש וואָס באַקענט זיך מיט פילאָנס שריפטן זאָל ניט ווערן אַריינגעצויגן אינעם ענין מיטן גאַנצן הארצן. ער איז באַגייסטערט פאַר פילאָנס פּילזיטיקייט און זיינע ברייטע פילאָסאָפישע און ווּיסנשאַפטלעכע אינטערעסן: מעטאַפיזיק, פּאָליטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, יידישע און ניט־יידישע יורים־פּרודענץ, פּסיכאָלאָגיע, עטיק, אאז״וו. גודענאָו איז אויך ניט ווייניק גערירט פון פילאָנס עכטער און איבערגעגעבענער יידישקייט. פילאָן נעמט זיינע מעטאַפיזישע סאַנקציעס פון גריכישער פילאָסאָפיע, טייטשט אַריין די גריכישע מיסטיק און אירע סימבאָלישע געשטאַלטן אין די כּתבֿי־קודש, דאָך איז ער גרייט צו גיין אויף קידוש־השם פאַר די פונדאַמענטאַלע פּרטים פון יידישן ריטואַל און האַלט זיך מיט דער פינקטלעכסטער שטרענגקייט ביי יעדן פונדאַמענטאַלן לאַוו פון יידישן אויפפיר.

דעם דאָזיקן לעצטן פּונקט ווערט גודענאָו ניט מיד איבערצוחזרן (68, 77, 78, 94, 104). פילאָן איז אַזוי טיף איבערצייגט אין דער גרויסקייט פון יידן און יידישקייט, אַז ער געפינט די העכסטע געדאַנקען פון גריכישער פילאָסאָפיע — וואָס האָבן צו אים אַזוי שטאַרק אַפּעלירט — אַלעגאָריש אויסגעדריקט אין דער תורה. ממילא, אַנשטאָט צו זאָגן, אַז ער האָט די תורה העלעניזירט, איז אפשר ריכטיקער צו זאָגן, אַז ער האָט פאַריידישט די גריכישע פילאָסאָפיע. באמת, ער האָט זי אַזוי פאַריידישט, אַז ער האָט אין דער שפּיץ פון איר אַוועקגעשטעלט ניט די גריכישע פילאָסאָפן, נאָר משהן און די אָבֿות.

פון דעסט וועגן דאַרף מען ניט אָננעמען, אַז פּילאָן איז געווען אָריגינעל אין זײַן פּילאָסאָפירן. גודענאַו דריקט דאָס אויס זייער שאַרף, „פּילאָנס צושטײַער צו פּילאָסאָפיע זעט מיר אויס צו זײַן נישטיק" (126). מען קען ניט זאָגן, אַז דאָס איז די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג. עמיל שירער למשל האַלט, אַז: „זײַן סיסטעם איז געווען עקלעקטיש, אָבער די איבערגענומענע עלעמענטן ווערן קאָמבינירט אין אַ נײַער איינױקייט מיט אַזאַ אָריגינאַליטעט, אַז מען מעג אים גאַנץ גוט באַטראַכטן ווי אַ רעפּרע־זענטאַנט פון אַן אייגענער פּילאָסאָפיע" (בריטאַניקאַ). גודענאַו גייט נאָך ווײַטער און זאָגט, אַז ער איז אַפילו געווען גלײַכגילטיק צו פּילאָסאָפישער אויסגעהאַלטנקייט (זע למשל 138־141, און 148).

אויך אויף דער הומאַניטאַרער זײַט, האַלט גודענאַו, האָט פּילאָן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין צו געהויבענע מאָראַלישע שטעלונגען (163, 165, 166, 172, 174). עס איז שווער אײַנצוזען די גערעכטיקייט פון דאָזיקן מישפּט, ווען מען מעסט פּילאָנען מיט זײַן צײַט און זײַן ראָלע, און ניט מיט געהויבענע מאָראַלע סענטענצן פון תּלמוד, מדרש אָדער דעם נײַעם טעסטאַמענט. סוף־כּל־סוף איז ער ניט געווען קיין פירער פון אַ סעקטע, נאָר ער האָט פאָרמולירט דעם עטישן צוגאַנג פון ייִדישן טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער דאָס איז גודענאַוס מיינונג.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז פּילאָנס פּערזענלעך לעבן איז אונדז אומ־באַקאַנט, אַחוץ זײַן השתּדלות פאַר ייִדן בײַם רוימישן אימפּעראַטאָר, קומט אויס, אַז אין גודענאַוס פּאָרטרעט זײַנען פאַראַן גאַנץ גערידכטע פלעקן. דאָס שוואַכט אָבער ניט אָפּ דעם פײַנעם אײַנדרוק פונעם בילד וואָס דער מחבר מאָלט אויס. וואָרעם ניט געקוקט אויף זײַן דאָרשט צו זײַן אָביעקטיוו זײַנען אָבער זײַנע פאַרבן תּמיד וואַרעם. פּילאָנס אינטעלעקט, האַלט ער, איז געווען דורך און דורך גריכיש, דאָך איז זײַן אינעווייניקסט פײַער געווען נבֿיאיש־ייִדיש (160). אָבער „אינעווייניקסט פײַער" איז אַ מיסטישע קאַטעגאָריע, און דאָס, ווי שוין באַמערקט, רירט אָן אַ וואַרעם ווינקל אין גודענאַוס אייגענעם האַרצן.

יעדער איינער וואָס וויל קריגן אַן אַלגעמיינע באַקאַנטשאַפט מיט פּילאָנען און מיט דער קולטורעלער אַטמאָספער אין אַלעקסאַנדריע פון זײַן צײַט, וועט אין דעם דאָזיקן בוך געפינען אַקוראַט וואָס ער זוכט. ער וועט ספּעציעל דאַנקבאַר זײַן גודענאַו פאַר זײַן רײַכער ערודיציע, פאַר זײַן אָביעקטיוון מעטאָדאָלאָגישן צוגאַנג, פאַר זײַנע אָריגינעלע השערות אין טונקעלע פּונקטן און פאַר זײַן מענטשלעכער וואַרעמקייט אין פאָרשטעלן פאַר אונדז אַ גרויסן ייִדישן מענטש אין זייער אַן אינטערעסאַנטער עפּאָכע.

ל. ל.

באַפעלקערונג־פּראָבלעמען

1 H. S. Linfield, "Jewish Communities of the United States." In: *The American Jewish Year Book*, vol. 42 (1940/41), pp. 215-266.

2 John W. Riley and Matilda White, "The Use of Various Methods of Contraception." In: *American Sociological Review*, December 1940, pp. 890-903.

3 George B. Mangold, "The Changing Size of the Family Unit." In: *Sociology and Social Research*, vol. 25, November-December 1940, pp. 150-156.

.1 וויפל ייִדן זײַנען פאַראַן אין די שטאַטן? דאָס פעדעראַלע צענזוס־ביוראָ האָט ביז איצט נאָך ניט געפּרוּווט אויסגעפינען דעם אָפּשטאַם צי די רעליגיע פון די היגע אײַנוווינערס, און אַ פּריוואַטע ציילונג איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. איינע פון זיי איז דאָס, וואָס מיר ווייסן ניט אויף זיכער, ווו ייִדן וווינען. ניט האָבנדיק די אַדרעסן פון אַלע ייִדן וואָלט אונדז במילא אויסגעקומען צו גיין פון הויז צו הויז און פרעגן די אײַנוווינערס, צי זיי זײַנען ייִדן, ניט האָבנדיק פאַרשטייט זיך קיין שום פאַרזיכערונג, אַז זיי וועלן ניט פאַרלייקענען זייער ייִדישקייט. פאַראַן מעטאָדן פאַר שאַצן די גרייס פון אַ באַפעלקערונג. מיר וואָלטן אָבער געוואָלט אויך ווייסן וועגן זייער עלטער, בילדונג, מלאָכות וכדומה, און זיך פאַרלאָזן נאָר אויף אַזוינע שאַצונגען איז ניט אַזוי גוט.

דאָס פעדעראַלע צענזוס־ביוראָ קלײַבט אָבער ידיעות וועגן רעליגיעזע קערפּערשאַפטן. איין מאָל אין צען יאָר פּרוּווט מען דאָרטן אויסגעפינען וועגן דער צאָל מענטשן וועלכע באַלאַנגען צו די פאַרשיידענע קלויסטערס און אויך וועגן די הוצאות, הכנסות און פאַרמעגנס פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס. דאָס גיט אַ מיגלעכקייט געוויר צו ווערן עפּעס וועגן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

ד"ר ה. לינפילד האָט אין 1937, מיט דער הילף פון דער מלוכה, פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, געמאַכט אַן אויספאָרשונג וועגן דער צאָל ייִדן אין די שטאַטן. לויט זײַנע רעכענונגען און שאַצונגען קומט אויס, אַז אין 1937 זײַנען דאָ געווען 4,770,647 ייִדן אין פאַרגלײַך מיט 4,228,029 אין 1927, אַ פאַרגרעסערונג פון 12.8 פּראָצענט. אין 1937 זײַנען 3.69 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג געווען ייִדן, בעת אין 1927 האָבן זיי באַטראָפן 3.58 פּראָצענט. אין די לעצטע צען יאָר איז דער וווּקס געווען קלענער ווי צווישן 1917 און 1927.

אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געוווינט אין 4,694 שטעט, שטעטלעך און דערפער. אַרום 86 פּראָצענט פון זיי האָבן געוווינט אין שטעט מיט 100,000 צי מער אײַנוווינערס און זיי זײַנען דאָרט געווען 11.27 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. 8 פּראָצענט זײַנען געווען אין שטעט מיט 25,000

אָדער ווינציקער ווי 100,000 אײַנוווינערס און זיי האָבן דאָרט באטראָפן 30.4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אײַנוווינערס. 28.08 פּראָצענט פון די ניו־יאָרקער אײַנוווינערס, 2,035,000, זײַנען אין יענעם יאָר געווען ייִדן. דאָס מיינט, אַז אַרום 43 פון איטלעכע הונדערט ייִדן אין לאַנד האָט מען געקענט געפינען אין ניו־יאָרק.

דער מחבר ברענגט אויך טאַבעלעס וועגן דעם וווּקס פון דער באַוועג־לעכקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די יאָרן 1917-1937, וויפל ייִדן האָבן געלעבט אין די דרום־, צפון־, און מערב־טיילן פון לאַנד, אין יעדער איינעם פון די שטאַטן, און אין די טויזנטער שטעט, שטעטלעך און דערפער.

ד"ר לינפילד האָט אַוודאי באַרײַכערט אונדזערע ידיעות וועגן וווּקס, באַוועגלעכקייט און פאַרטיילונג פון די אַמעריקאַנער ייִדן. דער מאַטעריאַל וואָלט אָבער באַדאַרפט אַנאַליזירט ווערן אויך פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. עס איז ניט גענוג למשל אָנצוגעבן, אַז אין 1927 זײַנען 29.56 פּראָצענט פון דער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג געווען ייִדן און אין 1937 נאָר 28.08 פּראָצענט. צי איז טאַקע די צאָל ייִדן משך די צען יאָר דאָרט פאַרקלענערט געוואָרן אָדער דער וווּקס איז געווען קלענער לגבי דער ניט־ייִדישער באַפעל־קערונג? פון די געבראַכטע פּראָצענטער קען מען דאָס ניט אַרויסדרינגען. פאַקטיש, לויט ווי לינפילד גיט אָן, האָט ניו־יאָרק געהאַט אין 1937 מיט אַ 15 פּראָצענט מער ייִדן ווי מיט צען יאָר צוריק. עס איז בלי ספק ניט גענוג אָנצוגעבן בלויז דעם פּראָצענט ייִדן אין דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווײַל פון דעם אַליין קען מען ניט תמיד וויסן, צי ייִדן האָבן זיך באמת פאַרגרעסערט צי פאַרקלענערט אין צאָל. מען וואָלט במילא אויך באַדאַרפט אַנאַליזירן דעם וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג גופא.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. אין די יאָרן 1927-1937 האָט זיך די ניו־יאָרקער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט, לויט די שאַצונגען פון ד"ר לינפילד, אויף אַ 24 פּראָצענט, בעת לויט די אָפיציעלע רעפּאָרטן פון פעדעראַלן צענזוס־ביוראָ קומט נאָר אויס, אַז די פאַרגרעסערונג צווישן 1930 און 1940 איז געווען ניט מער ווי 7.6 פּראָצענט. דער חילוק נעמט זיך משמעות דער עיקר פון דעם, וואָס ד"ר לינפילד גיט אָן, אַז ניו־יאָרק האָט געהאַט אַ באַ־פעלקערונג פון ניט מער ווי 5,970,000 אין 1927, בעת דאָס צענזוס־ביוראָ האָט דאָ דעם ערשטן אַפּריל 1930 געפונען 6,930,446 נפשות. דער פּראָ־צענט פון ייִדן איז בכן געווען צו גרויס לויט זײַנע שאַצונגען פון 1927. מע וואָלט במילא באַדאַרפט אפשר מאַכן נאָך אַנדערע שאַצונגען וועגן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און אויך רעווידירן די פּראָצענטער אין לינ־פילדס טאַבעלעס.

אַז דאָס וואָלט באמת באַדאַרפט געטאָן ווערן, ווערט קלאָר פון זײַנע שאַצונגען וועגן דער באַפעלקערונג אין די שטאַטן. לינפילד גיט אָן למשל,

אז פּענסילווייניע האָט אין 1937 געהאַט 10,176,000 אײַנוווינערס, און לויט דעם צענזוס־ביוראָ קומט אויס, אז זי האָט געהאַט דעם ערשטן אפּריל 1940 ניט מער ווי 9,900,180 נפשות. ניו־דזשוירזי האָט לויט אים געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 4,343,000, און לויט דעם צענזוס 4,160,165 אין אָנהייב 1940. אילינאָי, אַ שטאַט מיט גענויע אַכט מיליאָן נפשות, האָט צווישן 1937 און 1940 געהאַט אַ צוזואַקס פון ניט מער ווי 19,000, אויב מיר נעמען אָן די שאַצונגען פון ד״ר לינפילד. צי איז די באַפעלקערונג אין די דערמאָנטע און אַנדערע שטאַטן באמת פאַרקלענערט געוואָרן משך די לעצטע עטלעכע יאָר אָדער די שאַצונגען זײַנען ניט געווען קיין גענויע? וואָס עס זאָל ניט האָבן פּאַסירט, די ציפער וואָלט באַדאַרפט רעווידירט ווערן, און במילא אויך דער פּראָצענט ייִדן.

אין דער אָפּגעדרוקטער אַרבעט ווערן ניט דערמאָנט די מעטאָדן, מיט וועלכע ד״ר לינפילד האָט זיך באַנוצט אויף אויפקלײַבן זײַן מאַטעריאַל. צי איז באַטש אין די קלענערע ייִדישע קיבוצים געמאַכט געוואָרן אַ הויז־צו־הויז־ציילונג? צי זײַנען די שאַצונגען באַזירט אויף דער צאָל ייִדישע קינדער אין די עלעמענטאַרע שולן צי אויף דער צאָל טויטפאַלן? גראָד אין אַזאַ פאָרשונג איז די מעטאָדישע זײַט ספּעציעל וויכטיק.*

2־3. פון פּראָפעסאָר פּוירלס אויספאָרשונגען ווייסן מיר, אַז קאַטױלישע פרויען האָבן 46 קינדער פּער 100 יאָר זיווּג־לעבן, פּראָטעסטאַנטישע 42, און ייִדישע ניט מער ווי 35 קינדער.[1] דער חילוק אין דער געבורטן־ראַטע נעמט זיך דער עיקר, אויב ניט אויסשליסלעך, פון דעם וואָס געבורטן־קאָנטראָל, אַבאָרטן אַרײַנגערעכנט, איז מער פאַרשפּרייט צווישן ייִדישע פרויען און זיי האָבן געוויינטלעך דערין מער הצלחה ווי אַנדערע.

דאָס איז משמעות מחמת דעם, וואָס ייִדישע פרויען באַנוצן זיך מיט מעטאָדן וואָס ברענגען בעסערע רעזולטאַטן. רײַלי און ווהײַט גיבן איבער, אַז בעת 34 פּראָצענט פון די קאַטוילישע און 14 פּראָצענט פון די פּראָטעס־טאַנטישע פרויען האָבן געזאָגט, אַז זיי באַנוצן זיך בלויז מיט פּשוטע געבורטן־קאָנטראָל־מעטאָדן, האָבן אָבער ניט מער ווי 6 פּראָצענט פון די ייִדישע זיי דערמאָנט. אונדזערע פרויען, מיט אַנדערע ווערטער, באַנוצן זיך מער און מיט בעסערע צי זיכערערע מעטאָדן ווי די אַנדערע.

און די רעזולטאַטן פון די געבורטן־קאָנטראָל־מעטאָדן זײַנען גאַנץ בולט. מענגאָלד האָט פאַרגלײַכט די גרייס פון דער פאַמיליע פון אַ 240 סטו־

* וועגן דעם ענין פ״גל איצט אין ייִוואָ־בלעטער XVII, 2 (מאַרץ־אַפּריל 1941), ז׳ 180־181 מאָריס ר. קאָהענס נאָטיץ. נ. גאָלדבערגס רעצענזיע איז געשריבן געוואָרן נאָך סוף 1940, לאַנג איידער פּראָפ׳ קאָהען האָט געהאַט אָפּגעדרוקט זײַנע באַמערקונ־גען. — רעד׳.

1 Pearl, R., *The Natural History of Population.*

זע ייִוואָ־בלעטער XVII, I, ז׳ 41.

דענטן אין אַ קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט מיט דער צאָל קינדער אין די פאַמיליעס פון זייערע מאַמעס. אין די פאַמיליעס פון דעם ייִדישן יונגן דור זײַנען געווען 3.20 קינדער, בעת זייערע באָבעס האָבן געהאַט 4.65 קינדער; און אין די ייִדישע היימען זײַנען געווען ווינציקער קינדער ווי אין די קאַטוילישע.

די דערמאָנטע אויספאָרשונגען גיבן איבער פאַקטן, אָבער קיין שום דערקלערונגען, פאַר וואָס געבורטן-קאָנטראָל איז אַזוי פאַרשפּרייט צווישן אַמעריקאַנער ייִדן. מען קען ניט זאָגן, אַז דאָס האָט דער עיקר צו טאָן מיט דער גרעסערער אורבאַניזאַציע, ווײַל פּוירל און רײַלי-ווהײַט האָבן געהאַט צו טאָן נאָר מיט שטאָטישע פרויען. די אויספאָרשערס גיבן אַפילו אָן, אַז עס האָט צו טאָן מיט דער בילדונג פון דער פרוי און אויך מיט דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער פאַמיליע. צי איז פון דעם צו דרינגען, אַז די אויס-געפרעגטע ייִדישע פרויען זײַנען געווען מער געבילדעט און זײַנען געקומען פון רײַכערע פאַמיליעס ווי די אַנדערע? אין די דערמאָנטע אַרבעטן ווערט ערשטנס ניט דערמאָנט קיין איין וואָרט וועגן זייער בילדונג צי עקאָנאָמישן מצב. צווייטנס, אויב דאָס וואָלט באמת געווען די איינציקע דערקלערונג, איז פאַר וואָס זײַנען אָבאָרטן, וועלכע זײַנען בדרך־כּלל ניט פאַרשפּרייט צווישן רײַכע און געלערנטע, בײַ אונדז מער פּאָפּולער ווי בײַ אַנדערע עטנישע גרופּעס?

דער גאַנצער ענין וואָלט באַדאַרפט גרונטיקער אויסגעפאָרשט ווערן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז סאָציאָלאָגיש אַזוי אומגעהײַער וויכטיק. מיר קענען זיך ניט אין דעם מאָמענט ריכטן, אַז ניט-ייִדישע געלערנטע זאָלן סיסטעמאַטיש אויספאָרשן דאָס ייִדישע לעבן. מיר קענען זיך ניט באַנוגענען מיט די ברעקלעך פון טיש, מיט די רעזולטאַטן פון זייערע צופעליקע אויספאָרשונגען. אויב מיר זײַנען באמת פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע וועגן דעם וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און פאַר וואָס אונדזער געבורטן-ראַטע איז קלענער איידער בײַ די אומות־העולם, וואָלטן מיר אַליין באַדאַרפט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו אין פאָרשן. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז געבורטן־קאָנטראָל איז ניט מער ווי אַ סימבאָל צי אַ סימפּטאָם פון שינויים צי חילוקים אין פּסיכיק, אינטערעסן און ווערטן פון ייִדישן און ניט-ייִדישן יונגן דור.

נ. גאָלדבערג

ראַסנדיקע פאָראורטיילן

Abraham I. Katsh, "A Survey of Racial Prejudices." In: *The Educational Forum,* March 1941, pp. 297-305.

שוין יאָרן לאַנג ווי סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן פאָרשן די סאָציאַל-פּאָליטישע מיינונגען פון סטודענטן און דערוואַקסענע. לויט די רעזולטאַטן

פֿון די אויספֿאָרשונגען קומט אויס, אַז עס איז פֿאַראַן אַ מין סאָציאַלע פּיראַמידע: מיר ווילן האָבן פֿרײַנדלעכע צי אינטימע באַציִונגען נאָר מיט געוויסע קאַטעגאָריעס מענטשן, און צו די איבעריקע זײַנען מיר גלײַכגילטיק אָדער מיר ווילן ניט האָבן קיין שום מגע־ומשׂא מיט זיי. ממילא איז וויכטיק צו פֿאָרשן דעם „געזעלשאַפֿטלעכן מהלך" (social distance) צווישן מיט־גלידער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע גרופּעס וואָס לעבן בשכנות.

ד"ר אַ. קאַטש איז פֿאַראינטערעסירט ניט נאָר אין די פֿאָראורטיילן פֿון סטודענטן, נאָר אויך, צי מען קען זיי באַפֿרײַען דערפֿון. בײַ צוויי טויזנט סטודענטן וואָס האָבן געלערנט אין דער וואַשינגטאָן-סקווער־אָפּטיילונג פֿון דעם ניו־יאָרק־יוניווערסיטי האָט מען געפֿרעגט, צי זיי וואָלטן געוואָלט, אַז אַן ענגלענדער, דײַטש, איטאַליענער, ייִד, נעגער, כינעזער, יאַפּאַנער, קאַטויליק, פּראָטעסטאַנט און קאָמוניסט זאָל זיך געפֿינען אין זייער שול, קלויסטער און קלוב און צי זיי וואָלטן געוואָלט אַזוינעם האָבן פֿאַר אַ שכן, פֿאַר אַ גאַסט בײַ זיך אין הויז און פֿאַר אַ חבֿר. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ניט מער ווי 0.7 פּראָצענט פֿון דער גרופּע האָבן געהאַט אַ פֿאָראורטייל קעגן ענג־לענדער, באַת אַ 3 פּראָצענט זײַנען געווען קעגן פּראָטעסטאַנטן, אַרום 5 פּראָצענט קעגן קאַטויליקן, 8 פּראָצענט קעגן איטאַליענער, 10 פּראָצענט קעגן דײַטשן און 12.35 פּראָצענט קעגן ייִדן. וואָס שייך צו די איבעריקע גרופּעס, האָבן פֿון 15 ביז 31 פּראָצענט ניט געוואָלט האָבן קיין שום מגע־ומשׂא מיט זיי.

דערבײַ ברענגט אָבער דער מחבר אַזאַ פֿאַקט: צוויי הונדערט פֿון די צוויי טויזנט סטודענטן האָבן געהאַט געלערנט אין אוניווערסיטעט וועגן דעם, ווי אַזוי די פֿאַרשיידענע פֿעלקער וואָס וווינען דאָ אין לאַנד האָבן באַרײַכערט די קולטור־אוצרות פֿון אַמעריקע. זײַנען זיי געווען מער ליבעראַל צו די שוין דערמאָנטע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און פּאָליטישע גרופּעס ווי די אַנדערע סטודענטן. דרינגט דער מחבר: זייער באַציִונג איז געווען אַנדערש ווי פֿון די אַנדערע תּלמידים מחמת דעם וואָס זיי האָבן געלערנט וועגן די קולטורווערטן און אויפֿטוען פֿון די אימיגראַנטן. און ער קומט צום באַשלוס, אַז מענטשן וואָלטן געווען מער טאָלעראַנט, ווען די שולן וואָלטן אָפּגעגעבן מער צײַט פֿאַר אַזוינע צי ענלעכע קורסן.

אוודאי איז זייער אָנגעלייגט דאָס צו הערן. די פֿראַגע איז אָבער: וווּ איז די ראיה, אַז דער דערמאָנטער קורס האָט באמת געהאַט אַ השפּעה אויף די 200 תּלמידים? וואָלט דער מחבר לכל־הפּחות אויסגעפֿונען, וואָ־סערע מיינונגען די סטודענטן האָבן געהאַט איידער זיי האָבן גענומען דעם קורס, וואָלט ער אפֿשר געקאָנט זאָגן, אַז זייער באַציִונג צו די גרופּעס האָט זיך געביטן צוליב די לעקציעס און דיסקוסיעס אין קלאַס. ער האָט עס אָבער, אויף ווי ווײַט מיר זעען, ניט געטאָן, און במילא איז שווער

צו זאָגן, צי דער קורס האָט באמת געהאַט אַ פּעולה. אפשר האָבן זיך גאָר די סטודענטן פּאַראינטערעסירט מיט דעם קורס מחמת דעם, וואָס זיי זײַנען לכתחילה געווען מער טאָלעראַנט צי ליבעראַל ווי די אַנדערע סטודענטן. זײַן קאָנטראָל־גרופּע איז פון אַ מעטאָדאָלאָגישן שטאַנדפונקט ניט געווען וואָס זי האָט באַדאַרפט זײַן.

און מיר ווייסן אויך ניט די אינטעליגענץ, די לימודים, אין וועלכע די סטודענטן האָבן זיך ספּעציאַליזירט, די צאָל יאָרן וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין אוניווערסיטעט און זייער נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אָפּשטאַם. אַנדערע פאָרשערס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז עס איז פאַראַן אַ פּאָזיטיווע קאָרעלאַציע צווישן אינטעליגענץ און סאָציאַל־פּאָליטישן ליבעראַליזם פון סטודענטן. אויך ווייסן מיר, אַז די וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין סאָציאַלע וויסנשאַפטן זײַנען בדרך כּלל מער ראַדיקאַל ווי די וואָס שטודירן נאַטור־וויסנשאַפטן. אויך איז באַוויזן געוואָרן, אַז סטודענטן פון דריטן און פערטן יאָר זײַנען מער ליבעראַל ווי די וואָס לערנען דעם ערשטן צי צווייטן יאָר אין קאָלעדזש. און אַז מע דאַרף זיך רעכענען מיט דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אָפּשטאַם קען מען זען פון דעם, וואָס דער מחבר אַליין גיט צו, אַז דער פּראָ־אורטייל קעגן ייִדן וואָלט געווען אַ סך גרעסער, ווען אַ פערציק פּראָצענט, אַכט הונדערט, פון די צוויי טויזנט סטודענטן וואָלטן ניט געווען ייִדן.

זאָל אָבער באַמערקט ווערן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מער ווי מיט אַן אַרטיקל. עס קען זײַן, אַז דער מחבר האָט בדעה אָפּצודרוקן אַ סעריע אַרטיקלען צי אפשר אַ בוך וועגן דעם אינטערעסאַנטן און וויכטיקן ענין, ווו ער וועט איבערגעבן אַלע פּרטים.

נ. גאָלדבערג

אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור

Francis J. Oppenheimer, *Ezekiel to Einstein. Israel's Gifts to Science and Invention.* With a Foreword by Joshua Bloch. Liveright Publishing Corporation, New York, 1940. 138 pp. $1.00.

דער ציל פון ביכל איז צו געבן דעם דורכשניטלעכן לייענער אַ השגה וועגן ייִדישע אויפטוען אין נאַטור־וויסנשאַפט און טעכניק. דער מחבר האָט נאָך מיט 30 יאָר צוריק אָפּגעפּרעגט אַ באַשולדיקונג, אַז ייִדן זײַנען פּראָפּאָרציאָנעל צו שטאַרק פאַרטראָטן אין דער ניו־יאָרקער פאַרברעכער־וועלט, און אויך הײַנטיקס מאָל זײַנען זײַנע כּוונות בלי שום ספק די סאַמע בעסטע. צום באַדויערן מוז יעטווידער אַפּאָלאָגעטישע אַרבעט האָבן געוויסע חסרונות — דאָס ביכל וואָס מיר רעצענזירן האָט נאָך זײַנע באַזונדערע חסרונות.

אין אַרײַנפֿיר־קאַפּיטל רעדט דער מחבר אַרום די שוועריקייטן פֿון אידענטיפֿיצירן ייִדישע געלערנטע פֿאַר ייִדן. ווי קוואַליפֿיצירט ער אַליין איז פֿאַר אַזאַ מין אויפֿגאַבע, ווײַזט זײַן זאָץ, אַז אויב עס קען געמאָלט זײַן אַ שווערערע אויפֿגאַבע, ווי אונטערצושיידן אַ רוסישן ייִדן פֿון אַ געבוירענעם רוס, איז עס אונטערצושיידן אַ דײַטשן ייִדן פֿון אַ געבוירענעם דײַטש (ז׳ 16). מענדעלעיעוו ווערט טאַקע פֿאַררעכנט פֿאַר אַ ייִד. מיט אַן ערנצטער מינע ווערט דערציילט וועגן „אַ פּרוּוו צו באַווײַזן דעם ייִדישן אָפּשטאַם פֿון 70 רעגירנדיקע אייראָפּעיִשע פֿאַמיליעס, צווישן זיי: באָנאַ־פּאַרטע, בורבאָן, האַבסבורג, האָהענצאָלערן און ראָמאַנאָוו (ז׳ 20). רעמ־בראַנדט, גוטנבערג, מיקעל אַנדזשעלאָ, סערוואַנטעס און אַנדערע בלײַבן אונטערן חשד פֿון ייִדישקייט.

איינער פֿון די קאַפּיטלען הייסט: Naming Names. אַזוי האָט בעצם געקענט הייסן דאָס גאַנצע ביכל. אויף צוויי דריטל שטעלט זיך עס אויף פֿײַן הונדערטער נעמען פֿון ייִדישע וויסנשאַפֿטלערס, אויפֿדעקערס, דאָקטוירים, כּלל־טוערס, שאַכשפּילערס און סתּם רײַכע ייִדן (וועגן רײַכע ייִדן בכלל דערוויסן מיר זיך ז׳ 93, אַז „זייערע טעטיקייטן זײַנען שייך דער עיקר צו אוועקגעבן זייער געלט צו איין בילדונגס־ אָדער צדקה־אינסטיטוציע נאָך דער אַנדערער”). צו יעדער נאָמען קומען צו קורצע ביאָגראַפֿישע און וויסנ־שאַפֿטלעכע כאַראַקטעריסטיקעס, און פֿרויד, קאַנטאָר צי מאַרקס באַקומען ניט מער אָרט, איידער אַ „פּאָפּולערער רוימישער צאָנדאָקטאָר” אָדער אַ געהילף־פּראָפֿעסאָר פֿון אוניווערסיטעט אין שיקאַגאָ. אַ לייענער קען בשום אופֿן ניט אַרויסזען, אין וואָס איז בעצם באַשטאַנען די גרויסע ווערדע אָט פֿון די גרויסע לײַט, און צײַטנווײַז ווערט מען מסופּק, צי דער מחבר אַליין פֿאַרשטייט עס אַלע מאָל. וועגן אײַנשטיינען וואָס האָט באַקומען מער אָרט פֿון אַלעמען ווערט געזאָגט, אַז זײַן נאָבעל־פּרעמיע האָט ער באַקו־מען פֿאַר אַרבעטן איבער אַסטראָפֿיזיק (!). אויף ז׳ 65 לייענען מיר: „הוגאָ מינסטערבערג האָט דער ערשטער געמאַכט פֿון פּסיכאָלאָגיע אַ פּראַקטישן אינסטרומענט, ד״ר אַלפֿרעד אַדלערס אינפֿעריאָריטעט־קאָמפּלעקס האָט אַ פּראַקטישן נוצן פֿאַר דאָקטוירים פּונקט ווי די פּסיכאָ־אַנאַליטישע אונטער־זוכונגען פֿון ד״ר זיגמונד פֿרויד און זײַן אַמעריקאַנער תּלמיד ד״ר א. א. בריל.” געאָרג קאַנטאָר, אפֿשר דער גרעסטער מאַטעמאַטישער גאון וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אַרויסגעגעבן, וועמענס אויסזוכונגען ס׳האָבן רעוואָ־לוציאָניזירט די גאַנצע מאַטעמאַטיק, האָט באַקומען אַ האַלבן זאַץ (אמת, אין אַ גוטער געזעלשאַפֿט): „קאַנטאָרס אַרבעטן וועגן צאָלן [!] זײַנען אויטאָריטאַטיוו, פּונקט אַזוי ווי מענדעלעיעווס פּעריאָדישער געזעץ” (ז׳ 64). באַלצמאַן אין דײַטשלאַנד האָט אויפֿגעדעקט די ׳שטראַלונג׳, שרײַבט אָפּענ־הײַמער אויף ז׳ 58, און מאַכט אַזוי אַרום נאָך אַ סענסאַציאָנעלערע אויפֿ־דעקונג. וועגן דעם מאַטעמאַטיקער יאַקאָבי ווערט געזאָגט בלויז, אַז „גרע־

גאַרי... רופֿט אים אָן דער גרעסטער מאַטעמאַטישער לערער פֿון זײַן צײַט" (ז' 64). בכלל באַנוצט זיך אָפּענהײַמער אָפֿט מיט רעקאָמענדאַציעס פֿון דער צװייטער האַנט. װעגן אוריאל אַקאָסטאַ „דערציילט זאַנגװיל אין 'טרוימערס פֿון געטאָ'" (ז' 23). אַפֿילו ספּינאָזאַ קען זיך ניט באַגיין אָן אַ רעקאָמענ־דאַציע: „אין די װאונדן האָט ער געשריבן זײַנע אומשטערבלעכע מײַסטער־װערק װאָס האָבן באַקומען אַזאַ עקסטראַװאַגאַנטן לויב מצד געטע, דעם גרויסן דײַטשן דיכטער־װיסנשאַפֿטלער" (ז' 27).

אחוץ נעמען זײַנען אין בוך פֿאַראַן קאַפּיטלען (מיט װייניק סיסטעמאַ־טישקייט און אַ סך ציטאַטן) װעגן דער ראָלע פֿון ייִדן װי טרעגערס פֿון װיסנשאַפֿט אין מיטל־עלטער, װעגן סאָציאַלע עלעמענטן אין דער תּורה אאַז"װ. ס'איז אויך פֿאַראַן אַ קאַפּיטל װעגן „מאָדערנער פֿיזיק און תּנך". מילא, דער געדאַנק, אַז די מאָדערנע נאַטור־װיסנשאַפֿט רעהאַביליטירט די ביבל איז ניט אָפּענהײַמערס. נאָר אָט איז זײַנער אַן אייגענער פּערל: „דער גרויסער נבֿיא איובֿ האָט אפֿשר פֿאָרויסגעפֿילט די אויפֿדעקונג פֿונעם באַ־רימטן װיסנשאַפֿטלער הערץ [ראַדיאָ־כװאַליעס]... מיט זײַן פֿראַגע: „קענסטו אַרויסשיקן בליצן, זיי זאָלן גיין, און זאָגן צו דיר: דאָ זײַנען מיר?" (ז' 170). אין באַלד נאָך דעם, שוין אָן דעם א פֿ ש ר: „אַז יחזקאל האָט פֿאָרויסגעזען די אויפֿדעקונג פֿון עלעקטריע זעט זיך אַרויס פֿון זײַנע נבֿיאישע װערטער: און איך האָב געזען... אַזוי װי דער אָנבליק פֿון בורשטין — אין מיטן פֿון פֿײַער" (ז' 130). די בראשית־װערטער „תּוהו ובֿהו" זײַנען אַ „פּשוטע" באַשרײַבונג פֿון עלעקטראָנען־באַװעגונג (ז' 127). „שלמה המלך האָט געזאָגט מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין אַזוינע פֿרישע און מאָדערנע װערטער, װי זיי װאָלטן אַרויסגענומען געװאָרן פֿון אַ לעקציע װאָס אַלבערט אײַנשטיין האָט אָקערשט נעכטן געגעבן אין Institute for Advanced Study, פּרינסטאָן, ניו־דזשוירזי: „צײַט איז נאָר אַ שאָטן װאָס פֿאַרגייט" (ז' 130).

ס'איז נאָך טשיקאַװע צו ברענגען אַ פּאָר מוסטערן פֿון אָפּענהײַמערס קאָנסטרוקציע. אָט װאָס ער פֿאַרגינט זיך אַרויסצוזאָגן בנשימה אחת:

„ראַמסיי מאַקדאָנאַלד איז געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן קאָנ־סולטירן ד"ר סאָלאָמאָן סאָלים קאָהען פֿון פֿילאַדעלפֿיע. קאַרל דער גרוי־סער... האָט געהאַט צװיי ייִדישע דאָקטוירים..." (ז' 67).

„אָט די פֿינף פּשוטע װערטער 'זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן', קען מען זאָגן, זײַנען דער גרעסטער אַרבעט־דאָקומענט אין געשיכטע. אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן איז סעמיועל גאָמפּערס געװען אַ באַרימטער פֿירער װען די אַרבעטער־באַװעגונג האָט זיך ערשט גענומען קריסטאַליזירן; הײַנט טראָגן צו סידני הילמאַן און דוד דובינסקי קאָנסטרוקטיװע מלוכהשאַפֿטלעכקייט צו דער זאַך פֿון אַרבעט. דער דײַטשער סאָציאַליזם איז געגרינדעט געװאָרן פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַלן" (ז' 86).

יחזקאל איז געווען דער גײַסטיקער פֿאָטער פֿון פּאָליטישער דעמאָ־קראַטיע. מיט אים איז דער יחיד געוואָרן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַנע אייגענע מעשׂים, ניט דער שבֿט. ער האָט זיך אויך אײַנגעשטעלט פֿאַר מענטשלעכע פֿרײַהייטן מיט דעם זעלביקן ברען ווי ס'האָט ארויסגעוויזן דער פּויפּס פּיִוס דער עלפֿטער" (זז' 88, 89).

„דזשוליוס ראָזנוואַלד האָט פֿאַרזאָרגט מיט פֿרײַע בלוטטעסטן און דאָקטוירים די מיסיסיפּי-נעגערס וואָס זײַנען באַפֿאַלן געוואָרן פֿון פּע־לאַגרע. און [!] די גאַנצע שאלות־ותּשובֿות־ליטעראַטור פֿון מיטל־עלטער ווײַזט באַשײַמפּערלעך, וואָסערע פּקחותדיקע פֿאָרשערס פֿון דער מענטש־לעכער נאַטור רבנים זײַנען געווען; אויך, ווי שטאַרק זייער צעטומלטע עדה איז געווען אָפּהענגיק פֿון זייער עצה אין אירע טעגלעכע עסקים. דער פֿאַרשטאָרבענער וויליאַם לאָוענסטיין אין ניו־יאָרק האָט איבערגעלאָזן אַ מיליאָן דאָלאַר דעם „ניו־יאָרק קאָמיוניטי טראָסט" אײַנצואָרדענען רעסטאָ־ראַנען, אין וועלכע נויטבאַדערפֿטיקע זאָלן געשפּײַזט ווערן פֿרײַ" (זז' 92־93).

„דער טיפּישער רוסישער ייִד אָדער דײַטשער ייִד אָדער פֿראַנצייזישער ייִד, אין דעם פּרט, איז אַ מענטש פֿון אַ סך שפּראַכן. די קאַטעדרע פֿון לינגוויסטיק בײַם יעיל־אוניווערסיטעט איז אַ סך יאָרן געווען פֿאַרנומען דורכן לעצטנס פֿאַרשטאָרבענעם עדוואַרד סאַפּיר. אַ סך אַנדערע ייִדן האָבן געהאַלטן ענלעכע אַקאַדעמישע פּאָסטנס אין גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע. אין די ביבלישע צײַטן האָט שלמה המלך, ווי די לעגענדע דערציילט, געקענט אַפֿילו די שפּראַך פֿון די פֿייגל" (ז' 102).

אַ קשיה אויף אַ מעשׂה, אפֿשר זײַנען מחוץ דעם מחבר אויך פֿאַראַן מענטשן וואָס מיינען, אַז אַזאַ מין פּרעזענטאַציע איז „גוט פֿאַר ייִדן". אָבער זיכער איז שעדלעך דער אופֿן, ווי אַזוי דער מחבר רעדט וועגן דעם אַמאָליקן ייִדישן געטאָ. ער אַליין דערציילט דאָך, אַז ניט נאָר זײַנען פֿון געטאָ אַרויסגעוואַקסן גדולים אָן אַ שיעור אין דער אַלגעמיינער וועלט אַרײַן, נאָר אויך אַז א י ן ג ע ט אָ ג ו פֿ א איז די שטאַרביקייט געווען לפֿי־ערך אַ קליינע (ז' 81), אַז לייענען און שרײַבן האָט מען דאָרטן געקענט מער ווי אַנדערש וווּ (ז' 116). מען מעג פֿאָדערן מער דרך־ארץ צום טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבן, בפֿרט פֿון מענטשן מיט גוטע כּוונות. דאָס לעבן אין געטאָ איז געווען אַ פּ ײַ ן, אָבער רופֿן עס „פּאַסקודנע" (foul) איז אומגערעכט און אומפּאַסיק, צו ניצן גאָר ווייכע ווערטער.

ל. ב ע ר ז

Facts about Fictions Concerning the Jews. Anti-Defamation League of B'nai Brith. [New York, 1941.] $1.00.

אין דעם בוך זײַנען צונויפֿגענומען 24 בראָשורן אַרויסגעגעבענע פֿון דער אַנטי־דיפֿאַמאַציע־ליגע פֿון בני־ברית ווי אַ מאַטעריאַל פֿאַר שמועס־קרײַזן. די אויפֿגאַבע זייערע

איז צו געבן פאַקטן וועגן ייִדן, דער ייִד זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן קעגן פּראָפּאַגאַנדיסטישע אָנפאַלן פון שונאי־ישׂראל און דער ניט־ייִד זאָל אָפּוואַרפן זײַנע אומראַציאָנאַלע באַגריפן וועגן ייִדן. דער עיקר איז אָבער דער מאַטעריאַל פון ייִדנס וועגן. דער אינהאַלט פון די בראָשורן איז אַ פאַרשיידנאַרטיקער: וועגן דער עקאָנאָמישער פּאָזיציע פון ייִדן אין דער וועלט; בילבולים קעגן ייִדן; דער צושטײַער פון ייִדן צו וועלטקולטור; רעליגיע און ייִדישקייט אאַז״וו.

אַ שאָד נאָר, וואָס די אַרויסגעבערס האָבן ניט געקענט בשלימות דערגרייכן די צילן וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט. די געבראַכטע מאַטעריאַלן זײַנען ניט אין גאַנצן פאַקטן. זיי שטיצן זיך ערטערווײַז אויף האַלב וויסנשאַפטלעכע אָדער זשורנאַליסטישע מקורים. דער טאָן איז אָפּט אַ רײַסיק אַפּאָלאָגעטישער. טייל מאָל זײַנען געלייקנט די אַנטיסעמיטישע אַרויסזאָגונגען דורך קאַטעגאָרישע אָפּענטפערס אָן אַ באַגרינדונג צי מיט ציטאַטן פון ייִדישע און ניט־ייִדישע פירערס. קלאָר, אַז דער מאַטעריאַל דאַרף זײַן אַ פּאָפּולערער און ניט נאָר פאַר יחידי־סגולה. פון דעסט וועגן וואָלטן בעסער באַגרינדעטע אַרטיקלען געקענט געבן דעם באַנוצער אַ גרעסערן און זיכערערן באַגאַזש.

ל. ש.

ייִדישע דאָקטוירים אין די פאַראייניקטע שטאַטן

ד״ר יעקבֿ א. גאָלדבערג, היהודים ברפואה בארצות הברית.
אין: הרופא העברי ב: 1939, 42־49.

ד״ר גאָלדבערג הייבט אָן זײַן זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל מיט דער פראַגע: „ווי אַזוי איז די לאַגע פון די ייִדן אין מעדיצינישן פעלד און וואָס איז זייער אויסקוק״. ער רירט אָן די זייער אַנגעוויטאַגטע פראַגעס וועגן „צו פיל ייִדישע דאָקטוירים״, וועגן דער באַגרענעצונג פון ייִדישע מעדיצינישע סטודענטן אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן אאַז״וו. ער גיט איבער דעם רעזולטאַט פון אַ שטודיע וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון דער Conference on Jewish Relations וועגן די אַלע ענינים.

עס ווערט צוגעגעבן, אַז עס זײַנען פאַראַן צו פיל ייִדישע דאָקטוירים, און אַז דאָס מוז פאַרקלענערן די הכנסה זייערע און ווי אַ פועל־יוצא פון דעם ברענגען אַ ירידה פון דער מעדיצינישער פּראַקטיק גופא.

עס ווערט אויך אָנגעגעבן אַ רשימה ייִדישע דאָקטוירים אין צען וויכטיקע אַמעריקאַנער שטעט, אײַנגעטיילט לויט די יאָרן, אין וועלכע זיי האָבן גראַדויִרט. די שטעט זײַנען ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, לאָס אַנדזשעלעס, באָסטאָן, סינסינעטי, ס״ט־לויס, סאַן פראַנציסקאָ און ניו־אָרלינס. עס ווײַזט זיך אַרויס פון דער טאַבעלע, אַז די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל ייִדישע דאָקטוירים איז בכלל געקומען מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. בײַ מיר איז אַ גרויסער ספק, צי דאָס איז די איינציקע סיבה; אין די לעצטע יאָרן איז דאָך מחמת דער באַגרענעצונג פון אימיגראַציע די ייִדישע באַפעלקערונג ניט פאַרגרעסערט געוואָרן. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט דעם אויפקום פון נײַעם דור וועלכער איז גע־

בוירן געוואָרן אין אַמעריקע און זוכט דורכוים אַרײַנצודרינגען אין אַ פֿרײַער פּראָפֿעסיע.

די גראַדויִר־יאָרן (1935־1875) פֿון ייִדישע דאָקטוירים אין צען אַמעריקאַנער שטעט

יאָרן	צאָל גענענדיקטע
1880־1875	7
1885־1881	25
1890־1886	67
1895־1891	153
1900־1896	277
1905־1901	460
1910־1906	716
1915־1911	977
1920־1916	1273
1925־1921	1786
1930־1926	2069
1935־1931	3213

דער מחבר ווײַזט אָן, אַז די ייִדישע דאָקטוירים וואָס האָבן פּראַקטיקירט אין דער שטאָט ניו-יאָרק אין 1936 האָבן גראַדויִרט פֿון 97 אַמעריקאַנער מעדיצינישע פֿאַקולטעטן, 9 קאַנאַדער און 77 אייראָפּעיִשע. ער זעט דערין אַז אַנצוהערעניש אויף די שוועריקייטן וואָס ייִדישע מעדיצין־סטודענטן האָבן בײַם אַרײַנטרעטן אין מעדיצינישע פֿאַקולטעטן.

שטיצנדיק זיך אויף מקורים וואָס זײַנען, זאָגט ער, 95 פּראָצענט פֿאַרלאָזלעך, האַלט דער מחבר, אַז איבער 47 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדישע דאָקטוירים פּראַקטיקירן אין שטאָט ניו-יאָרק, 9 פּראָצענט אין אילינאָי, צו 7 פּראָצענט אין די שטאַטן ניו־דזשוירזי און פּענסילווייניע, און 4 פּראָצענט אין קאַליפֿאָרניע.

ווי עס ווײַזט זיך אַרויס פֿון דער פֿאָרשונג, געפֿינען זיך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן 420 שטעט פֿון אַרום 10,000 אײַנוווינער וואָס האָבן ניט קיין ייִדישע דאָקטוירים. די טאַבעלע 3 גיט אָן די צאָל פֿון אַזעלכע שטעט אין די פֿאַרשיידענע שטאַטן.

בנוגע דעם מצבֿ פֿון ייִדישע דאָקטוירים ווײַזט זיך אַרויס אָט וואָס. אין די גרויסע מיזרח־שטעט און אין שיקאַגאָ מיינען די ייִדישע דאָקטוירים, בײַ וועלכע מען האָט אָנגעפֿרעגט, אַז אין די גרויסע שטעט זײַנען פֿאַראַן צו פֿיל ייִדישע דאָקטוירים. וואָס ווײַטער אָבער צו מערבֿ מען קומט, אַלץ קלענער איז די קאָנקורענץ און אַלץ מער זײַנען די דאָקטוירים מצליח. נאָר

אין יענע מקומות האָבן די דאָקטוירים מורא, אַז דער צופֿלוס פֿון נײַע דאָקטוירים וועט פֿאַרשאַרפֿן זייער אייגענע פּראָבלעם. ווי עס ווײַזט אויס פֿאַרדינען ייִדישע דאָקטוירים גאַנץ גוט. דער באַריכט ווײַזט אויך אָן, אַז פֿעיִקע ייִדישע דאָקטוירים האָבן ניט קיין שוועריקייט אָנגעשטעלט צו ווערן אין שפּיטאָלן. ייִדישע דאָקטוירים לײַדן ניט פֿון אַנטיסעמיטיזם אין זייער פּראַקטיק. אָבער זיי שרעקן זיך פֿאַר דער צוקונפֿט.

אינטערעסאַנט איז נאָך, וואָס מען קלאָגט זיך אָפּט אויף דעם סאָרט יונגן ייִדישן דאָקטאָר וואָס קומט אַרויס פֿון די גרויסע צענטערס אין מיזרח אָדער מיטל־מערבֿ, אַז די אויפֿפֿירונג זײַנע איז ניט כּדבעי. דער מחבר איז מודה, אַז גאַנץ אָפּט איז טאַקע דאָ אויף וואָס זיך צו קלאָגן, אָבער אַז מען דאַרף זיך היטן ניט נכשל ווערן און מען דאַרף ניט מישפּטן צו שטרענג.

דער לעצטער פּאַראַגראַף באַהאַנדלט די צוקונפֿט פֿון ייִדן אויפֿן פֿעלד פֿון מעדיצין אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָ איז דער אויטאָר צום שוואַכסטן. ער האָט פֿאַרקוקט זייער אַ וויכטיקן פּונקט, ווען עס קומט צו דער פֿראַגע פֿון דער צוקונפֿט. איך מיין עס די פֿראַגע פֿון געזונט־פֿאַרזיכערונג. דעם פֿאַקטאָר האָט ער ניט דערמאָנט אַפֿילו מיט איין וואָרט. כּידוע אַגיטירט מען שטאַרק צווישן די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן פֿאַר פֿאַרזיכערונג קעגן קראַנקייטן, און עס איז בײַ מיר גאָר קיין ספֿק ניט, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט אַמעריקע אויך אײַנפֿירן געזעצן וועגן געזונט־פֿאַרזיכערונג און אַז דאָס וועט עפֿענען אַ גרויס פֿעלד פֿאַר מעדיצין בכלל און ממילא אויך פֿאַר ייִדישע דאָקטוירים, הגם עס וועט יעמאָלט ניט זײַן אפֿשר אַזאַ שאַנס פֿאַר די גאָר גרויסע מאַטעריעלע סוקצעסן פֿון דאָקטוירים־יחידים.

ד״ר מ. ווײַנבערג

די באַציִונג פֿון ייִדישע מיידלעך־מוטערס צו זייערע קינדער

Ruth Rome, "A Method of Predicting the Probable Disposition of Their Children by Unmarried Mothers." In: *Smith College Studies in Social Work*, vol. 10, no. 3, March 1940, pp. 167-201.

Anne Cohn, "Survey of Services Given to Unmarried Mothers by the Jewish Board of Guardians." In: *Smith College Studies in Social Work*, vol. 9, no. 2, December 1938, pp. 136-138.

מענטשן האָבן תּמיד געוואָלט וויסן, וואָס עס וועט פּאַסירן און ווי אַזוי מען קען פֿאָרויסזאָגן די טוּונגען און מיינונגען פֿון יחידים און גרופּעס אין געוויסע סיטואַציעס. אַמאָליקע צײַטן פֿלעגן זיי זיך פֿאַרלאָזן אויף סימנים, איצטער אָבער באַנוצט מען זיך אויך מיט פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן. דער חילוק צווישן די צוויי טעכניקעס באַשטייט דער עיקר אין דעם, וואָס דער איצטיקער געלערנטער באַזירט זײַנע פֿאָרויס־

זאָגונגען אויף אַ צאָל אָבסערוווירטע פֿאַקטן און רעגלמעסיקייטן. די צרה איז אָבער, וואָס עס פֿעלן אונדז די נייטיקע ידיעות וועגן אַ סך דערשײַנונגען און טווּנגען, און במילא קען מען נאָך ניט תּמיד וויסן, אויף וואָס מע קען זיך באמת ריכטן.

אין דער ניו־יאָרקער „האָום פֿאָר היברו אינפֿענטס" ווערן אַרײַנגענומען אַ צאָל קינדער פֿון ייִדישע ניט-חתונה־געהאַטע פֿרויען וועלכע קענען צי ווילן זיי ניט נעמען צו זיך אהיים. זיי ווערן דאָרט געהאַלטן ניט מער ווי דרײַ יאָר, דערנאָך דאַרף די מוטער זיי צוריקנעמען אָדער געפֿינען אַן אַנדער אַנשטאַלט צי פֿאַמיליע פֿאַר איר זון אָדער טאָכטער. צי קען מען פֿאָרויסזאָגן, וועלכע מוטערס וועלן טאַקע נעמען די קינדער צו זיך?

ר. ראָום האַלט, אַז מען קאָן יאָ: אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פֿון די וועלכע זײַנען געווען פֿאַרליבט אין די פֿאָטערס פֿון די קינדער און האָבן זיך גלײַכצײַטיק געריכט חתונה צו האָבן מיט זיי האָבן צוריק גענומען די קינדער; דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק וועגן די וואָס האָבן ליב געהאַט זייערע קינדער און וועגן די וואָס האָבן קיין מאָל ניט געוואָלט, מע זאָל זיי אַדאָפּטירן. אויב די עלטערן סימפּאַטיזירן מיט זייער טאָכטער, וועט זי מסתּמא גיכער ברענגען איר קינד אהיים; אויב די עלטערן לאָזן זי אַליין באַשליסן וואָס צו טאָן, זײַנען פֿאַראַן מער שאַנסן, אַז זי וועט אַליין דערציִען איר קינד; די מיידלעך וועלכע זײַנען עמאָציאָנעל גוט צוגעפּאַסט צום לעבן בכלל און צו דער געשאַפֿענער סיטואַציע בפֿרט וועלן משמעות ניט לאָזן, אַנדערע זאָלן דערציִען זייער קינד. דער אויספֿיר איז, זאָגט די מחברטע, אַז אויב איינע האָט פֿיר צי מער פֿון די זעקס שטריכן בשעת זי גיט איבער איר קינד צו דער „האָום פֿאָר היברו אינפֿענטס", וועט זי מסתּמא צוריקנעמען איר זון צי טאָכטער צו זיך.

דאָס זײַנען בלי־ספֿק וויכטיקע פֿאַקטן. מע דאַרף אָבער ניט פֿאַרגעסן, ערשטנס, אַז דער אויספֿיר איז באַזירט אויף די טווּנגען פֿון ניט מער ווי דרײַסיק מיידלעך. צווייטנס, די מחברטע גיט ניט אָן די וויכטיקייט פֿון יעדער איינעם פֿון די זעקס שטריכן. צי איז למשל די באַציִונג פֿון די עלטערן צו זייער טאָכטער וויכטיקער ווי איר באַציִונג צום מאַן צי צום קינד גופֿא?

אחוץ דעם האָט זיך די מחברטע באַנוצט בלויז מיט די פֿאַקטן וואָס מען האָט געוווּסט וועגן די דרײַסיק מיידלעך־מוטערס בשעת זייערע קינדער זײַנען געבאָרן געוואָרן. עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין משך פֿון די דרײַ יאָר וואָס די קינדער זײַנען געווען אין אַנשטאַלט איז עפּעס פֿאָרגעקומען, וואָס האָט זיי אפֿשר געצוווּנגען צו האַנדלען אַנדערש ווי זיי האָבן געהאַט באַשלאָסן. עס קען זײַן למשל, אַז עטלעכע האָבן זיך אונטער דער צײַט באַקאַנט מיט מענער, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט חתונה צו האָבן, אָדער זיי זײַנען לעצטנס געוואָרן אַרבעטסלאָז און האָבן במילא ניט געוואָלט צי ניט געקענט נעמען די קינדער אהיים. איז הייסט עס אַ

פֿראַגע, צי מען קען באמת פֿאָרויסזאָגן, וואָס זיי וועלן טאָן צום סוף פֿון די דרײַ יאָר.

נאָך אַ זאַך: די דרײַסיק מיידלעך וואָס ראָום האָט אויסגעפֿאָרשט זײַנען געווען ניט מער ווי איין פֿערטל פֿון די וועלכע האָבן יענעם יאָר געבעטן, מען זאָל זיי העלפֿן. אַ טייל פֿון אָט די נײַנציק מיידלעך האָבן מסתּמא גענומען די קינדער צו זיך און די איבעריקע ניט. איז ווי אַזוי זעען זיי אויס לגבי די פֿון דער אויסגעפֿאָרשטער גרופּע? דאָס איז נייטיק צו וויסן כּדי צו זען, אויף ווי ווײַט עס איז באמת פֿאַראַן אַ שײַכות צווישן די אָנגעגעבענע שטריכן און דער באַציִונג מצד די מיידלעך צו זייערע קינדער. וועגן דעם איז אַפֿילו קיין רמז ניטאָ אין דער אָפּהאַנדלונג.

אין דער צווייטער אַרבעט ווערט איבערגעגעבן אַ צאָל פֿאַקטן וועגן פּופּציק מיידלעך. עס איז געווען אַ חילוק צווישן זיי און די דרײַסיק וואָס ראָום האָט אויסגעפֿאָרשט הן אין עלטער, הן אין אינטעליגענץ־וויפֿלער, הן אין דער באַציִונג מצד די עלטערן צו זיי. אין דער אָפּהאַנדלונג ווערט איבערגעגעבן בלויז אַ סך־הכּל פֿון די רעזולטאַטן.*

* וועגן דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון אַן אַנדער בינטל אַרבעטן פֿון „סמיטה קאָלעדזש“ זע ייִוואָ־בלעטער“ XVII, I, זז׳ 73־77.

נ. גאָלדבערג

העלף־מאַטעריאַל פֿאַר שטודיר־גרופּעס
רשי

Program Material and Suggestions for the Observance of the 900th Anniversary of His Birth. New York and Philadelphia, National Jewish Welfare Board of Jewish Education Association, and the Associated Talmud Torahs of Philadelphia. 75 pp.

Yehudah Halevi—Sweet Singer of Zion. Department of Youth and Education, Zionist Organization of America, New York, 64 pp.

דאָס זײַנען זאַמלונגען מאַטעריאַלן איבער רשי און יהודה הלוי, וואָס קענען ווערן אויסגעניצט אין ייִדישע שולן און בײַ ייִדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. די אַרטיקלען ברענגען אי ביאָגראַפֿישע אינפֿאָרמאַציעס, אי אָפּשאַצונגען. אחוץ גוט אויסגעפּלאַנירטע לעקציעס פֿאַר באַאַרבעטונג אין קלאַס זײַנען געגעבן לידער, דראַמאַטיזירונגען פֿון רשיס און יהודה הלויס לעבן, טעמעס און טעזיסן פֿאַר רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס, מוסטער־פּראָגראַמען פֿאַר שטודיר־גרופּעס, קלובן וכדומה.

אַנטי־נאַצי־ליטעראַטור

Footprints of the Trojan Horse. Citizenship Educational Service, Inc. New York City. Illustrations by Jack Betts. 1940.

Edmund J. Horwath, *Why Anti-Semitism?* New York, The Bass Publishers, 1940. 40 pp. 50c.

L. Hamburger, *How Nazi Germany Has Mobilized and Controlled Labor.* Washington, D.C., The Brookings Institution, 1940. 63 pp. 25c. [מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע.]

דאָס ערשטע פֿון די ביכער איז אַרויסגעגעבן פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר דעוויז איז: „פֿרײַהייט איז ניט נאָר אַ ירושה, נאָר אַ נײַע אײַננעמונג אין יעדער דור.“

דער טעקסט איז על־פּי נוסח עלעמענטאַר לערנבוך. דער עיקר זײַנען די פּראָפּאַגאַנדיסטישע אילוסטראַציעס וועגן דער אונטערגראָב־אַרבעט פֿון די טאָטאַליטאַרע שיטות אין אַמעריקע; דאָס ביסל טעקסט איז געדרוקט מיט גרויסן שריפֿט. די סטראַטעגיע פֿונעם טראָיאַנישן פֿערד איז רעדוצירט צו עטלעכע פּשוטע גענג: דורך אינעווייניקסטע רײַסערײַען צעשטערן די אַחדות פֿון פֿאָלק; מאַכן ייִדן פֿאַרן שעיר־לעזאָזל דורך שטעמפּלען זיי סײַ פֿאַר קאָמוניסטן, סײַ פֿאַר קאַפּיטאַליסטן, און אַזוי אַרום פֿאַרכאַפּן די מאַכט. דער אויספֿיר איז, אַז עס איז די מיסיע פֿון אַמעריקע צו קעמפֿן קעגן דער טיראַנײַ אין דער הײַנטיקער וועלט.

האָרוואַטס בוך איז געשריבן אויף אַ העכערער מדרגה. דער מחבר איז אַן אַמעריקאַנער קאַטויל װאָס איז געבאָרן געוואָרן אין אונגערן. ער פֿרעגט אָפּ די אַנטיסעמיטישע טענות, ער קלערט אויף די פֿאַלשקייט פֿון די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון. ער ברענגט ציטאַטן פֿון ניט־ייִדישע גײַסטיקע פֿירערס וועגן די גרויסע צושטײַערס פֿון ייִדן צו וועלט־ציוויליזאַציע.

דאָס דריטע ביכל איז אַרויסגעגעבן פֿון ברוקינגס אינסטיטוש׳ן, די גערימטע פֿאָרש־אינסטיטוציע פֿאַר סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. דער מחבר, אַ געוועזענער לעקטאָר פֿון זשענעווער אוניווערסיטעט וועגן אַרבעטער־געזעץ־געבונג און אַרבעטער־פּראָבלעמען, ווײַזט, ווי אַזוי די נאַצישע רעגירונג האָט דורך סטימולירן מלחמה־אינדוסטריעס און אַרויסציִען ייִדן און פֿרויען פֿון אַרבעט־פּאָזיציעס פֿאַרקלענערט ביז נול די אַרבעטסלאָזיקייט. שפּעטער צו, ווען אַרבעטקראַפֿט האָט אויסגעפֿעלט און פֿאַבריקאַנטן האָבן גענומען פֿאַרגרעסערן די שׂכירות כּדי צוצוציִען נײַע אַרבעטערס, איז אויפֿגעקומען אַ גרויסע באַוועגונג פֿון איין אַרבעטפּלאַץ צום צווייטן, האָט די מלוכה פֿאַרווערט די פֿרײַע באַוועגונג פֿונעם אַרבעטער. ווען עס האָט זיך געלוינט צוריק צוצוציִען פֿרויען ווי אַן אַרבעטקראַפֿט צוליב דעם דוחק אין אַרבעטערס, האָבן די מלוכה־פֿירערס ביסלעכווײַז געביטן די רעגולירונגען וועגן פֿרויען־אַרבעט. אין אַ קלענערער מאָס איז דאָס אויך שייך צו ייִדן, הגם ייִדן האָט מען מכבד געווען מיט אַרבעט נאָר דאָרט, ווו זיי זײַנען ניט אין קיין שום קאָנטאַקט מיט דײַטשישע אַרבעטערס.

ל. ש.

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

דער לימוד העברעיִש אין די ניו־יאָרקער הײַסקולן

אויפֿן שול־צוזאַמענפֿאָר פֿון אַרבעטער־רינג אין באָסטאָן הײַנטיקן מײַ איז באַשלאָסן געוואָרן דער באַשלוס וועגן אַן אַקציע פֿאַר אײַנפֿירן ייִדיש ווי אַ לימוד אין די ניו־יאָרקער הײַסקולן. דאָס ברענגט אויפֿן זינען דעם פֿאַקט, אַז העברעיִש איז יאָ אָנערקענט אין דער ניו־יאָרקער שולסיסטעם. די וואָס אַרבעטן פֿאַר די רעכט פֿון ייִדיש דאַרפֿן זיך לערנען פֿון דער פּראַקטיק מיט העברעיִש: אי די פֿאַרמעלע אי די געזעלשאַפֿטלעך־פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן זײַנען גרויסע, און נאָר אַן אָנגעשטרענגטע פּלאַנמעסיקע אַרבעט מיט אַ קלאָרן אויסקוק קען ברענגען צום ציל.
— רעד׳.

אין אַפּריל־נומער פֿון דעם זשורנאַל Jewish Education, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דעם National Council for Jewish Education, געפֿינט זיך אַן אַרטיקל וועגן צען יאָר העברעיִש ווי אַ לימוד אין די ניו־יאָרקער הײַסקולן.[1] ס׳ווערן דאָרט געבראַכט אינטערעסאַנטע פֿאַקטן און ציפֿערן.

הגם מען האָט געגעבן עקזאַמענס אין העברעיִש, מיט „רידזשענטס קרעדיט״, אין די יאָרן 1909־1923, האָט מען אין קיין איין הײַסקול פֿון ניו־יאָרק ניט געלערנט יעמאָלט העברעיִש ווי אַ לימוד. אין יענע יאָרן האָט מען זיך ניט געדאַרפֿט לערנען דווקא אין הײַסקול גופֿא כּדי צו קריגן אַ רידזשענטס דיפּלאָם, ד״ה אַ דיפּלאָם אויף אַרײַנצוטרעטן אין קאָלעדזש. מען האָט אויך געקענט ווי אַן עקסטערן אויסהאַלטן די עקזאַמענס מחוץ דער שול, און ווען מען האָט געהאַט גענוג „קרעדיטן״, האָט מען געקענט אָנקומען אין קאָלעדזש. דאָס רובֿ מענטשן וואָס האָבן יעמאָלט גענומען דעם העברעיִשן עקזאַמען זײַנען געווען דערוואַקסענע אימיגראַנטן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט זיך צו לערנען אין הײַסקול, אָבער זיי האָבן געוואָלט אָנקומען אין קאָלעדזש און אויסשטודירן אויף אַ פֿרײַער פּראָפֿעסיע. אין 1923 האָט מען אָפּגעשטעלט דעם העברעיִשן עקזאַמען צוליב דער קליינער צאָל בעלנים — אַ פּועל־יוצא פֿון דער כּמעט ווי אָפּגעשטעלטער אימיגראַציע. נאָך דעם האָט מען געגעבן „רידזשענטס״־עקזאַמענס נאָר אויף לימודים וואָס זײַנען אַ טייל פֿון דער רעגולערער הײַסקול־פּראָגראַם.

די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „אַבֿוקה״ האָט יעמאָלט גענומען פֿירן אַן אַקטיווע טעטיקייט, אַז מען זאָל אַרײַננעמען העברעיִש אין דער לערן־פּראָגראַם פֿון די הײַסקולן. אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון שמואל מ. בלומענפֿעלד, פּרעזידענט פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, און אַבֿרהם ה. קאָהען האָט מען אָרגאַניזירט אַ גרופּע פּראָמינענטע ניו־יאָרקער ייִדן וואָס האָט געפּרוּווט וועקן דעם אינטערעס פֿון דער Board of Education צו דעם לימוד העברעיִש. ספּעציעל אַקטיוו אין דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען ישׂראל טשיפּקין. פֿרילינג 1930 האָט מען געהאַט אָפּגעוואָרפֿן די בקשה וועגן אײַנפֿירן העברעיִש ווי אַ מעגלימוד (elective subject) אין די הײַסקולן, אָבער מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז אין די פּראָטאָקאָלן פֿאַרשריבן אָט וואָס:

---

[1] Judah Lapson, "A Decade of Hebrew in the High Schools of New York City." In: *Jewish Education*, vol. 13, no. 1, April, 1941, pp. 34-45.

„דעם 3טן אַפּריל 1930 האָט מען צוגעלאָזן די אַבֿוקה־קאָמיסיע וועגן דעם, צי ס׳איז כּדאַי אײַנצופֿירן דעם לימוד פֿון דער העברעיִשער שפּראַך אין די הײַסקולן פֿון גרויס־ניו־יאָרק. ס׳זײַנען פֿאַרהערט געוואָרן די ווײַטערדיקע מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע: ד״ר סטיפֿן ס. ווײַז, ריכטער אָטאָ ראָזאַלסקי, ד״ר שמשון בענדערלי, ישׂראל ס. טשיפּקין. בײַם סוף פֿון פֿאַרהער איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוקוקן די פֿריִערדיקע שטעלונג וואָס ס׳האָט געהאַט אָנגענומען די „באָרד אָוו סופּערינטענדענטס.“

„דעם 1טן מײַ 1930: באַשלאָסן, אַז די באָרד אָוו סופּערינטענדענטס זאָל רעקאָמענדירן דער באָרד אָוו עדיוקיישאַן, אַז העברעיִש זאָל אײַנגעשלאָסן ווערן, בתּורת עקספּערימענט, אינעם לערנקורס פֿון דער טאָמאַס דזשעפֿערסאָן־הײַסקול און פֿון דער אייבערעהעם לינקאָלן־הײַסקול בײַם עפֿענען די שולן אין סעפּטעמבער 1930.“

די דאָזיקע שולן, ביידע אין ברוקלין, האָבן געהאַט אַ מאַיאָריטעט ייִדישע תּלמידים. אין דעם עקספּערימענט איז העברעיִש נאָר געווען אַ צוגאָב צו דער נייטיקער סומע לימודים, ד״ה מען האָט די תּלמידים געוואָרנט, אַז זיי וועלן פֿאַר דעם לימוד ניט קריגן קיין קרעדיט אויף אָנצוקומען אין קאַלעדזש. די פּראָבלעמען זײַנען לכתּחילה געווען גאַנץ שווערע. ראשית־כּל זײַנען ניט געווען קיין קוואַליפֿיצירטע לערערס פֿון העברעיִש, צווייטנס האָט מען ניט געהאַט קיין שום לערנביכער אַחוץ רעליגיעזע, אָבער יענע זײַנען ניט געווען פּאַסיק פֿאַר עפֿנטלעכע הײַסקולן. האָט מען געמוזט יוצא זײַן מיט מימעאָגראַפֿישע לעקציעס און געניטונגען וואָס זײַנען ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פֿון דעם Bureau of Jewish Education. מען האָט אויך געדאַרפֿט צוגרייטן אַ לערן־פּראָגראַם פֿאַר די ווײַטערדיקע יאָרן. און מען האָט נאָך אויך געדאַרפֿט אויספֿועלן פֿאַר דעם לימוד „רידזשענטס קרעדיט“ (וואָס דאָס איז וויכטיק בײַם באַקומען אַ שטאָטישע סטיפּענדיע) און קרעדיט אויף אָנצוקומען אין קאַלעדזש.

אין די ערשטע יאָרן האָבן אַלע לערערס פֿון העברעיִש אויך געלערנט אַנדערע לימודים. אָבער אין 1935 האָט די באָרד אָוו עדיוקיישאַן אײַנגעאָרדנט אַן עקזאַמען פֿאַר העברעיִש־לערערס, און 17 מענטשן האָבן דערווײַל געקראָגן שטעלעס ווי פֿולע לערערס. 16 אַנדערע לערנען נאָך אַלץ אַנדערע לימודים דערצו.

ביז 1935 האָט מען נאָך אַלץ באַנוצט מימעאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן אַנשטאָט אמתע לערנביכער. אין יענעם יאָר האָט דאָס Bureau of Jewish Education אַרויסגעגעבן אַ לערנבוך. אין 1936 האָט מען אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ לערנבוך פֿאַר דעם דריטן און דעם פֿערטן יאָר. ביידע ביכער זײַנען שוין עטלעכע מאָל רעווידירט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון דער פּראַקטיק אין די קלאַסן.

אין 1931 האָט מען אָנגענומען אַ צוויי־יאָריקע לערן־פּראָגראַם וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פֿון אַ קאָמיסיע פֿון דער באָרד אָוו סופּערינטענדענטס אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון ד״ר יעקבֿ גרינבערג. אין אַפּריל 1932 האָט מען אָנגענומען אַ פּראָגראַם פֿון דריטן יאָר און אין 1936 פֿאַרן פֿערטן. די צילן פֿון דעם לימוד זײַנען אין דער פּראָגראַם פֿאָרמולירט אַזוי: „צו אַנטוויקלען ביז הנאה די פֿעיִקייט צו לייענען העברעיִש און אײַנצופֿלאַנצן אַ געהעריקע שאַצונג פֿון דער העברעיִשער קולטור.“ מען האָט אויך אָנגעהויבן נוצן די ספֿרדישע הבֿרה.

הײַנט באַקומען שוין די תּלמידים קרעדיט פֿאַר לערנען העברעיִש, אָבער פֿון דעסט וועגן רעכנט מען ניט אַרײַן די מיינונגען פֿאַר העברעיִש ווען עמיצער אַפּליקירט פֿאַר אַ שטאָטישער סטיפּענדיע. דערפֿאַר איז העברעיִש שוין אָנערקענט געוואָרן ווי אַ הײַסקול־לימוד אין אַ סך קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אַן אויספֿאָרשונג וואָס ד״ר אַבֿרהם קאַטש האָט לעצטנס געמאַכט האָט באַוויזן, אַז איבער 258 קאַלעדזשעס מחוץ ניו־יאָרק

זײַנען גרייט אָנצונעמען העברעיִש ווי איינעם פֿון די תּנאים אויף אַרײַנצוטרעטן אין קאַלעדזש.

דורכפֿירן דעם לימוד העברעיִש בײַ דער שול־אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, אָבער ניט דאָס שווערסטע. מען דאַרף אײַננעמען די פּרינציפּאַלן פֿון די שולן: מען מוז זיי געבן דעם געפֿיל, אַז מען מיינט דעם תּוך פֿון דער זאַך און ניט קיין רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. מען דאַרף פֿאַראינטערעסירן די עלטערן: איידער עס זײַנען פֿאַראַן 70 בעלנים אויפֿן לימוד קען קיין קורס ניט געגעבן ווערן. מען מוז צוגעבן חשק די קינדער, זיי זאָלן מושווה ווערן אויף „אויסטיילן זיך"; און מען מוז אײַנהאַלטן בײַם לימוד די וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען. דאָס ווערט דערגרייכט דורך אַ גאַנצער סיסטעם טעטיקייטן: פֿאַרזאַמלונגען פֿון קינדער (אַ מאָל אין פּריוואַטע הײַזער) מיט לעקציעס, געזאַנג, טענץ, פֿאָרשטעלונגען; פֿאַרזאַמלונגען פֿון עלטערן; אַ לערער־פֿאַראיין („אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פֿון לערערס פֿון העברעיִש") וואָס באַאַרבעט אויך פּראָגראַם־פּראַגעס און זעט צו הייבן דעם ניוואָ פֿון לימוד; פֿאַר־האַנדלונגען מיט די פּרינציפּאַלן פֿון די שולן, פֿאַרטיילונג פֿון צוצײַענדיקע פּלאַקאַטן און אַנדערע שריפֿטן; תּלמידים־קלובן מיט פֿילם־פֿאָרשטעלונגען, צײַטונגען אאַז"וו; פֿאַר־שטעלונגען פֿון די העברעיִשע קלובן פֿאַר דער גאַנצער שול, מיט קאָסטומירטע לעבעדיקע בילדער, אָריענטאַלישע און ארץ־ישׂראלדיקע סקעטשן וכדומה; אויסשטעלונגען פֿון שילערשע אַרבעטן, פֿון ארץ־ישׂראלדיקע אָביעקטן וכדומה; פֿאַרטיילונג פֿון פּרעמיעס (מיטן אָנטייל פֿון אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן), פֿון אַ גאָלדענעם זשעטאָן מיטן אות ע (עבֿרית), און נאָך. די גאַנצע אַרבעט פֿאַר העברעיִש אין די הײַסקולן איז צענטראַליזירט אין דעם „ייִדישן קולטורראַט" פֿון דעם „ביוראָ פֿאַר ייִדישער דערציִונג", 71 וועסט 47טע גאַס, ניו־יאָרק.

די צאָל תּלמידים אויף דעם לימוד העברעיִש איז כּסדר געוואַקסן, אַפֿילו ווען די צאָל תּלמידים אויף אַלע שפּראַכקורסן צוזאַמען (אַחוץ ענגליש, וואָס דאָס איז אַ מוז־לימוד) איז געפֿאַלן. אָט זײַנען די ציפֿער:

יאָר	אַלגעמיינע צאָל תּלמידים אין די הײַסקולן	צאָל תּלמידים אויף אַלע שפּראַכקורסן	צאָל תּלמידים וואָס לערנען העברעיִש	הײַסקולן וווּ מען לערנט העברעיִש
אָקטאָבער 1930	172,356	127,900	95	2
„ 1931	194,521	140,193	201	2
„ 1932	214,345	151,117	235	2
„ 1933	227,780	155,520	324	2
„ 1934	249,440	161,272	694	4
„ 1935	225,610	159,337	1,189	6
„ 1936	258,633	157,992	1,539	6
„ 1937	259,800	154,596	1,825	7
„ 1938	257,508	153,621	2,007	10
„ 1939	261,358	148,599	2,599	11
מאַרץ 1940	255,941	146,199	2,714	11

צו דער צאָל 2,714 דאַרף מען נאָך צורעכענען 139 תּלמידים אין די ייִנגערע הײַסקולן און 320 תּלמידים אין די אָוונט־הײַסקולן, אַזוי אַז די גאַנצע צאָל תּלמידים וואָס האָבן געלערנט העברעיִש אין מאַרץ 1940 האָט באַטראָפֿן 3,173.

ל. קעסלער.

ייִדיש־פּוילישע פּליטים אין ווילנע

די ידיעות וואָס ווערן געבראַכט אין דער ווײַטערדיקער נאָטיץ גילטן שוין הײַנט ניט. פֿון סעפּטעמבער 1940 ביז פֿרילינג 1941 זײַנען פּליטים אין די הונדערטער אַרויסגעפֿאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד דורך וולאַדיוואָסטאָק. דײַטשלאַנדס אָנפֿאַל אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט ווידער אַ מאָל ניט נאָר געביטן די גאַנצע סיטואַציע פֿון ווילנע, נאָר אויך איבערגעטאַשט איר אײַנוווינערשאַפֿט: ווי ס׳גיבן איבער די צײַטונגען, זײַנען גרויסע טיילן באַפֿעלקערונג פֿאַרן אַרײַנמאַרש פֿון די נאַציס אַוועק קיין טיף רוסלאַנד. פֿון דעסט וועגן זײַנען די ציפֿער פֿון דער נאָטיץ זייער וויכטיק, ווײַל זיי פֿאַרפֿיקסירן אַ געוויסן מאָמענט אין די מלחמה־איבערלעבונגען. דער מחבר פֿון דער נאָטיץ איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון ווילנער הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר פּליטים. — רעד׳.

אין דער נאַכט פֿון 6טן אַנטקעגן 7טן סעפּטעמבער 1939 האָט דער פּוילישער ראַדיאָ אָנגעזאָגט, אַז אַלע מאַנסבילן וואָס זײַנען פֿעיִק צו טראָגן געווער זאָלן פֿאַרלאָזן וואַרשע און זיך אויפֿקלײַבן אויפֿן מיזרחדיקן ברעג בוג, וווּ ס׳וועט זיך אויספֿורעמען אַ נײַע פּוילישע פֿאַרטיידיקונגס־ליניע. באַלד נאָך דעם קאָמוניקאַט האָט די מענערישע יוגנט אין מיליטערישן עלטער גענומען פֿאַרלאָזן וואַרשע; די רעשט פֿון זייערע משפּחות איז פֿאַרבליבן אויפֿן אָרט. דאָס ביסל פֿרויען, על־פּי רובֿ יונגע, וואָס מען האָט יעמאָלט — דאָס איז געווען איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די באַלעגערונג פֿון דער הויפּטשטאָט — געטראָפֿן אויף די וועגן זײַנען געווען ניט פֿון וואַרשע, נאָר פֿון די שטעטלעך צו צפֿון פֿון וואַרשע, וווּהין די דײַטשן האָבן שוין יעמאָלט געהאַט אַרײַנגעמאַרשירט. קיין קינדער האָט מען צווישן די פּליטים כּמעט ווי ניט געזען. ערשט נאָכן פֿאַלן פֿון וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער וואָגל: טייל מענער, אַנטוישטע אין די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אויף די סאָוועטישע טעריטאָריעס, האָבן בעסער אויסגעקליבן צו לעבן אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע, וווּ זיי האָבן איבערגעלאָזן זייערע פֿאַמיליעס. פֿון דער אַנדער זײַט ווידער האָבן גאַנצע פֿאַמיליעס, און אויך פֿרויען און קינדער פֿון די מענער וואָס האָבן שוין פֿריִער פֿאַרלאָזט זייערע היימען, גענומען שטראָמען אויף די נײַע סאָוועטישע טעריטאָריעס. טייל פֿון דעם דאָזיקן פּליטים־שטראָם איז דערגאַנגען ביז ווילנע וואָס איז פֿאַר דער צײַט אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער נייטראַלער ליטע.

די ווײַטערדיקע טאַבעלע ווײַזט זייער גוט די פֿאַרשטאַרקונג און אָפּשוואַכונג פֿון דער כוואַליע פּליטים לויט די חדשים:

ס׳האָבן זיך פֿאַררעגיסטרירט אין ווילנער ייִדישן פּליטים־קאָמיטעט

חודש		מענער	פֿרויען	קינדער	סך־הכל
אָקטאָבער	1939	1446	178	22	1646
נאָוועמבער	„	1310	284	81	1655
דעצעמבער	„	2274	746	249	3269
יאַנואַר	1940	2385	718	151	3254
פֿעברואַר	„	143	59	22	224
מאַרץ	„	78	42	23	143
אַפּריל	„	52	27	15	94
מײַ	„	31	19	15	65
סך־הכל		7719	2073	558	10350

דער גרויסער צושטראָם, זעען מיר, האָט זיך אָנגעהויבן אין אָקטאָבער 1939, באַלד ווי ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז ווילנע גייט אַריבער צו ליטע. אין נאָוועמבער 1939 איז שוין די רוסיש־ליטווישע גרענעץ אָפּיציעל געווען פאַרמאַכט, אָבער די כוואַליע האָט אַלץ אָנגעהאַלטן און מען האָט אויסגעפונען פאַרשיידענע אופנים, ווי אַזוי צו גנבֿענען די גרענעץ. ערשט אין פעברואַר 1940, ווען סײַ די רוסן סײַ די ליטווינער האָבן גענומען שטרענגע מיטלען, האָט דאָס שוואַרצן די גרענעץ זיך שטאַרק פאַרקלענערט. דעם 15טן יוני 1940 האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער צום צווייטן מאָל פאַרנומען ווילנע, אָבער קיין נײַע צוואַנדערונג האָט דאָס ניט געקענט ברענגען, וואָרעם דאָס אַריבערקומען פון ווײַסרוסלאַנד קיין ווילנע איז געווען שטרענג פאַרווערט.

נאָך די באַשעפטיקונגען נאָך צעטיילן זיך די פאַררעגיסטרירטע אויף אַזאַ אופן:

פראָפעסיאָנעלע גלידערונג פון די פליטים

האַנטווערקערס	2065
האַנדל און אינדוסטריע	828
פרײַע פראָפעסיעס	643
גײַסטיקע אָנגעשטעלטע	1287
לאַנדווירטשאַפט	134
כלי־קודש	171
אַרבעטערס ניט־קוואַליפיצירטע	963
אָן באַשעפטיקונג	1811
לערן־יוגנט	2448
סך־הכל	10,350

אין דער קאַטעגאָריע לערן־יוגנט זײַנען אַרײַנגערעכנט אויך די איבער צוויי טויזנט ישיבֿה־בחורים.

צום באַדויערן האָב איך ניט קיין מאַטעריאַל וועגן דעם עלטער פון די פליטים, אָבער בײַ אַלעמען איז איין אײַנדרוק: די געקומענע זײַנען געווען כמעט דורכויס מענטשן אין די יונגע און אין די מיטעלע יאָרן. אַגבֿ איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אַחוץ די ישיבֿה־בחורים איז געווען נאָך אַן אַנדער גרעסערע אָרגאַניזירטע גרופּע — חלוצים אין די הכשרה־קיבוצים, אויך העכער 2,000. אין דעם אַרבעטער־הילפס־קאָמיטעט וואָס דער בונד האָט געגרינדעט זײַנען געווען פאַררעגיסטרירט 561 מאַן, צווישן זיי אויך צום ווײַט גרעסטן טייל יונגע. דאָס הייסט, אַז אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 10,350 פליטים האָבן מיר בײַ פינפטהאַלבן טויזנט אָרגאַניזירטע יונגע מענטשן אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר.

די דאָזיקע פראָפעסיאָנעלע און עלטערדיקע פאַרטיילונג פון די פליטים איז געווים כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר ווילנע, נאָר פאַר דעם גאַנצן שטראָם פליטים וואָס איז אַוועק פון די נאַציס אויף מיזרח. קיין ציפער וועגן די אַוועקגעגאַנגענע האָבן מיר ניט, אָבער זייער צאָל איז זייער גרויס; אַנדערע האַלטן, אַז פון פוילן איז אַוועק אַ מיליאָן מענטשן, און צווישן זיי אפשר אַ האַלבער מיליאָן ייִדן. מען קען זיך אויסמאָלן, ווי אַזוי די דאָזיקע אויסוואַנדערונג האָט געווירקט אויף דעם צוזאַמענשטעל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג וואָס איז איבערגעבליבן אין די געטאָס פון נאַצי־פוילן.

א. סאַוויצקי.

פֿון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטערס

ה. פּ. אולריכסען (זע ז׳ 234).

ליפּמאַן בערז האָט געענדיקט די שטאָטישע גימנאַזיע מיט ייִדישער לערנשפּראַך אין ריגע און איז אַ דאָקטאָר פֿון מאַטעמאַטיק פֿון פּראָגער אוניווערסיטעט. ער איז האַרבסט 1940 געקומען קיין אַמעריקע פֿון פֿראַנקרײַך און איז איצט פֿאַרבונדן מיטן ייִוואָ.

לייבל קעסלער איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק און האָט געענדיקט סיטי־קאַלעדזש. 1940־1941 איז ער געווען אַן אַספּיראַנט פֿון ייִוואָ מיט דער טעמע: „די אָפּקלאַנגען פֿון דרײַפֿוס־פּראָצעס אין אַמעריקע".

אַהרן סאַוויצקי האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און דעם אינסטיטוט פֿאַר יודאַיִסטישע וויסנשאַפֿטן אין וואַרשע און איז געווען אַ מיטגליד פֿון היסטאָריקער־קרײַז בײַ דער וואַרשעווער געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ. ער געפֿינט זיך איצטער אין אַמעריקע.

אין די נאָענטסטע נומערן „ייִוואָ־בלעטער"

וועלן אַרײַנגיין צווישן אַנדערע: י. באַכראַך: צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן ייִשובֿ אין ביאַליסטאָקער געגנט (17טן־19טן י״ה); י. בלאַך: אַ פּאַשקעוויל אויף דער סטאַמבולער ייִדישער קהילה פֿון יאָר 1869; ל. בערז: ייִדישע רעכנביכער פֿון 17טן און 18טן יאָרהונדערט; נ. גאָלדבערג: די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע 1900־1940; י. דײַמאָנד: די אַמעריקאַנער ייִדישע דעלעגאַציע בײַ דער שלום־קאָנפֿערענץ אין פּאַריז; י. ליפֿשיץ: ענגלישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן י״ה וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן; י. ל.: ייִדישע אינסטיטוטן וועגן נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען; י. מאָנטשניק: אַלטע ייִדישע שולן אין פּוילן; ש. מענעס: פּרווידס בוך וועגן משה רבינו; פּ. ק.: צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער אין ווילנער געגנט 1902־1905; מ. קאָסאָווער: די חבֿרה פּועלי צדק אין ירושלים (צו דער געשיכטע פֿון פּראָדוקטיווירן דעם אַלטן ייִשובֿ אין ירושלים); מ. קוטשינסקי: בראַזיליאַנער ייִדיש; ר. קענעדי: אַנטיסעמיטיזם אין שײַן פֿון דער געשיכטע; ל. קעסלער: די ייִדישע צוגרייטונגען אין אַמעריקע צו דער פּאַריזער שלום־קאָנפֿערענץ; ד. ראָדניק: פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען בײַ יונגע אינדיאַנער; י. שאַצקי: פּורים־שפּילן אין אַמסטערדאַמער געטאָ; י. שטיינבוים: ייִדיש־וואָקאַבולאַר אין דער אָנפֿאַנגשול; י. שײַקאָווסקי: נײַע מאַטעריאַלן וועגן יצחק אַלאַטאַראַסן און זײַן פּלאַן צו קאָלאָניזירן ייִדן אין אַלזשיר; ב. שייפֿין: דער קאַמף פֿאַר אויפֿלעבן די אירישע שפּראַך; רעצענזיעס פֿון ש. בירנבוים (מ. ווײַנרײַך, די שוואַרצע פּינטעלעך); נ. גאָלדבערג (עקאָנאָמישע און דעמאָגראַפֿישע אַרבעטן); ר. גלאַנץ (וועגן שווייצער אין אַמעריקע); מ. ווײַנבערג (מעדיצינישע און אַנטראָפּאָלאָגישע אַרבעטן); ל. לעהרער (נ. דרייזין, די געשיכטע פֿון ייִדישער דערציִונג פֿון 515 פּ״ק ביז 220 נ״ק).

תּיקון־טעות צו י. לעשטשינסקיס אַרטיקל זז׳ 193־210.

ז׳ 194, שורה 32־33 שטייט: בערך 100 אָדער 120; ס׳דאַרף זײַן: 120 ביז 150.

ז׳ 196, שורה 22 אין ערשטן סלופּיקל שטייט: 455; ס׳דאַרף זײַן 544.

ז׳ 200, שורה 32־33 שטייט: און באַנק־אָנגעשטעלטע; ס׳דאַרף זײַן: און העכערע באַנק־אָנגעשטעלטע.

ז׳ 203, שורה 21 שטייט: אַרבעטערס; ס׳דאַרף זײַן: אַרבעטערס אָדער זעלבשטענדיקע בעלי־מלאָכות.

ז׳ 205, אין דער הערה דאַרף צוקומען: פֿון אַלע דאָרטן געבראַכטע טאַבעלעס זײַנען די צוויי די בעסטע.

ז׳ 208 נאָךביידע טאַבעלעס דאַרף צוקומען: וואָלט מען געקאָנט אויסטיילן נאָר די ניט־ייִדישע באַפֿעלקערונג, וואָלט דער פּראָצענט באַשעפֿטיקטע אין האַנדל בײַ איר געווים געווען קלענער.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

דער קאָנטינענט. ערשטע זאַמלשריפֿט פֿאַר די ייִדישע אינטערעסן פֿון די אַמעריקעס. נומער 1. רעדאַקציע: מ. ראָזנבערג, מ. ראַוויטש. אַרויסגעגעבן פֿון פֿ"ג „דער וועג", מעקסיקע, 1941. 144 זז'.
[אַרטיקלען און אינפֿאָרמאַטיווער מאַטעריאַל וועגן ייִדן אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער, דערין 14 קאָרעספּאָנדענצן פֿון 14 לענדער דירעקט צום זשורנאַל.]

ר. בן־אַרי, הבימה. אײַנלייטונג פֿון ד"ר א. מוקדוני. צווייטע פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע. פֿ"ג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1941. 404 זז'.

קאָנצערט לכּבֿוד 22 יאָר אַרבעטער־רינג־שולן און 20 יאָר מיטלשול. זונטיק, דעם 15טן יוני 1941, ניו־יאָרק. 72 זז'.

ש. צ. זעצער, די וויכטיקסטע פֿיגורן און מאָמענטן אין דער ייִדישער געשיכטע. פֿון גלות בבֿל ביז צו דער חשמונאים־תּקופֿה. נומער 56, אַפּריל, 1941. זז' 156־192.

א. נ. שטענצל, ערבֿ פֿרילינג. לכּבֿוד פּסח. פֿרילינג 1941. העפֿטן 8־11, מאַרץ־מײַ 1941, לאָנדאָן. 26 זז'.

א. נ. שטענצעל, ירושלים. העפֿטל 12. לאָנדאָן, יוני 1941. 8 זז'.

קינדער־רינג. אַרויסגעגעבן פֿון דעם פֿאַראייניקטן אַרבעטער־רינג־קאָמיטעט לכּבֿוד דעם 15 יאָריקן יובֿילײַ פֿון אַרבעטער־רינג־קעמפּ „האָפֿענונג". פֿילאַדעלפֿיע, 1טער מײַ, 1941, נומער 21. 142 זז'.

פֿינף און צוואַנציק יאָר י. ל. פּרץ־בראַנטש 26, ייִדיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. יובֿל־בוך. טאָראָנטאָ, מײַ 24, 1941. שבתי ראַפּאַפּאָרט, רעדאַקטאָר.

אויפֿן שוועל. יוני 1941.

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין, אימפּרעסיעס פֿון אַ לייענער. שיקאַגאָ, 1941. 159 זז'.

אבֿ. קאַהאַן, שלום אַשעס נײַער וועג. ניו־יאָרק, 1941. 96 זז'.

ייִדישע קולטור, 4, אַפּריל 1941.

מאיר סעגאַל, נאָענטע ערד. ניו־יאָרק, 1940. 80 זז'.

ייִדישע פֿאָלקשול. דריטער פֿרילינג־קאָנצערט, האַמילטאָן, 1940־1941. יאָרבוך. [מימעאָגראַפֿירט.]

ייִדישער וועלטקאָנגרעס, די פֿרײַע פֿראַנצייזישע באַוועגונג. [מימעאָגראַפֿירט.]

משה רובינשטיין, מעקסיקאַנער טעמעס. דערציילונגען, סקיצן און רעפּאָרטאַזשן. פֿ"ג „אונדזער לעבן", מעקסיקע, 1941. 250 זז'.

דער גאַליציאַנער. יאָרבוך אַרויסגעגעבן צו דער פֿינפֿטער יערלעכער קאָנווענשאָן פֿון די פֿאַראייניקטע גאַליציאַנער ייִדן אין אַמעריקע. רעדאַקטירט פֿון חנא גאָטעספֿעלד. ניו־יאָרק, מײַ 18, 1941. 37 זז' ייִדיש, 75 זז' ענגליש.

יודישע אַרבעטער אויף דער הייך פֿון זייער אויפֿגאַבע. באַריכט פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿון דעם ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ניו־יאָרק, יאַנואַר 1941. 142 זז'.

תּורה, נבֿיאים וכתובים. ייִדיש פֿון יהואש. שנת־תּש״א־לפּק, ניו־יאָרק. הוצאת יהואש פֿאַרלאַג־געזעלשאַפֿט. 2 בענד. מאָרגן זשורנאַל אויסגאַבע. III+1391+יט+טט. זז׳.

אַבאַ גאָרדין, סאָציאַלע אַבערגלויבערײַ און קריטיק. אַרויסגעגעבן פֿון דער ייִדיש־עטישער געזעלשאַפֿט, ניו־יאָרק, 1941. 304 זז׳.

אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע ענינים. פּראָגראַם. אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, ייִדישער װעלטקאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1941. 20 זז׳.

אַ מאָל אין אַ צײַט. טעקסט פֿון י. גויכבערג, מוזיק פֿון לאַזאַר װײַנער. אַרבעטער־רינג־כאָר, דיריגירט פֿון לאַזאַר װײַנער. 3 פּלאַטן, אַרויסגעגעבן פֿון פֿאָרווערטס, ניו־יאָרק 1941.

סידאָר בעלאַרסקי, ייִדישע פֿאָלקסלידער. לאַזאַר װײַנער בײַם קלאַוויר. 4 פּלאַטן. אַרויסגעגעבן פֿון פֿאָרווערטס, ניו־יאָרק, 1940.

ז. ברושי (ז. בזיוסטוביצקי), רחל — משוררת הדוי. ניו־יאָרק, תּש״א. 36 זז׳.

Morris D. Waldman, *Training for Jewish Communal Life.* Harry L. Glucksman Memorial Committee, 220 Fifth Ave, New York City. 16 pp. [1941]

Polish Relief. World Jewish Congress, New York. 5 pp. [מימעאָגראַפֿירט]

Rufus Learsi, *The Book of Jewish Humor.* New York, Bloch Publishing Company, 1941. 242 pp.

Florence Crannell Mears, *Children of the Promise.* Illustrated by Janet Smalley. Friendship Press, New York, 1941. 119 pp.

The Converted Catholic, March 1941. 84 pp.

L. H. Lehmann, "How the Popes Treated the Jews." Reprint from *The Converted Catholic,* New York. 7 pp.

L. H. Lehmann, "Mixed Marriages in the Catholic Church." Reprint from *The Converted Catholic,* New York, 7 pp.

The Immigrant Problem in Switzerland. Compiled on the basis of information received in the head office of the World Jewish Congress, New York. [May 1941.] [מימעאָגראַפֿירט]

The First Report of the Commissioner-General of Jewish Affairs of the Vichy Government. On the basis of material received in the central office of the World Jewish Congress. [מימעאָגראַפֿירט]

Morris R. Cohen, "Jewish Studies of Peace and Post-War Problems." Reprinted from *Contemporary Jewish Record,* April 1941, American Jewish Committee. 16 pp.

The American Jewish Committee. Research Institute on Peace and Post-War Problems. *Preliminary Announcement.* May 1941. New York. 20 pp.

The American Jewish Committee. *Thirty-Fourth Annual Report.* New York, 1941. 127 pp.

Annual Report of the Librarian of Congress for the Fiscal Year Ended June 30, 1940. United States Government Printing Office, Washington, 1941. VII+555 pp.

Books Front and Center. The New York Public Library in 1940. New York, The New York Public Library, 1941. 32 pp.

Rachel Wischnitzer Bernstein, "The Messianic Fox." Reprinted from *The Review of Religion*, March 1941.

Rachel Wischnitzer-Bernstein, "The Conception of the Resurrection in the Ezekiel Panel of the Dura Synagogue." Reprint from *Journal of Biblical Literature*, vol. LX, part 1, 1941.

Salo Wittmayer Baron, *Bibliography of Jewish Social Studies, 1938-1939.* Jewish Social Studies, Publications No. 1. Conference on Jewish Relations, New York, 1941. IV+291 pp.

The Tragedy of the French Jews. World Jewish Congress, New York City. 4 pp. [מימעאָגראַפּירט]

Bulletin of the New York Public Library, June, 1941.

Francis J. Oppenheimer, *Ezekiel to Einstein. Israel's Gifts to Science and Invention.* With a Foreword by Joshua Bloch. Liveright Publishing Corporation, New York, 1940. 138 pp.

Abraham J. Feldman, *The Rabbi and His Early Ministry.* The Alumni Lectures of the Hebrew Union College, Cincinnati, Ohio, delivered in March 1940. With a foreword by President Julian Morgenstern. New York, Bloch Publishing Company, 1941. IX+146 pp.

Dr. Weber-Bauler, *From Orient to Occident. Memoirs of a Doctor.* Translated by Bernard Miall. Oxford University Press, New York, 1941. 287 pp.

Henry J. Berkowitz, *The Fire Eater.* Philadelphia, Jewish Publication Society, 1941 VII+394 pp

Jewish Life in South America. World Jewish Congress, New York. 14 pp. [מימעאָגראַפּירט]

Notes and News. Defense and the General Welfare. Overseas Eye-Witness Reports. Issued by Council of Jewish Federations and Welfare Funds. No. 68, June 30, 1941. 20 pp.

Seventh Annual Foreign Language Conference, held at New York University, November 1940. *Excerpts of Addresses Delivered at the Hebrew Panel.* Edited by Abraham I. Katsh. Jewish Culture Council, 71 W. 47 Street, New York City. 8 pp. [מימעאָגראַפּירט]

The Jewish Center. June 1941. National Jewish Welfare Board, New York.

Institute of Jewish Affairs. Program. American Jewish Congress, World Jewish Congress, New York, 1941. 36 pp.

Martin P. Nillson, *The Historical Hellenistic Background of the New Testament.* Cambridge, Mass., Harvard University Press, 1941. VI+31 pp.

Theodor Herzl, *Old-New Land.* Translated from the original German by Lotta Levensohn. With a preface by Stephen S. Wise. New York, Bloch Publishing Co., 1941. XV+295 pp.

A Hospital With a Heart. 1941. [The Jewish Hospital of Brooklyn]. 26 pp.

Marie Elizabeth Carpenter, *The Treatment of the Negro in American History School Textbooks.* 1941, 137 pp.

Howard Fast, *Haym Salomon, Son of Liberty.* Illustrated by Eric M. Simon. Julian Messner, Inc., New York. 243 pp.

Ben M. Edidin, *Jewish Customs and Ceremonies.* Illustrated by H. Norman Tress. Hebrew Publishing Company, New York, 1941. 198 pp.

Sulamith Ish-Kishor, *Jews to Remember.* Illustrated by Kyra Markham. Hebrew Publishing Co., New York, 1941. 127 pp.

Women's League Outlook. May 1941.

The New American. Edited by Francis Kalnay and Richard Collins. New York, Greenberg Publisher, 1941. XII+388 pp.

Benjamin W. Blandford, *Off the Capes of Delaware.* Union of American Hebrew Congregations, Cincinnati, 1940. XIII+325 pp.

This Is B'nai B'rith. A Manual of Facts. Edited by Bernard Postal, 1941, 81 pp.

J. M. P. Smith, *The Prophets and Their Times.* Revised edition by William A. Irwin. University of Chicago Press, Chicago, Ill., 1941. XVII+342 pp.

The Cartwright Petition of 1649. A Facsimile Reproduction of the Original Copy in the Sutro Branch of the California State Library. With an Introduction by Nat Schmulowitz. San Francisco, 1941.

Glinianer Young Men's Benevolent Association, Inc. Fortieth Anniversary Banquet, Sunday, December 15, 1940. New York.

Zionism Today — Restatement and Evaluation on the Occasion of Ahad-Ha-Am's 85th Birthday Anniversary. Department of Youth and Education, Zionist Organization of America, New York. 54 pp. [מימעאָגראַפירט]

Joseph Mayer. *Social Science Principles in the Light of Scientific Method With Particular Application to Modern Economic Thought.* Duke University Press, Durham, North Carolina, 1941, XXII+573 pp.

Lifeline. July, 1941. Joint Distribution Committee, New York.

Traditional Hebrew Prayers. Sung by Cantor Moshe Rudinow. Decca Album Set. No. 41. Ye-Shomeru, Zur Yisrael, Cantillation of the Bible, U-Maavir Yom, Ledor Vador, Borechu, Kadosh Attah, Avot Wa-Yomer, "We-Ha-Cohanim"-Avoda, Kol Nidre, Ki Ki-Schimcha. 5 ten-inch records.

רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע: מ. ווײַנרײַך, א. טשעריקאָווער, ל. לעהרער, י. לעשטשינסקי, ש. ניגער, י. שאַצקי. רעדאַקטאָר: מ. ווײַנרײַך.

reviewer's criticism of Shapiro's article "Pieshkovski's Grammatical System and Formalism in Yiddish Grammar." Another article of Shapiro's, "The Gender of Nouns in Yiddish," is minutely analyzed with a view to establishing rules on the use of the article in the standard language. Of the other papers in the volumes particular attention is called to Shulman's on the Slavic element in Yiddish.

A Danish Colonization Project in Venezuela

By H. F. ULRICHSEN

(Pp. 235-258)

In May 1934 discussions were begun concerning a model Danish agricultural colony in Venezuela. By 1937 plans for such a colonization by Danish emigrants were clearly formulated, and in 1938 both governments embarked on the venture. Forty-eight families, including 278 persons, were chosen for the project in Chirgua. The conditions as promulgated by the Venezuelan government were highly favorable. Shortly after their establishment a number of colonists began to show dissatisfaction. Some of the complaints were: the living quarters were not prepared in time; agricultural implements and domestic animals were supplied too late; the land was not cultivated but wild. Prices and quality of goods received were criticized. Recent information showed that only thirteen families remained of the original group. The article, written by the head of the Emigration Division, Danish Ministry of Social Affairs, reveals all the difficulties implicit in collective colonization.

ABSTRACTS

The Social Physiognomy of American Jewry
By JACOB LESTCHINSKY
(Pp. 193-210)

In the United States the Jews have shown a definite tendency to swing to the trade and the professions. Thus their economic structure is more similar to that of the British-Americans and the groups derived from Northern and Western Europe than to that of the Eastern and Southern European peoples. The German Jews have reached a rather high economic position, but they do not figure in the wealthiest stratum. The economic development of Eastern European Jewry was somewhat different. At first this group went through a period of factory labor. Later, with the establishment of large Jewish centers, trade elements began to crystallize. By 1900 one-third of the Jewish population was engaged in trade, but, in later years, the proportion of those in trade as well as the number of professionals considerably increased. The depression of 1930, however, stopped the rise of these classes. The Jews, having occupied the middle position between the "Nordics" and the recent immigrants, now find that the former are being forced down from their higher economic positions and that the latter are gradually climbing up the social ladder. This intermediate position of the Jews, in the view of the author, constitutes the essence of the Jewish economic problem in the United States today.

Hatred of Jews for Jews
By A. GOLOMB
(Pp. 211-221)

Several years ago, in a lively discussion in the Hebrew press of Palestine, it was pointed out that there was a brand of self-hatred among the Jews that arose as early as the Haskalah. Jewish "anti-Semites" strive to model the Jewish people after the ideal of the non-Jews. The apparent purpose of expressing contempt for the present-day forms of Jewish life is to cause the Jews to reject the Diaspora, but instead, contempt for Jewish life as such is evoked. Though this "anti-Semitism" is said to stem from a love of the Jews, it is actually another manifestation of the desire of some Jewish circles to break from their traditions.

Yiddish Linguistic Work in the Soviet Union
By YUDEL MARK
(Pp. 222-234)

In this last of three articles the author discusses the papers of the Soviet linguists M. Shapiro, A. Zaretzky and M. Shulman, published in *Afn Shprakhfront*, Kiev, 1937-1939, nos. 1-4. Especially detailed is the

TABLE OF CONTENTS (Continued)

L.S.

Facts About Fictions Concerning the Jews 27

M. WEINBERG

J. Goldberg, *Ha-yehudim bi-rfua be-arzot ha-brit* 27

N. GOLDBERG

R. Rome, "A Method of Predicting the Probable Disposition of Their Children by Unmarried Mothers"; A. Cohn, "Survey of Services Given to Unmarried Mothers by the Jewish Board of Guardians" 27

L.S.

Rashi, Program Material and Suggestions for the Observance of the 900th Anniversary of His Birth; Yehudah Halevi — Sweet Singer of Zion 27

Footprints of the Trojan Horse; Edmund J. Horwath, *Why Anti-Semitism;* L. Hamburger, *How Nazi Germany Has Mobilized and Controlled Labor* .. 27

MISCELLANEA

L. KESSLER

Hebrew as a Subject in New York High Schools 27

A. SAVITZKY

Polish-Jewish Refugees in Vilna 28

Editorial Notes 28

Books Received 28

יִדישע שפּראַך

זשורנאַל פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דער יִדישער כּלל־שפּראַך

גייט אַרויס איין מאָל אין צוויי חדשים

אַבאָנעמענט־פּרייַז איין דאָלאַר אַ יאָר

ביז איצט זייַנען שוין אַרויסגעגאַנגען 3 נומערן. דער 4טער נומער איז שוין אין דרוק.
די ערשטע 3 נומערן האָבן מיר געשיקט אַלע אַבאָנענטן פֿון די „יִוואָ־בלעטער" ווי
וסטערן. פֿון דעם 4טן נומער אָן וועלן דעם זשורנאַל באַקומען נאָר אַבאָנענטן וואָס האָבן
ייַנגעצאָלט איין דאָלאַר פֿאַר דעם זשורנאַל „יִדישע שפּראַך."

אַבאָנירט זיך אויף „יִדישע שפּראַך"

---

446 קאָמבאָ פּרעס, אינק. 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

Vol. XVII MAY-JUNE, 1941 No. 3

TABLE OF CONTENTS

J. LESTCHINSKY
The Social Physiognomy of American Jewry 193
Corrigenda 282

A. GOLOMB
Hatred of Jews for Jews 211

Y. MARK
Yiddish Linguistic Work in the Soviet Union 222

H. F. ULRICHSEN
A Danish Colonization Experiment in Venezuela 235

REVIEWS

L.L.
Erwin R. Goodenough, *An Introduction to Philo Judaeus* 258

N. GOLDBERG
H. S. Linfield, "Jewish Communities of the United States"; Riley and White, "The Use of Various Methods of Contraception"; George Mangold, "The Changing Size of the Family Unit" 262

Abraham I. Katsh, "A Survey of Racial Prejudices" 265

L. BERS
Francis J. Oppenheimer, *Ezekiel to Einstein* 267

(Continued on Inside Cover)

ABSTRACTS IN ENGLISH...288

YIVO BLETER — May-June, 1941 — Vol. XVII, No. 3

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.

ייוואָ בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אינהאַלט פֿון נומער

ז. שײַקאָווסקי
די גרינדונג פֿון פּאַריזער „אַליאַנס" (1860)..1

ל. קעסלער, אַ. אַלפּערין, י. דײַמאָנד
אַמעריקאַנער ייִדן און די שלום־קאָנפֿערענץ אין פּאַריז........................22

יהושע בלאָך
אַ פּאַשקעוויל אויף דער סטאַמבולער ייִדישער קהילה פֿון יאָר 1869..............49

דוד ראָדניק
פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען פֿון אונטערוואַקסנדיקע אינדיאַנער..................69

י. ש.
שמואל לעהמאַן..80

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס:

שלמה בירנבוים
פּאַלעאָגראַפֿישע און פֿילאָלאָגישע נאָטיצן..84

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

סעפּט'-אָקט', 1941 באַנד XVIII, נומ' 1

ל ײ ב ו ש ל ע ה ר ע ר

אַלטײדישע דערציִונג.......................................91

ר ו ד אָ ל ף ג ל אַ נ ץ

J. P. von Grueningen, ed. *The Swiss in the United States*..................93

נ. ג אָ ל ד ב ע ר ג

גטן בײַ ייִדן אין אונגערן..97

י. ל י פּ ש י ץ

The Cartwright Petition of 1649......................................99

נ. ג.

Bernardini Ramazzini. *De Morbis Artificum*..............................101

נ. ג אָ ל ד ב ע ר ג

Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada..102

ד"ר י. מ י ק ל י ש אַ נ ס ק י

רשי־בוך...103

מ אַ ט ע ר י אַ ל ן א ו ן נ אָ ט י צ ן:

י. ל.

די דרײַ אינסטיטוטן װעגן שלום־פּראָבלעמען..........................107

מ. װ.

לעװין ליאָן ד'אָרס בריװן־שטעלערס....................................109

די ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל.............................113

מ ש ה ש מ ו א ל ש ק ל אַ ר ס ק י

ייִדישע ביכער װאָס זײַנען אַרױס 1940 אין צפֿון־אַמעריקע.......................114

אין ייִװאָ...120

פֿון דער רעדאַקציע..121

אַנגעקומען אין רעדאַקציע..122

ענגלישע קיצורים..127

דאָס װיסנשאַפֿטלעכע אַחריות פֿאַר
די אַרבעטן װאָס װערן פּובליקירט
דורכן ייִװאָ טראָגן די מחברים

446 קאָמבאָ פּרעס, אינק. 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק

די גרינדונג פֿון פּאַריזער „אַליאַנס" (1860) *

פֿון ז. שײַקאָווסקי

וועגן דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" (חבֿרה כּל ישׂראל חבֿרים) האָט מען שוין אַ סך געשריבן. באַרסיס לעווען האָט אָפּגעגעבן אַ צווייבענדיק ווערק דעם 50יאָריקן יובֿל פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס ער איז געווען איינער פֿון אירע גרינדערס.[1] מען האָט זיך אָבער זייער ווייניק אָפּגעשטעלט אויפֿן עצם אַקט פֿון דער גרינדונג פֿון „אַליאַנס" און עס איז אין גאַנצן ניט באַרירט געוואָרן די באַציִונג צו דער גרינדונג פֿון „אַליאַנס" מצד דער קאָנסיסטאָריע, דער אָפּיציעל אָנערקענטער פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום. דעם דאָזיקן בלויז וויל איך פֿאַרפֿולן.

1

במשך פֿון די ערשטע דרײַ צענדלינג יאָר פֿון דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע אין פֿראַנקרײַך האָט דאָס פֿראַנצייזישע ייִדנטום כּמעט אין גאַנצן זיך ניט אינטערעסירט מיטן גורל פֿון ייִדן אין אַנדערע לענדער. פֿאַרשיכּורט פֿון די באַקומענע פֿרײַהייטן איז אַ היפּשער טייל פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום געווען אין גאַנצן פֿאַרטאָן אין זיך. די אייבערשטע שיכטן האָבן זיך געהאַלטן שוין פֿאַר אויסגעלייזט, און בעת דער באַרימטער אַדאַם מיצקעוויטש איז בראָש פֿון אַ גרופּע טאָוויאַנסקיס תּלמידים אום תּשעה־באָבֿ 1845 געקומען אין פּאַריזער סינאַגאָגע און געהאַלטן דאָרטן זײַן פֿלאַמענדיקע רעדע וועגן ייִדישן גלות און דער אויסלייזונג פֿון ייִדישן פֿאָלק, איז דער ראַבינער געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט. מיצקעוויטש האָט דעמאָלט געשריבן, אַז די פֿראַנצייזישע ייִדן געהערן אפֿשר צו די שפּלסטע: זיי ווילן געניסן פֿון זייער פֿרײַהייט, אָבער ווייטאָגן מיטן ווייטאָג פֿון ייִדישן פֿאָלק — דאָס איז פֿאַר זיי צו שווער...[2]

די גרינדונג פֿון „אַליאַנס" אין 1860 איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון אַ נײַער ווענדונג. אַזוי האָבן עס פֿאַרשטאַנען די גרינדערס פֿון דער „אַליאַנס"

* דעם אַרטיקל האָב איך אָנגעשריבן אין 1939 ווי אַ דערגאַנצונג צו דער אַרבעט וואָס איך האָב געגרייט ווי אַן אַספּיראַנט פֿון ייִוואָ וועגן די באַציִונגען צווישן פֿראַנצייזישן און מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין 19טן י"ה. איך וויל בײַ דער געלעגנהייט אויסדריקן מײַן האַרציקן דאַנק דעם פּ׳ א. טשעריקאָווער פֿאַר זײַן כּסדרדיקער הילף.

1 N. Leven, *Cinquante ans d'histoire. L'Alliance Israélite Universelle*, 2 v., Paris, 1911.

2 *Współudział A. Mickiewicza w sprawie A. Towiańskiego.* Paryż, 1877, t. II, p. 279.

גופֿא, און אין דעם זינען האָט אויך דאָס אויסלענדישע ייִדנטום אויפֿגענומען די ידיעה וועגן דעם אויפֿקום פֿון דער חבֿרה.

בעת דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד פֿון 1830־1831 איז אין פֿראַנקרײַך צוזאַמען מיטן שטאַרקן אינטערעס צו דער פּויליש־רוסישער פֿראַגע אויך געוואַקסן דער אינטערעס צו דער לאַגע פֿון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע. אַ גרופּע ייִדישע און פּוילישע עמיגראַנטן אין פּאַריז האָט זיך באַמיט דעם דאָזיקן אינטערעס אונטערצוהאַלטן און אויסברייטערן אין אַ ממשותדיקער אַקציע. אָנהייב 1832 איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון אַ גרופּע ייִדישע און פּוילישע עמיגראַנטן־„פּאַטריאָטן" געגרינדעט געוואָרן אין פּאַריז די „פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט צו עמאַנציפּירן ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט".[3] פֿאָרזיצער איז געווען דער באַרימטער פֿראַנצייזישער גענעראַל לאַפֿאַיעט,[4] אין קאָמיטעט זײַנען אַרײַן: דער דעפּוטאַט קאַמיל אָדיאָן־באַראָ (Odillon-Barot), דער אַמע־ריקאַנער שרײַבער קופּער (Cooper), דער שוין דעמאָלט גוט באַקאַנטער פֿראַנצייזיש־ייִדישער אַדוואָקאַט אַדאָלף קרעמיע, די פּוילישע עמיגראַנטן אַנטאָני אָסטראָווסקי, יאַן טשינסקי און אַנדערע. אויב דער קאָמיטעט האָט באַוויזן במשך דער קורצער צײַט פֿון זײַן עקסיסטענץ עפּעס אויפֿצוטאָן צווישן די עמיגראַנטישע פּוילישע קרײַזן און געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אַפֿילו אין פּוילן,[5] איז אים אָבער ניט געראָטן צו געווינען פֿאַר זײַן אַקציע די אָפֿיציעלע קרײַזן פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום. אַנטאָני אָסטראָווסקי דערציילט,[6] אַז דאָס איז טאַקע געווען איינע פֿון די סיבות וואָס האָבן דערפֿירט צום צעפֿאַל פֿון קאָמיטעט. די טענה איז געווען, אַז אויב מען וועט אָנהייבן אַן אַקציע צו פֿאַרטיידיקן ייִדן אין די לענדער, ווו זיי ווערן אונטערדריקט, וועלן די דאָר־טיקע רעגירונגען זיך נוקם זײַן און נאָך מער רודפֿן ייִדן.

---

[3] צי דאָס איז דער פּינקטלעכער נאָמען פֿון דער געזעלשאַפֿט, איז נאָך בײַ מיר אַ ספֿק.

[4] אַנטאָני אָסטראָווסקי שרײַבט אין זײַן בוך וועגן ייִדן, אַז שמועסנדיק מיט דעם באַ־רימטן גענעראַל וועגן דער מיגלעכקייט צו באַפֿרײַען פּוילן „האָב איך געהאַט אַ מיגלעכקייט צו דערקענען, אַז אויך דאָס פֿאָלק ישׂראל איז ניט אויסגעמיטן געוואָרן פֿון זײַן האַרציקער אויפֿמערקזאַמקייט."

A. Ostrowski, *Pomysły o potrzebie reformy towarzyskiej.* Paryż, 1834, p. 3.

[5] אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט אַ געוועזענער פּוילישער ריכטער וולאָ־דזשימיעזש גאַדאָן (1775—1842) אָנגעשריבן אַ ביכל וועגן דער ייִדן־פֿראַגע אין פּוילן:

W [łodzimierz] G [adon], *Zbiór ustaw i obrzędów wymagających najrychlejszej reformy izraelitów osiadłych w prowincjach do Polski należących.* Paryż, 1835.

ווו ער שרײַבט: „כּבֿוד אײַך, גרויסע מענער! מענער פֿון גאָט געשיקטע, איר וועלכע האָט געשאַפֿן די פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט אין פּאַריז, וואָס האָט ראשית אין זינען די אַלגעמיינע עמאַנציפּאַציע פֿון דעם איבער דער גאַנצער ערדקויל צעשיטן ייִדישן פֿאָלק." דער מחבר האָט דאָס ביכל געשריבן אין פּוילן און עס איבערגעשיקט צו דרוקן קיין פֿראַנק־רײַך, ווּהין ער האָט אַליין אויך שפּעטער אויסגעוואַנדערט.

[6] דצ"וו, זז' 1, 3־5

געביטן אָט די באַציִונג האָט ערשט דער באַקאַנטער בילבול אין דמשק, אין 1840. דער פֿאַל האָט באַוויזן, אַז ביי אַ גוטער קאַמפּאַניע קען מען אויפֿטאָן עפּעס ממשותדיקס. דער אינטערעס צום גורל פֿון ייִדן אין דער גאַנצער וועלט איז דעמאָלט געוואַקסן און — ווי מיר וועלן עס וויטער זען — אין מאָמענט פֿון שטורעמדיקע געשעענישן זיינען כּסדר אויפֿגעקומען פּראָיעקטן צו שאַפֿן אַן אַלוועלטלעכע ייִדישע געזעלשאַפֿט וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט פֿאַרטיידיקן דעם ייִדישן כּבֿוד.

אין יולי 1845, אין שייכות מיט אַ פּראָטעסט־אַקציע קעגן שווייץ וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן פֿראַנצייזישע ייִדן די זעלבע רעכט ווי אַלע פֿראַנצייזישע בירגערס, איז גרשון בן לוי (גודשאָ ווייל), אַ פּאַריזער געריכט־באַאַמטער, אַרויס מיט דער אידעע וועגן גרינדן אַ קאָמיטעט צו פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן אין אויסלאַנד.[7] זיין פֿאָרשלאָג איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פֿון צרפֿתי (זיין אמתער נאָמען — טערקעם), אַ מאַטעמאַטיקער וואָס איז געווען אויך אַ קעמפֿער פֿאַר אַ ייִדישער רעליגיעזער רעפֿאָרם. צרפֿתי האָט דעמאָלט געשריבן אין „אַרשיוו איזראַעליט", אַז אַזאַ קאָמיטעט דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט פֿאַרטיידיקן ניט נאָר די פֿראַנצייזישע ייִדן „וועלכע האָבן דאָס גליק צו זיין עמאַנציפּירט", נאָר אויך „אויסקעמפֿן גלייכהייט פֿאַר די ייִדן וועלכע האָבן עס נאָך נישט". „דורך לעגאַלע וועגן און מיט דער הילף פֿון אַלע רעגירונגען און ערלעכע מענטשן פֿון אַלע לענדער האָבן מיר בדעה צו טאָן אונדזער אַרבעט. אונדזער הויפּט־כּוח וועט באַשטיין אין שטעלן אונדזער באַליבט פֿאָטערלאַנד ווי אַ ביישפּיל פֿאַר אַלע לענדער. דעם טאָג, ווען אונדזערע ברידער פֿון איין אמונה פֿון דער גאַנצער וועלט וועלן געניסן פֿון די זעלבע רעכט וואָס עס פֿאַרמאָגן היינט צו טאָג די פֿראַנצייזישע ייִדן, וועט דער קאַמף פֿאַר עמאַנציפּאַציע זיין פֿאַרענדיקט".[8] מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין יאַנואַר 1846, האָט צרפֿתי ווידער אַ מאָל פֿאָרגעלייגט צו שאַפֿן אַזאַ קאָמיטעט און אַפֿילו שוין אָנגערופֿן אַ נאָמען: „ייִדישע געזעלשאַפֿט פֿאַר אַלוועלטלעכער עמאַנציפּאַציע און אַלזשירער ציוויליזאַציע." מחמת דעם גרויסן אינטערעס וואָס גאַנץ פֿראַנקרייך האָט דעמאָלט געהאַט פֿאַר דער פֿריש איינגענומענער קאָלאָניע אַלזשיר, האָט צרפֿתי פֿאָרגעלייגט זיך אָפּצוגעבן אויך מיט דער לאַגע פֿון די דאָרטיקע ייִדן.[9] אַלפֿאָנס סערפֿבער, מיטגליד פֿון דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע, האָט זיך דערקלערט גרייט מיטצואַרבעטן. מען האָט אויך אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון אַדאָלף קרעמיע ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון אַזאַ קאָמיטעט. קרעמיע האָט זיך אָבער דעמאָלט געהאַט צוריקגעצויגן פֿון דער קאָנסיסטאָריע צוליבן שמד פֿון זיינע קינדער. ער האָט דעריבער געהאַלטן פֿאַר טאַקטיש צו שטיין אין אַ זייט.[10] צו דער גרינ־

7 *Archives Israélites*, 1845, p. 557.

8 דאָרט, ז' 671.

9 דאָרט, 1846, זז' 125־127.

10 דאָרט, ז' 181.

דונג פֿון קאָמיטעט איז אָבער גאָרניט דערגאַנגען. אויך האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דורכפֿאַל דער פּרוּוו פֿון ייִדישן גבֿיר זשאַק יצחק אַלטאַראַס, פּרעזידענט פֿון דער קאָנסיסטאָריע אין מאַרסייל, צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די רוסיש־פּוילישע ייִדן דורך קאָלאָניזירן זיי אין אַלזשיר.*

אין „אוניווער איזראַעליט" פֿון פֿעברואַר 1851 האָט זשול קאַרוואַלאָ אָפּגעדרוקט אַ קול־קורא „וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אַ ייִדישן קאָנגרעס".[11]

זשול קאַרוואַלאָ (1820־1916) האָט געשטאַמט פֿון די ספֿרדישע מאַראַנען[12]; 13 פֿון זײַנע אָבֿות זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אויף קידוש־השם; אין זײַן משפּחה זײַנען געווען מיניסטאָרן און אַמבאַסאַדאָרן פֿון פּאָרטוגאַל. געבוירן געוואָרן אין קאַרוואַלאָ אין דרום פֿראַנקרײַך, בײַ אַ חשובֿער ייִדישער משפּחה, כאָטש ניט זייער קיין רײַכע. אין 1844 האָט ער פֿאַרענדיקט דעם פּאָליטעכניקום און מיט 2 יאָר שפּעטער אַ ספּעציעלע שולע פֿאַר וועגבוי. אין 1848 האָט מען אים פֿאָרגעלייגט אַ פּראָפֿעסור פֿון דער זעלבער שולע, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. קאַרוואַלאָ האָט זיך געוואָרפֿן אויף בויען באַנען, וואָס דאָס האָט דעמאָלט פֿאַרכאַפּט די פֿראַנצייזישע וועלט; ער האָט געאַרבעט אַ צײַט פֿאַר פּערעירע, דעם ייִדישן סען־סימאָניסט און פֿינאַנציסט, און איז אַליין אויך געקומען אין קאָנטאַקט מיט די סען־סימאָניסטישע קרײַזן. פֿאַרברענגענדיק אין אויסלאַנד (איטאַליע און אַנדערע לענדער) בײַם בויען באַנען, האָט ער זיך נעענטער אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער לאַגע פֿון די דאָרטיקע ייִדן, און עס איז בײַ אים געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק עפּעס צו טאָן פֿאַר זייערט וועגן. אויף דער עלטער האָט קאַרוואַלאָ דערציילט, אַז צו 15 יאָר שוין, קוקנדיק פֿאַרחלומט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל, „האָב איך געפֿילט, אַז דער ציל פֿון מײַן לעבן דאַרף זײַן די אייניקייט פֿון אַלע ייִדן". קאַרוואַלאָ האָט זיכער געוווּסט פֿון די פּרוּוון וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן ביז אים לטובֿת ייִדן מחוץ פֿראַנקרײַך.[13]

---

* וועגן ענין אַלטאַראַס האָט דער מחבר איבערגעגעבן דער רעדאַקציע „ייִוואָ־בלעטער" אַן אַרטיקל, געשטיצט אויף אומבאַקאַנטע פֿראַנצייזישע אַרכיוו־דאָקומענטן. — רעד׳.

[11] פֿאַראַן אויך אַ סעפּאַראַטער אָפּדרוק.

[12] קיין גענויע ביאָגראַפֿיע פֿון קאַרוואַלאָ איז ניטאָ. מיר האָבן אויסגעניצט די ווײַטערדיקע מקורים:

Carvallo, *A MM. les électeurs de la circonscription consistoriale de la Seine.* Paris, No. 7, 1860, 3 pp.; *Aux Israélites de la circonscription électorale du consistoire de Paris*, 1863, 3 pp.; A. Crémieux, *Mémoire a l'Empereur pour M. J. Carvallo*, Paris, 1863; *Archives Israélites*, 14/VI/1910; אויך אַרכיוו פֿון אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, טעקע 418 (19).

[13] קאַרוואַלאָס פֿרײַנד אַדאָלף גוערו, אַ פֿראַנצויז וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רעדאַקטאָר פֿון „ל׳אָפּיניאָן נאַסיאָנאַל", אָרגאַן פֿון די לינקע באָנאַפּאַרטיסטן, האָט דערציילט, אַז זײַענדיק אין 1847 קאָנסול אין אַ לאַנד פֿון צענטראַל־אייראָפּע, האָט ער זיך געווענדט צו דער רעגירונג פֿון לוי־פֿיליפּ און צו פֿראַנצייזישע ייִדן, מען זאָל עפּעס טאָן פֿאַר די דאָרטיקע ייִדן, למשל: גרינדן אַ שול מיט פֿראַנצייזישער לערנשפּראַך. די רעגירונג האָט

אין זײַן קול־קורא אין „אוניווער איזראַעליט" האָט קאַרוואַלאָ געשריבן: „דאָס וואָס עס פֿעלט אונדז הײַנט צו טאָג, איז ניט סאָלידאַריטעט. זיכער ניט די סאָלידאַריטעט פֿון האַרצן. יעדער איינער פֿון אונדז לײַדט בײַם אויסהערן די באַשרײַבונגען פֿון די צרות און לײדן פֿון אונדזערע ברידער אין פֿאַרשיידענע טײלן פֿון דער ערד; נאָר די סאָלידאַריטעט פֿון אַקטן, די אַחדות פֿון אַלעמען, וואָס זאָל מיגלעך מאַכן צו ברענגען אַלע אונדזערע מאָראַלישע קרעפֿטן צו הילף די יעניקע וועלכע לײַדן."

בכדי צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פֿאַר דער ציווילער און פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פֿון ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט לייגט קאַרוואַלאָ פֿאָר צו רופֿן אַ י ִ ד י ש ן װ ע ל ט ק אָ נ ג ר ע ס, ניט פֿון קיין רעליגיעזן כאַראַקטער, נאָר פֿון אַ וועלטלעכן. „יעדער סינאַגאָגע פֿון דער וועלט זאָל שיקן אַ שליח", און דער קאָנגרעס זאָל זיך צונויפֿקומען אין פּאַריז אויף צו מאָרגנס נאָך יום־כּיפּור.

קאַרוואַלאָס רוף האָט געפֿונען אַ שוואַכן אָפּקלאַנג.[14] אָבער מיט צוויי יאָר שפּעטער, אָנהייב 1853, האָט ער איבערגעחזרט זײַן ווענדונג צו רופֿן אַן אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָנגרעס.[15] דאָס פֿאָלק ישׂראל, שרײַבט ער, איז געגעבן געוואָרן דער וועלט בכדי זי צו פֿאַרבעסערן. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אַ מיסיע אויסצופֿירן. אָבער דערצו דאַרף זיך עס פֿריִער פֿאַראייניקן, זיך פֿאַרטיידיקן און „אָפּהיטן דאָס לעבן פֿון די וועמען גאָט רעזערווירט פֿאַר זײַנע גרויסע פּלענער." פֿאַר קאַרוואַלאָן איז ייִדישע אַחדות ניט קיין פֿראַגע בלויז פֿון רעליגיע, נאָר פֿון צוגעהעריקייט צו איין ראַסע; עס זיינען בײַ אים שוין פֿאַראַנען אַפֿילו אָנצוהערענישן, אַז ער קוקט אויף ייִדן ווי אויף אַ נאַציע; קיין פּינקטלעכערע דעפֿיניציע פֿון די באַגריפֿן גיט ער אָבער ניט.

די קרימער מלחמה האָט אויפֿגעוועקט אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע און ניט־ייִדישע קרײַזן (פּוילישע, רומענישע א״אַנד) האָפֿענונגען, אַז די אונטערדריקטע פֿעלקער וועלן אויסגעלייזט ווערן. ווײַל, אַ ייִדישער דאָקטער פֿון לאָנדאָן, האָט געשריבן צו זײַנע פּאַריזער פֿרײַנד, אַז „אויב די מלחמה איז אַ גרויס בייז, ברענגט זי אָבער, פּונקט ווי אַלע שרעקלעכע פֿענאָמענען פֿון דער נאַטור, גוטע רעזולטאַטן אויך. די מלחמה פֿון מיזרח האָט אונדז דערמאָנט אין דער לאַגע פֿון אונדזערע מיטגלייביקע אין טערקײַ."[16] פֿיליפּסאָן האָט אין דער „אַלגעמיינע צײַטונג דעס יודענטומס" אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן דער נייטיקייט פֿון פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די טערקישע ייִדן. אין מײַ 1854 איז ער געקומען קיין פּאַריז און אונטערגעהאַנדלט וועגן דעם

זיך אָבער באַצויגן קאַלט צו דעם פּראָיעקט און די פֿראַנצייזישע ייִדן „האָבן אַפֿילו ניט געענטפֿערט" (L'Opinion Nationale, 15/VII/1860).

[14] אינטערעסאַנט איז, אַז צווישן די וועלכע האָבן זיך יאָ אָפּגערופֿן איז געווען אַ פֿראַנצייזישער דאָקטער פֿון דרום־פֿראַנקרײַך, פּעטאַוועל.

[15] *L'Univers Israélite*, mai 1853. פֿאַראַן אויך אַ סעפּאַראַטער אָפּדרוק.

[16] דאָרט, 1854, ז' 367.

מיט דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. דאָס אָנהייבן אַ דיפּלאָמאַטישע אַקציע איז אָבער איבערגעלאָזט געוואָרן בלויז פֿאַר די פֿראַנצייזישע און ענגלישע ייִדן, ווײַל זיי זײַנען מער פֿרײַ אין זייערע באַוועגונגען. ענגלישע און פֿראַנצייזישע ייִדן האָבן זיך טאַקע געווענדט צו זייערע רעגירונגען מיט מעמאָראַנדומס וועגן דער לאַגע פֿון ייִדן אין טערקײַ. אַלבער קאָן, סעקרעטאַר פֿון פּאַריזער פֿילאַנטראָפּישן קאָמיטעט, האָט געמאַכט אַ רײַזע קיין ארץ־ישׂראל און טערקײַ און דאָרט געגרינדעט אַ צאָל שולן און צדקה־חבֿרות. ער איז געשטיצט געוואָרן אין זײַן רײַזע דורך די דיפּלאָמאַטישע פֿאָרשטייערס פֿון דער אַנטירוסישער קאָאַליציע און עסטרײַך, איז אַפֿילו אויפֿגענומען געוואָרן עטלעכע מאָל דורכן עסטרײַכישן קיסר און דעם סולטאַן.[17]

מען דאַרף דאָ אָנווײַזן אויף אַ מאָמענט וואָס האָט זיכער געווירקט אויף די אַלע ייִדישע באַמיִונגען בעת דער קרימער מלחמה. אין וועלטלעכן פֿראַנקרײַך האָט דער קלער דעמאָלט שטאַרק אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און פֿראַנקרײַך איז, איבער אירע אינטערעסן, פֿאַרבליבן די באַשיצערין פֿון קריסטנטום אויפֿן מיזרח. ווי באַלד אַזוי האָט אַן אַקציע לטובֿת ייִדן אויפֿן מיזרח געקענט אויך האָבן פֿאַר אַ ציל, ראשית — צו פֿאַרשטאַרקן דעם באַדן פֿון דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע אין פֿראַנקרײַך גופֿא. ווו דער קלער האָט אָנגעגריפֿן ייִדן, און צווייטנס — אָפּהיטן דאָס ייִדנטום אויפֿן מיזרח פֿאַר מיגלעכע אײַנפֿלוסן פֿון די קאַטוילישע מיסיאָנערן. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו די גרעסטע ייִדישע קהילות פֿון אייראָפּע מיט אַ רוף „צו העלפֿן בילדן און ציוויליזירן ייִדן פֿון מיזרח". אָבער מען האָט זיך ניט אָפּגערופֿן, און בכדי אויסצוהאַלטן די געגרינדעטע שולן און צדקה־אַנשטאַלטן האָט מען געמוזט אָנקומען צו עטלעכע ייִדישע גבֿירים, בעיקר צו די ראָטשילדס. מען האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז עס וועט גענוג זײַן צו בילדן ייִדן פֿון אַנדערע לענדער, זיי געבן די קולטור פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן, זיי לערנען די פֿראַנצייזישע שפּראַך, וועט שוין דאָס דערנעענטערן זייער עמאַנציפּאַציע. די פֿראַנצייזישע ייִדן האָבן אַזוי אַרום געשפּילט די ראָלע פֿון טרעגערס פֿון פֿראַנצייזישן גײַסט אויפֿן מיזרח.

עס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אַ פֿראַנצייזישער ייִד, אַרמאַן לעווי,[18] וועלכער איז יאָ אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ מין באַנעמען עמאַנציפּאַציע. זײַן אַרויסטריט איז אָבער ניט אַרויס מחוץ דעם גדר פֿון אַ פּריוואַטן בריוון־אויסבײַט און האָט צו דער עפֿנטלעכקייט ניט דערגרייכט. אַרמאַן לעווי, וועלכער האָט פֿון 1848 אָן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין די דעמאָקראַטישע

---

17 Is. Loeb, *Biographie de A. Cohn*, Paris, 1877, pp. 48-85.

18 עס איז נאָך ביז הײַנט צו טאָג ניטאָ אין ייִדיש קיין פּרטימדיקע ביאָגראַפֿיע פֿון דער אינטערעסאַנטער פֿיגור. אַ ביסל וועגן אים איז פֿאַראַן אין זאַמלבוך „פּוילישע ייִדן", III, יאָרבוך, ניו־יאָרק 1935 (אַ. אַלפּערין: אַ פֿראַנצייזישער ייִד — קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּוילן, זז' 25־28).

קרײַזן פֿון פֿראַנקרײַך, איז קינדווײַז דערצויגן געוואָרן ווי אַ קריסט; זײַן טאַטע איז געווען אַ געשמדטער ייִד. צום ייִדנטום האָט ער זיך אומגעקערט אונטער דער השפּעה פֿון זײַן לאַנגיאָריקן פֿרײַנד אַדאַם מיצקעוויטש. כאָטש ער איז ווי אַן אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייט אין די דעמאָקראַטישע קרײַזן פֿון פֿראַנקרײַך געווען אַ קעמפֿנדיקער פֿרײַדענקער, איז ער אָבער גלײַכצײַטיק ווי אַ ייִד געווען רעליגיעז געשטימט.

אַרמאַן לעווי האָט געשריבן דעם 11טן מאַרץ 1856 צום באַראָן אַלפֿאָנסדע ראָטשילד אין שײַכות מיט מיצקעוויטשעס פּלאַן צו גרינדן אַ ייִדישן לעגיאָן אין טערקײַ:

„מען האָט אַ סך געטאָן אין איצטיקן יאָרהונדערט צו עמאַנציפּירן ייִדן ווי יחידים. מען דאַרף אָבער הײַנט אַרבעטן איבער הויפּט פֿאַר אונדזער פֿרײַהייט ווי אַ ראַסע, אויב מיר ווילן ניט, אַז אונדזער ראַסע זאָל פֿאַרניכט ווערן. עס איז גוט צו געניסן אומעטום פֿון די אָרטיקע ציווילע רעכט, אויב די דאָזיקע אַסימילאַציע צווישן פֿרעמדע זאָל נאָר ניט דערפֿירן צום אויסמעקן אונדזער ייִדישן כאַראַקטער און די דאָזיקע אויסמישונג צווישן זיי זאָל ניט זײַן אַ נאָך פֿולקומערער גלות".[19]

שפּעטער האָט אַ. לעווי זיך פֿאַרקלאָגט אין אַ בריוו צו וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטשן, אַדאַם מיצקעוויטשעס זון: „אין פֿראַנקרײַך ווערט די ייִדישע פֿראַגע אויפֿגענומען פֿיל מער פֿון שטאַנדפּונקט פֿון רעליגיעזער טאָלעראַנץ ווי פֿון ראַסן־שטאַנדפּונקט, און דאָס איז נאָך איין שווערקייט אויפֿן וועג צו העלפֿן אויפֿהייבן די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט."[20] אָבער ווי שוין געזאָגט, די דאָזיקע געדאַנקען פֿון אַרמאַן לעווי, דעם פֿאָרגייער פֿון משה העס,[21] זײַנען ניט דערגאַנגען צו דער עפֿנטלעכקייט.

---

[19] מאַנוסקריפּטן אין אַדאַם מיצקעוויטש־מוזיי אין פּאַריז, נ' 876 (2). פֿג"ל:
M. Brandstaetter, *Legion Żydowski Adama Mickiewicza*, Warszawa, 1932.

[20] דאָרט גופֿא. [ווי מיר זעען, ווערן דאָ די טערמינען „ראַסע" און „נאַציאָנאַליטעט" געניצט ווי גלײַכטײַטשיקע. מען דאַרף האָבן כּסדר אין זינען, אַז אין יענער צײַט האָט מען די אויסדרוקן געניצט ניט אין גאַנצן מיטן הײַנטיקן טײַטש און דער עיקר ניט מיט אַזאַ באַשטימטקייט. — רעד'.]

[21] די פֿראַגע, צי אַ. לעווי איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט משה העסן, איז אַן ענין אויסצופֿאָרשן, דאָס זעלבע, צי סאַלוואַדאָר און משה העס האָבן געהאַט אַן אײַנפֿלוס אויף די גרינדערס פֿון אַליאַנס (ביז 1860).

עס איז ניט ריכטיק, ווי טייל היסטאָריקערס מיינען, אַז אַרמאַן לעווי האָט זיך ניט אומגעקערט צו ייִדישקייט, נאָר בלויז זיך אָנגענומען פֿאַר ייִדן. ער האָט זיך אַליין אָנגערעכנט ווי אַ ייִד. אַזוי למשל האָט ער אויף אַ באַנקעט לכּבֿוד זשאַן בראַטיאַנו, פּרעזידענט פֿון רומענישן פּאַרלאַמענט, דערקלערט אין בוקאַרעשט דעם 19טן יאַנואַר 1869 וועגן זיך, אַז ער רעדט „ווי אַ ייִד, ווײַל איך האָב דעם כּבֿוד צו געהערן צו דער גרויסער ראַסע" (אַרשיוו איזראַעליט, 1869, ז' 105). אַזעלכע בײַשפּילן קענען מיר ברענגען היפּש.

אין 1858 איז געשען דער פֿאַל מאָרטאַראַ, װאָס האָט פּונקט װי דער דמשקער בילבול אױפֿגערודערט די גאַנצע עפֿנטלעכקײט און װערט פֿאַר־רעכנט װי דער דירעקטער שטױס צו גרינדן די „אַליאַנס איזראַעליט אוני־װערסעל". מען האָט אין שײַכות מיט דער אַפֿערע פֿיל דעבאַטירט װעגן דער ייִדן־פֿראַגע. איזידאָר קאָען, רעדאַקטאָר פֿון „אַרשיװ איזראַעליט", האָט דעמאָלט געשריבן, אַז מחמת דער דערנעענטערונג פֿון די שױן עמאַנ־ציפּירטע ייִדן צו דער אַרומיקער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג װערט די אַחדות צװישן ייִדן „װי אַ נאַציע, װי אַ ראַסע כּסדר אָפּגעשװאַכט." [22]

איזידאָר קאָען (1902-1826), דער מחבר פֿון די שורות, װעלכער איז געװען אײנער פֿון די שפּעטערדיקע גרינדערס פֿון „אַליאַנס", האָט גאָר פֿרי דערפֿילט די ניט־פֿולקומקײט פֿון דער עמאַנציפּאַציע. װען ער האָט פֿאַר־ענדיקט דעם אוניװערסיטעט, איז ער געװען פֿול מיט גלױבן אין דער צוקונפֿט. ער איז געװען פֿון דעם דור יונגע פֿראַנצײזישע ייִדן װעלכע האָבן שטאָל־צירט מיט זײער פֿרײַהײט און אָפּגעדאַנקט דערפֿאַר מיט אַ שטאַרקן פּאַט־ריאָטיזם. װעגן דעם דור האָט עס געשריבן זײַן יוגנטפֿרײַנד זשאַזעף קאָען: „יאָ, מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין ענטוזיאַזם און געװאַרט אױף נײַע װעגן װאָס האָבן זיך געעפֿנט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט פֿאַר די אַמאָליקע פֿאַרטריבענע פֿון ציון. מיר זײַנען געװען דורכגעדרונגען מיט אַן אומבאַגרע־נעצטער ליבע פֿאַר דער מוטער װאָס האָט אונדז אַדאָפּטירט און געהאָלפֿן װי אײגענע קינדער." [23] איזידאָר קאָען איז אָבער געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער װאַקסנדיקער רעאַקציע נאָך יוני 1848, װען נאַפּאָלעאָן האָט ניט געװאָלט אײַנרײַסן מיטן קלער און פֿאַרשװיגן, װאָס דער קלױסטער האָט ניט צוגע־לאָזט קײן ייִדן פֿאַר לערערס אין די מיטלשולן. איזידאָר קאָען איז געװען אײנער פֿון די ניט־דערלאָזענע. אין דער פּרעסע האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ שאַרפֿע פּאָלעמיק אַרום דעם פֿאַל, די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט אַפֿילו דעמיסיאָנירט פֿאַר אַ פּראָטעסט. איזידאָר קאָען האָט דעמאָלט אָנגעהױבן אַרױסטרעטן אין דער פּרעסע מיט שאַרפֿע אַרטיקלען קעגן דער אומטאָ־לעראַנץ, פֿון װעלכער ער איז אַלײן געפֿאַלן אַ קרבן.[24]

בעת דער מאָרטאַראַ־אַפֿערע, אין נאָװעמבער 1858, איז איזידאָר קאָען אַרױס מיט אַ פֿאָרלײג צו גרינדן אַ קאָמיטעט פֿאַר פֿאַרטײדיקן די רעכט פֿון די שױן עמאַנציפּירטע ייִדן, און צו קעמפֿן אױך פֿאַר די רעכט פֿון די נאָך ניט עמאַנציפּירטע:

„ענגלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, עטלעכע קאַנטאָנען פֿון דײַטשלאַנד, די פֿאַראײניקטע שטאַטן זאָלן באַשטימען פֿאָרשטײערס אין דעם פּערמאַ-

22 *Archives Israélites*, 1858, p. 149.

23 *La Gerbe*, Paris, 1890, p. 23.

דאָס איז די אױסגאַבע צום 50יאָריקן יובל פֿון „אַרשיװ איזראַעליט".

24 *Archives Israélites*, 1902, pp. 81, 89, 97.

N. Goldberg: Ruth Rome, "A **Method of Predicting** the Probable Disposition of Their **Children by** Unmarried Mothers" 273-275
L. Lehrer: National Characteristics 130-145
English Abstract 191
L. Lehrer: Charlotte Adland, "The **Attitudes of** Eastern European Jews Toward Mental Disease" 73-77
L. Lehrer: Eva Cohen and **Helen Witmer**, "The Diagnostic Significance of Russian Jewish **Clients' Attitudes** Toward Relief" 73-77
L. Lehrer: Ruth Tennenebaum, **"Jewish Parents** in a Child Guidance Clinic" 73-77
L. Lehrer: Jennie Wilensky, "German **Refugees** as Clients of a Family Agency" 73-77
L. S.: ***Rashi**, Program **Material and Suggestions** for the Observance of the 900th **Anniversary** of **His** Birth* 275
L. S.: *Yehudah Halevi — **Sweet Singer of Zion*** 275

English Abstracts 191-192, 288
On the Number of Jews in the United States 180-181
A. Sawicki: Polish-Jewish Refugees in Vilna 280-281
H. F. Ulrichsen: A Danish Colonization Experiment in Venezuela 235-257
English Abstract 287
M. Weinberg: J. Goldberg, *Ha-yehudim bi-rfua be-arzot ha-brit* 271-273
M. Weinberg: A. Rudy and C. E. Keeler, "Studies on Heredity in Jewish Diabetic Patients" 168-169

4. FOLKLORE

Ch. Schauss: The Birth of a Jewish Child 47-63
English Abstract 95
A. Yarmolinsky: A Jewish Wedding in Simferopol, Crimea 150 Years Ago 182-184

5. HISTORY

R. Glanz: John A. Hawgood, *The Tragedy of German-America* 165-168
L.L.: Erwin R. Goodenough, *An Introduction to Philo Judaeus* 258-261
J. Shatzky: Cantors and Synagogal Music in Holland 146-156
English Abstract 191
J. Shatzky: *50 años de colonización judía en la Argentina* ... 68-72
E. Tcherikower: Jewish Martyrology and Jewish Historiography 97-112
English Abstract 192
M. Vichniak: Henri Rollin, *L'Apocalypse de Notre Temps*... 77-81

6. LINGUISTICS

S. Birnbaum: Sir E. Denison Ross, *This English Language* . 84-85
Y. Mark: Yiddish Linguistic Work in the Soviet Union 222-234
English Abstract 287-288
Nochum Shtif's Letters to J. Opatoshu 173-178

7. LITERARY HISTORY

M. Weinreich: A. A. Roback, *The Story of Yiddish Literature* 161-165

8. PYSCHOLOGY AND EDUCATION

Kh.D.: Some Notes on Teaching Yiddish to Jewish Adult Beginners 86-91
English Abstract 95
A. Golomb: Hatred of Jews for Jews 211-221
English Abstract 288
N. Goldberg: Anne Cohn, "Survey of Services Given to Unmarried Mothers by the Jewish Board of Guardians" . 273-275
N. Goldberg: Abraham I. Katsh, "A Survey of Racial Prejudices" 265-267

ייווא בלעטער

טריפט פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט

זיבעצנטער באַנד

(יאַנואַר־יוני)

ניו־יאָרק, 1941

אינהאַלט

1. אַלגעמיינס

אָנגעקומען אין רעדאַקציע 94-95, 186-190, 283-286
ל. בערז: Francis J. Oppenheimer, *Ezekiel to Einstein* 270-267
ו. ו.: צוויי אינסטיטוטן וועגן יידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען 173-170
מ. וו.: שלמה באַסטאָמסקי 186-184
מ. וו.: י. אַ. מעריסאָן 66-64
מ. ווײַנרײַך: די יידישע וויסנשאַפט אין דער הײַנטיקער צײַט 13-1
וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן אויף דער קאָנפערענץ פון ייוואָ 92-91
פון דער רעדאַקציע 93-94, 186, 282
ל. קעסלער: דער לימוד העברעיש אין די ניו־יאָרקער הײַסקולן 279-277
ל. ש.: דער אויסלײַ פון יידישע און העברעיִשע ביכער אין די שטאָטישע
ביבליאָטעקן 180-178
ל. ש.: *Facts About Fictions Concerning the Jews* 271-270
ל. ש.: *Footprints of the Trojan Horse* 276
ל. ש.: L. Hamburger, ***How Nazi Germany Has Mobilized and***
Controlled Labor 276
ל. ש.: Edmund J. Horwath, *Why Anti-Semitism?* 276

2. ביבליאָגראַפיע

ר. מאַהלער: הוספות און תיקונים צו: ר. מאַהלער, יעקבֿ מאַן און
זײַן לעבנסווערק, ב׳ XVI, זז׳ 170־181 92
רשימה פון ד״ר י. אַ. מעריסאָנס אַרבעטן אין בוכפאָרם 67-66

3. געשיכטע

רודאָלף גלאַנץ: John A. Hawgood, *The Tragedy of*
German-America 168-165
מאַרק ווישניאַק: Henri Rollin, ***L'Apocalypse de Notre Temps.***
Les Dessous de la propagande allemande
d'après des documents inédits 81-77
א. טשעריקאָווער: יידישע מאַרטיראָלאָגיע און יידישע היסטאָ־
ריאָגראַפיע 112-97
ל. ל.: Erwin R. **Goodenough**, *An Introduction to Philo*
Judaeus 261-258
יעקבֿ שאַצקי: חזנים און חזנות אין האָלאַנד 156-146
יעקבֿ שאַצקי: 50 años de **colonización** judía en la Argen-
tina 72-68

4. ליטעראַטור־געשיכטע

מ. ווײַנרײַך: A. A. Roback, *The Story of Yiddish Literature* 165-161

5. עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק

ה. אולריכסען: אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע 257-235

נ. גאָלדבערג: אַ בינטל פֿאַקטן וועגן דער ייִדישער יוגנט אין אַמעריקע 46-28

נ. גאָלדבערג: H. S. Linfield, "Jewish Communities of the United States" 265-262

נ. גאָלדבערג: George B. Mangold, "The Changing Size of the Family Unit" 265-262

נ. גאָלדבערג: John W. Riley and Matilda White, "The Use of Various Methods of Contraception" 265-262

מ. ווײַנבערג: ד״ר יעקבֿ א. גולדברג, היהודים ברפֿואה בארצות הברית 273-271

מ. ווײַנבערג: A. Rudy and C. E. Keeler, "Studies on Heredity in Jewish Diabetic Patients" 169-168

יעקבֿ לעשטשינסקי: דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום 129-113, 210-193, 282

וועגן דער צאָל ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן 181-180

אַ. סאַוויצקי: ייִדיש־פּוילישע פּליטים אין ווילנע 281-280

מ. קאָסאָווער: B. Weinryb, *The Occupational Structure of the Second Generation of Jews in Palestine* 83-82

שמואל קעניג: די ראָלע פֿון די פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס אינעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון שטאַט קאָנעטיקוט 27-14

שמואל קעניג: Nettie Pauline McGill and Ellen Nathalie Matthews, *The Youth of New York City* 161-157

6. פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק

אַ. גאָלאָמב: וועגן שינאה צו ייִדן בײַ ייִדן 221-211

נ. גאָלדבערג: Abraham I. Katsh, "A Survey of Racial Prejudices" 267-265

נ. גאָלדבערג: Anne Cohn, "Survey of Services Given to Unmarried Mothers by the Jewish Board of Guardians 275-273

נ. גאָלדבערג: Ruth Rome, "A Method of Predicting the Probable Disposition of Their Children by Unmarried Mothers 275-273

ח. ד.: עטלעכע באַמערקונגען וועגן לערנען ייִדיש מיט „גרים" 91-86

לייבוש לעהרער: נאַציאָנאַלע אײַגנשאַפֿטן 145-130

לייבוש לעהרער: Charlotte Adland, "The Attitudes of Eastern European Jews Toward Mental Disease: A Cultural Interpretation 77-73

ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר: Eva Cohen and Helen Witmer, "The Diagnostic Significance of Russian Jewish Clients' Attitudes Toward Relief" 77-73
ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר: Ruth Tennenebaum, "Jewish Parents in a Child Guidance Clinic: A Study of Culture and Personality" 77-73
ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר: Jennie Wilensky, "German Refugees as Clients of a Family Agency" 77-73
ל. ש.: רשי. *Program Material and Suggestions for the Observance of the 900th Anniversary of His Birth* 275
ל. ש.: *Yehudah Halevi — Sweet Singer of Zion* 275

7. פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע

א. י אַ ר מ אָ ל י נ ס ק י: אַ ייִדישע חתונה אין סימפֿעראָפּאָל מיט קנאַפּע הונדערט פֿופֿציק יאָר צוריק 184-182
ח י י ם ש ו י ס: אַ ייִדיש קינד ווערט געבאָרן 63-47

8. שפּראַך־וויסנשאַפֿט

ש ל מ ה ב י ר נ ב ו י ם: Sir E. Denison Ross, *This English Language* 85-84
י ו ד ל מ אַ ר ק: פֿון דער ייִדישער שפּראַכאַרבעט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד 234-222
נ. שטיפּס בריוו צו י. אָפּאַטאָשו 178-173

ענגלישע קיצורים 96-95, 192-191, 288-287

INDEX TO VOLUME XVII (1941)

1. GENERAL

L. Bers: Francis J. Oppenheimer, *Ezekiel to Einstein*........ 267-270
Books Received 94-95, 186-190, 283-286
Editorial Notes 93-94, 186, 282
L. Kessler: Hebrew as a Subject in New York High Schools 277-279
Papers Read at the Fifteenth Annual Conference of the Yiddish Scientific Institute 91-92
L.S.: The Circulation of Yiddish and Hebrew in the New York Public Library 178-180
L.S.: *Facts about Fictions Concerning the Jews* 270-271
L.S.: *Footprints of the Trojan Horse* 276
L.S.: L. Hamburger, *How Nazi Germany Has Controlled and Mobilized Labor* 276
L.S.: Edmund J. Horwath, *Why Anti-Semitism?* 276
W.: Two Jewish Institutes for Post-War Problems 170-173
M.W.: J. A. Maryson (Obituary) 64-66
M.W.: Shloime Bastomski (Obituary) 184-186
M. Weinreich: Jewish Scholarship Today 1-13
English Abstract 96

2. BIBLIOGRAPHY

R. Mahler: Errata and Addenda to R. Mahler, "Jacob Mann and His Life Work, vol. XVI, pp. 170-181 92
List of Dr. J. A. Maryson's Works in Bookform 66-67

3. ECONOMICS AND STATISTICS

N. Goldberg: Some Facts about Jewish Youth in America... 28-46
English Abstract 96
N. Goldberg: H. S. Linfield, "Jewish Communities of the United States" 262-265
N. Goldberg: George B. Mangold, "The Changing Size of the Family Unit" 262-265
N. Goldberg: John W. Riley and Matilda White, "The Use of Various Methods of Contraception" 262-265
S. Koenig: Nettie Pauline McGill and Ellen Matthews, *The Youth of New York City* 157-161
S. Koenig: The Role of Various Ethnic Groups in the Economic Life of Connecticut 14-27
English Abstract 96
M. Kosower: B. Weinryb, *The Occupational Structure of the Second Generation of Jews in Palestine* 82-83
J. Lestchinsky: The Social Physiognomy of American Jewry 113-139, 193-210, 282

YIVO BLETER

The Journal of the Yiddish Scientific Institute

VOLUME XVII - 1941

JANUARY - JUNE

NEW YORK, 1941

Section Two

נענטן קאָמיטעט; פּרײַוויליקע בײַשטײַערונגען וואָס וועלן קענען זײַן מינימאַלע אָבער אַלגעמיינע וועלן מעגלעך מאַכן דעם קאָמיטעט זײַן טעטיק און אַרויסצוגעבן דרוק־מאַטעריאַלן. דער קאָמיטעט וועט האָבן זײַנע קאָרעספּאָנדענטן אומעטום, וווּ עס וועט עקסיסטירן אַ ייִדישע קהילה מיט אַ ביסל ציווילער פֿרײַהייט. אַזוי אַרום וועלן די באַמיִונגען פֿון אונדזערע מיטגלייביקע זײַן צענטראַליזירט."[25]

מיט אַ חודש שפּעטער, אין דעצעמבער 1858, האָט א. קאַען שוין אָנגע־רופֿן אַ נאָמען פֿאַר דעם קאָמיטעט: „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" (אַל־געמיינע ייִדישע פֿאַראייניקונג),[26] לויטן בײַשפּיל פֿון דער „אַלוועלטלעכער קריסטלעכער פֿאַראייניקונג", אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך געהאַט געגרינ־דעט מיט עטלעכע יאָר פֿריִער און האָט, להיפּוך צו די אָפּיציעלע קריסטלעכע קרײַזן, בעת דעם ענין מאָרטאַראַ אָנגענומען אַ ייִדן־פֿרײַנדלעכע שטעלונג.

די מאָרטאַראַ־אַפֿערע איז אויסגעבראָכן אין אַ מאָמענט פֿון אָנגע־שטרענגטע אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. נאַפּאָלעאָן III האָט נאָר וואָס געהאַט פֿאַרענדיקט די מלחמה אין איטאַליע און קרים. די לינקע קרײַזן האָבן געפֿאָ־דערט צו דערפֿירן די מלחמה אין איטאַליע ביז אַ פֿולן ניצחון; אַחוץ די שטענדיקע סימפּאַטיעס פֿאַר די אונטערדריקטע פֿעלקער, האָט דאָ נאָך גע־ווירקט דער גלויבן, אַז פּונקט ווי אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק וועט נאַפּאָלעאָן ווערן ליבעראַל אין דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק. אין טייל ייִדישע קרײַזן האָט מען געהאָפֿט, אַז די מלחמה וועט פֿאַרבעסערן אויך די לאַגע פֿון די ייִדן אין אַנדערע לענדער. אַזוי למשל איז זשול קאַרוואַלאָ געווען צווישן די גרינדערס פֿון דער צײַטונג „ל'אָפּיניאָן נאַסיאָנאַל", וואָס איז געווען די פֿאָנען־טרעגערין פֿון די לינקע באָנאַפּאַרטיסטן און איז גע־שטיצט געוואָרן דורכן פּרינץ זשעראָם נאַפּאָלעאָן.[27] די צײַטונג איז באַלד אין ערשטן נומער (סעפּטעמבער 1, 1859) אַרויסגעטראָטן פֿאַר פֿאַראָלגע־מיינערן די מלחמה אין איטאַליע און האָט אַרויסגעזאָגט דעם גלויבן, אַז „די אינעווייניקסטע פֿרײַהייטן וועלן געבענטשט פֿון די אויסערלעכע ניצחונות".[28] אין אַ ווענדונג צו די פּאַריזער ייִדן בעת די קאָנסיסטאָריע־וואַלן אין נאָוועמבער 1860 האָט זשול קאַרוואַלאָ דערציילט, אַז דאָס באַטראַכטן די לאַגע פֿון די ייִדן אין איטאַליע האָט אים געשטויסן צו העלפֿן גרינדן די צײַטונג:

„נאָכן צוקוקן זיך במשך פֿון 5 חדשים וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין איטאַליע צו דער אונטערדריקונג פֿון אונדזערע ברידער, צו דער

[25] דאָרט, 1858, ז' 624.

[26] דאָרט, ז' 692.

[27] G. Weil, *Le Journal*, Paris, 1934, p. 230.

[28] A nos anciens abonnés.

צירקולאַר פֿון „ל'אָפּיניאָן נאַסיאָנאַל" צו די לייענערס, יולי 1860.

שרעקלעכער נויט וואָס ווערט אַרויפֿגעצוווּנגען אויף אַן אינטעליגענטער באַפֿעלקערונג פֿון דעם האַלבאינדזל דורך אַלטע פֿאָרמלען פֿון מיטל־עלטער, האָב איך, צוריקקומענדיק קיין פּאַריז, געגרינדעט צוזאַמען מיט עטלעכע פֿרײַנד אַ צײַטונג וואָס האָט פֿאַרטיידיקט מיט גלאַנץ, מיט טאַלענט, מיט ענערגיע, די פֿרײַהייט פֿון געווויסן, די אומשטערבלעכע פּרינציפּן פֿון 89 [1789], די אויסוויינקסטע און נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿון פֿראַנקרײַך." [29]

2

די גרינדערס פֿון „אַליאַנס" זײַנען געווען כּמעט אַלע יונגע, ווייניק באַקאַנטע מענטשן, ענטוזיאַסטן גרייט זיך אַרײַנצוּוואַרפֿן אין קאַמף פֿאַרן ייִדישן כּבֿוד. אין זייערע פֿרײַקע קינדעריאָרן האָבן זיי איבערגעלעבט די רעוואָלוציע פֿון 1830. זייער יוגנט, זייער וועלטבאַנעם האָט זיך אויסגעפֿורעמט אונטערן אײַנפֿלוס פֿון די געשעענישן אין 1848, טייל האָבן אַליין אין די געשעענישן אָנטייל גענומען. זיי האָבן געליטן זיך צוקוקנדיק צו די ייִדישע צרות אין אַנדערע לענדער, זיי האָבן זיך געשעמט מיט דער קנאַפּער אָנזעעוו־דיקייט פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום.

אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון שאַרל נעטער האָבן זיך אויפֿגעקליבן אין זײַן הויז דעם 17טן מײַ 1860, 8 אַ זייגער אין אָוונט, צען פּערזאָן: שאַרל נעטער אַליין, נאַרסיס לעווען, עמאַנועל לעווען, עזשען מאַנועל, אַבראַם קרעאַנזש, די ברידער מישעל און זשול ערלאַנזשעי, דוד שאַרנשטיין, לעאָן לעאָפּאָלד און עלי אַריסטיד אַסטרוק. ס'זײַנען אויך געווען פֿאַרבעטן זשאַק לעווען, משה שטערן און לעאָן נעטער פֿון שטראַסבורג, אַ קרובֿ פֿון שאַרל נעטער. זיי האָבן ניט געקענט קומען און האָבן צוגעזאָגט זייער שטיצע.

שאַרל נעטער (1826־1882) האָט געשטאַמט פֿון אַ סוחרישער משפּחה.[30] יונגערהייט איז ער געגאַנגען אין אַ שול אין בעלפֿאָר, ייִדישע לימודים האָט ער זיך געלערנט בײַם דאָרטיקן ראַבינער. שפּעטער האָט ער זיך באַ־זעצט אין פּאַריז, ווו זײַן משפּחה האָט געהאַט מיט אַ געוויסן שנערב אַ געשעפֿט אויף 10 די וואַנדאָם און געפֿירט געשעפֿטן מיט רוסלאַנד. אין 1858 איז ער געווען קאַסיר פֿון אַ געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן מלאָכה צווישן ייִדישע קינדער. צוליב סוחרישע צוועקן איז אים אויסגעקומען פֿיל אַרומ־צופֿאָרן און ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צו דער לאַגע פֿון ייִדן אין אויסלאַנד. ער איז געווען בעיקר אַ מענטש פֿון פּראַקטישע מעשׂים און געשטאַנען ווײַט פֿון פּאָליטישע קאַמפֿן.

נאַרסיס לעווען (1833־1915) האָט דורכגעלעבט די רעוואָלוציע פֿון 1848 ווי אַ 15יאָריקער תּלמיד אין אַ פּאַריזער מיטלשול. נאָך דער רעוואָ־

[29] Carvallo, *A MM. les électeurs de la circonscription consistoriale de la Seine.*

[30] *L'Univers Israélite*, 1882-83, p. 77.

לוציע האָט ער געגרינדעט צווישן זײַנע שול־חבֿרים אַ געזעלשאַפֿט צו שטיצן אָרעמע משפּחות און שפּעטער, ווי אַ יונגער אַדוואָקאַט און סעקרעטאַר פֿון אַדאָלף קרעמיע, האָט ער געהאָלפֿן אָרגאַניזירן אָוונטקורסן צו בילדן אַרבעטערס.[31]

עמאַנועל לעווען (1831־1912) האָט אין 1860 געהאַט נאָר וואָס באַקומען זײַן דיפּלאָם פֿון אַ דאָקטער און אָנגעהויבן אַרבעטן אין ראָטשילדס שפּיטאָל. שפּעטער איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ מחבר פֿון אַ ריי מעדיצינישע ווערק.

עזשען מאַנועל (1823־1901) איז געבוירן געוואָרן אין אַ חשובֿער ייִדישער משפּחה.[32] ער איז געווען אַן אייניקל פֿון באַרימטן חזן ישׂראל לאָווי (1773־1832). זײַן פֿאָטער איז געווען אַ דאָקטער, און פֿון זײַן פֿעטער זשול לאָווי, אַ מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „פֿיגאַראָ“, האָט דער יונגער עזשען איבערגענומען די ליבע צו ליטעראַטור. מאַנועל איז גאַנץ יונג געוואָרן לערער אין אַ מיטלשול אין אַ גרויסער פּראָווינצשטאָט און האָט אָנגעהויבן שרײַבן וועגן פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען. ווען ער האָט אין 1860 געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אין פּאָעזיע, איז ער שוין געווען אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט. אין 1848 האָט ער ווי אַ יונגער פּראָפֿעסאָר אין אַ ליצײ געשריבן צו זײַנע עלטערן און פֿרײַנד באַגײַסטערטע בריוו; האָט אָפּגעשפּאָט פֿון נאַפּאָלעאָנען: „ניט ער וועט הערשן, נאָר טיער“. ער איז אָבער אַרויסגעטראָטן קעגן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פֿון יוני און באַגריסט זײַן פֿרײַנד לאָרען פּישאָ פֿאַר שלאָגן זיך קעגן די רעוואָלוציאָנערן, פֿאַר דער רעפּובליק —

„ניט די, פֿון וועלכער מיר האָבן געחלומט אין די טעג פֿון געטלעכער משוגעת, נאָר די דערגרייכלעכע רעפּובליק. די אַנדערע רעפּובליק איז זיכער באַשטימט פֿאַר אונדזערע נשמות, אָפּגעטיילטע פֿון אונדזער גופֿים, און וועט זיך ניט נייטיקן ניט אין קיין באַריקאַדעס, ניט אין קוילן. זי וועט זיך גרינדן אונטער גאָטס בליק און ערגעץ אויף אַן אומבאַקאַנטן פּלאַנעט.“

אַבראַם (אַבֿרהם בן ברוך) קרעמיע (1789־1874) איז געווען דער עלטסטער אין דער גרופּע און איינע פֿון די צום מערסטן קעמפֿערישע פֿיגורן אין פֿראַנצייזישן ייִדנטום. אין 1860 האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך אַ רײַכן עבֿר ווי אַן אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דעם קרײַז, וועמענס לאָזונג ס'איז געווען: „קאָנסערוואַטיוו אין רעליגיע, פּראָגרעסיוו אין פּאָליטיק“.[33]

---

31 *Le centième anniversaire de la naissance de Narcisse Leven*, Paris, 1933.

32 *A la mémoire de E. Manuel Lyon*, 1901; Eug. Manuel, *Lettres de jeunesse*, Paris, 1909; idem, "Israel Lovy hazan de Paris", (*Archives Isr.*, 1850, pp. 298, 344) ; M. Bloch, Les poésies de Eug. Manuel, *REJ*, 46, p XXI.

33 באַריכות וועגן לעבן פֿון קרעמיע גיב איך איבער אין אַן אַרבעט וועגן דער רעוואָלוציע פֿון 1848 און אין די אינעווייניקסטע קאַמפֿן אין פֿראַנצייזישן ייִדנטום.

די ברידער מישעל (1893־1827) און זשול (1892־1828) ערלאַנזשעי זײַנען געווען קינדער פֿון ישׂראל זיסקינד ערלאַנזשעי, רבֿ פֿון ווײַסנבורג.[34] מישעל, אַ סוחר, האָט יונגערהייט פֿיל אַרומגערײַזט אין די מיזרח־לענדער און זיך צוגעקוקט צו דער נויט פֿון די דאָרטיקע ייִדן. בעת דער קרימער מלחמה האָט ער באַגלייט אַלבערט קאָנען אין זײַן נסיעה איבער ארץ־ישׂראל. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און אויף דער עלטער איבער־געזעצט אויף פֿראַנצייזיש ר׳ יהודה לובעצקיס אַ ספֿר. זײַן ברודער זשול איז געווען אַ באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר און האָט זיך פֿאַרנומען אויך מיט מיסחר.

דוד שאָרנשטיין (1879־1828) איז געווען אַ זון פֿון אַן אָרעמען עלזאַסער חזן.[35] ערשט האָט ער געזאָלט ווערן אַ לערער, ער האָט זיך אָבער אַריבער־געוואָרפֿן צו זשורנאַליזם, האָט מיטגעאַרבעט אין „לאַ ווערימע איזראַעליט" (62־1860) ווי אַ סעקרעטאַר פֿון דער רעדאַקציע, האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון סעקרעטאַר אין „אוניווער איזראַעליט", און שפּעטער איז ער געוואָרן באַקאַנט ווי דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פֿון דער שטאַרק פֿאַרשפּרייטער טאָגצײַטונג „פּטי זשורנאַל" (געשריבן אונטערן פּס״נ זשאָרזש סטען). ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע גרעסערע דערציילונגען פֿון ייִדישן לעבן, אין 1872 איבערגעזעצט פֿון גרעצעס געשיכטע אַ באַנד וועגן ייִדן אין שפּאַניע. שאָרנשטיין איז געווען נאָך ביז 1860 מיטגרינדער פֿון עטלעכע חבֿרות.

לעאָפּאָלד לעאָן (געשט׳ 1930) איז געווען לערער אין אַ שול פֿאַר ייִדישע קינדער אויף רו האָספּיטאַליע סען זשערוועי, פֿון וועלכער ער איז אין 1865 געוואָרן דירעקטאָר.[36]

עלי (אליהו) אַריסטיד אַסטרוק (1905־1831) האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה וואָס האָט זיך באַזעצט אין יאָר 1630 אין דרום־פֿראַנקרײַך.[37] אין 1852 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער מעצער ראַבינער־שול און מיט 5 יאָר שפּעטער געוואָרן פֿאַרטרעטער פֿון ראַבינער אין דער פּאַריזער ספֿרדישער קהילה. ער איז אויך געווען גוטע פֿרײַנד מיט ייִדישע עמיגראַנטן פֿון פּוילן, וועלכע האָבן זיכער געהאַט אַן אײַנפֿלוס אויף זײַן באַציִונג צו ייִדן אין אַנדערע לענדער.

זשאַק לעוון איז געווען אַ זשורנאַליסט.

משה שטערן, פֿון פֿאַך אַ גראַווירער, האָט אויסגעקריצט די עמבלעם פֿון „אַליאַנס": צוויי הענט וואָס גיבן זיך שלום, און איבער זיי די לוחות מיט אַן אויפֿשריפֿט „אחד", אַרומגערינגלט מיט זונענשטראַלן — דאָס אַלץ אויפֿן אונטערגרונט פֿון דער ערדקויל.

[34] *L'Univers Isr.*, t. 21, p. 169; t. 48, p. 67; t. 50. p. 358.

[35] *Archives Israélites*, 1879, p. 426; *L'Univers Isr.*, 1879-80, p. 15.

[36] *L'Univers Isr.* 58, p. 630; L. Kahn, *Histoire des écoles*, Paris, 1884, p. 71.

[37] Cardozo de Bethencourt, *Notes historiques et généalogiques sur la famille Astruc*, Paris, 1895. *L'Univers Isr.* 60, p. 755.

אין דעם פּראָטאָקאָל פֿון דער באַראַטונג פֿון 17טן מיי 1860, געשריבן אויף אַ בויגן פּירמע־פּאַפּיר פֿון נעטערס געשעפֿט,[38] ווערט דערציילט וועגן פֿאַרלויף פֿון דער באַראַטונג: „ה׳ נעטער איז מודיע וועגן פּראָיעקט צו גרינדן אַ געזעלשאַפֿט וואָס וועט האָבן פֿאַר אַ ציל: פֿאַרנעמען זיך אין אַלגעמיין מיט אַלץ וואָס וועט קענען מיטהעלפֿן דעם מאָראַלישן פּראָגרעס פֿון ייִדן. פּראָטעסטירן קעגן אַלע אומגערעכטיקייטן וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן ייִדן, צי אין פֿראַנקרײַך, צי אין אויסלאַנד. אויסדריקן דאַנקבאַרקייט די וועלכע וועלן אויף אַ וועלכן ס׳איז אופֿן און אין וועלכן ס׳איז לאַנד פֿאַרטיידיקן די ייִדישע זאַך. מיטהעלפֿן צו פֿאַרעפֿנטלעכן ווערק פֿון אַן אַלגעמיינעם אינטערעס פֿאַר ייִדן. און צום סוף — צוגעבן חשק צו שאַפֿן אַנאַלאָגישע געזעלשאַפֿטן אין אַנדערע לענדער און זיך שטעלן מיט זיי אין פֿאַרבינדונג. רופֿן צו דעם צוועק אַלע ייִדן אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט,[39] וועמענס לאַגע ס׳מאַכט נאָר מיגלעך צו העלפֿן ממשותדיק אין דעם ציל; זיך ווענדן בעיקר צו די וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט פֿרײַע פּראָפֿעסיעס; צו שטאַנד ברענגען פּעריאָדישע פֿאַרזאַמלונגען צווישן די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט אין אַ לאָקאַל, באַשטימט פֿאַר דעם צוועק; האַלטן אין דעם לאָקאַל ייִדישע צײַטונגען פֿון אַלע לענדער און שאַפֿן אַ ביבליאָטעק וועגן ייִדישע פּראַגעס. דער דאָזיקער פֿאָרלייג ווערט איינשטימיק אָנגענומען.״ אַ דיסקוסיע האָט אַרויסגערופֿן דער פּונקט, צי מען דאַרף זיך שטיצן בעיקר אויף די אָנגעהעריקע צו פֿרײַע פּראָפֿעסיעס.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרבעטן אויך איזידאָר קאַענען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זײַנען אויך צוגעקומען זשול קאַרוואַלאָ; די ברידער ערנעסט און גוסטאַוו לעווי־אַלוואַרעז, ביידע לערערס; דער דאָקטער אַרטור מאַנועל (1796־1874), אַ ברודער פֿון עזשען מאַנועל און ערנעסט שלאָס, אויך אַ יונגער דאָקטער. מען האָט באַשלאָסן אָנצורופֿן די נײַ געשאַפֿענע געזעלשאַפֿט „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל״, אַ נאָמען וואָס איזידאָר קאַען האָט געהאַט פֿאָרגעלייגט נאָך אין 1858. אַ קאָמיסיע פֿון 6 מאַן איז באַשטימט געוואָרן אויסצואַרבעטן די סטאַטוטן און אַ ווענדונג צו דער ייִדישער וועלט. דער קול־קורא האָט זיך באַוויזן אין מיי 1860, געחתמעט

---

[38] דעם פּראָטאָקאָל — ער איז נאָך אין ערגעץ ניט פּובליקירט געוואָרן — האָב איך געפֿונען אין אַרכיוו פֿון אַליאַנס. רעגולער זײַנען די פּראָטאָקאָלן געפֿירט געוואָרן ערשט פֿון 3טן סעפּטעמבער 1860.

לעווי־אַלוואַרעז דערציילט (אוניווער איזר׳ 35, ז׳ 411), אַז נאָך אין נאָוועמבער 1859 האָט שאַרל נעטער אויפֿגעקליבן בײַ זיך אין הויז אַ גרופּע פֿון 12 יונגע־לײַט וועלכע האָבן געשאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט צו שטיצן ייִדישע לערן־ייִנגלעך (Société de patronage des apprentis et ouvriers Israélites). נאָך נאָוועמבער 1859 האָט די גרופּע זיך באַגעגנט בײַ שאַרל נעטערן, און דאָרט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן די אַליאַנס.

[39] דאָ מיינט דאָס, לויטן פֿראַנצייזישן שפּראַכבאַנוץ: מלוכישע צוגעהעריקייט.

אין נאָמען פֿון די גרינדערס דורך אַסטרוק, קאַען, קאַרוואַלאָ, נאַרסיס לעווען, עזשען מאַנועל און שאַרל נעטער. אָנגעשריבן דעם אַפּעל האָט מאַנועל. ער רופֿט צו אייניקייט פֿון ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט.

„אויב איר גלייבט, אַז עס וועט זײַן אַ כּבֿוד פֿאַר אײַער רעליגיע, אַ לעקציע פֿאַר די פֿעלקער, אַ פּראָגרעס פֿאַר דער מענטשהייט, אַ טריומף פֿאַר דעם אמת און אַלוועלטלעכן וויסן צו זען זיך גרופּירן אַלע לעבעדיקע קרעפֿטן פֿון יודאַיִזם, קליין אין צאָל, גרויס דורך דער ליבע פֿון גוטס — קומט צו אונדז, מיר גרינדן די אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל.“ [40]

3

באַלד בײַם גרינדן די „אַליאַנס“ האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע וועגן דער באַציִונג צו דער קאָנסיסטאָריע, וואָס זי איז געווען די אָפֿיציעלע, דורך דער רעגירונג אָנערקענטע פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום. מען האָט וועגן דעם דיסקוטירט באַלד אויף דער זיצונג פֿון 17טן מײַ 1860. אין פּראָטאָקאָל איז וועגן דעם פֿאַרשריבן:

„עס ווערט באַמערקט דורך איינעם פֿון די בײַזײַענדיקע מיטגלידער, אַז אַזאַ געזעלשאַפֿט וועט קענען אָנרירן די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע, וואָס די געזעלשאַפֿט — אַזאַ אײַנדרוק וועט עס מאַכן — וויל פֿאַרבײַטן. עס ווערט געענטפֿערט אויף דער באַמערקונג, אַז, ווײַט פֿון וועלן שטערן אין דער אַרבעט פֿון דער קאָנסיסטאָריע, וועט די געזעלשאַפֿט איר נאָך העלפֿן בײַם אויספֿילן אירע אויפֿגאַבעס. אַן אַקציע פֿון דער קאָנסיסטאָריע פֿאַרשפּרייט זיך ניט מחוץ די גרענעצן פֿון פֿראַנקרײַך, אין דער צײַט ווען די געזעלשאַפֿט וועט זוכן צו פֿאַרשפּרייטן איר טעטיקייט אויך מחוץ פֿראַנקרײַך.“

אויך האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע וועגן דער באַציִונג צו די קאָנסיסטאָריאַלע ראַבינערס:

---

40 Alliance Israélite Universelle, Paris, mai 1860, 26 pp.

אינהאַלט: אַ הקדמה, מאַנועלס אויפֿרוף און די סטאַטוטן. לויט אַ צושריפֿט מיט דער האַנט אויף אַן עקזעמפּלאַר וואָס געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון אַליאַנס איז די הקדמה געשריבן דורך איזידאָר קאַענען און רעדאַקטירט דורך עזשען מאַנועלן. די סטאַטוטן פֿון אַליאַנס זײַנען שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אויך אויף ייִדיש (שטאַרק פֿאַרדײַטשט) אין „בעריכט דער אַלליאַנסע איזראַעליטע פֿאָם 11 סעפּטעמבער 1878. בוקאַרעסט 1879. 64 זז׳ (8°). די רומענישע אָפּטיילונג פֿון אַליאַנס האָט אין די 70ער יאָרן געוואָלט אַרויסגעבן אַ צײַטונג אויף ייִדיש, די פּאַריזער צענטראַלע איז אָבער דערויף ניט אײַנגעגאַנגען.

דעם אויפֿרוף וועגן דער גרינדונג פֿון אַליאַנס האָט א. טשעריקאָווער איבערגעדרוקט אין אַ ייִדישער איבערזעצונג אין דער אויסגאַבע: „דער ייִדישער וועלטקאָנגרעס“, פּאַריז, פֿעברואַר 1934.

„עס ווערט פֿאָרגעלייגט צו רופֿן אין ערן־פּרעזידיום די הערן ראַבי־נערס פֿון די קאָנסיסטאָריעס, אָבער עס ווערט ריכטיק באַמערקט, אַז אין געוויסע פֿאַלן קען די געזעלשאַפֿט אָננעמען אַ קעמפֿערישע שטעל־לונג, וואָס אין דעם וועלן די ה"ה ראַבינערס ניט קענען נאָכפֿאָלגן; אַז דאָס אָננעמען דעם פֿאָרזיץ איז געווען ניט געווונטשן ביי די ראַבי־נערס אין אַ פֿיל־ווינציק ענלעכן פֿאַל."

די גרינדערס פֿון „אַליאַנס" זײַנען געשטאַנען ווײַט פֿון דער קאָנסיס־טאָריע וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך שטאַרק קאָנסערוואַטיווע פּערזענ־לעכקייטן, קאָנסערוואַטיוו ניט אין רעליגיע, נאָר אין פּאָליטיק. דער אינע־ווייניקסטער רעזשים פֿון דער קאָנסיסטאָריע האָט זיך שטענדיק צוגעפּאַסט צום רעזשים פֿון לאַנד. מיטן מאָטיוו, אַז זי איז אַן אָפֿיציעלע רעגירונגס־אינסטיטוציע, האָט די קאָנסיסטאָריע אויסגעמיטן צו זײַן אַגרעסיוו אין קאַמף קעגן ייִדישע שׂונאים. אַ ייִד מיטן נאָמען פּראָספּער לונעל איז אין 1859 שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער האַנדלונג פֿון דער קאָנסיסטאָריע בעת דער מאָרטאַראַ־אַפֿערע און האָט דערציילט, אַז ווען דער פֿאָטער פֿון פֿאַרכאַפּטן ייִנגל איז געקומען קיין פּאַריז, האָט מען געפּרוּווט ווירקן אויף אים, „די פֿראַנצייזישע פּרעסע זאָל זיך ניט פֿאַרנעמען צו פֿיל מיט זײַן פּערזאָן."[41] אַ קרובֿ פֿון צרפֿתי (טערקעם) האָט דעמאָלט געשריבן צו דער קאָנסיסטאָריע, זי זאָל אַרויסטרעטן מיט מוט און בכּבֿודיק: „השתדל להיות איש", פֿאָדערט ער פֿון דער קאָנסיסטאָריע. קיין ענטפֿער האָט ער אָבער פֿון איר ניט באַקומען.[42]

די פֿירערס פֿון דער קאָנסיסטאָריע זײַנען אויך ווי יחידים ניט געווען צוגעפּאַסט צו קענען מיטאַרבעטן מיט אַזאַ מין נײַער אָרגאַניזאַציע ווי די „אַליאַנס". אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע זײַנען דעמאָלט געווען מיט־גלידער: מאַקס סערפֿבער — פֿאָרזיצער, אַדאָלף פֿראַנק — וויצע־פֿאָרזיצער, אַנספּאַך, פּורטאַדאָ, הלוי, לוי: האַלפֿען (חלפֿן), סאַלאָמאָן מונק, באַראָן אַלפֿאָנס דע ראָטשילד, אולמאַן — אייבערראַבינער פֿון פֿראַנקרײַך. עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט די ביאָגראַפֿיעס פֿון די וויכטיקסטע קאָנסיסטאָריאַלע פֿירערס, פּונקט ווי מיר האָבן עס געטאָן מיט די גרינ־דערס פֿון „אַליאַנס". עס וועט אונדז דעמאָלט קלאָרער ווערן, ס'אַראַ תּהום פֿון עלטער, טעמפּעראַמענט, אידעעס און סאָציאַלן שטאַנד ס'איז געלעגן צווישן די ביידע גרופּעס.

מאַקס סערפֿבער (1876־1795), מיטגליד פֿון דער צענטראַלער קאָנסי־סטאָריע זינט 1836, איז געווען אַן אייניקל פֿון באַקאַנטן שתּדלן סערף בער פֿון מעדעלסהיים.[43] ער האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין דער אַרמיי ווי

41 *L'Univers Isr.*, 1859-60, pp. 304-07.

42 דאָרט, ז' 308.

43 M. Lévyber, *Notes et documents concernant la famille Cerfberr*, Paris, 1905, t. II.

אַן אָפֿיציר אין 1815, געוואָרן קאַפּיטאַן אין 1827. נאָך 1830 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, האָט געשטיצט גיזאָס קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק; אַ דאַנק דעם איז ער געוואָרן אין 1834 סעקרעטאַר פֿון גענעראַל־שטאַב, שפּעטער שעף פֿון קאַבינעט פֿון גענעראַל שנײַדערס קריגס־מיניסטעריום און דערהויבן געוואָרן ביז דער ראַנגע פֿון לייטענאַנט. די רעוואָלוציע פֿון פֿעברואַר 1848 האָט אים באַזײַטיקט פֿון דער אַרמיי, וווּהין ער איז צוריקגעקומען ערשט נאָך דעם אונטערדריקטן אַרבעטער־אויפֿשטאַנד אין יוני. ער איז געווען צווישן די פֿירערס פֿון דעם צד וואָס האָט געקעמפּט פֿאַר באַלדיקע און שאַרפֿע רעפֿאָרמען אין דער ייִדישער רעליגיע.

אַדאָלף פֿראַנק (1809־1893) איז געווען אַ באַוווּסטער געלערנטער און פֿילאָסאָף, אַ מחבר פֿון אַ ווערק וועגן קבלה. זײַן „ווערטערבוך פֿון פֿילאָסאָפֿישע וויסנשאַפֿטן" (1844־52), אין וועלכן ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער מאַטעריאַליסטישער שול, זײַנע שאַרפֿע אַטאַקן קעגן די סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע אידעעס האָבן אים געעפֿנט אַ וועג צו דער אַקאַדעמיע פֿון מאָראַלישע און פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן (1844), צום קאָלעזש דע פֿראַנס (1854)[44] און פֿון דאָרט צום אינסטיטוט. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט צענדליגער ביכער און בראָשורן קעגן מאַטעריאַליזם אין פֿילאָסאָפֿיע, קעגן סאָציאַליזם, פֿאַר אַ בורזשואַזער מלוכה־אָרדענונג. „יאָ, דער ציוויליזאַציע דערקלערט מען עס מלחמה ווען מען שרײַבט: קריג דעם קאַפּיטאַל", האָט ער געשריבן אין 1872. אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע איז פֿראַנק אַרײַן אין 1844.

פֿיליפּ אַנספּאַך (1800־1872), אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע זינט 1842, איז געווען אַ ברודער פֿון יואל אַנספּאַך, דעם מחבר פֿון דער ערשטער איבערזעצונג פֿון תּפֿילות אויף פֿראַנצייזיש. אַ יונגער אַדוואָקאַט נאָך דעמאָלט, האָט ער זיך באַטייליקט אין די געשעענישן פֿון 1830.[45] שפּעטער איז ער אָבער געוואָרן געריכט־פּראָקוראָר, האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זײַנע

[44] דער באַוווּסטער היסטאָריקער טשערנאָף מיינט, אַז אויף פֿראַנקס לעקציעס אין „קאָלעזש דע פֿראַנס" האָט זיך געטראָפֿן די שטודירנדיקע יוגנט וואָס האָט שטאַרק דיסקוטירט וועגן פּאָליטיק און איז געווען רעפּובליקאַניש געשטימט, זע:

J. Tchernoff, *Le parti républicain au coup d'état et sous le second empire*, Paris, 1906, p. 353.

עס איז צײַט צו רעווידירן די מיינונג אַפֿילו פֿון אַ טייל זכרונות־שרײַבערס — און פֿון זיי איז טשערנאָף פֿאַרפֿירט געוואָרן — וואָס פּרוּוון פֿאָרשטעלן פֿראַנקן שיִער ניט פֿאַר אַ דעמאָקראַט. דער „קאָלעדזש דע פֿראַנס" גופֿא איז שוין אין די 60ער יאָרן ניט געווען דאָס וואָס בשעת ס'האָט דאָרט געהערשט דער גײַסט פֿון מישלע און אַדאַם מיצקעוויטש, און אַ. פֿראַנק קען אַוודאי ניט פֿאַררעכנט ווערן צווישן די פּראָפֿעסאָרן פֿון דעם מין. פֿראַנק האָט מיצקעוויטשן געהאַלטן — צוליב זײַן משיחיזם — פֿאַר אַ ניט־נאָרמאַלן מענטש; זע:

Władysław Mickiewicz, *Pamiętniki*, I, pp. 243-4.

[45] *Archives Isr.*, 1875, p. 747; S. Posener, *A. Crémieux*, Paris, 1934, II, p. 63.

אַרויסטרעטונגען קעגן אַרבעטערס, האָט געלאָזט פֿאַרמישפּטן בויאַרבעטערס פֿאַר שטרײַקן, און דאָס האָט פֿאַר אים געעפֿנט דעם וועג צו ווערן ראָט־געבער בײַם אימפּעריאַלן געריכט. אַנספּאַך איז בשעתו געווען דער אייג־ציקער ייִד אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן אין דער מאַגיסטראַטור. בעת דער רעוואָלוציע פֿון פֿעברואַר 1848 האָט די צײַטונג „דעמאָקראַטי פּאַסיפֿיק“, אַרויסגעגעבן דורך די פֿוריעריסטן וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנטיסעמיטישע טענדענץ, אַטאַקירט דעם ייִדישן יוסטיץ־מיניסטער אַדאָלף קרעמיע, פֿאַר וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף זײַן פּאָסטן אַנספּאַכן, באַקאַנט מיט זײַנע אַרויסטרעטונגען קעגן אַרבעטערס.

סאַלאָמאָן מונק (1867־1803), אַ באַרימטער געלערנטער, איז געווען אַ זון פֿון אַ שמשׂ אין דײַטשלאַנד. קיין פּאַריז איז ער געקומען אין 1828.[46] אין 1840 האָט ער באַגלייט קרעמיען אויף זײַן רײַזע קיין דמשׂק. איידער ער איז געוואָרן אין 1858 אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע האָט ער דאָרט פֿריִער געאַרבעט ווי אַ סעקרעטאַר. מונק איז געווען פֿון די גע־ציילטע מענטשן דאָרטן וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן צו אַ שטאַרקער רעוויזיע פֿון די רעליגיעזע מינהגים, אפֿשר ניט אַזוי פֿיל מחמת פֿרומקייט ווי מחמת דער פּיעטעט וואָס ער ווי אַן אָריענטאַליסט האָט געהאַט צום עבֿר. אַדאָלף פֿראַנק האָט וועגן אים געזאָגט, אַז „זײַן רעליגיעזע נשמה האָט קיין מאָל ניט געקענט תּופֿס זײַן דעם גײַסט פֿון העגעלן.“

פֿראָמענטאַל הלוי (1862־1799), דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר,[47] האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה וואָס איז געווען אויסגעקאָכט אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זײַן פֿאָטער איז געווען מיטגרינדער פֿון „ל׳איזראַעליט פֿראַנסע“, די ערשטע פֿראַנצייזיש־ייִדישע צײַטשריפֿט. זײַן ברודער לעאָן איז געווען אַ שרײַבער, מחבר פֿון אַ ייִדישער געשיכטע, אַ פֿרײַנד און תּלמיד פֿון סען־סימאָנען. פֿראָמענטאַל הלוי האָט זיך אויך אין די יונגע יאָרן געטראָפֿן מיט די סען־סימאָניסטן, זײַן פֿרוי איז געווען די שוועסטער פֿון באַוווּסטן ייִדישן סען־סימאָניסט אָלונד ראָדריגעז. אַקטיוו האָט ער זיך אָבער קיין מאָל ניט באַטייליקט אין דער באַוועגונג און זיך אָפּגעגעבן בלויז צו זײַן מוזיקאַ־לישער קאַריערע.

אין נאָמען פֿון אַליאַנס האָט קעניגסוואַרטער, אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט, באַזוכט אין 1860 פֿראַנקן און סערפֿבערן פֿון דער קאָנסיסטאָריע. קעניגס־וואַרטער איז, ווײַזט אויס, קאַלט אויפֿגענומען געוואָרן. נאָכן אָפּגעבן אויף אַ זיצונג פֿון אַליאַנס (29טן אָקטאָבער 1869) אַ באַריכט פֿון די אונטער־האַנדלונגען, האָט ער פֿאָרגעלייגט, „עס זאָל באַשטימט ווערן אַ קאָמיסיע, צונויפֿגעשטעלט פֿון מיטגלידער פֿון דער קאָנסיסטאָריע און אַליאַנס, אויס־צואַרבעטן אַן עפֿנטלעכע דעקלאַראַציע וואָס זאָל פֿעסטשטעלן, אַז עס

---

46 *Discours prononcés sur la tombe de Salomon Munk*, Paris, 1867.

47 Léon Halévy, *F. Halévy*, Paris, 1863.

עקסיסטירט „ניט קיין שום סאָלידאַריטעט צווישן דער טעטיקייט פֿון דער [קאָנסיסטאָריאַלער] אַדמיניסטראַציע און אונדזער טעטיקייט."[48] דער קאָמי־טעט פֿון אַליאַנס האָט אָנגענומען אַ פֿאָרשלאָג פֿון אַ. פֿראַנקן (4טן נאָוועמבער 1860) „בלויז צו שרײַבן צום צענטראַל־קאָמיטעט [פֿון דער קאָנסיסטאָריע] אַ בריוו און אָפֿיציעל מודיע זײַן ־ וועגן דער עקסיסטענץ פֿון אונדזער געזעל־שאַפֿט און פֿעסטשטעלן אונדזערע אַלגעמיינע טענדענצן."[49] אַדאָלף פֿראַנק האָט ערשט געהאַט אַרײַנגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אַליאַנס, אָבער דעם 25טן מאַרץ 1861 האָט ער דעמיסיאָנירט, האַלטנדיק פֿאַר אוממיגלעך שלום צו מאַכן צווישן זײַנע פֿליכטן פֿון אַ מיט־גליד פֿון קאָנסיסטאָריע און צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אַליאַנס.[50]

אויף אַ זיצונג פֿון דער קאָנסיסטאָריע איז די פֿראַגע וועגן אַליאַנס באַטראַכט געוואָרן צום ערשטן מאָל אָפֿיציעל דעם 18טן אָקטאָבער 1860. אַ מיטגליד האָט אָנגעוויזן זײַנע קלאָגן פֿון דער קאָנסיסטאָריע אויף די אינטערווענצן פֿון דער נײַער געזעלשאַפֿט בײַ דער רעגירונג און זיך אַרויס־געזאָגט, אַז די אַליאַנס „האַנדלט מיט קנאַפּ באַוואָרנטקייט און וועט טייל מאָל, מיט אירע ניט טאַקטישע אינטערווענצן, ברענגען שאָדן די אמתע אינטערעסן פֿון ייִדנטום."[51]

די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום האָט שוין דעמאָלט געהאַט גענומען אַ קלאָר פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יונגער אַליאַנס. די צײַטונגען „אַרשיוו איזראַעליט" און „ל'אוניווער איזראַעליט" האָבן ענטוזיאַס־טיש באַגריסט די נײַע געזעלשאַפֿט און איר צוגעזאָגט זייער שטיצע, דאָס זעלבע די פּראָווינצער פֿראַנצייזיש־ייִדישע פּרעסע. „לע ליען ד'איזראַעל" פֿון עלזאַס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די אַליאַנס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ נײַעם דור: זי איז

„געשאַפֿן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פֿון אַ יוגנט, וואָס באַ־האַלט ניט אויס, אַז זי איז אין אַלגעמיין דערצויגן געוואָרן ווײַט פֿון אַבסאָלוטער אָרטאָדאָקסיע... אויב עס טיילט אונדז אַ סך אָפּ פֿון דער יוגנט, וואָס איז אַזוי לאַנג אַנטלאָפֿן פֿון דער סינאַגאָגע און תּורה, דערמאָנען מיר זיך אָבער אויך, וויפֿל סימפּאַטישקייט און ברייטהאַר־ציקייט זי פֿאַרמאָגט . . . ווײַזט אונדזערע ברידער פֿון אַנדערע לענדער דאָס פֿראַנקרײַך, בכדי צו שטאַרקן זייער בטחון."[52]

דער איבערראַבינער פֿון פֿראַנקרײַך אולמאַן האָט באַגריסט די אַליאַנס, אָבער געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו בלײַבן שטיין דערווײַל אין אַ זײַט, בכדי

[48] אַרכיוו פֿון אַליאַנס פּראָטאָקאָלן, 1860/X/9.

[49] דאָרט גופֿא, 1860/XI/4.

[50] דאָרט גופֿא, קאָרעספּאָנדענץ, טעקע 421 (27).

[51] אַרכיוו פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, פּראָטאָקאָלן 1860/X/18.

[52] *Le Lien d'Israel*, 1860-61, p. 123-5.

אויסצומײַדן מיגלעכע סופּריזן.[53] עס זײַנען אויך שוין אָנגעקומען די ערשטע גרוסן פֿון אויסלאַנד, אַז די ידיעה וועגן דער גרינדונג פֿון אַליאַנס איז זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן. עס איז געוואַקסן די צאָל מיטגלידער (850 פֿון מײַ 1860 ביז דעם 31טן מײַ 1861), פֿון דעם 691 אין פֿראַנקרײַך און אַלזשיר.[54] די גרינדערס זײַנען מיט אַ מאָל געוואָרן באַקאַנט אין דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט אַ דאַנק זייער איניציאַטיוו צו פֿאַרוואַרפֿן אַ בריק צווישן ייִדן אין פֿראַנקרײַך און דעם וועלטייִדנטום, זשול קראַוואַלאָ, ביז דעמאָלט אומבאַקאַנט אין דער פּאַריזער קהילה, איז בײַ די איבערוואַלן צו דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע אין 1860 אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ מיטגליד. מיט דער צאָל באַקומענע שטימען (712) איז ער געשטאַנען אויפֿן ערשטן אָרט נאָך דעם גאַר פּאָפּולערן באַראָן דע ראָטשילד (954 שטימען). קראַוואַלאָ גופֿא האָט געשריבן וועגן די וואַלן, אַז זײַן זיג האָט ער צו פֿאַרדאַנקען דער פּאָפּולאַריטעט פֿון דעם געדאַנק וואָס די אַליאַנס האָט אַרויסגעבראַכט.[55]

שפּעטער, אויף אַ זיצונג פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע (22טן נאָוועמבער 1860) איז ווידער אַ מאָל באַרירט געוואָרן די פֿראַגע וועגן אַליאַנס. איין מיטגליד האָט דערקלערט, אַז די קאָנסיסטאָריע דאַרף צוליב איר פּאָזיציע פֿון אַן אָפֿיציעלער אינסטיטוציע זײַן שטאַרק רעזערווירט אין איר באַציִונג צו דער אַליאַנס; העלפֿן איר קען קאָמפּראָמעטירן די קאָנסיסטאָריע. אַן אַנדער מיטגליד האָט געהאַלטן, אַז די קאָנסיסטאָריע פֿאַרמאָגט אַ דאַנק איר אָפֿיציעלער פּאָזיציע בעסערע מיגלעכקייטן זיך צו ווענדן צו דער פֿראַנצייזישער רעגירונג וועגן באַשיצן ייִדן אין אויסלאַנד.[56] אין דער דיסקוסיע האָבן אָבער די קאָנסיסטאָריע־מיטגלידער אָנערקענט, אַז אַ געזעלשאַפֿט, וואָס וועט ניט זײַן — ווי די קאָנסיסטאָריע — געבונדן אין אירע מעשׂים צוליב איר אָפֿיציעלן כאַראַקטער, וועט אָפֿט מאָל קענען האַנדלען ענערגישער און אויפֿטאָן מער. דעם 26טן נאָוועמבער 1860 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געשריבן דער אַליאַנס: „באַשטימט אַכטונג צו געבן אויף די אינטערעסן פֿון ייִדישן קולט, קענען מיר זיך ניט באַווײַזן גלײַכגילטיק צו די באַמיִונגען וואָס ס׳ווײַזט אַרויס אײַער אַקטיוויטעט.“[57] דאָס גאָר. אויך מחוץ דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע זײַנען געווען מיינונגען, אַז די קאָנסיסטאָריע דאַרף זיך ניט מישן אין דער אַקטיוויטעט פֿון דער אַליאַנס, אַז די ביידע קערפּערשאַפֿטן דאַרפֿן ניט אידענטיפֿיצירט ווערן. „אירע אויפֿגאַבעס און אַרבעט־מעטאָדן פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ מיליטאַנטישער פּאַרטיי

53 *Archives Isr.*, 1860, p. 438.

54 דאָס ציטירטע בוך פֿון נ. לעווען וועגן אַליאַנס, ז׳ 70.

55 *Archives Isr.*, 1860, pp. 687-9.

56 אַרכיוו פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, פּראָטאָקאָלן, 1860/XI/22.

57 דאָרט גופֿא, קאָפּיעס פֿון בריוו, נומ׳ 8668 ; אַרכיוו פֿון אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, טעקע 419 (65).

וואָס יועט ווירקן אויף דער עפֿנטלעכער מיינונג דורך אַ שטאַרקער פּראָ־פּאַגאַנדע; אָנטייל נעמען אין מער ווייניקער שטורעמדיקע מיטינגען; וואָס וועט דערגיין פֿאַר אירע צילן ביז לײַדנשאַפֿט" — האָט געשריבן די צײַטשריפֿט „לאַ וועריטע איזראַעליט"; די אַליאַנס „וויל טאָן עפּעס אַנדערש פֿון דעם וואָס עס טוען און קענען טאָן די קאָנסיסטאָריעס."[58]

די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט אָבער אויך געהאַט אין פּרינ־ציפּ אַ נעגאַטיוו באַציִונג צו דער אַליאַנס. די קאָנסיסטאָריע האָט גע־האַלטן, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צײַט אָנצוהייבן אַ פּאָליטישן קאַמף פֿאַר דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע, אַז מען דאַרף זיך אָפּריִער אַלייִן עמאַנציפּירן אינעווייניק. די דאָזיקע שטעלונג איז געקומען קלאָר צום אויסדרוק, בשעת די אַליאַנס האָט אין מאַרץ 1861 געבעטן בײַ דער קאָנ־סיסטאָריע, זי זאָל אינטערווענירן בײַ דער פֿראַנצייזישער רעגירונג וועגן דער מאָרטאַראַ־אַפֿערע און לטובֿת די פֿראַנצייזישע ייִדן אין דער שווייץ. בײַם באַטראַכטן דעם ענין (21טן מאַרץ 1861) האָט איין מיטגליד פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע אָנגערופֿן די טעטיקייט פֿון דער אַליאַנס: „ניט אָפּגעהיטע אַקטן". אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז „די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע קען אירע פֿליכטן, זי דאַרף ניט באַקומען קיין עצות און ניט קיין וואָרע־נונגען בכדי זיך צו פֿאַרנעמען מיט די רעליגיעזע אינטערעסן פֿון ייִדן."[59] צו דער אַליאַנס האָט די קאָנסיסטאָריע געשריבן דעם 25טן מאַרץ 1861: „מיר דאַרפֿן ווירקן אָן רעש און ווענדן אונדזער אינטערעס בעיקר אויף אונדזער אינעווייניקסטער עמאַנציפּאַציע, פֿאַר וועלכער עס בלײַבט אונדז נאָך אַ סך צו טאָן. אמת און יושר וועלן סוף־כּל־סוף באַזיגן דאָס שלעכטס פֿון אונדזערע שׂונאים."[60]

אויך די פּאַריזער אָפּטיילונג פֿון דער קאָנסיסטאָריע האָט געשריבן צו דער אַליאַנס (10טן פֿעברואַר 1861), אַז „די קאָנסיסטאָריע האָט שטענדיק סימפּאַטיש באַגעגנט די געזעלשאַפֿטן וואָס שאַפֿן זיך לטובֿת ישׂראל; אָבער ווי אַ ספּעציעלע אַדמיניסטראַציע, וועמענס פֿונקציעס עס זײַנען רעגולער באַשטימט, קען זי איבערנעמען דעם פּאַטראָנאַזש בלויז איבער די וואָס גייען אַרײַן אין גדר פֿון אירע אויפֿגאַבעס."[61]

*

מיט דער צײַט זײַנען די גרינדערס פֿון אַליאַנס, וואָס זײַנען אַ דאַנק איר פּאָפּולער געוואָרן, אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין די אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן פֿון די קאָנסיסטאָריעס. זיי האָבן ביסלעכווײַז פֿאַרגעסן אין זייערע יוגנט־

[58] *La Verité Israélite*, 24/I/1861.

[59] אַרכיוו פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, פּראָטאָקאָלן, 21/III/1861.

[60] אַרכיוו פֿון אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, טעקע 419 (66).

[61] דאָרט גופֿא, טעקע 419 (66).

אידעאַלן, אין דער אַטמאָספֿער פֿון 1848, אין קאַמף פֿאַרן איבערוואַרפֿן אַ בריק צווישן פֿראַנצייזישן און וועלטיידנטום. ביסלעכווײַז זײַנען זיי אַליין געוואָרן „פֿראַנצויזן פֿון משהס גלויבן", און אין דער קאָנסיסטאָריע האָבן זיי ווײַטער געפֿירט די אַלטע קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק. די אַליאַנס — זייער יוגנטווערק — האָט שפּעטער אָנגענומען די שטעלונג פֿון דער קאָנסיסטאָריע אין 1860־1861, אַז מען דאַרף פֿריִער זיך עמאַנציפּירן אינעווייניק; ייִדן פֿון אַנדערע לענדער קענען אויך עמאַנציפּירט ווערן, זאָלן זיי זיך נאָר נעמען פֿאַר אַ בײַשפּיל די פֿראַנצייזישע ייִדן. ניט קיין אַנדערער ווי איזידאָר לעב, סעקרעטאַר פֿון אַליאַנס אין דער גלאַנץ־עפּאָכע פֿון דער אינסטיטוציע, האָט אין אַ מאָמענט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ אין פֿראַנקרײַך (1893), פֿאַרטיידיקט די שטעלונג, אַז ייִדן זײַנען ניט נאָר קיין נאַציע ניט, נאָר אַפֿילו קיין ראַסע אויך ניט. די אַחדות צווישן ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, האָט ער געשריבן, איז בלויז אַ פֿאַראייניקונג פֿון ריינער צדקה.[62] מיר האָבן געזען, אַז דאָס איז פּונקט דער היפּוך פֿון דער אידעע, וואָס צוליב איר איז די אַליאַנס געגרינדעט געוואָרן.

62 "C'est une union de pure charité." Isidore Loeb, "Reflexions sur les Juifs". In: *REJ*, 27, 1893, pp. 7-8, 11.

אַמעריקאַנער יִדן און די שלום-קאָנפֿערענץ אין פּאַריז

פֿון לייבל קעסלער, אַהרן אַלפּערין, יעקבֿ דײַמאָנד

I

די באַוועגונג פֿאַר אַן אַמעריקאַנער יִדישן קאָנגרעס

1

די באַוועגונג פֿאַר אַן אַמעריקאַנער יִדישן קאָנגרעס בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה איז געווען אַ פּרווו פֿון געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות צו שאַפֿן אַ פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון דעם אַמעריקאַנער יִדנטום וואָס זאָל זיך מתעסק זײַן מיט די פּראָבלעמען פֿון דעם אַמעריקאַנער יִדנטום בפֿרט און פֿון דעם יִדישן פֿאָלק בכלל. פּרווון צו שאַפֿן אַזאַ מין פֿאַרטרעטערשאַפֿט האָט מען געמאַכט נאָך מיט יאָרן פֿריִער. אונטער דעם דרוק פֿון די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד האָט די Union of American Hebrew Congregations אין 1903 פֿאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט פֿון אַ פּערמאַנענטן אַמעריקאַנער יִדישן קאָנגרעס צו באַהאַנדלען יִדישע ענינים; אַ צווייטער פּראָיעקט אַזאַ איז אַרויסגערוקט געוואָרן 1907; אָבער ס'איז ביידע מאָל דערפֿון גאָרניט געוואָרן (9, ז׳ 1429). בעת דער מלחמה אָבער איז דער פֿאַרלאַנג מקוים געוואָרן, הגם ניט אין אַזאַ פֿאָרם ווי מען האָט זיך לכתחילה געהאַט אויסגעמאָלט.

אין דעם קאַמף אַרום דעם קאָנגרעס זײַנען געשטאַנען דרײַ וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן פֿאַרטראָטן פֿאַרשיידענע ריכטונגען: דער אַמעריקאַנער יִדישער קאָמיטעט, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1906 אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם ריכטער מאיר סולצבערגער און פֿון יעקבֿ שיף; דער דערווײַליקער אויספֿיר־קאָמיטעט פֿאַר ציוניסטישע ענינים, וואָס די אַמעריקאַנער ציוניסטן אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון לוי ד. בראַנדײַס האָבן אָרגאַניזירט דעם 31טן אויגוסט 1914; און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פֿאַר יִדישע רעכט, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַפּריל 1915 פֿון דעם אַרבעטער־רינג, די פֿאַראייניקטע יִדישע געווערקשאַפֿטן, דער יִדישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע פֿון אַמעריקע, און פֿון „פֿאָרווערטס"־אַסאָסיִישאַן.[1] שפּעטער זײַנען אין דעם אַרבעטער־קאָמיטעט אַרײַנגעטראָטן אויך די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, די פּועלי־ציון און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד.

[1] ענגלישע נעמען פֿון די אָרגאַניזאַציעס:
American Jewish Committee; Provisional Executive Committee for Zionist Affairs; National Workmen's Committee for Jewish Rights.

דער ערשטער טריט אין דעם קאָנגרעסקאַמף איז געמאַכט געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון אַמעריקאַנער ציוניסטן וואָס איז פֿאָרגעקומען באַלד נאָכן אויסבראָך פֿון דער מלחמה, דעם 30טן אויגוסט 1914. נ. סירקין, ב. צו־קערמאַן און ב. ג. ריטשאַרדס האָבן פֿאָרגעלייגט אַ רעזאָלוציע וואָס האָט געגעבן דעם דערווײַליקן ציוניסטישן קאָמיטעט די מאַכט צו רופֿן אַ קאָנ־פֿערענץ פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס כּדי צו באַהאַנדלען וויכטיקע ייִדישע פּראָ־בלעמען ווי, למשל, העלפֿאַרבעט פֿאַר ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע, פּראָבלעמען פֿון ציוניסטישער אַרבעט אין ארץ־ישׂראל, און דער עיקר די פּראָבלעמען פֿון ייִדן אין די מלחמה־לענדער (10, ז׳ 6). די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן, און תּיכּף אויף מאָרגן האָט בראַנדײַס, אין נאָמען פֿון דעם דערווײַליקן קאָמיטעט, גענומען פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען מיט די פֿאָרשטייערס פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט, פֿאַרבעטנדיק אים „מיטצואַרבעטן אין רופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאָרשטייערס פֿון אַלע וויכטיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס אין לאַנד“ (10, ז׳ 6). לוי מאַרשאַל, פּרעזידענט פֿון דעם קאָמיטעט, האָט, אין אַ בריוו דאַטירט דעם 31טן אויגוסט 1914, געענטפֿערט, אַז זײַן גרופּע האַלט אויך בײַם אויספֿאָרשן די דיפּלאָמאַטישע זײַט פֿון דער מלחמה און זאָרגט זיך אויך פֿאַר ייִדישע אינטערעסן, און דעריבער וואָלטן זיי פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען נײַע מיטאַרבעטערס (10, ז׳ 7). בײדע צדדים האָבן אויסגעקליבן קאָמיסיעס [2] צו פֿירן די אונטערהאַנדלונגען: בראַנדײַס, גאָט־הײַל און ליפּסקי פֿאַר די ציוניסטן און אַדלער, מאַגנעס און מאַרשאַל פֿאַר דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. די בײדע קאָמיסיעס האָבן זיך געטראָפֿן עטלעכע מאָל און האָבן דיסקוטירט די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען, אָבער זיי האָבן גאָרנישט ניט געקענט דערגרייכן, און די פֿאַרהאַנדלונגען זײַנען אין גאַנצן דורכגעפֿאַלן (2, ז׳ 165).

די באַוועגונג פֿאַר אַן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס האָט זיך אָבער אין די ווײַטערדיקע חדשים צעשפּרייט. אויף אַ קאָנפֿערענץ אין ראַטשעס־טער, אין דעצעמבער 1914, האָבן די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון אָנגענומען רעזאָלוציעס פֿאַר אַ קאָנגרעס וואָס זאָל אַרבעטן פֿאַר דער בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע פֿון די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. ייִדישע צײַטונגען אין ניו־יאָרק האָבן גענומען אַרומרעדן די פֿראַגע און האָבן אַקטיוו געשטיצט די באַוועגונג (אַחוץ דעם „פֿאָרווערטס“). אין מאַרץ 1915 האָט יוסף באַראָנ־דעס גערופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאָרשטייערס פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע אָרגאַ־ניזאַציעס צו באַהאַנדלען דעם ענין קאָנגרעס. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿאַר אַ ייִדישן קאָנגרעס,[3] וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן דעם 21טן מאַרץ 1915; גדליה בובליק, רעדאַקטאָר פֿון „ייִדישעס טאַגעבלאַט“, איז געוואָרן פֿאָרזיצער און ד״ר מאַקס גירזדאַנסקי

2 Subcommittees.

3 Jewish Congress Organization Committee.

סעקרעטאַר. דער ציוניסטישער דערוויַליקער קאָמיטעט איז באַלד צוגעשטאַנען צו אָט דער אָרגאַניזאַציע (2, ז׳ 166 ; 9, ז׳ 1431).

ניט געקוקט אויף דער אינטענסיווער קאָנגרעס־פּראָפּאַגאַנדע אין די צײַטונגען און אויף פֿאַרזאַמלונגען איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, נאָך אַ לענגערער באַטראַכטונג, ווײַטער געבליבן בײַ זײַנס, אַז „בדרך־כּלל וואָלט געווען ניט קלוג און בײַם איצטיקן מאָמענט וואָלט אויך געווען איבעריק און געפֿערלעך אויפֿצורופֿן אַזאַ קאָנגרעס.“ נאָר דער קאָמיטעט האָט יאָ געהאַלטן, אַז בײַם באַהאַנדלען די פּאָליטישע אַספּעקטן פֿון דער סיטואַציע איז — פּונקט ווי אין דער העלפֿאַרבעט — געווונטשן די צוזאַמענ־אַרבעט פֿון אַלע ייִדן. דער קאָמיטעט האָט דעריבער באַשלאָסן „צו רופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאָרשטייערס פֿון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס [4] — יעדער אָרגאַ־ניזאַציע זאָל זײַן רעפּרעזענטירט פֿון דעם פּרעזידענט און איין אַנדער מיטגליד — זיך מישבֿ צו זײַן און פֿעסטשטעלן אַ פּראָגראַם, אויף ווי ווײַט דאָס איז מיגלעך אין אַ צײַט, ווען די לאַגע האַלט אין איין בײַטן זיך“ (5, ז׳ 311). אַזוי אַרום, האָט מען געמיינט, וועט מען צופֿרידנשטעלן די חסידים פֿון אַ קאָנגרעס.

דער ערשטער עפֿנטלעכער קאַמף איז פֿאָרגעקומען אין אַפּריל 1915 אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון דער ניו־יאָרקער קהילה וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער דער השגחה פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. לוי מאַרשאַל האָט אין נאָמען פֿון דעם קאָמיטעט דערקלערט, אַז זיי מיינען, אַז קיין גוטס וועט פֿון אַ קאָנגרעס נישט קענען אַרויסקומען, און אַז זיי זעען אין דעם נאָר „מיגלעכקייטן פֿון שאָדן אָן אַ סוף.“ אַ קאָנגרעס וועט דערפֿירן נאָר צו אומפֿאַרשטענדענישן. די „טעאָריעס פֿון דעם פּראָפּאַגאַנדיסט און די חלומות פֿון דעם טרוימער“ וועלן דערפֿירן נאָר צו שפּאָט און פֿײַנדשאַפֿט מצד יענע קרײַזן, וואָס אין זייער סימפּאַטיע נייטיקן מיר זיך דער עיקר (10, ז׳ 8).

יעקבֿ שיף האָט אויך ניט געהאַלטן פֿון אַ קאָנגרעס. ווי סײַרוס אַדלער פֿאָרמולירט אין זײַן ביאָגראַפֿיע פֿון שיפֿן, איז די דיסקוסיע געגאַנגען אַרום דעם, צי מען דאַרף האָבן אַ קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס מיטן געדאַנק אונטערצונעמען אָן איינהייטלעכע אַקציע לטובֿת זייערע אויסלענדישע גלויבנס־ברידער אין דער צײַט פֿון דער מלחמה, אָדער צי דער עיקרדיקער און ערשטער טעם דאַרף זײַן צו פֿאַראייניקן דעם גאַנצן ייִדישן קיבוץ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אויף אַ דעמאָקראַטישן באַזיס. דאָס צווייטע, האָט שיף געמיינט, קען אין גרונט נאָר ברענגען שאָדן און קען זיך גרינג ענדיקן מיט אַ שפּאַלטונג אַנשטאָט צו פֿאַראייניקן. ער האָט דעריבער געהאַלטן פֿון אַ „קאָנפֿערענץ פֿון פֿאָרשטייערס פֿון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע ייִדישע

[4] נאַציאָנאַל מיינט דאָ, בהסכּם מיט דער ענגלישער טערמינאָלאָגיע, אָרגאַניזאַציעס וואָס נעמען אַרום דאָס גאַנצע לאַנד, להיפּוך צו לאָקאַל.

אָרגאַניזאַציעס כּדי צו פֿאַרגלײַכן די שטעלונגען [צו דער ייִדן־פֿראַגע אין מיזרח־אייראָפּע] אויף אַ קאָנסערוואַטיוון און מעסיקן אופֿן" (1, זז' 297־298).
מיט דער היציקער דעבאַטע אַרום דער קאָנגרעס־פֿראַגע האָט מען קיין זאַך נישט דערגרייכט, און מען האָט די קאָנפֿערענץ אָפּגעלייגט אויף אַ חודש צײַט.

דער „פֿאָרווערטס" האָט אַזוי באַשריבן די קאָנפֿערענץ אין אַן עדיטאָ־ריעלן אַרטיקל „כּל ישׂראל חבֿרים" (15/IV/27):

דיא ערשטע פּראָבע, צו פערנעהען אַלע ריסען אין דעם אידישען פּאָלק, האָט זיך געענדיגט מיט אַ נייעם, טיעפֿען ריס. דיא „אידישע איינינקייט' ליעגט וויעדער צושפּאָלטען. און צושפּאָלטען האָבען איהר וויעדער ניט דיא, וועלכע מען באשולדיגט אז זיי צושפּאַלטען אַלע נאַציאָנאַלע איינינקייט; ניין — צושפּאָלטען האָבען איהר דוקא דיא, וואָס בייזערען זיך שטארק אויף די „אויפהעצער צום קלאַסען־קאַמפּף'; גראַדע דיא וואָס הערען ניט אויף צו רעדען וועגען דיא הארמאָניע צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. אזוי איז עס אימער: אזוי איז עס ביי אַלע פעלקער...

אָט טאַקי דארום גלויבען מיר ניט אין קיין „כּל ישראל קאָנ־גרעססען' — ווייל מיר ווייסען אז דיא „גדולי ישראל' האָבען מורא פאַר דיא דעה פון אידישען „המון עם'.

די קאָנגרעס־פּאַרטיידיקער האָבן אָבער געטענהט, אַז אַ קאָנגרעס איז נייטיק,

...ווייל אַלע פערשטעהען אַז מיט די גרויסע פּראָבלעמען וואָס שטעהען איצט פאָר פאַר דעם אידישען פּאָלק, ווי די פראַגע פון עפענען פּרנסה־קוועלען פאַר אַ זעקס מיליאָן עקאָנאָמיש רואי־נירטע בעפעלקערונג, די פּראַגע פון דער וואַנדערונג, פון קאָלאָניזאַציע קען זיך פאַרנעהמען נור דאָס אָרגאַניזירטע יודענטום.

ווייל אַלע פערשטעהען אַז נור אַן אָרגאַניזירט יודענטום האָט די מאָראַלישע רעכט דער וועלט פּאָדערונגען צו שטעלען און מיט רעגירונגען פּארהאַנדלונגען צו פיהרען.

ווייל אַלע פערשטעהען אַז נור דאָס אָרגאַניזירטע יודענטום קען די רעכט, וואָס וועלען אונז געגעבען ווערן, אויסנוצן פאַר דעם גליק פון פּאָלק, קען די רעכט פאַרוואַנדלען אין ממשות'דיגע לעבענס־בעדינגונגען און פאָרמען.

די גרויסע מעלה פון קאָנגרעס איז וואָס פאַרשיעדענע שאַטי־רונגען קענען אין איהם זיין פערטראָטען, וואָס אַלע קענען אין איהם זיך באַטייליגען (11, זז' 14־15).

2

אין מײַ, ווען די קאָנפֿערענץ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן, איז מען געקומען צו אַ פּשרה און מען האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פֿאַר „אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאָרשטייערס פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד, אויסגעקליבן פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט, נאָר פֿאַר דעם צוועק צו באַטראַכטן די ייִדן־פֿראַגע ווי עס רירט אָן אונדזערע ברידער אין די מלחמה־לענדער...״ די קאָנפֿערענץ האָט פֿאַרגעלייגט, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט זאָל אַרויסלאָזן דעם רוף ((9, זז׳ 1432־1433).

דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט האָט זיך אויפֿגעקליבן אין יוני און האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו רופֿן אַ קאָנפֿערענץ „פֿון דעלעגאַטן פֿון נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד, מיט דעם צוועק צו באַטראַכטן די ייִדן־פֿראַגע ווי עס רירט אָן אונדזערע ברידער אין די מלחמה־לענדער.״ יעדער אָרגאַניזאַציע וועט קענען „אויסקלײַבן אירע פֿאָרשטייערס אויף דעם פּאַסיקסטן אופֿן.״ מען האָט געגעבן אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פֿון זיבן מענטשן (הערי קאָטלער, סײַרוס אַדלער, סעמועל דאָרף, דזשוליאַן וו. מעק, י. ל. מאַגנעס, בערנאַרד זעמעל און יצחק מ. אולמאַן) די מאַכט אויסצוקלײַבן די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע זיי זאָלן שיקן פֿאַרבעטונגען צו דער קאָנפֿערענץ (5, זז׳ 312־313). דאָס איז אָבער נישט געפֿעלן געוואָרן די חסידים פֿון אַ קאָנגרעס. בראַנדײַס און אַדלער האָבן דערנאָך גענומען פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען פֿאַר די בײדע צדדים; זיי האָבן זיך דורכגערעדט און דורכגעשריבן וועגן די פֿאַרשיידענע סיכסוך־פּונקטן, אָבער זיי האָבן ניט געקענט קומען צו קיין פּשרה. בראַנדײַס האָט געטענהט, אַז די קאָנפֿערענץ וועט זײַן אַן אומדעמאָקראַטישע און דאָס וועט איבערגעבן די גאַנצע פֿירערשאַפֿט און אַחריות אין די הענט פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט; אַז מען האָט צו פֿיל באַגרענעצט די צוועקן פֿון דער געפּלאַנטער קאָנפֿערענץ, און זי וועט דעריבער זײַן אין גאַנצן אומנוציק. אַדלער האָט אויסגעדריקט זײַן מורא, אַז אַן עפֿנטלעכער קאָנגרעס קען האָבן שרעקלעכע רעזולטאַטן פֿאַר ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע: „דער צעהיצטער מצבֿ פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, די גרויסע צאָל ייִדן אין די קריג־פֿירנדיקע לענדער — כּמעט דרײַ פֿערטל פֿונעם ייִדנטום פֿון דער גאַנצער וועלט — מאַכן די מיגלעכקייט פֿון ניט־אײַנגעצאַמטע און אַפֿילו שלעכט באַרעכנטע רייד אַזוי גרויס, אַז מיר האַלטן, אַז מיר אין אַמעריקע זײַנען ניט באַרעכטיקט צו ריזיקירן הײַנטיקע צײַטן אַן עוולה פֿאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער אין אויסלאַנד.״ דערבײַ האָט ער ציטירט אַ געטרײַען ציוניסט וואָס האָט זיך אָקערשט געהאַט אומגעקערט פֿון ארץ־ישׂראל און וואָס האָט געשריבן, אַז „אַן אומבאַרעכנט וואָרט קען אויפֿוועקן אַ חשד וואָס יאָרן שלומדיקע שטרעבונגען און אויסגעהאַלטענע לאָיאַליטעט קענען ניט גובֿר זײַן.״ ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז די קאָנפֿערענץ וועט

מוזן זײַן אַ געהיימע און נאָר אירע רעזולטאַטן זאָל מען איבערגעבן דער פּרעסע. בראַנדײַס האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם. אַדלער האָט דערנאָך דער־קלערט, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט וויל נאָר האָבן אַ ייִשובֿ־הדעת מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס כּדי צו באַלײַכטן די פֿאַרשיידענע פּראָ־בלעמען. די פֿאַרהאַנדלונגען האָבן זיך איבערגעריסן אין אויגוסט 1915 (10, זז׳ 12־22).

דער קאַמף האָט זיך אָבער דערמיט ניט פֿאַרענדיקט. די חסידים פֿון אַ קאָנגרעס, דער עיקר די ציוניסטן, האָבן פֿאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט. מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט (צירקולאַר־בריוו פֿון לוי ליפּסקין וועגן דעם: 10, ז׳ 14). מען האָט גענומען אָרגאַניזירן לאָקאַלע קאָנגרעס־קאָמיטעטן. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿאַר אַ ייִדישן קאָנגרעס איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן דעם 16טן אויגוסט 1915: בראַנדײַס איז געוואָרן פּרעזידענט, לעאָן סאַנדערס און יוסף באַראָנדעס וויצעפּרעזידענטן, און ב. ג. ריטשאַרדס סעקרעטאַר. די פּועלי־ציוניסטן און נאָ־ענטע צו זיי האָבן געגרינדעט דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַגיטאַציאָנס־קאָ־מיטעט,[5] וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף ייִדיש: „דער ייִדישער קאָנגרעס.‟ איינער פֿון די רעדאַקטאָרן איז געווען ד״ר זשיטלאָווסקי. די חסידים פֿון קאָנגרעס האָבן אויך אַרויסגעגעבן פֿאַרשיידענע בראָשורן פֿון סירקינען, בראַנדײַסן, אַב. גאָלדבערגן, אאַז״וו, אויף ייִדיש און אויף ענגליש (3, 4, 11, 12).

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אָנהייב סעפּטעמבער 1915 אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאַרשיידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פֿאַר אַ דעמאָקראַטישן קאָנגרעס און פֿאַר אַ פּראָ־גראַם פֿון בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר ייִדן אין יענע לענדער וווּ מען אָנערקענט זיי נישט די דאָזיקע רעכט. קיין פּרוּוו צו דעפֿינירן דעם אויסדרוק „נאַציאָנאַלע רעכט‟ האָט די קאָנפֿערענץ ניט געמאַכט (2, זז׳ 170־171).

דעם 12טן נאָוועמבער 1915 האָבן די דרײַ וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס — דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פֿאַר ייִדישע רעכט, און דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿאַר אַ ייִדישן קאָנגרעס — איבער אַ נײַס גענומען פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען, אפֿשר וועט מען פֿאָרט קומען צו אַ פּשרה. י. ל. מאַגנעס, פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט, האָט פֿאָרגעלייגט, „מע זאָל רופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַני־זאַציעס מיט דעם צוועק צו באַטראַכטן די רעכט פֿון ייִדן אין די מלחמה־לענדער און אין רומעניע, און אַז די קאָנפֿערענץ זאָל דערנאָך גרינדן אַ קאָנגרעס אויף אַ דעמאָקראַטישן באַזיס אין אַזאַ צײַט, אין אַזאַ אָרט, און אויף אַזאַ אופֿן וואָס מע וועט מיינען, אַז ער איז צוגעפּאַסט פֿאַר קריגן

[5] National Socialist Agitations Committee.

אַזעלכע רעכט." די פֿאָרשטייערס פֿון קאָנגרעס־קאָמיטעט און פֿון אַרבעטער־קאָמיטעט זײַנען געװען גרייט דאָס אָנצונעמען, אָבער די צוויי אַנדערע דעלע־גאַטן פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט, הערי קאָטלער און סײַרוס ל. סולצבערגער, האָבן צוגעשטעלט אַ תּנאַי, אַז מען זאָל אָפּלייגן דעם קאָנ־גרעס ביז נאָך דער מלחמה. די קאָנגרעס־פֿאַרטיידיקערס האָבן דאָס אָפּגעוואָרפֿן (5, זז' 353־354).

די חסידים פֿון אַ קאָנגרעס האָבן איצט גענומען אַרבעטן אויף אייגענער אַחריות. נאָך אין אָקטאָבער 1915 האָט לוי ליפּסקי פֿאָרגעלייגט, דער קאָנ־גרעס־אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זאָל רופֿן אַ דערוויַליקע קאָנפֿערענץ אויף צו גרינדן אַן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס. דעם 23טן יאַנואַר האָט אַ קאָנ־פֿערענץ אין שיקאַגאָ געפֿאָדערט, די פּירערשאַפֿט פֿון דער קאָנגרעס־באַוועגונג זאָל רופֿן אַזאַ דערוויַליקע קאָנפֿערענץ; דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿאַר אַ ייִדישן קאָנגרעס האָט באַשלאָסן דאָס צו טאָן (2, ז' 174). די קאָנפֿערענץ איז גערופֿן געוואָרן אָן אַ ייִשובֿ־הדעת מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט און אין דער צײַט וואָס די פֿאַרהאַנדלונגען מיט אים זײַנען נאָך געגאַנגען (6, ז' 441).

די זיצונגען פֿון דער קאָנפֿערענץ זײַנען פֿאָרגעקומען אין פֿילאַדעלפֿיע, אָנהייבנדיק דעם 26טן מאַרץ, און ס'זײַנען דאָרטן בײַגעווען 361 דעלעגאַטן פֿון די וויַטערדיקע אָרגאַניזאַציעס: אומאָפּהענגיקער אָרדן ברית אַבֿרהם (23), אומאָפּהענגיקער אָרדן ברית־שלום (11), פֿעדעראַציע פֿון גאַליציאַנער און בוקאָ־ווינער ייִדן אין אַמעריקע (10), פֿעדעראַציע פֿון אַמעריקאַנער ציוניסטן (6), פֿעדעראַציע פֿון רוסיש־פּוילישע ייִדן (5), פֿעדעראַציע פֿון בעסאַראַבער ייִדן (3), פֿעדעראַציע פֿון רומענישע ייִדן (5), אָרדן בני ציון (3), אומאָפּ־הענגיקער אָרדן בני ישׂראל, באָסטאָן (3), אוניע פֿון אָרטאָדאָקסישע ייִדישע קאָנגרעגאַציעס (3), מזרחי (4), אַסאָציאַציע פֿון אָרטאָדאָקסישע רבנים (3), היאַס (10), אומאָפּהענגיקער אָרדן פֿרײַע זין פֿון יהודה (2), אומאָפּהענגיקער אָרדן „וועסטערן סטאַר" (6), אומאָפּהענגיקער אָרדן שלמה המלך (4), הדסה (3), ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד (3), פּועלי־ציון (3), אָרדן „נײַטז אָוו דזשאָזעף" (4), פּראָגרעסיווער אָרדן פֿון דער וועסט (3), ייִדישער סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט (1), אומאָפּהענגיקער אָרדן ברית שלום פֿון באַלטימאָר (3), אומאָפּהענגיקער אָרדן בני ישׂראל פֿון באַל־טימאָר (3), ייִדישע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס (3), נאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־קאָמיטעט פֿון נוואַרק (1), פּראָגרע־סיווער אָרדן פֿון פֿילאַדעלפֿיע (3), ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט, באַלטימאָר (1). די ניט־איינהייטלעכקייט פֿון דער פֿאַרטרעטערשאַפֿט וואַרפֿט זיך אין די אויגן.

פֿאַר אַן ערן־פֿאָרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ איז אויסגעקליבן געוואָרן בראַנדײַס, הגם ער איז ניט בײַגעווען. דער פּאַקטישער פֿאָרזיצער איז געווען

ריכטער הוגאָ פּעם פֿון אילינאָי.[6] די צוויי הויפּטפּונקטן אויפֿן סדר־היום זײַנען געווען דאָס רופֿן אַ קאָנגרעס און די פֿראַגע פֿון ייִדישע רעכט. די קאָנפֿערענץ האָט אויסגעקליבן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון זיבעציק מענטשן אויף צוצוגרייטן אַלץ פֿאַרן קאָנגרעס, האָט פֿאָרמולירט תּקנות פֿאַר דעם אויסקלײַבן דעלעגאַטן און אויך אַ פּראָגראַם פֿאַרן קומענדיקן קאָנגרעס. וועגן דער פֿראַגע פֿון ייִדישע רעכט האָט פּראָפֿ׳ אַלען דייוויס פֿון פּיטסבורג, פֿאַר־זיצער פֿון דעם רעזאָלוציע־קאָמיטעט, פֿאָרגעלייגט, אַז

דער קאָנגרעס זאָל באַטראַכטן די פֿראַגע ווי אַזוי צו קריגן פֿאַר ייִדן פֿרײַע און גלײַכע רעכט, בירגערלעכע, פּאָליטישע, רעליגיעזע, און נאַציאָנאַלע, אין אַלע לענדער וווּ אַזוינע רעכט ווערן זיי נישט אָנערקענט.

די דעלעגאַטן זײַנען געווען אומצופֿרידן מיט אָט דער רעזאָלוציע, טייל צוליב דעם אויסדרוק „נאַציאָנאַלע רעכט", טייל צוליב דער ניט גענוג געראָטענער פֿאָרמולירונג. ווײַז האָט פֿאָרגעלייגט אַ פּשרה, עס איז פֿאַרגע־קומען אַ דעבאַטע, מען האָט איבערגעגעבן דעם ענין אין אַ סובקאָמיסיע, און אין איר נאָמען האָט ווײַז פֿאָרגעלייגט אַ נײַעם נוסח אין 2 פּונקטן:

1. דער קאָנגרעס זאָל באַטראַכטן די פּראָבלעם פֿון געווינען פֿאַר ייִדן פֿרײַע רעכט, בירגערלעכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע, אין אַלע לענדער וווּ די רעכט ווערן זיי נישט אָנערקענט; 2. דער קאָנגרעס זאָל באַטראַכטן די פּראָבלעם פֿון געווינען פֿאַר ייִדן נאַציאָנאַלע רעכט אין די אַלע לענדער וווּ נאַציאָנאַלע רעכט זײַנען געווען, אָדער וועלן זײַן, אָדער דאַרפֿן זײַן אָנערקענט.

דער נוסח איז אָנגענומען געוואָרן [7, זז׳ 5־13, 20־26].

די קאָנפֿערענץ האָט אויך אָנגענומען אַנדערע רעזאָלוציעס וועגן דעם פּראָגראַם פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן קאָנגרעס:

דער קאָנגרעס זאָל באַטראַכטן די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער אַנטוויקלונג אין ארץ־ישׂראל אין אַלע אירע פֿאַזעס.

דער קאָנגרעס זאָל באַטראַכטן די פֿראַגע פֿון אויסקלײַבן אַ קאָמיסיע פֿאַרצולייגן די באַשלוסן פֿון דעם קאָנגרעס פֿאַר דער שלום־קאָנפֿערענץ.

דער קאָנגרעס זאָל באַטראַכטן, צי ס׳טויג צו באַפֿעסטיקן דעם קאָנגרעס ווי אַן אייביקע אינסטיטוציע.

3

די פֿירערס פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט האָבן שוין אײַנ־געזען, אַז די קאָנגרעס־פֿאַרשטייערס מיינען דורכפֿירן זייערע פּלענער אויף

6 Pam.

יעדן פֿאַל. שיף האָט זיך דעריבער אונטערגעגעבן. ער האָט נאָך אַלץ גע־האַלטן, אַז דער געפּלאַנטער קאָנגרעס וועט זײַן אַ טעות און אַז די רעזולטאַטן וועלן טאָן שאָדן דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום, אָבער אַזוי ווי ס'איז קיין ברירה ניטאָ, איז כּדאַי נאָכצוגעבן, „כּדי אויפֿצוהאַלטן אַ געשלאָסענעם פֿראָנט צווישן אַמעריקאַנער ייִדן" (1, זז' 304־305). דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט האָט דעריבער אין יוני 1916, אין דעם אייגענעם נאָמען, אין נאָמען פֿון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט פֿאַר ייִדישע רעכט, וואָס איז צוגעשטאַנען, און פֿון זעקס אַנדערע אָרגאַניזאַציעס [7] גערופֿן אַ קאָנפֿערענץ וואָס זאָל באַטראַכטן „מיטלען, אײַנשליסנדיק אַ דיסקוסיע וועגן פֿאַרלייגן אין שײַכות מיט גרינדן אַ ייִדישן קאָנגרעס, ווי אַזוי צו קריגן פֿולע רעכט פֿאַר ייִדן אין אַלע לענדער..." דעם אויסדרוק „פֿולע רעכט" האָבן זיי אויס־געטײַטשט: „בירגערלעכע, רעליגיעזע און פּאָליטישע רעכט, און נאָך דערצו, וווּ מען אָנערקענט, אַז די פֿאַרשיידענע פֿעלקער [peoples] פֿון וואָסער עס איז לאַנד פֿאַרמאָגן באַזונדערע גרופּנדיקע רעכט [group rights], זאָל מען געבן ייִדן פֿון יענעם לאַנד די זעלבע רעכט, אויב זיי פֿאָדערן דאָס" (6, זז' 440־447).

די ערשטע זיצונג פֿון אָט דער „קאָנפֿערענץ פֿון נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס" איז פֿאָרגעקומען דעם 16טן יולי 1916 אין האָטעל אַסטאָר, ניו־יאָרק. לוי מאַרשאַל איז געווען דער פֿאָרזיצער און די קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען פֿאַרשיידענע רעזאָלוציעס אין דעם גײַסט און כּמעט אין די זעלבע ווערטער ווי אין דער אויבן דערמאָנטער מעלדונג. מען האָט אויסגעקליבן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון פֿינף און צוואַנציק דעלעגאַטן, וואָס האָט געזאָלט מיטאַרבעטן מיט אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און צוגרייטן דעם באָדן פֿאַר דעם קאָנגרעס (2, זז' 178־179). אָט איז דער צוזאַמענשטעל פֿון דעם קאָמיטעט: ד"ר שלמה סאָליס קאָהען, הערי קאָטלער, שמואל דאָרף, ד"ר בערנאַרד דראַכמאַן, טשאַרלז דושקינד, ס. עפּשטיין, וואָלטער פֿרייבערג, ד"ר מ. גאָלדפֿאַרב, מר"ס דזש. ס. העריס, מ. קאַץ, לוי ע. לעווי, ריכטער מעק, ד"ר דוד פֿיליפּסאָן, ד"ר י. ל. מאַגנעס, לוי מאַרשאַל, יעקבֿ מאַזעל, דזש. פּענקין, מ. פּײַן, ד"ר פֿרענק ראָזענבלאַט, ד"ר שמואל שולמאַן, מאַקס סיל־ווערשטיין, מר"ס סײַמאָן, אָסקאַר ס. סטראַוס, עמיל טויסיג, ב. וולאַדעק (6, ז' 448).

ביידע צדדים האָבן תּיכּף ווידער גענומען פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען: הערי קאָטלער, דזשוליאַן מ. מעק, סעמועל שולמאַן, יעקבֿ מאַזעל און ד"ר פֿרענק ראָזענבלאַט (דער לעצטער פֿון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט) האָבן פֿאַרטראַטן די קאָנפֿערענץ־גרופּע; ריכטער הוגאָ פּעם, לעאָן סאַנדערס,

---

[7] דאָס זײַנען געווען:
Central Conference of American Rabbis; Council of Jewish Women; Union of Hebrew Congregations, United Synagogues of America.
ווײַטער דער „ברית אַבֿרהם" און דער אומאָפּהענגיקער אָרדן פֿרײַע זין פֿון ישראל.

אַבֿרהם שאָמער, יוסף באַראָנדעס, מאָריס קאַץ, לוי ליפּסקי און יעקבֿ גראָסבערג האָבן פֿאַרטראָטן די קאָנגרעס־גרופּע (9, ז׳ 1431). דער עיקרדיקער שטרײַטפּונקט איז געווען די פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע רעכט. שולמאַן האָט שטאַרק באַקעמפֿט דאָס נוצן די ווערטער „נאַציאָנאַלע רעכט". ער האָט צוגעגעבן, אַז נאַציאָנאַלע רעכט און גרופּנדיקע רעכט איז כמעט די זעלבע זאַך טעאָרעטיש, אָבער די בײַטײַטשן פֿון די ביידע אויסדרוקן אָדער באַגריפֿן וועלן זײַן אין גאַנצן אַנדערש. די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט מיינען, אַז ייִדן האַלטן זיך פֿאַר אַ נאַציע, און אפֿשר נישט ווי געטרײַע אַמעריקאַנער, און אַז זיי פֿאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר זיך אין אַמעריקע. ער האָט געעצהט באַנוצן דאָס וואָרט „פּ אָ ל ק"[8] כדי צו זײַן זיכער, אַז ס׳וועלן ניט אַרויסקומען דערפֿון קיין אומפֿאַרשטענדענישן. ליפּסקי האָט געטענהט, אַז די פֿאָרמולירונג וואָס די קאָנפֿערענץ פֿון נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָט אָנגענומען וועט ניט גאַראַנטירן נאַציאָנאַלע רעכט אָדער גרופּנדיקע רעכט פֿאַר ייִדן אין פּוילן, ווו נאַציאָנאַלע רעכט זײַנען קיין מאָל ניט אָנערקענט געוואָרן. ראָזענבלאַט האָט דערקלערט, אַז דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט באַנוצט די ווערטער „נאַציאָנאַלע רעכט"; זײַן אייגענע מיינונג איז אָבער, אַז דאָס וואָרט „פֿאָלק" וואָלט נישט אויפֿגעהויבן די אָנגעווייטיקטע פֿראַגע, צי ייִדן זײַנען אַ נאַציע. מעק און מאַזעל האָבן דערקלערט, אַז זיי זעען נישט קיין שום אונטערשייד צווישן נאַציאָנאַלע רעכט און גרופּנדיקע רעכט; דער גאַנצער קאַמף איז מערניסט אַ קאַמף פֿון ווערטער, נישט פֿון באַגריפֿן. קאַטלער האָט פֿאָרגעלייגט, אַז אַזוי ווי אַלע זײַנען מסכּים מיט דעם עצם געדאַנק, זאָל מען איבערלאָזן דעם נוסח פֿון דער פֿאָרמולירונג צו אַ קאָמיסיע. דאָס איז אָנגענומען געוואָרן, און די פֿאַרשטייערס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַנדערע פּראָבלעמען פֿון דעם קומענדיקן קאָנגרעס.

ליפּסקי האָט דערנאָך צוזאַמענגעשטעלט אַ באַריכט פֿון די זיצונגען און אויך פֿון דעם דערווײַליקן אָפּמאַך. אָבער די פֿראַגע „נאַציאָנאַלע רעכט" אָדער „גרופּנדיקע רעכט" איז ווידער אויפֿגעהויבן געוואָרן, דער עיקר פֿון שולמאַנען, און ליפּסקי האָט ווידער אַ מאָל געמוזט צוזאַמענרופֿן ביידע צדדים. בײַ דער געלעגנהייט האָט מאַרשאַל זיך אַרײַנגעמישט און האָט, אין אַ בריוו צו מאַזעלן דעם 9טן אויגוסט 1916, פֿאָרגעלייגט אַ פּשרה וואָס איז תּיכּף אָנגענומען געוואָרן.

„פֿולע רעכט" האָט מאַרשאַל אויסגעטײַטשט אַזוי:

1. בירגערלעכע, רעליגיעזע און פּאָליטישע רעכט, און נאָך דערצו

2. ווו נאָר מען אָנערקענט, אַז די פֿאַרשיידענע פֿעלקער פֿון וואָסער עס איז לאַנד האָבן אָדער וועלן האָבן באַזונדערע גרופּנדיקע רעכט, זאָל מען געבן די ייִדן פֿון יענע לענדער די רעכט, אויב זיי פֿאָדערן זיי, און

---

8 People.

3. קריגן און באַשיצן יידישע רעכט אין ארץ-ישראל (2, זז׳ 185-180).

די עקזעקוטיוו פֿון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פֿאַר אַ קאָנגרעס האָט אָנגענומען די פּשרה מיט געוויסע תנאים. ווײַז האָט למשל געפֿאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל זײַן דער איינציקער אינסטרומענט פֿון פֿעסטשטעלן, וועלכע יידן דאַרפֿן אָדער פֿאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס איז אָנגענומען געוואָרן פֿון ביידע צדדים, אָבער די דעלעגאַטן פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער דערוויַליקער קאָנפֿערענץ האָבן אין אַ רעפֿערענדום דעם גאַנצן אָפּמאַך אָפּגעוואָרפֿן.

דעם 2טן אָקטאָבער 1916 האָבן די צדדים גענומען ווײַטער פֿירן פֿאַר־האַנדלונגען. מאַרשאַל האָט דאָס מאָל פֿאַרנומען מעקס אָרט. ליפּסקי און באַראָנדעס האָבן דערקלערט, אַז זייערע גרופּעס פֿאָדערן נאָך אַלץ דעם טערמין „נאַציאָנאַלע רעכט״. שולמאַן האָט דאָס באַקעמפֿט. ראָזענבלאַט האָט געזאָגט, אַז ער וועט שטימען פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט, ווײַל אַזוי האָט געפֿאָדערט זײַן אָרגאַניזאַציע, אָבער ער אַליין וואָלט בעסער געוואָלט באַנוצן דאָס וואָרט „פֿאָלק״. מאַרשאַל האָט דעמאָלט פֿאָרגעלייגט אַ גאַנצע סעריע פּשרות וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן. ער האָט פֿאָרגעלייגט, אַז אונטער פֿולע רעכט זאָל מען פֿאַרשטיין:

1. בירגערלעכע, רעליגיעזע און פּאָליטישע רעכט, און נאָך דערצו

2. ווו נאָר מען אָנערקענט אָדער מען וועט אָנערקענען, אַז די פֿאַרשיידענע פֿעלקער [peoples] פֿון וואָסער עס איז לאַנד פֿאַרמאָגן רעכט ווי פֿעלקער, זאָל מען געבן דעם יידישן פֿאָלק פֿון דעם לאַנד די זעלבע רעכט, אויב זיי פֿאָדערן דאָס; דאָס וועט דער קאָנגרעס פֿעסטשטעלן.

3. קריגן און באַשיצן יידישע רעכט אין ארץ-ישראל (9, זז׳ 1439-1437).

זיי האָבן דערנאָך פֿאָרמולירט פּלענער פֿאַר אַ פֿאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. די ערשטע זיצונג פֿון אַ געאייניקטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿאַר אַן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען דעם 25טן דעצעמבער 1916 אין ניו־יאָרק. מען האָט באַשלאָסן, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך צוזאַמענקומען ניט שפּעטער ווי דעם 1טן מײַ 1917. מען האָט אויסגעקליבן אַן אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט און אַ קאָמיטעט פֿאַר תּקנות פֿון אויסקלײַבן דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, מיט י. א. הורוויטשן פֿאַר פֿאָרזיצער. נ. סטראַוס איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ פּרעזידענט און ריטשאַרדס פֿאַר אַ סעקרעטאַר (2, זז׳ 186-190).

אין משך פֿון 1917 האָבן זיך פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס צוריקגעצויגן פֿון דער קאָנגרעס־אָרגאַניזאַציע: דער ראַט פֿון יידישע פֿרויען, די אוניע פֿון אַמעריקאַנער העברעער־קאָנגרעגאַציעס, און די צענטראַלע קאָנפֿערענץ

פֿון אַמעריקאַנער ראַבײַס. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פֿאַר ייִדישע רעכט האָט זיך אין פֿרילינג 1917 אויך צוריקגעצויגן, אָבער נאָך דעם וואָפֿן־שטילשטאַנד 1918 איז דער קאָמיטעט ווידער אַרײַנגעטראָטן אין דעם קאָנגרעס (2, זז׳ 245־246).

די וואַלן פֿאַר דעלעגאַטן זײַנען פֿאָרגעקומען דעם 10טן יוני 1917, און לויט די באַריכטן האָבן אָנטייל גענומען אַרום 335,000 מענטשן. אָבער דער קאָנגרעס איז נישט אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביז נאָך דער מלחמה. ווײַז האָט פֿאַרן אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט דערקלערט, אַז עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז קעגן דעם קאָנגרעס. ער האָט זיך גע־שטעלט אין פֿאַרבינדונג מיטן ווײַסן הויז און איז פֿאַרבעטן געוואָרן צום פּרעזידענט. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט ווילסאָנען, דעם 29טן יוני 1917, האָט ער געלאָזט וויסן, אַז דער פּרעזידענט איז צופֿרידן פֿונעם קאָנגרעס און אַז ער האַלט, אַז דער קאָנגרעס וועט מיטהעלפֿן דער פּאָליטיק און די צוועקן פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אָבער דער פּרעזידענט מיינט, אַז מען זאָל אָפּלייגן דעם קאָנגרעס „איבער דעם איצטיקן דרוק פֿון אַלגעמיינע ענינים“. דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט האָט דעם 18טן נאָוועמבער 1917 באַשלאָסן אָפּצולייגן דעם קאָנגרעס. שפּעטער האָט סטראַוס פֿאָרגעלייגט, מען זאָל אָפּלייגן דעם קאָנגרעס ביז די שלום־פֿאַרהאַנדלונגען וועלן זיך אָנהייבן. מאַרשאַל, מאָרגענטוי און ווײַז האָבן דאָס שטאַרק אונטערגעשטיצט, און דאָס איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרן (2, זז׳ 246־247).

4

די זיצונגען פֿון דעם ערשטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס זײַנען פֿאָר־געקומען אין פֿילאַדעלפֿיע, דעצעמבער 15־18, 1918. נאָך דער תּפֿילה פֿון הרבֿ ל. ב. לעווינטאַל וואָס האָט געעפֿנט די ערשטע זיצונג האָט ה. קאָטלער, פֿאָרזיצער פֿון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, געהאַלטן די עפֿענונג־רעדע.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער ייִדישער געשיכטע — האָט ער געזאָגט — וואָס מיר וועלן ערנצט באַטראַכטן אופֿנים, ווי אַזוי צו באַווײַזן דער שלום-קאָנפֿערענץ די נייטיקייט צו געבן ייִדן ביר-גערלעכע, רעליגיעזע און פּאָליטישע רעכט אין אַלע לענדער ווו עס עקסיסטירן דיסקרימינירנדיקע געזעצן קעגן זיי. אונדזער ציל איז, אַז קיין רעגירונג וואָס עקסיסטירט שוין אָדער וואָס וועט באַשאַפֿן ווערן זאָל ניט האָבן קיין געזעצן וואָס וועלן דיסקרימינירן איבער רעליגיעזע, אָדער פּאָליטישע טעמים (8, ז׳ 2).

אָבער קיין וואָרט וועגן נאַציאָנאַלער רעכט אָדער גרופּנדיקע רעכט האָט ער ניט דערמאָנט. נאָך דעם ווי מען האָט געלייענט באַגריסונגען פֿון פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, האָט פּראָפֿ׳ דוד וו. אַמראַם גערעדט

פֿאַר דעם קאָנגרעס אין נאָמען פֿון די פֿילאַדעלפֿיער ייִדן און דערקלערט, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דעם קאָנגרעס דאַרף זײַן צו פֿאָדערן פֿאַר ייִדן

די גלײַכע באַשיצונג דורך געזעץ-געבונג, גלײַכע בירגער־לעכע רעכט, גלײַכע עקאָנאָמישע מיגלעכקייטן, און רעליגיעזע פֿרײַהייט גלײַך מיט אַלע אײַנוווינערס אין יעדער לאַנד, ווו זיי וועלן לעבן. דער קאָנגרעס דאַרף רעדן פֿאַר די ייִדן פֿון רוסלאַנד און רומעניע און אַנדערע מיטל- און דרום־מיזרח־אייראָפּעיִשע טעריטאָריעס.

ער האָט אויך גאָרנישט ניט דערמאָנט וועגן נאַציאָנאַלע רעכט (8, ז' 8). די ווײַטערדיקע רעדנערס האָבן שוין געניצט אַ ביסל אַן אַנדער שפּראַך. נ. סטראַוס האָט למשל דערקלערט, אַז

דער קאָנגרעס פֿון אַמעריקאַנער ייִדן וועט זיך ווענדן צו די לענדער פֿון מיזרח-אייראָפּע, ווו ייִדן האָבן לאַנג געליטן פֿון גזירות ניט איבערצוטראָגן... און וועט זיך אײַנשפּאַרן מיט דעם גאַנצן כּוח פֿון אמת, אַז אין דער נײַ אײַנגעאָרדנטער וועלט זאָל נישט זײַן קיין אָרט פֿאַר ראַסנדיקער אָדער נאַציאָנאַלער אָדער רעליגיעזער פֿײַנד־שאַפֿט און אומטאָלעראַנץ (8, ז' 13).

נאָך דעם ווי ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ פּרעזידענט, האָט מעק דערקלערט אַז, „מיר [ד"ה אַמעריקאַנער ייִדן] פֿאָדערן גאָרנישט ניט פֿאַר זיך אַליין", אָבער פֿאַר די אונטערדריקטע ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע דאַרף מען עפּעס טאָן.

די פּרינציפּן, בײַ וועלכע מיר האַלטן זיך, זײַנען בולט אַרויס־געזאָגט געוואָרן אין דעם רוף צו אָט דעם קאָנגרעס. דאָס איז, אַז מען זאָל קריגן פֿאַר ייִדן אומעטום פֿולע און גלײַכע רעכט; און אַז מען זאָל פֿאַר די ייִדישע גרופּעס אין יענע לענדער, ווו גרופּנדיקע רעכט ווערן אָנערקענט און ווו ייִדן פֿאָדערן די זעלבע אָנערקענונג פֿאַר זיך, קריגן גלײַכהייט מיט אַנדערע גרופּעס.

דאָס איז שוין געווען גאַנץ ענלעך צו דער פּשרה וואָס מען האָט געהאַט אָנגענומען אין דעם אויפֿרוף צום קאָנגרעס (8, זז' 16־19).

אויף דער צווייטער זיצונג האָט לויִ מאַרשאַל געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע אויף דער טעמע „ייִדישע רעכט אין מיזרח־אייראָפּע." ער האָט אַרומגערעדט די פֿראַגע, דער עיקר אין שײַכות מיט פּוילן, און האָט דערקלערט, אַז ייִדן אין יענע לענדער דאַרפֿן און מוזן האָבן פֿולע און גלײַכע רעכט. ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען מיט פּוילישע פֿירערס, מיט פּאַדערעווסקין, דמאָווסקין, און אַנדערע*; ער האָט דעם קאָנגרעס געעצהט, אַז מען זאָל זײַן אָפּגעהיט און זיך נישט אײַנשאַפֿן מער שונאים ווי ייִדן האָבן

* זע ד. מאָרשאָוויטש אין „ייִוואָ־בלעטער" XVI (1940) זז' 105־134.

שוין. אָבער ער האָט אויך נישט דערמאָנט נאַציאָנאַלע רעכט (8, זז' 22־31).

אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿון ב. צוקערמאַנען האָט מען דערנאָך געגעבן דאָס וואָרט ד"ר ה. זשיטלאָווסקין, הגם ער איז ניט געווען קיין דעלעגאַט. זשיטלאָווסקי האָט געפֿאָדערט נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, נישט ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, נאָר ווי אַ נאַציע. ער האָט געפֿאָדערט אַ גאַראַנטירט נאַציאָנאַל היימלאַנד פֿאַר ייִדן אין ארץ־ישראל, פֿולע בירגערלעכע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער וווּ ייִדן פֿאַרלאַנגען זיי, און אַ שטענדיקן ייִדישן קאָנגרעס אין אַמעריקע און אַן אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָנגרעס אויך.

פֿון דער רעדע וואָס איז איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט אין „טאָג" פֿון 17טן דעצעמבער 1918 ברענגען מיר די ווייטערדיקע פּאַראַגראַפֿן:

ווי אַלע פרייע פעלקער וואָס זיינען שוין אין פרייהייט אויף זייער לאַנד, האָבען געפונען פאַר נויטיג אוועקצולייגען ווי אַ ווינקעלשטיין פון זייער שטאַאטס־בנין די שטרענגע פאַנאַנדערשיידונג און סעפּאַרירונג פֿון שטאַאט און רעליגיע, אַזוי אַנערקענען מיר אויך אַן אבן פנה, אַ ווינקעלשטיין פון דעם אידישען בנין די שטרענגע פאַנאַנדערשיידונג פֿון דעם אידישער רעליגיאָנס־וועזען און דעם אידישען נאַציאָנאַל־וועזען. דאָס מיינט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט דאַרפען אַוועקשטעלען זיין נאַציאָנאַלען לעבען אויף יענע דעמאָקראַטישע פרייהייטליכע יסודות וואָס זיינען לופט און זון פאַר אַ נאָרמאַלען געזונטען וואַקסען פון אַ פאָלק.

דאָס גופא שטעלט אוועק פאַר אונזער פאָלק די גרויסע אויפגאַבע פון פולער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין גלייכשטעלונג מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט, ניט ווי אַ רעליגיעזע איינהייט, נאָר ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, און אונזער פונדאַמענטאַלע פאָדערונג אַנערקענט צו ווערען פון דער משפחה פון די פעלקער, ווי אַ נאַציע, ניט ווי אַ רעליגיע, אָדער אַ וועלכע עס איז גרופּירונג פון אַן אַנדער מין.

אָט די נייע ווענדונג וועט געבן דעם אידישען פאָלק אַ נייעם אימפּעט, אַ נייע התעוררות און נייע זאַפטען פאַר דעם אַלטען בוים.

טייל דעלעגאַטן, איבער הויפּט די מיזרחי, זיינען געוואָרן שטאַרק צעקאָכט פֿון זשיטלאָווסקיס רעדע. עטלעכע דעלעגאַטן, צווישן זיי וויז, האָבן געפֿאָדערט פֿון פֿאָרזיצער, ער זאָל צונעמען ביים רעדנער דאָס וואָרט פֿאַר פֿאַרשוועכן זייערע רעליגיעזע געפֿילן. לוי מאַרשאַל האָט געמאָלדן, אַז זיינע סימפּאַטיעס זיינען מיטן רעליגיעזן טייל פֿון קאָנגרעס, נאָר „איך וואָלט זיך געהאַלטן פֿאַר ווינציקער אַמעריקאַנער ווען איך זאָל ניט געווען קענען זיצן דאָ און הערן יעדערן אַרויסזאָגן זיין קוק." דער פֿאָרזיצער ריכטער מעק האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג אַז ער פֿאַרשטייט ניט קיין ייִדיש, דעריבער ווייס ער ניט אין גאַנצן, וואָס עס איז די סיבה פֿון דער צערודערונג; דער קאָנגרעס האָט געגעבן ד"ר זשיטלאָווסקין דאָס וואָרט דורך אַ ספּעציעלן באַשלוס,

דעריבער קען נאָר דער קאָנגרעס צונעמען ביי אים דאָס וואָרט.
סוף־כל־סוף איז געבליבן, אַז זשיטלאָווסקי זאָל ענדיקן און נאָך אים זאָל באַקומען דאָס וואָרט הרבֿ מאיר בערלין פֿון מיזרחי (8, זז׳ 31־34).

די פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע רעכט איז נאָך אַלץ געווען אַ שטרייטפּונקט, און די הויפּט־דעבאַטעס זיינען פֿאָרגעקומען אויף די זיצונגען פֿון די פֿאַר־שיידענע קאָמיסיעס וואָס האָבן באַטראַכט יידישע רעכט אין געוויסע איינציקע לענדער. אָבער די טענדענץ אָנצונעמען דעם טערמין נאַציאָנאַלע רעכט האָט זיך באַוויזן, ווען די רומענישע קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט נאַציאָנאַלע רעכט צוזאַמען מיט פּאָליטישע, בירגערלעכע און רעליגיעזע. נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ פֿאָדערונג, „מען זאָל געבן יידן אין רומעניע די פֿולסטע פּאָליטישע, בירגערלעכע, רעליגיעזע און נאַציאָ־נאַלע רעכט״ (8, זז׳ 43־48). די אַנדערע פֿינף קאָמיסיעס, פֿאַר פּוילן, גאַלי־ציע, רוסלאַנד, אוקראַינע און ליטע און די נייע סלאַווישע לענדער האָבן זיך פֿאַראייניקט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון לוי מאַרשאַל, כּדי אויסצואַרבעטן געוויסע פּשרות. אויף די זיצונגען פֿון די פֿאַראייניקטע קאָמיסיעס האָבן זשיטלאָווסקי, הורוויטש און סירקין קאַטעגאָריש געפֿאָדערט דעם טערמין נאַציאָנאַלע רעכט, און סוף־כּל־סוף האָבן זיי ביי מאַרשאַלן און אַנדערע געפּועלט. מאַרשאַל האָט דערנאָך צוזאַמענגעשטעלט אַ באַריכט וואָס דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אָנגענומען ווי אַ „יידישן ביל פֿון רעכט.״[9] דער דאָזיקער דאָקומענט האָט זיך געווענדט צו דער שלום־קאָנפֿערענץ, מען זאָל אָנערקענען די נייע און פֿאַרגרעסערטע מלוכות נאָר מיט דעם תּנאַי, אַז די אויסגערעכנטע פּונקטן זאָלן ווערן אַ טייל פֿון קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט אין די לענדער:

(1) אַלע איינוווינערס פֿון דער טעריטאָריע פֿון ——————— איינשליסנדיק אַזעלכע מענטשן וואָס זיינען צוזאַמען מיט זייערע פֿאַמיליעס אַוועקגעלאָפֿן, אַוועקגענומען געוואָרן, אָדער אַוועקגעטריבן געוואָרן פֿון דאָרטן נאָך דעם 1טן אויגוסט 1914 און וואָס ווילן אין משך פֿון צען יאָר נאָך דעם אָננעמען די פּונקטן זיך צוריקקערן אַהין, ווילן אין יעטווידער זינען זיין בירגערס פֿון דער דאָזיקער טעריטאָריע, אָבער די וואָס זיינען ביז אַהער געווען אונטערטאַנער פֿון אַנדערע מלוכות און וואָס בלייבן געטריי די מלוכות אָדער שווערן געטריישאַפֿט צו די ירושנדיקע מלוכות און שליסן זיך אויס פֿון דער ——————— בירגערשאַפֿט, קענען דאָס טאָן דורך אַ פֿאָרמעלער דער־קלערונג אין אַ באַשטימטער צייט.

(2) אין משך פֿון צען יאָר נאָך דעם אָננעמען די פּונקטן וועט מען נישט דורכפֿירן קיין געזעץ וואָס זאָל באַגרענעצן דאָס רעכט פֿון

9 **Jewish Bill of Rights.**

אַ געוועזענעם אײַנוווינער פֿון ———— אריבערצופֿירן זײַן וווינונג אין ———— און דורך דעם קריגן בירגעררעכט דאָרטן.

(3) אַלע בירגערס פֿון ———— אָן שום אונטערשייד פֿון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט [10] אָדער אמונה זאָלן געניסן פֿון גלײַכע בירגערלעכע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע רעכט, און מען זאָל נישט דורכפֿירן קיין שום געזעצן וואָס וועלן מינערן די פּריווילעגיעס און פֿרײַקייטן, אָדער וואָס וועלן ארויפֿצווינגען אויף וואָסער עס איז מענטש וועלכע עס איז דיסקרימינאַציעס, אוממיגליכקייטן, אָדער באַגרע־נעצונגען איבער ראַסע, נאַציע, אָדער רעליגיע, אָדער וואָס וועט אוועק־נעמען פֿון עמעצן די גלײַכע באַשיצונג פֿון דער געזעץ־געבונג.

(4) דער פּרינציפּ פֿון מינאָריטעטן-רעפּרעזענטאַציע זאָל פֿאָרויס-געזען ווערן דורכן געזעץ.

(5) די מיטגלידער פֿון די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און אויך רעליגיעזע קערפּערשאַפֿטן פֿון ———— זאָל מען געבן אויטאָנאָמע אַליין-פֿאַרוואַלטונג איבער זייערע אייגענע קהלשע אינסטיטוציעס, צי דאָס זײַנען רעליגיעזע, דערציִערישע, צדקהדיקע אָדער אַנדערע.

(6) מען זאָל נישט דורכפֿירן קיין געזעץ וואָס באַגרענעצט דעם באַנוץ פֿון וואָסער עס איז שפּראַך, און אַלע אַזעלכע עקסיסטירנדיקע געזעצן זאָל מען אָפּשאַפֿן; און מען זאָל נישט אײַנשטעלן קיין שום שפּראַך־עקזאַמען.

(7) די מענטשן וואָס היטן אָפּ ווי זייער שבת וועלכן עס איז אַנדער טאָג איידער דעם ערשטן טאָג פֿון וואָך זאָל מען נישט פֿאַר-ווערן צו פֿירן זייערע טאָגטעגלעכע געשעפֿטן אין וואָסער עס איז טאָג אחוץ דעם טאָג וואָס זיי היטן אָפּ; און מען וועט פֿון זיי ניט פֿאָ-דערן צו טאָן אַזעלכע זאַכן שבת אָדער יום-טובֿ, וואָס זיי האַלטן פֿאַר אַ פֿאַרשוועכונג פֿון די דאָזיקע טעג.

דערנאָך האָט דער קאָנגרעס אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פֿון נײַן מענטשן מיטצואַרבעטן מיט די רעפּרעזענטאַנטן פֿון ייִדן פֿון אַנדערע לענדער, כּדי דורכצופֿירן די צילן וואָס דער קאָנגרעס האָט פֿאַר זיך געשטעלט. די מיט־גלידער פֿון דער קאָמיסיע זײַנען געווען: לוי מאַרשאַל, דזשוליאַן וו. מעק, סטיפֿען ס. וויַז, הערי קאַטלער, יעקבֿ דע האַס, ב. ל. לעווינטאַל, יוסף באַראָנדעס, נחמן סירקין און לעאָפּאָלד בענעדיקט (מאָריס ווינטשעווסקי). ב. ג. ריטשאַרדס איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיסיע (8, זז' 63־71; 2, זז' 265־267).

אויך אַנדערע אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַוועקגעשיקט פֿאָרשטייערס קיין פּאַריז. בני־ברית האָט געשיקט הוירבערט בענטוויטשן

10 **Nationality.**

(2, ז' 281). דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט איז אַ פּנים ניט געווען צופֿרידן פֿון דער אַלגעמיינער דעלעגאַציע: אויף דער פֿאָדערונג פֿון יעקבֿ שיף און פּראָפֿ' סילווען לעווי פֿון דער פֿראַנצייזישער „אַליאַנס" האָט דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט געשיקט קיין פּאַריז סײַרוס אַדלערן, כּדי צו העלפֿן „די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן פּרעזענטירן זייערע פֿאָדערונגען צו דער שלום־קאָנפֿערענץ." העברי מאָרגענטוי, פֿון דער אוניע פֿון אַמעריקאַנער העברעער־קאָנגרעגאַציעס, איז געפֿאָרן קיין פּאַריז ווי אַן עצה־געבער פֿון דער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע. ער איז געווען דעם פּרעזידענט ווילסאָנס אַ נאָענטער פֿרײַנד. מאָרגענטוי האָט געפּרוווט ווירקן אויף די מיטגלידער פֿון דער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע, זיי זאָלן זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דעם קאַמף פֿאַר ייִדישע רעכט. ער האָט געהאַלטן, אַז נאַציאָנאַלע רעכט זײַנען נאָר אַ מיטל אָפּצוזונדערן ייִדן, און דעריבער זײַנען זיי שעדלעך. אָבער ער האָט יאָ געפֿאָדערט בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט (2, ז' 271).

ליבל קעסלער

II

ייִדישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז

דעם 12טן יאַנואַר 1919 האָט זיך אויפֿגעקליבן אין פּאַריז דער העכסטער ראָט פֿון די אַלײַירטע מלוכות, און דערמיט איז די שלום־קאָנפֿערענץ אָפֿיציעל געעפֿנט געוואָרן. פֿון אַלע עקן וועלט האָבן גענומען אָנקומען דעלעגאַציעס קיין פּאַריז. ס'זײַנען אויך געקומען ייִדישע דעלעגאַציעס. ווען מען האָט גענומען שפּירן, אַז עס דערנעענטערט זיך דער סוף פֿון דער מלחמה, האָט זיך צווישן ייִדן אין אַ סך לענדער אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו שאַפֿן פֿאַר־טרעטונגען וואָס זאָלן קענען פֿאַרטיידיקן בײַ דער שלום־קאָנפֿערענץ די ייִדישע אינטערעסן (14). אין די נײַע מלוכות האָט מען געפּרוווט אָרגאַניזירן רעפּרע־זענטאַטיווע ייִדישע קערפּערשאַפֿטן דורך צוזאַמענפֿאָרן, נאַציאָנאַלע פֿאַר־זאַמלונגען, קהילות־קאָנפֿערענצן אד"גל: 1916 איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פֿון ייִדן אין דרום־אַפֿריקע, 1917 אין קאַנאַדע, 1918 אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.[11]

סוף פֿעברואַר 1919 איז אין לאָנדאָן פֿאָרגעקומען אַ ציוניסטישע קאָנ־פֿערענץ. לעאָן מאָצקין איז געווען דער באַריכט־אָפּגעבער פֿון דער „קאָמיסיע פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט". ער האָט פֿאָרגעלייגט אַ פּרטימדיק אויסגעאַרבעטן פּראָיעקט פֿון ייִדישע פֿאָדערונגען צו דער שלום־קאָנפֿערענץ. אַ דאַנק דער

[11] דער חשבון וויַזט, אַז אַן ערך דרײַסיק אַזוינע צוזאַמענפֿאָרן זײַנען אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן; אַ בפּרטיותדיקע צוזאַמענשטעלונג פֿון די פֿאַקטן וואָלט געווען זייער אָנגעלייגט.

איניציאַטיוו פֿון דער דאָזיקער ציוניסטישער קאָנפֿערענץ און אויך אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון ייִדישע טוערס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער האָט זיך דעם 25טן מאַרץ 1919 קאָנסטיטויִרט אין פּאַריז דער קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס. די אויפֿגאַבע פֿונעם קאָמיטעט איז געווען פֿון אָנהייב אָן פֿאָרמולירט אַזוי, אַז ער טוט אויסשליסלעך וועגן גאַראַנטירן די רעכט פֿון די ייִדישע מיעוטים; וועגן ארץ־ישׂראל־פּראָגעס האָט גערעדט פֿאַר דער שלום־קאָנפֿערענץ די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.[12]

גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דעם קאָמיטעט פֿון ייִדישע דעלעגאַציעס איז געווען לעאָן מאָצקין. אין דער צײַט פֿון דער שלום־קאָנפֿערענץ האָבן זיך אין פּאַריז שטענדיק געפֿונען 30־35 מיטגלידער פֿון די דעלעגאַציעס וואָס זײַנען געווען אָנגעשלאָסן אין דעם קאָמיטעט. אַחוץ די דעלעגאַטן פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס * געפֿינען מיר נאָך אַזוינע נעמען: אוקראַינע — מ. אוסישקין, אַ. גאָלדשטיין, ל. קאַפּלאַן, און שפּעטער אַ. גרוזענבערג, הרבֿ אַראָנסאָן, מ. קריינין; רוסלאַנד — מ. אַליינִיקאָוו, י. נײַדיטש, אַ. אידעל־סאָן, ד״ר זאַלקינד א״אַנד; דרום־רוסלאַנד — ד״ר הינדעס; קאָנגרעס־פּוילן — ד״ר מ. ברוידע, ל. לעוויטע, און שפּעטער י. גרינבוים, ה. פֿאַרבשטיין, הרבֿ רובינשטיין; מערבֿ־גאַליציע — ד״ר ל. רײַך, ד״ר מ. רינגעל, ד״ר י. טענענבוים; רומעניע — ד״ר פֿילדערמאַן, רבֿ הכולל נעמיראָווער א״אַנד; איטאַליע — פּראָפֿ׳ קאָלאָמבאָ; ליטע — ד״ר מ. סאָלאָווייטשיק, ד״ר י. ראָ־זענבוים א״אַנד; טשעכאָסלאָוואַקײַ — ד״ר בערגמאַן, ד״ר זינגער; לעטלאַנד — ד״ר נוראָק, ד״ר העלמאַן א״אַנד. חוץ דעם זײַנען די אַמעריקאַנער בני ברית געווען פֿאַרטראָטן דורך הוירבערט בענטוויטשן און די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע דורך לעאָ מאָצקינען, נחום סאָקאָלאָוון און י. ראָזאָוון.

דעם 10טן מײַ 1919 האָט דער קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס איבערגעגעבן דער שלום־קאָנפֿערענץ זײַן ערשטן מעמאָראַנדום וועגן שיצן „די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, עטנישע און שפּראַכיקע מינאָ־ריטעטן אין בולגאַריע, עסטלאַנד, פֿינלאַנד, גריכנלאַנד, ליטע, פּוילן, רומעניע, רוסלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקײַ, יוגאָסלאַוויע [13] און אַנדערע לענדער פֿון מיזרח־אָדער צענטראַל־איראָפּע.״ דער דאָזיקער דאָקומענט וואָס ווערט ציטירט אין פֿאַרשיידענע ווערק וועגן דעם ענין איז געווען געחתמעט אַזוי:

---

[12] דאָך האָט דער קאָמיטעט געפֿונען פֿאַר נייטיק און גערעכט צו שטיצן די אַקציע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דעם 6טן פֿעברואַר 1920 האָט ער איבערגעגעבן דער שלום־קאָנפֿערענץ אַ מעמאָראַנדום מיטן פֿאַרלאַנג „צו אָנערקענען די היסטאָרישע אַספּיראַציע און פֿאָדערונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק בנוגע ארץ־ישׂראל.״

* זע אויבן ז׳ 37.

[13] די לענדער זײַנען דאָ אויסגעשטעלט אין סדר פֿון פֿראַנצייזישן אַלף־בית.

אין נאָמען פֿון קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס בײַ דער שלום-קאָנפֿערענץ, וואָס שטעלט זיך צונויף פֿון די ווײַטערדיקע רעפּרע-זענטאַנטן פֿון לענדער און אָרגאַניזאַציעס:

אַמעריקע, פֿאַראייניקטע שטאַטן: אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס. אַמעריקע, קאַנאַדע: קאַנאַדער ייִדישער קאָנגרעס. מיזרח־גאַליציע: ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט. איטאַליע: קאָמיטעט פֿון די קהילות, ציוניס־טישע פֿעדעראַציע, רבנים-פֿעדעראַציע. פּאַלעסטינע: ייִדישע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג. פּוילן: ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט. רומעניע: אָפֿיציעלע דערקלערונגען פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אוניע פֿון די אָר-טיקע ייִדן, פּועלי-ציון־פֿאַרבאַנד. רוסלאַנד: ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט. טשעכאָסלאָוואַקײַ: ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט. אוקראַיִנע: ייִדישע נאַציאָנאַל-פֿאַרזאַמלונג. אָרגאַניזאַציעס: אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמי־טעט, בני ברית, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. שריפֿטלעכע מאַנדאַטן: פֿון גריכנלאַנד (סאַלאָניקי), טראַנסילוואַניע און בוקאָווינע.

פ ר ע ז י ד ע נ ט ו ר פ ו ן ק אָ מ י ט ע ט

פּרעזידענט: דזשוליאַן וו. מעק. וויצעפּרעזידענטן: לוי מאַר-שאַל, לעאָן רײַך, ישׂראל ראָזאָוו, נחום סאָקאָלאָוו, מנחם אוסישקין. מיטגליד פון דער פּרעזידענטור: הערי קאָטלער. גענעראַל־סעקרעטאַר: לעאָ מאָצקין.

אין אָנהייב פֿון מעמאָראַנדום דערקלערט דער קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס, אַז ער טרעט אַרויס „א י ן נ אָ מ ע ן פֿ ו ן ד י פֿ אַ ר־ ש י ד ע נ ע א ו נ ט ע ר ג ע ש ר י ב ע נ ע וו אָ ס ר י י ד ן פֿ אַ ר נ ײַ ן מ י ל י אָ ן י ִ ד ן.“

ס׳איז געווען נאָך אַ צווייטע גרופּע ייִדישע טוערס אין פּאַריז — פֿאָר־שטייערס פֿון דער פֿראַנצייזישער „אַליאַנס“ און פֿון דער ענגלישער „דזשאָינט פֿאָרן קאָמיטי“.[14] דער קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס האָט געפֿירט מיט זיי אונטערהאַנדלונגען, און ווען ער האָט זיך קאָנסטיטויִרט אָן זיי, האָט ער געמאָלדן, אַז אַ פֿאַראייניקונג קען נאָך פֿאָרקומען שפּעטער. יענע צוויי קערפּערשאַפֿטן האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדער קוק אויף די שלום־פֿאָדערונגען וואָס ייִדן דאַרפֿן אַרויסשטעלן, האָבן זיי דעריבער ניט געוואָלט צושטיין צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. זייער שטעלונג איז קלאָר אַרויסגעבראַכט אין אַ נאָטיץ פֿון אַ זשורנאַל וואָס האָט געטרײַ אָפּגעשפּיגלט די מיינונג פֿון אַליאַנס:

די „גרויסע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פֿון מערבֿ“, וואָס פֿאַר זיי האָט מען [דער קאָמיטעט פֿון ייִדישע דעלעגאַציעס] געלאָזן אָפֿן די טיר, זײַנען „אַליאַנס איזראַעליט“ און „דזשאָינט פֿאָרן קאָמיטי“. זיי זײַנען ביז איצט ניט צוגעשטאַנען צום קאָמיטעט, ווײַל זיי זײַנען קעגן אָנער-

14 Joint Foreign Committee of the Jewish Board of Deputies and the Anglo-Jewish Association.

קענען ייִדן פֿאַר אַ נאַציאָנאַליטעט און ווײַל זיי האַלטן, אַז די רעכט פֿון אַ „נאַציאָנאַלער מינאָריטעט" זײַנען מער געפֿערלעך ווי נוציק פֿאַר ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע (15).

דער קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס האָט פֿאָרגעלייגט אַ פּשרה: מען זאָל אַרויסשטעלן די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט נאָר פֿאַר יענע ייִדישע קיבוצים וואָס ווילן דאָס אַליין פֿאַרלאַנגען; אָבער די ביידע קערפּערשאַפֿטן האָבן דאָס אויך אָפּגעוואָרפֿן און האָבן געפֿירט באַזונדערע אַקציעס. פֿון די אַליאַנס־טוערס זײַנען געווען ספּעציעל אַקטיוו דער וויצע־פּרעזידענט סיי און דער סעקרעטאַר ביגאַר, אין דער שפּיץ פֿון דער לאָנדאָנער דעלעגאַציע איז געשטאַנען לוסיען וואָלף.

אַהרן אַלפּערין

III

די אַמעריקאַנער ייִדישע דעלעגאַציע אין פּאַריז

עס איז ניט געווען קיין צופֿאַל, וואָס פֿאַרן פּרעזידענט פֿון דעם קאָמיטעט פֿון ייִדישע דעלעגאַציעס האָט מען אויסגעקליבן פֿריִער מעקן, דערנאָך מאַרשאַלן. עטלעכע סיבות האָבן גורם געווען, מען זאָל וועלן אַן אַמעריקאַנער פֿירערשאַפֿט:

(1) דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז שוין יעמאָלט געווען דער שטאַרקסטער ייִדישער קיבוץ אין דער וועלט.

(2) מען האָט גערעכנט, אַז די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן זײַנען די איינציקע וואָס וועלן קענען פּועלן בײַ דער אַליאַנס און בײַ דער דזשאָינט פֿאַרן

[15] זייערע ערשטע מעמאָראַנדומס האָבן זיי דערלאַנגט דער שלום־קאָנפֿערענץ נאָך איידער דער קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס האָט זיך געשאַפֿן: די אַליאַנס דעם 20טן פֿעברואַר און די דזשאָינט פֿאָרן קאָמיטי (צוויי מעמאָראַנדומס) דעם 21טן פֿעברואַר 1919. דער דאָקומענט פֿון אַליאַנס האָט געהייסן „וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פֿון די איזראַעליטן אין מיזרח־אייראָפּע", און זײַנע וויכטיקסטע פּונקטן זײַנען געווען: אַלע רעליגיעזע און קולטורעלע מינאָריטעטן זאָלן, אויפֿן באַזיס פֿון גלײַכהייט, געניסן פֿון אויטאָנאָמיע אין פֿאַרוואַלטן זייערע רעליגיעזע, דערציִערישע און צדקה־אינסטיטוציעס, ווי אויך אַלע אַנדערע קולטורעלע אײַנריכטונגען זייערע. די שפּראַך פֿון דער מלוכה זאָל ניט אַנדערש זײַן אַ באַשטאַנדטייל פֿון די לימודים אין אַלע שולן (אַרטיקל 3). די אונטערשיידן פֿון ראַסע אָדער אמונה זאָלן קיין מאָל ניט זײַן אַ סיבה פֿאַר אויסשליסן אָדער ניט צולאָזן וועמען עס איז צו עפֿנטלעכע שטעלעס, פֿונקציעס אָדער כּיבודים, בײַם אָנקומען אין עפֿנטלעכע שולן און אוניווערסיטעטן, בײַם אויספֿירן פֿאַרשיידענע פֿאַכן און אַרבעטן אין פֿאַרשיידענע אינדוסטריעס, אין וועלכע ערטער דאָס זאָל ניט זײַן (אַרטיקל 4). זע:

Alliance Israélite Universelle, *La Question Juive devant la Conférence de la Paix*, Paris, 1919.

קאָמיטי, זיי זאָלן צושטיין צום אַלגעמיינעם קאָמיטעט פֿון ייִדישע דעלעגאַציעס.[16]

(3) די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען געווען די פֿירנדיקע וועלטמאַכט אויף דער שלום־קאָנפֿערענץ; מען האָט זיך געקענט ריכטן, אַז די ייִדישע דעלעגאַטן פֿון דעם דאָזיקן לאַנד וועלן קענען האָבן אַ גרעסערע השפּעה איידער ווער עס איז אַנדערש.

פֿון דער אַנדערער זײַט זײַנען בײַ די אייראָפּעיִשע טוערס ניט געווען קיין מאָטיוון צו שרעקן זיך פֿאַר די אַמעריקאַנער. מעק איז אַליין געווען אַ ציוניסט און האָט כּמעט אין גאַנצן געהאַלטן מיט די אייראָפּעיִשע ציוניסטן אין דער פֿראַגע נאַציאָנאַלע רעכט, מאַרשאַל איז געווען אַבסאָלוט לאָיאַל צום פּשרה־אָפּמאַך, אויף וועלכן מען איז דורכגעקומען בײַם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס אין פֿילאַדעלפֿיע.

מען האָט זיך ניט טועה געווען אין אויסקלײַבן אַ פֿירערשאַפֿט פֿון אַמע־ריקאַנער. די וואָס מען האָט אויסגעקליבן, ווי אויך עטלעכע אַנדערע נאָענטע צו זיי, האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פֿון דער מעכטיקער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע.

לויִ בראַנדייס איז געווען אַ נאָענטער עצה־געבער בײַם פּרעזידענט ווי ל ס אָ ן און האָט אויף אים משפּיע געווען, ער זאָל שטיצן די פֿאָדע־רונג פֿון מינאָריטעטן־רעכט (2, ז׳ 255 ; אָפּטע באַמערקונגען אין 16). סטיפֿן ווײַז גיט איבער וועגן דרײַ באַגעגענישן זײַנע מיט ווילסאָנען; אויך ווערט דערמאָנט, אַז מיט ווילסאָנען האָבן זיך געזען מאַרשאַל, מעק און אַדלער (2, ז׳ 255).

אַ וויכטיקער מיטגליד פֿון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע אויף דער פּאַריזער קאָנפֿערענץ איז געווען קוירנעל ה אַ ו ס, אַ פּאָליטיקער פֿון טעקסעס וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג הינטער די קוליסן פֿון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער האָט עס דער עיקר מיגלעך געמאַכט ווילסאָנס נאָמינאַציע און אויסקלײַב אין 1912. אין דער צײַט פֿון דער וועלט־מלחמה איז האַוס עטלעכע מאָל געפֿאָרן אין דעם פּרעזידענטס שליחות קיין אייראָפּע; ער האָט אויך געהאַט אַ חלק אין די 14 פּונקטן און אין ווילסאָנס פּלענער פֿאַר דער פֿעלקער־ליגע. שפּעטער האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בײַם צונויפֿשטעלן דעם ווערסאַלער טראַקטאַט. אַז האַוס איז געווען פּאָזיטיוו פֿאַר־אינטערעסירט אין די ענינים, קען מען אַרויסזען אָט פֿון וואָס: כּדי צוצוגרייטן זיך צו די שמועסן מיט די אַלייִרטע, האָט האַוס אין אָקטאָבער 1918 אַרויס־געגעבן אַן אויסטײַטש צו די 14 פּונקטן, וואָס זיי זײַנען דאָך געווען פֿאָרמולירט

[16] מעק און דערנאָך מאַרשאַל האָבן טאַקע עטלעכע מאָל געפּרוּווט צונויפֿברענגען די צדדים, אָבער דער מאַקסימום אויף וואָס מען האָט געקענט דורכקומען איז געווען: מען וועט אַרבעטן אין איינעם אין אַלע ענינים, אין וועלכע מען איז אײַנשטימיק, און מען וועט אויסמײַדן קאָנפֿליקטן וועגן אַלע אַנדערע ענינים (2, ז׳ 307).

נאָר אין גאַנץ אַלגעמיינע ווערטער. פּרעזידענט ווילסאָן האָט תּיכּף געגעבן זײַן הסכּמה, און די אינטערפּרעטאַציע איז געוואָרן אָפֿיציעל. אין איר האָט זיך בפֿירוש גערעדט וועגן פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין פּוילן און אין די אַמאָליקע אימפּעריעס פֿון עסטרײַך־אונגערן און טערקײַ (17, ז׳ 199 א״ו).

מיט האַוסן האָבן די ייִדישע טוערס געהאַט אָפֿטע באַגעגענישן.[יז]

אַ גרויסע טובֿה איז אַרויסגעקומען די ייִדישע דעלעגאַטן פֿון מעקס פֿרײַנדשאַפֿט מיט דייוויד האַנטער מ י ל ע ר ן. זײַן וואָג איז געווען ספּעציעל גרויס, מחמת ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר נײַע מלוכות און פֿאַר באַשיצן מינאָריטעטן. מעק און מאַרשאַל פֿלעגן זיך זען מיט אים כּמעט אַלע טאָג. מיר געפֿינען למשל בײַ אים אַזאַ פֿאַרצייכענונג: „נאָך מיטאָג זײַנען ריכטער מעק און מ״ר מאַרשאַל אַרײַנגעקומען כּנהוג...״ (18, באַנד ו, ז׳ 283). מילער פֿלעגט זיי געבן עצות און אינפֿאָרמאַציעס, און זיי האָבן זיך געפֿלײַסט משפּיע צו זײַן אויף זײַן שטעלונג צו דער ייִדן־פֿראַגע אין מיזרח־אייראָפּע. אָט די טעגלעכע שמועסן האָבן זיכער געהאַט אַ גרויסע ווערדע, אפֿשר אַ גרעסערע איידער דער דרוק פֿון דער ווײַטנס, אויף ווילסאָנען און האַוסן.

אָט זײַנען עטלעכע פּרטים וועגן דער טעטיקייט פֿון די אַמעריקאַנער ייִדישע דעלעגאַטן.

דעם 20טן אַפּריל האָבן מעק און מאַרשאַל איבערגעגעבן מילערן אַ מעמאָראַנדום מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער ייִדישער דעלעגאַציע. די בײדע זײַנען געקומען צו אים, גיט מילער איבער, און זיי האָבן זאַלבעדריט אַרומגערעדט די פֿראַגע וועגן פּוילן. הילוקי־דעות צווישן זיי זײַנען געווען בנוגע פּראָפּאָרציאָנעלקייט אין פֿאַרטיילן די מלוכה־געלטער (18, ב׳ ו, זז׳ 262, 264 ; 2, ז׳ 338). דעם 22טן אַפּריל האָט מילער געוויזן האַוסן זײַן פּראָיעקט וועגן פּוילן און אים דערציילט, אַז מעק און מאַרשאַל האָבן אים איבערגעצײַגט אין דער פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע רעכט און פֿונעם רעכט פֿון די מינאָריטעטן צו קריגן אַ טייל פֿון די מלוכה־געלטער וואָס ווערן אויסגעגעבן אויף רעליגיעזע, דערציִערישע אָדער סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דעם טערמין מינאָריטעט האָט מילער ניט דעפֿינירט, אָבער ער האָט האָט געפֿאָדערט, מען זאָל

[יז] ווי וויכטיק עס זײַנען געווען די פּערזענלעכע באַציִונגען צווישן די ייִדישע טוערס און האַוסן ווי צווישן אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר און אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר, קען מען דרינגען פֿון אַזאַ פּרט. נאָך דעם ווי מעק און מאַרשאַל האָבן זיך איין מאָל געהאַט געזען מיט האַוסן, האָט מעק אים אויף מאָרגן געשריבן אַזוי: „אפֿשר האָבן מיר נעכטן פֿאַרגעסן צו דערקלערן, אַז מאַרשאַל און איך רעפּרעזענטירן ניט נאָר די דעלעגאַציע פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס, נאָר אויך די פֿאַראייניקטע דעלעגאַציע פֿון ייִדן פֿון גאַנץ מיזרח־אייראָפּע, וואָס מיט זיי האָבן מיר אָרגאַניזירט דעם קאָמיטעט פֿון ייִדישע דעלעגאַציעס״ (18, באַנד 9, 236).

אין פּוילן אָנערקענען די באַזונדערע נאַציאָנאַלע מיעוטים ווי באַזונדערע געזעצלעכע אײנסן און געבן זיי דאָס רעכט צו שאַפֿן, פֿירן און קאָנטראָלירן זייערע רעליגיעזע, דערציִערישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס. כּדי אויסצומײַדן אוימפֿאַרשטייענישן האָט מילער בפֿירוש דערקלערט, אַז ייִדן אין פּוילן זײַנען אויך אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער מיעוט. אויך האָט מילער מסכּים געווען, מען זאָל פּועלן און באַשיצן גלײַכע בירגעררעכט פֿאַר אַלע פּערזאָנען וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אין פּוילן אָדער האָבן דאָרטן געוווינט זינט אויגוסט 1914.

נאָך איידער די פֿירערס פֿון דער פּאַריזער קאָנפֿערענץ האָבן געשאַפֿן די קאָמיסיע פֿאַר די מיעוטים־פּראָבלעמען האָט מילער שוין געאַרבעט פֿאַר די מיעוטים־רעכט וואָס ייִדן האָבן פֿאַרלאַנגט (18, באַנד IX, ז' 7). זײַן פּראָיעקט איז געווען אַ ביסל אַנדערש ווי דער ייִדישער. ניט בירגערלעכע רעכט און ניט שבת־רו זײַנען בײַ אים ניט געווען דערמאָנט. אָנשטאָט דעם מען זאָל אָנערקענען די נײַע מלוכות נאָר בתּנאַי זיי זאָלן אָננעמען די מיעוטים־אָפּמאַכן האָט מילער געוואָלט מאַכן פֿון די דאָזיקע אָפּמאַכן אַן אינטערנאַציאָנאַלע התחײַבֿות. ווײַטער האָט ער גערעדט וועגן רעליגיעזער און שפּראַכיקער פֿרײַהייט און וועגן פּראָפּאָרציאָנעל צוטיילן מלוכישע מיטלען פֿאַר די מיעוטים. מעק און מאַרשאַל האָבן געבראַכט מילערן דעם געדאַנק וועגן קולטורעלער אויטאָנאָמיע, און ער האָט דעם 22טן אַפּריל פֿאַרצייכנט אין זײַנע זכרונות, אַז ער איז איבערגעצײַגט געוואָרן, אַז קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז גערעכט (18, באַנד I, ז' 267). אָבער אָט די איבערצײַגונג האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

מילער האָט דערציילט האַוסן וועגן זײַנע שמועסן מיט די ייִדישע טוערס (18, באַנד I, ז' 267־270). האַוס האָט, דורך מילערן, געגעבן זיי אַן עצה, זיי זאָלן זייערע פֿאָדערונגען ניט פּובליקירן, הגם ער האָט ניט געזען קיין טיבה, פֿאַר וואָס זיי זאָלן ניט איבעררעדן וועגן דעם ענין מיט דער ענגלישער און פֿראַנצייזישער דעלעגאַציע. דעם 30טן אַפּריל האָבן מעק און מאַרשאַל, אַ דאַנק מילערס פֿאַרמיטלונג, זיך פֿערזענלעך געזען מיט האַוסן און אים איבערגעגעבן זייערע פֿאָדערונגען (18, באַנד I, ז' 283). זיי האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז האַוס איז אויף זייער צד (2, ז' 340), אָבער דעם 2טן מײַ האָט האַוס זיך אויסגעדריקט, „אַז ער וויל ניט פּוגע זײַן[18] די פּאָליאַקן, ווײַל ער האַלט פֿון פּאָליאַקן מער ווי פֿון ייִדן" (18, באַנד I, ז' 286). דעם 3טן מײַ האָט דער „ראָט פֿון די דרײַ" — ווילסאָן, לאָיד־דזשאָרדזש און קלעמאַנסאָ באַטראַכט די מיעוטים־פּראָבלעם; ווי מילער גיט איבער, איז „די שטימונג דורכויס געווען קעגן באַשאַפֿן אַזעלכע קהילות ווי ייִדן פֿאָדערן" (18, באַנד I, ז' 287). דער געדאַנק און אויך דער נאָמען „קולטורעלע אויטאָנאָמיע" האָבן

[18] Offend.

זיך נאָך עטלעכע מאָל אומגעקערט אין די פֿאַרהאַנדלונגען, אַ שטייגער אין דער קאָמיסיע פֿאַר נײַע מלוכות בשעת מען האָט אַרומגערעדט דעם ענין פּוילן, נאָר מען האָט אײַנגעפֿונען, אַז דאָס וואָלט באַטײַט „אַ מלוכה אין אַ מלוכה", און דעריבער האָט מען דאָס אָפּגעוואָרפֿן (18, באַנד XI, ז' 256).

בכלל איז געווען זייער ווײַט פֿון דעם, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע דעלע־גאַטן זאָלן אויספֿירן אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרגעלייגט; אַפֿילו מילער וואָס איז אָקערשט געווען „איבערצײַגט", אַז קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז אַ גלײַכע זאַך, האָט געביטן זײַן מיינונג, ווען די דרײַ גרויסע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם.

פֿון דעסט וועגן מוז מען אונטערשטרײַכן, און דאָס טוען אַלע היסטאָ־ריקערס וואָס האָבן געפֿאָרשט די געשעענישן אויף און אַרום דער פּאַריזער קאָנפֿערענץ, אַז די ווירקונג פֿון די ייִדישע דעלעגאַטן בײַם אויסקשטעלן די פּראָבלעם נאַציאָנאַלע מיעוטים איז געווען זייער אַ גרויסע. ניט יעטווידער מאָל קען מען אָנטאַפּן די ווירקונג און אָנווײַזן אויף איר מיטן פֿינגער, אָבער מען האָט זי געפֿילט. ווען פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויפֿגעהויבן אויפֿן העכסטן ראָט די פֿראַגע וועגן ייִדן אין פּוילן, איז דאָס געווען אונטער דער השפּעה פֿון מילערס פּראָיעקט וואָס האַוס האָט אים איבערגעגעבן. מילערס פּראָיעקט וועגן מיעוטים, דער באַזיס פֿאַר דער דיסקוסיע אין דער קאָמיסיע פֿאַר נײַע מלוכות, איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די שוין פֿריִער דערמאָנטע שמועסן מיט מעקן און מאַרשאַלן און געבויט אויפֿן מעמאָראַנדום וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט.[19]

ספּעציעל אַקטיוו זײַנען געווען די ייִדישע דעלעגאַטן בשעת די קאָמיסיע פֿאַר די נײַע מלוכות האָט באַהאַנדלט פּוילן און רומעניע.[20] דער ענגלישער פֿאָרשטייער העדלאַם־מאָרלי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט זייער קלאָר: „ערגעץ ווו זײַנען נייטיק פּונקטן וועגן פּוילישער בירגערשאַפֿט און פּאָליטישער און רעליגיעזער גלײַכקייט. דאָס איז נייטיק, ווי דער געפּרווו אין רומעניע האָט דערוויזן, כּדי צו באַשיצן ייִדן און אַנדערע מיעוטים, און די ייִדישע פֿאָר־שטייערס, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געזען, האָבן אונדז דרינגלעך געוויזן די וויכטיקייט דערפֿון" (18, באַנד XI, ז' 256).

מען קען גרינג פֿאַרשטיין, אַז נאָך מער אפֿשר ווי אין דער פּוילישער פּראָבלעם זײַנען די ייִדישע דעלעגאַטן געווען פֿאַראינטערעסירט אין עפֿעקטיווע

[19] דעם גרעסטן חלק אין דעם מעמאָראַנדום האָט געהאַט מאַרשאַל.

[20] רומעניע איז בעצם ניט געווען קיין נ ײַ ע מלוכה, נאָר אַזוי ווי זי האָט געדאַרפֿט צוקריגן גרויסע שטחים נײַע טעריטאָריעס האָט מען אירע ענינים אויך איבערגעגעבן אין דער זעלביקער קאָמיסיע. — לשם פּינקטלעכקייט דאַרף מען נאָך אַ מאָל דערמאָנען, אַז ניט אין יעטווידער איינציקן פֿאַל לאָזט זיך באַשטימען, וואָס דווקא די אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ייִדישע דעלעגאַטן האָבן אויפֿגעטאָן, מחמת די ייִדישע טוערס פֿון פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד האָבן דאָך אויך געהאַט קאָנטשאַפֿט מיט די פֿאָרשטייערס פֿון זייערע רעגירונגען און האָבן דאָס אויסגענוצט.

גאַראַנטיעס פֿאַר די רומענישע ייִדן, ווײַל פֿון 1878 אָן האָט רומעניע געהאַלטן אין איין ברעכן איר וואָרט. דאָס מאָל האָט די רומענישע רעגירונג אויך אָנגעווענדט כּל המיני המצאות אויף אַרויסצודרייען זיך פֿון קלאָרע התחייבֿותן. מאַרשאַל האָט וועגן דעם געהאַט דעם 3טן יוני 1919 אַ שמועס מיט האַוסן, און אין דעם באַריכט וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם אײַ־בערשטן ראַט אין יולי איז בפֿירוש דערמאָנט געוואָרן, אַז רומעניע האָט ניט אויסגעפֿאָלגט דעם בערלינער טראַקטאַט. ביז אין דעצעמבער אַרײַן האָט דער רומענישער פּרעמיער בראַטיאַנו זיך נאָך געדונגען און האָט טאַקע אויס־געדונגען געוויסע מאָדיפֿיקאַציעס אין דער פֿאָרמולירונג פֿונעם אָפּמאַך, אָבער אָן אַרטיקל וועגן אָנערקענען אַלע ייִדן אײַנוווינערס פֿון דער רומענישער טעריטאָריע פֿאַר רומענישע בירגערס האָט ער פֿאָרט געמוזט אַרײַננעמען אינעם אָפּמאַך (2, ז׳ 374, 376, 377).

פּראָפֿ׳ יאַנאָווסקי וואָס האָט געשריבן אַ פּרטימדיקן בוך וועגן ייִדן און מיעוטים־רעכט זאָגט אַזוי:

„דער מחבר... איז איבערצײַגט, אַז ווען מעק און מאַרשאַל זאָלן ניט געווען פֿועלן די אַרײַנמישונג פֿון ווילסאָנען, האַוסן און מילערן, וואָלט אין בעסטן פֿאַל אַרײַנגעשריבן געוואָרן אינעם שלום־טראַקטאַט עפּעס אַ בלוטאָרעמער פּונקט וואָס פֿאַרלאַנגט גלײַכקייט אין באַ־האַנדלען די מיעוטים, אַזוי ווי אין בערלינער טראַקטאַט" (2, ז׳ 340).

אַנדערע פֿאָרשערס פֿון דער פּראָבלעם דריקן זיך אויס אויף אַן ענלעכן שטייגער. דער דײַטשער טעאָרעטיקער פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם בעם (איצט אַ הייסער נאַצי) זאָגט 1933:

„די רעזאָלוציעס וואָס זײַנען סוף־כּל־סוף אָנגענומען געוואָרן בנוגע דער מיעוטים־פּראָבלעם זײַנען געווען דער רעזולטאַט פֿון די טעטיקייטן פֿון פּריוואַטע ייִדישע דעלעגאַציעס" (19, ז׳ 521).

דער ענגלענדער מאַקאַרטני ברענגט דאָס אַרויס נאָך קלאָרער און מאָטיווירטער:

„היפּש אַכט האָבן געלייגט אויף דער פּראָבלעם [פֿון באַשיצן די מיעוטים] געוויסע פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס. די גרענדע האָבן געפֿירט מיטגלידער פֿון יענע נאַציאָנאַליטעטן וואָס האָבן ניט געקענט האָפֿן אַרויס־צוציִען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה פֿון וועלכן עס איז מזל־זאָק וואָס וועלכע עס איז שלום־קאָנפֿערענץ זאָל געווען זײַן בכּוח זיי פֿאָרצולייגן. נאָך זייער עצם נאַטור נאָך זײַנען זיי דאָס רובֿ געווען קליין און שוואַך; נאָר זיי האָבן געהאַט צווישן זיך די זייער השפּעה־דיקע שטים פֿון ייִדן, וואָס זיי איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע בײַם באַשאַפֿן די מיעוטים־שוץ וואָס איז איצט אין קראַפֿט" (20, ז׳ 213).

אויף אַ מהלך פֿון די עטלעכע און צוואַנציק יאָר קען מען איצט בולט

זען מעקס און מאַרשאַלס צוגאַנג צו דער פֿראַגע. זיי זײַנען געווען יוריסטן און האָבן געטראַכט אין יורידישע טערמינען, ניט אין טערמינען פֿון דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער לאַגע פֿון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע. זיי האָבן געמיינט, אַז אויב מען וועט אין די שלום־אָפּמאַכן אַרײַנ־שרײַבן געוויסע פּונקטן, וועלן ממילא ייִדישע רעכט זײַן באַוואָרנט.

דער אָפּמאַך מיט פּוילן, האָבן זיי געשריבן צו באָריס באָגענען, דעם דירעקטאָר פֿון דזשאָינט אין פּוילן, „באַנאָבט אַלע ייִדן פֿון פּוילן מיט פֿולע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט... ער באַשטימט זאָרגעוו־דיק די בירגערשאַפֿט.[21] ער דערלאָזט ניט קיין דיסקרימינאַציע. ער שיצט ווי ס'געהער צו זײַן דאָס לעבן און די פֿרײַהייט פֿון אַלע אײַנוווינערס. ער גיט בדייטע זיכערקייט פֿאַר דער פֿרײַער אָפּהיטונג פֿון רעליגיע, ער פֿאַרזיכערט גלײַכהייט פֿאַרן געזעץ און פֿרײַע באַ־נוצונג פֿון די שפּראַכן פֿון די פֿאַרשיידענע מיעוטים און גיט זיי דאָס רעכט צו פֿאַרוואַלטן זייערע שולן און אַנדערע קהלשע אינסטי־טוציעס מיטן רעכט צו האָבן אַ חלק אין די עפֿנטלעכע פֿאָנדן וואָס ווערן אַסיגנירט פֿאַר צוועקן פֿון בילדונג און דאָס גלײַכן"

(2, ז' 389).

זיי האָבן מסתּמא געשפּירט, אַז באַדינגונגען וואָס ווערן אַרויפֿגעצוווּנגען קענען ניט האָבן קיין צו גרויסע האַפֿט. האָבן זיי אָבער געהאָפֿט, אַז די השגחה פֿון דער פֿעלקער־ליגע וועט צוהעלפֿן. ניט אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט אויספֿירן האָבן זיי אויסגעפֿירט, אָבער פֿאָרט האָט זיך זיי געדוכט, אַז דער

[21] עס האָט טאַקע געקאָנט אויסווײַזן, אַז דער מיעוטים־אָפּמאַך מיט פּוילן באַוואָרנט אין גאַנצן אַלע ייִדישע רעכט אויף בירגערשאַפֿט:

#3: פּוילן איז מודה און דערקלערט, אַז דורכן פֿאַקט גופֿא [ipso facto] און ניט צו פֿאָדערן קיין שום פֿאָרמאַליטעט זײַנען פּוילישע מלוכה־צוגעהעריקע די דײַטשע, עסט־רײַכישע, אונגערישע אָדער רוסישע מלוכה־צוגעהעריקע וואָס זײַנען תּושבֿים [habitually resident], ווען דער דאָזיקער אָפּמאַך קומט אַרײַן אין קראַפֿט, אויף דער טעריטאָריע וואָס איז אָדער וועט אָנערקענט ווערן צו זײַן אַ טייל פֿון פּוילן...

#4: פּוילן איז מודה און דערקלערט, אַז דורכן פֿאַקט גופֿא און ניט צו פֿאָדערן קיין שום פֿאָרמאַליטעט זײַנען פּוילישע מלוכה־צוגעהעריקע די פּערזאָנען פֿון דײַטשער, עסטרײַ־כישער, אונגערישער אָדער רוסישער מלוכה־צוגעהעריקייט וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אויף דער דערמאָנטער טעריטאָריע פֿון עלטערן וואָס זײַנען דאָרטן תּושבֿים [habitually resident], אַפֿילו אויב אין דעם טאָג ווען דער איצטיקער טראַקטאַט קומט אַרײַן אין קראַפֿט זײַנען זיי גופֿא ניט קיין תּושבֿים דאָרטן."

דוכט זיך גאַנץ קלאָר, און פֿאָרט האָט זיך די פּוילישע רעגירונג ביז 1926, ווען דער ענין בירגערשאַפֿט איז פֿיל־ווינציק רעגולירט געוואָרן, געקליגט און אָפּגעזאָגט אין בירגערשאַפֿט טויזנטער ייִדן וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פֿון פּוילן. מען האָט קאָנסטרויִרט אַ ווידעראַנאַנד צווישן ת ו ש ב און נ כ ת ב, און אויב דער טאַטע איז געווען פֿאַרשריבן פֿאַר אַ „מעשטשאַנין" פֿון וויטעבסק, האָט מען זײַן זון ניט געוואָלט געבן קיין בירגערשאַפֿט, כאָטש דער זון איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש און איז קיין מאָל אין לעבן פֿון לאָדזש ניט אַרויסגעפֿאָרן.

שלום־אָפּמאַך „איז אַן אַקט פֿון דער ערשטער גרייס... דאָס איז באמת אַ פֿרײַהייט־כאַרטיע פֿאַר אַלע מיעוטים, וואָרעם איר ווירקעוודיקייט איז גאַראַנטירט דורך דער סאַנקציע פֿונעם קאָווענאַנט פֿון דער פֿעלקער־ליגע" (דאָרט גופֿא).

צום באַדויערן האָבן זיך די האָפֿענונגען ניט באַרעכטיקט.

י ע ק ב ֿ י. ד ײַ מ אָ נ ד

ליטעראַטור

(1) Cyrus Adler, *Jacob H. Schiff, His Life and Letters*, 2 vols., Doubleday, Doran and Co., Inc., New York, Garden City, 1928.

(2) Oscar I. Janowsky, *The Jews and Minority Rights (1898-1919)*, Columbia University Press, New York, 1935.

(3) Louis D. Brandeis, *Jewish Rights and the Congress, Address Delivered at Carnegie Hall*, New York, January 24, 1916. Issued by the Jewish Congress Organization Committee.

(4) Louis D. Brandeis, *Jewish Unity and the Congress. Address Delivered at the Baltimore Opera House, September 27, 1915.* Issued by the Jewish Congress Organization Committee.

(5) "Ninth Annual Report of the American Jewish Committee". In: *American Jewish Yearbook*, 1916-1917, (5677), pp. 288-410.

(6) "Tenth Annual Report of the American Jewish Committee". In: *American Jewish Yearbook*, 1917-1918, (5678), pp. 434-500.

(7) Preliminary Conference of the American Jewish Congress. *Report of Proceedings.* Issued by the Executive Organization Committee of the Jewish Congress, New York, 1916.

(8) *Report of the Proceedings of the American Jewish Congress.* Issued by the American Jewish Congress, Philadelphia, 1918.

(9) B. G. Richards, "The American Jewish Congress". In: *The Jewish Communal Register of New York City*, 1917-1918, pp. 1429-1441. Edited and published by the Kehillah of New York City.

(10) *To the Jews of America. The Jewish Congress versus the American Jewish Committee.* Issued by the Jewish Congress Organization Committee, New York, August 1915, pp. 3-22.

(11) אב. גאָלדבערג, דער אידישער קאָנגרעס. Organization Committee for a Jewish Congress, ניו־יאָרק, 1915.

(12) נ. סירקין, דער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע. אַרויסגעגעבן פֿון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבײַטער פֿערבאַנד אין אַמעריקע, סעפּטעמבער 1915.

(13) פֿאָרווערטס, אַפּריל—מײַ 1915.

(14) Nathan Feinberg, *La Question des Minorités à la Conférence de la Paix de 1919-1920 et l'Action Juive en Faveur de la Protection Internationale des Minorités*, Paris, 1929.

(15) *L'Univers Israélite, N.* 33, 25/IV/1919.

(16) R. S. Baker, *Woodrow Wilson, Life and Letters*, v. 7-8, New York, 1939.

(17) *The Intimate Papers of Colonel House*, arranged by C. Seymour, Boston and New York, 1928, v. 4.

(18) D. H. Miller, *My Diary at the Conference of Paris*, with documents, privately printed, 21 v.

(19) Max Hildebert Boehm, "Minorities, National". In: *Encyclopedia of the Social Sciences*, vol. 10, New York, 1933.

(20) C. A. Macartney, *National States and National Minorities*, Oxford University Press, London, 1934.

אַ פּאַשקעוויל אויף דער סטאַמבולער יידישער קהילה פון יאָר 1869

פון ד״ר יהושע בלאָך

דער טעקסט פון דעם „מוסר לבני עולה אָדער דעם הונט אַ שטעקין״, וואָס ווערט דאָ פאָרעפנטלעכט, איז רעפּראָדוצירט פון דעם איינציקן איצט באַוווּסטן עקזעמפּלאַר וואָס געפינט זיך אין דער „ניו־יאָרק פּאַבליק לייברערי״. אין קיין שום ביבליאָגראַפיע איז דאָס ניט פאַרצייכנט. די סיבה דערפון איז ניט קלאָר. ס׳איז מעגלעך, אַז נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער אויסגאַבע — זי איז אַרויס אין ווין תרכט=1869 — איז פאַרשפּרייט געוואָרן. קענטיק די גאַנצע אויפלאַגע איז כמעט ווי פאַרשוואונדן געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי מען האָט זי אָפּגעדרוקט.

ווי נאָר מען הייבט אָן לייענען דאָס ביכל וואַרפט זיך באַלד אין די אויגן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ווערקל פון אַ שאַרף סאַטירישן כאַראַקטער. דער מחבר באַהאַנדלט די דאָרטיקע „עדת בני פולין״ אויף אַ שטאַרק בײַסיק־קריטישן אופן. די דאָזיקע קהילה, זאָגט ער, שטעלט זיך צונויף פון אײַנגע־וואַנדערטע וואָס זײַנען בעצם פרעמדע: אַנגעפאַרענע פון עסטרײַך, רוסלאַנד, מאָלדעווע און איטאַליע. ס׳ווערט באַשריבן די הפקרות אין זייער לעבן. זייערע מינהגים און אינסטיטוציעס ווערן שאַרף אַטאַקירט; זייערע כלי־קודש, זייערע קהלשע באַאַמטע ווערן אַלע פאַרגעשטעלט ווי מענטשן אָן כאַראַקטער, אָן בושה, אָן אַחריות. די בעלי־בתים זײַנען דורכויס פּראָסטע מענטשן, „שנײַדער, העקער ומחזיקי בתי זונות.״ אַ יוצא מן הכלל אין דער „עדת בני פולין״ זײַנען בײַם מחבר בלויז די עסטרײַכישע יידן. זיי, זאָגט ער, פירן זייערע קהלשע ענינים אָרנטלעך און לײַטיש. זייערע אינסטיטוציעס ווערן אָנגע־פירט ווי ס׳געהער צו זײַן. ניט אַזוי איז בײַ די אַנדערע, און פאַר זיי שרײַבט ער זײַנע מוסר־ווערטער מיט דער כוונה „צו בעקענין די וועלט מיט סטאַמ־בולער יהודים, מיט זייערע תקנות ומנהגים, זייערע שוחטים ורבנים.״

ווי ס׳איז דער שטייגער בײַ סאַטירישע ווערק, איז דער מחבר היפּש מגזם. די סיטואַציע איז אַזאַ, אַז זי לאָזט זיך אַ ביסל משׂכּיליש איבערטרײַבן. ער באַנוצט זיך מיט גאַנץ פּײַנע שטעכווערטלעך וואָס מאָלן דאָס בילד ערגער ווי עס איז. פּאַשקעווילן־שרײַבערס זײַנען זיך אַזוי נוהג.

ווער איז דער מחבר פֿונעם ביכל, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן פּסעוודאָנים רצ״ף בן זרח און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז „אַ געבאָרענער סטאַמבולער״?[1]

דאָס ביכל איז געדרוקט געוואָרן אין ווין און גראָד אין דער צײַט וואָס פּרץ בן משה סמאָלענסקין האָט דאָרטן געלעבט און האָט געהאַט געשעפֿט־לעכע פֿאַרבינדונג מיט דער דרוק, ווו דאָס ביכל איז געדרוקט געוואָרן. דאָס לאָזט וואַרפֿן אַ חשד, אַז סמאָלענסקין איז דער מחבר; אַגבֿ וואָלט געקענט געמאָלט זײַן, אַז רצ״ף=פּרץ און אַז אין זרח איז קענטיק דער מיין פֿון פּסוק: „כי קרן אור פני משה״ (שמות לד, 35); צוזאַמען וואָלט רצ״ף בן זרח געווען =פּרץ בן משה.

דער א י נ ה א ל ט פֿון ביכל דערלאָזט אָבער ניט אָנצונעמען אַזאַ השערה. דער תּוכן און די שפּראַך ווײַזן, אַז דער מחבר איז ניט דער וואָס האָט רעדאַגירט דעם „השחר״ און געשריבן די באַרימטע השׂכּלה־ראָמאַנען. ווי ווײַט ס'איז באַוווסט, האָט ער קיין מאָל ניט פּובליקירט קיין זאַך אויף ייִדיש; ס'איז גאָר אַ ספֿק, צי ער האָט געשריבן ייִדיש.[2]

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער מחבר פֿון „מוסר לבני עולה״ איז דער באַוווסטער פֿאָלקסדיכטער בנימין וואָלף ערנקראַנץ זבאַרעזשער. אי דער העברעיִשער אי דער ייִדישער טייל האָבן די אייגנקייטן אין שפּראַך און סטיל וואָס כאַראַקטעריזירן וועלוול זבאַרעזשערס אַנדערע כּתבֿים. אין אינהאַלט און אַפֿילו אין פֿאָרם זײַנען גרויסע טיילן פֿון „מוסר לבני עולה״ זייער ענלעך צו פֿיל פֿון זײַנע לידער, ווי למשל צו די וואָס גייען אַרײַן אין זײַן „חזון למועד״ (יאַס 1855). איןביידע זײַנען פֿאַראַן סאַטירישע פֿערזן קעגן די חסידים און זייערע פֿאַרשטייערס. פֿיל פּיקאַנטע עפּיזאָדן און פּערזענלעכקייטן וואָס זײַנען פֿאַראַן אין „מוסר לבני עולה״ דערמאָנען אין וועלוולס „מקל חובלים... דער רבי ר' בער״ (פּרעמישלע 1869). אין ביידע ווערק — וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דעם זעלביקן יאָר — געפֿינען מיר סאַטירישע באַלײַכטונגען פֿון איבערגעטריבענע סענסאַציאָנעלע געשיכטעס וועגן חסידים און וועגן זייערע רביים און כּלל־טוערס. בקיצור, די אַנטיחסידישע כּוונות וואָס מיר באַגעגענען אין אַלע באַוווסטע שריפֿטן פֿון וועלוול זבאַרעזשער ווײַזן זיך אויך אַרויס אין אונדזער ביכל.

די „עדת בני פולין״ שטעלט זיך צונויף, ווי דאָס ביכל גיט איבער, אין גאַנצן פֿון חסידים. וועלוול פֿלעגט תּמיד אָפּלאַכן און אָפּשפּאָטן פֿון חסידים, און דערפֿאַר האָט ער אָפֿט מאָל אַ סך געליטן. איבער אַ מסירה פֿון

---

[1] אויף דער רעפּראָדוקציע פֿונעם שער־בלאַט איז דער נאָמען ניט קלאָר; אָבער ווען מען ציט צונויף די אײַנגעריסענע ברעגן פֿאַפּיר, לייענט מען איבער די אותיות גאַנץ בפֿירוש.

[2] סמאָלענסקינס אַ דעבאַטע מיט צעדערבוימען וועגן פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן פֿון ייִדיש איז געגאַנגען אין „המליץ״ אין 1866. פֿג״ל ייִוואָ־בלעטער, ב' V, זז' 401־404.

חסידים האָט מען אים אַרויסגעשיקט פֿון רומעניע. ער האָט אומגעוואָגלט אין גאַליציע, פּוילן, רוסלאַנד, און אין 1867־1868 איז ער געווען אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל (=סטאַמבול). ווײַזט אויס, אַז אין יענער צײַט האָט ער אָנגע־שריבן דעם „מוסר לבני עולה“. ווען ער איז פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַוועק קיין ווין, ווו פּרץ סמאָלענסקין האָט אים מקרבֿ געווען, האָט ער דאָס ביכל אָפּגעדרוקט, מסתּמא אין אַ באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן: כּדי אויסצומײַדן ווײַטערדיקע מסירות, האָט ער עס געדרוקט אונטער אַ פּסעוודאָנים.

אויב די השערה וואָס ווערט דאָ פֿאָרגעלייגט זאָל קענען באַשטעטיקט ווערן מיט מער קאָנקרעטע באַווײַזן, וועט דאָס ביכל קענען באַטראַכט ווערן ניט נאָר ווי אַ סאָציאַלער דאָקומענט, נאָר אויך ווי אַ גרויסער חלק פֿון אַ היפּשער ליטעראַרישער ירושה פֿון איינעם פֿון די בעסטע און פּאָפּולערסטע ייִדישע פֿאָלקסטימלעכע דיכטערס פֿון 19טן י״ה—וואָלף ערנקראַנץ זבאַרעזשער.*

* אפשר קענען מיר זען אין רצ״ף די סופי־תיבֿות אויף צוריק פֿון דעם נאָמען: וואָלף ערנקראַנץ זבאַרעזשער. — מ. וו.

מוּסָר לִבְנֵי עַוְלָה

הוא

קול קורא לעדת מרעים בעיר קושטא הבירה

ולא יסיפו בְנֵי עַוְלָה לע"נ .

מאת

רצ"ף בן ז"ח.

ווינן, תרכ"ש

כדפוס יאָזעף האלצוואַרטה

בהוצאת המחבר.

מוסר לבני עולה.

אדער

דעם הונט א שטעקין

א פּאָר אמיתע מוסר ווערטליך פּיר דיא סטאמבולער פולישע שוחטים און דעם רבין רבי ל״ק מיט דער גאנציין חברה. פֿאר אלעם בייז וואס זיי טוהען און מאכין אַן צרות, אזעלכע עבירות וואס אויף זיי העלפֿט ניט קיין כפרות. פֿארפֿהרען דעם עולם צו אללע מעשים רעים. און זיינין ערגיר פֿאר דיא גרעסטע רשעים. האבין פֿאָר גאטט ניט קיין מורא. און דערמאָנין זיך ניט אַן דעם יום הדין הנורא.

ריכטיג און שיין בשריבין

א גיבארנעם סטאמבולער.

ווא דיא שוחטים זיינין תמיד שכור
ווא נאָר געלד איז דער עיקר
ווא דער רב נעהמט פריוגות
פֿון בתי זונות.
ווא דער גבאי זוכט א מצוה
און גיט יעדער זונה קצבה.
ווא דיא רעביצן וויים פֿון דעם סוד
חסידים ווייסין ווען זיא גייט אין באָר
ווא מען ווייסט נור פון איין זכות
פון שכרות, גניבות און פֿון זנות
ווא ר׳ לייזר און ר׳ משה שכנא
ר׳ הירש שט׳ און דיא גאנצע מחנה
מיט ר׳ משה גאלאצער לעבין
שיכורן אַן דעם רבין
און זידלין זיך וויא דיא ערלים
זייגען עס ניט שיינע כלים ?
דאס האט סטאמבול אזא קהילה —
ליבער ר׳ ליב, איך בעט אייך מחולה.

מדרש במקום הקדמה.

הה״ד ויע״ב רב עלה אותם ממצרים? כיון שרב הוא מאי ערב? אלא כך אמר הכתוב: רב שיש בו ערביביא שהוא עם הארץ גדול ושוטה גמור ועילה לגדולה ע״י טיפשים גמורים ועמי הארץ כמותו שממנים אותו על הציבור רק בשביל הנאתן לבד. עלה אתם ממצרים? לומר לך מה מצרים ששופה בזימה כך המקום שאליו בא שטוף בזימה הוא, ובשביל ליתן לו חלקו בעוה״ז. מאי וירא את העגל ואת המחולות? אמר ר׳ יצ״בן ־דמן קרתא קושטא: משרע״ה ראה באספקלריא המאירה שעתידין הן ישראל לעשות העגל בכל דור ודור, שעתידין למנות עליהן ערב רב שהוא הרב בערבוביא שמכלה כספן וזהבן וכל ממונן של ישראל ואינו מתבייש מפני החטא, והטיפשים שבדור מרקדין ומנצחין לפניו כאילו יצאו ממצרים [illegible] ל זכות זה נקרע הים לפניהם וגורמין לעצמן רעה ותקלה להן ולכל העולם כלו. (מדרש א׳)

מאי דכתיב אריה טורף ושואג? כלום יש לך בריה שבעולם שיכולה לעשות שתי מלאכות בבת אחת? אלא כך אמר הכתוב: ארי׳ שהוא טורף זה הוא שואג. לומר לך שיש א ר י ה שהוא טורף לבד, רובץ בקרן זוית ומתראה כאילו הוא עניו גמור ואינו אלא כלב, שאינו שואג רק נרנה מן הנביחה ומניקור עצמות לבד. (ממדרשו של בן שם)

אל הקורא!

אחרי ראותך קורא יקר, את אשר כתבתי לך על פתח השער ועוד לא תדע את חפצי בזה, לכן אבוא ואודיעך פה כל הדבר באר היטב. הנה העיר קונסטנטינפול, אשר כה אדבר, עיר גדולה ורוכלת עמים הוא. על מבוא הים השחור היא שוכנת, על פי התעלה השיטפת, ומשתי עברותיה שתולה היא בנוה. מעבר מזה תקרא בשם סטאמבעל ומעבר השני בשם גאלעטא. יהודים נמצאים שם לערך 50000 נפש ונפלגו לשתי מפלגות האחת היא הפראנקים או הספרדים, אשר מהם אנשים צדיקים, וגם רעים וקלי דעת כדרך כל הארץ, כי בכל פרי גומל הלא גם רמה ורקב. אף מנהגיהם טובים וגם לא טובים המה להם בתי כנסיות ב"מ, ישיבות ומקואות. רבים מרבניהם הם המשגיחים על כל עניני העדה, על השוחטים על מכירת יי"נ כשר, מקואות וכו' על כל דבר ודבר משגיח משגיח לבד. אם ימלאו באמונה כל את אשר ניטל עליהם — לא אוכל הגד לך, כי רק מעט התרועעתי אתם. רק בכלל המה גודרי גדר לבל יעבור איש על כל איסור קל. ואף כי להלל שבת בפרהסיא. והמה כלם לילידי טירקיי יתחשבו ומושבם לרוב בחצי העיר הנקרא סטמבול. המפלגה השנית היא עדת בני פולין המה לא לילידי טירקיי — יתחשבו אך לילידי עסטרייך, רוסיה, מאלדוי ואיטליה, מקום מושב כלם כמעט בגאלעטא. מהם יפרדו העסטרייכים אשר יכנום בשם „אשכנזים" כי דרך אחרת להם, דרך בני אשכנז היקרים אשר כבר השכילו דעת את אשר הזמן דורש מאתם. ולהם בית הכנסת מיוחד, בית שכור על שנים רבות, מלא הוד ותפארת וכסף וזהב. החזן איש ירא אלקים הוא ומתפלל לא במקהלה (קאהר) אך בנעימות. גם השוחט איש צדיק הוא ואמן גדול במלאכתו, בהשחזת הסכין ובשחיטה ובדיקה וכל אשר עליו לדעת. והמה קובעים עתים לתורה בכל יום ויום ולא יפקד מקומם בביה"כ שחרית וערבית. גם בית חולים שכור יש להם, כי ישלמו בעד כל חולה שמה י' פיאסטער ליום, גם רופא שכור אשר ישחר ההולים אשר לא בבית החולים המה וסמי מרקחת יתנו חנם וכל ההוצאות לכל עני נופל עלי משכב. להחבריא קדישא אשר להם תקנות טובות מאוד, העשיר לא ירבה בקבורתו והדל יקבר בכבוד חנם אין כסף. ואם ימות חלילה בעל בנים ואין עוזר להם, אזי יתמכו ביד היתומים בכל יכלתם. כן על פסח וימים טובים לא יהישבו ידיהם מתת. ובכל עת יקבצו יחד להועץ ולתקן תקנות חדישות. אף יאספו כעת כסף לבנות להם ביהכ וב"מ לבד. וכל עין רואה כי עוד מעט והיו מעשיהם לברכה ולתהלה בקרב הארץ, כי העומדים בראשם המה אנשים רמים ואנשי מעלה והמה הגבירים ה' קלארפעלד הראש ומשנהו ה' אפעלבוים. אך לדאבון לבנו המה רק המעט מעדת בני פולין, ושאירתם המה בעלי מלאכה, חייטים, מנקרים וגם — מחזיקי בתי זונות. להם

1*

ארבעה בתי כנסיות, וכל אחד גדלו כזרת, ובכלם אין כמעט גם עשרה אנשים להתפלל בימי השבוע, רק באחד אשר יכונה ביהכ"נ „וואלאחי" שם אולי ימצאו כאלה בצמצום. והוא רק על כי הגבאי איש ירא אלקים הוא האוהב את עמוד התפלה כמו כן — עד כי נכון הוא להתאים עם האומר: הלואי שיתפלל אדם כל היום כלו, על כן נזהר הוא בכל יום ויום בתפלת שחרית וערבית לפני העמוד. לא כן שאר האנשים בני פולין, מרביתם עובדים כן בזיעת אפם בכל יום השבת, עד כי ביום הראשון, והמהדרים גם ביום השני, יְאָלצוּ לשתות כל היום כלו שכור מבלי מרפה. זה דרכם מעולם. ומי לא ידע כי בעת ירד היין אל קרב החיים, אז יעשר, ירום ונגבה מאוד מאוד ועל כל יתנשא ואין בלתי עוד. המנקרים אכן המה אנשים ישרים, עושי צדקות וטובה, אך גם כם מומם, כי ידם תכון עם השוחטים אשר יקררו דעתם ויאמרו, כי טוב וישר הוא לנקר הבשר בפרהסיא ביו"ט ולמכור. על כן זה שמם אשר יקראו להם „שיתפם של עמלק" יען גם בו נאמר אשר קר"ך בדרך. והמשכילים יבינו . . . ומה אדבר עוד באלה האומללים אשר יחזיקו ב"ז להם? הלא כפגרים מתים נחשבו, כי גונב איש ומכרו מות יומת, והמה הלא זה דרכם לגנוב נפשות מארצות אחרות ולמכרן בכסף . . רק הם המעט, אף לא הרעים בשאר מעשיהם, ונהפוך הוא כי עוד יעשו טוב עם עניים וגרים, וביחוד האיש רש"ק אשר יחיה נפשות אבותיו וקרוביו עשרים נפשות בכבוד. וגם לגרים משען ומשענה הוא. ועליו נוכל לקרוא: יש קונה עולמו בשעה אחת! כי על כן ידאב מאוד לבנו, כי איש כזה יישפיל כבודו על חית ידו השפלה! ומי אשם בזה? הלא רק על כי אין רב נאמן בתוכם, עושה הטוב. הן „האשכנזים" חפצו לעשות סדרים בתוכם, אך אלה החייטים התקוממו לנגדם עם השוחטים והרב, ואיש אחד הירש שטיידער שמו, אשר הוא מרומם בעיניו לבעל ש"ס, הוא אשר התעורר בראש והעיר לבות אלה לתת לו לבחר להם רב כחפצם. ויבחר לו איש כלבבו מקאלמייער ושמו ל"ק, אשר היה מלפנים מלמד ביאסה, אך שמה חשבוהו יותר לאיש אמן במלאכת הכתב כי כן נקרא אז בשמו „ליבוש כותב". על כן אומר לנפשי, כי מלאכת הכתיבה אולי מלאכה טובה היא מאוד, יען כי יכתוב הגבר ויכתוב עד כי יפקד ויהיה לרב . . . אף אני רואה גם זאת כי שני הדברים דברי אמת המה. כי הכסף יאהב כר"ב גדול ויין כאחד מגדולי הכותבים . כל שאלות דיני התורה, ברירות וכו' על פיו ישָפטו ומי יכזבנו על פניו כי לא אמן גדול הוא בדיני ממונות? הוא החריף, ור' הירשעלע יחי' הוא הבקי, ועיני, עיני ראו איך יוציא הרב את הרו"כ בחריפות נעלה מאוד, מחיק הנשפטים אצלו. ואיך בקי ר"ה בכל מאכלות אסורים, יו"ד והילכות אישות עד להפליא, כי מי חכם כבעל הנסיון? — אף כי אמת הוא כי קטן המקום בסטאמבול ללמוד כל אלה, אך הלא גם בבאלעקלאב למד ויורד האיש לעומקא של הלכה. והרב הגדיל ידו בכל, כי יקרה גט לפניו אז הוא החכם, החותם, הסופר והמונה. הוא המסדר קידושין, הוא הסנדק, הוא המספיר. הוא המקרי בתקיעות, יהיה גם בעני לבוא על שכרו בעיוה"כ, כאשר יאסף בקערה הכסף לעניים. אף יהיה לערל בעת ימכר החמץ. ואני אמרתי, אין זא

כי אם לפי בגדיו יהולל איש. כי בכל מקומות ישראל במושבותם הלא יסוב הערל, אשר לו ימכר החמץ, על הבתים וישיג שכרו רק גירה ופת לחם, יען כי לבוש הוא בגד חול, בגד עובד אדמה, ויפה ראו עיני איך לבש גאות, מעיל משי על בשרו וכובע ארץ ישראל על ראשו, ועבר כן על כל בתי מרזח. פה נתנו לו רו"כ וגם כוס יי"ש מלא, ושם מעזיד וכוס יין גפן, ומי חכם נבין ויוכל לדעת את אשר קבל עוד בבתי הזונות?

הלא תדעו יושבי סטאמבול כי אין בפי רמיה. כי למה זה אני מאבד עתי בידים לכתוב עלי ספר כל זאת? אין זה כי אם חפצי הטוב להודיע לאחינו בני ישראל וידעו את יושבי סטאמבול בכל מנהגיהם, תקנותיהם, שיחותיהם ורבניהם. וחלילה לי מדבר שקר ולהפריז על המדה, כי אם עודני מגלה טפח וכו'. כי הן ידעתי, כי דבר כזה לא לכבוד הוא לי ולא מוצא לכסף אף לא תבאתה ברכה לראשי, כי אם עוד יקללוני אלה אשר דברי יכאיבו להם, כי דובר אמת ישנא, אך מה אעשה? וכל החפץ להוציא רעהו מרפש ודומן היוכל לעשות זאת מבלי טנף רגליו גם הוא? — כי רק למען חלץ אתכם ממי מדמנה דברתי כל אלה ולא אחרת אתי. אף זה חפצי לגלות את אזן אלה אשר בסטאמבול המה ול ידעו זאת, וביחוד האנשים הנוסעים אשר יכשלו על לא דבר, כי אנשים סוחרים המה אשר אין להם עת לחקור אם כשר הוא באמת אם אין ויתמכו על משל ההמוני: אם שמו אֶשר, גם לחמו כשר. ובכל זאת אינם אובים לאכול מאכל טרפה, רק מרוב ענינם וקנינם אין עת להם לחקור אחרי כל אלה, לדעת אם כשר הבשר או היין, והמקוה להנשים האם כדין וכמשפט הוא? כי כל ישראל בחזקת כשרים וכלם הן זה לבכם כי אשר כ ש ר הוא בעינהם יהיה כ ש ר ב א מ ת . ומה אדבר עוד על חלול השבת הנורא בעיר הזאת! לכתוב ולעסוק במקנה וקנין, להעלות עשן ולעבוד כל מלאכת עבודה לעיני השמש, אך דבר קל הוא בעיני האנשים ולא ידעו את הרעה אשר המה עושים. ומדוע כל אלה? על כי אין רב ומוכיח בתוכם, אשר ידרוש בכל שבת ושבת ויגד לעם עון כל עושה אלה ושכר כל הנזהר מהם, כי אז היטיבו לכת ולא עשו תועבור גדולות כאלה. הלא כל גויי הארץ ישמרו ימי מועדם לקדשם, התוגרמים את יום הששי, היונים את יום הראשון, ורק בני ישראל אשר יאמרו כי מי כמוהם עם קדוש — המה יחללו יום מנוחתם, ועל מנוחתם יחללו שם אלהים לעיני כל גויי הארץ! מי אשר לב לו הלא תכסהו בושת וכלימה מפני אלה הגוים. כי מה כל אמונתנו אם נבגוד באלה? חלא בשר טרפה אשר יאמרו כי כשר הוא, רע הוא עדנה ממאכלים אסורים, כי כן הלא יחשוב כי כשר הוא ולא שוב עוד מחטאתו. הלא הוא כאיש אשר יאכל מסם הממית ובעוד רגע ידע נש כי מות בקרבו, כי אז יש לו עוד תרופה בחלב וכדומה, להקיא מקרבו ז. אך אם יאכל מאכל מפסיד ולא ידע כי בנפשו הוא, אז הן לא ירף לו עוד, עד כי ישחית נפשו כלה ולא תהיה לו עוד כל רפאות תעלה. היין אשר יקנו מאיש יהודי העושה מקנה וקנין בפרהסיא בשבת ולא תם יינם, כי ישתה יין בבית איש יוני — האם לא יין נסך יינו? הלא

כל שותה ממנו נכון לעבוד גם אלהי נכר, כמאמרם צ״ל אסרו יינם משום וכ׳ ודבריהם כגחלי אש. כי לא יחדל מקחת איש כזה גם פת לחם בעודנו שותה אתו. ובשתותו ובאכלו אתו יחד לא יחדל מדבר גם עם בת היוני, והיכרות ברית לעיניו מבלי התבונן על בתולה? והיה. כי יחמוד יפיה בלבבו ותפתנו ללכת לעבוד אלקים אחרים . . . ואם המקוה לא כדין ומשפט — הלא הבנים בני נידה וכממזרים חמה ולא יבואו בקהל. ועל מחללי שבת בפרהסיא, הלא אמרו רז״ל כי הוא כמומר לכל דבר. הלא יזכירו תמיד יחד המחשב״ת בפרהסיא עם העוע״ז ועונם מיתה וכרת. הלא זה זה דברי מאז, כי לו ישמעו אלה מפי רב נכבד את העונש הגדול לכל עושה אלה ושכר הנזהר מהם, אז לא פרצו פריץ כזה בבית ישראל. הלא הרב בעיר, הוא השורש וכמוהו יהיו גם הענפים. אם רטוב הוא נשאו פרי למעלה, אך אם כיבש הוא אז גם המה יבולו ופרי לא יביאו. אף כי רבים אומרים. כי דור דור ודורשיו כי גם נח צדיק תמים היה בדורותיו. אך מלבד אשר לא צדיק כנח הוא זה (להבדל), הנה הוא גם כן נח אשר יתן למטיתים נפשו על פהות משוה פרוטה. על כן אחי, שימו זאת ללבבכם, כי פן תהיו לבוז ולקלון בכל הארץ כי כל עובר אורח אשר בשם ישראל יכונה לא יוכל לאכול אתכם להם ולשתות מיינכם ולהתפלל בקרוב ד׳ אמות של נשיכם, כי שער באשה וכו׳. ואף כי מהתחתן אתכם, כי ספק ממזר הוא וכנ״ל. כמו מפני ארי ינוסו. מכם מפני יהודי סטאמבול, כי טוב שם וכו׳. רק אחת לכם סגולה, בני ישראל, רק בזאת תוכלו עוד לתקן את אשר עויתם, כי תבחרו לכם רב נכבד, רב אשר יבחרוהו כל הקהל אחרי אשר ידרשו אחריו אם סמכו עליו גדולים ידיהם. כאשר לא יוקח גם רופא בית איש בטרם ידע אם אמן הוא במלאכתו, או אם לא יתן בכס עינו, כי היין יוכל להתעהו ולהמית נפש, אף אם יש בידו כתבי תעודה מהמורים הגדולים בבתי הרפואה, ומה עוד רב ומוכיח בעיר — איך לא יחקרו וידרשו אחריו? — כי רב אשר תורה והכמה בקרבו באמת בידו להציל נפשות רבות מעון מעונות ח״ב כאלה, ולתקן תקנות טובות המאשרות את האדם עורנו בארץ ולשמי שמים תעלינה אותו במותו. לו אך יסיר מקרבכם המכשולים האלה ולא יסולה גם בכתם אופיר, וביחוד מחלול שבת בפרהסיא, כמאמרם ז״ל אלו שמרו בני ישראל שתי שבתות מיד נגאלין במהרה בימינו אמן סלה.

אחרי כל אלה קום קרא ידידי הקורא גם את אשר כתבתי פה בשפת יהודית בעבור אלה אשר לא יבינו עברית, ושמת עיניך גם בשירי יהודית הבאים אחרי כן, אשר יגלו לך עון הנוכלים האלה, והיה לקלון להם ומשנה בושת יירשו, כלמת עולם לא תשכח.

דיא שטאדט קאנסטנטינאפל.

העיר קונסטנטינאפל איז גרויס אונגעהייר דער ים. דאס הייסט קאנאל פֿון שווארצין אין ווייסען מער, גייט אין מיטין שטאט. פֿון א״ן

מע׳ אריבער א בריק הייסט עס סטאמבעל. ומצד השני גאלעטא. יהודים גיפינין זיך 50000 זיא זיינין צוטהיילט אין 2 טהייל: איין טהייל דער גרעסטער לעך 45000 זיינין פיינקען, דאס הייסט שפאניאָלין. צווישן זיי זיינין דאָ פיל פרובע יהודים וגם ההֶפֶך כדרך כל הארץ, ווי צווישן זיסע פרוכט מוז אויך עטוואס ווערימדיג זיין. חוץ אנדערע מנהגים גיבט ביי זיי וואס מיר גיפעלט נים, אבער אויך זייער פיל שיינע מנהגים. שולען שיינע, בתי מדרשים, ישיבות ומקואָות. פיל פון זייערע רבנים און מורה הוראות זיינין משגיח אויף דיא אלע יודישע זאכין, כמו אַף שוחטים, יי״ג כשר, גבינה כשר, מקואות וכו׳. איף אלץ בעזונדערע משגיחים. אב זיא זיינין זיך נוהג בההשגחה כדין וכהלכה, קאן איך בעשטימט נים זאגין. מחמת איך בין מיט זיי גיוועז וועניג בעקאנט, ניר בדרך כלל, מאכין זיי כל הגדרים, אז מע זאל נים עובר זיין אף על איסור קל דרבנן ובפרט חלילה חלול שבת בפרהסיא. דאס איז ביי זיי לגמרי נים. זיי זיינין אלע טירקישע בידנער און גיפינין זיך מעהר אויף סטאמבול. דער צווייטע טהייל הייסן פולישע, דאס הייסט נים גיבארנע טירקישע נאר פארשידענע אונטערטהענער, היינו טירקישע, אסטרייכישע, רוססישע, מאלדווישע ואיטאליאנישע. זייא גיפינין זיך כמעט אלע אין גאלעטא. פון דיא אלע פולישע זיינין דיא אסטרייכישע הנקראים דיימשין אבגיזונדירט, דען זיא פיהרין זיך זייער שיין, אָרדענטליך אוף דיימישע ארט. זיא האבין א בעזונדר שול אין א אבגירונגנעם הויס אין פיל יאהרין, זייער שיין גיצירט, מיט שיין כלי קודש כסף וזהב. דער חזן דאוינט זייער שיין און פרום, נים קאָהר נאר איינפאך יודיש. א שוחט איש ירא וחרד ואמן גדול באומנתו, הן בחשחזת הסכין והן בשחיטה ובדיקה. בידע היסין אב דיא שול שחרית וערבית וקובעים עתים לתורה בכל יום. דיא ניטיידע האט ווידער א גידונגנעם שפיטאל פיר אירימע חולים פאר יעדין חולה זירד בצאלט 10 פיאסטער טעגליך, אויסערדעם האלטין זיי א בעזונדור דוקטור צו שיקין לחולים אויסען שפיטאל, גיבין פיי מעדיצין מיט אנדערע הוצאות. האָבין זייער איינע חברא קדישא מיט זייער שיינע תקנות. ביים רייכין נעמט מען קבירה געלד נים פיל, דען אָרימן בעהאנדלט מען גלייך מיטין רייכען חנם ואס ימות חלילה א פאמיליע פאטער שטיצט מען בכל היכולת. אוף פסח ושארי ימים טובים קוטט פיר אָרימע פיל געלד, אויך אָפט זיצינגען צו פערבעסערן מנהגים ותקנות פון זייער געמיינדע. זיא זאמלען געלד צו בויען א שול אין א שפיטאל און עס ציינט אוים מיט דער צייט וועלין זיך זייערע מנהגים אויספיינירין ענהיו״ט ויהיו לשם ולתפארת בכל עמי הארץ. בפרט אז יעטצט זיינין דער פרעזידענט העיר קלארפעלד און וויצעפרעזידענט העיר אפפעלבוים, אנשי מדע ונבונים ראוים להתיצב לפני מלכים. זיי זיינין אבער דער קליינערע טהייל פון דיא פולישע. דיא איבריגע פולישע זיינין מעהר בע״מ, שנידער, העקער ומחזיקי בתי זונות. זיי האבין 4 שולחלעך, יעדע אין גירים טפח על טפח, אין אלען צוזאמען איז קוים א מנין דיא גאנצע וואָך, אויסער אין דיא „וואללחישע” דאָרט איז פיליכט אללע טאג א מנין בצמצים, אין וויל דער גבאי איז באמת א איש ישר הולך און איז אויך דער מתפלל.

ער האט אזוי ליב דעם עמוד אז ער וואלט מסכים זיין מיט דעם מאן דאמר: הלואי שיתפלל אדם כל היום כלו, דריבער היט ער אב להתפלל בכל יום בצבור שחרית וערבית. דיא מנהגים דער אנדערן פוילישען איז אנדערש טעהרערע פון דיא בה"מ ארבייטן זיך נעביך אן אום שבת אזוי ערנסט, אז זונטאג והמהדרים גם מאנטאג מוזען זיי נעביך שיכורין עד דלא וכו'. דאס איז ביי זיי א אלטער מנהג. און איז דער שניידער שיכור איז ער שוין רייכער, פרומער, מעהר למדן וקופין בראש כידוע. דיא העקער זיינען גראד אידענטליכע מענשען, בעלי צדקות ובעלי טובות, איז דער חסרון אבער וואס זיי זיינען גישפאנט מיט דיא שוחטים. דיא מאכען זיי קאלט אין פיל זאכען, למשל זי האבען זיי מתיר גיוועז צו האקין פלייש בפרהסיא ביו"ט און צו פאר קויפין. דאפיר ווערין זי אנגירופין נעבך שותפו של עמלק, דען ביי עמלק שטעהט אויך אשר קרך בדרך, דאס הייסט קאלט גימאכט. דיא מחזיקי בז"נ זיינין דאך נעביך מתים. כדכתיב: גונב איש ומכרו מות יומת. זייערע ביטערע פרנסה איז נעביך, מע גנבט בתולות פון פרעמדע לענדער און מע האנדילט מיט זיי, איינער פאר קייפט דעם אנדירן א נפש פאר נעלד. הגם זיי זיינין א מיעוט און זיינין מטיב מיט ארמע און טוען טובות, ובפרט איינער רש"ק וואס ער איז מפרנס א פאטער מיט קרובים 20 נפשות בכל הכבוד, וגם פרעמדע ארימע צונירייזטע איז ער בעהילפיג בכל יכלתו. מע מעג אוף איהם זאגען: יש קונה עולמו בשעה אחת. עס איז שאדע אז א זא מענש פערלירט זיין נאמען דורך די נידערטרעכטיגע פרנסה, וכל זה מחמת עס איז קיין רעכטער רב, ומי יאמר לו מה תעשה. דיא עסטרייכשע האבין גיוואלט ביי זיי איינפירין איניגע מנהגים לנהגם ע"ד הישר, זיינין אבער אנטקעגין די שניידער די שוחטים מיטין רב. און א גיוויסער ר' הירש שטיידער וואס ער האלט זיך פאר א בעל ש"ס האט זיך ארויסגיחאפט. ער איז דער קאפ פון דיא שניידער און מיט זייער הסכם האט ער אראב גיבראכט א רב, א זא רב ווי ער. ער איז א קאלאמייער. ער הייסט ל"ק און איז גיוועז אין יאסע א מלמד. ער האט זיך דארטין אבער מעהר גירימט פאר א שרייבער, דען ער האט זיך גירופין ליב שרייבער. היינט זעה איך אז מלאכת הכתיבה אז אגרויסע זאך. מע שרייבט אזוי לאנג ביז מע ווערט א רב. דאך זעה איך אז דיאביידע זאכין זיינען אמת: דעם קערביל האט ער ליב ווי דער גרעסטע רב, יי"ש און וויין ווי דער גרעסטע שרייבער. שאלות, דיני תורה, ברירות, פאסקינין זיא אלץ צו זאמין, דער רב איז דער חריף און זיין גרעסטע קונסט איז דיני ממונות. אויך איז הירשעלע דער בקי, ובעיני ראיתי וויא דער רב קרינט ארויס דאס קערביל מיט דיא גרעסטע חריפות. אויך איז ר' הירשעלע אין מאכלות אסורות יין נסך והלכות אישות א גרויסער בקי, ווייל אין חכם כבעל וכו'. אין סטאמבול קען מען אפילו אזוי פיל בקיאות ניט גיניסין אבער ער האט עס גילערינט אין באלעקלאב. דער רב איז א כלבו. ביי א גט איז ער דער חכם דער ב"ד וגם דער סופר. ביי א חופה איז ער דער מסד"ק. אוף א ברית איז ער דער סנדק צו א הספד איז ער דער מספיד, ביי תקיעות דער מקרי און עיו"כ ביים טעליר

שטעלין ווערט ער דער עני, צו מבי״ת חמץ איז ער דער גוי. נור דא זעה איך אז קליידער מאכען לייט· בשאר מקומות איז דער ערל צום חמין אויסקויפען ניקלייט ווי״א א גיוויינליך דאָרפּבויער און מע ניט אים בכל בית 2 פּיאסטער מיט אשטיק ברייט. און דא איז ער אר״טנ״גאנגען מיט א אטלעסנע קאפאטע אין מיט א אר״ץ ישראל קאפּולים איבער אלע שיינקען· אין דעם שיינק האט מען גינעבין א קערביל מיט א טרונק יי״ש. אין דעם אנדערן א מעזעדי מיט א גלאז וויין, און מי יודע וואס עס וואר אין דיא בתי זונות . .

איר סטאמבולער ווייסט דאך גוט ·אז דאס אלץ איז ריכטיג ואין כפי שקר· זעהט וואס האט מיך גיצוואונגין אבצולייגין דארויף טרחה און צייט? — גלויבט מיר אָן א שום פּניות עצמי חלילה, נור אום צו בעקענין דיא וועלט מיט סטאמבולער יהודים, מיט זייערע תקנות ומנהגים· זייערע שוחטים ורבנים וחלילה לי לשקר אף על חוט השערה, אדרבה אגלה טפח ואכסה טפחים· איך ווייס אז דאס איז מיר ניט לכבוד ולא לפּרנסה· אויך קיין דאנק אדער א ברכה וועל איך דאפיר ניט האבין, ניכער חלילה א קללה פון די וואס זיי וועט עס ניט גיפעלין, ווייל פאַרין אמת איז מען ברוגז. אבער אז איינער וויל דען אנדערין ארויס שלעפין פון א בלאָטע מוז ער אויך אין דיא בלאָטע אריין, אים דען אונגליקליכען ארויסצוציהען· איך זאג אייך ביי מיין עהרענווארט אז דאס איז אליין די סיבה וואס האט מיך גיצוואונגען דיזעס צו בעשרייבין· אך אין שקר כפי, איך דעק נאָר אוף דעם ריינין אמת· און דער הויפּטצוועק איסט כדי להודיע לאלה וואס זיינין אין סטאמבול און ווייסען ניט, ובפרט די דורכרייזענדע וואס ווערין נכשל אונשולדיג, היינו בעשעפּטיגטע מענשען אדער די וואס בעקימערן זיך ניט צו וויסען אויב עס איז ריכטיג כשר און זאגין כדאמרי אינשי: אז מע רופט איהם מענדיל. מעג איך עסין פון זיין פּענדיל. אבער דאך ווילין זי ניט עסין קיין טריפות, רק מרוב טרחתם האבין זי ניט צייט צו דענקין דערפון, צו איז דאס כשרע פלייש כשר, דער כשרע וויין קיין נסך, די מקוה נשים אויב סע איז כדינא. בדרך כלל איז כל ישראל בחזקת כשרים, און ווילין אלע גיווים אז דאס כשרע זאל זיין ריכטיג כשר· ועוד דער חלול שבת אין סטאמבול! היינו: מע האנדילט, מע שרייבט, מע רייכערט און ארבייטעט אלע אב מלאכות בפרהסיא· קיינער בילט גאָר נים אז ער טוהט דאס וואס מע טאר ניט· ווייל עס איז בעוה״ר נימא קיין רב ומוכיח, ער זאָל אלע שבת דרשנין און יעדען ערקלערין דעם עונש פון דיא/עבירות, און צוריק דעם שכר אז מע איז נזהר פון זיי· זיא וואלטין גיווים ניט עובר זיין אזעלכע עבירות חמורות איסורי דאורייתא ואיסורי כרת ר״ל. חוץ לזה, דיא טערקין היטין זייער פרייטאג, דיא גרעקין זייער זונטאג וכן כל העמים חוץ מיר יודען וואס מיר ריהמען אונס ומי כעמך ישראל, אתה בחרתנו וכו׳ זאלין מיר מחלל שבת, מחלל השם זיין גענ״ן אנדערע אומות! א מענש מיט גיפיהל דארף זיך שעמין פאר אומה״ע, און באמת בעשטייט דאך אין דיא איינע זאכין אונזערע גאנצע יידישקייט, היינו: דאס גינארטע כשרע פלייש איז נאך ערגער וויא אנדערע מאכלות אסורות, דען ער מיינט סע איז

כשר און טועט ניט תשובה טוהן למשל אז א מענש האפט א שטיקל סם
המות און פילט באלד אז איז סם, קען מען אים מיט אייניגע מיטעלן וויא מיט
מילך וכדומה נאך מציל זיין. אבער עסט מען גלאט א שעדליכען מאכל און
מע ווייסט ניט אז עס איז סם לגוף, קען מען עס אזוי לאנג עסן ביז מע
קריגט א לונגען אדער א לעבער פעהליר ולבסוף העלפט קיין מיטעל ניט. ע״ג וואס
מען קויפט ביי אידי מחלל שבת בפרהסיא. היינו ער האנדילט שבת עפענטליך
ואינו נזהר מסתם יינם. היינו ער טרינקט י״נ ביים גוי. גרעק, איז זיין וויין כנסך גמור
והשיתה יינו בקל יוכל לביא לידי ע״ז כמאמ״ם ז״ל: אסרו יינם משום וכו
ודבריהם כנחלי איש היינו ביים וויין פארטרייסט מען זיין ברויט. און מאכילה
ושתיה צוזאמען רעט מען ממילא מיט דעם גוים שאכטער. קען טרעפען אז זיא ניפעלט
און רעט איבער כופר צו זיין חלילה איז דיא מקוה נשים שלא כדינא זיינען
דיא קינדער וויא ממזרים וממזר לא וכו׳ דאס הייסט ער איז לגמרי אויסגימעקט משם
ישראל. המחלל שבת בפרהסיא אמרו חכמים איז כמומר לכל דבר דיא גמרא
זאגט און פיל ערטער המחשב״ת בפרהסיא והעוע״ז. גלייבט דיא גמרא ביידע
צוזאמען און דער עונש איז מיתה אדער כרת ר״ל. נון מיין איך אז דיא גאלאטער
יודען וואלטען אפט הערין פון א רעכטען רב אז דאס טאר מען ניט מחמת דעם
עונש, און דעם שכר מצוה אז מען טוט עס ניט, וואלטען זיי ניט אזוי ארויס
פון גדר. א רב און שטאט איז וויא דער ווארציל פון בוים (צדיק יסוד עולם)
איז דער ווארציל געזונד זיינען דיא צווייגען אויך געזונד און געבען די בעסטע פירות.
פוילט אבער דער שורש און איז ווארמדיג, דארין דיא צווייגען און ברינגען קיין
פירות. אנדערע זאגען וואס פאר א דור אזא צדיק כמו נח צדיק היה בדורותיו.
אבער לא די וואס ער איז קיין נח להבדל איז ער נאך א גרויסער בן נח, א
נהיג על פחות משוה פרוטה. ע״כ ברידער! בעדינקט אייך עד מתי וועט איר
זיין ללעג ולקלס לבוז ולקלון בכל הארץ. א רייזענדער וואס איז בכלל ישראל
קען ביי אייך ניט עסן. אי ער וויין ניט טרינקען און ד׳ אמות פון אייערע ווייבער
ניט דאווענען, כי שער באשה ערוה, וועד רעט פון מישדך זיין מיט אייך, געוויס
ניט, משום ספק ממזר מטעם הנ״ל. וואו מע הערט א סטאמבלער יודין לויפט
מען פון איהם כי טוב ישב מישבן טיב. נור דאס קאן אייך מתקן זיין, א רעכטער
רב. און א רב מוז מען בוחר זיין בהסכם כל הקהל, און פריהער חוקר ודורש
זיין, אוב ער האט סמיכה פון גדולים. למשל אז מען וויל נעמען א דאקטאר
אין הויז וואס זאל פערהיטען פון שעדליכע זאכען, פרעגט מען געוויס נאך אייב
ער איז א סימחה וודע און צו טרינקט ער ניט צופיל משקה, ווייל משום
שכרות קען ער מאכען א פעהלער. און אייב ער האט א דיפלאם פון גרויסע
פראפעססארען און אייב דער דיפלאם איז ניט פאלש, היינט בפרט א רב
דארף מען געוויס דיא אלע זאכען חוקר ודורש זיין. דען א רב מיט מוסר ועצות
טובות קען באמת פארהיטען דעם עולם פון דיא עבירות וואס זיינען מקצר ימיו
של אדם, און מתקן זיין שיינע מנהגים ותקנות המתקנים ימים של אדם בעוה״ז
ומביאים איתו לחיי הנצח, דאס הייסט לעוה״ב ער זאל אייך נאר פארהיטן

מהתקלות הנ"ל איז ער שוין ווערט כל הון דעלמא. ובפרט מחלול שבת כמאמז"ל:
אילו שמרו בני ישראל שתי שבתות מיד נגאלין במהרה בימינו אמן סלה.

ואלה דברי הרב. זאָ שרייט דער לייב.

אז איך בין גיקומן פון טולץ אהער
האב איך גימיינט אז סטאמבול איז א בער.
איך האב מיך אָבער באלד מיט גוטע ברידער באקענט
און האב גיזעהן אז מיין נישעפּט איז אָ; זיי גיוועגט
דען זיי שרעקין זיך פּאר מיין זיידין קאפּטין און מיין גרייס
ווארים מיינע מחשבות ווייס איך נט ווער עס ווייס.
האב איך זיי ערקלערט אז איך זוך ניט מציאות ניט יענע וועלט
חלילה! מיין מכוון און מיין איז נאר וועגין געלט.
קומט נור צו מיר מיט א מענשליך גיפיהל
וועל איך שון פסקינין יעדען ווי ער וויל.
צו אלץ וואס מע מאָר ניט האב איך מיר מיינע סגולות
ווער רעט איף א איסור דרבנן גיפין אין דיא גרעסטע קולות.
אדין תורה אדער א ברירה. מיר איז אלץ איינס
נאָר אומזונסט וויל איך ניט אויסהערין ניט איינס.
א ברית אדער א הספד*) מיר איז אלץ גליך
עס זאל נור זיין עטליכע א טאג — וואלט איך אויך זיין רייך.
א חופה אדער א גט. איך האב דיא ביידע גלייך ליב
גט דיר דיין וויב. נעם דיר איר שוועסטער. נאר געלט גיב**)
זאגט אליין איך קען מיך דאך ניט פארלאזן אלץ אויף עולם הבא
ובפרט אז מסדר דיא קידושין זיין וועל איך שיקין מיין גבאי***)
דיא וועלט און בפרט די דייטשין וועלין באלד בעמערקין און שרייען
ע"כ מיין ליבער ר' יענקל מוז איך נעמין נגד דעם גבאי און דרייען.
דעם גבאי וועל איך מוזין אָבלאזין אויף איינגע וואָכין
ביז עס וועט זיך צווישין דיא דייטשין איבערקאָכין.
איך קען מיך מיט מיין יגיע כפי ב"ה ריהמען
ובפרט מיינע שניידירליך וועלין מיר אלץ בעשטימען.
דאס זאג איך אייך מיינע מיינונגען פון הערצין
א טאָג אָן : ברית אדער א גט. איז מיין גרעסט שמערצין
מאכט! מאכט! ברידער עפּטיר דאס ערסטע אדער דיא צווייטע
נור געלד געננג. א שמחה א ברייטע

---

*) ער האט מספיד גיוועזן א אשה וואס האט איר האר עפּענטליך גיטראָגין, שבת גיקאכט וכו' און האט מקונן גיוועזן בזה"ל: דיא צדיקות איז אוועק פון דער וועלט איבער אונזערע זינד וכו'. נור מען מוז א יודען דן זיין לכף זכות: פילייכט איז זיא געגען אידם און א צדקנית — און איז טאקע אוועק וועגען אונזערע זינד והוא והיא במשמע. **) עיין להלן. ***) עיין להלן.

איך מײן ניט פֿון כשר און טרײף נאָר
נור מיר גיט דערפֿון 5000 פּיאסטער א יאָר
איך האָב מיך מתחײב גיװעזן צו זײן מיט דיא שוחטים בײנאנד
בּיז איך שיחטים, ניט זארגט מיר װעלין מאכין אײן האנד
פֿאר לײטין װעל איך דאס מאכין װיא א פֿײנער יונג
נאָר שיקט מיר דיא ערסטע נאכט דעם מילין, דיא אנדערע דעם צונג
איך װאלט שוין פֿון אײערע שחטת עסין לאנג
נאר אז מע זײט מיט טרערין שנײדט מען מיט גיזאנג....
איך װיל בכיװן א͏ײניגע חדשים ניט עסין קײן שום כשר
בכדי מען זאָל מײנין איך בין מסופּק אוב עס איז כּשר.
דערנאך װיל איך מיט אײך צו דער שחיטה צוזאמין גײן
יוים מען מיינען איך בין שוין איבערצײגט אויב כשר אָדער נײן.
הגם מיר װײסין אלע אז אין שחיטה ניט איך װײס ניט איך קאָן
פֿון לײטינס װעגין װעל איך קיקין װי אין בני אדם דער האָהן
דערמיט װעלין זײן ניט אומזינסט מײנע טריט
איך װעל קענין זאגין דײטליך: דער שוחט איז שלעכט, דער איז גוט.
איך װײס אז אהרן*) װעט דערפֿין האבין דיא גרעסטע יסורים
פֿון דעסטװעגין װעל איך אים שיקען שלוח מנות אי"ה פּורים.
בײ שלוח מנות װער איך פֿאר אללע פאזיװענקים (בע"ב זונות) יינגער
שיק יערען א צופּוילטין מאראנץ — שיקין אבער אָב דיא קלינגער.
אום צו מאכין מעהר געלד נעהם איך צו אלע מיטעלן
גיב דיא פאזיװענקים דען גרעסטין כבוד אונד טיטעלן.
קומט ברידער װער עס דארף א הכשר אוף פסחדיג שמאלץ און װײן
נאר מיט א רענדיל, קוק איך ניט אין פֿאס ניט אין עמער ארײן.
איך װעל איך שרײבין א הכישר װיא און װאס װער עס װיל
נאר איך בעט װי אויבין גיזאגט: מיט א מענשליך גיפּיהל.
א גאנץ יאָר טרינק איך װײן נאר פֿון אברהם ביקארעסטער
נאר אוף פסה װער מע װעט געבין װעט זײן דער כישרר און בעסטער.
גלויבט מיר אז איך נעם געלד איז ניט אומזיסט
דערהויפּט װײס דוא װיא מיך צו בעהאנדלין, פֿארשטײ װאו דוא ביסט.
מארקית*) איז גאר פֿון פאזיװענקעס ארויס צװיסין לײטין
ער האט אבער דורך ר' זכרי' העקיר גילאזט זיך דערקענין פֿון װײטין.
װיא קומט צו אים װײן כשר ובפרט של פּסח איז מיר א קשי'
דאך האב איך עס גיגיבין מין מײן חותם אף כתב רש"י...

---

*) מארקוס האט גילעבט מיט א קריסטין אצייט, האט דער רב גינומין מעות און האט זיי גיגיבין חופה וקדושין, און שטאם אליענע האט זיא גיהײסין אין דער כתובה שרה.... ער װאהנט אין אלעקסאנדרי; און שרה פֿארקױפֿט פסהדיקען װײן, דען ר' זכריה העקיר האט דעם רבינ גיבראכט װאס ער דארף און ער האט גיגעבין א הכשר אף רש"י כתב. °) שוחט האשכנזים.

איך בין זייער צופרידין אז די שניידער אין פ"ז זיינען מיינע נאריין
ווארום פון די דייטשין וועל איך א פנים ווענינ געלד שארין.
נעמין זיי און זייער שוחט ר' אהרן האב איך מיך צופיל ריזקירט
נאר דאס האט מיך ר' משה גאלאצער ימ"ש פערפיהרט.
דיא עסטרייכישע גימיינדע פארשטייט מיך אפנים גראָד
ניט זיי ניט זייער שוחט לאזין זיך פיהרין אין באָד
נעמין מיך ניט אין שול אלס רב צו נאר אלס אורח
זיי שזאליוועין מיר אפילו זייער שלישי און מי שבירך
דאך מיין איך זיי וועלין מיך בעהאנדלין אלס פאטריארך
ובפרט אז דארינין וועט ארבייטין ר' הערשיל פארך.
נאר אוב ביי זיי וועט נישט מאכין דער בעל ש"ס
וועלן זיי מיינע שכורים צושמעטערין אין מיטין נאס
און אויב דאס איז צו זיי אויך קיין מיטיל
וועל איך צוזאָגין דעם שוחט מעות און טלית אין קיטיל
איר זאָלט שוחט לעבין מיט דיא קאפולישען איבעררעידען
איך זאג אייך צו סע וועט זיין טוב פאר אונז ביידען.
איך פארשטיי אפילו דאס ווערין זיי ניט וועלין
נו ביי אין ברירה מוז איך מיך צייסין מיינע בהמות קיועלין.
מיינע מיוחסים שניידער, פ"ז, ישוחטים ויעלין פון מיינטוועגין אלעס טאָן
דען ביי וועלכין רב זיינין זיי אזוי גיזעסין אויבען אָן?
יאָ רעביצין, זעה, איך פיהר מיר מיין זאך מיטין גרעסדין סדר
הערשעלע פארך רוף איך ר' הערשעלע אדער, הער שטיידער.
איך פארשטיי אפילו ברידער איך בין דא א אורח אוף א קליינע צייט
נאר וואס האב איך אנגיווארין, טולץ איז דאך ניט ווייט
אין טולץ האבין זיי מיך אויך אפילו פיינט וויא א שפין
איך וועל אבער פארט מוזען פאָרען אהין.
איז ניט קיין רב, אזוי זוך איך מיר א מעמד
היים ווידער אין יאס ליב שרייבער. אָדער ליב מלמד.

השלוש סעודות בבית הרב.

דער רב זיצט אובין אָן. רמ"ג והתנו ר' לייזר פון ביידע זייטען. ממילא קומט אויס רמ"ש מיטין גבאי פון ווייטין.

חמור ר' משה גאלאצער (ר' משה והתנו ר"א ור' משה סכנה השוחטים לעבין נוט מיטין רב).

רבי! איר ווילט אונס פטרין דעם שלוש סעודות מיט הוילע תורה?
שיקט נאר נאך וויין, רבינו, דאס איז א בעססערע סחורה.
הרב. ביי מיינע רבי'ם האט מען אוך גאר אזויא גיטראכט
האט נאך בערויש. פון בוקארעסטער דען וויין ניט גיבראכט?

בערוש. אבער רבי ווי זאל איך עס אפּין נאס טראָגין
וואס וועט מען מארגין אָה אונז ביידין זאָגין?

ר' משה. אוי בעריש! ביסט א יש־יגאָק, האָב דאך פאַרין רבין דרך ארץ
א מע מעג טראגין ווייזט דער רבי בפירוש אין מגן ארץ.

בערוש. יאָ רבי, איירע הסידים א פנים האבן מעהר צו ווין ווי צו תורה לוסט
דיא פאַס פּין בוקארעססער איז אָבער רבותי, פיסט.

הרב. אבער פיר מיין טרחה. תמיד זיין ויין פאַר כשר און בעסיר
צו לויבין, קען ער מיר נאך עפּנין נאך אנדער־ע פּעסיר

בערוש. אבער רבי! דער וואס צאפּפּט דעם ויין רייבירט שבת א צינאר
איז עס ניט ווענין כשר הלילה קין גיפּאהר?

ר' לייזיר. אבער וואס טייג דיר דוא בעריש אזעלכע נארישע זאכין
דער רבי זאגט מען מעג און אים אפילו קדוש מאכין

הרב. אָ, אָ, לחיים ר' משה, לחיים, לחיים ר' לייזער
צום רעבינס שלש סעודות איז כשר אפילו יין מאלטייזער (גרעקין)

רמ"ג. לחיים רבי, זאלין זוכה זיין צו טרינקען צים רעבינציגס ליל טבילה
איר וואלט אפילו מער הנאה האבן ווי פין דער בעסטער תפילה.

אשת הרב. א תלמיד חכם איז זיך נאָך נוהג מערב שבת לערב שבת
ניט וויא אייער ווייב דערציילט פון אייך כמנהג טערקים וראאבעם

הרב. לאכט לאכט פון ליל טבילה, ביי אייך איז עס ניט מאָדע
איר זיינט טאקע מזכה אנדערין און פון אייער ווייב כלא ידע

ר' י' יזער. לחיים לחיים רבי! פוי צו ריידין פון אזוינע דברים מכוערים
וואס דיא ווייבער ריידין איז כלו שקרים.

אשה"ר. קען מען נאָך אזאָ טייערין יודען וויא ר' לייזערלין קריגין?
און אז ר"א האט גישריען, האט איר פון לונג און לעביר גישוויגין*)

הרב. אז מע האט אבגיסין ניהייסין פאר מיר מיט תשעה קבין א נידה**)
זאָל איך נאָך פאר ר' אהרן'ס לונג און לעביר זיי מאכין א ירידה?!

ר' משה ור"א. הערט רעביצין, שווייגט אדער מיר וועלין שרייען
מיר וועלין שוין גיפינין וואס צו זאגין אפילו אין דרייען.

אשת הרב. חאב איך ניט גיזאגט שלימזל. זאלסט ניט שיבורין מיט דיא הינט
ווארט, וועסט נאך ווערין פון הערישילה פארך אויך אזוי בעדינט.

בעריש. אזאָ יאר מיר, איהרע רייד איז צום דרוקין
רבי! איר זאָלט זיך מיט א אמת ארום קוקין.

מ"ג. דוא כלב, ביסטו גיוועזן פון רבין א שליח לדבר עבירה
האָסט מתיר גיוועזן א ערוה מיט זיין כחא דהיתרא.*)

*) ר' אהרן שוחט האט גיפינין ביים העקיר ר' מענדל פון ר' לייזערס שחיטה א לונג און לעביר מיט א מכה און האט גיוויזין דעם רב. ער האט זיך אבער גימאכט כלא ידע.

**) אזוי האט דער רבי רערציילט. מען האט עס פאר אים גיפאסקינט אזויא מטהר צו זיין א נידה און ער האט גישוויגין כדי יענער זאל אים ניט ווערין א שונא.

אשה'ר. האָב דיר גיזאגט דראָנג, וועסט האבין דיא גיעסטי בזיונות
אָבער ר' משהנו, וואס פּארגעסט איהר די חלפים אין די בתי זונות?

רמ"ש. קריכט ניט דער רבי אוף א ברית אינטירן פּארהאנג צו דער זונה?
פּאַרוואס? ליבע רביצין! וויל ער האט קיין אנדערין קונה.

ר' בערוש. אמת ר' שכנא, איר זיינט תמיד אפּין פּנים רויט
געווים איז אייער גלעזיל אויבין שמאל אונטין בר יט.

רמ"ש. כלב, דו בערויש, קריגסט פּעץ און פּון דיא טרעפּ אראָפּ
וועט ניט העלפּין רב און רעביצין און הירשילע מיטן הוילין קאָפּ.

בערוש. שווייגט בעסיר ר' משה, מע קען אייך שוין פּאר א שין בחור
גידיינקט איר ר' לייזערס עדות בפני ר' אברמצע און דעם זכר?**)

ר' לייזר. הערט איר רבי. עס איז שקר. נאר אום פּורים איז עס גישען
אין שכירות האט ער ר"ל דעם יונגען מאן תובע גיוועז.

ר' שכנא. עזות פּנים לייזערקע, דיא לונג איז טאקע גיוועז מיט א מכה
רבי, גלויבט מיר ער דארף זאגין אלע טאג דיא תפילה זכה.

ר"מ גאלאצער. שיכור. לייזערס טרייף און דיין כשר איז נאך ניט גלייך
שיכור, טרינקסט דאָך ווין און בראנפּין אלע טאג וויא א טייך.
נו זאג אליין קען א שיכור האבין הרגשה
אזוי פּיל מכות וויפּיל מאָל דוא מאכסט הדרסה.
נאָר אין מעלה האָסטו, נעלים איז ביי דיר גאָר ניט
אלפּים וואלסטו געבין פּאר שכרות און פּאר וואס מע טאר ניט.

משה שכנא. אבער דו גואף האסט דיין פּאַטרעט אין טלית אין אלע בתי זונות —
שלח מנות גישיקט פּאר אלטע חשבונות,
און פּון שכרות — וואס זאלין מיר נאך ריידין
דוא וואלגערסט דיך דאך שכור מיט אלע מיידין
ר' אברמצע מצפּת האט דאך דיין שחיטה גיאסירט כנבילה
און לייזערקו עסט נאך ווי א גוי. אוי א שיינע כלי!*)

הרב. גינוג גינוג, איר זאגט גיווים אמת מיט אייערע מעשים רעים
מיט אייך האט שוין דער יצר הרע גישריבין תנאים.

רמ"ג. אבער זאגט מיר רבי מיין צדיק ווי קוילעט איר עופות?
קענט ניט א דין ניט א חליף שטעלין, איז עס ניט א מופת?
דען אין שוטה מגיש, נו ווי קענט איר הרגשת הסכין האבין
הכל שוחטין חוץ מחשו"ק, איר שוטה דארפט זיך באגראָבין.

---

*) ר' יענקל ליטוואק האט גילעבט מוט זיין ווייב און איז ניט בהוגז גיוועזן מיטן ווייבס שוועסטער. פלוצים האט ער גיגט דאס ווייב און האט גינומן דיא שוועסטער און רבי בערוש האט מסדר קידושין גיוועזן בשם הרב. **) ר' לייזער האט מעיד גיוועזן בפני הרב מצפת והרב ר' אברמצע אז ר' ליזר האט אים תובע גיוועזן למז"ר בפורים. נאר מע האט גיפונין א זכות וויל ער איז גיוועזן שכור, האט מען אים גיאסרט טרינקען — נאָר ער טרינקט נאך עד דלא ידע.

*) ר' אברמצע האט גיאסרט שהיטת ר' משה כנבלה און ר' ליזר האט גישווארין ניט צו עסין משחיטתו, איצט עסט ער וויא א גוי.

הרב. ברוך הבא ר' חירשעלע! א שמול. גיך, זיצט הער שטיידער
איך וועל אייך דערציילין פֿון אונזערע שו־זטים כסדר.
ר' שבנא. ווייסט איר וויא דער רבי האָט אונס ערסט גינעבין?
ר' היר'. אבער ליידאקעס, איר דאַרפֿט דאך כושה האבין פֿארין רבין.
ר' שכנא. גלייכער ר' הירש איר זאלט זיך צווויסין אונז ניט מיסין
ניגוג אז מיר ווייסין, זאָל עס נאך דער רבי אויך ווסין?
ר' היר'. כלבים, איך ווייס אז איר זיינט גרויסע הינט אין שכורים
א עבירה מיט אייך דיא דבורים.
ר' שכנא. מיר זיינין שבורים, און דוא ביסט רצח נאוף וגנב
ע'כ האסטו דיא ברכה תהי לרא"ש ולא לזנ"ב.
אבער ניט א ראש חברה קדישא און א עק צו אלע צרות –
נאָר א פארך אפֿין קאפ און א צופֿילטין וכרות**)
ר' הירשלע. א שיינעס כבוד רבי, איר זיינט וויא זיי. אדיע!
אשת הרב. וואס האב איך דיר גיזאגט פֿון הירשעלין, זעה,
בענשט שוין, עס עקילט שוין צו הערין אייערע דרשות
ביי אייך האט דאס יידישקייט א שיינע מטשות
הרב. דיא רעביצין האָט רעכט, היינט ווערט הירשלע מיין קטיגור
ער איז אוועק צוקאכט, בלאס ווי א פגר.
רמ"ט. ~~קין זאָרג, מיר [illegible] ער טענשין~~
וועט איר נאך אין סטאמבול ווייבליך בענטשין.
הרב ואש'ה. דיא קוויטליך מיט סטאמבלער ווייבליך זיינין מיר מוחל אייך
פֿאר אייך איז דאס גישעפֿט זייער גלייך.
רמ"ג. גלייכער געלד פֿון א מקשה לילד און יונגע עקרות
איר מאכט אבער אָן מיט דיא גרושות צרות
ר' בערוש. גינוג, ביי לייטין האט מען שון לאנג הבדלה גימאכט
וואס לאכט איר פֿון גוטע יורען, זעהט אין באטראכט
מ"ש. רבי, ווידער גוטע פֿריינד! במקום שלום יחי ברכה
אויך פארך זאָל שלום מאכין, סע איז שוין מיין מלאכה.
מ"נ. הירשלין ברייננ איך וויא א חמור, ער איז דאך א גולם*)
נאָר ער שלאָפֿט איצט, ושינה לרשעים טוב להם וטוב לעולם.
ה"פ. ויהי בקר ויבוא. ר' הירשעלע איז למזל טאקע גיקומין
האט זיך פֿארענטפֿירט און דער רבי האט אים שיין צוגינימין.

דאָ אז אין נאנצין דאָ כמנין כלב, עס איז אפילו גאר ניט גינוג
נאר לאס בעדייטעט איך דייר ניט פֿון רב און א רביצין נאר פֿון א הונט און א ציג

---

*) פֿון א אונגליק רחמנא ליצלן.

ענדע.

פערזענלעכקייט־פּראָבלעמען פֿון אונטערוואַקסנדיקע אינדיאַנער

פֿון ד״ר דוד ראָדניק

מען האָט היפּש געשריבן וועגן די פערזענלעכקייט־פּראָבלעמען פֿון אונטערוואַקסנדיקע אימיגראַנטן פֿון צווייטן דור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אָבער מען האָט דעם פֿענאָמען באַהאַנדלט גיכער איזאָלירטערהייט אַנשטאָט צו רעכענען זיך דערמיט, אַז ענלעכע פּראָבלעמען קומען אויף אומעטום, ווו עס קומט פֿאָר אַ שאַרפֿער פּראָצעס פֿון קולטורבײַט. דער אימיגראַנט פֿון צווייטן דור — דאָס הייסט אַמעריקאַנער געבאָרענע קינדער פֿון אימיגראַנטן — איז ניט דער אײנציקער וואָס דאַרף איבערקומען פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן, ווען ער שטרעבט זיך צוצופּאַסן צו די צוויי קולטורן וואָס ריינגלען אים אַרום. כמעט די זעלביקע סיטואַציע זעען מיר בײַ די אינדיאַנער וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן אין די רעזערוואַציעס אין צפֿונדיקן טייל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. ווײַזט אויס, אַז אונטער ענלעכע באַדינגונגען פֿון דרוק, ווען יחידים זײַנען געצוווּנגען צו ווערן אַנדערש ווי זייערע עלטערן, האָבן די פּערזענלעכקייט־קאָנפֿליקטן אַ טענדענץ צו זײַן ענלעך, אַלץ איינס וועגן וואָס פֿאַר אַן עטנישער גרופּע אָדער וועגן וואָס פֿאַר אַ קולטורעלער מדרגה דאָ גייט. דאָס אייגענע קען מען זאָגן, אַז די פּערזענלעכקייט־קאָנפֿליקטן בײַ אימיגראַנטן־קינדער פֿון צווייטן דור זײַנען שטאַרק געגליכן צו קאָנפֿליקטן וואָס קומען אויף אין דאָרפֿישע געגנטן אין איבערגאַנג־תּקופֿות, און פּרינציפּיעל דאָס אייגענע געפֿינען מיר בײַ פּרימיטיווע וואָס פּרוּוון זיך צופּאַסן צו די מאָדערנע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען.

דעם טעזיס וויל איך דאָ דערווײַזן בנוגע עטלעכע אינדיאַנער שבֿטים, וואָס צווישן זיי האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו פֿירן פֿאָרשאַרבעט אַ לענגערע צײַט.

די שבֿטים, פֿון וועלכע דער אילוסטראַטיווער מאַטעריאַל איז גענומען, זײַנען די אַסיניבוינס און „בלעקפֿוט" אין שטאַט מאָנטאַנאַ און די פּאָטאַוואַטאַמי אין קאַנסאַס. די אַסיניבוינס און די בלעקפֿוט זײַנען צוויי שבֿטים פֿון די פּליינען, וואָס דער הויפּט־חילוק צווישן זיי איז אין שפּראַך; די ערשטע ריידן סו, די צווייטע אַלגאָנקווין. די פּאָטאַוואַטאַמי ווידער זײַנען אַ האַלב אַגריקולטורעלע גרופּע אינדיאַנער וואָס ריידן אַלגאָנקווין און וואָס זייער היים איז לכתּחילה געווען אין די געגנטן אַרום שיקאַגאָ.[1]

---

[1] מיט לאַטײַנישע אותיות שרײַבן זיך די נעמען פֿון די שבֿטים און שפּראַכן אַזוי: Assiniboine, Blackfoot, Potawatomi, Sioux, Algonquin.

די אַסיניבוינס און די בלעקפֿוט האָט מען אַריבערגעזעצט אויף זייערע רעזערוואַציעס אין די 80ער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט; די פּאָטאַוואַטאַמי זיצן אויף זייערע איצטיקע ייִשובֿים אַ ביסל איבער אַ הונדערט יאָר. ווען מיר זאָלן פּרוּוון אויסשטעלן אין אַ סדר, וועלכע פֿון די דרײַ גרופּעס ס׳האָט דורכגעמאַכט דעם גרעסטן קולטורבײַט, וואָלטן מיר בערך געשטעלט די אַסיניבוינס אויפֿן ערשטן אָרט, די בלעקפֿוט אויפֿן צווייטן און די פּאָטאַוואַטאַמי אויפֿן לעצטן.

די שינויים וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט כּדי אַרײַנצופּאַסן די קולטורן פֿון די דערמאָנטע דרײַ שבֿטים אין די מאָדערנע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען זײַנען געווען היפּש גרויס. בײַ קיין איינעם פֿון זיי איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן ניט געווען וויפֿל ניט איז ענלעך צו דעם דאָרפֿישן שטייגער לעבן, צו וועלכן מען האָט זיי געשטופּט. די קולטורעלע איבערבײַטן זײַנען געקומען איבער גוואַלד. אינדיאַנער רעליגיעזע טענץ זײַנען פֿאַרווערט געוואָרן דורך דער רעגירונג; אויך האָט מען אַרויפֿגעלייגט אַן איסור אויף אַלע עלעמענטן פֿון זייער קולטור וואָס זײַנען געווען אין סתירה מיט דער ווײַסער. אויף דער רעזערוואַציע פֿון די אַסיניבוינס האָט מען אַפֿילו מיט אַ יאָר 40 צוריק געסטראַשעט מיט אײַנזעצן אין תּפֿיסה די אינדיאַנער וואָס האָבן ניט אַנדערש געוואָלט גיין אין לאַנגע האָר. אינדיאַנער קינדער האָט מען אַרײַנגענומען אין שולן מיט אינטערנאַטן,[2] ווו זיי זײַנען געווען אין גאַנצן איזאָלירט פֿון טאַטע־מאַמע און קרובֿים, און פֿאַר ריידן אויף זייער היימישן לשון פֿלעגט מען שטרענג באַשטראָפֿן. בײַם אָפּשאַצן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט האָבן די רעגירונגס־באַאַמטע אויף די רעזערוואַציעס אויך געמאָסטן מיט די מאָסן פֿון די ווײַסע; דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז די יונגע אינדיאַנער וואָס האָבן געוואָלט אויסמײַדן שטראָפֿן האָבן אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פֿון די ווײַסע.

קיין חידוש ניט, אַז די דאָזיקע רעזערוואַציע־פּראָגראַם האָט גורם געווען אַ שאַרפֿן איבערבײַט אין דער פּערזענלעכקייט פֿון די אינדיאַנער. אין די צײַטן איידער מען איז אַרויף אויף די רעזערוואַציעס איז דער עיקר־ציל פֿונעם יחיד געווען, אַז דער שבֿט זאָל פֿון אים האַלטן; די הסכּמה פֿון דרויסנדיקע האָט ניט געשפּילט קיין שום ראָלע בײַ באַשטימען דעם מצבֿ פֿון אַ מענטשן. די אַסיניבוינס פֿלעגן דאָס אויסדריקן אַזוי:

„טו זאַכן וואָס זאָלן ברענגען דערצו, אַז דײַן אייגן פֿאָלק זאָל דיך האַלטן האָבן, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען זאָגן וועגן דיר נאָר גוטס. פֿאָלג און האָב ליב דײַנע עלטערן, ווײַל זיי זײַנען פֿאַראינטערעסירט אין מאַכן פֿון דיר אַ בכּבֿודיקן מיטגליד פֿונעם שבֿט... גיב אָפּ כּבֿוד דײַנע קרובֿים; אויב זיי נייטיקן זיך אין הילף, העלף זיי. צו

2 **Boarding schools.**

זײַן אַ גוטער מענטש מוזסטו זײַן אָנגענומען בײַ דײַן שבֿט, אַזוי אַז ער זאָל דיר אָפּצאָלן דורך ריידן בלויז גוטס וועגן דיר..."

הײַנטיקן טאָג קומט סאָציאַלע הסכּמה שוין ניט פֿונעם שבֿט, נאָר פֿון די ווײַסע. בנוגע אָנגענומענע אויפֿפֿיר־פֿורעמס גילט שוין ניט דער שטאַנדפּונקט פֿון טאַטע־מאַמע, קרובֿים אָדער גוטע־פֿרײַנד אינעם שבֿט, נאָר גיכער דער שטאַנדפּונקט פֿונעם סופּערינטענדענט אויף דער רעזערוואַציע, פֿון די באַאַמטע און פֿון די דערבײַיִקע ווײַסע. בײַ די יונגע וואָס זײַנען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין ווײַסע שולן און וואָס דער באַגריף פּראָגרעס מיינט פֿאַר זיי איבעררײַסן אין גאַנצן מיטן עבֿר איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַן עמאָציאָנעלע רעאַקציע קעגן אַלצדינג וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אינדיאַנערישקייט. אויף די פֿולבלוטיקע אינדיאַנער וואָס קלעפּן זיך נאָך אַלץ צום אויפֿפֿיר און צו די מינהגים פֿון פֿאַרגאַנגענע צײַטן קוקט מען ווי אויף אַלטפֿרענקישע איבערבלײַבענישן פֿון די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן אין דער אידיאַנער קולטור.

שולדגעפֿילן זײַנען אויסגעוואַקסן אין דער פּסיכיק פֿון די יִינגערע אינדיאַנער בנוגע אַלע קולטורעלע פֿאַקטן, וואָס מען קוקט אויף זיי ווי אויף טיפּיש אינדיאַנערישע. אַ שטייגער מען האָט אײַנגעקנעלט מיט די אינדיאַנער, אַז זייער גרעסטער חסרון איז, וואָס זיי צאָלן ניט זייערע געזעצלעך אָנגענומענע חובֿות, ווײַל בײַ די ווײַסע פֿירט זיך, אַז אַ חובֿ באַצאָלט מען. צי די דאָזיקע גענעראַליזאַציע איז ריכטיק אָדער פֿאַלש, איז פֿאַר דעם איינציקן אינדיאַנער אַלץ איינס, ווײַל ער געפֿינט אויס, אַז ער האָט ניט קיין געלט צו באַצאָלן זײַנע קרעדיטאָרן, איז זײַן ערשטע רעאַקציע — כּעס קעגן די באַדינגונגען וואָס האָבן געבראַכט דערצו, מען זאָל אויסגעפֿינען אין אים אַן אינדיאַנער שטריך. איז יענע אינדיאַנער וואָס האָבן אויפֿגעבויט אין זיך אַ רעאַקציע קעגן זייערע מיטברידער גרייסן זיך מיט זייער פּינקטלעכקייט אין צאָלן חובֿות, און ווען עמעצער וויל געבן צו פֿאַרשטיין זײַנע ווײַסע פֿרײַנד, אַז ער איז ניט ערגער פֿון זיי, וועט ער מאַכן אַ באַמערקונג, אַז ער איז אַן אינדיאַנער וואָס צאָלט יאָ זײַנע חובֿות.

שטרעבנדיק אַרײַנצופּאַסן דעם אינדיאַנער אין ווײַסן עקאָנאָמישן לעבן איז דער וואַשינגטאָנער Indian Office געווען געצוווּנגען צו צעברעכן אַ סך סימנים פֿונעם תּחילתדיקן משפּחה־לעבן. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קולטורבײַט איז דאָס טאַקע געווען וויכטיק; נאָר פֿאַרן יחידס געפֿיל פֿון צוגעהעריקייט האָט דאָס געהאַט האַרבע ווירקונגען. די רעגירונג האָט געהאַלטן, אַז ס'איז שווער צו אַנטוויקלען אין אַ מענטשן פּערזענלעכע איניציאַטיוו און אַ חשק אָנצוקלײַבן פֿאַרמעגן, אויב אַלע זײַנע אָרעמערע קרובֿים זאָלן זיך אַרײַנקלײַבן צוזאַמען מיט אים אין דער רעזערוואַציע און אויפֿעסן אַלץ וואָס בלײַבט בײַ אים איבער. ביז די רעזערוואַציע־צײַטן איז אַ גוטער מענטש געווען דער מענטש מיט אַ ברייטער האַנט. פֿאַרמעגן האָט געהאַט נאָר איין פֿונקציע: אַוועקגעגעבן צו ווערן, כּדי דער געבער זאָל דערגרייכן אַ גרעסערע

חשיבֿות. די מאָדערנע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿאָדערן אָבער, אַז דער אינדיאַנער זאָל טראַכטן וועגן שפּאָרן, ניט וועגן אויסברענגען. מען וואָרענט אים, אַז ער מוז שפּאָרן זײַן געלט אויף אויפֿצובויען אַ רעכטע היים, אויף אָפּצוצאָלן דער רעגירונג די הלוואות אויף זריעה און מכשירים און אויף צו פֿאַרזיכערן זיך, טאָמער מאַכט זיך אַ ניט־גערעטעניש אָדער טאָמער פֿאַרלירט ער זײַן פֿיך פֿון אַ טריקעניש. קומט אויס אַזוי, אַז דער אינדיאַנער וואָס פּרוּווט זיך צופּאַסן צו די אידעאַלן פֿון ווײַסן מיטלקלאַס רופֿט אַרויס קעגן זיך די פֿאַראַכטונג פֿון יענע יחידים וואָס זײַנען נאָך ניט אָנגערירט דורך די דאָזיקע „ווײַסע" לעבנסצילן, און אָפֿט מאָל ווערט ער ממש אַוועקגעשטעלט מחוץ למחנה.

דאָס וואָלט אפֿשר ניט געווען אַזוי שווער איבערצוטראָגן, ווען ניט דער פֿאַקט, וואָס מיט די ווײַסע איז נאָך אַזאַ אינדיאַנער אויך ניט פֿאַרטיק. די אינדיאַנער וואָס האָבן זיך אָפּגעזונדערט פֿון זייערע שבֿט־מיטברידער פּלײַסן זיך צו געפֿינען גוטע פֿרײַנד דערהויפּט צווישן די ווײַסע, זיי גיבן צו זייערע קינדער חשק צו געמישטע חתונות, אָבער פּאָרט דריקט אויף זיי אַ שטאַרקער געפֿיל פֿון פּחד, עס זאָל חלילה ניט געשען עפּעס וואָס זאָל אַוועקשטעלן אין סכּנה זייער סטאַטוס בײַ די ווײַסע אין די אויגן.

בײַ דעם רובֿ ייִנגערע אינדיאַנער אויף די רעזערוואַציעס פֿון די אַסיניבוינס און די בלעקפֿוט איז פֿאַראַן אַ בפֿירוש געפֿיל פֿון בושה, וואָס זיי זײַנען אינדיאַנער. דער העכסטער אידעאַל איז דער ווײַסער — וואָס דאָס מיינט גיכער אַ סימבאָל פֿונעם אַמעריקאַנער מיטלקלאַס איידער עפּעס אַ באַשטימטן ווײַסן יחיד. די שולן האָבן זיי געגעבן מינערקייט־געפֿילן דורך אונטערשטרײַכן, אַז אינדיאַניש מיינט דערונטערדיק. אַלץ וואָס האָט אַ דעה אויף דער רעזערוואַציע — דער סופּערינטענדענט, די ווײַסע באַאַמטע, די שולן — דערמאָנט דעם אינדיאַנער, אַז דאָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן קודם־כּל בכדי ניט צו דערלאָזן, אַז די אינדיאַנער זאָלן זײַן דאָס וואָס זיי זײַנען געווען. זייערע אונטערשיידן ווערן אונטערגעשטראָכן אַ סך מער איידער זייער געגליכנקייט צו די ווײַסע. אויף די גאַסן פֿון די שטעטלעך לעבן דער רעזערוואַציע וועלן די ייִנגערע אינדיאַנער זיך היטן ניט צו גיין צוזאַמען מיט זייערע פֿולבלוטיקע טאַטע־מאַמע, כּדי די ווײַסע, וועמען זיי קענען, זאָלן ניט זען, פֿון וואָסער משפּחה זיי וואַקסן. די ייִנגערע וואָס זײַנען אַוועק פֿון די רעזערוואַציעס צו אַרבעטן אין שטעט 100 ביז 200 מײַל ווײַטער גיבן איבער וועגן דיסקרימינאַציעס אַנטקעגן זיי, אָבער די גרעסטע פּחד־געפֿילן, זאָגן זיי, אַנטוויקלען זיך בײַ זיי, ווען זיי קערן זיך אום אַהיים. אין די שטעט, וווּ ס'זײַנען פֿאַראַן ווינציק אינדיאַנער באַגעגענען זיי זיך מיט ווײַסע און טראַכטן דערבײַ ניט דווקא וועגן זייערע גרופּנדיקע חסרונות; נאָר אויף דער רעזערוואַציע דיכט זיך יעדערן פֿון זיי, אַז דער ווײַסער גאַסט און דער באַאַמטער געפֿינט

אויס אין אים אַלע נעגאַטיווע שטריכן פֿון דעם עלטסטן אינדיאַנער וואָס גייט נאָך אום אין אַ קאָלדרע.

וווּהין דער אינדיאַנער זאָל זיך ניט קערן, שפּירט ער, אַז לגבי דעם ווײַסן איז ער אַ דערונטערדיקער, וואָרעם ער ווייס צו גוט, אַז ער לעבט אין אַ ווײַסער וועלט. זײַנע קינדער לייענען טעקסטביכער, פֿון וועלכע זיי ווערן געוואָר, אַז די אינדיאַנער זײַנען געווען „ווילדע״ פֿאַר די ערשטע ווײַסע אָנקומערס. די אינדיאַנער זײַנען אין די דאָזיקע ביכער אַ מין אונטערמענטשן, בשעת ווען די ווײַסע ווערן אויסגעמאָלט ווי די נאָבעלע אָנזאָגערס פֿון ציוויליזאַציע. שׂינאה צו די אינדיאַנער ווײַזט זיך אַרויס ניט נאָר אין די טעקסט־ביכער פֿון די שולן, נאָר אויך אין די שונדראָמאַנען וואָס די יונגע אינדיאַנער לייענען. די פֿילמען אין די קינאָען ענדיקן זיך אַלע מאָל מיט אַ נצחון איבער די „פֿאַררעטערישע אינדיאַנער״, וואָס זייער גרעסטער נחת איז געווען אַרומ־צורינגלען רײַטנדיק די בוידן פֿון די פֿריִיקע פּיאָנירן און שיסן אויף די אומשולדיקע פֿרויען און קינדער. און היות דעם מאָדערנעם אינדיאַנערס שטאַנדפּונקט בנוגע זיך אַליין איז כּמעט אין גאַנצן אָפּהענגיק פֿון די מיינונגען וואָס די מערהייט ווײַסע האָט וועגן אים, איז אים שווער אויפֿצובויען אין זיך געוויס שוץ קעגן די דאָזיקע דערמאָנונגען, אַז ער איז פֿון געבוירנהייט אָן גאָר עפּעס אַנדערש ווי די ווײַסע. נאָר ווען דער אינדיאַנער ווערט אָפּגעשטויסן דורך דער ווײַסער וועלט אַזוי אָפּט, אַז ער קען זיך שוין מיט איר ניט אידענטיפֿיצירן, וועט ער פּרוּוון צו באַרעכטיקן דעם עבֿר און צו גלאָריפֿיצירן דעם אַלט־געזעסענעם אינדיאַנער.

אַזוי זעען מיר צוויי זאַכן איינצײַטיק, הגם ס׳איז דאָ פֿאַראַן אַ סתירה: די טענדענץ פֿון אידענטיפֿיצירן זיך מיטן עבֿר גייט דוכט זיך האַנט אין האַנט מיטן פּראָצעס פֿון „ווערן ווײַסע״. צווישן די אידעאַלן וואָס די קולטור פֿון ווײַסן מיטלקלאַס מאָלט אויס און די געלעגנהייטן צו רעאַליזירן די דאָזיקע אידעאַלן אין פּראַקטישן לעבן איז פֿאַראַן גאָר אַ גרויסער מהלך. אַ סך יונגע אינדיאַנער געפֿינען אויס, אַז דאָס וואָס זיי זײַנען מוכן־ומזומן זיך איבערצו־בײַטן איז ניט גענוג אַרײַנצופֿירן זיי אין דער ווײַסער געזעלשאַפֿט. ברענגט דאָס דערצו, אַז טייל פֿון זיי פּרוּוון אידענטיפֿיצירן זיך מיטן עבֿר און גלאָריפֿיצירן אַלץ וואָס איז אינדיאַנעריש. אָבער, ווי איך פֿאַרשטיי, איז דאָס מערניט אַ קאָמפּענסאַציע פֿאַר דעם פֿאַקט, וואָס זיי קענען ניט ווערן קיין טייל פֿון דער ווײַסער קולטור. אַ סך פֿון זיי נעמען בענקען נאָך אַ תּקופֿה וואָס איז קיין מאָל ניט געווען, און דער קאָנטראַסט צווישן דער דאָזיקער אויסגעטרוימטער קולטור און די האַרבע רעאַליטעטן פֿון לעבן איז עלול צו מאַכן זיי פֿאַרביטערט און צו מאַכן זיי קוקן אויף די ווײַסע מיט חשד.

כּמעט אַלע ווערן זיי שטאַרק שפּירעוודיק; און זייער אויפֿפֿיר איז אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין פֿאַרלויפֿן דעם וועג, ווײַל זיי ווייסן שוין פֿון פֿאָרויס, אַז דער ווײַסער קוקט אויף זיי מיט ביטול. אַזוי ווי זיי האָבן איבערגענומען דעם

ווײַסן שטאַנדפּונקט לגבי די אינדיאַנער, איז דער קאָנפליקט" גיכער אין זיי גופא ווי צווישן זיי און די ווײַסע. דורכגעפאַלן ווידער און אָבער אַ מאָל, זײַנען זיי כסדר אַזוי ווי אָנגעשפּיצט, טאָמער גייט מען זיי דאָ ווידער פּוגע־בכבוד זײַן. און היות זיי מוזן אָפּגעבן אַ היפּשן טייל פון זייער צײַט אויף באַציִונגען מיט די ווײַסע רעזערוואַציע־באַאַמטע, ווערן די דאָזיקע באַאַמטע די כּלי, אין וועלכער עס גיסט זיך אויס זייער גאַנצע ביטערניש קעגן די ווײַסע. דער סוף איז, אַז איר קענט ניט געפינען קיין שום גרופּע ווײַסע מיט שטאַרקערע פאָראורטיילן קעגן די אינדיאַנער ווי די וואָס אַרבעטן אויף דער רעזערוואַציע: דער באַאַמטער האַלט אין איין ווײַזן דעם אינדיאַנער, אַז ער איז דער גרעסערער יחסן און אַז ער ווייס בעסער, און דער אינדיאַנער ווידער צאָלט אָפּ מיט אומפרײַנדלעכקייט און כּעס. דער גרעסטער טייל ייִנגערע אינדיאַנער האָבן טאַקע געפילן פון מינערקייט, אָבער קיין סטאַטוס פון זײַן נידעריקער איידער די ווײַסע ווילן זיי ניט אָננעמען.

בײַ קולטורעלע איבערגאַנגען פון דעם מין לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז צווישן טאַטע־מאַמע און קינדער זײַנען פאַראַן היפּש קאָנפליקטן. די אַסימי־לירנס האָבן דורכגעמאַכט אַ גרעסערן איבערבײַט, זײַנען דעריבער די קאָנ־פליקטן בײַ זיי שאַרפער איידער בײַ די אַנדערע צוויי שבֿטים וואָס מיר האָבן דערמאָנט.

איך וואָלט געזאָגט, אַז דער קאָנפליקט צווישן אַלט און יונג האָט זײַן באַזיס אין דער קאָנקורענץ פאַר סטאַטוס. אין די צײַטן ביז דער רעזער־וואַציע זײַנען די אַלטע געווען די עצה־געבערס פונעם שבֿט, די קוואַלן פון חכמה און די לעצטע פּוסקים וועגן מינהג און ריטואַל. דער מאָדערנער קולטורעלער איבערבײַט האָט צוגענומען בײַ די עלטערע פּאָלבלוטיקע יעט־ווידער חשיבֿות. די קולטור וואָס גיט הײַנט פּרעסטיזש איז די ווײַסע מיטל־קלאַס־קולטור, וואָס אין איר האָבן אַלטע לײַט אַ גאַנץ קנאַפּע ווערדע. דער ווײַסער שטאַנדפּונקט וואָס איז איבערגענומען געוואָרן איז געבויט אויף דער הנחה, אַז דער אַלטער ווייס אַ סך ווייניקער ווי דער יונגער וועגן די אידעאַלן און צילן פון דער נײַער קולטור. דאָס ווייסן וואָס פאָדערט זיך הײַנט איז שייך צו מאַשינעריע, צו האָדעווען פיך אויף אַ פאַכמענישן שטייגער, צו די אײַנפירן פון דער ווײַסער וועלט. בײַ פרויען שטייט אויפן ערשטן פּלאַן ביזגעבורטיקע פאַרזאָרגונג, וויסנשאַפטלעכע דיעטע און דאָס אויפציִען קינדער אויף אַ געהעריקן אופן; און דאָס שפּילט פּונקט אַזאַ ראָלע אין לעבן פון די ייִנגערע אינדיאַנער ווי אין די שטעט און אויף די פאַרמס מחוץ דער רעזערוואַציע. דער מאָדערנער שפּיטאָל מיטן שטענדיקן דאָקטער האָט אַרויס־געשטופּט די אינדיאַנער הייבאַם, דעם מעדיצין־מאַן און דעם רופא מיט די קרײַטעכצער. די אַלטע גלייבן נאָך אַלץ אין רעליגיעזע הייל־צערעמאָניעס, אָבער בײַ די ייִנגערע אינדיאַנער איז דאָס אײַנריידענישן און זאַבאַבאָנעס. ווי באַלד אַזוי האָבן זיך די יונגע צוגעווינט צו קוקן אויף די אַלטע פון

אויבן אַראָפּ. ניט די יונגע לערנען זיך בײַ די אַלטע, נאָר פֿאַרקערט. און פּונקט אַזוי ווי די רעזערוואַציע־באַאַמטע פּרוּוון איבערמאַכן די יונגע דורך די שולן און דורך סאָציאַלן דרוק, אַזוי פּרוּוון די יונגע בײַטן דעם אויפֿפֿיר און די געדאַנקען פֿון זייערע עלטערן דורך איבערגעבן זיי די נײַע תּורה.

ניטאָ קיין טראַגישערע ראָלע ווי די ראָלע פֿון די אַלטע לײַט אויף דער רעזערוואַציע. ניט די יונגע האָבן פֿאַר זיי דרך־ארץ, ניט די ווײַסע באַאַמטע לייגן כּבֿוד אויף זיי. דער שבֿט־ראַט שטעלט זיך איצט צונויף פֿון יונגע גראַדויִרטע פֿון פֿאַלקשולן און מיטלשולן, וואָס זיי זײַנען צום נאָענטסטן צו דער ווײַסער קולטור. די אַלטע, די טרעגערס פֿון דער טראַדיציע, בלײַבן אין דער זײַט. אין זייער פֿאַרצווייפֿלונג פּרוּוון אַ סך אַלטע לעבן אַזוי ווי ס'וועלן די קולטור פֿון ביז דער רעזערוואַציע וואָלט נאָך אַלץ געבליט.

אויף דער רעזערוואַציע פֿון די אַסיניבוינס האָבן די עלטסטע פֿונעם שבֿט מיט אַ יאָר 20 צוריק אײַנגעגעבן אַ תּבֿיעה קעגן דער רעגירונג פֿון די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן פֿאַר היזקות פֿון אַ ניט־דורכגעפֿירטן אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט די אינדיאַנער אין 1851. אין משך פֿון די לעצטע צען יאָר האָט דער אָפֿיציעלער שבֿט־ראַט, וווּ ס'זיצן די יינגערע, איבערגע־נומען צו פֿירן דעם ענין; אָבער ניט געקוקט דערויף לאָזן די אַלטע ניט אָפּ און פֿירן כּלומרשט ווײַטער דעם געריכט־פּראָצעס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק. קיין דעה אויפֿן הײַנטיקן לעבן האָבן זיי ניט; האָבן זיי אויסגעבויט אַ וועלט פֿון אָנשטעל, באַזירט אויפֿן שניט פֿון זייערע קינדערשע יאָרן, כּדי זיי זאָלן כאָטש אויף צו פֿלײַסנס האָבן דאָס געפֿיל, אַז זיי זײַנען נאָך אַלץ מנהיגים און דעה־זאָגערס פֿונעם שבֿט. איין מאָל זײַנען אויף דער רעזערוואַציע געקומען אַרומפֿאָרנדיקע באַאַמטע פֿון דעם פֿעדעראַלן „אינדיען אָפֿיס" און האָבן מיט דעם שבֿט־ראַט אַרומגערעדט באַריכות עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פֿונעם שבֿט. ווען די זיצונג איז געווען געענדיקט, זײַנען צו די באַאַמטע צוגעגאַנגען פֿאָרשטייערס פֿון די אַלטע און געבעטן, זיי זאָלן קומען צו זיי אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אַרומצורייִדן די באַדערפֿענישן פֿונעם שבֿט. דאָס גאַנצע איז געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל, אָבער די אַלטע האָבן הנאה געהאַט פֿון אַזאַ מין כּמו־באַראַטונג אויך, ווײַל דאָס האָט זיי געגעבן אַ געפֿיל, אַז די דעה איז נאָך אַלץ בײַ זיי און אַז זיי טוען וואָס זיי קענען פֿאַרן וווילזײַן פֿון זייער קאָלעקטיוו.

אין דער מאָדערנער רעזערוואַציע קען זײַן אַ פֿירער נאָר דער וואָס פֿאַרשטייט פּאַרלאַמענטאַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעדורן. ווײַטער מוז מען האָבן אַ השגה וועגן דעם אופֿן פֿון אַרבעטן פֿון „אינדיען אָפֿיס" און פֿון קאָנגרעס, כּדי מען זאָל קענען דורכשטופּן געזעץ־געבונגען לטובֿת די אינ־דיאַנער. און מער ווי אַלץ מוז מען זײַן באַקאַנט מיט פֿאַרקויף־טעכניק, ווײַל דער גרעסטער טייל רעזערוואַציעס אויף די גרויסע פּליינען איז דער עיקר פֿאַרנומען מיט האָדעווען פֿיך און זייער הכנסה קומט פֿון פֿאַרקויפֿן פֿיך.

אַנטקעגן די אַלע פאָדערונגען שטייט דער אַלטער פּולבלוטיקער אינדיאַנער אַ נאַיִווער און אַן אָפּהענטיקער. אַ סך פון זיי ווייסן ניט, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט, ווײַל זיי טראַכטן נאָך אַלץ אויפן אַלטן שטייגער. זייער גאַנג קען מען צום בעסטן אַרויסזען פון אַזוינע רייד:

„מיר בעטן, מען זאָל זאָגן דעם קאָנגרעס, אַז מיר וואָלטן וועלן האָבן אַזוי פיל קאַנווע, מיר זאָלן קענען לעבן אין אינדיאַנערשע טיפּיס [געצעלטן פון פעל אָדער פון שטאָף]. דאָרטן וואָלטן מיר זיך געשפּירט מער היימיש און ס'וואָלט אונדז געווען היימלעכער און בעסער. אַזוי ווילן מיר לעבן [איצטער וווינען די אינדיאַנער אין שטיבלעך פון ברעטער אָדער קלעצער]."

„אַלע אינדיאַנער האָבן זייערע אייגענע רעליגיעס. דורך די דאָזיקע רעליגיעס האָבן זיי אויפגעצויגן זייערע קינדער, זיי זאָלן זײַן גליקלעך און גוט. ווען די קירך פונעם ווײַסן מאַן איז אַרײַנגעקומען אין אונדזער רעזערוואַציע, האָט די אַגענטור געבראַכט די אינדיאַנער דערצו, זיי זאָלן ניט גיין אויף אונדזערע אייגענע רעליגיעזע צערע־מאָניעס. איר זעט, וואָס ס'איז געשען. די אינדיאַנער זײַנען געוואָרן שוואַך אין געזונט, און איצט שטאַרבן זיי גיך אויס. ניט לאַנג סך־הכּל האָבן זיי אונדז אומגעקערט דעם זונענטאַנץ [די וויכטיקסטע רעליגיעזע צערעמאָניע פונעם יאָר], אָבער דאָס פאַרהיט אונדז ניט פון שטאַרבן."

„לאַנג איידער דער ווײַסער מאַן איז געקומען האָבן די אינ־דיאַנער געלעבט גליקלעך. פון דעם מאָמענט וואָס אַ קינד האָט געקענט ריידן איז די דערציִונג געווען אַזאַ, אַז דאָס קינד פלעגט קיין שום שלעכטס ניט טאָן. איצט איז געקומען דער ווײַסער מאַן און מיינט, אַז מיר ווייסן גאָרניט, אָבער ער האָט אַ טעות."

„געווילד איז אויך געווען בשפע אין אונדזערע טעג. מיר האָבן געהאַט אַ סך צו עסן און מיר זײַנען געווען גליקלעך. איצטער האָבן מיר גאָרניט און ס'איז אַ שווער לעבן. און אַזוי לאַנג ווי מיר קענען געדענקען האָבן מיר קיין מאָל קיין שטײַערן ניט געצאָלט. מיר ווילן איצטער אויך קיין שטײַערן ניט צאָלן און מיר ווילן ניט קיין שטײַערן אויף אונדזער לאַנד..."

דאָס איז דאָס שוואַנען־געזאַנג פון די אַלטע: דער עבֿר איז די גאָלדענע תּקופֿה, דער עתיד איז אומזיכערקייט און אָפּקומעניש. דאָס ברענגט דערצו, אַז בײַ די עלטערע אינדיאַנער האָט זיך אַנטוויקלט ניט קיין קלענערע מורא פאַר די יונגע וואָס דערמאָנען זיי וועגן עתיד, ווי פאַר די אַרומיקע ווײַסע וואָס שטרײַכן אונטער די קולטורעלע דערונטערדיקייט פון די אינדיאַנער. אָט איז אַן אינצידענט וואָס האָט געטראָפן אויף איינער פון די רעזערוואַציעס.

די אַלטע האָבן געהאַט אַ רעליגיעזע צערעמאָניע אין דעם טאָג פֿאַר דער פֿײַערונג פֿון 4טן יולי. פֿיר בחורים אין עלטער פֿון 14 ביז 18 זײַנען געשטאַנען מחוץ דעם שולצימער, ווו די פֿײַערונג איז פֿאָרגעקומען, און אַרײַנגעוואָרפֿן פּעטאַרדעס וואָס האָבן אויפֿגעריסן לעבן די פֿיס פֿון די אָנטייל־נעמערס. ווען איינער פֿון די אַלטע איז אַרויס זאָגן די בחורים מוסר, האָט איינער פֿון זיי, אַ 15יאָריקער, געגעבן אַ געשריי: „טראָג זיך אָפּ, דו אַלטער אינדיאַנער! וואָס ווייסטו? ביסט מערניט ווי אַ ווילדער אין דײַן הירשן־לעדער [אינדיאַנער קליידונג]!"

דער אינדיאַנער יונג וואָס האָט אויף דעם אופֿן באַליידיקט דעם אַלטן מאַן איז דאָ ניט געגאַנגען אויף די טראַדיציאָנעלע וועגן; ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט אַזוי ווי דער ווײַסער בחור וואָס איז אײַנגעוווינט, אַז אַן אַלטן אינדיאַנער מעג מען אָנקומען גראָב. מען קען דאָ גוט אַרויסזען, ווי אַזוי די ווײַסע קולטור האָט צוגענומען בײַ די יונגע די עיכּובֿים פֿון רעוואָלט. און טאַקע אַזוי, בכדי עס זאָל פֿאָרקומען אַ קולטורבײַט, מוזן די יונגע רעוואָלטירן קעגן די אַלטע.

פֿון דער אַנדערער זײַט איז דער גרעסטער טייל יונגע אינדיאַנער אויפֿן האַלבן וועג: אי פֿון דרויסן נעמען זיי אָן די אינדיאַנער משפּחה־פֿורעמס, אי אין זיי שטעקט אַ טענדענץ צו רעוואָלטירן און אויף אַזאַ אופֿן צו ווערן אָנגענומען בײַ די ווײַסע. אַ בײַשפּיל איז אַ 30יאָריקער טרײַבער פֿון אַ משאַ־אויטאָ, וואָס האָט געליטן פֿון שטאַרקע שולדגעפֿילן אין רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיקן קאָנפֿליקט. כאָטש ער איז געווען אַ פֿירער פֿון דער „פּראָגרעסיווער" גרופּע אויף איינער פֿון די רעזערוואַציעס, איז ער אַלע מאָל געווען פֿון די גאָלדענע קינדער. ביז 20 יאָר פֿלעגט ער אָנטייל נעמען אין אַ סך ענינים פֿון דעם אַלטן אינדיאַנער שניט. ווי נאָר זײַנע עלטערן זײַנען געשטאָרבן האָט ער זיך אָפּגעריסן פֿון די „קאָנסערוואַטיווע" פּירונגען און געפּרוּווט איבערבויען זײַן לעבן אויפֿן ווייסן שניט. הגם ער האָט ווינציק וואָס געהאַט צו טאָן מיט די עלטערע מענטשן, פֿלעגט ער אָפּגעבן אַ היפּש ביסל צײַט אויף אויסצוזוכן אַלטע אינדיאַנער, ווען די באַאַמטע וואָלטן געדאַרפֿט העלפֿן. וואָס שייך צו אים אַליין, פֿלעגט ער באַלד אַראָפּפֿאַלן בײַ זיך, ווען ער פֿלעגט זען, אַז די ווײַסע זײַנען פֿון אים ניט צופֿרידן. דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן צײַט פֿלעגט ער אָפּגעבן אויף יאַדען זיך, צי וועט מען ניט פֿון דעם אָדער יענעם שטריך אין זײַן אויפֿפֿיר דרינגען, אַז ער איז נאָך אַלץ אַן אינדיאַנער פֿון די פּראָסטע. ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן אין די שטעטלעך מחוץ דער רעזערוואַציע, האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן זײַן אינדיאַנערישקייט, און ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער טוט עפּעס קרום, וועט די ערשטע רעאַקציע זײַן: „מילא, אויף וואָס דען האָט איר זיך געריכט פֿון אַ נאַרישן אינדיאַנער!". אין זײַן אַרבעט ווי אַן אויטאָ־טרײַבער איז ער געווען אַ האָר צו געוויסנדיק, גלײַך ער וואָלט וועלן

ווײַזן יענעם און זיך, אַז ער איז ניט אַזוי ווי אַנדערע אינדיאַנער, ער איז ניט קיין פּויליאַק.

די פּראָבלעם, וואָס פֿאַר איר שטייען די אַלע אינדיאַנער, איז: ווי אַזוי נעמט מען אויס? אַפֿילו ווען די שבֿטים זײַנען צעשפּאָלטן אין גרופּעס וואָס קריגן זיך איינע מיט דער אַנדערער, קומען די חשיבֿות־ווערטונגען מער פֿון די ווײַסע ווי פֿונעם שבֿט, און טאָמער פֿאַלט מען דורך בײַ די ווײַסע, איז די אָפּקומעניש אַ סך גרעסער. אין די רעזערוואַציעס וואָס איך האָב גענומען פֿאַר דוגמאות איז די מאַכט פֿונעם שבֿט שוואַך ביז גאָר, וואָרעם זײַנע סאַנקציעס האָבן מער האַפֿט בײַ די אַלטע ווי בײַ די יונגע.

מען מוז באַמערקן, אַז די אַלע פּראָבלעמען פֿון קולטורבײַט זײַנען אַ סך מער טיפּיש פֿאַר די אינדיאַנער אין צפֿונדיקן טייל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן איידער פֿאַר די פּועבלאָ, זוני, האָפּי און נאַוואַהאָ [3] אין דרום־מערבֿ. די דאָזיקע פֿיר גרופּעס זײַנען ווייניק אָנגערירט געוואָרן דורכן אַריבערגיין אויף די רעזערוואַציעס, ווײַל זייער לעבן־שטייגער האָט זיך אַ סך ווינציקער געבראָכן. זיי שטייען איצטער אויף זייערע אייגענע פֿיס פּונקט אַזוי ווי פֿריִער. זיי קולטיווירן זייער אייגענע שפּײַז, זיי וועבן זייערע אייגענע קליידער און מאַכן זייערע אייגענע מכשירים. איז זיי דעריבער געראָטן אײַנצוהאַלטן זיך אַ סך מער איזאָלירט פֿון דער ווײַסער השפּעה איידער די פֿריִער באַשריבענע דרײַ שבֿטים פֿון די גרויסע פּליינען. הגם די פֿיר גרופּעס האָבן אָנגענומען די רעזערוואַציע־סיסטעם מיט אַ יאָר 60 צוריק, האָט דאָס ניט מיטגעבראַכט פֿאַר זיי קיין מצבֿ פֿון דערנידעריקייט. זייערע קולטורן פֿונקציאָנירן ווײַטער, סאָציאַלע סאַנקציעס זײַנען נאָך אַלץ בײַם שבֿט אין די הענט. אַ דאַנק זייער בריהשקייט אין וועבן טעפּעכער און אין אויסאַרבעטן טעפּערוואַרג און זילבערוואַרג זײַנען זיי זייער חשובֿ בײַ די ווײַסע. זיי האָבן די זעלביקע כאַראַקטעריסטישע סימנים ווי די שבֿטים וואָס אויף צפֿון, אָבער שרײַבערס, קינסטלערס און אַנטראָפּאָלאָגן האָבן זיי אײַנגעוויקלט אין אַ שלייער פֿון סענטימענטאַלקייט. דער רעזולטאַט איז, אַז די דאָזיקע ווײַסע פֿלײַסן זיך אָפּצוזונדערן זיי פֿון די שינויים וואָס מוזן דאָך קומען פֿון דרויסן, צי מען וויל צי ניט. ווײַטער דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז די ווײַסע קוואָפּען זיך ניט אויף זייער לאַנד, ווײַל זיי לעבן אין דאַר־טרוקענע געגנטן, און דאָס האָט מער ווי וואָס ס'איז געהאָלפֿן די דאָזיקע שבֿטים אויפֿצוהיטן זייערע קולטורן אין דער ווײַסער אַרומרינגלונג. באמת, די דאָזיקע שבֿטים זײַנען די בעסטע טוריסטישע אַטראַקציעס פֿאַר די ווײַסע פֿון ניו־מעקסיקע און אַריזאָנע.

אין די פֿריִערדיקע יאָרן האָט דער „אינדיען אָפּיס" געשטרעבט צו מאַכן אַ סוף צו די קולטורן פֿון די דאָזיקע שבֿטים. די איצטיקע טענדענץ איז צו אַרבעטן אין די ראָמען פֿון די קולטורן. פֿאַר דער נאַוואַהאָ־שפּראַך איז

3 Pueblo, Zuni, Hopi, Navajo.

צוגעקלערט געוואָרן אַ נײַער אַלפֿאַבעט, און גאָר בקרובֿ וועט מען אָנהייבן געבן די דאָזיקע אינדיאַנער שולבילדונג אין זייער מוטערשפּראַך. די תּחילתדיקע עקאָנאָמישע יסודות זײַנען ווי ווײַט מיגלעך אויפֿגעהיט געוואָרן, און די טענ־דענץ פֿונעם „אינדיען אָפֿיס" איז גיכער אויסצובעסערן איידער איבערצובײַטן.

מען קען זאָגן, אַז דער חילוק אין באַגיין זיך מיט די אינדיאַנער פֿון די צפֿונדיקע פּליינען און מיט די אינדיאַנער פֿון דרום־מערבֿ וואַקסט אָט פֿון וואָס: די ערשטע זײַנען אָפּהענגיק פֿון דער רעגירונג, פֿאַרשטערן זיי דערמיט דאָס געוויסן פֿון די ווײַסע, און דער סוף איז, אַז זיי האָבן ווינציק גוטע־פֿרײַנד וואָס קענען זיי העלפֿן. אין דרום־מערבֿ איז אַנדערש: די דאָר־טיקע אינדיאַנער קענען נאָך אויסגעניצט ווערן ווי טוריסטישע אַטראַקציעס און ווי דוגמאות פֿון אינדיאַנער וואָס זײַנען ניט געוואָרן „דעקאַדענט" דורך דעם קומען פֿון די ווײַסע.

צום סוף לאָמיך נאָך אַ מאָל אונטערשטרײַכן, אַז אומעטום ווו קולטור בײַט זיך מיט אַן אימפּעט שטייען אויף פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען פֿיל־ווינציק פֿון איין שניט. די אינדיאַנער פֿון דרום־מערבֿ האָבן ווינציק וואָס געדאַרפֿט בײַטן אין זייער קולטור אין משך פֿון די לעצטע 60 יאָר. דעריבער שטאַמען די פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען בײַ זיי פֿון זייערע לאַנגיאָריקע אויפֿפֿיר־פֿורעמס. בײַ די אינדיאַנער פֿון די צפֿונדיקע פּליינען איז דער קולטורבײַט געווען אַ שאַרפֿער, און די שבֿטים האָבן ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט אײַנצו־היטן וועלכע ס'איז טיילן פֿון זייער תּחילתדיקער קולטור. דערפֿון נעמט זיך, וואָס ביי די אינדיאַנער פֿון די צפֿונדיקע פּליינען דערזעען מיר מיט אַ מאָל ענלעכע פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען ווי בײַ ייִדן, איטאַליענער און אַנדערע אימיגראַנטן־קינדער, וואָס פֿאַר זיי האָט אַמעריקאַניזירונג פּאַקטיש געמיינט דאָס איבערנעמען מיט האַק און פּאַק ניט נאָר די קולטור, נאָר אויך דעם ש ט אַ נ ד פּ ו נ ק ט פֿון דעם שטאָטישן און פּראָטעסטאַנטישן הי געבוי־רענעם מיטלקלאַס.

שמואל לעהמאַן

(1941-1886)

אין אויגוסט איז אין וואַרשע געשטאָרבן דער פֿאָלקלאָריסט שמואל לעהמאַן. עס איז געגוג סימפּטאָמאַטיש פֿאַר אונדזערע צײַטן, אַז דערווײַל איז שווער פֿעסטצושטעלן געגוי דעם טאָג, ווען ער איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון אונדזערע רייען.

לעהמאַן איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע דעם 22טן אָקטאָבער 1886. ער האָט געשטאַמט פֿון אַן אָרעמער משפּחה. טיף אײַנגעוואָרצלט אין דעם לעבן פֿון די „נידעריקע שיכטן" פֿון וואַרשע, האָט ער נאָך ייִנגלווײַז אַרויס־געוויזן אַן אינטערעס פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקלאָר. אין 1902 האָט ער שוין אָנגע־הויבן צו פֿאַרשרײַבן לידער און גלײַכווערטלעך וואָס ער האָט געהערט אין וואַרשע. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע ניט־פֿאַרשריבענע ליטעראַטור איז מער אָנזעעוודיק אויף דער פּראָווינץ, ווו די השפּעה פֿון געדרוקטן וואָרט איז ניט אַזוי שטאַרק. אין 1910 האָט ער באַזוכט איבער 50 שטעט און שטעטלעך און פֿאַרשריבן זייער פֿיל וואָס ס'איז אים אויסגעקומען צו הערן. אין 1912 האָט ער צוזאַמען מיט נח פּרילוצקין אַרויסגעגעבן די „זאַמלביכער פֿאַר ייִדישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע", ווו ער האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט (צוזאַמען מיט פּרילוצקין) אַ גרויסע זאַמלונג ייִדישע שפּריכ־ווערטער, גלײַכווערטלעך, רעדנסאַרטן און צונעמענישן ווענגן לענדער, געגנטן, שטעט און שטעטלעך. אין 1914 האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן זײַנע אַ גרעסערע אַרבעט, אויך צוזאַמען מיט פּרילוצקין, וועגן ייִדישע פֿאַרגלײַכענישן. זי איז געווען אין גאַנצן אויסגעזעצט, אָבער צוליב דער מלחמה האָט זי קיין מאָל ניט דערזען די ליכטיקע שײַן.

די מאַטעריאַלן וואָס לעהמאַן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנען: „קרימינעלער" פֿאָלקלאָר (גנבֿים־לידער און מעשׂיות), מלחמה־פֿאָלקלאָר און לידער פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905.

טעאָרעטיש ניט געשולט, האָט לעהמאַן סימפּליפֿיצירט דעם באַגריף פֿאָלקלאָר. אַלץ וואָס דאָס פֿאָלק זינגט אָדער דערציילט האָט ער צוגערעכנט צום פֿאָלקלאָר און אויף אַזאַ אופֿן אַרײַנגענומען אין זײַנע זאַמלונגען אַ סך איבערבלײַבענישן פֿון אַן אָנגעשריבענער ליטעראַטור, וואָס זײַנען מיט דער צײַט אַרײַן אין פֿאָלק, „צעזונגען" געוואָרן אין פֿאַרשיידענע קינסטלעך צוזאַ־

מענגעשטוקטעוועטע סטראָפֿעס אָדער פֿאַראַפֿראַזירט געוואָרן טייל מאָל אויף אַן אומגעלומפּערטן אופֿן פֿון די בדחנישע לידער־שרײַבערס. זײַן ענטוזיאַזם פֿאַר פֿאָלקלאָר איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ניט געוואָלט פּסקענען אַליין, וואָס ס'איז עכט און וואָס ס'איז אימיטאַציע אין די שאַפֿונגען וואָס די ייִדישע גאַס זינגט: ווי באַלד די דאָזיקע לידער האָבן ניט אָדער די זינגערס ווייסן ניט, אַז זיי האָבן אַ מחבר — איז שוין דאָס פֿאָלקלאָר.

לעהמאַן איז געקומען שוין נאָך דעם ווי מען האָט טעאָרעטיש געהאַט דעבאַטירט וועגן דעם מהות פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד. אים איז דאָס אַלץ געווען אומבאַקאַנט, אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל די דאָזיקע דיסקוסיעס האָט מען סוף 19טן י"ה ניט געפֿירט אויף ייִדיש. ער האָט אָבער אויך ניט באַלד זיך באַקענט מיט י. ל. כּהנס גלענצנדער אַרבעט וועגן פֿאָלקסליד, וואָס איז אַרויס אין 1910.

מיט אַ חסידישן עקסטאַז האָט ער געזאַמלט אַלץ און אויף אַזאַ אופֿן געראַטעוועט אַ סך ווערטפֿולע מוסטערן פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר. כּהן האָט אין זײַן רעצענזיע אויף לעהמאַנס „אַרבעט און פֿרײַהייט", לידער פֿון דער רעוואָ־לוציע פֿון 1905 (זע: פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ו, זז' 139־154) געוויזן, וועלכע טיילן פֿון דער זאַמלונג זײַנען באמת עכט און ווערטפֿול.

לעהמאַן האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שטאַרקערע ליבע צו איין געביט פֿון ייִדישן פֿאָלקסשאַפֿן. ער האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס ס'איז אים אויס־געקומען צו הערן פֿון פֿאָלקסמויל.

דאָס וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט איז נאָר אַ קליינער טייל פֿון דעם וואָס ער האָט מיט גרויס לײַדנשאַפֿט געזאַמלט. אַ סבֿרא, אַז אַ סך איז אין גאַנצן חרובֿ געוואָרן אין די גרויזאַמע טעג פֿון דער באַלעגערונג פֿון וואַרשע. עס איז גאָר אַ גרויסער אָנווער, ווײַל ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ לעבן ס'וועט אויפֿקומען נאָך דער מלחמה אויף יענע טעריטאָריעס, וווּ לעהמאַן האָט גע־זאַמלט זײַן פֿאָלקלאָריסטישן רוישטאָף.

אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק וועט אָבער זײַן נאָמען בלײַבן אײַנגעקריצט ווי אַ מוסטער פֿון אַן אויטאָדידאַקט־זאַמלער פֿון דעם אַלעם וואָס דער ייִדישער פֿאָלקסמענטש האָט געזונגען און דערציילט. ער, דער זאַמלער, האָט זיך מיט זײַן גאַנצן מהות אידענטיפֿיצירט מיטן פֿאָלקס־מענטש, ווײַל ער האָט געשפּירט דעם גרויסן ווערט פֿון דער דאָזיקער שאַפֿונג פֿאַר דער פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסלעבן.

שמואל לעהמאַנס וויכטיקסטע אַרבעטן

[1] ייִדישע שפּריכווערטער, גלײַכווערטלעך, רעדנסאַרטן און צונעמענישן וועגן לענדער, געגנטן, שטעט און שטעטלעך [מיט נח פּרילוצקין]. אין: פּרילוצקיס זאַמלביכער פֿאַר פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע, ו, 1912, זז' 9-87 [1061 נומערן].

[2] יִדישע פֿאַרגלײַכענישן [צוזאַמען מיט פּרילוצקין]. וואַרשע 1914. [אויסגעזעצט, ניט אַרויס פֿון דרוק].

[3] [באַלאַדעס] פֿאָלקסלידער געזאַמלט פֿון פּ. גראָבאַרד און ש. לעהמאַן. אין: פּרישמאַנס יובילעום-בוך, וואַרשע תּרע״ד, זז׳ 205-215.

[4] פּורים-קידוש (צוויי וואַריאַנטן). אין: פּרילוצקים זאַמלביכער, II, 1917, זז׳ 151-156.

[5] אַרבעט און פֿרײַהייט. אַ זאַמלונג פֿון לידער וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אין דער צײַט פֿון דער „פֿרײַהייטס־באַוועגונג" אין צאַרישן רוסלאַנד. ווערטער און מעלאָדיעס געזאַמלט און דערקלערט פֿון . . פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק, וואַרשע 1921.
[רעצענזיעס: י. שאַצקי, אין: „ביכער־וועלט", I, 1922, זז׳ 47-48; דער זעלבער, אין: „נאַש קוריער" (פּויליש), דעם 30טן אָקטאָבער 1921; „דאָס נײַע לעבן", IX, 1923, זז׳ 44-46; י. ל. כּהן, אין: פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון יִוואָ, I, זז׳ 139-154.]

[6] גנבֿים און גנבֿה. רעדנסאַרטן, צונעמענישן, שפּריכווערטער, פֿראַגן, גראַמען, אַנעקדאָטן און מעשׂיות. אין: בײַ אונז יודען, רעד׳ פֿון מ. וואַנווילד, וואַרשע 1923, זז׳ 43-91 [864 נומערן].

[7] די קינדערוועלט. גראַמען, לידלעך, המצאות און שפּילן. אין: בײַ אונז יודען, רעד׳ פֿון מ. וואַנווילד, וואַרשע 1923, זז׳ 111-149 [160 נומערן].

[8] טרפֿהנע סחורה. פּורים־שפּיל. אין: בײַ אונז יודען, רעד׳ פֿון מ. וואַנ־ווילד, וואַרשע 1923, זז׳ 153-154.

[9] חנה מיט פנינהן. פּורים־שפּיל, פֿאַרשריבן 1910. אין: יִדישע פֿילאָ־לאָגיע, וואַרשע, I, 1924, זז׳ 192-198.

[10] ליבעלידער פֿון גנבֿים. אין: פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון יִוואָ, ווילנע 1926, I, זז׳ 291-308.

[11] גנבֿים־לידער. וואַרשע 1928.
[רעצענזיע: מ. ווײַנרײַך אין „פֿאָרווערטס".]

[12] פֿון דער אייראָפּעיִשער מלחמה. אויסדרוקן, ווערטלעך, אַנעקדאָטן. אין: זאַמלבוך „לעבן", ווילנע 1922.

[13] אַ מעשׂה מיט אַ העלדישן פּרינץ. אין: יִוואָ־בלעטער, XII, 1937, זז׳ 454-462. דאָס זעלבע אין: דאָס צווייטע יאָר אַספּיראַנטור, ווילנע, יִוואָ, 1938, זז׳ 72-80.

[14] די אונטערוועלט אין אירע לידער. מיט נאָטן. אין: אַרכיוו פֿאַר יִדישער שפּראַכפֿאָרשונג, ליטעראַטור-פֿאָרשונג און עטנאָלאָגיע, רעד׳ פֿון נח פּרילוצקי און ש. לעהמאַן, וואַרשע 1926-33, זז׳ 45-78.

[15] אליהו-הנבֿיא אין דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע. מעשׂיות און לעגענדעס פֿאַר־שריבן פֿון פֿאָלקסמויל, דאָרט, זז׳ 115-178.

[16] שטאָט און לאַנד אין דער פֿאָלקסשפּראַך. אבדעריטן — פֿאַר וואָס הייסט דאָס שטעטל ? רעטעניִשן — פֿארשיידנס), דאָרט, זז' 256-283.
[17] גזלן-שפּיל. מיט נאָטן. דאָרטן, זז' 287-291.
[18] פֿאָלקס־מעשׂהלעך און אנעקדאָטן. מיט ניגונים. מיט נאָטן, דאָרט, זז' 355-432.

וועגן לעהמאַנען איז אַרויס אין 1937 אַ זאַמלונג (99 זז') לכּבֿוד 30 יאָר פֿון זײַן זאַמל־אַרבעט. אין דעם ביכל זײַנען אָפּגעדרוקט אַ רײי באַגריסונגען און צײַטונג־אַרטיקלען, אָבער זיי קלערן נאָך אַלץ ניט אויף דעם מהות פֿון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער אַרבעט פֿון אַן אייגנאַרטיקן מענטשן.

י. ש.

רעפעראַטן און רעצענזיעס

פּאַלעאָגראַפישע און פילאָלאָגישע נאָטיצן *

מ. ווײַנרײַך. די שווארצע פּינטעלעך. ווילנע 1939. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. ביבליאָטעק פון ייווא. פּאָפּולערע סעריע. 260 זז'.

דאָס איז באמת געווען אַ גוטער אײַנפאַל, וועז ווײַנרײַך האָט זיך גענומען שרײַבן זײַן בוך „די שווארצע פּינטעלעך". לא די, וואָס מיר הערן דאָ וועגן דעם אויסוואַקס פונעם כּתב בכלל און פונעם אלף־בית־כּתב בפרט, איז ער אונדז מזכּה מיט אַ סך אַנדערע ענינים וואָס האָבן אַ שײַכות צו כּתב און צו כּתבים. דאָס וואָס ער האָט אַרײַנגעשטעלט דאָס ביכל אין אַ פּאָפּולערער סעריע, איז נישט קיין חסרון. דאָ קען ער אַרויסווײַזן זײַן כּישרון אין הסברה און זײַן גרויס געניטקייט אין מסביר זײַן. ס'איז דאָ אַזאַ שלל אינעם ביכל, אַז ס'איז מיר נישט מעגלעך מיך אָפּצושטעלן אומעטום, ווי איך וואָלט געוואָלט. כאָטש איך מוז מיך באַנוגענען מיט אַ פּאָר נאָטיצן, און דערבײַ נאָך אויך מקצר זײַן, זאָל דאָס זײַן אַ ישר־כּוח ווײַנרײַכן.

ווי אַלט איז דער אַלף־בית?

דער דײַטשער פּראָפעסאָר האַנס בויער, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט אַרויסגעברענגט אַ מסקנא, אַז דער אלף־בית איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַן ערך דרײַ און אַ פערטל טויזנט יאָרן צוריק, באַשאַפן געוואָרן פון אַ יחיד וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע ידיעה אינעם כּתב פון די מצרים, נאָר די פאָרעם פון די אותיות האָט ער אויסגעטראַכט פון קאָפּ. די דאָזיקע מסקנא איז שוין הײַנט אָפּגעפרעגט. פאַראַן געפינסן, און צווישן זיי וויכטיקע טאַקע, פון די לעצטע יאָרן, וואָס ווײַזן, אַז דער אלף־בית איז עלטער. אָט די געפינסן רוקן די דאַטע אויף העכער פיר הונדערט יאָרן צוריק. דערבײַ איז דאָס סיני־כּתב נישט אַרײַנגענומען אין חשבון, וואָס וואָלט זי אָפּגערוקט מיט נאָך צוויי הונדערט יאָר. דאָס כּתב פון די דער־מאָנטע געפינסן איז שטאַרק פאַרשיידן פונעם כּנענישן, און מע האָט געגנוג צרות צו דערגיין עפּעס פונעם ביסל רעשטלעך וואָס איז פאַראַן. אָבער

---

* די דאָזיקע נאָטיץ האָב איך אַ פּאָר טעג פאַרן אָנהייב פון דער מלחמה געשיקט צו די „ייוואָ־בלעטער" קיין ווילנע. אַ דאַנק דעם אייראָפּעיִשן פּראָגרעס דאַרף איך זי אַצונד שיקן קיין אַמעריקע...

געוויסע אותיות זײַנען די אייגענע וואָס אין כּנעניש, און אַנדערע זײַנען געגנוג נאָענט, מע זאָל דערקענען, אַז זיי זײַנען קרובֿים. הייסט עס, אַז דער כּנענישער אלף־בית וואַקסט אַ פּנים פֿון יענעם אַלטן אלף־בית. דערמיט פֿאַלט אויך אָפּ, דאַכט זיך, בויערס טעאָריע, אַז דער כּנענישער אלף־בית איז דער אויפֿטו פֿון אַ יחיד, סײַדן אין אַזאַ פֿאָרעם, ווי ס׳האָט זיך אָפּגעטראָפֿן אין דער היסטאָריע פֿון כּתבֿ: אַ יחיד ברענגט אַרײַן שינויים אָדער תּיקונים אין אַן אלף־בית.

בויער האַלט פֿאַר מעגלעך, אַז דער פּרינציפּ פֿון שרײַבן בלויז קאָנסאָנאַנטן, וואָס וואַקסט פֿון מצרים, איז געקומען צום באַשאַפֿער פֿון כּנענישן אלף־בית אפֿשר פֿון דער שטאָט אוגריתּ. אַ ראיה, אַז דאָס אוגריתישע כּתבֿ איז עלטער, וויל מען ברענגען דערפֿון, וואָס אין אים זײַנען פֿאַראַן דרײַ אלפֿן: דאָס האָט מען נישט געקענט נעמען פֿון כּנעניש, וואָס פֿאַרמאָגט נאָר איין אלף, אָבער פֿאַרקערט איז מעגלעך, אַז כּנעניש האָט גענומען בײַ אוגריתיש, איבערהיפּערנדיק דערבײַ צוויי אלפֿן, וואָס ס׳האָט נישט געדאַרפֿט האָבן. נאָר אָט דאָס געדראַנג איז אַ טעות. מיר קענען נישט קיין לשון מיט דרײַ אלפֿן. די דרײַ אותיות פֿון אוגריתיש זײַנען נאָר איין אלף, צונויפֿגעבונדן מיט דרײַ וואָקאַלקלאַנגען, מן־הסתּם אַ השפּעה פֿון בבֿליש. ס׳לייגט זיך מער אויפֿן שׂכל, אַז אוגריתּ האָט צעצווײַגט די אלפֿן, וואָס ס׳האָט געהאַט איבערגענומען פֿון כּנעניש, ווי אַז די כּנענים האָבן אַרויסגעוואָרפֿן צוויי אותיות וואָס וואָלטן זיי פּונקט אַזוי צו ניץ געקומען ווי די אוגריתים.

דרך־אגבֿ: לויט אַלבראַיטן זײַנען די אוגריתּ־כּתבֿים נישט פֿון 14טן אָדער 13טן הונדערט יאָרן פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט, נאָר פֿון 16טן ביז 14טן (צו „שוואַרצע פּינטעלעך״, ז׳ 88).

אין דער סכעמע „סעמיטישע שריפֿטן״ (ז׳ 158) דאַרף מען נאָך צושטעלן, אונטער „אַלט־העברעיש״, דעם צווײַג שומרוניש (דערמאָנט אויף ז׳ 163).

דאָס עלטסטע דאַטירטע כּתבֿ־יד מיט לשון־קודשע אותיות

פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל ייִדישע געשריפֿטסן פֿון גאָר אַלטע צײַטן, וואָס מע קען דאַטירן, לויט פֿאַרשידענע חיצוניותדיקע סימנים אָדער לויטן כּתבֿ, אין אַ געוויסן הונדערט יאָרן. אויב מע זוכט דאָס עלטסטע געשריפֿטס, וואָס די דאַטע איז אָנגעוויזן אויף אים אַליין, איז אַזוי: דאָס עלטסטע וואָס מיר קענען ביז הײַנט זײַנען די זעכציק און עטלעכע שערבלעך פֿון שומרון, אין כּתבֿ עבֿרי. מען האָט זיי געפֿונען אין אַחאָבֿס פּאַלאַץ. זיי זײַנען אַלץ דאַטירט, און פֿאַראַן פֿיר דאַטעס: בשנת התשעת, בשת העשרת, אין פֿופֿצעטן יאָר, אין זיבעצטן יאָר — אין דעם און דעם יאָר פֿונעם מלך, הייסט עס. מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין שומרון נישט ווינציקער פֿון זיבעצן יאָר

זײַנען געווען אחאָבֿ, יהוא, יהואחז, ירבֿעם בן יואש. די ארכעאָלאָגן האַלטן הײַנט, אַז די שערבלעך זײַנען פֿון ירבֿעמס צײַט, און אַזוי אַרום קען מען זיי דאַטירן אַקוראַט ביז אַ יאָר: זיי זײַנען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן ב׳תתקפ״ו, ב׳תתקפ״ז, ב׳תתקצב, ב׳תתקצד. על־כּל־פּנים קען דער טעות ניט זײַן גרעסער ווי אַן ערך הונדערט יאָר.

די עלטסטע דאַטירטע זאַך אין אַראַמישן כּתבֿ איז אַ ייִדישער פּאַפּירוס פֿון מצרים, וואָס איז געפֿונען געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק. ער איז פֿונעם יאָר ג׳ רמ״ה, הייסט עס, אַ דריטהאַלב הונדערט יאָרן ייִנגער פֿון די שערבלעך.

דאָס עלטסטע אין מרובע איז אַן אויפֿגעשריפֿטס וואָס מען האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק אויסגעגראָבן אין דורא אין סיריע. די דאַטע איז תּקנ״ו, דאָס הייסט למנין שטרות. ס׳איז ד׳ה לפּ״ג. דאָס עלטסטע קורסיווע געשריפֿטס מיט אַ דאַטע איז אַן עדות פֿון פֿאָסטאַט אין מצרים, פֿונעם יאָר א׳ס״ב למנין שטרות, דאָס הייסט ד׳תק״י לפּ״ג.

צווײַגן און טיפּן פֿונעם ייִדישן כּתבֿ

אין דעם שלל געשריפֿטסן וואָס האָבן זיך אויפֿגעהיטן פֿון די לעצטע דרײַצן הונדערט יאָרן זעט מען אַ גרויס פֿאַרצווײַגטקייט אינעם ייִדישן כּתבֿ, באַלד פֿון די ערשטע צײַטן. כּמעט אַלע צווײַגן און טיפּן וואָס מיר האָבן הײַנט געפֿינען מיר דאָרטן אויך. לאָמיר זאָגן, אַן ערך פֿון אַ צענדליק. צווישן זיי זײַנען אשכּנזיש און ספֿרדיש נישט געווען חשובֿער ווי די אַנדערע (שוו״פּ 177). מחוץ פֿון זיי איז שומרוניש.

בײַ יעדן צווײַג זײַנען געווען דרײַ טיפּן כּתבֿ: (א) מרובע: דערמיט האָט מען געשריבן ספֿר־תּורות, מגילות, תּנכן, חומשים, סידורים, מחזורים וכדו׳. (ב) קורסיוו: דערמיט האָט מען געשריבן אַלע אַנדערע ביכער און געשריפֿטסן (שוו״פּ 181), דאָס רובֿ פֿון אַלע כּתבֿ־ידן וואָס מיר פֿאַרמאָגן. צווישן זיי גייען אַרײַן אויך דאָס ביסל כּתבֿים אויף ייִדיש און אַנדערע ייִדישע לשונות, וואָס איז פֿאַראַן. כּמעט אין אַלע צווײַגן און שוין אין אַלטע צײַטן איז פֿון קורסיוו אויסגעוואָקסן אַ קאַליגראַפֿישער טיפּ: (ג) מעשׂיט. דאָס איז אַ נאָמען (איך ניץ אים שוין לאַנג), וואָס מיר טרעפֿן שוין בײַם אור זרוע („משטיט״) און בײַ נישט־אשכּנזים („משקיט״) און וואָס לויט אליי׳ בחורס פֿאָרעם „מעשיט״ (מיט אַ סגל אונטער דער מ און אַ צירה אונטער דער ש) דאַרף עס הײַנט בײַ אונדז זײַן „מעשׂייט״.

דאָס וואָס מע רופֿט אַן רשי־כּתבֿ (ס׳איז זייער נישט קיין פּאַסיקער נאָמען) איז דאָס ספֿרדישע מעשׂייט. געמעל 72 פֿון „שוואַרצע פּינטעלעך״ איז נישט קיין ספֿרדיש מעשׂייט, נאָר דאָ האָט אַ מאָדערנער איטאַליענישער ייִד, דער שד״ל, פּשוט נאָכגעמאַכט געדרוקטע „רשי״־אותיות, ווײַל דאָס איטאַלקישע מעשׂייט איז דעמאָלט שוין הונדערטער יאָרן געווען טויט, גע־

שטאַרבן נאָכן אײַנפֿירן דרוקן. פּונקט אַזוי האָט מען אויפֿגעהערט צו שרײַבן דאָס אַשכּנזישע מעשייט, ס'איז אָבער אַריבער אין דרוקן און האָט זיך דאָרטן געהאַלטן ביז מיט אַ קורצער צײַט צוריק. אָבער בלויז פֿאַר ייִדיש. „ווײַבערטײַטש" איז, ווײַזט אויס, נישט קיין עלטער נאָמען (שוו"פּ 179).

צי די „גאָטישע" אותיות האָבן געהאַט אַ השפּעה אויפֿן אַשכּנזישן מעשייט צי נישט — אָבער געמעל 45 פֿון די „שוואַרצע פּינטעלעך" איז נישט קיין ראיה, אַז יאָ. די ייִדישע אותיות פֿון דעם בילד זײַנען גאָרנישט קיין ייִדישע און זײַנען אַ פּנים געצייכנט געוואָרן פֿון אַ גוי. ס'קען זײַן געמאָלן, אַז דער מחבר פֿון יענעם דײַטשן בוך, אַ גלח, האָט אַליין געצייכנט די לשון־קודשע אותיות. אין קיין שום ייִדישן כּתבֿ־יד אָדער בוך פֿון יענע צײַטן ווערט מען נישט געפֿינען אַזוינע פֿאָרעמס.

וואָקאַל־אותיות

דער שורש פֿון שרײַבן וואָקאַל־אותיות געפֿינט זיך שוין אין סעמיטישן אויסלייג. דער דאָזיקער אויפֿטו איז דעריבער נישט קיין גרעקישער אויפֿגעטו פּראָצענט (שוו"פּ 100), און אויך פּראָפֿעסאָר בויער ווײַזט אָן דערויף. מיר קענען פֿון תּנך און פֿון פֿאַרשידענע סעמיטישע לשונות דאָס ניצונג פֿון די אותיות א, ה, ו, י נישט מיט זייער קאָנסאָנאַנטישן ווערט, נאָר אויף מרמז צו זײַן אויף אַ וואָקאַל: הלכו, לבו, כותב, לבי (לה"ק); נדרא [=„נדרה" (מיט אַ קמץ אונטער דער נ)], רבתי, ישבני [=„הושבנוהו] (כּנעניש); רגלא, קאמיירי (גמרא); כּאתב, כּתאב, קתלוא, רגלי (אַראַביש). ווען די גרעקן האָבן איבערגענומען דעם אַלף־בית, האָבן זיי דאָרטן שוין געפֿונען די התחלות פֿונעם שפּעטערדיקן סעמיטישן אויסוואַקס, נאָר זיי אַליין האָבן תּיכּף אויסגעבויט אַ פֿולע שיטה פֿון וואָקאַל־אותיות, וואָס איז דערנאָך אַרײַן אין לאַטײַנישן אַלף־בית.

אַזוי ווי די לשונות מיטן לאַטײַנישן אַלף־בית, אַזוי האָט אויך ייִדיש אמתע וואָקאַל־אותיות (דאָס האָב איך אונטערגעשטראָכן נאָך אין מײַן גראַמאַטיק). דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דאָ האָבן מיר אַ השפּעה פֿון זייער אויסלייג אויפֿן ייִדישן, ווי עס מיינט ווײַנרײַך (שוו"פּ 229).

די וואָקאַל־אותיות פֿון ייִדיש וואַקסן פֿון אַ ייִדישער ירושה. שוין אין תּנך איז דער מלא־אויסלייג גאַנץ אָנגעווענדיק. אין דער גמרא איז שוין נישטאָ קיין חסר, אחוץ בײַ פּתח און קמץ, און בײַ דער לעצטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס ניצן אַלף, וואָס גייט דערנאָך אַרײַן, צוזאַמען מיטן גאַנצן אויסלייג, אינעם אויסלייג פֿון די שפּעטערדיקע ייִדישע לשונות, און פֿון צרפֿתיש קומט עס אַרײַן אין ייִדיש. אַפֿילו אין הײַנטיקן אויסלייג קען מען עס נאָך זען גאַנץ קלאָר. למשל: ווען ייִדן האָבן מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק אָנגעהויבן שרײַבן „דײַן", איז דאָס איבערגעבן דעם דעמאָל־

טיקן דיפֿטאָנג „אי" נישט אין פּרינציפּ און נישט אין פּראַקטיק געווען געבונדן מיטן דײַטשן ei אין dein. ייִדן האָבן נישט אויסגעלייגט צוויי יודן, כּדי איבערצוגעבן אַזוי אַרום די לענג פֿון דײַטש i, דאָס הייסט מיטל־הויכדײַטש î, ווי איינער אַ דײַטשער משׂכּיל האָט געגעבן צו פֿאַר־שטיין, נאָר פּשוט ווײַל אין יענע צײַטן און אין יענע ערטער האָבן זיי אַרויסגערעדט „אי" און צו דעם דאָזיקן דיפֿטאָנג און צו זײַן אויסלייג זײַנען זיי געווען צוגעוווינט פֿון דער גמרא: דעם קלאַנג „אַ" האָט מען איבער־געגעבן מיט אַ פּתח, אָדער איבערגעהיפּערט אין גיכן שרײַבן, און דעם קאָנ־סאָנאַנט „י" האָט מען אויסגעלייגט אַזוי ווי אין דער גמרא און אין די אַנדערע ייִדישע לשונות מיט צוויי יודן. הייסט עס, דאָ האָבן מיר נישט דעם אייראָפּעיִשן אופֿן פֿון שרײַבן צוויי אותיות אויף אַ דיפֿטאָנג.

אויך אַזאַ מעשׂה איז מיט די צוויי וואָוון פֿון ייִדיש. אויב מיר שרײַבן „וו", איז דאָס נישט קיין נאָכמאַך פֿון אייראָפּעיִשן w, וואָס איז אַ קאָמ־בינאַציע פֿון v+v, נאָר ס'איז דער אויסלייג פֿון דער גמרא, אָפּצושיידן דעם קאָנסאָנאַנט „ו" פֿונעם וואָקאַל „ו" (וֹ, וּ).

אַקיצור, נישטאָ קיין השפּעה פֿונעם ניט־ייִדישן אויסלייג. דאָס האָבן זיך ערשט פֿאַרגונען די משׂכּילים, און פֿון זיי נעמען זיך למשל אַזוינע דײַטשמעריזמען וואָס קומען בײַ מיר אויס אומגעלומפּערט, ווי די עין אין ניט־געקוועטשטע טראָפֿן („געזאָגט, שיינע").

די הבֿרה פֿון אַלט־ייִדיש

מיר ווייסן גאָר ווייניק וועגן דער הבֿרה פֿון עלטערן ייִדיש. דעריבער בין איך מסופּק, צי ס'לוינט זיך אַזאַ פּשוטע טראַנסקריפּציע אויפֿן יסוד פֿון הײַנטיקן אויסלייג, ווי מיר געפֿינען אויף די זײַטלעך 204 און 207 פֿון די „שוואַרצע פֿינטעלעך". ווײַנרײַך איז אַוודאי נישט אויסן צו געבן אַ פּינקטלעכע טראַנסקריפּציע. זײַן טעקסט קען אַרויסרופֿן בײַם לייענער אַ געפֿיל, אַז פֿאָנעטיש איז אַ קנאַפּער חילוק פֿון אַלטייִדיש ביז נײַייִדיש. נעמט למשל די קײַלעכדיקע וואָקאַלן אין הויפּש, טויטש, וואָס ווערן דאָרטן טראַנסקריבירט „היפּש, טײַטש". אמת, מיר ווייסן, אַז זיי זײַנען אויס קײַ־לעכדיק געוואָרן נישט שפּעטער ווי מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק.[1] דער־פֿאַר איז מעגלעך, אַז דער מחבר פֿונעם שער־בלעטל פֿון „מוסר און הנהגה" האָט טאַקע געזאָגט „היפּש, טאַיטש" צי „טאַיטש" (â) און אַז דער אויסלייג זײַנער איז פּשוט ווײַט געווען פֿון זײַן הבֿרה. אָבער זיכער איז דאָס בשום אופֿן נישט, שוין אָפּגערעדט פֿון דער מעגלעכקייט, אַז אין שמועס האָט מען געזאָגט „היפּש, טאַיטש" צי „ט â יטש", און בײַם פֿירלייענען דאָס ביכל אפֿשר טאַקע „הויפּש, טויטש"=hüpš, töütš צי teütš וכדו'.

[1] זע מײַן אַרבעט: די היסטאָריע פֿון די אַלטע u- קלאַנגען אין ייִדיש, ייִוואָ־בלעטער, VI (1934), זז' 25־60. (אַ סעפּאַראַט דערפֿון אין דער סעריע „ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ".)

פֿאַרגרייזטע הבֿרה

דאָס געשריבענע און געדרוקטע וואָרט איז ביי אונדז אַזוי וויכטיק, אַז מיר זיינען עלול צו פֿאַרגעסן דעם פֿאַקט, אַז נאָך אַלעמען איז כתבֿ נאָר אַ צוהילף דעם גערעדטן וואָרט. אַ געשריפֿטס בלייבט שטום, אַז ס'איז נישטאָ קיין טראַדיציע שבעל פּה. אויב ס'זאָל נישט געווען זיין די אינדיר־רעקטע תורה שבעל פּה פֿונעם גרעקישן טעקסט אויפֿן שטיין פֿון ראָזעטע, וואָלט מען זיך נישט געווען דערגרונטעוועט צום „לייענען" די היעראָגליפֿן. און אַזוי ווי מע האָט נישט קיין דירעקטע תורה שבעל פּה, קען מען זיי אין אמתן טאַקע נישט לייענען אַזוי ווי אונדזערע לשונות, כאָטש מע פֿאַר־שטייט דעם תּוכן: מע הייבט נישט אָן צו קענען די וואָקאַלן. אויב מיר וואָלטן למשל נישט געהאַט קיין אַנדערע סעמיטישע לשונות און נישט קיין תּורה שבעל פּה פֿון לשון־קודש זינט טויזנטער יאָרן, און וואָלטן היינט אויסגעגראָבן דעם תּנך, אין אָריגינאַל, פֿאַרשטייט זיך אָן נקודות, וואָלטן מיר קיין מאָל נישט געוווּסט, וואָס עס שטייט אין אים. אויב מיר וואָלטן יאָ געהאַט סעמיטישע לשונות, אָבער נישט קיין תּורה שבעל פּה פֿון לשון־קודש, וואָלט מען נאָך אַ סך מי פֿון עטלעכע דורות געלערנטע אויסגעפֿונען די עיקרים און פֿאַרשטאַנען דעם טעקסט, כאָטש נישט גאָר פּינקטלעך און נישט קענענדיק באַשיידן אַ סך רעטענישן — אָבער לייענען וואָלטן מיר נאָך אַלץ נישט געקענט, און נישט געוווּסט למשל וועגן וויכטיקע גראַמאַטישע ענינים. ס'וואָלט געווען די זעלבע מעשה ווי מיט מצריש: די געלערנטע וואָלטן זיך דערשלאָגן צו קענען טראַנסקריבירן br'šit br', אָבער איבער־צולייענען עס בעריישעס באָראָ, בירעשיט באַראַ, וכדו', וואָלט זיי קיין מאָל נישט געראָטן. און מיר, פֿאַר וואָס קענען מיר איבערלייענען „בראשית ברא" ווי אַ וואַסער? ווייל מיר ווייסן די נקודות? ניין, ווייל מיר און אַלע דורות פֿריִער האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען נישט בלויז מיט די אויגן נאָר אויך מיט די אויערן.

דעריבער לייגט זיך מיר נישט אויפֿן שכל, אַז ייִדן האָבן פֿאַרדרייט רבֿ „טריפֿאָנען" אַ קאָפּ און אים געמאַכט פֿאַר אַ רבֿ „טרפֿון" (מיט אַ פּתח אונטער דער ט) ווייל זיי האָבן פֿאַרגעסן די אמתע הבֿרה און נישט געוווּסט, ווי אַזוי איבערצולייענען דאָס וואָרט „טרפֿון". קיינער וועט נישט לייקענען, אַז גרייזן אין דער הבֿרה זיינען בנימצא, אַפֿילו אינעם אייגענעם לשון. ווען זשע טרעפֿט זיך אַזוינס? מיט ווערטער עפּעס נישט קיין היימישע, פֿון אַ פֿרעמדער סבֿיבֿה. אַ בעל־עגלה וועט פֿאַרדרייען אַ פֿילאָסאָפֿישן טער־מין, אַ מעדיצינער וועט מאַכן אַ תּל פֿון אַ שוסטעריש וואָרט. אָבער ייִדן־לערנערס זאָלן פֿאַרגעסן, וואָס זיי האָבן געהערט הונדערטער מאָל פֿונעם רבין און איבערגעחזרט טויזנטער מאָל מיט חבֿרים און אַליין — אַזאַ פּירוש איז שווער איינצובייסן.

איז געדרונגען, הייסט עס, אז מע האָט שטענדיק געזאָגט „טרפֿון" מיט א פּתח, אז ר' טרפֿון האָט זיך אליין גערופֿן אזוי? ניין, דאָס נישט. די טראַדיציע שבעל־פּה מאַכט מיר נאָר מעגלעך, כ'זאָל קענען ארויסרעדן א געשריפֿטס, אָבער נישט פּונקט אזוי ווי מע האָט ארויסגערעדט א מאָל — צי ס'גייט וועגן א לשון וואָס איז שוין אָפּגעשטאָרבן אין גאַס, ווי גמרא־לשון, צי וועגן טשעכיש מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק. גענוג, וואָס די טראַדיציע קען מיר א ביסל העלפֿן אויסצוגעפֿינען, ווי אזוי אן ערך מע האָט גערעדט אין פֿריִערדיקע צײַטן.

בײַם ענין גמרא־לשון וואָלט מען געהאַט א הילף דורך דעם, וואָס ס'איז פֿאַראַן מער ווי איין לעבעדיקע טראַדיציע שבעל פּה פֿון לשון־קודש: אן אשכּנזישע, א ספֿרדישע, א פּרסישע אאַז"וו. אויב אין זיי אלע וואָלט מען למשל געזאָגט „טרפֿון" (וואָס איך ווייס נישט), וואָלט געקענט זײַן, אז ר' טרפֿון האָט אויך אזוי געזאָגט. דער אויסלייג איז א שטיקל ראיה, אז ס'איז טאַקע געווען טרפֿון מיט א פּתח. אויב ס'זאָל געווען זײַן מיט א חירוק אונטער דער ר (טרי־), וואָלט מען געוועין געשריבן „טריפֿון". אן אות וואָס ס'איז נישטאָ קיין אם הקריאה, ווערט געלייענט מיט א פּתח אָדער קמץ.*

---

* אין דער פּראַגע, ווי אַזוי ס'איז פֿון trifon געוואָרן tarfon האָב איך אין די „שוואַרצע פּינטעלעך" אַרויסגעזאָגט ניט מײַנעם אַן אייגענעם חידוש, נאָר די מיינונג וואָס גילט, אויף וויפֿל איך ווייס. ש. בירנבוים קומט דאָ מיט זייער אינטערעסאַנטע מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען, אָבער איך מוז מודה זײַן, אַז איך זע ניט, ווי אַזוי ע ר דערקלערט דעם שינוי. בירנבוים איז זייער גערעכט, אַז כּל־זמן אַ טראַדיציע גייט אַריבער פֿון דור צו דור ניט איבערגעריסענערהייט, קענען אַזעלכע שפּרונגען ניט געמאָלט זײַן. אָבער היות דער שפּרונג גופֿא אין טרפֿון איז דאָך אַ פֿאַקט, בלײַבט נאָר איבער משער זײַן, אַז דאָ האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אַן א ײַ נ ר ײַ ס אין דער טראַדיציע. צו ברענגען אַ דוגמא פֿון הײַנט: דאָס וואָס דאָס וואָרט בולט ווערט פֿון אַזוי פֿיל ייִדן אַרויסגערעדט bult, פֿאַראַן ייִדן וואָס ווייסן די ריכטיקע אויסשפּראַך, אָבער פֿאַראַן אַנדערע, אפֿשר מער אין צאָל, וואָס ווייסן ניט. פּונקט אַזוי האָט געקענט געמאָלט זײַן, אַז ווען דאָס לערנען גמרא איז איבערגעגאַנגען פֿון איין לאַנד אין אַ צווייטן (לאָמיר זאָגן פֿון נאָענטן מיזרח קיין מערבֿ־אייראָפּע), האָט נאָר אַ קליינער מיעוט לומדים געוווּסט די קאָרעקטע אויסשפּראַך פֿונעם נאָמען טרפֿון, און בהדרגה איז די גרײַזיקע אויסשפּראַך געוואָרן די הערשנדיקע. מיר האָבן אין אונדזער ייִדישן גבֿול נאָך פֿאַלן, ווען די אויסשפּראַך פֿון ווערטער האָט זיך גרונטיק געביטן, און ניט נאָר בײַ עם־האַרצים, נאָר בײַם כּלל, די לומדים, אַרײַנגערעכנט: למשל לאַנטעך, עלטער למטוך, וואָס וואַקסט פֿון אַלט ־פֿראַנצייזיש liuton (זע מײַן אַרטיקל אין די פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ I זז' 217־236); פּיפּערנאָטער, וואָס לכתּחילה, ווייסן מיר, איז דאָס געווען viper-noter, מיט אַ v.

אַן אַנדער קשיה וואָס בירנבוים פֿרעגט איז האַרבער: אויב טרי־, טאָ פֿאַר וואָס האָט די גמרא ניט אויסגעלייגט מיט אַ י? אפֿשר איז רעכט צו זאָגן, אַז לכתּחילה איז דער ר געווען אַ טראַפּיקער, אָן אַ באַשטימטן וואָקאַל. אָבער דאָס איז ניט מער ווי געפּרוּווט טרעפֿן. ס'וואָלט געווען זייער אָנגעלייגט, אַז די אמתע קענערס אין דעם פֿאַך זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג.

מ. וו.

דאָס איז אַ גרויס פֿעלד פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, און אַזוי אַרום אויך פֿון דער פֿילאָלאָגיע פֿון ייִדיש. און ס'איז אין גאַנצן פֿאַרלאָזט: היסטאָרישע פֿאָנעטיק פֿון לשון־קודש און אַרמיש, פֿון נאָך תּנך און גמרא ביז הײַנט. אונדזערע „חכמי ישׂראל" און משׂכּילים האָבן זיך נישט פֿאַר־נומען דערמיט. ס'וואָלט געווען אויסגעקומען צו לעבעדיק, צו ייִדיש. און הײַנט?

שלמה בירנבוים (ליווערפּול)

אַלטײדישע דערציִונג

Nathan Drazin, *History of Jewish Education from 515 B.C.E. to to 220 C.E.* Baltimore, The Johns Hopkins Press, 1940. X + 161 pp.

אַלטײדישע דערציִונג איז אַ גרויס און רײַך פֿעלד, ממש עס פֿאַרכאַפּט דאָס אויג בײַם פֿאָרשער און ספּעקולאַטיוון דענקער, און דאָך איז דאָרט פֿאַראַן צו ווייניק פֿאַרן רויִקן, זאַכלעכן היסטאָריקער. אַזאַ מין היסטאָריקער פֿילט זיך פּשוט פֿאַרלוירן ווען די ליטעראַטור, וואָס אויף איר דאַרף ער זיך שטיצן, פֿאַרמאָגט צו ווייניק אָביעקטיווע באַריכטן פֿון פֿאַקטן און גע־שעענישן, צו ווייניק קיל געמאָלטע בילדער פֿון אַרומיקן לעבן. עס ווײַזט אָבער אויס, אַז אונדזערע אַמאָליקע חכמים און געלערנטע איז אַזאַ צוגאַנג געווען אין גאַנצן פֿרעמד. זיי זײַנען ניט געווען קיין „שרײַבערס". אַפֿילו יאָזעפֿוס וואָלט קיין שרײַבער ניט געוואָרן, ווען ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן געבליבן צווישן ייִדן. זיי האָבן געלעבט אַן אינטענסיוו גײַסטיק לעבן וואָס איז צו דירעקט, עס זאָל זיך גלײַך פֿאַרוואַנדלען אין ליטעראַטור, און „תּורה שבעל פּה" איז דעריבער ניט קיין ריין טעכנישער באַגריף — אַ תּורה וואָס גייט איבער פֿון מויל צו מויל — נאָר דער עיקר אַ באַגריף פֿון ספּע־ציעלן פּסיכישן אינהאַלט: אַ תּורה וואָס ליגט גאָר אויף אַן אַנדער ליניע פֿון יענע תּורות וואָס פֿירן גלײַך צו פֿאַרשרײַבן, באַריכטן, שילדערן וכדומה. ווען אַ היסטאָריקער דאַרף זיך שטיצן אויף אַזעלכע מאַטעריאַלן, איז אים באמת גאָרנישט לײַכט זיך צו ראַטעווען פֿונעם כּישוף פֿון „צו פֿיל" און אויספֿילן דעם חלל פֿון „צו ווייניק".

ממילא איז קיין חידוש ניט, וואָס צווישן ייִדישע היסטאָריקערס פֿון ייִדישער דערציִונג זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס שרעקן זיך פֿאַר „צו פֿיל", מיינען, אַז זיי וועלן ניט זײַן גענוג אָביעקטיוו, אויב זיי וועלן דער אַמאָליקער ייִדישער דערציִונג־סיסטעם צושרײַבן אַ סך מעלות, און האָבן מורא פֿאַר אַ מין „למה יאמרו". פֿון דער אַנדער זײַט פֿעלן אויך ניט אויס אַזעלכע וואָס בויען גאַנצע בערג אומבאַגרינדעטע סבֿרות אויף אַ פּסוק, אַ מדרש אָדער אַ מאמר חז"ל.

ד״ר דרייזין טרעט צו צו זײַן אויפֿגאַבע פֿול באַוואָפֿנט אי מיט די אַלטע ייִדישע מקורים, אי מיט דעם מאָדערנעם באַנעם פֿון די פּראָבלעמען פֿון מעטאָדיק און שולפּראָגראַם, און באַמיט זיך צו שאַפֿן אַ פֿול בילד פֿון די פֿאַרשיידענע מדרגות ייִדישע דערציִונג פֿון דער צײַט פֿון די סופֿרים ביזן שליסן די משנה. ער נעמט אַרײַן אין זײַן אַרבעט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער עפּאָכע וואָס ער באַהאַנדלט, די פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישער דערציִונג, די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שולסיסטעם פֿון יענער צײַט, פֿראַגעס פֿון אַדמיניסטראַציע, פּראָגראַם, מעטאָדן, דערציִונג פֿון פֿרויען, און ער פֿאַרענדיקט מיט אַ פֿאַרגלײַך צווישן ייִדישער דערציִונג און דער דערציִונג בײַ די גריכן און רוימער.

דאָס איז אַ ברייט אַרומנעמענדיק ביכל. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז יענע ייִדן האָבן אונדז ניט געלאָזן אַזעלכע זאַכלעכע באַריכטן ווי למשל גריכישע דערציִונג פֿאַרמאָגט בײַ פּלאַטאָנען אין זײַן „פּראָטאַגאָראַס״ אָדער בײַ פּלוטאַרכן אין זײַן ביאָגראַפֿיע פֿון ליקורגאָסן, קען מען פֿאַרשטיין, ווי שווער עס איז אַזאַ אויפֿגאַבע דורכצופֿירן; אָבער ד״ר דרייזין זוכט, נישטערט, ברענגט צונויף אַ פּרט מיט אַ פּרט, ביז ער דערגרייכט דאָס זײַניקע.

עס קען קיין ספֿק ניט זײַן, אַז ווען מען זאָל מאַכן אַן אויסשעפּיקע זאַמלונג פֿון אַלע אַגדהשע און הלכהשע שטעלן, פֿון אַלע ווערטלעך, תּקנות און אומדירעקטע אַנעקדאָטן וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער ראָלע פֿון לערנען און געלערנטקייט אין יענער צײַט, באַקומט זיך אַזאַ געהויבן בילד פֿון דער אַלגעמיינער דערציִערישער אַטמאָספֿער, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דערציִונג. אָבער אויף ווי ווײַט איז דאָס פֿאַר־קערפּערט געוואָרן אין דורכגעפֿירטע יורידישע נאָרמעס? אויף ווי ווײַט האָט ייִדישע בילדונג אָנגערירט די פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער באַפֿעל־קערונג? ווי אַזוי האָבן די צעשטערנדיקע פּאָליטישע געשעענישן געווירקט אויפֿן גאַנג און די פּלענער פֿון דער ייִדישער שולסיסטעם? אַן ענטפֿער אויף אַזעלכע פֿראַגעס, פּונקט ווי אויף פֿראַגעס פֿון אַדמיניסטראַציע, פּראָ־גראַם און מעטאָדיק האָט שווין צו ווייניק פֿאַקטן אויף וואָס זיך צו שטיצן.

ד״ר דרייזין באַהאַלט ניט זײַן באַגײַסטערונג פֿאַר דער אינטענסיווער ייִדישער לערן־טעטיקייט פֿון יענער צײַט. דאָס באַפֿאַרבט נאַטירלעך זײַן צוגאַנג צו די פֿאַקטן. וואָלט דאָס בעצם ניט אויסגעמאַכט, ווען ער זאָל קלאָר אָנווײַזן, אַז ער ווייס עס און ער רעכנט זיך דערמיט. אָבער אין גאַנצן בוך רעדט דער שרײַבער מיט אַזאַ פֿולער זיכערקייט וועגן די אַלע פּרטים אַזוי ווי ער וואָלט ניט געניג אַכטונג געגעבן אויף די גרענעצן צווישן פֿאַקטן און אויסטײַטשונגען. למשל, ער האַלט, אַז אין דער צײַט פֿונעם כּוהן־גדול יהושע בן גמלא, און טאַקע אַ דאַנק זײַן תּקנה, האָט אין ארץ־ישׂראל געהערשט אַלגעמיינע עלעמענטאַרע בילדונג. די גמרא זאָגט טאַקע, אַז ווען

ניט יהושע בן גמלא, וואָלט די תורה פֿאַרגעסן געוואָרן בײַ ייִדן. ער ברענגט אויך די גמרא: „תנו רבנן איזהו עם הארץ... כל שיש לו בנים ואינו מגדלם לתורה" (ברכות, מ"ז, ב), אָדער „כל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ דור הנאה ממנו" (קידושין, מ"א, א). דעריבער „קומט אויס, אַז עלעמענטאַרע בילדונג איז געוואָרן אַלגעמיין." לויט דער הערשנ־דיקער אַטמאָספֿער פֿון דער צײַט לאָזט זיך גלייבן, אַז דאָס איז אפֿשר ריכטיק, כאָטש עס איז שווער צו זאָגן, אויף ווי ווײַט אַלגעמיין דער „אַלגעמיין" איז געווען. אָבער עס איז זיכער אַ גוזמא צו האַלטן, אַז די געבראַכטע תּלמודישע ציטאַטן דערווײַזן דאָס.

ד"ר דרייזין רעכנט, אַז לכתחילה, אין דער צײַט פֿון די סופֿרים, זײַנען אויפֿגעקומען די אינסטיטוציעס פֿאַר העכערער בילדונג, שפּעטער אין דער מאַקאַבעיִשער צײַט — די מיטלשול, און צום סוף די עלעמענטאַרע שול. דאָס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אויב ניט בנוגע דער צײַט פֿון זייער אויפֿקום, איז לכל הפּחות בנוגע דעם גאַנג פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער שולסיסטעם. דער מחבר ברענגט ראיות דאָס צו באַווײַזן, אָבער אַ ראיה קען אויך זײַן דאָס וואָס אַזאַ איז געווען די אַנטוויקלונג פֿון דער שולסיסטעם בכלל. עס איז פֿאַראַן אַ גאַנץ קלאָרער שׂכל, אַז עס דאַרף אַזוי זײַן.

עס איז אַ בוך פֿון בלויז 147 זײַטן, וואָס נעמט אַרום פֿולע זיבן און אַ האַלב יאָרהונדערטער. דאָך גלינגט דעם שרײַבער אונדז צו געבן אַ פֿול בילד פֿון אַ מערקווערדיקער שולסיסטעם אין אַלע פּרטים. מען דאַרף בשום־אופֿן ניט צושרײַבן צו דער אייגנזײַטיקייט פֿונעם מחבר, וואָס דאָס בילד קומט אַרויס אַזוי שיין, אָפּט רירנדיק. אפֿילו ווען מען זאָל אַראָפּנעמען אַלע מעגלעכע סוביעקטיווע באַפֿאַרבונגען, האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק געגעבן דער וועלט אין יענער צײַט אַ שולסיסטעם און אַ לערן־אידעאַל וואָס וועט בלײַבן אַ מאָנומענט לדורות אין דער געשיכטע פֿון דערציִונג.

לייבוש לעהרער

John Paul von Grueningen, ed., *The Swiss in the United States.* A Compilation prepared for the Swiss-American Historical Society as the Second Volume of its publications. Swiss-American Historical Society, Madison, Wisconsin, 1940. 153 pp.

איינציקע אײַנוואַנדערערס פֿון שווייץ זײַנען געקומען קיין צפֿון־אַמעריקע נאָך פֿריִער; אָבער דער גרויסער שווייצער ייִחוס־בריוו אין דער אַמעריקאַנער אײַנוואַנדערונג הייבט זיך אָן צום ווינציקסטן אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט, ווען טויזנטער אַנאַבאַפּטיסטן פֿון שווייץ זײַנען אַנטלאָפֿן אין דער דײַטשער פּראָווינץ פֿאַלץ.[1] פֿון פֿאַלץ איז יעמאָלט געגאַנגען אַזאַ גרויסע עמיגראַציע,

[1] פֿאַלץ (דײַטש Pfalz, ענגליש Palatinate), אַן אַמאָליקע דײַטשע קלײַנפֿירשטנ־שאַפֿט וואָס איז דערנאָך צעטיילט געוואָרן צווישן בײַערן, באַדן, העסן און פּרײַסן.

אַז מען האָט איטלעכן עמיגראַנט קיין אַמעריקע גערופֿן Pfälzer; אין לאָנדאָן פֿלעגט מען די עמיגראַנטן מכּבד זײַן מיטן חוזק-נאָמען „פּאַלאַ-טײַן" אומאָפּהענגיק פֿונעם אָרט, פֿון וואַנען ער איז געקומען (אַזוי דער-ציילט מען אין 1711), און אין אַ צווייטן מקור געפֿינען מיר אַפֿילו דעם אויסדרוק: ein Pfälzer aus Holstein. אין אָט דעם שטראָם זײַנען אַרײַנגעצויגן טויזנטער שווייצער אויך. היינטיקע פֿאָרשערס וואָלטן דערפֿאַר געהאַט פֿאַר זיך אַ שיינע אויפֿגאַבע: אַרויסצוזוכן פֿון צווישן די אימי-גראַנטן־רשימות פֿון דער קאָלאָניאַלער צײַט די שווייצער נעמען און אויפֿ-שטעלן אַ מין שווייצער „מייפֿלאַוער"-רייסטער. נאָר די שווייצער היסטאָ־ריקערס האָבן זיך מקדים געווען און געטאָן בעסער: זיי האָבן אַרויסגעזוכט אין די אַרכיוון פֿון שווייץ גופֿא אַלצדינג וואָס האָט אַ שײַכות צו דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע און האָבן דערלאַנגט אַ מאַטעריאַל, וואָס אין דער נײַער וועלט וועט מען אַזוינס קיין מאָל ניט געפֿינען. די קאַנטאָנען ציריך, בערן און באַזל האָט מען שוין דורכגעפֿאָרשט אין גאַנצן, און אויפֿן סמך פֿון די קלויסטערשע ביכער זײַנען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן 98 באַ־ריכטן וועגן דער אויסוואַנדערונג פֿון קאַנטאָן ציריך אין די יאָרן 1734-1744. מען מעג זאָגן, אַז צו דעם דאָזיקן קאָלעקטיוון דאָקומענט וועגן אייראָ־פּעיִשער עמיגראַציע קיין אַמעריקע איז ניטאָ קיין גלײַכן.

נאָך גאַנץ פֿרי קומט אויף אַ לפֿי-ערך רײַכע ליטעראַטור אין דער פֿאָרם פֿון וועגווײַזערס פֿאַר שווייצער וואָס לאָזן זיך קיין אַמעריקע, פֿון זכרונות און באַשרײַבונגען. מענטשן גיבן דאָ איבער, מתּוך ליבע צום כּלל וועמען זיי ווילן דינען, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט און איבערגעפֿילט אויף זייער אייגענער נסיעה אין דעם נײַעם לאַנד אַרײַן. נאָך מער וועט מען נתפּעל ווערן פֿון דעם מין ליטעראַטור, ווען מען וועט זיך דערמאָנען, אַז הגם זי איז כּמעט דורכויס געשריבן אין דײַטש ווענדט זי זיך אָבער מערניט צו די שווייצער לאַנדסלײַט, וואָס זיי זײַנען דאָך געווען נאָר אַ קליינע צאָל לגבי דער אומגעהײַערער מאַסע אויסוואַנדערערס פֿון דײַטשלאַנד.

די שווייצער זײַנען טאַקע אין דער וואַנדערונג גופֿא אויך געגאַנגען פֿאַר זיך. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע עמיגראַנטן-פֿאַראיינען, זייערע אייגענע קאָלאָניסטן-פֿאַראיינען. אין פֿראַנצייזישן פּאָרט האַוור, פֿון וואַנען די שווייצער פֿלעגן שפּעטער צו דער עיקר אָפּפֿאָרן, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט דער דרום־דײַטשער עמיגראַציע וואָס פֿלעגט אויסמײַדן האַמבורג און ברעמען, כּדי אײַנצושפּאָרן דאָס פֿאָרן דורכן קאַנאַל לאַמאַנש. אַגבֿ האָבן יִידישע עמיגראַנטן פֿון דײַטשלאַנד, וואָס זייערע נעמען געפֿינט מען אין אַ היפּשער צאָל אויף די שיפֿן וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין אַמעריקע פֿון האַוור, איבער דעם זעלביקן טעם אויסגעקליבן דעם פֿראַנצייזישן פּאָרט. די טענות פֿון דער מיטצײַטלערישער דײַטשער פּרעסע, אַז די יִידן וואָס גייען איבער האַוור ווילן זיך אַרויסדרייען פֿון מיליטער-דינסט, ווערן אויף

אַזאַ אופֿן אָפּגעפֿרעגט דורך אַ פֿאַרגלײַך מיט דער סיטואַציע בײַ אַן אַנדער גרופּע.[2]

קיין דירעקטן מאַטעריאַל וועגן ייִדן געפֿינען מיר ניט אין דער שווייצער עמיגראַציע־ליטעראַטור, סײַדן אָבסערוואַציעס וועגן באַגעגענישן מיט ייִדישע עמיגראַנטן. נאָר אומדירעקט, דורך פֿאַרגלײַכן די שווייצער עמיגראַציע מיט דער ייִדישער קען מען נאָך אָפּלערנען אַ סך. מען דאַרף פֿאַרגלײַכן אי די אויסגאַנגפּונקטן און ציִלן, אי דעם פֿאַרלויף פֿון דער וואַנדערונג ממש, אי וואָס עס איז געוואָרן פֿון די אימיגראַנטן אין דער נײַער היים.

די שווייצער־אַמעריקאַנער היסטאָרישע געזעלשאַפֿט האָט קודם־כּל געשפּירט אַ באַדערפֿעניש צו פֿאַרצייכענען די גרויסע אויפֿטועכץ פֿון צווישן די שווייצער אין אַמעריקע און האָט איר ערשטן באַנד אָפּגעגעבן אין גאַנצן פֿאַר 72 ביאָגראַפֿיעס. גראָד בײַ ייִדן, וואָס מיר פֿאַרמאָגן די־והותר פֿון אַזאַ „פֿאַקטן־ליטעראַטור" אין אַלע לענדער, וועט מען גרינג פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן ערשטן דיר פֿון פּאַטריאָטישע הערצער. אין דעם איצטיקן צווייטן באַנד זעט מען שוין אָבער דעם פֿאַרלאַנג צוצוקומען צום תּוך. אין צענטער שטייט דאָ (זז' 15־70) אַ סיסטעמאַטישער איבערבליק איבער די שווייצער געבאָרענע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ע"פּ די צענזוסן פֿון 1870, 1880, 1920,1890 און 1930. אין דעם דאָזיקן לעצטן יאָר גייט שוין די צאָל שווייצער באַרג אַראָפּ (113,010 לגבי 118,659 אין 1920 און 124,848 אין 1910): דער עלטערער דור עמיגראַנטן שטאַרבט אָפּ און די נײַע אימיגראַציע פֿון שווייץ איז קלענער.

די צעגלידערונג פֿון די צענזוסצאָלן ווײַזט אונדז ראשית, ווי ביז 1890 האָבן די שווייצער אויסגעפֿורעמט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צענטערס, און נײַע אײַנוואַנדערערס פֿון שווייץ האָבן זיך געצויגן אַהין: אין יענער צײַט האָט מען די פּינף דרום־מערבֿדיקע קאַונטיס פֿון שטאַט וויסקאָנסין אָנגערופֿן אויף לצנות Swissconsin. שפּעטער הייבט זיך אָן אַן איבער־וואַנדערונג אין די נײַע אינדוסטריעלע צענטערס, און די נײַקומערס פֿון שווייץ נעמען גיין כּמעט דורכויס אַהין. אַ צאָל ספּעציאַליסטן אין מילכי־קערײַ און פֿיך־האָדעווען זײַנען פֿון דעסט וועגן פֿאַרבליבן אין די לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע צענטערס. האָטעלערײַ, אויך אַ שווייצער ספּעציאַליטעט, דערלאָזט אויך אַ קאָמבינאַציע מיט לאַנדווירטשאַפֿט.

די שווייצער אימיגראַציע איז נאָך אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי די דײַטשישע אַן אימיגראַציע פֿון ספּעציאַליסטן. קיין אומגעלערנטע אַרבעטערס געפֿינט מען ניט; נאָך 1890 האָט מען געבראַכט איבער הויפּט אַזוינע

---

[2] דער עיקר האָט מען געהאַט די טענה קעגן די עלזאַסער ייִדן. די עלזאַסער וואָלט מען נאָך ערשט געדאַרפֿט אויסטיילן פֿון די שיף־רשימות.

וואָס זײַנען געווען אויסגעשולט אין די שווייצער אינדוסטריעס (זייגער־פֿאַבריקאַציע, זײַדנס־פֿאַבריקאַציע אד"גל).

אינטערעסאַנט איז די פֿאַרטיילונג פֿון די שווייצער איבערן לאַנד. אין ניו־יאָרק און ניו־דזשורזי זײַנען אין 1930 געווען 25,336 שווייצער, מיט העכער פֿינף טויזנט מער ווי אין 1900; אין קאַליפֿאָרניע זײַנען אין די דרײַסיק יאָר צוגעקומען העכער נײַן טויזנט שווייצער. אין וויסקאַנסין, פֿאַרקערט, איז אין 1930 געבליבן די זעלביקע צאָל געבאָרענע שווייצער וואָס מיט דרײַסיק יאָר פֿריִער און אין די שטאַטן אָהײַאָ, אילינאָי, פּענסילווייניע אאז"וו זעען מיר אַ שטאַרקע ירידה. מיר מעגן דערפֿון עפּעס דרינגען: אויב אַפֿילו די שווייצער, אַ הויך ספּעציאַליסטישע גרופּע לאַנד־ווירטשאַפֿטערס, האָט נאָר טיילווײַז געקענט בײַשטיין אַנטקעגן דעם דראַנג צו אינדוסטריאַליזירונג, מעגן מיר ווערן אַ ביסל פֿעסטער בײַ זיך ווען די דערגרייכונגען פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און די פּאָזיציעס וואָס זיי האָבן אײַנגעהאַלטן און פֿאַרנעמען נאָך ווײַטער (אייער־פּראָדוקציע אין געשלאָסענע ייִשובֿים וואָס האַלטן אין אויסברייטערן זיך). היסטאָריש ווערט אונדז נאָך קלאָר, אַז די גרויסע מאַסע ניט־קוואַליפֿיצירטע ייִדישע אַרבעטערס האָט נאָר אין אַ קלײנער צאָל געקענט גיין אַרבעטן אויף ערד און אַז היות ייִדן זײַנען געווען הינטערשטעליק לגבי די אינדוסטריעלע ספּעציאַליסטן פֿון אַנדערע פֿעלקער, האָבן זיי זיך תּחילת געמוזט קאָנצענטרירן אין אַזעלכע פֿאַכן ווי די נאָדל־אינדוסטריע.

דער שווייצער ייִשובֿ אין קאַליפֿאָרניע איז אַן ענין פֿאַר זיך. אָנגעהויבן האָט זיך דער צושטראָם, ווען דער עולם האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך גאָלד; די ערשטע קערנדלעך גאָלד, וואָס צוליב זיי איז געוואָרן דער גרויסער „בום", האָט מען אַגבֿ דעם 19טן יאַנואַר 1848 געפֿונען אין אַ זעגמיל וואָס האָט געהערט צו אַ שווייצער. אָבער ווען קאַליפֿאָרניע האָט גענומען וואַקסן, האָבן מער שווייצער געמאַכט גאָלד ווי בעלי־בתּים פֿון האָטעלן און געשעפֿטן, און ווען די גאָלדענע שיכּרות איז אַריבער, האָבן די ווײַנשטאָקן אָנגעהויבן טראָגן גאָלד. די ערשטע איטאַליעניש שווייצער פֿונעם קאַנטאָן טיטשין, 100-200 אַ יאָר, זײַנען נאָך ביז 1860 געקומען ווי גאָלדזוכערס ממש. נאָך דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען פֿלאַנצן ווײַן אויף זייער היימישן שטייגער און האָבן אויפֿגעעפֿנט אַ ברייטן וועג פֿאַר טויזנטער פֿון זייערע לאַנדסלײַט. זינט 1879 גייט אַרויס אין סאַן פֿראַנציסקאָ אַ שווייצער צײַטונג אין איטאַליעניש; פֿאַראַן אויך אָרגאַניזאַציעס, טייל פֿון טיטשינער אַליין, טייל אויסגעמישטע מיט דײַטשע און פֿראַנצייזישע שווייצער.

די אַנדערע קאַפּיטלען פֿון בוך זײַנען געגעבן ניט ווי פֿאָרשונג ממש, נאָר ווי אַ מיטל אַריבערצוטראָגן שווייצער טראַדיציאָנעלע ווערטן אין דער ענגלישער שפּראַך־סבֿיבֿה אַרײַן. דער היסטאָרישער אינטערעס פֿון דעם דאָזיקן קיבוץ, די שטרעבונג צו געפֿינען אין די טאָגטעגלעכע קליינינקייטן

אָנשפּאַרפּונקטן פֿאַר דער געשיכטע מוז ספּעציעל אַפּעלירן צו אונדז יִדן. און ס'איז אַ גרויסער ווייטאָג, וואָס די מאַטעריאַלן וועגן אונדזער פֿרי־יִקער אײַנוואַנדערונג זײַנען אַזוי ווייניק אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. די מקורים פֿון דער נײַער וועלט זײַנען אָפֿן פֿאַר אונדז; אין איראָפּע האָט מען שוין אפֿשר פֿאַרזאַמט אויף אַלע מאָל. נאָר לאָמיר האָפֿן, אַז ניט אַלץ וועט אומקומען און אַז פֿון אונטערן בלוט פֿון דער איצטיקער שחיטה וועט די נײַע יִדישע וויסנשאַפֿט נאָך זאָגן אַ נײַ וואָרט וועגן דער דאָזיקער טעמע אויך.

ד"ר רודאָלף גלאַנץ

גטן בײַ יִדן אין אונגערן

S. Somogyi, "Differential Divorce Rates by Religious Groups," *The American Journal of Sociology*, March, 1941, pp. 665-685.

דער מחבר האָט אַנאַליזירט די פּראָפּאָרציע פֿון גטן צו חתונה־געהאַטע אין אונגערן אין די יאָרן פֿון 1897, ווען גטן זײַנען לעגאַליזירט געוואָרן, ביז 1936. ער ווײַזט ערשטנס, אַז די רעלאַטיווע צאָל גטן איז אין משך פֿון פֿערציק יאָר שטאַרק געוואַקסן. פֿון 1897 ביז 1900 זײַנען דאָרט געווען ניט מער ווי 11 און אין 1936 גאַנצע 74 געגטע אויף יעדער טויזנט חתונה־געהאַטע. צווייטנס, בײַ די דאָרטיקע יִדן זײַנען געווען מער גרושים און גרושות ווי בײַ די אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס. פֿון 1901 ביז 1905 למשל זײַנען אין אונגערן אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכשניטלעך 21 גטן אויף יעדער טויזנט חתונה־געהאַטע לגבי 43 בײַ יִדן. פֿון 1931־1935 זײַנען געווען 152 געגטע אויף יעדע טויזנט בײַ דער יִדישער באַפֿעלקערונג, און ניט מער ווי 66 אין גאַנץ אונגערן. דריטנס, אין די נאָך־מלחמה־יאָרן איז די צאָל גטן שטאַרק געוואָקסן הן בײַ יִדן און הן בײַ קריסטן; אין די יאָרן פֿון עקאָנאָמישן קריזיס ווידער איז די פּראָפּאָרציע גטן געפֿאַלן.

פֿון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס בײַ יִדן זײַנען פֿאַראַן מער גרושים און גרושות ווי בײַ ניט־יִדן? ערשטנס פֿון דעם וואָס מיר זײַנען מער אורבאַניזירט ווי די אַנדערע. אַרום 11 פּראָצענט פֿון די שטאָטישע אײַנוווינערס אין אונגערן זײַנען אין יאָר 1930 געווען יִדן, הגם פֿון דער גאַנצער אונגערישער באַפֿעלקערונג האָבן יִדן באַטראָפֿן ניט מער ווי 5 פּראָצענט. אַז עס איז פֿאַראַן אַ פּאָזיטיווע קאָרעלאַציע צווישן אורבאַניזאַציע און גטן, קאָן מען זען פֿון דעם, וואָס פֿון 1926 ביז 1930 למשל זײַנען אין בודאַפּעשט געווען 164 געגטע אויף יעדע טויזנט חתונה־געהאַטע און אין די איבעריקע טיילן פֿון לאַנד ניט מער ווי 56, אַ דריטל פֿון דעם וואָס אין דער הויפּטשטאָט. וואָס שייך דער יִדישער באַפֿעלקערונג, האָבן זיך געגט 200 פֿון יעדע טויזנט וואָס האָבן חתונה געהאַט אָדער געוווינט אין בודאַפּעשט, און ניט מער ווי 95 פֿון יעדע טויזנט וואָס האָבן חתונה

געהאַט אין אַנדערע ערטער. פֿון דעם איז צו זען, אַז דער חילוק צווישן בודאַפּעשטער ייִדן און בודאַפּעשטער קריסטן איז זייער אַ קלײנער. בודאַ־פּעשט איז אָבער ניט די איינציקע שטאָט, ווו אונגערישע ייִדן וווינען. פֿון דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג זײַנען אין 1930 געווען ייִדן ניט מער ווי 2 פּראָצענט. דאָס דערקלערט משמעות, פֿאַר וואָס דער פּראָצענט געגטע איז בײַ ייִדן וואָס וווינען מחוץ בודאַפּעשט אַ סך גרעסער ווי בײַ דער איבעריקער באַפֿעלקערונג און וואָס דער חילוק צווישן בודאַפּעשטער און אַנדערע ייִדן איז קלענער ווי צווישן די בודאַפּעשטער און אַנדערע קריסטן.

צווייטנס, היות ייִדן זײַנען דער עיקר שטאָטישע אײַנוווינערס, איז זייער פּראָפֿעסיאָנעלע גלידערונג במילא אַנדערש ווי בײַ די קאַטויליקן און פּראָטעסטאַנטן. אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע ייִדן זײַנען אָנגעשטעלטע, פּראָפֿע־סיאָנאַלן און סוחרים. און דער מחבר ווײַזט אָן, אַז עס איז בדרך־כּלל פֿאַראַן אַ פּאָזיטיווע קאָרעלאַציע צווישן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצבֿ פֿון דער באַפֿעלקערונג און גטן.

אויך דאַרף מען זיך רעכענען מיט דער גרייס פֿון דער פֿאַמיליע. עס פּאַסירט, אַז מאַן און ווײַב מײַדן אויס אַ גט צוליב זייערע קינדער. די געבורטן־ראַטע בײַ אונגערישע ייִדן איז אָבער געווען קלענער ווי בײַ דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. די גרעסערע פּראָפּאָרציע געגטע אידן קאָן טיילווײַז צוגעשריבן ווערן צו דעם, וואָס אַ צאָל פֿון זיי האָבן בכלל ניט געהאַט קיין קינדער אָדער האָבן געהאַט ווייניקער ווי די אַנדערע.

און וואָס איז מכּוח רעליגיע? דער מחבר האַלט, אַז די סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע סבֿיבֿה — שטאָטישקייט, באַשעפֿטיקונג און בילדונג — שפּילט אין דעם פּרט אַ גרעסערע ראָלע ווי רעליגיע.

אין שײַכות מיט דעם דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מעמד פֿון אַ גרופּע קאָן אַ מאָל אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פֿון איר רעליגיע. אַן אַנדערער קען אפֿשר ברענגען ראיות, אַז ייִדן האָבן זיך מיט דורות צוריק באַזעצט אין שטעט, כּדי צו קאָנען דאַוונען בציבור, אָפּהיטן כּשרות וכדומה. אויך קאָן דאָך טעאָרעטיש געמאָלט זײַן, אַז זיי האָבן זיך גענומען צו מיסחר, כּדי צו האָבן מער צײַט צו לערנען תּורה. מען דאַרף דאָ דערמאָנען מאַקס וועבערס טעאָריעס.

דער מחבר באַטאָנט ניט דעם פֿאַקט, וואָס מער ווי 10 פּראָצענט אונ־גערישע ייִדן האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטן. אין פֿאַל פֿון געמישטע חתונות, ווי מיר ווייסן, זײַנען גטן אַן אָפֿטערע דערשײַנונג ווי בײַ האָמאָגענע פֿאַמיליעס. אויך דערמאָנט ער ניט דעם עלטער פֿון די געגטע און די צאָל יאָרן וואָס זיי האָבן געלעבט צוזאַמען.

בכלל גערעדט האָט זיך דער סטאַטיסטישער מעטאָד, מיט וועלכן סאָמאָדזשי האָט זיך באַנוצט, זײַנע מעלות און חסרונות. דער הויפּט־חסרון אין דעם פֿאַל איז, וואָס מען קאָן אפֿשר קיין מאָל נישט אויסגעפֿינען פֿון

די אָפּיציעלע דאָקומענטן דעם אמתן מאָטיוו, פֿאַר וואָס מענטשן גטן זיך. אויב דער געזעץ איז למשל, אַז מען קאָן קריגן אַ גט נאָר ווען מען איז עובֿר אויף געטרײַשאַפֿט אין זיווג־לעבן, זײַנען זיך מענטשן אומיסטן מודה אין ניט־געטרײַשאַפֿט, כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער זיווגשאַפֿט. מען דאַרף, מיט אַנדערע ווערטער, זיך באַנוצן אויך מיט סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פֿאָרשונגען, אויב מען וויל אויסגעפֿינען די אמתע סיבה, פֿאַר וואָס מאַן און ווײַב ווילן ניט אָדער קאָנען ניט לעבן צוזאַמען.

אָבער וואָס די סיבות און מאָטיוון זאָלן ניט זײַן, די פֿאַקטן וואָס דער מחבר גיט איבער זײַנען בלי ספֿק זייער וויכטיק.

נ. גאָלדבערג

The Cartwright Petition of 1649. A Facsimile Reproduction of the Original Copy in the Sutro Branch of the California State Library. With an Introduction by Nat Schmulowitz. San Francisco, 1941.

פֿרײַטיק דעם 5טן יאַנואַר 1648 האָבן צוויי ענגלישע פּוריטאַנערס, אַ מאַמע און אַ אַלמנה דזשאָהאַנאַ קאַרטרײַט און איר זון עבענעזער דערלאַנגט אַ פּעטיציע דעם לאָרד האַליפֿאַקס און דעם גענעראַלן קריגסראַט.

אין דער פּעטיציע האָבן די צוויי פּוריטאַנערס געפֿאָדערט פֿון דעם העכסטן מיליטערישן באַאַמטן און פֿון דעם קריגסראַט, אַז ס׳זאָל צוריק־געצויגן ווערן „דער אוממענטשלעך אכזריותדיקער סטאַטוט פֿון גירוש" און; אַז ייִדן זאָלן „מיט ברודער־ליבע אויפֿגענומען ווערן און ס׳זאָל זיי דערלויבט זײַן צו וווינען צווישן אונדז אין דעם לאַנד [ענגלאַנד] אַזוי ווי זיי וווינען איצט אין די נידערלאַנדן." מאָטיווירן מאָטיווירן די פּעטיציאָנערן מיט דעם, וואָס „די צײַט פֿון דער דערלייזונג איז נאָענט, ווען זיי צוזאַמען מיט אונדז וועלן דערקענען דעם עמנואל, דעם האַר פֿון לעבן, ליכט און גלאָריע, וואָס מיר קענען אים שוין איצטער. און דאָס פֿאָלק ענגלאַנד מיט די באַוווינערס פֿון די נידערלאַנדן וועלן זײַן די ערשטע און די גרייטסטע אַריבערצופֿירן אויף זייערע שיפֿן די זין און טעכטער פֿון ישׂראל אין דעם לאַנד אַרײַן, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן צו זייער אָבֿות אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ פֿאַר אַן אייביקער נחלה."

די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פּעטיציע איז 1649 אָפּגעדרוקט געוואָרן און ס׳זאָלן זיך האָבן אויפֿגעהיט בלויז צוויי עקזעמפּלאַרן: איינער אין לאָנדאָן און דער צווייטער אין דער סאַן פֿראַנציסקאָער סוטראָ־אָפּטיילונג פֿון דער קאַליפֿאָרניער שטאַט־ביבליאָטעק. די סוטראָ־אָפּטיילונג וואָס פֿאַרמאָגט אַ גרויסן אוצר מיט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון ענגלאַנד האָט איצטער,

אונטער דער השגחה פֿון דער .W.P.A, אַרויסגעגעבן אַ פֿאָטאָסטאַט פֿון דעם זעלטענעם דאָקומענט.

צו דעם פֿאָטאָסטאַט איז צוגעגעבן אַן אַרײַנפֿיר פֿון נעט שמולאָוויץ. דער אַרײַנפֿיר איז לגמרי אַ ווערטלאָזער, כּמעט אָן שום שײַכות צום ענין.

די קאַרטרײַט־פּעטיציע איז ניט קיין יוצא־מן־הכּלל, נאָר אַ קינד פֿון איר צײַט. ענגלאַנד איז אין מיטן 17טן יאָרהונדערט געווען אויפֿגערודערט פֿון דעם קאַמף וואָס ס'האָבן אָנגעפֿירט קעגן דעם עטאַבלירטן קלויסטער פֿאַרשיידענע פּראָטעסטאַנטיש־דיסידענטישע סעקטעס, ווי די אַנאַבאַפּטיסטן, פּוריטאַנערס, קווייקערס און אַ סך אַנדערע. דער סיכסוך צווישן פּאַרלאַמענט און קיניג איז אויך געווען אויף אַ רעליגיעזער באַזע. דער קראָמוועלישער אויפֿשטײַג האָט סיגנאַליזירט דעם נאָענטן נצחון פֿאַר די אַלע טרוימערס און האָפֿערס אויף גאָטס מלכות אויף דער וועלט.

אין צענטער פֿון דער האָפֿענונג איז געשטאַנען „גאָטס פֿאָלק", ייִדן. אַלע דיסידענטישע סעקטעס האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז אָן דער רעסטאַוראַציע פֿון ייִדן „אויפֿן לאַנד פֿון זייערע אָבֿות" קאָן גאָטס מלכות ניט אײַנגעשטעלט ווערן.

דאָס דערקלערט, פֿאַר וואָס די גײַסטיקע פֿירערס פֿון די פּוריטאָנערס און קווייקערס זײַנען אין 17טן יאָרהונדערט געווען פֿאַרנומען מיטן זוכן די צען שבֿטים און מיט ייִדישער רעסטאַוראַציע. וועגן „דער וועלטס גרויסער רעסטאַוראַציע ... פֿון די ייִדן" האָבן געשריבן סער הענרי פֿינטש (1621), וואַוואַסאָר פּאָועל (1671), די קווייקערס דזשיימז ניילאָר (1655) און דזשאָן הארווּד (1655), קראָמוועלס פֿרײַנד דזשאָן סאַדלער (1640) און אַ סך אַנדערע. כּמעט אַלע פֿרומע שרײַבערס האָבן פֿאָרויסגעזאָגט, אַז די ייִדישע דערלייזונג איז נאָענט.[1]

די שבתי־צבֿי־באַוועגונג האָט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט ניט נאָר ענגלישע גלייבערס אין דעם קומען פֿון גאָטס מלכות — זיי האָבן אין דעם ייִדישן משיח געזען אַ קלאָרע ראַיה אויף דער ריכטיקייט פֿון זייערע האָפֿענונגען — נאָר אַפֿילו ענגלישע מלוכה־לײַט און די ענגלישע רעגירונג זײַנען געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער משיח־באַוועגונג.[2]

דער ענגלישער קאָנסול אין איזמיר (סמירנע) און שפּעטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סער פּאָול ריקאָוט האָט אָנגעשפּיצט נאָכגעפֿאָלגט אַלץ וואָס ס'האָט געהאַט אַ שײַכות מיט שבתי־צבֿי און באַריכות אינפֿאָרמירט וועגן

---

1 Nahum Sokolow, *History of Zionism*, London, 1919. Vol. I, pp. 40-59.

2 Abba Hillel Silver, *Messianic Speculation in Israel.* New York, 1927, pp. 172-183.

אַ בײַשפּיל פֿון דעם טיפֿן אינטערעס צו דער שבתי־צבֿי־באַוועגונג איז:

Two Journeys to Jerusalem with an Account of the Wonderful Delusion of the Jews. London, 1666.

שפּעטער אַרויסגעגעבן פֿון: Nathaniel Crouch, London, 1704.

דעם זײַנע לאַנדסלײַט. שרײַבט ער, אַז אין געוויסע קרײַזן אין ענגלאַנד האָט מען זיך גערעכנט, אַז „דאָס יאָר 1666 זאָל ... ברענגען אַ ברכה פֿאַר ייִדן אין שײַכות מיט דער רעסטאַווראַציע פֿון זייער מלוכה".[3]

מנשה בן ישׂראלס מיסיע איז אין ענגלאַנד אויך אונטערגעשטיצט געוואָרן פֿון די וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף ישׂראלס דערלייזונג בקרוב. מנשה בן ישׂראל גיט צו אין זײַן פּעטיציע צו קראָמוועלן, אַז איינע פֿון די סיבות, פֿאַר וואָס מען דאַרף ייִדן לאָזן זיך באַזעצן אין ענגלאַנד איז דאָס „וואָס מײַן מיינונג שטימט מיט דער מיינונג פֿון אַ סך קריסטן: מיר גלייבן, אַז די צײַט פֿון דער ייִדישער דערלייזונג איז זייער נאָענט... און איידער משיח קומט אונדז אויסלייזן מוזן מיר זיך באַזעצן דאָ אויך."[4]

די קאַרטרײַט־פּעטיציע איז אַן אינטערעסאַנטער פּרט פֿון אַ פֿאַרבנרײַך קאַפּיטל ענגלישע געשיכטע אין אַ שטורעמדיקער צײַט, ווען די טויערן פֿון ענגלאַנד זײַנען ווידער געעפֿנט געוואָרן פֿאַר ייִדן.

י. ליפּשיץ

Bernardini Ramazzini, *De Morbis Artificum, Diseases of Workers.* Translated by Wilbur C. Wright. University of Chicago Press, 1940.

די ניו־יאָרקער אַקאַדעמיע פֿאַר מעדיצין האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ נײַע ענגלישע איבערזעצונג פֿון ראַמאַזינים בוך וועגן קראַנקייטן, פֿון וועלכע אַרבעטערס לײַדן, וואָס איז לכתּחילה אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1700. אין בוך ווערן אַרומגערעדט (זז' 283-297) די קראַנקייטן, פֿון וועלכע ס'לײַדן ייִדישע שנײַדערס, מאַטראַצן־איבערמאַכערס און אַלטוואַרג־הענדלערס, דער מחבר באַטאָנט, אַז זייערע קראַנקייטן נעמען זיך דער עיקר פֿון זייערע מלאָכות און זײַנען נישט קיין ספּעציפֿיש ייִדישע חולאתן.

נ. ג.

---

[3] Paul Rycaut, *The Turkish History.* London, 1687 III, vol. II, p. 174.
ריקאָוט שרײַבט, אַז ס'האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז בײַ די ברעגן פֿון שאָטלאַנד האָט זיך באַוויזן אַ שיף מיט אַ פֿאָן און זעגלען פֿון זײַד. די שיף איז געפֿירט געוואָרן פֿון מאַטראָסן וואָס האָבן גערעדט נאָר העברעיִש. אויף די זעגלען איז געווען די אויפֿשריפֿט: „די צוועלף שבֿטים פֿון ישׂראל" (דאָרט ז' 174).

[4] Lucien Wolf, *Menasseh ben Israel's Mission to Oliver Cromwell.* London, 1901, p. 78.

Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada. Report No. 6, Jewish Occupational Council, N.Y.C., 1940. 31 pp.

דער „דזשויִש אָקיופּיישאָנעל קאָונסיל" האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגע־דרוקט די רעזולטאַטן פֿון אויספֿאָרשונגען וועגן די באַשעפֿטיקונגען פֿון אַמעריקאַנער ייִדן. די „קאָנפֿערענס אָן דזשויִש רילייִשנז" האָט געמאַכט די אויספֿאָרשונגען מיט דער הילף פֿון לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין צען אַמעריקאַנער שטעט. די קאַנאַדער אויספֿאָרשונג איז באַזירט אויף דעם דאָרטיקן צענזוס.

עס מערקט זיך אַ געוויסע רעגולערקייט אין דעם עקאָנאָמישן „פּורעם" פֿון אַמעריקאַנער ייִדן. די מערהייט, קומט אויס, פֿאַרנעמט זיך מיט מיסחר, און אַרום אַ צענטל איז אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. דערבײַ זעען מיר, אַז אין די קלענערע שטעט (ניו־לאָנדאָן, סטעמפֿאָרד און טרענטאָן) איז די פּראָפּאָרציע פֿון פּראָפֿעסיאָנאַלן גרעסער ווי אין דעטראָיט און ניו־יאָרק. פֿון דער אַנדער זײַט ווידער דערוויסן מיר זיך, אַז אין פּאַסייק, ניו־יאָרק און דעטראָיט זײַנען מער ייִדן באַשעפֿטיקט אין אינדוסטריע ווי אין אַנדערע ערטער.

ס'ווערן געבראַכט צוויי מינים טאַבעלעס. אין די מערסטע פֿאַלן זײַנען די אַרבעטערס קלאַסיפֿיצירט לויט זייער אינדוסטריע צי פֿאַך (טראַנספּאָרט, פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, שטוביקע צי פּערזענלעכע באַדינונגען). פֿאַראַן אָבער עטלעכע טאַבעלעס, וווּ די קלאַסיפֿיקאַציע גייט לויטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצבֿ, למשל געשולטע און נישט־געשולטע אַרבעטערס, בעלי־בתּים וכדומה, ניט דערמאָנענדיק די אינדוסטריע. עס איז שווער צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די „קאָנפֿערענס אָן דזשויִש רילייִשנז", וועלכע האָט אָנגעפֿירט די אַרבעטן, האָט זיך ניט באַנוצט מיט קיין אייניהייטלעכער קלאַסיפֿיקאַציע.

די אָנגעגעבענע קלאַסיפֿיקאַציע איז ניט גענוג דעטאַליזירט. מיר וואָלטן למשל געוואָלט וויסן, וויפֿל פּראָצענט זײַנען מעדיקערס, אַרטיסטן, לערערס און וויפֿל אַרבעטערס ס'אַרבעטן בײַ קליידער, בוי, מאַשין אאַז"וו. אפֿשר וועלן די פּרטים נאָך אָפּגעדרוקט ווערן?

עס מוז באַמערקט ווערן, אַז מיר וואָלטן באַדאַרפֿט פֿאָרשן די דינאַמיק פֿון ייִדישן עקאָנאָמישן שטייגער. ווי אַזוי זעען אויס די באַשעפֿטיקונגען פֿון יונגן דור לגבי דעם עלטערן? ווי אַזוי זײַנען די טענדענצן פֿון באַשעפֿטיקונגען, ווי אַזוי זײַנען די באַשעפֿטיקונגען פֿון זין און טעכטער לגבי זייערע עלטערן? אויך וואָלטן מיר באַדאַרפֿט אויספֿאָרשן די מאָטיוון, פֿאַר וואָס מענטשן נעמען זיך צו דעם אָדער יענעם פֿאַך, צי טראַכט מען נאָר וועגן געלט, אָדער ס'גייען אויך אַרײַן מאָטיוון ווי פּרעסטיזש, פֿאַמיליע־טראַדיציעס, זיכערקייט אאַז"וו? די רעזולטאַטן פֿון אַזוינע אויספֿאָרשונגען וואָלטן געהאַט אי אַ פּראַקטישע אי אַ טעאָרעטישע ווערדע.

נ. גאָלדבערג

רשי־בוך, צום נײַנהונדערטסטן געבורטסיאָר, בועגאָס איירעס, ה׳ת״ש.

פֿון אַרגענטינע איז אונדז אָנגעקומען אַ שיינע מתּנה: אַ וואָגיק בוך, אַי אין כּמות אַי אין איכות, איבער דעם גרעסטן קאָמענטאַטאָר פֿון אונדזערע גרעסטע שאַפֿונגען. אויב אין אַנדערע שפּראַכן פֿאַרמאָגן מיר אַ רײַכע רשי־ליטעראַטור כּמעט אַזוי אַלט ווי רשים נאָמען אַליין, איז עס אין ייִדיש דוכט זיך דאָס ערשטע גרעסערע בוך וועגן אים, 351 זײַטן. אַרויסגעגעבן איז דאָס פֿון דעם קאָמיטעט צו פֿײַערן דעם 900סטן געבוירן-יאָר פֿון רשי און 800סטן יאָרצײַט פֿון ר׳ יהודה הלוי, בײַ דער ציוניסטישער פֿעדע־ראַציע אין אַרגענטינע.

דאָס בוך, אײַנגעבונדן אין אַן אָריגינעלער רשי-בונד, איז צוזאַמענ-געשטעלט פֿון 11 אַרטיקלען פֿון פֿאַרשיידענע מחברים. נאָך נ. גזאַנגס וואַ־רעמער הקדמה אויף דער טעמע תּורה און גאולה פֿאַרנעמט דעם אויבן-אָן יוסף מענדעלסאָן, רעדאַקטאָר פֿון באַנד, מיט זײַן אַרבעט פֿון העכער הונדערט זײַטן: „רשי — זײַן לעבן, ווירקונג און געשטאַלט". מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם טרעט צו דער מחבר צו דעם וואָס ער רופֿט אָן „רשי-ענין". קודם־כּל, שטרײַכט ער אונטער מיט רעכט, באַשטייט רשים גרויסקייט אין דעם וואָס ער איז געווען „דער פֿאַרטרײַבער פֿון עם-הארצות פֿון צווישן די ייִדישע מאַסן". דער פּשטותדיקער, פֿאָלקסטימלעכער פּירוש רשי האָט געמאַכט צו־טריטלעך פֿאַר יעדער ייִדןביידע ייִדישע תּורות: שבכּתבֿ און שבעל פּה. ביז רשין זײַנען תּנך און תּלמוד געווען פֿאַרחתמעטע ספֿרים, צו וועלכע עס האָבן געהאַט צוטריט נאָר פּריווילעגירטע מענטשן: תּלמידי-חכמים, לומדים, ישיבֿה-לײַט. רשי האָט געבראַכט די הייליקע ספֿרים צום ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר. דערפֿאַר טאַקע איז, פֿון אַלע גרויסע מפֿרשים און פּוסקים וועלכע מיר האָבן געהאַט, רשי דער איינציקער וואָס איז אַזוי נאָענט, אַזוי באַליבט, אַזוי היימיש, אַזוי צוגעוויפֿגעלעבט מיטן פֿאָלק זינט הונדערטער יאָרן.

מיט אַ געפֿיל פֿון בענקשאַפֿט דערמאָנט אונדז מענדעלסאָן דעם „פּסוק חומש מיט רשי אין פֿאַרצײַטיקן חדר" און אילוסטרירט זײַנע זכרונות מיט דעם באַוווּסטן רעטשיטאַטיוון „אויסריידעכטס" פֿון מלמדים אויפֿן פּסוק „ואני בבֿואי מפּדן ארם". מיט רעכט ווײַזט אויך אָן דער מחבר, אַז דאָס וואָס דער ערשטער געדרוקטער העברעיִשער ספֿר, 1475, איז געווען דער פּירוש רשי אויף תּורה, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער גרויסער פּאָפּולאַ-ריטעט וואָס דער באַשיידענער רבֿ פֿון טרואַ האָט שוין יעמאָלט געהאַט בײַ ייִדן. ווײַטער צייכנט מענדעלסאָן אָן עטלעכע אינטערעסאַנטע שטריכן פֿון רשים גײַסטיקער פֿיזיאָנאָמיע. רשי, כּל ימיו אַרײַנגעטאָן אין לערנען, האָט פֿאַר זײַן רבנות קיין שום באַלוינונג ניט באַקומען. ווי אַ גרויסער טייל ייִדן אין דער דעמאָלטיקער שאַמפּאַן האָט ער געצויגן חיונה פֿון ווײַנגערטנערײַ. אַ וווּנדערלעכער סינטעז פֿון תּורה און דרך-ארץ — אָט

וואָס ס'דריקט אויס רשים פּערזענלעכקייט, דער היפּוך פון קנאות וואָס באַצייכנט דעם דעמאָלטיקן דור ביי יידן.

אין דעם פּרק „אונטערן צייכן פון ערשטן קרייצצוג" רעדט דער מחבר וועגן רשים טיף מענטשלעכער שטעלונג, פול מיט איינזעעניש, צו די „אנוסים פון גזירת תתנ״ו". דאָס וואָרט „אנוסים" איז אָבער דאָ, דוכט מיר, ניט אויפן געהעריקן פּלאַץ. עס קען זיין, אַז אין דעם פּעריאָד פון די קרייצצוגן זיינען געווען פאַלן פון אָפּגעשמדטע יידן וואָס זיינען אין האַרצן געבליבן יידן, אָבער „אנוסים" איז אַ היסטאָרישער טערמין וואָס איז אויפּ־געקומען און איז שייך אויסשליסלעך צו די מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל עטלעכע הונדערט יאָר נאָך רשין.

אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון רשין איז אויך געגעבן אין מרדכי ראָזאָוווסקיס אַרטיקל.

פּנחס נאמן גיט אַן אַנאַליטישן איבערבליק איבער „רשים פּירוש אויף תורה". דורך אַ צאָל אינטערעסאַנטע ציטאַטן ווייזט דער מחבר אויף, אַז „אין יסוד פון רשים פּירוש אויף תורה ליגט אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישע און דידאַקטישע אייגנשאַפטן, געבויט אויף דער טיפער קענטעניש פון שפּראַך און אינהאַלט".

הרבֿ יעקבֿ פינק קוקט אויס צו זיין אַן אמתער „רשיאָלאָג". זיין „רשי אַלס מפרש פון תלמוד" איז נאָר אַ תמצית פון אַ גרעסערער אַרבעט. דער מחבר גיט דאָ זייער אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן דעם פּעדאַגאָגיש; יוערט פון רשים פּירוש און זיין ספּעציפישן סטיל. „רשים סגנון — דעפי־נירט ריכטיק הרבֿ פינק — איז זייער קורץ, איינגעפּרעסט — אַ קורצקייט אַן עלאַסטיצירטע — אין דער זעלביקער צייט איז ער ווייך, לייכט און בילד־לעך; ער איז דורכגעזאַפּט מיט צערטלעכקייט, די אויסדרוקן זיינען קלאָר און די פראַזעס זיינען אויסגעפורעמט קאַנטיק און אַרומגעשליפן; און ניט געקוקט אויף דער מערקווערדיקער קורצקייט און שפּאָרזאַמקייט [בעסער: שפּאָרעוודיקייט] אין ווערטער, לייענען זיך די פראַזעס און די גאַנצע אָפּ־זאַצן מיט אַ וווּנדערבאַרער [ווונדערלעכער] לייכטקייט".

ר. רילאָוו וויל אַרויסברענגען, אַז די גאונות פון רשין באַשטייט בעיקר אין דעם וואָס ער האָט געוווּסט, ווי אַזוי צו פאַראייניקן „די צוויי ווייטע איינע פון די אַנדערע שיטות, די פון דרש און פון פּשט, אין איין פולקומען און גאַנצן סיסטעם". דאָס איז ניט אין גאַנצן ריכטיק. רשים אויפטו איז גראָד געווען אויסצוקריסטאַליזירן דעם ריכטיקן טייטש און אָפּצוטיילן דעם איינפאַכן פּשט פון פּסוק (אָדער פון דער מימרא) פון דיאַלעקטישן דרוש. רשי זאָגט עס אַליין אין אַ סך ערטער: „דברי תורה כפּטיש יפוצץ סלע מתחלקים לכמה טעמים ואני לישב פשוטו של מקרא באתי" (בראשית ל״ג כ'). אָדער „אין המדרש מתיישב אחר המקרא מפּני כמה דברים... לכך אני אומר יתיישב המקרא על פשוטו דבר דבור על אופניו והדרש תדרש" (שמות ו, ט).

הרבֿ ד"ר קליינס „רשי און זײַנע נאָכפֿאָלגער" איז אַ פּרוּוו אויפֿצוווײַזן די השפּעה פֿון רשיס פּירוש אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער רבנישער דיאַלעקטיק. אָבער עס פֿעלט אין דעם אַרטיקל קלאָרקייט, אַזוי אַז מען ווייסט ניט, וואָס דער מחבר איז בעצם אויסן. קעגן וואָס למשל רעכנט ער אויס גענוי אַלע סאַציאַלע תּקנות פֿון די בעלי־התּוספֿות?

משה שענדעריי דערציילט קנאַפּ וואָס נײַעס אין „די באַדײַטונג פֿון רשי פֿאַר דער ניט-ייִדישער וועלט". וואָרעם ער רעדט מער וועגן דעם אײַנפֿלוס פֿון תּנך אויפֿן קריסטנטום ווי וועגן רשיס אײַנפֿלוס.

אין „רשי און די שפּראַכן-פֿראַגע" שטרײַכט י. גאָלדשטיין אונטער דעם פֿאַקט, וואָס רשי, הגם זײַן פּירוש איז באַשטימט בעיקר פֿאַרן ברייטן עולם, האָט דאָך זײַן קאָמענטאַר געשריבן אין העברעיִש. געוויס האָבן דאָ געשפּילט אַ ראָלע די סענטימענטאַלע און פּראַקטישע מאָטיוון וואָס דער מחבר רעכנט אויס. רשי וואָלט גיכער ווי אַלץ ניט געוואָרן דער אייביקער באַלייטער פֿון כּתבֿי הקודש און ש"ס, ווען ער וואָלט ניט געווען אין לשון הקודש. אָבער עס איז אַ ביסל גאָוו צו געפֿינען דאָ אַן „עבֿרית-בעבֿרית-שיטה", ווי עס טוט גאָלדשטיין.

אַן אמתער און טאַקע ווערטיקער אוצר אַפֿאָריזמען און געדאַנקען און גוטע ווערטלעך אין ייִדישער איבערזעצונג איז „פֿון רשיס אוצר" פֿון צבֿי שוואַרץ. אַ סך פֿון די ציטירטע מאמרים זײַנען אַרײַן אין דער לעבעדיקער שפּראַך פֿון פֿאָלק. דער מחבר ווייסט, אַז אין דער גרויסער מערהייט האָט רשי די מאמרים געשעפּט פֿון פֿריִערדיקע קוואַלן: תּלמוד און מדרש. אָבער צום פֿאָלק, זאָגט ער, זײַנען זיי אָנגעקומען דורך פּירוש רשי; אָן רשי וואָלטן זיי קיין מאָל ניט אַרויס פֿון ענגן קרײַז לומדים. דאָס איז ריכטיק פֿאַר אַ סך מאמרים וואָס שוואַרץ ציטירט, אָבער ניט פֿאַר אַלע. „זאָלסט דן זײַן דײַן פֿרײַנד לכּף זכות" וועט קיינער ניט זאָגן, אַז עס שטייט אין רשי; ס'איז פֿון פּרק. אָדער וועגן „זאָלסט ליב האָבן דײַן פֿרײַנד ווי זיך אַליין" ווייסט יעדער ייִד, אַז עס שטייט אין דער תּורה.

אפֿרים זרחי פֿירט דורך אין „רשיס אָרט אין דער געשיכטע פֿון אונדזער גײַסטיקן קיום" אַן אינטערעסאַנטע אַנאַלאָגיע צווישן עזרא, דער פֿאַרפֿעסטיקער פֿון דער תּורה, און ר' יהודה הנשיא און רב אשי, די פֿאַרפֿעסטיקערס פֿון תּלמוד, פֿון איין זײַט, און רשי, דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פֿון ביידע, פֿון דער אַנדערער זײַט. דער מחבר לאָזט זיך אָבער אַרײַנציִען אין איבעריקן פּאַטאָס. ווען ער שרײַבט אויס: „ווען ניט רשיס פּירושים, וואָלט איצט קיין ייִדיש פֿאָלק ניט געווען".

די זאַמלשריפֿט שליסט זיך מיט „רשי אין דער לעגענדאָגראַפֿיע" (?) פֿון י. בן־הלל. דער מחבר דערמאָנט אונדז די שיינע מעשׂיות וואָס האָבן זיך אין משך פֿון דורות געשאַפֿן אַרום דעם לעגענדאַרישן מפֿרש פֿון מיטל־

עלטער און וועלכע ווײַזן, ווי ווײַט ליב און נאָענט רשים נאָמען איז געווען בײַם פאָלק.

א טענה קען מען האָבן צום רעדאַקטאָר פון דעם זאַמלבוך יוסף מענדעלסאָן, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט צו פיל איבערחזרונגען. די זעלבע אויספירן מיט די זעלבע ציטאַטן און כמעט מיט די זעלבע ווערטער געפינען זיך אין פאַרשיידענע אַרטיקלען. דערפאַר אָבער איז די שפּראַך פון די צוזאַמענגענומענע אַרטיקלען און איינהייטלעכע. עס פעלט איר אפשר א ביסל ליטעראַרישע געשליפנקייט און ווישנשאַפטלעכע פּרעציזקייט — נאָך אַלעמען איז דאָך רשי א היסטאָרישע טעמע — אָבער דערפאַר איז דאָס ייִדיש געשמאַק און וואַרעם-ייִדיש, געפלאָכטן מיט העברעיִשע ווערטלעך און מאמרי חז״ל.

ד״ר י. מיקלישאַנסקי

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

די דרײַ אינסטיטוטן וועגן שלום־פּראָבלעמען

פֿון דער רעדאַקציע. פּ׳ יעקבֿ לעשטשינסקי, איינער פֿון די הויפּטטוערס פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע ענינים בײַם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס און אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע „ייִוואָ־בלעטער“, האַלט פֿאַר נייטיק צו מאַכן די ווײַטערדיקע באַמערקונגען צו מ. ווײַנרײַכס נאָטיץ: „צוויי אינסטיטוטן וועגן נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען“ אין די ייִוואָ־בלעטער XVII, 2, זז׳ 170—172.

איך בין אין גאַנצן מסכּים מיטן געדאַנק וואָס איז געווען אַרויסגעזאָגט אין מ. וו.׳ס נאָטיץ, אַז די עקסיסטענץ פֿון צוויי אינסטיטוטן צו פֿאָרשן די לאַגע פֿון ייִדן אין אייראָפּע און צוצוגרייטן מאַטעריאַל פֿאַר ייִדישע פֿאָדערונגען צו דער שלום־קאָנפֿערענץ איז זייער באַרעכטיקט. איך וויל זיך אָבער אָפּשטעלן אויף דעם פּרינציפּיעלן חילוק צווישן די אינסטיטוטן פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס און פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט.[1]

ס׳וואַרפֿט זיך אין די אויגן בײַם לייענען די פּראָגראַמען פֿון דיביידע אינסטיטוטן, אַז זייער צוגאַנג צו ייִדישע פּראָבלעמען איז ביז גאָר פֿאַרשיידן. און ניט נאָר ווײַל דער קאָנגרעס־אינסטיטוט איז ציוניסטיש און רעדט וועגן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן היימלאַנד אין ארץ־ישׂראל און דער קאָמיטעט־אינסטיטוט אָנערקענט ניט די דאָזיקע פֿאָדערונג. פּאַקטיש פֿאַרנעמט זיך דאָך דער קאָנגרעס־אינסטיטוט אויך ניט מיט ארץ־ישׂראל־פּראַגעס, ער איז באַשאַפֿן געוואָרן אויסשליסלעך פֿאַר דעם וואָס מען רופֿט גלות־פּראַגעס. און פֿאָרט איז דער חילוק טיף און וויכטיק. דער קאָמיטעט־אינסטיטוט גייט צו צו אַלע פּראַגעס ווי צו פּראַגעס פֿון יחידים־יחידים, פֿון מיליאָנען ייִדן געליטענע און געטריבענע, פֿאַר וועלכע מען דאַרף זאָרגן. די זאָרגן זײַנען פֿון פֿאַרשיידענעם כאַראַקטער: הילף אויף די ערטער, הילף אין וועג, הילף אין די נײַע לענדער. ה י ל ף איז די צענטראַלע אידעע פֿון אַלע זײַנע אַרבעטן. מעג מען אַפֿילו דאָ און דאָרטן אַרײַנוואַרפֿן ווערטער ווי רעקאָנסטרוקציע אָדער איבערשיכטונג, אָבער מען שטעלט זיך ניט קיין ראַדיקאַלע ווײַטע צילן, נאַציאָנאַלע אָדער פּאָליטישע, נאָר מען נעמט זיי אָן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּראַקטישער פֿאַרענטפֿערונג פֿון קליינע לאָקאַלע פּראַגעס. דעריבער וועט איר אין דער פּראָגראַם פֿון קאָמיטעט־אינסטיטוט ניט געפֿינען קיין אַרבעט וואָס זאָל אַנאַליזירן די ווירקונג פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיסטעמען אויפֿן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק; די ווירקונג פֿון ליקווידירן די עמאַנציפּאַציע אינעם רובֿ לענדער פֿון אייראָפּע און די גרונט־סיבות וואָס האָבן געבראַכט דערצו; די ווירקונג פֿונעם מאָדערנעם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם, זײַנע וואָרצלען אין דער ירידה־תּקופֿה פֿון דעם קאַפּיטאַליזם און ווי אַזוי דאָס מוז משפּיע זײַן אויף דער לאַגע פֿון ייִדן אין דער וועלט. אויך וועט איר דאָרטן ניט געפֿינען קיין אַרבעט וועגן דער ייִדישער מינאָריטעט ווי אַן אייגנאַרטיקער מיעוט. מיט איין וואָרט, מען פֿאַרנעמט זיך מיט י ִ ד ן און ניט מיטן ייִדישן פֿ אָ ל ק.

גאָר אַנדערש גייט צו צו די פּראָבלעמען דער קאָנגרעס־אינסטיטוט. ער האָט צו טאָן מיט אַ ייִדישן קיבוץ, מיט אַ פֿאָלק, וואָס זײַן גורל איז געקניפּט און געבונדן מיט די עקאָ־

[1] פֿאַר דער צײַט האָט זיך אַגבֿ אויך געגרינדעט דער פֿאָרש־קאָמיטעט בײַם ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט, נאָר ער האָט נאָך ניט פּובליקירט זײַן טעטיקייט־פּראָגראַם. דעריבער וועל איך זיך אָפּהאַלטן פֿון זאָגן אַ מיינונג וועגן זײַנע צילן און וועל נאָר צום סוף מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דעם עצם פֿאַקט פֿון זײַן גרינדונג.

נאָמישע, פּאָליטישע און גײַסטיקע סיסטעמען וואָס באַהערשן די וועלט. ער נעמט זיך דעריבער פריִער פאַר אַלץ שטודירן די שינויים אין דער אַרומיקער סבֿיבֿה. ער שטעלט די פּראָבלעם וועגן דעם אײַנבראָך פֿון דער עמאַנציפּאַציע, ווײַל ער זעט אין דעם דאָזיקן אײַנבראָך דעם סוף פֿון אַ גאַנצער עפּאָכע, וואָס ייִדישע עמאַנסיפּאַציע איז געווען אַ טייל פֿון איר וועלטבאַנעם. ער שטודירט ווײַטער די נײַע אויפֿקומענדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיסטעמען און זוכט אויפֿצוקלערן, אויף וויפֿל ייִדן וועלן זיך קענען אין זיי אַרײַנפּאַסן.

די מאָדערנע פֿאָרמען פֿון אַנטיסעמיטיזם זײַנען פֿאַרן קאָנגרעס־אינסטיטוט ווידער ניט קיין קאַפּריזן פֿון איינציקע באַרבאַרישע הערשערס, וואָס מען וועט זיי איבערקומען ווי נאָר מען וועט פּטור ווערן פֿון די באַרבאַרן גופֿא. מעג זײַן ווי גרויס און פֿאַטאַל דער אײַנפֿלוס פֿון איינציקע הערשערס — די סיבות ליגן טיפֿער און מוזן אויפֿגעדעקט ווערן, כּדי מען זאָל וויסן, אויף ווי ווײַט נאָכן זיג איבער די דאָזיקע הערשערס וועט דאָס ייִדנטום בכלל, און דערהויפּט דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום, בלײַבן אָדער צוריק ווערן אַן אָרגאַנישער מיט־גליד פֿון דער אַרומיקער וועלט.

אָבער פֿאַרן קאָנגרעס־אינסטיטוט איז נאָך ניט גענוג פֿעסטצושטעלן, אַז ייִדן וועלן זיך אָרגאַניש אַרײַנפּאַסן אין דער נאָך־מלחמהדיקער פּאָליטישער אוןווירטשאַפֿטלעכער סיסטעם. ער וויל נאָך וויסן, ווי אַזוי וועלן זיך ייִדן קענען נ אַ צ י אָ נ אַ ל אײַנאָרדענען אין דער נײַער וועלט. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קאָנגרעס־אינסטיטוט זײַנען ייִדן ניט קיין 17 מיליאָן יחידים וואָס זוכן נאָר ברויט און בירגערלעכע פֿרײַהייט. זיי זײַנען, האַלט ער, אַ נאַציאָ־נאַלער קיבוץ און זוכן אויך וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו בלײַבן אַ קיבוץ און ווײַטער צו אַנטוויקלען זייער קולטורעלע אייגנאַרטיקייט. דער קאָנגרעס־אינסטיטוט שטעלט דעריבער ברייט דאָס שטודיום פֿון די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צום דורכפֿאַל פֿון די מיעוטים־טראַקטאַטן. ער וועט זוכן אויסצוגעפֿינען, צי זײַנען בכלל מעגלעך גאַראַנטיעס פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פֿון מינאָריטעטן (דערהויפּט פֿון בפֿירושע שטאָטישע מינאָריטעטן, ווי די ייִדישע), און אויב יאָ, איז וואָסערע גאַראַנטיעס זאָלן דאָס זײַן. בײַם קאָמיטעט־אינסטיטוט פעלט אָט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פּראָגעס פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

גייט מען אַריבער צו פּראָבלעמען פֿון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, זעט מען ערשט דעם תּהום וואָס טיילט אָפּ איין אינסטיטוט פֿון צווייטן. דער קאָנגרעס־אינסטיטוט רעדט וועגן „אַ פּלאַן פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע“. ער שטודירט אַלע ביזאיצטיקע קאָלאָניזיר־עקספּערימענטן, כּדי אָפּצוּלערנען, ווי אַזוי ווײַטער צו פֿירן קאָלאָניזאַציע ניט לטובֿת איינ־ציקע קאָלאָניסטן, נאָר בפֿירוש לטובֿת דעם ייִדישן פֿ אָ ל ק . קאָלאָניזאַציע איז פֿאַר אים איינס פֿון די ריכטיקע אין דער גרויסער קייט קאַמפֿן פֿון ייִדישן פֿאָלק פֿאַר זײַן ווײַטערדיקער עקסיסטענץ ווי אַ פֿאָלק. ארץ־ישׂראל, האַלט דער קאָנגרעס־אינסטיטוט, גיט דעם מאַקסימום אין דעם פּרט, נאָר יעדע קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע טראָגט אין זיך נאַ־ציאָנאַלע ברכות, און וואָס גרעסער און געדיכטער דער קאָלאָניזאַציע־מאַסיוו וועט זײַן, אַלץ שפּעדיקער וועלן זײַן זײַנע נאַציאָנאַלע פּאָטענצן.

אַפֿילו בײַ הילפֿפּראַגעס איז דער צוגאַנג פֿון די צוויי אינסטיטוטן אַ טיף פֿאַרשיידענער. בײַם קאָנגרעס־אינסטיטוט רעדט זיך זייער אַ סך וועגן אַליין־טעטיקייט און אַליינהילף פֿון די מאַסן. בײַם קאָמיטעט־אינסטיטוט פֿעלט דאָס. און ס׳איז נאַטירלעך: פֿאַר די ייִדישע אַסימילאַטאָרן זײַנען די ייִדישע מאַסן אָביעקטן, פֿאַרן קאָנגרעס־אינסטיטוט — סוביעקטן.

וואָס ס׳איז שייך צום פֿאָרש־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־קאָמיטעט קען איך נאָר באַגריסן זײַן גרינדונג. שוין איבער דעם אַליין וואָס דאָס באַטײַט, אַז אין די דאָזיקע קרײַזן אָנער־קענט מען אויך, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן שותּפֿישע אינטערעסן צווישן ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער.

י. ל.

לעווין ליאָן ד׳אָרס בריוון־שטעלערס

אין דער „אַפֿריקאַנער יידישער צייטונג״, יאָהאַנעסבורג, פֿון פֿרײַטאָג דעם 9טן מײַ 1941 האָט יהודה עלזעט אָפּגעדרוקט אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל: „לעווין אַבראַהם ליאָן ד׳אָר, דער אומבאַקאַנטער פֿאַרלויפֿער פֿון די יידישע קלאַסיקער״.

לעווין (אָדער לעווין אַבראַהם, אָדער אַריה לייב בן אַבֿרהם) ליאָן ד׳אָר איז געווען אַ ווילנער משׂכּיל, וואָס וועגן אים האָט באַריכות דערציילט פּנחס קאָן אין די „פֿילאָלאָגישע שריפֿטן״ פֿון ייוואָ I 235—250 און II 500—503. ער איז געבוירן געוואָרן 1793 און בעת דער פֿאָלקסציילונג 1858 האָט ער נאָך געלעבט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ יידישן בריוון־שטעלער און אַ פּויליש־יידיש ווערטערבוך. דאָס ווערטערבוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן איין מאָל (1827), און שוין; אין 1926, ווען פּ. קאָן האָט פּובליקירט זײַן אַרטיקל, איז געווען באַוווּסט סך־הכּל איין עקזעמפּלאַר, אין דער ווילנער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק; שפּעטער האָט דער ייוואָ אין ווילנע אויך אַרײַנבאַקומען אַן עקזעמפּלאַר. דער בריוון־שטעלער האָט געהאַט אַ סך מער מזל. קאָן האָט פֿאַרצייכנט פֿינף אויסגאַבעס, אַלע אין ווילנע: תּקפּ״ו, תּר״ג, תּר״ד, תּר״ו, תּרכ״ח. די לעצטע אויסגאַבע, זאָגט קאָן, הייסט שוין ניט „נייער קינ־סטליכע בריעפֿשטעללער״, נאָר „מכתּבים אָדער איין נייער בריעפֿען־שטעללער״.

איצטער האָט ה׳ עלזעט אין פֿאָליש פֿון אַ שול אין אַ דרום־אַפֿריקאַנער שטעטל צווישן שמות געפֿונען אַ ביכל „מכתּבים אָדער איין נייער בריפֿען שטעללער״, געדרוקט אין ווילנע 1876; און אין דעם רוסישן צושריפֿט אויפֿן שער־בלאַט שטייט, אַז דאָס איז אַן איבערדרוק פֿון אַן אויסגאַבע פֿון 1873. הייסט עס צו די אויסגאַבעס וואָס זײַנען ביז אַהער געווען פֿאַררעגיסטרירט קומען צו נאָך צוויי. עלזעט מיינט, אַז דאָס איז אַ זעקסטער און אַ זיבע־טער דרוק; אין דער אמתן קענען מיר שוין איצט אָנרופֿן צ ע ן פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס. מנשה אונגער האָט אין די „פֿילאָלאָגישע שריפֿטן״ פֿון ייוואָ II ז׳ 504 געמאָלדן, אַז די ירושלימער ביבליאָטעק האָט אַן אויסגאַבע ווילנע תּרל״א [1870], און דער טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ניו־יאָרק פֿאַרמאָגט צוויי דרוקן וואָס זײַנען נאָך אויך ביבליאָגראַפֿיש ניט פֿאַרצייכנט: ווילנע 1861 און 1882 (אויף דעם דרוק פֿון 1882 שטייט אַ צושריפֿט אויף רוסיש: „פֿון דער ווילנער אויסגאַבע 1876״).

דער סדר פֿון די דרוקן וואָס מיר קענען לעת־עתּה זעט הייסט עס אויס אַזוי:
תּקפּ״ו [1826], תּר״ג [1843], תּר״ו [1846], 1861, 1868, 1870, 1873, 1876, 1882. [1]

אָבער אַחוץ פֿאַרצייכענען ניט־באַוווּסטע אויסגאַבעס האָט עלזעט אויפֿגעטאָן אַ צווייטן חידוש, אַ גרעסערן: ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז די פֿאַרצייכנטע דרוקן זײַנען נ י ט פֿ ו ן א י י ן ב ו ך, נ אָ ר פֿ ו ן צ ו ו י י פֿ אַ ר ש י י ד ע נ ע.

אויף ז׳ 20 פֿון דער אויסגאַבע 1876 (און דאָס אייגענע איז פֿאַראַן אויך אין די אויס־גאַבעס 1861 און 1882, וואָס איך האָב אָקערשט געהאַלטן אין האַנט) איז פֿאַראַן אַ בריוו וואָס דער מחבר שרײַבט „צום בריפֿפֿען שטעללער דעם אַלטין״, און דער אַלטער בריוון־שטעלער ווידער ענטפֿערט אָפּ און דערציילט אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אין די 18 יאָר צווישן דעם אַלטן נוסח און דעם נײַעם. אין משך פֿון די 18 יאָר, הערן מיר, איז דער אַלטער בריוון־שטעלער איבערגעדרוקט געוואָרן דרײַ מאָל, יעטווידער מאָל צו 3000 עק־זעמפּלאַרן, „אויסער וואָס פֿלעגין אונטער לייגען פּאַפּיר די פּרעסין ציהער, די אויף געבער״ (בײַם צווייטן און דריטן מאָל דרוקן, הערן מיר, האָבן די דרוקערס, אָן דעם מחברס וויסן, צוגעגעבן אין ערטער נאַרישע געדאַנקען פֿון קאָפּ).

אויב אַזוי, איז אין וועלכן יאָר האָט זיך גענומען דרוקן דער נ ײַ ע ר נוסח? אין פֿלוג זעט אַלץ אויס קלאָר: היות עס רעדט זיך וועגן ד ר ײַ אויסגאַבעס פֿונעם אַ ל ט ן

---

[1] ווי פּ׳ יצחק ריווקינד האָט מיר געוויזן, פֿאַרמאָגט דער טעאָלאָגישער סעמינאַר נאָך שפּעטערדיקע בריוון־שטעלערס, אַנאָנימע, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס אויסגענוצט ליאָן ד׳אָרס מאַטעריאַל; נאָר אין דער איצטיקער נאָטיץ לאָז איך זיי אויס.

בריוון־שטעלער, דאַרף מען אַהער פֿאַררעכענען די אויסגאַבעס 1826, 1843, 1844; דאָ האָבן מיר טאַקע אַ מהלך פֿון 18 יאָר; ממילא וואָלט 1846 געווען די ערשטע אויסגאַבע פֿונעם נ ײַ ע ם בריוון־שטעלער. אָבער לויט די ראַיות וואָס עלזעט ברענגט איז אַ סבֿרא, אַז מיר מוזן דעם אָנהייב פֿון אַלטן בריוון־שטעלער אַרויפֿרוקן נאָך העכער.

פֿון דעם אָקערשט דערמאָנטן בריוון־אויסבײַט צווישן דעם מחבר און דעם אַלטן בריוון־שטעלער ווערן מיר געוואָר, אַז אין יענעם אַלטן בריוון־שטעלער זײַנען געווען אַרײַנגעשטעלט בריוו „צום שפּאַס": אַ בריוו מיט אַ מלמד, אַ בריוו וועגן דעם שטייגער פֿאַרדינסט פֿון בית־דין־שמשים אאַז"וו. אַזוינע בריוו זײַנען פֿאַראַן אין בריוון־שטעלער וואָס איז געדרוקט געוואָרן תּקפּ"ה [1824/1825], דאָס הייסט מיט אַ יאָר פֿריִער איידער די ערשטע אויסגאַבע וואָס בן־יעקבֿ ווײַזט אָן. וועגן יענעם בריוון־שטעלער האָט עלזעט דערציילט באַריכות אין זײַן וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער אַרבעט: „מיט הונדערט יאָר צוריק", מאָנטרעאָל 1927, און געבראַכט פֿון דאָרטן לענגערע אויסצוגן.

זײַנען הייסט עס די דרײַ דרוקן פֿון ע ר ש ט ן נוסח תּקפּ"ה, תּקפּ"ו און תּר"ג; פֿון תּקפּ"ה ביז תּר"ג איז טאַקע 18 יאָר. אויב אַזוי, איז דער ערשטער דרוק פֿון דעם נ ײַ ע ם נוסח תּר"ד. צי די השערה איז אַ ריכטיקע וועט זיך אַרויסווײַזן אויף זיכער ערשט ווען עס וועט זיך מאַכן פֿאַר עמעצן אַ געלעגנהייט צו ז ע ן די אויסגאַבע מיט די אייגענע אויגן. ווי איך האָב שוין פֿאַרצייכנט אין די פֿיל"שר ייִוואָ II 605, איז אַן עקזעמפּלאַר פֿון דער אויסגאַבע 1844 פֿאַראַן אין בריטישן מוזיי.

צי איז תּקפּ"ה טאַקע דער אָנהייב? אין דעם אַלטן בריוון־שטעלערס תּשובֿה אויף דעם מחברס בריוו לייענען מיר: „...דעם ערשטין דרוק וויא אייער נאמען אויף דעם ערשטין פּאר בלאט איז גישטאנען מיט דיא בוכשטאבן ל א ל [=לעווין אַבראַם ליאָן ד'אָר]...", און אויף זײַן עקזעמפּלאַר פֿון תּקפּ"ה האָט עלזעט דעם נאָמען ניט געפֿונען. בויט ער דעריבער אויף אַ השערה, אַז דער ערשטער דרוק איז אַרויס, מיטן מחבר־נאָמען ל א ל, נאָך פֿריִער, און תּרפּ"ה איז אַן אומבאַרעכטיקטער איבערדרוק (אָדער, ווי עלזעט דריקט זיך אויס, „אַ פּיראַטן־אויסגאַבע, אפֿשר מיט ענדערונגען און צולאָגן") פֿון ליאָן ד'אָרס ערשטן בריוון־שטעלער. טעאָרעטיש איז דאָס מיגלעך, אָבער ס'איז לאָוו־דווקא. אויב דער קריפּטאָנים ל א ל איז געשטאַנען נאָר אויפֿן ערשטן פֿאָדערבלאַט, ד"ה אויף דער הילע, קען גרײַלעך זײַן, אַז אין דעם עקזעמפּלאַר וואָס עלזעט האָט געניצט איז די הילע געווען אָפּגעריסן; יעמאָלט פֿאַרשפּאָרט מען אָנצוקומען צו דער סבֿרא פֿון אַ דרוק פֿריִער פֿאַר תּקפּ"ה.

איז איידער מען געפֿינט אויס נײַע דרוקן, וואָלט איך נוטה געווען אויסצושטעלן אַזוי: דער ערשטער נוסח איז געדרוקט געוואָרן תּקפּ"ה, תּקפּ"ו, תּר"ג; אַלע ווײַטערדיקע אויסגאַבעס זײַנען פֿון צווייטן נוסח.

אין פֿלוג קען אויסווײַזן, אַז אַן אויסגאַבע אַרויף אָדער אַן אויסגאַבע אַראָפּ איז ניט קיין גרויסער חילוק. מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז בריוון־שטעלערס זײַנען אין 19טן י"ה געווען איינער פֿון די עיקרדיקע בילדונגס־מיטלען בײַ ייִדן, כּמעט דאָס איינציקע טעקסטבוך וואָס מען האָט געניצט. דער פֿאַקט, וואָס פֿון איין בריוון־שטעלער אַליין זײַנען אַרויס אַזש צען אויסגאַבעס צום ווינציקסטן, איז אַ צושטײַער צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער בילדונג אין 19טן י"ה; ריכטיק שרײַבט דער אַלטער בריוון־שטעלער צום מחבר: „עש האָבין טויזינטין קינדער אונ גרוישע דער פֿון שרייבען גילערינט, דער נאך האבין ווירקליך מוכרי ספֿרים אונ פאקענטרעגערלאך בייגאהע (כּמעט) גאַנץ אייראפּע ארום געשלעפּט".

און ווי באַלד די בריוון־שטעלערס זײַנען געווען אַזאַ וויכטיק לערן־מיטל, איז שוין קלאָר, ווי אינטערעסאַנט עס איז אויסצופֿאָרשן זיי אי לינגוויסטיש, אי לויט זייער אינהאַלט. עלזעט האָט, ווי שוין דערמאָנט, אין זײַן ביכל פֿון 1927 געגעבן אינטערעסאַנטע אויסצוגן פֿון ליאָן ד'אָרס ערשטן („אַלטן") בריוון־שטעלער. ליאָן ד'אָרס צווייטער נוסח האָט אויך אין זיך אַ סך אינטערעסאַנטע שפּראַכיק־ליטעראַרישע קולטור־היסטאָרישע שטריכן. ער ברענגט פֿאַמיליע־בריוו, האַנדלסבריוו, בריוו־צום שפּאַס, גראַמאַטיש־אָרטאָגראַפֿישע באַמער־

קונגען, אַפילו לידער. איך וועל דאָ ברענגען לדוגמא עטלעכע קאַטאָווועסדיקע בריוו; דעם אויסלייג מאָדערניזיר איך, נאָר די פֿאַרדײַטשמערישטע פֿאָרמען און דעם סטיל לאָז איך איבער ניט געביטן.

א שדכן שרײַבט צו א יונגן אַלמן מיט א גרושה, וועלכער שוין איז אין יאָרן, מיט שיינע הויזראַט און גאַרדעראָבע.

לכבֿוד הרבני הנגיד המפֿורסם עשיר ונכבד, מושלם בהשלמות, כּותבֿ מפֿואר, מו״ה גמליאל לעמל פּליטאָווטשיקאַנסקי.

ליבער גוטער פֿרײַנד, ווי איך האָב געהערט, דאָס בעוה״ר האָט זיך אײַער ווײַב געזעגנט מיט דער וועלט. דאָס איז געווען אַן אשה חשובֿה אַ צדקנית, אַן אשת חיל, איר צדקה זאָל איר בײַשטיין. נאָר ווי איר ווייסט דאָס איך אַן אַלטער שדכן בין און אַ גרויסער פֿרײַנד פֿון אײַך און אײַער הויז, דאָס אײַער ביסל גוטס זאָל ניט צו נישט ווערן, האָב איך פֿאַר אײַך אַ טײַערע אשה אויפֿן אַלטן שטייגער, אַ פֿאַרצײַטיקע חכמה. האָט אַן אייגענע קרעטשמע, אַ גרויסע בעלת־שפֿע. זי האָט גאָר קיין הענט ניט, עס דינען איר די פֿיס ניט אַרומצולויפֿן. דאָ בײַ דעם שענק, בײַ קיך, בײַ געוועס [=געוועש], בײַ געפֿעס; דאָ קאָכט זי, דאָ בראָט זי, דאָ נעמט זי צו געסט, פֿאַר טאָג, בײַ טאָג, שפּעט אין דער נאַכט. זי פֿאָרט אַליין אין וואַלד, זי ברענגט האָלץ — אַ ווירטין ווייניק צו זען. אַ גאַנץ אָרנטלעכע ווײַב. אַ ביסל אמת, אין יאָרן, ניט אַזוי אַ שטאַרקע פֿאַרשוין, ליגן קען איך ניט זאָגן: פֿון קינדערשע פּאָקן אַ ווייניק געשטופּלט, פֿון מאָזלען געלע פֿלעקן אויפֿן געזיכט, ברוינלעך. אָבער אירע ווירטשאַפֿטן איז הצלחה אין שטוב. הויזראָט אין קרעטשמע: לאַנגע טישן, גרויסע בענק, אײַזערנע גראַפּן [טעפּ] צו קאָכן פֿאַר אָרדינערע מענטשן, גענוצטע קופּערנע טעפּ פֿאַר אָרנטלעכע מענטשן, היפּשע צינענע געפֿעס. הײַנט קליידער! אַלץ אויפֿן אַלטן שטייגער. ווײַס ג׳רעט נאָך פֿון יונגע יאָרן זוי פֿיל, דאָס אַנדערע רײַסט מען אויף צונטער; וויסטן מיט מאַסיפֿענע טרעסטן; אַטלאַסענע רויטע, אַדאַמאַסקעווע, אויך שטאָפֿענע קליידער. וואָלט איך דאָס האָבן די קליידער און ווײַס גרעט וואָס זי שענקט פֿונאַנדער איינקלעך און אָרעמע כּלות! לאַנגע גענוצטע פֿאָרהאַנגען, מעבל קאַרטונענע שענקט זי אויף מפּות וועלכע זי נייט אַליין. און גיט אַוועק נדבֿות — וואָלט איך האָבן איר עולם־הבא! ווידער האָט זי עטלעכע רובל אויך, זי האַלט פֿאַר אַ מאַן וועלכער איר באַשערט וועט זײַן. איך קען ניט אויפֿהאַלטן קיין ליגן: זי האָט מיר פֿאַרטרויט און האָט מיר פֿאַרשוואָרן, דאָס זי טראַכט אויף איבער הונדערט יאָר אויך. זי האָט באַצאָלט און האָט אָנגעגרייט, וואָס מען דאַרף שוין צום לעצטן האָבן... הײַנט אירע הכנסת־אורחים, צדה לדרך פֿאַר אָרעמעלײַט, אַ באַזונדער טיש געגרייט, און אונטערן טישטוך אַ מטבע פֿאַר אָרעמעלײַט ווי געהעריק איז; און אָפֿט מיט איר וועגל פֿירט מען ווײַטער די אָרעמע מענטשן צו אַ קרעטשמע אויך.

איך וועל אײַך גאָרניט פֿיל אויסשרײַבן, ווי אַ גרויסער גליק עס איז. למען־השם גיט מיר באַלד אַן ענטפֿער, ווײַל עס איז פֿאַרהאַנדן זייער פֿיל אַלט און יונגע וואָס ווילן איר נעמען. וד״ל.

אײַער גוטער בעסטער ליבער פֿרײַנד.

ענטפֿער צום שדכן

להה״ה הרבנו הישיש המזווג זיווגים, שדכן מופֿלא וחריף בעניניו מו״ה:

אײַער בריוו האָב איך מקבל געווען. איך האָב געלאַכט און דאַנק אײַך פֿאַר אײַערע מי און טרײַע פֿרײַנדשאַפֿט. איר ווייסט דאָך, אַז איר זײַט בײַ מיר אַלע מאָל תּקיף, פֿון אַ נדבֿה לאָז איך אײַך ליידיק ניט אַרויס, זאָל ניט אויסגערעדט זײַן, זאָט מיט אײַער פּאָרציע. נאָר וועגן דעם שידוך וואָס איר שרײַבט מיר מוזט איר פֿריִער צו איר שרײַבן. איר ווייסט דאָך, איטלעכער האָט שׂונאים, בפֿרט איך. ווײַל מײַנע באַקאַנטשאַפֿט איז מיט יונגע לײַט, טראַכט מען ווער ווייסט וואָס. און גיט איר צו פֿאַרשטיין, אַז איך האָב ברוך־השם מעלות אויך:

שרײַבן אַ היפּסינקע [=היפשינקע] ביסל, ייִדיש און אַנדערע זאַכן, און בין ב״ה אַ גבֿר און טויג צום מאַרק. איך קען אויף אַ פֿידל שפּילן אויך ווי דער בעסטער קלעזמער, און איך זאָל וועלן אַפֿילו דאָס געברויכן, קען איך לעבן. בפֿרט אין אַ קרעטשמע, ניט ווײַט אין אַ שטעטעלע, קען איך מיר אָפּהאַלטן אַ חתונקע אויך, בײַ אַ גוטן ברודער אומזיסט. אַדרבא, גיט איר צו פֿאַרשטיין, אַז איך טויג ב״ה צו אַלץ, מיט אַלע מענטשן אין דער וועלט מיש איך מיר אויס. זי וועט פֿאַר מיר גליקלעך לעבן. און אַז איר וועט האָבן אַ גוטן ענטפֿער, וועל איך אײַך וואָס מער שרײַבן.

א בריוו פֿון א שדכן צו דער גרושה הנ״ל

ליד האישה הצנועה החכמנית המפֿורסמת הנגידה מרת...

איך בעט, איר זאָלט ניט בייז זײַן אויף מיר, דאָס איך קום אײַך טרייבערן דעם אַנדערן מאָל וועגן דעם אַלמן הידוע. אַ יונגער מענטש ווי אַ שיינע[ר] סאָסנעבוים. אַ געלערנטער, אַ לאָווקער, צו וואָס איר ווילט קענט איר אים ניצן. אַ יונגע ביימעלע, ווו דער ווינט טוט אים אַ קער, בייגט זיך אײַן, שטעלט זיך ווידער צוריק. זײַנע אויגן קלוגע, פֿון אַלע זײַטן, ווו ער ווענדעט זיך. אָפּטער איז ער אַרום הויזזאַכן בײַ די עלטערן באַשעפֿטיקט. אַלטע עלטערן דאַרף יעדער קינד העלפֿן, זיי זאָלן לעבן. מיט קיין פּרנסה דאַרף מען זיך ניט שעמען, נאָר ערלעך, וואָס רירט נאָר ניט אָן די געזעץ. אַלץ איז גוט צו האַנדלען ערלעך. קלייניקייטן איז אַ ברכת הבית אין שטוב: אייער, מילכיקס, עופֿות, פֿעלכלעך. נאָך מיטאָג קען מען אַלץ קויפֿן און פֿאַרדינען וואָס גאָט גיט. נאָר ערלעך, ניט צו נאַרן זיך, און דעם פּראָסטן מענטשן ווײַט מער ניט צו נאַרן, ער קען זײַן ווער ער וויל, אַ ייִד, אַ שוואַרצער עגיפּטיאַנער [ציגײַנער] די זיך אַרומטרײַבן. ווען ער דעם מענטשן קיין שלעכטעס טוט, געהער יעדער מענטש זיך היטן דעם אַנדערן אויך קיין שלעכטעס צו טאָן.

ליבע בעסטע פֿרײַנדין, וואָס פֿאַר אַ גוט האַרץ! העט ער נאָר אייניקע גראָשן. זײַן גוט האַרץ! דאָס לעצטע גיט ער אַוועק זײַנע מיטברידער: טראַקטירט גלײַך, מאַכט זיי מונטער, מיט שיינע מינען, אַלע זײַנען צופֿרידן. זײַן בליק דרינגט דורך אין גוטן פֿאַך [אופֿן] אן פֿרײַנד, אין אַן אַנדער פֿאַך אן פֿײַנד. נאָך מער: זײַנע פֿינגער צו דער פֿידל ווי געבאָרן, דאָס אָפּטער רינט אים טרערן פֿון פֿאַרגעניגן זײַן שפּילן. איך האָב אײַך לאַנג געשריבן, דאָס עס איז זייער אַ שיינער שידוך פֿאַר אײַך. פֿאַרגעסט ניט, דאָס איר זײַט שוין אין יאָרן, איר האָט שוין אייניקלעך. איר זײַט שוין ניט אַזוי ציכטיק ווי געווען. אײַערע הויזראָט און קליידער איז ניט אַזוי אַ גרויסער פֿאַרמעגן ווי איך האָב אים פֿאַר־געשטעלט; איך וויס דאָך, אַז איר זײַט שולדיק אַנדערע, קיין גרייטע געלט האָט איר ניט, טרויען טרויט מען אײַך ניט. איך גיב אײַך דאָך אַ יונגן מאַן מיט זעלכע מעלות. שרײַבן, לערנען ניט אַזוי פֿיל — וועט ער ניט זײַן קיין רבֿ; אָבער דאָך ניט אויף דעם שלעכטן אַרט חלילה. אַ מענטש אַ געוויקס, טויג צום האַנדל; איז ערשט קיין גרויסער פֿאַרדינער, אָבער דאָך אַ מענטש וועט ער אַ מאָל זײַן אים־ירצה־השם. ווײַטער ווייסט איר דאָך פֿון אַנדערע, וואָס ער איז פֿאַר אַ געשיקטער יונג. וד״ל.

דבֿרי...,

אַ פּרטימדיקע אַרבעט וועגן אונדזערע בריוון־שטעלערס אין אַ וויכטיקער ענין.

מ. וו.

די ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל

די מאָנטרעאָלער ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק וואָס איז באַוווּסט אין דער ייִדישער וועלט ווײַט איבער די גרענעצן פֿון קאַנאַדע גייט שוין אין 28טן יאָר פֿון איר לעבן. פֿון דעם באַריכט פֿאַר סעפּטעמבער 1940־1941, וואָס די פֿאַרוואַלטערין ר. אײַזנבערג האָט אָפּגעדרוקט אין „קענעדער אָדלער" פֿון אָקטאָבער 21, 1941, נעמען מיר אַרויס די ווײַטערדיקע פּרטים:

די ביבליאָטעק פֿאַרמאָגט איצט, אַרײַנגערעכנט די ראובֿן ברײַנין־ביבליאָטעק, בײַ 17,000 ביכער, דערין קאַטאַלאָגירטע: 13,089: 6,720 ייִדישע, 1,518 העברעיִשע, 4,447 ענגלישע אאַז"וו.

דורכן יאָר האָבן זיך באַנוצט מיט דער ביבליאָטעק בײַ 1,100 לייענערס. אין משך פֿון דער צײַט האָבן צירקולירט 15,211 ביכער (לגבי 14,463 מיט אַ יאָר פֿריִער). נאָך די שפּראַכן נאָך זעט אויס די צירקולאַציע אַזוי:

	ייִדיש	העברעיִש	ענגליש
בעלעטריסטיק	4,282	202	5,938
וויסנשאַפֿט	112	50	384
סאָציאָלאָגיע	105	5	305
ליטעראַטור	291	75	139
פּאָעזיע	242	26	48
דראַמע	149	4	129
רײַזע־באַשרײַבונגען	40	1	9
לעבנס־באַשרײַבונגען	241	29	455
קינדער־ליטעראַטור	695	16	889
געשיכטע	101	20	163

חוץ דעם 45 ביכער אין רוסיש, 16 אין פֿראַנצייזיש, 4 אין פּויליש און 1 אין דײַטש.

אין ייִדיש איז אין לעצטן יאָר געלייענט געוואָרן מיט 533 ביכער מער ווי מיט אַ יאָר פֿריִער, הגם דער צוּוואַקס פֿון ייִדישער ליטעראַטור איז מחמת דער מלחמה זייער אַ באַגרענעצטער. ספּעציעל איז געשטיגן די צירקולאַציע אין דער קינדער־אָפּטיילונג: פֿון 500 ביז 695. כּמעט אַלע קינדער־לייענערס זײַנען פֿון די ייִדישע שולן; 20 לייענערס זײַנען אויך צוגעקומען פֿון די פֿאַרלעזונגען וואָס ווערן אָנגעפֿירט פֿאַר קינדער אַלע שבת נאָך מיטאָג. יוגנטלעכע לייענערס (פֿון 15 און עלטער) זײַנען פֿאַראַן גאָר אין אַ קליינער צאָל; „ס'איז אָבער דאָ אַ האָפֿענונג, שרײַבט די באַריכט־אָפּגעבערין, אַז די קינדער וועלכע האָבן מיט אַזוי פֿיל חשק געלייענט בײַ אונדז די 700 קינדערביכער וועלן בלײַבן די וואַקסנדיקע לייענערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור."

אין לייען־צימער זײַנען איבערגעוועזן דורכן יאָר 25,763 דערוואַקסענע און 2,071 קינדער. ס'קומען אָן 69 פּעריאָדישע אויסגאַבעס, דערין 19 אין ייִדיש.

ע"פּ די פּרינציפּן פֿון דער ביבליאָטעק דאַרף מען 50 פּראָצענט פֿון בודזשעט אויף ביכער־אײַנקויף אָפּגעבן אויף ייִדישע ביכער. הײַנטיקס יאָר איז ניט געראָטן דאָס דורכצופֿירן, וואָרעם ס'זײַנען ניט געווען גענוג נײַע ייִדישע ביכער. די הוצאה אויף אײַנקויפֿן ביכער האָט באַטראָפֿן $996.33, דערין $350.06 אויף ייִדישע.

אין משך פֿון באַריכטיאָר האָט די ביבליאָטעק אײַנגעאָרדנט 9 ליטעראַרישע אָוונטן; אויף די גרעסערע זײַנען געקומען 400—600 מענטשן.

ייִדישע ביכער וואָס זײַנען אַרויס 1940 אין צפֿון־אַמעריקע

0 ווערק פֿון אַן אַלגעמיינעם אינהאַלט

אַלמאַנאַך, בײַטראָג פֿון ייִדן צו דעם אויפֿבוי פֿון אַמעריקע. 10 יאָריקער יובילײ פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. קאָאָפּעראַטיווער פֿאַלקספֿאַרלאַג, אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן. 585 זז׳. [1]

אַלמאַנאַך פֿון די ייִדישע קינדערשולן בײַם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. [רעדאַקציאָנעלער טעקסט 31 זז׳.] [2]

ביאַליסטאָקער פֿרײַנד. ספּעציעלע אויסגאַבע צום 35 יאָריקן יובילײ פֿון ביאַליסטאָקער ראַיאָנער ברענטש 88, אַרבעטער־רינג, 1905־1940. רעדאַקטירט פֿון יעקבֿ קרעפּליאַק. 70 זז׳. [3]

גרויסער אַרבעטער־רינג שולקאָנצערט לכּבֿוד דעם 40 יאָריקן יובילעום פֿון אַרבעטער־רינג. אַראַנזשירט פֿון דער אַרבעטער־רינג שול און ברענטש 587 אין אייקראָן, אָהײַאָ. 8 זז׳. [4]

33 יערלעכער רעפּאָרט, סעמעטערי־דעפּאַרטמענט, אַרבעטער־רינג. [ייִדיש רעדאַקציאָנעלער טעקסט 82 זז׳.] [5]

יובילעום־זשורנאַל לכּבֿוד דער 30 יאָריקער טעטיקייט פֿון באָראָ פּאַרק ברענטש 315, אַרבעטער־רינג. 40 זז׳. [6]

לוח, 1940־1941. אַרויסגעגעבן פֿון די ייִדישע קינדערשולן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. [רעדאַקציאָנעלער טעקסט 18 זז׳.] [7]

ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג יאָרבוך לכּבֿוד דעם 40 יאָריקן יובֿל פֿון אַרבעטער־רינג און 21 יאָר אַרבעטער־רינג שולן. אַרויסגעגעבן פֿון דער ניו־יאָרקער צענטראַלער שול־פֿאַרוואַלטונג. [רעדאַקציאָנעלער טעקסט 59 זז׳.] [8]

סוווועניר זשורנאַל לכּבֿוד דעם דרײַסיק יאָריקן יובילײ פֿון ברענטש 940 אַרבעטער־רינג, פּיבאָדי, מעס׳. [רעדאַקציאָנעלער טעקסט 20 זז׳.] [9]

פּוילישע ייִדן. אַכטער יאָרבוך. אַרויסגעגעבן פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון די פּוילישע ייִדן אין אַמעריקע. 204 זז׳. [10]

פּורים באַנקעט. ישיבֿה בית רבן, באָסטאָן. [11]

פֿופֿצנטע קאָנווענשאָן־בוך. ייִדיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, דעטראָיט, מישיגען. [פֿאַגינאַציע פֿעלט.] [12]

פֿופֿצנטער יובילײ־פּראָגראַם־קאָנצערט פֿון די פֿאַרבאַנד פ״צ צ״צ פֿאָלקשולן, טאָראָנטאָ. [13]

צען יאָריקער אַלמאַנאַך פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 160 זז׳. [14]

1 פֿילאָסאָפֿיע

גאָרדין, אַבאַ. מאָראַל אין ייִדישן לעבן. קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג פֿון דער ייִדישעטישער קולטור־געזעלשאַפֿט. [געדרוקט אין מעקסיקע.] 283 זז׳. [15]

דאַנאָווסקי, ד״ר יוסף. די פֿילאָסאָפֿיע פֿון לעבן. אַ הוספֿה צו מײַן ספֿר „החיים והמות". 46 זז׳. [16]

2 רעליגיע

אונטערמאַן, ד״ר יצחק. רשי: זײַן לעבן, שאַפֿונג און אויפֿטו. פֿילאַדעלפֿיע. 63 זז׳. [17]

אַלטוסקי, הרבֿ יהודה. די יום־טובֿ־בימה. פֿאַרלאַג פּרדס. זז׳ 117־212. [18]

גלען, מנחם ג. רשי דער פֿאָלקסלערער. פֿאַרלאַג ייִדיש לעבן. 78 זז׳. [19]

וואָלף, ה. דער חפֿץ חיים ז״ל, דער פֿרומסטער ייִד פֿון אונדזער דור. אַ מאָנאָגראַפֿיע מיט אַ הקדמה. ביבליאָטעק ייִדישע היים. 74 זז׳. [20]

ווינעצקי, י. ביבלישע דערציילונגען און לעגענדעס. פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג ביז דער באַפֿרײַונג פֿון מצרים. מיט אילוסטראַציעס. אַרויסגעגעבן דורכן מחבר, מעקסיקע. 174 זז׳. [21]

זיפּער, יעקבֿ. געווען איז אַ מענטש. פֿינף מעשׂות פֿונעם לעבן פֿון ר׳ ישׂראל בעל שם טובֿ דער „בעשט". אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון חבֿרים. שער־בלאַט און

נעמען פֿון מעשׂות געצייכנט פֿון יחיאל שײַנבלום. מאָנטרעאָל. 167 זז׳. [22]

[יהואש.] חומש פֿאַר קינדער לויט יהואש. צוזאַמענגעשטעלט פֿון שלמה סימאָן, רעדאַגירט פֿון יודל מאַרק, צייכענונגען פֿון חוה יהואש־דוואָרקין. יהואש־פֿאַרלאַג־געזעלשאַפֿט. 270 זז׳. [23]

יז״ץ, הרבֿ (המכונה פֿישל וואָלף צעכאַנאָוויץ). ספֿר פּרי ירוחם, געדאַנקען און ערקלערונגען אין תּהלים און אין מאמרי חז״ל, באַהאַנדלט דאָס יעדער ייִד זאָל קענען געניסן פֿון אונדזערע גײַסטיקע תּורה־אוצרות. חלק א (1939), 314 זז׳. חלק ב, 314 זז׳. חלק ג, 340 זז׳. [24]

לייבאָוויץ, הרבֿ יעקבֿ. ראַדיאָ רעדעס. ייִדיש. 108 זז׳. [25]

די מעשׂה פֿון חנוכּה. פֿאַרלאַג קינדער־רינג בײַ דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט. 16 זז׳. [26]

די מעשׂה פֿון פּורים. פֿאַרלאַג קינדער־רינג בײַ דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט. 16 זז׳. [27]

די מעשׂה פֿון פּסח. פֿאַרלאַג קינדער־רינג בײַ דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט. 16 זז׳. [28]

די מעשׂה פֿון רות. פֿאַרלאַג קינדער־רינג בײַ דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט. 16 זז׳. [29]

פּסח־פֿײַערונג, יציאת מצרים. ייִדישעטישע געזעלשאַפֿט יבֿנה. סינסינעטי, אָהײַאָ. 18 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט] [30]

קרים, רבי אַבא י. געטליכן רום אין ייִדישער געשיכטע [?]. [31]

3 סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן

אונדזער פּלאַן פֿאַרן ווילזײַן פֿון פֿאָלק. 33 זז׳. [32]

אָלגין, מ. 1905. אַרויסגעגעבן פֿון אָלגין־אָנדענק־קאָמיטעט. 224 זז׳. [33]

אַ מאָל און הײַנט. עסייען־זאַמלונג פֿון מיטלשול־תּלמידים בײַם אַרבעטער־רינג. רעדאַקטירט פֿון ב. גראַבאַרד און א. פּראַוואַטינער. שיקאַגאָ. [34]

באַבינסקי, י. וואָס איז אַזוינס ייִדישקייט ? און אַנדערע עסייען. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, שיקאַגאָ. 167 זז׳. [35]

באַראיישאַ, מנחם. דער קריזיס אין ייִדיש. רעפֿעראַט געלייענט בײַ דער צענטראַלער ייִדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע (ציקאָ). הויפּטפֿאַרקויף ציקאָ. 32 זז׳. [36]

ביק, הרבֿ אַבֿרהם. קעמפֿער און היטער, די סאָציאַל־עטישע אידעע אין דער ייִדישער רעליגיעזער ליטעראַטור און לעבן. מיט אַ הקדמה פֿון י. נ. שטיינבערג. ניו־יאָרק, התּ״ש לבריאת העולם. 166 זז׳. [37]

בערגמאַן, א. און א. גאָלדבערג. ייִדיש, אַרבעטבוך אויף שפּראַך פֿאַרן פֿערטן און פֿינפֿטן לערניאָר. צווייטע רעווידירטע אויפֿלאַגע. קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקספֿאַרלאַג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, 144 זז׳. [38]

גאָלאָמב, אַ. ייִדן און ייִדישקייט אין אַמעריקע. [די גאַנצע הכנסה פֿון דער בראָשור איז באַשטימט לטובֿת אַ פֿאָנד פֿאַר אַ זשורנאַל פֿון ייִדישן אומאָפּהענגיקן קולטור־געדאַנק.] אַרויסגעגעבן פֿון וו. קעלער, ווינ־ניפּעג, דעם מחבר אַ מתּנה. דרוק דאָס ייִדישע וואָרט. 40 זז׳. [39]

גליקסמאַן, שלמה, הרבֿ דעדת החרדים „לינת הצדק אף בארא פּארק“. שקרים אין דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור און מײַן פּראָצעס קעגן יוליוס שטרײַכער און זײַן חבֿריא. פֿאַרלאַג שולזינגער ברידער. 96 זז׳. [40]

דעקלאַראַציעס פֿון דער אונטערערדישער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן — „בונד“ און „צוקונפֿט“. פֿאַרלאַג פֿון בונדישן קלוב. 23 זז׳. [41]

דרוזדוב, נחמן. אַחד העם, שטריכן פֿון זײַן לעבן, כאַראַקטער און שאַפֿונג. פֿאַרלאַג גלאָבוס, שיקאַגאָ, איל׳. 233 זז׳. [42]

הורוויץ, ש. מענטש איבער אַלץ. 176 זז׳. [43]

וויכטיקע פּראָבלעמען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. הלל ראָגאָף : די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע אַ מאָל און הײַנט. ד״ר ל. הענדין : צוואַנציק יאָר פֿון קאָמוניסטישער טעטיקייט אין די טרייד־יוניאָנס.

ג. כאַנין: די פֿאַרניכטונג פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן און די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אַרויסגעגעבן פֿון דער ניו־יאָרקער סיטי־קאָמיטע פֿון ייִדישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד. פֿאַרלאַג דער וועקער. 50 זז׳. [44]

ווען האָבן די קאָמוניסטן אמת געזאָגט? דערקלערונג פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פֿון אַרבעטער־רינג. אַרויסגעגעבן פֿון אַרבעטער־רינג. 18 זז׳. [45]

זאַלצמאַן, ר. פֿאַראַט אין אַרבעטער־רינג, פֿירער פֿון אַרבעטער־רינג פֿאַרפֿירן די אָרגאַניזאַציע אין זומפּ פֿון רעאַקציע. קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקספֿאַרלאַג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 24 זז׳. [46]

זאַלצמאַן, ר. 10 יאָר פּראָגרעסיווער פֿראַטערנאַליזם. באַריכט צום פֿינפֿטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפֿאָר פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקס־פֿאַרלאַג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 64 זז׳. [47]

טאַרטאַקאָווער, ד״ר אַריה. אין קאַמף פֿאַר ברויט און כּבֿוד, אַ יאָר סאָציאַלע הילף־אַרבעט פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס. צענטראַל ביוראָ פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס. 38 זז׳. [48]

כּץ, שלום. פֿון פֿאָלקסמויל, זאַמלונג פֿון טויזנט ייִדישע שפּריכווערטער. אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג טאָראָנטאָ אונטער דער רעדאַקציע פֿון ק. הורוויטש, טאָראָנטאָ. 96 זז׳. [49]

לאַזערסאָן, פּראָפֿ׳ מאַקס מ. די ייִדן־פֿראַגע אויף דער שלום־קאָנפֿערענץ. אַרויסגעגעבן פֿון דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. 30 זז׳. [50]

ליבערמאַן, חיים. די שטימע פֿון טאָל, זאַמלבוך פֿון בריוו און אַרטיקלען פֿון שריפֿטשטעלער, דיכטער, קינסטלער, לערער, כּלל־טוער און מענטשן פֿון פֿאָלק וועגן דער ייִדישער פֿראַגע אין דער הײַנטיקער צײַט, געשריבן אין שײַכות מיטן ביכל „אין טאָל פֿון טויט״, צוזאַמענגעשטעלט מיט באַמערקונגען. 349 זז׳. [51]

לעהרער, לייבוש. ייִדישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען. פֿאַרלאַג מתּנות. 208 זז׳. [52]

לעקציעס פֿאַרן יאָר 1940־1941, רעקאָמענדירט פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג, ג. כאַנין, בילדונגס־דירעקטאָר. 63 זז׳. [53]

מאַרק, י. אַרבעטסבוך פֿאַר ייִדיש אין מיטלשול. בוך 1. צווייטע פֿאַרבעסערטע אויפֿלאַגע. 168 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט] [54]

מאַרק, י. אַרבעטסבוך פֿאַר ייִדיש אין מיטלשול. בוך 1, צווייטער טייל. זז׳ 169־356. [מימעאָגראַפֿירט] [55]

מאַרק, מענדל. אַרבעטסהעפֿטן אויף ייִדישער געשיכטע. העפֿט 1: ביז דער צעטיילונג פֿון דער מלוכה. 52 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט] [56]

מוס, ע. חשבון־הנפֿש אָדער פֿאַרצווייפֿלונג. פֿאַרלאַג בונדישער קלוב. 32 זז׳. [57]

מילער, הרבֿ ישׂראל. דער אמת פֿון אַמעריקאַנער רבנות־פֿעלד. 32 זז׳. [58]

ניגער, ש. אין קאַמף פֿאַר אַ נײַער דערציִונג. די אַרבעטער־רינג־שולן, זייער אָפּשטאַם, אַנטוויקלונג, וווּקס און איצטיקער צושטאַנד (1919־1939). אַרויסגעגעבן פֿון אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט. 226 זז׳. [59]

סומער, נחום. אַחד העם, אַ פּרוּוו פֿון אַ כאַראַקטעריסטיק. פֿאַרלאַג א. וו. בידערמאַן. 63 זז׳. [60]

סטאַלינס בונד מיט היטלערן; ווער האָט אָנגעהויבן די מלחמה; האָט סטאַלין טאַקע געהאָלפֿן היטלערן; איז דער סטאַלין־היטלער־בונד גוט פֿאַר ייִדן; איז טאַקע ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די דעמאָקראַטיעס און היטלעריזם. וועמען און וואָס האָט סטאַלין פֿאַרראַטן? אַרויסגעגעבן פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון צעירי־ציון. 30 זז׳. [61]

פֿינפֿטע קינדער־קאָנפֿערענץ פֿון די אַרבעטער־רינג שולן פֿון מאַסאַטשוזעטס און ראָוד־אײַלענד. פּראָווידענס, ר״י. אַרויסגעגעבן פֿון דעם צענטראַלן אַרבעטער־רינג שול־קאָמיטעט. [62]

פֿערציק יאָר אַרבעטער־רינג. אַ געשיכטע אין בילדער פֿון י. קאַמינסקי. אַרויסגעגעבן פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פֿון אַרבעטער־רינג. 79 ז׳. [63]

40 יאָר אַרבעטער־רינג. אַרויסגעגעבן פֿון אַרבעטער־רינג. 18 ז׳. [64]

פֿראַנק, ד״ר הערמאַן. צווישן חורבן און אויפֿבוי, דער פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלטקריזיס און די ייִדישע לאַגע. אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־קאָמיטעט ביאַליסטאָקער בקור־חולים־צענטער פֿון ברוקלין. 400 ז׳. [65]

קאַראַלניק, אַבֿרהם. שריפֿטן. צווייטער באַנד: ייִדן און ייִדנטום. אַרויסגעגעבן פֿון קאַראַלניק־פֿאַרלאַג־קאָמיטעט. 302 ז׳. [66]

קירשבוים, יעקבֿ. פֿליכטלינגע און העלדן, געשיכטלעכער איבערבליק וועגן די פֿליכטלינגע אין אַמעריקע, וואָס זײַנען אַ ברכה אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישן און פֿאָלקסווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד, 1492־1940. זעלבסטפֿאַרלאַג און הויפּטפֿאַרקויף בײַם מחבר. 112 ז׳. [67]

שוליאָרבוך פֿון וויניפּעג. קאַנאַדע. [68]

שטראַלן. אַרויסגעגעבן לכּבֿוד דער ערשטער גראַדויִרונג פֿון דער אַרבעטער־רינג שול אין באָפֿאַלאָ, נ״י. רעדאַקציאָנעלער טעקסט 14 ז׳. [69]

שטראַלן. אַרויסגעגעבן פֿון דער ד״ר נ. סירקין־פֿאָלקשול פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד און פּועלי־ציון צעירי־ציון, אייקראָן, אָהײַאָ. 23 ז׳. [מימעאָגראַפֿירט] [70]

שמולעוויטש, שלמה. פֿון אונדזער פֿאָלקס־קוואַל. לעגענדעס און באַלאַדן. 64 ז׳. [71]

שפּיל און לערן. שפּריכווערטער־לאָטאָ פֿאַר שול און היים. צוזאַמענגעשטעלט און באַגלייט מיט שפּיל־כּללים פֿון ד״ר יצחק שאַפּיראָ. פֿאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ. [72]

7 קונסט

איקווער, משה. אַלבום פֿון ייִדישע פֿאָלקסגעזאַנגען, באַאַרבעט און צוגעפּאַסט פֿאַר פּיאַנאָ. פֿאַרלאַג ייִדישע דערציִונג, מעקסיקע. [73]

איך וועל וואַרטן אויף דיר. ווערטער פֿון איזידאָר ליליען, מוזיק פֿון א. עלשטיין. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [74]

אין דער ליבע ליגט דאָס אמתע גליק. ווערטער פֿון איזידאָר ליליען, מוזיק פֿון יוסף רומשינסקי. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [75]

דעם זיידנס ברכה. ווערטער פֿון יוסף יאַפּפּע, אַראַנזשירט פֿאַר געזאַנג מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פֿון העברי לעפּקאָוויטש. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [76]

דער נײַער שער. ווערטער און מוזיק פֿון אַבֿרהם עלשטיין. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [77]

דרײַ טעכטערלעך, אַ מתּנה מײַן ליב ווײַבל בלומקע. ווערטער און מעלאָדיע פֿון מרדכי געבירטיק, אַראַנזשירט פֿון שלום סעקונדע. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [78]

האָב אַ האַרץ, האָב רחמנות. ווערטער פֿון אַנשעל שאָר, מוזיק פֿון שלום סעקונדע. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [79]

האַלט אײַך צוזאַמען חבֿרים כּל ישׂראל. ווערטער פֿון סעם לעווענווירט, מוזיק פֿון דזייק קיימען און דזשאָזעף קיימען. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [80]

ואולי [ס׳קען דאָך זײַן]. שערטאָק־לעפּקאָוויטש, ייִדיש פֿון חיים טויבער. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [81]

ווען די זון גייט אויף. ווערטער פֿון איזידאָר ליליען, מוזיק פֿון יוסף רומשינסקי. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [82]

זילבערצווײַג, זלמן. אַבֿרהם גאָלדפֿאַדן, צו זײַן הונדערטסטן געבוירן־טאָג. אַרויסגעגעבן דורך ציקאָ. 16 ז׳. [83]

כאָרן־געזאַנג, בוך צוויי. געזאַמלט פֿון לאַזאַר ווײַנער. אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג. [84]

פֿאַר די קליינע קינדער. אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג. 55 ז׳. [מימעאָגראַפֿירט] [85]

פֿײַנגאָלד, ליסאַ. צען לידער, ווערטער און מוזיק. 10 ז׳. [86]

פֿינף און צוואַנציק יאָר פֿאָלקסבינע, אַרויסגעגעבן צום פֿינף און צוואַנציק יאָריקן

יובילײ־פײַערונג פֿון דער דראַמאַטישער אינ־סטיטוציע פֿון אַרבעטער־רינג ברענטש 555. רעדאַקציע: יעקבֿ פֿישמאַן, ב. לעווין, ב. סטאַבינאָוויץ. 192 זז׳. [87]

פֿינף און צוואַנציק יאָריקע יובילײ־אויס־גאַבע אַרבעטער־רינג־כאָר, ניו־יאָרק, לאַזאַר ווײַנער דיריגענט. רעדאַגירט פֿון קאָפּל ליפּ־שיץ, שלמה קיציס, אייק מאַלאַט, רעדאַק־ציאָנעלער מאַטעריאַל 58 זז׳. [88]

ראַבינאָוויטש, ישׂראל. מוזיק בײַ ייִדן, און אַנדערע עסייען אויף מוזיקאַלישע טע־מעס. קאַנאַדע. 209 זז׳. [89]

רייזעלע, אַ מתּנה מײַן טאָכטער שׂפֿרה מיט איר חתן הענעך שטאַמבערגער. ווערטער און מעלאָדיע פֿון מרדכי געבירטיק, אַראַנ־זשירט פֿון שלום סעקונדע. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [90]

אַ רפֿואה שלימה. ווערטער פֿון איזידאָר לילִיען, מוזיק פֿון יוסף רומשינסקי. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [91]

שלוש סעודות. אַראַנזשירט פֿאַר געזאַנג מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פֿון העברי לעפּקאָ־וויטש. מעטראָ־מוזיק־קאָמפּאַניע. [92]

8 ליטעראַטור

אַדלער, ש. אַ טעקסי־דרײַווער דערציילט. ערנצטע און טשיקאַווע מעשׂהלעך, סקיצן און בילדער. פֿאַרלאַג ייִדיש לעבן. 96 זז׳. [93]

אויערבאַך, אפֿרים. לויטער איז דער אַל־טער קוואַל. הויפּטפֿאַרקויף ציקאָ־פֿאַרלאַגס־געזעלשאַפֿט. 298 זז׳. [94]

אַחריות. נומער 1. אַרויסגעגעבן פֿון לייוויק־יוגנטקלוב. [מימעאָגראַפֿירט] [95]

אַנטאָלאָגיע פֿאַרן קלאַס א. לידער פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד, מ. ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, י. באָוושאָווער, שמעון פֿרוג, מאַני לייב. אַרבעטער־רינג־מיטלשול. 67 זז׳. [מימעאָגראַפֿירט] [96]

אָפּאַלאָוו, דוד. מאַרגנרויט און דעמערונג (לידער). צייכענונגען פֿון דאַוויד בורלוק. פֿאַרלאַג פֿרײַנד. 63 זז׳. [97]

אַקערמאַן, מענדל. אויף נאָענטע און ווײַטע וועגן. בילדער און דערציילונגען פֿון דער אַלטער און נײַער היים. פֿאַרלאַג אַט־לאַנטיק. 239 זז׳. [98]

אַש, שלום. אָנקל מאָזעס. געקירצט און פֿאַרטײַטשט פֿון יודל מאַרק. אַרויסגעגעבן פֿון דער ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג־מיטל־שול. 240 זז׳. [99]

[באַסין, מ.] אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע. אַנטאָלאָגיע געזאַמלט און צונויפֿגעשטעלט פֿון מ. באַסין. אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמי־טעט. 601 זז׳. [100]

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י. בינעלע, אַ מעשׂה פֿון אַ ייִנגעלע וואָס האָט זיך געלאָזט זוכן דאָס לאַנד פֿון אייביקן יום־טובֿ. קינדער־רינג־ביבליאָטעק. 96 זז׳. [101]

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י. י. ל. פּרץ, צום פֿינף און צוואַנציקסטן יאָרצײַט, פֿאַרלאַג ציקאָ. 24 זז׳. [102]

גאָטליב, נ. י. איבערבוי. ערשטער בוך פֿון אַ טרילאָגיע. אַרויסגעגעבן פֿון נ. י. גאָטליב־בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל. 167 זז׳. [103]

גודמאַן, פּ. אין געשפּאַן. 462 זז׳. [104]

גלאַזמאַן, ברוך. אין גאָלדענעם זומפּ. נאָוועלע אין צוויי טיילן. פֿאַרלאַג ייִדישע בוך־געזעלשאַפֿט. 120 זז׳. [105]

גלאַזער, אידאַ. אַ רײַזע צו דער לבֿנה. אַרויסגעגעבן פֿון דעם אידאַ גלאַזער־בוך־קאָמיטעט. אילוסטרירט פֿון נאָטע קאָזלאָוו־סקי. 117 זז׳. [106]

גלאַטשטיין, יעקבֿ. ווען יאָש איז געקו־מען. פֿאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי. 304 זז׳. [107]

גלאַטשטיין, יעקבֿ. עמיל און קאַרל. פֿאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי. 171 זז׳. [108]

גערבערט, סאָניע. מײַן האַרבסטגעדאַנק. מײַאַמי ביטש, פֿלאָרידע. 96 זז׳. [109]

דײַקסעל, ש. מײַנע לעבנס. פֿאַרלאַג סיג־נאַל בײַם פּראָלעטפֿען, פֿרײַנד און חבֿרים. 256 זז׳. [110]

האַראָוויץ, יצחק. טעג און נעכט מיט פּאַנאַיט איסטראַטי. הויפּטפֿאַרקויף ציקאָ־פֿאַרלאַג־געזעלשאַפֿט. 174 זז׳. [111]

הירשקאַן, צבֿי. באָריס קאָבאָלקין (רעז־מאַן). פֿאַרלאַג מאָרגן־פֿרײַהייט. 264 זז׳. [112]

המשך. זאַמלבוך 2. 263 זז'. [113]

הערשפעלד־פאַמעראַנץ, פעסי. רויטער טוי (לידער). געצייכנט און אויסגעשטעלט פון טאָדרעס געלער. פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ. 136 זז'. [114]

וויטמאַן, וואָלט. ייִדיש ל. מילער. לידער פון בוך, בלעטלעך גראָז. קאָאָפּעראַטיווער פאָלקספאַרלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 226 זז'. [115]

ווײַסמאַן, נחום. דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ברענטש 193 אאַ״אָ. 96 זז'. [116]

ווײַסמאַן, נחום. לידעלעך מײַנע. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ברענטש 193 אאַ״אָ. 96 זז'. [117]

ווײַנשטיין, משה. פון מײַן גאָרטן, לידער. אָריגינעלע צייכענונגען פון דוד בעקער. אַלטשולערס פאַרלאַג, שיקאַגאָ, איל'. 70 זז'. [118]

ווײַנפער, ז. משה לייב האַלפערן. פאַרלאַג אויפקום. 123 זז'. [119]

טאַלטשין, משה. דעם ווינט אַנטקעגן. פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ. 87 זז'. [120]

טעלער, י. ל. לידער פון דער צײַט. 112 זז'. [121]

כץ, משה. יצחק לייבוש פרץ. קאָאָפּעראַטיווער פאָלקספאַרלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 35 זז'. [122]

לאַפּין, ב. נײַע לידער. פאַרלאַג אַטלאַנטיק. 158 זז'. [123]

לי, מלכה. געזאַנגען. 160 זז'. [124]

לייוויק, ה. אַלע ווערק. יובליי־אויסגאַבע. לידער, בוך איינס. הילע פון נ. קאַזלאָווסקי. 669 זז'. [125]

לייוויק, ה. אַלע ווערק. יובליי־אויסגאַבע. דראַמאַטישע פאָעמעס. הילע פון נ. קאָזלאָווסקי. אַרויסגעגעבן פון ה. לייוויק־קאָמיטעט. 498 זז'. [126]

ליפּצין, סעם (קוועקזילבער). אַ גוט יום־טובֿ. פאַרלאַג רויטע פעדעם. אַרויסגעגעבן פון אַמאַלגאַמייטעד ברענטש 82, אאַ״אָ. 83 זז'. [127]

לעווין, שמואל. חזיונות (פּאָעמע). פאַרלאַג א. בידערמאַן. 80 זז'. [128]

מײַזיל, נחמן. דוד בערגעלסאָן, 30 יאָר שאַפן. קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 48 זז'. [129]

מיללער, ש. מאַטיוון. אַרויסגעגעבן פון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ'. 284 זז'. [130]

מעשמאַן, ב. לידער פאַר קינדער. פילאַדעלפיע. 23 זז'. [131]

ניגער, ש. שלום אַש, צו זײַן זעכציקסטן געבוירן־טאָג. אַרויסגעגעבן דורך ציקאָ. 15 זז'. [132]

נעפּאָס, ש. פון מײַנע טעג. אַרויסגעגעבן פון ש. נעפּאָס־קאָמיטעט, טאָראָנטאָ. 133 זז'. [133]

סיגאַל, י. י. דאָס הויז פון די פשוטע. מאָנטרעאָל. 384 זז'. [134]

סעגאַל, מאיר. נאָענטע ערד. אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פרײַנד. 79 זז'. [135]

פּעט, חיים. אַ הויז אויפן פעלד, נאָוועלן. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון ייִדישן קעמפער. 125 זז'. [136]

פעליטש, ש. איך (מעדיטאַציעס אין פערזן). פאַרלאַג ייִדיש לעבן. 192 זז'. [137]

פעל־יעלין, סאַראַ. נעענטער (לידער). פאַרלאַג פרײַנד, באָסטאָן, מעס'. 64 זז'. [138]

פרידמאַן, בצלאל. בעז לײַדער (פּאָעמע). 64 זז'. [139]

קוסמאַן, ל. מײַן שטאָם. פאַרלאַג אַטלאַנטיס. 94 זז'. [140]

קינדעררינג־לידערבוך. אַרויסגעגעבן פון קעמפּ קינדעררינג, סילווען לייק, ניו־יאָרק. 132 זז'. [מימעאָגראַפירט] [141]

קירשענבוים, דוד. שיפן אויפן ים. לאָנדאָן, אָנטעריאָ, קאַנאַדע. 94 זז'. [142]

ראַדין, דוד. די דרײַ באַרימער. פאַרלאַג מתנות. 245 זז'. [143]

ראַוויטש, מלך. לידער און באַלאַדן. פון די לעצטע דרײַ־פיר יאָר. פאַרלאַג דער וועג, מעקסיקע. 112 זז'. [144]

ראָזען, שמואל. געזאַמלטע לידער. 64 זז׳. [145]

ראָזענפֿעלד, יונה. איינער אַליין, אויטאָ־ביאָגראַפֿישער ראָמאַן אין צוויי טיילן. הויפּט־פֿאַרקויף: מאַקס נ. מײַזל. 391 זז׳. [146]

שאַפּיר, מ. מ. אַ סטעזשקע (לידער). מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. 96 זז׳. [147]

שוואַרץ, שלמה. אַמעריקע. פֿאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ. 134 זז׳. [148]

שלום־עליכם. פֿונעם יאַריד. געקירצט און פֿאַרטײַטשט פֿון יודל מאַרק. אַרויס־געגעבן פֿון דער ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג מיטלשול. 214 זז׳. [149]

9 געשיכטע

באַדער, גרשם. די מלחמות פֿון די חשמונאים. די פֿיר „מאַקאַבעער־ביכער" און דער „ספֿר יהודית" צוזאַמען מיט די מדרשי־שע דאָקומענטן וועגן „נס חנוכּה". איבער־זעצט צום ערשטן מאָל אין ייִדיש מיט אַ היסטאָרישער באַלײַכטונג וועגן דער גרינ־דונג פֿון „מלחות בית חשמונאי" און אַלע אַנדערע פּאָליטישע געשעענישן פֿון יענער צײַט, אין זייערע קעמפֿע און אין די אינ־טריגעס קעגן זיי. בהוצאת בית מסחר ספֿרים פּרדס. 359 זז׳. [150]

בלום, הלל כ״ץ. זכרונות פֿון אַ בונדיסט, בילדער פֿון אונטערערדישן לעבן אין צאַ־רישן רוסלאַנד. אַרויסגעגעבן מיט דער מיט־הילף פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג. 188 זז׳. [151]

העלער, יעקבֿ י. מײַן יוניאָן — מײַן לעבן, געדאַנקען און שטימונגען פֿון אַ ייִדי־שען יוניאָן־פֿירער. אַרויסגעגעבן פֿון יעקבֿ העלער־פֿופֿציק יאָריקן יובֿל־קאָמיטעט. 32 זז׳. [152]

זעצער, ש. צ. די וויכטיקסטע פֿיגורן און מאָמענטן אין דער ייִדישער געשיכטע, פֿון גלות בבֿל ביז צו דער חשמונאים־תּקופֿה. עסייען, שטודיען און אַנאַליזן. ערשטער טייל, העפֿט 9, זז׳ 225־252; העפֿט 10, זז׳ 253־280; העפֿט 11, זז׳ 281־308; העפֿט 12, זז׳ 309־340; צווייטער טייל, העפֿט 13, זז׳ 3־24; העפֿט 14, זז׳ 25־52; העפֿט 15, זז׳ 53־80. דאָס וואָרט ביבליאָ־טעק, אַרויסגעגעבן פֿון ש. צ. זעצער־געזעל־שאַפֿט. [153]

מײַזיל, נחמן. אוריאל אַקאָסטאַ. קאָ־אָפּעראַטיווער פֿאָלקספֿאַרלאַג פֿון אינטערנאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. 32 זז׳. [154]

פֿרומקין, א. אין פֿרילינג פֿון סאָציאַליזם, זכרונות פֿון אַ ייִדישן זשורנאַליסט. אַרויס־געגעבן פֿון א. פֿרומקין־יובֿילײ־קאָמיטעט. 304 זז׳. [155]

שמש, מ. מײַנע 25 יאָר מיט די ייִדישע בעקער. ספּעשעלטי בעקערי אָונערס אָוו אַמעריקע. ייִדיש 283 זז׳. [156]

משה שמואל שקלאַרסקי

אין ייִוואָ

דער וויסנשאַפֿטלעכער סעקרעטאַר פֿון דער היסטאָרישער סעקציע אליהו טשעריקאָווער איז געוואָרן 60 יאָר. דאָס אויספֿיר־ביוראָ האָט, אין שײַכות דערמיט, באַשלאָסן אַרויסצו־געבן אין 1942 א. טשעריקאָווערס אַ בוך, אַ זאַמלונג אַרבעטן אויף דער אַלגעמיינער טעמע: ייִדן אין דער פֿראַנצייזישער און אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין אָקטאָבער 1941 איז געוואָרן צען יאָר זינט נפֿתּלי פֿײַנערמאַן האָט איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט פֿון אַמאָפּטייל. מיטאַרבעטערס און גוטע פֿרײַנד האָבן באַצייכנט די דאַטע דורך אַ גלעזל טיי און אַרומגערעדט נ. פֿײַנערמאַנס אַרבעט פֿאַרן ייִוואָ ביז איצט און אויך די ווײַטערדיקע פּלענער און פּערספּעקטיוון פֿון אינסטיטוט.

קיין ניו־יאָרק זײַנען געקומען פֿון אַרגענטינע מ. רעגאַלסקי, פֿאָרזיצער פֿון אַרגענטינער אָפּטייל פֿון ייִוואָ, און ד״ר י. העלמאַן, מיטגליד פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִוואָ זינט 1935. די געסט האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיטן אויספֿיר־ביוראָ. ס׳איז צו האָפֿן, אַז אַ דאַנק דעם פּערזענלעכן קאָנטאַקט וועלן די באַציִונגען פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק מיט די אָפּ־טיילן פֿון ייִוואָ אין דרום־אַמעריקע איצטער ווערן לעבעדיקער און רעגולערער.

אויף דער 16טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ, וואָס וועט פֿאָרקומען אין ניו־יאָרק דעם 9טן, 10טן און 11טן יאַנואַר 1942, וועלן, אַחוץ די באַריכטן וועגן דער אַדמיניסטראַ־טיווער, זאַמלערישער און וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, געלייענט ווערן אין פּלענום און אין די סעקציעס 25 רעפֿעראַטן. אַ רשימה פֿון די רעפֿעראַטן וועט געבראַכט ווערן אין די „ייִוואָ־בלעטער“.

דאָס אויספֿיר־ביוראָ האָט אויטאָריזירט די סעקרעטאַרן פֿון די סעקציעס צוצוגרייטן נײַע בענד שריפֿטן.

פֿון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטערס

אַ ה ר ן אַ ל פּ ע ר י ן איז דער מחבר פֿון אַ בוך וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין לאָדזש (אַרויסגעגעבן, אין פּויליש, פֿון לאָדזשער מאַגיסטראַט) און פֿון אַ צאָל אַרטיקלען וועגן ייִדישער געשיכטע. געוועזן רעדאַקטאָר פֿון „פּאַריזער הײַנט“. איצט איז ער אין ניו־יאָרק.

ד״ר י ה ו ש ע ב ל אָ ך איז דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער ייִדישער אָפּטיילונג אין דער ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, רעדאַקטאָר פֿונעם Journal of Jewish Bibliography.

י ע ק ב ד ײַ מ אַ נ ד איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק. ער האָט שטודירט אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט און אין לערער־אינסטיטוט פֿונעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. זינט 1940 איז ער אַן אַספּיראַנט פֿון ייִוואָ.

ד״ר ד ו ד ר אָ ד נ י ק איז געבוירן געוואָרן אין ניו־הייוון, קאָנעטיקוט, און האָט געענדיקט דעם יעיל־אוניווערסיטעט; ער איז עדוואַרד סאַפּירס אַ תּלמיד. איצט איז ער אַ פֿעדעראַלער באַאַמטער אויפֿן פֿעלד פֿון מוזיי־פֿאַרוואַלטונג.

אין די נאָענטסטע נומערן „ייִוואָ־בלעטער“

וועלן אַרײַנגיין צווישן אַנדערע: י. באַכראַך: צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן ייִשובֿ אין ביאַליסטאָקער געגנט (17טן־19טן י״ה); ל. בערד: ייִדישע רעכנביכער פֿון 17טן און 18טן יאָרהונדערט; נ. גאָלדבערג: די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע 1900—1940; י. דאַ־ווידסאָן: צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון געאָרג בראַנדעסן; דזש. דאָלאַרד: פֿרויד און די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן; אַ. הערץ: די פּוילישע שולן אין ניו־יאָרק; מ. ווישניאַק: די פּראַקטיק פֿון באַפֿעלקערונג־אויסבײַט 1913—1939; ח. לאַזדייסקי: ייִדיש אין שפּאַניש־אַמעריקע; ג. לייזעראָוויטש: וועגן דער ייִדישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע; י. ליפֿשיץ: ענגליש־אַמעריקאַנישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן י״ה וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן; י. מאָנטשניק: אַלטע ייִדישע שולן אין פּוילן; פּ. ק.: צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאָטער אין ווילנער געגנט 1902—1905; מ. קאָסאָווער: די חבֿרה פּועלי צדק אין ירושלים (צו דער געשיכטע פֿון פּראָדוקטיווירן דעם אַלטן ייִשובֿ אין ירושלים); מ. קוטשינסקי: ייִדיש אין בראַזיל; י. קיסמאַן: די ייִדישע עמיגראַציע פֿון רומעניע; ש. קעניג: באַ־מערקונגען צו י. לעשטשינסקיס אַרבעט וועגן סאָציאַלן פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום; ר. קענעדי: אַנטיסעמיטיזם אין שײַן פֿון דער געשיכטע; י. שאַצקי: פּורים־שפּילן אין אַמסטערדאַמער געטאָ; י. שטיינבוים: ייִדיש־וואָקאַבולאַר אין דער אָנפֿאַנגשול; ב. שייפֿין: דער קאַמף פֿאַר אויפֿלעבן די אירישע שפּראַך; ל. שילדקרעט: אַרנאָלד ווײַט און זײַן קאַמף קעגן ייִדישער אימיגראַציע קיין ענגלאַנד; רעצענזיעס פֿון ג. גאָלדבערג, מ. ווײַנ־בערג, ל. לעהרער, י. מיקלישאַנסקי, מ. עלקין, י. שאַצקי.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג. ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט“, נומ׳ 16, צווייטע אויפֿלאַגע, ניו־יאָרק, 1941. 34 זז׳.

אפֿרים אויערבאַך, לויטער איז דער אַלטער קוואַל. ניו־יאָרק, 1941. הויפּט־פֿאַרקויף: ציקאָ־פֿאַרלאַגס־געזעלשאַפֿט. 698+6 זז׳.

יצחק אונטערמאַן, רשי, זײַן לעבן, שאַפֿונג און אויפֿטו. פֿעדעראַל פּרעס, פֿילאַדעלפֿיע, 1940. 63 זז׳.

די צוקונפֿט. אַרויסגעגעבן פֿון צוקונפֿט־געזעלשאַפֿט בײַ דער ציקאָ. ב׳ 46, נומ׳ 1, אָקטאָבער 1941.

פּרץ הירשביין. צו זײַן זעכציקסטן געבוירנטאָג. הירשביין יובֿל־קאָמיטעט (אויפֿבוי־גרופּע), לאָס־אַנגעלעס, קאַל׳. ש. ניגער, רעדאַקטאָר; מ. עלקין, סעקרעטאַר. ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1941. 328 זז׳.

נ. ב. מינקאָוו, וועגן מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע“. אָפּדרוק פֿון „אינזיך“, נומער 56, דעצ׳ 1940.

„אָרט“ ידיעות. נומער 1, אָקטאָבער 1941. אַמעריקאַנער „אָרט“ פֿעדעראַציע, ניו־יאָרק. 8 זז׳.

אונדזער קאַמף. זאַמלבוך. אויסלאַנדס־דעלעגאַציע פֿון פּועלי־ציון (צ״ס) און התאחדות פֿון פּוילן. ניו־יאָרק, 1941. 125 זז׳.

סבֿות־בולעטין. פֿאַראייניקטע גאַליציאַנער ייִדן אין אַמעריקע (גאַליציאַנער פֿאַרבאַנד). אָקטאָבער 1941. 6 זז׳ ייִדיש, 6 זז׳ ענגליש.

המגדל. 2טער י״ג, נומ׳ 1, אָקטאָבער 1941. ברוקלין, נ״י.

יעפֿים ישורין, אב. קאַהאַן־ביבליאָגראַפֿיע. ניו־יאָרק, 1941. 64 זז׳.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, די בתי־שמאַי און די בית־הלל. אַ צוטראָג צו דעם גײַסטיקן קאַמף פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק פֿאַר זײַן עקסיסטענץ. מיטל־מערבֿ ראַיאָן ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט, שיקאַגע, 1941. 47 זז׳.

אַבא אַבלסאָן, ניט קיין סך. פֿאַרלאַג ייִדיש, ניו־הייוון, קאָנ׳, 1941. 95 זז׳.

אליהו ליפּינער, אותיות דערציילן. וואָר און לעגענדע אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן אַלף־בית. בוכהאַנדלונג מאָזאַיִק, סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1941. 115 זז׳.

די צוקונפֿט. נאָוועמבער 1941. באַנד 46, נומער 2.

שמחה לעוו, פּרקים ייִדישע געשיכטע. פֿאַרלאַג שולזינגער ברידער, ניו־יאָרק, 1941. 216 זז׳.

טויזנט יאָר פּינסק. געשיכטע פֿון דער שטאָט, דעם ייִדישן ישובֿ, אינסטיטוציעס, סאָציאַלע באַוועגונגען, פּערזענלעכקייטן, געזעלשאַפֿטלעכע טוער, פּנסק איבער דער וועלט. אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד״ר ב. האָפֿמאַן (צבֿיון). ניו־יאָרק, 1941. אַרויסגעגעבן פֿון פּינסקער ברענטש 210, אַרבעטער־רינג. XV+500 זז׳.

פוילישע ייִדן. ניַינטער יאָרבוך לכּבֿוד דער דריַי און דריַיסיקסטער קאָנווענשאָן פֿון דער אַמעריקאַנער פֿעדעראַציע פֿאַר פוילישע ייִדן. ניו־יאָרק, יוני 1941. 136 זז' ייִדיש, 32 זז' ענגליש. רעדאַקטירט פֿון אב. גאָלדבערג.

רשי־בוך. צום ניַינהונדערטן געבורטסיאָר. בוענאָס־איירעס, הת״ש. רעדאַקטאָר יוסף מענדעלסאָן. שג זז'.

יחיאל ליכטנשטיין, יהי אור. ספר למוד הקריאָה והכתיבֿה ברוח התורה והמסורה. בלאָך פּאַבלישינג קאָ', ניו־יאָרק. 48 זז'.

דוד גודביץ, יהודי ירושים. חקירה דמוגרפית־סוציולוגית של היישובֿ היהודי לעדיתיו. הוצאת המחלקה לסטטיסטיקה של הסוכנות היהודית לא״י. ירושלים, תש״א (1940). 65+76 זז'.

אַבֿרהם רגלסון, מלא הטלית עלים. ועד להוצאת כתבֿי אַ. רגלסון. ניו־יורק, תש״א. 272 זז'.

בצרון. ירחון למדע, לספרות ולבעיות הזמן. העורך: חיים טשרנובֿיץ (רב צעיר). שנה ב, חוברת ט־י (21), סיון־תמוז, תש״א.

[פֿון אינהאַלט: רב־צעיר, די איַינאָרדענונג פֿונעם אינעווייניקסטן לעבן אין דער צײַט פֿון שיבֿת־ציון; ב. שבדרון, דער אַלגעמיינער פּאָליטישער הינטערגרונט פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע; דוד ילין, ספר תהילים — אַ פֿאָלקסבוך.]

אגרות י. ח. ברנר. מובאות לדפוס ע״י מנחם פוזננסקי. הוצאת „דבֿר״, תל־אבֿיבֿ, תש״א. כרך ראשון, יז+446 זז'. כרך שני, 385 זז'.

Statistical Abstract of the United States, 1940. Sixty-second Number. U. S. Department of Commerce, Bureau of the Census. U. S. Govt. Prntg. Office. Washington, 1941, XXIII + 963 pp.

Bulletin of the New York Public Library, October 1941, New York, 1941.

Leslie Spier, A. Irving Hollowell, Stanley S. Newman, eds. *Language, Culture, and Personality. Essays in Memory of Edward Sapir.* Sapir Memorial Publication Fund, Menasha, Wisconsin, 1941, X + 298 pp.

Sir Roger Keyes, *King Leopold Vindicated.* Belgian Information Center, 630 Fifth Avenue, New York, May 1941, 15 pp.

E. Y. Hartshorne, *German Youth and the Nazi Dream of Victory.* No. 12: *America in a World at War.* Farrar & Rinehart, Inc., New York, 1941, 32 pp.

Arthur Prudden Coleman, *A New England City and the November Uprising: A study of editorial opinion in New Haven, Conn., concerning the Polish insurrection of 1830-31.* Annals of the Polish Rom. Cath. Union, Archives and Museum, vol. LV, 1939, Polish R. C. Union of America, Chicago, Ill., 1939, 64 pp.

"Jews in the French Empire (1940-1941)". *Jewish Affairs,* vol. 1, no. 2, September 1941, The Institute of Jewish Affairs, New York, 11 pp.

Eric P. Kelly, *The Hope of All the Poles of the World.* The Polish Roman Catholic Union, Archives and Museum, Chicago, Ill., 1941, 12 pp.

Willy Aaron, "Constantin Brunner. A Contribution to a Bibliography of Writing By and About Him." Reprinted from *Journal of Jewish Bibliography*, September 1941.

Gabriel Haus, *Jews and the Post-War World*. Freeland League for Jewish Territorial Colonization, London, 1941, pamphlet no. 5, 14 pp.

Shlomo Noble, "The Survival of Middle High German and Early New High German Words in Current Judeo-German Translations of the Bible." Reprinted from *Abstracts of Doctoral Dissertations*, No. 32, The Ohio State University Press, 1940, pp. 103-109.

A. Z. A. Monthly Guide, Vol. XIV, no. 2, November, 1941.

Educational Institutions Approved by the Attorney-General. October 1, 1940. U.S. Gov't. Prtng. Office, Washington, 1941, 34 pp.

Samuel M. Blumenfield, *Annual Report of the Department of Youth and Education of the ZOA and Problems Facing Zionist Education in America*, 1940-1941, 21 pp.

Miecislaus Haiman, *Polish Pioneers of Pennsylvania*, Annals of the Polish Rom. Cath. Union, Archives and Museum, vol. VI, 1941. Polish R. C. Union of America, Chicago, Ill., 1941, 72 pp.

Miecislaus Haiman, *Polish Pioneers of California*, Annals of the Polish Rom. Cath. Union, Archives and Museum, vol. V, 1940. 85 pp.

Jewish Occupational Bulletin. Vol. 1, nos. 1-5, March-September, 1941. Jewish Occupational Council. New York.

Underground Poland Speaks. Manifesto to the Peoples of the World, American Friends of Polish Democracy, New York, 15 pp.

International Consultive Group of Geneva. "Causes of the Peace Failure 1919-1939", *International Conciliation*, October, 1940. Carnegie Endowment for International Peace, New York, 369 pp.

Preliminary Report. Commission to Study the Organization of Peace, November 1940, New York, 14 pp.

News Bulletin, The American Committee of OSE, Jewish Health Protection Society, No. 3-4, July-August 1941, New York, 10 pp.

Catalogue of the Hebrew Union College, Cincinnati, No. 34, 1941-1942, XII + 68 pp.

Abraham I. Katsh, *Hebrew in American Higher Education (And An Analysis of Hebrew Influence on American Life)*, New York University Bookstore, 18 Washington Place, New York, 182 pp.

Julian Morgenstern, *Amos Studies*, Parts I, II and III. Vol. I, Hebrew Union College Press, Cincinnati, 1941, XI + 428 pp.

Abba Hillel Silver, *The World Crisis and Jewish Survival*, Richard R. Smith, New York, 1941, 221 pp.

Aiding Jews Overseas, Report of the American Jewish Joint Distribution Committee, Inc. for 1940 and the First 5 Months of 1941, New York, 1941, 52 pp.

"Anti-Semitism: Its Causes and Cures (A Symposium)." Reprinted from *The Jewish Forum*, Jan. and Feb. 1941, New York, 29 pp.

Polish Information Center, *Documents Relating to the Administration of Occupied Countries in Eastern Europe*. No. 6: *German Organization of Courts in the General Government of Poland*. 13 pp. [1941].

Hermann Vogelstein, *Rome*. Translated from the German by Moses Hadas. Jewish Community Series, Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1940. XIII + 421 pp.

Phylon. The Atlanta University Review of Race and Culture, 3, 1941.
Contemporary Jewish Record, October 1941, Third Anniversary Issue.
Historia Judaica. Editor Guido Kisch, vol. III, no. 2, October, 1941.
Jewish Social Studies, October 1941, vol. III, no. 4.

The Jewish Quarterly Review, October 1941.

The Jewish Survey, November 1941.

David Rodnick, "Status Values Among Railroadmen." Reprinted from *Social Forces*, vol. 20, no. 1, October 1941, pp. 89-96.

David Rodnick, "Group Frustrations in Connecticut." Reprinted from *The American Journal of Sociology*, vol. XLVII, no. 2, Sept. 1941 pp. 157-166.

Refugees on French Ship "Masilla." Based on material received at the central office of the World Jewish Congress, July 23, 1941, 3 pp. [מימעאָגראַפֿירט]

Moise Moiseeff, *Situation of the Jewish Refugees in Japan*. Report sent to the World Jewish Congress by the Representative of the World Jewish Congress in Japan, July 1, 1941, 9 pp. [מימעאָגראַפֿירט]

Arieh Tartakower, *Summation of the Past and Plans for the Future Relief Work of the World Jewish Congress*, August 4, 1941. [מימעאָגראַפֿירט]

Ort Economic Bulletin, Vol. II, no. 3, May-June, 1941.

"Jews Under Soviet Rule", *Jewish Affairs*, vol. I, no. 1, August 1941, published by the Institute of Jewish Affairs, New York.
The Booklist, July 1, 1941.

[זז' 517־519 האַלטן אַ רשימה ייִדישע ביכער צונויפֿגעשטעלט פֿון אסתּר באַראַג. פֿון טרימאָנט־אַפּטייל, ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק.]

R. Magalhaes Junior, *Um Judeu. Comédie Dramática em três atos e dez quadros*. Editoria S. A. A. Noite, Rio de Janeiro, 149 pp.

Gaspar Barléu, *Historia dos feitos recentemente praticados durante oito anos no Brasil*. Rio de Janeiro, Minestério de Educaçao, 1940, 409 pp.

Gustavo Barroso, *A Sinagoga Paulista*, 3 ed. Rio de Janeiro, 1937, 277 pp.

Isaac Z. Raizman, *Historia dos Israelitas no Brasil*, Sao Paulo, 1937, 102 pp.

Candido Motta, *Nova tormenta*, Sao Paulo, 1939, 99 pp.

Evaristo de Moraes, *Carceres e Fogueiras de Inquisiçao*, Rio de Janeiro, Athena Editora, 153 pp.

Belmonte, *No tempo dos Bandeirantes*, 2 ed., Departamento de Cultura, Sao Paulo, 1940, 326 pp.

Silveira Neto, Candido Juca, Alfredo de Assis, Povina Cavalcanti, J. Barbosa de Faria, *Conferencias*, Federaçao das Academias de Letras do Brasil, Rio de Janeiro, Grafica Sauer, 1940, 194 pp.

Baptista Pereira, *O Brasil e O Anti-Semitismo*, Editora Guanabara, Biblioteca de Cultura Scientifica, 212 pp.

A. Herculano, *Historia da Origem e Eastabelecimento da Inquisiçao em Portugal.* David Lopes, ed. Vol. I, Livraria Francisco Alves, Rio de Janeiro, San Paulo, 332 pp., vol. 2, 382 pp., vol. 3, 425 pp.

Roberto Waismann, *Traços de Israel*, Sao Paulo, 1939. 96 pp.

José Honorio Rodriques e Joaquim Ribeiro, *Civilizaçao Holanesa no* Brasil, Companhia Editora Nacional, Sao Paulo, 1940, 404 pp.

J. F. de Almeida Prado, *Primeiros Povadores do Brasil (1500-1530)*, 2 ed., Companhia Edictora Nacional, Sao Paulo, 1939, 300 pp.

Liebmann Hersch, *Mon Judaisme* (*Le judaisme vu par un positiviste juif*), Geneva, 1941, 44 pp.

רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע: מ. ווײַנרײַך, א. טשעריקאָווער, ל. לעהרער, י. לעשטשינסקי, ש. ניגער, י. שאַצקי. רעדאַקטאָר: מ. ווײַנרײַך.

that the United States was the dominating power at the peace conference. The Jewish delegates undoubtedly had a great influence on the formulation of the clauses in the peace treaties concerning the status of the Jews in eastern Europe and the rights of national minorities. The question of why these minority treaties did not work out is raised.

A PASQUIN ON THE JEWISH COMMUNITY OF CONSTANTINOPLE OF 1869

By Joshua Bloch (Pp. 49-68)

The text of the *Muser livnej avle oder dem hunt a shtekin*, Vienna, 1869, is reproduced here from the only extant copy which is now in the New York Public Library. It is written with scathing acidity against the customs and habits of the Polish Jews then living in Constantinople, with the exaggerations typical of a *Maskil* attacking the *Khassidim*. The writer suggests that the author of this satire may be the poet Velvel Zbarezher.

THE EFFECT OF CULTURE-CHANGE UPON THE PERSONALITIES OF THE SECOND GENERATION OF RESERVATIONS INDIANS

By David Rodnick (Pp. 69-79)

The second generation immigrant is not alone in undergoing psychological punishment as a result of trying to adjust himself to one of two cultures that surround him, for almost the same process takes place among the Indians born on the reservations in the northern part of the United States. The tribes under discussion are the Assiniboines, Blackfeet and Potawatomi. The tribes had to undergo great economic and social changes through the medium of punishment. Whereas social approval in pre-reservation times emanated from the tribe, today it comes from the whites. As a result, guilt, shame and inferiority feelings are prevalent among most of the younger Indians. At the same time, there arises a tendency to glorify the Indian past and retreat into dreams of an age that never existed. Many become highly sensitive, embittered toward and suspicious of the whites. The conflict between old and young seems to find its basis in the competition for status. These problems do not arise in such poignancy among the southwestern tribes who have been allowed to live on the reservation within the framework of their culture and traditions.

SHMUEL LEHMAN

By J. S. (Pp. 80-83)

Shmuel Lehman, one of the best known collectors of Jewish folklore, died recently, according to a delayed report from Warsaw. The author gives an estimation of Lehman's publications and mentions his rich collections which remained in manuscript and were probably destroyed in the siege of Warsaw. A bibliography of Lehman's works is attached.

ABSTRACTS

THE FOUNDING OF THE ALLIANCE ISRAÉLITE UNIVERSELLE

By Z. Szajkowski (Pp. 1-21)

At various times attempts had been made in France to establish an organization to protect the civil rights of the Jews both in France and abroad, but they proved to be unsuccessful. The Mortara episode was the direct cause of the founding of a new organization, the Alliance Israélite Universelle, to work for the moral progress of the Jews in France and abroad. The first meeting was called by a group of young French Jews, then not well known, who bore the revolutionary traditions of 1848. At first, the policies and actions of the Alliance were in sharp contrast to those of the Consistory, the official Jewish representation in France, which was afraid that the "tactless interventions" of the Alliance would do more to harm than to help the cause of Jewry. Later on, as the founders grew older, the Alliance became much more conservative in its policies and took the attitude that the only unity possible among Jews was that of charity. The paper presents detailed characterizations of the leading figures of both the Alliance and the Consistory.

AMERICAN JEWS AND THE PEACE CONFERENCE IN PARIS

By Lawton Kessler, Aaron Alperin, Jack J. Diamond (Pp. 22-48)

1. Three important organizations were engaged in the issue of an American Jewish Congress during World War I: the American Jewish Committee, the Provisional Executive Committee for Zionist Affairs and the National Workmen's Committee for Jewish Rights. Though the propaganda conducted by the Zionists for such a congress was started as early as 1914 and spread rapidly through the country, the American Jewish Committee rather tended to the opinion that a conference of national Jewish organizations was necessary to even out their positions on the Jewish question in eastern Europe in a conservative and moderate manner. The question of "national rights" as opposed to civil, religious and political rights evoked much dissention. After lengthy negotiations, pro-Congress and Committee groups met again in an effort to reach a compromise on the question of "national rights". An agreement was finally effected on the basis of so-called "group rights". At the conference called after the Armistice a "Jewish Bill of Rights" was formulated by Louis Marshall as an instruction for the delegates who were eventually to go to the peace conference in Paris.

2. On January 12, 1919, official delegates from all over the world met in Paris. Jews in various countries had met to send their spokesmen to the conference. The Committee of Jewish Delegations was set up in March, largely as a result of the efforts of the Zionist Conference called in London. This committee included members from the Ukraine, Russia, South Russia, Poland, Galicia, Rumania, Italy, Lithuania, Latvia, Czechoslovakia and the United States. The representatives of the Alliance Israélite Universelle and the British Joint Foreign Committee declined to join since they did not recognize the rights of Jews as a "national" minority.

3. The leadership of the Committee of Jewish Delegations was conferred upon the American Jews for many reasons including the fact

TABLE OF CONTENTS (Continued)

M. W.
Lewin Liondor's Letter Writer ....
The Jewish People's Library, Montreal ....
M. S. SHKLARSKY
Yiddish Books Published in North America in 1940 ....
At the Yivo ....
Editorial Notes ....
Books Received ....

STATEMENT OF THE OWNERSHIP, MANAGEMENT, CIRCULATION, ETC., REQUIRED BY THE ACTS OF CONGRESS OF AUGUST 24, 1912, AND MARCH 3, 1933

Of YIVO BLETER, published Bi-monthly, except July and August, at New York, N. Y., for Oct. 1, 1941.
State of New York
County of New York ss.

Before me, a Notary Public in and for the State and county aforesaid, personally appeared Nathan Feinerman, who, having been duly sworn according to law, deposes and says that he is the Business Manager of the YIVO BLETER and that the following is, to the best of his knowledge and belief, a true statement of the ownership, management (and if a daily paper, the circulation), etc., of the aforesaid publication for the date shown in the above caption, required by the Act of August 24, 1912, as amended by the Act of March 3, 1933, embodied in section 537, Postal Laws and Regulations, printed on the reverse of this form, to wit:

1. That the names and addresses of the publisher, editor, managing editor, and business managers are:

Publisher: Society of Friends of the Yiddish Scientific Institute, Inc., Am. Br., 425 Lafayette St., N. Y. City

Editor: Dr. Max Weinreich, 425 Lafayette St., N. Y. City.

Managing Editor: None.

Business Manager: Nathan Feinerman, 425 Lafayette St., N. Y. C.

2. That the owner is: (If owned by a corporation, its name and address must be stated and also immediately thereunder the names and addresses of stockholders owning or holding one per cent or more of total amount of stock. If not owned by a corporation, the names and addresses of the individual owners must be given. If owned by a firm, company, or other unincorporated concern, its name and address, as well as those of each individual member must be given.)

Society of Friends of Yiddish Scientific Institute, Inc., American Branch, 425 Lafayette St., N. Y., S. Niger, Pres., Dr. Jacob Shatzky, Treas., Nathan Feinerman, Secy, all of 425 Lafayette St., N. Y. C.

3. That the known stockholders, mortgagees, and other security holders owning or holding 1 per cent or more of total amount of bonds, mortgages, or other securities are: (If there are none, so state.): NONE.

4. That the two paragraphs next above, giving the names of the owners, stockholders, and security holders, if any, contain not only the list of stockholders and security holders as they appear upon the books of the company but also, in cases where the stockholder or security holder appears upon the books of the company as trustee or in any other fiduciary relation, the name of the person or corporation for whom such trustee is acting; also that the said two paragraphs contain statements embracing affiant's full knowledge and belief as to the circumstances and conditions under which stockholders and seccurity holders who do not appear upon the books of the company as trustees, hold stock and securities in a capacity other than that of a bona fide owner ; and the affiant has no reason to believe that any other person, association, or corporation has any interest direct or indirect in the said stock, bonds, or other securities than as so stated by him.

NATHAN FEINERMAN, Business Manager.

Sworn to and subscribed before me this 11th day of October, 1941.

(Seal) MYER ABRAMS, Notary Public.
(My commission expires March 30, 1943.)

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

ol. XVIII SEPTEMBER-OCTOBER, 1941 No. 1

TABLE OF CONTENTS

SZAJKOWSKI
The Founding of the Alliance Israélite Universelle 1
KESSLER, A. HALPERN, J. J. DIAMOND
American Jews and the Peace Conference in Paris 22
BLOCH
A Pasquin on the Jewish Community of Constantinople 49
RODNICK
The Effect of Culture-Change Upon the Personalities of the Second Generation of Reservation Indians 69
S.
Shmuel Lehman (Obituary) 80

EVIEWS

BIRNBAUM
M. Weinreich. Di švartse pintelex 84
LEHRER
N. Drazin. *History of Jewish Education from 515 B.C.E. to 220 C.E.* 91
GLANZ
J. P. von Grueningen, ed. *The Swiss in the United States* 93
GOLDBERG
S. Somogyi. "Differential Divorce Rates by Religious Groups" 97
LIFSHITZ
The Cartwright Petition of 1649 99
G.
Bernardini Ramazzini. *De Morbis Artificum* 101
GOLDBERG
Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada 102
MIKLISZANSKI
Raši-bux 103

ISCELLANEA

L.
The Three Institutes on Post-War Problems 107

(*Continued on Inside Cover*)

ABSTRACTS IN ENGLISH... 128

YIVO BLETER — September-October 1941 — Vol. XVIII, No. 1

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.

Two Sections — Section One

צו דער 16טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק,

9טן-11טן יאַנואַר 1942

ייִוואָ בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אינהאַלט פֿון נומער

. גאָלדבערג
די ייִדישע פּרעסע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, 1900—1940 129

. שייפּין
דער גורל פֿון דער אירישער שפּראַך 158

. קענעדי
אַנטיסעמיטיזם אין שײַן פֿון דער געשיכטע 184

. קאָסאָווער
די חבֿרה פּועלי צדק אין ירושלים 192

. לאַזדייסקי, מ. קוטשינסקי
ייִדיש און די לאַנדשפּראַכן אין לאַטײַן־אַמעריקע 203

. קעניג, ג. לייזעראָוויטש
צו דער סאָציאַלער געשיכטע פֿון ייִדן אין אַמעריקע 215

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

…אָוו'-דעצ'. 1941 באַנד XVIII, נומ' 2

רעפּעראַטן און רעצענזיעס

נ. ז.

די יסודות פון קומענדיקן שלום 39

מ. ווײַנבערג

פראָבלעמען פון מעדיציו, היגיענע, אַנטראָלאָפּאָגיע 42

מ. עלקין

ר. בן־אַרי, הבימה 48

וו.

ייִדן אין כינע 55

ל. ש.

ייִדישע קינדער־ליטעראַטור אין ענגליש 256

ל. ש.

האַנטבוך פאַר אימיגראַנטן 58

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

אַ נאַצי דערציילט וועגן די געטאָס 59

מ. וו.

פון די אָנהייבן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג 60

ג. הויז

אינסטיטוט פאַר ייִדישע שטודיעס אין לאָנדאָן 63

פּ. קאָן

אַ חתונה־פאָרשטעלונג און קלעזמאָרים אין סלוצק מיט 100 יאָר צוריק 64

אַן אויספאָרשונג פון וואָקאַבולאַר אין 4 ייִדישע אָנהייבער־ביכלעך 66

אַ רשימה ייִדישע ביכער אין אַן ענגלישן ביבליאָגראַפישן זשורנאַל 66

פון דער רעדאַקציע 67

אָנגעקומען אין רעדאַקציע 68

ענגלישע קיצורים 72

דאָס וויסנשאַפטלעכע אַחריות פאַר
די אַרבעטן וואָס ווערן פּובליקירט
דורכן ייִוואָ טראָגן די מחברים

WM. AGRANOVE
38 AUSTIN TERRACE
TORONTO, ONT.

די יִדישע פּרעסע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, 1900־1940

פון נ. גאָלדבערג

די דרײַ פּראַגעס וואָס ווערן אין דער איצטיקער אַרבעט באַטראַכט זײַנען:
1) ווי אַזוי האָלט מיטן פּאַרקויף פון די טעגלעכע צײַטונגען און וואָכנבלעטער אין יִדיש?
2) ווי אַזוי פאַרגלײַכט זיך זייער צירקולאַציע מיט דער צירקולאַציע פון די אַנדערע פרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען און זשורנאַלן אין לאַנד?
3) וואָס איז די צירקולאַציע פון די וועכנטלעכע זשורנאַלן אין ענגליש, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן ספּעציעל פאַר יִדן? דער נאָכפרעג אויף דער פעריאָדיק אין אַנדערע לשונות — העברעיִש, דזשודעזמע, דײַטש — און אויף חודשדיקע און אַנדערע צײַטשריפטן איז קליין, און דעריבער איז זייער טיראַזש ניט אַנאַליזירט געוואָרן.

די ערשטע יִדישע זשורנאַלן אין אַמעריקע האָבן ניט געהאַט קיין סך קונים. „די יִדישע צײַטונג", די ערשטע פעריאָדישע שריפט אין יִדיש אויף דעם היגן קאָנטינענט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין מאַרץ 1870, האָט געצאָלט זײַן אַ וואָכנבלאַט. איר צענטער נומער איז אָבער אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 14טן פעברואַר 1873, און איר צוועלפטער נומער דעם 31סטן אָקטאָבער 1873.[1]

מיט דער צײַט האָבן זיך אָבער די אויסזיכטן פאַר דער אַנטוויקלונג און דעם וווּקס פון דער יִדישער פּרעסע אַ סך פאַרבעסערט. די יִדיש־ריידנדיקע באַפעלקערונג האָט געהאַלטן אין וואַקסן. פון 1881 ביז 1890 זײַנען דאָ אָנגעקומען 142,000 יִדן פון דער רוסישער אימפּעריע און רומעניע.[2] עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין יִדישע זשורנאַלן, הגם זיי האָבן נאָך געהאַט אַ קליינע צירקולאַציע און הויכע מאָרטאַליטעט.

אין די 1880ער יאָרן האָט מען אַפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צײַטונג. די ערשטע, „די טעגלעכע גאַזעטן", איז אַרויס דעם 18טן יוני 1881. זי איז אָבער געגאַנגען ניט מער ווי צוויי חדשים. צוויי יאָר שפּעטער האָט כּתריאל שׂרהזאָן, דער אַרויסגעבער פון דער דאָזיקער צײַטונג, געמאַכט אַ צווייטן פּרווו. דאָס מאָל איז די „טעגלעכע גאַזעטן" געגאַנגען ביז יולי 1883. זײַנע דורכפאַלן האָבן אים משמעות ניט אָפּגעשלאָגן דעם חשק. אין

[1] שטאַרקמאַן, מ. די אַנטשטייונג פון דער יִדישער פּרעסע אין אַמעריקע, אין: זאַמלבוך צו דער געשיכטע פון דער יִדישער פּרעסע אין אַמעריקע, רעדאַקטירט פון י. שאַצקי, 1934, ז' 14.

[2] S. Joseph, *Jewish Immigration to the United States,* p. 162.

יאַנואַר 1885 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן זײַן „ייִדישעס טאַגעבלאַט". דאָס מאָל האָט ער שוין מצליח געווען.

„ייִדישעס טאַגעבלאַט" האָט אָבער אין די ערשטע יאָרן ניט געהאַט קיין סך קונים. אין יאָר 1887, ווען דאָס איז געווען די איינציקע טעגלעכע צײַטונג, פֿלעגן פֿאַרקויפֿט ווערן אַרום 3,750 קאָפּיעס אַ טאָג.

אין 1895, ווען עס זײַנען שוין געווען קאָנקורענטן, האָט דאָס „טאַגעבלאַט" געהאַט אַ צירקולאַציע פֿון איבער 13,000 עקזעמפּלאַרן אַ טאָג.[3]

אין די לעצטע יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט זײַנען אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן געוואָרן „דער העראַלד", „אַבענדבלאַט", „פֿאָרווערטס", „טעגלעכע פּרעסע", „פֿאָלקסצײַטונג" און אַנדערע טעגלעכע צײַטונגען. אין שיקאַגע האָט זיך אויך געדרוקט אַזאַ בלאַט.[4] הגם די צאָל קונים האָט זיך כּסדר פֿאַרגרעסערט, האָבן אָבער די מערסטע בלעטער קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט. דער אָנבאָט איז משמעות געווען גרעסער ווי דער נאָכפֿרעג. אין לעצטן יאָר פֿון 19טן יאָרהונדערט איז דער טיראַזש פֿון אַלע צײַטונגען אין ייִדיש מסתּמא געווען צווישן פֿופֿציק און זעכציק טויזנט אַ טאָג.

1

די צירקולאַציע פֿון אונדזערע טעגלעכע צײַטונגען

אין די ערשטע יאָרן פֿון 20סטן יאָרהונדערט האָט זיך די צירקולאַציע פֿון די ייִדישע צײַטונגען כּסדר פֿאַרגרעסערט. דאָס קאָן מען זען פֿון דער טאַבעלע 1 (די טאַבעלעס זײַנען געדרוקט אויף באַזונדערע בלעטער). אין איר ווערט אָנגעוויזן, ערשטנס, די צאָל צײַטונגען וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון 1900 ביז 1940 און זייער דורכשניטלעכע טעגלעכע צירקולאַציע. דערנאָך ווערן אויסגעטיילט באַזונדער די בלעטער פֿון ניו־יאָרק און 15 אַנדערע שטעט. אין די לעצטע דרײַ עמודים ווערט אָנגעוויזן דער פּראָצענט פֿון דער יאָריקער פֿאַרגרעסערונג צי פֿאַרקלענערונג פֿון אַלע צײַטונגען, פֿון די ניו־יאָרקער און פֿון די אַנדערע.

די טאַבעלע איז באַזירט אויף די ידיעות וואָס די אייער־קאָמפּאַניע[5] דרוקט אין איר יאָרבוך (זע הערה 3)). זי באַנוצט זיך מיט די רעפּאָרטן וואָס אַרויסגעבערס פֿון צײַטונגען שטעלן צו דער פּאָסט, מיט באַריכטן וואָס זיי

---

[3] Ayer and Son's, *American Newspaper Annual and Directory,* 1888 and 1896.

[4] "Periodicals," *Jewish Encyclopedia,* vol. 9.

[5] די קאָמפּאַניע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1869, אין פֿילאַדעלפֿיע. זי איז אַן אַנאָנסן־אַגענטור. איר ערשטער יאָרבוך איז אַרויס אין יאָר 1880. דער נאָמען פֿון בוך איז איצט:
N. W. Ayer and Son's American Newspaper Annual and Directory.

אַ גוט בוך וועגן דער אַנטוויקלונג און וווּקס פֿון דער קאָמפּאַניע איז:
Ralph M. Hower, *The History of an Advertising Agency,* Harvard University, 1939.

פֿאַרעפֿנטלעכן, מיט שאַצונגען און מיט די רעפּאָרטן פֿון דער „אַדיט ביוראָ אָוו סוירקיולײשן”. דאָס ביוראָ, געגרינדעט אין 1914, איז אַ פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע וואָס פֿאָרשט אויס די צירקולאַציע פֿון צײַטונגען און זשורנאַלן אין די אינטערעסן פֿון אַרויסגעבערס און אַנאָנסן־אַגענטורן. די מיינונג פֿון פֿאַכלײַט איז, אַז מען קאָן זיך מער פֿאַרלאָזן אויף די באַריכטן פֿון דעם „אַדיט־ביוראָ” ווי אויף אַנדערע. דער „טאָג”, „מאָרגן־זשורנאַל” און „פֿאָר־ווערטס” באַלאַנגען זינט 1917 צו דעם ביוראָ. דאָס מיינט, אַז זייערע רעפּאָרטן זײַנען פֿון יענעם יאָר אָן מער פֿאַרלאָזלעך ווי פֿון אַנדערע צײַטונגען, און אַז מיר האָבן ניט קיין גאָר זיכערע באַריכטן פֿון פֿריִער ווי 1917. וואָס שייך די באַריכטן פֿון נאָך 1917 וויל איך פֿאַרצייכענען: דער רעדאַקטאָר פֿון „אײַער־יאָרבוך” האָט אין אַ בריוו צו דעם מחבר באַטאָנט דעם פֿאַקט, אַז די קאָמפּאַניע האָט אין יאָר 1939 געפֿונען ניט מער ווי זעקס פֿון 21,000 רעפּאָרטן וואָס זײַנען ניט געווען ריכטיק און אַז מען קאָן זיך במילא פֿאַרלאָזן אויף די ידיעות אין בוך. זאָל דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז אין די ערשטע עטלעכע יאָר פֿון דעם פּעריאָד זײַנען משמעות געווען מער צײַטונגען ווי עס איז אָנ־געגעבן געוואָרן אין דער טאַבעלע.

מיר גיבן דאָ די דורכשניטלעכע טעגלעכע צירקולאַציע. עס זײַנען פֿאַראַן צײַטונגען, ווי מיר וועלן זען, וואָס האָבן שבת און זונטיק אַ גרעסערן טיראַזש ווי אין די אַנדערע טעג און איינע האָט זונטיק ווייניקער קונים. אין אַזוינע פֿאַלן איז דער דורכשניט באַזירט אויף דער צירקולאַציע וואָס זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצע וואָך און ניט נאָר געוויסע טעג אין וואָך. אין אַלע אַנדערע פֿאַלן זײַנען די ציפֿער באַנוצט געוואָרן ווי זיי זײַנען אָנגע־געבן געוואָרן אין יאָרבוך.

איך שטרײַך אונטער, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט קונים. די צאָל לייענערס איז משמעות גרעסער ווי די צאָל קונים. לויט אַן אויספֿאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט יאָרן צוריק קומט אויס, אַז עס זײַנען פֿאַראַן 1.76 לייענערס אויף יעדער געקויפֿטער ייִדישער צײַטונג.[*] ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, אין דער טאַבעלע ווערט איבערגעגעבן די צאָל עקזעמפּלאַרן וואָס זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן און ניט וויפֿל מענטשן עס האָבן זיי געלייענט.

אין קיין לאַנד זײַנען ניט פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַזוי פֿיל ייִדישע צײַטונגען ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז ריכטיק אי בנוגע דער אַבסאָ־לוטער אי דער רעלאַטיווער צאָל קונים. דאָס איז משמעות מחמת דעם, וואָס דער עקאָנאָמישער מצבֿ פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן איז משך דער צײַט גע־ווען אַ סך בעסער איידער אַ שטייגער אין פּוילן. עס האָט מסתּמא געהאַט

[*] Mordecai Soltes, *The Yiddish Press*, 1925, pp. 38-39.

די אויספֿאָרשונג איז באַזירט אויף 236 קונים. דער ייִוואָ וואָלט באַדאַרפֿט מאַכן אַן אויספֿאָרשונג וויפֿל לייענערס עס זײַנען איצט פֿאַראַן אויף איין ייִדי־שער צײַטונג און וויפֿל אויף אַן ענגלישער אַאַז״ו.

צו טאָן מיט זייער אורבאַניזאַציע און מעטראָפּאָליזאַציע. אין ניו־יאָרק למשל זײַנען אין 1930 געווען ניט ווייניקער ווי 619,771 ייִדיש־ריידנדיקע,[7] 50.7 פּראָצענט פֿון אַלע אויסלענדיש געבוירענע וואָס האָבן געזאָגט, אַז ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון. אין באָסטאָן, דעטראָיט, לאָס אַנגעלעס, נוואַרק, פֿילאַדעלפֿיע, קליוולענד און שיקאַגע זײַנען אין יענעם יאָר געווען 23.8 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדיש־ריידנדיקע.[8] דאָס מיינט, אַז 74.5 פּראָצענט, דרײַ פֿערטל פֿון דער ייִדיש־ריידנדיקער באַפֿעלקערונג, האָבן געלעבט אין די אַכט שטעט. 1930 איז זיכער ניט געווען קיין יוצא־מן־הכלל, אַמעריקאַנער ייִדן האָבן תּמיד געלעבט אין די גרויסע שטעט. און גרויסשטאָטישע זײַנען בדרך־כּלל גרעסערע בעלנים אויף צײַטונגען ווי אַנדערע. דערצו דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די געווינטשאַפֿטן פֿון די אַמעריקאַנער זײַנען משך דער צײַט געווען אַנדערש ווי פֿון די פּוילישע. די גרעסערע פֿרײַהייט פֿון וואָרט און פּרעסע האָט מסתּמא אויך געהאַט צו טאָן מיט דעם.

וואָס שייך דער צאָל טעגלעכע צײַטונגען, האָט פּוילן פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט און אַמעריקע דעם צווייטן. פֿון 20 ביז 24 פּראָצענט פֿון אַלע טעגלעכע צײַטונגען אין ייִדיש, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די יאָרן פֿון 1926 ביז 1930, זײַנען געגאַנגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, בעת אין פּוילן האָט זיך געדרוקט 45 פּראָצענט פֿון אַלע איבער דער וועלט.[9] אין די סיבות לאָמיר זיך איצט ניט אַרײַנלאָזן.

קומענדיק צוריק צו דער טאַבעלע 1, באַמערקן מיר, אַז די 41 יאָר קאָנען אײַנגעטיילט ווערן אין דרײַ פּעריאָדן. צוערשט האָט די צירקולאַציע זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרגרעסערן. אין יעדן פֿון די ערשטע זיבעצן יאָר, אַחוץ 1902, 1906 און 1909, איז דער טיראַזש געווען גרעסער ווי אין פֿריִערדיקן יאָר. אויב אין 1900 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַרום 66,000 צײַטונגען, זײַנען שוין אין 1916 פֿאַרשפּרייט געוואָרן קרובֿ צו 646,000. פֿאַר יעדע הונדערט צײַטונגען אין ערשטן יאָר פֿון איצטיקן יאָרהונדערט זײַנען אין 1916 פֿאַרקויפֿט געוואָרן 975, כּמעט צען מאָל אַזוי פֿיל. אַפֿילו אויב מיר נעמען אָן, אַז דער טיראַזש איז אין די ערשטע עטלעכע יאָר געווען גרעסער ווי ער איז אָנגעגעבן געוואָרן אין דער טאַבעלע, ווײַל ניט אַלע צײַטונגען האָבן מסתּמא צוגעשטעלט רעפּאָרטן, און פֿאַרגלײַכן 1905 מיט 1916, קומט אַלץ

---

[7] Ayer and Son's, *American Newspaper Annual and Directory,* 1901-1941.

[8] U. S. Census Bureau, *Abstract of the Fifteenth Census of the United States,* 1933, pp. 158-159.

מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז דער אַמעריקאַנער צענזוס פֿרעגט נאָר בײַ די אויסלענדיש געבוירענע זייער מוטערשפּראַך; בײַ אַמעריקאַנער געבוירענע, נעמט מען אָן, איז די מוטערשפּראַך ענגליש.

[9] אַנילאָוויטש, י. 5 יאָר ייִדישע פּרעסע, 1926-1930, ייִוואָ־בלעטער, באַנד I, זז' 96-120.

אויס, אַז די צאָל קונים איז אין משך פֿון די יאָרן אַ רעכט ביסל פֿאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1916 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן 34 צײַטונגען פֿאַר יעדע צען אין יאָר 1905. אין משך פֿון די ערשטע זיבעצן יאָר איז די יאָריקע פֿאַרגרע־סערונג געווען פֿון 3 ביז קרוב 60 פּראָצענט.

דערנאָך איז די צירקולאַציע געפֿאַלן און האָט זיך איבער אַ נײַס פֿאַר־גרעסערט. אין יאָר 1917 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַ 135,000 ווייניקער צײַטונגען ווי מיט אַ יאָר פֿריִער, אַן אָנווער פֿון 21 פּראָצענט, די גרעסטע יאָריקע פֿאַרקלענערונג אין דער געשיכטע פֿון די היגע יִדישע צײַטונ־גען.[10] פֿון 1917 ביז 1927 איז ניט געווען קיין רעגלמעסיקייט און קיין באַשטימטע ריכטונג אין דעם פֿאַרקויף. אין פֿינף פֿון די עלף יאָר איז די יאָריקע פֿאַרגרעסערונג געווען פֿון 1 ביז 14 פּראָצענט, און זעקס יאָר איז די יאָריקע פֿאַרקלענערונג געווען פֿון 0.1 ביז 21 פּראָצענט.

די צירקולאַציע האָלט כסדר אין פֿאַלן זינט 1928. די יאָריקע אָנווערן זײַנען געווען פֿון 0.5 ביז 6.9 פּראָצענט. אין פֿיר פֿון די יאָרן איז די פֿאַר־קלענערונג געווען מער ווי פֿינף פּראָצענט. דער טיראַזש איז רעדוצירט געוואָרן פֿון 598,347 אין 1927 ביז 403,235 אין 1940, אַ פֿאַרקלענערונג פֿון 2.6 פּראָצענט. אין 1940 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַן 18,000 ווינציקער ווי אין 1913, אָבער מער ווי אין 1912.

די צאָל צײַטונגען איז אין משך פֿון די יאָרן אויך געפֿאַלן. אין 1916 זײַנען געווען 11 טעגלעכע צײַטונגען, פֿון 1927 ביז 1935 זײַנען געווען 10, און זינט 1936 נאָר 9. די צאָל צײַטונגען פֿאַרקלענערט זיך איבער דעם פֿאַלנדיקן טיראַזש, און דער טיראַזש פֿאַלט צוליב דער פֿאַרקלענערטער צאָל צײַטונגען. דאָס איז, ווי מיר זעען, אַ מין פֿאַרכישופֿטע ראָד.

2

די ניו־יאָרקער צײַטונגען

ענלעכע טענדענצן מערקן זיך אין דער צירקולאַציע פֿון די ניו־יאָרקער צײַטונגען. אין פֿערצן פֿון די ערשטע זיבעצן יאָר איז די צאָל קונים פֿאַרגרעסערט געוואָרן. דער יאָריקער וווּקס איז געווען פֿון 1 ביז 63 פּראָצענט. אין 1916 האָבן זיי געהאַט די גרעסטע צירקולאַציע, 542,795. אין יענעם יאָר זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן נײַן מאָל אַזוי פֿיל צײַטונגען ווי אין 1900, דרײַ מאָל אַזוי פֿיל ווי אין 1905, און צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי אין 1910.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה ירידות און עליות. אין 1917 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַ 153,000 ווייניקער ניו־יאָרקער צײַטונגען ווי אין 1916, אַן אָנווער פֿון אַן 28 פּראָצענט, די גרעסטע יאָריקע פֿאַרקלע־נערונג וואָס זיי האָבן געהאַט. דער טיראַזש פֿון 1917 ביז 1927 איז ניט

[10] די סיבות פֿון דעם ווערן אַרומגערעדט אויף ז' 141.

געווען רעגלמעסיק. אין פֿינף פֿון די 11 יאָר איז די פֿאַרגרעסערונג געווען פֿון 1.3 ביז 20.2 פּראָצענט. די גרעסטע פֿאַרגרעסערונג איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1923, ווען די „פֿרײַהייט" (אָנגעהויבן אַרויסגיין אין 1922) האָט גענומען פֿאַרעפֿנטלעכן רעפּאָרטן וועגן איר צירקולאַציע. אין זעקס פֿון די 11 יאָר איז די פֿאַרקלענערונג געווען פֿון 0.2 ביז 28.2 פּראָצענט. די גרעסטע אָנווערן זײַנען געווען אין 1917 און אין 1922, ווען איין צײַטונג איז ליקווידירט געוואָרן.

דער טיראַזש האָלט איצט אין פֿאַלן. אין 1940 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט 143,951 ווייניקער עקזעמפּלאַרן ווי אין 1927, אַ פֿאַרקלענערונג פֿון 34.4 פּראָצענט. די יאָריקע אָנווערן זײַנען געווען פֿון 0.4 ביז 8.6 פּראָצענט. דער גרעסטער אָנווער, 8.6 פּראָצענט, איז פֿאָרגעקומען אין 1928, ווען דאָס „טאָגעבלאַט" האָט אויפֿגעהערט אַרויסגיין. אין 1932 און 1933, בעת דער דעפּרעסיע, איז דער טיראַזש געפֿאַלן מער ווי אין די אַנדערע יאָרן, אַחוץ 1928. אין 1940 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט 50.5 פּראָצענט קנאַפּער ווי אין 1916. אין משך פֿון די לעצטע יאָרן איז די צאָל ייִדישע צײַטונגען אין ניו־יאָרק געפֿאַלן. אין 1915 און 1916 זײַנען געווען 6, דערנאָך 5, און זינט 1928 נאָר 4 צײַטונגען.

אַנדערש איז צוגעגאַנגען מיט דעם פֿאַרקויף פֿון צײַטונגען וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין פֿילאַדעלפֿיע, קליוולענד און שיקאַגאָ. פֿון 1904 ביז 1928 (אַחוץ אין 1909, 1910, 1923 און 1924) איז די צאָל קונים יעדער יאָר פֿאַרגרעסערט געוואָרן פֿון 0.5 ביז 127.3 פּראָצענט. אין 1928 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן 125 צײַטונגען פֿאַר יעדע צען אין 1908. אין משך פֿון די יאָרן איז די צאָל צײַטונגען פֿאַרגרעסערט געוואָרן. זייער צירקולאַציע האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אין 1929. אויב אין 1928 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן 187,533 עקזעמפּלאַרן, זײַנען אָבער אין 1940 פֿאַרשפּרייט געוואָרן ניט מער ווי 129,255, אַן אָנווער פֿון 58,278 אָדער 31.1 פּראָצענט. די גרעסטע יאָריקע פֿאַרקלענערונג איז געווען אין 1936, ווען איין צײַטונג איז ליקווידירט געוואָרן.

יעדע צײַטונג האָלט אין פֿאַרלירן קונים. אָט זײַנען פֿאַקטן וואָס די צײַטונגען גופֿא האָבן געלאָזט וויסן: די צירקולאַציע פֿון „טאָג" איז אין 1940 געווען 21.3 פּראָצענט קלענער ווי אין 1930, פֿון „מאָרגן־זשורנאַל" מיט 22 פּראָצענט; דער „פֿאָרווערטס" האָט אין דער צײַט פֿאַרלאָרן 23.9 פּראָצענט קונים, און די „פֿרײַהייט" 68.5 פּראָצענט. די „פֿרײַהייט" איז אין 1940 פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט 60.7 פּראָצענט ווייניקער ווי אין 1939.

אין טאַבעלע 2[11] ווערט אָנגעגעבן דער טיראַזש פֿון פֿיר ניו־יאָרקער צײַטונגען. דער „טאָג" און „פֿאָרווערטס" האָבן שבת און זונטיק געהאַט אַ גרעסערע צירקולאַציע איידער עס איז אָנגעגעבן אין דער טאַבעלע, דער

[11] אייער, דאָרט, ב' 1927־1941.

„מארגן־זשורנאל״ האט זונטיק געהאט א קלענערע צאל קונים; די צירקולא־ציע פון דער „פרײַהייט״ ווידער איז זונטיק געווען גרעסער.

דער פארקלענערטער טיראזש, ווי עס ווײַזט אויס, איז אן אלגעמיינע פראבלעם. יעדער איינע פון די פיר צײַטונגען האט פארלארן קונים אין די יארן פון דער עקאנאמישער דעפרעסיע. אין די 1930ער יארן איז זייער צירקולאציע געווען א רעכט ביסל קלענער ווי אין די 1920ער יארן. דער „מארגן־זשורנאל״ האט אנהייבנדיק פון 1928 צוגעקראגן קונים, מחמת דעם וואס ער האט געהאט אפגעקויפט דאס „טאגעבלאט״. אין די 1930ער יארן איז אבער זײַן צירקולאציע געפאלן.

מען קען גרינג אויסרעכענען, וויפל פראצענט פון די געקויפטע צײַטונגען זײַנען אין די יארן פון 1900 ביז 1940 געדרוקט געווארן אין ניו־יארק און וויפל אין אנדערע שטעט. פון 88.6 ביז 95.9 פראצענט, דורכשניטלעך 92 פראצענט, פון אלע יידישע צײַטונגען וואס זײַנען געגאנגען אין די ערשטע זיבעצן יאר פון דעם פעריאד, זײַנען געדרוקט געווארן אין ניו־יארק, פון 1917 ביז 1935 איז עס געווען פון 66.5 ביז 76.3 פראצענט, דורכשניטלעך 69.2 פראצענט. דאס איז געווען די צײַט, ווען די צאל צײַטונגען מחוץ ניו־יארק איז פארגרעסערט געווארן און ווען די ניו־יארקער האבן געהאלטן אין פאר־לירן מער קונים ווי די אנדערע. פון 1936 ביז 1940 ווידער זײַנען פון 67.9 ביז 71 פראצענט, דורכשניטלעך 69.9 פראצענט פון אלע פארקויפטע צײַטונ־גען, געדרוקט געווארן אין ניו־יארק.

די שבת־אויסגאבעס פון עטלעכע צײַטונגען האבן געהאט א גרעסערן טיראזש ווי די פון מאנטיק ביז פרײַטיק. די שבת־אויסגאבע פון „טאג״ און „פארווערטס״ צוזאמען איז אין די יארן פון 1922 ביז 1940 פארקויפט גע־ווארן מיט 6 ביז 23 פראצענט מער ווי זייערע מאנטיק ביז פרײַטיק־נומערן. זיי האבן געהאט מער קונים ערשטנס מחמת דעם וואס דער „מארגן־זשורנאל״ און אנדערע צײַטונגען מחוץ ניו־יארק גייען ניט שבת. עס איז במילא מיג־לעך, אז לייענערס פון אנדערע צײַטונגען קויפן שבת א „טאג״ צי א „פאר־ווערטס״. אויך קאן זײַן, אז געוויסע יידן קויפן שבת מער ווי איין צײַ־טונג, און עס זײַנען מסתמא פאראן אזוינע וואס גיבן זיך אן עצה א גאנצע וואך אן א צײַטונג און קויפן נאר א שבת־אויסגאבע.

זונטיק ווערן אויך פארקויפט מער צײַטונגען ווי א גאנצע וואך. דער „טאג״ און „פארווערטס״ האבן זונטיק געהאט מיט 4 ביז 21 פראצענט מער קונים ווי אין די אנדערע טעג, אחוץ שבת. זייער זונטיק־צירקולאציע איז געווען פון 91.7 ביז 104.9 פראצענט פון זייער שבת־טיראזש. די צירקו־לאציע פון דרײַ ניו־יארקער און איין שיקאגער צײַטונג איז זונטיק געווען פון 99.7 ביז 113.3 פראצענט פון זייערע מאנטיק ביז פרײַטיק־נומערן.

ווידער א מאל: די צאל קונים איז טאקע גרעסער, אדער די זעלבע צאל קויפערס האנדלען אײַן זונטיק מער ווי איין צײַטונג.

אין דעם פּרט זײַנען ייִדן אַנדערש ווי די אַמעריקאַנער. זונטיק ווערן דאָ פּאַקטיש פאַרקויפט ווייניקער ענגלישע צײַטונגען ווי אַ גאַנצע וואָך. אין די יאָרן פון 1920 ביז 1935 זײַנען דאָ פאַרקויפט געוואָרן פון 26.1 ביז 32.4 ענגלישע צײַטונגען פאַר יעדע הונדערט אײַנוווינערס און זונטיק ניט מער ווי פון 16 ביז 22.1.[12]

אין דער טאַבעלע 3 [13] געפינען מיר אַ פאַרגלײַך צווישן דעם טיראַזש פון די שבת־ און זונטיק־אויסגאַבעס פון עטלעכע צײַטונגען און זייער טיראַזש פון מאָנטיק ביז פרײַטיק. דער טיראַזש פון די שבת־און זונטיק־צײַטונגען איז ניט געווען רעגלמעסיק אין די יאָרן 1922—1929; קונים פלעגן אָפּפאַלן, צוקומען און ווידער אָפּפאַלן. אין די 30ער יאָרן איז זייער טיראַזש, פונקט ווי פון אַנדערע אויסגאַבעס, געפאַלן. אויב דער „טאָג" און „פאָרווערטס" האָבן אין די שבתים פון 1929 געהאַט 254,184 קונים, האָבן זיי אָבער אין 1940 געהאַט ניט מער ווי 202,154. די זונטיק־צירקולאַציע פון פיר צײַטונגען איז געפאַלן פון 362,686 אין 1929 אויף 300,563 אין 1940. צווייטנס, בעת די מאָנטיק ביז פרײַטיק־אויסגאַבעס פון „טאָג" און „פאָרווערטס" האָבן אין 1940 געהאַט מיט 22.9 פּראָצענט ווייניקער קונים ווי אין 1930, האָט אָבער זייער שבת־אויסגאַבע געהאַט אַן אָנווער נאָר פון 19.3 פּראָצענט און זייערע זונטיק־נומערן האָבן פאַרלאָרן ניט מער ווי 17.0 פּראָצענט. די מאָנטיק ביז פרײַטיק־צירקולאַציע פון פיר צײַטונגען איז משך דער צײַט פאַרקלענערט געוואָרן אויף 24 פּראָצענט, בעת זייער זונטיק־אויסגאַבע האָט פאַרלאָרן ניט מער ווי 18.2 פּראָצענט קונים.

פאַרגלײַכט מען די יאָריקע פאַרקלענערונג, קומט מען צום זעלבן אויספיר. דער מאָנטיק ביז פרײַטיק־טיראַזש פון פיר צײַטונגען איז אין 1937 געווען מיט 2.6 פּראָצענט ווייניקער ווי אין 1936 בעת זייער זונטיק־אויסגאַבע האָט פאַרלאָרן ניט מער ווי 0.8 קונים. אין 1938 איז די פאַרקלענערונג געווען 4.6 פּראָצענט אין פאַל פון מאָנטיק ביז פרײַטיק און נאָר 2.7 פּראָצענט אין פאַל פון זייער זונטיק־אויסגאַבע. אין 1939 איז זייער מאָנטיק ביז פרײַטיק־טיראַזש געפאַלן אויף 1.4 פּראָצענט און זייער זונטיק־צירקולאַציע נאָר אויף 0.8 פּראָצענט. אין 1940 איז עס געווען 1.7 פּראָצענט אין פאַרגלײַך מיט 0.1. פון דעם איז צו זען, אַז די מאָנטיק ביז פרײַטיק־אויסגאַבעס פאַרלירן מער קונים ווי די זונטיק־צײַטונגען. און פאַראַן באַווײַזן, אַז די זונטיק־אויסגאַבעס פאַרלירן ווייניקער ווי די שבת־אויסגאַבעס. צי מיינט עס,

---

[12] D. Waples, *Research Memorandum on Social Aspects of Reading in the Depression,* p. 80.

[13] עטלעכע צײַטונגען האָבן אָנגעהויבן אין יאָר 1922 אָנצוגעבן באַזונדער זייער שבת־און זונטיק־צירקולאַציע. די צוויי ניו־יאָרקער צײַטונגען זײַנען דער „טאָג" און „פאָרווערטס", די פיר צײַטונגען זײַנען: ניו־יאָרקער און שיקאַגער „פאָרווערטס", „טאָג", און „מאָרגן־זשורנאַל". די טאַבעלע איז באַזירט אויף די אָפּגעדרוקטע רעפּאָרטן אין אויערס יאָרבוך, 1923-1941.

טאַבעלע 1

טיראַזש פֿון טעגלעכע צײַטונגען אין ייִדיש 1900–1940

יאָר	אַלע צײַטונגען		ניו־יאָרקער צײַטונגען		אַנדערע שטעט		פּראָצענט פֿון פֿריערדיקן יאָר		
	צאָל	טיראַזש	צאָל	טיראַזש	צאָל	טיראַזש	אַלע צײַטונגען	ניו־יאָרקער צײַטונגען	אַנדערע שטעט
1900	3	66,252	2	59,502	1	6,750	--	--	--
1901	3	72,850	2	66,100	1	6,750	110.0	111.1	100.0
1902	3	68,147	2	61,397	1	6,750	93.5	92.9	100.0
1903	4	98,007	3	91,257	1	6,750	143.8	148.6	100.0
1904	4	119,398	3	109,898	1	9,500	121.8	120.4	140.7
1905	4	190,732	3	178,822	1	11,910	159.7	162.7	125.4
1906	4	166,611	3	154,701	1	11,910	87.3	86.6	100.0
1907	5	222,970	4	208,016	1	14,954	133.8	134.5	125.6
1908	5	264,121	4	249,167	1	14,954	118.5	119.8	100.0
1909	5	260,999	4	248,499	1	12,500	98.8	99.8	83.6
1910	5	269,362	4	258,362	1	11,000	103.2	104.0	88.0
1911	5	364,256	4	339,256	1	25,000	135.2	131.3	227.8
1912	5	385,123	4	360,123	1	25,000	105.7	106.2	100.0
1913	6	420,989	4	375,666	2	45,323	109.3	104.3	181.3
1914	7	499,165	5	450,418	2	48,747	118.6	119.9	107.6
1915	10	605,705	6	536,752	4	68,953	121.3	119.2	141.5
1916	11	645,719	6	542,795	5	102,924	106.6	101.1	149.3
1917	10	510,597	5	389,517	5	121,080	79.1	71.8	117.6
1918	11	508,996	5	383,583	6	125,413	99.7	98.5	103.6
1919	11	507,576	4	356,262	7	151,314	99.7	92.9	120.6
1920	11	523,254	4	360,918	7	162,336	103.1	101.3	107.3
1921	12	555,076	5	384,394	7	170,682	106.1	106.5	105.1
1922	10	508,840	4	338,683	6	170,157	91.7	88.1	99.7
1923	11	581,476	5	407,116	6	174,360	114.3	120.2	97.5
1924	11	579,978	5	413,305	6	166,673	99.7	101.5	95.6
1925	11	585,978	5	406,449	6	179,529	101.0	98.3	107.7
1926	11	585,112	5	405,559	6	179,553	99.9	99.8	100.0
1927	10	598,347	5	417,931	5	180,416	102.3	96.9	99.5
1928	11	569,679	4	382,146	7	187,533	95.2	91.4	96.1
1929	10	565,445	4	382,775	6	182,670	99.3	100.2	97.4
1930	10	562,382	4	381,352	6	181,030	99.5	99.6	99.1
1931	10	558,119	4	381,382	6	176,737	99.2	100.0	97.6
1932	10	528,157	4	357,080	6	171,077	94.6	93.6	96.8
1933	10	496,483	4	330,138	6	166,345	94.0	92.5	97.0
1934	10	486,385	4	323,673	6	162,712	98.0	98.0	97.8
1935	10	486,881	4	325,155	6	161,726	100.1	99.5	99.4
1936	9	455,107	4	323,073	5	132,034	93.5	99.4	81.6
1937	9	447,662	4	316,811	5	130,851	98.4	98.1	99.1
1938	9	436,497	4	305,881	5	130,616	97.5	96.5	99.8
1939	9	433,123	4	301,630	5	131,493	99.2	98.6	99.3
1940	9	403,235	4	273,980	5	129,255	93.1	90.8	98.3

טאַבעלע 2

צירקולאַציע פֿון ניו־יאָרקער צײַטונגען
1940־1926

יאָר	צײַטונגען			
	טאָג	מאָרגן־זשורנאַל	פֿאָרווערטס	פֿרײַהײט
1926	60,599	75,729	143,858	62,000
1927	66,624	78,394	146,613	63,145
1928	80,148	94,408	139,638	63,145
1929	82,332	93,714	136,082	64,500
1930	81,701	95,644	132,873	63,942
1931	82,608	97,299	127,858	*63,942
1932	79,287	90,845	120,699	*57,550
1933	74,178	86,816	117,958	45,367
1934	72,192	83,833	114,253	47,564
1935	73,266	79,430	117,679	48,867
1936	74,446	78,906	113,270	*49,793
1937	72,513	77,361	108,934	*50,720
1938	67,873	74,693	103,337	51,647
1939	65,651	72,598	103,788	51,246
1940	64,319	74,557	101,052	20,160

* געשאַצט.

טאַבעלע 5

טיראַזש פֿון שבת־ און זונטיק־צײַט...
1922—1940

יאָר	% פֿון מאָנטיק ביז פֿרײַטיק־טי...		
	2 ניו־יאָרקער צײַטונגען		4 זונטי... צײַטונג...
	שבת	זונטיק	
1922	115.4	105.7	100.2
1923	112.1	103.8	100.1
1924	106.4	103.7	99.7
1925	114.9	108.5	102.9
1926	113.9	111.9	105.6
1927	113.0	111.1	104.0
1928	112.9	109.4	102.5
1929	116.4	109.2	103.2
1930	116.7	111.9	105.2
1931	115.3	121.0	111.2
1932	116.4	117.7	109.5
1933	115.3	109.6	104.4
1934	115.7	110.2	104.7
1935	115.2	110.9	105.0
1936	116.2	112.1	106.5
1937	116.4	115.3	108.5
1938	119.2	118.2	110.7
1939	118.5	118.7	111.4
1940	123.2	120.4	113.3

טאַבעלע 4

טיראַזש פֿון אַמעריקאַנער און פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען, 1904־1937

יאָר	ענגלישע צײַטונגען	פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען				
		אַלע אַחוץ ייִדישע	ייִדישע	דײַטשע	פּוילישע	איטאַליע־נישע
1904	19,632,603	989,736	226,156	680,231	49,616	91,350
1909	24,211,977	1,261,381	524,900	753,116	88,937	160,300
1914	28,777,454	1,835,917	762,910	823,062	207,380	269,674
1919	33,028,630	2,034,120	676,145	384,996	360,161	270,445
1921	32,341,678	1,753,957	552,812	432,802	306,295	352,028
1923	35,733,107	1,816,550	541,252	364,200	411,529	333,533
1925	38,039,682	1,748,561	559,963	372,979	332,024	353,959
1927	42,343,210	1,757,252	536,494	334,093	382,591	312,098
1929	42,947,824	1,775,173	550,317	328,151	351,984	273,400
1931	42,124,651	1,511,687	524,739	253,495	289,918	265,657
1933	38,424,281	1,139,549	520,075	196,057	219,461	255,356
1935	41,552,243	1,305,397	432,375	212,668	237,071	200,622
1937	44,135,658	1,183,948	386,290	192,669	250,178	146,443

טאַבעלע 5

צאָל צײַטונגען פֿער פּערזאָן

שפּראַך	יאָר 1910	1920	1930
ייִדיש	0.50	0.62	0.45
פּויליש	0.09	0.33	0.36
דײַטש	0.27	0.17	0.15
איטאַליעניש	0.12	0.17	0.15

טאַבעלע 6

טיראַזש פֿון װעכנטלעכע זשורנאַלן, 1904‏–1937

יאָר	ענגלישע זשורנאַלן	פֿרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן: אַלע אַחוץ ייִדישע	ייִדישע	דײַטשע	פּוילישע	שװעדישע
1904	36,226,717	2,901,409	75,586	1,417,172	236,890	462,909
1909	40,822,965	3,452,738	91,160	1,668,369	288,820	449,944
1914	50,336,963	4,081,926	157,500	1,438,888	383,722	727,927
1919	51,902,121	2,876,000	427,230	939,574	346,565	370,577
1921	43,521,178	3,349,866	139,782	1,066,894	397,340	429,707
1923	47,860,508	2,611,642	230,900	727,478	410,997	321,208
1925	50,815,443	2,614,258	204,889	610,365	444,429	337,238
1927	55,985,413	3,164,131	130,800	711,528	427,466	378,084
1929	53,378,350	3,375,052	111,600	534,181	1,004,707	488,331
1931	46,954,782	2,314,255	81,107	433,321	481,227	303,185
1933	51,413,509	2,029,187	434,351	464,426	377,292	149,151
1935	57,932,576	1,815,481	252,723	291,786	488,623	223,741
1937	73,177,172	1,845,239	195,800	424,454	371,090	167,602

טאַבעלע 7

טיראַזש פֿון 9 ענגליש־ייִדישע װאָכנבלעטער, 1901‏–1920

יאָר	צירקולאַציע	% פֿון פֿריִערדיקן יאָר
1901	118,802	--
1902	120,183	101.2
1903	124,673	103.7
1904	126,290	101.3
1905	127,769	101.2
1906	128,818	100.8
1907	129,289	100.4
1908	123,805	95.8
1909	126,180	101.9
1910	139,130	110.3
1911	134,230	96.5
1912	133,259	99.3
1913	135,531	101.7
1914	134,531	99.3
1915	150,030	111.5
1916	150,480	100.3
1917	150,980	100.3
1918	152,701	101.1
1919	153,384	100.4
1920	153,936	100.4

טאַבעלע 8

טיראַזש פֿון 8 ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער, 1917‾1936

יאָר	צירקולאַציע	% פֿון פֿרײַערדיקן יאָר
1917	73,592	--
1918	75,845	103.1
1919	76,302	100.6
1920	68,711	90.1
1921	67,694	98.5
1922	68,187	100.6
1923	72,594	106.5
1924	75,503	104.0
1925	76,843	101.8
1926	78,292	101.9
1927	84,272	107.6
1928	89,678	106.4
1929	92,700	103.4
1930	87,458	94.3
1931	90,454	103.4
1932	95,778	105.9
1933	93,753	97.9
1934	93,731	100.0
1935	101,114	107.9
1936	103,756	102.6

טאַבעלע 9

טיראַזש פֿון 5 ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער, 1911‾1940

יאָר	צירקולאַציע	% פֿון פֿרײַערדיקן יאָר
1911	64,557	--
1912	59,096	91.5
1913	61,589	104.2
1914	62,263	101.1
1915	62,232	100.0
1916	59,040	94.9
1917	60,099	101.8
1918	62,352	103.8
1919	60,702	97.4
1920	55,878	92.1
1921	54,428	97.4
1922	53,502	98.3
1923	56,491	105.6
1924	58,082	102.8
1925	58,103	100.0
1926	60,034	103.3
1927	62,796	104.6
1928	67,464	107.4
1929	70,936	105.1
1930	66,446	93.7
1931	62,759	94.5
1932	69,013	110.0
1933	67,843	98.3
1934	69,278	102.1
1935	73,650	106.3
1936	72,712	98.7
1937	71,589	98.5
1938	74,569	104.0
1939	72,823	97.7
1940	81,169	111.5

אַז די היגע ייִדישע לייענערס האָבן אַ טענדענץ אַריבערצוגיין פֿון טעגלעכע צײַטונגען צו װאָכנבלעטער, פּונקט װי עס האָט פּאַסירט מיט אַנדערע נאַציאָ־נאַלע מיעוטים אין אַמעריקע?

לאָמיר זיך נאָך אַמאָל אומקערן צו עטלעכע ציפֿערן פֿון דער טאַבעלע 1.

דער פֿענאָמענאַלער װוּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג דאָ אין לאַנד מאַכט גענוג קלאָר, פֿאַר װאָס די צירקולאַציע פֿון ייִדישע צײַטונגען איז פֿאַר־גרעסערט געװאָרן פֿון 66,252 אין יאָר 1900 אויף 645,719 אין 1916. אין 1917 איז אָבער די צירקולאַציע געפֿאַלן. אין יענעם יאָר זײַנען פֿאַרקויפֿט געװאָרן 510,597 צײַטונגען. װאָס האָט געפֿירט צו דער פֿאַרקלענערונג? אמת, די ייִדישע אײַנװאַנדערונג איז אין די מלחמה־יאָרן דראַסטיש געפֿאַלן. אין 1915 און 1916 האָבן זיך דאָ באַזעצט 41,600 ייִדן און אין 1917 ניט מער װי 17,340 אין פֿאַרגלײַך מיט 138,000 אין יאָר 1914. דאָס דערקלערט אָבער ניט, פֿאַר װאָס דער טיראַזש איז אין 1917 געװען מיט 21 פּראָצענט קלענער װי אין 1916. די ייִדיש־ריידנדיקע באַפֿעלקערונג איז אין יענעם יאָר אויף אַזױ פֿיל ניט פֿאַרקלענערט געװאָרן. דערצו דאַרף דערמאָנט װערן, אַז אין 1917 האָט אַמעריקע דערקלערט מלחמה קעגן דײַטשלאַנד און די רוסישע רעװאָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן. דער אינטערעס אין ייִדישע און אַלגעמיינע נײַס איז אין יענעם יאָר געװיס פֿאַרגרעסערט געװאָרן. און במילא האָבן די צײַטונגען ניט באַדאַרפֿט פֿאַרלירן אַזױ פֿיל קונים אין איין יאָר.

דער טיראַזש איז אַ פּנים געפֿאַלן איבער אַנדערע סיבות װי די אָפּ־שטעלונג פֿון אימיגראַציע. דער פּרײַז איז געהעכערט געװאָרן, האָט דאָס געקענט זײַן אַ סיבה. אַ טייל ייִדן, און גראָד דער יונגער עלעמענט װאָס לייענט צײַטונגען, זײַנען מאָביליזירט געװאָרן און האָבן משמעות ניט געקאָנט קריגן צו קויפֿן אַ ייִדישע צײַטונג. מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אין יענעם יאָר האָבן נאָר די ניו־יאָרקער צײַטונגען פֿאַרלאָרן קונים.

אָבער גראָד דאָס פֿירט אונדז אַרויף אויף אַן אַנדער סבֿרא.

עס איז רעכט צו זאָגן, אַז דער טיראַזש פֿון די ניו־יאָרקער צײַטונגען איז גאָרניט אַזױ געפֿאַלן װי עס איז אָנגעגעבן געװאָרן. אין 1917 האָט עס די „אַדיט ביוראָ אָװ סוירקיולײשן" צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט איר רעפּאָרט װעגן דעם פֿאַרקויף פֿון „טאָג", „מאָרגן־זשורנאַל" און „פֿאָרװערטס". און פּאַסירט האָט, אַז די צירקולאַציע פֿון די דרײַ צײַטונגען איז געפֿאַלן אויף 112,180, אַ פֿאַרקלענערונג פֿון 28.9 פּראָצענט, בעת דער טיראַזש פֿון אַלע ניו־יאָרקער צײַטונגען האָט זיך אין יענעם יאָר פֿאַרקלענערט נאָר מיט 28.2 פּראָ־צענט. צי איז עס ניט געװען מער װי אַ צופֿאַל, װאָס דװקא די דרײַ װאָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „אַדיט־ביוראָ" האָבן געהאַט אָנװערן? אפֿשר װאָלט דאָס ניט געשען, װען די אַרויסגעבערס און ניט דאָס ביוראָ װאָלטן אַרויסגעגעבן די רעפּאָרטן; עס איז אויך מיגלעך, אַז די אַנדערע װאָלטן גע־האַט גרויסע אָנװערן, װען דאָס ביוראָ און ניט די אַרויסגעבערס װאָלט פֿאַר־

עפֿנטלעכט רעפּאָרטן וועגן זייער טיראַזש. מיט איין וואָרט, עס קען געמאָלט זײַן, אַז ניט אין דעם יאָר איז די צירקולאַציע געפֿאַלן, נאָר אין די פֿריִערדיקע יאָרן האָט מען זי געשאַצט צו הויך.

דער נאָכפֿרעג אויף צײַטונגען איז אויף אַן אמת געפֿאַלן, ווען די אי־מיגראַציע איז שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן. די צאָל אימיגראַנטן איז געפֿאַלן פֿון 272,268 אין די יאָרן פֿון 1921 ביז 1924 אויף 67,686 אין דעם פּעריאָד 1925־1930. און פֿון 1931 ביז 1939 זײַנען אָנגעקומען ניט מער ווי 100,580,[14] מיט אַן 38,000 ווייניקער ווי אין 1914. אונטער דער צײַט איז דער פּראָצענט ייִדיש־רײדנדיקע געפֿאַלן און דער פּראָצענט פֿון די אַמעריקאַנער געבוירענע האָט זיך געהאַלטן אין הייבן. אַ טייל איבערגעקומענע ווידער האָבן זיך משך דער צײַט אויסגעלערנט לייענען ענגליש און האָבן מסתמא אָנגעהויבן לייענען אַמעריקאַנער צײַטונגען.

דער טיראַזש איז געפֿאַלן אויך צוליב דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע. דער פֿאַרקויף פֿון אַמעריקאַנער צײַטונגען איז געפֿאַלן פֿון 32.4 אויף יעדע הונדערט אײַנוווינערס אין 1927, אויף 28 אין 1933, און בײַ די זונטיק־צײַטונגען פֿון 22.1 אויף 19.1. אין 1933 זײַנען אַמעריקאַנער זשורנאַלן פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט 13 פּראָצענט ווינציקער ווי אין 1929.[15] זייער טיראַזש, ווי עס איז צו זען, איז געפֿאַלן אין דער צײַט פֿון דעם עקאָנאָמישן קריזיס. וואָס איז שייך די ייִדישע צײַטונגען, האָבן זיי פֿאַרלאָרן מער קונים אין 1932 און 1933 ווי אין די ערשטע און אַנדערע יאָרן פֿון דער דעפּרעסיע. דערצו דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די ייִדישע אימיגראַציע איז פֿאַרקלענערט געוואָרן צוליב דעם קריזיס.

עס קאָן זײַן, אַז די צירקולאַציע האַלט איצט אין פֿאַלן אויך צוליב דעם ראַדיאָ. הײַנטיקע צײַטן קאָן מען הערן ייִדישע און אַנדערע נײַעס און מע קאָן במילא זיך אַן עצה געבן אָן אַ צײַטונג.[16]

און וואָס איז מכּוח דער צוקונפֿט? עטלעכע שרײַבערס האָבן שוין אָפּגעפּסקנט,[17] אַז די ייִדישע אַזוי גוט ווי די אַנדערע פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען וועלן אונטערגיין. דער אמת איז, אַז די צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער פּרעסע איז אָפּהענגיק פֿון אַ סך זאַכן. די צירקולאַציע איז געווענדט ערשטנס אין דער צאָל מענטשן וואָס קאָנען לייענען. צווייטנס דאַרף מען זיך רעכענען מיט די אימיגראַציע־געזעצן פֿון לאַנד. דריטנס האָט עס צו טאָן מיט דער

---

[14] *American Jewish Year Book*, vol. 42, p. 618.

[15] דאָס זעלבע ווי 12, ז' 78 און 80.

[16] מען וואָלט באַדאַרפֿט אויספֿאָרשן, צי ייִדן קויפֿן שוואַכער ייִדישע צײַטונגען צוליב דעם ראַדיאָ.

[17] P. Rubin, "The Yiddish Press," *American Mercury*, March 1927; G. Wolfe, "Notes on American Yiddish," *American Mercury*, August 1933; A. Parry, "Good-bye to the Immigrant Press," *American Mercury*, January 1933.

טיראַזש פֿון טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען אין אַמעריקע, 1940—1901



שטעלונג צו ייִדיש. פֿערטנס קענען געוויסע פּאַסירונגען אין לעבן פֿון די אַמעריקאַנער און אַנדערע ייִדן פֿאַרשטאַרקן צי אָפּשוואַכן דעם אינטערעס אין ייִדישע נײַס, און במילא אין ייִדישע צײַטונגען.

אויב אַלץ וועט פֿאַרבלײַבן ווי עס איז געווען אין די לעצטע דרײַצן יאָר, זינט דער טיראַזש האָט כּסדר גענומען פֿאַלן, וועלן די טעגלעכע צײַטונגען האָבן יאָרן לאַנג מער קונים ווי אין די ערשטע יאָרן פֿון איצטיקן יאָרהונ־דערט. אויב די ראַטע פֿון פֿאַרקלענערונג וועט ניט וואַקסן, קאָן מען זיך ריכטן אויף אַ טיראַזש פֿון 250,000 אין יאָר 1950. און די ניו־יאָרקער צײַ־טונגען וועלן מסתמא האָבן אַ לענגערן קיום ווי די אַנדערע מחמת דעם וואָס זיי האָבן אַ גרעסערן מאַרק. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַ מאַ־טעמאַטישער חשבון. נבֿיאות באַזירט אויף סטאַטיסטיק ווערט ניט תּמיד מקוים, ספּעציעל ווען עס גייט וועגן מענטשלעכע באַציִונגען, מיינונגען און סענטימענטן. נײַע פּאַסירונגען קענען פֿאַרהאַלטן, פֿאַרגיכערן אָדער אין גאַנצן איבערבײַטן די ריכטונג פֿון דעם פּראָצעס.

3

די צירקולאַציע פֿון פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען

פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען און זשורנאַלן ווערן דאָ אַרויסגעגעבן כּמעט אַזוי לאַנג ווי ענגלישע. קעמפּבעל האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זײַן The Boston News Letter, וועלכע ווערט באַטראַכט פֿאַר דער ערשטער ענג־לישער צײַטשריפֿט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אין 1704, און אין 1739 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דזשוירמענטאַון, פּענסילווייניע, די ערשטע דײַטשע און גלײַכצײַטיק ניט־ענגלישע צײַטשריפֿט אין די קאָלאָניעס. אין 1783 האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין די ערשטע טעגלעכע צײַטונג אין אַמעריקע. די ערשטע פֿרעמדשפּראַכיקע — פֿראַנצייזישע — טעגלעכע צײַטונג אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן איז אַרויס אין 1794 אין פֿילאַדעלפֿיע, אַ צענטער פֿון פֿראַנ־צייזישע פּליטים.

אין משך פֿון 19טן יאָרהונדערט איז די צאָל פֿרעמדשפּראַכיקע צײַט־שריפֿטן שטאַרק פֿאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1810 זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן 20, אין 1860 האָבן זיך געדרוקט 298, און אין 1890 זײַנען שוין געווען 1028, צווישן זיי 116 טעגלעכע צײַטונגען.[18] דאָס איז געווען די צײַט, ווען די ציר־קולאַציע פֿון די דײַטשע, פֿראַנצייזישע און סקאַנדינאַווישע צײַטונגען און זשור־נאַלן האָט זיך כּסדר פֿאַרגרעסערט. אין 1880 האָבן די ניט־ענגלישע צײַטונגען געהאַט אַ טעגלעכן טיראַזש פֿון 473,654. אַרום 95 פּראָצענט פֿון אָט די צײַ־טונגען זײַנען געווען אין דײַטש.[19] ערשט אין די לעצטע צוויי צענדליגג

---

[18] A. M. Lee, *The Daily Newspaper in America,* pp. 88-94.

[19] דאָס זעלבע ווי 18, ז' 738.

יאָר פֿון 19טן יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן צײַטונגען און זשורנאַלן אין טשעכיש, איטאַליעניש, פּויליש, ייִדיש און אַנדערע לשונות.

ווי אַזוי זעט אויס דער טיראַזש פֿון די ייִדישע צײַטונגען לגבי די אַנדערע פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען? אין טאַבעלע 4 ווערט איבערגעגעבן די צירקולאַציע פֿון די ענגלישע און אויך פֿון אַלע פֿרעמדשפּראַכיקע (חוץ ייִדישע) צײַטונגען. דערנאָך ווערט איבערגעגעבן דער טיראַזש פֿון די ייִדישע, דײַטשע, פּוילישע און איטאַליענישע[20] צײַטונגען אין די יאָרן 1904 ביז 1937. די אַנדערע צײַטונגען האָבן אַ קליינע צאָל קונים, און דעריבער ווערן זיי באַזונדער ניט אָנגעגעבן.

די טאַבעלע איז באַזירט אויף די רעפּאָרטן פֿון דעם פֿעדעראַלן צענזוס־ביוראָ.[21] די רעגירונג פֿלעגט לכתּחילה נעמען איין מאָל אין פֿינף יאָר, און לעצטנס איין מאָל אין צוויי יאָר, אַ צענזוס פֿון אַלע אינדוסטריעס. די רעזולטאַטן פֿון דעם צענזוס פֿון 1939 זײַנען בעת דעם שרײַבן נאָך ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. די רעפּאָרטן פֿון דעם צענזוס־ביוראָ שטימען ניט מיט די וואָס די אייער־קאָמפּאַניע גיט אַרויס. דאָס צענזוס־ביוראָ גיט אָן למשל, אַז אין 1923 זײַנען אַרויס נאָר 9 ייִדישע צײַטונגען מיט אַ טיראַזש פֿון 541,252, בעת די אייער־קאָמפּאַניע גיט אָן 11 צײַטונגען מיט אַ צירקולאַציע פֿון 581,476. און דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק בנוגע די אַנדערע יאָרן. דאָס איז אָבער ניט וויכטיק, ווײַל מיר זײַנען דער עיקר פֿאַראינטערעסירט אין דער טענדענץ פֿון דער צירקולאַציע.

זאָל דאָ קודם־כּל באַמערקט ווערן, אַז די צאָל קונים פֿון די ענגלישע צײַטונגען האָט זיך כּסדר פֿאַרגרעסערט. אין יעדער איינעם פֿון די דערמאָנטע יאָרן, אַחוץ די ערשטע יאָרן פֿון דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע און אין 1921, האָט זיך די צירקולאַציע געהויבן. אין 1937 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן כּמעט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל טעגלעכע צײַטונגען ווי אין 1899, ווען דער טיראַזש האָט באַטראָפֿן 15,102,156. דער וווקס פֿון דער צאָל קונים האָט איבערגעשטיגן דעם וווקס פֿון דער באַפֿעלקערונג. איצט, אין אַנדערע ווערטער, ווערן דאָ פֿאַרקויפֿט מער צײַטונגען אויף אַ פּערזאָן ווי אין די ערשטע יאָרן פֿון איצטיקן יאָרהונדערט. סיבות דערויף קענען זײַן עטלעכע. דער פּראָצענט דערוואַקסענע איז איצט גרעסער ווי מיט יאָרן צוריק. אין 1900 זײַנען ניט מער ווי 65.6 פּראָצענט באַפֿעלקערונג געווען אין עלטער פֿון 15 און מער, בעת אין 1930 האָבן 70.6 פּראָצענט באַלאַנגט צו דער דאָזיקער עלטער־גרופּע. צווייטנס, דער פּראָצענט אַמעריקאַנער־געבוירענע וואָס קאָנען ניט לייענען האָט זיך פֿאַרקלענערט פֿון 4.6 פּראָצענט אין 1900 אויף 1.5

[20] דער טיראַזש פֿון דער איינציקער איטאַליענישער אָוונט־צײַטונג איז ניט אָנגעגעבן געוואָרן. די צירקולאַציע פֿון צוויי אַזוינע צײַטונגען איז אין 1933 געווען 23,785.

[21] U. S. Census Bureau, *Census of Manufacturers,* 1904-1937.

פּראָצענט אין 1930. דריטנס האָבן אין 1930 56.2 פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג געלעבט אין שטעט מיט 25,000 איינוווינערס און מער לגבי מיט 40 פּראָצענט אין 1900. פערטנס, דער פּראָצענט פרעמד געבוירענע איז משך דער צייט געפאַלן פון 13.6 אויף 11.6 פּראָצענט.[22] און איצט קויפט מסתמא אַ גרעסערער פּראָצענט אימיגראַנטן ענגלישע צייטונגען ווי מיט יאָרן צוריק.

גאַנץ אַנדערש איז מיט דעם פאַרקויף פון פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען. ביז 1919 פלעגן צוקומען קונים. אין יענעם יאָר זיינען פאַרקויפט געוואָרן 2,710,265 קאָפּיעס אַ טאָג לגבי 1,215,892 אין 1904. אין די 1920ער יאָרן איז דער טיראַזש געגאַנגען אַראָפּ און אַרויף. אין יענע יאָרן פלעגן פאַר־קויפט ווערן דורכשניטלעך אַרום 2,318,000 צייטונגען אַ טאָג. פאַר די לעצ־טע יאָרן האָלט די צירקולאַציע אין פאַלן. אין 1937 זיינען פאַרקויפט גע־וואָרן 32.5 פּראָצענט ווייניקער ווי אין 1929.

די דייטשע צייטונגען האָבן אין משך פון דער צייט פאַרלאָרן מער קונים ווי די אַנדערע. קודם־כל דאַרף באַמערקט ווערן, אַז זיי האָבן געהאַט גרויסע אָנווערן אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. אין 1914 האָבן זיי געהאַט אַ טיראַזש פון 823,062 לגבי 384,996 אין 1919, אַ פאַרקלענערונג פון 53.1 פּראָ־צענט. קיין וויכטיקע שינויים אין זייער צירקולאַציע זיינען ניט פאַרגעקומען אין די 1920ער יאָרן. זיי, פונקט ווי די אַנדערע פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען, האָבן צוגעקראָגן און פאַרלאָרן קונים. דערנאָך האָט אָבער זייער טיראַזש אָנגעהויבן פאַלן. אין 1937 זיינען פאַרקויפט געוואָרן מיט 41.3 פּראָצענט ווייניקער צייטונגען ווי אין 1929. אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן די דייטשע צייטונגען געהאַט מער ווי פיר פינפטל פון דעם טיראַזש פון אַלע פרעמדשפּראַכיקע בלעטער; אין די ערשטע יאָרן פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט איז זייער צירקולאַציע געווען פון איין דריטל ביז איין העלפט פון אַלע ניט־ענגלישע צייטונגען; לעצטנס באַטרעפט זייער טיראַזש אַרום 12 פּראָצענט פון אַלע פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען. די צאָל צייטונגען איז רעדוצירט געוואָרן פון 22 אין 1923 אויף 14 אין 1937.

ניט בעסער האָלט איצט מיט די איטאַליענישע צייטונגען. זיי האָבן קיין מאָל ניט געהאַט קיין סך קונים. אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט האָבן זיי געהאַט ווייניקער ווי 100,000 קונים. דערנאָך האָט זיך זייער טי־ראַזש פאַרגרעסערט, אַזוי אַז אין 1919 פלעגן פאַרקויפט ווערן 270,445 עק־זעמפּלאַרן אַ טאָג. זינט 1927 האַלטן זיי אין פאַרלירן קונים. אין 1937 איז זייער טיראַזש געווען מיט אַ 40 פּראָצענט קלענער ווי אין 1929. עס זיינען דאָ אַרויסגעגאַנגען 9 איטאַליענישע צייטונגען אין 1925 און נאָר 6 אין 1937.

די דייטשע און איטאַליענישע צייטונגען האָבן אין די לעצטע יאָרן גע־

---

[22] U. S. Census Bureau, *Census*, 1930, *Population*, vol. II, pp. 9, 233, 366, 1223.

האָט גרעסערע אָנווערן ווי די אַנדערע. אין 1937 איז דער נאָכפֿרעג אויף דײַטשע און איטאַליענישע צײַטונגען געווען מיט אַ 43 פּראָצענט קלענער ווי אין 1929, בעת דער אָנווער פֿון די אַנדערע האָט באַטראָפֿן אַרום 29 פּראָצענט. די פּראָפּאַגאַנדע וואָס היטלערס און מוסאָליניס אַגענטן פֿירן אָן קאָן משמעות ניט אָפּשטעלן דעם אָפּפֿאַל פֿון קונים פֿון דײַטשע און איטאַליענישע צײַטונגען.

דער טיראַזש פֿון די פּוילישע צײַטונגען האַלט לעצטנס אויך אין פֿאַלן. אין 1923 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן 411,529 צײַטונגען אַ טאָג לגבי 250,178 אין 1937. אין לעצטן יאָר איז זייער צירקולאַציע געווען מיט 29 פּראָצענט קלענער ווי אין 1929. דאָך האָבן זיי פֿאַרלאָרן ווייניקער קונים ווי די אַנדערע.

די ייִדישע צײַטונגען האָבן איצט די גרעסטע צירקולאַציע פֿון אַלע פֿרעמד־שפּראַכיקע בלעטער. זיי האָבן געהאַט אין די ערשטע יאָרן פֿון איצטיקן יאָרהונדערט ווייניקער קונים ווי די דײַטשע; איצט אָבער האָבן זיי דעם גרעסטן טיראַזש. אין 1937 האָבן זיי קאָנטראָלירט 24.6 פּראָצענט פֿון דער צירקולאַציע פֿון דער פֿרעמדשפּראַכיקער פּרעסע לגבי 18.6 פּראָצענט אין 1904.

די ייִדישע צײַטונגען האָבן אַ גרעסערע פּער קאַפּיטאַ־צירקולאַציע ווי די אַנדערע.[23] אין דער טאַבעלע 5 ווערט איבערגעגעבן די צאָל צײַטונגען, וואָס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן אויף אַ מענטשן. זי איז באַזירט אויף די רע־פּאָרטן וועגן זייער צירקולאַציע אין די יאָרן 1909, 1919, 1929 און אויף די באַריכטן פֿון פֿעדעראַלן צענזוס־ביוראָ וועגן דער צאָל אויסלענדיש געבוי־רענע וואָס האָבן געוווינט די לשונות אין 1910, 1920 און 1930.

ייִדן האָבן משך דער צײַט געהאַט די גרעסטע צאָל צײַטונגען אויף אַ מענטשן. עס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַרום איין צײַטונג אין ייִדיש אויף יעדע צוויי ייִדיש־ריידערס. די דײַטשע צײַטונגען האָבן לכתּחילה געהאַט אַרום פֿיר און לעצטנס כּמעט זיבן דײַטש־ריידנדיקע אויף איין בלאַט. עס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן איין איטאַליענישע צײַטונג אויף זיבן איטאַליעניש־ריידנ־דיקע אין 1930. די פּוילישע צײַטונגען האָבן געהאַט אַ גרעסערע פּער קאַפּיטאַ־צירקולאַציע ווי די דײַטשע און איטאַליענישע, אָבער אַ קלענערע ווי די ייִדישע. און אַפֿילו ווען מען זאָל זאָגן, אַז די ייִדיש־ריידנדיקע באַפֿעלקע־רונג איז אין די דערמאָנטע יאָרן געווען גרעסער ווי דאָס צענזוס־ביוראָ האָט אָנגעגעבן, ווײַל טייל ייִדן האָבן אפֿשר ניט געזאָגט, אַז ייִדיש איז זייער מוטער־שפּראַך, איז אָבער די צירקולאַציע פֿון די ייִדישע צײַטונגען פּער קאַפּיטאַ אַלץ געווען גרעסער ווי פֿון די אַנדערע נאַציאָנאַלע מיעוטים.

[23] די ליטווישע און שפּאַנישע צײַטונגען האָבן אין 1929 געהאַט אַ ביסל גרעסערן טיראַזש פּער קאַפּיטאַ ווי די ייִדישע.

דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט[24] צווישן דער צאָל טעגלעכע צײַטונגען אויף פֿרעמדשפּראַכיקע וואָס זײַנען אַלט צען יאָר צי מער, קאָנען לייענען זייער מאַמע־לשון און קאָנען לכל־הפּחות ריידן ענגליש, און דעם פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג וואָס האָט זיך באַזעצט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1900 צי פֿריִער, עלימינירנדיק דעם עפֿעקט פֿון אורבאַניזאַציע, איז —0.583; דאָס מיינט, אַז די נאַציאָנאַלע מיעוטים וואָס האָבן אַ קלענערן טיראַזש פּער פּערזאָן האָבן בדרך־כּלל אַ גרעסערן פּראָצענט וואָס לעבן דאָ זינט 1900 צי פֿריִער. אַ קלענערער פּראָצענט פֿון די וואָס זײַנען שוין געוואָרן אמתע תּושבֿים קויפֿן מסתּמא צײַטונגען אין זייער מוטערשפּראַך ווי די אַנדערע. צווייטנס, דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט צווישן דעם טיראַזש פּער אָט די פֿרעמדשפּראַכיקע און דעם פּראָצענט וואָס געפֿינט זיך אין שטעט מיט הונדערט טויזנט אײַנוווינערס צי מער, אין וועלכע עס זײַנען געווען אַכט טויזנט צי מער פֿרעמד געבוירענע, עלימינירנדיק דעם עפֿעקט פֿון דער צאָל יאָרן וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין לאַנד איז אָבער +0.08. די קאָעפֿיציענטן גילטן פֿאַר דער צירקולאַציע אין 1929 און באַפֿעלקערונג פֿון נײַן נאַציאָנאַלע מיעוטים אין אַפּריל 1930 (דער „סטאַנדאַרד"־טעות איז אין ערשטן פֿאַל ∓0.22 און ∓0.11 פֿאַר דעם צווייטן קאָעפֿיציענט).

לאָמיר איצט פֿאַרגלײַכן די ייִדיש־ריידערס מיט די אַנדערע עטנישע גרופּעס. ייִדן זײַנען מער אורבאַניזירט ווי די אַנדערע אימיגראַנטן און ווי די אַמעריקאַנער גופֿא. זיי באַלאַנגען צו דער „נײַער" אימיגראַציע. זיי האָבן אַ קלענערן פּראָצענט אַנאַלפֿאַבעטן ווי אַנדערע. וויכטיק איז אויך דאָס וואָס אַמעריקאַנער צײַטונגען דרוקן כּמעט ניט קיין ייִדישע נײַס, און במילא קומט אויס צו לייענען אַ ייִדישע צײַטונג. פֿון דער אַנדער זײַט ווידער קומט אפֿשר אָן ייִדן גרינגער זיך אויסצולערנען ענגליש ווי דעם איטאַליענער און סלאַוו.

עס קאָן זײַן, אַז דאָס האָט אויך צו טאָן מיט דעם וואָס עס איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד אין דער איכות פֿון די ייִדישע צײַטונגען אין פֿאַרגלײַך מיט די אַנדערע. אַן אויספֿאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין 1912 וועגן עטלעכע ענגלישע, דײַטשע, איטאַליענישע און ייִדישע צײַטונגען האָט באַוויזן, אַז אין די ייִדישע צײַטונגען איז יעמאָלט אָפּגעגעבן געוואָרן מער פּלאַץ פֿאַר „קולטור" — ראָמאַנען, דערציילונגען, מוזיק, רעליגיע, דראַמע, דערציִונג און ענלעכע ענינים — ווי אין די אַנדערע. 52 פּראָצענט פֿון געדרוקטן לייען־מאַטעריאַל אין די ייִדישע צײַטונגען האָט באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע „קולטור" לגבי 41 פּראָצענט אין דרײַ דײַטשע, 21 פּראָצענט אין פֿינף איטאַליענישע און 17 פּראָצענט אין פֿינף ענגלישע צײַטונגען.[25] די ייִדישע צײַטונג, ווי עס איז צו

[24] דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט ווײַזט דעם גראַד אַסאָציאַציע צווישן צוויי זאַכן. ער קאָן זײַן צווישן פּלוס אָדער מינוס נול און פּלוס אָדער מינוס איינס. וואָס העכער ער איז, אַלץ מער פֿאַרלאָזלעך איז ער.

[25] A. A. Tenney, "The Scientific Analysis of the Press," *The Independent*, October 17, 1912, pp. 895-898.

* אַזאַ אויספֿאָרשונג וואָלט איצט ווידער באַדאַרפֿט געמאַכט ווערן.

זען, איז געווען און מסתמא פאַרבליבן אַ מין זשורנאַל.

דאָס איז אַלץ געװעזן ווענן צירקולאַציע. וואָס שייך דער צאָל צייטונגען האָבן יידן, לויט דער פּראָפּאָרציע פון קונים, די קלענסטע צאָל. דאָס איז משמעות מחמת דעם וואָס יידן זײַנען קאָנצענטרירט אין עטלעכע שטעט, בעת די אַנדערע זײַנען מער צעשפּרייט איבערן לאַנד. האָבן אַ צאָל קליינע ישובים, און במילא מער לאָקאַלע צײַטונגען.

4

די צירקולאַציע פון פרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן

די עטנישע גרופּעס האָבן אויך וועכנטלעכע, חודשדיקע און אַנדערע אויסגאַבעס. אין 1937 האָבן זיי געהאַט לויט דעם צענזוס־ביוראָ 286 וועכנטלעכע זשורנאַלן. ווי אַזוי זעט דאָ יידיש אויס לגבי די אַנדערע שפּראַכן?

ס'איז וויכטיק צו וויסן, אַז די צירקולאַציע פון די וועכנטלעכע זשורנאַלן אין ענגליש איז אין די יאָרן פון 1904 ביז 1937 פאַרטאָפּלט געוואָרן (73 לגבי 36 מיליאָנען עקזעמפּלאַרן). אין יעדער יאָר, אַחוץ די קריזיס־יאָרן 1921, 1929 און 1931, זײַנען געווען מער קונים ווי אין דעם פריערדיקן פּעריאָד. הגם די צירקולאַציע איז פאַרגרעסערט געוואָרן, איז אָבער די צאָל זשורנאַלן פאַרקלענערט געוואָרן פון 15,172 אין 1914 ביז 6,303 אין 1935.

די טאַבעלע 6 [**] ווײַזט אונדז די פאַקטן וועגן דעם טיראַזש פון די זשורנאַלן פון 1904 ביז 1937.

די ענגלישע זשורנאַלן האָבן צוגעקראָגן אַ לפי־ערך קלענערע צאָל קונים ווי די צײַטונגען.

די פרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע עליות און ירידות. לכתחילה האָבן זיי געהאַלטן אין צוקריגן קונים, אַזוי אַז זייער טיראַזש האָט זיך פאַרגרעסערט פון 2,976,995 אין 1904 און 4,239,426 אין 1914. דערנאָך איז געקומען אַן אַרויף און אַראָפּ. זינט 1931 האַלטן זיי אין פאַרלירן קונים. אין 1937 זײַנען פאַרקויפט געוואָרן מיט אַ 936,000 ווייניקער ווי אין 1904, אַ פאַרקלענערונג פון 31.4 פּראָצענט, און מיט 41.5 פּראָצענט ווייניקער ווי אין 1929. די צאָל זשורנאַלן איז פאַרקלענערט געוואָרן פון 366 אין 1923 אויף 286 אין 1937.

עטלעכע עטנישע גרופּעס האָבן ניט קיין טעגלעכע צײַטונגען. די אַריבערגעקומענע פון שוועדן, נאָרוועגיע, דענעמאַרק, האָלאַנד און פון אַנדערע לענדער האָבן איצט וועכנטלעכע און אַנדערע אויסגאַבעס. זיי האַלטן אויך אין פאַרלירן קונים. דאָס ווערט בולט אַרויסגעבראַכט אין דער טאַבעלע 6. די שוועדישע זשורנאַלן האָבן אַ סך פאַרלאָרן אין די יאָרן צווישן 1914 און 1919. אין די 1920ער יאָרן איז דער פאַרקויף ניט געווען רעגלמעסיק. אין די

[**] U. S. Census Bureau, *Census of Manufacturers*, 1904-1937.

לעצטע יאָרן ווידער האַלט זיך דער נאָכפֿרעג אין פֿאַרקלענערן. אין 1937 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַ צוויי דריטל ווייניקער ווי אין 1929. די צאָל שוועדיש־ריידנדיקע האָט זיך פֿאַרקלענערט אין די 1920ער יאָרן אויף 4.3 פּראָצענט, די זשורנאַלן האָבן אָבער פֿאַרלאָרן אַ סך מער קונים. אין 1937 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט 37.4 פּראָצענט ווייניקער נאָרוועגישע זשורנאַלן ווי אין 1929, די דענישע האָבן אין משך דער צײַט פֿאַרלאָרן 51 פּראָצענט פֿון זייערע קונים.

דער טיראַזש פֿון די דײַטשע זשורנאַלן האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אין 1914. אין די מלחמה־יאָרן האָבן זיי פֿאַרלאָרן אַרום אַ האַלבן מיליאָן קונים. זייער צירקולאַציע האַלט כּסדר אין פֿאַלן. אין 1937 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַ צוואַנציק פּראָצענט ווייניקער ווי אין 1929. אין די ערשטע יאָרן פֿון 20סטן יאָרהונדערט האָבן זיי קאָנטראָלירט אַרום אַ העלפֿט פֿון דעם טיראַזש פֿון אַלע פֿרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן, און לעצטנס ניט מער ווי פֿון איין זעקסטל ביז איין פֿינפֿטל.

די פּוילישע זשורנאַלן האָבן אין די לעצטע יאָרן נאָך אַלץ געהאַט אַ גרעסערן טיראַזש ווי אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט. בעת די אַנדערע האָבן געהאַלטן אין פֿאַרלירן קונים, האָבן זיי גאָר צוגעקראָגן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1929, ווען זיי האָבן געהאַט אַ טיראַזש פֿון אַרום אַ מיליאָן. אין 1937 זײַנען אָבער פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט 63 פּראָצענט ווייניקער ווי אין 1929 (עס איז ניט קלאָר, פֿאַר וואָס זייער צירקולאַציע איז אין 1929 אַזוי פֿאַרגרעסערט געוואָרן און איז שטאַרק געפֿאַלן אין 1931).

דער פּראָצענט ייִדיש־ריידנדיקע באַפֿעלקערונג, וואָס קויפֿט טעגלעכע צײַטונגען, איז אַ סך גרעסער ווי פֿון די וואָס קויפֿן וועכנטלעכע זשורנאַלן. בכלל גערעדט איז די צאָל וועכנטלעכע זשורנאַלן אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן פּער פּערזאָן געווען גרעסער ווי די צאָל טעגלעכע צײַטונגען. בײַ ייִדן איז פּונקט פֿאַרקערט. די צירקולאַציע פֿון אונדזערע וועכנטלעכע זשורנאַלן איז תּמיד געווען הינטערשטעליק לגבי דעם טיראַזש פֿון אונדזערע טעגלעכע צײַטונגען. דאָס קאָן אפֿשר צוגעשריבן ווערן צו דעם ענציקלאָפּעדישן כאַראַקטער פֿון די ייִדישע צײַטונגען. און עס קאָן זײַן, אַז די אַנדערע זשורנאַלן האָבן מער קונים ווי די ייִדישע טיילווײַז צוליב דעם, וואָס אַ צאָל פֿון זיי זײַנען רעליגיעזע אָרגאַנען.

די עטנישע גרופּעס וואָס האָבן אַ גרעסערע צאָל צײַטונגען פּער פּערזאָן האָבן אויך אַ גרעסערע צאָל זשורנאַלן. דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט צווישן דער צאָל פּערזאָנען אויף אַ טעגלעכער צײַטונג און וועכנטלעכע זשורנאַלן איז $0.584 \pm$ מיט אַ משמעותדיקן טעות פֿון ∓ 0.128. ייִדן זײַנען אָבער אַ יוצא־מן־הכּלל. זיי האָבן געהאַט 2.2 פּערזאָנען אויף אַ צײַטונג און 11 אויף אַ וועכנטלעכן זשורנאַל. דער קאָעפֿיציענט איז באַזירט אויף דער ציר־

קולאַציע אין 1929 און באַפֿעלקערונג פֿון צוועלף נאַציאָנאַלע גרופּעס אין 1930.

צי איז די צירקולאַציע פֿון וועכנטלעכע זשורנאַלן אָפּהענגיק אין דער אורבאַניזאַציע פֿון דער פֿרעמדשפּראַכיקער באַפֿעלקערונג און אין דער צאָל יאָרן וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין אַמעריקע?

דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט צווישן דעם טיראַזש פֿער פֿרעמדשפּראַכיקע וואָס זײַנען אַלט צען יאָר צי מער, קאָנען לייענען זייער מאַמע־לשון און קאָנען ריידן ענגליש, און דעם פּראָצענט וואָס וווינט אין שטעט מיט הונדערט טויזנט צי מער אײַנוווינערס, אין וועלכע עס זײַנען געווען אַכט טויזנט צי מער פֿרעמד געבוירענע, עלימינירנדיק דעם מעגלעכן עפֿעקט פֿון דער צאָל יאָרן וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין לאַנד, איז ‎+0.3608. דאָס מיינט, אַז די נאַציאָנאַלע גרופּעס וואָס זײַנען מער אורבאַניזירט קויפֿן בדרך־כּלל מער וועכנטלעכע זשורנאַלן ווי די אַנדערע. דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט צווישן דער צירקולאַציע פֿער אָט די פֿרעמדשפּראַכיקע און פּראָצענט וואָס איז אָנגעקומען אין לאַנד ניט שפּעטער אין 1900, עלימינירנדיק דעם מיגלעכן עפֿעקט פֿון אורבאַניזאַציע, איז אָבער ניט מער ווי ‎+0.121. די קאָעפֿיציענטן זײַנען באַזירט אויף די ידיעות וועגן די פֿרעמד־שפּראַכיקע גרופּעס אין 1930 און דער צירקולאַציע אין 1929 (דער „סטאַנ־דאַרד"־טעות איז ‎∓0.24 אין ערשטן פֿאַל און ‎∓0.27 פֿאַר דעם צווייטן קאָעפֿיציענט).

דער טיראַזש פֿון די וועכנטלעכע זשורנאַלן, ווי עס ווײַזט אויס, איז מער געוועדט אין דער אורבאַניזאַציע פֿון די פֿרעמדשפּראַכיקע ווי די צירקולאַציע פֿון זייערע טעגלעכע צײַטונגען.

די קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענטן זײַנען:

	צײַטונגען	וועכנטלעכע זשורנאַלן
אורבאַניזאַציע און טיראַזש פּער פּערזאָן	+0.08	+0.3608
צאָל יאָרן אין אַמעריקע און טיראַזש פּער פּערזאָן	—0.583	+0.121

טעגלעכע צײַטונגען, הייסט עס, קויפֿן בדרך־כּלל די וואָס זײַנען נאָך ניט זייער לאַנג אין לאַנד. וועכנטלעכע זשורנאַלן קויפֿן מסתּמא אַפֿילו די וואָס זײַנען שוין לאַנג אין לאַנד. אַ גרעסערער פּראָצענט פֿון די מער אור־באַניזירטע קויפֿן וועכנטלעכע זשורנאַלן ווי די אַנדערע; דער טיראַזש פֿון די צײַטונגען איז אָבער ניט געווענדט אין דער אורבאַניזאַציע פֿון די אי־מיגראַנטן.

די פֿרעמדשפּראַכיקע וועכנטלעכע זשורנאַלן וועלן מסתּמא האָבן אַ לענ־גערן קיום ווי די טעגלעכע צײַטונגען. עס איז שוין פֿריִער דערמאָנט געוואָרן, אַז עטנישע גרופּעס וואָס האָבן ניט קיין טעגלעכע צײַטונגען האָבן אָבער וועכנטלעכע און אַנדערע זשורנאַלן. דער אַנאַליז פֿון דעם טיראַזש פֿון די ייִדישע צײַטונגען האָט באַוויזן, אַז די זונטיקבלעטער פֿאַרלירן ניט אַזוי פֿיל קונים ווי די מאָנטיק ביז פֿרײַטיק־אויסגאַבעס. און דער אַנאַליז פֿון די פֿאַרשיידענע פֿרעמדשפּראַכיקע וואָכנבלעטער האָט באַוויזן, אַז אַפֿילו די

וואָס זײַנען שוין לאַנג אין לאַנד קויפֿן זיי. די זשורנאַלן וועלן משמעות איבערלעבן די טעגלעכע צײַטונגען. עס קאָן אַפֿילו קומען אַ צײַט, אויב טעגלעכע צײַטונגען וועלן ליקווידירט ווערן צוליב דעם פֿאַרקלענערטן נאָכפֿרעג, ווען די צאָל קונים פֿון פֿרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן וועט גאָר פֿאַרגרעסערט ווערן. אויב דאָס זאָל פּאַסירן, וועט מסתּמא אויסקומען מאַכן געוויסע שינויים אין דעם אינהאַלט פֿון די וועכנטלעכע זשורנאַלן. זיי וועט אויסקומען איבערצונעמען אַ טייל פֿונקציעס פֿון די טעגלעכע צײַטונגען.

5

ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער

די ייִדישע פּרעסע אין ענגליש באַשטייט דער עיקר פֿון וועכנטלעכע זשורנאַלן. ענגלישע צײַטונגען פֿאַר ייִדן זײַנען געווען אַ דורכפֿאַל. די צאָל חודשדיקע און אַנדערע זשורנאַלן ווידער איז קליין.

דײַטשע ייִדן זײַנען געווען די פּיאָנירן פֿון דער ענגליש־ייִדישער פּרעסע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אירע גרינדערס זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין רעליגיע און חכמת־ישׂראל. דאָס דערקלערט מסתּמא, פֿאַר וואָס אין זייערע פּעריאָדישע שריפֿטן זײַנען יאָרן לאַנג געדרוקט געוואָרן אַ סך אַרטיקלען וועגן רעליגיעזע ענינים: דרשות, אָפּהאַנדלונגען און דיסקוסיעס וועגן פֿאַרשיידענע רעליגיעזע באַוועגונגען און מינהגים וכדומה. און עס איז אפֿשר ניט געווען קיין צופֿאַל, וואָס ראַבינערס האָבן רעדאַקטירט אַ צאָל פֿון אָט די צײַטונגען. די אַרויסגעבערס פֿון די ערשטע זשורנאַלן האָבן אויך געוואָלט, אַז די אַריבערגעקומענע זאָלן וואָס גיכער ווערן אַמעריקאַניזירט. זיי האָבן במילא געדרוקט אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע און אידעאַלן פֿון אַמעריקע און האָבן געלערנט דעם עולם, ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן.

די איצטיקע ענגליש־ייִדישע פּרעסע איז אין אַ סך פּרטים אַנדערש ווי מיט יאָרן צוריק. רעליגיע און אַמעריקאַניזאַציע האָבן אויפֿגעהערט זײַן אַקטועלע פּראָבלעמען. אַ סך ענגליש־ייִדישע אָרגאַנען זײַנען איצט ניט מער ווי לאָקאַלע זשורנאַלן. אין זיי ווערט איבערגעגעבן, ווער עס איז געבאָרן געוואָרן און ווער עס איז געשטאָרבן, ווער עס איז פֿאַרקנסט געוואָרן און ווער עס האָט חתונה געהאַט, ווי אַזוי געוויסע יחידים האָבן בדעה צו פֿאַרברענגען די ווינטער־ און זומער־חדשים און ווער עס איז געווען בײַ זיי צו גאַסט. זיי דרוקן אויך קהלשע און רעליגיעזע נײַעס.[*] דאָס דערקלערט מסתּמא, פֿאַר וואָס זיי ווערן אַרויסגעגעבן אין אַ צאָל שטעט און פֿאַר וואָס ניו־יאָרק איז קיין מאָל ניט געווען דער צענטער פֿון דער ענגליש־ייִדישער

---

[*] ראָבאַק, אַ. אַ., די ענגליש־ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע, ייִוואָ־בלעטער, באַנד I, ז' 85־95.

פּרעסע. אַזוי למשל געפֿינען מיר, אַז ניט מער ווי 14.5 פּראָצענט פֿון די וועכנטלעכע זשורנאַלן וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם 42סטן באַנד פֿון „אַמע־ריקען דזשויִש ייִרבוק" זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק, 8.1 פּראָ־צענט אין פּענסילווייניע, 4.8 פּראָצענט אין קאַליפֿאָרניע וכדומה. ניו־יאָרק איז דער צענטער פֿון דער ייִדישער, אָבער ניט פֿון דער ענגליש־ייִדישער פּרעסע.

די מערסטע פֿון אָט די זשורנאַלן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן מיט אַ לפּי־ערך קורצער צײַט צוריק. אַרום 40 פּראָצענט פֿון די וואָכנבלעטער וואָס ווערן ־אויסגערעכנט אין דערמאָנטן יאָרבוך האָבן אָנגעהויבן גיין אין די 1920ער יאָרן, און 32.5 פּראָצענט אין די 1930ער יאָרן. פֿון די חודש־דיקע זשורנאַלן האָבן 28 פּראָצענט אָנגעהויבן זיך דרוקן אין די 1920ער און 46.9 פּראָצענט אין די 1930ער יאָרן.

ווי אַזוי האַלט עס מיט דער צירקולאַציע פֿון די ענגליש־ייִדישע זשור־נאַלן? צי האָט זיך דער נאָכפֿרעג אויף אַזוינע וואָכנבלעטער פֿאַרגרעסערט צי פֿאַרקלענערט? דערויף ענטפֿערט טאַבעלע 7.[28] דאָ ווערט איבערגעגעבן די יאָריקע צירקולאַציע פֿון 9 ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער אין די יאָרן פֿון 1901 ביז 1920 און דער פּראָצענט פֿון דער יאָריקער פֿאַרגרעסערונג און פֿאַרקלענערונג. צוויי פֿון די זשורנאַלן האָבן זיך געדרוקט אין שיקאַגע און צו איינעם אין סט. לויִס, ניו־אָרלינז, סינסינעטי, פֿילאַדעלפֿיע, פּיטסבורג, מעמפֿיס און ניו־יאָרק.

זייער טיראַזש איז אין משך פֿון דער צײַט פֿאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1920 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַ 35,100 מער ווי אין 1901, אַ געווינס פֿון כמעט 30 פּראָצענט אין צוואַנציק יאָר. יעדער יאָר, חוץ אין 1908, 1911, 1912 און 1914, זײַנען צוגעקומען קונים. די יאָריקע פֿאַרגרעסע־רונגען זײַנען געווען פֿון 0.3 ביז 3.7 פּראָצענט, אַחוץ אין 1910 און 1915, ווען די געווינסן האָבן באַטראָפֿן 10.3 און 11.5 פּראָצענט. די טעגלעכע צײַטונגען און וועכנטלעכע זשורנאַלן אין ייִדיש האָבן משך דער צײַט צו־געקראָגן מער קונים ווי די ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער.

לאָמיר פֿאַרגלײַכן דעם ווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג מיט דעם פֿאַרגרעסערטן טיראַזש. דאָ זײַנען געווען, לויט די שאַצונגען פֿון אַ. רו־פּין, אַ מיליאָן ייִדן אין 1900 און 3,200,000 אין 1920. אין משך פֿון די יאָרן זײַנען דאָ אָנגעקומען 1,467,000 ייִדישע אימיגראַנטן. אַראָפּרעכענענדיק אָט די אימיגראַנטן קומט אויס, אַז דער נאַטירלעכער ווּקס איז געווען אַ

[28] Ayer and Son's, *American Newspaper Annual and Directory,* 1902-1921.

ווענן דער פֿאַרלאָזלעכקייט פֿון די רעפּאָרטן אין דעם יאָרבוך איז שוין פֿריִער גערעדט געוואָרן (ז' 131).

73 פּראָצענט. אַ צאָל אימיגראַנטן זײַנען אין משך פֿון דער צײַט גע־שטאָרבן, אַנדערע האָבן זיך אויסגעלערנט ענגליש. דאָס מיינט, אַז אין 1920 זײַנען באמת געווען מער ווי 73 פּראָצענט מער ענגליש־ריידנדיקע ווי אין 1901. דער טיראַזש פֿון די וואָכנבלעטער איז געווען הינטערשטעליק לגבי דעם וווקס פֿון דער באַפֿעלקערונג.

דער טיראַזש פֿון 8 ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער אין די יאָרן פֿון 1917 ביז 1936 ווערט איבערגעגעבן אין טאַבעלע 8.[29] זיי זײַנען געדרוקט געוואָרן אין לאָס אַנגעלעס, מינעאַפּאָליס, יוסטאָן, ניו־אָרלינז, פֿילאַדעלפֿיע, פּיטס־בורג און קליוולענד.

די זשורנאַלן האָבן אויך צוגעקראָגן קונים אין די צוואַנציק יאָר. אַרום דרײַסיק טויזנט מער מענטשן האָבן זיי געקויפֿט אין 1936 ווי אין 1917, אַ פֿאַרגרעסערונג פֿון 41 פּראָצענט. אין יעדער יאָר פֿון די צוואַנציק אַחוץ פֿיר, זײַנען צוגעקומען קונים. דער טיראַזש פֿלעגט זיך אַלע יאָר פֿאַר־גרעסערן פֿון 0.6 ביז 7.7 פּראָצענט. זייערע דורכשניטלעכע יאָריקע געווינסן זײַנען געווען גרעסער אין די לעצטע ווי אין די ערשטע צען יאָר פֿון דעם פּעריאָד. דאָס איז געווען די צײַט, ווען די ייִדישע און אַנדערע פֿרעמדשפּראַ־כיקע צײַטשריפֿטן האָבן געהאַלטן אין פֿאַרלירן קונים.

דער פֿאַרגרעסערטער טיראַזש פֿון אָט די 8 בלעטער האָט איבערגעשטיגן דעם נאַטירלעכן וווקס פֿון דער באַפֿעלקערונג. אין 1917 זײַנען דאָ געווען 3,389,000 ייִדן און אין 1937 — 4,770,600.[30] אָראָפּרעכענענדיק די אימי־גראַנטן וואָס זײַנען אָנגעקומען קומט אויס, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט זיך משך דער צײַט פֿאַרגרעסערט אויף אַ 29 פּראָצענט, בעת די 8 וואָכנ־בלעטער האָבן צוגעקראָגן 41 פּראָצענט קונים. מען דאַרף אָבער ניט פֿאַר־געסן, אַז די צאָל ענגליש־לייענענדיקע ייִדן האָבן זיך באמת פֿאַרגרעסערט מער ווי אויף 29 פּראָצענט. די פּראָפּאָרציע אַמעריקאַנער געבוירענע האָט זיך פֿאַרגרעסערט, די צאָל אימיגראַנטן וואָס קאָנען לייענען ענגליש האָט זיך געהויבן. ענגליש־ייִדישע זשורנאַלן האָבן אין 1936 געהאָט מער פּאָטענציעלע לייענערס ווי מיט יאָרן צוריק. מע דאַרף זיך, מיט אַנדערע ווערטער, רע־כענען ניט נאָר מיט דעם נאַטירלעכן וווקס פֿון דער באַפֿעלקערונג, נאָר אויך מיט דער פֿאַרגרעסערטער צאָל ענגליש־לייענענדיקע ייִדן. עס איז במילא אַ ספֿק, צי די 8 וואָכנבלעטער האָבן באמת צוגעקראָגן מער קונים ווי מע האָט זיך געקאָנט ריכטן.

די צירקולאַציע פֿון פֿינף וועכנטלעכע זשורנאַלן אין ענגליש אין די יאָרן פֿון 1911 ביז 1940 ווערט איבערגעגעבן אין טאַבעלע 9.[31] זיי זײַנען

[29] דאָס זעלבע ווי 28, 1918־1937.

[30] *American Jewish Year Book*, vol. 42.

[31] דאָס זעלבע ווי 28, 1912־1941.

געגאַנגען אין ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע, פּיטסבורג, קליוולענד און ניו־אָר־לינז.

דער נאָכפֿרעג אויף די וואָכנבלעטער האָט זיך פֿאַרגרעסערט. אין 1940 זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן מיט אַ 16.600 מער ווי אין 1911, אַ פֿאַרגרעסערונג פֿון 25.7 פּראָצענט. דער נאָכפֿרעג אויף די 5 זשורנאַלן האָט זיך אָבער ניט פֿאַרגרעסערט מיט דער זעלבער רעגלמעסיקייט ווי פֿון די אַנדערע. אין זעכצן יאָר פֿון די דרײַסיק זײַנען צוגעקומען קונים פֿון 1.1 פּראָצענט ביז 10.0. אין צוועלף יאָר פֿון די דרײַסיק האָבן זיי געהאַט אָנגעוווערן פֿון 1.7 ביז 8.5 פּראָצענט.

וואָס שייך דעם וווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָט זיך די צאָל ענגליש־לייענענדיקע אַ סך מער פֿאַרגרעסערט ווי דער טיראַזש פֿון די זשורנאַלן. די צאָל ייִדישע אימיגראַנטן וואָס זײַנען דאָ אָנגעקומען זינט 1915 איז געוווען קליין. אַ רעכט ביסל פֿון די אַריבערגעקומענע זײַנען משך די יאָרן געשטאָרבן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נאַטירלעכן וווּקס און ניט אַזוי צוליב אימיגראַציע. און אַ רעכט ביסל פֿון די אימיגראַנטן האָבן משך די יאָרן זיך אויסגעלערנט לייענען ענגליש.

6

ווו אַהין גייט די ענגליש־ייִדישע פּרעסע?

דער אַנאַליז פֿון דעם טיראַזש פֿון ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער איז באַזירט אויף אַ לפּי־ערך קליינער צאָל. מיר האָבן דאָ צו טאָן, מיט אַנדערע ווערטער, מיט אַ מוסטער (sample). במילא שווימט אַרויף די פֿראַגע, צי קאָן מען מאַכן אויספֿירן וועגן דעם נאָכפֿרעג אויף די אַנדערע זשורנאַלן פֿון דעם מין אויף דעם סמך פֿון אָט די וואָס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן. הגם עס איז שווער צו געבן אַ קלאָרן און באַשטימטן ענטפֿער, דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, ערשטנס, אַז די וואָכנבלעטער וואָס זײַנען אויסגעפֿאָרשט געוואָרן זײַנען געגאַנגען אין פֿאַרשיידענע טיילן לאַנד. מיר האָבן גענומען אין אַכט וואָכנבלעטער געדרוקט אין דרום און צפֿון, אין מזרח און מערבֿ פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַרום אַטלאַנטיק און אַרום פּאַסיפֿיק, אין שטעט מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפֿעלקערונג און אויך אין קלענערע צענטערס. והשנית, דער אַנאַליז איז באַזירט אין צוויי פֿאַלן אויף אַ צוואַנציק־יאָריקן פּעריאָד און אין אַ דריטן פֿאַל אויף דעם טיראַזש אין די לעצטע דרײַסיק יאָר. און די רעזולטאַטן זײַנען זייער ענלעך. צי זאָל דאָס אַלץ זײַן ניט מער ווי אַ צופֿאַל?

גלײַכצײַטיק דאַרף מען מודה זײַן, אַז דער טיראַזש פֿון אָט די זשורנאַלן איז געווען געווענדט אין געוויסע תּנאים וואָס פֿאַרקלענערן אפֿשר די פֿאַר־לאָזלעכקייט פֿון די רעזולטאַטן. די צירקולאַציע פֿון לאָקאַלע בלעטער איז

געווענדט אין דעם, צי אין דער זעלבער שטאָט אָדער געגנט ווערן אַרויסגע־געבן אַנדערע זשורנאַלן. אַ לאָקאַלע צײַטונג קאָן פֿאַרלירן קונים צוליב קאָנקורענץ. ווײַטער איז דער טיראַזש געווענדט אויך אין דער שטעלונג פֿון דעם רעדאַקטאָר צו געוויסע פֿראַגעס. און מיר ווייסן גאַנץ גוט, מיט וואָס עס שמעקט פֿאַר אַ צײַטונג, אויב אירע בעלי־בתים איגנאָרירן די עפֿנטלעכע מיינונג צי גיבן ניט דעם געהעריקן אויסדרוק צו די שטעלונגען און סענטימענטן פֿון זייערע קונים. דריטנס דאַרף מען זיך רעכענען מיט דער גרייס פֿון דער לאָקאַלער באַפֿעלקערונג. אַ לאָקאַלער זשורנאַל קאָן פֿאַרלירן קונים מחמת דעם, וואָס אַ טייל פֿון זײַנע לייענערס פֿאָרן אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט.

האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען, וואָס איז דער סך־הכּל? די צירקולאַציע פֿון די עטלעכע זשורנאַלן איז משך די פֿערציק יאָר פֿאַרגרעסערט געוואָרן. די יאָריקע ראַטע פֿון פֿאַרגרעסערונג איז ניט תּמיד געווען די זעלבע. גע־ווען יאָרן, ווען קונים זײַנען צוגעקומען און אָפּגעפֿאַלן. דער פּראָצענט פֿאַרגרעסערונג איז ניט געווען דער זעלבער פֿאַר יעדער איינעם פֿון די זשורנאַלן. עס זײַנען געווען אַזוינע וואָס האָבן געהאַלטן אין צוקריגן קונים, בעת אַנדערע האָבן געהאַט אָנווערן. משך די יאָרן זײַנען אַ סך ענגליש־יִדישע זשורנאַלן אונטערגעגאַנגען. זייער „שטאַרביקייט" איז אין די לעצ־טע יאָרן געווען גרעסער ווי אַ מאָל.

אויב אונדזער מוסטער איז רעפּרעזענטאַטיוו, קומט אויס, אַז דער טיראַזש פֿון די ענגליש־יִדישע זשורנאַלן פֿאַרגרעסערט זיך ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם וווּקס פֿון דער הי געבוירענער יִדישער באַפֿעלקערונג. איצט זײַנען פֿאַראַן מער אַמעריקאַנער געבוירענע יִדן ווי אַמאָל. לויט אַן אויספֿאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין 8 שטעט קומט אויס, אַז פֿון 63 ביז 72.6 פּראָ־צענט פֿון די דאָרטיקע יִדן זײַנען געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע. עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום 55 פֿון יעדע הונדערט שיקאַגער יִדן זײַנען געבאָרן גע־וואָרן אין לאַנד. עס קאָן במילא זײַן, אַז אַרום 60 פּראָצענט פֿון די איצטיקע יִדן זײַנען געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע, בעת אין 1905 זײַנען ניט מער ווי 4 פּראָצענט פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג געווען אַמעריקאַנער גע־באָרענע.[**] לויט דעם חשבון קומט אויס, אַז מיר האָבן געהאַט אין 1940 אַ דרײַ מיליאָן אַמעריקאַנער געבאָרענע יִדן לגבי 750,000 אין 1905. צי איז דער טיראַזש פֿון דער ענגליש־יִדישער פּעריאָדיק איצט פֿיר מאָל אַזוי גרויס ווי אין 1905? און דערצו דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די איצטיקע יִדישע פֿאַמיליע איז קלענער ווי מיט יאָרן צוריק, אַזוי אַז די צאָל מיגלעכע קונים איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן. און ווי עס איז שוין באַטאָנט געוואָרן, די צאָל ענגליש־לייענענדיקע אימיגראַנטן איז איצט גרעסער ווי אַמאָל. אויב די אַנדערע זשורנאַלן האָבן ניט צוגעקראָגן מער קונים ווי די וואָס מיר

האָבן באַהאַנדלט, קומט אויס, אַז די ענגליש־ייִדישע פּעריאָדיק ווערט איצט ווייניקער פֿאַרשפּרייט ווי אין אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט: הגם די אַבסאָלוטע צאָל קונים איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן, האַלט אָבער דער טיראַזש אין פֿאַלן לגבי דעם וווּקס פֿון דער באַפֿעלקערונג. צי האַלט די ענגליש־ייִדישע פרעסע איצט, ערבֿ דעם וואָס די ייִדישע און אַנדערע פֿרעמדשפּראַכיקע צײַטונגען מאַכן שוין דורך?

---

[82] Jewish Occupational Council, *Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada;* A. J. Jaffe, "The Use of Death Records to Determine Jewish Population Characteristics," *Jewish Social Studies,* vol. I; The Jewish Encyclopedia, vol. 12, p. 371.

דער גורל פֿון דער אירישער שפּראַך

פֿון בעטי שייפֿין

די דאָזיקע שטודיע איז אַ פּרוּוו אָנצוצייכענען, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס איז איריש (אָדער געליש, ווי מען רופֿט עס אַנדערש) געווען, געבליבן און צוריק געוואָרן די ריידשפּראַך אין אירלאַנד. איך האָב אויסגעמיטן צו מאַכן קאַטעגאָרישע אויספֿירן און אַפֿילו צו ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגעס וואָס בעטן זיך, איך האָב נאָר צונויפֿגענומען און דערלאַנגט די פֿאַקטן וואָס איך האָב אָפּגעזוכט.

פֿון דער פּרעזענטאַציע וועט קלאָר ווערן, אַז די געשיכטע פֿון דער שפּראַכפּראָבלעם אין אירלאַנד טיילט זיך אין צוויי תּקופֿות: ביז אין דער ערשטער העלפֿט 19טן י״ה האַלטן זיך די אירלענדער שטאָל און אײַזן בײַ זייער אייגענער שפּראַך, ניט געקוקט אויף אַלע באַמיִונגען פֿונעם צד־שכּנגד; נאָך דעם הייבט מען זיך אָן צִיִען צו ענגליש מיט אַלע כּוחות, און ס׳איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי אַפֿילו די אויפֿלעב־שטרעבונגען פֿון אונדזער צײַט וועלן האָבן אַ פּעולה. פֿון וואַנען דאָס נעמט זיך בין איך דאָ ניט אויסן צו באַשיידן.

1

די ענגלענדער האָבן פֿאַרנומען אירלאַנד אין 1172. מען האָט פֿרי אָנגעהויבן צוגעבן חשק ענגלענדער־פּראָטעסטאַנטן, זיי זאָלן זיך באַזעצן אין אירלאַנד,[1] און נאָך אַ סך פּרִיער האָט מען גענומען שטרעבן דערצו, אַז די אירלענדער זאָלן איבערנעמען די ענגלישע שפּראַך און הלבשה. אין מוניציפּאַלן אַרכיוו פֿון וואָטערפֿאָרד איז פֿאַראַן אַ תּקנה, דאַטירט 1384, אַז מענער אָדער געזעלן פֿון אירישן אָפּשטאַם קענען ניט באַקומען קיין בירגער־רעכט פֿון דער שטאָט אַווו זיי האָבן ניט באַקומען קיין פּריווילעגיע פֿון קיניג פֿון ענגלאַנד, און דער קיניג, איז געווען בפֿירוש אויסגענומען, וועט דאָס געבן נאָר אויב דער בעל־דבֿר, וועט זיך אונטערנעמען צו זײַן ענגליש אין „גאַנג, אויסקוק און אָנטאָן״.[2] די זעלביקע פֿאַראָרדענונג האָט פֿאַרווערט צו ניצן די אירישע שפּראַך אין שטאָטישן געריכט. אַן אַקט פֿון 28טן יאָר פֿון קיניג הענרי VIII (1536—1537) האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אַלע לאָיאַלע אונטערטעניקער פֿונעם קיניג, וואָס וווינען אין אירלאַנד, זיי זאָלן ריידן

---

1. 14 & 15 Charles II, Sees 4 c. 13 (1663); 4 William & Mary, c. 2 (1692-3); 2 Anne, Sess. 1, c. 14 (1703-4); 4 Geo. I, c. 9 (1717-18).
2. Historical Manuscripts Commission, Report X, app. v, p. 268.

ענגליש, טראָגן ענגלישע בגדים און אויפֿפֿירן זיך אויפֿן ענגלישן שטייגער און דערציִען זייערע קינדער אַזוי, זיי זאָלן טאָן דאָס אייגענע. אַחוץ וואָס דאָ איז געווען די סכּנה ניט צו ווערן מער פֿאַררעכנט צווישן דעם קיניגס לאָיאַלע אונטערטענער, זײַנען נאָך באַשטימט געוואָרן שטראָפֿן — פֿון 3 שילינג 4 פּענס ביז 6 פֿונט 3 שילינג 4 פּענס — פֿאַר אַ גײַסטלעכן אָדער אַ וועלטלעכן האַר פֿאַר עובֿר זײַן אויף די דאָזיקע תּקנות. דערצו זײַנען נאָך ענגליש־ריידערס געווען בר־מצראָס בײַם באַקומען אַ העכערע גײַסטלעכע שטעלע; איינער וואָס האָט גערעדט ניט קיין ענגליש האָט געקענט צוקומען נאָר אויב קיין ענגליש־ריידער איז ניט געווען בנימצא. און יעדערער וואָס האָט גערעדט ניט קיין ענגליש האָט געקענט אָנהאַלטן זײַן שטעלע נאָר מיטן תּנאַי, ער זאָל זיך אויסלערנען ענגליש כּדי צו פּריידיקן אין דער שפּראַך, און ער זאָל אָננעמען ענגלישע געוווינטשאַפֿטן און פֿירונגען. ווער ס'האָט געהאַט אַזאַ שטעלע, איז געווען מחויבֿ צו לערנען ענגליש, צו פֿאַר־שפּרייטן דעם באַנוץ פֿון ענגלישע פֿירונגען און שטייגער און אויפֿצוהאַלטן אַ שול וואָס זאָל לערנען ענגליש מיט קינדער.[3]

אין אַ בריוו פֿון קיניג הענרי VIII, דאַטירט דעם 28טן אַפּריל 1536, צו דער שטאָט גאַלוויי, שרײַבט זיך בזה־הלשון:

. . . אַז יעדער אײַנוווינער אין דער דערמאָנטער שטאָט זאָל זיך פֿלײַסן צו ריידן ענגליש און צו האַלטן זיך אויפֿן ענגלישן שטייגער; און ספּעציעל, אַז איר, און יעטווידער איינער פֿון אײַך, זאָל ברענגען זײַן קינד אין שול אַרײַן אויסצולערנען זיך ריידן ענגליש און איר זאָלט ניט פֿאַרזאַמען אויסצופֿירן די דאָזיקע באַפֿעלן און־דזערע, כּדי צו געווינען אונדזער לײַטזעליקייט און אויסצומײַדן אונדזער גרימצאָרן און אונדזער שטאַרקע אומצופֿרידנקייט.[4]

אַן אַקט פֿון 33טן יאָר פֿון הענרי VIII (42/1541) פֿאַרווערט אַן אַדוואָ־קאַט אַרויסצוטרעטן איז וועלכן עס איז געריכט אין אירלאַנד, אויב ער האָט ניט פֿריִער פֿאַרבראַכט עטלעכע יאָר בײַ אַן ענגלישן געריכט.[5]

אַ בריוו פֿונעם געהיימען ראָט[6] אין ענגלאַנד פֿון 1569 צו דער קאָר־פּאָראַציע (שטאָט־פֿאַרוואַלטונג) פֿון גאַלוויי פֿאַרלאַנגט צו עפֿענען אַ שול אין שטאָט און דערמאָנט דער קאָרפּאָראַציע, אַז על־פּי די געזעצן פֿון גאַל־וויי טאָר דאָרטן קיינער ניט פֿאַרנעמען קיין אַמט סײַדן ער רעדט ענגליש.[7]

אַן אַקט פֿון 17טן און 18טן יאָר פֿון טשאַרלז II (1666) פֿאַרלאַנגט, אַז אירישע נעמען פֿון שטעט און ערטער זאָלן פֿאַרביטן ווערן אין אַלע פֿאַ־

---

3. *Irish Statutes*, 1310—1800, I, p. 21.
4. *State Papers Henry VIII*, Ed. Brewer, II, iii, p. 310.
5. *Abridgement of Irish Statutes*, p. 18.
6. *Privy Council*.
7. H. M. C. Report XV, iii, pp. 227-228.

טענטבריוו [8] מיט אַזוינע וואָס זײַנען מער צוגעפּאַסט צו דער ענגלישער צונג און אַז אויף להבא זאָלן אויסשליסלעך גענוצט ווערן די נײַע נעמען.[9] אַן אַקט פֿון 7טן יאָר פֿון וויליאַם III (95/1694) חזרט איבער דעם אַקט פֿון 28טן יאָר פֿון הענרי VIII און הייסט דורכפֿירן אים מיט דער גאַנצער שטרענגקייט.[10] אַ סטאַטוט פֿון 11טן יאָר פֿון דזשאָרדזש II (38/1737) פֿאָדערט, אַז אַלע פֿאַרהאַנדלונגען אין די געריכטהויפֿן, אַלע פּאַטענטן, טשאַרטערס, באַגנעדיקונגען, אויפֿגעבונגען וכו׳ דאַרפֿן זײַן אין ענגליש בײַ אַ שטראָף פֿון 20 פֿונט קנס.[11] אַן אַקט פֿון 17טן יאָר פֿון דזשאָרדזש II (44/1743) באַשטימט, אַז די דאָזיקע חומרא איז חל אויך אויפֿן מלוכה־אוצר און אַלע זײַנע באַאַמטע.[12]

פֿון די פֿאַקטן דרינגט אָבער אַרויס, אַז מען האָט אויף די געזעצן ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען. אין 1537 האָט לאָרד גריי, דעם קיניגס דעפּוטאַט אין אירלאַנד, אַרײַנגעשטעלט אַזאַ מין פּאַראַגראַף אין אַ לאַנגן קלאָגבריוו צו די קיניגלעכע קאָמיסיאָנערן:

אַלע ענגלישע געמאַרק־גרענעצערס, כּל־זמן זיי זיצן בײַ די גרע־נעצן, ניצן אירישע הלבשה און דאָס אירישע לשון, און אַלע זייערע באַדינערס דאָס נעמלעכע, הן אין מלחמה הן אין שלום, און צום גרעסטן טייל פֿירן זיי זיך אַזוי [אַפֿילו] ווען זיי זײַנען מחוץ דעם געמאַרק אין ענגלישן תּחום, סײַדן זיי קומען אין פּאַרלאַמענט אָדער אין ראָט אַרײַן.[13]

אַ ביסל שפּעטער האָט ריכטער לאַטרעל [14] געשריבן פֿון אירלאַנד צו די קיניגלעכע קאָמיסיאָנערן, אַז די עוולות וואָס די הויפּטלײַט פֿון באַוואָפֿנטע באַנדעס טוען אָפּ נייטן די קליינע ענגלישע פֿאַרמערס וואָס האָבן זיך באַ־זעצט אין אירלאַנד צו פֿאַרקויפֿן זייער אייגנס און זיך אומצוקערן אַהיים קיין ענגלאַנד. דערבײַ גיט ער צו:

...און די וואָס זיצן דאָ זײַנען זיך נוהג . . . צום גרעסטן טייל אין אויסקוק, רײדן און מאַנירן ווערדליג דעם אירישן אופֿן און שטיי־גער; אַזוי אַז די ענגלישע אָרדענונג קען לחלוטין אָפּגערוקט ווערן, סײַדן מען וועט געשווינד געפֿינען דערצו אַ תּרופֿה... כּדי צו ברענ־גען צוריק ענגלישע אָרדענונג, רייד און הלבשה וואָלט געווען גוט, ערשטנס, אַז מען זאָל דעם ראָש פֿון יעטווידער הויז אין דעם ענגלישן

8. פּריווילעגיעס וכו׳.

9. *Irish Statutes*, III, p. 137.

10. דאָרט, VI, ז׳ 45.

11. דאָרט, VI, ז׳ 407.

12. דאָרט, ז׳ 668.

13. *State Papers Henry VIII*, II, iii, p. 479.

14. Luttrell.

תּחום . . . מאַכן ניצן ענגלישע אָרדענונג בײַ זיך אין הויז . . . און כּדי די קינדער זאָלן זיך לערנען ענגליש . . . וואָלט געווען נײטיק, אַז אין יעטווידער פּאַראַפיע זאָל זײַן אַ קוראַט[15] וואָס קען רײדן ענג־ליש, . . . ער זאָל אַלע טאָג לערנען ענגליש מיט די דערמאָנטע קינ־דער . . ."[16]

1578 האָט דער לאָרד־קאַנצלער דזשעראַרד זיך געקלאָגט צו זײַן מאַ־יעסטעטס קאָמיסיאָנערן, אַז

. . . אַלע ענגלענדער, און דאָס רובֿ מיט פֿאַרגעניגן, אַפֿילו אין דובלין, רײדן איריש, און זײַנען שטאַרק באַפֿלעקט אין מאַנירן, אײַנ־פֿירן און לעבנס־באַדינגונגען מיט אירישע פּליאַמעס."[17]

ריטשאַרד סטײניהורסט, אַ באַוווּסטער געאָגראַף, היסטאָריקער און שרײַבער פֿון 16טן י"ה, גיט איבער,[18] אַז די ענגלענדער זײַנען גיכער גערן צו לערנען איריש אײדער די אירלענדער זײַנען נוטה „צוצופּאַסן זײער צונג" צו ענגליש, הגם איריש איז זײער אַ שווערע שפּראַך. אין שײַכות דערמיט דערציילט ער די מעשׂה וועגן אַ פּרוי אין רוים, וואָס אַ רוח איז אין איר אַרײַן, האָט זי זיך געשאָלטן אין אַלע לשונות אַחוץ אין איריש, וואָרעם איריש איז אַזוי שווער, אַז אַפֿילו דער טײַוול ווערט צעטומלט.[19]

ד"ר דזשאָן לינטש ציטירט 1622 אַן איריש ווערטל, אַז

צען ענגלענדער וועלן אָננעמען איריש פֿאַר איין אירלענדער וואָס וועט אָננעמען ענגלישע פֿירונגען.[20]

און ער גיט צו:

די ענגלענדער האָבן ניט נאָר פֿאַרגעסן די ענגלישע שפּראַך, נאָר זײ מאַכן חוזק, ווען מען ניצט זי, און זײ זײַנען געוואָרן פּשוט איריש אין שפּראַך, צונעמען, קליידונג און אין אַלע זײערע מאַנירן.[21]

דער אַרכיוו פֿון דער קאָרפּאָראַציע פֿון דובלין פֿאַרמאָגט אַזאַ מין באַ־שולדיקונג, דאַטירט 1657:

כּפֿי די געזעצן זײַנען אַלע פּערזאָנען פֿון דעם לאַנד מחויבֿ צו רײדן און ניצן דאָס ענגלישע לשון און פֿירונג, אָבער אין סתירה דערמיט און אין אַן אָפֿענער פֿאַראַכטונג דערצו ווערט איריש גע־רעדט בדרך־כּלל און אײַנגעוווּנטערהייט, און אירישע הלבשה ווערט געטראָגן ניט נאָר אין די גאַסן און פֿון די וואָס וווינען אויפֿן לאַנד

15. גײַסטלעכער.
16. *State Papers Henry VIIII*, II, iii, p. 508.
17. *Calendar of State Papers Ireland*, 1578, p. 130.
18. אין זײַן צושטײַער צו האָלינשעדס Chronicles, 1577.
19. Holinshed, *Chronicles*, III, pp. 4-7 (ed. 1808).
20. J. Lynch, *Cambrensis Eversus*, I, p. 189 (ed. 1848).
21. דאָרט, ז' 288.

און קומען אין דער דאָזיקער שטאָט אַרײַן אין מאַרקטעג, נאָר אויך פֿון און אין היפּש משפּחות אין דער דאָזיקער שטאָט, צו דער גרויסער אומצופֿרידנקייט פֿון זײַן הויכקייטס רעכט געאַכפּערטן ראָט פֿאַר די ענינים פֿון אירלאַנד.[22]

2

אַזוי אַרום האָט בײַם סוף פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט ניט מער ווי איין פּראָצענט אירלענדער געהאַט איבערגענומען די ענגלישע שפּראַך,* און אַפֿילו אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך ענגליש קנאַפּ וואָס אַ רוק געטאָן פֿאָרויס. דײַניעל דיוואַר האָט 1812 געשריבן אַזוי:

די צאָל מענטשן וואָס ריידן אָט די שפּראַך [געליש] איז אַ סך גרעסער איידער מען איז משער דאָס רובֿ. זי ווערט גערעדט איבער דער גאַנצער פּראָווינץ קאָנאָט[24] פֿון אַלע נידעריקע דרגא'ס, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי פֿאַרשטייט כּמעט אין גאַנצן ניט קיין ענגליש; און עטלעכע פֿון די וואָס קענען יאָ פֿאַרשטייען דאָס נאָר אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי קענען פֿירן געשעפֿט[25]... איריש ווערט גערעדט זייער אַלגעמיין אין די אַנדערע דרײַ פּראָווינצן, אחוץ צווישן די אָפּשטאַמלינגען פֿון די סקאָטלענדער אין צפֿון ... מען האָט אויסגערעכנט מיט אַ גוטער באַרעכטיקונג, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן אין אירלאַנד אַרום צוויי מיליאָן מענטשן [פֿון אַ באַפֿעלקערונג פֿון 4,550,000 אין יאָר 1800], וואָס זײַנען ניט בכּוח צו פֿאַרשטיין אַ געבונדענעם שמועס אויף ענגליש.[26]

האָל פֿאַרצייכנט אין זײַן ווערק, געשריבן 1883, וועגן דעם וואָס עס איז געווען מיט פֿופֿציק יאָר פֿריִער:

אין יענע טעג איז ענגליש געווען אַ שפּראַך וואָס איז געווען פּונקט אַזוי פֿרעמד צו דער מאַיאָריטעט פֿון די פּויערים ווי פֿראַנצייזיש און דײַטש. ווען איר פֿלעגט אַראָפּגיין אויפֿן ברעג אין אירלאַנד, האָט זיך גרינג געקענט טרעפֿן, אַז דער טרעגער וואָס איז געקומען נעמען אײַער באַגאַזש פֿון שיף אין גאַסטהויז אַרײַן האָט גאָרניט געקענט ריידן קיין ענגליש...[27]

22. Gilbert, *Calendar of Ancient Records of the Corporation of Dublin*, IV, pp. 118-119.

23. Joseph Dunn, "Revival of Gaelic," *Catholic University Bulletin*, XI, 1905, p. 416.

24. Connaught.

25. דער פּונקט, וועגן די עקאָנאָמישע סיבות וואָס האָבן געשטופּט צו ענגליש, וועט זײַן וויכטיק שפּעטער.

26. Daniel Dewar, *Observation on the Character of the Irish*, p. 88.

27. S. C. Hall, *Retrospect* 1815-1883, pp. 508-509.

אין 1844 האָט אַ רײַזנדער דורך אירלאַנד פֿאַרצייכנט:

אויף איינער פֿון אונדזערע עקסקורסיעס צו די פֿאַרמערס פֿון סאָנאַ האָבן מיר געפֿונען אַן אַלטע פֿרוי וואָס האָט פֿאַרשטאַנען איריש און זייער שלעכט גערעדט ענגליש. זי האָט געזאָגט, אַז אין אירע יונגע יאָרן, מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק, האָט מען דאָ, אין צענטער פֿון אירלאַנד, גערעדט און פֿאַרשטאַנען כּמעט נאָר איריש.[28]

אין 1921 האָט מען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז

מיט אַ ביסל איבער הונדערט יאָר צוריק איז גע׳ליש גערעדט געוואָרן סאַמע ביז די טויערן פֿון דובלין.[29]

אַ צווייטער שרײַבער האַלט:

אין 1824 זײַנען געווען היפּש איבער צוויי מיליאָן מענטשן וואָס האָבן גערעדט די אירישע שפּראַך.[30]

און אַ דריטער קאָנסטאַטירט:

אָבער איריש האָט איבערגעלעבט די רדיפֿות און די באַדריקונג פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט און איז ווײַטער גענוצט און פֿאַרשטאַנען געוואָרן דורך אַ גרויסן טייל באַפֿעלקערונג, ביזן גרויסן הונגער (1847—1845)...[31]

3

אַזוי קומען מיר אַרײַן אין צווייטן פֿערטל 19טן יאָרהונדערט, ווען ס׳ווערט אײַנגעפֿירט — אין 1834 — די נאַציאָנאַלע שולסיסטעם, איינע פֿון די וויכטיקסטע געשעענישן פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אונדזער שטודיע. דאָ איז ניט דאָס אָרט אַרײַנצולאָזן זיך אין פּרטימדיקע באַשרײַבונגען פֿון די בילדונגס־אינסטיטוציעס אין אירלאַנד ביזן אַקט פֿון 1834; ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז אויף וויפֿל ס׳זײַנען געווען שולן, זײַנען זיי אויפֿגעהאַלטן געוואָרן דורך רעליגיעזע אינסטיטוציעס פֿון אַזאַ אָדער אַן אַנדער מין.[32] דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז קאַטויליקן — די גרויסע מערהייט באַפֿעלקערונג — און פּראָטעסטאַנטן זאָלן בלײַבן אָפּגעזונדערט. דאָס האָט, צוזאַמען מיט די שטראָפֿגעזעצן,[33] מיטגעהאָלפֿן אויפֿצוהיטן די אירישע שפּראַך, מחמת, ווי אַ שרײַבער האָט זיך אויסגעדריקט בײַם אָנהייב 19טן י״ה:

פֿון איין זײַט איז דאָס פֿאַרשטיין ענגליש אַ כאַראַקטעריסטישער

---

28. J. S. Kohl, *Travels in Ireland,* p. 31.
29. "Politics of Language," *Living Age,* vol. 311 (1921), p. 487.
30. P. J. Dowling, *Hedge Schools of Ireland,* p. 70.
31. E. R. Turner, *Ireland and England,* p. 318.
32. דאַולינג, דצ״ו, ס. גווין, קאַפּיטל וועגן דערציִונג אין אירלאַנד.
33. "Bubble of Gaelic," *Blackwood's,* vol. 216, pp. 372-84; Dowling, Gwynn, Dunn.

סימן פון פראָטעסטאַנטיזם; פון דער צווייטער זײַט איז דאָס אירישע לשון דער צייכן פון קאַטוילישקייט.[34]

די נאַציאָנאַלע שולסיסטעם האָט אײַנגעשטעלט, אַז די שולן דאַרפן ניט זײַן געקניפּט מיט אַן אמונה, זיי דאַרפן געשטיצט ווערן מיט מלוכה־סובסי־דיעס און דאָס גאַנצע לערנען דאַרף גיין אין ענגליש. די נאַציאָנאַלע שול־פאַרוואַלטונג[35] גופא האָט זיך שפּעטער אַרויסגעזאָגט, אַז

... די שטרעבונג פון די צוהעלפּערס פון דער נאַציאָנאַלער שולסיסטעם איז געווען צוצונעבן חשק צו קולטיווירן די ענגלישע שפּראַך און צו מאַכן ענגליש פאַר דער שפּראַך פון די שולן.[36]

מערניט וואָס די פאַרוואַלטונג האָט געטענהט:

ס׳ווײַזט אויס, אַז קיינער פון די וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכות צו דער גרינדונג פון דער נאַציאָנאַלער שולסיסטעם און אַפילו ניט אירע פײַנדלעכע קריטיקערס האָט ניט אויפגעהויבן קיין שאלה וועגן אַרויפפּלאַנצן דאָס לערנען אין איריש אויף דער ענגלישער פּראָגראַם פון די שולן.[37]

להיפּוך צו דעם, אויף וואָס מען האָט זיך געקאָנט ריכטן, האָבן די קאַ־טויליקן אָנגענומען דעם נײַעם געזעץ און זיך ניט געשפּאַרט. דאָס איז איינע פון די גרויסע רעטענישן אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער איריי־שער שפּראַכפּראָבלעם, אָבער עס זעען זיך ניט קיין שום פאַקטן וואָס זאָלן ווײַזן אַ קעגנשטעל מצד די קאַטויליקן. אַ מאָדנע זאַך, נאָר די פּרע־טענזיעס וואָס מען הערט יאָ קומען פון די פּראָטעסטאַנטישע גײַסטלעכע: ס׳ווערט אָנגערירט זייערע אַ דאָקטרין וועגן דעם אופן לייענען די הייליקע שריפטן. די קאַטויליקן און זייערע גײַסטלעכע האָבן אָנגענומען פאַר ליב דעם נייעם שולגעזעץ; לכל־הפּחות איז ניט געווען, אויף וויפל עס זעט זיך, קיין שום פּרוּוו צו שטעלן זיך אַנטקעגן. אָט איז אַ שטייגער דאָס עדות־זאָגן פונעם דעקאַן מעקנאַמאַראַ פאַרן געקליבענעם קאָמיטעט פאַר דער־ציִונג[38] אין 1835:

פראַגע: צי האַלט די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט פון דער איצ־טיקער סיסטעם?

ענטפער: אַלע ווי איינער. אונדזער ביסקופּ זעט, אַז זײַנע גײַסטלעכע זאָלן אין זייערע פּאַראַפיעס אײַנאָרדענען שולן אין פאַר־בינדונג מיט דער שול־פאַרוואַלטונג . . .

פראַגע: צי האָבן זיי [די קאַטויליקן] פולן צוטרוי, אַז זייערע

34. דעוואַר, דצ״ו.

35. National School Board.

36. *Accounts and Papers*, 1884, LXI, p. 625.

37. דאָרט, LXI, ז׳ 625.

38. Select Committee on Education.

רעליגיעזע איבערצײַגונגען וועלן דורכוים געשאַנעוועט ווערן?

ענטפֿער: יאָ; און נעמען נעמט זיך דאָס פֿונעם הסכם פֿון דער גײַסטלעכקייט, וואָס איז, ווי זיי ווייסן, געגעבן געוואָרן אויף די דאָזיקע שולן.

פֿראַגע: צי פֿאַרלאָזט זיך די גײַסטלעכקייט אויך אַזוי אויף דער שול־פֿאַרוואַלטונג?

ענטפֿער: יאָ.[39]

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די זאַך איז צוגעגאַנגען גרינג, און מיר קענען אויפֿקלײַבן גענוג שטימען קעגן די גוואַלדמעטאָדן וואָס די שול־פֿאַר־וואַלטונג און אירע לערערס האָבן אָנגעווענדט אויף אַרויסצושטופּן די אירישע שפּראַך:

די שולן וואָס די פֿאַרוואַלטונג האָט געהאַט אונטער זיך האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ אירלאַנד, און דאָס איז געווען דער איינ־ציקער מיטל פֿון בילדונג וואָס די אומגליקלעכע אירלענדער האָבן געהאַט אין זייער רשות. אין די נאַציאָנאַלע שולן פֿלעגט מען שלאָגן קינדער פֿאַר רײדן איריש. מען האָט זיי געלערנט פֿאַראַכטן און פֿײַנט האָבן זייער מוטערשפּראַך.[40]

דער וואָס האָט דאָס געשריבן איז געווען אַן אָנהענגער פֿון דער געלי־שער ליגע. 1855 האָט קינען,[41] איינער פֿון די הויפּט־אינספּעקטאָרן פֿון דער נאַציאָנאַלער שולסיסטעם, געשריבן אין זײַן רעפּאָרט צו דער פֿאַרוואַלטונג:

די פֿאָלקסציילונג ווײַזט, אַז העכער אָנדערטהאַלבן מיליאָן, אָדער 23,3 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, האָבן גערעדט איריש אין יאָר 1851. די נאַציאָנאַלע סיסטעם פֿאַרקלענערט די דאָזיקע צאָל מיט יעדער יאָר. אַפֿילו אין ערטער, ווו די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַר־שטענדיקונג ווערט געפֿירט אין איריש און ווו, בקיצור, זייער ווינ־ציק אָדער קיינער פֿון דער דערוואַקסענער באַפֿעלקערונג קען ניט קיין וואָרט ענגליש, איז די שפּראַך פֿון די נאַציאָנאַלע שולן, די בי־כער, דאָס לערנען אַאַז"וו דורכוים אין ענגליש. די קינדער פֿון עלטערן וואָס רײדן איצט נאָר איריש וועלן, דורכן בילדונגסגאַנג וואָס ווערט דורכגעפֿירט אין די נאַציאָנאַלע שולן און דורך דער היימ־פּראַקטיק, רײדן ענגליש און איריש, ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן; נאָר זייערע קינדער וועלן אין נײַן פֿאַלן פֿון צען רײדן נאָר ענגליש.

---

39. Reports: Committees, 1836, vol. XIII, pp. 370-1.

זע אויך:

Reports: Committees, 1837, vol. VIII, 1, pp. 3, 10, 1221, 1054, 1143; vol. IX, 1837, pp. 67, 98, 214, 430, 519, 251, 260, 572, 576, 579-80.

40. Diarmid O Cobhthaigh, *Douglas Hyde,* p. 23.

41. Patrick J. Keenan.

אויף אַזאַ אופן וועט מען די אירישע שפּראַך צו ביסלעך נעמען ניצן צליך ווינציקער, און אפשר וועט זי פאַרגעסן ווערן.[42]

אַן אירלענדער פון דער גראַפשאַפט קערי האָט דערציילט:

ווען איך בין געווען אַ ייִנגל האָבן זיי מיר אַרייַנגעשטופּט אַ שפּרייַזהעלצל אין מויל אויפן גאַנצן נאָכמיטאָג, ווייל איך האָב גערעדט איריש. צי איז דאָס ניט געווען אַ גרויס אכזריות?[43]

דער אָקערשט דערמאָנטער קינען האָט אין אַ צווייטן רעפּאָרט זײַנעם געמאָלדן אָט וואָס:

אין אָוי[44] איז דער לערער אַן אינטעליגענטער יונגער־מאַן וואָס האָט באַקומען אַ גוטע אויסבילדונג אין איינער פון די בעסטע שולן אויפן הויפּטלאַנד [אין אירלאַנד]... אָט דער לערער ניצט אַ נייַע פּראָצעדור צו פּראָפּאַגירן די נײַע שפּראַך. ער טיילט צו שטראָפן פאַר ריידן איריש אין שול; און ער האָט אײַנגעשטעלט אַ מין פּאָליציי צווישן די עלטערן, זיי זאָלן אכטונג געבן, אַז אין זייערע באַציִונגען צווישן אַנאַנד זאָלן די קינדער אין דער היים ריידן נאָר ענגליש. די עלטערן זײַנען אַזוי פאַרקאָכט אין דעם ענגליש, אַז ס'מאַכט בײַ זיי גאָרניט אויס צו אינפאָרמירן דעם לערער וועגן יעטווידער מאָל עובֿר זײַן אויף דער שול־תקנה.[45]

דער לעצטער פּרט איז זייער אַ וויכטיקער. מיר וועלן זיך נאָך באַלד אומקערן צו אים. דובאָיז גיט איבער:

אַנומלט האָט עמעצער געפּרעגט בײַ אַ לערער אין אַ מערבֿדיקן דאָרף, ווי אַזוי ער, וואָס ער קען ניט קיין שום איריש, קען זיך אונטערנעמען צו לערנען מיט קינדער וואָס קענען ניט קיין שום ענגליש. „ס'גענדויערט מיר צוויי חדשים, פון דער התחלה, אויסצודרייען פון זיי זייער איריש", האָט ער געענטפערט און דערבײַ געריבן די הענט אַזוי ווי ער וואָלט אויסקוועטשן וואַסער פון נאַסן וועש.[46]

ווײַטער איז געווען דער פאַרנאַנטער אײַנקאַרב־מעטאָד:[47] דעם קינד אויפן האַלדז האָט מען אויפגעהאָנגען אַ ברעטל; פאַר יעטווידער איריש וואָרט וואָס דאָס קינד האָט אַרויסגערעדט אין שול אָדער אין דער היים האָט מען געמאַכט אַ קאַרב אויפן ברעטל, און צום סוף פונעם טאָג האָט דאָס קינד פאַר איטלעכן קאַרב געקריגן אַ קלאַפּ מיטן שטעקן.[48]

---

42. *Parliamentary Papers,* XXVII, ii, p. 75.
43. J. M. Synge, *In Wicklow, West Kerry, and Connemara,* p. 69.
44. Owey.
45. *Reports from Commissioners,* 1857-58, XX, p. 145.
46. L. Paul-Dubois, *Contemporary Ireland,* p. 394.
47. Tally method.
48. פּאָול־דובאָיז, דצ"וו, ז' 394; דאָן, דצ"וו, ז' 417.

ס'איז אויך אַ זיכערע זאַך, אַז דער גרויסער הונגער 1845־47, און די מאַסן־עמיגראַציע נאָך אים, וואָס האָבן ספּעציעל שטאַרק געטראָפֿן די מערבֿדיקע, די איריש־ריידנדיקע גראַפֿנשאַפֿטן, האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין אַרויסשטופּן די אירישע שפּראַך.[49] אָבער ווי זאָגט אַ מאָדערנער שרײַבער:

ס'איז אוממיגלעך צו צעטרעטן אַ שפּראַך, אויב די מענטשן וואָס ריידן אויף איר זײַנען באַשלאָסן בײַ זיך אויפֿצוהאַלטן זי בײַם לעבן.[50]

מוזן מיר דעריבער באַטראַכטן מער באַריכות די פֿאַקטאָרן פֿון ווילן, וואָס זיי האָבן דערלאָזן, אַז די אַנדערע פֿאַקטאָרן זאָלן קענען אָפּטאָן זייערס.

4

אָט וואָס מיר לייענען אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון אָ'קאָנעלן,[51] אַן אָנגעזעענעם אירישן פּאַטריאָט און אַ פֿירער פֿון די קאַטויליקן, וואָס האָט געלעבט 1775 ביז 1847:

אין אָ'קאָנעלס יונגע יאָרן איז . . . ענגליש . . . געווען די אָנגענומענע שפּראַך פֿון די פּויערים איבער גאַנץ אירלאַנד. ס'איז נאָך אַלץ געווען די איינציקע שפּראַך פֿונעם גרעסטן טייל פֿון זייערע אַרבעטערס און פֿון די אָרעמערע פּאַכטערס אין זייערע משפּחות אַרום דערינען. ער האָט פּליסיק גערעדט די שפּראַך און האָט אָפֿט גערעדט אויף עפֿנטלעכע מיטינגען איריש, זאָל זײַן נאָר צוליב דעם שפּאַס פֿון איבערקליגן די פּאָליציייִשע באַריכט־אָפּגעבערס וואָס האָבן געוואַרט צו קענען מאַכן נאָטיצן פֿון זײַנע רעדעס. אָבער ער פֿלעגט בכּיוון אָפּשלאָגן דעם חשק צו דער אַלטער שפּראַך אין דער איבערצײַגונג, אַז ענגליש איז נוציקער און אַז ס'איז געווונטשן, אַז אין פּראַקטישע זאַכן זאָלן זיך ביידע לענדער אַסימילירן.[52]

דזש. ס. קאָהל זאָגט וועגן אירלאַנד אין 1844:

די ענגלישע שפּראַך איז דאָ דער יסוד און דער וואָרצל פֿון דער גאַנצער ציוויליזאַציע, און אַלע גאָרן צו לערנען זי, וואָרעם דורך ניצן זי ווערן די מיגלעכקייטן פֿון אַלגעמיינע באַציִונגען שטאַרק אויסגעברייטערט, אין דער צײַט וואָס איריש קען צו ניט קומען נאָר צווישן די אָרעמע אײַנוווינערס פֿון די ווײַטע דיסטריקטן.[53]

---

49. דאָן, דצ"ו, ז' 416, טוירנער, דצ"ו, ז' 318.
50. "Politics of Language," p. 487.
51. Daniel O'Connell.
52. Denis Gwynn, *Daniel O'Connell*, p. 251.
53. קאָהל, דצ"ו, ז' 124.

דער פריער ציטירטער אָנהענגער פון דער געלישער ליגע דר׳יקט זיך אויס וועגן דער געלישער שפּראַך:

אירלענדער האָבן זיך צוגעקוקט צו איר ירידה מיט גלייכגילטי־קייט.[54]

און ווײַטער, ריידנדיק וועגן די קינדער אין די שולן פון דער נאַציאָ־נאַלער סיסטעם:

זייערע עלטערן, וועמען מען האָט קיין מאָל ניט געלערנט, אַז זיי אַליין זאָלן טײַער האַלטן . . . די שפּראַך, האָבן געקוקט אויף דעם אײַנפירן ענגליש און דעם אונטערברענגען איריש ווי אויף אַ סימן פון פּראָגרעס און קולטור. . . וואָס די קאַמפּהאָק פונעם דענער, די שווערד פונעם נאָרוועגער, די פּאַלשע געגנג פונעם זאַקס האָבן ניט געקענט פועל זײַן, דאָס האָבן מיר אַליין אָפּגעטאָן.[55]

סינדזש האָט 1911 געשריבן וועגן די אײַנוווינערס פון די אַראַן־אינדז־לען:

בײַם עלטערן דור . . . זע איך ניט קיין שום ליבשאַפט פאַר געליש. ווען זיי קענען נאָר, ריידן זיי ענגליש מיט זייערע קינדער, צו פאַרגרינגערן זיי זייער וועג אין לעבן. אַפילו די יונגע מענטשן זאָגן מיר צײַטנווײַז: איר האָט זייער אַ שאַרף ענגליש, און הלוואַי וואָלט איך דאָס אויך פאַרמאָגט.[56]

און דער זעלבער מאַן פון קערי, וואָס האָט דערציילט סינדזשן וועגן זײַנע איבערלעבונגען ווי אַ שולקינד אין דער נאַציאָנאַלער שול, גיט צו:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן זיי אַלע געהאַלטן, אַז מען דאַרף מאַכן אַן עק דערמיט . . . און איצטער, ווען איך הער, ווי די זעל־ביקע דעה־זאָגערס קומען צו גיין און זאָגן אונדז, אַז מיר זאָלן למען־השם ניט ריידן קיין שום אַנדערע שפּראַך ווי איריש, ווילט זיך מיר שטאַרק זאָגן זיי, זיי זאָלן גיין צום שוואַרץ־יאָר. דאָ איז געווען אַ גײַסטלעכער אַנוסטן וואָס האָט אונדז אײַנגערעדט, מיר זאָלן אַלע מאָל בלײַבן, ווי מיר זײַנען, און מיר זאָלן ריידן סאַמע איריש. אָבער איך מיין, אַז הגם די גײַסטלעכע זײַנען געבילדעטע מענטשן און גרויסע געלערנטע, פאַרשטייען זיי ניט דאָס לעבן פון מענטשן אַזוי ווי אַן אַנדערער. דאָ איז דאָס לאַנד אָרעם — איר זעט דאָס אַליין — און אַחוץ דעם איז פאַראַן ווינציק פון וואָס צו ציִען חיונה; אַזוי אַז אויב די משפּחה איז גרויס, וועט איין זון בלײַבן אין דער היים און בלײַבן בײַ דער פאַרם, און די אַנדערע גייען אַוועק, ווײַל זיי האָבן קיין ברירה ניט. אָבער ווען זיי גייען אַרויס פון דער דינגל־

54. אַ. קאַטבײַ, דצ״ו, ז׳ 2.
55. דאָרט, ז׳ 23.

56. J. M. Synge, *The Aran Islands*, p. 124.

סטאַציע אין טריילי, וועלן זיי ניט הערן קיין וואָרט איריש און ניט באַגעגענען קיין איינעם וואָס קען דאָס פֿאַרשטיין; איז צו וואָס טויג אַ מענטש, פֿרעג איך אײַך, וואָס קען ניט קיין ענגליש און אַ סך ענגליש? [57]

דאָס אינטערעסאַנטסטע גבֿית־עדות קומט פֿון יענעם שול־אינספּעקטאָר קינען, וואָס מיר האָבן אים פֿריִער דערמאָנט. אין איינעם פֿון זײַנע רעפּאָרטן (1857־58) לייגט ער פֿאָר, אַז אין יענע העקגעגנטן, ווו די קינדער ריידן ניט קיין ענגליש איידער זיי קומען אין שול אַרײַן, זאָל מען לערנען ענגליש מיט דער הילף פֿון איריש. ער גיט איבער, אַז די אײַנוווינערס פֿון די איזאָלירטע אינדזלען לעבן דאָונגעל ווײַזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס צו בילדונג, אַז אין די שולן קומען די קינדער רעגולער און אַז מען וויל האָבן שולן אויך אויף די אינדזלען, ווו ס׳זײַנען לעת־עתּה קיין שולן ניטאָ. ווײַטער שרײַבט ער בזה־הלשון:

ס׳איז נאַטירלעך, מען זאָל פֿרעגן, פֿון וואַנען קומט אַזאַ שטאַרקע לײַדנשאַפֿט צו בילדונג בײַ מענטשן, וואָס אַליין זײַנען זיי לחלוטין ניט־שריפֿטיק. ניט אין טאָרי, איניזבאָפֿין, גאָולאַ, אָוי, ראַטלאַנד און ניט אין איניזפֿרי איז ניטאָ קיין שטענדיקער גײַסטלעכער . . . און ס׳איז אויך ניטאָ קיינער איבערן שטאַפּל פֿון אַ פּויער וואָס זאָל לעבן צווישן די אײַנוווינערס און געבן אַ ריכטונג צו זייער גוסט אָדער געבן זיי אַן עצה, זיי זאָלן לאָזן בילדן זייערע קינדער. די דאָזיקע לײַדנשאַפֿט וואַקסט, קען מען זאָגן, פֿון איין באַהערשנדיקן פֿאַרלאַנג — דער פֿאַרלאַנג צו ריידן ענגליש. ווען נאָר אַ פֿרעמדער קומט צו גאַסט אויף זייערע אינדזלען, זעען זיי, אַז ווילשטאַנד האָט זײַן באַזונדערע שפּראַך אַזוי ווי זײַן פֿײַנעם בגד; זיי זעען, אַז ווען די הענדלערס וואָס קומען פֿון צײַט צו צײַט צו זיי האַנדלען פֿיש, ים־גראָז אָדער עסנוואַרג, ווײַזן דאָס געלע גאָלד, ציילן זיי עס אין ענגליש; און ווען עס קומט זיי אַ מאָל אויס אַריבערצוגיין [פֿון זייערע אינדזלעך] אויפֿן הויפּטלאַנד צוליב געזעץ, ווי זיי רופֿן יעטווידער געריכט־פּראָצעס, זעען זיי, אַז די געהויבענע ווערטער פֿון מישפּט מוזן קומען צו זיי דורך דער צווייטער האַנט, מיט דער הילף פֿון אַן איבערזעצער. ענגליש רעדט אויך דער פּריץ, דער באַאַמטער וואָס פֿאַלט אַרײַן צו זיי ווען ניט ווען, די מאַטראָסן פֿון די שיפֿן וואָס ליגן אַ מאָל אין זייערע אַנקערפּלעצער, און דער לערער גופֿא; און הגם זיי מעגן ליב האָבן די קאַדענצן, די זאַנפֿטיקייט און די היימלעכקייט פֿון דער שפּראַך וואָס זייערע פֿאָטערס האָבן זיי געגעבן, זעען זיי פֿאָרט, אַז אַנטקעגן די ענגליש־ריידערס זײַנען זיי נעבעכדיק און אָרעם; און ממילא, ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן דער קרבן פֿאַר זייערע געפֿילן,

57. Synge, *In Wicklow, West Kerry, and Connemara*, p. 69

נארן זיי איַינצושאפֿן זיך די נײַע שפראך, מיט אלע אירע באלוינונ־גען און סאָציאַלע פּריווילעגיעס. דער ווינקלשטיין פֿון הצלחה איז די פֿעיִקייט צו ריידן ענגליש, און א באגער צו באזיצן די דאָזיקע פֿעיִקייט ברענט ביי זיי אין הארצן, וואס בײַט זיך קיינמאָל ניט, וואס וועט קיין מאָל ניט אָפּגעשוואכט. באאײַנפֿלוסן באאײַנפֿלוסט זיי די אוטיליטארע, ניט די אבסטראקטע אידעע פֿון בילדונג... אין טאָרי האָט א מאן וואס האָט גאנץ נישקשהדיק גערעדט ענגליש מיר דערציילט, אז ער איז געפֿאָרן אויף א שיפֿל מיט א קאָמפּאניע פֿון זײַנע מיטאינדזלערס קיין מאָגוויל אין איניזהאוען, און אויף צו כא־ראקטעריזירן זיי, וואס זיי האָבן גערעדט מערניט איריש, האָט ער געזאָגט, אז ער „האָט זיך געשעמט מיט זיי; זיי זײַנען געשטאנען ווי די טאָקן; א פּנים פֿון בהמות האָבן זזי געהאט.״ [58]

וועגן דעם לערער אויפֿן אינדזל טאָרי שרײַבט קינען:

ער איז אומפּאָפּולער ביַי די עלטערן, וואָרעם די קינדער טוען ניט קיין פּעולה אין אײַנשאפֿן זיך א גרינגן באנוץ פֿון ענגליש.[59]

און דובאָיז גיט נאָך צו אָזוינע באטראכטונגען:

די פּראָפֿעסיאָנעלע און קאָמערציעלע קלאסן פֿון די שטעט האָבן שוין לאנג צוריק אויפֿגעגעבן דעם באנוץ פֿון דער אירישער שפּראך, און אויף אזא אופֿן האָבן זיי זיך מיט זייער אייגענעם פֿרײַען ווילן [מײַן קורסיוו — ב. ש.] אָפּגעשניטן פֿון די קוואלן פֿון נאציאָנאלער טראדיציע. זינט דער עמאנציפּאציע פֿון די קאטויליקן אין 1829 איז די בורזשואזיע געוויינטלעך צוגעצויגן געוואָרן דורך רעגירונג־פּאָסטנס פֿון כּל־המינים, דורך שטעלעס אין די בענק און אין די גרויסע געשעפֿטן, ווו דער הערשנדיקער גײַסט איז בדרך־כּלל אנגלאָ־זאקסיש, אויב ניט אנטי־איריש ממש. אָבער דער חורבן פֿון דעם דאָזיקן קלאס איז מער ווי אלץ געקומען פֿון זײַן פֿארלאנג ניט אויס־צוהיילן צו באוווּנדערן און נאָכצומאכן אלץ וואס איז ענגליש . . . נאָר דאס וואס ס׳איז בכּבֿודיק האָט א ווערדע; איצט איז אלץ וואס ס׳איז ענגליש בכּבֿודיק, און קיין זאך וואס איז ניט ענגליש איז ניט בכּבֿודיק.[60]

פֿאַראן נאָך און נאָך עדות, אז די אירלענדער האָבן זיך געשעמט מיט זייער שפּראך:

אָרטיקע מענטשן האָבן געהאלטן, אז זייער מאמע־לשון איז נאָר גוט צו ווענדן זיך צו זייערע חזירים.[61]

---

58. *Reports from Commissioners,* XX, pp. 143-144, 1857-8.

59. דאָרט, XX, ז׳ 146.

60. דובאָיז, דצ״וו, ז׳ 395.

61. "Bubble of Gaelic," p. 374.

דובאָיז גיט איבער וועגן אַ פֿאַל, ווען מאַנסיניאָר מעקהעיל האָט פֿאַר־געלייגט, מען זאָל פֿירן די דיסקוסיע וועגן ביסקופֿשאַפֿט־ענינים אויף איריש, האָט איינער פֿון די הערן געענטפֿערט: „איַער גנאָד, איך האָב צו שטאַרק דרך־ארץ פֿאַר איַיך".[62] דער זעלביקער מחבר גיט איבער, אַז אַ פֿעלדאַרבע־טער האָט געפֿרעגט אַ חבר אַ פֿראַגע אויף איריש און געקריגן אַ תּשובֿה: „דער רוח זאָל דיך נעמען, איך קען דען ניט ריידן ענגליש אַזוי ווי דו?"[63]

נאָך אַן אַנדער שרײַבער זאָגט:

ניט ענגלאַנד האָט אונטערדריקט געליש; געליש איז שוואַך און פֿאַרוועלקט געוואָרן פֿונעם סאָציאַלן און קלויסטערשן שאַנדפֿלעק וואָס די אירלענדער אַליין האָבן אַרויפֿגעלייגט . . . אין משך פֿון די לעצטע הונדערט יאָר האָבן זיי גערנוויליק גענומען אויף זיך אַן אויסלענדישן שטאַמפּ און זײַנען כּמעט אין גאַנצן אַנגליזירט גע־וואָרן.[64]

פֿון די אַלע פֿאַקטן און אַרויסזאָגונגען קען מען מאַכן נאָר איין אויספֿיר: אַז די גיכע ירידה פֿון איריש האָט ניט נאָר ניט באַגעגנט קיין קעגנשטעל מצד די איריש־ריידערס, נאָר אַדרבא, דער פּראָצעס איז שטאַרק פֿאַרגיכערט געוואָרן דורך זייער באַגער צו מאַכן ענגליש פֿאַר זייער שפּראַך. אַן אָב־סערוואַטאָר זאָגט וועגן דעם סוף 19טן יאָרהונדערט:

. . . ניטאָ אַפֿילו קיין צוויי צווישן יעדע הונדערט היגלענ־דערס[65] וואָס זאָלן אין גאַנצן ניט קענען דאָס אַנגלאָזאַקסישע לשון. ס'איז אַ פֿאַקט, אַז איריש הערט מען זעלטן אַפֿילו אין די הײַזקעס אין פֿאַרוואָרפֿענע געגנטן.[66]

און

אַ סך וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען איריש אין זייערע יונגע יאָרן האָבן דאָס איצט אין גאַנצן פֿאַרגעסן.[67]

אין 1921 האָט מען געקענט זאָגן וועגן געליש, אַז דאָס איז

ניט קיין סך מער ווי אַ פֿאַרגייענדיקער דיאַלעקט פֿון דעם אומ־פּרוכפּערדיקן און אָפּגעשטאַנענעם מערבֿ [פֿון אינדזל אירלאַנד].[68]

5

פּרווון זיך אָנצונעמען פֿאַר איריש זײַנען פֿון דעסט וועגן געווען אַפֿילו איידער ס'איז אין 1877 געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפֿט אויפֿצוהיטן די

62. דובאָיז, דצ"וו, ז' 395.
63. דאָרט, ז' 396.
64. "Politics of Language", p. 487.
65. Natives.
66. האָל, דצ"וו, ז' 509.
67. קאָהל, דצ"וו, ז' 31.
68. "Politics of Language," p. 487.

אירישע שפּראַך. געוואַקסן זײַנען די פּרוּוון פון צוויי מאָטיוון: צו פאַר־שפּרייטן פּראָטעסטאַנטיזם צווישן די וואָס ריידן יאָ איריש אָדער אויסצוּנוצן איריש ווי אַ העלפּמיטל בײַם לערנען ענגליש מיט קינדער, וואָס איריש איז זייער נאַטירלעכע שפּראַך.

נאָך אין 1620 האָט קיניג דזשיימס געשריבן צו סער אַליווער סט. דזשאָן, דעפּוטאַט פון אירלאַנד, אַז די פּויפּסישע גײַסטלעכע האָבן אַרײַנגעפירט די אירלענדער אין טעות, אײַנגלייבעניש און ווידערשפּעניקייט און אַז מען דאַרף האָבן מער אויפגעקלערטע גײַסטלעכע וואָס זאָלן קענען ריידן די שפּראַך פון דער באַפעלקערונג. די פאַרוואַלטערס („גאָווערנאָרס") פון טריניטי קאָ־לעדזש, האָט ער געשריבן, פאַרניצן שלעכט די הכנסות וואָס מען האָט זיי אָנגעטרויט, אויב ס'איז זיי ניט געראָטן אויסצובילדן אַ רעכטע צאָל היגלענ־דערס, זיי זאָלן קענען לערנען מיט און פּריידיקן צום עולם וואָס איז נעבעך אַזוי עם־האַרציש. ווײַטער פאַראָרדנט ער, אַז אַ צאָל יונגע מענטשן מיט אַ פעסטער קענטעניש פון איריש זאָלן אַרײַנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט און אויפגעהאַלטן ווערן דאָרט צוויי אָדער דרײַ יאָר, ביז וואַנען זיי וועלן האָבן דערגאַנגען די יסודות פון רעליגיע און וועלן קענען פּריידיקן צו די היגלענדערס אין זייער אייגענער שפּראַך. פּאַראַפיעס וואָס ווערן פרײַ צווישן די „ריין אירישע"[69] דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן צו די מענטשן.[70] 1820 האָט אַרציביסקופּ קינג געשריבן צו אַרמאַנד, דעם לאָרד־לייטענאַנט פון איר־לאַנד, אַז אין די אינטערעסן פון אַריבערברענגען פּאַפּיסטן צום פּראָטעסטאַנ־טיזם רעקאָמענדירט ער איבערצוזעצן און אָפּצודרוקן דעם נײַעם טעסטאַ־מענט און דאָס תּפילות־בוך און געקליבענע פּריידיקן אין אירישער שריפט און שפּראַך, און צעטיילן דאָס צווישן די אירלענדער.[71] אין דער ערשטער העלפט 19טן י"ה זײַנען אַרויס בראָשורן מיט אַ רוף צו לערנען מיט די אירלענדער מאָראַל און ביבל אויף זייער אייגענעם לשון.[72] 1855 האָט פּ. דזש. קינען רעקאָמענדירט צו לערנען ענגליש דורך איריש — ניט כּדי אויפצולעבן איריש, נאָר ווײַל איריש איז נאָך אַלץ געווען די איינציקע שפּראַך פון אַ סך קינדער אין די פאַרוואַרפענע מערבֿדיקע דיסטריקטן, איבער וועלכע ער איז געווען דער ממונה. אָט זײַנען זײַנע ווערטער:

---

69. "Mere Irish".

70. *Patent Roll James I, May* 1620. P.R.O. Ireland. In: T. Corcoran, *State Policy in Irish Education,* p. 65.

71. *Autobiography of Archbishop King,* p. 296.

72. למשל: Rev. Christopher Anderson, *Memorial on Behalf of the Native Irish, with a View to their Improvement in Moral and Religious Knowledge, Through the Medium of their Own Language;* Charles Orpen, *The Claim of Millions of our Fellow-Countrymen . . . to be Taught in Their Own and Only Language, the Irish.*

די טעמפּסטע קינדער וואָס איך האָב וועגן עס איז באַגעגנט זײַנען די וואָס האָבן געלערנט ענגליש פֿלײַסנדיק זיך צו פֿאַרגעסן איריש. ס'איז שווער צוצוטראַכטן עפּעס אַ שווערערן שטייגער לערנען ווי אָנצוהייבן אונדזער ערשטן אַלפֿאַבעט, אונדזער ערשטן טראָף און אונדזער ערשטן פּרוּוו צו לייענען אין אַ שפּראַך, וואָס מיר ווייסן פֿון איר גאָרניט, און דאָס אַלץ אָן די מיטלען אײַנצושטעלן אַ שײַכות מיט אָדער צוצוגלײַכן דאָס צו אַ וואָרט פֿון אונדזער מאַמע-לשון. אָט דאָס איז די אָפּקומעניש וואָס די איריש-רײידנדיקע קינדער דאַרפֿן דורכגיין, און דער נאַטירלעכער רעזולטאַט איז, אַז דאָס ענגליש וואָס זיי נעמען איבער איז זייער ניט שלימותדיק. די ריכטיקע פּאָליטיק פֿונעם פּעדאַגאָג, לויט מײַן מיינונג, וואָלט געדאַרפֿט זײַן צו לערנען די איריש-רײידנדיקע מענטשן גראַמאַטיש און גע-זונט איריש, און דערנאָך לערנען זיי ענגליש דורכן מעדיום פֿון זייער אייגענער שפּראַך.[73]

געפּועלט האָט ער ניט. אין 1884 האָט די געלישע אוניע איבער אַ נײַס אויפֿגעהויבן די פֿראַגע אונטערשטרײַכנדיק דאָס אויפֿהיטן די שפּראַך. אָפּ-וואַרפֿנדיק ווידער אַ מאָל דעם פֿאָרשלאָג, האָט די נאַציאָנאַלע שול-פֿאַרוואַל-טונג אַזוי כאַראַקטעריזירט אירלאַנד:

אַ לאַנד, וווּ אַלע אינטערעסן, סאָציאַלע, קאָמערציעלע און פּאָ-ליטישע, גיסן זיך צונויף אויף צו פֿאַוואָריזירן, אַז דאָס פֿאָלק זאָל אָננעמען די ענגלישע שפּראַך.[74]

אָבער פֿאָרט איז שוין די פֿאַרוואַלטונג ניט געווען אויף הונדערט פּראָ-צענט אויסגעהאַלטן: 1879 האָט זי, אויף דער השתדלות פֿון דער געזעלשאַפֿט אויפֿצוהיטן די אירישע שפּראַך,[75] אַרײַנגעשטעלט איריש ווי אַן עקסטרע-לימוד אין דער פּעולות-פּראָגראַם פֿון די נאַציאָנאַלע שולן,[76] און מיט אַ יאָר שפּעטער איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן פֿאַר איריש דער קוואַרטל-אָפּצאָל פֿון 2 שילינג, וואָס מען האָט בדרך-כּלל גערעכנט פֿאַר אַן עקסטרע-לימוד.[77]

די אָקערשט דערמאָנטע געזעלשאַפֿט איז געגרינדעט געוואָרן 1877. זי האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע גרינגע לערן-און טעקסט-ביכער פֿאַר געליש, אָבער אַזוי איז זי ניט געווען זייער אַקטיוו. 1888 האָט זיך געגרינדעט די געלישע אוניע,[78] וואָס איר ציל איז געווען אויפֿצווועקן דעם אינטערעס צו דער אירישער שפּראַך. 1893 איז געקומען די געלישע ליגע [79] וואָס האָט

73. *Parliamentary Papers,* XXVII, ii, pp. 75 ff.

74. *Accounts and Papers,* LXI, p. 624.

75. Society for the Preservation of the Irish Language.

76. *Accounts and Papers,* LX, p. 495.

77. דאָרט, LXI, ז' 628.

78. Gaelic Union.

79. Gaelic League.

גענומען אָנפֿירן בילדונגס־טעטיקייט אין די ווײַטסטע ווינקלען פֿונעם לאַנד. זי האָט אָפּגעדרוקט טויזנטער ביכער און בראָשורן אין געליש, נאָר, כאָטש זי האָט זיך קיין מאָל ניט אונטערגעגעבן און עקסיסטירט נאָך אַלץ, זײַנען אירע אויפֿטוען געווען ניט איבעריקס גרויסע.[80]

דערנאָך איז געקומען די גרינדונג פֿון דער אירלענדער רעפּובליק מיט איר קאָנסטיטוציע וואָס פּראָקלאַמירט, אַז געליש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך. דעם לעצטן טייל פֿון אונדזער אַרבעט וועלן מיר אָפּגעבן אויף צו באַטראַכטן, ווי ווײַט עס איז געראָטן דער נײַער מלוכה־מאַכט אַוועקצושטעלן איריש אויבן אָן. די פֿאַקטן וואָס מיר געפֿינען אין דער ליטעראַטור זאָגן ניט אַלץ, אָבער פֿאָרט זאָגן זיי אַ סך.

6

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז געחתמעט געוואָרן דעם 28טן יאַנואַר 1922 און אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿאַר די שולן אין אַפּריל. זי איז אויפֿגעבויט אויף דעם געדאַנק, אַז ס׳איז וויכטיק ביז גאָר צו לערנען מיט די קינדער דורכן מעדיום פֿון איריש. די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, 1925־26, האָט אונטערגעשטיצט און אויסגעברייטערט דעם קוק און אונטערגעשטראָכן, אַז ווו נאָר דער לערער איז בכּוח צו פֿירן דעם לימוד אין איריש און די קינדער זײַנען בכּוח צו באַנעמען, דאַרף די לערנשפּראַך זײַן איריש. ווו דאָס איז ניט אַזוי, דאַרפֿן געניצט ווערן ביידע שפּראַכן; דערבײַ דאַרף דער באַנוץ פֿון איריש אויסגעברייטערט ווערן פֿון קלאַס צו קלאַס, אָנהייבנדיק מיטן נידעריקסטן, און פֿון לימוד צו לימוד, אָנהייבנדיק מיט דעם וואָס איז צום פּאַסיקסטן. יולי 1931 איז אַרויס אַ צירקולאַר, אַז ווו די דערמאָנטע באַדינגונגען זײַנען דורכגעפֿירט דאַרף דאָס לערנען אויף איריש ווערן אַ מוזזאַך; און ווו די געהעריקע קענטענישן בײַם לערער און די פֿעיִקייטן בײַ די קינדער אַנטוויקלען זיך, דאַרף דאָס לערנען אין איריש פֿאַרגרעסערט ווערן.

די דאָזיקע צוואַנגפּראָגראַם ווערט אונטערגעשטיצט דורך דעם סאָציאַלן דרוק פֿון די אָפּגעטיילטע שפּילפּלעצער: איין העלפֿט ווערט געניצט פֿון די קינדער וואָס רײדן נאָר איריש אין דער אָפּרו־שעה, די צווייטע פֿון די קינדער וואָס רײדן ענגליש.[81] די וואָס שרײַבן זייערע עקזאַמען־אַרבעטן אין גאַנצן אין איריש באַקומען העכערע צייכנס מיט דער ברייטער האַנט. די פּראָגראַם ווערט אויך היפּש געשטיצט דורך פֿינאַנציעלע אַסיגנירונגען פֿון פֿאַרשיידענע מינים.

בכדי צו פֿאַרשטיין דעם ווײַטערדיקן ציטאַט, דאַרף מען האָבן אין

80. Sir James O'Connor, *History of Ireland* 1798-1924, II, p. 243.

81. Ilse O'Sullivan-Koehling, "To Make Irish a Living Language," *The New Ireland,* issued with *The Irish Press,* June 11, 1937, pp. 24-25.

זינען, אַז אויפֿן סמך פֿון דער פֿאָלקסציילונג זײַנען אין דער רעפּובליק איר־לאַנד אויסגעטיילט באַזונדער די געלישע שטחים (Gaeltacht) און אַז זיי שטעלן זיך צונויף פֿון צוויי קאַטעגאָריעס: Fior-Ghaedhealtacht, ווו 80 אָדער מער פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג ריידן איריש, און Breac-Ghaedhealtacht, ווו 25 ביז 70 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג ריידן איריש. די דאָזיקע געלישע שטחים זײַנען ס'רוב דאָרפֿישע.[82] אין 1937 האָט דער אירלענדער בילדונגס־מיניסטער געשריבן:

נעמענדיק אין אַכט, אַז די יונגע קינדער זײַנען דער סאַמע בעסטער באָדן צו האָדעווען די שפּראַך, האָט מען מיט דרײַ יאָר צוריק אײַנגעפֿירט אַ סיסטעם, אַז עלטערן און אַפּוטראָפּסים פֿון קינ־דער וואָס גייען אין שול אויף די דערמאָנטע שטחים (Gaeltacht) זאָלן באַקומען אַ סובסידיע פֿון 2 פֿונט פֿאַר יעטווידער קינד צווישן 6 און 14, ווו איריש איז די שפּראַך פֿון די נאָרמאַלע באַציִונגען אין דער היים און בתּנאי, אַז דאָס קומען אין שול און די פּעולות אין משך פֿון יאָר זײַנען געווען צופֿרידנשטעליק. ס'איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די סיסטעם האָט שטאַרק געהאָלפֿן זינט איר אײַנפֿירונג אויפֿצוהיטן איריש אין איר פּאָזיציע פֿון אַ נאָרמאַלער שפּראַך אין Fior-Ghaedhealtacht, אחוץ וואָס די שפּראַך איז באַלעבט און גע־שטאַרקט געוואָרן אין די דיסטריקטן, ווו ס'האָט זיך געהאַט אָנגע־הויבן אַ ירידה.[83]

וועגן די מיטלשולן הערן מיר פֿון אַן אַנדער חסיד פֿון דער „איִרישי־זירונג":

פֿון סאַמע אָנהייב האָט מען די פּאָליטיק פֿון לערנען לימודים אויף איריש גענומען פֿאָוואָריזירן אין די מיטלשולן. שולן, ווו ניט ווינציקער ווי אַ העלפֿט אַרבעט ווערט געטאָן אויף איריש, ווערן קלאַ־סיפֿיצירט ווי A - שולן; ווו דער סכום לערנען אויף איריש איז קלע־נער, זײַנען די שולן פֿאַררעכנט אין דער קאַטעגאָריע B. אַזוינע שולן באַקומען אַ פֿאַרגרעסערטע קאָפּ־סובסידיע; לערערס וואָס פֿירן דעם לימוד אויף איריש באַקומען אַ ספּעציעלע הוספֿה צו די שכירות, און תּלמידים וואָס ענטפֿערן אין די עקזאַמען־אַרבעטן אין גאַנצן אויף איריש באַקומען צוגאָב־צייכנס (דאָס רובֿ אַ הייבונג אויף 10 פּראָצענט). פֿון די 327 מיטעלע שולן אין דער רעפּובליק אירלאַנד איז אין 70 די לערנשפּראַך כּמעט דורכויס איריש, בשעת ווען אין 130 אַנדערע ווערט אַ היפּש ביסל געלערנט אין איריש.[84]

כּדי צו באַוואָרענען, אַז די לערער־סעמינאַרן זאָלן האָבן אַ גענוגע צאָל

82. Irish Free State, *Census of Population,* I, p. 130 (1926).
83. *The New Ireland,* p. 16.

84. אָסאָליוועַן־קאָהלינג, דצ"וו, ז' 25.

סטודענטן וואָס ריידן איריש פּליסיק און קענען די שפּראַך גרונטיק, האָט דער בילדונגס־דעפּאַרטעמענט 1926 איינגעפירט אַ סיסטעם צוגרייט־קאָלעדזשן מיט אינטערנאַטן, כּדי אין משך פון פיר יאָר צו געבן אַ פולע אויסבילדונג אויף איריש; די קאַנדידאַטן ווערן אָפּגעקליבן דורך אַ קאָנקורס־עקזאַמען. פאַר די אַפּליקאַנטן וואָס קומען פון די איריש־ריידנדיקע דיסטריקטן האָט מען תּחילת באַשטימט ספּעציעלע הנחות און צוגעגעבן זיי חשק מיט סטיפּענדיעס, פּרייזן, סובסידיעס און אַנדערע פינאַנציעלע שטיצעס.[85]

אַ הודעה פון „יוניווערסיטי קאָלעדזש" אין גאַלוויי לייגט פאַר סטיפּענדיעס פאַר מוטערשפּראַכיקע איריש־ריידערס אין דער הייך ביז 1,000 פונט אַ יאָר, און ווי אַ צוגאָב ווערט געמאָלדן, אַז דער בילדונגס־דעפּאַרטעמענט גיט אַרויס אַ צאָל סטיפּענדיעס אין דער הייך פון 110 פונט אַ יאָר פאַר מוטערשפּראַכיקע איריש־ריידערס. מיט דעם אַז די סטיפּענדיע זאָל אויסגעניצט ווערן אין קאָלעדזש. אין דער הודעה זאָגט זיך:

> סטודענטן פון קאָלעדזש האָבן אויסגעצייכנטע געלעגנהייטן צו ווערן פליסיקע איריש־ריידערס.[86]

אַחוץ דער אַרבעט דורך די שולן האָבן אין די לעצטע יאָרן געאַרבעט פאַר איריש גרויסע אָרגאַניזאַציעס.

איינע פון זיי איז די Coiste na bPaisti. זי שטרעבט צו געבן יוגנטלעכע אַ מיגלעכקייט צו פאַרברענגען אַלע יאָר אַ פּאָר וואָכן אין די אירישע דיסטריקטן און אויף אַזאַ אופן צוצולערנען זיך איריש. די באַוועגונג ווערט פינאַנצירט דורך צושטייערס פון עולם, דורך זאַמלונגען וואָס שולקינדער מאַכן ביי זאַמלטעג, דורך אַסיגנירונגען פון יוניאָנס און אַ צוגאָב־סובווענץ פון בילדונגס־דעפּאַרטעמענט.

דער Clan na hEireann איז געגרינדעט געוואָרן 1934 מיטן ציל צו געבן דער יוגנט פיזישע אויסבילדונג מיט דער הילף פון דער אירישער שפּראַך. מען גיט זיך אָפּ מיט גימנאַסטיק און אַנדערע פאַרווײַלונגען אי אין זאַלן אי אונטערן פרייען הימל; די גאַנצע טעטיקייט ווערט געפירט אין איריש.

אין 1934, אין פעברואַר, איז אויך געשאַפן געוואָרן די ליגע פאַר שול־דראַמעס. זי איז אונטער דער דירעקטער השגחה פונעם בילדונגס־מיניסטער און ווערט פון אים געשטיצט. דער געדאַנק איז צוצולערנען די קינדער ריידן פליסיק איריש און אויסצובילדן זייער פאַרשטאַנד אין דראַמאַטישע פאַרשטעלונגען, בכדי אויף אַזאַ אופן צוצוגרייטן אַן עולם פאַר דעם קומענדיקן גאַלישן טעאַטער. די ליגע האָט ביז איצט אָפּגעהאַלטן פיר דראַמאַטישע

85. דאָרט, ז' 25.

86. *Manchester Guardian Commercial, Irish Free State,* June 4, 1937, p. 28.

פֿעסטיוואַלן און קאָנקורסן, און ס׳זײַנען פּובליקירט געוואָרן עטלעכע טוץ נײַע שולפּיעסעס אין איריש.[87]

נאָך אַן אָרגאַניזאַציע אין דעם פֿעלד איז באַוווּסט אונטערן נאָמען An Fainne. דאָס איז אַ פֿעדעראַציע פֿון כמו־מאַסאָנישע קלובן: מיטגלידער קענען זײַן קינדער וואָס האָבן באַוויזן, אַז זיי קענען ריידן איריש. נאָך דעם ווי אַ קינד האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פֿאַר אַן עקזאַמענירער פֿון צענטער, באַקומט דער קאַנדידאַט אַ פֿינגערל, וואָס דאָס איז אַ סימבאָל: ס׳זאָגט עדות, אַז דער טרעגער פֿונעם פֿינגערל איז גרייט צו ריידן איריש, און מערניט איריש, צו יעדערן ווער עס טראָגט אַזאַ פֿינגערל.[88]

1924 איז איריש אײַנגעפֿירט געוואָרן אין די געריכטן,[89] אין 1929 איז אַרויס אַ געזעץ וואָס פֿאָדערט אויף להבא פֿון אַלע יוריסטן, זיי זאָלן ווי ס׳געהער צו זײַן קענען איריש. „ווי ס׳געהער צו זײַן"[90] ווערט דעפֿינירט אַזוי:

> אַזאַ גראַד מינדלעכע און שריפֿטלעכע באַהאַוונטקייט אין באַנוץ פֿון דער שפּראַך, וויפֿל ס׳איז גענוג צו מאַכן פֿעיִק אַ יוריסט־פּראַקטיקער מיט אַ פּעולה אָנצונעמען אינסטרוקציעס, צו געבן עצות קליענטן, צו פֿאַרהערן עדות און נאָכצופֿאָלגן נאָך פֿאַרהאַנדלונגען אויף איריש.[91]

אַ קענטעניש פֿון איריש איז געוואָרן אַ תּנאַי קודם למעשׂה פֿאַר יעטווידער שטעלע וואָס געפֿינט זיך אין רשות פֿון דער רעגירונג,[92] און אַ נײַע תּקנה וואָס דאַרף אַרײַן אין קראַפֿט פֿעברואַר 1942 פֿאָדערט פֿון אַלע לערערס, אַז זיי מוזן האָבן צײַגענישן וועגן אַ געוויסן סכום קענטענישן אין איריש, אויב זיי ווילן געניסן פֿון רעגירונגס־הוספֿות.[93]

ס׳איז ניט שווער זיך אויסצומאָלן, ווי גרויס עס זײַנען געווען די שוועריקייטן פֿאַרן פּראָגרעס פֿון איריש. איין מניעה איז געווען דאָס וואָס ס׳זײַנען ניט געווען קיין גוט אויסגעשולטע לערערס. טיילווײַז האָט מען זיך אַן עצה געגעבן דורך דעם וואָס מען האָט אײַנגעאָרדנט זומערקורסן, אינטענסיווירט דאָס שטודירן איריש אין די לערער־סעמינאַרן, געשאַפֿן די פֿרײַער

87. P. O'Sullivan, "Only Volunteers Can Revive the Language," *New Ireland*, p. 34.

88. אָסאָליוועַן, דצ"וו, ז' 36.

89. Courts of Justice Act, no. 10, sec. 36, part V.

90. Competent.

91. Legal Practitioners (Qualifications) Act.

92. "Letter from Dublin", *Saturday Review*, vol. 143, p. 895 (June 11, 1927); C. T. Fleming, "Tedium of Iirish," *Spectator*, vol. 158, p. 1180 (June 25, 1927); *Irish Statesman*, December 8, 1923, p. 400.

93. *Irish Times*, November 27, 1940, p. 4.

דערמאָנטע צוגרייט־קאָלעדזשן. אַלע לערערס וואָס זײַנען אין 1922 געווען עלטער פֿון פֿופֿציק האָט מען פּענסיאָנירט. די לערערס גופֿא צווישן זיך האָבן אָנגעפֿירט קאָרעספּאָנדענץ־קורסן, פּריוואַטע קלאַסן, געלערנט איריש פֿון גראַמאָפֿאָן־טאָוולען, געמאַכט עקסקורסיעס אין די אירישע דיסטריקטן אַרײַן.[94]

ס'האָבן געפֿעלט גוטע טעקסטביכער,[95] נאָר צו דעם האָט מען אויך ווי עס איז געפֿונען אַ תּרופֿה. דער גרעסטער שטער פֿאַר דער אמתער אויפֿלעבונג און אויסשפּרייטונג פֿון איריש איז דאָס וואָס דער אַפּרוף פֿונעם עולם איז ניט געווען קיין צו שטאַרקער. דאָס וואָס ס'ווערט דאָ געזאָגט דאַרף מען ניט אָננעמען פֿאַר לעצטגילטיקע קאָנסטאַטירונגען. דער פּראָצעס האַלט נאָך אָן, און זאָגן נבֿיאות וועגן זײַן אויסגאַנג איז ריזיקאַליש. חוץ דעם איז די מחברטע פֿון דעם איצטיקן אַרטיקל אין אַ קלעם: זי האָט געפּרוּווט אויסגעפֿינען וואָס מער אַרויסזאָגונגען פֿון ביידע צדדים, פֿאַר און קעגן, אָבער זי האָט געהאַט אַ צוטריט נאָר צו די ענגלישע מקורים, ניט צו די געלישע. דאָס וואָס ס'איז דאָ צונויפֿגענומען קען דעריבער דינען ניט מער ווי מאַטעריאַל: מיר זעען די שוועריקייטן פֿאַר דער אירישער שפּראַך־באַוועגונג, אָבער מיר קענען ניט תּמיד זאָגן, אויף וויפֿל די אָפּשאַצונגען פֿון דעם אָדער יענעם שרײַבער זײַנען גערעכט.

אין די ערשטע יאָרן פֿון דער אירישער רעפּובליק איז דער באַנוץ פֿון איריש משמעות געווען מער אַן אויסווייניקסטע זאַך פֿון דעמאָנסטראַציע וועגן. אַן אויטאָר מיט אַ קאָפּ איראָניע האָט געשריבן 1924:

[שוין נאָך דעם ווי געליש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך] איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל ניט בעסער ניצן ענגליש, ווען ס'איז געגאַנגען וועגן אַן ערנצטן ענין. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן..., ווען דער צווייטער Dail [פֿאַרשטייערשאַפֿט], אויסגעקליבן אין 1920, האָט געדאַרפֿט דעבאַטירן, צי ער נעמט אָן דעם פּראָיעקט פֿונעם אָפּמאַך [מיט ענגלאַנד], וואָס די פֿינף אירישע רעפּרעזענטאַנטן האָבן אונטערגעשריבן דעם 6טן דעצעמבער 1921. אַ גרויסע טייל פֿאַרהאַנדלונגען איז געווען בײַ פֿאַרמאַכטע טירן. נאָר אויף די עפֿנטלעכע זיצונגען איז די גרעסטע טייל רעדעס, און אַלע רעדעס וואָס האָבן געהאַט אַ וואָג, געהאַלטן געוואָרן אין ענגליש...

די דערווײַליקע רעגירונג פֿון דער רעפּובליק, ווען זי האָט זיך אויסגעפֿורעמט, און שפּעטער די רעגולערע אַדמיניסטראַציע אונטער

---

94. אָסאָליוועז־קאָהלינג, רצ״ו, ז׳ 24.
בכדי צו כאַראַקטעריזירן דעם מחבר, דאַרף מען זאָגן, אַז לויט זײַן מיינונג איז גוט, וואָס מען האָט זיך גענומען שטאַרקער לערנען איריש, אָבער ער איז מסופּק, צי מען קען איבער געוואַלד מאַכן פֿון איריש אַ שפּראַך פֿאַר „טאָגטעגלעכע באַדערפֿענישן.״

95. *Irish Statesman,* January 17, 1925.

דער אירישער קאָנסטיטוציע, איז געגאַנגען מיטן זעלביקן גאַנג. ס'איז אַריַינגעשטעלט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע, אַז איריש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך און אַז אַלע באַשלוסן פֿון פּאַרלאַמענט דאַרפֿן פֿאָרמולירט ווערן אין איריש. Oireachtas איז באַשלאָסן געוואָרן ווי דער עקוויוואַלענט פֿאַר פּאַרלאַמענט, Dial פֿאַר דער אונטערשטער פּאַלאַטע, Seanad פֿאַר דער אייבערשטער. פֿראַגעס האָבן געדאַרפֿט געשטעלט און פֿאַרענטפֿערט ווערן אין איריש. די טאָג־אָרדענונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין איריש. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט מען געמאַכט אַ היתּר. מען האָט באַלד אַוועקגעוואָרפֿן דעם גאַנג פֿון אָנהייבן רעדעס אין איריש און דערנאָך זאָגן דאָס אייגענע אין ענגליש; נאָך וויכטיקער איז, וואָס דאָס מיניסטעריום האָט בײַם אַרויסגעבן מעלדונגען, וואָס אַ סך פֿון זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט ענינים פֿון לעבן און טויט, מוותּר געווען אויף איריש, לכל־הפּחות אין די ענטלעכע דרוקן.[96]

אַן אַנדער אָבסערוואַטאָר האָט געשריבן שפּעטער (צום באַדויערן איז דאָס בוך ניט דאַטירט):

זיכער לערנט היַינט אַ סך אַ גרעסערע צאָל מענטשן געליש איידער מיט אַ דור צוריק. די שולן האָבן דאָס אײַנגעפֿירט. אַ סך דערוואַקסענע האָבן זיך גענומען דערצו, אָדער פֿון ליבע אָדער איבער די גוטיקייטן וואָס מען קען דערפֿאַר באַקומען. אָבער ס'איז אַ שווערע שפּראַך, און אַ סך וואַרפֿן דאָס אַוועק איידער זיי האָבן דערגרייכט וועלכן עס איז גראַד באַהאַוונטקייט. באַקומען פֿעיִקע לערערס איז שווער, און דאָס ביסל קענען אויפֿן שפּיץ מעסער — אַלץ וואָס אַ סך פֿון זיי קענען געבן — ווערט אָפּט גיך פֿאַרגעסן. אויך איז בשום־אופֿן ניט זיכער, אַז אַזאַ גרויסער שינוי קען אַראָפּגעבראַכט ווערן דורך מעטאָדן פֿון צוואַנג; ס'זיַינען שוין פֿאַראַן אַ סך סימנים פֿון אומרויִקייט. די וואָס שטופּן דאָס צו מיט האַסט קענען אַ מאָל אויסגעפֿינען, אַז זיי רופֿן אַרויס קעגן דעם אַ היפּש ביסל אָפּאָזיציע, וואָרעם אירלענדער האָבן פֿיַינט, אַז מען טריַיבט זיי. די דורכפֿיר־לעכקייט פֿון דער אויפֿלעבונג איז פֿאַקטיש געווענדט אין דעם, צי אַ גענוג גרויסע צאָל מענטשן וויל דאָס מיט אַזאַ ברען, אַז זיי זאָלן גרייט זיַין צו נעמען אויף זיך די גרויסע פֿאַרדרייעניש צו ווערן געניט אין רײדן. וועגן דעם איז פֿאַראַן אַ סך גרונד צו זיַין אין ספֿק.[97]

---

96. Stephen Gwynn, *Ireland*, p. 145.

אַ קאָרעספּאָנדענט האָט סוף 1925 קאָנסטאַטירט, אַז ס'איז ניטאָ קיין עכטע התלהבֿות פֿאַר דער געלישער שפּראַך, סיַידן דאָס ברענגט אַ בעסערע שטעלע אָדער אַ געווינס אין מזומן. זע:
"Gaels and Free Staters", *New Statesman*, vol. 26, November 28, 1925, p. 200.

97. B. C. Waller, *Hibernia or the Future of Ireland*, pp. 56-58 n. d.

די פֿאָלקסציילונג פֿון 1926 פֿאַרצייכנט, אַז אין די אירישע דיסטריקטן איז די צאָל איריש־ריידערס אין די יאָרן 1911־1926 געפֿאַלן אויף 21 פּראָצענט. אינעם רעשט אירלאַנד האָט זיך די צאָל איריש־ריידערס געהויבן אויף 24 פּראָצענט; אָבער דער באַריכט גיט צו:

די קוואַליטאַטיווע שינויים ווערן ניט געמאָסטן דורך דער דאָזיקער סטאַטיסטיק. מחמת . . . דער וווּקס פֿון איריש־ריידערס אינעם רעשט רעפּובליק איז פּראַקטיש באַגרענעצט צו קינדער פֿונעם שול־עלטער, וואָס אַ סך פֿון זיי מוזן ניט אַנדערש פֿאַרלירן די שפּראַך, ווען זיי פֿאַרלאָזן די שול. דאָס געווינען איין איריש־ריידער אין אַט דער גרופּע קאָמפּענסירט ניט, פֿון דעם שטאַנדפּונקט, דאָס אָנווערן איין איריש־ריידער אין די אירישע דיסטריקטן.[98]

אַז מען איז ניט זיכער אין די רעזולטאַטן פֿון דער באַוועגונג, זעט זיך אַרויס פֿון דעם וואָס איינער פֿון די הייסטע חסידים פֿון אַרבעטן דורך צוואַנג איז מודה, אַז מען דאַרף אײַנפֿירן שאַרפֿע תקנות ווי אַ קעגנמיטל קעגן „די אַנגליזירנדיקע אינסטיטוציעס וואָס אַנולירן די גוטע אויפֿטוען פֿון די שולן.״[99]

אין יאַנואַר 1939 האָט די געלישע ליגע געהאַלטן פֿאַר נייטיק אַרויסצושטעלן אַ פֿאָדערונג, אַז די מלוכה זאָל ניט שטיצן קיין שום טוריסטיק־ביוראָען סײַדן די אָנגעשטעלטע דאָרטן קענען פֿליסיק ריידן איריש און אַלע זייערע מודעות ווערן פּובליקירט אין איריש.[100] אין יאַנואַר 1941 האָט דער הויפּט־ביבליאָטעקער פֿון דובלין געזאָגט אין זײַן באַריכט:

צום ווינציקסטן פּאָפּולער איז . . . (אַל תּגידו בגת) די געלישע אָפּטיילונג, ווו מען קען צו אָפּט זען די ביכער אויף לאַנג לאַנג אין זייער תּחילתדיקער נײַקייט. בשום אופֿן איז דערין ניט שולדיק די אָנפֿירונג פֿון דער שטאָטישער ביבליאָטעק; זיי גיבן אַכטונג, אַז די געלישע פּאָליצעס זאָלן זײַן פֿאַרזאָרגט מיט די נײַסטע פּובליקירטע ווערק.[101]

אַן אַנדער באַריכט, אַרויסגעגעבן מיט אַ וואָך שפּעטער, לאָזט וויסן, אַז ניט נאָר ווערן ניט אירישע ביכער געלייענט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, נאָר אַז די צאָל אירישע לייענערס איז דאָס לעצטע יאָר געוואָרן קלענער איידער מיט אַ יאָר פֿריִער, און יענע צאָל ווידער איז געוואָרן קלענער לגבי פֿריִערדיקע יאָרן. ס׳ווערט באַמערקט, אַז דער עולם ניצט ניט אויס די געלעגנהייט צו נעמען פֿרײַ אירישע ביכער און דעריבער קוקן געלישע פֿאַרלעגערס

98. *Census of Population,* 1926, I, p. 130.

99. אָסאַליוועון־קאָהלינג, דצ״ו, ז׳ 25.

100. *Irish World,* January 7, 1939, p. 6.

101. *Irish Catholic* January 2, 1941, p. 4.

אַרויס נאָר אויף שולקינדער; איין פֿאַרלאַג וואָס האָט אויסגערעכנט אויף דערוואַקסענע לייענערס איז געבליבן זיצן מיט ניט פֿאַרקויפֿטע ביכער אויף די פּאָליצעס.[102]

אַז ס׳פֿעלן ניט אָפּן סקעפּטישע שטימען, זעט מען פֿון אַ לעקציע אין דער דובלינער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט אין נאָוועמבער 1940. דער רעד־נער האָט געטענהט: מען קען ניט זאָגן, אַז געליש איז דער אויטענטישער מעדיום פֿון ריידן און פֿון ליטעראַטור אין אירלאַנד, ווי באַלד די מערהייט באַפֿעלקערונג רעדט ענגליש.[103]

דער אָפּיציעלער גאַנג איז אָבער אַלץ, ווי דער בילדונגס־מיניסטער האָט דאָס אויסגעדריקט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַז מען דאַרף „מאַכן אי־ריש פֿאַר דער לעבעדיקער ריידשפּראַך פֿונעם לאַנד.“[104] דער סענאַטאָר Laim O Buachalla, דער נײַער פּרעזידענט פֿון דער געלישער ליגע, האָט געזאָגט:

...די אוממיטלבאַרע אויפֿגאַבע דאַרף זײַן צו מאַכן דאָס פֿאָלק באַנעמען, אַז די שפּראַכן־פֿראַגע איז דרינגלעך. מען מוז נעמען פֿאַר־שטיין, אַז די עצם עקסיסטענץ פֿון דער נאַציע איז אין סכּנה, אויב מען וועט ניט צוריק אַוועקשטעלן די שפּראַך אויף דעם אָרט וואָס קומט איר.[105]

און אין אַ רעפּאָרט וועגן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער געלישער געזעלשאַפֿט פֿון דובלינער אוניווערסיטעט, אָפּגעהאַלטן אין נאָוועמבער 1940, לייענען מיר:

די אירישע שפּראַך איז בײַ הײַנטיקן טאָג אין אַ קלאָגעדיקן מעמד. אַפֿילו אין די אירישע דיסטריקטן האָט ענגליש געהאַלטן אין אַרײַנקריכן פֿלינק. יעטווידער מאָדערנער כּוח — די פֿילמען, דער ראַדיאָ און די צײַטונגען — האָבן פֿאַרהאַלטן די צוריקאויפֿלעבונג פֿון דער שפּראַך. די וויכטיקייט פֿון דער שפּראַך איז געווען אַזוי באַשײַמפּערלעך קלאָר, אַז דאָס פֿעלן פֿון אינטערעס בײַם עולם האָט אַרויסגערופֿן חידוש . . . סענאַטאָר פּראָפֿעסאָר מ. הייז[106] האָט געזאָגט, אַז אַפֿילו מיט די מיליאָנען פֿון דער רעגירונג קענען זיי ניט

102. דאָרט, דעם 9טן יאַנואַר, 1941, ז׳ 4; די א ײַ ר י ש ט ײַ מ ז מעלדט דעם 2טן נאָוועמבער, 1940, אַז דער אירישער שטאַט לייענט Gone with the Wind אין גרויסע צאָלן.

103. *Irish Times,* November 2, 1940, p. 3.

104. רעדע פֿונעם בילדונגס־מיניסטער אין דער אונטערשטער פּאַלאַטע, פֿעברואַר 17, 1937, געבראַכט בײַ אָסאַליוון־קאָהלינג, דצ״וו, ז׳ 25.

105. *Irish Times,* November 4, 1940, p. 3.

106. Hayes.

ראַטעווען די שפּראַך סײַדן יעטווידער איינער אין לאַנד זאָל העלפֿן."[107]

דעם זעלביקן חודש נאָוועמבער האָט דער אַרציביסקופּ פֿון דובלין, ריידנדיק בײַ אַ פֿאַרטיילונג פֿון פּרעמיעס פֿאַר קינדער, אָנגעזאָגט די על־טערן, אַז זיי זײַנען מחויבֿ צו לערנען זייערע קינדער איריש, מחמת די קענטעניש פֿון דער שפּראַך איז נייטיק אויף צו פֿאַרנעמען אַ סך פּאָסטנס אין דער רעפּובליק."[108]

אַ צײַטונגס־באַריכט פֿון דעצעמבער 1940 האָט זיך געקלאָגט, אַז די קינדער וואַקסן אויף און קענען ניט קיין איריש, ניט קיין ענגליש."[109] דאָס רובֿ, זאָגט אַן עדיטאָריעלער אַרטיקל אין אַ דובלינער צײַטונג, לאָזן די קינדער איבער זייער איריש אין די קלאַסן־צימערן. דער שרײַבער רעדט אַרום דעם פּראָיעקט אָפּצוקלײַבן דורך אַ שטרענגן עקזאַמען פֿינף און צוואַנציק יונגע־לײַט וואָס זאָלן אַריבערטראָגן דעם געליזיר־פּראָצעס אין די דאָרפֿישע געגנטן פֿון אירלאַנד, און באַמערקט דערבײַ:

ס'איז שוין ניט קיין זכיה מער צו לערנען איריש, נאָר אַ שול־אויפֿגאַבע. אַפֿילו איינער פֿון צען תּלמידים געדענקט ניט מער די פֿינפֿטע טעאָרעם פֿונעם ערשטן בוך אייקלידעס (געאָמעטריע) אַ יאָר נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פֿון שול, און — בלי־ספֿק איבער די זעלביקע טעמים — טראַכט אַפֿילו איינער ניט פֿון צען צו דערמאָנען זיך אָדער צו ניצן זײַן איריש. דאָס איז דער פּסק פֿון אַלע מוז־לימודים."[110]

וועגן דעם, צי די דאָזיקע „מיסיאָנערן" קענען עפּעס אויפֿטאָן, שרײַבט דער אַרטיקל:

מיר רעכענען ניט אויף קיין איין מאָמענט. אַז זיי וועלן שאַפֿן אַן איריש־ריידנדיק לאַנד, אָדער אַפֿילו אַ צווייִשפּראַכיק לאַנד... מיר רעכענען אָבער, אַז זיי קענען דערגרייכן עפּעס אַזוינס וואָס די פֿאַנטאַסטישע הוצאה פֿון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט ניט אויפֿגעטאָן — צו שאַפֿן אַ געוויסן סכום געפֿיל פֿאַר אַ פֿאַרגאַנגענעם רום פֿון דער אירישער ראַסע, אַ שפּראַך וואָס איז כּולל אין זיך אַ ליבלעכע ירושה פֿון ליטעראַטור און געזאַנג."[111]

ווי מיר האָבן געזען, זײַנען געמאַכט געוואָרן היפּש אָנשטרענגונגען צו מאַכן נאַציאָנאַל־געפֿיל און פּאַטריאָטיזם פֿאַר אַ סינאָנים פֿון שפּראַך־ענטור־

---

107. דאָרט, דעם 6טן נאָוועמבער, 1940, ז' 3.
108. דאָרט, דעם 27טן נאָוועמבער, 1940, ז' 4.
109. דאָרט, דעם 10טן דעצעמבער, 1940, ז' 6.
110. דאָרט, אַרטיקל, דעם 23טן דעצעמבער, 1940, ז' 4.

זיאַזם.[112] אָבער פֿון אַלע פֿאַקטן וואָס מיר האָבן געקענט צונויפֿנעמען ווײַזט זיך אַרויס, אַז ביז איצט איז דער ווילן פֿון פֿאָלק ניט גענוג שטאַרק דורכצו־פֿירן די שטרעבונגען פֿון דער רעגירונג. איינער אַ שרײַבער האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעדריקט: אַלע סימנים פֿון אַ הצלחה בײַם אויפֿלעבן די שפּראַך זײַנען געווען, אַחוץ איינעם — דער ווילן צו מאַכן פֿון איריש די שפּראַך פֿון טאָגטעגלעכן לעבן.[113]

---

111. *Irish Times,* December 23, 1940, p. 4.

112. "Irish Language and the Politicians", *Spectator,* October 3, 1925, p. 532; C. T. Fleming, "Tedium of Irish"; M. Tierney, *Education in a Free Ireland; Irish Statesman,* June 14, 1924, p. 431; July 5, 1924, p. 525; July 26, 1924, p. 622; John Sherlock, "Compulsory Irish", *English Review,* vol. 41, pp. 714-717.

113. פֿלעמינג, דצ״ו, ז׳ 1180.

אַנטיסעמיטיזם אין שײַן פֿון דער געשיכטע

פֿון ר י י מ אָ נ ד ק ע נ ע ד י

דער מחבר איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון סאָציאָלאָגיע אין יעיל־אוני־ווערסיטעט, ניו־הייוון. מיר האַלטן, אַז עס איז אינטערעסאַנט פֿאַר די לייענערס פֿון די „ייִוואָ־בלעטער" צו זען, ווי אַזוי אַ ניט־ייִד אַנאַליזירט די סיבות און די ווירקונגען פֿון אַנטיסעמיטיזם. — ר ע ד'.

אין די לעצטע נײַנצן הונדערט יאָר זעען מיר דרײַ עיקרדיקע עלעמענטן אין די באַציִונגען פֿון ניט־ייִדן צו ייִדן. פֿון די דאָזיקע דרײַ עלעמענטן וואַקסן אַרויס אַלע אַנדערע; אין זיי זײַנען געווענדט אַלע אַנדערע קאָמפּאָנענטן. דאָס זײַנען: רעליגיעזער פֿאָראורטייל, עטנאָצענטריזם (ד"ה דער אַלגעמיינער פֿאָר־אורטייל קעגן אַ קיבוץ וואָס טיילט זיך אויס) און שוצלאָזיקייט פֿון ייִדן.

אַרום די דאָזיקע דרײַ עיקרים האָט זיך אויפֿגעבויט אַ שימערירנדיקער קאַליידאָסקאָפּ פֿון צוגאָב־מאָטיוון. צום אָפֿטסטן דערמאָנט מען דעם עקאָנאָ־מישן מאָטיוו. אין מיטל־עלטער פֿלעגן די רעגירערס גאַנץ אָפֿט קאָנפֿיסקירן ייִדיש האָב און גוטס. אַחוץ ייִדן פֿלעגט קיינער ניט פּראָטעסטירן און אַפֿילו ייִדן פֿלעגן ניט פּראָטעסטירן שטאַרק, ווײַל זיי האָבן קיין כּוח ניט געהאַט. ווען די רעגירערס זאָלן געווען אָפּטון אַזעלכע געוואַלד־מעשׂים קעגן דעם פֿאַרמעג פֿון קריסטן, וואָלט מען זיך געווען שטעלן אַנטקעגן, ס'וואָלט אפֿשר געקומען צו אָפֿענע בונטן. נאָר ווען מען פֿלעגט באַראַבעווען ייִדן, האָט קיינער קיין וואָרט ניט גערעדט: ניט אַן אַנדער רעגירער, ניט קיין ניט־ייִדישער בירגער, ניט אַ קלויסטערשער חשובֿ, ניט דער קלויסטער אַליין. פֿאַר וואָס? ווײַל דער ייִד איז געווען אַן אומגלייביקער. אָט דאָס האָב איך אין זינען מיט „צוגאָב־מאָטיוו". דער מאָטיוו פֿאַרן רעגירער צו נעמען זיך צו ייִדן איז געווען דאָס וואָס ער האָט זיך פֿאַרקוואַפּעט אויף זייער הויז און גוטס; אָבער די מיגלעכקייט צו טאָן דאָס גרינג און זיכער איז געוואַקסן פֿון דעם פֿאַקט, וואָס דער רעליגיעזער פֿאָראורטייל אַנטקעגן ייִדן איז געווען אַזוי שטאַרק.

פֿון די דרײַ עיקרים האָבן זיך די ערשטע צוויי, רעליגיעזער פֿאָראור־טייל און עטנאָצענטריזם, געביטן אין משך פֿון דער געשיכטע; אַ מאָל זײַנען זיי געווען מער און אַ מאָל ווינציקער אינטענסיוו, אַ מאָל פֿאַרשטעלט דער צווייטער דעם ערשטן. שוצלאָזיקייט איז געבליבן דער שטענדיקער, דער ניט־בײַטעוודיקער עלעמענט, וואָס מיט אים קאָמבינירן זיך די בײדע אַנדערע אָדער איינער פֿון זיי.

פֿון זינט דער צעשפּרייטונג זײַנען ייִדן אַלע מאָל געווען שוואַך און אָן שוץ. זיי זײַנען אַלע מאָל געווען אַ מיעוט. מער ניט אין פּוילן און אין ארץ־ישׂראל אין דער סאַמע לעצטער צײַט) איז זייער צאָל דערגאַנגען ביז צען פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. קיין אייגן לאַנד וואָס זאָל זיך אָננעמען פֿאַר זיי, זאָל זײַן כאָטש נאָמינעל, האָבן זיי ניט: מען קען זיי רודפֿן ניט אַרויסרופֿנדיק דערמיט דעם אַנטאַגאַניזם פֿון וועלכער עס איז אַנדער מלוכה.

איינע פֿון די וויכטיקסטע סיבות פֿון ייִדישער שוצלאָזיקייט איז דאָס וואָס דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט אויסגעהאַלטן און איראַציאָנעל. אין אונדזער צײַט זעט זיך דאָס אַרויס גאָר בולט, און אין מיטל־עלטער איז געווען בעצם דאָס אייגענע. די הויפּט־טענה פֿון מיטל־עלטערישן קלויסטער קעגן ייִדן איז געווען, אַז ייִדן האָבן דערהרגעט קריסטוסן. על־פּי לאָגיק האָבן ייִדן געקאָנט ענטפֿערן, אַז דאָס איז ניט אין גאַנצן אמת, און אויב אַפֿילו יאָ, איז דאָך דאָס ניט קיין באַרעכטיקונג פֿאַר די אַכזריותדיקע פּײַניקונגען מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער. די פֿאַקטישע קרייציקערס זײַנען דאָך געווען די רוימער; בײַ ייִדן איז אין יעזוסעס צײַטן טויטשטראָף געווען פֿאַקטיש אָפּגעשאַפֿט. די ראָמאַניזירטע ייִדישע פּאַרטיי וואָס האָט געוועלטיקט אין ירושלים אין דער צײַט פֿון דער קרייציקונג איז דאָך בײַם פֿאָלק געווען פֿאַררעכנט פֿאַר רענעגאַטן. אַפֿילו אין די עוואַנגעליעס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז די פּרושים (פֿאַריסעערס) האָבן געהאַט אַ חלק אין דער זאַך, און די פּרושים זײַנען דאָך געווען די רעליגיעזע וואָרטזאָגערס, פֿון זיי שטאַמט אַרויס דאָס הײַנטיקע ייִדנטום; האָנט בײַ האָנט מיט די רוימער איז דאָך געגאַנגען נאָר דאָס הײַפּעלע ראָמאַניזירטע. אָבער מיט די אַלע פֿאַקטן האָט זיך קיינער ניט גערעכנט. דאָס שלאָגוואָרט איז געווען: „ייִדן האָבן דערהרגעט קריסטוסן", און דערין האָט מען געזען אַ באַרעכטיקונג פֿאַר אַלץ וואָס מען פֿלעגט אָפּטאָן מיט זיי.

אָט דער עלעמענט פֿון איראַציאָנעלקייט, פֿון אומלאָגישקייט איז אין אַנטיסעמיטיזם הײַנטיקן טאָג נאָך שטאַרקער. דער גרעסטער טייל דערוואַקסענע מאָטיווירן הײַנט זייער אַנטיסעמיטיזם מיט ניט־רעליגיעזע מאָטיוון. ווען זיי נעמען זיך ראַציאָנאַליזירן זייער אַנטאַגאַניזם קעגן ייִדן, וועלן זיי זאָגן, אַז ייִדן „ ווילן אַלץ אַרײַנכאַפּן" אָדער אַז ייִדן זײַנען „וווּלגאַר" אָדער „קאָמוניסטיש" אָדער עפּעס אַנדערש. נאָר איך מיין, אַז וואַקסן וואַקסט דאָס אַלץ פֿון דעם, וואָס אין דער פֿאַמיליע, אין קלויסטער, אין דער זונטיקשול און אין שול הערן זיי: „ייִדן האָבן געהרגעט קריסטוסן". דער באַזיס פֿאַר זייער אַנטיסעמיטיזם ווערט געלייגט נאָך אין די קינדערשע יאָרן. דער סימבאָל פֿון קרייץ לאָזט זיך שוין פֿון זייער באַוווּסטזײַן (אָדער לאָמיר זאָגן: אונטערבאַוווּסטזײַן) ניט אויסמעקן; ייִדן ווערן אידענטיפֿיצירט מיט דעם וואָס ס'קומט אויס בײַ זיי ווי דער גרעסטער פֿאַרברעך אין דער געשיכטע. שפּע־

טערדיקע ראַציאָנאַליזאַציעס פּאַסן זיך גרינג אַרײַן אין דעם פֿון פּרײַער צוגע־גרייטן פֿורעם.

יידן מעגן זיך אַרגומענטירן קעגן אַט דעם מיטל־עלטערישן פּאַראורטייל, נאָר וועט הערט זיי. נאָך מער זײַנען יידן אַן שוץ קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אונדזער צײַט. יידישע געלערנטע און שרײַבערס קענען דערווײַזן מיט הונדערט פּראָצענט זיכערקייט, אַז די ראַסיסטישע טעאָריעס זײַנען פֿאַלש; נאָר ווען זיי זײַנען פּאַרטיק דערמיט, ווײַזט זיך אַרויס, אַז מען אַטאַקירט יידן ווי קאָמוניסטן, ווי „אינטערנאַציאָנאַלע רויטע". נעמען זיי אויפֿ־ווײַזן, אַז דאָס איז ניט אמת; מוזן זיי באַלד ענטפֿערן אויף אַן אַרגומענט, אַז יידן זײַנען קאַפּיטאַליסטן־הלעיטנו׳ס. וווהין זיי זאָלן זיך ניט קערן, דערלאַנגט מען זיי אַ קלאַפּ. אָפּט מאָל זײַנען די אַרגומענטן קעגן יידן ניט נאָר איראַ־ציאָנעל און ניט אויסגעהאַלטן, נאָר ממש אויסגעטראַכט; אָבער עס מאַכט ניט אויס. וויפֿל מאָל האָט מען אויפֿגעוויזן, אַז די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון זײַנען אַ פּשוטער שווינדל, אָבער די ווירקונג פֿון דעם „ווערק" גייט ווײַטער. גענוג אָפּט האָט מען געוויזן מיט פֿאַקטן, אַז ס׳איז ניט ריכטיק, אַז נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן גאַליציאַנער יידן פֿאַרפֿלייצט דײַטשלאַנד און זיך אָנגעשטאָפּט מיט געלט; אָבער אין דײַטשלאַנד גלייבט מען דאָס און מחוץ דײַטשלאַנד גלייבן דאָס אויך אַ סך מענטשן. וואָס טויג לאָגיק, בשעת דער צד־שכנגד בײַט כּסדר זײַן שטאַנדפּונקט ניט רעכענענדיק זיך מיט אויסגע־האַלטנקייט און מיט אמת.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אַלץ אין דער רעליגיעזער קאָנקורענץ צווישן קריסטנטום און די ריוואַליזירנדיקע רעליגיעס אין די פֿרײַקע יאָרהונדערטער פֿון אונדזער ערע. דער פֿרײַקער קריסטלעכער קלויסטער האָט געמוזט בײַקו־מען אַלע זײַנע קאָנקורענטן, כּדי צו רעאַליזירן זײַן אידעאַל פֿון „קאַטוליש־קייט", וואָס דאָס איז טײַטש: אַלגעמיינקייט, אוניווערסאַלקייט. ווי נאָר דער קלויסטער איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער רוימישער מלוכה פֿאַר דער אויטאָריזירטער רעליגיעזער קערפּערשאַפֿט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיטן גאַנצן אימפּעט אויף אַלע מינים אַפּיקורסותן. מען האָט גענומען אויסראָטן אָן רחמנות היידישקייט. ווידערשפּעניקע היידן האָט מען געהרגעט אויף טויט. דעם מחמדאַניזם האָט מען פּאַמעלעך אָבער זיכער אַרויסגעשטופּט פֿון איי־ראָפּע. נאָר די גרעסטע פֿון אַלע אומגלייביקייטן לויטן קריסטלעכן קוק — יידישקייט — איז געבליבן. אָפּשמדן אַלע יידן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, פֿאַרטיליקן אַלע יידן אויך ניט. האָט דער קלויסטער געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט אויף אָפּצוטיילן אָן צו דעגראַדירן יידן: מען האָט זיי פֿאַר־ווערט מגייר צו זײַן ניט־יידן; מען האָט די פֿרײַער פּריווילעגיע געטאָס געמאַכט פֿאַר אַ מוז. מען האָט יידן ניט געגעבן קיין בירגעררעכט, איבערגעלאָזן זיי מער ניט אַ קליינע צאָל באַשעפֿטיקונגען, געאָסרט חתונות צווישן יידן און ניט־יידן.

װען מען מעסט דעם קלויסטער מיט זײַנע אײגענע מאָסן, איז ער געװען געדרעכט בײַ זיך. ס'איז דאָך געװען אַ גראַנגל צװישן ריװאַליזירנדיקע גע־טער און ריװאַליזירנדיקע אמונות; האָט דער קלויסטער געקעמפֿט קעגן ייִדן מיט אַלע כּלי־זיין װאָס ער האָט געהאַט אין זײַן רשות. נאָר אין גיכן האָבן װעלטלעכע גרופּעס און יחידים גענומען אויסנוצן די רעליגיעזע סאַנקציע פֿאַר אַנדערע צװעקן. רעגירערס האָבן זיך סומך געװען אויף רעליגיע און דערװײַל באַריסן ייִדן, װען זיי האָבן זיך גענייטיקט אין געלט. די צעכן האָבן געפֿאָדערט און געפּועלט, מען זאָל אויסשליסן ייִדן כּמעט װי פֿון אַלע פֿאַכן, מחמת זיי האָבן געװאָלט פּטור װערן פֿון ייִדישער קאָנקורענץ. קריסט־לעכע בעלי־חובֿות האָבן געמאָנט, מען זאָל ייִדן אַרויסטרײַבן פֿון די שטעט און אָפּמעקן אַלע התחייבֿותן. דאָס אַלץ האָט זיך באַרעכטיקט דורך ראַציאָ־נאַליזאַציע אין רעליגיעזע טערמינען. „ייִדן האָבן געקרייציקט קריסטוסן", ממילא איז גאָר ניטאָ די שטראָף װאָס זאָל זײַן פֿאַר זיי צו האַרב.

נאָך 1500, װען דער נאַציאָנאַליזם אין אייראָפּע נעמט זיך שטאַרקן, רוקט זיך אַרויס אין פֿאָדערגרונט דער עלעמענט פֿון עטנאָצענטריזם, װאָס סאָמנער דעפֿינירט אים אַזוי: „אַ קוק אויף זאַכן, בײַ װעלכן דער אייגענער קיבוץ איז דער מיטלפּונקט פֿון אַלץ, און אַלע אַנדערע װערן געמאָסטן און גע־שאַצט לגבי אים". דער עטנאָצענטריזם האָט צו ביסלעך גענומען פֿאַרבײַטן דעם פֿריִערדיקן רעליגיאָצענטריזם. כּדי אײַנצופֿלאַנצן נאַציאָנאַליסטישן ברען האָט מען געמוזט מאַכן מענטשן גלייבן, אַז זיי זײַנען אַנדערש און בעסער אײדער אַנדערע פֿעלקער. דאָס מיינט, אַז מען האָט זיי געדאַרפֿט איבערצײַגן, אַז אַנדערע פֿעלקער זײַנען פֿון אַ נידעריקערן סאָרט. די זיכערסטע און פּאַ־סיקסטע גרופּע פֿאַר דעם זײַנען געװען ייִדן. זיי זײַנען געװען צו דער האַנט, זיי זײַנען געװען בפֿירוש אַנדערש, און זיי האָבן ניט געהאַט, װער ס'זאָל זיך אָננעמען פֿאַר זיי. אַזוי זײַנען ייִדן געװאָרן אַ מכשיר אויף צו קאָנסאָלידירן נאַציאָנאַלע אײנסן. אַגבֿ האָבן נאָך געגאָלטן די אַלטע מיגלעכקייטן פֿון קאָנפֿיסקירן און ראַבירן אויך.

איין קורצע צײַט איז געװען, װען די כּוחות װאָס האָבן געװירקט קעגן ייִדן זײַנען אָפּגעשװאַכט געװאָרן. דאָס איז געקומען אַ דאַנק דעם פּראָגרעס פֿון ראַציאָנאַליזם און דעמאָקראַטיע. די אַמעריקאַנער און די פֿראַנצײַזישע רעװאָלוציעס האָבן פּראָקלאַמירט גלײַכהייט פֿון מענטשן. עס איז װיכטיק צו באַמערקן, אַז אין דעם אײנצײַטיקן װוקס פֿון ראַציאָנאַליזם און נאַציאָ־נאַליזם האָט געשטעקט אַ קאָנפֿליקט צװישן די צװיי, װאָרעם אין תּוך איז דאָך נאַציאָנאַליסטישער ברען ניט קיין ענין פֿון שׂכל. אָבער אין משך פֿון די ערשטע דרײַ פֿערטל פֿונעם 19טן יאָרהונדערט האָט דער ראַציאָנאַ־ליזם געװעלטיקט בנוגע ייִדן, און אין גאַנץ אייראָפּע, אַחוץ רוסלאַנד, איז דורכ־געפֿירט געװאָרן די עמאַנציפּאַציע. ייִדן האָבן התפּעלותדיק אויפֿגענומען זייער נײַע פֿרײַהייט און זייערע נײַע מיגלעכקייטן, און אויף אָן אַ שיעור פֿעלדער

האָבן זײ באַוויזן חידושדיקע טאַלענטן און אויפֿטוען. נאָר דערנאָך איז געקומען אַ גיכע און צעמורשטנדיקע רעאַקציע.

אָנגעהויבן האָט זי זיך אין דײַטשלאַנד, ווו ייִדן האָבן אפֿשר געהאַט דער־גרייכט צום מערסטן. אין דײַטשלאַנד האָבן זיך נאָך דער פֿראַנצייזיש־פּרײַ־סישער מלחמה אָנגעהויבן פֿינאַנציעלע און פּאָליטישע שוועריקייטן. די לי־בעראַלע פּאַרטײ איז אַרויס קעגן ביסמאַרקס דיקטאַטאָרישע גענג. די אַריסטאָ־קראַטן זײַנען געוועזן פֿאַרזאָרגט, וואָס עס פֿאַרשפּרייטן זיך די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס. די מאַסן האָבן געליטן פֿון עקאָנאָמישער נויט. אין אַ סך פֿאַכן, און ספּעציעל אין די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס, האָט זיך גע־שפּירט די שטאַרקע קאָנקורענץ פֿון ייִדן. לסוף איז דײַטשלאַנד גראָד געווען אין פּראָצעס פֿון נאַציאָנאַלער אוניפֿיקאַציע.

פֿאַר דער גאַנצער סיטואַציע איז אַנטיסעמיטיזם געווען ווי אָנגעמאָסטן. ער האָט איצט געביטן זײַן פּנים. כּל־זמן רעליגיע איז געווען דער כּוח וואָס האָט געוועלטיקט איבערן אינטעלעקט, האָט געוועלטיקט די רעליגיעזע לאָגיק. אָבער אין דער צײַט, וואָס מיר ריידן וועגן איר, האָט שוין די רעליגיעזע דאָגמע ניט געהאַט אַזאַ שליטה, דער העכסטער אויטאָריטעט איז שוין געווען ניט טעאָלאָגיע, נאָר וויסנשאַפֿט. האָט זיך געשאַפֿן אַ נײַע עטנאָצענטרישע שיטה: די אַריער זײַנען די העכסטע ראַסע פֿון אַלע ראַסעס און די גערמאַנער זײַנען דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל צווישן די אַריער.

ווײַטער איז שוין געגאַנגען ווי געשמירט. ייִדן זײַנען ניט קיין גער־מאַנער, ממילא זײַנען זיי נידעריקער. ייִדן זײַנען אַ פֿרעמדקערפּער אין דער נאַציע. ווען מען זאָל זיי קענען עלימינירן, וואָלט די דײַטשע מלוכה געוואָרן ריין אין ראַסע. חוץ דעם איז דאָך קלאָר, אַז די העכסטע ראַסע אין דער וועלט קען ניט האָבן קיין טעות, קען ניט דורכפֿאַלן. אויב עפּעס איז געגאַנגען קרום, זײַנען שולדיק דערין אַנדערע — אָט טאַקע יענע פֿרעמדע וואָס האָבן זיך אײַנגעגנאַדזשעט דאָ אין לאַנד. ווען דײַטשלאַנד האָט פֿאַר־שפּילט די וועלט־מלחמה, זײַנען ייִדן געווען דערין שולדיק: ייִדן האָבן אַרײַנ־געשטאָכן דעם דײַטשן פֿאָלק אַ מעסער אין רוקן. ווען אין די צוואַנציקער יאָרן איז געקומען דער פֿינאַנציעלער חורבן, זײַנען ווידער אַ מאָל געווען שולדיק ייִדן — די ייִדישע באַנקירן און ספּעקולאַנטן. ווען היטלער האָט גענומען מאָביליזירן דאָס דײַטשע פֿאָלק פֿאַר דער קומענדיקער מלחמה, זײַ־נען ייִדן ווײַטער גוט צו ניץ געקומען. עס איז געווען שווער צו זאָגן, וואָס אַ דײַטש איז, אָבער ס'איז גרינג געווען צו ווײַזן אויפֿן ייִדן, ווער ס'איז ניט קיין דײַטש.

סוף 19טן י"ה איז אין אַן אַנדער ווינקל פֿון אייראָפּע, אין רוסלאַנד, באַ־שאַפֿן געוואָרן אַן אַנדער עלעמענט פֿונעם אַנטיסעמיטישן אַני־מאמין. די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַט קאָפּדרייעניש מיט די ליבעראַלן און ראַדי־קאַלן; נו, האָט מען געכאַפּט אויפֿן ווונק, וואָס די דײַטשע אַנטיסעמיטן האָבן

געלערנט, און אַוועקגעשטעלט אַ טעאָריע, אַז די רעוואָלוציע איז אַ ייִדישע המצאה. אָנהייב 20טן יאָרהונדערט זײַנען אין רוסלאַנד צונויפֿגעשטוקעוועט געוואָרן די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון, און פֿון יעמאָלט אָן איז שוין דאָס געגאַנגען ווי אַ מיזמור: ייִדן זײַנען ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן. דערצו זײַנען נאָך צוגעקומען די פּאָגראָמען. אין דײַטשלאַנד ביז היטלערן האָט מען ייִדן באַוואָרפֿן מיט בלאָטע, אין אַלטן רוסלאַנד האָט מען זיי ראַבירט און געקוילעט.

איינער פֿון די רעזולטאַטן איז געווען, אַז הונדערטער טויזנטער זײַנען אַוועק פֿון זייערע היימען אין אַנדערע לענדער אַרײַן, דער עיקר אַמעריקע. אין משך פֿון געציילטע עטלעכע צענדליגע יאָר זײַנען די פֿאַראייניקטע שטאַטן געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין דער וועלט. ייִדן האָבן זיך דאָ גענומען אַרויפֿאַרבעטן, און זייער אַמעריקאַניזירן זיך איז ניט אַוועק אַזוי ווײַט, אַז מען זאָל זיי ניט דערקענען. ממילא האָט זיך דער אַלטער געפֿיל קעגן זיי ניט אויסגעוועפּט. עקאָנאָמישע קאָנקורענץ און סאָציאַלע קינאה האָבן אויסגענוצט די אַלטע אַנטי־ייִדישע שלאָגווערטער.

פֿון זינט 1930 האָט זיך איבער דער גאַנצער וועלט צעגאָסן אַ כוואַליע פֿון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע, און, ווי אַלע מאָל, זײַנען דאָ אויך די טראַדיציאָנעלע אַנטאַגאָניזמען געוואָרן אינטענסיווער. אויך טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז די דײַטשע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַ היפּשע ווירקונג אין אַנדערע לענדער. די היטלער־רעגירונג גיט אויס מאַיאָנטקעס צו פֿאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע אידעעס, און זי ווייס, וואָס זי טוט: אויב אַנדערע פֿעלקער וועלן אָננעמען דײַטשלאַנדס קוק אויף ייִדן, וועט דורך דעם דײַטשלאַנדס אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע אָן אַ שיעור פֿעסטער. דער סוף דערפֿון איז געווען, אַז אומעטום אין דער וועלט הערט מען איצט ניט אויף צו ריידן און טראַכטן וועגן ראַסע און וועגן דעם וואָס מען רופֿט „ייִדן־פּראַגע“. אָן אַ ברעג צײַט גיט מען אַוועק אויף אויסצוחשבונען דעם פּראָצענט ייִדן אין דעם אָדער יענעם פֿאַך. אין די אוניווערסיטעטן, איבער הויפּט אויף די אָפּטיילונגען פֿון מעדיצין און פֿון יורי, פֿירט מען בשתיקה אײַן פּראָצענט־נאָרמעס; צײַטונגען, זשורנאַלן, ביכער זײַנען פֿול מיט דיסקוסיעס וועגן דער „פּראָבלעם“. האָט אין זינען: מען רעדט ניט וועגן פֿאַקטן, נאָר וועגן אַ פּראָבלעם.

אַט אַזוי האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם צעבליט פֿאַר אונדזערע אויגן, און ער דינט צו פֿאַרשיידענע צילן. ער קומט צו ניץ אין דער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע און ער ווערט שטאַרק אויסגענוצט אין דעם קאַמף צווישן קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע כוחות אויף דער וועלט. ווען איר רופֿט אײַער אָפּאָנענט ייִד, האָט איר שוין אַ פֿאַרהאַנט. מען קען זאָגן, אַז רעליגיע, ראַסע און ראַדיקאַליזם זײַנען די דרײַ יסודות פֿונעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם.

ספּעציעל אינטערעסאַנט איז די ראָלע פֿון רעליגיע. דער קאַטוילישער קלויסטער איז דאָ מער ווי ווער עס איז אַ נוגע בדבר. דער קלויסטער קעמפּט אַ קריג אויף לעבן און טויט קעגן ראַציאָנאַליזם. אַלץ וואָס שמעקט מיט פּאָליטישן ראַדיקאַליזם איז אַ סכּנה פֿאַרן קלויסטער — דערפֿון נעמט זיך זײַן פּאָזיציע אין שפּאַנישן בירגערקריג. מישט אויף קאַטוילישע מחברים ווי בעלאָק אָדער טשעסטערטאָן אָדער קאַגלין, וועט איר זען, אַז בײַ זיי איז ייִדישקייט און ראַציאָנאַליזם און ראַדיקאַליזם הינו־הך; אין דײַטשלאַנד רופֿט מען דאָס טייל מאָל „ייִדישער אינטעלעקטואַליזם״. פֿון דרום־אַמעריקע האָבן מיר געהערט, אַז קאַטוילישע גײַסטלעכע און פּרעלאַטן זײַנען אָרגאַניזאַציעס אין אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע און זיי בינדן דאָס מיט אַנטיראַדיקאַליזם און אַנטיראַציאָנאַליזם.

דער קלויסטער האָט אָבער מורא, איבער דעם וואָס עס איז געשען אין דײַטשלאַנד, צו גיין צו ווײַט. די נאַציס זײַנען מיט זייער לאָגיק געקומען צום באַשלוס, אַז די קריסטלעכע אידעאַלן ווי עניוות, סבלנות און ברידער־לעכקייט זײַנען ייִדישע אידעאַלן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם פּרווו צו מאַכן פֿון קריסטוסן אַ נאָרדיק און האָבן זיך אַ ווענד געטאָן קעגן אים ווי קעגן אַ ייִד. איצט איז זייער גאַנג אָוועקצוואַרפֿן די ייִדיש־קריסטלעכקייט און אומצוקערן זיך צו די היידישע געטער פֿון די אַלטע טעווטאָנען. וואָרעם קריסטנטום, פֿאַרשטייט איר מיך, איז אינטערנאַציאָנאַל, קריסטוס האָט גע־רופֿן צו ברידערלעכקייט צווישן אַלע מענטשן; דאָס קלעפּט זיך ניט צום ראַסיסטישן נאַציאָנאַליזם פֿון הײַנטיקן דײַטשלאַנד. די נאַציס דאַרפֿן האָבן דײַטשע געטער, קריגערישע געטער, ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע פֿרידלעכע גאָטהייט.

ווי באַלד אַזוי איז קלאָר, אַז די פּירערס פֿון קאַטוילישן קלויסטער זײַנען זייער געוואָרנט אַרויסצוגיין צו אָפֿן מיט אַנטיסעמיטיזם, הגם פֿאַר זייער קאַמף קעגן ראַדיקאַליזם און ראַציאָנאַליזם דאַרפֿן זיי אים האָבן.

נאָך איין פּונקט צום סוף. איבער צוויי טעמים איז די סיטואַציע פֿונעם ייִדן הײַנט ערגער איידער ווען עס איז פֿריִער. איידער דער ראַסיסטישער מאָמענט איז אַרויסגעשוווּמען, האָט אַ ייִד געקאָנט אָפּשמדן זיך, און דערמיט איז דער יחיד פּטור געוואָרן פֿון ייִדישע צרות. הײַנט איז דאָס אַראָפּ: מען קען בײַטן די רעליגיע, אָבער ניט טאַטע־מאַמע און זיידע־באָבע. דער וועג פֿון אַנטלויפֿן איז פֿאַרשטעלט, ווי די „קריסטן ־ ניט־אַריער״ אין דײַטשלאַנד האָבן אויסגעפֿונען צו זייער שרעק. און די צווייטע פֿאַרשווערונג איז, וואָס ס'איז הײַנט ניטאָ קיין לאַנד ווו אַהין אײַנצוואַנדערן. אַפֿילו אַזאַ קאַנאַדע וואָס וואָלט גרינג געקענט אויפֿהאַלטן אַ באַפֿעלקערונג אין צווייען די גרייס לאָזט אַרײַן אימיגראַנטן מער ניט ווי אויפֿן שפּיץ מעסער. וואָס שייך צו ארץ־ישׂראל זאָגט קיינער ניט, אַז דאָס לאַנד קען אַרײַננעמען אַלע געראַדפּטע ייִדן פֿון דער וועלט. ביידע וועגן פֿון אַנטלויפֿן, שמד און וואַנדערונג, זײַנען אין גרונט

פֿאַרמאַכט, און דער „וואַנדערנדיקער ייִד" איז כמעט ווי געוואָרן אַ געשטאַלט פֿונעם עבֿר.

די אַנטי־דעמאָקראַטישע כּוחות זאָגן מיטן פֿולן מויל, אַז זיי גייען אויסראָטן ייִדן. די דעמאָקראַטישע פֿעלקער זײַנען ניט געווען, פֿאַרשטייט זיך, און זײַנען ניט פֿרײַ פֿון אַנטיסעמיטיזם, אָבער אפֿשר וועט קלאָר ווערן פֿון דעם איצטיקן קאַמף, אַז פֿאָראורטיילן און דיסקרימינאַציע טאָרן ניט האָבן קיין אָרט אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט. אין דעם איצטיקן פֿינצטערסטן מאָמענט פֿון זייער געשיכטע איז דער גורל פֿון ייִדן געקניפּט און געבונדן מיטן גורל פֿון דעמאָקראַטיע. דערין ליגט מײַן האָפֿענונג פֿאַר דער צײַט וואָס קומט אָן.

די חברה „פּועלי צדק" אין ירושלים *

צו דער געשיכטע פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון אַלטן ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל

פון מרדכי קאָסאָווער

אין די זיבעציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ווערן געמאַכט אַ סך אָנשטרענגונגען צו פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצבֿ פון אַלטן אַשכּנזישן ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל דורך פּראָדוקטיווירן אים. דאָס ווערט געטאָן סײַ פון אינעווייניק — דורך די דירעקט פאַראינטערעסירטע, סײַ פון דרויסן — איבער הויפּט דורך דער מיטהילף פון קרײַזן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אָוועקשטעלן דעם ייִשובֿ אויף געזינטערע יסודות. אין ירושלים, ווו עס איז געווען דער רובֿ מנין פון ייִשובֿ, קומען אויף חבֿרות וואָס טראָגן אַ כאַראַקטער פון אָרגאַניזאַציעס פאַר זעלבסטהילף,[1] און צווישן די אָנפירנדיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין אויסלאַנד צו יענער צײַט, וואָס זײַנען געווען אין דעם פאַראינטערעסירט, האָט זיך געפונען ניט קיין אַנדערער ווי סער משה מאָנטעפיאָרע, דער פאָרזיצער פון דעם Board of Deputies פון די ענגלישע ייִדן. צו דעם צוועק האָט ער זיבן מאָל באַזוכט ארץ־ישׂראל, און יעדער נסיעה זײַנע האָט געבראַכט נײַע פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די רעכטלעכע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָרטיקע ייִדן.

צווישן די חבֿרות וואָס האָבן זיך צו יענער צײַט געגרינדעט אין ירושלים איז אויך געווען די האַנטווערקער־חבֿרה „פּועלי צדק".[2] דעם 1טן אויגוסט 1875 פאַרצייכנט מאָנטעפיאָרע אין זײַן טאָגבוך צוו'אַנד אָט וואָס: „מען האָט מיר צו וויסן געגעבן, אַז עטלעכע בעלי־מלאָכות פון דער „חבֿרה פּועלי צדק" ווילן מיט מיר האָבן אַ שמועס, אָבער איך האָב זיי הײַנט ניט געקענט אויפנעמען, מחמת איך האָב זיך זייער געאײַלט צו ענטפערן אויף עטלעכע בריוו."[3]

---

* דאָס איז אַ טייל פון אַ גרעסערער אַרבעט, פאַרענדיקט אין ירושלים, 1937. די ערשטע קאַפּיטלען זײַנען געווען געדרוקט אין ייוואָ־בלעטער, ב' XIII, נ' 1־2 (זז' 7־28), ב' XIV, נ' 1־2 (זז' 90־103) און נ' 5 (זז' 405־424).

1. מער באַריכות דאָרט, ב' XIV, נומ' 5, ז' 423.

2. An open letter adressed to Sir Moses Montefiore . . . together with a narrative of a forty days' sojourn in the Holy Land, second edition, London, 1877, p. 109.

3. A number of mechanics „חבֿרת פּועלי צדק" were announced seeking an interview with me, but I was unable to receive them to-day in consequence to some pressing correspondence I had.

דאָס איז די ערשטע ידיעה וועגן דער חבֿרה.[4] געגרינדעט איז זי אָבער געוואָרן נאָך מיט אַ יאָר פֿריִער, אין יאָר תּרל״ד (1874), און קלאָר, אַז איר אויפֿקומען איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען די בעלי־מלאָכות אין ירושלים.

אין דער הקדמה צו די תּקנות פֿון דער חבֿרה,[5] וואָס האָט פֿאַר אַ מאָטאָ די פּסוקים „בכל עת אהב הרע ואח לצרה יולד״ (משלי י״ז, י״ז) און „כי אמרתי עולם חסד יבנה״ (תהלים פ״ט, ג׳) ווערט אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט פֿון אַ חבֿרה וואָס הייסט „פּועלי צדק״ און וואָס שטעלט זיך דעם ציל פֿון קעגנזײַטיקער חבֿרישער הילף. אין דעם מליצהדיקן העברעיִש, אין וועלכן די הקדמה איז געשריבן, הייסט דאָס אַזוי: „...ונחל מחברתינו הרוממה אשר בשם „פועלי צדק״ תקרא, אשר אך „אהבת רע״ תראה אור ובנין החסד נר לרגלה״.[6] דער עיקר זעט זיך אָט די נויטווענדיקייט אַרויס אין שײַן פֿון דעם וואָס עס פֿעלט אַחדות, יעטווידערער גייט זיך זײַן וועג און טוט וואָס אים ווויל געפֿעלט: „...הובקעה חומת „אהבת רעים״ פרצו הגדירות, ורבו הנתיבות, נתיב של זה לא כהנתיב של זה . . כל דרך איש ישר בעיניו . . יען מהז? יען כל אחד לאחד לרוחו ורוח הארץ בה נולד ילך, כי כל ארץ רוח אחרת לה״.[7] בײַ די לומדים וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער תּורה און „וואָס שווימען אין ים התּלמוד איז נאָך ווי ניט איז פֿאַראַן אַחדות, וואָרעם די „הייליקע תּורה פֿאַראייניקט זייערע אַלעמענס הערצער״, און אין „די הײַזער ווו זיי לערנען תּורה קומען זיי זיך צונויף צוזאַמען און ווערן איינס״; „אָבער מיר „פּועלי צדק״ וואָס מיר גייען אַרויס צו אונדזער אַרבעט ביז אין אָוונט וואָס זאָלן מיר טון? אַלע טאָג גייט יעדערער אַרויס אין זײַן וועג, דער צו זײַן אַרבעט און יענער צו זײַן מלאָכה, און דאָס אַליין זאָל אונדז דאָס אַלעמען צונויפֿ־

---

4. וועגן איר איז שוין פֿאַראַן אַ קליינע ליטעראַטור: דערמאָנט זי און געבראַכט אַן אויסצוג פֿון דער הקדמה צו די תּקנות אירע האָב איך אין מײַן אַרטיקל „חבצלת — דיא ראָזאַ — דער ארץ־ישׂראל יוד״ אין צווייטן באַנד פֿון „קבץ מאמרים לדברי ימי העתונות בארץ ישראל״, תּל אָבֿיבֿ, ניסן תּרצ״ו, ז׳ 114, און אין מײַן אַרטיקל „דיא ראָזע״ אין „ליטעראַרישע בלעטער״, נומ׳ 20, 15טן מײַ 1936. וועגן דער חבֿרה גופֿא האָבן געשריבן א. ר. מלאכי אין זײַן אַרטיקל „לתולדות המלאכה והמסחר בירושלים״ אין „ספר השנה של הסתדרות בני ארץ־ישראל באמירקה״, ניו־יאָרק, מײַ 1936, זז׳ 16־21, און דובֿ ווײַנריב אין זײַן אַרטיקל „פּועלי צדק״ אין דער תּל־אָבֿיבֿער צײַטונג „דבֿר״ פֿון 25טן מאַרץ 1937. מלאכי האָט פֿאַר זיך ניט געהאַט די תּקנות פֿון דער חבֿרה און ווײַנריב האָט ניט אויסגענוצט דעם צײַטונגס־מאַטעריאַל וועגן דער ווײַטערדיקער עקסיסטענץ אירער.

5. מחברת חברת „פועלי צדק״ נוסדה בעיה״ק ירושלם תובב״א בשנת תרל״ד. נדפס פעיה״ק . . . שנת תרל״ח לפ״ק בדפוס ר׳ ישראל דובער פרומקין, מו״ל „החבצלת״. כ״ב עמודים.

6. דאָרט, עמוד ד.

7. דאָרט, עמ׳ ה.

שנירלעך צוזאַמען? ווער קאָן צוזאַמענבייען די נעטץ? און ווער קאָן אונדז אַלעמען צונויפֿבינדן אין איינס, אַז מיר זאָלן זײַן ווי איין בוים? אַ גאַנצן טאָג הויערן מיר אונטער דער משׂא פֿון אונדזער אַרבעט, מיט מאַטערניש ברענגען מיר אונדזער ברויט און יעדערער פֿאַרגעסט [דעריבער] זיך אַליין און אויך זײַן חבֿר. און אַז עס קומט די נאַכט לייגט זיך יעדערער אין שויס פֿון זײַן מי און מאַטערניש״.[8]

אויב אַזאַ איז דער פֿיזישער מצבֿ פֿון בעל־מלאָכה, איז שוין קלאָר, אַז אויך דער גײַסטיקער מצבֿ איז אַ גאַנץ געפֿאַלענער. וואָרעם קומט אַ שבת אָדער אַ יום־טובֿ, מוז מען זיך אָפּרוען אָדער כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט, כּדי אָנצוזאַמען זיך מיט כּוח אויף דער נײַער וואָך, און ווער קאָן דעמאָלט טראַכטן וועגן לערנען אַ ביסל דאָס וואָס מען האָט פֿאַרגעסן? און די ווײַ־דער וואָס וואָלטן יאָ עפּעס געקאָנט טון אויף צו פֿאַרבעסערן אָט די לאַגע „נעמען זיך זייער ווייניק צום האַרצן דעם בראָך פֿון זייערע ברידער וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט מלאָכה״.[9]

צו דעם אַלעם קומט נאָך צו דער געפֿאַלענער עקאָנאָמישער מצבֿ פֿון ייִדישן ירושלים בכלל וואָס מוז אָנקומען צו דער הילף פֿון ייִדן אין אויס־לאַנד. גאָר שווער איז די לאַגע פֿון בעל־מלאָכה אין ירושלים. „מער ווי אין אַנדערע שטעט אין אויסלאַנד, ווײַל אַ קללה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער אַרבעט פֿון דעם וועלכער וווינט אין ירושלים, און דער וואָס פֿאַרדינט — איז עס ווי אין אַ לעכערדיקן זאַק. קאַליע איז דאָס לאַנד און קאַליע זײַנען אירע געשעפֿטן, און פֿון דעם הײַפֿל קאָן דער לייב ניט ווערן זאַט״.[10]

זיי, די בעלי־מלאָכות, קריגן ניט די נייטיקע הילף וואָס קומט אָן פֿון אויסלאַנד פֿאַר די ירושלימער ייִדן און ווערן נאָך פֿאַרקערט געראָדפֿט. „און דעריבער קאָן מען דאָך מיט רעכט פֿרעגן: פֿאַר וואָס רודפֿט מען דאָס אונדז ביז אַהער אַזוי שטאַרק? ווײַ איז צו אונדז, אַז מיר מוזן זאָגן אַזעלכע ווער־

8. דאָרט, עמ׳ ו:

אבל אנחנו „פועלי צדק״ היוצאים לפעלינו עדי ערב — מה נעשה? כל היום, כל אחד לדרכו פונה, זה לעבודתו וזה למלאכתו וזה יחריזנו במחרוזת אחד [אחת]? מי יתפור הקרעים? ו מ י י ק ש ר נ ו ב ק ש ר א ח ד, למען נתיח לעץ אחד? הלא כל היום כולנו רובצים תחת משא עבודת מפעלינו, בנפשינו נביא לחמנו, ואיש את ימינו ישכח, בשרו וזרועו, אף כי רעהו. ובנשף בערב יום כל אחד הוזה שוכב בחיק העמל והיגיעה.

9. דאָרט, עמ׳ ז:

. . . ואין חולת מהם על שבר אחיהם אשר במלאכה ישלחו ידם.

10. דאָרט, עמ׳ ז/ח:

. . . כי אנו נלחצים אל קיר הלחץ פעיה״ק ת״ו יותר מבערי חו״ל, כי נשתלחת מארה במעשי ידי היושב בעיר הקודש, המשתכר משתכר על צרור נקוב, התקלקלה ארץ ונתקלקלו עסקיה, ואין הקומץ משביע את הארי.

טער".[11] אויב אַזוי איז קלאָר, פֿאַר וואָס די בעלי־מלאָכות האָבן זיך צונויפֿ־געקומען און געגרינדעט אַ חבֿרה „פּועלי צדק", וואָס וועגן דעם לייענען מיר אין דער הקדמה: „דאָס האָט אָנגערירט אונדזערע הערצער זיך צונויפֿצונעמען אין אַ פֿאַרבאַנד און באַפֿעסטיקן דאָס געצעלט, ווײַל טאָמער טרעפֿט חס וחלילה עמעצן פֿון אונדז אַרבעטמענטשן אַ צרה צי אַן אומגליק — ווער וועט אויף דעם קלאָגן, ווער וועט אויף אים רחמנות האָבן און ווער וועט אים בײַשטיין אין זײַן בראָך? צי וועלן דאָס טון די גרויסע רבנים וואָס טראָגן די משׂא פֿון פֿאָלק און וואָס דאַרפֿן אים לערנען און ווײַזן אים ווי אַזוי צו פֿירן זיך? צי די גבאים וואָס זיי טראָגן די קרוין פֿון גבאות אויף זייער קאָפּ און זײַנען פֿאַרנומען מיט דער צדקה־פּושקע פֿון דעם ציבור? צי די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קהלשע ענינים און טראָגן די פֿאָן פֿון דער פֿאָלקס־משׂא? צי אָט די אַלע ישיבֿה־לײַט וואָס ליגן אין די אָרעמס פֿון דער תּורה און שלאָפֿן אין שויס פֿון דער גמרא? דעריבער דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרלאָזן אויף אונדזער פֿאָטער אין הימל און אויף דעם אָנשפּאַר פֿון דער חבֿרה וואָס האָט זיך צו־זאַמענגענומען, כּדי יעדערער זאָל טראָגן דעם אַנדערנס משׂא, אונטערשטעלן אַ פּלייצע און איינער דעם אַנדערן זאָל זאָגן: שטאַרק זיך!"[12]

נאָך אָט דער הקדמה קומען די „תּקנות קבֿועות" פֿון דער חבֿרה, וואָס באַשטייען פֿון צוואָנציק פּונקטן — צום ערשטן אין העברעיִש און דערנאָך אין ייִדיש. מיר לייענען דאָ וועגן קעגנזײַטיקער הילף (פּונקט א), שטיצע פֿאַר אַלטע בעלי־מלאָכות (ב), וועגן דעם, אַז די חבֿרה־לײַט זאָלן „קובֿע עתּים לתּורה זײַן" (פּונקטן ד־ה) און וועגן „מכבד זײַן רבנים ותלמידי־חכמים" (ו), וועגן חבֿר־געלט (ז) און וועגן אַרויסהעלפֿן מאַטעריעל, בעת אַ פּועל וואָס איז פֿון דער חבֿרה האָט חתונה אָדער בעת אַ חבֿרה־מאַן מאַכט חתונה אַ קינד (פּונקטן ח־ט), וועגן כּבֿוד פֿאַר אַ געשטאָרבענעם (י), וועגן באַזאָרגן די אַלמנות און יתומים פֿון אַ חבֿרה־מאַן (יא), וועגן אויפֿנעמען בעלי־מלאָכות און זאָרג פֿאַר האַנטווערקערס געקומענע פֿון חוץ־לאָרץ (יב־יג), וועגן דאַוונען, (יד), וועגן פֿאַרהיטן פֿון מחלוקתן (טו), וועגן דעם, אַז יעדער חבֿרה־מאַן

---

11. דאָרט, עמ' ז:

וא"כ בצדק ישראל השואל, מדוע אנו נרדפים עד כה על צוארינו. אוי לנו באמור לנו כדברים האלה.

12. דאָרט, עמ' ח:

זאת נגע בלבבינו, לקשר אגודה, ולחבר את האהל, באשר עד כה בנפל תוה על א' מאתנו, שוד ישבר כי יבא בגבול מי ומי מאנשי עבודה (אַרבײַט מענטשין) מי ינוד לו? מי ירחמהו? מי יעמוד בפרץ לפניו? וכי הרבנים הגדולים העמוסים במשא העם, להיות מורה ודאין? וכי הגבאים המשוחים, אשר נזר הגבאות על ראשם, וטרודים בקופת הצבור, קופה של צדקה? וכי העוסקים בצרכי צבור הנושאים דגל עבודת משא העם? וכי הני בני בי רב תמעולפים בזרועות התורה, וישנים בחיק הגמרא? — וא"כ אין לנו להשען בלתי על אבינו שבשמים ועל משענת קנה החברה אשר נתחברה יחד ל ש א ת כ" א מ ש א ר ע ה ו, ל ח ט ו ת ש כ ם, א י ש א ת ר ע ה ו י א מ ר ח ז ק!

איז מחויבֿ צו לערנען זײַנע קינדער שרײַבן און רעכענען (טז), וועגן די רעכט פֿון חבֿרים פֿון חוץ־לאָרץ (יז־יח) און לסוף וועגן די באַשטײַערונגען לטובֿת דער חבֿרה בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן.

אָט זײַנען די פּועלע תּקנות וואָרט בײַ וואָרט, ווי זיי ווערן געבראַכט (אויף די זז׳ יז־כב) אין ייִדיש:[13]

„איבערזעטצונג בקיצור פֿון דיא תקנות
פֿון דער חברה „פּועלי צדק" בירושלים.

א יעדער איזט מחויב צו העלפֿין דעם אנדערין מיט אלץ וואָס מעגליך. אז איינער וועט חלילה קראנק ווערדין איז דיא חברה מחויב איהם צו פֿאר זארגין מיט א רופֿא ורפֿואות, אונד מתפּלל זיין פֿאר איהם, אונד צו העלפֿין איהם מיט וואָס מעגליך.

ב א זקן בן ששים, וואָס וויל שוין אוועק לייגין דיא ארבייט. אונד זיצין על התורה ועל העבודה. איז דיא חברה מחויב איהם צוא העלפֿין מיט פּרנסה וויא ווייט זיא קאָן.

ג דיא גבאים קאנען אריין נעמען אין דער חברה נאר אזוינעם וואָס וויל מקיים זיין אללע תקנות.

ד דיא גבאים דארפֿין אכטונג געבין אף דיא חברה לייט זייא זאלין קובע עתים לתורה זיין. אונד זאלין שיקין זייערע פּועלים שני [שתי] שעות ביום לערנען.

ה שבת מוזין אללע חברה לייט קומען לבית המדרש אונד לערנען איטליכער נאך זיין פֿערשטאנד.

ו יעדער מבני החברה, איז מחויב מכבד זיין רבנים ותלמידי חכמים, אונד טאר ניט מעיז זיין חלילה כנגד זייא, אז ער האט א טענה ותביעה צו זייא אָדער צו דיא ממונים זאל ער נאר מודיע זיין דיא גבאי החברה אונד זייא וועלין זעהען וויא מען קאן איהם העלפֿין אונד דער וואָס וועט עובר זיין אף דער תּקנה, וועט שטראפֿירט ווערין פֿון דיא גבאים.

ז יעדער מבני החברה דארף געבין אללע וואך ניכט ווענינער פֿון 20 פּארעס חוץ נדרים ונדבות אשר ידבנו לבו.[14]

---

13. אויסלייג און אָפּשטעל־צייכנס ניט געביטן; די נקודות זײַנען, מחמת טעכנישע שוועריקייטן, דורכגעלאָזט. דעם אונטערשייד לגבי דעם העברעיִשן טעקסט ברענגען מיר אין די הערות.

14. אין העברעיִש לייענט זיך די תּקנה אַזוי: „כל אחד מחברתינו, מחויב ליתן להכנסת החברה לא פּחות מ ח צ י ג ר ו ש לכל שבוע ושבוע, מלבד אשר ידבנו לבו הטוב לתת להחברה כברכת ה׳ עליו, וכל עש"ק [ערב שבת קודש] ילך אחד מחברתינו לקבץ דמי השבוע כ מ נ ה ג כ ל ה ח ב ר ו ת בעיה"ק ת"ו."

ח אַ פּועל וואָס איז פֿון דער חברה, אונד איז מקיים אַלע תּקנות, אונד עס קומט דיא צייט וואָס ער דאַרף חתונה האָבען, איז דיא חברה מחויב צו העלפֿין איהם מיט וואָס מעגליך, להוצאות החתונה כּן זיינען מחויב דיא חברה לייט אַלע צו גיין אַף זיין שמחה.

ט יעדער חברה מאַן וואָס מאַכט חתונה אַ קינד אונד איזט אָרעם, דאַרף דיא חברה איהם שטיצין אונד אויב ער איזט ניט אָרעם, איז ער מחויב צו געבין להחברה כנדבת לבו.

י לאחר מאה ועשרים שנה, במות אחד מבני החברה ר"ל [רחמנא ליצלן]. דאַרפֿין אַלע בני החברה איהם מלוה זיין ביז צום בית עולם, אונד זאגין קדיש, וכל ימי השבעה והשלשים דאַוונען בביתו אונד לערנען משניות לעילוי נשמתו, אויך צום יאהר צייט דאַרף מען זאגין פֿאַר איהם קדיש, ואל מלא רחמים, אונד לערנען משניות לעילוי נשמתו.

יא אַז עס בלייבט חלילה אַ אלמנה ויתומים, מאחד מבני החברה, דאַרף דיא חברה געבין אַף זייא השגחה רבה, אונד אַז דער יתום קאַן לערנען איזט מען מחויב איהם צו דינגען אַ מלמד, אונד אַז ניט, דאַרף מען איהם אָפּ געבין צו אַ בעל מלאכה, אונד ער זאָל מקיים זיין די תקנות החברה.[15]

יב יעדער מבני החברה טאָר ניט אריין נעמין אַ פּועל סיידין ער זאָל מקבל זיין אויף זיך אַלע תקנות החברה, אויך דער פּאַטער פֿון דעם פּועל דאַרף זיך אונטער שרייבין אַז ער איזט מרוצה אַף דעם, דער כתב התקשרות דאַרף ליגין בייא דיא גבאי החברה, אונד אַז דער פּאַטער האָט אַ טענה ותביעה צום בעל מלאכה דאַרף ער זיך ווענדין צו דיא גבאי החברה.

יג דיא חברה איז מחויב צו זאָרגין פֿאַר די נייע בעלי מלאכות (חברה לייט) וואָס קומען אָן פֿון חוץ לארץ, מאַכין אַ הכנסת אורחים, זייא זאָלין קאָנען זיין דאָרטין ביז זייא וועלין קריגין אַ דירה, אונד דער וואָס איז אַ בעל יכולת דאַרף צאָהלין פֿאַר דעם וויא פֿיל ער קאַן.

יד יעדער מבני החברה דאַרף קומען להתפלל בכל יום שחרית מנחה ערבית אין בית המדרש פֿון דער חברה, חוק ולא יעבור! [16]

טו דיא גבאי החברה טאָרין זיך ניט משין [מישן] אין קיין שום מחלוקת וואָס עס טרעפֿט זיך אין שטאָדט, אונד אַז עס וועט זיך טרעפֿין חלילה אַ מחלוקת ושנאה קטנה בין איש לרעהו מבני החברה, דאַרפֿין אַלע חברה לייט זיך משתדל זיין צוא שטילין דיא קריג. אונד

15. אין העברעיִשן טעקסט פֿון דער תּקנה איז נאָך דעם ווי עס רעדט זיך וועגן דינגען אַ מלמד נאָך צוגעגעבן: „ולסעוד את לבו בלחם ומזון ואם ערום הוא יכסוהו."

16. אָט דער לעצטער זאַץ („חוק ולא יעבור!") פֿעלט אין העברעיִשן טעקסט.

צוא מאכין שלום, כי אין כלי מחזיק ברכה לישראל אלא שלום.[17]

טז יעדער חברה מאן איז מחויב צו לערנען זיינע קינדער שרייבין אונד רעכנענ, ווארום עס איזט ידוע ווי נויטיג דאס איז היינ־טיגע צייטין.[18]

יז אויך פועלים ובעלי מלאכות אין חוץ לארץ קאנען ווערין פון דער חברה, אונד האבין א חלק אין אללע איהרע זכיות, אז איינער פון זייא וועט קראנק ווערין חלילה, זיינען מחויב דיא בני החברה וואס אין ארץ ישראל, צו מתפלל זיין פאר זייא ביי אללע מקומות הקדושים, אונד אחר מאה ועשרים שנה זאגין קדיש אונד לערנען משניות כל ימות השנה, אונד צום יאהר צייט.

יח דיא חברה לייט פון חוץ לארץ דארפין געבין דמי קדימה אין דער חברה לכל הפחות 1 רובעל (אָדער 4 פראנק, אָדער 3 שיללינג) אונד שטענדיגין וואכער 5 קאפיקעס (20 צענטימס אָדער 2 פענס).

יט אף יעדער שמחה דארפין זייא דיא חברה גידיינקען איש איש כנדבת לבבו, אונד ניט וויינינגער פון 75 קאפיקעס (3 פראנק, 2 שיללינג) פאר א בן זכר, 50 קאפיקעס פאר א נקבה וואס עש וועט גיבארין ווערין בייא זייא, אונד אף א חתונה בייא זייערע קינדער דארפין זייא געבין 1 רו"כ וחמשה ועשרים קאפ' (דאס הייסט 5 פראנק אָדער 4 שיללינג).

כ דיא גבאים קאנען אריין נעהמען אפילו א חברה מאן וואס קאן ניט צאהלין וויא די תקנה, אז ער נעמט זיך נאר אן צו טאן לטובת החברה.

ה׳ יברך את עמו בשלום!"

נאָך די תקנות אין העברעיִש ווערן (אויף ז׳ יד) אויסגערעכנט די צען גבאים וואָס מען האָט אויסגעקליבן אויף דער אַסיפה פון אַלע חבֿרה־לײַט וואָס דאַרפֿן אַכטונג געבן אויף דעם פֿיר פֿון דער חבֿרה. צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע בעלי־מלאָכות: דרײַ שוסטערס, צוויי סטאָליאַרעס און צו איין גאָלדשמיד, בלעכער, מצבֿה־קריצער, שלאָסער און שטובן־מאָלער; אַ חידוש איז נאָר, וואָס צווישן זיי פֿעלט אויס אַ פֿאָרשטייער פֿון אַזאַ עכטער ייִדישער מלאָכה ווי שנײַדערײַ. אויך ווערט אָנגעוויזן, אַז די גבאים האָבן באַקומען די

17. אין דער העברעיִשער תקנה רעדט זיך ניט וועגן די גבאים, נאָר אַז די ח ב ר ה בכלל טאָר זיך ניט אַרײַנמישן אין קיין שום מחלוקתן („אם יהיה ח"ו ריב בעיר, אסור לחברתינו להתערב בזה כלל").

18. אָט די תקנה לייענט זיך אין העברעיִש אַזוי: „כאשר ידוע כי ענין הכתיבה הוא עמוד גדול בעולם, הסוחר בסחורתו, והחנוני בחנותו, והאומן באומנתו, ובלעדי זאת, האדם כעץ השדה, אשר לא ידע הליכות הארץ ובאמונתו יחית."

ברייטסטע פֿולמאַכטן צו טון אַלץ לטובֿת החבֿרה, ניט אָנפֿרעגנדיק ביי קיי־נעם פֿון די חבֿרה־לייט, און אַז קיינער קאָן ניט קריטיקירן זייער טעטיקייט,[19] און צו דעם האָבן אַלע חבֿרה־לייט מסכּים געווען „באלה ובשבועה ובאסור חמור כתיקון חז''ל'' (דאָרט). חוץ דעם האָבן נאָך די חבֿרה־לייט באַשלאָסן, אַז אַלע סיכסוכים צווישן זיך דאַרפֿן געבראַכט ווערן פֿאַר זייער אייגענעם „בית דין צדק'' פֿון די דריי ירושלימער רבנים ר' לייבוש אָרנשטיין, ר' שמואל בנימין הכּהן און ר' אלעזר ליבער, וואָס זיי האָבן דערצו באַקומען אַ „כּתב התמנות'' פֿון דער חבֿרה, אונטערגעשריבן ז' אייר התרל''ה דורך די צען גבאים און אַלע חבֿרה־לייט.

ווי מיר זעען, האָט די „פּועלי צדק'' געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, אַקוראַט ווי ענלעכע חבֿרות פּועלים אין רוסלאַנד און אין פּוילן, וואָס האָבן אויך געהאַט זייער אייגענעם בית־מדרש, בית־דין אאַז''וו.

וועגן איר גרינדונג האָט די חבֿרה געלאָזט וויסן, נאָך איידער עס זיינען געמאַכט געוואָרן אירע פּרטימדיקע תּקנות, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער ירושלימער צייטונג „החבצלת'' (נומער 7 פֿון י' כּסליו תּרל''ה) און אין „עברי אנכי'' (נומער 11 פֿון כ''ה כּסליו תּרל''ה), וואָס איז אין די יאָרן תּרכ''ה—תּר''נ (1865—1890) אַרויס אין בראָד אונטער דער רעדאַקציע פֿון דעם משׂכּיל ברוך ווערבער (1810—1876) און זיין זון, יעקבֿ וו. (1859—1890).[20] די שרייבערס פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס צווישן זיי געפֿינט זיך איינער פֿון די שפּעטערדיקע אויסגעקליבענע גבאים, יצחק אייזיק ב''ר חיים דוד זיינאָנץ, גיבן איבער וועגן די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צו דער גרינדונג פֿון דער חבֿרה, אירע צילן און פּלענער אויף ווייטער. צווישן די פּונקטן ווערט דאָ אָנגעוויזן אויף דער זאָרג פֿאַר די קינדער וואָס בלייבן אָן השגחה, און ניט דווקא פֿאַר יתומים וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך פֿאַרשטאָרבענע חבֿרה־לייט (ווי ס'איז אָנגעוויזן אין פּונקט יא פֿון די תּקנות). אין דער קאָרעספּאָנדענץ הייסט עס אַזוי: „אויך אויף די 19 אָן השגחה געבליבענע ייִנגלעך וואָס לערנען ביי אונדז אַ מלאָכה גיבן מיר אַכטונג, זיי זאָלן ניט פֿאַרווילדעוועט ווערן און טון וואָס זייער האַרץ גלוסט, און אויך מוזן זיי קומען דאַווענען אַלע טאָג [אין דעם אייגענעם בית־מדרש פֿון דער חבֿרה — מ. ק.], און נאָך מעריבֿ וועט איינער פֿון אונדז לערנען מיט זיי דינים פֿון „חיי אדם'', און אויך וועלן מיר אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן ניט אַרומגיין אָן אַ בגד אין דער קעלט.'' צוזאַמען מיט דעם גיבן זיי צו וויסן, אַז זיי האָבן געמאַכט נאָך „אַ סך גוטע און נוציקע תּקנות, וואָס פֿון זיי וועט אַרויסקומען אַ הילף פֿאַר אַ סך ברידער

---

19. ואין שום אחד מבאי קרית החברה יוכל לדבר דבר אפי' דבר חקל נגד כל מה שיפעלו.

20. די קאָרעספּאָנדענץ פֿון „עברי אנכי'' האָט זלמן פּעוזנער איבערגעדרוקט אין דער אונטער־ביילאַגע פֿון תּל־אָבֿיבֿער „דבֿר'' פֿון 15טן אָקטאָבער 1934.

אונדזערע".[21] דערבײַ גיבן זיי איבער, אַז ווי נאָר די חבֿרה וועט פֿאַרברייטערן איר טעטיקייט, וועלן זיי פֿון צײַט צו צײַט געבן צו וויסן אַלצדינג וואָס עס טוט זיך מיט איר. זיי ענדיקן מיט דער האָפֿענונג, אַז „אונדזער חבֿרה וועט זיך ניט האָבן וואָס צו שעמען אַקעגן די איבעריקע גוטע און נוציקע זאַכן וואָס געפֿינען זיך אין דער הייליקער שטאָט ירושלים". פֿון די זעלבע שרײַבערס הערן מיר אויך, אַז „פֿון צײַט צו צײַט וועלן מיר צו וויסן געבן אונדזערע ברידער אין אויסלאַנד אַלע פּרטים פֿון דער אַרבעט אין אונדזער חבֿרה — דורך דעם דאָזיקן טײַערן בלאַט."[22]

אָבער די אינפֿאָרמאַציעס זײַנען אַזוי גיך ניט געקומען. ערשט אין אַ יאָר אַרום הערן מיר וועגן אַ ספֿר־תּורה וואָס די מיטגלידער פֿון דער חבֿרה אין פּינסק האָבן איבערגעשיקט פֿאַרן בית־מדרש פֿון דער ירושלימער חבֿרה.[2?]

ניט געקוקט אויף דעם וואָס לכתּחילה איז די חבֿרה „פּועלי צדק" געגרינדעט געוואָרן אויף אַרײַנצוברענגען אחדות אין די רייען פֿון די ייִדישע בעלי־מלאָכות אין ירושלים, הערן מיר אין פֿיר יאָר אַרום, אַז עס זײַנען פֿאָרגעקומען סיכסוכים צווישן די חבֿרה־לײַט, און דעריבער זײַנען אויף אַן אַלגעמיינער אַסיפֿה אויסגעקליבן געוואָרן נײַע גבאים, וואָס נאָר איינער פֿון זיי, יעקבֿ משה הכּהן נגר (דער סטאָליער), האָט געהערט צו די ערשטע גרינדערס. די אַסיפֿה איז פֿאָרגעקומען ח' אדר א תּרל"ח, און וועגן איר לייענען מיר אָט וואָס: „אויף דער אַסיפֿה פֿון אַלע חבֿרה־לײַט, וואָס איז פֿאָרגעקומען הײַנטיקן מאָנטיק, איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן דאָס גבאות און די גאַנצע פֿירונג פֿון דער חבֿרה אונדז אונטן געחתמעטע, און וועלנדיק פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון אונדזערע ברידער און אײַנפֿירן ריכטיקע אָרדענונגען אין דער דאָזיקער חשובֿער חבֿרה, האָבן מיר איבערגענומען אויף זיך אָט די אַרבעט און מיט גאָטס הילף וועלן מיר זען אַכטונג צו געבן, אַז אַלצדינג וואָס איז געווען קרום אין דער חבֿרה זאָל אויסגעגלײַכט ווערן און אַז אַן אמתער שלום זאָל הערשן תּמיד."[23] ווײַטער ווײַזן זיי אָן, אַז דער פֿריִערדיקער פֿאָרזיצער פֿון דער חברה, מאיר וואָלף גאָלדענבערג, האָט שוין מער ניט קיין שום שײַכות צו איר, און דעריבער ווענדן זיי זיך צו די אַלע וואָס האָבן ביז אַהער געשטיצט די חבֿרה, אַז זיי זאָלן זיך ניט אָפּרופֿן אויף די בריוו וואָס וועלן אַרויס מיט זײַן חתימה, ווײַל בײַ אים זײַנען איבערגעבליבן

21. ועוד תקנות רבות טובות ומועילות כאלה אשר בכחם להצמיח ישועה לרבים מאחינו.

22. „החבצלת", זעקסטער יאָרגאַנג, נומ' 8, י"ב כסליו תּרל"ו.

23. „החבצלת", אַכטער יאָרג', נומ' 14, י"ב אדר א' תּרל"ח:

באסיפת כל בני החברה ביום ב' שבוע זה גמרו אומר לשום את משרת הגבאות והנהגת החברה לכל פרטיה על שכמינו אנחנו, הח"מ, ובחפצינו להיטיב לאחינו ו ל ש ו ם ס ד ר י ם נ כ ו נ י ם בהחברה הנכבדה הזאת, קבלנו עלינו את העבודה הזאת, ובישע ה' נשים עין ולב כי יושמו כ ל מ ע ק ש י ה ח ב ר ה למישור ו ש ל ו ם א מ ת ישלט בה שלטת.

„געדרוקטע בריוו ווי אויך בלאַנקען, וואָס אויף זיי געפֿינט זיך דער שטעמפּל פֿון דער חבֿרה".

צו דער געהאַפּטער אַחדות איז אָבער ניט געקומען, און אין אַ קורצער צײַט אַרום הערן מיר, ווי מען באַשולדיקט די נײַ אויסגעקליבענע פּאַרוואַל־טונג אין דעם, אַז זי האָט אויסגענוצט די געלטער־נדבֿות פֿאַר זיך אַליין. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין „פּועלי צדק" האָבן זיך געשאַפֿן צוויי צדדים, און יעדערער פֿון זיי האָט פֿאַרטיידיקט זײַנע אינטערעסן אין דער צײַטונג וואָס איז פֿון אים געשטיצט געוואָרן. איין טייל האָט זײַנע מעל־דונגען געדרוקט אין ישׂראל־דוב פֿרומקינס „החבצלת" און דער אַנדערער אין דער צווייטער ירושלימער צײַטונג „שערי ציון" וואָס איז אין די יאָרן תּרל"ו—תּרמ"ה (1876—1885) אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון חיים פּרעס (דער אַרויסגעבער איז געווען יצחק גאָשציגני). עס האָבן זיך, אויפֿן שטיי־גער פֿון דער צײַט, אָנגעהויבן קעגנזײַטיקע באַשולדיקונגען, און קיין צד איז ניט געבליבן שולדיק קיין דערקלערונג. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערבײַ איז, וואָס אויף איינער פֿון די מעלדונגען איז שוין אונטערגעשריבן ניט „חבֿרה פּועלי צדק", נאָר „עובדי עבודה ובעלי מלאכות בעה"ק ירושלים ת"ו" — אַ נאָמען וואָס האָט, ווײַזט אויס, געדאַרפֿט נאָך מער אונטערשטרײַכן דעם אײַנרײַס אין דער חבֿרה „פּועלי צדק".[24]

די דערקלערונגען האָבן געוויזן, אַז די אַנטווערקער־חבֿרה האַלט בײַם אונטערגיין. אַ לעצטן פּרווו צו פֿאַרבעסערן די מערכה האָבן געמאַכט די גבאים פֿון דער אַלטער „פּועלי צדק" דורך אַ לענגערער דערקלערונג, ווו זיי ווײַזן אָן, ווי אַזוי די בעלי־מלאָכות אין ירושלים, וואָס זייער צאָל דערגרייכט 600, האָבן זיך אָרגאַניזירט, כּדי צו שטאַרקן איינער דעם אַנדערן, און לעבן נאָר פֿון „זייער אייגענער אַרבעט וואָס איז זיסער פֿון יעדער ביטערער הילף וואָס זיי באַקומען דורך גוואַלדן".[25]

די גבאים שטרײַכן אונטער, אַז נאָר די „פּועלי צדק" איז די איינציקע בעלי־מלאָכהשע חבֿרה, און זיי פֿאַרענדיקן מיט אָט די ווערטער: „דעריבער האָבן מיר בהסכּם מיט אַלע בעלי־מלאָכות פֿון דער הייליקער שטאָט און מיט זייער דערלויב באַשלאָסן צו וויסן געבן אַלע אונדזערע ברידער וואָס האָבן אַ דערבאַרעמדיק און פֿילנדיק האַרץ און וואָס ווילן פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די בעלי־מלאָכות, אַז טאָמער האָט עמעצער עפּעס אַן ענין צו די בעלי־מלאָכות אין ירושלים לטובֿת דער מלאָכה, ווי געבן אַרבעט אָדער דאָס גלײַכן, זאָל ער

24. „שערי ציון", דריטער יאָרג', נומ' 20, א' אלול תּרל"ח.

25. ופרי עבודתם תמתק למו רב יתר מהעזר המר המגיע לידם ע"י קולי קולות.

די דערקלערונג איז אין גאַנצן אָפּגעדרוקט דורך פּנחס בן יאיר [גראַיעווסקי] א"נ „אגודת הפועלים בירושלים מלפני יובל שנים" אין „דבֿר" פֿון 2טן מאַרץ 1936, אָבער אַזוי ווי אומעטום, ווײַזט ער אויך דאָ ניט אָן דעם מקור זײַנעם.

זיך ניט ווענדן ניט רעכטס און ניט לינקס, ווײַל דאָס וועט זיך ניט אײַנגעבן, נאָר דירעקט צום אונטערגעהתמעטן ׳קאָמיטיי אגודת פועלי צדק׳. מערניט יעמאָלט וועט זייער ווילן און שטרעבונג דערגרייכן דעם געווונטשענעם ציל, וועט ניט גיין אויף צוריק אָדער אויף קרומע וועגן, נאָר גיין ווי מען ווינטשט זיך אַליין און אויפֿן בעסטן אופֿן.״[26]

אָט די אינעווייניקסטע קריגערײַען האָבן ווײַזט אויס געבראַכט צום אונטערגאַנג פֿון דער חבֿרה. די לעצטע ידיעה וועגן איר האָבן מיר פֿון יאָר 1881: אין דער רשימה פֿון די ירושלימער רעליגיעזע חבֿרות וואָס א. מ. לונץ רעכנט אויס[27] איז אויך דערמאָנט די „חבֿרה פועלי צדק״ מיט 133 מיטגלי־דער. קיין ווײַטערדיקע ידיעות וועגן איר פֿאַרמאָגן מיר ניט.

26. דאָרט גופֿא:

ואשר על כן בהסכם כל בעלי האומנות פעה״ק ובהרשאתם, גמרנו אנחנו באי כחם אומר, להודיע קבל עם לכל אחינו בני ישראל אשר לבם לב רחמן ומרגיש, החפצים בטובת בעלי המלאכות: כי כל אשר יהיה לו דבר להאומנים בירושלים לטובת המלאכה, בדרישת עבודת מעשה, וכדומה, אל נא יפנה ימין או שמאל, כי היא לא תצלח, כי אם ישראל „הקאָמיטיי אגודת פועלי צדק״ החתומים מטה. ואז אך אז חפצם ומשאלותם תבוא ליסוד הנרצה ולמחוז חפצם הטהור; לא תסוב אחורנית, ולא תלך עקלקלות, כי אם תפלס מעגל דרכיה באופן רצוי ועל צד היותר טוב.

27. אין דעם פֿרעמדשפּראַכיקן טייל פֿון „ירושלים״ I, ווין, 1882, ז׳ 27.

ייִדיש און די לאַנדשפּראַכן אין לאַטײַן־אַמעריקע

פֿון חיים לאַזדייסקי, מאיר קוטשינסקי

די ביידע אַרבעטן וואָס מיר דרוקן דאָ זײַנען אָנגעשריבן אומאָפּהענגיק פֿון אַנאַנד און ממילא ניט אין גאַנצן אויף איין שטייגער, אָבער זייער ציל איז איינער: סיסטעמאַטיזירן מאַטעריאַל וועגן דער ווירקונג פֿון די לאַנדשפּראַכן שפּאַניש אָדער פּאָרטוגעזיש אויף דעם אימיגראַנטישן ייִדיש אין דער לאַטײַנישער אַמעריקע.

אַז אימיגראַנטישע גרופּעס זײַנען אויסגעשטעלט אויף דער ווירקונג פֿון דער שפּראַך פֿון זייער נײַער היים איז קיין נאָווינע ניט; ייִדן זײַנען אין דעם פּרט ניט קיין יוצא מן הכלל, אָבער אַזוי איז אַ כּלל, אַז די באַוווּסטזיניקע אינטעליגענץ פֿון יעטווידער אימיגראַנטישן קיבוץ זאָל זיך שטעלן בויען דאַמבעס קעגן דעם אָנפֿלייץ פֿון די לאַנדשפּראַכיקע עלעמענטן. געוויינטלעך דאַרף מען ניט פֿאַרלירן די פּערספּעקטיוו. אויב אין אַ נײַער סבֿיבֿה קומען אַרײַן אין אַ שפּראַך עלעמענטן פֿון דער דאָזיקער סבֿיבֿה, איז דאָך דאָס ניט מער ווי נאַטירלעך; אין פּוילן און ליטע און רײַסן, וווּ ייִדיש איז היימיש פֿון אַזוי פֿיל הונדערטער יאָרן, האָט אונדזער שפּראַך פֿאַר די לעצטע פּאָר דורות אויך אַרײַנגענומען גענוג נײַסן, און דאָס האָט איר חלילה ניט פֿאַרשאַט. שלעכט איז נאָר, ווען די נײַע עלעמענטן צעלייגן זיך צו ברייט, ווען זיי האָבן אַ טענדענץ צו „זשאַרגאָניזירן" דעם אימיגראַנטס שפּראַך. וואָס טוט מען קעגן דער דאָזיקער טענדענץ? פּוריסטישער מוסר אַליין וועט ניט האָבן גענוג האַפּט, אויב ער בינדט זיך ניט מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. דער כּוח פֿון אַ קיבוץ אויפֿצוהיטן די ריינקייט פֿון זײַן שפּראַך איז דער עיקר געווענדט אין דעם, ווי גרויס עס איז דער ס אָ צ י אַ ל ע ר פּ ר ע ס ט י ז ש פֿון דער שפּראַך בײַם קיבוץ גופֿא. אָבער די פּוריסטישע באַוווּסטזיניקייט טאָר מען אויך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. מען דאַרף שאַרפֿן דאָס שפּראַכגעפֿיל בײַ די מיטגלידער פֿונעם קיבוץ, און איינס פֿון די מיטלען דערצו איז צונויפֿנעמען די באַרבאַריזמען (ווערטער, גראַמאַטישע פֿאָרמען, סינטאַקטישע פֿאַרבינדונגען) וואָס כאַראַקטעריזירן די שפּראַך פֿונעם אימיגראַנט פֿון אַ גאַנץ יאָר: אַז מען קען דעם שונא, איז גרינגער זיך פֿון אים אײַנצוהיטן.

פֿון דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז מען דאַרף אָפּהיטן די ריינקייט פֿון ייִדיש, זײַנען דיקטירט די ביידע אַרבעטן אונדזערע. אָבער חוץ דעם האָבן זיי אויך אַ דירעקטן וויסנשאַפֿטלעכן אינטערעס. וועגן דעם אימיגראַנטישן ייִדיש אין אַמעריקע זײַנען פֿאַראַן עטלעכע אַרבעטן*; וועגן דער ווירקונג פֿון פֿראַנצייזיש אויף דער שפּראַך פֿון די אײַנגעוואַנדערטע ייִדן אין פּאַריז גייט אַן אַרטיקל פֿון לעווינסקי אין דעם זאַמלבוך „ייִדן אין פֿראַנקרײַך", ב' II, זז' 193־204, אַרויסגעגעבן פֿון ייִוואָ; איצטער ווערן מיר געוואָר וועגן ייִדיש אין דרום־אַמעריקע. ווער עס קען די טאָגטעגלעכע ייִדישע שמועסשפּראַך פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועט אין דעם איצטיקן אַרטיקל באַגעגענען אַ סך באַקאַנטע. און דאָס איז קיין חידוש ניט: וואָרעם פֿון

* פּ"גל: י. א. יאָפֿע אין: ייִוואָ־בלעטער X (1936), זז' 127—145; י. מאַרק אין: יאָרבוך אַמאָפּטייל ייִוואָ I, (1938) זז' 296—321; י. ה. ניומאַן, Notes on American Yiddish אין The Journal of English and Germanic Philology, 1938, זז' 403—421; מ. ווײַנרײַך אין: אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע III, זז' 320—321. זע אויך די אַרטיקלען אויף דער טעמע אין יאָרגאַנג 1941 פֿון דער „ייִדישער שפּראַך".

הינטער די פֿאַקטן וואָס ווײַזן די ווירקונג פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן אויף ייִדיש ווײַזט זיך אַרויס אַן אַלגעמיינע גערזעצמעסיקייט, וואָס אירע וואָרצלען שטעקן נישט אין די פֿרעמדע שפּראַכן, נאָר אין ייִדיש. ס'איז ניט שווער צו זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן אין גרונט מיט די זעלביקע געזעצן, לויט וועלכע ייִדיש נעמט אַרײַן פּוילישע אָדער רוסישע אָדער אוקראַיִנישע אָדער רומענישע עלעמענטן אין דער אַלטער היים. מיט אַנדערע ווערטער: אַן אַנאַליז פֿון די באַרבאַריזמען אין פֿאַרשיידענע מקומות העלפֿט אונדז בעסער צו פֿאַרשטיין די אייגן־געזעציקייט פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

מ. ו.

שפּאַנישע עלעמענטן אין ייִדיש

I

אין די 18 לענדער פֿון דעם מערבֿדיקן קאָנטינענט, ווו די אָפֿיציעלע לאַנדשפּראַך איז שפּאַניש, וווינען ייִדן, ווו אין אַ גרעסערער און ווו אין אַ קלענערער צאָל, און אומעטום איז זייער ייִדיש, סײַ אין שרײַבן און סײַ אין ריידן, שטאַרק דורכגעמישט מיט אַזוי גערופֿענע „הישפּאַניזמען". און הגם אונדזער אַרבעט איז אויפֿגעבויט אויף אָבסערווירן דאָס גערעדטע און געשריבענע ייִדיש בלויז אין אַרגענטינע און אורוגווײַ, מעג אַלץ וואָס וועט קומען אונטן פֿאַראַלגעמיינערט ווערן אויף דעם חשבון פֿון אַלע לאַטײַן־אַמעריקאַנער ייִדישע ייִשובֿים.

געוויינטלעך פֿילט זיך אַ סך שטאַרקער די השפּעה פֿון שפּאַניש אין דער גערעדטער שפּראַך. די ייִדן פֿון די ייִשובֿים האָבן געוואָלט וואָס גיכער „אויס־גרינען" זיך, און זיי האָבן געטראַכט, אַז דאָס וועט זיי גיכער געראָטן, אויב זיי וועלן ריידן ווי האַלבע אײַנגעבוירענע כאָטש לכל־הפּחות... הײַנט צו טאָג וואַרפֿט דורך יעדער ייִד פֿון די לענדער נישט ווייניקער ווי עטלעכע הונדערט שפּאַנישע ווערטלעך אין זײַן ייִדיש, און ער איז שוין געוואָרן צו זיי אַזוי צוגעוווינט, אַז ער באַנוצט אַ טייל פֿון זיי אין זײַן ש ר ײַ ב ן ייִדיש אויך.

אַ באַזונדער שווערע פּראָבלעם איז בײַ אונדז די פֿראַגע פֿון ריינעם געשריבענעם ייִדיש. די צײַטונגען אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנער רעפּובליקן זײַנען אויך פֿול מיט הישפּאַניזמען, און ספּעציעל די לאָקאַלע נאָטיצן, כראָניק, טעלעגראַמען איבערגעזעצטע פֿון שפּאַניש. די זײַט פֿון מודעות איז גאָר פֿול מיט שפּאַנישע ווערטער, און אַ ייִד פֿון אַ ייִשובֿ, ווו עס ווערט נישט גערעדט שפּאַניש, וועט זיי זיכער נישט קענען פֿאַרשטיין. שולדיק דערין זײַנען אַ סך פֿאַקטאָרן. די ייִדישע אימיגראַציע וואָס האָט געשטראָמט אַהער פֿאַר דער איצטיקער מלחמה האָט נישט געבראַכט אין די היגע לענדער גענוג ייִדישע אינטעליגענטן, נישט גענוג קולטור־טוערס. גוטע אויסנאַמען זײַנען פֿאַראַן כמעט אין יעדער ייִשובֿ פֿון דעם קאָנטינענט. אָבער דאָס בײַט נישט דאָס אַלגעמיינע בילד, ווײַל צום באַדויערן זײַנען פֿאַראַן וואָרטזאָגערס און פּענ־מענטשן וואָס זײַנען גרייט צו לאָזן די זאַכן „גיין ווי ס'גייט"...

דער פּשוטסטער אופֿן פֿון אַרײַנפֿירן פֿרעמדע ווערטער אין אַ שפּראַך איז אַריבערנעמען זיי מיט הויט און ביינער, און גאַנץ אָפֿט טוט אַזוי דער דרום־אַמעריקאַנער ייִד. כעפּע (שעף), אָרדען (אָנזאָג, פֿאַראָרדענונג), לאַפּיז (בלײַער) ווערן געניצט אין ייִדיש אַזוי ווי אין שפּאַניש. אין גאַנצן אויפֿן שפּאַנישן שטייגער, אַפֿילו מיטן אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף, רעדט מען אויך אַרויס אַלע ווערטער אויף ־אַר: אַוויאַדאָר (אַוויאַטאָר), דיקטאַדאָר (דיקטאַטאָר) דירעקטאָר.

די סובסטאַנטיוון וואָס האָבן וואָרט־אויס ־אָ אָדער ־אַ ווערן אַרויסגערעדט אויפֿן שפּאַנישן שטייגער: פּאַנאַדעראַ (בעקער), פּאַנאַדעריאַ (בעקערײַ), פּעלו־קעראָ (שערער), פּעלוקעריאַ (שערערײַ), לעטשעראָ (מילכיקער), לעטשעריאַ (מילכיקערײַ) אאַז״וו. נאָר גאַנץ אָפֿט ווערט פֿונעם ־אַ אָדער ־אָ אַן ־ע, אויפֿן ייִדישן שטייגער ריידן. דאָס אייגענע אין לשון־רבים: נאַראַנכעס (מאַראַנצן); שפּאַניש ־אַס. דאָס אייגענע בײַ אַדיעקטיוון: פּאַלידע (בלייך), סאָבערביע (פֿרעכטיק); אויף שפּאַניש שטייט דאָ אַן ־אָ.

די שפּאַנישע ווערבן וואָס לאָזן זיך אויס אויף ־אַר, ־ער, ־יר פֿאַרענדיקן ייִדן אויף ־ירן: ראַמפּירן (צערײַסן, צעברעכן), מאַלעסטירן (באַלעסטיקן), פֿעליסיטירן (אָפּגעבן מזל־טובֿ), אַניקילירן (אויסראָטן), גאָבערנירן (רעגירן), מאַרקירן (צייכענען) אאַז״וו.

נאָך ווײַטער פֿון שפּאַניש, אָבער היפּש ווײַט פֿונעם ייִדישן אופֿן אויסדריקן זיך, זײַנען יענע זאַצן וואָס מען טראָגט אַריבער וואָרט בײַ וואָרט; למשל: „די רפֿואה האָט מיר זייער גוט געמאַכט״ (געהאָלפֿן), „אײַער מיטל האָט מיר שלעכט געמאַכט״ (פֿאַרשאַט).

אָט זײַנען אַ פּאָר מוסטערן פֿון טאָגטעגלעכן ר י י ד ן:

אין דער פֿרי טרינק איך קאַפֿע קאָן לעטשע (קאַווע מיט מילך), ברויט און מאַנטעקאַ (פּוטער). אין טאַזשער (וואָרשטאַט, אַרבעטפּלאַץ) קום איך אַרײַן אַכט פֿרי. איך גיי אָפֿט זען אַ סינטאַ (פֿילם) אין אַ ביאָגראַף (קינאָ) אָדער אַ רעוויסטאַ (אין איראָפּעיִשן ייִדיש ניצט מען רעווי, די פֿראַנצייזישע פֿאָרם פֿון דעם זעלביקן וואָרט). בײַ מיר איז געוואָרן דעסקאָמפּועסטאָ (קאַליע) די לוז (ליכט, באַלײַכטונג), האָב איך זיך געמוזט באָדן אין קואַרטאָ דע באַניאָ (באָד־צימער) אין דער פֿינצטער. מײַן שכן מאַנעכירט (פֿירט אָן) זייער גוט זײַן קאָטש (אויטאָ), ער האָט דערין אַ סך עקספּעריענץ (פּראַקטיק). ער האָט זיך געמוזט פּרעזענטירן (בעטן בײַם געריכט אַן אָפּלייג פֿון די צאָלונגען), ווײַל זײַנע קליענטן האָבן ניט געצאָלט זייערע קאָנפּאָרמעס (וועקסלען); צווישן זיי זײַנען געווען אַ סך קלאַוואָס (טשוועקעס, אַזוי ווערן דאָ גערופֿן קונדן וואָס ווילן ניט באַצאָלן). מער ווי הונדערט פּעזעס אַ חודש קען מען ניט קאָברירן (אײַנקאַסירן).

דאָס וואָרט קאָברירן האָט זיך זייער אײַנגעבירגערט אין דרום־אַמעריקאַנער ייִדיש, ס׳האָט אַפֿילו אַרויסגעגעבן פֿון זיך נײַע שפּראַצן וואָס זײַנען

אין שפּאַניש ניטאָ: ער קאַברירט זייער גוט. דער קאַבראַטאָר קומט צו מיר מאָרגן. אונדזער קאַבראַווסטוואָ גייט אָן זייער פֿײַן.

אַנדערע ווערטער זײַנען געווען אין אונדזער היימישער אינטעליגענטער שפּראַך אויך, גענומען פֿון לאַטײַן: אינדיפֿערענט, היפּאָקריט, עקוויוואַלענט. פֿאַר דעם אימיגראַנט וואָס האָט די ווערטער דאָ געהערט צום ערשטן מאָל זײַנען דאָס הישפּאַניזמען.

פֿאַראַן ווידער ווערטער, בײַ וועלכע מען געדענקט שוין גאָרניט, אַז זיי זײַנען ניט פֿון די היימישע. אַ שטייגער אַטענדירן. לכתחילה מיינט דאָס: אַכ־טונג געבן, אויפֿפּאַסן; אָבער ס'קען אויך באַטײַטן: באַדינען. „באַלד אַטענדירט מען אײַך", זאָגט אַ פֿאַרקויפֿער צו אַ קונה וואָס וואַרט שוין לאַנג און נעמט שוין ווערן אומגעדולדיק. אָדער אַ באַאַמטער אין אַ ביוראָ זאָגט: „פֿריִער מוז איך אַטענדירן די וואָס זײַנען געקומען פֿריִער."

דאָס גשריבענע יידיש איז ניט אַזוי שטאַרק דורכגעזאַפּט מיט שפּאַנישע עלעמענטן, אָבער עס קלעקט. לאָמיר דאָ אויך ברענגען עט־לעכע מוסטערן:

די פֿראַנצייזישע און ענגלישע רעגירונגען, דער רוסישער און פּוילישער גענעראַלן.

סטעפֿאָרד קריפּס און וויאַטשעסלאַוו מאָלאָטאָוו, וואָס פֿאַרטרעטן די רעגירונגען פֿון לאָנדאָן און מאָסקווע, רעספּעקטיוו, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנ־פֿערענץ. זיי האָבן קאָנפֿערענצירט במשך פֿון עטלעכע שעה. דער אַמביענט (שטימונג, סבֿיבֿה) בעת דער קאָנפֿערענץ איז געווען שטאַרק אַגיטירט. עס האַלט בײַ אַ דעציסיווער (דעצידירנדיקער) ויזאָלוציע (באַשלוס). די פֿראַגע איז זייער אימפּאָרטאַנט (וויכטיק). די אימפּאָרטאַנץ דערפֿון איז קלאָר. די פֿאַר־האַנדלונגען זײַנען געבליבן אין אַן אימפּאַס (אויף אַ טויטן פּונקט). דער קאָנ־פֿערענציסט (רעפֿערענט) האָט נעכטן געגעבן אַ קאָנפֿערענץ (געהאַלטן אַ רעפֿעראַט אין אונדזער לאָקאַל. מען האָט אים באַשאָנקען מיט וואַרעמע אַפּלאָוזן (אַפּלאָדיסמענטן). אונדזער קאָמיסיאָן דירעקטיוואָ (פֿאַרוואַלטונג) אָר־גאַניזירט מאָרגן אַ גראַנדיעזע פֿיעסטאַ (יום־טובֿ, פֿײַערונג; דאָ איז שוין געוואָרן אַ מאָדע צו באַצייכענען יעדע פֿײַערונג מיט דעם נאָמען יום־טובֿ, פֿון שפּאַנישן פֿיעסטאָ). עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויך אַ קאָמיסיאָן דע פֿיעסטאַ (אַ פֿײַערונג־קאָמיסיע). אונדזער באַקאַנטער קאָמפּראָמיטירט זיך (שרײַבט תּנאָים) מאָרגן בײַ נאַכט. דער קאָמפּראָמיסאָ (תּנאָים) איז געווען זייער באַזוכט.

מען איז שוין געוווינט צו שרײַבן אַזוי:

די פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַראיין „אַחים רחמנים" און דער פּרעזידענט פֿון דעם זעלבן (עס הייסט פֿון דעם זעלבן פֿאַראיין) גרייטן צו אַ סורפּריז. די לערער פֿון דער שולע „שלום־עליכם" און די תּלמידים פֿון דער זעלבער קומען מאָרגן אַהער. מײַן זייגער איז נישט קיין גוטער, אָבער דער פֿון מײַן

ברודער איז אַ סך בעסער. אונדזערע פֿרײַנד און די פֿון אונדזערע באַקאַנטע יועלן גיין מיט אונדז צוזאַמען.

אַ מאָל דערגייט צו אַזעלכע אַבסורדן, ווען מען גיט איבער דאָס שפּאַנישע וואָרט בײַ וואָרט:

ווינסטאָן טשורטשיל איז אַרײַנגעקומען אין פּאַרלאַמענט, אַפּלאַדירנדיק אַלע דעפּוטאַטן. די נאַצישע אַוויאַציע האָט באָמבאַרדירט חיפֿה פֿאַרלירנדיק די אַטאַקירער צען אַוויאָנען (אַעראָפּלאַנען).

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן — מיר לײַדן דאָ אַ סך ווייניקער פֿון דער פּלאָג פֿון פֿרעמדע ווערטער, ווי די צפֿון־אַמעריקאַנער ייִדן פֿון זייערע אַנגליציזמען. אויך ווײַזט אויס, אַז די היגע ייִדישע צײַטונגען זײַנען אין דעם פּרט אַ סך אָפּגעהיטענער ווי די ניו־יאָרקער, שיקאַגער, אָדער מאָנטרעאָלער. פֿון דעסט וועגן בלײַבט אונדז נאָך דאָ איבער אַ סך זיך צו ווינטשן...

ח י י ם ל אַ ז ד י י ס ק י ((מאָנטעווידעאָ)

II

פּאָרטוגעזישע עלעמענטן אין ייִדיש

דאָ רעדט זיך וועגן דער השפּעה פֿונעם בראַזיליאַנער פּאָרטוגעזיש אויף דער ייִדישער שפּראַך פֿון טאָגטעגלעכן לעבן; בײַם האַנדל, בײַם שמועס, בײַם „קאָוועלע“, בײַם אײַנקויפֿן אויפֿן מאַרק. מיר נעמען ניט אַרײַן אַ ריי טער־מינען וואָס האָבן זיך שוין גוט צעלייגט אין דער ייִדישער פּרעסע אָדער ווערן גענוצט דורך רעדנערס און לעקטאָרן. דאָס פֿאָלק באַגייט זיך אָן זיי. צום באַדויערן לויפֿט די פּרעסע פֿאָרויס אין בראַזיליאַניזירן; מודעות פֿון פֿאַראײנען און סינאַגאָגעס שטײַגן אויך אַריבער מיט זייערע בראַזיליאַ־ניזמען די געראָדעטע שפּראַך.

צום מערסטן זײַנען די בראַזיליאַניזמען אין לשון פֿון האַנדל, און דער עיקר אין צוויי צווײַגן, מ ע ב ל און ק אָ נ פֿ ע ק צ י ע; דאָס זײַנען די הויפּט־אַרטיקלען פֿון פּעדלערײַ, וואָס מיט דעם גיבן זיך אָפּ אפֿשר 80 פּראָצענט ייִדן אין לאַנד.

מיר נעמען נישט אַרײַן אין דער זאַמלונג נעמען פֿון פּ י ר ו ת, סײַדן די וואָס האָבן שוין געהאַט אַן אַנדער נאָמען אין אייראָפּעיִשן ייִדיש. די נעמען פֿון די ח ד ש י ם האָבן מיר יאָ אַרײַנגעשטעלט: זיי האָבן אין גאַנצן אַרויסגעשטופּט די אייראָפּעיִשע, בעצם נאָר ליטעראַרישע באַצייכע־נונגען (דער פּוילישער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט אין דער היים זאָגן „סטיטשען“, ניט יאַנואַר אאַז״וו). די נעמען פֿון ק אָ ל י ר ן ווערן ווײַטער גענוצט אויף ייִדיש; נאָר ווען מען דאַרף איבערגעבן אַ ניואַנס ווערט שוין דער גאַנצער טערמין אַ בראַזיליאַנער: בלוי, אָבער אַזול פּאַוואָן (העל בלוי), אַזול מאַרין (טונקל בלוי). נאָר אין דער זאַמלונג האָבן מיר דאָס נישט

אַרײַנגענומען, מחמת אונדז דוכט זיך, אַז ס'האָט נישט אָנגעשפּאַרט אומעטום.

אויך האָבן מיר ניט אַרײַנגענומען די ווערטער פֿון ראָמאַנישן אָפּשטאַם וואָס זײַנען פֿאַראַן אויך אין אייראָפּעיִשן ייִדיש (הגם ס'קען געמאָלט זײַן, אַז אַ סך פֿון אונדזערע אימיגראַנטן האָבן די ווערטער צום ערשטן מאָל דערהערט אין בראַזיל): אַראַנזשירן, וואַגאַבונד, וויטרינע, טערען 'בויפּלאַץ', מאַקאַראָן, פּיקניק, פּעניואַר.

ס'האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן ענלעכקייטן, ווו דער ייִדישער טערמין האָט אָפּגעטראָטן לטובֿת דעם בראַזיליאַנישן. אַ מאָל איז דאָס נאָר אַן אונטערשייד אין קלאַנג: מאַגער (ניט: מאָגער, פֿון פּאָרט' magro); דער טײַטש איז געבליבן דער זעלביקער. אָבער אָפֿט האָט זיך דער טײַטש געביטן היפּש. קאָרט איז אין אייראָפּעיִשן ייִדיש אַ מין וואָלענער שטאָף, דאָ מיינט דאָס קאָרטל אַן אָפּ־געשניטן שטיק שטאָף אויף אַ מלבוש. נאַציאָנאַל, נאַסיאָנאַל מיינט דאָ: אינלענדישער אויסאַרבעט, און מען רעדט וועגן נאַציאָנאַלע נאָדלען, פּאַפּיר אד''גל. אינטריגירן מיינט דאָ: צושטעלן דעם קונה אַהיים די באַשטעלונג.[1] נײַע טײַטשן פֿאַר ווערטער פֿון ניט ר אָ מ אַ נ י ש ן אָפּשטאַם: טשוואָק איז אַ קונה וואָס באַצאָלט ניט; מאַלפּע — וווּלגאַרע באַצייכענונג פֿאַר אַ שוואַרצן קונה; קלאַפּן מיינט פּעדלען, קלאַפּער איז אַ פּעדלער; שלעפּער איז אַ קונה וואָס שלעפּט אָפּ מיטן צאָלן.

געבן און מאַכן ווערן דאָ אָפֿט געניצט אויף אַ ניט־ייִדישן שטייגער: איך גיב זיך נישט מיט אים — כ'בין מיט אים ברוגז; איך גיב זיך מיט אים — מיר זײַנען חבֿר; דאָס געשעפֿט גיט רעזולטאַט — גייט גוט. מאַכן זיך די באָרד — אָפּגאָלן זיך; מאַכן יאָרן — יערן זיך, פּראַוועון דעם געבוירן־טאָג.

הגם אונדזער זאַמלונג פּרעטענדירט ניט צו זײַן קיין שטרענג וויסנשאַפֿט־לעכע פֿאָרשונג, ווילן מיר אָנווײַזן אויף עטלעכע גראַמאַטישע פֿאַקטן.

אין די ווערטער אויף ־אַן, ־אָן, ־ענץ שטייט דער אַקצענט אויף דעם דאָזיקן אויסלאָזטראַף. אין די ווערטער וואָס ענדיקן זיך אויף ־ע שטייט דער אַקצענט קיין מאָל ניט אויפֿן לעצטן טראַף.

בײַ די דאָזיקע קאַטעגאָריעס ווערטער האָבן מיר קיין אַקצענטן ניט געשטעלט. אין די ווערטער, ווו ס'איז נייטיק געווען אָנצוווײַזן דעם אַקצענט, האָבן מיר אים באַצייכנט דורך אַ ' נאָכן באַטאָנטן וואָקאָל.

יעדער פּאָרטוגעזישער דיפֿטאָנג ao— ווערט אַרויסגערעדט אין ייִדיש ־אָן.

בײַ אַ צאָל ווערטער איז אָפּגעפֿאַלן דער α אָדער e וואָרט־אײַן: טעלאָגאָ, סטאַסאָן, סקינע, פּענדיסיט, סקריטאָריע.

ate logo, estaçao, esquina, appendicite, escritoria.

אַ סך בראַזיליאַניזמען מין זכר, וואָס האָבן וואָרט־אויס אַן אָדער

---

[1] אין העברעיִש האָט רכילות אויך דעם טײַטש 'פּעדלערײַ'. דער אַלטער ייִדישער דור זאָגט אויף אַן אינטריגאַנט, אַן אומלויף, אַ לשון־הרעניק: אַ הולך־רכיל.

ווערן אַרויסגערעדט אָן זיי: דער קאַזאַק (דאַמען־מאַנטל), דער מאָווימענט (אומזאַץ, באַוועגונג), דער פּאַגאַמענט (צאָלונג), דער באַטימענט (הנחה).
casaco, movimento, pagamento, abatimento.

אויף וויפֿל עס בלײַבט איבער די וואָקאַלע ענדונג, ווערט זי אַרויסגע־רעדט ווי ־ע, מיט אַ נטיה אויף ־י: וועלו׳דע, פּריוואַ׳דע, פֿעשע; מייסעמע׳נוס.
veludo, privada, fecha; mais ou menos.

קירצונגען: זשאַנטע, טינטערי׳ע.
jantar, tint'uraria.

בײַם פֿורעמען סובסטאַנטיוון שאַפֿט מען זיך מיט די לאַנגאַניקע ייִדישע סופֿיקסן: אינטעריאָרטשיק, קליענטעלשטשיק; פּיאַנסטווע, קאָבראַנסטווע. בײַ די לעצטע צוויי האָט אפֿשר מיטגעווירקט אַ צופֿעליקע ענלעכקייט אין קלאַנג.
fiança, cobrança.

אַ דאַנק דער ענלעכקייט אין קלאַנג האָט זיך געשאַפֿן אַ ייִדישער דעמי־נוטיוו מאַרינערל דאָרט ווו אין פּאָרטוגעזיש איז קיין דעמינוטיוו ניטאָ.
marinhero.

לשון רבים פֿון די ווערטער אויף ־ע איז, נאָכן שטענדיקן ייִדישן כּלל נאָך, ־עס.

אָן אַנדערש מאָל באַקומען די ענדונג ־עס אויך סובסטאַנטיוון פֿון אַנדערע קאַטעגאָריעס, אַ שטייגער: רופֿיאַ׳ן — רופֿיאַ׳נעס (אַזוי ווי: כוליגאַן — כוליגאַנעס).

לשון רבים פֿון די ווערטער אויף ־אָן איז בדרך־כּלל ־אָנען (אין איינציקע פֿאַלן, ווו ס׳איז ־אָנעס, איז דאָס אָנגעוויזן אין דער ווערטער־זאַמלונג), פֿון די ווערטער אויף ־אָר — ־אָרן.

דער גראַמאַטישער מין פֿון די סובסטאַנטיוון איז באַצייכנט: ז — לשון זכר, נ — לשון נקבֿה, ס — נייטראַל (לשון סתּם).

ווערבן באַקומען אין ייִדיש די ענדונג ־ירן און בייגן זיך דערנאָך אין גאַנצן אויפֿן ייִדישן שטייגער מיטן אַקצענט אויפֿן י; אַטענדירן, אַטענדער, געוואָרן אַטענדירט אד״גל. אָן אַנדערש מאָל ניצט מען דעם סופֿיקס ־עווען: מאַנדעווען.

קיין אײנהייטלעכע אויסשפּראַך האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט, יעדערער רעדט אויף דעם דיאַלעקט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון דער היים: די בעסאַראַבער (דאָס רובֿ פֿונעם היגן ייִשובֿ) זייער דרומדיק ייִדיש מיטן קמץ; די פּוילישע ווײַזן אַ געוויסע נטיה צו דער ליטווישער (אָדער „ליטעראַרישער") אויסשפּראַך; די ארץ־ישׂראלדיקע — פֿון אַלטן ייִדישן ייִשובֿ אין צפֿת און ירושלים — ריידן דאָס ליטווישע ייִדיש.

פֿאַראַן אַ שטאַרקער דראַנג צו בראַזיליאַניזירן די פֿאָדערנעמען, און אַנשטאָט יעקבֿ, חיים, עקיבֿא, הלל, פּסח, הערשל רופֿט מען זיך זשאַקאָב, זשיימע, עקלידעס, גאַלילעאָ, פּאַולאָ, האָראַסיאָ אָדער הענריקע. פֿאַרקערט אָבער איז אַ ראַיה אויף דער לעבנסקראַפֿט פֿון אונדזער לשון, אַז אַ סך ניט־אַשכּנזים פֿון די אָרעמערע שיכטן — אַראַבישע, טערקישע, איטאַליענישע

יִדן — ריידן געשמאַק יִדיש.

אַבוזירן — זיך רייצן. אַבריגאָסאָן, ז — פליכט. אַברי'ל, ז — אַפּריל. אַגאָס'טע, ז — אויגוסט. אַוויזירן — צו וויסן טאָן. אַווי'זע, נ — מעלדונג, מודעה. אָטאָ'ברע, ז — אָקטאָבער. אַטענדירן — באַדינען אַ קונד. אַטראַזירן — זיך פאַרשפּעטיקן; זײַן אַטראַזירט — הינטערשטעליק מיט די חובות. אַטראַפּאַלירן — פאַרטשעפּן; זיך אַ' — פאַרפּלאָנטערן זיך, ניכשל ווערן. אימפּאָ'סטע, נ — שטײַער. פּרעגאַ'דע, ז נ — אָנגעשטעלטע(ר). אינדזשעסאָן, ז — אײַנשפּריצונג. אינטריאָר, ז — פּראָווינץ. אינטעריאָר'(ש)טשיק, ז — סוחר פון פּראָווינץ. אינטריגירן — צושטעלן, אַהיימטראָגן אַ באַשטעלונג. אַמולאַסאָן, ז — קאָפּדרייעניש, אָפּקומעניש. אַמולירן — נודיען, פאַרדרייען דעם קאָפּ. אָפיסי'נע, נ — וואַרשטאַט. אָפערעסירן — פאָרלייגן.

באַטימע'נט, ז — הנחה, דיסקאָנט. באָלאַ'שע, נ — טייקיכל. באָלסע — טאַש, בײַטל; בערזע. באַלע, נ — צוקערל. באָלע, נ — פּילקע, בעלעמל. באָנדזִ'ע, באָנדי'ר — גוט מאָרגן. באָנדע, נ — טראַמוויי. באַניע'רע, נ — באָדצימער. באַרבעי'רע, ז — שערער. באַרדאַ'דע — געהאָפטן, געשטיקט. באָרדירן — העפטן, אויסהעפטן, שטיקן. בוטיקי'ן — שענק, קאַפע. בייכע, נ — שטאָטשטיל. ביילע, נ — פאַרווײַלונג. ביף, ז — ביפסטייק. בישע, נ — אַ צעטל צום שפּילן, אַ מין לאָטעריע. בישערִ'ע, נ — קראָם, וווּ מען שפּילט אַ בישע, וווּ מען צאָלט אײַן פאַרן צעטל.

גאַוועט'ע, נ — שופלאָד. גאַלערִ'ע, נ — לײַסט צו אַ פאָרהאַנג. גאַסטאַדאָר, ז — הולטײַ, אויסברענגער. גאַסטירן — אויסגעבן, מאַכן הוצאות. גאַרגאַנ'טע, ז — ליגנער, פּלוישער. גוואַרדע, ז — פּאָליציאַנט. גרופּע, נ — פאָלקשול. גריל, ז — וווּלגאַרער נאָמען פאַר אַ פּאָליציאַנט.

דאָסע, נ — זיס געבעקס (אין פּראָסטן פּוילישן יִדיש „טשאַסטע"). דישטאָן, ז (אין לשון רבים ניט געביטן) — קלענסטע מטבע אין בראַזיל. דעוואָלוסאָן, נ — חזרה פון סחורה, גענומען אויף קאָנדיסאָן. דעזעמ'ברע, ז — דעצעמבער. דעלעגאַ'דע, ז — שעף פון פּאָליציִישן דיסטריקט. דעסי'דע, נ — דער באַרג־אַראָפּ, דער וועג־אַראָפּ. דעפּאָ'זיטע, נ — לאַגער, סקלאַד; משכּון. דעפעטאָ'זע — פעלערדיק. דעפעי'טע, נ — חסרון, דעפעקט, בראַק.

היזשע'נע, נ — היגיענע.

וואַזשאַ'נס, ז — געשעפט־רײַזנדער, וואָיאַזשאָר. וואָלטע (מיט אַ האַרטער ל) — אומוועג; מאַכן אַ וו' — גיין אַרום און אַרום. וואַלע, נ — אונטערשריפט, אַז מען איז שולדיק עמעצן; קבלה. וואַ'מוס! — לאָמיר גיין! וואַנטאַ'זש, וואַנטאַ'זשן, — מעלה, געווינס. ווילע, נ — גרופּע הײַזער. וועלו'דע, נ — סאַמעט. ווענדע, נ — שפּײַזקראָם, געוועלבל. ווענדעראָר, ז — פאַרקויפער, אָנגעשטעלטער פון קליענטעלשטשיק, בלויז צו „מאַכן קונדן".

זשאַגע, נ — קאָמפּלעט (מעבל־ז', מלבושים־ז'); שפּיל, פוטבאָל מיטן אייראָפּעיִשן טײַטש. זשאַנטע, ז — וועטשערע. אַלע אַנדערע מאָלצײַטן ווערן גערופן מיט זייערע יִידישע נעמען. זשאַנעי'רע, ז — יאַנואַר.

ז ש ו ׳ל י ע, ז — יולי. ז ש ו ל נ ע ר ע י ׳ר ע, ז — צייַטונג־
פֿאַרקויפֿער. ז ש ו ר ע, ז ש ו ר ע ס — פּראָצענט(ער) פֿון הלוואה.

ח ב ר ה ־ מ אַ ן, רבים: ח׳־לייַט — פֿרויען־הענדלער („טמאים" איז נאָר אַ
ליטעראַריש וואָרט). חבֿרהשע שול, בית־עולם פֿון חבֿרה־לייַט.

ט אַ ב ע ל אָ ן, ז — נאָטאַר. ט י נ ט ע ר יִ ׳ע, נ — וועשערייַ.
ט ע ל אָ ׳ג ו — ׳ביז אין גיכן׳, געזעגן־פֿאָרמל. ט ע ר נ ע, נ — קאָס־
טיום, מענער־מלבוש. ט ר אַ וו ע ׳ס ע, נ — קווערגאַס. ט ר אַ וו ע־
ס ע י ׳ר ע, נ — קישן. ט ר אַ ט י ר ן — טראַקטירן, באַהאַנדלען (אויך
וועגן אַ דאָקטער). ט ר אָ ק ע, נ — קליינגעלט, אויסגאָב. ט ש וו אָ ק,
ז, רבים: טשוועקעס — שלעכטער קונה וואָס צאָלט נישט די חודשדיקע ראַטעס.
מאַכן טשוועקעס — ווערבירן שלעכטע קונים.

ל אַ וו אַ ׳ז ש, ז — אויסשווענק, קאַנע. ל אַ ן — וואָל. פּ ו ר אָ, ל׳ —
ריינע וואָל; מעיאָ ל׳ — האַלבוואָל. ל אָ ׳ס ע ס, רבים — געפֿעס. ל אַ ׳פּ י ס,
ז — בלייַער. ל אַ ר אַ ׳נ ז ש ע, נ — מאַראַנץ. ל ו ג אַ ׳ר, לוגאַ׳ל, ז — שטאָט־
טייל וואָס דער קליענטעלטשטשיק האָט זיך אָפּגעקליבן צו האַנדלען. ל ו ס — ליכט.
ל י אַ ט ע, נ — בלעך, בלעכן קעסטל. ל י ס ט אַ ׳ד ע — געשטרייפֿט.
ל י ס ט ע, — נ — שטרייף. ל י ס ע ׳נ ס י ע, ל י ס ע ׳נ צ י ע — דער־
לויבעניש צו אַרבעטן קליענטעלע; ל׳־זשעראַ׳ל — אַלגעמיינע ליסענציע. ל י ש ע,
נ — מיסט. ל י ש ע י ׳ר ע, ז — מיסטפֿירער. ל ע ׳ט ע ר, ז —
וועקסל.

מ אַ ׳ג ע ר — דאַר, שלאַנק. מ אַ י ע, ז — מייַ. מ אַ ל י ע, נ
— געשטריקטע בלוזע; טעקע, רייַזעטאַש. מ אַ ל פּ ע, נ — וווּלגאַרע באַצייכע־
נונג פֿון די קליענטעלשטשיקעס אויף שוואַרצע קונים. מ אַ נ ד ע וו ע ן —
האָבן צו זאָגן, הייסן רופֿן, קאָמאַנדעווען. מ אָ ס ק י ט ע י ׳ר ע, ז —
נעץ צו שיצן זיך פֿון מאָסקיטן. מ אַ ק אַ ר אָ נ אַ ׳ד ע, ז — לאָקשן־געקעכץ.
אַ נאַציאָנאַל מאכל אין בראַזיל. מ אַ ר י נ ע ׳ר ל, ס — אַ מין קינדער־מלבוש.
מ אַ ר יִ ׳ע, נ — וווּלגאַרער אויסדרוק אויף קונד, קונה; נעמט זיך דערפֿון
וואָס דער נאָמען מאַריע איז זייער פֿאַרשפּרייט אין לאַנד. מאַכן מאַריִ׳עס — מאַכן
נייַע קונים. אָפּנאַרן די מ׳ — חוזק־באַצייכענונג מצד קעגענערס פֿון קליענטעלע.
מ אַ ר ס ע, ז — חודש מאַרץ. מ אַ ר ק י ר ן — פֿאַרצייכענען, אָנמערקן.
(ז י ך) מ ו ד ן — אַריבערקלייַבן זיך, בייַטן די וווינונג. מ ו ל ט ע, נ
— געלטשטראָף. מ יי ס ע מ ע ׳נ ו ס, מ יי ז ע מ ע ׳נ ו ס — מער ווייני־
קער. מ י ל, ז (אין לשון רבים ניט געביטן) — די מטבע מילרייס. מ י ש־
ר יִ ׳ק ע, נ — מאַנדאַרינקע. מ ע נ ד ו יִ ׳ן, ז — ארץ־ישראל־ניסל.[1]
מ ע ס ק ל, ז — אַ מין שטראָף. מ ע ר ק אַ ׳ד ע, נ — שטאָטישע האַלעס.

נ אָ וו ע ׳מ ב ר ע, ז — נאָוועמבער. נ אַ ט אַ ׳ל, ז — ניטל.
נ אָ ט ע, נ — רעכענונג אויף געקויפֿטער סחורה. נ אַ ס י אָ נ אַ ׳ל, נ אַ־
צ י אָ נ אַ ׳ל, — אינלענדישער אויסאַרבעט.

ס אָ ב י ׳ד ע — דער באַרג־אַרויף, דער וועג־אַרויף. ס אָ ב ר אַ ׳ד ע, נ
—גאָרנדיק הויז. ס אָ ב ר ע ט ו ׳ד ע, נ — מענער־מאַנטל, פּאַלטן. ס אָ ב־
ר ע מ ע ד י ׳ד ע — אויף מאָס, באַשטעלט. ס אַ ט י ס פֿ אַ ס אָ ן, נ —
פֿאַרענטפֿערונג, אַנטשולדיקונג. ס אַ י ע, נ — דאַמענראָק, „רומפּ" (ספּאָדניצע).
ס אַ ל אָ ן, ז — זאַל אויף עפֿנטלעכע אונטערנעמונגען. ס אָ ל ט ע — באַ־
זונדער. ס אָ ל ט ע י ׳ר ע, ז, נ — נישט־חתונה־געהאַטע(ר). ס אַ ל־
סי ׳ש ע — ווורשטל. ס אַ נ ד וו י ׳ש, ז — ברויטל מיט וווּרשט אָדער

1. peanuts.

קעז. ס אַ נ ט ע ק אַ ׳ ז ע, נ — שפּיטאָל. ס אָ ס י ד אַ ׳ ד ע, נ — חבֿרה,
פֿאַראיין. ס אָ ס י ע, ז — מיטגליד. ס ט אַ ס אָ ן — וואָקזאַל, סטאַציע.
ס ט אָ ק, ז — לאַגער סחורה. ס ט ר אַ ג י ר ן — קאַליע מאַכן (סחורה,
ס׳געזונט). ס י נ ז ע — אַש; גרוי. ס י נ ט ע, נ — דער פּאַסיק.
ס י נ ע׳מ אַ, נ — קינאָ. ס י ר ע׳נ ע, נ — נעפּל. ס ע ט ע׳מ ב ר ע,
ז — סעפּטעמבער. ס ע ל י ר ן — קלעפּן סעלעס. ס ע ל ע, נ — שטײַ־
ער־מאַרקע, פּאָסטמאַרקע. נישט־סעלירטע סחורה — נישט־כּשרה. ס ע מ י ט ע׳־
ר י ע, נ — צווינטער, בית־עולם. ס ע ר וו ע׳ט ע, נ — אײַזקרעם.
ס ע ר וו ע ט ע ר ײַ ׳ע, נ — אײַזקרעם־געוועלבל. ס ע ר י ר ן — אויס־
גלאַנצן, וועקסן (דעם דיל). ס פּ אַ ש אַ ׳נ ט, ז — מאַכער, ווינקל־אַדוואָקאַט.
ס פּ אַ ש י ר ן — אָפּפֿאַרטיקן זיך מיט עפּעס. ס ק י נ ע, נ — ראָג גאַס
ס ק ר י ט אָ׳ ר י ע, נ — קאַנטאָר, ביוראָ. ס ק ר י ט ו׳ ר ע, נ —
קויף־דאָקומענט, היפּאָטעק.

פּ אַ ל אַ ס ע׳ט, ז — פּאַלאַץ. פּ אַ ל ט אָ, ז — רעקל פֿון אַ
צווייריייִקן קאָסטיום (ז ש אַ ק ע ט אָ ן — איינרייִיק). פּ אַ ל פּ י׳ט ע,
נ — פֿאָרגעפֿיל, אינטויִציע בײַ דער בישעשפּיל. „זאָג ניט דײַן פּ׳״, „מוחל דײַן
פּ׳״ — מען דאַרף נישט דײַן עצה. פּ אָ נ ד ו׳ר ע, ז — קמצן, שלעכטער
(נעמט זיך פֿון צוויי פּאָרטוגעזישע ווערטער וואָס באַטײַטן בעצם: האַרט ברויט).
פּ אָ ר ט (אָ) ש אַ פּ ע׳ אָ, ז — קליידער־הענגער. פּ אַ ס אַ׳ז ש, ז —
באַנבילעט. פּ אַ ס ט ע, נ — טעקע, פּאָרטפֿעל. פּ אַ ש ט ע י׳, ז —
פּאַשטעט (געפּרעגלט טייג מיט פֿלייש, קעז אָדער פּאַלמע). פּ ו צ ן — צו־
נעמען (די סחורה); געפּוצט ווערן — געכאַפּט ווערן פֿון אַ פֿיסקאַל. פּ ו ר אָ ן,
ז — קעלערשטוב. פּ ו ר ג אַ׳נ ט ע — אָפּפֿיר־מיטל. פּ ו ש אַ ד אָ ר, ז —
הענטל, ציִער בײַ אַ טיר פֿון אַ שאַפֿע·אָדער אַ שופֿלאָד. פּ ײַ ע, נ — פּלי אונ־
טערן וואַסערקראַן, אָפּגוס. פּ ע ד י׳ד ע, נ — באַשטעלונג אויף סחורה;
בקשה. פּ ע ל ע, נ — פֿוטער. פּ ע נ ד י ס י׳ט, ז — אַפּענדיציט.
פּ ע נ ס אָ ן, — אַכסניא, גאָרקיך. פּ ע ס ע, נ — שטיק סחורה; טייל; טעאַטער־
שטיק. פּ ע ר ד י׳ד ע, נ — היזק פֿון אַ קונה וואָס צאָלט נישט. פּ ע ר־
ט אַ׳ד ע, כ׳בין פּ׳ — ס׳פֿעלט מיר געלט, ס׳איז מיר ענג. פּ ע ר פֿ ע י׳ט ע,
ז — בירגער־מײַסטער. פּ ר אַ ז ע, ז — קרעדיט. נעמען אויף פּ׳. פּ ר אַ י ע,
נ — ים־ברעג צום באָדן, פּלאַזש. פּ ר אָ נ ט ע ! — פֿאַרטיק! געענדיקט! פּ ר אַ ס ע,
נ — פּלאַץ. שטיין גוט אויף דער פּ׳ — האָבן אַ גוטן נאָמען בײַ סוחרים. שול־
דיק אויף דער פּ׳ — סך־הכּל חובֿות פֿון אַ סוחר. אַראָפּ פֿון דער פּ׳ — ליקווי־
דירט דאָס געשעפֿט. פּ ר י וו אַ׳ד ע, נ — אָפּטריט. פּ ר ע ס ט אַ ס אָ ן
— פּעדלערײַ. קויפֿן אויף פּ׳ — קויפֿן אויף אויסצאָלן, אויף ראַטעס. פּ ר ע ס־
ט אַ ס אָ נ׳ (ש) ט ש י ק — איראָנישע באַצייכענונג פֿון אַ קליענטעלשטשיק; באַ־
נוצט מצד קעגענערס פֿון קליענטעלע. פּ ר ע פֿ ע י ט ו׳ר ע, נ — שטאָט־
פֿאַרוואַלטונג.

פֿ אַ וו אָ ר, ז — טובֿה. טייל זאָגן: טו־מיר אַ פֿאַזפֿאַוואָ׳ר, ד״ה איבער־
גענומען דעם גאַנצן פּסוק פֿון פּאָרטוגעזיש; פֿאַז מיינט: ׳טו׳. פֿ אַ ז ע נ ד ע י׳־
ר ע, ז — פּריץ, גוט־באַזיצער. פֿ אָ׳ס פֿ אָ ר ע ס, רבים — שוועבעלעך.
פֿ אָ ר ט י פֿ י ק אַ׳נ ט ע, ז — רפֿואה זיך צו שטאַרקן. פֿ אַ ר מ אַ ס ײַ׳ע,
נ — אַפּטייק. פֿ אַ ר מ אַ ס ע׳ט ע ק ע, ז — אַפּטייקער. פֿ אָ ר ע, נ —
אונטערשלאַק. פֿ י אַ ד אָ ר, ז — גוטזאָגער, ערבֿ. פֿ י אַ׳נ ס ט וו ע, נ —
ערבֿות, גאַראַנטיע. פֿ י וו ע׳ל ע, נ — שנאַל פֿון אַ פּאַסיק. פֿ י ז ש אָ ן,
ז — שאַבעלעך, פֿאַסאָליעס. פֿ י ז ש אָ נ אַ ר אָ׳ז, ז — שאַבעלעך מיט רײַז, דאָס

טאָגטעגלעכע מאכל פֿון די בראַזיליאַנער. רײַז באַזונדער רופֿט מען מיטן יִדישן וואָרט: רײַז. **פּיטע**, נ — פֿילם, בילד. **פּינדעמעי'ז**, ז — סוף חודש. **פּיסקאַ'ל**, ז — שטײַער־קאָנטראָלער. **פּעווערעי'רע**, ז — פֿעברואַר. **פּעירע**, נ — וואָכנמאַרק, יריד. **פּעלטרע**, נ — פֿילטער, כּלי צו פֿילטרירן וואַסער (צוגעפּעסטיקט צו דער וואַסער־פֿירונג). **פּעסטע**, נ — באַל, באַנקעט. **פּעשע**, נ — שלאָס פֿון אַ בײַטל. **פּראַנגע**, נ — יונג הינדעלע. **פּראָניע**, נ — ציכל.

קאַבי'דע, נ — הענגער אין אַ שראַנק. **קאָבערטאָר**, ז — וואָלענע קאָלדרע. **קאָבראַדאָר**, ז — אָנגעשטעלטער בײַם קליענטעלשטשיק, בלויז צום קאָברירן; קאָנדוקטאָר אויף דער באַנדע אָדער אויפֿן אויטאָבוס. **קאָבראַ'נסטווע**, נ — דאָס אײַנקאַסירן די ראַטעס. מאַכן די ק', אַ גוטע ק'. **קאָברירן** — אײַנקאַסירן, נעמען באַצאָלט. **קאַרדע'יע**, נ — טורמע. **קאַדערנע'טע**, נ — פּאַספּאָרט. **קאַזאַ'ק**, ז — דאַמען־מאַנטל. **קאָלשאָאַ'דע**, נ — וואַטענע קאָלדרע. **קאָלשע**, נ — לײַכטע קאָלדרע. **קאָמבינאַסאָן**, ז — פֿרויען־אונטערקלייד, האַלקע. **קאַמיזאָ'לע**, נ — שלאָפֿהעמד. **קאָמיסאָן**, נ— פֿאַרוואַלטונג פֿון אַ חבֿרה. **קאָמע'רץ**, נ — מיסחר. **קאַמפּע**, נ — פֿעלד, ספּאָרטפּלאַץ. **קאָמפּרע**, נ — אײַנקויף, קניה. **קאָנדיסאָן** — תּנאַי. נעמען אויף ק': דער קליענטעלשטשיק קויפֿט די סחורה מיטן תּנאַי, אַז דער סוחר זאָל זי צוריקנעמען, אויב דער קונה וועט זי נישט נעמען. ק' אויף דרײַ טעג; גוטע ק'. **קאָנווי'טע**, נ — פֿאַרבעטונג. **קאָנווינירן** — לוינען, טויגן. **קאָנוויעניענץ**, נ — באַקוועמקייט. **קאָנטאַדאָר**, ז — רעכענער, בוכהאַלטער. **קאָנטו קאָרע'נטע** — לויפֿיקער חשבון. נעמען אויף ק' — קרעדיט אויף אַ חודש. **קאָנטע**, נ — טויזנט מיל. **קאָניעסימע'נט**, ז — באַנפֿראַכט. **קאָנפּאָ'רמע** — געוועגדט אין, בהסכּם מיט. **קאַפּע**, נ — לײַכטער מענער־מאַנטל. **קאַפּטאַ'ן**, ז — פֿרויען־הענדלער. **קאַפֿע**, נ — קאַווע. צערטל־פֿאָרם: קאַוועלע. **קאַראָ'סע**, נ — אויטאָמאָביל, אין וועלכן ס'פֿאָרן די פֿיסקאַלן. **קאַרטאָן**, ז — טעוועלע מיטן חשבון פֿון די קונדן. מאַכן די קאַרטאָנען — צוגרייטן די חשבונות. **קאָרטי'נע**, נ — פֿאָרהאַנג. **קאָרטי'סע**, נ — אַ הויז וואָס איז געדיכט באַוווינט מיט אָרעמע אײַנוווינערס. **קאָרטל**, ס — שטאָף אויף אַ מלבוש. **קאַרטעי'רע**, ז — בריוון־טרעגער. **קאַרטעפּיאַ'נסע**, נ — ערבֿות־פּאַפּיר. **קוויטל**, ס — סעלע. מען ניצט דעם אויסדרוק, ווען ס'זײַנען דאָ דערבײַ נישט־יִדן און מען וויל ניט, זיי זאָלן פֿאַרשטיין, אַז מען רעדט וועגן דער מלוכישער שטײַער־מאַרקע. **קונד**, ז — אַ היימיש וואָרט, נאָר מען דאַרף פֿאַרצייכענען, אַז עס האָט אין גאַנצן אַרויסגע־שטויסן דאָס וואָרט קונה. **קוראַ'זש**, **קוראַ'זשן** — די צווייטע פֿאָרם איז שוין אונטער דער השפּעה פֿון פּאָרטוגעזיש, און דאָס וואָרט ווערט גע־ניצט, אויפֿן פּאָרטוגעזישן שטייגער, אויך מיטן טײַטש 'חוצפּה'. **קידיאַ'באָן** 'וואָסער טײַוול!', אַ געבייזער־אויסרוף. **קיטאַ'נדע**, נ — גע־וועלבל פֿון גרינסן. **קיפּי'רע**, ז — פּראָווינצער. **קלאַפּן** — אַרבעטן קליענטעלע, פּעדלען. נעמט זיך פֿון דעם וואָס דער קליענטעלשטשיק פּאַטשט מיט די הענט (אויף פּאָרטוגעזיש: קלאַפּן מיט די הענט). ער גייט קלאַפּן. **קלאַפּער**, ז — אָנגעשטעלטער בײַם קליענטעלשטשיק, וואָס פֿאַרנעמט זיך בלויז מיט מאַכן קונדן. **קליענטע'לע**, נ — פּעדלערײַ. אַן אייגציקער קונה הייסט אָבער ניט קליענט, נאָר קונד. דאָס וואָרט קונדשאַפֿט ווערט ניט גע־ניצט. מען זאָגט: ער אַרבעט קליענטעלע. פֿאַרקויפֿן די ק' — פֿאַרקויפֿן אַלע קונדן

מיט זייערע חובֿות אַ צווייטן קליענטעלשטשיק. **קליענטע׳לשטשיק**, ז — פּעדלער. **קריאַדעמו׳דע**, נ — נאַכטשענקל.

ראַפּעבראַנ׳קע, נ — וועש. **ראָפּעפּעי׳טניק**, ז — קליענטעלשטשיק אָדער סוחר פֿון פֿאַרטיקע מלבושים. **ראָפּע(ס)פּעי׳טע(ס)** — קאָנפֿעקציע, פֿאַרטיקע מלבושים. **רופּיאַ׳ן**, ז — פּרויען־הענדלער. **רעטאַ׳ליע**, נ — רעשטל. **רעמע׳דיע**, נ — רפֿואה. **רעסיבירן** — קריגן דעם לוין, קאַסירן די ראַטעס; באַקומען צוגעשיקט. **רעסי׳בע**, נ — קבלה, קוויט. **רעקלאַמאַסאָן** — רעקלאַמאַציע, חזרה פֿון פּעלערדיקער סחורה.

שאַדרעי׳ז, געקעסטלט. **שאַפּעאָ׳**, ז, ־ס — הוט. **שאַקרע**, נ — סאָד, מאַיאָנטעק. **שאַראָ׳פּ**, ז — סאָק צו סאָדע־וואַסער. **שוועי׳רע**, נ — שפּריצבאָד. **שיקרע**, נ — שעפּ צו וואַסער, טעפּל. **שלעפּער**, ז — קונד וואָס שלעפּט אָפּ, וואָס צאָלט ניט־פּינקטלעך. **שמאַטעס**, רבים — וווּלגאַרע באַצייכענונג פֿאַר ראָפּעספּעיטע.

מאיר קוטשינסקי (בראַזיל)

צו דער סאָציאַלער געשיכטע פֿון ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

די וויַיטערדיקע צוויי אַרטיקלען, פֿון ד"ר ש. קעניג און ג. ליוי־זעראָוויטש, רופֿן זיך אָפּ אויף די פּראָבלעמען וואָס י. לעשטשינסקי האָט אָנגערירט אין זיַין אַרבעט: „דאָס כאַציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנ־טום", ייִוואָ־בלעטער XVIII, זז' 113-129 און 193-210 (אַ סעפּאַראַט אַרויס אין דער סעריע „ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ").

יעקבֿ לעשטשינסקיס תּשובֿה די אָפּאָנענטן וועט זיַין געדרוקט אין איינעם פֿון די נאָענטסטע נומערן „ייִוואָ־בלעטער".

ר ע ד אַ ק צ י ע.

I

וועגן דעם סאָציאַלן פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום

פֿון ד"ר שמואל קעניג

די ליטעראַטור וועגן ייִדן אין אַמעריקע איז ניט קיין קליינע. זי איז אפֿשר גרעסער איידער וועגן וועלכער עס איז אַנדער אימיגראַנטישער גרופּע. נאָר וועגן אונדזער איצטיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצבֿ איז גראָד פֿאַראַן וויניק. דאָ און דאָרטן האָט מען געפּרוּווט עפּעס דערגיין, אָבער דאָס ביסל קאָנקרעטע שטודיעס איז אַזוי באַגרענעצט אין פֿאַרנעם, אַזוי ניט שלימותדיק, אַז קיין אויספֿירן לאָזן זיך בעצם ניט מאַכן, און ממילא איז אומגעהיַיער שווער, אויב ניט אין גאַנצן אוממיגלעך, צו געבן אַ באַרעכטיקטע גענעראַליזאַציע וועגן דער ראָלע פֿון ייִדן אינעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון גאַנצן לאַנד. אַפֿילו וועגן דער צאָל ייִדן אינעם רובֿ שטעט און שטעטלעך מוז מען אָנקומען צו אַ שאַצונג וואָס איז בדרך־כּלל ניט זיכער. דער צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אַן עיקרדיקער מקור, וואָס אָן אים קען זיך ניט באַגיין קיין שום סאָציאָלאָג און עקאָנאָמיסט ביַים באַטראַכטן פּראָבלעמען פֿון דער באַפֿעלקערונג בכלל אָדער פֿון וועלכער עס איז וויכטיקער עטנישער גרופּע, אָבער דער פֿאָרשער פֿון דער ייִדישער פּראָבלעם קען פֿון דאַנען כּמעט גאָרניט אַרויסנעמען איבער דעם פּשוטן טעם וואָס ייִדן ווי אַזוינע זיַינען אינעם צענזוס ניטאָ. דער פֿאָרשער פֿון דער ייִדישער פּראָבלעם מוז דעריבער זיַין אָפּגעהיט ביז גאָר, וויַיל איינס און צוויי קען מען דאָ געשטרויכלט ווערן.

פּ' לעשטשינסקי האָט אין זיַין איבערבליק פֿאַרשטייט זיך אויך געליטן

פֿונעם דוחק אין מאַטעריאַל, און ער זאָגט דאָס אַרויס אָפֿן. זײַן אַרײַנפֿיר, ווו ער באַשרײַבט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ירושה פֿונעם מיזרח־אייראָפּעיִשן און מערבֿ־אייראָפּעיִשן ייִדישן אימיגראַנט, גיט אַ קלאָרן און אײַנדריקלעכן איבערבליק. דאָרט אָפּערירט ער מיט זײַן אייגענער ברייטער קענטעניש און מיט דער ליטעראַטור וועגן דעם ענין. אָבער ווען ער קומט צו צו דער אַמעריקאַנער סצענע, וואָס דאָס איז די הויפּטטעמע פֿונעם אַרטיקל, רוקן זיך אַרויס געוויסע ספֿקות. אָט וועגן דעם דאָזיקן טייל פֿון דער אַרבעט וויל איך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען.

דער געדאַנק, אַז „בײַ יעדן אימיגראַנט מוז זײַן אַ נטיה ווײַטער אָנצוהאַלטן אין נײַעם לאַנד זײַן אַלטע פּראָפֿעסיע אָדער אויסנוצן אין די נײַע באַדינגונגען זײַנע אַלטע געירשנטע פֿעיִקייטן און קענטשאַפֿט" ((ז' 113) איז געוויס ריכטיק, אָבער, ווי פּ' לעשטשינסקי אַליין גיט צו, נאָר ביז אַ געוויסער מאָס. אין אַ סך פֿאַלן ברענגט די נײַע סבֿיבֿה און די די נײַע לעבנסבאַדינגונגען דערצו, אַז גרויסע טיילן אימיגראַנטישע גרופּעס האָבן קיין אַנדער ברירה ניט און מוזן זיך נעמען צו באַשעפֿטיקונגען וואָס זײַנען גאָר אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים. אַ קלאַסישע דוגמא זײַנען די אירלענדער און אויך, אין אַ היפּשער מאָס, די איטאַליענער. ניט געקוקט אויף זייער פּויערשן עבֿר זײַנען זיי אין אַמעריקע געוואָרן כּמעט אין גאַנצן אורבאַניזירט, און אַנשטאָט ערדאַרבעט פֿאַרנעמען זיי זיך דאָ מיט פֿאַבריק־אַרבעט און מיט אַנדערע שטאָטישע פּרנסות. פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, ליטווינער אאַז"וו, אַלץ געוועזענע פּויערים, האָבן זיך אויך אין גרויסע מאַסן אײַנגעאָרדנט אין אינדוסטריעלע צענטערס. פֿאַרקערט ווידער האָבן זיך די דײַטשן אין אַמעריקע אַרײַנגעטאָן אין פֿאַרמערײַ אין גרעסערע צאָלן, הגם די סבֿיבֿה, פֿון וועלכער זיי זײַנען געקומען, איז בלי ספֿק געווען אַ סך מער אינדוסטריאַליזירט איידער אירלאַנד אָדער דרום־איטאַליע אָדער די סלאַווישע לענדער.

די סיבות פֿאַר אַזאַ מעטאַמאָרפֿאָז זײַנען פֿאַרשיידענע און קאָמפּליצירטע. ניט דאָ איז דאָס אָרט זיי אַרומצורעדן. גענוג צו זאָגן, אַז די באַדינגונגען האָבן זיך געביטן. למשל דאָס וואָס אַ גרעסערער חלק דײַטשן איז אַרײַן אין פֿאַרמערײַ נעמט זיך אַפּשר פֿונעם פֿאַקט, וואָס די דײַטשן האָבן גענומען גיין קיין אַמעריקע אין אַ צײַט, ווען די טעריטאָריאַלע עקספּאַנסיע האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן, בשעת דעם האָומסטעד־אַקט און ענלעכע רעגירונגס־אַקטן: יעמאָלט איז פֿאַרמערײַ געווען אַ זאַך וואָס האָט געלוינט. אײַ פֿאַר וואָס זײַנען די אירלענדער אויך ניט געוואָרן ערדאַרבעטערס, כאָטש זיי האָבן אָנגעהויבן קומען אַן ערך אין דער זעלביקער צײַט? דאָס איז ניט אין גאַנצן קלאָר, הגם טעמים ברענגט מען פֿאַרשיידענע און טייל פֿון זיי לייגן זיך אויפֿן שׂכל.

אַז ייִדן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין מיסחר און אין די פֿרײַע פּראָ־

פּעסיעס מחמת זייער עבֿר און זייער נטיה — וועגן דעם קען זיך קיינער ניט שפּאָרן. פֿון דער אַנדער זײַט אָבער, און אויף דעם ווײַזט פּ׳ לעשטשינסקי אויך אָן, האָבן ייִדן געקענט גיין אויף זייער אײַנגעפּאָרענעם וועג, מחמת די באַדינגונגען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן זײַנען געווען גינציקע: דאָס לאַנד האָט זיך געהאַלטן אין אינדוסטריאַליזירן, און ממילא איז געגאַנגען פּאָרויס די אורבאַניזאַציע.

פּ׳ לעשטשינסקי גייט אָבער ווײַטער און גיט צו פֿאַרשטיין (זז׳ 115, 204), אַז דער ייִד האָט זיך אויפֿגעהויבן צו דער פּאָזיציע פֿון אַ סוחר אַזוי צו זאָגן אויפֿן רוקן פֿון זײַן סלאַווישן לאַנדסמאַן: דער סלאַווישער אימיגראַנט האָט מיגלעך געמאַכט פֿאַרן ייִד אויסצופֿירן די פֿונקציע, צו וועלכער ער האָט זיך געפֿילט באַרופֿן. איך זע ניט, ווי אַזוי מען קען אָט דעם טעזיס דערווײַזן.

נאָך אַלעמען זײַנען די סלאַוון נאָר אַ קליינער עלעמענט אין דער באַפֿעלקערונג פֿון די פּאַראייניקטע שטאַטן. פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע אימיגראַנטישע גרופּעס זײַנען זיי בלי־ספֿק אויך געווען אַ פֿאַקטאָר בײַם שאַפֿן געלעגנהייטן פֿאַר געשעפֿט, אָבער איך רעכן, אַז ס׳וואָלט געמיינט היפּש אי־בערשאַצן זייער ווערדע, ווען מען זאָל זיך פֿאַרשטעלן, אַז זיי האָבן גע־שפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָלע אין דעם פּראָצעס, לכל־הפּחות אויף וויפֿל דאָס איז נוגע אונדזערע מיזרח־ייִדן (ז׳ 128). עס באַקומט זיך דאָ אַן אײַנדרוק, גלײַך גאַנצע פּוילישע, אוקראַיִנישע אָדער ליטווישע שטעטלעך וואָלטן גע־ווען אויסגעוואָרצלט געוואָרן און אַ כשוף־שטעקעלע וואָלט זיי געוועזן אַרי־בערגעבראַכט אין דער נײַער וועלט אַרײַן, און דאָ האָבן זיי זיך באַזעצט אין די אַמעריקאַנער גרויסע שטעט און ייִדן האָבן זיך געפֿלײַסט צוצופּאַסן צום גוסט און צו די פּירונגען פֿון די פּאַליאַקן, אוקראַיִנער און ליטווינער. דאָס אייגענע קען אויסקומען וועגן די באַציִונגען פֿון די דײַטשע ייִדן מיט זייערע דײַטשע לאַנדסלײַט אין אַ פֿריִערדיקן דור (ז׳ 122), און איך האָב מורא, אַז דאָרטן איז דאָס אויך ניט גענוג דערוויזן.

עס איז קיין ספֿק ניט, אַז ניט־ייִדישע אימיגראַנטן האָבן געקענט זײַן גערן צו קויפֿן בײַ ייִדן פֿון זייערע לענדער. דאָס איז ניט מער ווי נאַטיר־לעך, און מסתּמא זײַנען אויך ניט זעלטן געווען פֿאַלן, ווי זיי קענען זיך נאָך טרעפֿן הײַנט אויך, ווען געשעפֿטן פֿון ייִדן האָבן אויפֿגעבליט אַ דאַנק זייערע לאַנדסלײַט פֿון דער אַלטער היים, איבער הויפּט אין געוויסע טיילן פֿון לאַנד און פֿון די אָדער יענע שטעט. נאָר דערפֿון איז שווער צו דרינגען, אַז ייִדישע געשעפֿטן זײַנען געווען אָפּהענגיק פֿון איין באַשטימטן קיבוץ, סלאַוון צי דײַטשן. ייִדן האָבן אויפֿגעבויט זייערע אונטערנעמונגען און מצליח געווען אין זיי, ווײַל די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קאָנפֿיגוראַציע האָט זיי צוגעדינט. דאָס רובֿ האָבן זיך ייִדן אַרײַנגעקליבן אין שטאָטטיילן, ווו עס האָבן געוווינט ניט זייערע שכנים פֿון דער אַלטער היים, נאָר אַ שטייגער אירלענדער אָדער איטאַליענער. דאָרט האָבן זיי

זיך באַזעצט און געפֿירט זייער מיסחר. אויב עס איז יאָ געווען איין באַ־שטימטע גרופּע, וואָס פֿון איר זײַנען יידן געווען אָפּהענגיק אין זייערע געשעפֿטן, זײַנען דאָס געווען יידן גופֿא. יידן זײַנען דאָך ניט אַלע געווען האַנדלסלײַט. יידן האָבן געוווינט אין גרויסע, גערדיכטע קאָלאָניעס, און קיינער האָט אַזוי גוט ניט געוווּסט, מיט וואָס צוצוטרעפֿן דעם יידישן קונה, ווי דער ייד דער קרעמער. נאָך אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן יידישע פּעדלערס זיך אַ לאָז געטאָן איבער די שטעט פֿון נײַ־ענגלאַנד און „געטאָן ביזנעס" כמעט דורכויס מיט געבוירענע אַמערי־קאָנער און אויפֿגעשטעלט היפּשע געשעפֿטן אין שטעט און שטעטלעך, ווו ס'איז כמעט קיין זכר ניט געווען פֿון סלאַוון אָדער אַנדערע „אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער". ווי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ שאַנס האָבן זיך רירעווודיקע קרעמערס אַרויסגעקליבן פֿון זייערע פֿריִערדיקע דיסטריקטן און אויפֿגע־בויט גרויסע געשעפֿטן אין די וויכטיקסטע געשעפֿטטיילן פֿון שטאָט, וואָס אַהין פֿלעגן גאַנץ ווינציק פּאָליאַקן, ליטווינער אָדער ווײַסרוסן ווען עס איז אַרײַנשמעקן.

אויך האָט פּ' לעשטשינסקי, מיין איך, ניט געבראַכט גענוג דערווײַז־מאַטעריאַל פֿאַר זײַן טעזיס, אַז דער אַמעריקאַנער ייד פֿאַרנעמט „אַ מיטלסטע פּאָזיציע" צווישן די וועמען ער רופֿט „נאָרדיקס" אָדער „יענקיס"[1] און די אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער, דהײַנו די סלאַוון, איטאַליענער און נעגער ((ז' 209)). קודם־כל, ווען מען זאָל אָננעמען פּ' לעשטשינסקיס דעפֿיניציע (ז' 194), וואָלט מען די געבוירענע אַמעריקאַנער גרינג געקענט צורעכענען צו די אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער, ניט צו די פּראָגרעסיווע, — וואָרעם זיי פֿאַר־מאָגן אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט פֿאַרמערס איידער וועלכע עס איז אַנדערע גרופּע אין לאַנד.[2] צווייטנס, וואָלט מען זייער צעטיילונג אויף באַשעפֿטיקונגען (פּונקט ווי בײַם גרעסטן טייל צפֿון־אייראָפּעיִשע אײַנוואַנ־דערערס) געקענט אָנרופֿן „נאָרמאַל", מיט היפּשע פּראָפּאָרציעס אין אַלע פֿעלדער. פֿון דער צווייטער זײַט האָט אַ שטודיע וועגן אַ שטאָט, ווו ס'זײַ־נען פֿאַראַן איטאַליענער אין גרויסע צאָלן,[3] ניט לאַנג צוריק געוויזן, אַז די

1. אַגבֿ, פּ' לעשטשינסקי ניצט די דאָזיקע טערמינען סינאָנימיש און ניט פּינקטלעך. נ אָ ר ד י ק ווערט געניצט ערנצט נאָר פֿון די אַריער־ראַסיסטן. י ע נ ק י רופֿט מען קאָרעקט נאָר די געבוירענע אין די נײַ־ענגלאַנד־שטאַטן און די וואָס שטאַמען אָפּ פֿון זיי, ניט געבוירענע אַמעריקאַנער סתם. די גע־בוירענע פֿון די דרום־שטאַטן, ספּעציעל פֿון די דרומדיקע באַרגגעגנטן, וואָלטן געווים ניט געוואָלט, מען זאָל זיי רופֿן „יענקיס", און פֿאָרט זײַנען זיי די סאַמע רייַן געבוירענע אַמעריקאַנער וואָס ס'קען נאָר געמאָלט זײַן.

2. M. R. Davie, *World Immigration,* New York, 1936, p. 246.

3. ש. קעניג, די ראָלע פֿון די פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס אינעם עקאָנאָ־מישן לעבן פֿון שטאַט קאָנעטיקוט, אין: ייִוואָ־בלעטער, ב' XVII, נומ' 1, ז' 20. פֿאַראַן אויך אַ סעפּאַראַט אין דער סעריע „ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ".

איטאַליענער למשל, אַן „אָפּגעשטאַנען‟ פֿאָלק, זײַנען פֿאַרטראָטן אין האַנדל פּונקט אין דער זעלביקער מאָס ווי ייִדן. די גריכן וואָלט מען דאָך בלי־ספֿק אויך מצרף געווען צו די „אָפּגעשטאַנענע‟ פֿעלקער, און פֿאָרט זײַנען גרויסע טיילן פֿון זיי פֿאַרמיטלערס, הגם זיי האָבן צווישן זיך ערדאַרבעטערס אויך.

ווי ס׳ווײַזן די דאַטעס פֿונעם צענזוס וואָס פּ׳ לעשטשינסקי ציטירט (ז׳ 196), האָבן הי געבוירענע אַ נטיה אַרײַנצוגיין אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, אין ווײַס־קאָלנער־אַרבעט, אין האַנדל און גרויסהאַנדל אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי אויסלענדיש געבוירענע. אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער, און ווער רעדט נאָך אייניקלעך, פֿון אימיגראַנטן זײַנען דעריבער פֿאַרטראָטן אין די דאָזיקע פֿעלדער אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע ווי זייערע אַריבערגעקומענע טאַטעס אָדער זיידעס. דאָס איז ריכטיק וועגן אַלע גרופּעס, און וועגן ייִדן בתוכם. ס׳איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אויך הי געבוירענע קינדער פֿון סלאַווישע אימיגראַנטן זאָלן אַרײַנגיין אין די דאָזיקע פּרנסות אין פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערע צאָלן. נאָר עס זעט זיך ניט קיין שום ראַיה, אַז דאָס קומט פֿאָר אין אַזאַ מאָס, אַז דאָס זאָל זײַן אַ סכּנה פֿאַר ייִדישע פּראָפֿעסיאָנאַלן און האַנדלסלײַט. חוץ דעם האָב איך שוין פֿריִער אַרויסגעבראַכט מײַן ספֿק, צי ייִדן אין די פֿאַכן זײַנען טאַקע לכתחילה געווען אַזוי אָפּהענגיק פֿון אַ סלאַווישער קליענטעל, ווי פּ׳ לעשטשינסקי האַלט.

דעריבער קומט אויס בײַ מיר ווי אַ בילד פֿון מיטאָלאָגיע, ווען פּ׳ לעשטשינסקי מאָלט אויס (ז׳ 210), ווי צוויי ריזן, די סלאַוון און אַנדערע „אָפּגעשטאַנענע‟ פֿון איין זײַט און די „יענקיס‟ פֿון דער צווייטער, שטופּן דעם ייִד פֿון צוויי זײַטן. אויב מען שטופּט דעם ייִד, איז פֿון מער ווי צוויי פֿינקטלעך באַשטימטע זײַטן. מען שטופּט אים פֿון אַלע זײַטן. אויב אַ סלאַוו אָדער אַ מענטש פֿון אַן אַנדער גרופּע הערט אויף צו גיין צו אַ ייִדישן פּראָפֿעסיאָנאַל אָדער געשעפֿטסמאַן — איך ווייס ניט, צי דאָס איז אַזוי — איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל די אַנטי־ייִדישע שטימונגען וואַקסן. אויב דער ייִד שפּירט זיך איצט ווינציקער זיכער ווי פֿריִער, אויב ער איז אין אַ שווערערער לאַגע, איז דאָס איבער דעם וואָס אַמעריקע איז אויסגעשטעלט אויף דער סכּנה פֿון דער עפּידעמיע וואָס גייט אום אונטערן נאָמען פֿאַשיזם.

אַזוי ווי די מקורים זײַנען זייער קנאַפּע, ווי מיר האָבן שוין געזען, פֿלײַסט זיך פּ׳ לעשטשינסקי צו געפֿינען כאָטש וויפֿל ניט איז. מוז ער אָנקומען צו פֿראַגמענטן פֿון דאַטעס פֿון פֿאַרשיידענע פּעריאָדן, וואָס דערפֿון קען מען ווינציק וואָס אַרויסנעמען, און אַוודאי זע איך ניט קיין מיגלעכקייט צו מאַכן פֿון זיי אויספֿירן וועגן ייִדן אין אַמעריקע ווי אַ כּלל. אַ שטייגער אויף ז׳ 197 ווערט געבראַכט אַ פֿראַגמענט פֿון אַ צענזוס־טאַבעלע וואָס ווײַזט די „באַשעפֿטיקונג־סטרוקטור פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער אין באָסטאָן אין 1900‟, כּדי מען זאָל קענען פֿאַרגלײַכן ייִדן און אַנדערע גרופּעס אין פּרט פֿון באַשעפֿטיקונגען. די גרופּעס וואָס ווערן אַרײַנגענומען זײַנען ברײ־

טישע, דײַטשן, רוסן און פּאָליאַקן, איטאַליענער און נעגער. אין שײַכות דערמיט קומען אויף עטלעכע פֿראַגעס. ראשית, פֿאַר וואָס זאָל עס באַסטאַן פֿון 1900 זײַן טיפּיש פֿאַר די ייִדן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן? ווײַטער, ווי אַזוי זײַנען דאָס די נעגער אַרײַנגעפֿאַלן אַהער — זיי זײַנען דאָך ניט קיין עטנישער קיבוץ, נאָר אַ ראַסנדיקער און זיי דאַרף מען באַטראַכטן באַזונדער; פֿאַר וואָס קומט זיי צו זײַן צווישן די אימיגראַנטישע גרופּעס וואָס שטעלן זיך צונויף פֿון „פּערזאָנען, וואָס אָדער זייערע עלטערן זײַנען געבוירן געוואָרן אין די אַנגעוויזענע לענדער אָדער איינער פֿון די עלטערן געבוירן דאָ אין לאַנד און דער אַנדערער ווי אָנגעוויזן״? און ווײַטער: פֿאַר וואָס זײַנען ניט אַרײַנגענומען געוואָרן די אירלענדער, דער שטאַרקסטער קיבוץ אין צאָל אין באָסטאָן? דאָס וואָס זיי זײַנען ניטאָ איז נאָך אַ גרעסערער חידוש, מחמת על־פּי פּ׳ לעשטשינסקיס קלאַסיפֿיקאַציע וואָלטן זיי געהערט צו די „העכערע״ פֿעלקער.

ווי שוין באַמערקט איז די טאַבעלע אַרײַנגעשטעלט געוואָרן אויף צו פֿאַרגלײַכן די פּראָפֿעסיאָנעלע גלידערונג פֿון ייִדן און פֿון אַנדערע עטנישע גרופּעס. נאָר דער צענזוס האָט יעמאָלט נאָך קיין ייִדן ניט געציילט ווי אַ באַזונדער גרופּע. איז כּדי צו מאַכן דעם פֿאַרגלײַך, פֿאַראייניקט פּ׳ לעשטשינסקי די רוסן און פּאָליאַקן און רופֿט זיי ייִדן. אַוודאי זײַנען ייִדן אַ גרויסער רובֿ פֿון די, וועמען דער צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַררעגיסטרירט ווי געקומענע פֿון רוסלאַנד; צווישן די וואָס זײַנען פֿאַרצייכנט ווי געקומענע פֿון פּוילן זײַנען אויך אַ סך ייִדן. נאָר איך זע ניט, ווי אַזוי מען קען אויף דעם סמך פּשוט מאַכן אַן אָפּעראַציע פֿון חיבור און אָננעמען אַלעמען פֿאַר ייִדן. נאָך אַלעמען זײַנען דאָך צווישן די וואָס זײַנען געקומען פֿון רוסלאַנד[4] ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אױך, אַחוץ גרויס־ און ווײַס־רוסן, נאָך אוקראַיִנער, ליטווינער, פֿינער און אַנדערע קלענערע גרופּעס, וואָס זייערע אָפּשטאַמלענדער זײַנען געווען טיילן פֿון דער רוסישער אימפּעריע. אמת, פּוילן איז אין דעם ספּעציעלן צענזוס־בולעטין וועגן באַשעפֿטיקונגען, פֿון וואַנען פּ׳ לעשטשינסקי האָט זײַנע ציפֿער, פֿאַררעכנט ווי אַ לאַנד פֿאַר זיך,[5] אָבער צווישן די געקומענע פֿון פּוילן איז באמת אַ גרויסע צאָל פּאָליאַקן ממש, ניט קיין ייִדן. די צעטיילונג ווערדליג דער מוטערשפּראַך, וואָס עס גיט דער צענזוס אין 1930, איז ניט איבעריקס פֿאַרלאָזלעך אויף אויסצוגעפֿינען די פֿאַקטישע צאָל מיטגלידער פֿון יעטווידער אימיגראַנטישער גרופּע. פֿון דעסט וועגן, אויב ניט פּינקטלעך, קען מען

4. דער צענזוס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן רעגיסטרירט נאָר די געבוירן־לענדער פֿון אימיגראַנטן, ניט קיין עטנישע גרופּעס.

5. אַחוץ דעם איז פּוילן ניט געגומען אין אַכט אין די אַלגעמיינע צענזוסן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן ביז 1920; אין דעם יאָר איז שוין פּוילן צוריק געווען אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה.

פֿאַרט עפּעס אָפּלערנען פֿון די ציפֿער. איז אָט, לויטן צענזוס פֿון 1930 האָבן פֿון די געבוירענע אין פּוילן (זייער אַלגעמיינע צאָל האָט באַטראָפֿן 1,268,583) 918,070 גערעדט פּויליש, 243,825 ייִדיש און 106,688 אַנדערע שפּראַכן. די דאָזיקע צעטיילונג רעדט פֿאַר זיך אַליין.

אַז מען קען ניט בויען אויפֿן מקור וועגן באָסטאָן ווען מען וויל באַקומען אַ בילד פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער גלידערונג פֿון ייִדן לגבי אַנדערע גרופּעס, קען מען זען פֿון אַזאַ מין אויספֿיר פֿון דער טאַבעלע: זי ווײַזט, אַז ייִדן און איטאַליענער האָבן פּונקט דעם זעלביקן פּראָצענט פּראָפֿעסיאָנאַלן, דהײַנו 2.4 פּראָצענט. מער ווי דאָס: די נעגער האָבן 2.7 פּראָצענט פּראָפֿעסיאָנאַלן — מער איידער ייִדן. חוץ דעם, ווו איז דאָ די שטאַרקע ענלעכקייט אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער גלידערונג פֿון די „נאָרדיקס", ד"ה פֿון די בריטישע און די דײַטשן? אין קיין פֿאַל, סײַדן אין האַנדל (און אַפֿילו דאָ לאָזט זיך דער חילוק ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט)), זײַנען ייִדן געגליכן צו זיי אין זייער פּראָפֿעסיאָנעלער גלידערונג. אַגריקולטור שפּילט פֿאַרשטייט זיך קיין ראָלע ניט בײַ אַ שטאָטישער באַפֿעלקערונג, און פֿון די ציפֿער קען מען קיין זאַך ניט דרינגען. אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס האָבן ייִדן 2.4 פּראָצענט און די בריטישע און די דײַטשן 6.8 און 6.5. אין שטוביקער און פֿערזענלעכער באַדינונג[6] האָבן ייִדן 7.0 פּראָצענט, די בריטישע 20.9, די דײַטשן 15.2 פּראָצענט. אין האַנדל[7] האָבן ייִדן 36.7 פּראָצענט, די בריטישע 28.3, די דײַטשן 29.1. אין טראַנספּאָרט איז די פֿאַרהעלטעניש 0.6, 3.7, 2.2, אין אינדוסטריע 52.9, 39.4 און 46.5. די געבוירענע אַמעריקאַנער — ווען ס'גייט וועגן באָסטאָן, וואָלט געווען מסתמא אַ ביסל מער באַרעכטיקט צו ניצן דעם טערמין „יענקיס" — האָבן געווײַנטלעך ניט געקענט אַרײַנקומען אין דער טאַבעלע, ווײַל דער צענזוס ציילט דאָ נאָר אימיגראַנטישע גרופּעס. אָבער אין ערגעץ אין אַרטיקל געפֿינען מיר וועגן די געבוירענע אַמערי־

---

6. דער אַמעריקאַנער צענזוס פֿאַרצייכנט אַגב די קאַטעקאָריע, און ניט פּשוט „שטוביקע באַדינונג", ווי ס'שטייט אין דער טאַבעלע וואָס פּ' לעשטשינסקי ברענגט. שטוביקע באַדינונג איז נאָר איינע פֿון די זעכצן פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, און גאָרניט די וויכטיקסטע, וואָס גייען אונטער דעם אַלגעמיינעם קעפּל. פּ' לעשטשינסקי דריקט אויס זײַן חידוש (ז' 198), פֿאַר וואָס מיר געפֿינען אין דעם פֿעלד אַזאַ גרויסן פּראָצענט צווישן בריטישע און דײַטשן. די סיבה איז, וואָס דאָס קעפּל איז כּולל גאָר פֿאַרשיידענע באַשעפֿטיקונגען: באַדינערס, און סאַרווערס (waiters), קערערס (janitors) און קברנים, וואַרטאָרינס און הויז־פֿאַרוואַלטערס, שערערס, פֿריזירערס, באַר־דערלאַנגערס, הויז־משגיחים, שיכפּוצערס, האָטעל־באַזיצערס, אַרבעטערס (laborers, אָן ווײַטערדיקע פּרטים), וועשערס, רעסטאָראַטאָרס, שענקאַרעס, זעלנערס, מאַטראָסן, פּאָליציאַנטן, פֿײַער־לעשערס אאַז"וו.

7. אין דעם צענזוס איז האַנדל פֿאַרבונדן מיט טראַנספּאָרט אונטערן קעפּל „האַנדל און טראַנספּאָרט". פּ' לעשטשינסקי האָט אַ פּנים אַליין צעטיילט די דאָזיקע קאַטעגאָריע.

אַז אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען קאָנצענטרירט אין געשעפֿט און אין די פּראָ־קאַנער קיין ציפֿער ניט, און פֿאַרט לייענען מיר, אַז זייער פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג איז שטאַרק געגליכן צו דער ייִדישער.

אַרום און אַרום זעט אויס פּ׳ לעשטשינסקיס טעזיס צו זײַן זייער פּראָבלע־מאַטיש. איך גיי ניט אָפּלייקענען דאָס בילד וואָס ער האָט אָפּגעמאָלט, אָבער אַז אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען קאָנצענטרירט אין געשעפֿט און אין די פּראָ־פֿעסיעס, און ספּעציעל אין באַשטימטע צווײַגן, האָט מען דאָך שוין גע־ווּסט פֿון פֿריִער. וואָס איז אונדז אָבער צוגעקומען נײַס וועגן דער באַ־ציִונג צווישן דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון ייִדן און פֿון אַנדערע עטנישע גרופּעס? וואָסערע נײַע פֿאַקטן זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף צו באַ־שטעטיקן, פֿאַרריכטן אָדער אָפּצופֿרעגן געוויסע אַלגעמיינע אײַנדרוקן, צו ווײַזן די ריכטונג פֿון ייִדישן עקאָנאָמישן לעבן אין אַמעריקע אָדער אויפֿצוווײַזן וויכטיקע שינויים וואָס האַלטן אין פֿאָרקומען? פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט פּ׳ לעשטשינסקי איז שולדיק, וואָס ס׳איז אַזוי געשען, וואָרעם די דאַטעס, אויף וועלכע מען זאָל קענען בויען מסקנות, זײַנען צום גרעסטן טייל נאָך ניטאָ. ס׳ווײַזט מיר אויס, אַז נאָר דורך ערשטהאַנטיקער קליינאַרבעט, דורך קאָנקרעטע שטודיעס פֿון טיפּישע אַמעריקאַנער ייִדישע קהילות קען מען זיך אַ רוק טאָן פֿאָרויס. און אין דעם פּרט האָלט מען נאָך ערשט בײַם סאַמע אָנהייב.

II

די ייִדישע וואַנדערונג קיין אַמעריקע

פֿון ג. ל י י ז ע ר אָ װ י ט ש

אין יעקב לעשטשינסקיס אַרטיקל: „דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַ־נער ייִדנטום״ זײַנען פֿאַראַן עטלעכע פּונקטן וואָס איך וואָלט וועלן דורכ־דיסקוטירן.

א) וויפֿל ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זינט 1870?

לויט די רעפּאָרטן פֿון אַמעריקאַנער אימיגראַציע־ביוראָ קומט אויס, אַז פֿון 1899 (ווען מען האָט אָנגעהויבן אויסטיילן די ייִדישע אײַנוואַנדערערס אין אַ באַזונדער גרופּע) ביז 1930 זײַנען אָנגעקומען (אין קײַלעכדיקע ציפֿער) 1,905,500 ייִדן. וואָס שייך דער אימיגראַציע פֿון 1881 ביז 1898, האָבן מיר השערות און קיין שום אָפֿיציעלע און פּינקטלעכע ידיעות. דזשאָזעף האָט אויסגערעכנט מיט זײַן גאַנג, אַז עס זײַנען אָנגעקומען אַרום 488,400 ייִדן.[1]

1. Samuel Joseph, *Jewish Immigration to the United States*, p. 93.

דאָס איז די צאָל ייִדן וואָס ס׳האָבן אַריבערגעבראַכט די שיפֿן וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע און באַלטימאָר. דזשאָזעף האַלט, אַז דאָס זײַנען געווען כמעט די איינציקע פּאָרטן, אין וועלכע ייִדישע פּאַסאַזשירן

יש אומרים, אַז עס האָבן אײַנגעוואַנדערט מיט אַ 45,000 מער.[2] לויט לעשטשינסקיס חשבון קומט אָבער אויס, אַז אין די יאָרן פֿון 1881 ביז 1898 זײַנען אָנגעקומען אַזש אַרום 801,800.[3] דאָס מיינט, אַז ער גיט אָן מיט אַ 313,400 מער ווי דזשאָזעף און מיט 268,300 מער ווי דאָס „אַמעריקאַנער ייִדישע יאָרבוך".

מיר דוכט, אַז הגם מיר ווייסן ניט פּינקטלעך, וויפֿל ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען אין יענער צײַט אָנגעקומען, האָבן אָבער אין די יאָרן פֿון 1881 ביז 1900 דאָ אײַנגעוואַנדערט ווייניקער ייִדן ווי לעשטשינסקי גיט אָן. לויט דעם צענזוס וואָס איז גענומען געוואָרן אין 1880 זײַנען דאָ געווען 219,829 אַריבערגעקומענע פֿון רוסלאַנד, עסטרײַך, אונגערן, טשעכיע (אין רעפּאָרט ווערט באַנוצט דער אויסדרוק „ביימען") און פֿון רוסיש־, עסטרײַכיש־ און דײַטש־פּוילן. דאָס זײַנען לענדער, פֿון וועלכע, כּידוע, די ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען אין יענע יאָרן געקומען. בעת דעם צענזוס פֿון 1900 האָט די צאָל אַריבערגעקומענע פֿון אָט די לענדער שוין באַטראָפֿן 1,386,648.[4] אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון נײַנצענטן יאָרהונדערט, ווי עס איז צו זען, איז זייער צאָל פֿאַרגרעסערט געוואָרן אויף 1,166,819. אין משך פֿון דער צײַט זײַנען דאָ אָנגעקומען, ווי לעשטשינסקי גיט אָן, אַ 900,000 ייִדן. 92.6 פּראָצענט פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן וואָס זײַנען אָנגעקומען אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון 19טן יאָרהונדערט האָבן געשטאַמט, לויט ווי דזשאָזעף גיט איבער,[5] פֿון רוסלאַנד, עסטרײַך, אונגערן, טשעכיע און פֿון רוסיש־ און עסטרײַכיש־פּוילן. דאָס מיינט, אַז 833,400 פֿון די 900,000 אַריבערגעקומענע ייִדן זײַנען געקומען פֿון די דערמאָנטע לענדער. לאָמיר זאָגן, אַז צען פּראָצענט פֿון זיי, 83,340, האָבן אין משך פֿון דער צײַט זיך אומגעקערט אַהיים אָדער געשטאָרבן. במילא קומט אויס, אַז ניט מער ווי 416,760 פֿון די 1,166,819 וואָס האָבן געשטאַמט פֿון עסטרײַך, אונגערן, טשעכיע און פֿון די דרײַ טיילן פֿון פּוילן זײַנען געווען ניט־ייִדן; 64.3 פּראָצענט פֿון אָט דער צאָל זײַנען געווען, לויט לעשטשינסקין, ייִדן. מיר ווייסן אָבער, אַז אין יאָר 1900 זײַנען

פֿלעגן אָנקומען; די צאָל ייִדן וואָס זײַנען אָנגעקומען דורך קאַנאַדע צי אַנדערע פּאָרטן איז אין יענער צײַט געווען זייער קליין. פּרטים וועגן זײַן מעטאָד געפֿינען זיך אויף זז׳ 87-92.

2. *American Jewish Year Book,* vol. I, p. 284.

דאָס איז די צאָל ייִדן וואָס זײַנען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע און באַלטימאָר. עס איז קשה, פֿאַר וואָס עס איז אין דעם פֿאַל פֿאַראַן אַ חילוק צווישן דזשאָזעפֿן און דעם יאָרבוך. קיינע פּרטים וועגן מעטאָד ווערן אין יאָרבוך ניט אָנגעגעבן.

3. יעקבֿ לעשטשינסקי, די ייִדישע וואַנדערונג פֿאַר די לעצטע 25 יאָר, זז׳ 6—8. אין זײַן אַרטיקל אין די „ייִוואָ־בלעטער", מאַרץ־אַפּריל 1941, איז ער זיך סומך אויף אָט דער אַרבעט.

4. U. S. Census Office, *Twelfth Census,* 1900, vol. II, part I, p. CLXXII.

5. דאָס זעלבע ווי 1. דאָס איז מסתּמא אַן אַפּראָקסימאַציע.

דאָ געווען מיט אַ 335,000 מער מענטשן ווי אין 1880 פֿון די דרײַ טיילן פֿון פּוילן, פֿון וועלכע די גרעסטע מערהייט, אויב ניט אַלע, זײַנען געווען, ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין צענזוס, פּאָליאַקן.[6] אין יענעם יאָר זײַנען אויך געווען מיט אַ 72,000 מער אַריבערגעקומענע פֿון טשעכיע, אַ 237,500 מער פֿון עסט־רײַך און אַ 83,000 מער פֿון אונגערן ווי אין 1880. און צי זײַנען ניט געווען צווישן אָט די 392,000 מענטשן פֿון עסטרײַך־אונגערן אַ סך ניט־ייִדן? הכּלל, די צאָל ניט־ייִדן פֿון יענע מקומות איז מסתּמא געווען מער ווי 416,760.

אין לעשטשינסקיס „ייִדישע וואַנדערונג", וואָס אויף דער אַרבעט איז ער זיך סומך אין דעם אַרטיקל אין די „ייִוואָ־בלעטער", ווערט ניט אָנגעוויזן, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט דעם חשבון, און במילא ווייסן מיר ניט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אָט דער צאָל.

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע דער צאָל ייִדישע אימיגראַנטן אין די 1870ער יאָרן. פֿון צענזוס ווייסן מיר, אַז אין 1880 זײַנען דאָ געווען מיט 126,215 מער מענטשן פֿון די דרײַ טיילן פֿון פּוילן, טשעכיע, עסטרײַך, אונ־גערן און רוסלאַנד ווי אין 1870.[7] לעשטשינסקי זאָגט אָבער, אַז אין משך פֿון דער צײַט האָבן דאָ אײַנגעוואַנדערט אַ 92,600 ייִדן. עס קומט במילא אויס, אַז די צאָל ניט־ייִדישע אימיגראַנטן פֿון אָט די לענדער איז געווען לפֿי־ערך זייער קליין. דער אמת איז אָבער, אַז אין 1880 זײַנען דאָ געווען מיט 34,121 מער מענטשן פֿון פּוילן, וואָס זײַנען משמעות געווען, לויט דעם מחבר פֿון צענזוס־רעפּאָרט, פּאָליאַקן און מיט 45,072 מער מענטשן פֿון טשעכיע, צווישן וועלכע עס זײַנען מסתּמא געווען אַ סך ניט־ייִדן, ווי אין 1870, שוין ניט דערמאָנענדיק די דײַטשן פֿון עסטרײַך־אונגערן. צי האָט אַ געוויסער פּראָצענט פֿון די אַריבערגעקומענע פֿון אָט די מקומות זיך אומ־געקערט אַהיים צי ניט אָנגעגעבן זייער ריכטיקן געבוירן־אָרט? צי איז אַ געוויסער פּראָצענט פֿון זיי געשטאָרבן? אָדער צי זײַנען אפֿשר די ייִדישע אימיגראַנטן געקומען פֿון גאָר אַנדערע לענדער? ווי געזאָגט, עס איז ניטאָ קיין שום רמז אין לעשטשינסקיס אַרבעט, אויף וואָסער באַזע ער האָט גע־מאַכט זײַנע שאַצונגען, און במילא בלײַבט דער ספֿק, צי עס זײַנען באמת אָנגעקומען אַזוי פֿיל ייִדן.

ב) צי זײַנען מיזרח־ייִדן געפֿאָרן צוזאַמען מיט זייערע ניט־ייִדישע לאַנדסלײַט?

ייִדן זײַנען געפֿאָרן, שרײַבט לעשטשינסקי, „צוזאַמען מיט די אַלע פֿעל־קער, מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט און געהאַנדלט הונדערטער יאָרן. ס'זײַ־נען געפֿאָרן מיליאָנען פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, ליטווינער, לעטן, טשעכן, סלאָ־וואַקן, אונגערן."[8] די ייִדישע מאַסן־אימיגראַציע, מיט אַנדערע ווערטער, האָט

6. דאָס זעלבע ווי 4.

7. U. S. Census Office, *Report on the Population of the United States*, 1890, part I, p. CXL.

זיך אָנגעהויבן אין דער זעלבער צײַט, ווען די אויסגערעכנטע פֿעלקער האָבן גענומען זיך באַזעצן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אויף ווי ווײַט איז דאָס זיכער?

דזשאָזעף האָט אַנאַליזירט די רעפּאָרטן פֿון די אַגענטן פֿון די ניו־יאָרקער, פֿילאַדעלפֿיער און באַלטימאָרער צדקה־אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געקליבן אינפֿאָרמאַציע וועגן די ייִדישע אימיגראַנטן וואָס זײַנען אָנגעקומען אין די דאָרטיקע פּאָרטן, און לויט אים קומט אויס, אַז דער פּראָצענט פֿון אַלע רוסישע און עסטרײַך־אונגערישע אימיגראַנטן־ייִדן איז געווען:[9]

פֿון רוסלאַנד

יאָרן	צאָל אימיגראַנטן	פֿון זיי ייִדן	% ייִדן צווישן אַלע אימיגראַנטן
1890־1881	213,282	135,003	63.3
1900־1891	505,280	279,811	55.4
1910־1901	1,597,306	704,245	44.1

פֿון עסטרײַך־אונגערן

צאָל אימיגראַנטן	פֿון זיי ייִדן	% ייִדן צווישן אַלע אימיגראַנטן
353,719	44.619	12.6
592,707	83,720	14.1
2,145,266	58,811	7.4

קומט אויס, אַז די מאַסן־אימיגראַציע פֿון די רוסישע ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעכט ביסל פֿריִער ווי פֿון די אַנדערע רוסלענדער אײַנוווינערס: פֿון רוסלאַנד זײַנען אין די ערשטע צען יאָר פֿון דעם פּעריאָד אַריבערגעקומען אַ 135,000 ייִדן אין פֿאַרגלײַך מיט אַן 78,300 ניט־ייִדן. דער פּראָצענט, הגם ניט די אַבסאָלוטע צאָל, פֿון ייִדישע אימיגראַנטן איז אין משך פֿון דער צײַט געפֿאַלן. דאָס מיינט, אַז די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע צאָל פֿון די אַנדערע אימיגראַנטן פֿון רוסלאַנד און עסטרײַך־אונגערן האָט זיך אין משך פֿון דער צײַט פֿאַרגרעסערט. לכתּחילה, מיט אַנדערע ווערטער, איז די אימיגראַציע פֿון רוסלאַנד באַשטאַנען דער עיקר פֿון ייִדן. די מאַסן־אימיגראַציע פֿון די אַנדערע רוסלענדער פֿעלקער האָט זיך אָנגעהויבן, לויט די צענזוס־רעפּאָרטן, אין די ערשטע יאָרן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין יאָר 1900 זײַנען דאָ געווען, לויט דער פֿאָלקסציילונג, ניט מער ווי 154,376

8. ייִוואָ־בלעטער, מאַרץ 1941, ז׳ 128.

9. דאָס זעלבע ווי 1, זז׳ 164 און 170. זײַנע ציפֿער דאַרפֿן באַטראַכט ווערן ווי אַפּראָקסימאַציעס. זיי גיבן אונדז אָבער אַ געוויסע השגה וועגן אימיגראַציע־שטראָם.

פּאָליאַקן פֿון רוסלאַנד.[10] די צאָל רוסן, אוקראַיִנער און ליטווינער איז געווען אַ סך קלענער.

פֿון דער טאַבעלע קאָן מען אויך זען, אַז אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון 19טן יאָרהונדערט זײַנען אַריבערגעקומען אַ רעכט ביסל דײַטשן, טשעכן און מאַדיאַרן פֿון עסטרײַך־אונגערן. אויב מיר נעמען אָפּילו אָן, אַז דער פּראָצענט ייִדישע אימיגראַנטן איז געווען אַ ביסל גרעסער ווי עס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין דער טאַבעלע, איז נאָך אָבער אַלץ אַ גרויסער ספֿק, צי עס זײַנען אין יענע יאָרן באמת אָנגעקומען אַזוי פֿיל ייִדן ווי לעשטשינסקי גיט אָן.

פֿאַראַן אויך אַנדערע, הגם אומדירעקטע ראַיות, אַז די ייִדישע אימיגראַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך באמת אָנגעהויבן פֿריִער ווי פֿון די סלאַוון. עס איז אַ גוט באַוווסטער פֿאַקט, אַז צום ערשטן וואַנדערן אויס מאַנסבילן און דערנאָך פֿרויען. לאָמיר דעריבער זען ווער זײַנען געווען די אימיגראַנטן. דער פּראָצענט מאַנסבילן און פֿרויען וואָס זײַנען דאָ אָנגעקומען אין די יאָרן 1899־1910 און 1915־1924, איז געווען:

	מ אַ נ ס ב י ל ן		פֿ ר ו י ע ן	
	1899-1910[11]	1915-1924[12]	1899-1910[11]	1915-1924[12]
בײַ ייִדן	57.0%	47.0%	43.0%	53.0%
בײַ פּאָליאַקן	69.0%	47.3%	31.0%	52.7%
בײַ ליטווינער	71.0%	43.3%	29.0%	56.7%
בײַ סלאָוואַקן	71.0%	46.6%	29.0%	53.4%
בײַ מאַדיאַרן	72.0%	46.0%	28.0%	54.0%
בײַ רוסן	85.0%	67.0%	15.0%	32.8%

פֿון יעדע הונדערט ייִדישע אימיגראַנטן אין די יאָרן פֿון 1899 ביז 1910 זײַנען ניט מער ווי אַ 57 געווען מאַנסבילן בײַ די אַנדערע איז דער פּראָצענט געווען אַ סך גרעסער. צווייטנס, אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זײַנען אַריבערגעקומען מער פֿרויען ווי מאַנסבילן, אַחוץ בײַ די רוסן. און אין דעם פּעריאָד איז כּמעט ניט געווען קיין חילוק צווישן ייִדן און אַנדערע פֿעלקער.

10. דאָס זעלבע ווי 6.

11. Liebman Hersch, *Le Juif Errant d'Aujourd'hui*, p. 66.

באַזירט אויף די רעפּאָרטן פֿון אַמעריקאַנער אימיגראַציע־ביוראָ. איך ציטיר לויטן פֿראַנצייזישן טעקסט, ווײַל די ייִדישע אויסגאַבע פֿון ל. הערשס בוך (ווילנע 1914) האָב איך ניט געהאַט צו דער האַנט.

12. Michael Traub, *Jüdische Wanderbewegungen vor und nach dem Weltkriege*, p. 117.

ער האָט זיך באַנוצט מיט די רעפּאָרטן פֿון אימיגראַציע־ביוראָ.

וואָס באַווייזט עס? דאָס מיינט, אַז די מאַסן־עמיגראַציע פון די רוסן, ליטווינער, מאַדיאַרן און אַנדערע האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער ווי די יידישע אויסוואַנדערונג. דעריבער זיינען אַפילו אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט אַרום זיבן צענטל פון אַלע אימיגראַנטן געווען מאַנסבילן, די פּיאָנירן פון אימיגראַציע, בעת ביי יידן איז דער פּראָצענט געווען אַ סך קלענער. פאַר וואָס? טיילווייז צוליב דעם וואָס די מאַסן־אימיגראַציע ביי יידן האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן מיט יאָרן פריער ווי ביי די סלאַוון. אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די איינוואַנדערונג איז באַגרענעצט און סטאַביליזירט געוואָרן און ווען די אַריבערגעקומענע האָבן זיך שוין גע־האַט עטאַבלירט אין לאַנד, האָבן זיי גענומען אַריבערברענגען זייערע פאַ־מיליעס. דער פּראָצענט פרויען איז במילא אין די 1920ער יאָרן פאַרגרע־סערט געוואָרן. עס דאַרף אָבער גלייכצייטיק באַמערקט ווערן, אַז אַ גרע־סערער פּראָצענט פון די אַריבערגעקומענע יידן זיינען לכתחילה געקומען צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע איידער עס איז געווען דער פאַל מיט די סלאַוון, און במילא האָבן זיי גלייך גענומען טראַכטן וועגן אַריבערברענגען זייערע פאַמיליעס.

אַנאַליזירט מען דעם עלטער פון די אַריבערגעקומענע, קומט מען אויך צום זעלבן אויספיר. דערוואַקסענע און מיטליעריקע מענטשן, כּידוע, זיינען די ערשטע אימיגראַנטן. דער פּראָצענט אימיגראַנטן וואָס איז געווען יינגער ווי 14 יאָר און פון די אין עלטער פון 14 ביז 44 יאָר איז געווען:

	אונטער 14 יאָר		אין עלטער פון 14 ביז 44	
	1910-1899[13]	1924-1915[14]	1910-1899[13]	1924-1915[14]
ביי יידן	25.0%	29.2%	70.0%	59.1%
ביי מאַדיאַרן	9.0%	25.6%	87.0%	66.0%
ביי סלאָוואַקן	9.0%	20.4%	88.0%	74.2%
ביי פּאָליאַקן	9.0%	25.2%	88.5%	67.6%
ביי ליטווינער	8.0%	21.9%	90.0%	70.9%
ביי רוסן	7.0%	17.1%	90.5%	75.6%

פריער, ווי מיר ווייסן, וואַנדערן אויס די דערוואַקסענע פון דער פאַ־מיליע. אַז זיי זיינען מצליח און אָרדענען זיך איין, ברענגען זיי אַריבער זייערע פרויען, קינדער און עלטערן. דאָס איז דער מינהג העולם. ביי יידן, ווי עס איז צו זען, איז דער פּראָצענט דערוואַקסענע און מיטליעריקע גע־ווען אַ סך קלענער ווי ביי די אַנדערע. דאָס איז טיילווייז משמעות מחמת

13. דאָס זעלבע ווי 11.
14. דאָס זעלבע ווי 12.

דעם, וואָס די ייִדישע מאַסן־אײַנוואַנדערונג האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן מיט אַ צאָל יאָרן פֿריִער ווי די אימיגראַציע פֿון די רוסן, ליטווינער, און אַנדערע. ייִדן האָבן במילא שוין געהאַלטן אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין אַריבערברענגען זייערע קינדער, בעת די אַנדערע האָבן זיך נאָך געפֿונען אין בראשית־פּעריאָד פֿון זייער איבערוואַנדערונג און במילא זײַנען אַריבערגעקומען כּמעט ווי נאָר מענטשן אין עלטער פֿון 14 ביז 44 יאָר. אין די 1920ער יאָרן ווידער האָט זיך דער פּראָצענט קינדער צווישן די אַריבערגעקומענע שטאַרק פֿאַרגרעסערט בײַ אַלע, חוץ ייִדן. אין יענער צײַט איז שוין דער חילוק אין עלטער פֿון די ייִדישע און אַנדערע אימיגראַנטן געווען זייער קליין. די אימיגראַנטן האָבן זיך שוין געהאַט „אויסגעגרינט" און האָבן אַריבערגעבראַכט ווײַבער און קינדער.

דער היוצא מדבֿרינו איז, אַז די ייִדישע מאַסן־אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ צײַט פֿריִער ווי די אויסוואַנדערונג פֿון ליטווינער, רוסן און אַנדערע. דאָס דערקלערט, פֿאַר וואָס דער פּראָצענט ייִדישע פֿרויען און קינדער וואָס זײַנען אַריבערגעקומען אין די ערשטע יאָרן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז געווען גרעסער לגבי דער רעלאַטיווער צאָל סלאַווישע פֿרויען און קינדער.[15] דאָס איז אָבער ניט געווען די איינציקע סיבה. ייִדן זײַנען דאָ געקומען צו ווערן תּושבֿים, האָבן זיי מסתּמא באַלד גענומען אַריבערברענגען זייערע פֿאַמיליעס און קרובֿים, בעת אַ געוויסער פּראָצענט פֿון די אַנדערע זײַנען געקומען מיט דעם געדאַנק צוריקצופֿאָרן אַהיים.

אין פֿאַרבינדונג מיט דעם אַלעם איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט[16] צווישן דעם פּראָצענט מאַנסבילן וואָס האָבן אײַנגעוואַנדערט פֿון 1899 ביז 1910 פֿון די דערמאָנטע זעקס גרופּעס און דעם פּראָצענט פֿון די אַריבערגעקומענע וואָס זײַנען געווען אין עלטער פֿון 14 ביז 44 יאָר איז $+0.5781$, מיט אַ משמעותדיקן טעות פֿון ∓ 0.184. דאָס מיינט בדרך־כּלל, אַז די נאַציאָנאַלע גרופּעס וואָס האָבן געהאַט אַ גרעסערן פּראָצענט מאַנסבילן צווישן זייערע אַריבערגעקומענע האָבן אויך געהאַט אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע דערוואַקסענע און מיטליעריקע. דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט איז אָבער ניט מער ווי $+0.27$, מיט אַ משמעותדיקן טעות פֿון ∓ 0.255, פֿאַר דעם פּעריאָד 1915־1924. דאָס איז מסתּמא מחמת דעם, וואָס אַ גרויסער פּראָצענט פֿון די אַריבערגעקומענע אין יענע יאָרן זײַנען געווען מיטליעריקע פֿרויען וואָס זײַנען געקומען מיט די קינדער צו זייערע מאַנען.

נאָר אפֿשר איז דער גאַנצער חילוק צווישן דעם אָנהייב פֿון דער ייִדי־

15. אין לעשטשינסקים „די ייִדישע וואַנדערונג פֿאַר די לעצטע 25 יאָר", ז' 77, ווערט אָנגעגעבן, אַז עס איז געווען אַ חילוק אין דער עלטער־ און געשלעכט־גלידערונג פֿון ייִדישע און אַנדערע אימיגראַנטן אין די יאָרן פֿון 1900 ביז 1925.

16. דער קאָרעלאַציע־קאָעפֿיציענט ווײַזט דעם גראַד אַסאָציאַציע צווישן צוויי אָדער מער זאַכן.

שער און סלאַווישער מאַסן־אימיגראַציע ניט מער ווי עטלעכע יאָר? מע דאַרף אין זינען האָבן, אַז מיר האָבן דאָ בכלל צו טאָן מיט אַ לפּי־ערך קורצן פּעריאָד, און במילא שפּילן אַפילו עטלעכע יאָר אויך אַ געוויסע ראָלע.

ג) פון וואָסערע טיילן רוסלאַנד איז מען געפאָרן?

לעשטשינסקי זאָגט, אַז פון רוסלאַנד זײַנען געפאָרן, אַחוץ ייִדן, דער עיקר אוקראַיִנער, ווײַסרוסן און פּאָליאַקן. פון די צענזוסן קען מען אָבער דרינגען, אַז די ניט־ייִדישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד זײַנען געווען דער עיקר פּאָליאַקן, בעת ייִדן זײַנען דער הויפּט געקומען פון געגנטן, וווּ עס זײַנען כמעט ווי ניט געווען קיין פּויליש־ריידנדיקע.

בעת דעם צענזוס פון 1900 זײַנען דאָ געווען 578,102 אַריבערגעקו־מענע פון רוסלאַנד. 154,376, אָדער 26.7 פּראָצענט פון זיי, האָבן געשטאַמט פון רוסיש־פּוילן. דער צענזוס־רעפּאָרט איז משער, אַז די וואָס האָבן גע־זאָגט, אַז זיי שטאַמען פון פּוילן, זײַנען געווען פּולבלוטיקע פּאָליאַקן, ווײַל אַלע אַנדערע וואָס זײַנען געקומען פון רוסישן, עסטרײַכישן און דײַטשישן טייל פּוילן האָבן מסתמא געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פון רוסלאַנד, עסטרײַך און דײַטשלאַנד, ניט פון פּוילן.[17] עס איז שווער צו זאָגן, אויף ווי ווײַט דאָס איז באמת געווען אַזוי. וואָס מיר דאַרפן אָבער אין זינען האָבן איז, אַז אפשר אַ זיבעציק פּראָצענט פון די אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד זײַנען בעת יענער ציילונג אָדער ניט געווען קיין פּאָליאַקן אָדער האָבן אפשר ניט געשטאַמט פון די פּוילישע ,גובערניעס.

ווער זײַנען זיי געווען? אין יאָר 1910 האָט דאָס צענזוס־ביוראָ אָנגע־הויבן קלאַסיפיצירן די אײַנגעוואַנדערטע לויט זייער מוטערשפּראַך. די שפּראַכיקע גלידערונג פון די 1,602,752 אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד וואָס האָבן אין 1910 געלעבט אין לאַנד איז געווען:[18]

מוטערשפּראַך	צאָל	פּראָצענט
ייִדיש און העברעיִש	838,193	52.3
פּויליש	418,370	26.1
ליטוויש און לעטיש	137,046	8.6
דײַטש	121,638	7.6
רוסיש	40,542	2.5
רומעניש, סלאָוואַקיש און אַנדערע סלאַווישע שפּראַכן	6.769	0.4
אַנדערע	40,194	2.5
סך־הכּל	1,602,752	100.0

17. U. S. Census Bureau, *13th Census, Population,* vol. I, pp. 788-789: "It is probable that the persons reported as born in Poland in 1900 and

אין 1910, ווען די מאַסן־אײַנוואַנדערונג פֿון רוסלאַנד איז שוין געווען אין פֿולן גאַנג, איז דאָ נאָך אַלץ געווען אַ לפֿי־ערך קליינע צאָל אַריבערגעקומענע, אַחוץ ייִדן און פּאָליאַקן, פֿון יענעם לאַנד. אין יענעם יאָר זײַנען דאָ געווען ניט מער ווי 40,542 רוסיש־ריידנדיקע און אַ 137,000 ליטווינער און לעטן. אַ 95 פּראָצענט פֿון די רוסלענדער אימיגראַנטן זײַנען געווען ייִדן, פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן און דײַטשן. ווו זשע זײַנען עס די אוקראַיִנער און ווײַסרוסן, וועגן וועלכע לעשטשינסקי רעדט? צי האָבן זיי ניט אָנגעגעבן זייער ריכטיקע מוטערשפּראַך? צי האָבן זיי זיך שוין געהאַט אומגעקערט אַהיים? אָדער אפֿשר איז אַ גרויסער פּראָצענט פֿון זיי צע־שטאָרבן?

ווײַזט אויס, די רוסן און אַנדערע סלאַוון זײַנען ניט אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע אין גרויסע מאַסן. אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן עטלעכע מיליאָן פֿון זיי זיך באַזעצט אין סיביר. דער פּראָצענט רוסן, אוקראַיִנער און ווײַסרוסן וואָס האָבן אין אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט גע־זוכט זייער מזל מעבֿר־לים איז געווען קליין, און נאָך קלענער אין 19טן יאָרהונדערט. דאָס באַווײַזט, ווי עס איז שוין פֿריִער באַטאָנט געוואָרן, אַז די ייִדישע מאַסן־אימיגראַציע פֿון רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צײַט פֿריִער ווי פֿון די אַנדערע רוסלענדער פֿעלקער. און אַפֿילו די פּאָ־ליאַקן פֿון רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן קומען אין מאַסן ערשט אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, ווײַל אין 1900 זײַנען דאָ געווען, לויטן צענזוס, ניט מער ווי 154,376 אַזוינע וואָס האָבן געזאָגט בפֿירוש, אַז זיי שטאַמען פֿון רוסיש־פּוילן.

אונדז בלײַבט נאָך אויסצוגעפֿינען, פֿון וועלכע געגנטן פֿון רוסלאַנד די אַריבערגעקומענע ייִדן האָבן געשטאַמט. צי זײַנען זיי געקומען דער עיקר פֿון די פּוילישע גובערניעס, צי פֿון אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, אָדער ליטע? אַן ענטפֿער אויף דעם געפֿינען מיר אין די צענזוס־רעפּאָרטן פֿון 1920 און 1930 (די רעזולטאַטן פֿון דער לעצטער ציילונג, 1940, זײַנען נאָך ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן). נאָך דער מלחמה זײַנען פּוילן און ליטע גע־וואָרן, כּידוע, אומאָפּהענגיקע מלוכות, און במילא קאָנען מיר דערגיין, וויפֿל ייִדן האָבן געשטאַמט פֿון רוסלאַנד גופֿא און וויפֿל זײַנען געקומען פֿון געגנטן וואָס זײַנען פֿריִער געווען אַ טייל פֿון דער רוסישער אימפּעריע.

לאָמיר זיך קודם דערמאָנען, אַז ניט מער ווי אַ 26 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין רוסלאַנד אין 1897 האָבן זיך געפֿונען אין די פּוילישע גובערניעס.[19] אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד זײַנען יעמאָלט געווען

---

at earlier censuses were mainly Poles by blood, as persons of other nationalities coming from Poland would be likely to report Austria, Germany, or Russia as their birthplace."

18. דאָס זעלבע ווי 17, ז' 968.

19. יעקבֿ לעשטשינסקי, „דאָס ייִדישע פֿאָלק אין ציפֿערן", ז' 44.

מער ייִדן ווי אין קאָנגרעס־פּוילן. אוקראַיִנע האָט געהאַט מיט אַ 500,000 מער ייִדן ווי ווײַסרוסלאַנד און ליטע און אַ 228,500 האָבן געלעבט אין בעסאַראַביע.

אין דער טאַבעלע ווערט איבערגעגעבן דאָס געבוירן־אָרט פֿון די אַריבערגעקומענע ייִדן וואָס האָבן בעת די צענזוסן דעקלאַרירט ייִדיש פֿאַר זייער מאַמע־לשון.[20]

געבוירן־אָרט	1920 צאָל	1920 פּראָצענט	1930 צאָל	1930 פּראָצענט
רוסלאַנד	791,181	72.5	743,307	60.8
פּוילן	114,362	10.5	243,825	19.9
עסטרײַך	99,279	9.1	96,052	7.9
רומעניע	37,287	3.4	49,508	4.0
אונגערן	16,964	1.6	16,255	1.3
ליטע	4,971	0.5	25,886	2.1
אַנדערע לענדער	27,760	2.5	47,825	3.9
	1,091,820	100.1	1,222,658	99.9

פֿון 60.8 ביז 72.5 פּראָצענט ייִדיש־רײדנדיקע האָבן געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פֿון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און פֿון אַנדערע טיילן רוסלאַנד. די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע צאָל פּוילישע און ליטווישע ייִדן האָט זיך אונטער דער צײַט פֿאַרגרעסערט. דאָס איז געווען דער עיקר מחמת דעם וואָס אין די 1920ער יאָרן איז כּמעט ניט געווען קיין שום אימיגראַציע דירעקט פֿון סאָוועט־רוסלאַנד.

אַוודאי איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז געוויסע מענטשן וואָס זײַנען גאָר געבאָרן געוואָרן אין פּוילן צי ליטע זאָלן האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי שטאַמען פֿון רוסלאַנד. מע דאַרף אָבער גלײַכצײַטיק אין זינען האָבן עטלעכע זאַכן. ערשטנס, אַפֿילו אין 1930, ווען יעדער איינער האָט שוין מסתּמא גוט געוווּסט, צי זײַן געבוירן־אָרט געפֿינט זיך אין רוסלאַנד, פּוילן צי ליטע און האָט זיך שוין געהאַט גוט צוגעוווינט צו דער נאָך־ווערסאַלער געאָגראַפֿיע, האָבן נאָך אַלץ אַ זעכציק פּראָצענט אָנגעגעבן, אַז זיי זײַנען געקומען פֿון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און אַנדערע רוסישע פּראָווינצן. והשנית, ייִדן פֿון געוויסע געגנטן וואָס זײַנען געוואָרן נאָך יענער וועלט־מלחמה אַ טייל פֿון פּוילן — ווילנער געגנט, ווײַסרוסישע וואָיעוואָדשאַפֿטן — אַזוי גוט ווי פֿון בעסאַראַביע האָבן משמעות אָנגעגעבן, אַז זיי שטאַמען פֿון פּוילן אָדער רומעניע און ניט פֿון רוסלאַנד אָדער ליטע. ווען ניט דאָס, ווען זיי

20. U. S. Census Bureau, 14*th Census, Population,* vol. II, p. 970; U. S. Census Bureau, 15*th Census, Population,* vol. II, p. 350.

וואָלטן זיך ניט געהאַט גערעכנט מיט די נײַ עטאַבלירטע געאָגראַפֿישע גרע־נעצן, וואָלט דער פּראָצענט יִדיש־ריידנדיקע פֿון רוסלאַנד און ליטע געווען אפֿשר גרעסער. קומט אויס, אַז עס זײַנען מסתּמא געווען יִדן וואָס האָבן געזאָגט בײַם צענזוס, אַז זיי שטאַמען פֿון רוסלאַנד, הגם זייער געבוירן־אָרט האָט שוין גאָר געהאַט באַלאַנגט צו אַן אַנדער מלוכה. און עס זײַ־נען מסתּמא געווען אויך אַזוינע וואָס האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זײַנען גע־קומען פֿון פּוילן, ליטע אָדער רומעניע, הגם זייער געבוירן־אָרט איז אפֿשר געווען רוסלאַנד. דריטנס, עס איז אַ סבֿרא, אַז בלויז אַ קליינער פּראָצענט האָט ניט אָנגעגעבן דאָס ריכטיקע געבוירן־לאַנד.

ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, מער ווי אַ העלפֿט אַריבערגעקומענע יִדן האָבן בלתּי־ספֿק געשטאַמט פֿון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און אַנדערע רו־סישע געגנטן. די צאָל רוסן, אוקראַיִנער און ווײַסרוסן איז אָבער געווען, ווי מיר האָבן שוין געזען, זייער קליין. אין 1930 זײַנען דאָ געווען, לויט דעם צענזוס, ניט מער ווי 315,721 רוסיש־ריידנדיקע, פֿון וועלכע 83.2 פּראָצענט האָבן געשטאַמט פֿון רוסלאַנד. אין זעלבן יאָר האָבן זיך דאָ געפֿונען ניט מער ווי 58,685 אוקראַיִנער. הכּלל, די רוסלענדער יִדן זײַנען געקומען פֿון פּראָווינצן, פֿון וועלכע זייער ווייניק פֿון דער ניט־יִדישער באַפֿעלקערונג האָבן זיך געלאָזט פֿאָרן קיין אַמעריקע.

פֿון דער אַנדער זײַט ווידער קומט אויס, אַז די צאָל יִדן פֿון פּוילן איז געווען לפֿי־ערך קליין. אין 1930 האָבן ניט מער ווי 243,825 יִדיש־ריידנדיקע געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פֿון פּוילן. און מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אַ רעכט ביסל פֿון זיי זײַנען אָנגעקומען אין די 1920ער יאָרן. דאָס מיינט בעצם, אַז אַפֿילו אין 1930 האָבן ניט מער ווי אַ 20 פּראָצענט פֿון אַלע יִדיש־ריידנדיקע אין לאַנד געשטאַמט פֿון פּוילן, און דאָס איז שוין כּולל אי גאַליציע אי געוויסע ליטווישע און ווײַסרוסישע געגנטן. דאָס באַווײַזט (סײַדן מיר האָבן ראַיות, אַז אַ גרעסערער פּראָצענט פֿון די פּוילישע אײדער פֿון אַנדערע יִדן האָבן ניט אָנגעגעבן יִדיש פֿאַר זייער מאַמע־לשון), אַז די יִדישע עמיגראַציע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען דער עיקר פֿון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, בעת די סלאַוון וואָס האָבן אין יענע יאָרן אויסגעוואַנדערט פֿון רוסלאַנד זײַנען געווען דער עיקר פּאָליאַקן.

דער סך־הכּל איז דעריבער אַזאַ. יִדן האָבן אָנגעהויבן אויסוואַנדערן מיט יאָרן פֿריִער ווי די פֿעלקער, מיט וועלכע זיי האָבן דורות לאַנג גע־לעבט בשכנות. נאָך אַ ראַיה. 21 פּראָצענט פֿון די אַריבערגעקומענע פֿון רוסלאַנד, און זיי זײַנען דאָך געווען דער עיקר יִדן, האָבן בעת דעם צענ־זוס פֿון 1930 געזאָגט, אַז זיי זײַנען דאָ אָנגעקומען אין 1900 אָדער פֿריִער, בעת ניט מער ווי 18.9 פּראָצענט פֿון די וואָס שטאַמען פֿון פּוילן און 18.5 פּראָצענט פֿון די וואָס זײַנען אַריבערגעקומען פֿון ליטע זײַנען געווען אַזוי

לאַנג אין לאַנד.[21] דער חילוק איז אַזוי קליין משמעות מחמת דעם, וואָס אַ געוויסער פּראָצענט פֿון דעם עלטערן דור אימיגראַנטן פֿון רוסלאַנד גע־פֿינען זיך שוין אויפֿן עולם־האמת. צווייטנס, די ייִדישע אויסוואַנדערונג פֿון רוסלאַנד איז דער עיקר געווען פֿון אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און פֿון אַנדערע פּראָווינצן, פֿון געגנטן, פֿון וועלכע זייער אַ קליינע אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע צאָל ניט־ייִדן האָבן געזוכט זייער מזל אין דער נײַער וועלט. פֿון פּוילן ווידער האָבן אויסגעוואַנדערט דער עיקר פּאָליאַקן; זי האָט גע־געבן אַ קליינע אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע צאָל ייִדישע אימיגראַנטן.

וואָס איז אָבער דער חילוק, וועט מען מסתמא פֿרעגן, פֿון וועלכע געגנטן ייִדן האָבן אויסגעוואַנדערט און וואָסערע סלאַוון האָבן עמיגרירט? צי זײַנען די ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע ייִדן און די פּאָליאַקן פֿון רוסיש־פּוילן און גאַליציע ניט געווען שכנים? דער ענטפֿער איז, אַז עס איז פֿאַראַן אַ חילוק צווישן סלאַוון און סלאַוון. דער אונטערשייד צווישן אַ פּאָליאַק און אַן אוקראַיִנער איז אפֿשר פּונקט אַזוי גרויס ווי צווישן אַן איטאַליענער און אַ פֿראַנצויז, אַ דײַטש און אַ דענער. עס איז אַ גרויסער ספֿק, צי האָט זיך דער אוקראַיִנער אָדער ליטווישער ייִד געפֿילט היימיש מיטן פּאָליאַק פֿון קאָנגרעס־פּוילן, און דאָס אייגענע פֿאַרקערט.

ד) צי האָבן ייִדן זיך באַזעצט אין אַמעריקע מיט זייערע ניט־ייִדישע לאַנדסלײַט?

אַן אַנדער טעזיס אין לעטשינסקיס אַרבעט איז, אַז די אַריבערגעקו־מענע ייִדן האָבן געמאַכט אַ לעבן פֿון די וואָס „זײַנען אַ סך הונדערטער יאָרן געוווינט געוואָרן, אַז דער ייִד זאָל זיי אין דעם פּרט באַדינען".[22]

אויף ווי ווײַט מיר ווייסן, האָבן די ייִדישע אימיגראַנטן זיך באַזעצט אין אַנדערע שטאַטן און שטעט איידער די אַריבערגעקומענע פּאָליאַקן, טשעכן, סלאָוואַקן, מאַדיאַרן און אַנדערע. 1890 למשל איז די קאָנצענטראַ־ציע פֿון די 182,644 וואָס האָבן געשטאַמט פֿון רוסלאַנד און פֿון די 147,440 וואָס זײַנען געקומען פֿון די דרײַ טיילן פּוילן אין געוויסע שטעט געווען אַזאַ:[23]

שטאָט	פּראָצענט פֿון אַלע אַריבערגעקומענע פֿון רוסלאַנד:	פֿון פּוילן:
ניו־יאָרק און ברוקלין	28.6	5.9
שיקאַגאָ	4.2	16.3
פֿילאַדעלפֿיע	4.3	1.5
דעטראָיט	0.4	3.6
באָפֿאַלאָ	0.3	6.2
מילוואָקי	0.3	6.3

21. U. S. Census Bureau, *15th Census, Population,* vol. II, p. 501.

22. ייִוואָ־בלעטער, מאַרץ 1941, ז' 129.

די רוסן, און דאָס מיינט בעצם ייִדן, האָבן זיך לכתחילה באַזעצט, ווי מע קאָן זען, גאָר אין אַנדערע שטעט ווי די פּאָליאַקן. דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק וועגן די טשעכן (זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין קליוולענד און שיקאַגע) און די אַנדערע סלאַוון. אין ניו־יאָרק למשל זײַנען אין 1890 געווען 52,187 אַריבערגעקומענע פֿון רוסלאַנד, און זיי זײַנען משמעות געווען דער עיקר ייִדן, אין פֿאַרגלײַך מיט 33,170 פֿון די וואָס האָבן גע־שטאַמט פֿון פוילן (אַלע דרײַ טיילן), אונגערן און טשעכיע. צי האָבן אָט די 52,000 רוסישע (=ייִדישע) אימיגראַנטן געהאַנדלט מיט און געמאַכט אַ לעבן פֿון אָט די 33,000 מאַדיאַרן, טשעכן און פּאָליאַקן?

פֿאַראַן פּינקטלעכערע ידיעות וועגן דעם וווינאָרט פֿון די אַריבערגע־קומענע פֿאַר די יאָרן 1910 און 1930. אין 1910 זײַנען דאָ געווען 1,051,767 ייִדיש־ריידנדיקע און 943,781 פּויליש; בעת דעם צענזוס פֿון 1910 האָבן 1,222,658 געזאָגט, אַז ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון, און 965,899 זײַנען געווען פּויליש־ריידנדיקע. אין דער טאַבעלע ווערט איבערגעגעבן דער פּראָצענט פֿון אַלע ייִדיש־און פּויליש־ריידנדיקע וואָס האָבן געלעבט אין געוויסע שטעט.[24]

שטאָט	ייִדיש־ריידנדיקע 1910	פּויליש־ריידנדיקע 1910	ייִדיש־ריידנדיקע 1930	פּויליש־ריידנדיקע 1930
ניו־יאָרק	52.9	7.9	50.7	9.6
שיקאַגע	6.5	13.4	7.1	13.5
פֿילאַדעלפֿיע	7.3	2.7	6.7	2.6
באָסטאָן	3.4	0.4	2.9	0.5
קליוולענד	1.3	2.1	1.6	2.6
דעטראָיט	0.6	3.8	2.1	6.0
מילוואָקי	0.5	2.6	0.5	1.9
פּיטסבורג	1.2	2.7	1.0	1.2

די טאַבעלע באַשטעטיקט בעצם דאָס וואָס עס איז פֿריִער געזאָגט געוואָרן וועגן דער קאָנצענטראַציע פֿון אימיגראַנטן אין געוויסע שטעט. ייִדן האָבן זיך באַזעצט און זײַנען פֿאַרבליבן וווינען אין אַנדערע צענטערס ווי פּאָ־ליאַקן. און מיר ווייסן, אַז דאָס איז אויך געווען דער פֿאַל מיט די אַנדערע עטנישע גרופּעס. אין 1930 זײַנען אין ניו־יאָרק געווען מיט 79,554 מער

23. אויסגערעכנט אויפֿן סמך פֿון אַ טאַבעלע אין: U. S. Census Office, *Compendium of the Eleventh Census*, 1890, part II, pp. 604-611.

24. U. S. Census Bureau, *13th Census, Population*, vol. I, pp. 1012, 1014; *15th Census, Population*, vol. II, pp. 375-377, 380, 381, 383.

ייִדיש־ריידנדיקע ווי פּאָליאַקן, דײַטשן, רוסן, ליטווינער, טשעכן און סלאָ־וואַקן צוזאַמען. די טאַבעלע ווײַזט אַגבֿ־אורחא, אַז די, וועמען דאָס צענזוס־ביוראָ פֿלעגט רופֿן „רוסן״, זײַנען פּאַקטיש געווען ייִדן.

לויט דעם צענזוס פֿון 1930 קומט אויך אויס, אַז אַן 88 פּראָצענט ייִדיש־ריידנדיקע האָבן געלעבט אין שטעט מיט הונדערט טויזנט צי מער נפֿשות, און וועלכע עס זײַנען געווען לכל־הפּחות 15,000 פֿרעמד געבוי־רענע. קיין איין אַנדער אימיגראַנטן־גרופּע איז ניט געווען אַזוי קאָנצענ־טרירט אין עטלעכע שטעט ווי ייִדן. דאָס קאָן מען זען פֿון דעם וואָס אין יענעם יאָר האָבן ניט מער ווי 65.6 פּראָצענט פֿון דער רוסישער גרופּע, 55.5 פּראָצענט פֿון די פּויליש־ריידנדיקע, אַ 55 פּראָצענט פֿון די מאַדיאַרן, אַ העלפֿט פֿון די ליטווינער און נאָר 37.5 פּראָצענט פֿון די טשעכאָסלאָוואַקן געלעבט אין אַזוינע שטעט.[25]

הכלל, די אורבאַניזאַציע און קאָנצענטראַציע פֿון די ייִדישע אימי־גראַנטן איז געווען און פֿאַרבליבן אַנדערש ווי בײַ די אַנדערע פֿעלקער. זיי און זייערע אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער לעבן עד היום בשכנות מיט אַמעריקאַנער און ענגלענדער, פֿראַנצויזן און איטאַליענער; פֿאַרשטייט זיך אויך מיט פּאָליאַקן און אַנדערע סלאַוון. זיי אַרבעטן און האַנדלען מיט זיי. זיי האָבן זיך אָבער ניט באַזעצט דער עיקר אין ערטער, ווו עס זײַנען געווען אימיגראַנטן, מיט וועלכע זיי האָבן דורות לאַנג געהאַט געלעבט בשכנות אין דער אַלטער היים.

לעשטשינסקי אַליין האָט אין אַ פֿריִערדיקער אַרבעט געבראַכט אַ פֿאַקט פֿון דעם מין. אין זײַן „ייִדישע וואַנדערונג״, ז׳ 65, גיט ער אָן, ווו ייִדישע און אַנדערע אימיגראַנטן האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך באַזעצן. 70 פּראָצענט ייִדישע און אַ 19 פּראָצענט פּוילישע און רוסישע אײַנוואַנדע־רערס האָבן אין 1900־1901 געזאָגט, אַז זיי האָבן בדעה צו פֿאַרבלײַבן אין דעם שטאַט ניו־יאָרק. צי באַווײַזט עס ניט, אַז ייִדן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אַנדערע מקומות ווי די סלאַוון? עס איז במילא אַ ספֿק, צי אַ גרויסער פּראָצענט פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן האָט גאָר געוואָלט צי געקאָנט מאַכן אַ לעבן פֿון די פּאָליאַקן, רוסן און אַנדערע מיזרח־אייראָפּעער. ייִדן האָבן געאַרבעט און אַרבעטן פֿאַר דעם אַמעריקאַנער מאַרק, און ניט בלויז פֿאַר געוויסע עטנישע גרופּעס.

מע דאַרף אויך האָבן אין זינען, אין פֿאַרבינדונג מיט דעם, דאָס וואָס מען רופֿט עקאָלאָגיע: דאָס געבײַ און דעם פּלאַן פֿון דער אַמעריקאַנער שטאָט. מענטשן עפּענען געשעפֿטן ניט אין פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען, נאָר אין געשעפֿטטיילן — („שאַפּינג דיסטריקט״ בלע״ז), אין געגנטן און גאַסן וואָס זײַנען האַנדל־צענטערס און דורכפֿאָרן. דאָרטן קומען קויפֿן יענקיס

25. U. S. Census Bureau, *Abstract of the 15th Census,* pp. 158-159.

און גרינע, ווײַסע און שוואַרצע, יונגע און אַלטע. די ניו־יאָרקער קאַנעל־סטריט למשל איז יאָרן לאַנג געווען אַ צענטער פֿון מענער־בגדים, און אויף דיוויזשן־סטריט האָט מען געקאָנט קריגן כּל־המיני פֿרויען־מאַנטלען און קליידער. ניו־יאָרקער ייִדן האָבן געעפֿנט געשעפֿטן אויף דילענסי־סטריט, קלינטאָן־סטריט, פּיטקין־עוועניו, פֿינפֿטע עוועניו, בראָדוויי, פֿאָרדהעם ראָוד און אין אַנדערע געגנטן וואָס זײַנען צענטערס, און זייערע קליענטן זײַנען געווען פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, ראַסעס, סאָציאַלע קלאַסן און טיילן פֿון שטאָט. ניו־יאָרק איז אין דעם פּרט ניט קיין יוצא־מן־הכּלל. שיקאַגע, באָסטאָן, פֿילאַדעלפֿיע, קליוולענד און אַ סך אַנדערע שטעט האָבן אַזוינע האַנדל־צענטערס.

און צי האָבן ניט די אַריבערגעקומענע ניט־ייִדן געביטן זייערע מלאָכות? אַ 16 פּראָצענט פֿון אַלע ניו־יאָרקער און אַ 17 פּראָצענט פֿון אַלע שיקאַגער „האָקסטערז ענד פּעדלערז״ למשל זײַנען אין יאָר 1900 געווען איטאַליענער. הכּלל, די עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון די אימיגראַנטן איז געווען און איז פֿאַרבליבן אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים. דאָס קאָן מען זען פֿון דעם וואָס אַ 85 פּראָצענט פֿון די אַריבערגעקומענע ליטווינער, 84 פּראָצענט פֿון די היגע פּויליש־ריידנדיקע און 82 פּראָצענט פֿון די אוקראַיִנער האָבן אין יאָר 1930 געלעבט אין ערטער מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 2,500 און מער. וויפֿל פּאָליאַקן, אוקראַיִנער און ליטווינער האָבן געלעבט אין אַזוינע ייִשובֿים אין דער אַלטער היים? אויך זיי האָבן זיך דאָ אורבאַניזירט און במילא זיך גענומען צו נײַע מלאָכות.

ה) די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון די אַריבערגעקומענע

כּדי אונדז צו געבן אַ השׂגה וועגן דעם חילוק צווישן דער סאָציאַלער סטרוקטור, פֿאַרגלײַכט לעשטשינסקי די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון עט־לעכע אימיגראַנטן־גרופּעס וואָס האָבן געלעבט אין באָסטאָן אין יאָר 1900.

פֿאַר וואָס האָט ער אויסגעקליבן דווקא באָסטאָן פֿאַר אַ דוגמא? וווּ איז די ראָיה, אַז די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון די אימיגראַנטן אין באָסטאָן איז טיפּיש? דער אמת איז, אַז די סטרוקטור פֿון די אימיגראַנטן אין ניו־יאָרק, שיקאַגע, פֿילאַדעלפֿיע און אין אַנדערע שטעט איז געווען אַנדערש ווי אין באָסטאָן. דאָס אַלץ קענען, מיר דערגיין פֿון דעם צענזוס־רעפּאָרט.

אַ מוסטער, ווייסן מיר, ווערט באַנוצט נאָר בשעת הדחק. אַז מע קאָן ניט אויספֿאָרשן די גאַנצע באַפֿעלקערונג, פֿאָרשט מען אויס אַ געוויסן פּראָצענט. אין דעם פֿאַל אָבער ווייסן מיר פֿון צענזוס־רעפּאָרט די באַ־שעפֿטיקונגען פֿון אַלע אַריבערגעקומענע אין 1900. ווען מען זאָל זיך באַנוצן מיט די פֿאַקטן וועגן דער פּראָפֿעסיאָנעלער גלידערונג פֿון אַלע וואָס האָבן געשטאַמט פֿון ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, פּוילן, רוסלאַנד און איטאַליע

אַנשטאָט נאָר וועגן די וואָס זײַנען געווען אין באָסטאָן, וואָלטן די רע־זולטאַטן געווען אַ רעכט ביסל אַנדערש.

אויך איז קשה, פֿאַר וואָס לעשטשינסקי האָט קאָמבינירט די רוסן און פּאַליאַקן און פֿאַררעכנט זיי פֿאַר ייִדן. עס איז אַ פֿראַגע, ווי מיר האָבן שוין פֿריִער געזען, צי אַלע וואָס האָבן געשטאַמט פֿון פּוילן קאָנען באמת באַטראַכט ווערן פֿאַר ייִדן. מיר זײַנען ניט זיכער, מיט אַנדערע ווערטער, אַז מיר האָבן דאָ צוויי האָמאָגענע גרופּעס. אַ זײַטיקע אָנצוהערעניש האָבן מיר אין דעם וואָס ניט מער ווי 49.6 פּראָצענט פֿון די אַריבערגעקומענע פֿון פּוילן לגבי 53.8 פּראָצענט פֿון די וואָס האָבן געשטאַמט פֿון רוסלאַנד זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אין אינדוסטריע; דער פּראָצענט פֿון די וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט שטוביקער באַדינונג איז געווען 6.5 אין פֿאַל פֿון די „רוסן" און 8.8 אין פֿאַל פֿון די „פּאַליאַקן". עס איז במילא קלאָר, אַז עס איז געווען אַ געוויסער חילוק אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער גלידערונג פֿון די צוויי גרופּעס, און דעריבער וואָלט אפֿשר בעסער געווען ניט צו קאָמבי־נירן זיי.

אין דעם צענזוס־רעפּאָרט זײַנען די וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט מיסחר אָדער מיט טראַנספּאָרט גרופּירט צוזאַמען. לעשטשינסקי האָט זיי אָבער אָפּגעטיילט אין צוויי באַזונדערע גרופּעס. שטעלט זיך די פֿראַגע: צי זײַנען פֿורמאַנעס, באַן־ און טראַמווײַ־אַרבעטערס און מאַטראָסן ניט קיין טראַנספּאָרט־אַרבעטערס? און צי קאָן מען באַטראַכטן טעלעפֿאָן־ און טע־לעגראַף־אַרבעטערס פֿאַר הענדלערס? די פֿראַגע ווערט דאָ אויפֿגעהויבן מחמת דעם וואָס לויט לעשטשינסקין קומט אויס, אַז ניט מער ווי 582 פֿון די בריטישע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט טראַנספּאָרטירן מענטשן און סחורות (ז' 197), בעת 454 פֿון זיי זײַנען געווען, לויט דעם צענזוס־רעפּאָרט, פֿור־מאַנעס, 339 באַן־ און טראַמווײַ־אַרבעטערס, 66 האָבן געאַרבעט אויף שיפֿן און 41 זײַנען געווען טעלעפֿאָן־ און טעלעגראַף־אַרבעטערס.[26] דאָס מיינט בעצם, אַז לכל־הפּחות 900 און ניט 582 (אַ חילוק פֿון 318) זײַנען געווען טראַנספּאָרט־ און קאָמוניקאַציע־אַרבעטערס. לעשטשינסקי גיט אָן, אַז ניט מער ווי 255 פֿון די דײַטשן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט טראַנספּאָרט, בעת אין דעם דערמאָנטן רעפּאָרט שטייט, אַז 337 פֿון זיי זײַנען געווען פֿורמאַנעס. זײַנען געווען הייסט עס מיט 82 מער פֿורמאַנעס ווי די גאַנצע צאָל טראַנס־פּאָרט־אַרבעטערס וואָס ער גיט אָן, שוין ניט רעכענענדיק די דײַטשן וואָס האָבן געאַרבעט אויף שיפֿן, טראַמווײַען און באַנען. בײַ אַן אַנדער קלאַסי־פֿיקאַציע וואָלט דער פּראָצענט ייִדן, ענגלענדער און דײַטשן וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט מיסחר במילא געווען קלענער.

דער וווּקס פֿון דער צאָל פּראָפֿעסיאָנאַלן איז אפֿשר גאָר ניט אַזוי גרויס ווי לעשטשינסקי שטעלט פֿאָר. עס קאָן גאָר קיין ספֿק ניט זײַן, אַז אַ

26. U. S. Census Bureau, *Special Reports, Occupations,* 1900, pp. 494-499.

גרעסערער פּראָצענט פֿון דער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג זײַנען איצט פּראָפֿעסיאָנאַלן איידער מיט אַ 60־50 יאָר צוריק. מען דאַרף אָבער גע־דענקען, אַז פֿון צײַט צו צײַט ווערן געמאַכט געוויסע שינויים אין דער קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די באַשעפֿטיקונגען אין צענזוס, און במילא קאָן מען ניט סתּם פֿאַרגלײַכן די עקאָנאָמישע גלידערונג פֿון צוויי פּעריאָדן. אין יאָר 1870 למשל האָט דאָס צענזוס־ביוראָ אײַנגעטיילט אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע נאָר אין פֿיר גרופּעס, און אין יאָר 1930 — אין צען. בעת דעם צענזוס פֿון 1920 זײַנען בעלי־הבתּים פֿון ביליאַרד־ און טאַנץ־זאַלן וכדומה קלאַסיפֿיצירט געוואָרן אונטער דער רובריק „שטוביקע און פּערזענלעכע באַדינונג", און אין 1930 האָט מען זיי געמאַכט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנאַלן (אין 1930 זײַנען געווען אַ 29,000 אַזוינע בעלי־הבתּים). ווײַטער, טעאַטער־„אָשערס", מענטשן וואָס אַרבעטן אין ביליאַרדהײַזער און אַזוינע וואָס העלפֿן אַרויס און אַרבעטן פֿאַר פּראָפֿעסיאָנאַלן, אַרום און אַרום אַ 170,000 אַזוינע אָנגעשטעלטע, זײַנען אין 1930 אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער גרופּע „פּראָ־פֿעסיאָנאַלן", אָבער ניט אין 1920 און 1910.

לעשטשינסקי קומט צום באַשלוס, אַז „בעת די גאַנצע עקאָנאָמיש אַק־טיווע באַפֿעלקערונג האָט זיך ווינציקער ווי פֿאַרפֿירפֿאַכט און די אַגראַרע באַפֿעלקערונג האָט זיך אַפֿילו ווינציקער ווי פֿאַרטאָפּלט, האָט זיך די צאָל באַשעפֿטיקטע אין פֿרײַע פּראָפֿעסיעס כּמעט פֿאַרנײַנפֿאַכט" אין די יאָרן פֿון 1870 ביז 1930 (ז' 195). אין יאָר 1930 זײַנען ניט מער ווי 6.7 פּראָ־צענט פֿון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע געווען באַשעפֿטיקט אין פֿרײַע פּראָ־פֿעסיעס און אין 1870 אַ 3 פּראָצענט. צי האָט זיך די רעלאַטיווע צאָל באמת „כּמעט פֿאַרנײַנפֿאַכט"? און דערצו דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן די שינויים וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אין דער קלאַסיפֿיקאַציע און גרופּירונג פֿון באַשעפֿטיקונגען.

לעשטשינסקי רעדט וועגן דעם קאָלאָסאַלן צוואַקס וואָס איז פֿאַרגעקו־מען אין אַמעריקע „גראָד בײַ די פּראָפֿעסיעס, אין וועלכע ייִדן האָבן הונ־דערטיאָריקע טראַדיציעס", און ער דריקט זיך אויס, אַז לערערײַ איז אַ פּראָ־פֿעסיע, אין וועלכער אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען „גוט פֿאַרטראָטן" (ז' 195). וויפֿל ייִדישע דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן און אַנדערע פּראָפֿעסיאָ־נאַלן זײַנען געווען אין אייראָפּע אין 17טן און אַפֿילו אין 18טן יאָרהונ־דערט? צי קאָן מען באמת זאָגן, אַז ייִדן האָבן „הונדערטיאָריקע טראַדי־ציעס" אין פֿרײַע פּראָפֿעסיעס? וואָס שייך לערערײַ, האָט לעשטשינסקי משמעות אין זינען נאָר ניו־יאָרק. די צאָל ייִדן צווישן דעם מיליאָן צי מער אַמעריקאַנער לערערס מחוץ ניו־יאָרק איז אַ קליינע.[27]

27. איך וויל נאָך אָנצייכענען אַ קליינעם טעות וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין לעשטשינסקיס אַרטיקל ז' 207. אורבאַנאַ, דאָס שטעטל וואָס מאַנדלבוים באַ־האַנדלט, איז ניט די שטאָט אין שטאַט אילינאָי. דער מחבר אַליין באַמערקט אין זײַן אַרטיקל, אַז אורבאַנאַ איז מער ניט ווי אַן אויסגעטראַכטער נאָמען.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס

די יסודות פֿון קומענדיקן שלום

Commission to Study the Organization of Peace. "Preliminary Reports and Monographs." *International Conciliation,* April, 1941, No. 369. Pp. 193-531. Carnegie Endowment for International Peace, New York City.

די סעריע „אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרשטענדיקונג", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דער קאַרנעגי־דאָטאַציע פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלן שלום, איז אויסן צו קאָנצענטרירן אין איין אָרט דאָקומענטן, רעדעס, פּראָיעקטן אאַז"וו וואָס האָבן אַ שייַכות צו פֿאַרשטענדיקונג צווישן לענדער און פֿעלקער. די איצטיקע פּובליקאַציע איז צוגעגרייט געוואָרן פֿון דער „קאָמיסיע צו שטודירן די אָרגאַניזאַציע פֿון שלום", וואָס איז אָוועקגעזעצט געוואָרן דורך דער קאַרנעגי־דאָטאַציע תּיכּף נאָכן אויסבראָך פֿון דער מלחמה; איר פֿאָרזיצער איז פּראָפֿ' דזשיימס ט. שאַטוועל. אין די אַרטיקלען וואָס זײַנען אַרײַנגענומען אין דעם בוך רעדט זיך וועגן די יסודות פֿון דער קומעדיקער וועלט־אָרדענונג. דער געדאַנק איז משפּיע צו זײַן אויף דער עפֿנטלעכקייט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און „צו באַוואָרענען, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן . . . זאָלן ניט נאָך אַ מאָל אָפּזאָגן זיך פֿון צו שפּילן זייער ראָלע בײַ יעדער געלעגנהייט וואָס וועט זיך מאַכן אויף צו אָרגאַניזירן אַ דויערדיקן שלום".

פֿון דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, מיט וועלכער דאָס בוך הייבט זיך אָן, נעמען מיר אַרויס די וויַיטערדיקע פּונקטן, ווי ווײַט מיגלעך איבערגעזעצט וואָרט בײַ וואָרט:

. . . ווי אַזוי די איצטיקע מלחמה זאָל זיך ניט ענדיקן, לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל, אַז ס'וועלן איבער אַ נײַיס זײַן אין אייראָפּע זיבן און צוואַנציק אומאָפּהענגיקע מלוכה־סוווערעניטעטן, וואָס יעדערע פֿון זיי זאָל האָבן דאָס רעכט צו פֿירן מלחמה, אַרומצוריינגלען זיך מיט אָפּצאָל־מויערן און אָנצוהאַלטן אַ וואַלוטע פֿאַר זיך. פֿון דעסט וועגן מוזן מיר ווײַטער אָננעמען, אַז די נאַציע־מלוכה איז דער איינס פֿון דער וועלט־געזעלשאַפֿט. יעטווידער פֿעדעראַציע פֿון אַזוינע מלוכות מוז זײַן בייגעוודיק און פֿעיִק צוצופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען וואָס האַלטן זיך אין אײַן בײַטן . . . פּונקט ווי אַ בירגער־קיבוץ גיט דעם יחיד אַ זיכערקייט אין זײַנע רעכט, אַ רײַכקייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און אַן עקאָנאָמישן עודף, אין וועלכן

ער האָט אַ חלק, וואָס דאָס איז מער ווי אַ קאָמפּענסאַציע פֿאַר דער פֿרײַהייט, אויף וועלכער ער איז מוותּר, אַזוי מוז יעטווידער קומעדיקע פֿעדעראַציע פֿון נאַציעס געבן אירע איינסן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע זיכערקייט, קולטורעלע באַציִונגען און דעם שאַנס אויף אַ הויכן לעבנס־ניוואָ, וואָס דאָס זאָל מער ווי קאָמפּענסירן פֿאַר דער סוּווערעניטעט, אויף וועלכער מען וועט מוותּר זײַן.

באַגרענעצונגען פֿון סוּווערעניטעט: נאַציעס מוזן זיך אָפּזאָגן פֿון דער פּרעטענזיע, אַז זיי זײַנען דער פּוסק־אַחרון אין זייערע סיכסוכים מיט אַנדערע נאַציעס, און זיי מוזן זיך אונטערגעבן אונטער דער יוריסדיקציע פֿון אינטערנאַציאָנאַלע טריבונאַלן . . . נאַציעס מוזן זיך אָפּזאָגן צו ניצן כּוח אין באַציִונגען מיט אַנדערע פֿעלקער . . . אויפֿן רעכט אויפֿצוהאַלטן אַגרעסיווע באַוואָפֿענונגען מוזן די נאַציעס מוותּר זײַן פֿאַר אַ פֿאַרזיכערונג פֿון זיכערקייט פֿאַר אַלעמען . . . נאַציעס מוזן אָננעמען געוויסע מענטשלעכע און קולטורעלע רעכט אין זייערע קאָנסטיטוציעס און אין אינטערנאַציאָנאַלע דורכקומען[1] . . . נאַציעס מוזן אָנערקענען, אַז זייער רעכט צו רעגולירן עקאָנאָמישע טעטיקייטן איז ניט אומבאַגרענעצט . . .

נײַע אינסטיטוציעס: אַזאַ מין מוותּר זײַן אויף סוּווערעניטעט פֿאַר דער טובֿה פֿון כּלל וועט פֿאָדערן נײַע אינסטיטוציעס, אַלוועלטלעכע און רעגיאָנאַלע, דורכצופֿירן די טעטיקייטן, וואָס קענען ניט איבערגעלאָזן ווערן צו יעטווידער מלוכה באַזונדער . . . (א) אַן אינטערנאַציאָנאַלער געריכט מיט אַ יוריסדיקציע וואָס איז ראוי צו באַהאַנדלען אַלע אינטערנאַציאָנאַלע מחלוקתן אויפֿן באַזיס פֿון רעכט. (ב) אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ־געבערישע קערפּערשאַפֿטן צו פֿאַרריכטן חסרונות אין עקסיסטירנדיקן רעכט און צו מאַכן נײַ רעכט ווען נאָך דער טעכנישער פּראָגרעס פֿאַרלאַנגט צופּאַסונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראַקטיק. (ג) געהעריקע פּאָליציי־כּוחות, אַלוועלטלעכע אָדער רעגיאָנאַלע, און אַלוועלטלעכע עקאָנאָמישע סאַנקציעס, ניט צו דערלאָזן צו קיין אַגרעסיע און צו שטיצן די אינטערנאַציאָנאַלע דורכקומען. (ד) אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַשינעריע מיטן אויטאָריטעט צו רעגולירן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניקאַציע, טראַנספּאָרט, האַנדל, געזונט, דערנערונג, אַרבעט־באַדינגונגען . . . (ה) געהעריקע מאַכטאָרגאַנען צו פֿאַרוואַלטן הינטערשטעליקע שטחים וואָס ווערן איבערגעענטפֿערט דער וועלט־פֿעדעראַציע . . . עס קענען געמאָלט זײַן רעגיאָנאַלע וואַריאַציעס אין יעטווידער פּראַקטישן פּלאַן פֿון אַ וועלט־געזעלשאַפֿט.

די אַרטיקלען וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט אין זאַמלבוך זײַנען צונויפֿגענומען אין צוויי אָפּטיילונגען. די ערשטע רופֿט זיך: די פּראָבלעם וואָס שטייט פֿאַר אונדז און גיט סך־הכּלען פֿון דעם וואָס ס׳איז געווען: מלחמה ווי

---

1. covenants.

אַן אינסטרומענט פֿון פּאָליטיק, די שלום־טראַקטאַטן, אָפּוואָפּענונג, די פֿעל־קער־ליגע, דער האַגער טריבונאַל פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט, די פּאַן־אַמעריקאַנער סיסטעם אאַז״וו. די צווייטע אָפּטיילונג, די אָרגאַניזאַציע פֿון שלום, רעדט וועגן עקאָנאָמישן יושר צווישן נאַציעס, וועגן אַן אינטער־נאַציאָנאַלער פֿינאַנץ־אָרגאַניזאַציע, וועגן באַפֿעלקערונג־פֿאַקטאָרן אין שײַכות מיט שלום, וועגן דורכפֿירן דעם שלום אאַז״וו. כּמעט אין יעדער אַרטיקל געפֿינען מיר אינטערעסאַנטע פֿאַקטן און געדאַנקען, און אַלץ איז דערלאַנגט אויף אַ קלאָרן אופֿן, אָן איבעריקער הכבדה פֿון ספּעציאַליסטישע טער־מינען.

דעם ענין וואַנדערונגען נאָך דער מלחמה רירן אָן צוויי מחברים, יודזשין סטיילי און פֿראַנק לאָרימער. ביידע האַלטן, אַז די צײַט פֿון גאָר גרויסע איבערוואַנדערונגען איז פֿאַרבײַ, מחמת „עס איז אַ סבֿרא, אַז . . . אַ צופֿרידנשטעליקע וואַנדערונג, סײַדן ווען יחידים ווערן אַרײַנגעזאַפּט אין דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פֿון שטחים וואָס זײַנען שוין פֿאַרנומען, וואָלט געפֿאָדערט צו אינוועסטירן גרויסע סומעס אויף צו באַזעצן לפּי־ערך אַ קליינע צאָל מענטשן״.

די נאַציאָנאַלע פֿראַגע ווערט אָנגערירט אין עטלעכע אַרטיקלען, נאָר עס זעט זיך ניט — און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש — אַז די קערפֿערשאַפֿט וואָס האָט צוגעגרייט דאָס בוך זאָל שפּירן די גאַנצע וואָג פֿון דער פּראָבלעם. אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע וואָס מיר האָבן איבערגעגעבן רעדט זיך וועגן דעם, אַז נאַציעס (=מלוכות) וועלן דאַרפֿן אַרײַנשרײַבן אין זייערע קאָנסטיטוציעס און אין אינטערנאַציאָנאַלע דורכקומען „געוויסע מענטשלעכע און קולטורעלע רעכט״; געמיינט זײַנען משמעות רעכט פֿאַר מיעוטים, נאָר דאָס איז ניט געזאָגט בפֿירוש; און ווער עס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער טעאָריע און מיט דער פּראַקטיק פֿון די מיעוטים־טראַקטאַטן פֿון 1919 ווייס דאָך, אַז זייער אומבאַשטימטקייט און זייער ניט־דעררעדן איז געווען איינע פֿון די סיבות פֿון זייער שוואַכקייט. דער גאַנצער צווייטער אָפּטייל פֿון זאַמלבוך פּרוּווט אָנטאַפּן די סיסטעם פֿון דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט און גייט טייל מאָל אַרײַן אין דעטאַלן, אָבער אַלץ וועגן לענדער, ניט וועגן פֿעלקער. קיין פֿראַגע פֿון מיעוטים, וואָס זי רירט דאָך אָן צענדלינגער מי־ליאָנען מענטשן אין אייראָפּע און אַנדערש וווּ, זעט זיך גאָרניט. מיט קאַטהרין פּ. לענרוט שטעלט אַפֿילו אויס אַ גאַנצן „ביל פֿון רעכט״ אויף לעתיד־לבֿוא, אָבער הגם זי רופֿט עס „ביל פֿון רעכט פֿאַר דער מענטש־הייט״, טראַכט זי נאָר וועגן יחידים, ניט וועגן קיבוצים, און אַ שטייגער דאָס פֿרײַע רעכט צו ניצן די אייגענע שפּראַך איז איר גאָרניט געקומען אויפֿן זינען. וואָס שייך דעם עבֿר רעדט קאַרלטאָן דזש. ה. הייז אין זײַן אַרטיקל „נאַציאָנאַליזם״ אויך נאָר וועגן „סעפּאַראַטע מלוכות פֿאַר יעטווי־דער פֿאָלק מיט אַ באַזונדער לשון און טראַדיציע״. דאָס אַרטיקל ברענגט אַ סך אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן דער סתירה צווישן נאַציאָנאַליסטישע

און אימפּעריאַליסטישע טענדענצן, אָבער אין גרונט מאַכט דער מחבר דאָ ניט קיין אונטערשייד צווישן דער נאַציאָנאַליסטישער אַגרעסיווקייט פֿון היטלער־דײַטשלאַנד און דעם קאַמף, לאָמיר זאָגן, פֿון די לוזשיצער סאָרבן אין דײַטשלאַנד פֿאַר זייער עצם־נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ.

מערניט איין אַרטיקל, 8 זײַטלעך די גרייס אין אַ בוך פֿון 339 זײַטלעך, איז אָפּגעגעבן דער „באַהאַנדלונג פֿון די מיעוטים" צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. דער מחבר איז אָסקאַר דזש. יאַנאָווסקי. ער פּרעזענטירט די פֿאַקטן על רגל אחת און פּרוּווט אָנווײַזן, אין וואָס עס האָבן געשטעקט די דעפֿעקטן אין דער מיעוטים־פּראָצעדור פֿון דער פֿעלקער־ליגע. שליחים פֿון דער ליגע האָבן געדאַרפֿט מאַכן פּעריאָדישע וויזיטן אין די איינציקע לענדער און אויסגלײַכן חילוקי־דעות איידער זיי וואַקסן זיך פֿונאַנדער אין פֿאָרמאַלע קאָנפֿליקטן; די פֿעלקער־ליגע אין צענטער האָט געדאַרפֿט האָבן אַ שטענדיקע מיעוטים־קאָמיסיע, אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ מאַנדאַטן־קאָמיסיע. אָבער דער מחבר באַהאַלט ניט, אַז די צרה איז געלעגן טיפֿער, ניט נאָר אין דעפֿעקטן פֿון דער יורידישער פּראָצעדור. וואָס זשע טוט מען, ווי באַלד די פּראָבלעם גופֿא איז דאָך אַ רעאַלע? ענטפֿערט דערויף יאַנאָווסקי, אַז „דאָס אַרטיקל גיט זיך אָפּ מיט דער פּראָבלעם פֿון מיעוטים, ניט מיט פֿאַרענטפֿערן זי. נאָר אַ צופֿרידנשטעליקע פֿאַרענטפֿערונג מוז געפֿונען ווערן, אויב די טעותן פֿון עבֿר זאָלן ניט איבערגעחזרט ווערן".

אַזאַ מין תּיקו קען גילטן פֿאַר אַ מחבר, אָבער ער איז קיין תּירוץ ניט פֿאַר די קיבוצים גופֿא וואָס זײַנען פֿאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די טעותן פֿון עבֿר זאָלן זיך ניט איבערחזרן; און מער ווי אַלץ זײַנען דערין פֿאַראינטערעסירט מיר ייִדן, וואָרעם קיינער האַלט דאָך ניט, אַז אַ טעריטאָריאַלע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע (אַפֿילו ווען זי זאָל יאָ געפֿונען ווערן) קען אַרומנעמען די מערהייט ייִדן אין די קריג־פֿאַרגאָסענע לענדער. אונדזערע טעאָרעטיקערס דאַרפֿן זײַן בכּוח אויפֿן סמך פֿון דער פֿאַרגאַנגענער פּראַקטיק פֿאָרצולייגן אַ סיסטעם וואָס זאָל צוזאָגן בעסערע רעזולטאַטן, און מיר דאַרפֿן אויך איבערצײַגן די ברייטע עפֿנטלעכע מיינונג, אַז די פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע מיעוטים האָט אַ גרעסערע וואָג בײַם סטאַביליזירן די וועלט איידער אין דער פּראָפּאָרציע פֿון 8 צו 339.

ג. ז.

פּראָבלעמען פֿון מעדיצין, היגיענע, אַנטראָפּאָלאָגיע

Raphael Isaacs, "The So-Called Jewish Type." In: *Medical Leaves,* 3:1940, 119-122.

דער שרײַבער דיסקוטירט די פֿראַגע, צי ס'איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער ייִדישער טיפּ. ער ברענגט פֿאַרשיידענע ראיות פֿון געוויסע פֿאָרשערס ווענן

דער אומבאַשטימטקייט פֿון אָנגענומענע נאָרמעס און ווײַזט אָן אויף דער ראָלע וואָס סבֿיבֿה, דיעטע און קלימאַט שפּילן אין דעם געבוי פֿון קערפּער. דעם קורצן אָבער אינפֿאָרמירנדיקן אַרטיקל ענדיקט ער מיט אַזאַ פּאַראַגראַף: „און אַזוי זעען מיר, אַז עס זײַנען ניט פֿאַראַן קיין אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטישע סימנים פֿאַר ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. אונטער די איצטיקע אומשטאַנדן איז אוממיגלעך צו פֿאָרמולירן אַ ‚ייִדישן טיפּ'. ס'איז אָבער יאָ מיגלעך, אַז אויב ייִדן זאָלן וווינען עטלעכע דורות אין ארץ־ישׂראל, וואָלט זיך יאָ אַנטוויקלט אַזאַ באַשטימטער טיפּ צוליב דער סטאַביליזירונג פֿון קלימאַט, שפּײַז, מינהגים און פֿאַמיליע־מאַטעריאַל."

Max Danzis, "Jewish Hospitals and Facilities for Graduate Training." In: *Medical Leaves,* 3:1940, 65-74.

דער אַרטיקל איז זייער אינטערעסאַנט. ער באַטאָנט די אַלט אָנגעווייטיקטע פֿראַגע פֿון ייִדן אין מעדיצין. ער שטרײַכט אונטער, אַז אַפֿילו אין די פֿריסטע צײַטן, אין דער אַזוי גערופֿענער גאָלדענער צײַט פֿון אַראַבישער מעדיצין, האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע סימנים פֿון אַ ייִדישער מעדיצינישער פּראָבלעם: „עס איז ניט באַשערט געווען דער ייִדישער מעדיצינישער אַנטוויקלונג אַפֿילו אין יענעם פֿריִען פּעריאָד ניט צו האָבן קיין שוועריקייטן. תּחילת זײַנען ייִדן געווען אָנגעלייגט, ווײַל זיי זײַנען געווען נוציק ווי איבערזעצערס און פּראָפֿעסאָרן אין דער צײַט ווען די נײַע מעדיצינישע שולן זײַנען געגרינדעט געוואָרן: אויך זײַנען זיי אָנגעלייגט ווי פּראַקטיקירנדיקע דאָקטוירים דורך דער צײַט פֿון דער אַראַבישער וואַנדערונג, אָבער ווי נאָר זייער אײַנפֿלוס האָט זיך געלאָזט צו שטאַרק פֿילן, האָט מען גלײַך גענומען שריט זיי צו באַגרענעצן". דער איצטיקער צושטאַנד פֿון די דײַטשיש־ייִדישע דאָקטוירים איז „נאָך אַ טראַגישער בײַשפּיל פֿון דער אומגערעכטער און אוממענטשלעכער באַהאַנדלונג פֿונעם ייִדישן דאָקטאָר, ווען זײַן פּראָפֿעסיאָנעלע באַדײַטונג און נוצלעכקייט שטײַגט זייער הויך". ווײַטער ווײַזט דער מחבר אָן די שוועריקייטן וואָס דער ייִדישער יונגער־מאַן אין אַמעריקע טרעפֿט אָן, אויב ער וויל זיך דערשלאָגן אין אַ מעדיצינישער שול, און וואָס פֿאַר אַ תּחבולות עס ווערן באַנוצט אים ניט אַרײַנצולאָזן אין מעדיצינישן פֿאַקולטעט.

נאָך דעם ווי ער רעדט אַרום בפּרטיות די אויסבעסערונגען אין לימוד פֿון מעדיצין אין די לעצטע דרײַסיק יאָר, קומט ער צום וויכטיקסטן טייל פֿון זײַן אַרטיקל: די שוועריקייטן וואָס ייִדן האָבן בײַם ספּעציאַליזירן זיך. ד"ר דאַנציסעס עצה איז, אַז כּדי איבערצוקומען די שוועריקייטן זאָלן זיך ייִדישע שפּיטאָלן אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט רעאָרגאַניזירן: יעמאָלט וועלן זיי קענען אַנטוויקלען מעדיצינישע ספּעציאַליסטן לויט די פֿאָראָרדערונגען פֿון די ספּעציאַליטעט־קאָמיסיעס.

די ציפֿער פֿון ייִדישע שפּיטאָלן אין אַמעריקע זײַנען אינטערעסאַנט. אין גאַנצן זײַנען פֿאַראַן 36 ייִדישע שפּיטאָלן וועלכע פֿאָלגן אויס די סטאַנדאַרדן פֿון דער אַמעריקאַנער כירורגישער געזעלשאַפֿט (די אַמעריקאַ־נער כירורגישע געזעלשאַפֿט איז די אָרגאַניזאַציע וואָס גיט השגחה אויף שפּיטאָלן און באַשטימט זייערע גראַדן), אָבער בלויז זעקס פֿון זיי זײַנען באַרעכטיקט צו לערנען גראַדויִרטע דאָקטוירים וואָס ווילן זיך ספּעציאַלי־זירן. לעת־עתּה האָבן די זעקס שפּיטאָלן פּלאַץ פֿאַר בלויז 41 קאַנדידאַטן, אין דער צײַט וואָס אַלע יאָר גראַדויִרן אָבער אַן ערך 700 ייִדישע דאָקטוי־רים און ס'לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז אַ פֿיל גרעסערע צאָל וועט זיך וועלן ספּעציאַליזירן. דער אַרטיקל לאָזט זיך אויס מיט אַ דרינגלעכן רוף: „די צײַט פֿאַר באַלדיקער אַקציע איז געקומען. ייִדישע שפּיטאָלן וועלכע האָבן נאָך ניט געקראָגן די הסכּמה צו לערנען גראַדויִרטע דאָקטוירים מוזן דאָס נעמען אין אַכט און באַלד עפּעס טאָן וועגן דעם".

Louis Zisserman, "Diabetes Mellitus: A Survey of 155 Deaths in Diabetic Patients." In: *The Journal of Clinical Endocrinology,* I, No. 4, April 1941, 314-315.

דער מחבר באַהאַנדלט זײַנע פּאַציענטן אין ייִדישן שפּיטאָל אין פֿילאַ־דעלפֿיע. ער האָט געמאַכט אַ שטודיע פֿון 155 דיאַבעטיקערס, פֿון וועלכע 91 זײַנען געווען ייִדן, און האָט געפֿונען אַז ערך די זעלבע פּראָפּאָרציע פֿון ייִדן צו ניט־ייִדן ווי אין אַנדערע קראַנקייטן. די פּראָפּאָרציע פֿון ייִדישע דיאַבעטיקערס, וואָס זײַנען געשטאָרבן, צו ניט־ייִדישע איז געווען 1.42 צו 1, בעת אין דער אַלגעמיינער מעדיצינישער אָפּטיילונג אין זעלביקן שפּיטאָל איז די צאָל געווען 1.47 ייִדן צו 1 ניט־ייִדן.

ד"ר זיסערמאַנס רעזולטאַטן גייען זיך פֿונאַנדער כּמעט מיט יעדער אויטאָריטעט אין דעם פֿעלד. דער מחבר אַליין ציטירט למשל די ציפֿער פֿון זשאָסלין, דובלין און מאַרק: זייער צאָל פֿון דיאַבעטישע ייִדן־מאַנסבילן וואָס זײַנען געשטאָרבן איז געווען 14.2 פּראָצענט און פֿון ייִדישע פֿרויען 18.9 פּראָצענט, בעת די פּראָפּאָרציע פֿון ייִדן אין דער אַלגעמיינער באַ־פֿעלקערונג איז געווען בלויז 8 פּראָצענט. מיט אַנדערע ווערטער, בײַ זיי איז די צאָל אַזעלכע ייִדישע פּאַציענטן געווען כּמעט 2 צו 1. ס'איז מיגלעך, אַז אונדזער אויטאָרס ציפֿער זײַנען מער פֿאַרלאָזלעך, ווײַל זיי זײַנען זיך סומך אויף פּאַציענטן אין איין אינסטיטוציע נאָר, דער פֿאַקט איז, אַז די אַלגעמיינע מיינונג, געבויט אויף אַ סך שטודיעס, שטימט מיט זשאָסלינען און זײַנע מיטאַרבעטערס. ס'פֿאָדערט זיך דעריבער אַ פֿיל גרעסערע צאָל פּאַציענטן אויך פֿון אַנדערע מעדיצינישע צענטערס, איידער די אַלגעמיין אָנגענומענע טעאָריע וועט זיך קענען רעכענען פֿאַר אָפּגעפֿרעגט.

A. Rest, "Tuberculosis in the Jewish Diabetic. (From the Medical Department of the Sanitarium of the Jewish Consumptives' Relief Society, Spivak, Colo.)." In: *The American Review of Tuberculosis.* XLIII, March 1941, 344-356.

ד"ר רעסט איז באַשעפטיקט אין דער מעדיצינישער אָפּטיילונג פונעם באַרימטן דענווערער סאַניטאַריום, און ס'איז גאַנץ נאַטירליך, אַז מיר דאַרפן זיך צוהערן צו אַלץ וואָס קומט פון דאָרטן בנוגע דער פראַגע פון טובער־קולאָז ביי ייִדן.

ס'איז אַ באַוווּסטער פאַקט, זאָגט דער מחבר, אַז טובערקולאָז צווישן ייִדן איז פאַרשפּרייט אַ סך ווייניקער. פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר, אַז צוקערקראַנקייט איז פיל מער פאַרשפּרייט צווישן ייִדן ווי צווישן ניט־ייִדן; אין דער שטאַט ניו־יאָרק אַליין איז די קראַנקייט ביי ייִדן 75 פּראָ־צענט העכער ווי ביי ניט־ייִדן. דאָס גלייכן שטאַרבט אַ פיל העכערע צאָל דיאַבעטיקערס צווישן ייִדן (זע די פריִערדיקע רעצענזיע). ספּעציעל איז די צאָל טויטפאַלן העכער צווישן ייִדישע פרויען־דיאַבעטיקערס.

רעסט האַלט דעריבער, אַז צוקערקראַנקייט בייט די מעטאַבאָלישע גלייכוואָג פון קערפּער און גרייט אים צו פאַר דער אַנטוויקלונג פון נאָכ־פאָלגנדיקער אינפעקציע; און דאָ קען לונגען־טובערקולאָז זיין איינע פון די געפערלעכסטע קראַנקייטן.

דער מחבר פאַררופט זיך אויף ווינער און קאַווי וואָס האָבן איבער־געגעבן, אַז אין מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק זיינען 6.4 פּראָצענט טובערקולאָזע דיאַבעטיקערס־ייִדן — אַ גוואַלדיק הויכער פּראָצענט. ער פּרוּווט דערקלערן דעם דאָזיקן הויכן פּראָצענט מיטן פאַקט, וואָס מערסטע קליניקעס און שפּיטאָלן אין ניו־יאָרק שיקן אַזעלכע פּאַציענטן ווייטער אין דעם מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל אויף באַהאַנדלונג.

פון צווישן די פיל מסקנות צו וועלכע דער אויטאָר קומט, וועל איך בלויז ציטירן דעם איינעם, דהיינו: „דעם ייִדישן טובערקולאָז־דיאַבעטיקער איז אַ סך ערגער ווי דעם טובערקולאָזן וואָס האָט ניט קיין צוקערקראַנקייט". קיין גרויסער חידוש איז דאָס ניט.

Ethel Maslansky, Cultural Factors Influencing the Attitudes of Jewish Mothers Towards Eating Habits." In: *The Medical Woman's Journal,* 48:April, 1941, 113-116.

די שרייבערין — זי רופט זיך אָן אַ היים־עקאָנאָמיסטין און שפּייז־עקספּערטין — דיסקוטירט די פראַגע, וואָס פאַר אַ השפּעה די קולטורעלע פאַקטאָרן האָבן אויף דער ייִדישער מוטערס האַלטונג צום קינדס עסן־גע־וווינטשאַפטן. לכתחילה ווייזט זי אָן, אַז די טענדענץ פון דער ייִדישער מו־טער צו באַטאָנען די וויכטיקייט פון שפּייז בכלל און צו קוקן אויף פעטקייט

און צו פֿיל עסן ווי אויף א צייכן פֿון גוטן געזונט-צושטאנד פֿירט צו געוויסע שוועריקייטן אין דער עסן-סיטואציע.

זי ציטירט אן אינטערעסאנטע שטודיע וועגן דער פֿראגע וואָס איז נע-מאכט געוואָרן פֿון ד"ר האָל.[1] פֿרוי האָל האָט געגעבן א באריכט וועגן 150 קינדער מיט פֿינף פּראָבלעמען בנוגע עסן-געוווינטשאפֿטן. די קינדער זײַנען געווען אין עלטער פֿון צוויי ביז פֿינף יאָר, און זיי האָבן זיך צונויפֿגע-שטעלט פֿון דרײַ נאציאָנאלע גרופּעס, צו 50 קינדער אין יעדער גרופּע — ייִדן, נעגער און פּאָליאַקן.

די ווײַטערדיקע טאבעלע גיט איבער אירע אינטערעסאנטע רעזולטאטן.

	פּראָצענט ייִדן	פּראָצענט פּאָליאַקן	פּראָצענט נעגער
(1) קינדער וואָס מע האָט נאָך באדאַרפֿט קאָרמען	62	28	8
(2) קינדער וואָס האָבן ניט געוואָלט עסן צוויי אָדער מער געריכטן	48	18	16
(3) קינדער וועלכע מע האָט געמוזט אין דער היים צווינגען צו עסן	34	10	16
(4) קינדער וועמען עס האָט ארויפֿגעשלאָגן דאָס עסן	28	4	4
(5) קינדער וואָס האָבן נאָך געזויגן פֿון פֿלעשל	11	0	0
(6) קינדער וואָס האָבן ניט געהאט קיין קאפּריזן בײַם עסן	7	27	35

פֿון דער טאבעלע זעט מען, אז עס איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אז ייִדישע קינדער האָבן זייער פֿיל שוועריקייטן מיטן עסן. ד"ר האָל האלט אויך, אז דאָס עסן האָט א געוויסע חשיבֿות אין דער ייִדישער סבֿיבֿה, און זי ווײַזט אָן, אז כאָטש די ייִדישע מוטער פֿירט דורך אלע אנדערע אינסטרוקציעס זייער גוט, קען זי בשום אופֿן ניט עטאבלירן געזונטע עסן-געוווינטשאפֿטן אין אירע קינדער. זי ציטירט א באמערקונג (אן אָבסערוואציע, מיט וועלכער שלום-עליכם וואָלט זיך ניט געדאַרפֿט שעמען) פֿון א ייִדישער מוטער: „איך וואָלט זיך אליין ארײַנגעלייגט אין דער זופּ, אבי ער זאָל עסן".

נאָך א סיבה פֿאַר די שוועריקייטן, מיינט די שרײַבערין, איז די נטיה פֿון דער ייִדישער מוטער צו אסאָציִירן „בעסטע שפּײַז" מיט „טײַערסטע

[1] Hall, D. E., "Health Habits", *Am. Jour. Orthopsychiatry,* 8; 614, 1938.

שפּײַז"; ווי באַלד אַזוי קומט אויס, אַז בכדי די קינדער זאָלן זײַן געזונט, דאַרף מען קויפן דווקא דאָס טײַערסטע.

די שרײַבערין פּרוּווט אויפקלערן, פון וואַנען אַזאַ השגה נעמט זיך. ערשטנס זײַנען די מערסטע ייִדישע מוטערס אויפגעצויגן געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע, ווו זיי האָבן זיך געהאָדעוועט אין גרויס אָרעמקייט און דחקות און ס'האָט זיי אויסגעפעלט צום עסן. דאָ אין אַמעריקע איז פון אַלעמען דאָ די והותר. האָבן דעריבער די ייִדישע אימיגראַנטן די סאַטיספאַקציע פון פאַרשאַפן זייערע קינדער דאָס וואָס פאַר זיי איז עס געווען אַ לוקסוס. מיר רוכט, אַז די שרײַבערין איז אין גאַנצן גערעכט. אָט דער שטריך מאַניפעסטירט זיך אויך אין אַנדערע אופנים. ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט דער שרײַבער פון די שורות געהאַט אַ פּאַציענטין, אַ יונגע איטאַליע־נערין, אַן אַמעריקאַנער געבוירן מיידל וועלכע האָט געליטן פון אַ שווערן פּסיכאָנעוראָז. נאָך אַ לאַנגער חקירה ודרישה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מוטער פון דער פּאַציענטין, וועלכע איז שוין אויך געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע אין אַ קליין קוילן־גרעבער־שטעטל, האָט ניט געקענט פועלן בײַ אירע אימיגראַנטן־עלטערן צו לאָזן זי גיין אין הײַסקול. זי האָט דעריבער ניט נאָר געשיקט איר טאָכטער אין הײַסקול, נאָר זי אויך געשיקט אין אַ שול אין אַ פאַרשטאָט פון פּיטסבורג, לפּי־ערך ווײַט פון איר היים, ווו ס'גייען מער רײַכע קינדער. ווי די מוטער האָט זיך נאַיִוו אויסגעדריקט: „איך האָב געוואָלט, אַז מײַנע קינדער זאָלן האָבן דאָס וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט און מײַנע עלטערן האָבן מיר דערין אָפּגעזאָגט און זיך נאָך אויס־געלאַכט פון מיר". דער סוף איז געווען, אַז די פּאַציענטין איז געבליבן אָן פרײַנד אי אין איר שול אי אין איר קליין קוילן־גרעבער־שטעטל, און דאָס איז געווען דער ווירקטיקסטער פאַקטאָר אין איר נערוועזיטעט.

אויך האַלט די שרײַבערין, אַז כשרות שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פראַגע פון שפּײַז בײַ ייִדן, ווי דאָס כּשר מאַכן פלייש, די צווייערליי כּלים וואָס ווערן באַנוצט אאַז"וו. זי ציטירט . . . פרייזערן וועגן דעם באַטײַט פון אַזאַ פאַרבאָט ווי „לא תבשל גדי בחלב אמו". די גאַנצע דיסקוסיע איז צו לאַנג פאַר אַ רעצענזיע. אינטערעסאַנט איז אָבער די אָבסערוואַציע פון דער מחברטע. זי שרײַבט: „אַפילו אין דעם פאַל פונעם ייִנגערן דור וועל־כער האָט זיך שוין אין גאַנצן באַפרײַט און האַלט ניט קיין כשרות, בלײַבט אָבער דער פּסיכאָלאָגישער עפעקט פון אומגעצײלטע פריִערדיקע דורות וועל־כע האָבן יאָ אויסגעפאָלגט די געזעצן".

זי קומט צום אויספיר: „ווײַזט אויס, אַז די האַלטונג פון דער ייִדישער מוטער בנוגע דער פראַגע פון האָדעווען קינדער רעפּרעזענטירט פיל מער ווי אַ צאָל עסן־געוווינטשאַפטן אָדער אַ שטרענג אָפּהיטן געוויסע כּללים פון כשרות. עס שטײַגט איבער די גרענעצן פון נעטרײַשאַפט צו רעליגיעזער דאָגמע. דאָס ווײַזט ניכער אַ טיף אײַנגעוואָרצלטן סאָרט אויספיר אין דער

מוטער־קינד־באַציִונג, וואָס פֿון אים איז די האָדעווען־פֿראַגע בלויז אַן אָפּ־שפּיגלונג".

מר"ס מאַסליאַנסקי האָט אַ פּנים אַ גוט אויג און אַ פֿעיִקייט צו מאַכן אויספֿירן. דער ענין וואָלט געדאַרפֿט ווײַטער אויסגעפֿאָרשט ווערן, וואָ־רעם ער האָט אי אַ טעאָרעטישע אי אַ פּראַקטישע ווערדע.

ד"ר מ. ווײַנבערג.

ר. בן־ארי, הבימה

ר. בן־ארי. הבימה. אײַנלייטונג פֿון ד"ר מוקדוני. צווייטע פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע. פֿאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ. 404 זז'. [ערשטע אויפֿלאַגע — 364 זז'] 80 בילדער. [ערשטע אויפֿלאַגע 66 בילדער] 1941.

ניט נאָר ווערט אין דעם בוך איבערגעגעבן דאָס לעבן פֿון דעם טעאַטער „הבימה"; ניט נאָר ווערן דאָ באַהאַנדלט טעאַטער־פּראָבלעמען, טעאַטער־סיסטעמען און טעאַטער־שיטות, נאָר דער מחבר איז אַליין אַ טייל פֿון טעאַטער — אַן אַקטיאָר, און געשריבן איז דאָס בוך אויך וואָס מען רופֿט טעאַטראַליש: אַקצענטירט, פּאַטעטיש און מיט אַקטיאָרישן השתּפכות־הנפֿש.

דאָס פֿאַרענטפֿערט אין אַ געוויסער מאָס די דערקלערונג פֿונעם מחבר אין זײַן הקדמה, אַז „דאָס וואָס דער לייענער וועט געפֿינען אין דעם דאָזיקן בוך איז ניט קיין געשיכטע פֿון דער 'הבימה' און אויך ניט קיין זכרונות".

עס דוכט זיך דעם מחבר, אַז ער דערציילט ניט, נאָר אַז ער לעבט אויך איצט אין דעם וואָס ער דערציילט. דער אמת איז אָבער, אַז דאָס איז ביידע זאַכן — אי געשיכטע (פֿאַקטן, וואָס ווערן דאָ און דאָרט איבערגעגעבן, הגם ניט דאָקומענטאַל באַשטעטיקט), אי זכרונות (דערציילונגען פֿונעם לעבן פֿון „הבימה").

דער דאָזיקער מעטאָד שרײַבן האָט די מעלה, וואָס דאָס בוך לייענט זיך ווי אַ מעשה; דאָס פֿאַרגרעסערט דעם קרײַז לייענערס. אַ סימן האָבן מיר: ניט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס איז אַ בוך וועגן ספּעציפֿישע טעאַטער־פּראָבלעמען, וועגן וועלכע דער אַלגעמיינער לייענער וויים כמעט גאָרניט, איז עס אַרויס אין אַ צווייטער אויפֿלאַגע — אַ זעלטענע דערשײַנונג אויפֿן ייִדישן ביכערמאַרק.

דאָס גאַנצע בוך איז איין לויבגעזאַנג צו דער גרופּע יונגע מענטשן וואָס האָבן געליטן נויט, הונגער, קעלט און האָבן זיך מוסר־נפֿש געווען, כּדי צו שאַפֿן אַ העברעיִשן קינסטלערישן טעאַטער. אַלץ איינס, צי אַלע אין דער גרופּע זײַנען, לויט זייער באַרוף, עלול געווען צו ווערן אַקטיאָרן צי ניין — עס איז געווען דער אינעווייניקסטער דראַנג צו דעם, און אין יענער אויפֿגעברויזטער צײַט, באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען

יעדערער האָט „זיך דערוועגט" אויסצופֿירוון זײַנע כּוחות, האָט אָט די גרופּע יונגע מענטשן זיך אויך דערוועגט. די גרופּע האָט זיך געשטעלט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם בארימטן פּיאָניר אויפֿן געביט פֿון העברעיִשן טעאַטער, נחום צמח, און עס איז געגרינדעט געוואָרן די „הבימה"-סטודיע. פֿאַר לערערס פֿון דער סטודיע זײַנען פֿאַרבעטן געוואָרן די קאָריפֿייען פֿון דער רוסישער בינע — סטאַניסלאַווסקי, וואַכטאַנגאָוו א"אַנד.

אַזוי ווי דער מחבר פֿון בוך איז איינער פֿון דער גרופּע, איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז ניט אומעטום האָט ער אָפּגעהיט די נייטיקע אָביעקטיווקייט ביים ריידן וועגן אירע פּעולות און דערגרייכונגען. אַזוי למשל דערציילט אונדז בן־ארי (ז' 86):

„אויב וואַכטאַנגאָוו האָט מיט זײַן געניאַלן קינסטלערישן חוש געהאָלפֿן דער „הבימה" צו דערגרייכן אַזאַ שטופּע, האָט אים אין דעם געהאָלפֿן דאָס וואָס ער האָט אָנגעטראָפֿן אַ וווּנדערבאַרן מאַטעריאַל . . . די גרופּע האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ קאָלעקטיוון קינסטלערישן „יש", וואָס האָט געוואַרט אויף איר מײַסטער".

אָבער גראַד וועגן דעם קינסטלערישן „יש" פֿון דער גרופּע שרײַבט וואַכטאַנגאָוו אין זײַנעם אַ בריוו צו נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ פֿון 8טן אַפּריל 1922 (פֿאַרעפֿנטלעכט אין זאָגראַפֿס בוך „וואַכטאַנגאָוו", ז' 117), אַז „די גאַנצע פּיעסע, אַלע ראָלעס ביז די קלענסטע קלייניקייטן, ביז זשעסט, אינטאָנאַציע און טעמבער פֿון שטימע, האָב איך באַדאַרפֿט שפּילן אַליין. עס איז מיר אויסגעקומען צו באַאַרבעטן יעדע פֿראַזע."*

אָדער ריידנדיק מיט התלהבֿות וועגן וואַכטאַנגאָווס אַרבעט איבערן „דיבוק" (ווי אַ פֿאַרברענטער חסיד רעדט וועגן זײַן רבין . . .) און וועגן אַלטמאַנס דעקאָראַטיווער אַרבעט אין דער זעלביקער פּיעסע, דערציילט אונדז בן־ארי, אַז „דער מאָלער אַלטמאַן האָט דערפֿילט דעם רעזשיסאָר" אאַז"וו (ז' 105). דער טעזיס איז להיפּוך צו דעם וואָס דער אויבן דערמאָנטער זאָגראַף דערציילט אין זײַן בוך (ז' 115): „אין הסכּם מיטן כאַראַקטער פֿון דער פּיעסע איז וואַכטאַנגאָווס אויפֿפֿירונג געווען געפּלאַנט ווי אַ סבֿיבֿה־ספּעקטאַקל און האָט געשטרעבט צו אַן עטנאָגראַפֿיש פּינקטלעכער קאָפּיע פֿון ייִדישע סבֿיבֿה און מנהגים. אַזוי האָט ער געפֿירט זײַן אַרבעט כּמעט ביז דער פּרעמיערע. אָבער אַלטמאַן האָט געבראַכט מיט זיך אַ נײַע

---

* זאָגראַפֿס בוך איז געווען רעצענזירט אין די „ייִוואָ־בלעטער" XVI, זז' 189-197. אין דעם בוך Беседы о Вахтангове. Записаны Х. М. Херсонским. Москва-Ленинград, 1940, 224 זז', ווערט אויך עטלעכע מאָל דערמאָנט וואַכטאַנגאָווס אויפֿפֿירונג פֿון „הדיבוק", למשל אין די זכרונות פֿון אי. אַ. וויניאַר (זז' 127-134), צ. ל. מאַנסוראָוואַ (ז' 185) אאַז"וו. אויף זז' 135-156 דערציילט איבער וו. ל. [בנימין] זוסקין דעם אינהאַלט פֿון דער ערשטער אויפֿלאַגע פֿון בן־אריס בוך, אויף וויפֿל עס האָט אַ שײַכות צו וואַכטאַנגאָוון. — רעד'.

אינטערפּרעטאַציע פֿון דער פּיעסע. בפּירוש אַלטמאַן האָט געגעבן די אידעע פֿון פּאַראַלעמיינערן די געשטאַלטן און געשעענישן, טעאַטראַל זוכן די עטנאָגראַפּישע עלעמענטן און מנהגים אין דעם ספּעקטאַקל". עס איז שווער צו זאָגן מיט זיכערקייט, ווער פֿון דיביידע מחברים איז גערעכט, עס לייגט זיך אָבער אויפֿן שׂכל, אַז גערעכט איז זאַגראַף, ווײַל ערשטנס איז ער ניט קיין נוגע־בדבר און עס שיקט זיך מער, ער זאָל זײַן אָביעקטיוו, און צווייטנס באַקרעפֿטיקט ער זײַנע הנחות מיט דאָקומענטן.

וועגן די כּשרונות פֿון דער גרופּע זײַנען דאָ אין בוך נאָך אַ היפּש ביסל ערטער פֿון דעם מין, וואָס מע פֿאַרהאַקט זיך ביַי זיי. אָט דערציילט דער מחבר, ווי אַזוי וואַכטאַנגאָווס תּלמידים (מיטגלידער פֿון דער גרופּע) האָבן געשטודירט זייערע ראָלעס אונטער דער השגחה פֿון דעם רבין:

„קומענדיק אויף דער בינע האָט יעדער געפֿילט, אַז זײַנע עמאָציעס גיסן זיך אַרײַן אין דעם צווייטן; און טאָמער האָט זיך איינעם אײַנגעגעבן צו דערגרייכן די טיפֿענישן פֿון אמתן שאַפֿן, פֿלעגט אים וואָרעם ווערן אין אַלע גלידער. ער האָט זיך געפֿילט דערהויבן פֿון זײַן אייגענער נאַטירלעכ־קייט און פּשטות, און אין דער אייגענער צײַט פֿון דער גרויסקייט פֿון אמתן שאַפֿן" (ז' 43).

וואָס אַזוינס מיינען פֿאַר דער אַקטיאָרישער קונסט די ווערטער, אַז יענעם „פֿלעגט וואָרעם ווערן אין אַלע גלידער"? אָדער אַז יענער „האָט זיך געפֿילט דערהויבן פֿון זײַן אייגענער נאַטירלעכקייט און פּשטות"?

אויף ז' 136 ווערט דערציילט, ווי אַזוי די תּלמידים פֿלעגן אַרבעטן איי־בער עטיודן: „אַזוינע עטיודן זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן אין די הונדערטער און שטופּנווײַז פֿלעגן מיר איבערגיין פֿון איין געפֿיל צום צווייטן". ווי ניך מען קען דאָס אין אַן עטיוד אַריבערגיין פֿון איין געפֿיל צום צווייטן, אַזוי ווי די געפֿילן וואָלטן געלעגן צוגעגרייטע ערגעץ ווו דערביַי און דער עטיודן־מאַכער דאַרף בלויז אויסציִען די האַנט און נעמען זיי . . .

אַ מחבר וואָס איז אַליין אַן אַקטיאָר וואָלט באַדאַרפֿט זײַן אָפּגעהיט מיט אַזוינע פֿאַרנעפּלטע זאַצן. נאָר מען קען, נאָך אַלעמען, מלמד־זכות זײַן, ווײַל דאָס רעדט אַ חסיד, אַ פֿאַרליבטער און אַן אייגענער. גאַנץ אַנדערש איז אָבער, ווען עס גייט וועגן די טעאַטער־סיסטעמען וואָס די לערערס סטאַ־ניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו האָבן געבראַכט דער „הבימה". דאָרט ווו עס רעדט זיך וועגן סיסטעם קען מען זיך ניט באַנוגענען מיט אַזעלכע אַל־געמיינע באַגריפֿן ווי „נשמה", „הויכע קונסט", „סודות" וכדומה, וועלכע דער מחבר באַנוצט אין זייער אַ גרויסער מאָס. למשל: „עפֿעקטיווע זכרונות וואָס געפֿינען זיך אין דער מענטשלעכער נשמה" (ז' 369); „עמאָציעס פֿון דער נשמה" (ז' 370; פֿון וואָס דען, אויב ניט פֿון דער נשמה?); „אײַער נשמה ציט זיך צו אַ קוואַל און ווייסט ניט ווו זי איז" (ז' 113); „ער [וואַכטאַנגאָוו] גייט הײַנט אַנטדעקן אַ גרויסן סוד, אַ טעאַטראַלן סוד וואָס

דאַרף באַצויבערן" (ז' 115); „זײַנע אײַנפֿאַלן זײַנען פֿאַר זיך דאָס העכסטע אין קונסט" (ז' 89); „פּרינציפּ פֿון נאַטוראַליסטישן פּסיכאָלאָגיזם" (ז' 374) אאַז"וו.

סיסטעם מיינט: טעכניק פֿון שפּילן, קלאָרקייט פֿון סצענישן אויפֿטו, הדרגה פֿון סצענישער דינאַמיק אאַז"וו. האָט מיר טאַקע סטאַניסלאַווסקי אַליין אין 1924, ווען איך האָב אים באַזוכט מיט באָלעסלאַווסקין בעת זײַנע גאַסטשפּילן אין ניו־יאָרק, אויף מײַן פֿראַגע, אין וואָס עס באַשטייט זײַן סיסטעם, געענטפֿערט לערך בזה־הלשון: „מײַן סיסטעם איז אַזאַ: יעדער אַק־טיאָר, ווי אַלט אָדער ווי יונג ער זאָל ניט זײַן, דאַרף יעדער טאָג אַרבעטן איבער זיך מינימום דרײַ שעה. איין שעה דאַרף ער זינגען — עס מאַכט ניט אויס, וואָס ער האָט קיין שטימע ניט צום זינגען; איין שעה דאַרף ער דעקלאַמירן בקול רם, אַקצענטירן, אַרטיקולירן; און איין שעה דאַרף ער שטיין פֿאַרן שפּיגל און טרענירן זײַן פּנים און זײַן קערפּער. אויב אַן אַקטיאָר וועט זיך פֿאַרנעמען מיט דעם סיסטעמאַטיש, און אויב ער האָט פֿעיִקייטן אויך צו דעם, וועט ער היפּש דערגרייכן אויף דער בינע".

איך בין ניט ערבֿ פֿאַר דער פּינקטלעכקייט פֿון טעקסט, אָבער דאָס איז געווען דער אינהאַלט פֿון זײַן ענטפֿער. דאָס זײַנען קלאָרע דיבורים וואָס יע־דער אַקטיאָר קען פֿאַרשטיין, און דאָס איז טאַקע די סיסטעם וואָס סטאַניס־לאַווסקי האָט אָנגעווענדט אויף זיך אַליין ביז די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבן, ווי ער דערציילט עס אין זײַן בוך Моя жизнь в искусстве, (זז' 689־690).

איצט לאָמיר זען, ווי אַזוי בן־ארי, אַ פֿאַכמאַן אין טעאַטער, דערקלערט און טײַטשט אויס די שיטות פֿון סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוון:

„סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם איז געבויט אויף דעם לאָזונג: „דער צושויער דאַרף פֿאַרגעסן, אַז ער זיצט אין טעאַטער". צוליב דעם האָט דער אַקטיאָר געדאַרפֿט זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פֿון זײַן אייגענעם איך און ווערן איינס מיט דער נשמה פֿון דעם העלד. ער דאַרף לעבן דאָס לעבן פֿון דעם העלד וואָס ער שטעלט פֿאָר" (ז' 339). מיט עטלעכע זאַצן ווײַטער זאָגט בײַ בן־ארי דער זעלבער סטאַניסלאַווסקי, אַז „דער שוישפּילער דאַרף טאַקע אי־בערלעבן, אָבער שטענדיק דאַרף ער פֿאַרמאָגן אַ געוויסן קאָנטראָל ערגעץ אונטערן באַוווּסטזײַן, וואָס זאָל שטענדיק קאָנען אונטערזאָגן: „דאָס קאָנסטו טאָן און דאָס טאָרסטו ניט."

ווי אַזוי קאָן מען זיך אָפּזאָגן אין גאַנצן פֿון אייגענעם „איך" און אין דער זעלביקער צײַט האָבן אַ קאָנטראָל איבער דעם זעלביקן „איך" און דערצו נאָך „ערגעץ אונטערן באַוווּסטזײַן"? זייער שווער צו דערקלערן.

דער מחבר גיט אויך איבער, ווי אַזוי סטאַניסלאַווסקי לערנט צו סטי־מולירן אַ געוויסן געפֿיל, אַן איבערלעבונג. „דעם געפֿיל, די איבערלעבונג, דאַרפֿט איר אַרײַננאַרן ווי אַ געניטער פֿישערמאַן פֿאַרנאַרט אַ פֿישל. דאָס

ווערימל וואָס דאַרף צוציִען דעם געפֿיל פֿון איבערלעבונג דאַרף זײַן דער גע־דאַנק, און דער „האַטשיק" וואָס וועט אַרײַנכאַפּן דאָס פּישעלע — דעם געפֿיל, דאַרף זײַן די האַנדלונג אָדער אַקציע אויף דער בינע." (ז' 340).

פֿרעגט זיך: אויב דער עיקר איז דער געפֿיל, די איבערלעבונג, די נשמה פֿון דעם העלד, טאָ וואָס פֿאַר אַ מין „הויכע קונסט" וועט עס זײַן „די האַנד־לונג אָדער אַקציע אויף דער בינע", אויב די דאָזיקע האַנדלונג אָדער אַקציע איז דער „האַטשיק", וואָס דאַרף ערשט אַרײַנכאַפּן דאָס פּישעלע — דעם געפֿיל?

בן־אַרי דערציילט אונדז ווײַטער (ז' 240), אַז „אַלע עקספּערימענטן וואָס סטאַניסלאַווסקי פֿלעגט דורכמאַכן און אויספּרובירן אין משך פֿון זײַן גאַנ־צער קאַריערע אַלס רעזשיסאָר און אַקטיאָר, זײַנען געווען צו אַנטוויקלען די טעכניק פֿון איבערלעבונגען". צי האָבן דען איבערלעבונגען אַ טעכניק? בײַ איינעם למשל איז געשטאָרבן אַ נאָענטער, באַקלאָגט ער דעם אומגליק, לעבט ער עס איבער. צי באַקלאָגט ער עס דען און לעבט איבער לויט אַ געוויסער טעכניק? איך מיין — טאַקע אויף דער בינע! אויב טעכניק, איז עס שוין ניט מער איבערלעבונג, נאָר אָנשטעל פֿון איבערלעבונג, איז דאָך שוין אויס מיט דער נשמה און דעם העלד . . .

אויף ז' 159 ווערט דערציילט, אַז „סטאַניסלאַווסקי האָט פֿאַרקערפּערט אינעם אַקטיאָר דעם אייביקן פֿונדאַמענט פֿון טעאַטער־קונסט, זײַנע אינער־לעכסטע געפֿילן וואָס באַלאַנגען צו יעדער אַקטיאָר . . ." ווען מענס סאַמע אינעווייניקסטע געפֿילן האָט סטאַניסלאַווסקי פֿאַרקערפּערט אינעם אַקטיאָר? און וועלכע געפֿילן זײַנען ניט „אינערלעכע"?

אויף ז' 345 זאָגט דער מחבר, אַז „סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם איז געווען די איינציקע וואָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו ווירקן אויפֿן צו־שויער עמאָציאָנעל און דורך קינסטלערישע מיטלען". פֿרעגט זיך ווידער: ווער ווירקט דען אין טעאַטער אויפֿן צוזעער ניט עמאָציאָנעל און ניט דורך קינסטלערישע מיטלען, אומאָפּהענגיק פֿון זייער מדרגה געוויינטלעך? נאָך עפּעס ווילט זיך פֿרעגן בײַם מחבר, צי ווייסט ער ניט, אַז אַלץ וואָס ער גיט איבער וועגן דער סטאַניסלאַווסקי־סיסטעם איז ניט מער ווי דאָס לאַנג באַוווּסטע און באַרימטע רוסישע „נאַטוראַ", מיט וועלכן מאָטשאַלאָוו און קאַראַטיגין און דאַלסקי האָבן באַצויבערט די רוסישע בינע? און פֿידוע האָבן די דאָזיקע רוסישע טעאַטער־קאָריפֿייען קיין שום סיסטעם ניט גע־האַט.

דאָס זעלבע איז מיט די דערקלערונגען פֿון וואַכטאַנגאָוו ס סיסטעם. וואַכטאַנגאָוו קומט אַרויס מיט אַ נײַער דעקלאַראַציע, דערציילט אונדז בן־אַרי (ז' 86): „קיין שום אויבערפֿלעכלעכער רעאַליזם! דער טעאַ־טער האָט זײַן אייגענעם רעאַליזם — זײַן אייגענעם טעאַטראַלן אמת! דער

טעאַטראַלער אמת געפינט זיך אין דעם אמת פון די געפילן וואָס ווערן אי־בערגעגעבן אויף דער בינע מיט דער הילף פון טעאַטראַלע מיטלען".

דער מחבר זאָגט אונדז ניט, מיט וואָס איז דער טעאַטראַלער רעאַליזם ניט קיין אויבערפלעכלעכער. און אין וואָס באַשטייען די טעאַטראַלע מיט־לען, מיט וועלכע מע דאַרף איבערגעבן דעם ניט אויבנאויפיקן טעאַטראַלן רעאַליזם?

און באַלד נאָך דעם, אויף ז' 87, לייענען מיר ווייטער: „די געפילן פון אַקטיאָר דאַרפן זיין נאַטירלעכע, אין וואָס פאַר א טעאַטער ער זאָל זיך ניט געפינען, אָבער שפּילן דאַרף ער מיט טעאַטראַלע מיטלען" (מיט וועלכע דען מיטלען שפּילט מען אין טעאַטער?...). און ווייטער: „דער אונטערשייד צווישן די „נאַטוראַליסטישע" מיטלען און די „טעאַטראַלע" איז דער זעל־ביקער ווי למשל, אַז מע דערלאַנגט א געבראָטענע קאַטשקע אין דער היים און די זעלביקע אין רעסטאָראַן. דוכט זיך, אַז די קאַטשקע איז די זעל־ביקע אין רעסטאָראַן און אין דער היים, אָבער אַז מע דערלאַנגט זי אין רעסטאָראַן, ווערט זי פּאָרט דערלאַנגט אַזוי, אַז עס איז טעאַטראַליש".

ניט געשטראָפט זאָל מען ווערן פאַר דער דאָזיקער טעאַטראַלער קאַטש־קע־פילאָסאָפיע! (פון דער טעאַטראַליש סערווירטער קאַטשקע ווערט זייער אָפּט פאַרדאָרבן דער מאָגן...) אָבער אויב „די געפילן פון אַקטיאָר דאַרפן זיין נאַטירלעכע", טאָ וואָס זשע איז די נפקא־מינה צווישן וואַכטאַנגאָווס „סיסטעם" און סטאַניסלאַווסקיס? אויף זז' 345־346 פלייסט זיך דער מחבר צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. ער זאָגט:

„ווי ווייט איז וואַכטאַנגאָוו געגאַנגען צוזאַמען מיט סטאַניסלאַוו־סקין, און ווו האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט? — וואַכטאַנגאָוו האָט גע־נומען פון סטאַניסלאַווסקיס מעטאָד: 1) די קאָנצענטראַציע; 2) די באַ־רעכטיקונג פאַר יעדער מינוט וואָס איר געפינט זיך אויף דער בינע; 3) אויפדעקן דעם גערדאַנק פון דעם מחבר, לייענען צווישן די שורות; 4) שאַפן די ביאָגראַפיע פון דעם כאַראַקטער; 5) אויסראָטן מיטן וואָרצל פאַרשימלטע אַקטיאָרישע שטאַמפּן. נאָר ווען עס איז געקומען צום מאָ־מענט, ווען סטאַניסלאַווסקי און זיינע אָנהענגער האָבן געזאָגט, אַז דער צו־שויער און אַקטיאָר דאַרפן אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אין טעאַטער — דאָ האָט זיך וואַכטאַנגאָוו געשיידט מיט סטאַניסלאַווסקין. וואַכטאַנ־גאָוו איז אַריבער אויף זיין נייעם וועג, זיין נייעם לאָזונג. וואָס איז אָט דער נייער לאָזונג? — קודם־כל ברענגען דעם טעאַטער זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, ווו דער אַקטיאָר זאָל ווידער פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, און דער צושויער זאָל אויף איין מאָמענט ניט פאַרגעסן, אַז ער זיצט אין טעאַ־טער. דער אַקטיאָר האָט געדאַרפט לעבן א צווייענדיקן לעבן אויף דער בינע. עס האָט געדאַרפט אויסזען ווי דער אַקטיאָר וואָלט געזאָגט דעם

צושויער: אין דעם מאָמענט ווייַן איך, נאָר איך, דער אַקטיאָר, ווייס וועגן דעם, אַט זעט, איך וויש אוים די טרערן און קוק זיך צו ווי איך טו עס".

דער מחבר האָט פאַרגעסן, אַז דערציילנדיק וועגן סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם האָט ער אונדז געזאָגט (ז' 339), אַז „דער שוישפּילער דאַרף טאַקע איבערלעבן, אָבער שטענדיק דאַרף ער פאַרמאָגן אַ געוויסן קאָנטראָל ערגעץ אונטערן באַוווּסטזיַין, וואָס זאָל שטענדיק קאָנען אונטערזאָגן: דאָס קאָנסטו מאַן און דאָס טאָרסטו נישט". טאָ ווּ איז דאָ פאַרט דער אונטערשייד?

אין דער וויַיטערדיקער כאַראַקטעריסטיק פון וואַכטאַנגאָווס טעאַטער-מעטאָדן ווייַזט בן-ארי אָן, אַז ער, וואַכטאַנגאָוו, האָט אָנגענומען אין זיַינע אויפפירונגען די פאָרם פון גראָטעסק. אויך דאָס איז נישט קיין ספּעציפישער מאָמענט אין וואַכטאַנגאָווס סיסטעם, וויַיל אויך סטאַניסלאַווסקי-נעמיראָ-וויטשעס קונסט-טעאַטער האָט אָנגעווענדט אין געוויסע אויפפירונגען די גראָ-טעסקע פאָרם (קאַרמענסיטאַ, ליזיסטראַטע א"אנד).

אַזוי גייט עס כסדר אין דעם מפורש זיַין די סיסטעמען, טייל מאָל אין אומפּינקטלעכע אָדער אומקלאָרע אויסדרוקן.

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז דעם מחבר האָט זיך נישט איַינגעגעבן קלאָר צו מאַכן די טעאַטער-סיסטעמען פון סטאַניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו, הגם אים האָט זיך געדוכט, אַז ער טוט עס.

אויך האָט זיך דער מחבר נישט באַפריַיט פון די שלאָגווערטער, וואָס זיַי-נען געווען שטאַרק אָנגענומען אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער רעוואָלו-ציע. ער אָפּערירט אַ שטייגער מיט אַ פראַזע „וועגן דער פרייד, וואָס מען וועט ברענגען די ברייטע יִדישע מאַסן". צי מיינט טאַקע דער מחבר, אַז אַ העברעיִש טעאַטער איז פרייד פון „ברייטע יִדישע מאַסן"? בפרט נאָך, אַז דער טעאַטער-בנין, אין וועלכן די „הבימה" האָט זיך געפונען, האָט פאַר-מאָגט קוים הונדערט פלעצער . . .

מיר ווילן אָנוויַיזן אויף אַ טעות, וואָס בן-ארי האָט געמאַכט, אַז אַנסקי איז אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, „ווּ ער האָט איבערגעזעצט זיַין פּיע-סע אין יִדיש און זי געלאָזט אויפפירן פון דער ווילנער טרופּע" (זז' 70-71). אַזוינס איז קיין מאָל נישט פאָרגעקומען. ווי וויַיט אונדז איז באַקאַנט, האָט דער פאַרשטאָרבענער רעזשיסער דוד הערמאַן געהאַט געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם צווישן אַנסקין און די ווילנער, אָבער די ווילנער האָבן מורא געהאַט צו נעמען זיך פאַר דעם. ערשט נאָכן טויט פון אַנסקין האָבן עס די ווילנער אויפגעפירט.

עס זיַינען אָבער דאָ אין בוך זייער וויכטיקע פעסטשטעלונגען, וואָס דער יִדישער אַקטיאָר בן-ארי האָט געמאַכט. דהיַינו: אַז פּינסקים „דער אייביקער ייִד" איז געווען אַ סך מער אַ יִדישע פאָרשטעלונג איידער „הדיבוק". וועגן דאָס זאָגט איינער פון דער „הבימה"-גרופּע גופא, איז דאָס זייער וויכטיק.

ווי ווײַט אונדז איז באקאנט, האָבן זיך אײַנגעשטעלט דאָס צו זאָגן בלויז אַ. קונעל (האָמאָ נאָוווּס) און דער שרײַבער פון די שורות.

עס איז אַ שאָד, וואָס אין דעם בוך איז אַזוי ווייניק געזאָגט געוואָרן וועגן דעם וואָס איז בעצם געווען דער שאַפער פון דער „הבימה", נחום צמח. הגם אין דער איצטיקער, צווייטער אויפלאַגע, איז צוגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצער קאַפּיטל וועגן אים, איז עס אָבער אַלץ ווייניק צו האָבן אַ באַגריף וועגן זײַנע אויפטוען.

דער מחבר איז ניט פרײַ פון שוואַכקייטן צו גדולים. אַנדערש קאָן מען ניט דערקלערן, פאַר וואָס אין בוך זײַנען דאָ די בילדער פון אײַנשטיין, פון מאַיסי, פון מ. טשעכאָוו אין דער ראָלע פון „איוואַן דער גרויזאַמער", פון מאָסקווער יִדישן מלוכה־טעאַטער, פון ריינהאַרדטן און פון מ. שוואַרצעס אויפפירונג פון „כעלעמער חכמים" אין קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

מען קען אָבער מוחל זײַן די אַלע אויסגערעכנטע קאַרדינאַלע פעלערן, ווײַל דאָס איז ערשטע בוך וואָס דערציילט מעשׂה־מעסיק פון די לײַדן און פריידן פון יִדישן אַקטיאָר און פון דעם יִדישן טעאַטער־טוער וואָס האָט אין זײַנע מעשׂים אַרײַנגעוועבט אַן אידעע. און כאָטש דער העברעיִשער טעאַטער איז בלויז אַ קליינער סעקטאָר אין יִדישן קולטור־לעבן, איז ער אָבער געבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל מסירת־נפש, אַז דאָס פאַרדינט אָנערקענונג.

מ. עלקין

יִדן אין כינע

Rudolf Lowenthal. The Jews in China. An Annotated Bibliography. Reprinted from the Chinese Social and Political Science Review, Peking [1940], pp. 119-261+IV.

דער מחבר, פונעם יענטשינג־אוניווערסיטעט אין פעקינג, האָט דאָ צו־נויפגעשטעלט 258 ביבליאָגראַפישע אייניסן און כאַראַקטעריזירט איטלעכע אַרבעט, ווו נאָר ס'איז געווען נייטיק, אַ מאָל מיט אַ שורה־צוויי און אַ מאָל מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן. דערצו איז פאַראַן אַן אַרײַנפיר פון 14 זײַטלעך: „די אויפדעקונג פונעם יִדישן יישוב אין כינע און זײַן באַהאַנדלונג אין דער שייכדיקער ליטעראַטור".

די השערות וועגן דעם, ווען זײַנען יִדן צום ערשטן געקומען קיין כינע, גייען זיך ווײַט פונאַנדער: מען הייבט אָן פון דער טשאַו־דינאַסטיע, וואָס דאָס קען מיינען שיִער ניט טויזנט יאָר פאַרן צווייטן חורבן, און מען גייט ביזן 9טן־10טן י"ה נ"ק. די צאָל יִדן אין לאַנד איז קיין מאָל ניט געווען גרויס; אין 1940 האָט מען זי געשאַצט אויף 28,000, פון זיי 8000

אין כאַרבין, 20,000 אין שאַנכײַ, 2000 אין טיענטסין און 1000 אין אַנדערע ערטער; דערין זײַנען געווען בײַ 16,000 פּליטים פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך.

פֿאַראַן אין כינעזיש צום ווינציקסטן 28 פֿאַרשיידענע ווערטער פֿאַרן נאָמען ייִד. צום אָפּטסטן ניצט מען איצט „יוטײַיי״; עלטער איז דער טערמין טשוהוטע, אָדער אין דעם ערך, איבערגענומען פֿון נײַ־פּערסיש דזשוהוד (=יהודי); נאָר מען טרעפֿט אויך באַצייכענונגען ווי „די סעקטע וואָס ציט אַרויס די אָדערן״ אָדער „די אמתע מחמדאַנער״ אָדער „די אמונה וואָס איז געקומען פֿון אינדיע״. איינער פֿון די 28 טערמינען איז אַ טראַנסקריפּציע פֿונעם וואָרט ייִדיש.

אין דער ביבליאָגראַפֿיע געפֿינען מיר אויך עטלעכע נומערן אין ייִדיש, צווישן זיי נח מישקאָווסקים בוך: עטיאָפּיע, ייִדן אין אַפֿריקע און אַזיע, שיקאַגע 1936. צום סאַמע אָנהייב איז רעפּראָדוצירט אַ זײַטל פֿון דער ייִדישער צײַטונג „דער ווײַטער מזרח״ וואָס איז געגאַנגען אין כאַרבין 1922־1921.

טשיקאַווע איז, אַז ס׳זײַנען אויך פֿאַרצייכנט עטלעכע איבערזעצונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין כינעזיש. אָט זײַנען זיי:

117. לו יען (איבערזעצער). זאַמלונג ייִדישע דערציילונגען. שאַנ־בײַ 1926 (קיי מינג ־ בוכהאַנדלונג). — דערציילונגען פֿון שלום־עליכמען, י. ל. פּרצן און ד. פּינסקין.

172. שען יען־פּינג און שען טסע־מין (איבערזעצערס). נײַע זאַמלונג ייִדישע דערציילונגען. שאַנכײַ 1933 (אָדער פֿריִער). קאָמוירשל פּרעס — דערציילונגען פֿון פּרצן, ראַבינאָוויטשן, אַשן און ווענדראָווון.

192. טונג פֿען, הסי טשען און טש׳ען קו (איבערזעצערס). דוד פּינ־סקיס דערציילונגען. שאַנכײַ 1933 (אָדער פֿריִער). קאָמוירשל פּרעס.

253. אַש, שלום [אַש איז טראַנסקריבירט A Hsü]; ט׳אַנג הסי־טשיה (איבערזעצער); דער גאָט פֿון נקמה, שאַנכײַ 1936. קאָמוירשל פּרעס. IV+95 זז׳.

.וו

ייִדישע קינדער־ליטעראַטור אין ענגליש

1. Henry J. Berkowitz, *The Fire Eater,* Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1941. 394 pp.
2. Benjamin W. Blandford, *Off the Capes of Delaware,* Cincinnati, Union of American Hebrew Congregations, 1940. XIII—325 pp. $1.50.
3. Sulamith Ish-Kishor, *Jews to Remember,* New

York, Hebrew Publishing Company, 1941. 127 pp. $1.25.

4. Howard Fast, *Haym Salomon, Son of Liberty*, New York, Julian Messner, Inc., 1941. $2.50. 243 pp.

5. Florence Crannell Means, *Children of the Promise*, New York, Friendship Press, 1941. 119 pp. $1.00.

די פֿינף ביכער זײַנען אַלע געשריבן פֿאַר קינדער אָדער יוגנטלעכע. דרײַ זײַנען דער עיקר געשריבן געוואָרן פֿאַר ייִדישע קינדער און אַרויסגעגעבן פֿון ייִדישע פֿאַרלאַגן (1, 2, 3). נאָר צוויי זײַנען געשריבן פֿון ניט־ייִדן (2, 5). אינטערעסאַנט איז, וואָס דאָס ייִדישסטע פֿון אַלע איז געשריבן געוואָרן פֿון אַ ניט־ייִדן (5). דאָס בוך וועגן חיים סאַלאָמאָן וואָלט מען אפֿשר ניט געדאַרפֿט פֿאַררעכענען צו דער גרופּע, ווײַל עס איז בעצם ניט פֿון אַ ייִדישן כאַראַקטער, ד״ה דער מחבר איז מער אויסן צו געבן אַ בילד פֿון דער קאָלאָניאַלער אַמעריקע און אַ ראָמאַנטיזירטע באַשרײַבונג פֿון אַ פּאַטריאָט. נומערן 1־3 טראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער. זייערע מחברים (צי אַרויסגעבערס) זײַנען אויסן צו ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ שיין און פֿײַן פֿאָלק ייִדן זײַנען, און אַז ייִדישע קינדער דאַרפֿן בײַ זיך ניט אַראָפּפֿאַלן — מיר האָבן ברוך־השם געגנוג גרויסע לײַט. שולמית איש־כּישורס בוך באַשרײַבט בקיצור אָט אַזעלכע גרויסע ייִדישע לײַט פֿון משה רבינו ביז יעקבֿ עפּשטיינען און זייערע אויפֿטוען. זי נעמט אַרײַן אין דער קאָמפּאַניע מיט יהודה הלוי, ביאַליקן און שלום־עליכמען אויך אַלבערט מײַקלסאָן, פֿעליקס מענדעלסאָן, סאַראַ בערנאַר, ד׳איזראַעלי, — מענטשן וואָס האָבן טאַקע בײַגעשטײַערט צו דער וועלטקולטור, נאָר זייער ווערדע פֿאַרן ייִדישן לעבן גופֿא איז זייער ספֿקדיק (און בײַ סאַראַ בערנאַר איז אויך אונטער אַ ספֿק דער ייִדישער אָפּשטאַם). נומ׳ 2 גיט בילדער פֿון אמתע און האַלב־אמתע ייִדישע פֿיגורן אין דער פֿרײַקער אַמעריקאַנער געשיכטע, נאָר דאָ איז אויך כּלל ניט קלאָר דאָס ייִדישע שײַכות, סײַדן דאָס וואָס די ניט־ייִדן אין די מעשׂיות רופֿן דעם ייִדן „אַ ייִד״ אָדער „דער ייִד״ און וואָס דער ייִד ווײַזט אַרויס אַ נטיה צום האַנדל. נומ׳ 1 דערציילט ווײַטער וועגן אַ ייִדישן ייִנגל וואָס שלאָגט זיך מיט שקצים און איז זייער גיבור, וואָס „שטאָלצירט״ מיט זײַן ייִדישקייט, הגם אין וואָס דאָס באַשטייט איז לגמרי ניט אָנגעוויזן (אמת, ער איז געוואָרן בר־מצווה). ייִדיש איז פֿאַר דעם ייִנגל אַ שפּראַך אויף צו זאָגן אַ מאָל אַ גלײַכוווערטל, העברעיִש איז בכלל אָפּגעלעבט, טראַדיציע ווערט זיך אויס. כאָטש דער ייִנגל וועט חתונה האָבן מיט אַ ייִדיש מיידל, איז דער אידעאַל אַ פּנים אַ פֿולע אויסגלײַכונג פֿון ייִדן און ניט־ייִדן.

נומ' 5 איז געשריבן געוואָרן פֿון אַ פֿרוי וואָס איז פֿאַראינטערעסירט אין נאַציאָנאַלע מיעוטים אין אַמעריקע, האָט פֿריִער געשריבן קינדערביכער וועגן נעגערס, אינדיאַנער און אָריענטאַלן אין אַמעריקע. אין איר ביכל וועגן קינדער אין אַן עלעמענטאַר־שול אין אַ מערבֿ־שטאָט, גיט זי צו פֿאַרשטיין, ווי וויכטיק עס זײַנען די צושטײַערס פֿון פֿאַרשיידענע קולטורן צום אַמעריקאַנער לעבן. זי מאָלט אויס אַ בילד פֿון אַ טאָלעראַנץ וואָס קען אויסוואַקסן פֿון אַזוי פֿאַרשטיין די פּראָבלעם גיכער ווי פֿון ווײַזן, אַז אַ ייִד קען זיך שלאָגן אַזוי גוט ווי אַ גוי.

מיר פֿאַרצייכענען די דאָזיקע עטלעכע ביכער כּדי אָנצוּווײַזן, אַז די ייִדישע קינדער־ליטעראַטור אין ענגליש איז אַן ענין וואָס ס'איז כּדאַי אויסצופֿאָרשן.

ל. ש.

האַנטבוך פֿאַר אימיגראַנטן

Francis Kalnay and Rochard Collins, eds., *The New American. A Handbook of Necessary Information for Aliens, Refugees and New Citizens.* New York, Greenberg, 1941. XII, 388 pp. $1.50.

דאָס איז אַ נוציק בוך צו העלפֿן דעם נײַ געקומענעם קיין אַמעריקע זיך אָריענטירן. די ערשטע קאַפּיטלעך אינפֿאָרמירן וועגן דעם יורידישן מצבֿ, אימיגראַציע־פֿאָרמען, נאַטוראַליזאַציע. דרײַ קאַפּיטלעך ווײַזן אַרבעט־מיגלעכקייטן פֿאַר אימיגראַנטן און פּליטים, וואָס פֿאַר אַ פֿאַכן זײַנען אָפֿן, באַדינגונגען און באַגרענעצונגען. דער לעצטער טייל פֿונעם בוך זוכט צו געבן פֿולע אינפֿאָרמאַציע וועגן אַלע אינסטיטוציעס אין לאַנד, וואָס דינען אימיגראַנטן, פּליטים און אויסלענדיש געבוירענע בכלל. עס איז אויך אָנגעגעבן אַ קאַפּיטל נוציקע פֿאַקטן וועגן אַמעריקע.

אין אַ הוספֿה זײַנען צוגעשטעלט די בילדונג־פֿאָדערונגען פֿאַר בירגערשאַפֿט אין ענגליש, דײַטש, פּויליש, איטאַליעניש און ייִדיש.

ל. ש.

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

אַ נאַצי דערציילט וועגן די געטאָס

דער באַריכט וואָס מיר גיבן דאָ איז אַרויסגענומען פֿון אַ קאָרעספּאָנדענץ,
געדרוקט אין דער זונטאָגדיקער וואָכן־אויסגאַבע פֿון Frankfurter Zeitung
פֿון 8טן יוני 1940; געחתמעט איז זי mf, דאַטירט: וואַרשע, אין פֿרילינג
[1940]. אונדזערע ידיעות וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן אויף די טעריטאָריעס
פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע זײַנען קאַרגע ביז גאָר: פּריוואַטע בריוו מוזן דורכ־
גיין דורך שבֿעה מדורי צענזור, דײַטשע צײַטונגען זײַנען געקומען קיין אַמעריקע
זייער ניט רעגולער נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און די ספּעציעלע
זשורנאַלן וואָס וואָלטן געקאָנט געבן מער אינפֿאָרמאַציע, אַ שטייגער Die Burg
אָדער Der Deutsche im Osten, האָבן די נאַציס קענטיק פֿאַרווערט אַרויסצופֿירן
אין אויסלאַנד.

אין דער קאָרעספּאָנדענץ קומט בולט צום אויסדרוק די גאווה פֿונעם באַזיגער
וואָס שפּירט, אַז די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון זײַנט וועגן:

„אין רעסטאָראַן און אין האָטעל טרעפֿט זעלטן, אַז מען זאָל ניט פֿאַרשטיין אַ
פֿאַרלאַנג אַרויסגעזאָגט אין דײַטש, און ווער ס'קען דײַטש, פּרוּווט בעסער ריידן
אויף דײַטש מיט די מאַכטאָרגאַנען איידער דורך אַן איבערזעצער . . . די פּוילי־
שע סוחרים פּרוּוון אָפֿט קלאָר צו מאַכן זייער סחורה און זייער רעקלאַמע אויף
דײַטש אויך. מען שפּירט, אַז זייער ווערטער־אוצר קומט פֿון ווערטערבוך, אַזוי
אַז דער טעלעפֿאָן אין קראָם, וואָס יעדער איינער קען ניצן — אַ סובסטיטוט פֿאַר
דער קליינער צאָל עפֿנטלעכע טעלעפֿאָן־בײַדלעך — ווערט אָנגערופֿן „טעלעפֿאָן טע־
טיק" מיט אַ ווערטלעכער איבערזעצונג פֿונעם פּוילישן אויסדרוק. אַוודאי ווערן
באַהאַוונט אין דער דײַטשער שפּראַך די אַלע וואָס האָבן צו טאָן מיט די רעגי־
רונגס־אַמטן בתורת אָנגעשטעלטע און נידעריקערע באַאַמטע. איידער מען נעמט זיי
צו אינעם עפֿנטלעכן דינסט פֿון דער גענעראַל־גובערניע דאַרפֿן זיי אָפּגעבן אַזאַ מין
דעקלאַראַציע: „איך בין זיך מתחייבֿ געטרײַ און געוויסנדיק אויסצופֿירן מײַנע
דינסטיקע פֿליכטן אין פֿאָלגעוודיקייט כּלפּי דער דײַטשער פֿאַרוואַלטונג. איך האַלט
זיך ניט געבונדן דורך אַ שבֿועה פֿון געטרײַשאַפֿט אָדער פֿון דינסט צו דער פֿריִער־
דיקער פּוילישער מלוכה אָדער צו אירע אָרגאַנען אָדער צו אַ פּאָליטישער אָרגאַני־
זאַציע, צי דורך אַ פֿאַרפּליכטונג פֿון דעם מין." ערשט דאָ ניט לאַנג האָט דער
גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרויסגעזאָגט זײַן אָנערקענונג פֿאַר דעם גרעסטן טייל פֿרעמד־
נאַציאָנאַלן (Fremdvölkische) וואָס שטייען אין דינסט פֿון דער גענעראַל־גו־
בערניע".

דאָס אַלץ איז שייך, פֿאַרשטייט זיך, צו ניט־ייִדן. וועגן די געטאָס דערציילן
די ווײַטערדיקע פּאַראַגראַפֿן; ס'איז צו זען פֿון זיי, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן פֿ אַ ר־
ש יי ד ע נ ע מינים געטאָס און אַז די דײַטשע „וויסנשאַפֿט" העלפֿט מיט אין דעם
אויסראָטקאַמף קעגן דעם ייִדישן פֿאָלק.

„דער פּוילישער קרעמער און דער פּוילישער בעל־מלאָכה שטייען פֿאַר פּרינ־
ציפּיעל נײַע זאַכן, זיי שטייען פֿאַרן פֿאַקט, אַז דאָס ייִדנטום איז אין אַ גרויסער
מאָס פֿאַרשווּנדן געוואָרן און וועט נאָך פֿאַרשווּנדן ווערן פֿון דער קאָנקורענץ.
אַזוי שאַפֿט זיך אַ מיגלעכקייט, אַז דער פּוילישער מיטלקלאַס זאָל וואַקסן אין

צאָל. דער אַלטער שטאָטטייל קוזמאַרק, באַלד אונטערן שלאָס אין קראָקע, דער אַלטער יִדישער ראַיאָן, איז בײַ מײַן לעבן זײַן דאָרטן גראָד געווען אָפּגעראַמט; די גאַסן זײַנען געווען טויט, די קראָמען פּוסט און פֿאַרשלאָסן. די פּאָפּצן טויזנט יִדן האָט מען געהאַט געגעבן אַ נײַעם וווינראַיאָן אויף יענער זײַט ווײַסל; אין אַ טייל קראָמען, וואָס די טיפּישע צווישן זיי האָבן געהאַט געהאַנדלט מיט towary mieszane — געמישטע סחורה — קאָנען זיך אַרײַנקלײַבן פּאָליאַקן. פֿריִלינג 1940 זײַנען נאָך געווען מער ווי פֿינף און אַכציק טויזנט יִדן אין קראָקע. זייער ראַיאָן האָט זיך אין משך פֿון די יאָרהונדערטער צוגעשטופּט אַלץ נעענטער צו דער שטאָט. אין אַנדערע שטעט איז דער תּחילת דײַטשער, אָדער לפּחות אויפֿן דײַטשן שניט אויסגעפּלאַנירטער מאַרק גופֿא געווען די געטאָ. אין לובלין וווינען יִדן אינעם עלטסטן שטאָטטייל, אין וואַרשע האָט דער יִדישער ראַיאָן לכתחילה אויך אַרויסגעשטראַלט פֿונעם אַלטן מאַרק.

אַ סימן־מובֿהק פֿונעם יִדנטום אין מיזרח איז געווען פֿון שטענדיק אָן, אַז ס'האָט אין די שטעט געוווינט געשלאָסענערהייט בײַנאַנד און דערפֿאַר איבערגעגעבן זײַנע אייגנקייטן בירושה דורך די יאָרהונדערטער. דאָס האָט גרינגער געמאַכט אויסצומאַרקירן די נײַע געטאָס וואָס זײַנען אויפֿגעקומען אונטער דער דײַטשער פֿאַרוואַלטונג, דאָס האָט אויך, אמת, דאָס רובֿ באַשטימט די אָפּגרענצונג פֿונעם שטח. די געטאָ אין וואַרשע, ווו עס לעבט אַ האַלבער מיליאָן מענטשן, שנײַדט אַרויס פֿון דער שטאָט אַ גוואַלדיקן פֿלאַך. אַזוי ווי זי איז שטרענג פֿאַרמאַכט, אין דער צײַט וואָס אַנדערע שטעט האָבן מערניט אָפּגעגרענעצטע יִדישע וווינ־ און געשעפֿטס־ראַיאָנען, איז געווען נייטיק צו פֿירן אַלע באַציִונגען מיט דרויסן און מיט אינעווייניק איבער אַ באַזונדערן טראַנספּערפּונקט. אויף דער קאָנפֿערענץ פֿונעם אינסטיטוט צו פֿאָרשן די יִדן־פֿראַגע (אין פֿראַנקפֿורט) איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם, וואָסערע שוועריקייטן ס'שטעלן זיך אַוועק בײַם פֿאַרזאָרגן אַ געטאָ מיט סחורה און רויוואַרג. אין דער וואַרשעווער געטאָ אַרבעטן עטלעכע צענדלינג טויזנט בײַם רעגולירן, די ווײַסל, נאָר די אַנדערע דאַרף מען באַשעפֿטיקן און שפּײַזן אין געטאָ גופֿא. די פֿאַרוואַלטונג פֿון געטאָ איז אויף אַזוי פֿיל זעלבשטענדיק, אויף וויפֿל דער Judenrat האָט פֿאַר דער געטאָ די אויפֿגאַבעס און די רעכט פֿון אַ בירגער־מײַסטער, בהסכּם מיט די התחײַבֿותן און רעכט פֿון פּוילישע בירגער־מײַסטערס אונטער דײַטשער השגחה. דאָס אָפּשליסן די יִדן ווערט באַטראַכט ניט פֿאַרן לעצטן שטאַפּל. רײַכסלייטער [אַלפֿרעד] ראָזענבערג האָט אין זײַן ראַדיאָ־רעדע בשעת דער דערמאָנטער קאָנפֿערענץ געזאָגט, אַז פֿאַר אייראָפּע וועט די יִדן־פֿראַגע ערשט זײַן פֿאַרענטפֿערט ווען דער לעצטער יִיד וועט האָבן פֿאַרלאָזט דעם קאָנטינענט.״

פֿון די אָנהייבן פֿון דער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג

סערגיי איוואַנאָוויטש מיצקעוויטש, אַן אַלטער באָלשעוויסטישער טוער, האָט 1940 אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע אַ באַנד זכרונות[1] וואָס האָבן אַ דירעקטן אינטערעס פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער י ִ ד י ש ע ר אַרבעטער־באַוועגונג אויך מיצקעוויטשעס פֿאָטער איז געווען אַ רוסישער אָפֿיציר; ער האָט געשטאַמט פֿון פּאָדאָליער גובערניע און איז געווען אַ רוס, ניט געקוקט אויף זײַן פּוילישן נאָמען. אונדזער מחבר איז געבוירן געוואָרן 1869, האָט זיך געלערנט אין אַ מיליטערישער גימנאַזיע און אין קאַדעטישן קאָרפּוס, נאָר אונטער דער ווירקונג

1. С. И. Мицкевич. Революционная Москва. 1888—1905. Гос. Изд. «Художественная Литература». Москва 1940. 494 стр.

פון דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור (דער עיקר טורגענעווס ראָמאַנען) האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַ מיליטערישער קאַריערע, איז אַוועק שטודירן מעדיצין און איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. אין די 90ער יאָרן איז ער, שוין אַ דאָקטער, אַרעסטירט געוואָרן און איז נאָכן אָפּזיצן עטלעכע יאָר פאַרשיקט געוואָרן אין יאַקוטסקער געגנט. 1903 האָט ער זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, 1905 אָנטיילגענומען אין מאָסקווער אויפשטאַנד, 1906—1923 געוווינט אין ניזשני־נאָווגאָראָד און סאַראַטאָוו. 1923 איז לויט זײַן איניציאַטיוו אָרגאַניזירט געוואָרן אין מאָסקווע דער „מוזיי פון דער רעוואָלוציע", און ביז 1934 איז ער געווען דירעקטאָר פון דער אינסטיטוציע און רעדאַקטאָר פון אירע אויסגאַבעס.

אין 1937 האָט מיצקעוויטש אַרויסגעלאָזט אַ בוך מעמואַרן וואָס איז כּמעט ווי דאָס שטייט און גייט אַרײַנגעגאַנגען אין דעם נײַעם בוך.[2]

אין 1894, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט זײַן שטודיום פון מעדיצין, איז מיצקעוויטשן אויסגעקומען צו פאָרן צוויי מאָל קיין ווילנע אויף אָפּצונעמען אומלעגאַלע ליטעראַטור. דאָרט האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט אַרקאַדי קרעמערן (אַלעקסאַנדער), דעם הויפּט פון דער גרופּע, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער „בונד".

אָט וואָס ער דערציילט אויף זז' 161-159 און 184-178 פון דעם בוך פון 1940:

„אָנהייב יאַנואַר [1894] האָבן מיר באַקומען אַ מעלדונג פון ווילנע, אַז פאַר אונדז איז פאַראַן אַ טראַנספּאָרט ליטעראַטור. אויף דער פאַרזאַמלונג פון עם „זעקסטל" איז געבליבן צו שיקן נאָך איר מיך, וואָרעם איך בין געווען אין גאַנצן פרײַ און האָב געקענט פאָרן אַבי ווען. איך בין אומגעזאַמט אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע.

בײַם אָנקומען אין ווילנע האָב איך געדאַרפט גיין אויף יאַטקע צו דער ציינדאָקטאָרין סרעדניצקי [פּאַטי סרעדניצקי, שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ. קרעמערן]. יאַטקעס און פּאַראָלן האָבן זיך נאָך יעמאָלט אין מאָסקווע ניט פּראַקטיקירט; פאַר מיר איז אַלץ געווען אַ נײַס און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן זייער אינטערעסאַנט.

גלײַך פון וואָקזאַל בין איך אַוועק אויף דער יאַטקע. געקומען בין איך פאַר פרי. בײַ דער ציינדאָקטאָרין איז נאָך קיינער ניט געווען אויפגעשטאַנען. זי האָט מיך צוגענומען תּיכּף. איך האָב געזאָגט דעם פּאַראָל, זי האָט מיר געענטפערט און געבעטן וואַרטן, ביז עס וועט קומען אַ געוויסער מענטש. אין גיכן איז געקומען אַ יונגער־מאַן מיט אַ גרויסער רייטלעכער[3] באָרד. ער האָט זיך אָנגערופן אַלעקסאַנדער. דאָס איז געווען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, קרעמער, איינער פון די קומענדיקע פירערס פון „בונד". ער האָט מיך גענומען אויף זײַן באַזאָרג און האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ פאָרשטאָט, אין אַ האַלב־האַטשע־געגנט, אין אַ באַזונדער שטיבל וואָס איז געשטאַנען טיף אין אַ סאָד. אָט דאָס שטיבל האָבן געהאַלטן געדונגען עטלעכע אָפּיצירן־בחורים. אַלעקסאַנדער

---

2. С. И. Мицкевич. На грани двух эпох. От народничества к марксизму. Мемуарная запись. Социально - Экономическое Издательство. Москва 1934. 254 стр.

3. אין דעם נוסח פון 1937 שטייט красноватой, אין דעם נוסח פון 1940: рыжеватой.

האָט געזאָגט, אַז דאָ וועט מיר אויסקומען אָפּצולעבן אַ צוויי־דרײַ טעג, ביז וואַנען ער וועט פֿאַר מיר צוגרייטן די ליטעראַטור.

די אָפּיצירן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אייגענע מענטשן, חבֿרים פֿון ספּאַנטין,[4] מיט וועמען זיי זײַנען צוזאַמען געווען אין אַ קרײַזל. איך געדענק צוויי אָפּיצירן: איינער איז געווען איוואַן אָסיפּאָוויטש קלאָפּאָוו, דער צווייטער — מאַקאַר איוואַנאָוויטש קאָוואַלעווסקי. קאָוואַלעווסקי האָט עס איבערגעזעצט פֿון פּויליש יענע בראָשורן וואָס ספּאַנטי האָט אונדז געהאַט געבראַכט קיין מאָסקווע. קלאָפּאָוו איז 1905-1906 געווען אַ אָנזיכטיקער אַרבעטער אין אונדזער [באָלשעוויסטישער] מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. וועגן זייער ווײַטערדיקן גורל האָב איך ניט קיין ידיעות.

בשעת איך האָב געוווינט בײַ זיי, איז אָנגעקומען דאָס יאַנואַר־ביכל „רוס־קאָיע באָגאַטסטוואָ'' מיט מיכײַלאָווסקיס „באַרימטן'' אַרטיקל קעגן די מאַרקסיסטן, וואָס וועגן אים האָב איך שוין גערעדט. מיר האָבן צוזאַמען געלייענט און זײַנען געווען אויפֿגעקאָכט אויף דעם אַרטיקל. ס'פֿלעגט אַרײַנקומען אַלעקסאַנדער. מיט אים האָבן מיר געפֿירט אינטערעסאַנטע שמועסן. ער האָט דערציילט, אַז אין ווילנע ווערט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט געפֿירט שוין פֿון עטלעכע יאָר, דער הויפּט צווישן יידישע בעלי־מלאָכות, אַז קיין וויפֿל ניט איז וויכטיקע פֿאַבריקן און זאַוואָדן זײַנען אין ווילנע ניטאָ. די אַרבעט האָט זיך ביז איצטער געפֿירט ריין קרײַזלדיק. קרײַזלעך זײַנען פֿאַראַן אין אַ גרויסער צאָל, זיי האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע פֿאַכן פֿון ווילנער בעלי־מלאָכות. אין די קרײַזלעך ווערט אויך געפֿירט אַלגעמיינע בילדונגס־אַרבעט און ס'ווערט שטודירט מאַרקסיזם. די

4. יעווגעני איגנאַטיעוויטש ספּאַנטי איז געווען אַן אָנגעזעענער טוער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1866. אין 1887 האָט ער געענדיקט אַ מיליטער־שול אין פּעטערבורג און איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ פּאָדפּאָרוטשיק אין טראָצקער פּוסגייער־פּאָלק אין ווילנע. דאָ איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין אַן אַליין־בילדונג־קרײַזל, אין וועלכן עס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אויך זײַנע פּאָלק־חבֿרים קלאָפּאָוו און קאָוואַלעווסקי. לכתּחילה איז דאָס געווען אַ קרײַזל וואָס האָט געלייענט לאַווראָוון און מיכײַלאָווסקין; וואַצלאַוו סעליצקי, וועמען מען האָט אין ווילנע גערעכנט פֿאַרן ערשטן מאַרקסיסט, האָט אַלע מיטגלידער געמאַכט פֿאַר מאַרקסיסטן; ווען סעליצקי איז 1888 אָדער 1889 אַרעסטירט געוואָרן, האָט יאָגיכעס־טישקאָ איבערגענומען די אָנפֿירונג פֿונעם קרײַזל. 1889 איז ספּאָנטי אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון מיליטער־דינסט דורך אַ פּסק־דין פֿון געריכט „פֿאַר ניט אָפּגעבן מיליטערישן כּבֿוד און פֿאַר ניט אויספֿאָלגן די באַפֿעלן פֿון נאַטשאַלסטווע''. ביז 1890 האָט ער נאָך געלעבט אין ווילנע, געפֿירט אַ קרײַזל פּוילישע און ליטווישע בעלי־מלאָכות, דאָס רובֿ שוסטערס, און געלייענט מיט זיי דיקשטיינס „פֿון וואָס איינער לעבט'', דעם קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט, דעם „פּשעדשוויט'' און ענלעכס. צוויי יאָר האָט ער דערנאָך געוואָגלט דורך רוסלאַנד, 1892 איז ער צוריקגעקומען קיין ווילנע און האָט דאָ באַקומען פֿון אַלעקסאַנדער קרעמערן אַ נײַ קרײַזל פּוילישע שוסטערס. ער האָט אויך געקענט איסײַ אײַזענשטאַטן (=פּאַוועל), קאָפּעלזאָנען (=טימאָפֿיי), ליובע לעווינסאָנען און אַנדערע. אויגוסט 1893 איז ער אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. — די אַלע פֿאַקטן זײַנען אַרויסגענומען פֿון ספּאָנטיס אייגענע זכרונות, פֿאַרשריבן פֿון ס. מיצקעוויטשן טאַקע און אָפּגעדרוקט אויף די זז' 79-100 פֿונעם זאַמלבוך:

На заре рабочего движения в Москве. Издательство Политкаторжан. Москва 1932. 263 стр.

לימודים[5] ווערן געפֿירט אויף רוסיש. די בעלי־מלאָכות לערנען זיך אין די קרײַזלעך צו עטלעכע יאָר. אין רעזולטאַט הייבט זיך זייער שטאַרק דער גײַסטיקער און קולטורעלער ניוואָ פֿון די אָנטיילנעמערס אין די קרײַזלעך. ס'הערט זיי אויף באַפֿרידיקן דער גורל פֿון אַ בעל־מלאָכישן פּועל וואָס אַרבעט 13-14 שעה פֿאַר 5-8 רובל אַ חודש, און זיי שטרעבן אַוועקצוגיין פֿון אָט דעם טרויעריקן גורל; טייל ווערן בעל־הבתּימלעך, טייל גיבן אָפּ עקזאַמען אויף לערער, אַ טייל, און אפֿשר די בעסטע, עמיגרירט קיין אַמעריקע. די אָנטיילנעמערס פֿון די קרײַז־לעך רײַסן זיך אָפּ פֿון דער מאַסע, און זי בלײַבט ניט אָנגערירט. די דאָזיקע אַוועק־שטעלונג באַפֿרידיקט די קרײַזלערס, זי איז אין הסכּם מיט די גרופּנדיקע אינטע־רעסן פֿון די בעל־מלאָכישע פּועלים, און מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים שטעלן זיי זיך מיט ברען קעגן אַריבערגיין צו אַגיטירן אין דער מאַסע אויף דער מוטער־שפּראַך.

אין גיכן האָט אַלעקסאַנדער מיר צוגעשטעלט בײַ אַ פּוד ליטעראַטור פֿון דער גרופּע „באַפֿרײַונג פֿון אַרבעט", און איך האָב דאָס בשלום געבראַכט קיין מאָסקווע אָנהייב פֿעברואַר.

...אין אַפּריל [1894] האָבן מיר באַקומען אַ מעלדונג פֿון ווילנע, אַז פֿאַר אונדז איז אָנגעגרייט אַ טראַנספּאָרט ליטעראַטור... דעם 16טן-17טן אַפּריל (אַלטן סטיל) בין איך אַרויסגעפֿאָרן קיין ווילנע. דאָרט האָב איך זיך ווײַטער אָפּגעשטעלט בײַ מײַנע אָפֿיצירן. געזען זיך מיט אַלעקסאַנדערן... אַלעקסאַנדער האָט מיר איבערגעגעבן אין מאַנוסקריפּט די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", וואָס איז אָנגע־שריבן געוואָרן אין ווילנע. געבליבן בין איך יעמאָלט אין ווילנע צוויי טעג... אַ טראַנספּאָרט האָב איך דאָס מאָל באַקומען אַ גרויסן — מער ווי צוויי פּוד ליטע־ראַטור פֿון דער גרופּע „באַפֿרײַונג פֿון אַרבעט"..."

אין דעם ווײַטערדיקן טייל פֿון קאַפּיטל רעדט מיצקעוויטש אַרום די ווירקונג פֿון דער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" אויף דער אידעען־וועלט פֿון די מאַרקסיסטן אין מאָסקווע און פּעטערבורג. הגם ער געפֿינט אויס בײַ די שפּעטער־דיקע בונדיסטן „עקאָנאָמיסטישע" אַפּיקורסות, איז ער פֿאָרט מודה, אַז אַ ווירקונג איז געווען, און פֿאַררופֿט זיך אויף אַן אַרויסזאָגונג פֿון לעניגען אַליין, אַז די „נוציקע" אָנווײַזונגען פֿון דער בראָשור האָט מען אויסגענוצט. אין די זכרונות פֿון אַנדערע טוערס פֿון יענער צײַט, צוו"אַנד אויך אין דעם מאָסקווער זאַמל־בוך וואָס איז דערמאָנט אין הערה 4, ווערט די דאָזיקע באַווירקונג מצד ווילנע באַוויזן אַ סך בולטער. ס'וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע אויפֿגאַבע צונויפֿצו־נעמען דעם גאַנצן מאַטעריאַל און צו באַווײַזן, ווי אַזוי און פֿאַר וואָס ווילנע, אין פֿלוג ניט מער ווי איינע פֿון אַ סך מיטלע פּראָווינציעלע שטעט, האָט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין דעם אויפֿשטײַג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער גאַנצער רוסלענדער אימפּעריע.

מ. וו.

אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע שטודיעס אין לאָנדאָן

אין נאָוועמבער 1941 האָט זיך אין לאָנדאָן אָנגעהויבן דאָס דריטע יאָר טעטיקייט פֿון דעם Institute for Jewish Learning, אָנגעפֿירט פֿון פּראָפֿ' ז. בראָדעצ־קי, פּראָפֿ' ע. מיטוואָך, ד"ר ל. סײַמאָן און ד"ר אַהרן שטיינבערג. דער ציל פֿון דער אינסטיטוציע, ווי ס'האָט אים דעפֿינירט בײַ דער עפֿענונג ד"ר שטיינבערג, איז צו באַקענען דעם ייִדישן עולם מיט די מקורים פֿון ייִדישקייט און צו פֿאַר־

5. занятия.

שפּריִיטן קענטעניש וועגן דעם הײַנטיקן און אַמאָליקן ייִדישן לעבן. דער אינ־סטיטוט איז אַן אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציע. די אַרבעט ווערט געפֿירט דורך עפֿנטלעכע לעקציעס און סעמינאַרן וואָס מען האָט אײַנגעאָרדנט אין לאָנדאָן, אין אָקספֿאָרד און אין אַ ריי ערטער, וווּ ייִדישע יוגנט גרייט זיך צו פּראָדוקטיווע פּראָפֿעסיעס. די צאָל צוהערערס איז אַ נישקשהדיקע. דער פּלאַן איז, אַז די לעק־ציעס זאָלן זײַן אין ייִדיש, העברעיִש, ענגליש. אָבער לעת־עתּה, נאָך דעם ווי ס'זײַנען פֿאָרגעקומען עטלעכע לעקציעס אין ייִדיש און העברעיִש, ווערט די גאַנ־צע אַרבעט געפֿירט כּמעט דורכויס אין ענגליש. ס'איז געווען פֿאָרויסגעזען צו פֿירן אַ טעטיקייט אין דעם איסטענד אין איינעם מיטן אַרבעטער־רינג, נאָר די בליץ־מלחמה האָט נישט דערלאָזן דערצו: אַ היפּשער טייל באַפֿעלקערונג פֿון איסט־ענד האָט זיך צעשאָטן איבערן לאַנד. אין די אַנדערע טיילן שטאָט איז דער נאָכ־פֿרעג אויף ייִדישע לעקציעס גאָר אַ קלײנער.

די פּראָגראַם פֿונעם ווינטערדיקן זמן 1942/1941 האָט אויסגעשטעלט צוויי גרופּעס לעקציעס:

(א) מקורים און פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישקייט: ב. יאַקאָב — אַנאַליז פֿון די עשׂרת הדברות; ס. שטיין — ישעיה; י. מײַבוים — דאָס ביבלישע און דאָס מאָדערנע דענקען; ס. אַטלאַס — אַרײַנפֿיר אין תּלמוד; ע. מילער — דער גײַסט פֿון העברעיִש אין שײַכות מיט דער קבלה; י. העלער — די צענטראַלע פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער מיטל־עלטערישער טעאָלאָגיע; אַ. שטיינבערג — ערשטע פּרינ־ציפּן פֿון אַ ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע.

(ב) ייִדישע געשיכטע, ליטעראַטור און דאָס מאָדערנע לעבן: פּ. קאָבלער — ענגליש־ייִדישע באַציִונגען במשך פֿון די לעצטע דרײַ הונדערט יאָר; ל. פֿויכט־וואַנגער — גרונשטריכן פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין דײַטשלאַנד; ג. הויז — די פּראָבלעם פֿון נאַציאָנאַלע מיעוטים; י. לעפֿטוויטש — די וויכטיקסטע ריכ־טונגען אין דער ייִדישער ליבעראַליזם; ה. באַך — ייִדישער פּאָעזיע; ל. שאַליט — דער ייִדישער חלק אין דער דײַטשער ליטעראַטור; ס. אַדלער־רודעל — ייִדישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד; ס. לעווענבערג — ארץ־ישׂראל און גלות אין דער צײַט פֿון מלחמה; א. ברודאָ — מלחמה־אָנשטרענגונגען פֿון ארץ־ישׂראל.

חוץ דעם זײַנען באַשטימט סעמינאַרן (ע. מיטוואָך — לייענען עטלעכע ייִדיש־אַראַבישע מחברים; י. העלער — הערמאַן כּהנס רעליגיע פֿון שׂכל; ג. אַדלער — ייִדישע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען) און אַ צאָל איינציקע עפֿנטלעכע לעקציעס אַלע זונטאָג נאָך מיטאָג.

ג. הויז (לאָנדאָן)

אַ חתונה־פֿאָרשטעלונג און קלעזמאָרים אין סלוצק מיט 100 יאָר צוריק

אין דער פּוילישער מעמואַרן־ליטעראַטור זײַנען נאָך צעשפּרייט גענוג ידיעות, וואָס האָבן אַ ווערט פֿאַר דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער און פֿאָלקס־פֿאַרווײַ־לונגען און וואָס עס איז זיי כּדאַי צונויפֿצוזאַמלען.

טשיקאַווע ידיעות למשל וועגן ס ל ו צ ק געפֿינען זיך אין די ווייניק באַקאַנטע אַנאָנימע מעמואַרן "Wspomnienia o Słucku" („זכרונות וועגן סלוצק"), וואָס זײַנען אַרויס אין גנעזנע 1905. זייער מחבר, באַראָן שטאַהל,[1] איז געבוירן

1. פֿג"ל עדוואַרד מאַלישעווסקי, „ביבליאָגראַפֿיע פֿון פּוילישע מעמואַרן" (פּויליש). וואַרשע 1928, ז' 233.

און דערצויגן געוואָרן אין סלוצק. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ הויכער באַאַמטער אין רוסלאַנד און געשטאָרבן אַ זקן אין 1890.[2]

ווען אַ פֿאַרשטעלונג אויף אַ יידישער חתונה אין סלוצק דערציילט ער אַט וואָס:[3]

„איין מאָל זיינען מיר געווען פֿאַרבעטן אויף אַ חתונה צו איינעם פֿון די רייכע יידן. נאָך דעם ווי מען האָט אונדז, לויטן מנהג, מכבד געווען מיט ווייַן פֿון ראָזשינקעס, וואָס איז מיר געווען זייער געשמאַק, און מיט יידישע קוכנס, האָט מען פֿלוצלונג אַרויסגערוקט טישן און אויף זיי פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אונדז ניט קיין גרויסע דראַמאַטישע פּיעסע.

איר אינהאַלט איז געווען אַזאַ:

אַ יונג יידיש מיידל האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ קריסט. דאָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַן אימה אויף די אָרטאָדאָקסישע פֿאַנאַטיזירטע יידן. די גאַנצע משפּחה האָט זיך באַמיט זי איבערצורײַדן, אָבער ניט קיין רייד און ניט קיין סטראַשען האָבן גאָרניט ניט געהאָלפֿן. דעמאָלט שטייט אויף פֿון קבֿר די באָבע פֿון דעם מיידל, אײַנגעהילט אין אַ ליילעך, און הייבט אָן צו זינגען אין דײַטש־יידישן זשאַרגאָן:

אויס דעם גראַבע געשטונדען
אונד צו דיר געקומען
אָ, מעדכען ! אָ, מעדכען !
ווילסט דו צו הויזע געהען !

אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. דער מת איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. דעמאָלט קריכן אַרויף אויפֿן טיש פֿיר טײַוואַלים, אָנגעטאָן אין מונדירן פֿון אוּ־לאַנער, מיט קראַגנס און קאַשקעטן פֿון אָראַנזשענעם קאָליר, מיט שווערדן, און כאַפּנדיק דאָס מיידל וואָס הייבט אויף אַ געוואַלד טראָגן זיי זי אַוועק אין גיהנם. דערמיט האָט זיך די פֿאַרשטעלונג פֿאַרענדיקט.

דער מחבר, אַן אַנטיסעמיט, גיט צו צו דער דאָזיקער שילדערונג אַזאַ פּירוש:

„אין יענער צײַט איז די פֿאַנאַטישקייט בײַ יידן געווען שטאַרק, און דאָס איבערגיין פֿון אַ ייד צו דער קריסטלעכער אמונה איז געווען אוממיגלעך: דער שול־דיקער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אָן אַ שפּור; זיכער האָט מען אים בסוד דער־הרגעט.״

אַגבֿ דערציילט ווײַטער[4] דער זעלבער מעמואַריסט אויך וועגן דער יידישער קאַפּעלע אין סלוצק:

„אין סלוצק איז דער איינציקער מוזיקאַנטישער כאָר, אָדער ווי מען האָט אים גערופֿן, קאַפּעלע, אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך יידן.

„דער הויפּט־דיריזשאָר פֿון דער קאַפּעלע איז געווען דער באַלבירער (cyrulik) ז ע ל י ק : ער האָט מחבר געווען זייער אַ כאַראַקטעריסטישן מאַרש און האָט אים געשפּילט מיט אַ סך געפֿיל, פֿאַרמאַכנדיק די אויגן און אַוועקבייגנדיק דעם קאָפּ אין אַ זײַט. אַלע ניגונים און טענץ וואָס די קאַפּעלע האָט געשפּילט האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿריילעכס און טרויעריקס צוזאַמען. עס איז געווען עפּעס קאָמישס אין דער דאָזיקער מוזיק.

2. די זכרונות זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין 1886. פֿג״ל די זכרונות זז׳ 4-5.

3. זכרונות, זז׳ 28-29.

4. דאָרט, ז׳ 29.

„בעת איך האָב מיט 20 יאָר שפּעטער באַזוכט סלוצק, בין איך אַוועק הערן די קאַפּעלע, מחמת איך האָב געוואָלט פֿאַרשרײַבן זעליקס מאַרש, אָבער דער נײַער דור קלעזמער האָט שוין דעם מאַרש ניט געקענט“.

פּנחס קאָן

אַן אויספֿאָרשונג וועגן וואָקאַבולאַר פֿון פֿיר יִדישע אָנהייבער־ביכלעך

דוד ברידזשער, אַ לערער פֿון דער אַרבעטער־רינג־שול אין באַפֿעלאָ, האָט אין יוני 1941 צוגעשטעלט דעם דאַרטיקן אוניווערסיטעט אַן אויספֿאָרשונג וועגן דעם וואָקאַבולאַר פֿון פֿיר אָנהייבער־ביכלעך וואָס מען ניצט אין די יִדישע דערגאַנג־צונג־שולן פֿון די פּאַראײניקטע שטאַטן און קאַנאַדע צו לערנען לייענען. די פֿיר געפֿאָרשטע שולביכער זײַנען: י. קאַמינסקיס „איך לערן זיך יִדיש“; יעקב לעווינס „דער אָנפֿאַנגער“; י. שטיינבוימס „מײַן לייענבוך“; ב. אָסטראָווסקיס און ש. הורוויצעס „אידיש פֿאַר אָנפֿאַנגער“.

נאָך אַ גענויען איבערבליק איבערן פֿאָרשן דעם וואָקאַבולאַר און דעם מאָדערנעם אופֿן אויפֿבויען לערנביכער פֿאַר אָנהייבערס, באַטראַכט דער מחבר בפּרטיות דעם וואָקאַבולאַר אין די דערמאָנטע פֿיר ביכלעך און שטעלט זיך דערבײַ אַזעלכע פֿאָרש־פֿראַגעס: 1) וויפֿל איז בכלל פֿאַראַן לייען־מאַטעריאַל אין די לערנביכער? 2) וואָס איז די פּראָפּאָרציע צווישן דער צאָל ווערטער בכלל און דער צאָל באַזונדערע ווערטער? 3) אויף וויפֿל חזרן זיך די ווערטער איבער אין די טעקסטן? 4) ווי אַזוי איז אײַנגעטיילט דאָס איבערחזרן זיך פֿון די ווערטער? 5) צי איז אָפּגעהיט אַ בהדרגהדיקייט אין די לעקציעס? 6) צי ווערט געגעבן דער נוציקסטער וואָקאַבולאַר?

דער מחבר גיט אַן ענטפֿער אויף אַט די אַלע פֿראַגעס. מיר האָפֿן צו באַקענען די לייענערס פֿון די „יִוואָ־בלעטער“ מיט די אויספֿירן און די רעקאָמענדאַציעס פֿון אָט דער אויספֿאָרשונג, וואָס, אויף וויפֿל מיר ווייסן, איז זי די ערשטע אוניווערסיטעט־אַרבעט פֿון דעם מין. די אויספֿאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן צו קריגן דעם טיטל „מאַגיסטער פֿון דערציִונג“ („מאַסטער אָוו עדיוקיישן“).

אַ רשימה יִדישע ביכער אין אַן ענגלישן ביבליאָגראַפֿישן זשורנאַל

אין דעם זשורנאַל Booklist, ניו־יאָרק, פֿון יולי 1941 איז אָפּגעדרוקט אַ רשימה פֿון יִדישע ביכער צונויפֿגעשטעלט פֿון אסתּר באַראַג, ביבליאָטעקאַרין אין טרימאָנט־אָפּטייל פֿון דער ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. די דאָזיקע רשימה איז אַ תּוספֿה צו דער וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין יוני 1938 אין בולעטין פֿון דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק.

47 יִדישע ביכער וואָס זײַנען אַרויס זינט 1938 זײַנען דאָ געגעבן מיט אַ קורצער, זאַכלעכער באַשרײַבונג פֿון תּוך פֿון בוך. עס איז אויך צום טייל אָנגעוויזן, צו וואָס פֿאַר אַ קרײַז אַ געוויס בוך קען אַפּעלירן.

פֿון די 47 ביכער זײַנען אַ העלפֿט, 24, ראָמאַנען און דערציילונגען. די איבעריקע פֿאַלן אַרײַן אין אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען. די קורצקייט פֿון דער רשימה דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זינט דעם אָנהייב פֿון דער מלחמה איז די יִדישע ביכער־פּראָדוקציע געוואַלדיק געפֿאַלן.

אַזאַ אַנאָטירטע רשימה פֿון יִדישע ביכער קען האָבן אַן אינטערעס פֿאַרן ניט־יִדישן לייענער וואָס וויל האָבן אַן איבערבליק איבער דער לויפֿיקער יִדישער ביכער־פּראָדוקציע.

די טראַנסקריפּציע פֿון די ייִדישע טיטלען איז ניט אויסגעהאַלטן: טיילווײַז איז זי נאָכגעמאַכט דעם דײַטשן אויסלייג, אין אַנדערע ערטער זײַנען די העבֿ־רעיִזמען טראַנסקריבירט נאָך דער ספֿרדישער הבֿרה. דאָס איבערגעבן די וואָקאַלן, דער עיקר יי און ײַ, און די קלאַנגען כ און ח איז וואַקלדיק.

פֿון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטערס:

גבֿריאל הויז שטאַמט פֿון וואַרשע, וווּ ער האָט געענדיקט דעם אוני־ווערסיטעט. 38/1937 איז ער געווען אַן אַספּיראַנט פֿון ייִוואָ אין ווילנע. די לעצטע יאָרן וווינט ער אין לאָנדאָן.

חיים לאַזדייסקי איז פֿון לאַנגע יאָרן, פֿריִער אין פּוילן און דערנאָך אין אורוגוויי, אַן אַקטיווער טוער פֿאַרן ייִוואָ.

ג. ליזעראָוויטש איז אַ שרײַבער וועגן סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען.

מאיר קוטשינסקי איז געווען אַ טוער אין דער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" אין וולאָצלאַוועק, פּוילן; אויך איז ער געווען אַן איבערגעגעבענער זאַמלער (אַ טערמינאָלאָגיע פֿון שוסטערפֿאַך, וואָס ער האָט אויפֿגעקליבן, איז געווען פּובליקירט, אין די פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ II). די לעצטע יאָרן וווינט ער אין בראַזיל.

רײמאָנד קענעדי (זע ז' 184).

בעטי שייפּין איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן, האָט געשטודירט אין האָנטער־קאַלעדזש, ניו־יאָרק, און מיט אַ סטיפּענדיע פֿון האָנטער־קאַלעדזש, אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט.

על־פּי־טעות זײַנען דורכגעלאָזן געוואָרן אין דער רשימה נײַע מיטאַרבעטערס אין פֿאַרגאַנגענעם נומער די ווײַטערדיקע צוויי נעמען:

ד"ר יעקבֿ מיקלישאַנסקי שטאַמט פֿון פּוילן, האָט באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין דער סאָרבאָנע אין פּאַריז מיט אַן אַרבעט וועגן ייִדישן רעכט. לעצטנס וווינט ער אין ניו־יאָרק.

משה שמואל שקלאַרסקי, ניו־יאָרק, איז אַ ספּעציאַליסט אין ייִדישן בוכהאַנדל.

פּנחס קאָן

איז אַן אַלטער מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־בלעטער און פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס בכלל, און צום באַדויערן איז די נאָטיץ וואָס מיר דרוקן אין הײַנ־טיקן נומער אויך אַן אַלטע, געשריבן פֿאַר דער מלחמה: צוזאַמען מיט נאָך אַן אַרבעט וואָס מיר וועלן ברענגען בקרובֿ איז זי צוגעשיקט געוואָרן נאָך אין 1938 צו ד"ר י. שאַצקין פֿאַר דעם צווייטן באַנד „אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער". דעם לעצטן גרוס האָבן מיר געהאַט פֿון חבֿר פּ. קאָנען אין 1940.

דיסקוסיע

מיר זײַנען באמת צופֿרידן, וואָס מיר זײַנען בכּוח צו געבן די לייענערס אינעם הײַנטיקן נומער צוויי אַרטיקלען וועגן יעקבֿ לעשטשינסקיס אַרבעט: „דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום". די רעדאַקציע אידענטיפֿיצירט זיך ניט מיט די מיינונגען פֿון די אָפּאָנענטן אַזוי ווי זי האָט זיך ניט אידענטיפֿיצירט מיט י. לעשטשינסקיס קוק אויף די פּראָבלעמען; איר אויפֿגאַבע איז צו העלפֿן אויספֿורע־מען אַן עפֿנטלעכע מיינונג וועגן וויסנשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען פּונקט ווי

ס'איז פֿאַראַן אַן עפֿנטלעכע מיינונג וועגן פּראָבלעמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. דערצו איז ניטאָ קיין בעסערער וועג ווי דיסקוסיע.

„אַלגעמיינע'' אַרטיקלען

מיר ניצן אויס די געלעגנהייט פֿון אָפּדרוקן ב. שייפֿינס אַרטיקל (וואָס איז ספּעציעל באַשטעלט פֿאַר די ייִוואָ־בלעטער), כּדי צו ציִען דעם אינטערעס פֿון די לייענערס צו אונדזערע אַרטיקלען פֿון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אַנדערע פֿון דעם מין זײַנען געווען: ה. אולריכסען, אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע (XVII, 3), ד. ראָדניק, פּערזענלעכקייט־פּראָבלעמען פֿון אונטער־וואַקסנדיקע אינדיאַנער (XVIII, 1), ר. גלאַנצס בפּרטיותדיקע רעפֿעראַטן וועגן די דײַטשן און די שווייצער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (XVII, 2; XVIII, 1); אינעם נאָענטסטן נומער וועלן מיר האָבן אַן אַרטיקל פֿונעם פּוילישן סאָציאָלאָג פּראָפֿ. אַ. הערץ וועגן די פּוילישע שולן אין ניו־יאָרק. אין זײַן פֿאָרש־טעטי־קייט באַגרענעצט זיך טאַקע דער ייִוואָ לעת־עתּה מיט ייִדישע פּראָבלעמען; אָבער מיר גייען מיטן גאַנג, אַז די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק קען מען פֿאַרשטיין אַ סך בעסער, ווען מען זעט ענלעכע פּראָבלעמען בײַ לײַטן. דאָס מיינט ניט אָפּלערנען איינס און צוויי אַ גזרה־שווה. אָבער פֿאַרגלײַכן העלפֿט טייל מאָל דערקענען אַזוינע זײַטן פֿון דער ייִדישער פּראָבלעם, וואָס מען האָט פֿריִער אַרויס־געלאָזט פֿון אויג. ממילא קען מען זיך פֿאָרט לערנען בײַ יענעם נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעווויגן די פֿאַרשיידנקייט.

אין די נאָענטסטע נומערן פֿון „ייִוואָ־בלעטער''

וועלן אַרײַנגיין צווישן אַנדערע: י. באַכראַך: צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן ייִשובֿ אין ביאַליסטאָקער געגנט (17טן—19טן י''ה); ל. בערז: ייִדי־שע רעכנביכער 1699—1831; דוד ברידזשער: אַן אויספֿאָרשונג וועגן דעם וואָקאַבולאַר פֿון ייִדישע אָנהייבביכלעך; י. דאַווידסאָן: צום הונ־דערטסטן געבוירן־טאָג פֿון געאָרג בראַנדעסן; דזש. דאָלאַרד: פֿרויד און די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן; אַ. הערץ: די פּוילישע שולן אין ניו־יאָרק; מ. ווישניאַק: די פּראַקטיק פֿון באַפֿעלקערונג־אויסבײַט 1913—1939; י. ליפּשיץ: ענגליש־אַמעריקאַנישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן י''ה וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן; י. מאָנטשניק: אַלטע ייִדישע שולן אין פּוילן; ד. ל. עדסאַל און ט. דזש. פּוטנאַם: דאָקטוירים־פּליטים אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן; פּ. קאָן: צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער אין ווילנער געגנט 1902—1905; י. קיסמאַן: די ייִדישע עמיגראַציע פֿון רומעניע; ש. קעניג: צו דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון פֿאָרשן דאָס ייִדישע לעבן אין אַמע־ריקע; י. שאַצקי: פּורים־שפּילן אין אַמסטערדאַמער געטאָ; י. שטיינ־בוים: ייִדיש־וואָקאַבולאַר אין דער אָנפֿאַנג־שול; ל. שילדקרעט: אַר־נאָלד ווײַט און זײַן קאַמף קעגן ייִדישער אימיגראַציע קיין ענגלאַנד.

תּיקון־טעות צו דער נאָטיץ פֿון מ. וו., ב' XVIII, נומ' 1, זז' 109־112

ז' 109 שורה 28 פֿון אויבן איז אַרויסגעפֿאַלן אין דעם צעטל בריוון־שטעלערס דער דרוק תּכ''ד [1844].

תּיקון־טעות צו מ. ש. שקלאַרסקיס רשימה ביכער פֿון 1940, ב' XVIII, נומ' 1, זז' 114־120

צום אָנהייב רשימה האָט געדאַרפֿט שטיין אַ באַמערקונג, אַז די ביכער, בײַ וועלכע ס'איז ניט אָנגעוויזן דאָס דרוקאָרט, זײַנען אַרויס אין ניו־יאָרק.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

נ. מ. סידאָ, די דיאַלעקטיק פֿון געפֿיל און געדאַנק. פֿאַרלאַג און דרוקעריי פֿון י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן, 1941, 277+3 זז'.

אשר פּען, ייִדיש אין אַמעריקע מוז גיין באַרג אַרויף! פֿילאַדעלפֿיע, 1941, 48 זז'.

א. נ. שטענצל, פּוילן — „פּח־לין". העפֿט 17, לאָנדאָן, אָקטאָבער 1941, 8 זז'.

אַבֿרהם מ. אָרזשיצער, אייראָפּעיִשע שטריכן. לאָנדאָן, 1941. 204 זז'.

די צוקונפֿט. דעצעמבער 1941.

פּאַראַיוניקטע גאַליציאַנער ייִדן אין אַמעריקע. חנוכּה־באַנקעט־בולעטין. דעצעמבער 1941. [מימעאָגראַפֿירט, פּאַגינאַציע פֿעלט.]

דער מליץ. 14טער יאָרגאַנג, נומ' 4. אָקטאָבער־דעצעמבער, 1941. באַלטימאָר, 3 זז' ייִדיש, 5 זז' ענגליש.

אַרגענטינער ביימעלעך. חודשלעכער אילוסטרירטער קינדער־זשורנאַל. רעדאַקטאָר זעליק מאַזור. נומער 16, 1941. בוענאָס־איירעס.

ניַיוועלט. זשורנאַל אַרויסגעגעבן צום 11טן סעזאָן פֿון קעמפּ ניַיוועלט פֿונעם ניַיוועלט עלטערן־פֿאַראיין. אָקטאָבער 1941, ניו־יאָרק. [פּאַגינאַציע פֿעלט.]

המגדל. גליון ב. חשון, תש"ב, ברוקלין, נ"י.

חיים ראָזנשטיין, דער אַרבעטער־קלאַס און די איצטיקע מלחמה. סעפּטעמבער 1941. מעלבורן, אויסטראַליע. 23 זז'.

חיים ראָזנשטיין, אויף די אומוועגן פֿון סאָציאַליסטישן באַוווּסטזיַין. מעלבורן, אויסטראַליע, 1940. 15 זז'.

צום עם הספֿר וועגן חומש תורה שלימה, די ערשטע ענציקלאָפּעדיע אויף תורה. ניו־יאָרק, תש"ב, 32 זז'.

מאַטעס דייַטש, צווישן ימען און פֿלאַמען. אַכט פּאָעמען — איביקע פּראָבלעמען. 1937-1941. פֿאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ איל'. 78 זז'.

בצרון. שנה ג, תשרי, תש"ב, חוברת א (25).

U. Ulitzur, *Two Decades of Keren Hayesod. A Survey of Facts and Figures* (1921-1940). The Erez Israel (Palestine) Foundation Fund, Keren Hayesod, Jerusalem, 1940, 155 pp.

Bulletin of the New York Public Library, December 1941, New York, 1941.

Home Review. Jewish Children's Home, Rochester, New York, vol. 15, no. 11. 11 pp. [מימעאָגראַפֿירט]

The New Palestine, vol. XXX, no. 6, Dec. 12, 1941.

Bulletin of the Commission to Study the Organization of Peace, no. IX September-November, 1941, 10 pp. [מימעאָגראַפֿירט]

Notes and News. Council of Jewish Federations and Welfare Funds. October 22, 1941, New York City.

Bulletin of the New York Public Library, November, 1941. New York, 1941.

Marcel A. Rongé, *"Fortissimi Sunt Belgae", The Heroism of the Belgian*

Army of 1940. Belgian Information Center, 630 Fifth Avenue, New York. 24 pp.

Annual Report, 1940-1941. Jewish Occupational Council, New York City, 24 pp.

Workmen's Protective Legislation in Poland. 20 Years Co-operation with the International Labor Organization. Preface by Jan Stańczyk, Polish Minister of Labor. Congress of Polish Trade Unions, London, 1941, 48 pp.

The Jewish Bulletin, November 1941, no. 3. London.

Ort Economic Review, July-October, 1941. Ort Economic Research Committee, American Division, New York, 36 pp.

News and Views. Published bi-weekly by Habonim, Labor Zionist Youth, New York.

S. Felix Mendelsohn, *Let Laughter Ring.* Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1941, X, 229 pp.

The Menorah Journal, Autumn 1941.

Jewish Book Week, November 23-30, 1941. *Manual of Suggestions by Mordecai Soltes.* Issued by National Committee for Jewish Book Week, New York City. 39 pp. [מימעאָגראַפירט]

"The Problem of a Jewish Army". *Jewish Affairs,* Institute of Jewish Affairs, New York, October 1941, no. 3.

"Projects for Jewish Mass Colonization." *Jewish Affairs,* Institute of Jewish Affairs, New York, November, 1941, no. 4.

Holland Carries On. The Netherlands Information Bureau, New York, 1941.

Netherlands News. Fortnightly Bulletin. Published by the Netherlands Information Bureau, New York. Vol. I, July 15-November 1, 1941 (8 numbers); vol. II, no. 1 and 2.

War Aims, Peace Terms and the World After the War. A Joint Declaration by Democratic Socialists of Several Nationalities. Rand School Press, New York, 16 pp.

They Ride Through Belgium... Belgian Information Center, New York, 1941.

Jewish Occupational Bulletin, December, 1941.

Carnegie Endowment for International Peace, *Year Book,* 1941. Washington, published by the Endowment, 1941. XII+210 pp.

Ernest V. Hollis, "Modifying Graduate School Practices." Reprinted from *The Educational Record* for October 1941. The American Council on Education, Washington, D. C., 16 pp.

THE KHEVRA POALE TSEDEK IN JERUSALEM

By M. KOSOVER

(pp. 192-202)

Many attempts were made in the seventies of the nineteenth century to ameliorate the economic position of the old Ashkenazic settlement in Palestine. One such action was the founding of the Khevra Poale Tsedek in 1874, which aimed to serve the material, religious and educational needs of the members. The society was formed to help unite the Jewish artisans in Jerusalem, but it did not succeed and several years later disintegrated because of internal conflicts.

THE IMPACT OF SPANISH AND PORTUGUESE ON YIDDISH IN LATIN AMERICA

By KH. LAZDEISKY, M. KUTCINSKI

(pp. 203-214)

From the end of the nineteenth century when a great number of Jews emigrated from Eastern Europe to Latin America, their Yiddish experienced the impact of the language of the country, not unlike that of Yiddish in North America under the influence of English and generally of immigrant languages in new surroundings. The authors, one from Uruguay and the other from Brazil, submit lists of words which tend to penetrate into Yiddish. Some words and expressions remain unchanged, being barbarisms from the standpoint of Yiddish. Others show a tendency to become assimilated into Yiddish. The uniform process of Yiddish in assimilating elements of languages of the environment is revealed, be it in Eastern Europe or Latin America.

ON THE SOCIAL HISTORY OF THE JEWS IN THE UNITED STATES: A DISCUSSION OF J. LESTCHINSKY'S PAPER, "SOCIAL PHYSIOGNOMY OF AMERICAN JEWRY"

a) *By* SAMUEL KOENIG

(pp. 215-222)

The author disagrees with Mr. Lestchinsky's statement that the immigrant ethnic groups as a rule follow their former occupations: there are formerly industrial peoples who have become farmers in their new country and vice versa. The rise of the Jewish traders cannot be explained as based on the support of their former countrymen, since this rise is dependent rather on the general social and economic pattern, nor can the position of the Jews be considered intermediary between the "backward" and the "Nordic" groups. The only way to come to valid conclusions is by means of first hand research into specific problems.

b) *By* G. LEIZAROVITCH

(pp. 222-238)

The author in discussing Mr. Lestchinsky's paper reexamines five of his main points and indicates the possibility of reaching other conclusions. 1) It is possible that the number of Jewish immigrants to the United States was not as large as Mr. Lestchinsky asserts. 2) Evidence is brought in support of the theory that the Jews arrived earlier than other ethnic groups from Eastern Europe. 3) Not only did the various ethnic groups arrive at different times, but they also came from different places: the non-Jews principally from Poland, the Jews from Russia and the Ukraine, non-Polish speaking sections. 4) The Jews did not settle in the same United States localities as the non-Jewish Eastern Europeans. 5) The author questions Mr. Lestchinsky's analysis of the social structure of various ethnic groups, suggesting also that the growth in the number of professionals in the United States may not be as great as presumed.

ABSTRACTS

THE JEWISH PRESS IN THE UNITED STATES, 1900-1940

By N. GOLDBERG
(pp. 129-157)

The paper considers three questions: the development of the circulation of daily and weekly Yiddish papers; a comparison with other foreign-language newspapers and magazines; the circulation of the Anglo-Jewish press. Up till 1928 there was a steady increase in the circulation of the Yiddish press. Since then the circulation has decreased from its peak of 598,347 (in 1937) to 403,235 in 1940, but it is still higher than in 1912. At present there is a greater per capita circulation of Yiddish papers than of any other foreign-language group. The Anglo-Jewish press has not compensated in circulation for the decrease in the Yiddish. The continued progress of the circulation of Yiddish newspapers is dependent largely on the percentage of literacy, immigration laws and finally on the interest for Jewish news and the attitude towards Yiddish.

THE FATE OF GAELIC IN IRELAND

By BETTY SHAPIN
(pp. 158-183)

In spite of statutes and orders designed to suppress Gaelic and advance the English language, dating from the English occupation of Ireland in 1172, Gaelic maintained its position as the living tongue of the country until the beginning of the nineteenth century. From then on a period of degeneration started, until by the twentieth century Irish has become a language spoken only in the remote rural districts. With the formation of the Irish Free State an attempt was made, and is still being made, to revive Gaelic and make it once more the living language of the people of Ireland. The methods which have been used up till now have not been very successful. Mere legislation in favor of the national language seems to be insufficient, since it was undoubtedly the will of the people which at first resisted the inroads of English, and later let down the barrier completely.

The paper contains abundant source material.

THE HISTORICAL BACKGROUND OF ANTI-SEMITISM

By RAYMOND KENNEDY
(pp. 184-191)

The three main elements involved in antisemitism are religious prejudice, enthnocentrism and the defencelessness of the Jews. The religious aspect of the early persecution of the Jews has given way in modern times to persecution based on ethnocentrism. There are many subsidiary causes, but they return in final analysis to these basic three. The one constant factor throughout nineteen centuries of antisemitism has been the defencelessness of the Jews. They have been defenseless because they have always been a minority and because of the inconsistency and irrationality of antisemitism, which make it insusceptible of logical refutation. Since the antidemocratic powers have declared antisemitism a part of their program, the future of the Jews has become inextricably tied up with the future of democracy.

TABLE OF CONTENTS (Continued)

M. ELKIN

R. Ben-Ari, ***Habimah*** ....

W.

Rudolf Löwenthal, *The Jews in China*, Peking, 1940 ....

L. S.

H. Berkowitz, ***The Fire Eater;*** B. Blandford, ***Off the Capes of Delaware;*** S. Ish-Kishor, ***Jews to Remember;*** H. Fast, ***Haym Salomon;*** F. C. Means, *Children of the Promise* ....

L. S.

Kalnay and Collins, *The New American* ....

MISCELLANEA

A Nazi Describes the Jewish Ghettos ....

M. W.

On the Beginnings of the Jewish Labor Movement ....

G. HAUS

The Institute for Jewish Learning in London ....

P. KON

A Wedding and Musicians in Slutsk a Hundred Years Ago ....

An Investigation of Vocabulary in Four Yiddish Primers ....

Recent Yiddish Books in *The Booklist*, July, 1941 ....

Editorial Notes ....

Books Received ....

מחמת טעכנישע שוועריקייטן וואָס נעמען זיך פֿון אַריבערגיין אין אַן אַנדער דרוק זײַנען
אין זאַץ פֿון פּעטיט אינעם איצטיקן נומער אַרײַן עטלעכע אומפּינקטלעכקייטן לגבי די אויס־
לייג־תּקנות פֿון ייִוואָ. איבער דעם זעלביקן טעם איז גענוצט דער צייכן מינוס/פּלוס אַנשטאָט
פּלוס/מינוס אין נ. גאָלדבערגס אַרטיקל.

esented to the 16th Annual Conference of the Yivo in New York, January 9-11, 1942

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

ol. XVIII **NOVEMBER-DECEMBER, 1941** **No. 2**

TABLE OF CONTENTS

GOLDBERG
The Jewish Press in the United States, 1900-1940 129

SHAPIN
The Fate of Gaelic in Ireland 158

KENNEDY
The Historical Background of Anti-Semitism 184

. KOSOVER
The Khevra Poale Tsedek in Jerusalem 192

H. LAZDEISKY, M. KUTCINSKI
The Impact of Spanish and Portuguese on Yiddish in Latin America 203

KOENIG, G. LEIZAROVITCH
On the Social History of the Jews in the United States 215

EVIEWS

. Z.
Commission to Study the Organization of Peace, "Preliminary Reports and Monographs", *International Conciliation*, April 1941 239

I. WEINBERG
M. Danzis, "Jewish Hospitals and Facilities for Graduate Training", *Medical Leaves*, 1940; L. Zisserman, "Diabetes Mellitus: A Survey of 155 Deaths in Diabetic Patients", *Journal of Clinical Endocrinology*, April, 1941; A. Rest, "Tuberculosis in the Jewish Diabetic", *American Review of Tuberculosis*, March, 1941; E. Maslansky, "Cultural Factors Influencing the Attitudes of Jewish Mothers Towards Eating Habits", *Medical Woman's Journal*, April, 1941; R. Isaacs, "The So-Called Jewish Type", *Medical Leaves*, 1940 242

(*Continued on Inside Cover*)

ABSTRACTS IN ENGLISH...272

YIVO BLETER—November-December, 1941—Vol. XVIII, No. 2

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.